STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00734

# DI MISHPOHE MASHBER

Der Nister

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Alfred & Lee Hutt*
*in honor of*
*Jennifer Michelle Goldberg*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער נסתר

# די משפחה מאַשבער

דער נסתר

# די משפּחה מאַשבער

ראָמאַן

צווייטער טייל

איקוף פאַרלאַג

1948

דאָס דאָזיקע בוך איז אַרויסגעגעבן מיט
דער הילף פֿון דער אַלמנה, פֿאַמיליע און
פֿריינט פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם איקוף־טוער
מ י ט ש ע ל  ק ע ס
פֿון שיקאַגאָ

DER NISTOR
DI MISHPOCHE MASHBER

COPYRIGHT 1948
YICUF
189 Second Ave., New York

געדרוקט אין 3,000 עקז׳.

Printed in U. S. A.

(158)

געדרוקט אין דער דרוקעריי פֿון א. לאַוב, 250 וועסט 54סטע גאַס, ניו־יאָרק 19, נ״י.

מ ײ ן  ק י נ ד,

מײן אומגליקלעך־אומגעקומענע טאָכטער ה אָ ד ע ל ע.

(געבוירן יולי 1913, אין זשיטאָמיר,
געשטאָרבן פֿרילינג 1942, אין לענינגראַד)

זאָל דײַן טאַטנס צעבראָכן האַרץ זײַן די מצבה
אויף דײַן פֿאַרלוירענעם קבר;

זאָל אָט דאָס בוך זײַן געווידמעט
דײַן אײביק הײליקן פֿאַר מיר אָנדענק

ד ײ ן  ט אַ ט ע — ד ע ר  מ ח ב ר.

# אינהאַלט:


I קאַפּיטל: דעמאָלט האָט געטראָפֿן ........ 9

II קאַפּיטל: צוויי טויטן, איין חתונה ........ 106

III קאַפּיטל: באַנקראָט ........ 143

IV קאַפּיטל: בייזוויליקער באַנקראָט ........ 191

V קאַפּיטל: לוזיס וואָג אין וואַקלונג ........ 214

VI קאַפּיטל: בריוו ........ 289

VII קאַפּיטל: פֿינצטער ........ 308

VIII קאַפּיטל: סרולי גאָל גרייט זיך אין וועג ........ 343

IX קאַפּיטל: סוף ווינטער ........ 362

X קאַפּיטל: אָנהייב זומער, אָדער צוויי גייערס מיט איין טאָרבע ...... 408

## צום לייענער

דאָס איז דער צווייטער טייל פֿונעם ראָמאַן „די משפּחה מאַשבער". דער ערשטער טייל פֿונעם בוך איז דערשינען בײַ אונדז, אינעם איקוף־פֿאַרלאַג, מיט אַ 5 יאָר צוריק, אין 1943. ער איז איבערגעדרוקט געוואָרן פֿון דער מאָסקווער אויסגאַבע פֿון 1939. דער נסתּר האָט אָנגעהויבן שרײַבן דאָס בוך אַרום 1934. דער ערשטער טייל פֿונעם בוך האָט צוועלף קאַפּיטלען: די שטאָט N, משפּחה־בראַניק, לוזי בײַ די זייניקע, סרולי גאָל, דער קריג צווישן די ברידער, ווידער סרולי, אויף „פּרעטשיסטער" יאַריד, אַ קליין ביסל שטייגער, כמאַרעס, ערב קראַך, אַלטער און דרײַ באַזוכן בײַ אַלטערן. — דער איצטיקער צווייטער טייל ווערט בײַ אונדז געדרוקט פֿון דעם מאַנוסקריפּט, וואָס מיר האָבן באַקומען פֿונעם מחבר, וואָס וווינט אין מאָסקווע.

ווי דער ערשטער טייל, אַזוי אויך דער איצטיקער, צווייטער טייל, פֿונעם ראָמאַן נעמט אַרום די צייט — די 70ער יאָרן פֿונעם 19טן יאָרהונ־דערט. אין „די משפּחה מאַשבער" ווערט געשילדערט באַרדיטשעוו, די פֿאַר־שיידענע טיילן פֿון אָט דער ספּעציפֿישער יידישער שטאָט מיט אירע „רינגען", באַזונדערע געגנטן, שולן און מערקווירדיקייטן. אין צענטער פֿון דעם ראָמאַן זיינען אַרויסגעבראַכט די ברידער מאַשבער — לוזי, משה און אַלטער. לוזי, דער שטענדיקער אומרו, דער זוכער, וואָס ווערט לסוף פֿאַרבונדן מיט די בראַסלאַווער חסידים, וועלכע רופֿן אַרויס גרויס קעגנערשאַפֿט צווישן די רעליגיעזע קרייזן, — משה, דער גרויסער סוחר, וואָס די געשעפֿטן גייען אים אַלץ ערגער און ער קומט צו באַנקראָט, און דער יינגערער קראַנקער ברודער אַלטער. אין ראָמאַן, אין דעם צווייטן טייל, ווי אינעם ערשטן, האָבן מיר אויך די מערקווירדיקע, אויסטערלישע געשטאַלט סרולי גאָל, וואָס איבערראַשט אונדז כּסדר מיט זײַנע געהיימניספֿולע טועכצן און אַספּיראַציעס.

אין דעם איצטיקן טייל ווערט באַזונדערס געמאָלט דער ווײַטערדיקער איבערוואַנדלונגס־גאַנג פֿון דעם בראַסלאַווער חסיד מיכל בוקיער, וואָס דער־גייט צו אפּיקורסות, צערייסט בפּרהסיא מיט דער פֿרומער וועלט און אין זיין שווערן געראַנגל מיט זיך און דעם אַרום ווערט ער קראַנק און שטאַרבט. עס גייט אויך אוועק פֿון דער וועלט דער באַרדיטשעווער רב ר' דודי, וואָס פֿאַרקערפּערט מיט זיך די אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישע וועלט, דער היטער פֿון דעם קאַנאָניזירטן יידישן לעבן. עס מאַכט אַדורך שווערע איבערלעבונגען און לסוף קומט אום אויך משה מאַשבער, דער פֿאַרשטייער פֿונעם יידישן סוחרטום ווי אויך זיין פֿרוי און טאָכטער.

ווי אין דעם ערשטן טייל, אזוי אויך אין דעם צווייטן שילדערט דער נסתּר בעיקר דאָס לעבן פֿון עטלעכע מענטשן, די הויפּט־טיפּן פֿונעם ראָמאַן. אין אַ קורצן צייט־אָפּשניט, אין אַ פּעריאָד פֿון בלויז עטלעכע חדשים. אין דעם ערשטן טייל — אַ דרײַ חדשים, אויך אין דעם דאָזיקן טייל — אַ פּאָר חדשים, ביז אַנהויב זומער — דער לעצטער קאַפּיטל פֿון דעם איצטיקן טייל.

אויסער אַ צוויי־דריי נייע געשטאַלטן (ווי יאַסעלע „מגפה" און אברהמל לובלינער) זיינען אין דעם צווייטן טייל אַרויסגעבראַכט די זעלבע מענטשן ווי אינעם ערשטן. אין דעם פֿאָרוואָרט צום ערשטן טייל האָט דער נסתּר צווישן אַנדערע געשריבן: „דער עיקר ציל פֿון מײַן אַרבעט איז געווען ניט נאָר צו פֿאַרענדיקן מיט אַן אַלטן דור, וואָס האָט געשטעקט איבערן האַלדז אין מיטלאַלטערלעכע לעבנס־פֿאַרהעלטעניש, נאָר דער עיקר ציל פֿון בוך איז ווײַזן יענע פֿאַרבאָרגענע כּוחות, וואָס זיינען דאַן געלעגן טיף דערנידעריקט אין „דריטן רינג" און וואָס זיינען אַזוי טראַגיש אומגעקומען אונטערן לאַסט פֿון יענעם לעבנס־יאָך..." דער נסתּר האָט אויך באַטאָנט אין זיין פֿאָרוואָרט דעם „אָנקום פֿון יענע מענטשן, וואָס האָבן איבערגענומען דעם רודער און האָבן פֿאַרקערעוועט די געזעלשאַפֿטלעכע שיף אויף גאָר אַנדערע ריכטונגען", און ער זאָגט ווייטער, אַז עס האָט אים געצויגן „צו דעם באַהאַלטענעם פֿייער, וואָס אין די פֿאַלעם פֿון יענעם יונגן דור", „צו וועלכן ער האָט זיך צו דער־קלייבן, און קינסטלעריש אים שילדערן".

אין איצטיקן צווייטן טייל האָט דער נסתּר זיך אַלץ נאָך פֿאַרהאַלטן ביי די געשטאַלטן פֿונעם אַלטן דור, זיך פֿאַרנומען בעיקר מיט זייער לעבן און שטייגער ביי זייערע גערנגלעניש מיט די קומענדיקע דורות און מיט זייערע פֿאַרשטייער, וואָס ווילן ערשט אויסקעמפֿן פֿאַר זיך אַן אָרט אין דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט אין יענער צייט, ווען דער ווידערשטאַנד מצד די היטער פֿון דער אַלטער יידישקייט איז נאָך זייער גרויס און שטאַרק.

מיר זעען אינעם איצטיקן טייל דאָ און דאָרטן דעם אָנקום פֿון אָט די בונטאַרישע און קעמפֿערישע כּוחות, וואָס האָבן שוין ביי זייערע ערשטע שריט אויסצושטיין גענוג שווערקייטן ביים דורכברעכן וועגן און שטעגן אי־נעם ווילדוואַלד פֿון דעם יידישן טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער און אַרויס־שטויסן פֿון די פּאָזיציעס די אַלע וואָס קלאַמערן זיך אָן דעם אַלטן יידישן לעבן און זיינע יסודות. מיר האָבן דאָ ערשט דעם נישט זיכערן אָנזאָג פֿון דער נייער צייט און די ערשטע שוואַכע אָנדייטונגען פֿון די נייע פֿאַרמעסטן אויף אַ ניי וועלטלעך לעבן...

מיר וואַרטן אויף די ווייטערדיקע בענד פֿון דעם אינטערעסאַנטן און גייסטרייכן ווערק. לאָמיר האָפֿן, אַז דער איבעררייס צווישן איין באַנד און דעם צווייטן וועט מער נישט געדויערן אַזוי לאַנג.

נ. מ.

# I

# דעמאָלט האָט געטראָפֿן

מיר ווייסן ניט, צי מיכל בוקיער האָט זיך ניט אָװעקגעלאָזט אַהין, וואוהין ער האָט פֿאַרטראַכט — אַזש אין דער ווייטער ליטע, צו די דעסע־וער, דערפֿאַר, ווייל ער האָט פּשוט קיין הוצאות ניט געהאַט, צי ניין, צי אפשר גאָר דערפֿאַר, ווייל אַזוי ווי ער האָט געקאָנט געפֿינען דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפֿט, דאָ הי, אין דער אייגענער שטאָט, איז צו וואָס מאַכן רייזעס און זיך אויסברענגען?

אַזוי צי אַזוי, נאָר אַ פֿאַקט איז, אַז אין איינעם אַ טאָג האָט מיכל בוקיער אַריינגעטראָפֿן צום גרונטליגער פֿונעם הי־שטאָטישן אַפּיקורסים־קרייז, צו יאָסעלע ברילאַנט, אָדער ווי מ׳האָט אים שפּעטער אַ נאָמען געגעבן — „יאָסעלע מגפֿה".

ס׳איז אים אָנגעקומען גאַנץ שווערלעך, ביז ער האָט זיך דערוואוסט יענעמס וואוינונג — ערגעץ אין אַ ניט־יידישן קוואַרטאַל, פֿול מיט סעדער, מיט הינט און טויבע פֿאַרקנס, וואו זומער פֿלעגט מען אָפּדינגען פֿאַר פֿאַרמעגלעכע קראַנקע און יאַדישליווע לייט אַ צימערל אויף לופֿט און אויך צו פֿילנעוועוון די איינגעשרומפּענע לונגען.

אָט דאָרט, טיף ערגעץ אין אַ הויף פֿאַררוקט, האָט יאָסעלע מגפֿה אָפּגעדונגען אַ ניט־יידיש שטיבעלע, אַרויסגענומען פֿון שטאָט־רעש, פֿון סוחרישן פּילדער, געשיצט פֿון פֿרעמדע, נישט־געוואונטשענע בליקן און אויך פֿון פּוסטע און פֿיינטלעכע מיילער, וועלכע גאָרן גראַגערייַ און אומזיסטיקע רכילות.

ס׳מוז דאָ געזאָגט ווערן אַ פּאָר ווערטער מער אויספֿירלעכער וועגן יאָסעלען.

ווער איז ער?

דעם אמת געזאָגט, האָט ער צוערשט, איידער מ׳האָט אים אָפּגעשטויסן, אַלעמען באַנג געטאָן: אַ פֿלינקער קאָפּ, אַ וואויל־לערנער; דערצו אַ בן־טובים, פֿון פֿיינע עלטערן, אַ זון פֿון מאָטל ברילאַנט — אַ שטילער ייד, מער פֿרו־מער, ווי לערנער, וואָס האָט געלעבט שטיל, געהאַנדלט שטיל און קיינעם

נישט אָנגערירט, און נאָר מיט זיין זון האָט ער זיך אָפּטלעך געקריגט און פון קליינערהייט אָן נישט איבעריק געהויזט.

דער שאַרפער יאָסעלע האָט אַלעמאָל זיך געוואונדערט מיט אַזוינע קשיות, וואָס דער פרומער, שטילער טאַטע, מאָטל ברילייאַנט, האָט זיי ניט שטענדיק געקאָנט פאַרענטפערן. ער האָט זיך געבייזערט און אין יאָסעלעס נאָך פריער יוגנט האָט ער זיך, ווי ניט ווי, מיט אים נאָך אָפּגעפּאַרטיקט. נאָר אַז יאָסעלע איז עלטער געוואָרן און דאָס וואויל־לערנערישע חריפות האָט זיך אין אים צעשפּילט, פלעגט שוין אָפּטמאָל דער טאַטע געטראָפן ווערן פון אַזאַ סאָרט פראַגע, וואָס ער פלעגט פון איר בלייבן מיט אַן אָפן מויל און נישט אויפ־הערן אויף זיין יונגן זון מיט די אויגן צו גלאָצן.

שפּעטער, אַז ער איז נאָך עלטער געוואָרן, פלעגט שוין יאָסעלע אומ־שוועבן אין גאָר הויכע עולמות, שטענדיק באַשעפטיקט מיט אַזוינע פראַגעס, ווי וועגן ידיעה און בחירה [1] — וועגן שכר ועונש, [2] און נאָך, און ענלעכע, אין וועלכע ער, יאָסעלע, פלעגט פריי אַרומשווימען, ווי אין אַ טייך, אָבער וואָס זיי זיינען ניט געווען קאָפּ פאַרן קאָפּ פון זיין טאַטן, פון מאָטל ברילייאַנט, וועלכער האָט געלעבט שטיל, געהאַנדלט שטיל און געגלויבט נאָך שטילער, און וואָס אָט די אַלע פליענדיקע און גריבלענדיקע יאָסעלעס געדאַנקען זיינען אויף אים אַלע מאָל אָנגעקומען, ווי אַ שטורעם און, ווי אים האָט געדאַכט, האָבן אים ווי מיט די וואָרצלען געוואָלט אַרויסרייסן און זיין שטילן שטייגער צעשטערן.

ס'איז ווי געזאָגט, געקומען צו קריגערייען. פריער וועגן אַזוינע פראַגעס, וואָס געפינען זיך נאָך אין די ראַמען פון דער אמונה און וואָס אפילו אין די באַוואוסטע ספרים פון יידישע רעליגיעזע גדולים ווערט גערעדט וועגן זיי און ווערט אויך דערלויבט צו רעדן. שפּעטער אָבער איז שוין יאָסעלע אַרויס פון די ראַמען.

מ'ווייסט ניט, צי האָט ער זיך אַליין צו דעם דערטראַכט, צי ס'איז דאָ געווען אַ פרעמדע האַנט דערביי — אַ חבר, אָדער ווער, האָט אים אויף אָט דעם וועג אַרויפגעשטויסן, צי אפשר האָט צו אים אַריינגעטראָפן איינער פון די ספרים פון די באַוואוסטע אויפקלערער, וואָס האָט אים גענומען געפאַנגען; אַזוי צי אַזוי, נאָר אין איינעם אַ טאָג, ביי איינעם אַ שטרייט, וואָס איז פאַר־געקומען צווישן יאָסעלען מיט זיין טאַטן, האָט זיין טאַטע, מאָטל ברילייאַנט, דערזען, אַז זיין זון איז פאַר אַן אָפּגרונט. ער איז אַזוי ווייט פאַרקראַכן, אַז באַלד, באַלד האָט זיך זיין טאַטן, מאָטל ברילייאַנט, געדאַכט, וועט ער אויף

---

[1] פאַראויסבאַשטימטקייט און פרייער ווילן.

[2] שטראָף און באַלוינונג.

זיין זונס האַלדז דערזען הענגען אַ צלם, ווי ביי אַלע „גויים״, ווי ביי אַלע „שקצים״ אין זיין עלטער.

מאַטל ברילִיאַנט האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ער האָט מיטאַמאָל איבער־געריסן דעם געשפּרעך און איז מיט זיין שטילן כאַראַקטער אָנשטילט גע־בליבן, כּדי מיט זיך אַליין זיך האַלטן אַ שטילע עצה: צי תּיכּף, דאָ באַלד, אויף זיין אומגליק אויסשרייען פאַר דער וועלט, פאַר אַלע יידן, און פאַר גאַנץ קהל, צי אפשר פאַרקערט: פאַרשוייגן, לאָזן זיין זונס בלוט זיך אָפּקילן, ער זאָל זיך אַליין באַטראַכטן, און אפשר דורך אַ „סיעתּא דשמיא״ — מיט גאָטס זיינער הילף, הייסט עס — וועט ער זיך צוריק אַליין אויפן ריכטיקן וועג אַרויפשלאָגן.

ער האָט אים אָפּגעלאָזט אויף אַ שטיקל צייט, דערצו נאָך האָט מאָטל ברי־ליאַנט דעמאָלט געליטן אַ בראָך: דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן. יאָסעלע איז געווען אַ בן־יחיד, און אַזוי ווי דער צער פון פאַרלירן די מוטער איז ביי יאָ־סעלען געווען גרויס, האָט אים דער פאָטער דערום מילד געשאָנעוועט. דער־ביי האָט ער זיך געטראַכט, אַז אָט דער בראָך וועט אים, מעגלעך, מאַכן באַדענקען און ער וועט אים אָננעמען, ווי אַ שטיק עונש.

דאָס איז אָבער ניט געשען, מאָטל האָט זיך דערפילט פרעמד צו זיין זון. אויב פריער האָט זיי נאָך די מוטער צוזאַמענגעהאַלטן און געבונדן און די שטרייטיקייט צווישן זיי אָפטמאָל געלינדערט, איז איצט אָבער, נאָך דער מוטערס טויט, דער בונד אויס געוואָרן, איבערגעריסן, אויף אים צוריק ניט צו באַהעפטן.

דערצו ווידער איז נאָך מאָטל שטאַרק פרום געווען, און בלייבן אַליין אָן אַ ווייב, איז אים, לויטן דין, געווען פאַרבאָטן. האָט ער נאָכאַמאָל חתונה געהאַט, און דאָס האָט ווידער געדינט פאַר אַ סיבה, אַז דער זון זאָל זיך פון אים נאָך מער דערווייטערן, און ער — פונעם זון.

ס׳האָט ווידער נאָך געטראָפן ביי מאָטל ברילִיאַנט, וואָס צו יענער צייט האָט ער אַ ביסל געמוזט בייטן אויף זיין פּרנסה: פריער איז ער געווען אַ שטילער חלפן, געזעסן מיט אַ טישל אין מאַרק און געביטן גרויס געלט אויף קליינס, קליינס אויף גרויס, מינץ אויף פּאַפּיר, פּאַפּיר אויף מינץ, און איצט, נאָכן טויט פון זיין ערשטן ווייב, וואָס אויף איר שלאָפקייט האָט ער זיך פיל אויסגעבראַכט, און נאָכן חתונה האָבן פאַר דעם צווייטן, וואָס דאָס אַריינ־ברענגען זי אין שטוב האָט אים אויך פיל אָפּגעקאָסט — ווענדיק זיך פאַר איר אויסשטעלן, ווי ס׳פירט זיך פאַר אַ ניי ווייב — האָט ער דערום, אויסער דעם חלפנות, נאָך גענומען געבן געלט אויף פּראָצענט.

דאָס האָט אויך אַ ביסל געענדערט זיין שטילן כאַראַקטער פון מער ווייך אויף האַרבער, ווי ס׳איז אייגנטימלעך פאַר פּראָצענטניקעס, וואָס אַליין דער

עסק און דאָס האָבן צו טאָן מיט אַזאַ זאַך, ווי פּראַצענט, פֿאַרהאַרטעוועט זיי און מאַכט זיי ענגהאַרציק און גראָבהויטיק.

דאָס האָט יאָסעלע גלייך באַמערקט, און אַזוי ווי ער איז אַזוי אויך שוין געווען אויפֿגערייצט, און אַזוי ווי די אָפּגעפֿרעמדטקייט צווישן טאַטן און זון איז שוין סיי־ווי, איבערן טויט פֿונעם זונס מוטער און איבערן אַנקומען פֿון דער שטיפֿמוטער, גרויס געווען, איז שוין דערום דעמאָלט נאָר אַ קליי־ניקייט אָפּגעגאַנגען, אַז דאָס מחלוקת צווישן דיביידע זאָל זיך אַזוי צעפֿלאַ־קערן, אַז טאַטע און זון זאָלן זיך מוזן צעגיין און נישט קאָנען מער אַפֿילו אונטער איין דאַך בלייבן.

דאָס קליינינקייט האָט זיך געמאַכט, דער צופֿאַל האָט געטראָפֿן און די קריג איז אויסגעבראָכן. איבער וואָס? טאַקע איבער מאָטל בריליאַנטס נייער פּרנסה, וועלכע האָט אים, מאָטלען, ווי ניי בלוט אונטערגעגעבן, און פֿון הנאה פֿון דעם, וואָס זיין פֿאַרמעגן האָט אים אין דער שטיל געוואַקסן, האָט ער זיך אָפּט געריבן די הענט און פֿרום אין דער נשמה אונטערגע־טענצלט מיט אַ לויב צו גאָט, וואָס ער האָט אים אַזאַ גוטן געדאַנק אויפֿ־געגעבן, און וואָס יאָסעלען, פֿאַרקערט, האָט זי געערגערט און ער האָט אויף זיין טאַטן גאָר בייז גענומען קוקן.

צי ער האָט ניט געקאָנט צוזען די נידערגעשלאָגענע, געקרענקטע און ניכנעדיקע פּנימער פֿון די אָרעמע באַלמלאָכעס און קליינע קרעמערלעך — זיין טאַטנס קליענטן — וועלכע פֿלעגן קומען צו אים לייען פֿאַרשעמ־טע, ווי מען גייט עפּעס בעטלען, אָדער אויף אַ מין געצוואונגענער גנבה; צי ער האָט ניט געקענט צוזען זיין טאַטנס שטיל און האַרבלעך געוואָרן פּנים, בשעת ער גיט אַרויס די הלוואה, ווען ער באַקומט דאָס וועקסל אָדער אַ משכּן פֿאַרזעצט, וועלכן ער באַטראַכט, שאַצט אים און טאַפּט פֿון אים אַרויס געדאַנקלעך דעם ריווח — אַזוי צי אַזוי, נאָר יאָסעלען האָט די מעשה גענומען שטאַרק ערגערן, און אַזוי ווייט, אַז ער האָט שוין נישט געקאָנט פֿאַרליידן די שטוב־לופֿט, וועלכע האָט אים אָנגעהויבן שמעקן מיט פֿרעמדן שווייס און אָרעמער האָרעוואַניע, און וואָס, פֿאַרקערט, דעם טאַטן זיינעם, האָט ער באַמערקט, האָט דער שווייס געשמעקט געשמאַק, ווי אַ ווײַנהענדלער זיינע גוטע וויינען.

אָט איבער דעם איז די קריג אויסגעבראָכן, און יאָסעלע איז אין איינעם אַ טאָג ביי אַ מינדסטער געלעגנהייט, אַרויס פֿון די כּלים און מיט אַזאַ הויך קול, אַז ער האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן פֿון אויסצוואַרפֿן דעם פֿאָטער און אים אַ געשריי טאָן אין פּנים אַזאַ זאַך, ווי:

— טאַטע, וואָס טוסטו? ס'איז דאָך בלוט און גזילה!

— וואָס רעדט דער מענטש? וואָסער בלוט און וואָסער גזילה? וועמען גזלט ער דאָ?

— וואָס הייסט ווענען? דעם, ביי וועמען ער נעמט, וואָס איז פאַרבאָטן. לא תקח נשך ותרבית.[1]

— נו, און וואו איז היתר עסקא?[2] וואו איז דאָס, וואָס איז דערלויבט לתקנת הרבים?[3] — צום וואויל פונעם רוב מענטשן, וואָס קאָנען זיך אָן קיין הלוואות גאַרניט באַגיין און וואָס מ'טוט זיי גאָר אַ טובה, ווען מע לייט זיי?...

— אַ טובה?! פאַר אַזאַ פּראָצענט, וואָס מ'קאָן זיך פון אים קיינמאָל ניט אויסבאָדן, ניט אַרויסקריכן, אַפילו ווען מ'זאָל די גאַנצע קבצנישע הויט פון זיך אַראָפּציען... אָדער פאַר אַזוינע משכּנות, וואָס מ'קאָן זיך אָן זיי נישט באַגיין און וועגן וועלכע ס'איז בפירוש אָנגעזאָגט: השב תשיב לו,[4] און ביי דיר ליגט אַרעמעלייטס קישנס און קאָלדרעס גאַנצע שאַפעס און באַנקבעטלעך אָנגעשטאָפּט און אָנגעוואָלגערט און אָרעמע לייט שלאָפן איבער דיר אויפן הוילן...

— איז וואָס וויל ער? — האָט זיך מאָטל בריליאַנט צעשריגן — איז ער, הייסט עס, שוין קליגער פון די רבנים? פאַרשטייט ער און ווייסט שוין מער פון זיי?

— וואָס מיר רבנים? ווער רבנים? נאַ דיר אַ גראָשן פאַר דיינע רבנים!

— ווי איז מיר! גוואַלד, יידן, קומט העלפט, צו וואָס אַ בן סורר ומורה[5] קאָן זיך דערטראַכטן.

אויסהערנדיק זיין זונס רייד, איז מאָטל בריליאַנט שטיין געבליבן אַזוי געפּלעפט, ווי ער וואָלט געקוקט אויף איינעם, וואָס אַ מין דיבוק, אַ נישט־גוטער קרייעט פון אים אַרויס... ער האָט אַ ווײַלע אויף אים געקוקט טאַקע, ווי אויף אַ קראַנקן, דערנאָך האָט ער פרום־פייערלעך און איבערגלויבעריש־נאַריש, ווי מ'פלעגט אין יענע צייטן אַלעמאָל שרייען, בשעת אַרויסטרייבן אַ דיבוק, אויך איצט אַ געשריי געטאָן:

— רשע, אַרויס פון מיין זון!

דעמאָלט האָט זיך יאָסעלע צעלאַכט. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען זיין טאַטנס מיין און מיטן זעלבן טאָן, כמעט מיט די זעלבע ווערטער, צו אים צוריק אַ געשריי געטאָן:

— שוטה, אַרויס פון מיין טאַטן.

— ניין, ניט „שוטה", נאָר אַן ערגער זידל־וואָרט האָט ער געברויכט, וואָס אין דרוק דערלויבט מען זיך דאָס ניט, און וואָס אַז מאָטל בריליאַנט

---

[1] זאָלסט ניט נעמען קיין פּראָצענט און וואָכער.

[2] פּראָצענט נעמען איז דערלויבט.

[3] צום נוצן פון פיל וואָס נויטיקן זיך.

[4] זאָלסט אים אומקערן דאָס פאַרמשכּנטע קלייד, ביז די זון וועט אונטערגיין, כדי ער זאָל האָבן אויף וואָס דעם קאָפּ אַוועקלייגן.

[5] אַן אומזיטלעכער, ווידערשפּעניקער זון.

האָט דאָס דערהערט, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז אַלע קרובישע קנופּן צווישן אים מיט זיין זון זיינען אויס, און אַז ניט נאָר צווישן זון מיט אים אַליין, נאָר מיטן גאַנצן כּלל, מיט אַלע יידן, פון היינט און ווייטער, איבער־געריסן, אויף צוריק זיי ניט צו פאַרבינדן.

מאָטל ברילִיאַנט האָט זיך דעמאָלט דערפילט, ווי גלייך ער וואָלט גאָר קיינמאָל קיין זון נישט געהאַט, אָדער ער וואָלט יאָ געהאַט, נאָר יענער וואָלט אים געשטאָרבן, אָדער זיך געשמדט, וואָס איז ערגער ווי געשטאָרבן.

ער האָט גלייך, נאָכן אויבן דערציילטן, אויסגעטאָן די שיך, ער האָט אַוועקגעלייגט אַ קישן אויף דער ערד, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר, ווי צו שבעה, און ווי מ׳טוט אין אַזוינע פאַלן, זיך געהייסן אַריינטראָגן אַ שטיין, און אַ גאַנצן טאָג האָט ער ניט אויפגעהערט אויף אים צו קוקן.

— דאָס האָט באַטייט — ער איז עלנט: וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער פאַרלוירן, און וואָס גאָט האָט אים געגעבן פונעם ערשטן ווייב, האָט ער ביי אים צוגענומען, און פון איצט אָן דאַרף ער וואַרטן אויף אַ קדיש און אַ יורש נאָר פונעם צווייטן. יאָסעלען האָט ער אויסגעמעקט, און — שוין. יאָסעלע איז, ווי מ׳פלעגט דעמאָלט זאָגן, אַרויס לתּרבות רעה, ד״ה, אויף הפקר, אויף שלעכטע זיטן און אויף אַזוי ווייט צו זיין אַרויסגענומען פון אַלע, אַז זיינע אייגענע זאָלן מיט אים זיך שעמען און ניט וועלן דערמאָנען זיין נאָמען, ווי מ׳שעמט זיך און מ׳וויל ניט דערמאָנען אַ ממזר אָדער ענלעכע צו אַזוינע.

ווי אַזוי יאָסעלע האָט געלעבט און זיך דורכגעשלאָגן די ערשטע צייט אָן דעם פאָטערס שטיצע — ווייסן מיר ניט. מעגלעך, אַז בשעת ער איז אַוועק פון שטוב, האָט ער מיטגענומען עפּעס געלט, אָדער אַנדערע ווערט־זאַכן, אויף וועלכע ער האָט זיך אויסגעהאַלטן; מעגלעך, אַז די באַרעמהערציקע קרובים האָבן זיך דאָ אַריינגעמישט, און מעגלעך אויך, אַז דער פאָטער אַליין, מאָטל ברילִיאַנט, מורא האָבנדיק, אַז ווען יאָסעלע וועט בלייבן הויל און ווי אויפן וואַסער, זאָל ער באמת, מחמת נויט, ניט געצוואונגען זיין זיך צו לאָזן אויף גאָר שלעכטע וועגן, האָט ער זיך ניט ווּיסנדיק געמאַכט און גע־לאָזט, אַז זיין צווייט ווייב, די שטיפמוטער, זאָל אים אונטן־אַרום שטיצן און אונטערהאַלטן מיט וואָס נויטיק איז.

מיר ווייסן ניט, זאָגן מיר, ווי האָט דעמאָלט יאָסעלע געלעבט און פון וואָס, נאָר איצט, אין דער צייט, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ, איז שוין יאָסעלע באַזאָרגט און דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען; ער איז אָן אָנגע־שטעלטער אין אַ ניט־היגער, ניט־יידישער פירמע דאָ, אין N. ער האָט שוין דעמאָלט געשמט מיט זיינע גאָר גרויסע קענטעניש, סיי מיט יידישע, וועלכע ער האָט זיך דערוואָרבן, איידער ער האָט פאַרלאָזט דעם פאָטערס שטוב, און סיי ניט־יידישע, וועלכע ער האָט זיך דערוואָרבן, ווען ער איז שוין געווען

זעלבסטשטענדיק. און אויסער דעם האָט שוין יאָסעלע פֿאַרמאָגט אַ פּען אין דער האַנט, און אַ שאַרפֿע פּען, און יעדן מאָל, ווען ער האָט געהאַט ווּעמען וואָס צו זאָגן און אַן עוולה אויסוואַרפֿן, זיינען די טויערן פֿון דער דעמאָל־טיקער פּרעסע געשטאַנען פֿאַר אים אָפֿן. ער איז דאָרט אַן אָפֿטער און גע־גאַרטער גאַסט געווען, און פֿאַר אַזוינע זאַכן, ווי פּרעסע, האָט מען, ווי באַוואוסט, אין אַלע צייטן, אי דרך ארץ, אי מורא געהאַט, בפֿרט דער, וואָס דאַרף מורא האָבן.

יאָ, ווען ער האָט באַדאַרפֿט, האָט ער שוין שטאַרק און שאַרף געשמיסן און ניט געשאָנעוועט קיינעם, אַפֿילו ניט אַזאַ גרויסן און אָנגעזעענעם גביר און באַנקיר, ווי יעקבֿ־יוסי איילבירטן, וואָס איז געווען באַקאַנט אויף דער גאַנצער געגנט און אויך אויסער איר, סיי מיט זיין גרויס רייכקייט, סיי מיט זיין גוואַלדיקער ווירקונג אויף נאַטשאַלסטווע, וועלכע האָט אָפֿט באַדאַרפֿט אָנקומען צו אים און דערפֿאַר האָט ער אַלע זיינע שתדלנותן ביי איר גע־פּועלט — אַפֿילו פֿאַר אים, פֿאַרן גרויסן באַנקיר, האָט ער זיך ניט אָפּגע־שטעלט פֿון צו זאָגן, וואָס ער האָט געהאַט — עפֿנטלעך און נישט באַהאַלטן אונטער דער פּאָלע....

פֿאַרשטענדלעך, אַז דעם גביר איז דאָס ניט אָנגעשטאַנען. ער האָט געהאַט אַן אויג אויף יאָסעלען. און אַ סבֿרה, אַז ער האָט צוליב זיינעטוועגן אָפּגעדונגען איינעם אַ יידן, אַז יענער זאָל אים נאָכקוקן, זען, וואָס ער טוט, מיט וועמען ער באַגעגנט זיך און חברט זיך, האָפֿנדיק, אַז סוף־כּל־סוף, וועט זיך יאָסעלע, מעגלעך, אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט קעגן הויכע מלוכה־לייט, און דעמאָלט וועט מען אים דערמאָנען אויך זיין הפֿקרות אין אמונה־זאַכן, און דאָס מיט דעם צוזאַמען וועט דערלאַנגט ווערן פֿאַר וועמען מ׳דאַרף, און וועט געניגן מ׳זאָל אים פֿון שטאָט אַרויסיאָגן און פֿון זיין שלעכטן ביישפּיל פּטור ווערן.

און אַזוי איז טאַקע געווען: דער אָפּגעדונגענער ייד האָט יאָסעלען נאָכ־געקוקט. דער גביר האָט פֿאַר יאָסעלען שוין אַ באַזונדער קאַנטע געהאַט, און דער ייד פֿלעגט אָפֿט קומען און אין גבירס אויער, וואָס איז שטאַרק באַשעפּ־טיקט געווען, אַריינרוימען און אַ גיכן זאָג טאָן, למשל, אַזאַ זאַך, ווי:

— ער עסט!...

— ווער? וואָס? — פֿלעגט דער גביר זיך דערשראָקן אויפֿכאַפּן, נישט פֿאַרשטייענדיק, וואָס דער ייד מיינט.

— יאָסעלע — פֿלעגט דער ייד, איינגעבויגן שטייענדיק, שטאַמלען — יאָסעלע מגפֿה, חזיר, טרפֿות עסט ער, ראַקעס און כּל דבֿר אָסור.[1]

---

[1] אַלץ, וואָס איז פֿאַרבאָטן.

יאָ, דער ייד האָט געוואוסט אויף זיכער. ער האָט זיך פֿיל מאָל געמיט אַליין צו יאָסלען אין שטוב אַריינקומען און זיך איינקויפֿן אין היימישקייט. אַז יאָסעלע האָט זיך אָבער דערוואוסט פֿון יענעמס מיין און האָט אים דורכגעטריבן, האָט יענער שוין דאָס געמאַכט דורך אַן אַנדער וועג, אָדער דורך אַ קינד, וואָס ער האָט אַריינגעשיקט אַ קוק טאָן, וואָס דאָרט טוט זיך, ווי מען פֿירט זיך און מיט וועמען מע טוט זיך חברן.

— מע רויכערט! — פֿלעגט דער ייד אַן אַנדערש מאָל ווידער דעם גביר אין אויער איינרוימען.

— ווער?

— יאָסעלע! ער זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס, ווי ער האָט אַליין געזען, ווי שבת איז דורך זיין פֿענצטער געגאַנגען אַ רויך.

— מ'טוט! — האָט דער ייד אַן אַנדערש מאָל, שוין אַליין אַ דערשראָקענער, אויסגעשריגן.

— וואָס טוט מען?

— מיט ווייבער... מיט מיידלעך... מע קומט זיך צונויף, מע זיצט און מע פֿאַרברענגט אינאיינעם... ער זאָל אַזוי זען אויף זיינע אויגן, ווי ער האָט אַליין געזען, ווי ס'איז געזעסן...

אָבער דאָס אַלץ איז ווייניק געווען מ'זאָל יאָסעלען קאָנען צוקלאָגן צו נאַטשאַלסטווע, ווייל ווייטער, ווי צו זיצן מיט ווייבער אינאיינעם, ווי אפֿשר רויכערן אום שבת און עסן ראַקעס איז אים ניט געווען וואָס אויסצוואַרפֿן. און אַ סברא, אַז אויך דאָס איז ניט אינגאַנצן אמת געווען, נאָר אַ היפּש ביסל אויסגעטראַכט. און אויב יאָ אמת, איז נאָר דאָס, וואָס יאָסעלע איז שוין דעמאָלט פֿאַרשמט געווען, ווי אַזאַ צוים־ברעכער און אמונה־פֿאַרשווערער, וואָס מיט קיינע מיטלען איז אים שוין נישט צוריק צום פֿריערדיקן אומצוקערן. ער האָט שוין אויך געהאַט אַן אייגענעם קרייז אָנהענגער, דערוואַרבן און אַריבערגעצויגן אויף זיין זייט פֿון דער פֿרומסטער טייל יוגנט, וועלכע האָט אים געקרוינט פֿאַר אַ ראש און אָנפֿירער. און אַזוי ווי זיין ווירקונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און אַזוי ווי אַלץ מער און מער יוגנטלעכע האָבן גענומען אַרויסקריכן פֿון די עלטערנס פֿרומע סטריכעס און שטילערהייט זיך ציען צו יאָסעלען און פֿריידענקעריש צו קוואַקען, האָבן דערום די עלטערן גענומען קוקן אויף יאָסעלען, ווי אויף אַ שונא, ווי אויף אַן אַנשיקעניש און אַ קרענק, און קרויבענדיק אים מיט דעם נאָמען „מגפֿה", האָבן זיי געמיינט צו זאָגן, אַז ער איז אַנשטעקנדיק, און אַז ווער ס'קומט נאָענט אין זיינע פֿיר איילן, דעם דראָעט אַ געפֿאַר זיך אָפּצוזעגענען מיטן לעבן...

*

מיכל בוקיער האָט, ווי אַלע זיינגלייכן פֿרומע לייט, געפּראַוועט „חצות". ביינאַכט, ווען איך שטוב, אין גאַס און אין שטאָט איז שטיל און ס'דערגרייכט

פון ערגעץ ניט קיין קול, קיין קלאַנג, פֿלעגט מיכל אויפֿשטיין, אָפּגיסן נעגל־וואַסער, אָנשיטן אַ ביסל אַש אויפֿן קאָפּ און זיך אַראָפּלאָזן ביי איינער אַ טיר־שוועל, און צוזאַמען מיט גאָט, וואָס לויט דער לעגענדע, לאָזט ער דעמאָלט פֿאַלן צוויי שטילע טרערן אין ים־אוקיאַנוס, וויינענדיק אויפֿן חורבן בית־המקדש, האָט אויך ער, מיכל, גענומען קלאָגן און וויינען:

עד אנה בכיה בציון, מספד בירושלים,[1] אאַז״וו.

ווער ס׳וואָלט דעמאָלט זיין שטיל יאָמערן דערהערט, וואָלט ער מער גערירט געווען, ווי ווען מע הערט ווי צען ווייבער מיטאַמאָל יאָמערן.

מיכלס ווייב האָט אַלע מאָל, הערנדיק אין שלאָף זיין געוויין, הנאה געהאַט און זיך איבערגענומען, וואָס איר מאַן איז אַן אויסדערוויילטער שותף צו גאָט, דערמיט, וואָס נאָר ער, מיכל, אונטן, און נאָר גאָט אין זיינע הימלען אויבן זיינען איצט פֿאַרנומען מיט אַזוינע הויכע זאַכן, ווי צו קלאָגן אויף צרות־הכלל.

מיכל פֿלעגט נאָכן חצות זיך צוריק אין בעט שוין נישט לייגן, נאָר בלייבן אויף דער גאַנצער איבעריקער טייל נאַכט צו לערנען. און פֿאַרטאָג, סיי זומער, סיי ווינטער, פֿלעגט ער זיין כמעט דער ערשטער אין שטאָט, וואָס האָט זיך גענומען צו גאָטס טאָגעדיקער עבודה — צום אינדערפֿריעדיקן דאַוונען.

דאָס ווייב האָט קיינמאָל ניט דערווידערט קעגן מיכלס פֿרומער אויפֿפֿירונג כאָטש אַזאַ זאַך מאַטערט אויס געוויינלעך, און פֿון אָפּגעבן אַ העלפֿט רו־צייט קומט קיין איבעריק געזונט ניט צו, דאָך, אַזוי ווי מיכל איז געווען גענוג קרעפֿטיק און ס׳איז שוין כמעט געוואָרן צו זיין צווייטער נאַטור, האָט דאָס אים ניט געשאַדט, האָט ער דאָס ניט געפֿילט, האָט דערום אויך דאָס ווייב ניט געהאַט צו זאָגן און קעגן דעם צו דערווידערן.

די לעצטע צייט אָבער האָט דאָס ווייב באַמערקט, ווי אין דער פֿרי פֿילט ער זיך עפּעס ניט גוט, עפּעס האָט זיך אים געוויזן צופֿיל בלויס אונטער די אויגן און אָפּט זעצט ער זיך צו, גלייך ווי איינער, וואָס ליידט אויף די פֿיס, אָדער האָט אַ מיחוש אין רוקן, אין די קריזשעס. זי האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט און גענומען זאָגן, אַז טאָמער איז ער ניט געזונט, דאַרף ער זיך זען היילן, דאַרף מען דאָך עפּעס טאָן. מיכל האָט אָבער יעדער מאָל מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן: אייסעך... ס׳הייסט, ס׳גאַרניט ניט... און אַזוי ווי אין אַזוינע הייזער מאַכט מען זיך בכלל ניט איבעריקס פֿון אַזוינע זאַכן, מחמת מ׳איז פֿאַרנומען מיט גענוג אַנדערע דאגהס, האָט דערום דאָס ווייב, נאָך יעדער מאָל דערמאָנען אים, דאָס גלייך פֿאַרגעסן.

---

[1] ביז וואַנען אַ געוויין אין ציון, אַ קלאָג אין ירושלים.

שפּעטער האָט דאָס ווייב דערזען, אַז ס'איז ניט קיין קרענק ביי אים. זי האָט געזען, אַז מיכלס אויפשטיין ביינאַכט איז איצט אַנדערש, ווי אַלע־מאָל פריער. זי האָט זיך גענומען איינהערן און האָט זיין געוויין ניט פאַר־נומען, גענומען זיך צוקוקן און אים ניט געטראָפן זיצן ביי דער שוועל, נאָר גאָר ביים טיש פאַרטראַגן, דער קאָפּ אין פּאַפּיר אריינגעטאָן און שרייבן, און ווען ניט ביים טיש, פלעגט ער זיך איבער דער שטוב ארומדרייען, ווי אין די אייגענע פיר ווענט פאַרבלאָנדזשעט.

זי האָט באַמערקט אַן ענדערונג און נישט פאַרשטאַנען, אין וואָס זי באַשטייט. זי האָט געזען, אַז ער האָט זיך פּלוצים אָפּגעריסן פון די זייניקע און באַזוכט ניט זייערע מנינים נישט אינדערוואָכן, ניט אַפילו שבת. זי האָט אויך געזען, אַז עפּעס האָט ער צוגעשיקט מיט אַ קינד אַ צעטעלע צו יענע, און פון דעמאָלט אָן גייט ער שוין בכלל ניט אַהין, ווי גלייך ער האָט קיינמאָל מיט זיי ניט געהאַט צו טאָן און ניט געווען מיט זיי געבונדן.

דאָס אַלץ האָט זי געמאַכט באַדענקען. זי האָט געזען, אַז עפּעס קאָכט אין אים, עפּעס קומט אין אים פאָר, ווי יעדער מאָל זי איז געוואוינט צו פילן, ווען ער ברעכט זיך און האַלט ביים איבערגיין פון איין דעה צו דער אַנדערער, צו דער היפּוכדיקער פון דער ערשטער.

— יאָ, מיכל האָט זיך אויך איצט געבראָכן...

מיר וואָלטן דאָ, מעגלעך, זיך באַדאַרפט לענגער אָפּשטעלן, אויף צו דערקלערן די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט מיכלען צו אַזאַ שריט, וואָס איז זיך גאָר שווער פאַרצושטעלן. מיר טוען דאָס אָבער ניט, ווייל, ערשטנס, האָבן מיר שוין אין אָנהויב בוך דערציילט וועגן זיין פּעאיקייט זיך צו וואַרפן פון איינס צו איינס און פון איין היפּוך צום צווייטן; און צווייטנס, האָפן מיר, אַז דער לייענער וועט פון דער עצם געשעעניש אַליין פאַרשטיין, פאַרוואָס איז אַזוי געשען און אויך פאַרוואָס דאָס געשעענע האָט זיך ביי אים אויס־געגאָסן אין אַזאַ אויפגעריסענער פאָרם... אַנדערש האָט דאָס ניט געקאָנט זיין: נעמענדיק אין אַכט יענע צייט און יענע באַדינגונגען, איז נאַטירלעך, אַז ווען אַזאַ, ווי מיכלען, איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אַזאַ גייסטיקע איבער־קערעניש, איז ער געווען געגליכן צו איינעם, וואָס דאַרף טאָן אַ שפּרונג פון הייס אין קאַלט, אָדער פאַרקערט, וואָס דאָס ווערט אַלעמאָל געמאַכט אי קרענקלעך, אי לעפּישעוואַטע און מיט אַ היסטערישן קוויטש.

איז אַט.

איינמאָל אַ פרייטיק פאַרנאַכט, ווען ס'האָט שוין געהאַלטן נאָך ליכט־בענטשן און מיכל איז שוין געווען שבתדיק אָנגעטאָן, גרייט זיך לאָזן אין שול, אַזוי האָט מיכלס ווייב פּלוצים באַמערקט, ווי מיכל איז שטיין געבליבן פאַרגליווערט, ווי אַ גולם, וואָס ווייסט ניט וואָס ס'טוט זיך מיט אים, אָדער ווי איינער, וואָס ס'באַפאַלט אים אַ שטאַרק שטעכעניש, פון וועלכן מע קאָן

זיך ניט רירן, ווייל ס׳סטייעט קיין אָטעם ניט... די אויגן האָבן זיך אים אויסגעגראַטשעט — די ווייסלעכער מער גרעסער פֿון די שוואַרצלעכער... און קוקנדיק אויף אים, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אָט אַזוי וועט ער בלייבן אויפֿן אָרט, ביז מען וועט אים ניט נעמען אויפֿוועקן — אויב ער האָט זיך נאָר פֿאַרטראַכט, אָדער מע וועט אים מוזן נעמען און צום בעט אַוועקטראָגן — אויב ער איז פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן פּלוצלינג.

ס׳האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און מיכל האָט צוריק אויפֿגעוואַכט, נאָר אָנשטאָט דעם, ער זאָל זיך באַלד לאָזן צו דער טיר, ווי ער האָט פֿריער געזאָלט, האָט ער גאָר אַ שפּאַן געטאָן צו די בענטש־ליכט, וואָס אויפֿן טיש. ער איז פֿאַר זיי שטיין געבליבן אַ ווײַלע, און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ בויג געטאָן, און — פֿו־פֿו — איינס נאָכן איינס און אַלע ביז לעצט אויסגעלאָשן.

— וואָס האָט ער געטאָן?! — האָט דאָס ווייב אויסגעשריען אַ פֿאַרציטערטע — ווי איז מיר!

מיכל האָט ווי פֿון שלאָף דערוואַכט. ער האָט אַ רגע אויסגעזען, ווי איינער, וואָס האָט אין אַן אומבאַוואוסטזיניקן שטאַנד אָפּגעטאָן עפּעס אַ נישט־ריכטיקע זאַך, פֿאַר וועלכער ער פֿאַרשעמט זיך און וויל גלייך דאָס קאַליע־געמאַכטע פֿאַרריכטן. ער האָט שוין געהאַט אַ האַנט אויסגעשטרעקט, ווי אויף צוריק אָנצוצינדן די ליכט, נאָר באַלד האָט ער זיך באַדענקט און חרטה געהאַט, און אָנשטאָט זיך פֿאַרנעמען מיט די ליכט ווידער אָנצינדן, איז ער גאָר אַוועק צום באַנק־בעטל, וואו זיין טלית און תּפֿילין איז געלעגן, ער האָט דאָס אויפֿגעעפֿנט און געכאַפּט דעם טלית אונטערן אָרעם, און אַזוי און קיין וואָרט ניט זאָגנדיק, האָט ער זיך צו דער טיר און צום אַרויסגאַנג געלאָזט.

— וואוהין מיטן טלית, מיכל? — האָט דאָס ווייב אַ צווייטן ווייגעשריי אַרויסגעלאָזט.

משוגע! ווייל פֿרייטיק־צו־נאַכטס געברויכט מען ניט קיין טלית, און דעם ווייבס פֿאַרגאַפֿונג איז דערום איצט געווען ניט ווייניקער באַרעכטיקט, ווי פֿריער פֿונעם ליכט־אויסלעשן. איר געשריי אָבער האָט שוין צו מיכלס אויער ניט דערגרייכט, מחמת ער איז שוין געווען אויסער דער טיר און אויסער דער מעגלעכקייט איר קול צו פֿאַרנעמען.

אַז ער איז אַרויס, איז שוין אינדרויסן געווען טונקל. ס׳איז שוין צוגעפֿאַלן דער קורצער האַרבסטיקער פֿאַרנאַכט. דער גרעסטער טייל איינוואוינער פֿון יענער גאַס איז שוין געווען אין שול, און נאָר איינציק פֿאַרשפּעטיקטע האָבן איצט אונטערגעאײַלט אויך אַהין אָנצוקומען.

פֿון אַלע פֿענצטער פֿון די אָרעמע נידעריקע הייזלעך אין יענער גאַס און פֿון די דערביי־ליגנדיקע גאַסן האָבן אַרויסגעקוקט די בענטש־ליכט, מיט יענער מילדער פֿייערלעכקייט, וואָס האָט דערמאָנט דאָס געמיט פֿון די,

וואָס האָבן זיי אָנגעצונדן, און וואָס יעדערער, לויט זיין שטאַנד און שטייגער, האָט זיך, נאָך אַ וואָך האַרעוואַניע, איצט דערשלאָגן צו דעם, ווי צו אַ שטילן ברעג, נאָך אַ שטורעמדיקער רייזע.

און אַזוי ווי מיכל איז אַרויס צעמישט און פאַרטראָגן פון זיין שטוב, אַזוי איז ער אויך זיין גאַס און די נאָענט-ליגנדיקע גאַסן פאַרביי און נישט געזען און נישט געוואוסט כמעט, וואוהין די פיס טראָגן אים. ביז זיי האָבן אים, לסוף, נאָך לאַנגן גאַנג, געבראַכט אין איינעם אַ ניט-יידישן קוואַרטאַל, וואו פון אַ פענצטער האָבן דאָרט קיין ליכט ניט אַרויסגעקוקט, ווייל די פענצטער גייען דאָרט אַרויס ניט אין גאַס, נאָר אין טיפע הויפן, מיט הויכ־לעכע, טויבע פאַרקנס און סעדער פאַרשטעלט.

און אָט צו איינעם אַזאַ הויף האָט זיך מיכל מיטן טלית אונטערן אָרעם צוגעשלאָגן. ער האָט אויפגעעפנט די פאָרטקע, איז אַריין אין הויף, איז צוגע־קומען צו אַ ניט-יידיש שטיבעלע מיט אַ ניט-הויכן פידאַשעק פאַר די טרעפ, און אַז ער איז אַראָפּ פון זיי, האָט ער פריער געעפנט אַ הויזן-טיר, דערנאָך אַ צווייטע — די שטוב-טיר, און האָט זיך צו יאַסעלע מגפּה אין זיין וואוינונג אַריינגעשטעלט.

ס'האָט דאָרט, ווי אין אַלע אַזוינע הייזער, געשמעקט מיט ערדענעם פאָל, מיט געווייסטע ווענט און באַלקן און מיט האַרבסטיק-געדעמפטע און אַ ביסל אויך פאַרוויאַנעטע פראַסטע גאָרטן-בלומען, זויבער. אַ געוויינלעכער לאָמפּ אויף אַ געוויינלעכן טיש און טישטעך, אָן קיין סימן ניט פון שבת. און ביים טיש האָט זיך יאַסעלע מיט אַ קליינער קאָמפּאַניע זיינע פריינט און אָנהענגער געפונען. יאַסעלע — מיט אַ בלאָנדן קאָפּ און בערדל און מיט היפּש געלע און קלוגע קלייען אין פּנים — בראש, און אַרום אים — אייניקע מיט היטלען און אַנדערע מיט בלויזע קעפּ — אין אחדות און אין חברשאַפט.

אַז מע האָט דערזען אַריינקומען דעם פרעמדן יידן, האָבן זיך אַלע פאַר־חידושט. מ'האָט באַלד איבערגעריסן דעם שמועס, ביי וועלכן מ'האָט געהאַלטן ביי זיין אָנקומען, און אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ ווענד געטאָן צו מיכלען, ווי מיט אַ שטומער פראַגע, ד"ה ווי קומט אַזאַ, וואָס זיין אָרט איז איצט אין שול, צו פאַרבלאָנדזשען גאָר אַהער, אויף דער ניט-יידישער גאַס, צו יאַסעלען מיט זיין קאָמפּאַניע.

ס'איז אַלעמען אויך אַ חשד דורכגעלאָפן: אפשר איז דאָס ווידער עפּעס אַ פאַרשוין, אונטערגעשיקט פון יעקב-יוסין דעם גביר, מיט אַ געוויסן מיין — און מ'האָט אים שוין געזאָלט איינס און צוויי אַרויסמשלחן. אַז מען האָט אָבער אייניקע רגעס לענגער אים באַטראַכט, אַזוי האָט מען דערזען, אַז ניין, אַז וואָס געהער גבירישער שליחות, איז דער אויסער יעדן פאַרדאַכט, ווייל אויף זיין פּנים איז ניט צו מערקן יענע ליגנערישע הכנעה און דאָס וועלן איינקויפן זיך אין נישט-פאַרדינטן צוטרוי, ווי ביי יענע; נאָר פאַר־

קערט, דעמס פּנים אָפּן, ערלעך און זעט אויס, ווי ער קומט אַ גלייכער צו גלייכע.

— וואָס האָט ער באַדאַרפט? — האָט אים יאָסעלע אַ פרעג געטאָן און גענומען קוקן אויף אים. נאָך די ערשטע מינוטן פרעמדקייט און פאַרדאַכט, שוין מיט מער צוטרוי און אַפילו מער צוגעלאָזט, ווען ער האָט איצט דער־זען פאַר זיך מיכלען — אַן אַרעמלעכן, אָבער אַ זויבער־אַנגעטאָנענעם, נאָך מיט כּמעט נאָסלעכע באָרד און פּיאות, אויסגעצוואָגן לכבוד שבת, און מיט עטוואָס אַרויסגעשטעקטע ווייסע העמד־אַרבל פון אויבערשטן מלבוש אַרויס.

— צו וועמען האָט ער באַדאַרפט?

— טאַקע צו אים... דאָס איז ער — יאָסעלע ברילִיאַנט?

— יאָ. און נו?

— איז ער אים געקומען זאָגן, אַז ער וויל צו אים צושטיין... ער האַלט זיך פאַר אַ זייניקן.

— וואָס הייסט? — האָט יאָסעלע אַ פרעג געטאָן פאַרחידושט, און אויך די איבעריקע, זיין קאָמפּאַניע, האָט זיך אים געהאָלפן חידושן — וואָס הייסט, ער — אַ זייעריקער?

— וואָס־זשע איז דאָס חידוש? — האָט מיכל אָפּגעענטפערט אַ ביסל מיט תּרעומות, מייַנענדיק, אַז מע שטויסט אים אָפּ און מען איז ניט גערן זיין שותּפות.

— ניין, ער פרעגט נאָר. ער וואונדערט זיך און איז ניט זיכער, צי ווייסט מיכל בכלל, צו וועמען ער האָט אַריינגעטראָפן, און צי זיינען דאָס די, וועמען ער האָט באמת טאַקע געדאַרפט האָבן? — האָט יאָסעלע אַ זאָג געטאָן, און בשעת מעשה האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף מיכלען, ווי געוואָלט זיך איבערצייגן, צי האָט ער ניט פאַר זיך, אויב ניט קיין פרעמדן אונטערגעשיקטן, איז אפשר אַזוי זיך עפּעס אַ צעדרייטן, אַ ביסל אַ גערירטן, וואָס די רייד און דאָס פאַרנעמען זיך מיט אים איז איבעריק און ווינציק וואָס טשיקאַווע...

— צו וועמען ער האָט אַריינגעטראָפן, ווייסט ער אויף זיכער — האָט מיכל געזאָגט. — דאָס איז דאָך צו אייך, צו די, וואָס געפינען זיך אויסערן קהל, פון אַלעמען פאַרשריגן, ווי אַזוינע וואָס האָבן אַלע גדרים אויפגע־בראָכן.

— און נו?

— און ער איז מסכּים און האַלט זייער צד.

— ער?

— יאָ, און זאָל מען זיך ניט וואונדערן און ניט מיינען, אַז ס׳איז פֿון קלות־דעת,[1] חלילה; ער, מיכל, איז, ווי יאָסעלע מיט זיין קאָמפּאַניע קאָנען זען, ניט קיין שנויץ מיט ברויט, ניט קיין הפקר־מענטש, און אויב ער האָט אַזאַ טראַט געמאַכט און זיך באַשלאָסן, דאַרף מען פֿאַרשטיין, אַז ס׳איז אים ניט לייכט אָנגעקומען נאָר נאָך גרויס אַנגסט און זעלישן געראַנגל.

— פֿאַרוואָס? — האָט מיכל זיך אַליין איבערגעפֿרעגט — ווייל ווי יאָסעלע מיט זיין קאָמפּאַניע קאָנען זען און זיך איבערצייגן, איז ער ניט פֿון גאָס געקומען, נאָר ער גייט פֿון ערגעץ, קומט פֿון ערגעץ, און ניט קיין אָרעמאַן פֿון איבער די הייזער, נאָר ער האָט, מעגלעך, גאָר אַ גרויס פֿאַרמעגן פֿון יענער זייט זייער שוועל איבערגעלאָזט.

— פֿאַרמעגן? — האָבן יאָסעלע מיט די זייניקע זיך דאָ געוואָלט צע־שמייכלען, אָבער מיכל האָט זיי איבערגעשלאָגן, ניט דערלאָזט.

— נו, יאָ — האָט שוין מיכל אַרויסגעזאָגט אַ ביסל בייזלעך — ווער־ווער, נאָר יאָסעלע מיט זיין קאָמפּאַניע דאַרפֿן דאָך געוויס פֿאַרשטיין, אַז ס׳איז גאָר ניט קיין קלייניקייט דאָס פֿאַרמעגן פֿון אַ איינעם, וואָס האָט יאָרנ־לאַנג געהאַט אַ בורא עולם, אַ באַלעבאָס, אַ האַר איבער אַלע גייסטיקע גיטער, וואָס אַז ער האָט געוואָלט, האָט ער אים געדינט, ווי אַ קנעכט אַ האַר, אַז געוואָלט, האָט ער אים געליבט, ווי אַ קינד אַ פֿאָטער, געוואָלט — האָט ער געקוקט אויף יענעמס גוטס, ווי אויף פֿרעמדע חידושים, געוואָלט — האָט ער געקוקט דערויף, ווי אויף אייגנס, ווי אַ יורש...

— און אָט, צו אָט די קנעכט, אָדער קינדער, אָדערביידע צוזאַמען, האָט אויך ער, מיכל, אָקאָרשט נאָר וואָס געקערט. אויך זיי, יאָסעלע מיט זיין קאָמפּאַניע, דאַרפֿן דאָך אוודאי פֿאַרשטיין, וואָס הייסט דאָס אַלץ אָנצואווערן, צו בלייבן הויל און ביי גאָרניט, ביז מען דערשלאָגט זיך צו ווערן אַליין האַר און פֿאָטער איבער זיך...

— דערצו נאָך דאַרף מען נעמען אין אַכט, ווען מען און אין וואָס פֿאַר אַ צייט ס׳געשעט אַזאַ אָנווער, און אים, מיכלען, וואָס איז געווען אַזוי טיף פֿאַרוואָרצלט אין גלויב־האָבערישן אייגנטום, האָט עס געטראָפֿן אויף דער עלטער, ווען פֿאַרלירן דאָס דערוואָרבענע טוט שטאַרק באַנג, ס׳שווער דער־פֿון זיך אָפּרייסן, און ווען מע פֿאַרלאָזט עס, טוט מען זיך אַלעמאָל צו דעם אויסקערעווען, ווי צו אַ וויינענדיק קינד, ווען עלטערן פֿאַרלאָזן עס, און ס׳בעט זיך מע זאָל דאָס אויף די הענט נעמען, ווייל אַליין גיין קאָן דאָס ניט און הינטן בלייבן האָט דאָס מורא.

— און נו? — האָבן יאָסעלע מיט זיין קאָמפּאַניע געוואָרט אויף מיכלס פֿאָרזעצונג.

---

[1] לייכטזין.

— און דאָך — האָט מיכל געזאָגט — האָט זיך אים איינגעגעבן צו קריגן מוט זיך אויסקערעווען צו דעם מיטן רוקן... ווייל אַנווער איז, ווי באַוואוסט, אַמאָל אַ באַדינג צו געווינען, און כּדי צו דערגרייכן אַ געוויסע הויך, מוז מען זיך אַמאָל פריער דערפילן שטאַרק געפאַלן... ס׳פיל וועגן דעם צו רעדן... און ניט אַזוי גיך טוט זיך, ווי ס׳רעדט זיך... פיל מניעות און שטערונגען האָט ער געהאַט אויסצושטיין, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן, אַז די פריערדיקע איידל־שטיינער זאָלן אים נעמען אויסזען, ווי שערבלעך, און אַז אַ טרער זאָל אים די שיין פון די אויגן נישט פאַרשטעלן פון רחמנות צו דעם, וואָס ער האָט פאַרלוירן.

— אָבער ער, מיכל, האָט זיך נאָך גרויס מי, דערצו פאַרט דערשלאָגן. דערצו האָט אים געהאָלפן אי זיין קאָנען זיך אָנכאַפן און אָנקלאַמערן אין דעם, וואָס אים איז טייער, ביז בלוט אין די פינגער, אי דאָס קאָנען אָפּלאָזן דאָס, וואָס ער האַלט פאַר פוסט, ווי מ׳לאָזט אַרויס לופט פון די פויסטן. ס׳האָבן אים געהאָלפן באַוואוסטע ספרים פון באַוואוסטע מחברים, ביי וועלכע ער האָט זיך פיל גוטס אָנגענומען, און אויך אַפילו — ער שעמט זיך צו זאָגן — זיין קרענקלעכע נטיה צו חלומות, וועלכע האָט אים דאָ צוגעדינט.

— חלומות!

— יאָ, יענע, וואָס האָבן אים אַלע מאָל זיין פרומע וועלט געשראָקן, ווייל וואָס ער האָט זיך דעמאָלט איינגעשאַפט און דערוואָרבן מיט גרויס מי בייטאָג, האָבן יענע אים ביינאַכט צעשלעפּט און צעטראָגן, איבערגעקערט און צו נישט געמאַכט; דאָס וואָס ער האָט בייטאָג פון זיך מיט שטעקנס געטריבן, האָט ער ביינאַכט געמוזט זיך זען דערמיט אין דער נאָענט; דאָס, פון וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן אויף מיילן, האָט אים ביינאַכט אין בעט באַזוכט און אים שווייס געבראַכט.

— קיין טעג און נעכט וואָלטן אים ניט קלעקן, ווען ער זאָל וועלן לענגער וועגן זיי דערציילן, נאָר אויב זיי, יאָסעלע מיט זיין קאָמפּאַניע, ווילן, וועט ער זיי נאָר איינעם אַ לעצטן, אַלס ביישפיל, ברענגען, אַ דאַנק וועלכן ער, מיכל, וואָס איז שוין דעמאָלט אַליין געהאַט געקומען צו דעם, ביי וואָס ער האַלט איצטער, האָט דערצו נאָך געקראָגן אַ וואונק און אַ שטויס פון אויסן.

— זיי ווילן, אדרבא — האָבן יאָסעלע מיט זיין קאָמפּאַניע מסכּים געווען און האָבן דערביי זיך איבערגעוואונקען: כּדי, הייסט עס... ערשטנס, אַליין צוליב נייגיר, און צווייטנס, כּדי צו האָבן אַ מער זיכערן שליסל צו אים, צו אָט דעם מיכלען.

— זאָל ער, ביטע — האָט מען אים געזאָגט. און אַזוי ווי מיכל איז שוין אַריין אין זיין געוויינלעכן ווידוי־ראש און ווי פאַר מער היימישע מער

לויפיק לשון געקראגן, האט ער דערום אויך גלייך גענומען דערציילן אן אפהאלט:

— ער האט איינמאל געזען דעם בעל־דבר אין חלום — א הויכן, לאנגן, דארן, מיט שטארק שמאלע פיס און, ווי אים האט געדאכט, מיט ציגענע טלאען. דאס פנים האט אים געלויכטן, ווי ער וואלט געהאט אונטער דער הויט א לאמטערן, די אויגן שמאל, לענגלעך, און שארף־געשניטן ביי די עקן, און אויך אינמיטן האבן זיי ארויסגעקוקט, ווי נאר דורך שפאלטן.

ער האט מיכלען א וואונק געטאן, ער זאל מיט אים מיטגיין. ער האט דערביי קיין ווארט נישט געזאגט, נאר מיט א שפאלט פון איינעם אן אויג א מאך געטאן. מיכל האט געוואלט זיך ניט זעענדיק מאכן. דעמאלט האט אים יענער א ריר געטאן מיט א פינגער, און יענער ריר, האט זיך מיכלען געדאכט, איז געווען אי ווי פון אייז, אי ווי פון אייזן, און ווי אויך פון עפעס א ברענענדיקן שטאף, וואס בריט מער פון פייער. פארשטאנען, אז ווערן זיך וועט דא ניט העלפן און אז, סוף־כל־סוף, וועט ער זיין געצוואונגען צו פאלגן — האט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין ארט, וואו ער איז געזעסן, אדער געלעגן — ער געדענקט שוין נישט — און איז מיטגעגאנגען.

דעמאלט האט אים יענער אריינגעבראכט אין א הויך געביי, וואס האט געקלונגען מיט הלל און מיט קיינמאל נישט באוואוינטן, און וואס האט אויסגעזען ווי א טעמפל, געווידמעט אליין טאקע דעם חלול. און אט דארט האט זיך ערשט יענעמס לענג אין זיין גאנצער גרויס באוויזן. אז ער איז אהין אריין, האט ער נאר ביז דער העלפט דערגרייכט, אבער וואס ווייטער האט שוין זיין קאפ ביז צו דער סטעליע דערלאנגט. און דארט, פון דער הויך אראפ, האט זיך זיין קול דערהערט, א באפעל: און מיטאמאל האבן זיך גענומען ווייזן שרצים, שפינען, פליגן, פלעדערמייז — פליענדיק, פויזענדיק און קריכנדיק אויף די ווענט, אויפן דיל, ביז דער סטעליע ארויף, און גרויסע מאסן אנגעזעצט און איינס אויפן אנדערן אנגעוואלגערט... און אלע מיט־אמאל, אז זיי האבן דערזען יענעמס פנים זיך לויכטן, אזוי האבן זיי גענומען קריכן, פויזען, דראפען זיך און קלעטערן צו אים, און ווי קינדער ביי א פאטער, און ווי קנעכט ביי א האר — האר־פאטערלעכע ליבע ביי אים פא־דערן: „אוי, האר, אוי, פאטער אונדזער”....

און מיטאמאל האט אויך מיכלען יענעמס ליבע זיך פארוואלט, און אויך אים האט אנגענומען א חשק פאר אים צו קניען און צו קריכן. ער האט זיך באלד טאקע — ווײ־וויי — אויף די קני אראפגעלאזט און צוזאמען מיט די שורשענדיקע שרצים זיינע הענט געשטרעקט און צו אים זיך געצויגן.

און ווידער אמאל האט זיך יענעמס קול דערהערט:

— שטיי אויף, דו אָרעמער בעל־זוכה; וואויל דיר, וואָס האָסט באַקומען באַגערט פֿאַר מיר צו קניען... און דערפֿאַר וועסטו באַגליקט זיין צו זען, אַז ניט אומזיסט האָסט זיך פֿאַר מיר פֿריער געשראָקן און דערנאָך מיך ליב געקראָגן.

און דאָ האָט יענער מיט אַ פֿוס אַ טופּע געטאָן, און די סטעליע פֿון יענעמס געביי האָט זיך אַזוי הויך אויפֿגעהויבן, אַז ס׳איז זי מיטן אויג ניט געווען צו דערלאַנגען. און אַז ער, מיכל, האָט נאָך גרויס אָנשטרענגונג, מיט פֿאַר־ריסענעם קאָפּ, דאָך אַהין דערלאַנגט, אַזוי האָט ער דערזען, ווי יענער האָט שוין מיטן קאָפּ דאָרט אָנגעשפּאַרט, און ווי איבער זיין קאָפּ, אין אַ האַלב פֿייערדיקער ראָד, ווי אַ האַלב פֿייערדיקע קרוין, האָבן פֿייערדיקע אותיות זיך אָפּגעלויכטן, וואָס אַז מיכל האָט זיך אין זיי איינגעקוקט, האָט ער איבערגע־לייענט: אָנכי ה׳ אלהיך...

אַז ער האָט זיך נאָך מער איינגעקוקט האָט ער צווישן די ווערטער, אין האַלבע לבנהס אָריינגעשטעלט, דערזען נאָך איינס אַ וואָרט, וואָס צוזאַמען מיט די פֿריערדיקע האָט איצט אויסגעזען אנכי (הס״מ) ה׳ אלהיך...

מיכל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ דערשראָקענער און אין שוויס... ער איז אָבער באַלד ווידער אָנשלאָפֿן געוואָרן, און דעמאָלט האָט ער ווידער יענעם, דעם בעל־דבר, דערזען, אָבער שוין נישט אינעם טעמפּל צום חלל געוויד־מעט, נאָר גאָר אויף אַ ברעג ים, אויף אַ הויך־שפּיציקן פֿעלדז, וואו ער איז געזעסן אויף דער סאַמע הויך, מיטן פּנים אין אַ שפּיציכיקער קני אָנגעשפּאַרט, און האָט אויסגעזען אָדער ווי איינער, וואָס זיין וועלט איז אים אונטערגע־גאַנגען און וואָס אָט באַלד־באַלד דאַרף ער זיך פֿון דער הויך אין וואַסער וואַרפֿן, אָדער ווי עפּעס אַן איבערגעלאָדענער חכם, אַ טרויעריקער געזעצ־געבער, וואָס דענקט צו באַזאָרגן אַלע וועלטן, אויף אַלע צייטן, אויף וויפֿיל ער זעט זיי פֿאַראויס, מיטן סאַמע העכסטן, סאַמע צוגעקליבענעם און סאַמע טרעפֿלעכסטן געזעץ, וואָס זאָל אויסדריקן דעם סאַמע עיקר אין סאַמע גע־קירצטע זאַצן.

— אנכי ה׳ אלהיך... — האָט מיכל, אונטערקומענדיק, פֿון יענעמס מויל אויסרעדן דערהערט. — איך זיך דאָ שוין לאַנג און טראַכט פֿון געבאָט פֿון אַלע געבאָטן, פֿון ערשטן און גרעסטן, וואָס מוז אין גרונט פֿון אַלע גלויביקע גרונטן אָוועקגעלייגט ווערן. איך טראַכט: ווער קאָן דאָס זאָגן; „איך — דער האַר, דער מושל, דער הערשער אויף זיך און אויף אַלעמען?“ צי נאָר טאָקע דער, וואָס מע זאָגט אויף אים, אַז ער אַליין האָט אַלץ באַשאַפֿן און ער פֿאַרליידט ניט קיין שותּף צו זיך; צי אויך דער, וועמען מיכל האָט נאָר וואָס געזען, דער בעל־דבר, וואָס ער האַלט זיך יאָ פֿאַר אַ שותּף, אַ גלייכ־באַרעכטיקטער מיט יענעם, מיט וועמען ער שטרייט, קעמפֿט און וויל אויך אַ חלק אין יענעמס מאַכט, ווייל ער האַלט, אַז ס׳קומט אים... צי אפֿשר גאָר

זיינען אַלע באַרעכטיקט, אַלע מאַכטהאָבער, ווייל קיינער קיינעם האָט געשאַפֿן, ווייל אַלע זיינען זעלבסטבאַשאַפֿונג, כּל־זמן זיי זיינען דאָ און האָבן דעם ווילן און די פֿעאיקייט אויסצודריקן זייער ווילן, און זאָגן: איך בין איך, ווער איך זאָל ניט זיין, צי גרויס, צי קליין, צי מינדסט, צי פּיצל... איך — אַליין מיין שעפֿער, מיין גאָט, מיין האַר, מיין היפּוך, מיין צעשטערער און מיין געזעצ־געבער.

— און אָט, צו אָט דעם לעצטן געדאַנק בין איך לעצטנס, נאָך לאַנגער מי, געקומען און וויל זיך מיט אים טיילן און וויל אים מאַכן פֿאַר אַלעמענס געדאַנק. און איצט, אַז דו (מיכל, הייסט עס) ביסט דאָ, און כ׳זע, אַז דו נעמסט אים אָן און ביסט גרייט אים צו גיין פֿריידיקן פֿאַר אַלעמען, אַזוי האָב איך דאָ שוין מער ניט וואָס צו טאָן: מיינע אויגן זיינען מיד פֿון צו קוקן, מיין געזעס — פֿון צו זיצן, און איך פֿאַרלאָז מיין אָרט... און אָט...

און דאָ האָט יענער מיטאַמאָל פֿון פֿעלדז אין ים אַ שפּרונג געטאָן, ווי הויך און לאַנג ער איז, איז אַהין אַריין, אַראָפּ, און באַלד האָט ער מיט אַן עק, ווי אַ פֿיש אַ פּאָטש געטאָן און איז פֿאַרשוואונדן...

— אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט — האָט מיכל פֿאַרגעזעצט — האָט אים אונטערן האַרץ געקילט. ער איז געלעגן ווי געליימט, און כאָטש ער האָט גע־וואוסט, אַז חלום בלייבט חלום, דאָך האָט אים דער געדאַנק געעקבערט.

ער האָט די ערשטע צייט געציטערט, ווי געזאָגט, צו פֿאַרבלייבן אַליין, אָן אַ באַלעבאָס, אָן אַ האַר, אָן אַ מושל. אָן אַ באַשערער אויף דער וועלט; אָבער פֿון דער אַנדערער זייט, אַז ער האָט זיך דערמאָנט, ווי גליקלעך איז דער, וואָס קאָן זיך זאָגן: „ביסט אַליין דיין שעפֿער" — אָט דעמאָלט האָט ער זיך אויך דערמאָנט, אַז דער, וואָס האָט אים אויפֿגעגעבן דעם געדאַנק, איז ניט איינער: אַז אין ספֿרים האָט ער זיך מיט אים שוין, וואו ניט וואו, אָנגעשלאָגן ערגעץ ביי ניט־יידישע גדולים און אויך ביי יאָ יידישע, וועלכע האַלטן, אַז די בריה און דער בורא איז היינו הך, ד"ה, אַז אַלץ וואָס איז געשאַפֿן און דער שעפֿער אַליין איז איינס און דאָס זעלבע, און אויב אַזוי, איז דאָס אַלץ, וואָס ווערט צוגעשריבן און פֿאַררעכנט פֿאַר גאָטס גרויסקייט און וואונדער, קאָן יעדערער פֿאַררעכענען און צושרייבן זיך אַליין, ווייל ער איז אַליין אַ וואונדער.

— יאָ, און ביי אָט דעם געדאַנק האָט ער זיך פֿעסט אָנגעכאַפּט, מיכל, ער האָט זיך אין אים אָנגעקלאַמערט און ער פֿילט, אַז ניט נאָר ער אַליין איז איבערפֿולט פֿון אים, נאָר אַז ער איז בכּוח אויך אַנדערע אים מאַכן פֿילן, מ׳זאָל זיך אים איינשאַפֿן, ווי אַן אייגענעם.

ער האָט זיך אונטערגענומען אים דערקלערן אין אַ ספֿר, וואָס ער שרייבט, מיטן נאָמען „השגות על הרמבם",[1] אין וועלכן ער טרעט אַרויס קעגן מיימון,

---

[1] דערווידערונגען קעגן רמב"ם.

וואָס קריגט מיט אַריסטון[2] — פֿאַרוואָס יענער האַלט, אַז די וועלט איז אַ קדמון, ד"ה, אַז זי איז נישט געשאַפֿן פֿון קיינעם, נאָר אַז זי לעבט און איז פֿאַראַן, אַזוי ווי זי איז, שוין פֿון אייביק אייביק — אייביק... דאָס איז אַ גוואַלדיקער עיקר, און גיט זיך אים נאָר אײַן צו באַווײַזן דאָס גערעכט פֿון אַריסטון (און אַז ס'וועט זיך אים אײַנגעבן, איז מיכל זיכער), אַזוי פֿאַלט שוין במילא דער גאַנצער שטרויענער בנין פֿון די כּלומרשטע געבאָטן און פֿאַרבאָטן, פֿון מצוות און עבירות, פֿון שכר און עונש, און מ'פֿאַרשפּאַרט זיך שוין מאַטערן איבער אַלע יענע סתירות און ווידערשפּרוכן, וועלכע דרינגען אַרויס פֿון דער ביז אַהער אָנגענומענער פֿעלערהאַפֿטער דעה, וועלכע האַלט ניט, ווי אַריסטו, ווי די פֿראַגע וועגן ידיעה און בחירה, און נאָך און נאָך, וואָס ניט איין גייסטיקע פֿליג איז אין יענעם שפּינוועבס אַ טויטע געפֿאַלן און אַן אויסגעזויגענע ליגן געבליבן, און וואָס ניט איין גוטער קאָפּ האָט זיך אין יענע סתירה־ווענט ביז בלוט צעשלאָגן... אויס מיט דעם!

— און ער, מיכל — האָט ער ווײַטער פֿאַרגעזעצט — האָט זיך גענומען פֿאַר יענעם ספֿר ערנסט, ער טוט שוין אין דעם לאַנג און איז שוין ווײַט אַוועק, און ער האָפֿט, אַז גאָר אין גיכן וועט ער זײַן מיט אים אויף אַ גוטן דרך — צו אַלעמענס וואויל און גייסטיקער געזונטהייט. אָמן, הלוואַי... — האָט ער פֿאַרענדיקט אי אַביסל באַשיידן, אי מיט אַ שמייכל פֿון נצחון, וואָס ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו קומען פֿאַר די, צו וועלכע ס'האָט אים געצויגן און אַרויס־צוברענגען דאָס, וואָס ער האָט געטראָגן בײַ זיך לאַנג אויסבאַהאַלטן...

דעמאָלט האָט מיכלס נצחון־געפֿיל זיך אויך יאָסלען מיט זײַן קאָמפּאַניע איבערגעגעבן. זיי האָבן אַ טייל פֿון נצחון גענומען אויך אויף זייער חשבון און פֿאַררעכנט פֿאַר זייער אויפֿקלערערישן פֿאַרדינסט... מע איז געוואָרן אויפֿ־געלייגט. מע האָט נאָענט זיך אַ לאָז געטאָן צו מיכלען, אים ענגער אין דער חברה אַרײַנגענומען, און שוין ווי בײַ אַ שטיק אייגענעם זיך גענומען דער־פֿרעגן בײַ אים, ווער ער איז איצט, וואָס איז ער פֿריער געווען און וועגן זײַן באַשעפֿטיקונג. און דערויף, אויף אַלע די פֿראַגעס, האָט מיכל שוין גאָר באַשיידן און מיט אַן אַקסל אַוועקמאַכן, ווי מע זאָל אים פֿרעגן וועגן זאַכן, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צום ענין — אָפּגעענטפֿערט:

— אייסעך, וואָס איז די נפֿקא־מינא? ער איז אַ מלמד, לערנט מיט קינ־דער און האָט קיין פּרנסה ניט; קנעלט און לעבט אין דחקות, ווײַל ער איז שוין לאַנג פֿאַרשמט פֿאַ ראַזאַ, וואָס איבעריק געהערן האָט מען אי סקיינמאָל ניט געהאַט, בפֿרט די לעצטע צײַט, ווען ער איז געוואָרן אַ שטיק ראש און אָנפֿירער בײַ די בראַסלעווער... אָבער סע מאַכט נישט... מע קומט אויס, מע שלאָגט זיך דורך... דער עיקר איז ניט דאָס. דער עיקר איז, וואָס ער איז איצט דאָ, אַרויסגעקומען און באַפֿרייט פֿון אַ ערגער מין דחקות..

[2] אַריסטו, געמיינט: אַריסטאָטעלעס.

דערבײַ האָט מיכל די אויגן אויפֿגעהויבן און גענומען באַטראַכטן די ניט־יידישע שטוב. מע האָט געזען, אַז ס׳טוט אים הנאה די נײַע לופֿט פֿון דער ערדענער פּאָל, פֿון די געווייסטע ווענט און באַלעק און אויך פֿון די האַלב־פֿאַרוויאַנעטע פּויערשע און פּראָסטע גאָרטן־בלומען, און אויך יאָסעלע מיט זײַן קאָמפּאַניע, האָט מען געזען, האָבן אים געפֿרייט, און קוקנדיק אויף זיי און אויף זייער יוגנטלעכקייט, איז אויך ער אַליין, ווי עטוואָס ייִנגער געוואָרן און ווי ער וואָלט אַראָפּגעשאָקלט אַ געוויסע צאָל יאָרן פֿון זײַנע פּלייצעס.

אַז מע האָט אים געבעטן זיך זעצן, האָט ער געזאָגט: ניין, ער האָט נאָך וואו צו גיין און עפּעס אָפּצוטאָן. און אַז מע האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז די גאַנצע צײַט איז ער געשטאַנען און געהאַלטן דעם טלית אונטערן אָרעם, און אַז מע האָט אים געפֿרעגט: צו וואָס דער טלית? דאָ — דאָך ניט, און אין שול איז ער ניט געגאַנגען, און ווען יאָ, געברויכט מען דאָך פֿרײַטיק צונאַכטס אויך אין שול ניט קיין טלית? — האָט ער געענטפֿערט, און בשעת מעשה זיך אַליין אונטערן אָרעם אַרונטערגעקוקט, גלײַך ער האָט אים ביז אַהער אַליין נישט באַמערקט:

— האַ, דעם טלית? יאָ, ער דאַרף אים אויך צום גאַנג...

— צו וואָס? — האָט מען בײַ אים נאָכאַמאָל געפֿרעגט.

— צו וואָס? — האָט ער געשמייכלט, און דערבײַ האָט מען געזען, אַז ער וויל עפּעס ניט דערזאָגן: — צוליב אַ געוויסער זאַך, וואָס אָדער יאָסעלע מיט זײַן קאָמפּאַניע וועלן זיך שפּעטער פֿון אים דערוויסן, אָדער, אויב ניט, מאַכט אויך ניט אויס, מיט איין וואָרט, ער דאַרף אים...

מיר וועלן ניט דערציילן, ווי לאַנג מיכל האָט זיך דערנאָך בײַ יאָסעלען פֿאַרהאַלטן, און וועגן וואָס ס׳זײַנען ווײַטער געגאַנגען די רייד. מירן נאָר זאָגן, אַז ווען דער שמועס מיט אים האָט זיך פֿאַרענדיקט און מ׳האָט געזען, אַז מיכל קלײַבט זיך די שוין די שטוב פֿאַרלאָזן, אַזוי האָבן זיך אַלע מיט אים מיטגעלאָזט — ווער ס׳האָט אים נאָר ביז דער טיר באַגלייט, און יאָסעלע אַליין איז אַרויס מיט אים אויך אויסער דער טיר, אויך פֿון די טרעפּ פֿון גאַנעקל אַראָפּ. ער האָט אים אויך דורכגעפֿירט דורכן גאַנצן הויף, אַז די הינט, וואָס ווערן אָפּגעלאָזט אויף בײַנאַכט, זאָלן אויף אים ניט אָנפֿאַלן. און אַז זיי זײַנען צוגעקומען צו דער פֿאָרטקע פֿון הויף, האָט יאָסעלע, איידער ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט מיכלען, אים געבעטן, ער זאָל זיך פֿון היינט אָן וואָס אָפֿטער צו אים ווײַזן, זײַן שטוב איז פֿאַר אים, פֿאַרשטענדלעך, אָפֿן, און ער וועט אַלעמאָל זײַן אַ גאַסט אַן אָנגעלייגטער.

מירן דאָ אויך ניט דערציילן, ווי אַזוי מיכלס ווײַב האָט יענעם פֿרײַטיק צונאַכטס געוואַרט אויף אים, נאָך דעם, ווי ער האָט פֿאַרן אָוועקגיין פֿאַרנאַכט די געוויסע מעשה אָפּגעטאָן — די ליכט אויסגעלאָשן. מירן ווידער גאָר זאָגן, אַז ווען מיכל איז אַרויס פֿון יאָסעלעס שטוב, איז שוין אין דרויסן רעכט

פינצטער געווען, נישט נאָר אין די ניט־יידישע גאַסן, פון וואַנען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט, נאָר אויך אין די מער באַזעצטערע, יידישע.

דער עולם האָט שוין פון לאַנג אָפּגעדאַוונט און פון די שולן אַוועק. אין די פענצטער, וואָס מיט די ניט־פאַרמאַכטע לאָדן, האָט מען געזען, ווי די שבת־ליכט האָבן שוין אויף העלפט אויסגעברענט, און דורכן רוב שוין פאַר־מאַכטע לאָדן האָט זיך זייער שיין אַרויסגעזען דורך די שפּאַלטן.

ס'איז געווען שטיל און זעלטן־זעלטן צו באַגעגענען אַ דורכגייער, און מיכל האָט דורך אַט דער שטילקייט מיטן טלית אונטערן אָרעם געשפּאַנט, און זיין וועג האָט ער אָנגעריכט צום צענטער שטאָט, וואו דאָס רוב שולן און קלויזן האָבן זיך געפונען, און וואו אויך — די „אָפּגעבע שול״, און וואו אַנטקעגן איר, אויפן זעלבן פּלאַץ, איז געשטאַנען ר׳ דודיס קליין צוויי־שטאָקיק מויערל. דער אונטערשטער שטאָק — אַ האַלב קעלער־שטוב — אָפּגעגעבן פאַר מלך דעם לאַנגן, פאַר ר׳ דודיס שמש, וואָס האָט אים באַדינט, און אויפן צווייטן שטאָק, וואָס מיט די גרעסערע און ליכטיקערע צימערן, האָט געוואוינט אַליין ר׳ דודי.

מע דאַרף דאָ זאָגן: ר׳ דודי האָט געפירט אַ שטיק מלוכה, אי ערשטנס, ווי דער גרעסטער רוב אין אַזאַ אָנגעזעענער און גרויס־באַפעלקערטער שטאָט, ווי מ.; אי צווייטנס נאָך דערצו, אַלס פאַרשטייער פון איינער אַ חסידישער סעקטע, וואָס די היי־לענדישע רבנים זיינען איר, אַפּנים, געווען קאַרג, און זי האָט זיך געהאַט אירן אַן אייגענעם אין גאַליציע, אין טשאָרטקאָוו, צו וועמען ס'האָבן זיך פאַרגינט צו געהערן נאָר גאָר רייכע און אויך אַזאַ, ווי ר׳ דודי, מחמת אויף צו קומען אַהין האָט מען געמוזט האָבן אַן אויסלענדישן פּאַס, וואָס דאָס איז שוין נישט פאַר יעדערנס קעשענע. און אַזוי ווי אַט דער רבי האָט געוואוינט ווייט און קומען פאַר אים אָפטער איז געווען נישט גרינג אַפילו פאַר זיינע פאַרמעגלעכע אָנהענגער, האָט אים דערום ר׳ דודי דאָ, אין מ., פאַרבעטן, ווי אַ מין באַפולמעכטיקטער, הן ווען מען האָט אַמאָל באַדאַרפט אַן עצה, הן אַ בקשה, הן אויף קלייבן מעמדות־געלט — אַ מין חסידישער שטייער, וואָס ר׳ דודי האָט דאָס אַלץ גענומען אויף זיך.

שבת האָט ר׳ דודי געפּראַוועט נישט אַליין פאַר זיך און זיינע בני־בית, נאָר תמיד מיט אַ מנין, אַמאָל מער, אַלנפאַלס ניט ווייניקער, וואָס איז באַ־שטאַנען אָדער בלויז פון שטאָטישע חסידים, אָדער אויך פון אייניקע אָנגע־פאָרענע רבנים פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, עלטערע, יינגערע, וועלכע פלעגן קומען מיט פאַרשיידענע שאלות־ותשובות, ווען זיי האָבן ניט געוואָלט שטעלן אויף זיך, ביז זיי וועלן זיך ניט האַלטן אַן עצה מיט אַן עלטערן און געניטערן, מיט אַזאַ, ווי ר׳ דודי.

ביים שבתדיקן טיש, ווי בכלל אום שבת, איז ר׳ דודי געווען אין אַ שטריימל באַברוימט מיט סויבל, רבנים און אַנדערע — אין מיצלעך, מיט

סאַמעטענע דעניקעס און אויך מיט פוטער, אָבער מיט פוקס און ניט מיט סויבל.

צוליב דער פרייטיק־צו־נאַכטיקער סעודה האָט מען דעם טיש אַלע מאָל אין גאַנצן צערוקט, אַזוי, אַז ער האָט פאַרנומען פון וואַנט צו וואַנט כמעט די גאַנצע לענג פון צימער. ר׳ דודי אַליין — אויבנאָן, די רביצין מיט דער שנור — אין דער אַנטקעגנאיבערדיקער זייט, און תּמיד האָבן דעם טיש דעמאָלט באַדינט אויסער די דינסטן און די רביצין, אויך מלך דער לאַנגער, ר׳ דודיס משרת.

אויך דאָס מאָל איז ביי ר׳ דודיס טיש אַריבער אַ מנין אויסגעזעצט. ס׳האָבן אויך דאָס מאָל אייניקע פון דער פרעמדער אַנגעפאַרענע רבנים ניט געפעלט — אַזוי, אַז דער שטאָט — אַ בכבודיקער, אַ געהויבענער און זייער פייערלעכער.

ר׳ דודי האָט ביי דער סעודה וויניק גערעדט, בפרט אום שבת, און מחמת דרך־ארץ פאַר אים האָבן אויך אַנדערע די ווערטער געשפאָרט. דעם טיש האָבן באַלויכטן הויכע זילבערנע לייכטער מיט די בענטש־ליכט, און אויך אַ הענגלאָמפּ — אַלץ, ווי ס׳געהער צו זיין, און ווי ביי אַזאַ, ווי רב דודי, פאַדערט זיך צו שבת.

מען האָט שוין געהאַלטן נאָך די ערשטע מאכלים, און פּלוצים האָט זיך דערהערט פון קיך, וואוהין ס׳פירט די טיר פון דרויסן, עפּעס אַ קריי־געריש קול פון מלך דעם לאַנגן, פון די דינסטן און, דאַכט זיך, נאָך פון עפּעס עמעצן אַ פרעמדן... דאָס האָט מיכל בוקיער געעפנט די טיר אין קיך אַריין, און אַז מלך דער לאַנגער, וואָס האָט זיך גראָד דעמאָלט אין קיך געפונען צוליב זיין באַדין־מלאכה, האָט אים באַגעגנט, און געפרעגט ביי אים, וואָס ער דאַרף, און האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז צו ר׳ דודין, האָט ער אים דעם וועג פאַרשטעלט, אים צוריקגעשטויסן, שרייענדיק: „שבת! דער רב איז פאַרנומען! דער רב עסט! זאָל ער גיין און קומען אַן אַנדערש מאָל״.

— ס׳האָט אָבער, ווייזט אויס, ניט געהאָלפן דעם שמש׳ס געשריי און יענער, וואָס איז אַריין אין קיך, האָט — צי מיט חוצפה, צי מיט עקשנות, צי מיט ביידע אינאיינעם — דעם שמש פון וועג אָפּגעשאַרט און קעגן זיין ווילן צו דער שוועל פון עס־צימער צוגעקומען.

— גוט נאָוונט! — האָט זיך דערהערט אַ קול פון שוועל אַראָפּ. און אַלע ביים טיש, זיצנדיקע, אויך ר׳ דודי אַליין, האָבן גענומען באַטראַכטן דעם פאַרשוין, פון וועמען דאָס קול איז געקומען.

— גוט נאָוונט?! — האָט מען זיך פאַרוואונדערט, דערזעענדיק עפּעס אַ יידן מיט אַ טלית אונטערן אָרעם. — אי, נו... גוט שבת! — האָט מען אַלע צוזאַמען אים גענומען אויספאַרריכטן, מיינענדיק, אַז ער האָט זיך פאַרגעסן, געגרייזט און דערום נישט דאָס ריכטיקע אַרויסגעבראַכט.

— שבתא טבא — האָבן עלטערע רבנים אים אונטערגעזאָגט גאָר אַן אַלטן העברעאישן וואונטש, וואָס געהער צו שבת.

— אַ גוט נאַוונט! — האָט אָבער מיכל ווידער אַמאָל דאָס זעלבע איבער־געחזרט, און מ׳האָט געזען, אַז דאָס איז שוין ניט פֿון פֿאַרגעסן, נאָר מיט אַ באַוווּסטן מיין און קאַלטן צו להכעיס, וואָס קיינער האָט זיך די ערשטע מינוטן נישט געקאָנט דערקלערן, פֿונוואַנען נעמט זיך אַזאַ זאַך צו אַ יידן, צו אַ מענטשן, מיט אַ טלית אונטערן אָרעם, קומענדיק שבת צו דער סעודה אין אַ רבס שטוב, בפֿרט צו אַזאַ רב, ווי ר׳ דודי.

— שיכּור!

— משוגע!

— יצאָ מן הדעת![1]

— עבריין![2] — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען פֿון אַלע די, וואָס זיינען ביים טיש געזעסן און אין דער סעודה אָנטייל גענומען.

— וואָס האָט ער געוואָלט, דער ייד? — האָט זיך די רביצין פֿון בענקל אויפֿגעהויבן און איז מיכלען אַנטקעגן געגאַנגען, ווייל זי האָט געזען, אַז עפּעס איז דער באַזוך נישט קיין געוויינלעכער, און דער באַזוכער איז אָדער באַ־טרונקען, אָדער, ווי אַנדערע האָבן געוואָלט און האָבן אויסגעשריגן: משוגע.

— כ׳האָב געדאַרפֿט צום רב, צו ר׳ דודין.

— איצט? שבת? צו דער סעודה? — האָט די רביצין אַ פֿרעג געטאָן פֿאַרוואונדערט.

— ביי וועמען ס׳איז שבת און ביי וועמען — ניט! — האָט מיכל גע־ענטפֿערט.

— וואָס הייסט? איז וואָס־זשע איז ביי אים איצט? יום־טוב? אויף דער וואָך? אָדער, חלילה, חגאָ?

— אי... נו... וואָס האָט ער געוואָלט? — האָט ר׳ דודי פֿון דער קעגנ־איבערדיקער זייט טיש, פֿונעם אויבנאָן אַריבערדערלאַנגט זיין שוואַכלעכע שטים צו דער רביצין — פֿרעג, וואָס וויל ער, וואָס דאַרף ער.

דעמאָלט האָט זיך מיכל אָפּגעטיילט פֿון זיין אָרט ביי דער שוועל, וואָס ער האָט פֿאַרנומען, איז אַריין אין צימער און האָט זיך נעענטער, נעענטער צו ר׳ דודין אויבנאָן אונטערגערוקט, און צוגעקומען אַהין, האָט ער זיך גע־ווענדט ניט צו קיינעם, נאָר אַליין טאַקע צו ר׳ דודין.

— כ׳בין איך געקומען זאָגן, אַז כ׳גיי אַרויס פֿון כּלל...

— פֿון וואָסער כּלל?

---

[1] געריסט פֿון זינען.

[2] אַוואַריאַן — זינדיקער.

— פֿון אייערן און פֿון אַלע די, וואָס זיצן דאָ ביים טיש אויסגעזעצט, צו ווען זיי טוען געהערן... און אַט האָב איך דאָ מיין טלית געבראַכט, פֿון וועלכן איך זאָג זיך אָפּ הן בחיי — בעת איך לעב, הן במותי, ד"ה, אַז איך וועל שטאַרבן, וויל איך ניט, מע זאָל מיך אין אים באַגראָבן...

אַ דונער!... יאָ, אַ דונער ווען ער טרעפֿט אין אַ מיטן העלן טאָג, וואָלט ער ניט אַזוי איבעררעשט, ווי די ווערטער, וואָס אַט דער ייד, אַט דער מענטש, האָט אַרויסגעבראַכט ביי אַ רבֿ, בפֿרט ביי אַזאַ רבֿ, ווי ר' דודי, אום פֿרייטיק־צו־נאַכטס ביי דער סעודה, פֿאַר אַזאַ עדה יידן און פֿאַר שבת־ליכט און לאָמפּן...

— האַ, וואָס? וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט ר' דודי ווי ניט איינגע־הערט, אָדער ניט באַנומען דאָס געהערטע.

— רשע! — האָט זיך באַלד פֿון אַן עלטערן בייזלעכן רבֿ אַרויסגעריסן אַן אויסגעשריי.

— אוי לאָזנים שכך שומעות![1] — פֿון אַ צווייטן.

— מ'דאַרף קריעה רייסן — פֿון אַ דריטן.

— דול און פֿון זינען! — פֿון אַ פֿערטן.

— ירבעם בן נבט, עוכר ישראל! אין חרם! בגזרת נחש,[2] — האָבן זיך פֿון פֿאַרשיידענע מיילער דערהערט ווערטער, וואָס מע הערט זיי זעלטן, בפֿרט אום שבת.

— איי, איי, וואָס טוט זיך דאָ? ווער האָט אים אַריינגעלאָזט? — האָט זיך דעם רבֿס שנור צעגוואַלדעוועט — מלך! וואו איז מלך? זאָל ער אים אַרויסוואַרפֿן.

— אַרויס! אַרויס! פֿאַרוואָס קומט אונדז דעם שבת פֿאַרשטערן? — האָט אויך די רביצין פֿון איר זייט אונטערגעהאַלטן.

דעמאָלט האָט שוין מלך, וואָס פֿריער, ביי דער באַגעגעניש מיט מיכלען אויפֿן קיך, האָט ער אים ניט געקאָנט ביישטיין — איצט, ווען ער איז אויפֿ־געפֿאָדערט געוואָרן ווי אַ שמש — און באַדין־מלאכה — זיך אָנגענומען מיט כּוח און האָט זיך צו אים אַ לאָז געטאָן, ער האָט אים געוואָלט אָננעמען פֿאַר אַן אָרבל אָדער פֿאַרן קאָלנער און אים אַרויסשלעפּן. מיכל אָבער האָט זיך ניט געלאָזט: ער האָט אַזאַ קוק געטאָן אויף מלכן, אַז זיין אויסגעשטרעקטע האַנט איז געבליבן הענגען, ווי אַ פֿאַרקילטע. און איידער מיכל האָט באַ־שטימט אַליין אַרויסגיין, האָט ער אַפֿריער אָפּירגענומען זיין טלית פֿון אונ־טערן אָרעם, און נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּגעזוכט אַ פֿריי אָרט אויפֿן טיש און אים אָוועקגעלייגט, האָט ער ערשט דעמאָלט זיך אויסגעקערעוועט, און

[1] ווי די אויערן, וואָס הערן אַזוינס.

[2] צונעמען פֿאַר אַן אַפּיקורס, ווען ס'קומט אַריינלייגן אין חרם.

באַגלייט פֿון די ווילד־דערשראָקענע בליקן פֿון אַלע די, וואָס זיינען ביים טיש געזעסן, איז ער אַרויס פֿון צימער און צום קיך און צום דרויסן זיך געלאָזט...

מיר וועלן ניט זאָגן, ווי אַזוי מיכלס טלית איז דעמאָלט אויף ר׳ דודיס טיש אַ פֿאַרשעמטער ליגן געבליבן, און ווי ביי אַלע האָט דערנאָך ווי דער צונג אָפּגענומען, און מ׳האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען גאָרניט.

מיר ווילן אויך ניט זאָגן, ווי אַזוי יענע פֿרייטיק־צונאַכטיקע סעודה האָט זיך געענדיקט, און ווי אַזוי אַלעמען איז שוין דערנאָך דאָס עסן ניט איינגע־גאַנגען, און נאָר לכבוד שבת האָט מען זיך געמאַכט, ווי מ׳עסט, כאָטש מ׳האָט געפֿילט, ווי שטיינדלעך אונטערן צונג.

מירן נישט זאָגן אויך וועגן דעם, ווי אַזוי מיכל בוקיער איז דעמאָלט דורך דער ליידיקער שול־גאָס אַוועק אין זיין אייגענער, וואו קיין דורכגייער האָבן זיך אים שוין אוודאי ניט באַגעגנט, און ווי אַזוי ער איז געקומען צו זיין היים, צו זיין שטוב, וואו ער האָט געטראָפֿן די טיר אָפֿן, נאָר אַ קליין לעמפּעלע, אָן שבת־ליכט, האָט געצאַנקט, און ווי אַזוי די גאַנצע שטוב האָט אויסגעזען אָבלדיק, און ווי קיינער האָט זיין אָנקומען ניט באַמערקט, ווייל אַלע, סיי די קינדער, זיינען, ווער־וואו, אין פֿאַרשיידענע ווינקלען, מיט פֿאַר־טריקנטע טרערן אויף די אויגן איינגעשלאָפֿן... מיר וועלן ניט דערציילן, ווייל דאָס אַלץ קאָן מען זיך אַליין פֿאַרשטעלן. מירן נאָר זאָגן, וואָס מאָרגן אויף דער נאַכט, שבת־צונאַכטס, איז ווידער ביי ר׳ דודין פֿאָרגעקומען, און ווי אַזוי מ׳האָט דעמאָלט גערעדט און באַהאַנדלט דאָס נעכטיקע געשעעניש...

*

יענעם שבת־צו־נאַכטס האָט זיך צו ר׳ דודין, ווי אַלע מאָל, געוויינלעך, אַ גרעסערער עולם צונויפֿגעקליבן. אַחוץ די אָנגעפֿאָרענע געסט — רבנים פֿון דער פֿרעמד — האָבן זיך אַריינגעשטעלט אויך היגע, אויך שוחטים, מנקרים און בכלל כּלי־קודש, ווי שול־גבאים, כּל־בו, און קאָראָבקע־לייט און אַנדערע.

ס׳האָט זיך דעמאָלט געוויזן אויך דער גרויס־שטאָטישער גביר יעקב־יוסי איילבירטן, וואָס פֿלעגט שבת צונאַכטס, נאָך הבדלה, הייסן שפּאַנען דאָס האַלבע פֿאַעטאָנדל, מיטן הויכן זיץ — אַ מין ברישקע, און צופֿאָרן צו ר׳ דודין, אַמאָל כּדי צו באַהאַנדלען אַ נייטיקן שטאָט־עניין, און אַמאָל נאָר כּדי אויסהערן אַ רבניש וואָרט, וואָס איז גלייך צו אַ תורה.

ס׳איז געווען טומלדיק, די רביצין איז שוין האַלב־וואָכעדיק געווען פֿאַר־פֿאַטיעט אין קיך ביים צוגרייטן דעם שבת־צונאַכטיקן באָרשטש און אויך אַנדערע מאכלים, ווי ס׳פֿירט זיך.

דאָס מאָל האָט זיך ר׳ דודי געפֿילט אַ ביסל שלעכט פֿונעם נעכטיקן אויפֿדערנאַכט, וואָס האָט אים אונטערגעריסן, און ער האָט זיך היינט ניט

באַנוגנט, ווי אַלעמאָל, נאָר מיט שבת־בייטאָגיקן שלאָף, נאָר ער איז אויך נאָך הבדלה אַריין צו זיך אין אַלקער זיך צולייגן.

אָבער ס׳מאַכט ניט: דער רב האָט אין אַלקער געקרוט, און אין שטוב האָט זיך דערוויַיל שוין דער עולם געקליבן, יעקב־יוסי איילבירטן איז שוין מיטן האַלבן פּאַטאַנדל, מיטן הויכן זיץ — אַ מין ברישקע — געהאַט צוגע־פֿאָרן, אויך די שטאָטישע רבנים, שוחטים אאַז״וו. און אויך האָט מען היינט צווישן אַלע איבעריקע געקאַנט באַמערקן אַ פּאָר פּאַרשוינען, ווי יונה און זכריה שענקער, וואָס כאָטש אַזעלכע איז מען אַלעמאָל ניט איבעריק געוועזן, נאָר אַזוי ווי אַ רבס אַ שטוב איז, אין אַ געוויסן פּרט, אַ קהל־שטוב, וואָס שטייט פֿאַר יעדערן אָפֿן, האָט מען דערום אויך פֿאַר אַזוינע זי ניט געקאָנט אָפּשליסן.

אַ פּאָר ווערטער וועגן אָט די לעצטע:

זכריה האָט געהאַלטן זיין שענק אינמיטן יאַטקע־מאַרק פֿאַר קצבים, העקער, טרעגער און אַנדערע. ער איז געווען זייער פֿלינק אין האַנדל: פֿלעגט אונטער זיין פֿאַרקויף־טיש אָפּגיסן און שנעל אַנצאַפּן אַ גלעזל בראַנפֿן פֿון פֿעסל, דערלאַנגען דאָס פֿאַרבייסן, גיך, אויפֿן קאָפּ מאַכן דעם חשבון, און גיך און שנעל באַקומען, וואָס ס׳קומט אים, אַריינלייגן אין קאַסע־שופֿלאַד און, ווען מ׳דאַרף, אַרויסגעבן אויסגאַב.

ער איז אויך שנעל און פֿלינק געווען ביים שענק — און שטאָט־מחלוקת און קריגערייען. נאָך איידער דער קעגנער זיינער, דער וואָס איז ווערט פּעטש, האָט זיך באַוויזן אַרומקוקן, אַזוי האָט ער אים שוין דעם ערשטן פּלאַם אין פּנים דערלאַנגט. יענער האָט זיך שוין מיט בלוט באַוואַשן... און אויב יענער איז אויך ניט געווען קיין פּראַמאַך און אַן אַבי־ווער און איז אויך מיט פּעטש און מיט קולאַקעס אַנטקעגן געקומען — אַזוי האָט זכריה זיך אַ לאָז געטאָן מיטן קאָפּ פֿאָראויס צו יענעמס ברוסט און אים אַזאַ זעץ געטאָן, אַז יענער האָט גלייך דאָס גלייכגעוויכט פֿאַרלוירן און איז באַלד שוין אַן אונטערגעבראָכענער און באַזיגטער אויף דער ערד געפֿאַלן.

דאָס איז זכריה.

דער צווייטער, יונה, שוין אַן אַנדערער, מער געזעצטער, אַ געפּאַקטער, שוין אין די זעכציקער, און אוודאי מיט אַ יאָר צען עלטער פֿון זכריהן, אָבער דאָס פּנים פֿון דער ווייסער באָרד אַרויס נאָך רויט, קרעפּטיק, גע־שפּיקעוועט, און קיין קרענק, האָט מען געזען, האָט אים זינט ער לעבט, ניט דערגרומען.

יענער האָט געהאַלטן דעם שענק אַ ביסל וויַיטלעך, אויפֿן וועג, וואָס פֿירט צום בית־עולם, וואָס אַהין פֿלעגן זיך, אַמערסט אין די אָוונטן, צונויפֿ־גיין הפֿקר־יונגען, טויבן־לאָזער, קאָרטן־וואָרפֿער, האַלבע און גאַנצע גנבים און „קייסאַרים“. זיי פֿלעגן זיך דאָרט פֿילן גאַנץ פֿריי און אַ שטיק פֿון

זייער הפקר קאָנען אויסברענגען אי אין שטילע גערײדערייען וועגן זייערע טונקעלע עסקים, אי אויך אין מער אָפֿענע רייד וועגן לינקע ליבעס, וועגן מוידן, וואָס היינט־מאָרגן דאַרפֿן זיי ווערן אַמען, און וועגן פֿאַרשידענע „וואָסערלעך" און אַנדערע מיטלען, וואָס מע באַנוצט צו ליבע; ווי אַזוי מע דאַרף מיט זיי „אָפּטאָן", אַז דער צווייטער צד — דער „ער" אָדער די „זי" — זאָל כאַפּן דעם שלאַק סע זאָל אים אים, אָדער זי, ציען, ווי מיט שטריק, ביז קראַפּירן.

ביי אים, בי יונהן, האָט מען געשמועסט, איז בכלל ניט איבעריק כשר. מען האָט אַמאָל דאָרט געקאָנט אָפּשטעקן אַ גנבה בשתיקה, אַז קיין פֿויגל זאָל ניט וויסן, קיין האָן ניט קרייען, ווייל יונה איז, מיט וועמען מע דאַרף, שטאַרק געווען צוגעפֿגעלייגט: קלענערע נאַטשאַלסטווע — קליין צו באַשמירן, בלויז מיט אַ טרונק בראַנפֿן און ווייניק צובייסן, גרעסערע — ווען מע דאַרף, אויך אַ היפּשע מטבע אין דער יד אַריינשטעקן.

יונהס שענק האָט אַמאָל אויך געשמט מיט זיין ווייב, וואָס איז, ווייזט אויס, געווען גאָר ניט פֿון געהויבענעם יחוס, אָבער דערפֿאַר אַ ווייב מיט די אמתע פּאָלעס, מיט די היפּש־געטאָקטע קליבעס, וואָס אַז זי האָט אַ גיי געטאָן אין שענק האָבן פֿיל מאַנצבילשע הערצער גענומען פּאָכען און נאָזלעכער — שווער צו אָטעמען... היינט איז זי שוין עלטער, האַלט זיך אין דער מעלה, אָבער ווער ס'וויל, קאָן זיך אויך איצט פֿאָרשטעלן, ווי יענע האָט אַ מאָל אַ וועלט געסמאַליעט — אַליין שוין דערפֿון, וואָס זי האָט אַזאַ יונהן געקאָנט אַריינכאַפּן. זי האָט אים אויף דער וועלט נאָר איינעם אַ זון אַריינגעבראַכט, וואָס איצט, אין דער צייט, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ, איז ער שוין אַ גרויסער, אַ הויכער, איבער די צוואַנציקער און געראָטן אין דער מוטער; אָבער קיין נחת פֿון אים האָבן נישט ביידע — נישט יונה, נישט דאָס ווייב; ווייל, מעגלעך, אַ דאַנק דער מוטער איז ער שוין גלייך פֿון בויך אויף דער וועלט געקומען מיט זיין שלאַפֿקייט, און נאָר יונהס געזונטע בלוטן האָבן מיטגעהאָלפֿן, אַז ביז איצט, ביז די צוואַנציקער, זאָל זיך דאָס אים אַרויסווייזן; און מעגלעך אויך, אַז דער בחור, דער פֿאַרשוין, איז ערשט, בשעת ער איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך אָנגעהויבן אַרומפֿירן מיט אויסגעלאַסענע מוידן, האָט ער די שלאַפֿקייט אַליין, מיט אייגענע קענטעניש, דערוואָרבן... ווי ס'זאָל ניט זיין, נאָר דער בחור איז שוין פֿראַנצעוואַטע, האָט מען געשמועסט, און נאָענטע שכנים פֿון זעלבן הויף, וואו יונה האָט געוואוינט, האָבן פֿון געוויסע סימנים געוואוסט אויף זיכער און האָבן נביאות געזאָגט, זיך שעפּטשענדיק, אַז אין גיכן וועט ער — יאָ, שוין אויך בלייבן אָן אַ נאָז...

בקיצור, יונה — אַ מענטש מיט אַ נאָמען. דערצו נאָך איז ער, אויסער שענקער, געווען אַ שטיק סטאַראָסטע אין שטאָט־אופּראַווע, און צעך־יונגען,

באַלמעלאָכעס, האָבן תּמיד באַדאַרפֿט צו אים אָנקומען נאָך פֿאַרשיידענע טובֿות, פֿאַר וועלכע ער האָט אַלעמאָל זיך געהייסן אין דער האַנט אַריינלייגן.

מע האָט באַדאַרפֿט זען, ווי אַ יונג פּאַרל, אַ באַלמעלאָכע מיט אַ דינסט־מויד, למשל, זיינען פֿאַר אים געקומען, און דער יונג האָט אַ זאָג געטאָן: ר׳ יונה, כ׳דאַרף חופּה־שטעלן, כ׳דאַרף אַ קוויטל צום רבֿ — האָט מען באַדאַרפֿט זען, ווי אַזוי יונה האָט זיך אַוועקגעשטעלט, די הענט „פֿיד־באָקאָם״, און צוערשט באַטראַכט די מויד פֿון אויבן ביז אַראָפּ, אַלע אירע אבֿרים אָפּגעמאָסטן, און דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— וואָסי? וואָס האָט איר אַזוי קיין צייט ניט? וואָס כאַפּט אייך אַזוי דער רוח אַוועק? איר וועט נאָך באַווייזן... — און דערביי פֿלעגט ער פֿאַר־ענדיקן מיט אַזוינע פֿאַר ווערטער, אַז ניט נאָר דער כּלה־מויד זיינען אַלע בלוטן אין פּנים געקומען, נאָר אויך אַפֿילו דער חתן, דער באַלמעלאָכע־יונג, האָט געמוזט די אויגן פֿאַרשעמט צו די שפּיץ־שיך אַראָפּלאָזן... דערמיט האָט יונה געמיינט צו זאָגן, אַז מע דאַרף זיך ניט איילן מיט קיין אַנדערע הנאות צו האָבן, ביז, פֿאַר אַלעמען, ס׳וועט אים זיין רח״ש[1] ניט געסילוקט ווערן.

צו דעם אַלעמען איז יונה נאָך געווען אַ סיפֿק, אַ דרייער ביי דער טאַקסע ביי גבאות, ביי פֿאַרשיידענע צדקה־אַנשטאַלטן, ווי ביקור־חולים, תּלמוד־תּורה א״אַ. וואו טאַמער האָט ער געהאַט די דעה צו זאָגן אונטן אַרום, אויבן אַרום, דורך אַלע זייטן, אַ דאַנק געוויסע אונטערגעקויפֿטע לייט און שרייערס, וועלכע זיינען שטענדיק געשטאַנען פֿאַר אים, און אין וואָס פֿאַר אַ ריכטונג און אין וועמעס אינטערעסן ער האָט זיי נויטיק געהאַט, אַהין האָט ער זיי אָנגעריכט און יענעמס צד געהייסן האַלטן. פֿאַר יונהן האָבן זיי געשריגן, פֿאַר אים האָבן זיי זיך איינגעשטעלט, און וואָס ער האָט געוואָלט, האָבן זיי אויסגעפֿירט און געפּועלט מיטן שרייען.

יונה איז געווען אַ נויטיקער מענטש פֿאַר געוויסע לייט פֿון קהל, און דערום האָט ער געהאַט איינגאַנג אין אַזוינע הייזער, וואָס ווען ניט דאָס, ד״ה, ווען מ׳זאָל ניט דאַרפֿן צו אים אָנקומען, וואָלט מען אים אַפֿילו אויף דער שוועל ניט געלאָזט.

ער האָט שטענדיק, קומענדיק אין אַזוינע הייזער, זיך געהאַלטן שטאַרק אָנשטענדיק, די שבתדיקע קאַפּאָטע פֿאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּ אַפֿילו אינדערוואָכן, און נאָך דעם, ווי ער פֿלעגט אַריינזופּן די אָנשטענדיקע לופֿט און די לייטישע רייד פֿון יענע הייזער, פֿלעגט ער באַקומען אַ ליאַדע אַנדיי־טונג, צוליב וואָס ער איז אַהין גערופֿן און איינגעלאַדן געוואָרן, און יונה

[1] רח״ש — רבנים־חזנים־שמשים־געלט, הייסט עס.

האט זיך שוין דאס איבעריקע געשטויסן, ווייל קיין פינגער אין מויל האט מען אים ניט באדארפט אריינלייגן.

ער האט זיך געלאזט אויסנוצן פארשידן: ניט נאר אין קאמף מיט א נישט־ געוואונטשענעם פארריסענעם בעל־טאקסע, אדער מיט אן אפגעפארע־נעם טויגעניכטס א גבאי, נאר אויך מיט אלע אנדערע, ווער נאר ס׳האט זיך קעגנגעשטעלט קהל און קהל׳ האט אים ניט געוואלט לײדן, ווי א יאסעלע מגפה, וואס אויך מיט אים האט זיך שוין יונה אמאל געהאט פארטשעפעט... דאס מאל אבער האט ער שוין שיעור שלעכט אפגעשניטן. ווייל יאסעלע, ווי געזאגט, האט געהאט א פען אין דער האנט, נישט נאר פאר פרעסע, נאר אויך פאר נאטשאלסטווע, וואס פאר איר האט מען געציטערט און — געהאט פאר וואס... אזוי, אז מיט יאסעלען איז די זאך ניט געראטן, נאר דערפאר אבער א ווייניקער געפערלעכער, ווי יאסעלע, אזא, לאמיר זאגן, ווי מיכל — דא איז שוין עפעס אנדערש, דא איז קיין געפאר, דא איז אפילו ווען ס׳זאל זיך האנדלען ניט וועגן איין מיכלען, נאר וועגן א גאנצן צענדליק, ווי ער, קאן מען אויך אין איין שמיי־דריי מיט זיי פארטיק ווערן אויף פארשיידענע אופנים: זיי מאכן א שלעכטן שם, זיי ארויסשלאגן פון פרנסה, ביז אפילו זיך ניט אפשטעלן פאר אזא זאך, ווי אז מ׳דארף, זאל מען זיי פאקן אין א הינטערגעסל און זיי אפשלאגן די כריפעס...

אז יונה האט זיך היינט דערוואוסט וועגן דער מעשה־מיכל, האט ער דערפילט א גרויסע באליידיקונג: ערשטנס, פאר ר׳ דודין, וואס כמעט א גאנצע שטאט דרייט זיך ארום אים, האלט זיך אן אין אים און קוקט אים אין מויל, און פאר וועלכן אזא נישט, א דער רוח־ווייסט־וואר, האט זיך דער־לויבט ארויספארן מיט אזוינס, וואס דערפאר קומט ממיתן: צווייטנס, א באליידיקונג פאר דער עצם־זאך, פאר יידישקייט, וואס כאטש יונה קוקט אפט אוועק פון דעם, ווי למשל, ווען ס׳פאדערט זיך אויסבאהאלטן א זאך, וואס מוז אויסבאהאלטן ווערן, און וואס, ווי באוואוסט, איז קיין בעסער ארט, ווי ביי יונה ניט צו געפינען... כאטש מיט יידישקייט, איז ער אליין ניט איבעריק שווה־בשווה, דאך האט אים די מעשה־מיכל אנגערירט ביזן ביין, ווייל ס׳טייטש? אזוי פירט זיך נישט! הפקר, און קעגן סדר־העולם... און אזוי ווי ער האט געוואוסט, אז אזא זאך ווערט ניט געשענקט, ניט פארשוויגן, און שטאט וועט זוכן מיטלען, ווי אזוי צו באצאלן מיכלען פאר זיין אומדער־הערטן טאט, און אז דערצו וועט מען זיך שוין בייטיקן אין הענט, ד״ה, אין מענטשן, וועלכע זאלן דאס נעמען אויף זיך און דורכפירן, האט ער דערום געהאלטן פאר נוצלעך צו זיין במקום המעשה, דאס הייסט, אויפן ארט, וואו די מעשה איז געשען, טאקע ביי ר׳ דודין, וואו זי וועט היינט, געוויס, פאר־האנדלט ווערן און מ׳וועט זי פון אלע זייטן ארומרעדן.

ער האָט אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, יונה, און גלייך ווי ער איז אַרויס פֿון שטוב, מיטן מיין זיך לאָזן צום רבֿ, אַזוי האָט ער פֿאַרלייגט די הענט אויף אַרונטער — אָן אַדערויף אויפֿן דרך־ארץ, מיט וועלכן ער וועט זיך דערנאָך האַלטן ביי יענעם, ווי אַלע מאָל, ווען ער קומט פֿאַר העכערס און לייטישערס פֿון זיך...

ער האָט אויפֿן וועג אויך מיטגעטיילט זכריהן און אים מיטגענומען פֿאַר אַ שטיק שותּף. און אַזוי האָבן, צווישן אַלע חשובֿע און אָנגעזעענע געסט דעמאָלט ביי ר׳ דודין, אויך זכריה און יונה זיך געטראָפֿן.

דער רבֿ האָט נאָך אַלץ גערוט אין נאָענטן אַלקער, און דערום האָט מען זיך אין עס־צימער געהאַלטן שטיל. מע האָט זיך געזאַמלט אין רעדלעך און, נאַטירלעך, זיינען די רייד געגאַנגען וועגן דעם, וועגן וועלכן זיי האָבן געקאָנט גיין: וועגן דער נעכטיקער טרעפֿעניש, וואָס אייניקע זיינען געווען עדות דערביי, און וואָס איצט, שבת צונאַכטס, בעת הבדלה, ווען מע האָט געטרונקען טיי און גערויכערט, האָט מען אויספֿירלעך און בהרחבה איבער־דערציילט פֿאַר יענע, וואָס זיינען דערביי ניט געווען און וואָס האָבן זיך אָנגעהערט מיט דורשטיקע אויערן.

זכריה דער שענקער איז געשטאַנען טיף אַריינגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ רעדל צוהערער און ניט געוואָלט פֿאַרלירן קיין וואָרט. ער האָט געשוויגן, אָבער מע האָט געזען, אַז ווען ער האָט אים, יענעם פֿאַרשוין, אָט דעם מיכלען, וועגן וועלכן ס׳גייט דאָ די רייד, וואָלט ער זיך צו אים אַ לאָז געטאָן מיט אָט דעם איינגעבויגענעם קאָפּ צו זיין ברוסט און אים אַזאַ שטויס געגעבן, ווי ער טוט עס תּמיד, ווען ער האָט פֿאַר זיך אַזאַ, וואָס אַליין פּעטש מיט קולאַקעס זיינען פֿאַר אים ווייניק און ער דאַרף אים זען ליגן אַן איבערגע־קערטן און אומגעוואַלגערטן.

ביים זעלבן רעדל איז געשטאַנען אויך יונה, ער אָבער רואיקער, ווי זכריה, ער — מיטן רויטן פּנים סיי פֿון די פֿעטע סעודות פֿון אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר, בפֿרט פֿון די שבתדיקע; אויך פֿון שבתדיקן געשמאַקן שלאָף פֿון נאָך די סעודות, און אויך די געשמאַקע ביסלעך בראָנפֿן, וואָס ער האָט אַלע מאָל, באַזונדערס שבת, אַריינגעכאַפּט און וועלכע האָבן אים רויט־געשפּיקעוועט דאָס פּנים און דעם הארבן פֿליישיקן קאַרק.

יונה האָט זיך געהאַלטן גאָר שטיל מעשה־אַנשטענדיק, מיט די הענט אויף הינטן פֿאַרלייגט, אָבער דאָס וואָס איז אין רעדל דערציילט געוואָרן, איז אויך פֿון זיין אויער קיין מינדסט ניט פֿאַרלוירן געגאַנגען, און אויך ביי אים, ווען מ׳וואָלט דעמאָלט אַ קוק געטאָן אויף זיין רוקן, וואָלט מען געזען, ווי די הענט רוען אים ניט. ווי אַמאָל האָט ער זיי געביילט, אַמאָל ווידער צעלאָזט, ס׳געווענדט אין דעם, ביי וואָס דער דערציילער האָט געהאַלטן.

דער דערציילער אין יענעם רעדל איז געווען אַ יונג אַנגעפּאַרן רבּ׳ל, אַ שטאַרק פרומס, וואָס האָט געזופּט לופט מיט גרויס גאָטפּאַרכטיקייט, און וואָס נאָך דעם, ווי ער האָט איבערגעגעבן אַליין די מעשה, ביי וועלכער ער איז בייגעווען, האָט ער זיך אַריבערגעוואָרפן אויפצוזוכן די סיבה, פון וועלכער אַזוינע „מעשיות״ קאָנען אַרויסשטאַמען, מיטן גאַנצן ווילדן צעוואוקס זייערן. ער האָט געגומען רעדן וועגן די בראַסלאַווער, צו וועלכע, ווי מען האָט געהערט, האָט אָט דער פאַרשוין, אָט דער מיכל, געקערט, און וואָס אויף זיי קאָן מען זיך אויף אַלץ ריכטן, ווייל דער שורש זייערער איז פורה ראש ולענה, דאָס הייסט — גיפט און ביטער־גאַל... דאָס מיינט מען דעם רבין זייערן, ר׳ נחמן, וואָס ווי מען דערציילט, איז אַז ער איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע קיין ארץ־ישראל און איז אַריין צום באַרדיטשעווער רב, האָט יענער, ווי נאָר ער האָט אים דערזען, גלייך אויסגעשריגן: וויי, וויי, וואו איז דיין צלם אלוקים אהינגעקומען?... און די בערדיטשעווער רביצין, דערציילט מען ווייטער, אַז זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי אים גלייך אָנגעגומען פאַר אַן אַרבל פון זיין זשופּיצע און אַ זאָג געטאָן: „גייט, גייט, ר׳ נחמן. דער באַרדיטשעווער רב וויל אייך ניט זען און נישט האָבן פאַר קיין אורח אין שטוב...״ און דאָס אַלץ דערפאַר, — האָט דאָס שטאַרק פרומע רבּ׳ל פאַרגעזעצט, — ווייל, ווי מען האָט איבערגעגעבן, האָט יענער, זייענדיק אין ארץ־ישראל, זיך משתטח געווען אויפן קבר פונעם תלוי[2]... ערגער: מע זאָגט אַפילו, אַז ער איז געווען אַ זורק אבן למרקולוס[3]

— וואָס? — האָט זכריה שענקער, דער איינציקער פונעם רעדל, און אויך יונה, דער צווייטער — דעם פרומען רבּ׳לס ווערטער ניט פאַרשטאַנען און איבערגעפרעגט:

— וואָס איז ער געווען? וואָס הייסט עס?

— דאָס הייסט, אַז ס׳פאַראַן אַזאַ עבודה־זרה, אַזאַ אָפּגאָט, וואָס מ׳דינט אים דערמיט, וואָס מען וואַרפט אין אים אַ שטיין.

— אַ שטיין? — האָבן זיך ביידע שענקערס איבערגעקוקט און ווידער ניט פאַרשטאַנען.

— יאָ.

— היינט וואָס־זשע איז דאָס חידוש — האָט דאָס פרומע גאָטפּאַרכטיקע רבּ׳ל פאַרגעזעצט — אַז פון אַזוינעם קומט אַזוינס אַרויס? מ׳קאָן זיך דאָס ריכטן אויף אַלץ, אויף כל׳ע פּסלנות, אויף שמד און אויף שוואַרץ־יאָר ווייסט וואָס.

---

[1] געקניט מיט אַ תפילה.
[2] דער געהאָנגענער, כריסטוס.
[3] געמיינט: געדינט צו אַן אָפּגאָט.

— רבי! — האָט זיך דאָ זכריה שענקער מיט אַ וואָרט אַרויסגעכאַפּט, מחמת די בלוטן האָבן זיך אין אים צעקאָכט און די אָדערן אין האַלדז האָבן זיך אים אָנגעצויגן גלייך ער וואָלט שוין געהאַט דעם קעגנער פֿאַר די אויגן, קעגן וועמען ער דאַרף אַרויסטרעטן, — רבי, איז אויב אַזוי, איז וואָס־זשע שווייגט מען? דאַרף מען זיי דאָך עוקר מן השורש זיין — אָט די אַלע שלעק, מיט די עבודה־זרהס און מיט די שטיינער! וואָס שווייגט מען! — האָט ער אין גרויס אימפּעט זיך אַריינגעריסן טיפֿער אין רעדל, פֿאַר וועלכן ער איז געשטאַנען, — וואָס דערלאָזט מען עס? לאָזט מיך, לאָזט יונהן!

— האַ, יונה? — האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו יענעם, און אים ווי געשטעלט פֿאַר אַן עדות, אַז ער מיט אים, מיט יונהן, הייסט עס, נעמען עס אויף זיך, אויב מע וועט זיי נאָר הייסן און באַפֿולמעכטיקן.

יונה אָבער האָט געשוויגן, און אין דעם מאָמענט, ווען זכריה האָט אויף זיין וואָרט און הסכמה געוואַרט, האָט אים יענער נאָר מיט אַ וואונק אויף דער טיר אָנגעוויזן: שטילער, הייסט עס, ר׳ דודי...

ווירקלעך: דעמאָלט זיינען אַלע מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל אין דעם מאָמענט האָט ר׳ דודי, שוין אַ ביסל אויסגערוט און גרייט צום שבתדיקן אויפֿנאַם, אויף דער שוועל פֿון זיין אַלקער זיך באַוויזן.

ער איז געווען אין כאַלאַט, ווי אַלע שבת־צו־נאַכטס. ער האָט געזשמור־רעט די אויגן אי פֿונעם נאַרוואַסיקן שלאָף, אי פֿון דער לאָמפּשיין, אי אויך פֿונעם עולם, וואָס האָט זיך אין עס־צימער פֿאַרזאַמלט. ר׳ דודי האָט זיך איינגעקוקט אין עולם, זען, ווער ס׳איז היימישער און ניט אַזוי חשוב, זאָל ער אים פֿאַרבייגיין, און ווער יאָ חשוב, ווי אַ יעקב־יוסי, זאָל ער צו אים זיינע ערשטע טריט אָנריכטן...

— אַ גוטע וואָך! — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, געווענדט צו אַלע־מען זיין וואונטש.

— אַ גוטע וואָך, אַ פֿולע וואָך — האָבן אים אַלע מיט כּבֿוד אָפּגע־ענטפֿערט.

ר׳ דודי איז צוגעגאַנגען צום אויבנאָן, וואו ס׳איז באַשטענדיק זיין אָרט, און וואו נאָענט לעבן דעם, אַ בענקל לעבן אַ בענקל, האָט שוין דער גביר יעקב־יוסי פֿון לאַנג געוואַרט אויף אים, און איצט, אַז ער האָט אים דערזען געגענען, האָט ער זיך פֿון זיין אָרט אויפֿגעשטעלט און מיט אָפּשיי ווי אים אַנטקעגן געגאַנגען.

אַז ר׳ דודי איז געקומען אויף זיין אָרט, זיינען אַלע פֿריערדיקע גע־שפּרעכן פֿון די פֿאַרשיידענע רעדלעך אַנטשוויגן געוואָרן און אַלע אויגן האָבן

זיך געווענדט צו אים, אויף וועמען מען האָט געוואָרט, ווי אויפֿן ראש־המדברים.[1]

— וועגן וואָס האָבן דאָ יידן געשמועסט? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן, כאָטש ער האָט זיכער אַליין געוואוסט און זיך אַנגעשטויסן.

— וועגן וואָס זאָל מען שמועסן, אויב ניט פֿונעם נעכטיקן, פֿונעם פֿאַרשוין בפֿרט, און בכלל וועגן שורש, פֿון וואַנען ס'שטאַמען און וואַקסן אַרויס אַזוינע.

— ריכטיק — האָט ר׳ דודי געזאָגט — וועגן דעם, און נאָר טאַקע וועגן דעם דאַרף מען רעדן: וועגן שורש. ווייל יענער אַליין איז דאָ מער ניט שולדיק, ווי די שׂרפֿה, וואָס עמעצער האָט אַנגעצונדען, שולדיק איז דער המבעיר את הבעירה — דער אונטערצינדער.

— ווער? וואָס? וועמען מיינט מען? — האָבן אַלע מיט אַמאָל צו ר׳ דודיס ווערטער אַן אויער צוגעלייגט.

— ווער? פֿאַרשטענדלעך, דער, וואָס שטייט בראש פֿון זיי; וואָס איז אַליין ביים אָפּגרונט און האַלט ניט אָפּ אַנדערע פֿון נאָענט צו אים צוגיין, פֿאַרקערט, ער שטויסט זיי אונטער.

— אַוודאי, אַוודאי — האָבן אייניקע ר׳ דודיס ווערטער אונטערגע־כאַפּט און אים צוגעבאַמקעט, — אַוודאי! מען האָט דאָס שוין לאַנג באַ־דאַרפֿט אַרויסזען. אמת, מען האָט שוין וועגן דעם ניט איין מאָל געפּרוּווט רעדן מיט זיין ברודער, מיט משה מאַשבער, אָבער יענער האָט זיך עפּעס אָפּגעשאָקלט, זיך ניט געוואָלט מישן, ווי ניט אין זיין זאַך און דאָס ווי מיט דער האַנט אַוועקגעמאַכט.

אַוודאי... אַ ברודער... — האָבן אַנדערע זייער וואָרט געהאַט אַריינ־צוזאָגן, — און ניט צו אים האָט מען זיך באַדאַרפֿט ווענדן.

— צו וועמען דען? — האָבן אַנדערע געפֿרעגט.

— טאַקע צו אים אַליין: אים וואָרענען, מתרה זיין, אַז ער איז אַליין פֿאַרפֿירט און פֿאַרפֿירט אַנדערע.

— דאָס וואָלט באַדאַרפֿט טאָן נישט קיינער, נאָר אַליין טאַקע ר׳ דודי, — האָט איינער, אַ מער דרייסטער, אַ זאָג געטאָן און געמאָנט פֿון ר׳ דודין, וואָס פֿון אים קומט, ווי פֿון אַזאַ, וואָס פֿון אים איז אַמערסטן צו פֿאָדערן, ווי פֿונעם עלטסטן רב אין שטאָט, פֿונעם חשובסטן, וואָס צו זיין וואָרט מוזן זיך אַלע צוהערן און זיין ווירקונג איז אויסער צווייפֿל.

— איך? — האָט שוין ר׳ דודי געהאַט אַ זאָג געטאָן דאָס ערשטע וואָרט אויף זיך צו פֿאַרטיידיקן און אָפּשאָקלען זיך פֿון דעם אַחריות, — איך?...

נאָר אין דער מינוט, ווען ער האָט שוין געוואָלט אַרויסברענגען דאָס

[1] דער הויפּט־רעדנער.

צווייטע וואָרט, אַזוי האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ קול, אויסגעשריגן פֿון מלך דעם לאַנגן, וואָס אויך ער האָט זיך דעמאָלט אין עס־צימער געפֿונען:

— זעט! ער איז ווידער דאָ!

דאָס קול איז אַרויס ווי פֿון איינעם, וואָס וואָלט פּלוצלינג דערזען זיך באַוויזן אַ ווילדע חיה אין מיטן אַ מענטשלעכן ישוב — זעט, ווידער...

— ווער? וואָס? — האָבן זיך אַלע פֿאַרזאַמלטע מיטאַמאָל אָפּגעקערט פֿון צו קוקן אויף ר׳ דודין, און זיך געווענדט צום אָרט, פֿון וואַנען דאָס קול האָט זיך דערהערט.

דער לאַנגער מלך האָט דאָ געמיינט מיט זיין אויסגעשריי דעם, וואָס קיין בן־אָדם וואָלט אויפֿן געדאַנק ניט געקומען צו גלויבן, אַז נאָך דעם, ווי ערשט נעכטן איז מיט יענעם דאָ די געוויסע מעשה געשען, זאָל ער זיך איצט ווידער אַמאָל טרעפֿן אין דער זעלבער שטוב, אויפֿן זעלבן אָרט און פֿאַר די זעלבע מענטשן.

דאָס איז געווען מיכל בוקיער.

אַ דונער!... ניין, ווען צען דונערן מיטאַמאָל זאָלן אין מיטן העלן טאָג אויפֿקנאַלן, וואָלטן זיי ניט געמאַכט אַזאַ דערשלאָגענדיקן איינדרוק, ווי דאָס צווייטע מאָל ווייזן זיך און קומען אַהער פֿון אָט דעם מיכלען. ס׳האָט דערצו קיין אַנדער דערקלערונג ניט געקאָנט געגעבן ווערן, ווי נאָר — אָדער טאַקע דול: אָדער ווי אַ מענטש, וואָס האָט ליב געקראָגן סכּנה און פּרוּווט דאָס מעסער אויפֿן האַלדז, פּרוּווט דעם קאָפּ אין תּליה־שטריק אַריינטאָן; אָדער צום לעצטן, מעגלעך, אַז אפֿשר האָט מיכל מיט זיין וואַקלענדיקער נאַטור, לסוף חרטה געקראָגן אויף דער נעכטן־אָפּגעטוענער מעשה און איז איצט געקומען אויפֿן זעלבן אָרט, וואו די זינד האָט אים געטראָפֿן, און פֿאַר די זעלבע אויערן, וואָס האָבן זיין שרעקלעכע לעסטערונג אויסגעהערט, צוריק מיט תּשובה צום לעבעדיקן און אַל־פֿאַרגעבנדיקן גאָט זיך אומקערן.

נישט אַנדערש, אַז טאַקע איינס פֿון די זאַכן, וואָס וועלכע זי זאָל ניט זיין, האָט זי מיכלען געמאַכט אויסזען, ווי אַ הולך למיתה, ווי אַ מענטשן, וואָס גייט דעם טויט אַנטקעגן... ווייל אויב אין דער ערשטער מינוט, ווען דער שמש האָט אויסגעשריגן, האָט מען אים, מיכלען, געקאָנט אָננעמען ווי אַ חיה, וואָס האָט זיך באַוויזן צווישן מענטשן, איז אָבער שוין שפּעטער אַ מינוט, ווען מיכל איז אַראָפּ פֿון דער שוועל און האָט געזאָלט שטעלן די ערשטע טריט אין שטוב אַריין, האָט שוין די זאַך אויסגעזען פּונקט דער היפּוך: נישט ער — די חיה, נאָר פֿאַרקערט, ער — דער איינציקער מענטש, דער אומבאַהאָלפֿענער, דער אומבאַוואָפֿנטער מיט גאָרניט, האָט זיך פּלוצלינג אַריינגעטראָפֿן, ווי אין אַ שטייג פֿון צעווילדעוועטע, ווען זיין לעבן איז פֿון לכתחילה אָן און פֿון פֿאַראויס באַשטימט איינגעשטעלט, און דאָס

איינציקע, וואָס אים איז געבליבן איז אַרויסצושעפּטשען מיט בלאַסע ליפּן אַ בלאַסע ווידוי פאַרן טויט...

— האָ! ער־דער! — האָט זיך פון אַלעמענס מיילער אַרויסדערהערט און אַלע האָבן אויף אים בייז־פאַרצוקעכדיקע בליקן אַנגעשטעלט.

ס'איז אַ ווײַלע געוואָרן שטיל. אַלע האָבן דעמאָלט געווענדט די אויגן פון אים אויף ר' דודין און פון ר' דודין ווידער אויף אים, ווי ניט געקאָנט זיך באַשליסן, אָן דער דערלויבעניש פון ר' דודין, פונעם עלטסטן און פונעם באַלעבאָס פון שטוב, עפּעס פירצונעמען קעגן אים, ניט אים עפּעס צו זאָגן, ניט אויסצושרייען, ניט אַוודאי אַנצופאַלן אויף אים, און ניט ווי איינעקע, ווי זכריה און יונה שענקער, האָבן געמיינט — אים אויף שטיקער צערייסן.

— זאָל ער! — האָט ר' דודי שטיל אַ זאָג געטאָן, — וואָס דאָס האָט באַטייט, ערשטנס, מיכלען אַ דערלויבעניש אַרייַנצוקומען צווישן די פאַר־זאַמלטע, און צווייטנס, אַ פאַרבאָט אים אַנצורירן, אים שלעכטס טאָן, איידער ער, ר' דודי, הייסט עס, וועט פריער די לאַגע נישט אויסקלאָרן און דערגיין די סיבות, וואָס האָבן אים דאָס צווייטע מאָל אַהער געבראַכט.

— און וואָס האָט ער ווייטער געוואָלט? — האָט אים ר' דודי אַ פרעג געטאָן, ווען ער איז עטוואָס נעענטער אונטערגעקומען.

— איבערצוחזרן דאָס זעלבע וואָס נעכטן — האָט מיכל געענטפערט... אַלע זיינען געבליבן געפּלעפט, באַזונדערס אַליין ר' דודי, וואָס פון עלטער פּלעגט זיך אים די לעצטע צייט בכלל די פיס ברעכן און אים קוים אויפ־האַלטן, אַפילו ווען אין גוטן מוט און ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן מער רואיקע זאַכן; בפרט איצט, ווען ער האָט, דערזעענדיק מיכלען, זיך אויפגעהויבן פון אָרט, שוין גלייך אַ האַלב־דערשלאָגענער, בפרט נאָך, ווען ער האָט דערהערט פון יענעמס מויל די זעלבע ווערטער, וואָס נעכטן, אַרויסקומען.

ס'האָבן זיך אים די קני אונטערגעבראָכן, ער האָט זיך מיט די הענט אָנגענומען פאַרן טיש, כדי צו האָבן אָן אָנשפּאַר, און אַט אַזוי, שטייענדיק, האָט ער זיך נאָך אַמאָל געווענדט צו מיכלען, אָבער ניט ווי אַ געוויינלעכער אויספאָרשער, וואָס דער שולדיקער גייט אים ניט אָן, און ער באַציט זיך גלייכגילטיק צו זיין גורל, נאָר ווי אַזאַ, וואָס וויל, אַז דער באַשולדיקער זאָל, ווי ווייט מעגלעך, זיך ריינוואַשן און אַרויס אָן אומבאַפלעקטער, און וואָס צוליב דעם לייגט ער אים אַריין ווערטער אין מויל, עפנט פאַר אים אַ טיר פון חרטה, און דערלאַנגט אים מיטלען, ער זאָל זיך קאָנען באַפרייען פון זיין צרה.

— און צו וואָס דאָס איבערחזרן? — האָט ר' דודי אַ פרעג געטאָן.

— כדי מע זאָל ניט מיינען, אַז דאָס, וואָס כ'האָב נעכטן געזאָגט, איז געזאָגט געוועז אין אַ שעה מטורפת ובדעה מטורפת — פֿון שיכּרות צי פֿון שיגעון.

— און אפֿשר יאָ? באַטראַכט זיך, מיכל בן...[1] — האָט ר' דודי אַ זאָג געטאָן אויף אַ רבנישן אופֿן, ווי בשעת חליצה, צי בשעת אַ גט, ווען מ'דאַרף וויסן דעם נאָמען און דעם מוטער־נאָמען פֿון דעם, צו וועמען מע ווענדט זיך.

— בן שרה־פֿייגל, — האָט אים מיכל אונטערגעזאָגט.

— איז באַטראַכט זיך, מיכל בן שרה־פֿייגל, אפֿשר טאַקע פֿאַרט פֿון שוואַכן זינען, פֿון צער, פֿון ערגער, וואָס דעמאָלט, אויב מע טוט עפּעס ניט רעכט, איז אין אָדם נתפּס...[2]

— ניין, — האָט מיכל געזאָגט, — ס'איז בדעה צלולה ומיושבת.[3]

— איז, הייסט עס, האַלט ער זיך טאַקע פֿעסט ביי זיינעם?

— יאָ, — האָט מיכל ווידער געזאָגט.

— און קיין תּשובה און קיין חרטה דערלאָזט ער ניט?

— ניין.

— און ער האָט קיין מורא ניט פֿאַרן משפּט אויף דער און אויף יענער וועלט?

— ניין, ווייל ס'איז נישטאָ פֿאַר וועמען, ס'איז לית דין ולית דין...[4]

— אויב אַזוי... על דעת המקום ועל דעת הקהל...[5] פּושע ישׂראל איז דיין נאָמען... אחר...[6] חוטא ומחטיא...[7]

— רבי! האָט זיך דאָ דערהערט אַ קול — ניין, נישט איין קול, נאָר פֿיל קולות, געווענדט צו ר' דודין, פֿון פֿיל מיילער אַרויסגעקומען, נאָר דאָס סאַמע שטאַרקסטע פֿון זכריה דעם שענקער, וואָס האָט זיך, ווי אַ צע־ווילדעוועטער בופֿלאָקס, פֿון זיין אָרט אַ ריס געטאָן: — רבי, איין וואָרט, און מיר מאַכן פֿון אים אַשפּה.

— אַשפּה![8] — האָט אים יונה אונטערגעהאַלטן, און האָט די הענט וואָס ער האָט זיי אַ שטיק צייט געהאַלטן הינטן, אויפֿן רוקן, איצט אַפֿיר־

---

[1] דער זון.
[2] איז דער מענטש נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך.
[3] מיט אַ לויטערן און קלאָרן געדאַנק.
[4] ס'ניט פֿאַראַן קיין רעכט און קיין ריכטער, ד"ה, קיין גאָט.
[5] אין גאָטס נאָמען און אין נאָמען פֿון קהל.
[6] געמיינט: פֿאַררעטער.
[7] אַליין זינדיק און מאַכט זינדיק אַנדערע.
[8] אַשפּה — מיסט.

גענומען, זיך געמאַכט אַרט צווישן עולם און זיך אַ לאָז געטאָן צו מיכלען גאַרניט מיט קיין בשלומדיקער כּוונה.

— ניטע! — האָט ר׳ דודי שלאַבעריק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געווענדט צו אַלעמען, בפֿרט צו די שענקערס, וועלכע האָבן זיך געוואָלט איינשטעלן פֿאַר אים, זיך אַנגענומען זיין קריוודע, און וואָס ווען ער דערלאָזט זיי, אַזוי איז געווען צו זען אין זייערע צעכעסטע פּנימער, אַז זיי וואָלטן וואָרט געהאַלטן, און פֿון יענעם, פֿון מיכלען, דאָ אויפֿן אָרט טאַקע, געמאַכט, וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט, אשפּה.

— ניטע! זאָל אים קיין האַנט ניט אָנרירן, וידינו לא תהיה בו...[1] זאָל אים גאָט צאָלן — האָט ר׳ דודי דעם עולם אויפֿגעהאַלטן, און מיכל איז אַזויערנאָך, ווי ער איז אַריין אַ נישט־אָנגערירטער, אַזוי איז ער אויך אַ ניט־אָנגערירטער אַרויס.

— זאָל אים גאָט צאָלן, זאָל ער זיך מיט אים אָפּרעכענען.

— ניין, מיר, רבי! מירן זיך אָפּרעכענען! — האָבן דאָ זכריהס מיט יונהס קול געשריגן, — מיר!

...מע האָט זיך דעם גאַנצן אָוונט דערנאָך נאָך געטומלט און די באַהאַנדלונג ווייטער געפֿירט. מע האָט זיך געהיצט, געטענהט און באַשולדיקט ניט נאָר מיכלען אַליין, נאָר אויך די סעקטע, צו וועלכער ער האָט געהערט, און באַזונדער דעם ראש און אָנפֿירער זייערן, אויף וועמענס קאָפּ ס׳איז די הויפּט־שולד צו וואַרפֿן — אויף לוזין...

מען האָט זיך געקאָכט און געטראַכט וואָס מ׳דאַרף דאָ פֿירנעמען.

— ובערת הרעה... דאָס שלעכטס מיטן וואָרצל אויסרייסן! — האָט געעצהט איינער.

— די נעסט פֿאַרניכטן — אַ צווייטער.

— אויף קיין יידישער שוועל ניט לאָזן — אַ דריטער.

— ס׳איז נאָך ערגער ווי יאָסעלע מגפֿה, יענער איז כאָטש מחוץ למחנה — אויסער קהל — און די, ווי ווערעם אינעם אייגענעם בויך, — האָט מען געשריגן פֿון אַלע זייטן.

...פֿאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט געפּועלט. געשריגן האָט מען ביי ר׳ דודין אין שטוב, און דערהערט האָט די גאַנצע שטאָט... פֿאַרשטענדלעך אויך, אַז ביז וואָס־ווען, ביז מ׳האָט באַוויזן זיך צו דערקלייבן צו אַלע איבעריקע שולדיקע, האָט מען זיך צו מיכלען אַליין דערקליבן שוין. וואָס אַ טאָג האָבן ביי אים אַלס מער תּלמידים אין דער פֿרי געגומען אויסגעפֿעלן, ביז איינעם אַ טאָג איז שוין געבליבן איינער, אי דאָס אַזאַ, וואָס האָט, פֿון

---

[1] אונדזערע הענט זאָלן אים ניט אָנרירן...

גרויס אָרעמקייט, סיי ווי קיין שכר־לימוד ניט געצאָלט, און אויף מאָרגן, נאָך יענעם טאָג האָט שוין דער איינער אויך געפֿעלט.

דאָס האָט געשמעקט מיט שטיל־שטאָטישן חרם. אויף מיכלס שטוב, אויף זיין ווייב און קינדער, האָבן זיך גלייך די פֿאַלגן אָפּגערופֿן. זיין שטוב האָט אָנגעהויבן פֿראַווען תּעניתים, און דאָ איז נאָך אַ צופֿאַל געשען, אַ ביטערער, אַן אומגליקלעכער, וואָס גוטע פֿרומע לייט האָבן אין אים דער־נאָך געוואָלט זען גאָטס האַנט, וואָס צאָלט כּלומרשט, פֿאַר געוויסע מעשים אויפֿן אָרט און מזומן, ווען אין דער אמתן האָבן זיי, אַט די גוטע פֿרומע לייט, דאָס בלויז פֿאַר זייער אַן אייגן פֿאַרדינסט באַדאַרפֿט פֿאַררעכענען...

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער, אין מיכלס שטוב איז קיין הייצונג ניט געווען. דערצו נאָך האָט צו יענער צייט געמומען אומגיין אַ שלאָפֿקייט, וואָס קומט כּסדר סוף הארבסט צו באַזוכן קבצנישע הייזער, וואו ס׳געפֿינט דעם גינסטיקן באָדן פֿאַר זיך אויפֿגעאַקערט.

ס׳האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו מיכלען. דעם ערשטן האָט דאָס אוועקגעלייגט זיין עלטער יינגל, בערלען, דעם געבערעכטן און מיט די אָנגעדראָלענע פּיס, פֿון אַרבעטן פֿון דער יוגנט אָן ביים שלייפֿער, און קיין ראַטונעק איז ניט געווען — קיין דאָקטער, קיין רפֿואות, און פֿון די פֿענצטער האָט געבלאָזן און דעם חולה אין בעט אַריינדערלאַנגט, האָט ער זיך נאָך מער פֿאַר־קילט, ניט אויסגעהאַלטן און אוועקגעשטאָרבן.

ס׳איז אויף קבורה נישט געווען, און מיכל בוקיער האָט זיך לאַנג געדונגען מיט חברה־קדישא, דערנאָך מיטן הויפּט־גבאי אַליין, צו וועלכן ער איז געלאָפֿן, און יענער האָט אים אַלץ אָפּגעלייגט, זאָגנדיק, אַז מתים האָט ער גענוג, ס׳איז דאָ בילכערס, און ער מוז מיט זיינעם אויסוואַרטן. מ׳האָט אים קוים, ערשט דעם צווייטן טאָג אויף דער נאַכט, פֿון שטוב פֿאַרנומען.

פֿון גרויס גליק האָט זיך מיכלס צווייט יינגעלע, זיין יאַנקעלע, וואָס האָט געאַרבעט ביי אַן איינבינדער אָנגענומען פֿון עלטערן, און ווי נאָר מען האָט יענעם פֿון שטוב אַרויסגעטראָגן, אַזוי איז יאַנקעלע איינגעפֿאַלן און האָט יענעמס נאָך כּמעט ניט אָפּגעקילט בעט פֿאַרנומען...

ס׳האָט נישט געדויערט קיין סך, און דער צווייטער, יאַנקעלע, האָט געענדיקט מיט דעם, וואָס דער ערשטער — בערל — מיט טויט און מיט מיכלס אומלויפֿן צו חברה־קדישא, אַז מען זאָל אים טאָן די טובה און מע זאָל צונעמען אויך דעם צווייטן.

און דעמאָלט, אַז ס׳האָט שוין געהאַלטן ביים צווייטן קינד, האָט מיכלס ווייב די האָר אויף זיך געריסן, פֿון גרויס צער פֿון אַ מוטער בכלל, ווען מ׳דאַרף איר פֿאַר אַזאַ קורץ שטיקל צייט דעם צווייטן זון פֿון שטוב אַרויסטראָגן; און בפֿרט פֿון דעם, וואָס זי האָט געהאַלטן, אַז דער טויט

איז ניט באַטירלעך, נאָר אַ שטראָף פֿון גאָט זייער טאַטן מיכלען פֿאַר זיינע פֿאַרשאָלטענע מעשים, וואָס ער האָט די לעצטע צייט אָפּגעטאָן, זי האָט געשריגן און געוואָלדעוועט, מער ווי אויף די טויטע, אויפֿן לעבעדיקן מיכלען:

— גוואַלד! קוילער! גזלן! מלאך־המוות פֿון דיינע קינדער! לויף צו יידן, לויף צו קהל, צום רב, און זאָל מען אָפּשטעלן דאָס פֿייער... בעט רחמים.

דערויף האָט איר מיכל גאָרניסט געענטפֿערט. ער איז געשטאַנען פֿאַר־שטיינערט און געקוקט אויפֿן מת, וואָס איז געלעגן אויפֿן אָרעמען פּאָל, אויף שטרוי אונטערגעבעט, מיט צוויי אָרעמע לייכטער מיט ליכט צוקאָפּנס, און יעדער מאָל, ווען דאָס ווייב האָט עפּעס אויסגעשריגן און זיך געווענדט צו אים מיט איר בראָך און טענות, האָט ער אויך איצט, אַ סברה, געוואָלט צוגיין צום מת צוקאָפּנס, און אויך די מתים־ליכט אויסלעשן. ער האָט דאָס אָבער ניט געטאָן, ווייל פֿאַרשטיינערט...

און דאָס איז די ערשטע שטראָף, — האָט די שטאָט געשמועסט, — און געוויסע פֿרומע לייט האָבן שטילערהייט די גאָטפֿאַרכטיקע הנאה געהאַט, זעענדיק, ווי געזאָגט, אַז גאָט לייגט ניט אָפּ און צאָלט אויפֿן אָרט... און וואָס ווייטער, און ווי אַזוי מענטשן האָבן אַליין געדענקט צו באַצאָלן און זיך אָפּרעכענען מיט די, וואָס זיינען ווערט די שטראָף, וועלן מיר שפּעטער זען און אויפֿן געהעריקן אָרט באַריכטן.

2

ווי מיר געדענקען, איז איינמאָל אין אַ געוויסן אויפֿדערנאַכט, ביי לוזין אין שטוב אָפּגערעדט געוואָרן, אַז משה מאַשבערס הויז זאָל איבערגע־שריבן ווערן אויף סרולים נאָמען, צוליב געוויסע צילן... דאָס איז אָפּגע־טאָן געוואָרן דורך משה מאַשבערס פּאַרטרויאונגס־מאַן און אַדוואָקאַט אי־ציקל זילבורג, וועלכער האָט אויסגענוצט אַלע זיינע פֿאַך־קענטענישן, כּדי ניט איבערצולאָזן קיין שום שפּאַלט און שפּעלטעלע און קיין איין פּונקט פֿונעם אָפּמאַך, דורך וועלכן אַ זייטיקער בעל־חוב זאָל קאָנען, וואו ניט איז אָדער ווען ניט איז, דורכקריכן מיט אַ וואָסער ניט איז טענה־ומענה.

אין אָפּמאַך איז געווען געשריבן: „דעם און דעם טאָג, פֿון דעם און דעם חודש, אין דעם און דעם יאָר גייט איבער דאָס הויז פֿון משה מאַשבער, מיטן פּלאַץ, אויף וועלכן ס׳געפֿינט זיך, צוזאַמען מיטן הויף, מיטן סאָד און מיט אַלע אַנדערע געבויען, ווי קאַמערן, שטאַלן וכדומה — פֿון דאַן און ווייטער אין רשות פֿון דעם נייעם אייגנטימער, פֿון סרולי גאַל, פֿאַר אַ געוויסער סומע (אַנגעוויזן די גרויס), וועלכע דער נייער אייגנטימער, סרולי גאַל, האָט אויסגעצאָלט מזומן דעם אַלטן — משה מאַשבער... געחתמעט פֿונעם לעצטן און נאָטאַריאַל־באַשטעטיקט און געשטעמפּלט, אַז קיינע ענדערונגען און

חרטות קאָנען שוין דאָ ניט געמאַכט ווערן און ניט פּאַרקומען, סיידן נאָר מיט גוטן ווילן און מיטן הסכּם פֿונעם צווייטן צד, פֿונעם נייעם אייגנטימער, פֿון סרולי גאָל...

איז אָט, אַז סרולי גאָל האָט אַרייַנבאַקומען אָט דעם אָפּמאַך — אויס־געפּאַרטיקט, ווי געזאָגט, דורך דער געניטער האַנט פֿון איציקל זילבורג, וועלכער האָט די גאַנצע צייט, בעת ער האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט אים ביים נאָטאַריוס, נישט געקוקט אין די אויגן נישט סרולין, און אַוודאַי נישט משה מאַשבערן, וועלכער האָט אויסגעזען ווילד פֿאַרחושט און דערשלאָגן — האָט זיך סרולין אין דער ערשטער מינוט געדאַכט, אַז ער פֿילט אַ ביסל נעץ פֿון עפּעס אַ טרער, וואָס משה מאַשבער האָט אויף דעם פּאַפּיר יאָ, אָדער מעגלעך, אויך נישט — אָפּגעלאָזט, אָבער וואָס אין די אויגן ביי אים האָט ער זי זיכער געזען — די טרער.

ווי סרולי האָט דאָס ניט פֿאַראויסגעזען און געצילט דערצו, איז אָבער איצט אַז ער האָט באַקומען דאָס געצילטע אין האַנט אַריין, אַזוי האָט ער זיך גלייך אָפּגעקערעוועט פֿון צו קוקן אויף משה מאַשבערן, און אויך אַפֿילו אויף איציקל זילבורג, און אַן אַ זיי־געזונט און ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, האָט דאָס הויז פֿון נאָטאַריוס פֿאַרלאָזט, דער שוועל זיין שטומען רוקן געוויזן, און — דאָס צווייטע מאָל פֿאַר זינט מיר קענען אים — האָט זיך היינט אין שענק אָוועקגעלאָזט.

דאָס מאָל אָבער ניט צו שלום אַהרונען אין ווייַן־שענק, ווייל שלום־אַהרונען האָט ער געדענקט ניט צום איבעריק גוטן נאָך פֿונעם ערשטן מאָל, ווען ער האָט זיך מיט אים גאָרניט בשלום אויסגעהאַנדלט. אויך צו זכריה דעם שענקער — ניט, ווייל דאָרט איז אַ שטיי־שענק, ד"ה אַן אָרט נאָר אויף איבערצוכאַפּן, אָבער אויף לענגער צו פֿאַרברענגען איז דאָרט צו ענג און קיין פּלאַץ ניטאָ. איז ער דערום אַוועק צו יונה שענקער, וואָס כאָטש צוגיין אַהין איז וויַיט, אָבער דערפֿאַר ווער ער, גייענדיק אַהין, קאָנען האַלטן אין זינען משה מאַשבער און זיך פֿאַרשטעלן, ווי אַזוי יענער האָט אויסגעזען ביים נאָטאַריוס בעתן אויספּאַרטיקן דעם אָפּמאַך, און ווי איצט — שוין נאָך דעם.

ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, ווי צווישן אַלע איבעריקע געדאַנקען משה מאַשבערס, קומט אים איצט געוויס אויף דער געדאַנק וועגן צאַלי דערבאַ־רעמדיקער... מ׳דערציילט וועגן יענעם, אַז יעדערס מאָל, ווען עמעצער אין שטאָט האַלט ביי אַנזעצן און מאַכט הכנות איבערצוטרעטן זיין קלייט, קראָם אָדער אַנדערע געשעפֿטן צו אַן אַנדערן; און ווי געוויינלעך ווערן דאָך אַזוינע זאַכן געמאַכט ביינאַכט, ווען קיינער זעט ניט, און ווען ביי איינעם אַ לאָמפּ, אָדער אַ ליכט, ווערן דעמאָלט אין קראָם די סחורות גע־פּאַקט, געוואויגן, געמאָסטן, איבערגעציילט און איבערגערעכנט, איידער זיי

דאַרפֿן איבערגיין אין רשות פֿון נייעם באַלעבאָס; — איז אַט דעמאָלט, דערציילט מען, דערהערט זיך מיטאָמאָל אַ קלאַפּ פֿון דרויסן... מ׳דער־שרעקט זיך, אָבער מ׳שטויסט זיך גלייך אָן, ווער ס׳איז דער פֿאַרשויך, וואָס ווייסט זיך צוצושטעלן אין אַזאַ סודותדיקער שעה — אַז דאָס איז צאָלי, וואָס דאַרף אַלע מאָל ביי אַזאַ געהיים שטיקל אַרבעט אַריינכאַפּן זיין חלק, — אַנדערש שרעקט ער, גייט ער דערציילן, אַנדערש, וועט ער באַלד אַהער אַלע בעלי־חובות צונויפֿרופֿן, אַנדערש, איז ער פֿאַראַפּאַלנע די גאַנצע שטאָט אויפֿוועקן, מאַכן אַ גוואַלד און אַן אויפֿגעלויף... מע ווייסט דאָס. און אַז ער קלאַפּט אָן און מ׳עפֿנט אים אויף, קומט ער ניט אַריין אינעווייניק, נאָר שטעקט אַריין די האַנט דורך דער שפּאַלט פֿון טיר און מע ווייסט שוין ווידער, וואָס די האַנט פֿאָדערט: לאַ־יחרץ[1]־געלט... מ׳לייגט אין איר אַריין אַזוי פֿיל, וויפֿל מ׳מיינט, אַז ס׳וועט גענוגן, אָבער יעדערס מאָל כאַפּט צאָלי אַ קוק דורכן שפּאַלט אויף דעם געגעבענעם און גיט אַ זאָג: „ווייניק״... ווייסט מען שוין, אַז מען דאַרף דערלייגן, אַנדערש, גייט ער ניט אַוועק, אַנדערש, קאָן ער נאָך לענגער שטיין מיט דער האַנט אַריינגעשטרעקט, וואָס דאָס איז דעמאָלט, אין ביינאַכט, ביי אַן איינציק־אָנגעצונדענעם לאָמפּ אָדער ליכט אין קראָם, גאָרניט אָנגענעם און ווייניק וואָס געוואונטשן.

יאָ, משה מאַשבער זעט שוין איצט געוויס צאָלי דערבאַרעמדיקערס האַנט צו אים אויסגעשטרעקט... אויך זעט ער פֿאַר זיך שלום שמאַריאַן, וואָס כאָטש יענער אָן אַ האַנט, כאָטש יענער, דאַכט זיך, אַלע מאָל ביי אַ פֿאַרקן פֿון עניוות און פֿון ניט וועלן מ׳זאָל זיין פֿרום קרום קעפּעלע אַרויסזען, דאָך מאַכט ער דאָס ניט ערגער פֿון אַ צאָלין און אין געגעבענעם פֿאַל, דאָ מיט משה מאַשבער, האַלט שלום אַ לאַקערדיק אויג אויף זיין קאַנטאָר, אַז טאָמער וואָס, טאָמער הויבט זיך אָן, זאָל ער זיין דערביי, זאָל ער ניט פֿאַרשפּעטיקן און דעם נויטיקן מאָמענט ניט דורכלאָזן...

משה מאַשבער, — האָט סרולי ווייטער געטראַכט — ווייסט שוין געוויס, אַז אויך אַזוינע ווי „קעצעלע״ דרייען זיך שוין די לעצטע צייט אַרום זיין שטוב און קאַנטאָר, כדי ניט צו פֿאַרשלאָפֿן די גסיסה און אין געהעריקן מאָמענט אַריינצוכאַפּן, וואָס געהעריק... זיי טוען דאָס אָדער אַליין, אָדער זיי האָבן זיך זייערע אָנגעדונגענע, ווי אַ שמואלעקל שלעגער, וואָס היטן, וואַכן, און וואָס איבער דעם, אַז משה מאַשבער גייט די לעצטע צייט פֿון קאַנטאָר אַהיים, ווי פֿון דער היים אין קאַנטאָר, קערט ער זיך אַלע ווײַלע מסתּם אום, ווי ער וואָלט זיך ריכטן, אַז אַן אומגעריכטער, אַ נישט־געוואונטשענער זאָל אים אין די פּלייצעס אָניאָגן מיט אַ שלעכטן רוף, מיט אַ שלעכטן וואָרט, אָדער, נאָך מיט ערגערס.

[1] געלט פֿאַר ניט בילן, הייסט עס.

אָט אַזוי האָט סרולי, גייענדיק צו יונהן, וועגן משה מאַשבער געטראַכט, און אַז ער איז, לסוף, אַריין אין שענק, און זיך געהייסן דערלאַנגען, וואָס מ׳פֿאָדערט אין אַ שענק, האָט ער גענומען טרינקען אי פֿאַר זיך אי פֿאַר משהן, ווי ער וואָלט אים אָדער געהאַט פֿאַר אַ לעבעדיקן שותף ביי דער זייט, אָדער ווי ער וואָלט חוץ זיין אייגענעם קאָפּ אויך יענעמס אויף זיינע אַקסל געטראָגן.

מ׳דאַרף קלערן, אַז יונה האָט געוואוסט סרוליס אָרט־פֿאַרנעם אין שטאָט פֿריער ביי אַלעמען און דאָס אָרט, וואָס ער פֿאַרנעמט איצט באַזונדערס ביי לוזין... און דערום, אַז ער האָט אים דערזען אונטער זיין דאַך פֿאַר אַ גאַסט אָנקומען, האָט ער זיך עפּעס דערפֿרייט, נישט וויסנדיק נאָך אייגנטלעך, וואָס צו טאָן מיט אים, און צי איז שוין די צייט דערויף, אָבער דאָך מיט אַ געפֿיל פֿון אַ יעגער, וואָס דערפֿילט אַ געפֿאַנג צו זיין כאַפּ־שטייגל נאָענט...

אַז סרולי האָט איין מאָל און צוויי מאָל אויסגעטרונקען, האָט ער אויך איצט, ווי אַמאָל ביי שלום־אַהרונען אין ווייַן־שענק, גענומען רעדן און זיך דורכשמועסן מיטן גלעזל... ער האָט גערעדט, און יונה האָט אַ וואונק געטאָן צו דעם איינציקן פּאַרשוין, וואָס האָט זיך גראָד דעמאָלט אין שענק געטראָפֿן, אַז יענער זאָל זיך אונטעררוקן און, ווי ווייט ער קאָן, צו סרוליס ווערטער זיך איינהערן.

דער פּאַרשוין — אַ גאַלאַנטאָן, אַ ליידיקגייער, מיט אונטערגעהויבענע אַקסל און מיט אַ געוויסן קוק פֿון אונטער אַן אַראָפּגערוקטן דאַשעק, האָט אויף יונהס באַפֿעל זיך צוגערוקט צו סרולין, און, אַ וואונק טוענדיק צוריק צו יונהן, האָט ער אים, ווי פֿאַרזיכערט, אַז ער מעג רואיק זיין: דער פֿויגל פּיקט, הייסט עס, און אַז וואָס פֿאַר אַ וואָרט יענער וועט נישט אַרויסלאָזן, וועט עס פֿאַרן פּאַרשוינס אויער ניט פֿאַרלוירן גיין.

שוין פֿון לאַנג אָפּגעוואוינט פֿון טרינקען, און דער עיקר נאָך דערפֿאַר, וואָס סרולי האָט איצט, ווי געזאָגט, צוויי קעפּ אויף זיך געטראָגן — זיינעם און משה מאַשבערס — האָט ער דערום, ווי נאָר ער האָט די ערשטע פּאָר כוסות אַריינבאַקומען, באַלד שויןביידע קעפּ צוזאַמענגעמישט געהאַט, און האָבנדיק נאָר איין צונג אין מויל, האָט ער פֿאַר ביידע מיט אַמאָל גענומען פּלאָנטערן און אַ האַלב־שיכורע רעדע האַלטן.

— טאָמער ווייסטו, צו וואָס האָט אים די גאַנצע מעשה געטויגט? מע וואָלט געקאָנט מיינען: אַ קוילער, אַ גזלן, וואָס קילט זיך ניט, ביז ער זעט ניט יענעמס בלוט אויף דער סטעזשקע, אָדער, אַז ער טראָגט נאָך אַלץ דעם האָס פֿאַר דער באַליידיקונג, וואָס ער קאָן ניט פֿאַרגעסן און ניט מוחל זיין... אַז ס׳הייבט זיך גאָרניט אָן! אָסור!... ניין, ניט קיין גזלן איז ער, סרולי, אויך די באַליידיקונג שפּילט דאָ קיין ראָליע. ער שווערט

זיך ביי דער משקה, וואָס ער טרינקט, אַז ניט דאָס איז די סיבה. די סיבה איז, מעגלעך, גאָר דאָס, וואָס מע האָט אים, סרולין, פֿון אויבן, באַשטימט פֿאַר יענעמס לעבעדיקער שטראָף, און אַז ער פֿירט דאָ אויס, אָן זיין אייגענעם ווילן, דאָס, וואָס די בייטש פֿירט אויס אין דער האַנט פֿון דעם, וואָס שמייסט מיט איר: ער איז די בייטש פֿון דער השגחה. און אויב אַזוי, שווערט ער ווידער ביי דער משקה, אַז ס'איז אפֿשר שוין גענוג געשמיסן... האַ? ער האָט משהן איין מאָל געזען ביים ברודער אין אַ געוויסער לאַגע, ער האָט זיך אים אויך פֿאַרגעשטעלט, ווען שמואלעקל שלעגער איז צו אים געקומען מיטן געוויסן באַזוך, וואָס ווי שמואלעקל האָט אים דערנאָך דערציילט, האָט ער זיך געמוזט פֿריער גוט אָנשיכורן, איידער ער האָט זיך געלאָזט אין „קעצעלעס" שליחות, און אָט ווי ווייך ער איז זיך דעמאָלט ניט באַגאַנגען און זיך ניט געהאַלטן אין משה מאַשבערס שטוב, האָט ער דאָך מיט אַ שיכורער פֿויסט געמאַכט קלינגען אַלץ, וואָס אויפֿן טיש, דאָס גאַנצע גלאָז אין די שאַפֿעס און אין די פֿענצטער די שויבן. נו, און היינט אָט דער אַפּמאַך, וואָס ער, סרולי האָט אים איצט ביי זיך אין קעשענע ליגן, וועלכער האָט אים געדאַכט צו זיין עטוואָס נאָסלעך פֿון אַ טרער, וואָס משה מאַשבער האָט אויף אים — יאָ, אָדער ניט — אַפּגעלאָזט, אָבער וואָס אין די אויגן ביי יענעם האָט ער זי, זיכער, געזען — די טרער. און אויב אַזוי, איז אפֿשר גענוג דיר, סרולי, צו זיין די בייטש? און אפֿשר האָט שוין יענער זיין כּוס ביזן דנאָ אויסגעטרונקען, און אפֿשר וואָלסטו אים איצט געשטעלט אַ נייעם צו זיין טרייסט?

— האַ? — האָט זיך סרולי דאָ געווענדט צו משה מאַשבער און ווי געפֿרעגט אַ הסכּמה אויף זיין פֿאָרשלאָג.

— יאָ, האָט אים געדאַכט צו באַקומען אַן ענטפֿער פֿון יענעם, און ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צום פֿאַרשוין, וועלכן ער האָט גראָד געפֿונען אונטער זיך זיצן, און מיינענדיק אין טעות, אַז ער איז אַ שענק־משרת, האָט ער זיך געווענדט צו אים, ער זאָל זיין אַזוי גוט, און נאָך איינע אַ גלאָז דערלאַנגען: ער דאַרף — ווען ער דאַרף — זיינעם אַ נאָענטן מכבד זיין.

— האַ? וואָס רעדט ער דאָרט? — האָט יונה אַ פֿרעג געטאָן דעם פֿאַרשוין, וואָס איז אונטערגעקומען אין סרולים שליחות.

— כ'פֿאַרשטיי ניט אַ וואָרט, ער וויל אַ גלאָז — האָט דער פֿאַרשוין געענטפֿערט און דערביי האָט ער אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג, און מיט אַ פּיק פֿון אַ פֿינגער אין דער רעכטער זייט גאָרגל האָט באַוויזן אויף סרולין, אַז ער איז שוין פֿאַרטיק, הייסט עס, פֿאַרקנאַקט...

— גיי, גיב אים און הער ווייטער.

— צו וואָס?

— מ'דאַרף, און אַז מ'הייסט, פֿאָלג.

אַז יענער האָט דערנאָך סרולין געבראַכט, וואָס סרול האָט פאַרלאַנגט פון אים, האָט סרולי אים אַ ווײַלע פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, שוין נישט געדענקענדיק, וואָס ער האָט ביי אים פריער אַ מינוט געפאָדערט. און אַז יענער האָט אַ זאָג געטאָן: „אַ גלאָז... אַ גלאָז האָט איר געבעטן...״ האָט זיך סרולין גלייך דערמאָנט: יאָ, ריכטיק... און ער האָט שוין מיט פולע איבערגייענדיקע אויגן געגומען אָנגיסן אַ פולע איבערגייענדיקע גלאָז, קלאָמפּערשט, פאַרן צווייטן, פאַר יענעם, פאַר משה מאַשבער, וועלכן ער האָט אָקערשט שיער שוין ניט פאַרגעסן.

ס׳איז געווען שטיל אין שענק. נאָך האַלבן טאָג. קיינער, אויסער יונהן, וואָס איז געשטאַנען אונטערן פאַרקויף־טיש אין הוילע העמד־אַרבל, און אויסער אויך דעם ליידיקגייערשן אונטערוועלט־פאַרשוין, האָט זיך איצט קיי־נער אַהין ניט געוויזן. און סרולי, וואָס איז שוין געווען היפּש בגילופין און האָט שוין אַלע מאָל דורכגעפּירט אַ פינגער פון זיין רעכטער האַנט פאַר זיינע אייגענע אויגן, ווי ער וואָלט זיך אַליין פאַר עפּעס געוואָרנט, און באַלד טאַקע פאַרגעסן אי די וואָרנונג, אי דעם פינגער, — סרולי, אַז ער האָט באַקומען פון יונהס פאַרשוין די גלאָז און האָט זי אָנגעפילט פאַרן צווייטן, פאַר דעם, וואָס האָט אים געדאַכט אַנטקעגן זיך אויף אַ בענקל צו זיצן, האָט דעמאָלט אַ זאָג געטאָן, איינלאַדנדיק דעם צווייטן.

— טרינקט און וויינט ניט, משה מאַשבער, ווייל דער שמייסער האָט דאָ, דאַכט זיך, ניט געמיינט נאָר אייך, נאָר אין אייער געשטאַלט, אַלע אַנדערע אייער גלייכן: — אַ מין רמז, ווי אַזוי די פון אויבן קאָנען זיין אונטן און די אונטערשטע — אויבן... וואָס־זשע געהער אים, סרולין, דער רוט פונעם שמייסער, איז זאָל ער גלויבן, אַז ס׳איז אים גאָר אַ קליינער כבוד אויסצופילן יענעמס שליחות און דינען פאַר אַ זאַך, וואָס מ׳גייט זיך מיט איר דורך איבער גאָרניט קיין בכבודיק אָרט, זאָל זיין אַפילו פון אַ גאָר בכבודיקן מענטשן... ס׳שטייט אים גאָרניט אָן, און ער האָט קליינעם נחת דערפון, און אויב ער וויל וויסן, דער, וואָס זיצט אים איצט אַנטקעגן — משה מאַשבער — האָט ער סרולי, דאָס אַלץ געטאָן און זיך אַ שטיק אין זיין גורל אַריינגעריסן, כדי, פאַרקערט, אַרויסצורייסן אַ שטיק רוט פון דער האַנט פונעם שמייסער, פון דער השגחה, הייסט עס, וואָס אויף איר טראָגט ער, סרולי, זינט ער איז צו זיין שכל געקומען, דאָס אמתע הארץ... זעענדיק, ווי זי הויבט מענטשן אומזיסט און וואַרפט מערכות מוראדיק, האָט ער זיך איר איין מאָל געוואָלט שטעלן אין וועג, וועלנדיק קעמפן קעגן איר אומפאַרמייד־לעכקייט און זי ניט דערלאָזן צו קיין ווילקיר... און אפשר האָט ער דאָס געטאָן ניט צוליב אים, צוליב משהן, נאָר צוליב זיין ברודער לוזין, וואָס (אַ סוד דאַרף אים דאָ זאָגן) יענער איז אים זייער און זייער טייער... האָ?

— וואָס האַקעט ער דאָרט ? — האָט יונה אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ וואונק בײַ זײַן אונטערגעשיקטן פֿאַרשוין. ער האָט זיך ניט באַגנוגנט מיטן וואונק און איז גלײַך אַרויס פֿון אונטער זײַן פֿאַרקויף־טיש אין די העמד־אַרבל און צוגעגאַנגען צום אָרט, וואו סרולי איז געזעסן און געטרונקען און געפֿירט דעם געשפּרעך מיט זיך אַליין.

— ער פֿאַרשטייט ניט אַ וואָרט, עפּעס בעבעט ער דאָרט מיט איינעם, מיט אַ משה מאַשבער, עפּעס זאָגט ער: אַ סוד — אַ לאַך, בייטש, רוט, שמיץ, שטעקעלע און די כאָליערע ווייסט וואָס.

— פֿאַרשטייסט ניט ? איז לאָז מיך — האָט יונה יענעמס אָרט פֿאַר־נומען, זיך צוגעזעצט און צו טרולים רייד אַן אויער צוגעלייגט.

— אַזוי, — האָט סרולי, נישט קוקנדיק, וואָס הינטער זיינע פּלייצעס טוט זיך, פֿאַרגעזעצט, — אַזוי, אַז אַ רוט צו זײַן, אין וועמעס האַנט ס'זאָל ניט זײַן, האַלט סרולי פֿאַר זיך פֿאַר גאָר אַ קליינעם כבוד, און געמיינט האָט ער דאָ — זאָל משה מאַשבער, וואָס זיצט איצט אַנטקעגן אים, וויסן — ניט קיין קאַפּריז און צו להכעיס אויספֿירן, נאָר דאָס, וואָס איז אַמאָל צווישן זיי אין לוזיס שטוב געווען אָפּגערעדט... איי וואָס, ס'שטייט אים נישט אָן, ס'אַ ירידה, און וואָס וועט די וועלט זאָגן, און ער, משה אַליין, האָט שוין דערפֿאַר קיין ווערטער ניט, נאָר טרערן, — איז נאַ, מילא, מען האָט שוין געזען ערגערס: מען האָט שוין געזען אַזוינע, וואָס האָבן גאָר קיין מאָל ניט געהאַט וואָס אָנצואווערן, און אויך אַזוינע, וואָס זיינען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ פֿיל העכערער הויך, פֿון וועלכער ער, משה, פֿאַלט איצטער... אַלנפֿאַלס, פֿאַר אַזוינע, ווי ער, ווי סרולי, זיינען אַזוינע זאַכן אַ קליינע תּפֿילה. און אַלנפֿאַלס זאָגט ער אים צו — כאָטש ער איז קיין גאָט ניט — אַז זײַן געוויין וועט ערגעץ דערהערט ווערן...

— האַ, ער וויינט ווײַטער ? נו, איז אַ סימן, אַז ער האַלט שוין ווייט, אַז ער איז באַטרונקען, האָט דעם קאָפּ פֿאַרלוירן און דאַרף זיך גיין צו־שפּאַרן — ער, משה, נײַן, ניט משה, נאָר טאַקע ער, סרולי, וואָס אַגיט וועט מען דאָ אין שענק אים אַנגעמען פֿאַר שיכור און האָבן אַ שלעכטע מיינונג וועגן אים.

— האַ, — האָט ער זיך אויסגעדרייט און דערזען אַ פּאָר פֿאַרשוינען הינטער זיך — יונהן מיט זײַן שותּף — האַ, יידן, וואָס וועט איר זאָגן מכּוח זיך צולייגן ? מכּוח דאַ, בײַ אייך טאַקע, אויב מ'קאָן זיך אַהיים שוין נישט דערקלייבן ?

— פֿאַר וואָס ניט ? — האָט יונה אַ זאָג געטאָן — אויב ער האָט נאָר געלט צו באַצאָלן פֿאַר קאָפּ קישן און פֿאַר נאַכטלעגער.

— ער האָט, אוודאי האָט ער ! וואָס־זשע, אָן געלט ? — האָט סרולי זיך גענומען צעצאָלן, אי ערשטנס, פֿאַרן געטראַנק, וואָס ער האָט געטרונקען,

אי צווייטנס, פֿאַרן געלעגער, וואָס מע וועט אים דאָ, באַלד, טאַקע אויפֿן אָרט, פֿאַרלייגן.

ער האָט געצאַלט און איבערגעצאַלט, באַטירלעך, און אויך נאָכן אי־בערצאָלן איז אים אין דער האַנט נאָך געבליבן אַזוי פֿיל, אַז ביי דעם יונהס פֿאַרשוין האָבן זיך די אויגן צעפֿינקלט, ווי ביי אַ קאַץ אין דער פֿינצטער, זעענדיק, אַז ער קאָן דאָ אַריינבאַקומען, אָן שום ריזיקע, דאָס, אין וואָס אַזאַ איינער נויטיקט זיך באַשטענדיק — געלט.

— פֿיר אים אָפּ צו ברכהן, — האָט יונה אַ זאָג געטאָן צום פֿאַרשוין, און יענער האָט טרולין פֿאַר אַ האַנט אָנגענומען, ווייל סרולי האָט, פּרוּוונ־דיק זיך אויפֿשטעלן און פֿון בענקל אויפֿהויבן, זיך גלייך געמוזט צוריק אַראָפּ־לאָזן, נישט האָבנדיק קיין כּוח און דעם נויטיקן גלייכגעוויכט.

— טו מיט אים וואָס דו ווילסט, נעם, וואָס דו דאַרפֿסט, נאָר אַרויסלאָזן זאָלסטו אים אַזוי און אַזוי: מיט קלעזמער און מיטן טשאַק... — האָט יונה זיין פֿאַרשוין אָנגעזאָגט, האַלב מיט ווערטער, האַלב מיט וואונק, וועלכע יענער, ווייזט אויס, האָט, ווי געהעריק, פֿאַרשטאַנען...

*

ברכה האָט געוואוינט נישט ווייט, אין אָן עק פֿון דריטן רינג, אין אַ הינטערגאַס פֿאַרוקט, וואו די הייזער האָבן זיך געפֿונען אין גרויסע הויפֿן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי פּוסט־פּלעצער, און וואָס, שטייענדיק אונטער זייערע פֿאַרקנס, האָט מען נישט געקאָנט גלויבן, אַז דאָרט, אין אַזאַ פֿאַר־רוקטקייט, איז ווער געוועזן אַ בעלן זיך בויען אַ שטוב, אָדער אַ וואָסער ניט איז אַנדער בנין.

יענער העק האָט געדינט פֿאַר אַ שוץ־ערטל פֿאַר אַ פּערעלען און פֿאַר דער אַליאָוועכן, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין איין מאָל דערמאָנט, וואָס טוען זייערע געשעפֿטלעך אין דער פֿינצטער און וואָס ווייטער פֿון אַ מענטשנס אויג פֿאַרשטעלט. דאָרט האָט מען אויסגעהאַלטן די מיידן, וואָס „אויף דער צייט", ביזן „האָבן"; דאָרט פֿאַר אַליאָוועכן דאָס געבענטשטע אָרט אויף צו קאָנען זיך באַגיין מיט אירע „פּיטיוקלעך" און „ממזרים", ווי זי פֿלעגט זיך באַגיין מיט אַזוינע, ד"ה מיט האַלטן זיי אויף אַזוינע מינים קעסט, אַז זיי פֿלעגן גיך געל און גרין ווערן און אָן לאַנגע שהיות אָפּגעבן די נשמות, כּדי צו באַפֿרייען זייערע געלעגערלעך פֿאַר אַנדערע, וואָס קומען זיי פֿאַרבייטן.

אָט דאָרט האָט געוואוינט אויך ברכה — ברכה די באַנדערקע, ווי מ'פֿלעגט זי רופֿן — נישט, ווייל איר מאַן איז אַ באַנדער, נאָר דאָס איז אַ שאַנד־נאָמען, וואָס שטאַמט פֿון איר שענדלעכער פּרנסה, און וואָס דעם אייגנטלעכן באַטייט פֿון דעם וואָרט, ווילן מיר, איבער געוויסע טעמים, דאָ ניט דערקלערן.

בקיצור, ביי ברכהן אַ „הייזל”, וואו מערסטנטייל שבת, יום־טוב פלעגן זיך ווייזן, אַמאָל איינציקווייז, אַמאָל גאַנצע בינטלעך, יוגנטלעכע באַל־מעלאַכעס, צוליב וועלכע אייניקע באַשטענדיקע „מיידלעך” זיינען אויסגע־האַלטן געוואָרן אויף קעסט און מיט דירה. און אויב די שטענדיקע האָבן אַמאָל ניט געניגט, אַזוי פלעגט זיך ברכה ווענדן אויך צו פּערעלעס און אַליעוועכעס אַמען און ערב־אַמען פאַר אַ קליין געצאָלט נאָך מיטהילף...

די פאָדער־שטוב האָט געשמעקט טוכלע, ווי אַ פאַרלאָזטער שענק; די ווענט ניט געטינקעוועט, אָדער דער טינק שוין לאַנג אָפּגעריבן; די סטעליע נידעריק, דער דיל אַ צעפּאָרענער און אין שפּאַלטן, און אין שטוב קיין מעבל, אויסער אַ לאַנגער שלעכט־געהובליעוועטער טיש, אויף בענק אַזוינע. און נאָר אַ פּאָר בילדלעך אויף די ווענט פאַר די באַזוכער, אויב זיי קומט אויס אַמאָל צו וואַרטן, זיי זאָלן האָבן אויף וואָס זיך צו פאַרקוקן.

בילד איינס: אַ בראַווער רוסישער קיסר מיט אַ שווערד און אַקסל־באַנדן, מיט אַ ווייס־מילכיקן פּנים, ווי ביי אַ לובאָקישן מלאך, האַלט דעם קיוועך און אַ הענטשקע אין איינער אַ האַנט און איינעם אַ פּוס קאַוואַלעריש אַרויסגעשטעלט...

בילד צוויי: אַ טערק אין ברייטע, גרינע פּלודערן — שטייט און קוקט אויף עפּעס אַ נאַקעטער נקבה, וואָס גייט אויף פון וואַסער, פון אַ מין באַסיין, און וואָס מערסטנטיילס ברכהס באַזוכער, אַז ס'איז זיי אויסגעקומען צו וואַרטן, האָבן אויף איר, אויף אָט דער פרוי, זייערע בליקן געווענדט.

ברכה — אַ דרייסיק־יעריק, הויך־פריילעך ווייבל — אַז זי פלעגט דערזען, ווי איינער האַלט די אויגן אַהין אַנגעשטעלט, אַזוי פלעגט זי צו אים צוגיין, אים אַ טאָרע טאָן פון הינטן, און אַ זאָג טאָן היימיש און אונטערפירעריש:

— וואָס קוקט ער אַזוי? — פלעגט זי זאָגן, — פון קוקן האָט מען נאָר סליונע אין מויל... באַלד וועט זיין פריי... און זי פלעגט אים אָנ־ווייזן אויף דער טיר, וואָס פירט אין צווייטן צימער, אויף וועלכן דער פאַרשוין האָט, אָן אירע אָנווייזונגען, שוין פון לאַנג אַליין געוואָרט.

אויפנעמען פלעגט דאָרט, אין צווייטן צימער, אויף אַ געוויסן סאָרט בעט, אַ געוויסער סאָרט פרויען, פון וועלכע ס'האָט געשמעקט מיט נישט געלופטערטער שטוב, מיט ניט איבעריק זויבער וועש און בגדים און פון זיי אַליין — מיט עפּעס שאַרפע און ביליקע קבצנישע מאכלים.

אַמאָל, אין אַ וואָכעדיקן טאָג, ווען באַזוכער ווייניקער, פלעגט מען זיך דערלויבן מיט אַ קונד עטוואָס לענגער פאַרברענגען: פריער, אין פאָדער־צימער, אים אַ נאַקעט־וואָרעמלעכן אָרעם אויפן האַלדז אַרויפלייגן, דערנאָך ערשט מיט אים אין צווייטן צימער, אויף לענגערן צוזאַמענזיין, אַוועק...

*

אַז יונהס פֿאַרשוין האָט זיך איצט אין מיטן העלן טאָג צו ברכהן אַריינ־געשטעלט, איז דעמאָלט קיינער פֿון ברכהס באַשטענדיקע אין שטוב ניט געווען. אָבער נאָך דעם ווי דער פֿאַרשוין האָט אַ וואונק געטאָן צו ברכהן און איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, וועמען ער האָט געבראַכט און וואָס ס׳פֿאָדערט זיך פֿון איר — אַזוי האָט זי זיך גלייך אַ לאָז געטאָן אין אַ צווייטן, אין אַ דריטן הויף, צו פֿערעלען, אָדער צו אַן אַליאָוועכן, אויף אַפּצוזוכן און אַהער צו רופֿן איינע אַן איריקע, און אַז זי האָט געפֿונען און זי אין שטוב אַריינגעבראַכט, אַזוי איז יענע גלייך צוגעקומען צו סרולין מיט אַ פֿאַר־סאַפּעט מויל און מיט אַ ריח פֿון אַ שאַרף־קבצניש מאכל, ערשט נישט לאַנג אָפּגעגעסן, און אַ זאָג געטאָן:

— וואָס באַגערט אַ פֿעטער?

— פֿון דיר? — גאָרניט! — האָט סרולי׳ משונה אַ קוק געטאָן אויף איר און אויף אירע גרויסע דינע אוירינגען, ווי די רייפֿן, נישט פֿאַרשטיי־ענדיק, וואָס זי וויל פֿון אים. — אַ בעט, שלאָפֿן וויל ער.

— ליולען הייסט עס? מיט, אָדער אָן...? — האָט ברכהס באַשטענדיקע פֿרעך אַ פֿרעג געטאָן, און דערביי געפּרואווט אַרויפֿלייגן אַ האַנט אויף סרוליס האָלדז־און־נאַקן און בשעת־מעשה גאָר נאָענט אים אין די אויגן אַריינקוקן. אַז סרולי האָט זיך נישט געלאָזט און זיך אָפּגעדרייט, האָט זי אים אין אויער איינגערוימט עפּעס אַזוינס, וואָס ווי סרולי איז ניט געווען באַטרינקען און ווי שוין לאַנג ניט ווייט פֿון אַזעלכע זאַכן, האָט ער דאָך אויף אַ ווײַלע זיך דערפֿילט אי ווי אויסגעניכטערט, אי ווי פֿון נאָך עפּעס פֿאַרשיכורט.

— האַ? — האָט ברכהס באַשטענדיקע אַ פֿרעג געטאָן און נאָך נעענטער אים עפּעס אין אויער אַריינגעזאָגט.

סרולין האָבן זיך אויף אַ ווײַלע די אויגן אויסגעלייטערט. ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן אויף דער שטוב, און דערפֿילט, אַז עפּעס האָט ער דאָ ניט געהעריק אַריינגעטראָפֿן: אַז עפּעס אין אַן אָרט, וואו ס׳איז אי ניט אַנשטענדיק און אי ס׳קאָן מיט אים עפּעס ניט גוטס געשען, ער האָט זיך אָבער לאַנג ניט באַהערשט און ביים קלאָרן זינען זיך ניט געקאָנט האַלטן, אַזוי, אַז וואָס ס׳איז מיט אים ווייטער פֿאָרגעקומען, געדענקט ער שוין שוואַך, מטושטש, האַלב יאָ און האַלב ניט זיכער.

דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך געטראָפֿן ליגן אין אַ בעט מיט יענער פֿרוי, וואָס האָט אים די ערשטע מינוטן באַגעגנט מיטן פֿאַרסאַפּעטן מויל און האָט אים אַריינגערוימט אין אויער דאָס אומאַנשטענדיקע. דערנאָך, האָט אים געדאַכט, אַז, אויסער דער פֿרוי, האָט ער דערזען שטיין איבערגעבויגן איבערן בעט יענעם פֿאַרשוין, וואָס האָט אים פֿון יונהס שענק אונטער דער האַנט געפֿירט און צו ברכהן געבראַכט, און וואָס די גאַנצע צייט, ביז ער איז

צום בעט צוגעקומען, האָט ער הינטער זיינע פּלייצעס מיט ברכהן זיך עפּעס געסודעט — שורעס־בורעס — און אויך דער ברכהס באַשטענדיקער האָט ער הינטן אַרום פאַרשידן געוואונקען און פאַרשיידענע אָנווייזונגען געגעבן, ווי אַזוי זי זאָל זיך מיט אים באַגיין, ווי אים פירן, באַלייגן און וואָס ווייטער מיט אים צו טאָן.

ס׳האָט אים אויך געדאַכט, אַז דער יונה־פאַרשוין האָט אים אין די קעשענעס געזוכט, און אַז ווען ער האָט באַדאַרפט, האָט ער אים, ווי אַ קלאָץ, פון זייט אויף זייט איבערגעקערט, און אַפילו — ס׳אַוודאי אַ בזיון צו זאָגן — נאָר ווען יענער האָט ביי אים אַרויסגענומען דאָס רעשט געלט, וואָס איז אים געבליבן נאָכן צעצאָלן זיך מיט יונהן, האָט ער אים, שוין אָן צערעמאָניעס, דאַכט זיך, פון בעט אַראָפּגעשליידערט, און זיין אָרט לעבן ברכהס באַשטענדיקער פאַרנומען, און וואָס ווייטער ס׳איז צווישן יענע געשען — איז שוין אַוודאי אַ בזיון צו זאָגן...

ס׳האָט אים ווייטער געדאַכט, אַז נאָך דעם, ווי ער איז אַ שטיקל צייט אַזוי, אָן אַראָפּגעוואָלגערטער, אויף דער ערד געלעגן, און פון ליגן אויפן דיל האָט ער זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך גענומען אויסניכטערן, אַזוי האָט ער דערזען, ווי די שטוב האָבן פאַרפולט עפּעס פאַרשוינען, אָנגעקומען פון יענער גאַס און פון יענע פאַררוקטע הויפן, און אַלע זיי אַזוינע, ווי דער, וועלכער האָט אים אַהער, צו ברכהן געבראַכט; און אויך עפּעס ווי ברכהס באַשטענדיקע פרויען, אַ מאַסע, מיט שלאַבערדיקע קליידלעך, מיט לויז־צע־שפילעטע קאָפּטלעך, מיט אוירינגען, ווי די רייפן... און ברכה מיט נאָך אַזוינע ברכהס האָבן זיך אין די לייבער געקנייפּט און געקייכט פון געלעכטער, און אַז זיי האָבן אים דערזען ליגן אויף דר׳ערד, האָבן זיי אים מיט שענדלעכע ווערטער אָנגערופן... דערנאָך האָבן אים די מאַנצבילן פון דער ערד אויפגעשטעלט און אים גענומען אויסריכטן אין וועג, אים אָנגעטאָן דאָס היטל אויף פאַרקערט, מיטן דאַשעק צו דער פּאָטיליצע אויסגעדרייט, און פון דער טיר אַרויסבאַלייט... דעמאָלט האָבן די ווייבער, די ברכהס, ווי מיט כּעס און ווי שוין כּלומרשט אויפגערעגטע, גענומען שטאַרק שרייען אויף אים, אַז די גאַנצע גאַס און די נאָענטסטע גאַסן זאָלן דערהערן:

— נואף! קורווע!... אין מיטן העלן טאָג צו אַ מויד!...

— געכאַפּט ביי אַ מויד! — האָבן שפּעטער אַנדערע, וואָס זיינען זיך פון גאַס אָנגעלאָפן, געשריגן: — זאָל מען אים די הויזן אַראָפּלאָזן! צום רב! נעמט אים, פירט אים, אַזאַ אַלטער תּרח!

ס׳אַוודאי געווען אַ בזיון... גוט נאָך, וואָס דער פאַרשוין, וועלכער האָט סרולין די קעשענעס אויסגעליידיקט, האָט כאָטש ניט אַוועקגענומען דעם אַפּמאַך, וואָס סרולי האָט ביי זיך געהאַט. ער האָט אים, געוויס, אין דער האַנט געהאַלטן, אָבער ניט וויסנדיק פון זיין ווערט און באַטייט, האָט ער

אים צוריק אומגעקערט. גוט כאַטש אויך, וואָס אויפֿן אָרט האָבן זיך קיין מער היציקערע בעלנים ניט געטראָפֿן, וואָס וואָלטן אים געקאָנט פֿאַרשלעפּן אַ שיכּורן אין צענטער־שטאָט און מאַכן אַרום אים אַזאַ געזעמל, אַזאַ איינ־געלויף, וואָס וואָלט געקאָנט זיין גרעסער, ווי ביי אַ רייכער חתונה, אָדער ביי אַן אָנגעזעענער לוויה. גוט כאָטש, זאָגן מיר, וואָס מ'האָט אים נישט אָנגעטאָן נאָך גרעסערע בזיונות, ווי מ'טוט אַמאָל אין אַזוינע הייזער, ווען מ'לאָזט טאַקע אַראָפּ די הויזן, אָדער מען קערט איבער די קאָפּאָטע אויף דער אַנדערער זייט, און מען טוט נאָך אָן אַ זיפּ מיט פֿעדערן אויפֿן קאָפּ, צום פּוץ און צום שענדלעכן טאַבלטיר.

יאָ, אויך דאָס האָט געקאָנט טרעפֿן... אָבער ווי לייכט און מיט וויניק טומל סרולי איז זיין שאַנד־פּאַראַד ניט אָפּגעקומען, דאָך וואָלט אַ יונגה־שענקער, ווען ער וואָלט אים געזען, זיך געקאָנט האַלטן פֿאַר באַפֿרידיקט; ווייל אַפֿילו נאָר אַזוי, ביי דעם קלענערן עולם און ביי נאָר דעם דאָשעק אויף דער אַנדערער זייט אויסדרייען, איז דאָס בילד געווען גענוג, אַז סרולי, ווען ער האָט זיך אין דעם שפּעטער דערמאָנט, אָן אויסגעניכטערטער, זאָל אים אויפֿשווידערן.

ער האָט געדענקט, ווי בעת מען האָט אויף אים געשריגן, האָט ער זיך שוואַך אויף די פֿיס געהאַלטן, ער האָט זיך געוואַקלט און זיך אַלע מאָל, ווי אין אַ שטיין, אָנגעשלאָגן, שיער נישט געפֿאַלן, און איינציקע מאָל איז ער טאַקע אומגעפֿאַלן, און די געשרייען, וואָס אַרום אים, האָבן אים אויפֿגעמונ־טערט, און ער האָט זיך ווייטער אויף די פֿיס געשטעלט, כּדי ווידער אַמאָל זיך צו ספּאָטיקען און ווידער אומצופֿאַלן.

ער מעג שווערן, אַז ער געדענקט אויך, ווי אַזוי, אַז ער איז געקומען אין זיין גאַס, פֿון זיין היים, און ניט קאָנענדיק דערגיין אַהין, איז ער אַן אָנמעכטיקער לעבן עפּעס אַ פּאַרקן אוועקגעפֿאַלן, איז אַלע מאָל צוגעגאַנגען אַ היימישער, אַ באַקאַנטער צום רעדל, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, און אים דערלאַנגט אַ האַנט אויף אויפֿשטיין; אָבער אַזוי ווי ער איז געווען שווער און שוואַך, און יענער האָט געזען, אַז פֿון אָרט איז אים ניט צו רירן, האָט ער כאַטש זיך געפּרוווט צעטרייבן די נייגעריקע און דעם ליידיק־גייערישן עולם אַרום אים.

— וואָס האָט איר זיך אָנגעשטעלט? וואָס האָט איר דאָ ניט געזען? צעגייט זיך! — האָט דער היימישער און באַקאַנטער צו די אַרומיקע גע־שריגן. און אַלע מאָל האָט זיך סרולין געדאַכט צו דערקענען דאָס קול פֿונעם באַקאַנטן, וועלכן ער וואָלט זיכער געוואוסט ביים נאָמען אָנצורופֿן, נאָר מחמת שיכּורלעכער שוואַכקייט האָט ער אים ניט געקאָנט אַרויסריידן, און ווען אַפֿילו יאָ, וואָלט ער אים אַליין נאָר פֿאַר בזיון אויף די ליפּן ניט געבראַכט.

דאָס זײַנען געווען אײניקע פֿון די לוזי־לײַט, וועלכע זײַנען, מעגלעך, גראָד דעמאָלט די גאַס פֿאַרבײַגעגאַנגען. און אַן אַנדערש מאָל האָט אים געדאַכט, — אוי־ווײ, אוי־ווײ, — אַז אַלײן לוזי האָט זיך איבער אים איבערגעבויגן און אים מיט אַ לײַכטער האַנט אָנגערירט, פֿאַר וועלכער ער האָט זיך גאָר גאָר פֿאַרשעמט און שיכּורערהייט אַפֿילו דעם קאָפּ פֿון אים אָפּגעקערעוועט, יענער זאָל אים אין זײַן בושה ניט זען.

מיט אײן וואָרט, סרולי האָט יענע שיכּור־שעהן האַלב־שוואַך, נאָר דאָך פֿאַרגעדענקט: ער האָט פֿאַרגעדענקט דאָס, וואָס איז אויף געוויס פֿאַרגעקומען, און אויך דאָס, וואָס ס׳וואָלט נאָר מעגלעך געווען ס׳זאָל פֿאַרקומען; ווי, למשל, אַזאַ זאַך, אַז ער איז מיט ברכהס באַשטענדיקער, אויפֿן בעט ליגנדיק, ניט אין אומשולד געלעגן...

*

מיט אײניקע טעג שפּעטער האָט זיך לוזי פֿון אָט דער מעשה דערוואוסט. — פֿון וועמען? — טאַקע אַלײן פֿון סרולין, וואָס האָט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל דערגײן דורך אַן אַנדערן און ער האָט נישט פֿאַרלײקנט און קײן שום פּרט ניט אויסבאַהאַלטן און זיך אַפֿילו ניט געפּרוּווט רײן וואַשן פֿון דער ספֿק־שולד, פֿון צוזאַמענזײַן מיט ברכהס באַשטענדיקער, אין וועלכער ער אַלײן האָט, ווי מיר ווײסן, גאָר ווייניק געגלויבט.

אַז לוזי האָט דאָס דערהערט, איז ער געבליבן געפּלעפּט. ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט. ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז שטאָט איז אַזוי אויך גענוג אויפֿגעבראַכט פֿון דער מעשה־מיכל, בפֿרט אַז ס׳קומט איצט אַזאַ זאַך, וואָס וואַרפֿט אַ פֿלעק אויף אים און אויף אַלע, וואָס שטײען נאָענט צו אים; כאָטש לוזי האָט דאָס געוואוסט, דאָך האָט ער גאָרניט געזאָגט און סרולין גאָרניט אויסגעוואָרפֿן. ער איז, אמת, זיכער געווען, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס אויסצוּוואַרפֿן, ווײַל פֿון סרוליס רייד האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ניט מיט זײַן ווילן האָט ער פֿאַרבלאָנדזשעט אַהין, ניט וואוהין ס׳געהער, און אַז דאָ איז אַ זײַטיקע האַנט דערבײַ — די האַנט פֿון אײנעם אַ יונה שענקער, וואָס האָט צוליב געוויסע צוועקן, שיכּורערהייט אים פֿאַרפֿירט. יאָ, דאָס — זיכער, און דאָך, ווען אַן אַנדערער וואָלט געווען אויף לוזיס אָרט, וואָלט ער פֿאָרט אַרויס מיט טענות און תּרעומות פֿאַרן טרינקען בכלל, בפֿרט נאָך בײַ אַזאַ, ווי אַ יונה, וואָס, ווי סרולי האָט דערמאָנט, איז אָט דער יונה גאָרניט אַזאַ, מיט וועמען אָרנטלעכע לײַט דאַרפֿן האָבן אַ וואָסערע ניט איז עסקים, אַפֿילו זײַן שוועל ניט איבערטרעטן... הײַנט, ס׳טײַטש, איז צו וואָס צום לײַב אין מויל קריכן?

ניין, לוזי האָט גאָרניט ניט געזאָגט. און ווי נאָר ער האָט די מעשה אויסגעהערט, אַזוי האָט ער די אויגן אַראָפּגעלאָזט, כּדי סרולין ניט צו

פֿאַרשעמען, און כּדי לענגער ניט צו בלייבן אויג אויף אויג מיט סרולין, האָט ער זיך באַלד אָפּגעקערעוועט פֿון אים און איז אין זיין צווייטן צימער, אין זיין אַלקער אַוועק.

דאָס צווייטע צימער — קליין און האַלב טונקל, מחמת דאָס איינע פֿענצ־טערל האָט אַזוי אויך ווייניק שיין פֿון דרויסן אַריינדערלאַנגט, דערצו נאָך האָט מען עס אַריבער האַלב פֿאַרהאַנגען מיט אַ פֿאַרהאַנגל, כּדי פֿרעמדע אויגן זאָלן ניט אַריינקוקן, ווי ס׳פֿירט זיך אין יענער טייל שטאָט, ווען די פֿענצטער ניט פֿאַרהאַנגען... אין צימערל — איינס אַ טישל, אַ פּאָר בענקלעך, אַ באַנקבעטל צום שלאָפֿן, אויך אַ פּראָסט קאָבריצל אויפֿן פּאָל פֿאַרשפּרייט, און אַחוץ דעם אַלעם איז נאָך געבליבן איינס אַ ווינקל פֿריי און נישט פֿאַרשטעלט פֿון מעבל, וואו לוזי פֿלעגט ביים דאַוונען זיך שטעלן שמונה־עשרה און פֿראַוון התבודדות, ביי דער וואַנט.

ווי נאָר ער איז אַהין אַריין, אַזוי האָט ער נאָך זיך די טיר פֿאַרמאַכט און פֿון אינעווייניק מיט אַ קייטעלע זיך אָפּגעשלאָסן — אַ סימן, אַז ער וויל בלייבן אַליין, און אַט דעם ווילן לוזיס האָט סרולי אַלע מאָל זייער ערלעך געהאַלטן, און אין דער צייט פֿון זיין אָפּגעזונדערטקייט האָט אים קיין מאָל אַליין ניט געשטערט, און געזען, אַז אויך אַנדערע זאָלן דאָס ניט טאָן.

ווער ס׳וואָלט דעמאָלט צו לוזין דורך אַ טיר, אָדער דורך אַ פֿענצטער אַריינגעקוקט, וואָלט אים געטראָפֿן שטיין אין ווינקל אַזוי נאָענט מיטן פּנים צו דער וואַנט, ווי גלייך ס׳דאַרף זיך דאָרט באַלד עפֿענען אַ טיר, דורך וואַנען ער דאַרף אַריין... ס׳געוועזן די שעה, ווען לוזי האָט מתפּלל געווען ניט אויפֿן סקאַרבאָווען אופֿן, ניט פֿון סידור אַרויס, נאָר אויפֿן גע־ווינטלעכן מאַמע־לשון, ווי די בראַסלאַווער איז פֿאַרזאָגט פֿון זייער רבין ר׳ נחמן, זיך צו ווענדן, ווען דאָס האַרץ גייט איבער.

טאַטע אין הימל — האָט לוזי געזאָגט, ווי נאָר ער האָט זיך געשטעלט פֿאַר דער וואַנט און האָט זי דערפֿילט.ווי אַ לעבעדיקע, אַזש אַ וואַרעמקייט האָט גענומען גיין פֿון איר צו אים — דו, וואָס טראָגסט דעם עול און די מאַסע פֿון דיינע ש״י עולמות,[1] מיט זייערע זונען, לבנות און שטערן, וועלכע האַלטן זיך בלויז אין זכות פֿון דיין הייליקן אָטעם, וועלכער גיט זיי חיות און באַרעכטיקונג... פֿאַרגיב דיינע ברואים פֿון דעם עולם השפֿל, וועלכע זיינען נישט מער, ווי עפֿר מן האדמה — שטויב פֿון דער ערד, און וואָס פֿון זיי איז אַוודאי ניט צו פֿאָדערן...

— זאָל פֿאַרגיבן ווערן — האָט לוזי געבעטן — צווישן אַלע אַנדערע, אַזאַ ווי אַ מיכל בוקיער, וואָס דאָס זעט זיך אָן פֿאַר דיר, ווען אַזאַ איינער

[1] דריי הונדערט מיט צען וועלטן.

שטעלט זיך מיט זיין גאַנצער נישטיקייט, מישטיינסגעזאָגט, דיר גאָר אַנט־קעגן? צי האָט אַ ווערט די קעגנערשאַפט פון איינעם, וועלכער איז ווי ליים פון טעפּער געקנאָטן, און וואָס איז אין דער האַנט פון דיר, ער זאָל יאָ אָדער ניט זיין, עלעהיי אַ ווינט, וואָס אַט איז ער דאָ און אַט פאַר־שווינדט ער... דאָס גלייכן אַזאַ, ווי סרולי גאָל, פון וועמען ער, לוזי, האָט נאָר וואָס געהערט, וואָס געהערט, און וואָס אויב ער איז ניט באַגאַנגען, וואָס ס'לאָזט זיך מיינען, איז דאָך אַוודאי גוט, און אויב אַפילו יאָ, וועט דאָך אויך, חלילה, אויפן אויבערשטנס כבוד קיין שאָטנדל ניט פאַלן, און אויף זיין קלייד, חלילה, קיין פלעק.

— ער בעט פאַר זיי, לוזי, ווי פאַר זיך, ווי גלייך ער וואָלט זיין אויף זייער אָרט, וואָס דעמאָלט, איז ער זיכער, וואָלט אויך ער געטאָן, וואָס זיי, און דעמאָלט ווידער, וואָלטן זיי גאָר מעגלעך, ווי ער איצט, פאַר דער וואַנט געשטאַנען און פאַר אים געבעטן... אַזוי איז דאָך געזאָגט געוואָרן און אַזוי איז די וועלט געשטעלט, אַז איינער פאַרן אַנדערן מוז זיין ערוב און קוקן אויף זיך, ווי אויף אַ שותף פון צווייטנס גוטס אָדער שלעכטס, ווייל אַנדערש, וואָס וואָלט ווערן פונעם גאַנצן קיום המין, טאַטע אין הימל, וועם דו האָסט געשאַפן אויף מי און ערגערניש...

— פאַרגיב און זיי מוחל — האָט לוזי געזאָגט, און לאַנג, שטיל פאַר דער וואַנט שטייענדיק, האָט אין האַרצן געהאַט נאָך און נאָך צו זאָגן, ווייל די געבעטערישע בלוטן האָבן זיך אים צעשפּילט און ס'האָט אים אָנגע־הויבן גיין פון מויל אַ זיס געשמעלץ, אַרויסגעקומען, ווי פון איינעם, וואָס אין מענטשלעכן קלעם האָט אויך מיטגעפּיל פאַר דעם, וואָס ס'קלעמט אַנדערע.

ער איז נאָך לאַנג געבליבן אַ שווייגנדיקער פאַר דער וואַנט און ניט געקאָנט פון איר אָפּגיין, גלייך ער וואָלט געוואָרן אַ טייל פון איר. מיר ווייסן ניט וויפיל ס'האָט נאָך געדויערט זיין געבעט... נאָר אַז לוזי איז צוריק אַרויס אין ערשטן צימער, וואו סרולי האָט זיך די גאַנצע צייט פון זיין אָפּגעשלאָסנקייט געפונען, האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון אַ טבילה געזויבערט: דאָס פּנים עטוואָס נאַסלעך — ווייזט אויס, פון טרערן, אָבער די אויגן פאַרגעניגטע, און ווי מיט הנאה פון איינעם, וואָס קומט פון אַן אָרט, וואו ער האָט עפּעס געפועלט פאַר זיך, אָדער פאַר אַנדערע, נאָך לאַנגן אָפּשלאָגן אַ הויכע שוועל...

דעמאָלט איז סרולי פּלוצים צוגעגאַנגען צו לוזין — מאָדנע, אומגע־ריכט, ווי אַלע מאָל ער איז געווען פּעאיק, אַז פריער אַ מינוט זאָל מען ניט ווייסן, וואָס ער וועט אין דער שפּעטערדיקער אַרויסוואַרפן — אַזוי איז ער איצט צוגעגאַנגען צו לוזין מיט עפּעס אַ פּאַפּיר אויסגעשטרעקט, און געבעטן, לוזי זאָל דאָס אים אָוועקנעמען. —

— וואָס איז דאָס? — האָט לוזי געפרעגט.

— דאָס איז דער אָפּמאַך, וואָס ער האָט ניט לאַנג געשלאָסן מיט לוזיס ברודער, מיט משה מאַשבער, אויף יענעמס הויז, וואָס איז איבערגעשריבן געוואָרן אויף זיין, סרוליס, נאָמען.

— און נו?

— איז וויל ער אים ניט האַלטן ביי זיך.

— פאַרוואָס?

— ווייל ס'איז שוין איין מאָל פאַרגעשטאַנען אַ געפאַר, ער זאָל אים פאַרלירן, אָדער ער זאָל אַריינפאַלן אין גאָרניט קיין געוואונטשענע הענט — דעמאָלט, ווען ער סרולי, האָט אַריינגעטראָפן אינעם געוויסן הויז, וועגן וועלכן ער האָט היינט לוזין דערציילט. ער האָט מורא, ס'זאָל זיך מיט אים נאָך אַמאָל ניט טרעפן.

— נאָך אַמאָל? — האָט לוזי געפרעגט און מ'האָט געזען, ווי איבער זיין שטערן גייט אים דורך אַ שאָטן, ווי אַ כמאַרע.

— יאָ, ער קאָווירט ניט פאַר זיך.

— איז זאָל ער אים לאָזן אין דער היים.

— ניין, ער האָט מורא אויך פאַר דער היים, ס'קאָן זיך אים פאַרגלוסטן אויף עפּעס אויסנוצן.

— צו וואָס? — האָט לוזי ווידער געפרעגט.

— ער קאָן דאָס וועלן פאַרזעצן, כדי צו קריגן געלט, ווען ער וועט זיך נויטיקן, און דאָס וואָלט געבראַכט גרויס שאָדן לוזיס ברודער, משה מאַשבער, שוין דערמיט, וואָס אַנדערע בעלי־חובות וואָלטן זיך פריצייטיק דערוואוסט דערפון, וואָס זיי דאַרפן נישט וויסן, כדי זיי זאָלן זיך מיט אַמאָל ניט אַרויפוואַרפן אויף אים און אויף אַזאַ אופן אָוועקנעמען די לעצטע מעגלעכקייט, ער זאָל זיך, ווי ניט ווי, נאָך אפשר אויסדרייען פון זיין ענגעניש. און דערויף האָט דאָך לוזי ערוב געווען. ער האָט דאָך פאַרזיכערט דעם ברודער, אַז דאָס פּאַפּיר איז אין גוטע הענט, און אַז ביז זיין לאַגע וועט זיך ניט ענדערן צום בעסערן, וועט מען עס ניט אויסניצן אים לרעה.

מ'דאַרף זאָגן, אַז מיט דעם אַלץ, וואָס סרולי האָט דאָ געזאָגט, האָט ער געמיינט נאָר אויסצופּרואוון לוזין, צו זען ווי גרויס איז יענעמס צוטרוי, אָדער אומצוטרוי צו אים; דאָס הייסט, אויף וויפל וועט לוזי גלויבן, אָדער ניט גלויבן אין דעם, אַז ער איז פעאיק ניט צו האַלטן קיין וואָרט און ברעכן זיין צוזאָג, אויף וועלכן לוזי האָט זיך פאַרלאָזט.

מ'דאַרף ווידער זאָגן, אַז אויב לוזי האָט עס לכתחילה ניט גאַנץ קלאָר אַרויסגעזען, אָבער שפּעטער עטוואָס האָט ער דערפילט, אַז דאָס שוואַכקייט, וואָס סרולי וויל אויף זיך אַרויפציען, איז אַ געמאַכטע, אַ כלומרשטע, ווייל

אין דער אמתן איז ער געווען פעסט און שטאַנדהאַפטיק אין זאַכן פון וואָרט און נאמנות.

— ניין! —האָט לוזי מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן, און האָט ווי אָפּ־געדרוקט דאָס פּאַפּיר, וואָס סרולי האָט אים דערלאַנגט, — ער נעמט דאָס ניט, ער פאַרלאָזט זיך אויף סרולין.

— נו, און אויב דער יצר־הרע צוזאַמען מיטן יצר־טוב וועלן זיך אים צוזאַמענמישן און ס'וועט זיך אים מאַכן אַ פאַל, ווען ער וועט דאַרפן אונטערהאַלטן איינעם אַ זייער נויט באַדערפטיקן, ווי אַט, למשל, אַ מיכל בוקיער, וואָס לוזי ווייסט, האָבן זיך אַלע פון אים אָפּגעקערט און ער איז געבראָכן פון פּרנסה, און אויסער דעם אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן מיט די קינדער, וועלכע זיינען אים אַוועקגענומען, שטייט אים איצט פאַר נאָך דאָס געפאַר, ער זאָל אויך די איבעריקע משפחה פאַרלירן — דאָס ווייב מיט די איבעריקע קינדער; און אויב אים צו דערלאַנגען שטיצע וועט מען דאַרפן „פינגער", ד"ה געלט, און ער, סרולי, האָט ניט, אויסער, לאָמיר זאָגן, נאָר אַט דעם אָפּמאַך, וואָס ביז וואָס, ביז ווען, ביז לוזיס ברודער וועט אים צוריק ניט אויסקויפן, קאָן מען אים ניט בייסן און פון אים גאָרניט ניט אַרויסבאַקומען, — ווי וועט זיין דעמאָלט?...

— דעמאָלט? — האָט לוזי געזאָגט, — זאָל ער טאָן, ווי ער פאַרשטייט... ער איז געווען מענטש און בעל־ברירה, ער זאָל אַליין געפינען אַן אויסוועג אין אַזאַ לאַגע.

מ'דאַרף דאָ ווידער זאָגן, אַז דאָס מאָל, ווען סרולי האָט שוין געהאַלטן ביי אַט די לעצטע רייד, ווען ער האָט געגומען דערמאָנען מיכל בוקיער, איז שוין לוזין געווים קלאָר געווען, אַז סרולי מיינט דאָ ניט ערנסט מיטן אָפּ־מאַך, נאָר טאַקע, ווי געזאָגט, אים בלויז אויסצופּרוּוון.

— ניין — האָט ער געזאָגט — ער נעמט ניט.

דעמאָלט האָט סרולי כלומרשט אומווילִיק צוריק דאָס פּאַפּיר אין בוזים־קעשענע אומגעקערט, אָבער מ'האָט געזען, ווי די אויגן האָבן אים אַ לויכט געטאָן פון אַן אויסבאַהאַלטענעם צופרידענעם שמייכל, ווען ער האָט דער־פילט, אַז לוזי צווייפלט ניט אין זיין שטאַנדהאַפט און געוויסן, נישט גע־קוקט דערויף, וואָס ער האָט אַלץ געטאָן, אים יאָ צו מאַכן צווייפלען... דעמאָלט האָט ער זיך נאָך מער געפילט צוגעבונדן צו לוזין... דעמאָלט האָט אויף אים אויך אַ געפיל פון אַ גרויסן יום־טוב אַראָפּגענידערט... און אַזוי ווי ער האָט נאָר וואָס, אין זיין געשפּרעך מיט לוזין, דערמאָנט מיכל בוקיער, אַזוי האָט ער באַלד איבערגעטראָגן דעם יום־טוב אויף יענעם, און אונטערן פליגל האָט אים אַ ברי געטאָן — טאַקע באַלד, תּיכף אויס־צופילן, וואָס ער האָט געוואָלט: מיכלען צו שטיצן, ווי אַלע מאָל, ווען ס'קומט אים עפּעס אַן פּלוצלים... נאָר ווי ער האָט זיך שוין געזאָלט אויס־

קערעווען צו לוזין, מיטן מיין זיך אַוועקצולאָזן עפּעס פּירצונעמען פֿאַר מיכלען, אַזוי האָט זיך די טיר צו לוזין אין קיך געעפֿנט און פֿון דאָרט אָנקומענדיק, האָט זיך אויף דער שוועל פֿון לוזיס פֿאָדערצימער באַוויזן ניט קיין אַנדערער, נאָר אַליין טאָקע... מיכל.

— מיכל?

— יאָ.

*

ס'איז געווען די צייט פֿון דער צווייטער שבעה ביי אים. ער איז אַריין אין אַן אָרעמאַנישן בורנעס, מיט גאָרנישט ניט אונטערגעשלאָגן, וועלכע האָט אים שלעכט געשיצט פֿאַר דער קעלט פֿון דרויסן און אים געמאַכט דעם קאָפּ אין די אַקסל אַריינציען. אין דרויסן האָבן שוין געהאַט געכאַפּט די ערשטע פֿרעסט, אָבער דערווייל נאָך אָן שניי. די האַרבסטיקע בלאָטעס זיינען פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן, און באַזונדערס די גאָר גרויסע פּונעם דריטן רינג, וועלכע זיינען געבליבן שטעקן סטאַרטשאָם מיט אָנגעהאַרבעטע האַרט־קלינגענדיקע הרודעס.

מיכל איז אַריין אַ פֿאַרבלאָווטער, די מעשענע האָר פֿון זיין באָרד האָבן אים איצט אויסגעזען קויטיקלעך־סיוולעך. די קנייטשן פֿון זיין פּנים פֿיל טיפֿער געקאָרבט, און ווי מיט עטוואָס ערד אין זיי.

ער איז נאָר וואָס אַרויס פֿון זיין שטוב, וואו אויף איינעם אַ פֿענצטער איז געשטאַנען אַ קליין צאַנקענדיק לעמפּעלע, לעבן אַ גלאָז וואַסער מיט אַ שמאַטקעלע, וואָס ווערט אַלע מאָל געשטעלט אין אַ שטוב פֿון אַ געשטאָרבענעם. דערביי איז אויף דער ערד געזעסן מיכלס ווייב אויף אַ קישן אָן אַ ציכל און אַרום איר די איבערגעבליבענע קינדער, וואָס האָבן אומגעבלאָנקעט אין דער הונגעריקער, ניט געהייצטער שטוב, ניט האָבנ־דיק וואָס צו טאָן, אויסער נאָר צו דערמאָנען אין טויט פֿון די געשטאָר־בענע, אויך אין זיך, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי האַלב געשטאָרבן.

מיכל האָט די צייט פֿון שבעה אָפּט, לאַנג, שווייגנדיק איבער דער שטוב אומגעשפּאַנט, אַמאָל אין איין צימער, אַמאָל אין אַ צווייטן, אַמאָל אין ביידע — פֿון וואַנט צו וואַנט... און דאָס מאָל האָט ער אין מיטן דאָס שפּאַנען איבערגעריסן, גענומען דעם בורנעס אויף זיך, און ניט ווינסנדיק אַליין, וואוהין ער דאַרף און צו ווענען ער וועט זיך לאָזן, איז אַרויס אין דרויסן.

פֿאַרוואָס ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו לוזין, און ניט צו אַזאַ, ווי יאָסעלע מגפֿה, מיט וועמען ער איז זיך צונויפֿגעגאַנגען, ווי מיר געדענ־קען — קענען מיר ניט זאָגן. מעגלעך דערפֿאַר, וואָס צו לוזין איז אים געווען נעענטער; מעגלעך אויך, אַז צו יאָסעלען איז אים בכלל דער וועג ניט געווען געגנוג אויסגעטראָטן און ער וואָלט זיך דאָרט ניט געפֿילט

געבוג היימיש; אַזוי, צי אַזוי, נאָר ווי ער איז אַרויס פֿון שטוב און ס׳האָט אים אַ נעם געטאָן דער פּראַקטיקער ווינט, וועלכער האָט ערטער־ווייז בלויז פֿאַרפּראַשעט מיט דינע שיכטלעך שניי די פֿאַרהאַרטעוועטע בלאָטעס — אַזוי האָט ער לאַנג ניט געטראַכט, און אַז די נאַענטקייט פֿון לוזיס שטוב איז אים אין מוח אויפֿגעשוואומען, אַזוי האָט ער גלייך אָנ־געריכט זיין גאַנג אַהין, צו דער „קללה", וואו לוזיס וואוינונג האָט זיך געפֿונען.

אַז ער איז אַריין, האָט אים קיינער קיין „שלום" ניט געגעבן — נישט לוזי, נישט סרולי, אַזוי ווי סע פּירט זיך מיט אַן אָבל, און אַזוי ווי לוזי האָט זיך געטראָפֿן שטיין ביים אויבן אָן פֿון טיש און סרולי ביי זיין איינער אַ זייט, אַזוי האָט מיכל, אָן שום איינלאַדונג, זיך אַוועק־געשטעלט אַנטקעגן סרולין — ביי דער צווייטער זייט.

ס׳איז צוערשט פֿאָרגעקומען אַ שטילע סצענע, וואָס קיינער האָט זי מיט קיין וואָרט ניט איבערגעריסן. לוזי האָט געקוקט אויף מיכלען שווייגנדיק, מיכל האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּ, און נאָר סרולי האָט — אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס — מיטאַמאָל זיך צעשמייכלט, ניט אויף קיין קול, נאָר בלויז מיטן מויל, — ווייזט אויס, ווידער פֿון דעם יום־טוב, וואָס האָט פֿריער אויף אים אַראָפּגענידערט...

ער האָט ניט לאַנג געזאַמט און איידער לוזי מיט מיכלען האָבן באַ־וויזן איינער דעם אַנדערן עפּעס צו זאָגן, אַזוי האָט ער זיך אויסגעדרייט, זיי געלאָזט אַליין, און דורך דאָרט, דורך וואַנען מיכל איז אָקאָרשט, נאָר וואָס שטיל אַריין, איז ער אַרויס.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן איינער פֿון סרוליס משונה ווילדע טעג, ווען ס׳קומט אים עפּעס אָן, און ווען ער באַווייזט אָפּצוטאָן אַמאָל פֿאַר איין שעה, וואָס אַן אַנדערער ביט פֿאַר צען טעג.

ער איז אַוועק אין מאַרק, וואו מען שטייט מיט פֿורן מיט האָלץ, ער האָט איינגעקויפֿט איינע אַ פֿור, דערצו נאָך געדונגען אַ העקער אויף צו צעהאַקן דאָס האָלץ, און צוזאַמען מיט דער פֿור און מיטן העקער האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אַהין, וואו מיכל האָט געוואוינט.

ער איז אַריין אין שטוב, וואו ס׳האָט געהערשט אַ קעלט און אַ טרויעריק־פֿאַרזאָרגטע שיין פֿונעם לעמפּעלע אויפֿן פּענצטער. ער האָט גלייך אויסגעפֿונען אַ תּירוץ פֿאַר מיכלס ווייב אויפֿן געבראַכטן האָלץ, וואָס זי האָט ניט געוואוסט, פֿון וואַנען ס׳איז איר אַראָפּגעפֿאַלן... ער האָט געוואוסט, אַז אויך איצט, ווען האָלץ איז שוין דאָ, איז אָבער מיכלס ווייב אַזוי דערשלאָגן, אַז זי וועט זיך ניט קאָנען נעמען און טאָן, וואָס מע טוט מיט האָלץ געוויינטלעך. און ער האָט זיך דערום גלייך אַרויס־געלאָזט אין קאַמער, און גלייך נאָר, ווי דער העקער האָט באַוויזן דאָס

ערשטע ביסל שייטלעך אָנצושפּאַלטן, אַזוי האָט ער דאָס געכאַפּט, אַריין אין שטוב און אַליין געגומען אונטערהייצן, זאַגנדיק, אַז ס'איז אים קאַלט און ער איז כּלומרשט, גערן צו זען פֿייער אין הרובע.

ער האָט נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעפֿונען דעם תּירוץ אויפֿן האַלץ: אַז, כּלומרשט, האָבן דאָס מיכלס גוטע פֿריינט, וואָס ער, סרולי, קאָן זיי, צוגעשיקט, וויסנדיק, אַז ס'ליגט איצט ניט אין קאָפּ אַליין צו גיין איינ־קויפֿן, — האָט ער מיכלס ווייב אויך אַ קליין ביסל מזומן געלט הינטן אַרום דערלאַנגט, זי זאָל האָבן מיט וואָס זיך די ערשטע צעפּירן און עפּעס טאָן פֿאַר די קינדער, וואָס דרייען זיך אום שלינג־שלאַנג פֿאַרן אויוון, וואָס האָט שוין פֿיל טעג קיין פֿייער ניט געזען און דעם ריח פֿון געקעכטס ניט געשמעקט.

ער האָט נאָך געטאָן, און פֿאַרן אַוועקגיין האָט ער מיכלס ווייב איינ־גערוימט, אַז נאָך שבעה, ווען מע וועט דאַרפֿן „צאָמען" די קינדער, זאָל זי גלייך אַרויף אויפֿן „פֿעלד", זיך ווענדן צום משגיח, און אַלץ איז שוין אָפּגערעדט, אַלץ אָפּגעמאַכט און באַצאָלט פֿאַר די „צאָמען", ווייל — האָט סרולי צו מיכלס ווייב געזאָגט, — די זעלבע מיכלס גוטע פֿריינט האָבן אויך דאָס אין זינען געהאַט.

ער איז אַרויס פֿון מיכלס שטוב, וואו ער האָט אַלץ דערלייִדיקט, און אויפֿן וועג, צוריקגייענדיק, האָט ער זיך גראַד באַגעגנט מיט שמואליקל שלעגער, וואָס זיין בלאָס־בעלמעוואָטע אויג האָט איצט אויסגעזען פֿאַר־שלאָפֿן און האַלב־צוגעמאַכט, און דאָס ריינע — שטאַרק גלאַנציק, ווי ס'ווייזט אויס פֿון אַ טרונק, וואָס יענער האָט נישקשה, אָקאָרשט ערשט אַריינגעכאַפּט.

אַז סרולי האָט אים דערזען, האָט ער אַ געשריי געטאָן.

— זע, אים, שמואליקלען טאָקע, דאַרף ער!

— צו וואָס? — האָט שמואליקל שיכּור אַ ברום געטאָן.

— ערשטנס, ווייל ער אים פֿרעגן: וואָס זעט מען אים ניט אַזוי לאַנג, אַזאַ צייט?... היינט איז אַ סעודה ביי די לוזי־לייט, זאָל ער קומען און זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט; און צווייטנס, — האָט סרולי ביים וואָרט „צווייטנס", דאָס פֿריערדיקע קול פֿאַרקלענערט און געגומען זיך אומקוקן, ווי מורא־האָבנדיק, אַז קיין אַנדערע זאָלן אים ניט דערהערן, — און צווייטנס, ווייל ער אים זאָגן, אַז זאָל ער געדענקען, שמואליקל, אַז אויב אין גיכע צייטן וועט אים „קעצעלע" ווידער וועלן דינגען צו גיין אין אַ געוויסן שליחות צו משה מאַשבער, ווען ס'וועט שוין האַלטן נאָענט ביי אַן אָנזעצן און מע וועט אים דערפֿאַר באַצאָלן, איז צאָלט ער, סרולי, צוויי מאָל אַזוי פֿיל, אַז שמואליקל זאָל ניט גיין, נאָך מער: ער זאָל אָפּ־האַלטן אויך אַנדערע דאָס צו טאָן, ער הערט, שמואליקל?

— אַוודאי הערט ער, וואָס זשע ער ווייסט ניט? אַוודאי וועט ער ניט גיין! קעצעלע זאָל אים אַפילו אַפּגילטן...

— איז גוט, איז זאָל ער געדענקען, און זאָל ער זיך היינט ווייזן צו דער סעודה אויף דער נאַכט — האָט סרולי געזאָגט און האָט גיך אַוועקגעאײַלט, ווײַל ער האָט נאָך עפּעס וויכטיקס געהאַט צו טאָן, איידער ער וועט זיך נעמען גרייטן צו דער סעודה, וואָס ס'האָט טאַקע באמת היינט אויפּדערנאַכט ביי לוזין באַדאַרפט פאַרקומען לכבוד עפּעס אַ יום־טוב, לכבוד אַ רבי־געבורט, דאַכט זיך...

ער איז אַוועק, צו ברכהן.

— צו ברכהן?...

— יאָ. און כאָטש ער האָט פון ערשטן מאָל נישט געדענקט איר וואוינונג אַקוראַט, ווייל דער דעמאָלטיקער שיכורער שטאַנד האָט דאָס אים ניט דערלויבט, דאָך האָט ער, נאָך לאַנגגן קוקן און זיך איינקוקן אין יענער גאַס, זיך דערמאָנט און פאַרט אַהין ריכטיק געטראָפן.

אַז ער איז אַריין, האָט זיך, ווי דאָס ערשטע מאָל, אויך איצט קיינע פון ברכהס באַשטענדיקע פרויען אין שטוב ניט געפונען. ער האָט אַ ווײַלע זיך איינגעקוקט אין ברכהן, ווי די ערשטע רגעס זי ניט דערקאַנט, און דעמאָלט אַ זאָג געטאָן שוין היימיש און ווי אַ לאַנג־באַקאַנטער:

— האַ, די מאַמע פון די „קינדער"![1]

— וואָסערע קינדער? — האָט ברכה אַ ביסל אַ דערשראָקענע און פאַרוואונדערטע אַ פרעג געטאָן.

זי האָט סרולין יאָ דערקענט, און אַזוי ווי זי האָט געוואוסט, וואָס מיט אים איז ביי איר אין שטוב, ביי זיין ערשטן באַזוך, געשען, אַז אַחוץ בזיונות, וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן, האָט מען אים אויך די קעשענעס אויסגעליידיקט, האָט זי מורא געהאַט, טאָמער קומט ער זיך איצט צערע־כענען און אָפּמאָנען, וואָס אים קומט... זי האָט ווייטער געוואוסט, אַז אַן אַנדערער, ווען ער פאַרבלאָנדזשעט, אָדער ער ווערט פאַרשלעפּט אין אַזאַ הויז, ווי אירס, און מ'באַנעמט אים און מ'באַגייט זיך מיט אים אויף אַזאַ אופן, ווי מיט אָט דעם, פאַרזאָגט ער שוין אַ צענטן, יענע גאַס פאַרבייגיין, פון איר אַוועקקוקן און אַפילו אַהין די נאָז ניט ווייזן... און אויב דער איז נאָך אַמאָל געקומען, איז אַ סימן, אַז ער פילט זיך אין קראַפט אַרויסצורייסן, וואָס איז ביי אים אַוועקגענומען געוואָרן, מיט די ציין, מיט די נעגל, נישט מורא האָבנדיק, ער זאָל אָפּשניידן דאָס צווייטע מאָל ערגער, ווי דאָס ערשטע — אַ סימן, אַז אָדער ער איז אַליין אַ בעל־כוח, אָדער אַז עמעצער אַן אַנדערער שטייט הינטער אים, וואָס ער שלאָגט אָפּ יענעמס תקיפות.

[1] אַ צונאָמען פאַר פרויען פון שאַנד־הייזער.

— וואָסערע קינדער? — האָט זי דערום דערשראָקן און פֿאַרוואונדערט אַ פֿרעג געטאָן.

— קוקט נאָר אָן דאָס מלופּים־קינד, וואָס ווייסט, כּלומרשט, נישט, וואָס מע רעדט, — האָט סרולי צו איר אַ רעד געטאָן אויף אַ שפּראַך, ווי שוין גאָר אַ היימישער, מיט וועלכע אַזוינע, ווי זי, שלאָגן בלאָט צוליב שותפֿות, מ׳האַלט זיך פֿריי און מ׳קלאַפּט זיך גוט־ברודעריש און פֿאַניבראַט אין די פּלייצעס.

— מאַך זיך ניט נאַריש, — האָט סרולי געזאָגט — און ברענג, וואָס מ׳הייסט.

— וואָס? וועמען?

— אַ מויד?

— וואָס וויל דער ייד? — האָט שוין ברכה אַ געשריי געטאָן אויף אַ קול, ווי זי וואָלט געוואָלט, אַז שכנים זאָלן זי דערהערן און איר קומען צו הילף.

— כ׳צאָל פֿאַר צוויי — האָט סרולי אַ זאָג געטאָן, און קוקנדיק אויף אים, האָט ברכה ווידער דערזען, אַז זי האָט צו טאָן ניט מיט קיין „יאָלד", ווי אַזוינע הייסן ביי איר, וואָס האָט קיין מאָל אַזוינע שוועלן, ווי אירע, ניט איבערגעטראָטן.

אַז סרולי איז אויך גלייך אַרויס מיט געלט, אַרויסגענומען פֿון וואַנען מ׳דאַרף, איז שוין ברכה פֿיל ווייכער געוואָרן:

— וואָס־זשע? — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן, — ער מיינט טאַקע מיט אַן אמת?

— ניין, נישט קיין מויד, מיין איך, נאָר דיך.

— מיך?! וואָס רעדט דער ייד? — האָט ברכה גענומען פֿאַרשעמט צו שטאַמלען, איר קאָפּטל צו פֿאַרשפּיליען, דאָס קאָפּ־טיכל פֿאַרריכטן און אַ ביסל זיך אויך רויטלען, — וואָס רעדט דער ייד?

— נישט דערויף... — האָט זי סרולי באַרואיקט, — כ׳דאַרף דיך פֿאַר אַן עדות.

— אַן עדות? צו וואָס?

— אַז אויב היינט, מאָרגן, מעגלעך, וועט מען דיך רופֿן און פֿרעגן, ווי אַזוי כ׳האָב צו דיר דאָס ערשטע מאָל אַרייַנגעטראָפֿן, זאָלסטו זאָגן, וואָס דו ווייסט, ווי דער אמת איז, אַז — שיכּור, און אַז אַן מיין ווילן בין איך אַהיין און אַרויס פֿון דיר.

— אַוודאי וועל איך זאָגן, ווי דען? — ניט? — האָט ברכה שוין אויפֿגעלייגט גענומען ווי אונטערקנאַקן מיטן צונג, ווען זי האָט באַקומען אויסגעציילט דאָס געלט פֿון סרולין... זי האָט מסכּים געווען אויף סרולים פֿאַרשלאָג אי פֿאַר דער גוטער פּרייז, וואָס זי האָט באַקומען באַצאָלט במזומן,

אי אויך פֿאַר מורא, וואָס אויב אָט דער פֿאַרשוין, וואָס שטייט דאָ פֿאַר איר, איז טאַקע אַ בעל־כּוח, ווי זי האָט פֿאַרשטאַנען, איז אויב זי וועט זיך אָפּזאָגן און ניט באַשטיין, אַזוי קאָן זיך די זאַך ענדיקן מיט אַ סקאַנדאַל, מיט אַ טומל און אַן איינגעלויף, וואָס איז גאָרניט געוואונטשן פֿאַר אַזוינע הייזער, ווי איר הויז.

— אוודאי וועט זי זאָגן! — וואָס־זשע? ער איז דאָך טאַקע אַריין און אַרויס אַ שיכּורער פֿון איר שטוב... און מיט דער מויד האָט ער דאָך גאָר־ניט געטאָן... זי וועט גיין שווערן... ער האָט זי געלאָזט קאַלט...

— איז גוט, איז אַזוי טאַקע זאָלסטו זאָגן, געדענק — האָט סרולי נאָך אַמאָל איבערגעחזרט — אויב היינט, מאָרגן וועט מען דיך רופֿן און פֿרעגן.

— אוודאי, אוודאי — האָט ברכה פֿאַרזיכערט, און נאָך אָט דעם קורצן משא־ומתן האָט זיך סרולי צו איר אויסגעקערעוועט, קיין גוטן טאָג ניט געזאָגט, און פֿון איר שטוב אַרויסגעשפּאַנט.

ער איז אַרויס אַ דערלייכטערטער, און קומענדיק אויפֿן גאַס, וואו ברכהס הויף האָט זיך געפֿונען, האָט ער זיך גענומען אומקוקן און ווי זיך געמאַכט סימנים, אויב ער וועט דאַרפֿן אַהער ביינאַכט, אין דער פֿינצטער, ער זאָל קיין טעות ניט האָבן.

דעמאָלט איז ער אַוועק אין שטאָט, איינצוקויפֿן צו דער סעודה, וואָס האָט היינט אין אָוונט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען ביי לוזין, לכּבוד עפּעס אַ גע־וויסן סעקטע־יום־טוב. ער האָט אויפֿן וועג ערגעץ געקריגן אַ קוישל, און צוריק פֿון שטאָט האָט מען אים געקאָנט זען ניט נאָר מיטן קויש אָנגע־לאָדן, נאָר אויך די הענט פֿאַרנומען און די קעשענעס אָנגעשטאָפּט.

און אָט אין דער צייט, בעת סרולי האָט די אַלע זיינע געשעפֿטן דער־ליידיקט — פֿריער ביי מיכל בוקיער אין שטוב, דערנאָך זיין געשפּרעך מיט שמואליקל שלעגער, דערנאָך דעם באַזוך ביי ברכהן — איז צווישן לוזין מיט מיכל בוקיער פֿאָרגעקומען די שטילע באַגעגעניש, וועלכע מיר האָבן פֿריער פֿאַרשוויגן און איצט ווילן מיר וועגן איר אַ פּאָר ווערטער זאָגן.

בלייבנדיק אויג אויף אויג מיט לוזין, האָט מיכל גענומען עפּענען דאָס געשלאָסענע מויל פֿון אבלות און דערציילן, ווי ער האָלט, ווי אַזוי מ׳האָט אים אָפּגעשטויסן, און אַז ער, מיט ווייב און קינדער, האָבן ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן. — מילא ער, ווי ער — האָט ער געזאָגט — אָבער זיי, זיין משפּחה. וואָס איז שולדיק?

ער האָט צווישן אַנדערן, ווייטער געזאָגט: מילא ער ווייסט כאָטש מיט מיט וועמען ער האָט זיך אָנגעהויבן, אַז מיט אַזוינע, וועלכע באַטיילן גאָט אין הימל מיט אַלע יענע שפּלדיקע אייגנשאַפֿטן, מיט וועלכע זיי, ווי בשר־ודמס, זיינען אַליין מישטיינסגעזאָגט, באַשאַנקען, ווי קנאה, שנאה, אאַז״וו,

און וואָס אויף דעם שרייען אַפּילו די גאָר גלויביקע גדולים, וועלכע האַלטן, אַז ניט נאָר די געמיינע מידות, נאָר אַפּילו די גרעסט־מענטשלעכע טיטולן און לויבערייען, וואָס מ׳שרייבט צו דעם רבונו־של־עולם, מינערן זיין גרויס, ווייל ס׳איז ניט צו מעסטן מיט קיין מענטשן־מאָס דעם, וואָס איז איבער־מענטשלעך. און זיי, אָט די, וועלכע מיכל וויל זייער נאָמען ניט דערמאָנען, ציען דעם הימל צו דער ערד און טוען אים אין זייער אייגענעם קויט איינ־וואַלגערן — דערמיט, וואָס זיי שטעלן זיך פאָר זייער פאַרערטן, לויט זייער קליין־טרויעריקער השגה, ווי אַ ליאַדע ראובן אָדער שמעון אין מאַרק, וועל־כער איז גרייט דורס זיין, ווען ס׳דאַכט אים, אַז עמעצער האָט זיין גרענעץ אַריבערגעשפּאַנט, אים צו שאַדן.

— זיי האַלטן דאָך — האָט מיכל פאַרגעזעצט — אַז דאָס, וואָס ביי אים, ביי מיכלען, זיינען איצט די קינדער אומגעקומען, איז דאָס אַ גערעכטיקער געצאָלט פון זיין ליבן נאָמען דערפאַר, וואָס ער, מיכל, האָט זיין עול אַראָפּ־געוואָרפן און איז אַוועק אויף אַ גאַנצן תחום־שבת ווייט פון אים... פוקד עוון אָבות על בנים, — זאָגן זיי, שטייט דאָך געשריבן — ער צאָלט קינדער פאַר די זינד פון עלטערן, הייסט עס, און מ׳פאַרגעסט, וואָס איז אין שפּע־טערע צייטן געוואָרן גערעדט: דיברה תורה בלשון בני אָדם, אַז דאָס האָט זיך געפאָדערט פאַר אַפּגעשטאַנענע מענטשן, פאַרן המון אַזוי צו רעדן, ווייל אויב ניט, אויב ס׳זאָל טאַקע זיין, ווי אין פסוק שטייט, אַזוי וואָלט דאָך דאָס געהייסן דאָס גרעסטע גזלנות פון גרעסטן גזלן...

אָט אַזוי, אין אָט דעם גייסט, האָט דעמאָלט מיכל בוקיער נאָך און נאָך גערעדט פאַר לוזין, און וואונדערלעך, ווי אַזוי לוזי האָט, דאָס אַלץ אויס־הערנדיק, געשוויגן — אַ זאַך, וואָס איז ניט געהערט, ווייל אַן אַנדערער וואָלט אַזוינע רייד אַפּילו צו קיין שפּיץ אויער ניט דערלאָזט, ווייל מ׳טאָר ניט.

אויב מ׳וואָלט געוואָלט מיינען, אַז לוזי האָט, מעגלעך, געקוקט אויף מיכלען, ווי אויף אַ קראַנקן, וואָס רעדט פון וועג, און דערמיט האָט אים פאַרענטפערט, — איז ניין: גיכער איז צו גלויבן, אַז אַזוי ווי מיכלס ריס און אַרויס פון גדר איז אין יענע צייטן און אין יענע באַדינגונגען געווען אַן אויסנאַם־געשעעניש, אַזוי איז אויך לוזי, פון דער צווייטער זייט, געווען אַ צווייטער אויסנאַם... קלאָר גערעדט: ניט דערפאַר האָט לוזי אַזוי געדולדיק אויסגעהערט מיכלען, ווייל ער, חלילה, ווייניקער פרום, ווי ס׳האָט זיך געפאָדערט פון אַזוינע, ווי ער. ניין, נאָר דווקא דערפאַר, ווייל אי ער האָט געקערט צו אַ מער פרומער שיטה און אי אויך ווייל ער אַליין, ווי גע־זאָגט, אַ שטיק אויסנאַם — אינעווייניק אין דער שיטה...

ס׳וואָלט זיך געפאָדערט אַ באַזונדער אָפּהאַנדלונג אויף צו דער־קלערן, ווי אַזוי אַזאַ, ווי לוזי, האָט זיך דערלויבט צו האַלטן אָפן זיין טיר, למשל, פאַר אַזאַ, ווי אַ שמואליקל שלעגער, וואָס זיין פאַרשריגענע אויפ־

פירונג און שלעגערישע מעשים זיינען אונדז שוין פון פריער באַוואוסט... אין פלוג דאָך ווילד, אָפּגעפרעגט און ניט צו באַנעמען, ווי אַזוי לאָזט מען אַריין אין אַ שטוב אַזאַ, וואָס זיינע הענט זיינען ניט ריין פון שפיכת־דמים, — נישט נאָר פון איין מאָל פאַרגיסן בלוט, נאָר פון באַשטענדיק שלאָגן שולדיקע, ווי אומשולדיקע, אַבי פאַר לוין, אַבי פאַר געלט... משונה! אַנדערע וואָלטן אים דאָך אויף די אויגן ניט געלאָזט. און דאָ גאָר: ער — ביי לוזין אַן איינגייער.

ווייל יאָ, ווייל מ׳דאַרף וויסן, אַז נישט איין מאָל האָט געטראָפן, ווען דווקא דערפאַר, וואָס ער, אַ שמואליקל, אַ כמעט לא יבוא בקהל, אויף וועלכן אַ גאַנצע שטאָט קוקט קרום, מיט עקל און מיט מורא, אויב מ׳האָט אים מכבד געוועזן און ער דערפילט, אַז שערי תשובה לא נבעלין — אַז די טויערן פון תשובה, הייסט עס, זיינען ניט געשלאָסן אַפילו פאַר אַזאַ, ווי ער — האָט זיך געמאַכט, אַז אַזאַ האָט זיך מיטאַמאָל געטאָן אַ קערעווע־אויס צו זיין פאַרגאַנגענהייט מיט אַזוי פיל חרטה, אַז אין אַ שיינעם טאָג האָט ער גענומען וויינען פאַר די זעלבע סעקטע־לייט, ביי וועלכער ער איז פריער געוועזן נאָר אַ קאַלטער אורח, געזעסן אין אַ זייט און זיך מיט גאַרניט אָנ־געקערט — מ׳זאָל אים פאַררעכענען פאַר אַן אייגענעם... און דאָס האָט געטראָפן, זאָגן מיר ווידער, אי אַ דאַנק דער אייגנשאַפט פון דער גלויבי־קער שיטה אַליין צו וועלכער ער איז געוואָרן אַ מקורב, אי אַ דאַנק, דער עיקר, דעם אָנפירער, וואָס איז געשטאַנען אַ האַלב אָבער גאַנץ־פאַראַנטוואָרטליכער, אַ האַלב אָבער גאַנץ־פאַרפאַלענער, צוליב ליטערונג, צוליב בעסערונג.

אַזוי מיט אַ שמואליקלען, דאָס גלייכן מיט אַ מיכלען, וואָס דערפאַר האָט לוזי, מעגלעך, אַזוי געדולדיק אויסגעהערט יענעמס אָפּטריניקע ביטער־ניש, אים ניט איבערגעשלאָגן און זיך ניט אָפּגעקערט פון צו הערן דאָס, וואָס אַנדערע, אין אַזאַ פאַל, וואָלט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן ווערעם אין די אויערן.

ביין, לוזי האָט געהערט אויפמערקזאַם. מערער — און דאָס איז אויפן ערשטן קוק שוין גאָר אַ חידוש — לוזי האָט, דאָס אַלץ אויסהערנדיק, אַפילו ווי כלומרשט מישטיינסגעזאָגט מיט מיכלען... נאָך מער: ער האָט אַפילו, ווי מיט אַ שמייכלענדיקער הנאה זיינע רייד פאַרנומען, וואָס דאָס איז שוין גאָר, גאָר אַ חידוש.

דאָס לעצטע אָבער לאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואָס באמת האָט לוזי, קוקנדיק אויף מיכלס באַטריבטקייט, געשמייכלט נישט פון יענעמס רייד, נאָר פון דעם, וואָס ער האָט זיך גראָד דעמאָלט דערמאָנט אין סרולין, וואָס איידער מיכל האָט זיך איצט אין שטוב צו אים באַוויזן, האָט יענער אָנגע־רופן מיכלס נאָמען, אין פאַרבינדונג מיטן אָפּמאַך, וואָס ער האָט געבעטן לוזין, ער זאָל אים ביי אים אָוועקנעמען, ווייל מעגלעך — האָט ער געזאָגט

— ער וועט דאַרפֿן געלט, כּדי אונטערצוהאַלטן אַזאַ, למשל, ווי אַ מיכלען...
נו, דאָס האָט דאָך לוזי געוואוסט, אַז אויב סרולי האָט עפּעס פֿאַרטראַכט און זיך אונטערגענומען צו טאָן, אַזוי וועט ער שוין ברעכן וועגט און די זאַך וועט ער דורכפֿירן. און זיכער — האָט לוזי ווייטער געטראַכט — איז דאָס, וואָס סרולי איז היינט גלייך אַרויס פֿון שטוב, ווי נאָר מיכל איז אַריין, איז געטאָן געוועזן צוליב דעם, כּדי טאַקע איצט, באַלד, ווען מיכל איז אין דער היים ניטאָ, זאָל אים דערלאַנגט ווערן די הילף הינטער די אויגן, כּדי אים ניט צו פֿאַרשעמען.

און ווירקלעך, אַזוי איז דאָס טאַקע געווען, ווי מיר וועלן... און דער־פֿאַר, אַז מיכל האָט איצט אויסגעלייגט זיין ביטער האַרץ און האָט נאָך צוגעגעבן דערצו, אַז ניט נאָך טרייסט איז ער אַהער געקומען, ווייל ער ווייסט, אַז דער מענטש איז שטויב און זיין טרייסט איז דאָס זעלבע, — נאָר דערפֿאַר, וואָס ער קאָן אין דער היים ניט זיין און ניט צוזען דעם צער פֿון ווייב און קינדער; — אַז מיכל האָט דאָס צוגעגעבן און לוזי האָט אויך דערויף מיט גאַרנישט ניט דערווידערט, אַזוי האָט מען געזען, ווי מיכלען איז אַראָפּ אַ שטיק שטיין פֿון האַרץ שוין אַליין דערפֿון, וואָס ער האָט זיך כאָטש אָפֿן און פֿריי אַרויסגערעדט...

דערצו נאָך האָט צוגעהאָלפֿן דאָס, וואָס ביי לוזין אין שטוב איז געווען גוט געהייצט און פֿון דער געמיטלעכער וואַרעמקייט האָבן מיכלען גענומען אָפּגיין די שפּאַרעס און די קעלט פֿון לייב... און דעמאָלט, אַז סרולי גאָל איז אַהיימגעקומען, נאָך דעם ווי ער האָט זיינע געשעפֿטן אין שטאָט אָפּ־געטאָן, מיט אַ פֿולן קויש און מיט פֿולע הענט און קעשעניעס פֿון מאכלים און משקה, וואָס ער האָט צו דער פֿאַרשטייענדיקער סעודה פֿאַרגרייט, — אָט דעמאָלט, אַז סרולי האָט פֿאַרגעלייגט מיכלען, ער זאָל זיך גיין וואַשן און עפּעס טועם זיין פֿון געבראַכטן, האָט זיך מיכל ניט אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך געוואַשן און איז צוגעגאַנגען צום טיש, צו וועלכן ס׳איז אים דערלאַנגט געוואָרן פֿון אַלעם פֿאַרגרייטן, און מ׳האָט געזען, אַז ער איז פֿאַרגענוגט ניט נאָר פֿון די מאכלים, נאָר אויך פֿונעם אופֿן, ווי אַזוי און מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגינערישקייט מ׳האָט זיי אים דערלאַנגט.

אי לוזי, אי סרולי האָבן מיכלען אין מויל ניט געקוקט, און בכלל האָבן זיי געזען האַלטן די בליקן אין אַ זייט, בשעת ער האָט זיין הונגער געשטילט, ווי כּלומרשט זיי זיינען מיט עפּעס אַנדערש פֿאַרנומען... ער האָט אָפּגעגעסן און איז אַוועק בשלום פֿון לוזין, אָן שום קריגעריי, נאָר פֿאַרקערט מיט דעם געפֿיל, אַז לוזיס טיר שטייט פֿאַר אים אָפֿן איצט, ווי אַלע מאָל, גלייך ס׳איז גאָר קיין שום ענדערונג ניט פֿאַרגעקומען...

אָט דעמאָלט איז אויף סרולין ערשט דער רעכטער יום־טוב אַראָפּ. מ׳האָט געזען, אַז ער איז צופֿרידן און אויפֿגעלייגט אי פֿון די פֿיל אַרבעטן,

וואָס ער האָט היינט דערליידיקט, אי פֿון דעם, ווי אַזוי לוזי האָט אָקאָרשט ערשט אויפֿגענומען מיכלען. און ער האָט זיך דערפֿאַר געגומען גרייטן צו דער סעודה מיט גרויס פֿלייס, מיט ברען און אימפעט, גלייך ס'וואָלט זיין זיין ערשטע אַרבעט פֿאַר היינטיקן טאָג.

ער האָט צונויפֿגעטראָגן אַלע טישן פֿון שטוב אין פֿאָדערצימער, וואו די סעודה האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען, און פֿון אַלע טישן געמאַכט איינעם — פֿון וואַנט צו וואַנט אַוועקגעשטעלט. דערנאָך האָט ער געבראַכט בענק, דערנאָך פֿאַרשפּרייט דעם טיש מיט טישטעכער, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין לוזיס באַלעבאַטישקייט; דערנאָך האָט געגומען אויסשטעלן דאָס געשיר־טעלער, מעסער, לעפֿל־גאָפּל לעבן יעדער אָרט, וואו עמעצער אַן איינגעלאָדענער האָט באַדאַרפֿט זיצן — אַלץ מיט דער ברייטער האַנט, נישט ווי אַן אַנדערש מאָל אין אַזוינע הייזער, ביי אַזוינע געלעגנהייטן, ביי אַן אָרעמען מאַלצייט, ווען איין מעסער גענוגט אַמאָל אויף אַ גאַנצן טיש, און אויך טעלער, לעפֿל־גאָפּל קלעקן ניט פֿאַר אַלע; דאָ, היינט, ניט ווי אַלע מאָל, ווען מע קומט אָפּ די אויסשטאַטונג צו אַזוינע סעודות מיט אַבי־ווי און שיע פּיע.

סרולי האָט דאָס מאָל אי פֿאַר מאכלים, אי פֿאַר משקה גוט געזאָרגט, אי אויך פֿאַרן אויסערלעכן פּוץ און אַזוי געזאָגטן טאַבלטיר. ער האָט אַלע שטוב־לאָמפּן צונויפֿגעבראַכט און זיי אויפֿן טיש אַוועקגעשטעלט, ס'זאָל היינט זיין ליכטיקער, ווי כסדר. און ווען אַלץ איז שוין גרייט געווען, האָט ער נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף זיין מלאָכה מיט אַ גענים אויג פֿון אַ געניטן סאַרווער, און אַז ער האָט געזען, אַז ס'פֿעלט נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס ביי לוזין איז דאָס ניט געווען צו קריגן, איז ער אַוועק צו שכנים, שכנות, זיך איינגעשאָפּט און אַנטליען דאָס אויספֿעלנדיקע.

אַ סברה אויך, אַז פֿאַרנאַכט, ווען ס'האָט אים געדאַכט, אַז די משקה וועט ניט קלעקן, איז ער נאָך אַמאָל אַוועק אין שטאָט דעם חיסרון צו דעפֿולן און איינצוהאַנדלען נאָך.

און אויפֿדערנאַכט, נאָך מעריב, ווען דער עולם האָט זיך גענומען צונויפֿקלייבן, און ווען אויפֿן טיש האָבן זיך באַוויזן — ניט ווי אַלע מאָל איין לאָמפּ, נאָר דריי מיט אַמאָל, און די לוזי־לייט האָבן גענומען זשמורען די קבצנישע בליקן פֿון דער גרויסער ליכט, צו וועלכער זיי זיינען ניט געוואוינט און אויך ניט — צו אַזאַ אומגעוויינלעכער פֿאַר זיי טיש־אויסשטעלונג... אָט דעמאָלט האָט סרולי גאָל — אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער פֿון אַ גאַנצן טאָג האָוועז און אומשמייען — אין אַ ווינקל זיך אַוועקגעזעצט, גלייך ער האָט צו אַלעם אָפּגעטאָענעם און פֿאַרגרייטן אין שטוב קיין שייכות ניט, און גלייך ניט ער איז דער שולדיקער פֿון דער אומגעוויינלעכער ליכט, פֿון לאַנגן טיש, מיט די ווייסע טישטעכער, מיטן

געשיר און מאכלים און משקאות, וועלכע האָבן זיך אויפֿן טיש געפֿונען אויסגעשטעלט — נישט זיין האַנט דערביי... ער האָט זיך אין אַ ווינקל פֿאַרזעצט און געוואַרט, דער עולם זאָל זיך אויסזעצן, און ווען מ׳וועט דאַרפֿן אויפֿגיבן צו דער סעודה דאָס, וואָס אויפֿן טיש איז נאָך לעת־עתּה ניטאָ... אויך דעמאָלט, האָט מען געזען, וועט ער קיין אָרט צווישן אַלע איינגעלאַדענע ניט פֿאַרנעמען, ער וועט בלויז סאַרווערן און ווי אַ געוויסער סאָרט בעלי־שׂמחות, וואָס רירן זיך אַליין ניט צו צום פֿאַרגרייטן, און האָבן הנאה בלויז פֿון באַדינען אַנדערע מיט הנאה...

און אַזוי איז טאַקע געווען, אַז מ׳האָט זיך לסוף אויסגעזעצט, איז סרוליס אַרבעט באַשטאַנען אין דעם, צו זען, צו דערלאַנגען, וואָס וועמען ס׳פֿעלט — מ׳זאָל זיך פֿילן גוט, און אַלע גלייך, נישט אויסגענומען אַפֿילו אַזוינע, וואָס פֿאַר זיי האָט זיך שוין נישט געפֿונען קיין אָרט ביים טיש און זיי האָבן געמוזט בלייבן שטיין ביי זיינע זייטן.

דאָס זיינען געווען איינציקע פֿון די „קללה״־איינוואוינער, וועלכע האָבן דערזען די אומגעוויינלעכע ליכט פֿון לוזיס שטוב אַרויסשיינען, און דער־פֿילנדיק דעם געמיטלעכן צוזאָג פֿון אַ שׂמחה פֿון דאָרט, האָבן זיך אומ־געבעטענע אַליין אַריינגעשטעלט. סרולי האָט געזען, אַז אויך אָט די „קללה״־לייט זאָלן זיין קאָנטענט... ער האָט דאָס מאָל אַפֿילו געלאָזט פֿרייען איינ־גאַנג פֿאַר די קאַליקעס און האַלב־דולע, ווי די „מיטוואָכס״ און די „פּושקעס״, וואָס אויך זיי האָט די פֿולע שיין צוגעצויגן און זיי זיינען אַריין שטילע, ווי אויף די שפּיץ־פֿינגער, האָבן זיך אין קיך אַנגעשטופּט און גענומען אַריינ־קוקן אין פֿאָדער־צימער, צו זעטיקן די פֿאַרקריפּלטע און האַלב־דולע פּנימער פֿונעם שטוב־יום־טוב, וואָס אַ קליינער חלק איז אויך זיי אַרי־בערגעפֿאַלן.

ס׳האָבן זיך ביים טיש געפֿונען אויסגעזעצט די אַלע אונדז שוין באַ־קאַנטע לוזי־לייט, ווי יאַנקעלע דער פֿיר־אַרשיניקער שניידער, מיטן דאַרן האַלדז און „קנאַפּ״; מנחם דער פֿאַרבער, מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ; יאַנקעלע ליקוי־חמה; דאָס „פּאַרל״ און נאָך, און נאָך, וואָס וויל מיר קענען זיי שוין פֿון לאַנג, ווילן מיר זיי מער ניט אויסרעכענען. ס׳האָבן זיך גע־פֿונען, אַחוץ יענע, אויך אַ קליין ביסל ניי־צוגעשטאַנענע, וואָס האָבן זיך געפֿילט נאָך ניט איבעריק פֿריי, ניט היימיש און אַ ביסל פֿרעמדלעך. ס׳האָט אויך דאָס מאָל ניט געפֿעלט אַפֿילו אַזאַ, ווי שמואליקל שלעגער, וואָס ער האָט זיך אין סרוליס איינלאַדונג פֿון היינט בייטאָג דערמאָנט און האָט זיך מער ניט געלאָזט בעטן.

מ׳האָט שוין געהאַט עטוואָס געגעסן פֿון די מאכלים, אויך געטרונקען פֿון דער משקה, וואָס סרולי האָט היינט בייטאָג, קומענדיק פֿון מאַרק, מיט־געבראַכט אין קוישל, אויך אין די קעשעניעס, און וואָס פֿאַרנאַכט, אַ סבֿרה,

ווען ס'האָט אים געדאַכט צו זיין ווייניק, איז ער ווידער, ווי דערמאַנט, אַוועק אין שטאָט, אויף צוצוקויפן נאָך.

ביי די האַלב־אויסגעהונגערטע לוזי־לייט האָבן נאָכן ערשטן עסן און טרינקען שוין די ערד־קאַלירטע באַקן גענומען אונטערפלאַמען, זיך רויטלען. מ'האָט זיך דערפילט אַ ביסל אויפגעבונדן און דערמונטערט. באַלד האָט מען שוין געזאָלט אַרויס מיט געזאַנג, וואָס נאָך דעם וואָלט געקומען אַ טאַנץ אין מיטן דער סעודה, ווי אַלע מאָל, ווען מ'פאַרגעסט זיך און מ'טאַנצט ביזן זיבעטן שווייס און ביז דאָס העמד ווערט נאַס.

אָבער אין דעם מאָמענט, ווען אַלעמענס אויגן האָבן זיך שוין גע־ווענדט צום פאַרזינגער, וואָס קומט אַלע מאָל אַרויס דער ערשטער מיט זיין קול, און וואָס נאָך אים קומען אַלע — אַזוי האָט מען פלוצלים דער־הערט, גאָר אַן אַנדער קול, אַ קול פון אַ שפּיל־כּלי, פון עפּעס אַן אומגע־ריכטער זייט אַרויס.

— האַ, וואָס? — האָבן זיך אַלעמענס אויגן אַ ווענד געטאָן צו יענער זייט שטוב, וואו די קללה־איינוואוינער זיינען געשטאַנען, מחמת ס'האָט ניט געקלעקט פאַר זיי קיין אָרט צום זיצן.

מ'האָט דאָרט פלוצלינג דערזען סרולין מיט אַ דודעביים מויל, מיט יענער, מיט וועלכער ער פלעגט אַמאָל משמח זיין חתן־כּלה אויף חתונות, ווי שוין דערציילט... מ'האָט זיך גלייך אויך אַ ווענד געטאָן, ווי מיט אַ פראַגע אַן ווערטער, צו לוזין: צי געשיקט זיך עס, הייסט עס, דאָס, וואָס סרולי האָט, ניט ווי דער שטייגער, זיך אַרויסבאַוויזן מיט אַזאַ זאַך גאָר, ווי מיט אַ דודע, מיט אַ ניט־יידישער שפּיל־כּלי? — צי איז רעכט, און צי מעג מען הערן?

— ס'מאַכט נישט — האָט מען צוריק פון לוזין אַ גוטמוטיקן ענטפער אָן ווערטער באַקומען, און נאָך מיט אַ שמייכל, וואָס האָט באַטייט, אַז אויך אים איז עס מאָדנע, און אַז אַ ביסל האָט ער דאָך געקריגן נייגיר צו וועלן הערן, וואָס סרולי האָט דאָ צו זאָגן מיט זיין כּלי.

אַלע זיינען גלייך פאַרכאַפּט געבליבן, סיי די ביים טיש זיצנדיקע, סיי די שטייענדיקע, סיי אויך די „מיטוואָכס" און „פּושקעס", וועלכע האָבן זיך פול אין קיך אָנגעשטופּט און וואָס ווען זיי האָבן דערהערט די שפּיל־כּלי, אַזוי האָבן זיי זיך צו דער שוועל פון פאָדער־צימער צוגערוקט און מיט אויסגעשטרעקטע קעפּ און העלדזער צו סרולין דעם געהער צוגעבויגן.

ווייל יאָ, ווייל דאָס מאָל איז סרולי אַרויס מיט אַזאַ שפּיל, וואָס ער האָט ווי זיך אַליין איבערגעשטיגן: מיט אַזאַ ריינעם טאָן און מיט אַזוינע קלאַנגען, וועלכע האָבן באַלד געמאַכט פאַרגעסן דעם עולם, ווער ער איז, און זיין גאַנץ גייענדיק יאָר קבצנות... ער האָט אים גלייך געבראַכט, ווי צו עפּעס זייער אַ געראָטענעם פּאַלאַץ, הויך, לופטיק געבויט, וועלכער גע־

פֿינט זיך אין אַן אָרט, וואָס פּאַסט זיך פֿאַר פּאַלאַצישע בנינים — מיט אַ שיינעם אַרום און מיט אַ טויער, וואָס שטייט געשלאָסן פֿאַר ניט־געוואונטשענע און פֿאַר אַזוינע, וואָס האָבן ניט די ווערט אַהין אַריין.

און דאָ האָט זיך סרולי מיט דער דודע אָוועקגעשטעלט — ער מ׳יטן עולם, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, און שפּילנדיק, האָט ווי גענומען פֿאָ־דערן ביים טויער, ער זאָל זיך עפֿענען מיט כּבוד פֿאַר די, וואָס ער, סרולי, האַלט זיי פֿאַר פֿולווערטיק און פֿאַרדינטע.

— זיי האָבן פֿאַרדינט — האָט ער שפּילנדיק, זיי פֿאָרגעשטעלט — כאָטש אָרעם און פֿאַרטיילט. כאָטש באַנומען און פֿון מזל באַרויבט, אָבער ווער ווייסט, ווער ס׳וועט איבערמאָרגן די וועלט ווייסט, ווער ס׳וועט איבערמאָרגן די וועלט ירשהנען?

און אָט עפֿנט זיך דער טויער. סרולי מיט די מיטגעבראַכטע קומען אַריין, און מ׳זעט, ווי זיי פֿילן זיך צוערשט געענגט און ווי פֿאַרשעמט פֿון דעם, וואָס, ווי זיי דאַכט זיך, האָבן זיי אַריינגעטראָפֿן אַהין, וואו זייער זכות דערלויבט ניט, און מ׳פֿילט, אַז זיי וואָלטן גערן זיין, מ׳זאָל זיי באַלד צוריק אַרויספֿירן פֿון דאָרט...

סרולי אָבער דערלאָזט זיי זיך ניט שעמען. ער מוטיקט און מונטערט זיי, גייט פֿאָראויס און שפּילט אַ באַגעגעניש, ווי פֿאַר גאָר געוואונטשענע, וועלכע ווערן גערן איינגעלאַדן אין פּאַלאַצן.

און אָט קומט מען אַריין אין זאַלן, וואָס זיינען רייך אויסגעשטאַט, מיט רייך־באַשטעלטע טישן, ביי וועלכע ס׳זיינען שוין אויסגעזעצט פֿיל אַזוינע, ווי די, וואָס סרולי האָט אָקאָרשט מיטגעבראַכט — אויך אַזוי אָרעם געקליידט, אויך אַזוי געמיין אויסזעענדיק, אָבער וואָס פֿילן זיך שוין היימיש און מאַכן אָרט פֿאַר די ניי־אָנגעקומענע, אויפֿגעלייגט און גאַסטפֿריינדלעך, און לערנען זיי און ווייזן זיי, אַז אויך זיי זאָלן זיך גוט פֿילן, היימישער און בעסער.

ס׳קומען באַלד אָן אויך די אייגנטימער פֿון פּאַלאַץ — שוין שיין געקליידט און אַזוי אויסזעענדיק, ווי גלייך זיי וואָלטן מיט אַזוינע געסט, פֿון סרולין איצט געבראַכטע, קיין מאָל קיין מגע־ומשא ניט געהאַט, קיין מאָל אין זייער נאָענטקייט ניט אָנגעטראָפֿן; און דאָ גאָר, פֿאַרקערט, יחוסן זיך מיט זיי, זעצן זיך צוזאַמען, עסן ווי פֿון איין טעלער און טרינקען פֿון איין כּוס; און אַז די ניי־אָנגעקומענע סרולים געסט נעמען דערנאָך טאַנצן, נאָכן עסן און אויסטרינקען, טאַנצן די אייגנטימער פֿון פּאַלאַץ מיט — אַזוי, אַז די פּיאַטעס הויבן אָן פֿלאַקערן ביי אַלע, אַזוי, אַז די סטעליע הויבט זיך פֿון אַלגעמיינער גדולה, און אַלע שרייען: „זאָל זיך די וועלט פֿרייען! זאָל, ווער סע וויל, אַהער קומען און אין אונדזער אַלעמענס שמחה אָנטייל נעמען, נישט אויסגענומען די סאַמע לעצטע, ווי די סאַמע ערשטע, די חכמים פֿון דער וועלט, און אויך די, וואָס זיינען אין קאָפּ געשלאָגן און ביז אַ

גראַשן שכל אויסגעבייטלט... אַלע! אַלע! — שרייט מען — און נישט נאָר מענטשן, נאָר אַפילו חיות פון וואַלד און בהמות פון פעלד ווערט מען דאָ אויפנעמען גערן...

און דאָ טוט זיך טאַקע אָ הויב די סטעליע... מ׳דערזעט: ס׳נאַכט, קאַלט, פינצטער און אויסגעשטערנט... און מיט אַמאָל באַווייזט זיך, פון דער קעלט אָנקומענדיק, אַן עדה זקנים, פאַרשיידן אָנגעטאָן, מיט ליכט אין די הענט, ווי מ׳פירט עמעצן צו אַ חופּה, און הינטער אַט די זקנים — זע, — קומט אָן אַן עדה גייער, וואַנדערער, מיט ניסן־שטעקנס אין די הענט און מיט טאָרבעס, — אַזוינע, וואָס האָבן קיין מאָל קיין דאַך אויפן קאָפּ... און הינטער זיי — זע ווידער — באַווייזן זיך אויך בהמות פון פעלד, — נייק, ניט פון פעלד, נאָר פון אָרעמע שטאַלן, שלעכט פון קעלט געשיצטע, מיט פראָסט אויף די פעלן, וואָס זעען אויס, ווי זיי זוכן אַ וואַרעם אָרט, וואו זיך אָפּקעלבן און וואו — פון זייערע מעוברתע בייכער זיך באַפרייען.

און באַלד געשעט עס טאַקע: ס׳הערט זיך אַ שטילער מרוק פון קי. אַ ציקלען זיך פון ציגן, אַ מעקען פון שאָף, און זיי קעלבן זיך, ציגלען זיך, שעפסלען זיך פאַר די אויגן פון אַלע פאַרזאַמלטע אין פּאַלאַץ און פאַר די ליכט פון די אָנגעקומענע זקנים, וואָס לייכטן זיי צו אין שטילקייט און אין פייערלעכקייט... און נאָכדעם, ווי די נייע ברואים קומען פון די מוטערס בייכער אַרויס, קערן זיך אום די זקנים און די וואַנדערער און ווינטשן דעם גאַנצן עולם: מזל־טוב אייך! מזל־טוב דער וועלט!... און אין קאַלטן דרויסן, אין פינצטערן הימל באַווייזט זיך אַ גרין־גאָלדענער שטערן איבער די קעפּ פון עולם, וואָס איז ביי די געבורטן בייגעווען.

— מע־מע...

— מזל־טוב! מזל־טוב!...

און דאָ האָט טרולי מיט אַמאָל דאָס שפּילן איבערגעריסן, ווי אַלע מאָל, אין מיטן, און אויך איצט געמאַכט גלויבן דעם עולם, אַז די שפּיל דויערט און די דודע איז נאָך אין מויל ביי אים, ווען אין דער אמתן איז די שפּיל שוין געווען אויס און די דודע ביי אים אין קעשענע פאַרבאַהאַלטן.

ס׳איז געווען אַ מין פאַסטעך־ליד, וואָס האָט דעם עולם אַזוי מיטגעריסן, אַז די ביים טיש זיצנדיקע האָבן געהאַלטן די מיילער אָפן; די וואָס זיינען געשטאַנען, האָבן ניט געפילט, אַז זיי שטייען, די האַלב־דולע, קריפּלדיקע „קלה״־פאַרשוינען, ווי די „מיטוואָכס״ און „פושקעס״, וואָס האָבן געהאַלטן די קעפּ און די העלדזער איינס איבערן אַנדערן אַריבערגעשטרעקט, קוקנדיק אין פאַדערצימער און הערנדיק דאָס שפּילן מיט פאַרגאַפונג, — ביי יענע האָט סרוליס שפּיל אַרויסגערופן אַמאָל אַ שטיל געלעכטערל און אַמאָל אויך אַפילו אַ קוויטש פון התפּעלות...

מ׳האָט אויך נאָך דער שפּיל זיך געפֿילט פֿון סרולים קלאַנגען באַהערשט, באַצויבערט. מ׳האָט נאָך געהאַט פֿאַר די אויגן, וואָס סרולי האָט אָקאָרשט פֿאָרגעשטעלט: דעם טרויער, פֿאַר וועלכן ער האָט אויסגעשפּילט דעם מאַרש לכּבוד די, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט; די שמחה מיט די אייגנטימער פֿון פּאַלאַץ; די זקנים מיט די ליכט אין די הענט, און דאָס פֿי, וואָס קעלבט זיך — מע־מע — מיט מזל — דאָס אַלץ, וואָס מ׳האָט אין דעם געפֿילט אַ שטיק אייגענעם גורל, אַזוי הויכאַרטיק אויסגעדריקט...

מ׳האָט נאָך געהאַלטן די קעפּ געווענדט צו סרולין, ווי וועלנדיק הערן נאָך און נאָך פֿון דעם... נאָר מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט: שאַ, שאַ...

— וואָס איז? — לוזי האָט גענומען „זאָגן”, אַ זאַך, וואָס טרעפֿט זעלטן, ווייל לוזי איז געווען קאַרג אויפֿן וואָרט, ווייל לוזי האָט אַלע מאָל באַפֿולמעכטיקט אַן אַנדערן אַרויסצוטרעטן אַנשטאָט אים, מיט דעם, וואָס מ׳דאַרף, פֿאַר די זייניקע. און דאָ גאָר, אָן שום בקשות פֿון קיינעם, האָט ער זיך אַליין אַרויסגערופֿן — אַ סימן, אַז אויך אים איז עפּעס איבער דער כּלי איבערגעגאַנגען...

יאָ, אויך לוזי האָט היינט געהאַט אַן איבערפֿולטן טאָג: פֿריער אויסהערן פֿון סרולין, וואָס ט׳האָט געטראָפֿן, דערנאָך זיך אָפּזונדערן אין אַלקער און בעטן ביי דער וואַנט, און ביי דעם, וואָס שטייט הינטער דער וואַנט, מחילה פֿאַר סרולין, ווי אויך פֿאַר מיכלען, וועלכער האָט זיך גלייך דערנאָך צו אים אין שטוב באַוויזן און ביי אים לענגער פֿאַרבראַכט, ווי מיר געדענקען: דערנאָך אָט די שמחה, ווען ער האָט צוגעזען, ווי סרולי טוט אַרום איר, ווי אַרום אַן אייגענער, ווען ער האָט אַלץ, ווי געהער, פֿאַרגרייט, און ווי ער איז, אַ צופֿרידענער, איצט אַרויס מיט זיין שפּיל־כּלי אומגעדרייט, — דאָס אַלץ האָט לוזין, ווייזט אויס, פֿון זיין געוויינטלעך איינגעשטעלטן שטייגער אַרויסגעפֿירט, און ווען ער האָט דערזען פֿאַר זיך דעם עולם מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, אָקאָרשט ערשט פֿון סרולים שפּיל אויפֿגערודערט, אַזוי איז אים אונטערגעקומען אַ באַגער זיי ניט לאָזן זיך אָפּקילן, און אויך, פֿון זיין זייט, אַ שאָט טאָן מיט קערנער אויפֿן באָדן, וואָס סרולי האָט פֿאַר אים אויפֿגעאַקערט אין געמיט פֿון די צוהערער.

— חביבין ישראל — האָט לוזי אָנגעהויבן שטיל, אָפּגעהאַקט און מיט קורצע זאַצן — געליבט איז ישראל, וואָס ניט די יסורים פֿון גלות און ניט וואָס ער איז פֿאַרטריבן פֿון זיין טאַטנס טיש שטערט אים ניט זיך צו פֿילן בנים למקום — קינדער צו גאָט און אויסדערוויילט צום קינפֿטיקן מלכות...

— און זאָלן זיך די אומות העולם ניט פֿרייען — האָט לוזי ווייטער געזאָגט — מיט זייער רייכן חלק, וואָס איז זיי אויסגעפֿאַלן, און ניט קוקן אויף ישראל, וואָס איז פֿאַרשוואַרצט, ווי די געצעלטן פֿון קדר... אמת, ער איז פֿאַרטיילט און איבערגעלאָזט אויפֿן חסד פֿון פֿיל שווערדן, וואָס הענגען אויף זיין קאָפּ און צווינגען אים אויסצובעטלען זיין לעבנס־ברויט ביי אַלערליי

אַכזריות און וועלט־מערדער; זאָלן זיך די אומות ניט פרייען און ניט שפּעטן פון ישראל, וואָס זעט אויס פרעמד, פאַרטיילט און אַ פאַרוואָגלט שטיפקינד צווישן אַלע; די קללה פון ישראל איז צייטווייליק, ווי לאַנג זי זאָל ניט דויערן, און דאָס, וואָס איז אים באַשערט צו זיין אַן אומגליקלעכער בעטלער אויף פאַרשאָלטענע שליאַכן, וועט, סוף כל סוף, אויפהערן...

— ס'קומט די ליכט, די גאולה פון ישראל, ווי ס'איז פאַראויסגעזאָגט פון פאַראויסזאָגער און נביאים אויף שפּעטער... אָבער אויך שוין איצט, און אַלע מאָל, קומען צדיקים אין אַלע דורות, ווען ס'קומט בראָך און פורעניות אויף ישראל, וואָס נעמען אויף זיך די באַזיניקונג פון זיין גורל, באַלייטן אים אויף זיין דאַרנוועג מיט אַ ליב אויג פון אַ דערבאַרעמדיקן, וואָס אַלע פיילן, וועלכע דאַרפן טרעפן אין אים, ווינטשן זיי זיי צו האָבן געטראָפן אין זיך... ס'ווינטשן זיך דאָס אויך די, וואָס שטייען נאָענט צום צדיק, וועלכע זיינען באַגליקט מיטן זכות צו פילן דעם טעם פון יענעם הויכן צער פון ישראל, וואָס איז דאָס געקרענקטע, אָפּקומענדיקע און ליידנדיקע הארץ פון דער וועלט.

— חביבין ישראל למקום — געליבט איז ישראל פאַר די יסורים, מיט וועלכע ער דינט פאַר אַ ביישפּיל דער וועלט, ווי אַזוי צו בלייבן אין שטאַנד און אין דער ניט־געבראָכענער מעלה אַפילו ווען דער חלף איז אויפן האַלדז... געליבט איז ישראל, וואָס אין זיינע פאַרטונקלטע בליקן בלייבט אים כסדר דאָך אויך אַ קליין שפּעלטעקל אויף אַרויסצוקוקן אויף דער גאולה — ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר אַלעמען, פאַר וועלכע ער איז דער געבענטשטער אָפּקומער און דער דערמאָנער פונעם באַוואוסטן צוזאָג, אַז „ומחה דמעה מעל כל פנים" — אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע טרערן וועלן אָפּגעווישט ווערן פון אַלע פנימער.

— ס'וועט קומען די צייט... — האָט לוזי פאַרגעזעצט, שוין אַ דער־וואַרעמטער פון זיינע אייגענע רייד, פול האָפענונג, — ווען אַ חופה וועט געפירט ווערן צום הייליקן באַרג... חכמים פון דער וועלט און צדיקים מיט קרוינען אויף די קעפּ און מיט הבדלות אין די הענט, וועלן האָבן דעם געזאַלבטן אין דער מיט, און די גאַנצע וועלט וועט זיי נאָכגיין — מאַן, ווייב און קינד גישט נאָר פונעם מענטשלעכן מין, נאָר אויך אַפילו חיות, בהמות און עופות, וועלכע וועלן אויפגעריכט ווערן און אָנגעפולט זיין מיט וויסן, אינעם טאָג פון פרייד, ווען אַלעמען וועט דאָס גליק טרעפן... יעדער חכם מיט זיינע אָנהענגער און פאַרערער, יעדער נביא מיט די בני נביאים, יעדער צדיק מיט די, וועלכע האָבן זיך לעבן אים נאָענט געהאַלטן און זיך געשפּייזט פון זיינע געלייטערטע רייד און געזאַלבטע מעשות — אַלע, וועלכע האָבן אָפּגעהיט דאָס הייליקע פייער אין ווינטן און אין שטור־רעמווינטן, ס'זאָל זיך ניט אויסלעשן אין דער פינצטער.

— היט דערום אויך איר, אַחינו, אַנשי שלומנו — דאָס ליכט, וואָס איז אייך איבערגעגעבן געוואָרן בירושה, ביז יענע טעג, ביז ימות המשיח, ווען אַלע קניען וועלן זיך בוקן פֿאַרן אויסלייזער. און אַלע קעפּ — בעטן ברכה — סיי מענטש, סיי אַנדערע ברואים, אין ווען ס׳איז נאָר פֿאַראַן אַ רוח חיה — אַ לעבעדיקע זעל...

— היט דאָס פֿייער, אַחינו, אַנשי שלומנו. — האָט לוזי זיך גענומען מער דערוואָרעמען, און דער עולם האָט מיט פֿאַרגאַפֿונג אים געקוקט אין מויל, וועלנדיק הערן נאָך און נאָך צו זיין טרייסט און צו דער דערהויבענער שליחות, וואָס איז באַשטימט פֿאַר יעדער אָנגעהעריקן און נאָענט־שטייענדיקן צום צדיק.

— אַי־אַי, — האָט דער עולם זיך געקוויקט פֿון התפּעלות פֿון דעם וואָס איז דאָ אָנגעוויזן געוואָרן אַן אויסוועג פֿון צרות־הכּלל, פֿון צרות האומה און צרות הפּרט פֿון יעדן איינציקן פֿון די צוהערער.

— אַי, אַי, אַי — האָט מען זיך געקוויקט פֿונעם גלויביקן נחת, וואָס ס׳איז באַגליקט צו האָבן אונטער דער פֿאַלע פֿאַרשטעלט דאָס באַוואוסטע ליכט, וואָס דאַרף טליען און זיך אויפֿהאַלטן ביז משיחס צייטן, ווי דער רבי ר׳ נחמן האָט פֿאַרשפּראָכן...

— אַי, אַי...

אָבער ווי דער עולם האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אָפּצואוואונדערן פֿונעם געהערטן פֿון לוזין, אַזוי האָט פּלוצים אַ טראַך געטאָן אַ שטיין, וואָס האָט געטראָפֿן אין פֿענצטער פֿונעם פֿאָדער־צימער, וואו די סעודה איז פֿאָרגעקומען. מ׳האָט אויסגעזעצט אַ שויב, און שיער־שיער און אַ האָר איז אָפּגעגאַנגען, אַז דער אַריינגעטראָפֿענער שטיין זאָל עמעצן אַ קאָפּ געוועזן פּלעטן, ניט אויסגעשלאָסן אויך (און אפֿשר דער עיקר טאַקע געמיינט), לוזיס קאָפּ...

דער עולם האָט זיך אַ ווילדן כאַפּ אויף געטאָן... דער קריפּל־עולם, וואָס האָט זיך געזאַמלט אין קיך, האָט זיך גענומען צוריקרוקן פֿון דער שוועל פֿון פֿאָדער־צימער, וואוהין ער האָט פֿריער די קעפּ געשטרעקט, און פֿאַמעלעך־פּאַמעלעך זיך גאָר אין גאַנצן אָנגעהויבן אַרויסשאַרן און די שטוב פֿאַרלאָזן; יענע, וואָס האָבן ביים טיש קיין אָרט ניט געהאַט און האָבן, שטייענדיק, פֿריער סרולין און איצט לוזין אויסגעהערט, האָבן זיך אויך איצט פֿון די ערטער געדירט, געפּלעפּטע; אַזוי אויך די זיצנדיקע — אויף זייערע זיץ־פּלעצער, און נאָר אין סרולי האָט גלייך געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פֿאָר און וואָס מ׳דאַרף פֿירנעמען.

ער האָט באַלד אַ וואונק געטאָן שמואליקל שלעגער, וועלכער האָט פֿאַר־נומען אַן אָרט ביים טיש, ער זאָל מיט אים אין דרויסן אַרויס, און זען,

אפשר וועט זיי געלינגען פּאַקן ביי דער האַנט דעם, וואָס האָט דעם שטיין געוואָרפן, ער זאָל פון זיי זיין ערלעך אויסקומעניש באַקומען.

ער האָט פאַרשטאַנען, סרולי, אַז אָט דער שטיין איז אַ מין פאַרזעצונג פון דעם, וואָס מ'האָט פריער מיט אים דורכגעמאַכט אין ברכהס הויז, ווען ער האָט זיך אַהין געטראָפן באַטרונקען, און אַז דאָס איז אויך אַן אָנזאָג אויף עפּעס נאָך, וואָס וועט ווייטער, מעגלעך, געשען, אויף אַ געוויסן אופן, פון געוויסע הענט געשאַפן...

ער האָט זיך דורכגערוקט דורכן שטוב־עולם, און אַז ער מיט שמואלעקלען זיינען אַרויס אין דרויסן און האָבן זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און גע־וואָלט דערשפּירן כאָטש אַ מינדעסטן סימן פון דעם, פון וועמענס האַנט דער שטיין האָט געטראָפן, און זיי האָבן ניט געפונען, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן זיך צעלאָזט, ווי שפּיר־הונט אין אַלע זייטן, — האָבן זיי זיך, באין ברירה, לסוף געמוזט אומקערן מיט ליידיקן און ניט קיין אויסגע־לאָדענעם ווילן יענעם צו באַצאָלן, ווי ער האָט פאַרדינט. באַלד אָבער, ווי זיי האָבן זיך צוריק צו דער טיר פון לוזיס שטוב דערנעענט, אַזוי האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן אויף איינעם אַ הויכן, אַ לאַנגן, וואָס אין דער פינצטער איז זיין פּנים ניט געווען צו דערקענען, און וואָס ווי נאָר יענער האָט דערזען סרולין מיט שמואליקלען אים אַנטקעגן גיין, אַזוי האָט ער גלייך אַ פרעג געטאָן:

— דאָ וואוינט לוזי מאַשבער?

— יאָ, וואָס איז דען? וואָס דאַרף ער?

— ער דאַרף — האָט יענער געזאָגט — ער איז געשיקט פון רב, ר' דודין אין אַ שליחות.

אַז ער איז אַריין, צוזאַמען מיט סרולין און שמואליקלען, פריער אין קיך, דערנאָך אין פאָדער־צימער, וואו דער פול־געפּאַקטער עולם האָט זיך נאָך געפונען אויף די ערטער, שטייענדיק, זיצנדיק, נאָך איבערראַשט פונעם נאָר וואָס געשעענעם, וואָס האָט זיך אַלץ נאָך פון אַלעמענס פּנימער ניט אויסגעגנומען — אַזוי האָט ער גלייך אַ קוק געטאָן צום אויבנאָן פון טיש און האָט דערקענט דעם, צו וועמען ער האָט באַדאַרפט האָבן — לוזין, און נאָר, צוליב מער זיכערקייט, האָט זיך אַ ווענד געטאָן און אַ פרעג געגעבן:

— דאָס איז ער, לוזי מאַשבער?

— יאָ, ער.

— איז ער געשיקט פונעם מרא דאתרא, פון רב ר' דודין, וועלכער בעט, אַז לוזי זאָל ניט זאַמען און וואָס גיכער נאָך היינט צו אים זיך ווייזן, צוליב אַ געוויסן ענין.

דאָס איז געווען מלך דער לאַנגער, ר' דודיס משרת, וואָס ווי נאָר ער האָט די לעצטע ווערטער אָפּגעזאָגט, אַזוי איז ער אַ ווײַלע געבליבן מבולבל

פֿון דער פֿרעמדער סעודה־לופֿט, מיט וועלכער ער האָט אָן אָטעם געטאָן, און אויך דערפֿון, וואָס אויף די פּנימער פֿון עולם איז געווען צו מערקן עפּעס אַ צעמישטקייט, וואָס ער האָט זיך ניט געקאָנט דערקלערן, פֿון וואַנען זי שטאַמט — איז ער דערום שטיין געבליבן מיט פֿאַרלוירענע בליקן, און נישט האָבנדיק מער וואָס צו זאָגן, האָט אויף לוזיס ענטפֿער געוואָרט.

גוט — האָט לוזי געזאָגט — ער קאָן גיין, מלך, הייסט עס... ס'איז אַ סעודה דאָ, ווי ער זעט... און אַז מ'וועט ענדיקן, מ'וועט אָפּבענטשן, וועט ער גלייך קומען, לוזי, ניט געזאַמט.

שפּעטער אַ ביסל, אַז מ'האָט די סעודה שוין פֿאַרענדיקט, ווי ניט ווי, אי מחמת דעם איבערשלאָג מיטן שטיין, אי מחמת דעם, וואָס דער עולם האָט דערפֿילט אויך עפּעס ניט גוטס אין דער איינלאַדונג פֿון לוזין צו ר' דודין; שפּעטער אַ ביסל, אַז מ'האָט שוין אָפּגעגעסן, דערנאָך אָפּגעבענטשט, אַזוי האָבן אַלע, פֿאַרן אַוועקגיין און זיך אָפּגעזעגענען מיט לוזין, אים אַרומגערינגלט און ציטעריק ווי אים געוואונטשן, ער זאָל זיין באַהיט פֿון שלעכטס, וואָס קאָן אים מעגלעך פֿאַרשטיין דאָרט, וואוהין ער לאָזט זיך...

מ'האָט זיך איינציקווייז, אויך רעדלעכווייז גענומען אַרויסרוקן פֿון לוזיס שטוב, וואו ס'זיינען געבליבן נאָר סרולי מיט לוזין, אויך שמואליקל שלעגער, ווען סרולי האָט אַ וואונק געטאָן, ער זאָל ניט אַוועק מיט אַלע... און דעמאָלט, אַז לוזי האָט זיך גענומען אָנטאָן צום גאַנג, האָט אויך סרולי געטאָן דאָס זעלבע, און אַ זאָג געגעבן:

— ער גייט אויך — ער מיט שמואליקלען.

— צו וואָס? מ'האָט אים ניט גערופֿן?

— ס'מאַכט ניט, אַז אויך אומגערופֿן.

— מ'איז אַרויס פֿון שטוב אין דרייען, לוזי אין דער מיט, און סרולין מיט שמואליקלען האָט ער ביי די זייטן געהאַט. מ'איז אַזוי צוזאַמען פֿאַרזיכטיק דורכגעגאַנגען די פֿינצטערע געסלעך פֿון יענעם אָרט, וואו לוזי האָט געוואוינט, און וואו מענטשן גייען ווייניק — ווייזט אויס פֿון מורא, אַז ס'זאָל זיך דאָרט ווידער עפּעס ניט טרעפֿן, ווי אין שטוב — אַ מין אָנפֿאַל אויף לוזין. און אַז מ'איז אַרויס אין די מער באַלויכטענערע און מער באַלעבעטערע גאַסן, וואו די מורא דאָרט האָט שוין געקאָנט זיין קלענער, אַזוי האָט סרולי מיטאַמאָל זיך פֿאַרהאַלטן און אַ זאָג געטאָן, אַז ער האָט נאָך עפּעס אויפֿן וועג צו דערליידיקן... און שמואליקלען האָט ער דערביי אַ וואונק געטאָן, ער זאָל לוזין ניט לאָזן אַליין. פֿון אים ניט אָפּשטיין און אים באַגלייטן, ביז ר' דודין, און אויך דאָרט, האָט ער געזאָגט, זאָל ער מיט אים צוזאַמענזיין, ביז ער, סרולי, וועט אַהין אָנקומען.

דעמאָלט איז ער אַוועק און ניט געבליבן. ער האָט זיך געלאָזט צו ברכהן, וואָס כאָטש היינט בייטאָג האָט ער זיך געמאַכט סימנים אין איר

הויף, אויף צו פֿאַרגעדענקען, טאָמער וועט ער אַהין באַדאַרפֿן האָבן אויפֿ־דערנאַכט, אין דער פֿינצטער. דאָך האָט ער אויך איצט אַ ביסל געפּלאָנטערט, ביז ער האָט אים אָפּגעזוכט.

אַז ער איז אַריין צו ברכהן און האָט דאָרט אָנגעטראָפֿן, ווי אַלע מאָל אין אַ וואָכעדיקן טאָג, אין אַ וואָכעדיקן אויפֿדערנאַכט, גאָר ווייניק, האַלב פֿאַרשעמטע, האַלב פֿאַררוקטע באַזוכער, אַזוי האָט ער זיך גלייך אַ ווענד געטאָן צו איר און איר איינגערוימט.

— איצט דאַרף ער זי האָבן, זי זאָל מיט אים מיטגיין, ווי אָפּגעמאַכט.

— וואוהין? — האָט יענע אַ פֿרעג געטאָן.

— צום רב. — האָט סרולי געענטפֿערט.

— אײַ־אײַ — צום רב?!

— יאָ, וואָס־זשע, זי האָט זיך דערשראָקן?

— אַוודאי דערשראָקן.

— נו, איז האַלט זיך צו דאָרט, וואו מען האַלט זיך, אַז מ׳דערשרעקט זיך...

דעמאָלט האָט ברכה עטוואָס אַ שמייכל געטאָן פֿונעם ענטפֿער פֿונעם אומבאַקאַנטן איר סרולין, וואָס, ווי ס׳ווייזט אויס, איז ער אַמאָל גאָר קיין פּראַמאַך ניט געווען אַפֿילו אין באַציאונגען מיט אַזוינע, ווי זי, ברכה. זי האָט זיך איצט נאָך אַמאָל איבערצייגט, ווי שוין איין מאָל היינט בייטאָג, אַז אָט דער אַמאָל געוועזענער גאַרניט קיין פּראַמאַך האָט עפּעס אַ פֿעסטע האַנט אויף צו צווינגען דעם, מיט וועמען ער האָט עפּעס אָפּגעמאַכט, אַז יענער, דער צווייטער צד, זאָל — צי ער וויל יאָ, צי ער וויל ניט — אויספֿירן, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. זי האָט געפֿילט, אַז אויב זי וועט איצט פּרוּוון וועלן נישט האַלטן קיין וואָרט און זיך אויסדרייען פֿון דעם, אויף וואָס זי איז פֿריער באַשטאַנען, אַזוי קאָן אָט דער איר־אומבאַקאַנטער סרולי מאַכן אַ סקאַנדאַל, אַ הויכע סצענע, וואָס קאָן פֿיל שאָדן ברענגען איר גאַרניט איבעריק כּשרער פּרנסה־שטוב, וועלכע דאַרף מורא האָבן פֿאַר אַזוינע זאַכן, ווי איבעריקע אויגן, איבעריקע אויערן און איבעריקן טאַראַראַם.

זי האָט זיך דערום אונטערגעגעבן. און כאָטש זי האָט ניט געוואוסט גענוי, מיט וואָס זי וועט דאַרפֿן דינען אָט דעם אומבאַקאַנטן ביים רב; און כאָטש זי האָט אויך געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז אָט דאָס עדות־זאָגן דאָרט וועט, מעגלעך, ניט צונויפֿפֿאַלן מיט די אינטערעסן פֿון אַ יונה, מיט וועלכן זי איז, ווייזט אויס, געווען נישקשה פֿון באַקאַנט, און וואָס, ווי זי האָט געוואוסט, האָט ער, יונה, דאָך איינגעאָרדנט די גאַנצע זאַך מיטן ברענגען צו איר אָט דעם אומבאַקאַנטן, צוליב אַ געוויסן ציל; נאָר דאָך,

אַזוי ווי יונה איז איצט נישט געווען, ער זאָל זי אונטערהאַלטן און איר העלפֿן, אויב זי וועט זיך וועלן פֿאַרקריגן מיט אַט דעם, סרולין; און אַזוי ווי זי האָט דאָך היינט בייטאָג אויך באַקומען גוט באַצאָלט פֿון דעם, וואָס שטייט איצט פֿאַר איר און מאָנט אויף פֿאַר זיין געצאָלטס; און אַזוי ווי זי האָט אויך געזען, ווי געזאָגט, אַז דער פֿאַרשוין איז אַ מענטש מיט אַ ווילן, וואָס צוויי מאָל אָפּגעפּריצעוועט און באַנומען ווערן פֿון איר שטוב וועט ער זיך שוין אַוודאי ניט לאָזן — האָט זי דערום נאָכגעגעבן... זי האָט אַ זאָג געטאָן: „אַט, באַלד", און באַלד טאַקע האָט זי גענומען אויף זיך אַ ווינטער־דיקן מאַנטל און אַ שאַל אויפֿן קאָפּ; און זייענדיק שוין גרייט צום גאַנג, האָט זי ווידער אַ זאָג געטאָן:

— זי גייט; געמאַכט, איז געמאַכט; און אַז מ'וועט זי פֿרעגן, וועט זי אַוודאי זאָגן, וואָס זי ווייסט.

*

אַז לוזי איז יענעם אָוונט אַריין צו ר' דודין, האָט ער געטראָפֿן נישט קיין גרויסן עולם, ווי אַמאָל אַ שבת־צו־נאַכטס, נאָר בלויז עטלעכע געציילטע, אָבער, ווייזט אויס, נישט קיין צופֿעליקע, נאָר ספּעציעל אַהער צוזאַמענ־גערופֿענע, דאָס איז געווען צו זען דערפֿון, וואָס ווי נאָר ר' דודי האָט אים באַמערקט און האָט זיך עטוואָס אויפֿגעהויבן פֿון זיין שטול, ווי אים אַנט־קעגנגייענדיק מיט כּבֿוד, אַזוי האָבן די אַרומזיצנדיקע אויף לוזין אַזאַ קוק געטאָן, פֿון וועלכן ס'איז קלאָר געווען, אַז פֿריער אַ מינוט איז דאָ די רייד געגאַנגען וועגן אים, און איצט, ביי זיין אַריינקומען, איז מען אַנטשוויגן געוואָרן און דעם געשפּרעך איבערגעריסן. ס'האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען ביי ר' דודין חוץ אַ פּאָר רבנים, אויך אייניקע שטאָט־באַלעבאַטים, און אויך — זע אַ וואונדער! — אַזאַ, ווי יונה שענקער, וואָס אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָגט צו פֿאַרנעמען אַן אָרט לעבן העכערס פֿון זיך, ביים טיש פֿון רב, איז ער דערום געשטאַנען הינטער אַ בענקל פֿון איינעם אַ זיצנדיקן חשובֿ, מיט פֿאַרלייגטע הענט אויף אַרונטער, ווי זיין שטייגער.

יונה האָט בעת לוזיס אַנקומען, באַמערקט אויף שמואליקל שלעגער, וואָס האָט, לויט סרוליס אויפֿטראָג, באַדאַרפֿט לוזין ביזן רבֿ באַלייטן און אויך אין שטוב מיט אים מיטגיין. ער האָט אויך באַמערקט, אַז ווען שמואלעקל איז אַריין, האָט ער זיך די ערשטע רגעס פֿאַרלוירן אומגעקוקט מיט זיין בעלמעוואָטע אויג, ניט וויסנדיק, וואו זיך אַהינטאָן, צי שטיין בלייבן, צי זיך זעצן; און, אַז לסוף, זייענדיק פֿון זעלבן סאָרט, וואָס ער, יונה, אַליין, וועלכער פֿילט זיך ניט איבעריק פֿריי אין דער סבֿיבֿה פֿון אַ רבֿ, בפֿרט פֿון אַזאַ, ווי אַ ר' דודי — האָט ער דערום באַשלאָסן שטיין בלייבן, אַ ביסל

ווייט, אַ ביסל אָפּגעזונדערט, ווי אַ ניט באַרעכטיקטער און ניט אַריינגע־פּאַסט אין אַט דער געזעלשאַפט.

— ווער איז דער ייד? — האָבן אייניקע אַ פרעג געטאָן, ווען מען האָט דערזען דעם פרעמדן שמואליקלען און געוואוסט, אַז ער איז נישט איינגעלאַדן.

— האַ, שמואליקל! — האָבן אַנדערע, וואָס האָבן אים אַ ביסל יאָ געקאָנט און געוואוסט זיין שלעגערישע עבודה אין שטאָט, הינטן אַרום אַ מורמל געטאָן, נישט צופרידענע, פאַרשטענדלעך, פון זיין אַהערקומען.

— האַ, שמואליקל! — האָט יונה זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַן אויסרוף, ווי צו אַ גוט באַקאַנטן, און מען האָט געזען, אַז ער ווייסט אים אויף זיכער, און אַז, זיכער, שמואליקל — אויך אים; און אַט דערום האָבן די אומ־צופרידענע מיט שמואליקלען נישט געקאָנט נעמען דערווידערן קעגן אים, מחמת אויב אַ יונה ווערט דערלאָזט ביי־צו־זיין פון איינעם אַ צד, מעג דער צווייטער צד זיך דערלויבן צו האָבן אַזאַ, ווי דער צווייטער, ווי שמואליקל, הייסט עס; און קוויט, און קיינעם קומט פון קיינעם קיין אויסגאַב ניט אַרויס...

און אַזוי איז דאָס טאַקע געבליבן: יונה איז שטיין געבליבן, ווי פריער, הינטערן בענקל פונעם זיצנדיקן חשוב, און שמואליקל — וואו ער האָט פלאַץ פאַרנומען: אַ ביסל ווייט, אַ ביסל אָפּגעזונדערט...

און אַט, און ווי די ערשטע פּאָר באַגריסונג־ווערטער זיינען געזאָגט גע־וואָרן צווישן לוזין און ר׳ דודין, ווי ס׳פירט זיך, אַזוי איז מען גלייך צו־געטראָטן צום ענין, צוליב וועלכן דער ערשטער איז איינגעלאַדן געוואָרן פון צווייטן.

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער באַגעגעניש פון אַט די צוויי:

אין פלוג דאַכט זיך, ביידע גלייך, ביידע פון איין טייג געקנאָטן, ביידע צו איין גאָט און צו איין גלויבן געהעריקע, און אַפילו כמעט צו איין שיטה אין גלויבן — און דאָך פאַרשיידענע, אי לויט זייערע אייגנשאַפטן, און אי, דער עיקר, לויט דעם אָרט און לאַגע, וועלכע זיי האָבן פאַרנומען.

ווען ר׳ דודי — אַ חריף, מיט פיל קענטעניש, וועלכע האָבן אים גע־בראַכט צו זיין דער גרעסטער רב אין אַזאַ קהילה, ווי N, וואו מ׳האָט אים גרויס ערלעך געהאַלטן און וואו זיין וואָרט איז געהיט געווען, ווי אַ וואָרט, וואָס איז געגעבן געוואָרן „מסיני" — ד"ה פון גאָט אַליין; — ווען ר׳ דודי — אויך אַ תקיף, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנצע שטאָט הינטער זיך, וועלכע האָט זיך אים אונטערגעגעבן, ווי אַ האַר, אַ הערשער, און וואָס דערפאַר, ווי מיר האָבן דערציילט, פלעגט ער אַלע פרימאַרגן, זומער, דער ערשטער אויף זיין גאַניקל אַרויסגיין, די אויגן פאַר דער זון פאַרשטעלן און נעמען אויפן זינען די שטאָט, ווי איינער, וואָס גיט אַכטונג און באַזאָרגט זיינע אַ נחלה, אויף וועלכער ער האָט צו זאָגן, ווי אַן אייגנטימער.

ווען ר׳ דודי — אַזאַ, איז לוזי פֿאַרקערט: אַ ווינקל־מענטש, וואָס האָט אַלע יאָרן אין אַ קליין שטעטעלע אויף דער גרענעץ ערגעץ פֿאַרבראַכט; אַ דערוויטערטער פֿון קהל; כאָטש אַ געלערנטער און גרויס־וויסער, דאָך אָבער אַ מענטש נישט פֿון מאַכט, נאָר פֿון געמיט; נישט נאָר נישט תּקיף, נאָר ערגעץ אינערלעך אַפֿילו אָנגעבראָכן, און וואָס דערפֿאַר, ווי מיר האָבן שוין אויך דערציילט, האָט מען אים געקאָנט זען אָפֿט זיך אומדרייען אַ פֿאַרטראַכטן, ווי ער שטעלט זיך אויף און נעמט פֿירן מיט אַ פֿינגער איבער דער ברעם פֿון זיין רעכטן אויג, ווי איינער, ביי וועמען די מחשבות קאָ־לויצען זיך און ער וויל זיי איינשטילן, באַרואיקן; אַזאַ, וואָס זיין כּלי האָט שטיל און לאַנג זיך געוואָקלט, ביז דער וויין און די היזיון האָבן זיך אים איינגעשטעלט — אַזוי פֿריער, אין דער יוגנט, און אַזוי אויך איצט, ווען ער האָט, נאָך לאַנגע גייסטיקע אומוואַנדערונגען, דערלאַנגט צוקומען צו די, ביי וועלכע ער האַלט זיך איצט, אי דאָס אויך (זאָגן מיר דאָ אויס...) ניט איבעריק זיכער, אַז ער וועט ביזן סוף בלייבן אַ זייעריקער. אַזאַ — לוזי.

און איצט צום ענין.

ווי נאָר ר׳ דודי האָט לוזין פֿאַר די אויגן געקריגן, און ווי נאָר ער האָט זיך געווענדט צו אים מיט די ערשטע פּאָר באַגריסונג־ווערטער, אַזוי האָט ער אים גלייך דערנאָך אַ פֿרעג געטאָן: צי ווייסט ער, אַז שטאָט איז שטאַרק אויפֿגעבראַכט אויף אים, און אַז ער, ר׳ דודי, ווי דער מרא דאתרא, איז מחויב אים צו וואָרענען?

— יאָ, ער ווייסט — האָט לוזי שטיל אָפּגעענטפֿערט, אַ ביסל מיט טרויער און אַ ביסל מיט פֿאַרבאָרגענעם שפּאַס, און דערביי אויך אַ ביסל אונטערגעשמייכלט — ווייל איינע אַ וואָרענונג האָט ער שוין היינט באַקומען.

— פֿון וועמען? — האָט ר׳ דודי געפֿרעגט.

— פֿון אַ שטיין, וואָס מ׳האָט אים היינט, ערשט אויפֿדערנאַכט, אין זיין פֿענצטער אַריינגעוואָרפֿן.

— אַ שטיין? — האָט ר׳ דודי זיך פֿאַרחידושט און מיט די אַקסל, ווי אָוועקגעמאַכט די האַלב־פֿאַרשטעלטע לוזיס באַשולדיקונג, אַז, כּלומרשט, קאָן ער, ר׳ דודי, האָבן אַ שייכות צו אַזוינע זאַכן, ווי צו וואָרענען מיט שטיינער...

— ער פֿאַרשטייט ניט און הויבט ניט אָן פֿאַרשטיין, נישט ער, און נישט אויך אַלע די, געוויס, וואָס זיצן דאָ ביי זיין טיש פֿאַרזאַמלט.

— האַ? — האָט ער זיך מיט אַ פֿראַגע געווענדט צו די ביים טיש־זיצנדיקע און ווי זיך געעדותט מיט זיי ווענן זיין און אַלעמענס אומשולד.

— ניין, קיינער — האָבן זיך אַלע אָפּגעטרייסלט פֿונעם פֿאַרדאַכט פֿון וועלכן קיינער האָט ניט געוואוסט צו זאָגן און ניט געהאַט פֿון אים קיין אָנונג.

יאָ, קיינער... אויסער יונהן, וואָס ווען עמעצער וואָלט דעמאָלט אַ גוטן קוק געטאָן אויף אים, וואָלט מען געזען, אַז ער ווייסט יאָ און האָט יאָ עפּעס

אַ שייכות... און אַז דערפֿאַר, ווען לוזי האָט דערמאָנט וועגן שטיין, האָט ער אַ ביסל דעם קאָפּ אין אַ זייט אַ קערעווע געטאָן און זיינע פֿאַרלייגטע הענט אויף אַרונטער האָבן זיך אים עפּעס אַן אומרואיקן באַברע געטאָן.

— נישט איז נישט — האָט לוזי געזאָגט און האָט זיין האַלב־טרויעריקע, האַלב־שפּאַסיקע אַנצוהערעניש, ווי צוריקגעצויגן — נו, און פֿון וואָס וויל אים ר׳ דודי וואָרענען?

— פֿון דעם, וואָס אונטער זיין שאָטן געפֿונען זיך אויסבאַהאַלטן אַזעלכע פֿאַרשוינען, וואָס ווען יד ישראל תקיפה, ד״ה ווען יידן וואָלטן געווען ביי דער מאַכט, וואָלט מען זיי באַדאַרפֿט אַריינוואַרפֿן אין חרם, אָדער ערגער — ווי ס׳קומט זיי.

און דאָ האָט ר׳ דודי גענומען אויסלייגן די מעשה־מיכל, וואָס איז פֿאָר־געקומען ביי אים אין שטוב, אָט דאָ, ביי דעם זעלבן טיש, ביי וועלכן ס׳זיצט איצט לוזי מיט אַלע איבעריקע, ווען יענער האָט פֿאַר אַ גאַנצער עדה יידן געזאָגט און איבערגעחזרט, אַז מ׳זאָל ניט מיינען, אַז דאָס, וואָס ער האָט גע־טאָן, איז געווען משוגע — שיכורערהייט, קראַנקערהייט, אָדער איבער אַן אַנדער סיבה, וואָס וואָלט זיין שולד געקאָנט פֿאַרלייכטערן. ניין — בדעה צלולה ומיושבת, ד״ה פֿריש און געזונט און מיט קלאָרן זינען.

— אַזוי — האָט ר׳ דודי געזאָגט — אַז פֿון אויסגעפֿונען אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר יענעם, ווען יענער אַליין איז אַן עומד במרדו, ד״ה האַלט זיך פֿעסט ביי זיינעם — קאָן דאָ קיין רייד ניט זיין, קיינער האָט ניט די רעכט צו נעמען אונטער זיין שוץ, פֿאַרטיידיקן און זאָגן אַ גוט וואָרט פֿאַר אַן אָפֿענעם און אויסגעשפּראָכענעם כּופֿר און פּורק עול, מיט וועמען מ׳דאַרף זיך באַגיין בכל חומר הדין... דאָס איז אָבער ווייניק, מען דאַרף נאָך זיך דערקלייבן צו די וואָרצלען, וועלכע שפּייזן, נערן און גיבן צו זויגן אַזוינע ווילדע געוויקסן, ווי יענער... ער מיינט, די שיטה, וואָס דער, וועגן וועלכן ס׳גייט דאָ די רייד, האָט זיך ביי איר געהאַלטן, ביז ער איז אַזוי טיף אומגליקלעך אַראָפּגעפֿאַלן... דאָס מיינט ער די שיטה, ביי וועלכער אויך לוזי מאַשבער האַלט זיך, און וואָס שטאַמט פֿונעם באַוואוסטן מקצץ בנטיעות, פֿון ר׳ נחמן פֿון בראַסלעוו, קעגן וועלכן ס׳זיינען בשעתו אַרויסגעטראָטן אַלע גדולי הדור, און וואָס נאָר דערפֿאַר ווייל מ׳האָט געשאַנעוועט דעם כּבוד פֿון זיינע הייליקע עלטערן, דעם כּבוד פֿון דעם הייליקן בעל־שם, האָט מען אים אַליין שיער ניט מחרים געווען.

— ס׳דאַך קלאָר: ביי קיינע נאָכפֿאָלגער פֿון אַלערליי אַנדערע שיטות איז אַזוינס לא יראה ולא ימצא — ניט צו זען און ניט צו הערן. איז נמצא, איז דערפֿון געדרונגען — האָט ר׳ דודי גענומען מאַכן אויספֿירן פֿון זיינע רייד — אַז שולדיק איז ניט נאָר יענער אַליין, נאָר אויך די, וואָס האָבן פֿאַר אים אַ וועג אויסגעטראָטן, און וואָס ווער ווייסט, צי היינט, מאָרגן וועלן זיי

אויך ניט טאָן דאָס זעלבע, מחמת זיי זיינען מסוגל און צוגעגרייט פֿון זייער פֿאַלש־פֿאַרפֿירערישער לערע, וואָס איז אַ מין מפּולת אַ באַנומענע חורבה, וואו ס׳הוליען און טאַנצן שדים און נישט גוטע, וועלכע פֿאַרנאַרן מענטשן אויפֿן ניט גלייכן וועג...

— און אַט וועגן דעם וויל אים ר׳ דודי וואָרענען, לוזין, און זאָגן, אַז ווי ער וויל: אַז אָדער ער זאָל, פֿאַר אַלעמען, זיך אַליין דערווייטערן פֿון דער עדה, וועלכע מוז פֿאַרזינקען, ווי קורחס, און אַליין העלפֿן צעשטערן די נעסט; אָדער, אויב ניט, וועלן דאָס אַנדערע טאָן, על דעת המקום ועל דעת הקהל — אין נאָמען פֿון גאָט און קהל, וואָס זייער געדולד איז שוין אַריבער דער מאָס, און די עוולה איז געגוג גרויס, וואָס מ׳האָט דאָס פֿאַרשוויגן ביז אַהער און ניט אָנגענומען קיין מיטלען אויף אויסצוראָמען דאָס שלעכטס.

— זאָל ער דאָס נעמען אין אַכט, לוזי — האָט ר׳ דודי געזאָגט — זיך באַטראַכטן... און אויב ער האָט דערווייל עפּעס צו זאָגן צו זיין פֿאַר־ענטפֿערונג איז אים ר׳ דודי גרייט אויסצוהערן.

מ׳דאַרף זאָגן דעם אמת, אַז לוזי האָט וועגן דער עצם באַשולדיקונג אַליין גאָרניט געקאָנט זאָגן: זיינע אָקסל זיינען געוועזן צו שמאָל צו קאָנען נעמען אויף זיך אַזאַ האַרבע מאַסע פֿון אַזאַ טאַט, ווי מיכלס, וואָס איז לויט אַלע פֿרום־דענקענדיקע דעות, נישט אויסגענומען אויך זיינע, פֿון פֿאַרויס באַשטימט פֿאַראורטיילט... אַי, פֿאַרוואָס ער האָט היינט בייטאָג געבעטן פֿאַר דער וואָגט ביי זיך אין אַלקער אויף מיכלס מעשים, ווי מיר געדענקען, איז האָט ער דאָס געטאָן אויף זיין אייגענער אַחריות, אַ ביסל איבערגעזוצ־לעך, ד״ה לפֿנים משורת הדין, געדענקענדיק דאָס געוויסע וואָרט „ורחמיו על כל מעשיו״ — אַז גאָטס דערבאַרעמונג איז איבער אַלע זיינע ברואים, ווער זיי זאָלן ניט זיין, און וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשולדיקטע הויט זיי זאָלן אויף זיך ניט טראָגן... יאָ, דאָס איז מידת הרחמים... אָבער אַרויפֿצווינגען דאָס אויף ר׳ דודין, דעם היטער פֿון דין, דעם שיצער פֿון דין, דער, וואָס האַלט איר פֿאָן און גייט מיט איר פֿאַרויס — האָט ער ניט געקאָנט. אַנדערש — וואָלט אַ ר׳ דודי געזאָגט און מיט רעכט געקאָנט מיינען — ווען מ׳וואָלט יעדערס מאָל וועלן מאַכן אָן אויסנאָם און אַריבערשפּאַנען די צוימען פֿון געזעץ, אַזוי וואָלט גאָטס גאָרטן מיט די בייטן און געבאָטן גלייך אויסגעטראָטן געוואָרן, און די וועלט און דער געשטעלטער שטייגער וואָלטן קיין קיום ניט געהאַט.

אַזוי, אַז לוזי מאַשבער האָט, זיצנדיק איצט פֿאַר ר׳ דודין און אויס־הערנדיק, וואָס יענער האָט געהאַט צו זאָגן קעגן מיכלען, נישט געקאָנט אַרויסגיין מיטן גלייכן וועג, אים צו פֿאַרטיידיקן אָפֿן, און ער האָט דאָס געמוזט מאַכן מיט אומוועגן, און פֿאַרשטעלט...

ער האָט געזאָגט: מיכל — ווערליק ער, לוזי, קאָן אים — איז פון אַ וואַקלענדיקער נאַטור... ער איז פול מיט מורא, אָבער אויך מיט חקירה, וואָס איינס ציט אים אויפן דרך־הישר, און דאָס צווייטע — אין אַ צווייטער זייט. ער איז פון זיין יוגנט אָן, ווי לוזי ווייסט, באַהערשט פון צווייפלעריי, וואָס לאָזט אים ניט צורו... ווען אַנדערע אָבער, ווען ס׳טרעפט זיי, ווייסן, אַז דאָס איז דער עצת היצר, וועלכן מ׳דאַרף גובר זיין און אים מאַכן דינען פאַר אַ שטאַפּל צו העכערער שטייגונג, איז ער, ווען די ספקות זיינען באַפאַלן אין אַן אומגעהויערער צאָל, פון וועלכע ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען, האָט זיך געלערנט שלעכטן פשט, אַז אויב זיי זיינען דאָ, איז אַ סימן, אַז זיי זיינען באַרעכטיקט צו זיין, און פאַרדינען צו בלייבן זייט ביי זייט מיטן העכסטן אמת, וואָס איז אויסער ספק.

— און אויב אַזוי — האָט לוזי געזאָגט — איז צי קאָן דאָס ניט דינען פאַר אַ פאַרענטפערונג פאַר איינעם, וואָס איז באַגאַנגען, וואָס באַגאַנגען, נישט פון הפקרות, נאָר פון שלעכטן פאַרשטיין דעם רעכטן תמצית פון גלויבן — דערמיט, וואָס ער האָט מורא געקראָגן צו לייקענען אַפילו אין דעם, וואָס רעדט קעגן גלויבן — אויב נאָר, זאָגט ער, ביידע זיינען פון איין גאָטס האַנט געשאַפן. גם את הטוב וגם את הרע נקבל — האָט ער זיך געלערנט שלעכטן, בוכשטעבלעכן פשט... ס׳טרעפט. אַלנפאַלס, צי דאַרף מען ניט קוקן אויף אַזאַ, ווי אויף אַ האַלב קראַנקן, וואָס דווקא ווייל ער האָט מורא פאַר אַ מעסער, האַלט ער אים, שפּילט זיך מיט אים און שפּיגלט זיך אין אים איבעריקס...

— אַלנפאַלס — האָט לוזי ווייטער געזאָגט — צי וואָלט מען דאָ ניט באַ־דאַרפט אויסוואַרטן און ניט כאַפּן פאַראורטיילן אַזאַ, וואָס זיין אָפּקערן פון גוטן וועג איז געקומען בלויז פון אַ גוטער כוונה, ווי משונה דאָס זאָל ניט זיין און אויסזען... אַזוי ווי ס׳מאַכט זיך, ווען מ׳פאַרדרייט זיך אין די הויכע דרכים פון חקירה, וועלכע טוען ווילד פאַרפירן, אָבער וואָס מעגלעך היינט, מעגלעך מאָרגן, וואָלט ער זיך צוריק אַליין אַרויסגעדרייט און אַרויס־געפּלאָנטערט פון זיין גרייז... מעגלעך, אַז דאָ האָט זיך געפּאָדערט עפּעס אַ מין הארה עליונה, אַ דערלויכטונג פון אויבן, דורך וועלכער ער וואָלט צוריק געקומען צו דעם, וואָס מ׳דאַרף יאָ, אַזוי ווי ער איז פריער, פון אַ פאַרטונקלונג, געקומען צו דעם, וואָס — ניט...

— אַלנפאַלס — האָט לוזי ווייטער געזאָגט — וואָלט מען דאָ באַדאַרפט האָבן אַן אַנדער צוגאַנג צו אַזאַ: ניט דעררגזענען, נאָר באַרואיקן, ווי ס׳טוען די אמתע היילער און רופאי־חולים, ווען מ׳וויל באמת אַרויסטרייבן אַ קרענק, ניט ווייל ס׳איז אַ קרענק, נאָר כדי צו דערלייכטערן דעם חולה... ווייל ניט אין דער זינד גייט דאָ, נאָר אינעם זינדיקן, וועלכן מ׳וויל באַפרייען פון איר, און נישט, ווי מ׳האָט דאָ געטאָן, ווען מ׳האָט געוואָלט היילן אַ קראַנקן

מיט גיסן הייסן בליי אים אויפֿן קאָפּ... קורץ: ער מיינט, די אַלע האַרבע מיטלען, וועלכע די שטאָט האָט אָנגענומען קעגן יענעם, ווען מ׳האָט גלייך פֿאַרמשפּט און אים זיך ניט געלאָזט באַדענקען, מיינענדיק, אַז מיט שטעקנס שלאָגט מען אַרויס אַ קרענק, בפֿרט מיט אַזוינע, מיט וועלכע מ׳האָט אים גע־שלאָגן — מיט דעם, וואָס מען האָט אים צוגענומען די פּרנסה און דעם ביסן פֿון מויל, וואָס דאָס האָט גורם געווען, אַז פֿון אָרעמקייט און שלאַפֿקייט — מער פֿון ערשטן, ווי פֿון צווייטן — זאָלן אים די קינדער אָוועקקומען, מיי־נענדיק, אַז ס׳איז מידי שמים, אַז ס׳איז פֿון זיין ליבן נאָמען אים די שטראָף...

— אַוודאי בידי שמים, אַוודאי פֿון זיין ליבן נאָמען — האָבן זיך איי־ניקע, די ביי ר׳ דודיס טיש זיצנדיקע, פֿון די ערטער אויפֿגעכאַפּט, לוזין די רייד איבערגעשלאָגן און אים ווי אַרויסגעכאַפּט די ווערטער פֿון מויל — אַוודאי בידי שמים, וואָס דען — ניט?

— ניין — האָט לוזי שוין דאָסמאָל עטוואָס מער דרייסט אַ זאָג געטאָן, — אַוודאי איז ניט ער, לוזי, דער, וואָס האָט די רעכט און דעם מוט צו פֿאַרטרעטן דעם ווילן און דעם מיין פֿונעם רבונו־של־עולם, נאָר אויף וויפֿל ס׳איז אין מענטשנס פֿאַרשטאַנד, מיינט ער, אַז דער רבונו־של־עולם וואָלט דאָ אַנדערש געטאָן, ווי די שטאָט. ארך אַפּים — איז געזאָגט וועגן אים; ער מיינט, אַז יענער וואָלט דאָ זיכער מער געדולד אַרויסגעוויזן.

— אַזוי מיינט ער? — האָט זיך שוין ר׳ דודי אַליין אַרויסגעכאַפּט אַ זייער אויפֿגערעגטער — אָבער פֿון וואַנען נעמט זיך צו אים דאָס וותרנות אויף אַ פֿרעמדער קעשענע — אויף גאָטס געדולד אָדער אומגעדולד, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן אַזאַ, וואָס קיין בר־דעת וועט ניט זאָגן, אַז מחילה אָדער אויסוואַרטן איז דאָ שייך... מקלל אלהים מות ימות — איז בפֿירוש געזאָגט, און ער, לוזי, זעט מען, איז אַט־אַט, אַ האָר גייט אָפּ, גרייט שוין יענעם ריין וואַשן און באַפֿרייען פֿון שולד. איז ווער, פֿרעגט זיך, האָט אים די רעכט געגעבן און פֿון וועמען איז ער באַפֿולמעכטיקט, פֿון וואָס פֿאַר אַ גדול און פֿון וואָס פֿאַר אַ פּוסק?

— קיין רעכט — האָט לוזי געענטפֿערט — און פֿון קיינעם ניט באַ־פֿולמעכטיקט. נאָר אַזוי ווי ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ מענטשן, וואָס זיין זעל איז פֿאַרבלאָנדזשעט, און מ׳דאַרף אויסגעפֿינען אַ פּתח הרטה, אַ טיר פֿון ראַטונעק פֿאַר אים, מיינט ער, לוזי, אַז ס׳איז כּלל ניט קיין אומרעכט, ווען ס׳ווילן דאָס טאָן אויך ניט קיין גדולים.

— דאָס איז איינס, וואָס איז שייך אָט דעם מיכלען. וואָס־זשע געהער דעם, וואָס ר׳ דודי באַשולדיקט, די שיטה, וועלכע האָט אים, כּלומרשט, גע־געבן דעם היתר אויף זינד, זאָגנדיק, אַז אַלע אַנדערע שיטות זיינען באַוואָרנט און אויסגעהיט דערפֿון — האָט ר׳ דודי, ווי לוזין דאַכט זיך, אַ טעות — זאָל ער אים מוחל זיין... ווייל אָט האָט זיך די לעצטע צייט געמאַכט דער

פאַל מיטן ליאָווער — ניט אַבי־ווער, נאָר אַליין אַ גדול, אַ זון און אַ ברודער פון גדולים, וואָס האָט אַן ענלעכע מעשה אָפּגעטאָן און איז אַריבערגעלאָפן צו די טשערנאָוויצער, וועלכע האָבן זיך מיט אים, ווי באַוואוסט, שטאַרק דערפרייט און אים גענומען אונטער זייער שוץ. שטעכנדיק די אויגן פון די פרומע קעגנער זייערע מיט אַזאַ, ווי דעם, ווען זיי האָבן אויף זייער זייט אַריינגעקריגן. די זאַך איז אַלעמען באַוואוסט, נישט געקוקט דערויף, וואָס די אייגענע, קרובים, ברודער פונעם געטראָפענעם האָבן דאָס אַזוי געוואָלט פאַר־שטעלן און האָבן אַלערליי שיפלות געטאָן, מ׳זאָל יענעם צוריק ווידער צו זיך אַריבערציִען... ס׳האָט ניט געהאָלפן. אַזוי. אַז פון דעם איז צו זען, אַז קיינע באַוואָרענישן זיינען פאַר קיינעם ניט פאַראַן, ווייל הכל בידי שמים, חוץ מיראת שמים — איז געזאָגט, יעדער מענטש האָט די ברירה און קיינער איז פאַר קיינעם ניט פאַראַנטוואָרטלעך, ניט קיין טאַטע פאַר קיין קינד, ניט קיין קינד פאַר אַ טאַטן, ניט אויך קיין שיטה פאַר די, וועמען זיי ווילן, געוויס, ניט זען פון זיך דערווייטערט...

— יאָ — האָט ר׳ דודי לוזין די רייד איבערגעהאַקט, און מ׳האָט געזען, אַז עפּעס איז אים זייער ניט ניחה די לעצטע מעשה, וואָס לוזי האָט דאָ דערמאָנט, אויף צו באַווייזן דעם היפוך, וואָס ר׳ דודי האָט באַהויפּטעט — די מעשה מיטן ליאָווער, וועלכע האָט אַלע יענעמס נאָכפאָלגער, קרובים, ברידער פיל עגמת־נפשן אָנגעטאָן דערמיט, וואָס די אַפּיקורסישע קעגנער האָבן פון יענעמס אָפּטריניקייט געקריגן אַ גאָלדענע פאַן פאַר זייער נצחון און געהערט, אויב פון דער גאַטספאָרכטיקער מחנה — האָבן זיי געזאָגט — הויבן שוין אָן איבערצולויפן צו זיי אַזוינע, ווי דער ליאָווער.

— יאָ, האָט ר׳ דודי געזאָגט, און מ׳האָט ווידער געזען, אַז ער וואָלט אוודאי געוועזן גערן מען זאָל ניט געוועזן דערמאָנען יענע זאַכן, וועלכע האָט אַלע גלויביקע פון יענעם דור טיף אָנגערירט און פון וועלכער ער, ר׳ דודי, אַליין האָט זיך איצט געפילט שטאַרק געשלאָגן אין זיינע טענות קעגן לוזין.

— יאָ — האָט ער אין גערדאַנק גענומען זוכן עפּעס גאָר שטאַרקס, מיט וואָס לוזין צו דערלאַנגען, כדי אָפּצושוואַכן דעם רושם, וואָס יענער האָט גע־מאַכט אויף אים אַליין און אויף אַלע ביים טיש זיצנדיקע מיט זיין לעצטער קעגנזייטיקער טענה.

— נו, יאָ, איז פאַר זיין שוץ־פאַרשוין, הייסט עס, האָט ער שוין אַ תירוץ. אויך פאַר דער שיטה, מכלומרשט... אָבער וואָס וועט ער ווייטער זאָגן דערויף, למשל, וואָס איינער זיינער אַ גאָר נאָענטער האָט, ווי מען דער־ציילט, אַריינגעטראָפן אין אַן אָרט, וואָס ער, ר׳ דודי, וויל דאָס ניט דערמאָנען, ווייל זיינע ליפּן ניט מטמא זיין. נאָר צום באַדויערן, מוז ער — אין אַ הויז פון זנות, פון וואַנען ער איז אַרויס מיט בזיונות און האָט זיך דערנאָך נאָך אַ שיכורער אין גאַס געוואַלגערט. וואָס וועט ער זאָגן דערויף?

— אָט איז אַן עדות — האָט ר׳ דודי אַ ווייז געטאָן אויף יונהן, וואָס איז געשטאַנען הינטערן בענקל פונעם זיצנדיקן חשוב, און האָט, ווי געוואַרט, מ׳זאָל אים דערמאָנען, מען זאָל אים אויפרופן צו דעם, צו וואָס ער האָט זיך, ווייזט אויס, פאָראויס צוגעגרייט — צו זיין דער געשוואוירענער עדות פון לוזיס לייטס שענדלעכקייט.

— אָט איז אַ מענטש — האָט ר׳ דודי פאָרגעזעצט, אָנווייזנדיק אויף יונהן — וואָס האָט אַליין געזען, אָדער געהערט, ווי אַנדערע האָבן געזען — אַלץ איינס....

— יאָ, וואָס וועט ער דערויף זאָגן? — האָבן אַלע ביים טיש דעמאָלט זיצנדיקע אויף לוזין אַזאַ קוק געטאָן, ווי גלייך באַלד־באַלד וועלן זיי זיך נעמען אָפּרוקן פון אים, ווי פון אַזאַ, אין וועמענס נאָענטקייט ס׳שטעקט סכּנה, אָדער אַזאַ, וואָס ס׳טראָגט זיך אַ שלעכטער ריח פון אים.

— דערויף? — איז לוזי גרייט געווען צו נעמען אויך אַ וואָרט צו דער פאַרטיידיקונג פונעם נייעם באַשולדיקטן, פון סרולין.

— דערויף... — האָט אים פלוצלים געוומען אונטערזאָגן שמואלעקל שלעגער, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב און האָט זיך די גאַנצע צייט אין געשפּרעך, באַטירלעך, ניט געמישט, נישט פאַרשטייענדיק, וועגן וואָס ס׳גייען אַזוינע הויכע רייד צווישן ר׳ דודין מיט לוזין... איצט אָבער, אַז ער האָט דערהערט פון ר׳ דודיס מויל אַרויסקומען דאָס יאָ־פאַרשטענדלעכע וואָרט „זנות״, מיט וואָס ס׳ווערט באַשולדיקט איינער פון לוזיס נאָענטע — ער ווייסט ניט, ווער — פאַר וועלכן לוזי טראָגט, ווייזט אויס, די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט; איצט האָט שמואליקל אַוודאי און אַוודאי געוואָלט זען לוזין גערעכט. און דערום, ווען לוזי האָט גענומען אָפּענטפערן ר׳ דודין, אַזוי האָט שמואליקל נישט באַמערקט פאַר זיך אַליין, אים גענומען אונטערזאָגן מיט מיטגעפיל, ווי וועלנדיק, אַז לוזי זאָל וואָס גיכער אַרויס אויך פון דער לעצטער טענה אַ זיגער, אַזוי ווי ער איז אַרויס, זעט אויס, פון דער ערשטער...

— דערויף? — האָט לוזי שוין געוואָלט פאָרזעצן... אָבער... אין דער מינוט, ווען ער האָט געוואָלט דאָס צווייטע וואָרט זאָגן, אַזוי האָבן זיך אויף דער שוועל פון ר דודיס צימער באַוויזן צוויי מענטשן אָנקומען: איינע אַ פרוי אין אַ ווינטער־מאַנטל און מיט אַ שאַל אויפן קאָפּ — פאָרויס, און הינטער איר אַ מאַנצביל, וואָס האָט איר ווי די טריט געהיט און געזען, זי זאָל זיך ניט אָפּשטעלן, זיך ניט אומקוקן, ניט חרטה האָבן און ניט וועלן צוריקגיין.

דאָס זיינען געווען ברכה מיט סרולין, וועלכער האָט זיך אַריינגעשטעלט אין סאַמע דער רעכטער צייט, סאַמע דעמאָלט, ווען מע האָט זיין נאָמען דער־מאָנט, אַקוראַט ווי אין אַ מעשה, ווען ס׳קומט, דער העלד פונקט ווען מען דאַרף...

— גיי אַריין... גיי צום טיש — האָט סרולי פֿון הינטער ברכהס רוקן איר אונטערגעזאָגט און ווי זי געשטויסן.

ברכה איז אַריין אַ פֿאַרלוירענע: אי בכלל פֿון ר׳ דודיס שטוב און פֿון דער רבנישער לופֿט, צו וועלכער זי איז ניט געווען געוואוינט; אי בפֿרט, ווען זי האָט פּלוצלינג דערזען אויך יונה שענקער צווישן די פֿאַרזאַמלטע און האָט דערפֿילט, אַז — צי זי וויל, צי ניט — וועט זי דאָ מוזן קומען מיט אים אין אַ צוזאַמענשטויס, ניט געוואונטשן.

— האַ, ברכה! — האָט זיך ביי יונהן אויך דאָס מאָל שטיל, אומווילִיק אַרויסגעכאַפּט אַ רוף, ווי צו אַ גוט־באַקאַנטער... און ווי באַלד ער האָט שוין דערמאָנט איר נאָמען, אַזוי האָט ער שוין, אַגב, געמיינט איר גיבן אָנ־צוהערן, זי זאָל וויסן, וואו זי געפֿינט זיך און ווי זיך צו האַלטן אין זייער ביידנס אינטערעסן.

— האַ, יונה! — האָט אויך ברכה אַ זאָג געטאָן מיט הנאה, ווי ווען מ׳דערזעט אָן אייגענעם צווישן ניט אייגענע, צווישן וועלכע מ׳פֿילט זיך גע־דריקט און כּלל ניט געהויבן.

זי האָט זיך אויך געוואָלט אַ לאָז טאָן צו אים, ווי צום איינציקן נאָענטן אין אָט דער פֿרעמדער סביבה... אָבער זי האָט זיך באַלד אָפּגעהאַלטן דאָס צו טאָן, ווייל באַלד האָט ר׳ דודי זיך אַ ווענד געטאָן צו איר — ניט צו איר, נאָר ווי צו איר קאָפּ אַריבער — און אַ פֿרעג געגעבן:

— וואָס האָט זי געוואָלט, דאָס ווייבל?

— יאָ, וואָס געוואָלט? — האָבן די אַרומיקע ביי ר׳ דודיס טיש אים געהאָלפֿן פֿרעגן אָן ווערטער, בלויז מיט בליקן.

ברכה איז געבליבן אָן לשון...

— כ׳בין אָן ערלעך ווייבל — האָט זי נאָר באַוויזן אַרויסשטאַמלען און מער פֿון וואָרט „ערלעך“ איז איר פֿון האַלדז נישט געגאַנגען.

— איז וואָס האָט זי געוואָלט, און צוליב וואָס האָט מען זי געבראַכט? — האָט ר׳ דודי אַ קוק געטאָן צו סרולין, וואָס האָט זיך געהאַלטן הינטער איר רוקן און מ׳האָט געזען, אַז ביידע האָבן זיך צוליב איין ענין אַהער אַריינ־געשטעלט.

— רבי, דאָס איז די — האָט זיך יונה אַריינגעמישט, נעמענדיק אַ וואָרט פֿאַר דער פֿאַרלוירענער ברכה — וואָס אין איר הויז האָט אַריינגעטראָפֿן אָט דער, וועמען מ׳האָט אָקאָרשט דאָ דערמאָנט; דאָס איז זי די באַלעבאָסטע פֿונעם הויז, און אָט איז ער — האָט ער אָנגעוויזן אויף סרולין.

— איך! — האָט סרולי, צו אַלעמענס פֿאַרוואונדערונג, דאָס וואָרט „איך“ אַרויסגעזאָגט אָן בושה — און דאָס האָב איך זי געבראַכט, זי זאָל דערציילן די מעשה כּהוויה, און אויך — וואָס פֿאַר אַ שייכות ס׳האָבן געהאַט צו אָט

דעם אַלעם אַט אַזוינע, ווי אַט דער — האָט סרולי צוריק מיט אַ האַנט אָנגעוויזן אויף יונהן.

— ער? — האָט ר׳ דודי אַ פֿרעג געטאָן, קוקנדיק צעמישט אויף יונהן.

— יאָ. אַט די יונהס, אַט די זונות! — האָט זיך סרולי מיט אַ שאַרף וואָרט אַרויסגעכאַפּט. שוין גאָרניט אָנשטענדיק, אין דער אָנוועזנהייט פֿון אַלע די, וואָס האָבן זיך ביי ר׳ דודין פֿאַרזאַמלט.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ר׳ דודי אַ צעטומלטער אַ געשריי געטאָן, אויף וויפֿל זיין אַלט־רבניש קול האָט אים דערגרייכט.

— ווער איז דער ייד? — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו לוזין פֿון צעטומלונג.

— דאָס איז דער, וועמען איר האָט נאָר וואָס דערמאָנט, און וואָס האָט געבראַכט אַן עדות פֿון זיין אומשולד.

— ברכה! — האָט זיך פּלוצים דאָ דערהערט אַ קול פֿון שמואלעקל שלעגער, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אין דער זייט, אַ שווייגנדיקער. ער האָט צוערשט אויסגעהערט די באַשולדיקונג פֿון ר׳ דודין; דערנאָך, ווען ער האָט דערזען ברכהן מיט סרולין, האָט ער פֿאַרשטאַנען, וועמען מען מיינט מיט דער באַשולדיקונג — אַז סרולין, און דעמאָלט, ווען ער האָט ווידער דערזען, ווי אַזוי סרולי טרעט אַרויס פֿעסט, באַשלאָסן און בטוח, האַבנדיק אויף זיין זייט אַט די ברכה, וועלכע ער האָט אַליין מיטגעבראַכט — אַ סימן, אַז ער איז רואיק און גלויבט זיך ריין וואַשן פֿון יעדער חשד; דערזעענדיק דאָס אַלץ, און מורא האָבנדיק, אַז יונה, ווי ברכהס אַ גוט־באַקאַנטער, זאָל דאָ ניט וועלן ווירקן מיט דעם, וואָס ער וועט אָנשרעקן ברכהן, אַז ער וועט זיך מיט איר שפּעטער אָפּרעכענען, אויב זי וועט גיין קעגן אים — האָט ער אויסגעשריען:

— ברכה, זאָג דעם אמת!... דעם אמת זאָג!... האָב קיין מורא ניט... כ׳הייס! איך, שמואלעקל שלעגער!

— איך בין אַן ערלעך ווייבל — האָט ווידער ברכה גענומען זאָגן. וויינענדיק, ווייל זי האָט זיך דערזען צווישן פֿיל פּייערן: צווישן איר באַקאַנטן יונהן, דעם אומבאַקאַנטן סרולין און אויך שמואלעקלען, וואָס זי האָט אים, ווייזט אויס, אויך געקענט און געוואוסט זיין כּוח, ווען ער שטעלט זיך איין פֿאַר עמעצנס צד, צום גוטן אָדער צום שלעכטן.

— רבי, כ׳בין אַן ערלעך ווייבל... ס׳נאָר מיין פּרנסה אַזאַ... כ׳זאָג, ווי דער אמת איז... אַט דער ייד — האָט זי אָנגעוויזן אויף סרולין — איז געקומען אַ באַטרונקענער פֿון אים, פֿון יונהן — האָט זי אַן איבערגעשראָקענע געקוקט אויף דעם, וועמענס נאָמען זי האָט צולעצט אָנגערופֿן.

— הא! — האט יונה א ברום געטאן פון כעס, וואס ברכה האט זיין אנצוהערעניש נישט פארשטאנען, אדער נישט געוואלט פארשטיין, און האט דא דערמאנט זיין נאמען ניט צום גוטן.

ס׳האט געדאכט, אז אט־אט איז ער גרייט זיך א לאז טאן און אנ־פאלן אויף איר, און דערפאר, האט מען געזען, האט זי, קוקנדיק אויף אים, ווי דעם קאפ אין די אקסל אריינגעצויגן פון מורא.

יא, זי איז געווען, ווי געזאגט, צווישן פיל פייערן: פון איין זייט, דאס אריינטרעפן צום רב און צווישן אזוינע לייט, וואס קערן זיך אן נאענט מיט גאט, פאר וועמען זי, ברכה, האט מורא, נישט געקוקט דערויף, וואס איר פרנסה איז גארניט קיין געטלעכע; פון דער צווייטער זייט, די מורא פאר א יונהן, וואס, ווי ס׳ווייזט אויס, האט ער איר און זי אים נישט איין מאל נישט־קאשע פון א פארדינסטל צוגעשארט און וואס זי וואלט אוודאי גערן געוואלט פאר אים יוצא זיין און נישט שטעלן זיך פאפערעק זיינע געשעפטן; היינט, ווידער, אט דער שמואליקל, וואס איז, ווייזט אויס, עמעצענס א צווייטנס צד, נישט יונהס, פון וועמען מ׳קאן אויך אמאל אריינקריגן א טובה אדער א רעה, ווי פון אזא, וואס איז פעאיק אויף ביידע... און גאר צולעצט, אט דער סרולי, וואס האט זי היינט צוויי מאל באזוכט און דאס ערשטע מאל איר די מטבע דערלאנגט, און ביידע מאל ביי איר געפאדערט, וואס אים קומט — דעם אמת, וואס אויב ניט, אויב זי זאגט זיך אפ פון אים צו זאגן, איז ער, ווי ס׳זעט אויס, אויך א בעל־יכולת, וואס קאן זיך אפרעכענען דערפאר, ווי געהעריק. פון דעם אלעם האט זיך איר געגומען מישן דער קאפ, און אומקוקנדיק זיך אין אלע פיינטלעכע און קעגנזעצלעכע זייטן, האט זי קיין אנדער אויסוועג ניט געזען, ווי נאר צו זאגן דאס, וואס איז איר געווען אמלייכטסטן — דעם אמת, וועלכער זאגט זיך גלאט, אן אנשטרענגונג, אן דרייען מיטן צונג, און אן צו דארפן פארשטעלן עפעס אונטער דער פאלע.

— רבי! — האט זי אויסגעשריגן — און מיט דער מויד האט ער גאר־ניט געטאן, מחמת ער איז געווען שיכור... ער האט זי ניט אנגערירט... ער האט זי געלאזט קאלט...

— מלך!!! — האט ר׳ דודי, אויסער זיך, א געשריי געטאן, רופנדיק זיין משרת, מלך דעם לאנגן צו הילף, ווען ער האט דערהערט די לעצטע ברכהס ווערטער, פון וועלכע ער האט זיך געגומען אפשאקלען, גלייך ווי שרצים וואלטן אויף אים אומגעקראכן.

— אוי לאותה בושה — האבן זיך אים די הענט אראפגעלאזט פון אנמאכט.

— וואס טוט זיך דא?! — האט ער זיך ווידער א כאפ געטאן.

— יא, וואס? — האבן אלע ביים טיש זיצנדיקע אים אונטערגעהאלפן, אליין אויך פארלוירענע פונעם פארגעקומענעם.

— המערת פּריצים — אַ גנבים־לאָך ביי מיר? — האָט ר׳ דודי, לסוף, אויסגעשריגן, ווי ניט מיט זיין קול. — גייט איך! — האָט ער ווי מיט אַ זיך־מיאוסנדיקער האַנט אָנגעוויזן אויף ברכהן, אויף שמואלעקלען, אויף סרולין און אויך אויף יונהן, וואָס כאָטש ער איז געווען אַ מער היימישער, האָט זיך אָבער ר׳ דודיס צוטרוי צו אים אָפּגעטאָן, דערזעענדיק אים אַ שותּף צו דעם, וואָס האָט געבראַכט בושה־שאַנד אין זיין הויז.

— זעט! — האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ קערעווע געטאָן צו לוזין, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אָן אונטערגעריסענער, געפּלעפּט פּונעם נבזה־דיקן האַנדל, צו וועלכן מען האָט אים צוגעצויגן.

— זעט, צו וואָס איר האָט דערבראַכט: צו שאַנד, צו זנות און צו דאַרפֿן האָבן צו טאָן מיט אַזוינע, וואָס ניט זיי זיינען דער חייב אין דעם, וואָס זיי טוען, נאָר די, וואָס שטייען ביי זיי בראָש... — איר, איר, לוזי מאַשבער...

— און מיר — איך און אַלע דאָ פֿאַרזאַמלטע — זיינען איך מתרה ומודיע, אַז שטאָט וועט ניט שווייגן, שטאָט וועט אויף קיינעמס כּבוד ניט קוקן, ווער דער שולדיקער זאָל ניט זיין, וואָס פֿאַר אַן אָרט ער זאָל ניט פֿאַרנעמען און מיט וועמען ער זאָל זיך ניט אָנקערן... אש יצאה — אַ פֿייער האָט זיך צעפּלאַקערט און מ׳דאַרף דאָס זען לעשן מיט אַלע מעגלעכקייטן, וואָס שטאָט פֿאַרמאָגט: ביז אַרויסטרייבן פֿון שטאָט, ביז איבערגעבן אין גוישע הענט און ביז אַפֿילו מתּיר דם זיין! — האָט ר׳ דודי שוין געשריגן העכער, ווי זיין קול האָט אים דערלויבט.

— יאָ, אַפֿילו מתּיר דם זיין, — האָבן אים אַלע ביים טיש זיצנדיקע אונטערגעזאָגט, און באַזונדערס יונה, וואָס ר׳ דודיס לעצט וואָרט איז אים זייער געווען צום האַרצן...

— יונה! — האָט זיך ווידער דערהערט אַ געשריי פֿון שמואלקעל שלעגער, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען דעם באַטייט פֿון „מתּיר דם", און אויך צו וועמען מ׳וויל דאָס אָנווענדן — אַז צו די לוזי־לייט, און מען האָט דערזען, ווי זיין בעלמעוואַטע אויג האָט זיך אים ווילד צעבלינצלט, ווי גרייט זיך וואַרפֿן אין געשלעג מיט דעם, וועמענס נאָמען ער האָט אָקאָרשט אָנגערופֿן:

— יונה, כ׳בין נאָך ניט געשטאָרבן — איך, שמואלעקל!... וועסט דאָ האָבן צו טאָן מיט מיר!...

— שווייג, דו! — האָט יונה אים, ווי באַזייטיקט און מיט דער האַנט אָוועקגעמאַכט זיין באַדייטונג, זיין ווערט און זיין כּוח אין קריג.

— גייט אייך! גייט אייך! — האָט, לסוף, ר׳ דודי אַ געשריי געטאָן אי צו יונהן, וואָס האָט כּלומרשט, געהאַלטן זיין צד, אי אויך צו זיין קעגנער, שמואלעקלען, אי צו ברכהן און סרולין, אַז אַלע זיי, הייסט עס, זאָלן זיך וואָס גיכער פֿאַרנעמען און פֿאַרלאָזן זיין שטוב, וועלכע איז פֿון זיי פֿאַר־פּעסטעט.

— און אייך — האָט ער זיך גאָר צום סוף אַ ווענד געטאָן צו לוזין, שוין אָן אויסגעשעפּטער, אי פון פריערדיקן שטילן געשפּרעך צווישן אים און יענעם, און אי אויך דערנאָך פון זיינע אויפגעבראַכטע אויסגעשרייען — און אייך, לוזי מאַשבער, וואָרן איך נאָך אַמאָל, אין נאָמען פון קהל, אַז איר זאָלט געדענקען, אַז שטאָט וועט ניט שווייגן און וועט זען אויסראַמען דעם חרם.

— וואָסער חרם? — האָט לוזי געפּרוווט אַ וואָרט אַריינשטעלן צו זיין פאַרטיידיקונג — ער, האָט ער אַ וויז געטאָן אויף סרולין — האָט דאָך עדות.

— עדות?! — אַזוינע — האָט ר׳ דודי אויף ברכהן אַ וויז געטאָן, — זיינען פּסול לעדות, אַזוינע זיינען אַ שאַנד אין ישראל, און נאָר אַזוינע ווי די אייעריקע, און אפשר אויך ער אַליין, קאָנט געפונען אַ היתר אויף אָנקערן זיך מיט זיי אייגענע...

— וואָס?! — האָט לוזי גענומען שטאַמלען.

— וואָס האָט געזאָגט ר׳ דודי? — האָט סרולי פון זיין אָרט, וואו ער איז געשטאַנען, ווי פון אַ קייט זיך אָפּגעריסן, און מ׳האָט געזען, אַז אויב עמע־צער, אָדער עפּעס, וועט אים איצט ניט אָפּהאַלטן, אַזוי וועט ער, קומענדיק פאַר ר׳ דודין אים לאָזן הערן אַזוינס, וואָס ניט נאָר ר׳ דודי אַליין, נאָר אַלע דאָ אין שטוב פאַרזאַמלטע, און אַפילו די ווענט אין שטוב, וועלן זיך דאַרפן שעמען...

יאָ, דערביי האָט עס געהאַלטן: אַט־אַט האָט דאָס געזאָלט געשען. נאָר אין דער מינוט האָבן זיך אומגעריכט אויף דער שוועל פון ר׳ דודיס שטוב באַוויזן צוויי נייע מענטשן, צוויי פרויען —ביידע אין ווינטער אָנגעטאָן, אין מאַנטלען און אין קאָפּ־טיכלעך, און ווי נאָר מ׳האָט אויף זייער הלבשה אַ קוק געטאָן, אַזוי האָט מען גלייך דערקענט דעם גראַד, צו וועלכן זיי געהערן, אַז צו די רייכע, גאָר רייכע...

דאָס זיינען געווען די אונדז שוין פון לאַנג באַקאַנטע גיטעלע, משה מאַשבערס ווייב, מיט איר טאָכטער יהודית, וואָס זיינען נאָר וואָס צום רבס שטוב מיט אַ פורל צוגעפאָרן — נישט פון דער היים, נאָר פון דער קללה־גאַס, וואו לוזי האָט געוואוינט, און וואָס קומענדיק אַהין, און זיך דערוואוסט, אַז ער איז ניטאָ און אַז מ׳האָט אים אָוועקגערופן צום רב, האָבן זיי פאַר־קערעוועט און געהייסן אַהער־פאָרן.

דאָס איז געווען נאָך לעצט־שווערע טעג ביי משה מאַשבער; נאָך דעם ווען ער האָט אין געהיים אָפּגעשלאָסן דעם געוויסן אָפּמאַך מיט סרולי גאַל, ווי אויך אַנדערע ענלעכע אָפּמאַכן, וועגן וועלכע ס׳איז ניט דאָ דאָס אָרט צו דערציילן; אָבער דער עיקר נאָך דעם, ווי אין די זעלבע טעג איז קלאָר געוואָרן פון די וויזיטן פון איינצלנע דאָקטוירים, ווי אויך פון גאַנצע קאָנ־סיליומס, וועלכע מ׳האָט איינגעלאַדן, אַז די לאַגע פון זיין קראַנקער טאָכטער

נחמהקע איז אַן האָפֿענונג, און אַז אירע טעג, און מעגלעך אויך שעהן, זיינען געציילטע...

אַט דעמאָלט, ווען גיטעלע, משה מאַשבערס ווייב, האָט פֿון צער שוין אַפּט געזען איר קראַנקער טאָכטערס אַלקער אויסמיידן, און משה מאַשבער איז, מחמת דעם זעלבן טעם, אַלע מאָל אַריין אין אַלקער, און באַלד ווידער געוואָלט אַרויס פֿון דאָרט, אָבער ער האָט ניט געקאָנט, מחמת די טאָכטער האָט אים פֿאַרהאַלטן, האָט זיין האַנט ניט אַרויסגעלאָזט, פֿרעגנדיק אַלע מאָל דאָס זעלבע: „טאַטע, אויף וועמען לאָזט דו מיך איבער?... שטיי לעבן מיר, זיי מיט מיר, לאָז מיך ניט אַליין...” און משה מאַשבער האָט אַלע מאָל, ווען ער האָט דאָס דערהערט, מיט טרערן זיך באַוואָשן און אַ פֿולן גאַרגל פֿאַרשטיקטע כליפּעריי געהאַט...

אַט דעמאָלט — און דאָס איז געווען יענעם אויפֿדערנאַכט, וועגן וועלכן מיר האָבן נאָר וואָס דערציילט — האָט גיטעלע אָפּגערופֿן אין אַ זייט איר עלטערע טאָכטער יהודית און איר אַ זאָג געטאָן אַ פּאָר ווערטער אויפֿן אויער... זיי האָבן זיך ביידע באַלד אָנגעטאָן, און אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט שטיין גרייט אַ פֿורל פֿאַרן טויער, אַזוי זיינען זיי גלייך אַרויס און זיך געהייסן פֿירן אויף דער „קללה”, לויט אַ געוויסן אַדרעס.

דאָס אָרט, וואו לוזי האָט געוואוינט, האָט זיך גיטעלע דערפֿרעגט ביי איר מאַן משהן, וועלכער האָט איר פֿריער מיט אַ פּאָר טעג, אַגב, איבערכאַפּנדיק, דערציילט, אַז די לעצטע צייט האָט ער, אין ענגעניש, שוין נישט איין מאָל לוזין באַזוכט און זיך מיט אים איבערגעבעטן... אויף וויפֿל גיטעלע האָט דעמאָלט געקאָנט הנאה האָבן, האָט עס איר הנאה געטאָן, ווייל כאָטש זי האָט זיך זייער און זייער געגוויטיקט אין טרייסט און אין אַזאַ, פֿאַר וועמען זי זאָל איר אָנגעווייטיקט האַרץ אויסגיסן; און ווער איז דען מער מסוגל דערויף, אויב ניט לוזי, וואָס ווען זי וואָלט אים דערזען אין איר נאָענטקייט, וואָלט איר גלייך לייכטער געוואָרן און ס׳וואָלט פֿון איר אַראָפּ אַ שווער־דריקנדיקער שטיין. יאָ, ווער?... און דאָך האָט זי ביז איצט אַפֿילו זיין נאָמען ניט דערמאָנט, האַלטנדיק, אַז ווי באַלד משה האָט מיט אים איבערגעריסן, איז ניט איר זאַך זיך אַריינמישן און זיך אַריינלייגן אין שלום.

איצט אָבער, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז די פֿאַרבינדונג צווישן די ברידער איז ווידער אויפֿגעשטעלט; איצט אויך, ווען ווי שוין אויבן געזאָגט, איז שוין דער מלאך־המוות אויף איר טאָכטערס שוועל געשטאַנען; איצט, אַז אַלץ, וואָס אַ מוטער איז פֿעאיק צו טאָן פֿאַר איר קינד, האָט זי אָפּגעטאָן און ס׳האָט ניט געהאָלפֿן; אַז אַלץ, וואָס מ׳האָט געקאָנט צעטיילן אָרעמע־לייט פֿון איר קראַנקער טאָכטערס זאַכן, ווי שיך, קליידער — איז שוין צעטיילט געוואָרן; אַז אין אַלע מעגלעכע שולן און קלויזן איז שוין געשענקט געוואָרן געלט אויף ליכט און אויף משקה, מ׳זאָל אויף איר טאָכטערס געזונט בעטן;

אַז מ׳האָט שוין קברים געמאָסטן און, לסוף, אויך דער קראַנקער דעם נאָמען געביטן, און ס׳האָט ווייטער ניט געהאָלפֿן...

אָט דעמאָלט האָט זיך גיטעלע דערמאָנט אין איר לעצטן אָנהאַלט, אין לוזין... און נישט ווייל זי האָט געגלויבט, אַז ער וועט באַווייזן אַ מופֿת, אָדער אַז זיין תּפֿילה וועט זיין מער אָנגענומענער, ווי איר אייגענע, אָדער ווי די תּפֿילות פֿון אַנדערע, נאָר פּשוט דערפֿאַר, ווייל זי האָט געוואָלט האָבן איינעם, צו וועמען זי זאָל קאָנען קומען מיט אירע געבראָכענע טענות, און ווי אַ קינד צו אַ טאַטן — מיטן פּנים צו זיין ברוסט צופֿאַלן.

אַז זי האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין ר׳ דודיס שטוב, סאַמע דעמאָלט, ווען ר׳ דודיס כּעס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿון אַזוי ווילד צו מבייש זיין לוזין, ווי מיר האָבן דערציילט; אָט דעמאָלט, אַז זי האָט זיך באַוויזן מיט איר טאָכטער אויף דער שוועל, אַזוי זיינען אַלע מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן: ר׳ דודי מיטן כּעס אין מויל, לוזי מיט זיין פֿאַר־שטומטער פֿראַגע אויף די ליפּן, סרולי מיטן אימפּעט, מיט וועלכן ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו ר׳ דודין, ווי אויך אַלע אַנדערע, וועלכע זיינען — ווער ביים טיש געזעסן און ווער — אין מיטן שטוב געשטאַנען, יעדערער, וועמעס צד ער איז ניט געווען — אין זיין פּאָזע, ווי פֿאַרגליווערט... און אַז גיטעלע, וואָס איז אַריין פֿון פֿינצטערן דרויסן האָט, זיך איינקוקנדיק אין דער שטוב־שיין, דערזען צווישן איבעריקן עולם דעם, צו וועמען זי האָט געצילט און געגאַרט דערזען — לוזין, אַזוי האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ גיכערן שפּאַן צו אים; נאָר איידער זי האָט צו זיין אָרט דערגרייכט, האָט זי זיך פֿאַרכאַפּט און זיך אַ ווענד געטאָן צום אויבנאָן פֿון טיש, וואו ר׳ דודי האָט זיך געפֿונען, און אויך צו די איבעריקע ביים טיש — אויך רבנים און אויך, ווי ס׳זעט אויס, חשובע — זיך געווענדט און אויסגעשריגן:

— יידן, רבנים!

— לוזי! — האָט זי זיך אָבער באַלד איבערגעריסן און איז אַרויס מיט איר וואָרט צו דעם, צו וועמען זי האָט דער עיקר באַדאַרפֿט האָבן, און וואָס צוליב אים איז זי אַהער געקומען.

מ׳האָט איר געוואָלט דערלאַנגען אַ בענקל, ווען מ׳האָט געזען, אַז זי איז געקומען מיט אַ בראָך, וואָס וועט איר ניט דערלויבן צו קאָנען בלייבן שטיין פֿאַרן רב, ווי ס׳פֿירט זיך... גיטעלע אָבער האָט אַוועקגעקוקט פֿונעם בענקל און עס מיט דער האַנט אַוועקגעמאַכט.

— לוזי־קרוין — האָט זי אויסגעשריגן — גאָטס צאָרן איז אויף אונדז... נחמהקע, דער יונגער בוים, ווערט אונדז פֿאַרשניטן... יידן, רבנים, בעט פֿאַר מיר, בעט פֿאַר משה מאַשבערס טאָכטער, וואָס איז אַ חולה מסוכן...

ביי אַלעמען זיינען די פּנימער ערנסט געוואָרן, ווען מ׳האָט זיך דער־וואוסט, ווער דאָס איז — אַז משה מאַשבערס ווייב, און דערהערט, וואָס פֿאַר אַ צרה ס׳האָט זי געבראַכט אַהער. און איינער ביים טיש זיצנדיקע האָבן מיט מיטגעפֿיל די אויגן אַראָפּגעלאָזט און אַנטיילנעמענדיק, אַרויסגעמורמלט: אַזוי... אַזוי... משה מאַשבערס טאָכטער... דער אויבערשטער זאָל העלפֿן...

— לוזי! — האָט זיך גיטעלע דעמאָלט נאָך אַמאָל אַ ווענד געטאָן צו לוזין, נישט קוקנדיק מער אויף קיינעם, גלייך קיינער איז אין שטוב ניטאָ — דו פֿאַרסט מיט מיר מיט.. אַ פֿורל וואַרט אויף אונדז אונטן... און דער בזיון — האָט זי זיך געכאַפּט און דערמאָנט אינעם קריג, וואָס איז אַמאָל פֿאָרגעקומען צווישן לוזין מיט איר משה, ווי מיר געדענקען, ביי איר אין שטוב — און דעם בזיון, וואָס משה האָט דיר אָנגעטאָן, דאַרפֿסטו נישט געדענקען, ווייל ס׳שטייט צו דיר ניט צו קיין בזיון... פֿון קיינעם נישט. לוזי! — האָט זי צוגעגעבן, גלייך זי וואָלט געפֿילט, אַז אויך דאָ, ערשט, פֿאַר איר אָנקומען, איז ער נאָך אַמאָל פֿון עמעצן באַליידיקט געוואָרן אומפֿאַרדינט.

— יאָ, גיטעלע, כ׳פֿאַר... אַוודאי פֿאָר איך... — האָט לוזי אַ זאָג געטאָן, און אַלע אַרום, סיי די, סיי אַליין ר׳ דודי, וואָס האָבן זיך געפֿונען ביי זיין טיש אויסגעזעצט, האָבן מיט פֿאַרוואונדערונג דערזען, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרערונג גיטעלע האָט זיך באַצויגן צו לוזין, וואָס כאָטש ער איז איר אַזאַ נאָענטער קרוב, דאָך שטייט זי פֿאַר אים, ווי מיטן קאָפּ געבויגן.

ס׳איז דערום דער בזיון, וואָס ר׳ דודי האָט לוזין אָנגעטאָן דערמיט, וואָס ער האָט אים אויסגעוואָרפֿן אַזאַ זאַך, וואָס מ׳וואַרפֿט ניט אויס קיין ערגסטן — איצט, נאָך גיטעלעס פֿאַרערנדיקער באַציאונג צו לוזין, ווי צעריבן און אויס געוואָרן, און ווי גיטעלע האָט דאָ נאָר וואָס געזאָגט: צו אים ניט צוגעשטאַנען...

נישט נאָר ר׳ דודי אַליין האָט זיך איצט געפֿילט אַ ביסל נישט ווי ס׳געהער צו זיין, נישט געהויבן און אַ ביסל שולדיק פֿאַר לוזין, נאָר אויך אַלע ר׳ דודיס מקורבים האָבן געהאַט דאָס זעלבע געפֿיל, און אַפֿילו ביי אַזאַ, ווי אַ יונה, האָבן זיך די הענט אַראָפּגעלאָזט פֿון צו וועלן יענעם עפּעס שלעכטס טאָן, אַפֿילו ווען ער וואָלט איצט געקריגן אַ דערלויבעניש פֿון וועמען ער דאַרף... יאָ, ווייל אויף וויפֿל אַזאַ פֿאַרשוין קאָן האָבן דרך־ארץ פֿאַר איינעם, וואָס כאָטש ער איז אויף אים אָנגעשטויסן רופֿט דאָך יענער ביי אים אַרויס מער אַכטונג, ווי צו זיך אַליין — אויף אַזוי פֿיל האָט לוזי טאַקע ביי אים אַרויסגערופֿן.

דער זייטיקער עולם האָט גלייך נאָך גיטעלעס אויסרופֿן, געווענדט צו לוזין, זיך גענומען פֿון שטוב אַרויסרוקן. צו ערשט ברכה, וואָס איז נישט

באַמערקט פֿון קיינעם, אָן אַ זײַ־געזונט, פֿון רבס שטוב אַרויס און פֿאַר־שוואונדן; דערנאָך אויך שמואלעקל, וועלכער האָט באַקומען אַ וואונק פֿון סרולין, אַז אויך ער קאָן גיין, ווײַל זײַן שליחות איז פֿאַרענדיקט, און ווײַל ער, שמואלעקל, אַליין, האָט אויך פֿון זײַן זײַט, געזען, אַז יונה וועט איצט, נאָך דער נאָר וואָס פֿאַרגעקומענער סצענע, שוין קיין יונהשע שטיק נישט וועלן אַרויסווײַזן, און ער האָט דערום דערפֿילט אויך זײַן אייגענעם שלעגערשן אימפּעט אָפּגעקילט, געלאָשן און נישט צום געברויכן.

ער איז אויך אַרויס. און נאָך דעם, ווי לוזי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן זיץ־אָרט און האָט זיך האַלב־יאָ, האַלב־ניט אָפּגעזעגנט מיט ר׳ דודין און מיט די אַרומיקע, האָט ער, אין דער באַגלייטונג פֿון גיטעלען און יהודיתן איר טאָכטער, די שטוב פֿאַרלאָזט. אויך סרולי איז אים נאָכגעגאַנגען. און אַז מ׳איז אַרויס פֿון רב און מ׳איז אַראָפּגעקומען צום פֿורל, וואָס האָט די גאַנצע צײַט אין דרויסן געוואַרט, האָבן צו ערשט לוזי מיט די פֿרויען פֿאַרנומען זיך־פּלעצער, און דערנאָך האָט לוזי אַ ווינק געטאָן אויף סרולין, אַז אויך ער זאָל זיך זעצן און פּלאַץ פֿאַרנעמען.

און אַט דעמאָלט האָט לוזי, נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט נישט־זײַן און נישט באַזוכן זײַן ברודערס שטוב. זיך דאָרט נאָך אַמאָל איצט באַוויזן... אויף וויפֿל אין יענער שטוב איז דעמאָלט מעגלעך געווען פֿאַרגעניגן צו האָבן, האָט מען געהאַט... מ׳האָט אים גלייך אַריינגעפֿירט צום חולה, וואוהין אַלע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט, ווי גלייך מ׳וואָלט געוואַרט אויף הילף און אויף גענעזונג פֿון אים.

ווען ער האָט דערזען די האָפֿענונגסלאָזע לאַגע פֿון חולה, איר פּנים — פֿאַרענדערט, די באַקן־ביינער — פֿאַרשפּיצט, ערד בײַ די נאָזלעכער, און אַז דער אָטעם קומט איר אַרויס מיט אַ כריפּ, און אָפּט פֿעלט ער איר אויס און זי זוכט אים און וויל אים אויפֿכאַפּן, ווי אַ פֿיש אויף דער טרוקן; זעענדיק דאָס אַלץ, האָט ער געטאָן, ווי מ׳טוט אין אַזעלכע פֿאַלן: קיין סימן פֿון באַאומ־רואיקונג נישט אַרויסגעוויזן, נאָר פֿאַרקערט, זיך געהאַלטן אַזוי, גלייך ער קוקט אויפֿן חולה, ווי אויף אַלע איבעריקע, אָן חידוש און אָן אויסטיילן זי צום ערגערן, ווי ווען מ׳קוקט אויף אַ מענטשן, וואָס איז אין סכּנה.

אויף אַ ווײַלע האָט אָט די לוזיס האַלטונג דעם חולה טאַקע פֿאַרגרינ־גערט. ווײַל ווי שווער און באַרג־אַראָפּ זי האָט די מאָסע פֿון אירע לעצטע טעג ביט געצויגן, איז אָבער דאָך, ווען זי האָט דערזען פֿאַר זיך דעם, וואָס זײַן אָנקומען און ווײַזן זיך אין איר פֿאַטערס שטוב האָט אַלע מאָל געשאַפֿן יום־טוב, האָט דאָס אויף איר אַזוי גענעזנדיק געווירקט, אַז זי האָט אַ ווײַלע אין איר קרענק פֿאַרגעסן — אין אַזאַ זאַך, ווי אַז געוויינטלעכער אָטעם איז בײַ איר אַ זעלטנהייט און אַ גליקלעכער אויסנאַם.

מ׳האָט פֿאַרבראַכט ביים חולה, וויפֿל ס׳האָט זיך געלאָזט און אַפֿילו מער, ווי ס׳האָט זיך געלאָזט. מ׳האָט גערעדט אַ קליין ביסל, צוליב יוצא וועגן, פֿון איר אַליין, אָבער מער פֿון זייטיקע זאַכן, כּדי זי צו צעשטרייען און נישט אַרויסווייזן קיין באַזונדערע באַזאָרגטקייט פֿון איר קרענק.

יאָ, לוזי איז, ווי געזאָגט, גלייך נאָך זיין אָנקומען אין חוהס אַלקער אָפּגערופֿן געוואָרן, און סרולי איז געבליבן אויסוואַרטן אויף אים אין עס־שטוב. דאָס איז געווען יענע עס־שטוב, אין וועלכער סרולי פֿלעגט פֿריער, אַמאָל זיין אַן אָפּטער איינגייער, ווען ס׳האָט זיך אים געוואָלט, און ווען ניט געוואָלט — ניט אָפּט, און ווי דאָס לעצטע מאָל, ווי מיר געדענקען, האָט ער, אָנקומענדיק פֿון זיין זומערדיקער וואַנדערונג, דאָרט זיין טאָרבע אָפּגעלייגט, און פֿון דאָרט ווידער, איז ער, בעת דער קריג פֿון לוזין מיט זיין ברודער, אַרויסגעיאָגט געוואָרן פֿון משה מאַשבער, און אַוועקגייענדיק, האָט ער זיין טאָרבע פֿון איינעם אַ ווינקל פֿאַרנומען.

ער איז איצט געזעסן און האָט זיך איינגעקוקט אין יענעם ווינקל... ער האָט אויך די גאַנצע עס־שטוב באַטראַכט. און אויך די אַנדערע צימערן, אויף וויפֿל זיי האָבן זיך געלאָזט אָנזען דורך די אָפֿענע טירן, וועלכע האָבן געפֿירט אַהין.

ווען סרולי זאָל ניט געווען זיין סרולי, וואָלטן אים, געוויס, דעמאָלט מאָדנע געדאַנקען געקאָנט קומען אין קאָפּ, און באַזונדערס איינער, אַ טשי־קאַווער זייער, און נעמלעך: אַז ער, דער אַרויסגעיאָגטער, איז איצט דער באַ־לעבאָס פֿון אָט דעם עס־צימער, פֿון אַלע צימערן, פֿון גאַנצן הויף פֿון סאָד און פֿון דער גאָרער באַלעבאָטישקייט. וואָס געהערט צו משה מאַשבער... יאָ, ווען סרולי זאָל ניט געווען זיין סרולי... ער וואָלט, צוליב באַשטעטיקן אָט דעם געדאַנק, זיך באַדאַרפֿט נאָר איין טאָפּ טאָן אין בוזים־קעשענע, אין וועלכער ס׳איז געלעגן דער אָפּמאַך, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג אָפּגעשלאָסן מיט משה מאַשבער — אַ טאָפּ טאָן און זיך זאָגן: יאָ, באַלעבאָס...

צי ער האָט אָבער אַזוי געטאָן און געטראַכט — זיינען מיר ניט זיכער. זיכער ניט, ווי יאָ, ווייל אַ סימן — ווען משה מאַשבער האָט אים איצט באַ־געגנט מיט זיין ברודער, האָט ער אויף אים געכאַפּט בלויז אַ פֿאַרביילויפֿנ־דיקן קוק, ווי אויף איינעם אַן וואָג, אַן ווערט, אויף וועמען מ׳דערלויבט זיך לענגער ניט פֿאַרהאַלטן, וואָס דאָס וואָלט ער, געוויס, ניט געטאָן, ווען סרולי, פֿון זיין זייט, וואָלט בעת דער באַגעגעניש, אים, משהן, נישט געגעבן די מעג־לעכקייט נישט צו געדענקען, אַז ער, סרולי, האָט יאָ וואָג, יאָ אַ ווערט, ווייל אַ גרויסע שטיק ווערט פֿון משה מאַשבער איז איצט אין דער האַנט ביי אים... אַ סימן, אַז סרולי איז אַן אַנדערער, און ניט אַזאַ, וואָס איז פּעאיק אויסצונוצן יענעמס שלעכטע און זיין גוטע לאַגע, זיך צו גרויסן און זיך איבערנעמען

און דערמאָנען יענעם אין זיין נידערלאַגע — בכלל ניט, בפרט איצט, ווען ער האָט געוואוסט, וואָס ביי משה מאַשבער אין שטוב טוט זיך...

ער איז געזעסן אַליין אין עס־שטוב, אַ סברה, אַז ער האָט, זיצנדיק, בלויז זיך צוגעהערט צום פּראַסטיקן דרויסן, וואו ער האָט באַמערקט, בשעת ער מיט לוזין מיט גיטעלען און יהודיתן זיינען, פאַרנדיק פון רב, אַרונטערגעקומען אונטער דער טונקעלער שיין פון איינעם אַ גאַס־לאַמטערן, ווי אַזוי ס'האָט פּאַמעלעך געגומען שיטן פון דער פאַרפינצטערטער הימל־הויך עפּעס אַ קליין שיטער שנייעלע — אַזאַ וואָס אַמאָל באַוויזט עס נאָר קוים־קוים צו פאַר־ווייסן דעם אויבערפלאַך פון דער פאַרהאַרטעוועטער ערד אַנהויב ווינטער, און אַן אַנדערש מאָל קאָן דאָס דורך איין נאַכט אַזוי אַנשיטן און פון קליין־ווייניק אַזוי גרויס־געדיכט ווערן, אַז אין דער פרי זאָל מען שוין די טירן פון נידע־ריקע הייזלעך ניט קאָנען עפענען, און אַפילו ניט נאָר פון נידעריקע...

ער האָט, זיצנדיק דעמאָלט אַליין אין עס־שטוב, אַ סברה, אויך געטראַכט פון משה מאַשבערס אַלטן און עובר־בטלדיקן הויף־היטער, מיכאַלקען, וואָס זיין קליין הילצערן שטיבעלע איז געשטאַנען אַנטקעגן משה מאַשבערס קיך־אַריינ־גאַנג, און פון וועלכן ער, סרולי, האָט איצט, אין הויף אַריינקומענדיק, באַ־מערקט אַ קליין מאָגער קאַניצל פון אַ דאַרטיקער פאַרשטויבטער שויב אַרויס־שיינען...

ער האָט זיך דערמאָנט דאָס לעצטע מאָל, ווען ער האָט דאָ, אין הויף, געוואָרט אויף לוזין, מיט וועלכן ער האָט זיך דעמאָלט אָקאָרשט, ערשט אין דער פרי, באַקאַנט, און דעם זעלבן טאָג, אין אָוונט, האָט באַדאַרפט מיט אים דעם ערשטן געשפּרעך האָבן — ווי אַזוי ער האָט יענעם פרימאָרגן פאַר־בראַכט אין מיכאַלקעס שטיבעלע, וואו ער איז שטיל און געשמאַק איינגע־שלאָפן אויף יענעמס הילצערנעם באַנק־בעטל, און אַ סברה, אַז אויך איצט האָט זיך סרוליק, נאָך היינטיקן גאַנצן מידפולן טאָג, געוואָלט דאָס זעלבע — איינשלאָפן ביי מיכאַלקען...

אָבער דאָ האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן משה מאַשבערס בני־בית אַרויס־קומען פונעם חולהס אַלקער, מיט לוזין, מיט גיטעלען און מיט משה מאַשבער אַליין. מ'האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט לוזין און אים געבעטן, ער זאָל נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל קומען — איצט, ווען, ווי ער זעט, וואו ס'האַלט... און דערביי האָט גיטעלע שטיל די טרערן געווישט און אויך ביי אַלע איבעריקע בני־בית זיינען די אויגן נישט געבליבן טרוקן...

און דעמאָלט, אַז לוזי איז אַרויס אין הויף, באַלייט פון זיין ברודער משהן, און אויך פון סרולין, וועלכער איז אים נאָכגעגאַנגען, האָבן ביידע ערשטע נישט באַמערקט, נאָר ער, דער דריטער, סרולי — יאָ, אַז ווען דער אַלט־געבראָכענער מיכאַלקע, וואָס האָט זיך גראָד דעמאָלט ביי זיינער אַ

פֿאַרשפּעטיקטער אָוונט־אַרבעט אין הויף געפֿונען, האָט פּלוצלינג דערזען צו־זאַמען מיט זיין באַלעבאָס אויך דעם ברודער, מיטן הויכן געשטאַלט, און מיטן פֿרעמדלעכן און דרך־ארץ־וועקנדיקן אויסזען, אַזוי האָט ער עפּעס אַן אומ־צופֿרידענעם בורטשע געטאָן... ער האָט דעם אַנטקעגנקומענדיקן באַלעבאָס און לוזין דעם וועג אָפּגעטראָטן, און אַז ער האָט זיי דורכגעלאָזט אַהין, וואוהין זיי האָבן באַדאַרפֿט — צו דער טויער־פֿאַרטקע, האָט ער די גאַנצע צייט ניט אויפֿגעהערט נאָכצוקוקן לוזין, ווי נאָך אַזאַ, וואָס דערוועקט חשד און מורא...

ווייל יאָ, אַז מיכאַלקע האָט איצט דערזען לוזין, איז אים דורכגעגאַנגען אַ סקרוך איבערן לייב, אַקוראַט, ווי דעמאָלט, זומער, ווען יענער איז גע־קומען צוגאַסט, און ווען מיכאַלקע פֿלעגט אים אַלע מאָל טרעפֿן איינעם אַליין אין הויף ביי נאַכט — אַמאָל אַרויפֿקוקן צו דער לבנה, ווען אַ לבנה איז אין הימל, און ווען ניט — איז גלאַט צום הימל און צו די שטערן... אַ כּישוף־מאַכער — האָט מיכאַלקע זיך דעמאָלט געזאָגט — וואָס קיין גוטס פֿון אים וועט זיך דאָ פֿאַר קיינעם ניט באַקומען...

ריכטיק: אַ ביסל, האַלט ער, מיכאַלקע, איז זיין זומערדיקע נביאות שוין מקוים געוואָרן... כאָטש לוזי איז אים דעמאָלט גלייך פֿאַרשווינדן, און פֿון ניט וויסן פֿון דער קריג צווישן לוזין מיט משהן, האָט ער נישט געוואוסט, וואוהין לוזי האָט זיך אַהינגעטאָן, דאָס אָבער, טראַכט ער, האָט יענעמס כּישוף גלייך געלאָזט נאָך זיך געוויסע שפּורן... כאָטש ער איז שוין אַלט, אָפּגעלעבט און מיט פֿאַרקיסנעטע אויגן, דאָך זעט ער, קוקנדיק אויפֿן באַלעבאָס און אויף אַלע זיינע שטוביקע, אַז עפּעס גייען ביי זיי די געשעפֿטן די לעצטע צייט ניט, ווי סע דאַרף... ער זעט דאָס אין דער פֿאַרציע מאכלים, וואָס מ׳טיילט אים אויס אויפֿן קיך איצט פּיל־שפּאָרעוודיקער, ווי אַלע מאָל פֿריער... די מזלדיקע ראָד האָט זיך ביי זיי פֿאַרהאַקט... ער זעט דאָס אין דעם, וואָס דעם באַלעבאָס ייִנגערע טאָכטער האָט זיך אָוועקגעלייגט קראַנק און, ווי ס׳זעט אויס, שוין נישט צום אויפֿשטיין... דאָס זעט ער אין די פּיל דאָקטוירים, וואָס האָבן גענומען באַזוכן דעם באַלעבאָס הויז צו אָפֿט, פֿון די רפֿואות, וואָס מע ברענגט, און דער עיקר, פֿון אַלעמענס באַזאָרגטקייט, וואָס איבער דעם קלעקט ביי קיינעם קיין צייט נישט, מיט אים, מיכאַלקען, אַפֿילו אַמאָל אַ וואָרט אויסצוריידן...

יאָ, און נאָך ערגער פֿילט מיכאַלקע זיין נביאות אויף זיך אַליין, וואָס די לעצטע צייט חלומט זיך אָפֿט, ווי בינען פֿאַרפּלעטן זיך אין זיין פֿאַזוכע און זוכן אַן אָרט, ווי אַזוי זיך דערקלייבן צו זיין ברוסט, ווי צו אַ בלום, כּדי אירע זאַפֿטן אויסצוזויגן...

— יאָ, ס׳ניט צום גוטן — האָט מיכאַלקע אויך איצט אַן עובר־בטלדיקן טראַכט געטאָן, ווען ער האָט דערזען לוזין מיטן באַלעבאָס. ער האָט זיך אָפּגעקערעוועט פֿון צו קוקן אויף לוזין, און דערבײַ האָט ער זיך פֿירגענומען, אַז באַלד, ווי נאָר ער וועט איצט אַרײַן צו זיך אין שטיבעלע אויף נאַכט, און אויף ליגן זיך שלאָפֿן, אַזוי וועט ער זיך אַ סך מאָל איבערצלמען פֿאַר דער פֿאַרשטויבטער און מיט שפּינוועבס־באַדעקטער איקאָנע, וואָס אין זײַן שטיבעלע־ווינקל...

— יאָ, זיך גוט־גוט איבערצלמען — האָט ער באַשלאָסן, און דערבײַ האָט ער זיך ניט אײַנגעהאַלטן און האָט ווידער אין לוזיס זײַט אַ קוק געטאָן מיט׳ן אויסבאַהאַלטענעם פּחד.

II

# צוויי טויטן, איין חתונה

מיכאַלקעס נביאות איז גלייך מקוים געוואָרן — פֿאַר אַלעמען אויף אים אַליין.

ער איז געווען אַלט, קוים אומגעקראָכן און די פֿיס געשלעפּט, און אַפֿט, ווען ער איז אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי, האָט ער שוין דאָס האַרץ ניט גע־פֿילט, גלייך ס'וואָלט זיך אים אַרויסגעקליבן פֿונעם ברוסט־קאַסטן אין די עלנבויגנס אָדער אין די פּיאַטעס.

אין יענער נאַכט פֿון לוזיס און סרוליס באַזוך ביי משה מאַשבער האָט, ווי סרולי האָט פֿאַרויסגעפֿילט, טאַקע אַזוי אָנגעשאָטן, אַז ווען מ'איז אויפֿ־געשטאַנען אין דער פֿרי האָט מען דעם דרויסן ניט דערקענט. אַ שטאַרק־ווייסער בלענד האָט דאָס אויג פֿאַרכאַפּט ביז טרערן... די ביימער פֿון סאָד זיינען געווען ביז העכער די קני פֿאַרשאָטן, דאָס זעלבע — דער הויף ביז אַרויף די טרעפּ פֿון קיך און פֿאַראַד־אַריינגאַנג; היינט דער דאַך פֿון שטוב און פֿון אַלע געביידן אין הויף, ווי אַלע דעכער פֿון אַלע שטיבער פֿון יענער גאַס, אויף וויפֿל דאָס אויג האָט זיי אָנגעזען; היינט די גאַסן אַליין, וואָס האָבן אויסגעזען ביז די בייכער פֿאַרזונקען.

אַז מיכאַלקע איז אויפֿגעשטאַנען יענעם פֿרימאָרגן, האָט ער געהאַט פֿיל צו טאָן, צו ערשט ביים עפֿענען די טיר פֿון זיין שטיבעלע אין דרויסן אַרויס: זי האָט זיך ניט געלאָזט און זיינע שלאַבערדיקע הענט נישט נאָכגעגעבן, מחמת דער פֿול־אָנגעשאָטנקייט, וואָס פֿון יענער זייט; דערנאָך — ביים אָפּרייניקן אַ סטעזשקע צווישן זיין שטיבעלע און צווישן דער קיך־טיר פֿונעם באַלעבאָס הויז, ווי אויך אַ סטעזשקע פֿון דאָרט ביז דער טויער־פֿאַרטקע, ווייל ווען ניט, איז זיך אָהין נישט געווען צו דערקלייבן. ער האָט אויך געהאַט פֿיל אַרבעט ביים אָנפּאָמפּען און ברענגען וואַסער פֿון דער קרענעצע, וואָס איז אים היינט אָנגעקומען פֿיל שווערער, ערשטנס, איבער דער פֿריערדיקער אַרבעט ביים שניי־רייניקן, און צווייטנס, איבער דעם, ווייזט אויס, וואָס דער וועטער האָט זיך געביטן פֿון טרוקן אויף פֿייכט און האָט אים, ווי אַלע מאָל אין אַזאַ פֿאַל, פֿאַרשווערט דעם אָטעם, ס'איז אים היינט אויך שווער געווען דאָס אָנטראָגן האָלץ, וואָס ס'האָט זיך געפֿאָדערט מער ווי ביז אַהער, ווייל אַלע הרובעס אין שטוב האָבן שוין באַדאַרפֿט מער ווינטערדיק געהייצט ווערן.

קייטל־זייגער — דער הונט, וואָס אַנעם קול און מיטן אַראָפּהענגענדיקן באַמבלדיקן בייכל — איז דעם גאַנצן פרימאָרגן, ווי שטענדיק זיין שטייגער, פון זיין באַלעבאָס, פון מיכאַלקען, ניט אָפּגעשטאַנען: — שטייענדיק און אים נאָכקוקנדיק, ווען יענער האָט זיך געהאַלטן אויף איין אָרט, און נאָכגעגאַנגען און אים באַלייט ביי אַ זייט און פאַמעלעך, ווען מיכאַלקע האָט זיך פון אָרט אויף אָרט גערירט. דאָס מאָל אָבער האָט קייטל־זייגער עפּעס באַזונדערס באַזאָרגט געקוקט אויף מיכאַלקען, ווי אויף אַ זאַך, וואָס מ׳דאַרף דערויף גוט אַכטונג געבן, ווייל אַ ניט קאָן מען דאָס, צווישן יאָ און ניין, אומגעריכט און מיטאַמאָל, נאָך אָנווערן.

קייטל־זייגער האָט געזען, ווי ביים האַלץ־ און וואַסער־טראָגן שטעלט זיך מיכאַלקע אַלע מאָל אָפּ אין מיטן וועג, גלייך ווי דאָרט, פון וואַנען ער איז אָנגעקומען מיט דער מאַסע, האָט ער עפּעס פאַרגעסן און האָט בדעה באַלד אַהין זיך אומצוקערן; ווען אין דער אמתן האָט אים אָפּט גאָר פשוט אַטעם אויסגעפעלט, און ער האָט אויסגעזען אַזוי, גלייך אַט באַלד וועט ער די מאַסע פון די הענט אַרויסלאָזן און שטיין בלייבן ווי אַ גולם.

קייטל־זייגער האָט אויך באַמערקט, ווי מיכאַלקע האָט היינט אויך ביים באַקומען די פרימאָרגנדיקע שפּייז אויפן קיך, נישט איבעריק זיך אָפּגעגעבן דעם עסן ווי אַלע מאָל, ווען ער קוקט אַריין אין שיסל מיט כוונה, שוויצט און ווישט זיך דעם שטערן און די פּאַטיליצע, גרונטעוועט און דערלאַנגט דעם דנאָ, וואו ער לאָזט קיין מאָל קיין לעק און קיין ברעקל ניט איבער. ניין, דאָס מאָל האָט ער מאַנקירט, און אַ גרויסן טייל, אַ פיל גרעסערן ווי באַשטענדיק, האָט ער אים, דעם הונט, אויסגעטיילט און אָפּגעגעבן.

קייטל־זייגער האָט אויך געזען, ווי נאָך דעם, ווען מיכאַלקע האָט זיך אָפּגעפּאָרטיקט מיט אַלע זיינע אַרבעטן פאַרן באַלעבאָס קיך, שטוב און הויף ביז נאָך האַלבן טאָג, און איז שוין שפּעטלעך אַריין צו זיך אין שטיבעלע און גענומען זיין אייגן אייוועלע איינהייצן, האָט ער, הייצנדיק, ווי געוויינטלעך — אויף די קני זיצנדיק און אַלע מאָל צום פייער אַריינקוקנדיק — דאָס מאָל זיך פאַרגעסן און ווי איינגעשלאָפן: און דערנאָך, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געוואָלט אויפשטיין, האָט ער ניט געקאָנט און זיך לעפּיש גע־מוזט אָוועקזעצן אויפן געזעס, און ערשט דערנאָך, קאָראַטשקעוודיק זיך און אויף די הענט אָנגעשפּאַרט, האָט ער קוים־קוים פון דעם פאַל זיך אויפגע־הויבן, ווי אַ קליין קינד, אָדער ווי אַ געליימטער, אומבאַהאָלפן.

דעם זעלבן טאָג האָט — נישט ווי דער שטייגער איז נאָך אַ שניי — אַ שטאַרקער פראָסט גענומען.

ס׳איז געווען ערשט צו פאַרנאַכט, ווען אין די הייזער האָט מען שוין גענומען אָנצינדן ליכט. מיכאַלקע, וואָס איז דעמאָלט צוליב אַ געוויסער אַרבעט נאָך אַמאָל אין דרויסן אַרויסגעגאַנגען, האָט דאָס דערפילט, און מורא האָבנדיק,

אַז ביינאַכט זאָל זיך אים דאָס איוועלע ניט אָפּקילן, האָט ער נאָך אַמאָל האַלץ אונטערגעלייגט. ער האָט ניט געציילט, און ווי ס'וויזט אויס, האָט ער די מאָס איבערגעכאַפּט, ווייל אין שטיבעלע ביי אים איז שוין אַזוי הייס געוואָרן, אַז ער האָט פון גרויס היץ אַזש דעם העמד־קאָלנער צעשפּיליעט און מיט דער אַלטער צעטריפּעטער נשמה געפּאָכעט.

ער האָט געמוזט אָפּגיין צו זיין באַנק־בעטל, זיך צוזעצן, ווייל אויך דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט און אין די הענט און פיס האָט ער דערפילט אַ ברעכעניש ווי פון אַ טשאַד, ער איז צוערשט געזעסן אויפן באַנק־בעטל, ווי מ'זיצט געוויינטלעך — אויפן ראַנד, דערנאָך אָבער, אַז דער טשאַד האָט זיך אים אין קאָפּ געמערט און אין אַלע אברים צוגעקומען, האָט ער זיך געניייטיקט אין אַן אָנשפּאַר פאַרן רוקן קאָפּ און ער האָט זיך העכער אַרויפגערוקט. דאָס שטיבעלע האָט זיך אים געדרייט, און אין דער זעלבער צייט האָבן אים אין די אויגן געגומען שיין־רעדעלעך און ליכט־פינטעלעך אומשווינדלען, וועלכע האָבן זיך אים דערנאָך אין אַ פול בילד אויסגעפורעמט און פאַרגאַנצט.

ער האָט איינגעדרעמלט און געזען:

ס'איז ניטווינטער, נאָר זומער, ס'איז אַן אויפדערנאַכט, דער גאַנצער הויף שלאָפט שוין, און נאָר ער איינער איז וואַך, און פּלוצים דערזעט ער אויפן דאַך פון שטוב, ביים קוימען, שטייט עפּעס אַ הויכער מענטש, אַ מין לאַנגער לוזי, דאַכט זיך, וואָס כישופט, שפּרעכט אין הימל אַריין און אין דער נאַכט דער זומערדיקער.

מיכאַלקע דערשרעקט זיך, ווייל זיך צוריקציען, אַז יענער, וואָס אויפן דאַך, זאָל אים אין הויף ניט דערזען, אָבער ס'גיט זיך אים ניט איין: יענער באַמערקט אים, רופט אים, און ער ווייסט ניט — פאַרוואָס, נאָר ער מוז יענעמס רוף פאָלגן און אַליין אויך אַרויפקומען צום קוימען... און פונעם קוימען פילט ער עפּעס אַ מין רויך אַרויסקומען, וואָס זעען זעט מען אים ניט, נאָר יענער, דער לאַנגער לוזי, מאַכט אים פילן מיט עפּעס מינים קונצן, וואָס זיינען אייגנטימלעך פאַר אַזויגע, וואָס כישופן אין שטילע זומער־נעכט ביי קוימענס... מיכאַלקע וויל דעם קאָפּ אָפּקערעווען, ניט צו שמעקן פונעם רויך, אָבער יענער פאַרבאָט דאָס אים, און ער מוז און איז געצוואונגען — אַזוי לאַנג, ביז דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים און באַלד — באַלד האַלט עס שוין דערביי, ער זאָל פון דאַך אין הויף אַראָפּפאַלן און קאָפּ און רוק־און־לענד אין שטיין צעברעכן.

דעמאָלט כאַפּט ער זיך אויף אַ ציטערדיקער, מיכאַלקע, און טרעפט זיך זיצן אויף זיין באַנק־בעטל אין זיין שטיבעלע, ביי אַ שטאַרק־אָנגעהייצט איוועלע, ער פילט, אַז ער וואָלט איצט עפּעס באַדאַרפט טאָן, עפּעס פיר־נעמען — זיך אויפהויבן, עפענען די טיר אויף אַריינלאָזן לופט, אָדער צו־

זאַמען מיט קייטל־זייגער אין הויף אַרויס. אָבער ער קאָן ניט: די אבריס זיינען אים שוין אַלט, און פון געדאַנק, ביז טאָן, פון וועלן, ביז טאָן זיין ווילן, ליגט אים די לעצטע צייט ווי אַ גאַס אַ לאַנגע, וועלכע ער פוילט זיך זי דורכצוגיין.

און אַט שלאָפט ער ווידער איין, ער פילט, אַז קייטל־זייגער האָט זיך נאָר וואָס אָוועקגעשטעלט קעגן אים אויף די הינטערשטע לאַפּעס און מיט די פּעדערשטע טאָרעט ער אים, וועקט אים, מורא האָבנדיק פאַר זיין אַלטן, שוואַכן קאָפּ, וואָס רוקט זיך אים אַראָפּ אויף אַ זייט משונה, ווי אויך פאַר זיינע שלאָבעריקע הענט, וואָס האָבן זיך אים אַראָפּגעלאָזט ווי פרעמדע.

ס׳דאַכט זיך מיכאַלקען, אַז אַזוי ווי קייטל־זייגער קאָן נישט פועלן מיט זיינע לאַפּעס גאָרנישט, פרוואווט ער זיך עפּעס מאַכן מיט זיין שטומען גאָרגל, און אַז ווען ער קאָן נאָר, קייטל־זייגער, ווען ער האָט נאָר אַ קול, וואָלט ער איצט, פון גרויס אומרו, אַרויס מיט אַ שאַרף־הינטישן ביל, וואָס ער האָט אים ערגעץ טיף אין די שטומע געדערים אויפגעהאַלטן.

ער צלמט זיך אין געדאַנק, מיכאַלקע, פילנדיק, אַז ער פאַרלירט דעם קאָפּ אומוויליק, אַז ער בייגט זיך אים אַראָפּ און ער טוט אים וואָס אַמאָל טיפער און טיפער אין אַ זייט אַראָפּזינקען.

ער שלאָפט איין און זעט ווידער דעם לאַנגן לוזי אויפן דאַך, ווי ער רופט אים אַרויפצוקומען, ער איז ווידער געצוואונגען, און ווידער איז ער מיט יענעם באַנאַנד דאָרט; אָבער איצט שוין נישט נאָר ער אַליין מיט לוזין אין צווייען פון אויבן, נאָר אויך דעם באַלעבאָס גאַנצע הויז־געזינד, און אַלע־מענס פנימער זיינען פון יענעמס כישופן און שפּרעכן באַזאָרגט... אַלע שטייען שוויגנדיק, קאָנען זיך ניט רירן און האָבן ניט די מעגלעכקייט קיין וואָרט צו זאָגן און מוזן נאָך דערצו דעם געוויסן רויך פון קוימען אין זיך אַריינשמעקן, פון וועלכן אַלעמענס קעפּ פאַרדרייען זיך און אַלעמען ווערט פון אים אויפן האַרצן איבל; דער עיקר אָבער אים, מיכאַלקען, און אויך דעם באַלעבאָס ייִנגערער טאָכטער, דער קראַנקער, וועלכע ליגט שוין אַ צייט און, ווי ס׳ווייזט אויס, אָן שום האָפענונג אויף צוריק ווידער אויפשטיין. ס׳ווערט זיי שלעכט, און ווי אַלע שטייען אַזוי שטיל און באַצוואונגען, אַזוי דערהערט זיך אַ ווילד געשריי פון אַלעמענס מיילער אַרויסקומען, ווען מען דערזעט, ווי צוויי פון צווישן אַלעמען — מיכאַלקע און דעם באַלעבאָס טאָכטער — פאַלן מיט פאַרדרייטע קעפּ פון דאַך אין הויף אַראָפּ, אויף טויט אָנגידערגעבראָכטע... און מיכאַלקע דערזעט גלייך אין הויף צוויי לוויות שטייען אָנגעגרייט פון דאָרט זיך אַרויסצוציען: — איינע אַ קריסטלעכע — זיינע — און ער אין אַן אָרון מיט אַן אָפּגעדעקט פנים; די צווייטע אַ ייִדישע — דעם באַלעבאָס טאָכטער — אויף אַ מיטה, מיט אַ צוגעדעקט פנים.

און דאָ האָט מיכאַלקע מיטאַמאָל דערהערט אַ קוויטש, וואָס ער ווייסט ניט, פֿון וואַנען איז ער געקומען — צי פֿון קייטל־זייגערס אָנשטרענגונג אַ האַווקע צו טאָן און אים פֿון ביין אויפֿצוואַועקן, צי גאָר פֿון אַנטקעגנאיבער־דיקער באַלעבאָס שטוב, וואָס אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט האָט ער זיך אַהער אַריינגעריסן — אַזאַ, ווי אַלע מאָל פֿון שטוב־מענטשן ביי אַ חולה ביינאַכט, ווען דער חולה איז גוסס און מע האַלט אים ביי אָפּשרייען.

דעמאָלט האָט מיכאַלקע אַ ציטער געטאָן און צום לעצט און צום איבעריקן דעם קאָפּ פֿאַרלוירן, האַלטנדיק אים קרום־קיילעכיק אין אַ זייט אַראָפּגע־לאָזט, ווי אַ מאַסע, וואָס ער איז מער ניט אומשטאַנד צו טראָגן. און אַזוי איז ער פֿאַרשטאַרט געבליבן.

קייטל־זייגער האָט אַ צייט לעבן אים געהאַלטן וואַך: ער איז געשטאַנען מיט די הינטערשטע לאַפּעס אויפֿן פּאָל און מיט די פֿעדערשטע אין מי־כאַלקעס אָנגעשפּאַרט — אויך פֿאַרשטאַרט.

דאָס קאַניצל האָט זיי ביידע אין זייער פֿאַרגליווערטקייט באַלויכטן. קייטל־זייגער האָט די גאַנצע נאַכט פֿון מיכאַלקען די אויגן ניט צוגענומען, ביז שפּעט, ביז אַזש פֿאַרטאָג. און אַז ער האָט צום לעצט אויף מיכאַלקען אַ קוק געטאָן און זיך איבערצייגט, אַז מיט זיין באַלעבאָס האָט דאָס לעצטע טרעפֿעניש געטראָפֿן, אַז יענעמס אומבאַוועגלעכקייט איז ניט מחמת שלאָף אָדער שיכּרות, נאָר דערפֿאַר, ווייל ער איז אויס — אָט דעמאָלט האָט קייטל־זייגער צום לעצטן מאָל אויף מיכאַלקעס הענט באַשמעקט און דערפֿילט, אַז ס׳איז שוין פֿון זיי גאָרנישט ניט צו וואַרטן, זיי זיינען האַרט און קאַלט־פֿאַרהילצערט — אָט דעמאָלט, איז ווען עמעצער וואָלט זיך געפֿינען נאָענט צו מיכאַלקעס שטיבעלע — וואָלט ער פֿון דאָרט אַרויס דערהערט אַ הינטיש קול, וואָס איז זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ שטיל־שטילן, לעצט־ביטערן וואָי...

יאָ, קייטל־זייגער האָט אויף אַ ווײַלע צוריק דאָס קול באַקומען... און אין דער פֿרי, אַז מ׳איז אויפֿגעשטאַנען ביי משה מאַשבער נאָך אַ שווערער נאַכט וואַכן ביים חולה — ביי זיין טאַכטער, וועלכע מען האָט אין אַ געוויסן מאָמענט שוין טאָקע אָפּגערופֿן — אַז מ׳איז אויפֿגעשטאַנען, און די דינסט האָט זיך גענומען צו דער טאָג־אַרבעט און, ווי אַלע מאָל, זיך געניייטיקט אין מיכאַלקעס הילף ביים ברענגען האָלץ, וואַסער און אַנדערע נויטיקייטן, און זי האָט אים גענומען רופֿן, און ער האָט, נאָך איין מאָל און צוויי מאָל אַריבערשרייען צו אים אין שטיבעלע, זיך ניט אָנגערופֿן — האָט זי זיך פֿאַרחידושט, די דינסט, און אַז זי האָט אַ קוק געגעבן צו דער טיר פֿון זיין שטיבעלע, וועלכע איז געווען געשלאָסן, און אַז זי האָט דערהערט פֿון דאָרט עפּעס אַ נישט געוויינטלעך דראַפּען־זיך און אַ שטיל־שטיל וואָיען, איז זי צוגעגאַנגען, זי אויפֿגעעפֿנט, און דעמאָלט האָט זיך פֿאַר איר פֿאַרגעשטעלט אַ בילד, וואָס לאַנג האָט זי ניט געדאַרפֿט דערויף קוקן, זי זאָל פֿאַרשטיין,

וואָס דאָ איז פֿאַר דער נאַכט מיט מיכאַלקען געשען: ער איז געווען טויט, קרום־קײלעכיק אויסגעבויגן אין דער וואַנט אַנגעשפּראַט, און קיטל־זייגער האָט, קוקנדיק אויף מיכאַלקען און אויף דער אַריינקומענדיקער דינסט, מיט אַ שטילן מרוק צו פֿאַרשטיין געגעבן, וואָס פֿאַר אַ הינטיש אומגליק ס׳האָט אים דאָ היינט געטראָפֿן.

*

אַוודאי איז דאָס צו משה מאַשבערס רומל אין שטוב דעמאָלט נישט אָפּגעגאַנגען. נאָך דאָס האָט דאָרט געפֿעלט!... ס׳איז אַזוי אויך געווען אַ פֿולע שטוב אומגליק פֿון ערב דעם, וואָס האָט דאָרט באַלד — היינט, מאָרגן — באַדאַרפֿט טרעפֿן — דאָס, וואָס אַפֿילו נחמהקע און נחום לענטשערס פּיצלעך קינדער האָבן שוין געוואוסט דערפֿון, און אויף זייער קינדערשן אופֿן דאָס דערשפּירט, און נעמלעך: אַז זייער מאַמע איז שוין נאָר אויף געציילטע טעג זיי אַ מאַמע, און אַז זייערע יונגע לעבנס שטייט דאָ באַלד פֿאַר עפּעס אַ בראָך אַן אַ נאָמען.

זיי האָבן דאָס געפֿילט אין דעם, וואָס די מוטער האָט זיך שוין אַ צייט צו זיי ניט צוגעריירט, ניט בעת אָנטאָן און אויסטאָן, נישט בעת עסן־גיבן און שלאָפֿן־לייגן, וואָס דאָס האָבן שוין פֿאַר דער קראַנקער נחמהקע גע־טאָן אַנדערע: — אַמאָל די באָבע גיטעלע, שטאַרק געשריי, אַמאָל יהודית, וועלכע האָט ניט געמאַכט קיין חילוק צווישן אירע קינדער און דער שוועס־טערס, און אַמאָל אויך אַפֿילו אַליין זייער טאַטע, וואָס פֿון נישט געוואוינט זיין צו קיין פֿרויען־אַרבעט, איז זי ביי אים יעדערס מאָל אַרויסגעקומען לעפּיש און מאַנצביליש נישט־געראָטן.

אָבער דאָס אַליין, האָבן די קינדער געפֿילט, איז נאָך גאָרנישט: ס׳מאַכט זיך, אַ מאַמע ווערט קראַנק, אָבער מען קאָן צו איר אַלע מאָל אין אַלקער אַריינקומען, קינדערשע נויט און פֿרייד אויסדערציילן און ביי איר אַ גוט וואָרט, אַ מוטערלעכן בליק אַרויסקריגן. דאָ אָבער האָט מען שוין די קינדער דאָס אין אַלקער־אַריינקומען פֿאַרווערט. זעלטן־זעלטן נאָר, אויף איין אויגנ־בליק, אי דאָס אויך נאָר פֿון אַ זייט, שטייענדיק אויף דער שוועל; און יעדערס מאָל האָבן די קינדער באַמערקט, ווי זייער מוטער דערווייטערט זיך פֿון זיי אַלץ מער און מער, איר אויסזען — נישט אירער, דער בליק — אָפּגעפֿרעמדט, און אַז זי כאַפּט יאָ ווען אַמאָל אַ קוק אויף זיי, ווען זיי באַווייזן זיך, קערעוועט זי זיך באַלד אָפּ, און באַזונדערס נאָך, ווען זי זעט זיי מיט זייער טאַטן, מיט נחום לענטשער, צוזאַמען.

אַזוי ביז אַהער. די לעצטע טעג אָבער איז זיי שוין אַפֿילו אויך דאָס איבערגעכאַפּטע זען־זיך — פֿאַרבאָטן, און מ׳האַלט שוין גאָר אַלע מאָל אַנגעגרייט זייערע בורנעסלעך, כּדי זיי אָוועקצופֿירן צו אייגענע, באַקאַנטע,

ווייל דאָ אין שטוב, וואו מע ריכט זיך אויף אומגעריכטס, האַלט מען נישט פֿאַר געהעריק, זיי זאָלן אין אַ געוויסן מאָמענט דאָ בלייבן.

מ׳האָט דאָס שוין מיט זיי געוואָלט טאָן נעכטן פֿאַרנאַכט, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט מען זיך נאָך באַטראַכט און זיי געלאָזן... און ביינאַכט, מעגן זיי שווערן, האָבן זיי פֿון מיטן שלאָף אויפֿגעריסן עפּעס ווילדע קולות פֿון פֿיל היימישע, אייגענע, קרובים און באַקאַנטע, וועלכע האָבן צוליב זייער מוטער ביי זיי אין שטוב געגעכטיקט און האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל, קורצ־ווייליק, אָבער וואָיענדיק צעליאַרעמט. זיי האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, און אויף זיי צו באַרואיקן האָבן זיי לעבן זיך געטראָפֿן שטיין אַ פּאָר היימישע שטוב־מענטשן, און צווישן די היימישע אויך עפּעס איינס אַ נישט־היימיש פּנים, דאַכט זיך, און דאָס איז געווען די באָבע שיינצי, די באָבע פֿון פֿאָטערס צד, וואָס, ווי ס׳ווייזט אויס, האָט זי זיך היינט ביינאַכט, ווען זיי, די קינדער, זיינען געשלאָפֿן, מיט אַ שפּעט־אָוונטיקן צוג צוגעשטעלט.

יאָ, דאָס איז טאַקע געווען זי, די באָבע שיינצי, נחום לענטשערס מאַמע, וואָס אַז זי איז געוואָויר געוואָרן, וואָס פֿאַר אַן אומגליק ס׳דערנעענט זיך צו איר זון, האָט זי זיך פֿון איר ווייטער פּאָדאָליע, אַזש פֿון קאַמעניעץ, אַהער געלאָזט און אַווינטערדיק־אָפּגעפּעלצטע אין שטוב אַריין.

זי איז גלייך אַריין צום חולה, צו נחמהקען, וועלכע האָט זי שוין כמעט נישט דערקענט, און אויב יאָ, איז זי איר שוין נישט אַנגעגאַנגען, צוזעענדיק נאָר, ווי זי שטייט ביי אירן אַ זייט בעט און אירע אויגן זיינען מיט קאַלט־שווייגערישע טרערן פֿאַרפֿולט.

נחמהקע האָט אויך באַמערקט, ווי גלייך נאָך דעם, ווי יענע האָט זיך אויסבאַהאַלטענערהייט אַ ביסל אויסגעוויינט, האָט זי איר מאַן, נחומען, אין אַ זייט אָפּגערופֿן און מיט אים געגומען עפּעס ווי איינטענהן, אים טרייסטן, ווי געוויינלעך מסתּם: אַז ערשטנס, קאָן נאָך גאָט העלפֿן; און צווייטנס, טאָר מען זיך אַזוי ניט אָוועקלייגן, ס׳געשעט, און וואָס קאָן מען מאַכן?

יאָ, טאַקע: דערזעענדיק, ווי ס׳האַלט, אַז ס׳איז עק און ביי אַלע לעצטן, האָט די באָבע שיינצי געזוכן פֿאַר אַלעמען אָפּהאַלטן איר זון נחומען וואָס ווייטער פֿון חולהס בעט און ווי ניט איז אים צו פֿאַרגרינגערן: ער זאָל ביי זיך רעכט מאַכן, ביי זיך פּועלן און אויף אַלץ גרייט זיין.

— ער איז אַ טאַטע, און אַ יונגער טאַטע, ער האָט קינדער און ער טאָר זיין וועלט ניט פֿאַרשפּילן.

— וואָס רעדט זי? — האָט שוין איצט אַפֿילו ער, דער נישט געטרייער און קאַלטער מאַן, נחום, אַ געבראָכענער געטענהט:

— נחמהקע — האָט ער אונטערגעכליפּעט — אויף וועמען לאָזט זי אונדז איבער — מיך מיט די קינדער?

— מיין קינד — האָט די באָבע שיינצי אים געטרייסט — גאָט איז אַלעמען אַ פאָטער און אויך אַ פאָטער פאַר יתומים.

יאָ, אַפילו אין אָט דער לעצט־לאַגע האָט מען געקאָנט אַרויסזען דאָס ענגהאַרציקייט און זעלבסטפאַרליבטקייט פון נחומס בלוט־אייגענע און משפחה — אויב איצט ניט אויף נחומען אַליין, וועלכער האָט דאָך אין מיטן רעכטן אומגליק געשטעקט, איז אויף זיין מאַמע שיינצי, וואָס איז אין אַזוינע לעצטע מינוטן געקומען אַ גאַסט און האָט זיך גלייך גענומען אַזוי אויפפירן, אַז אין שטוב האָט מען פון איר אַוועקגעקוקט, זי כמעט פאַר קיין אייגענער נישט גערעכנט, און זי ווי גאַרניט ניט באַמערקט. זי האָט זיך געהאַלטן אַזוי, גלייך די שטוב־צרה איז איר נאָר אויף האַלב נוגע און גלייך אויך איצט וואָלט זי זיך געפילט ווי אויף אַ חתונה — נאָר מעשה חתן־צד.

זי האָט אַפילו (ס'אַוודאי אַ בזיון צו זאָגן), אין סאַמע געדיכטן קאָך דעמאָלט, גענומען אַריינקוקן אין די שאַפעס און אין די גאַרדעראָבעס, ווי עפעס צו שעצן מיט די אויגן און ווי אָפּצוטיילן איר זונס, נחומס, קליידער פון די איבעריקע, פונעם ווייבס, גלייך ס'האָלט עפעס ערב אַ גט, ווען מאַן און ווייב דאַרפן איבעררעכענען דאָס פריער צוזאַמען־אָנגעלעבטע, כדי צו וויסן, וואָס און וויפל וועט אויספאַלן אויף יעדנס חלק נאָכן צעגיין זיך.

ס'האָט דאָס קיינער פון די שטוב־לייט אין גרויסע צרות דעמאָלט, נאַ־טירלעך, ניט באַדאַרפט באַמערקן; נאָר דאָך, אויף וויפל אַפילו אין אויס־גענומענע פאַלן, ווען מ'איז פאַרנומען מיט פיל וויכטיקערס, קאָן מען אַמאָל דערזען אויך אַ קלייניקייט און אַ נישט זען־וויכטיקעס — אויף אַזוי פיל האָט מען דאָס יאָ באַמערקט, און פאַרשטענדלעך שוין, וואָס פאַר אַ געפיל דאָס האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען פון די שטוב־לייט. מ'האָט, מחמת דער קאָפּ דערשלאָגן — דאָס גלייך פון געדאַנק אַרויסגעלאָזט, אַוועקגעקוקט, קיין אַכט ניט געלייגט און ווי זיך געטראַכט דערביי: אַז אויב זי, די באָבע שיינצי, הייסט עס, איז אַזאַ, וואָס ס'קאָן איר איצט, אין אַזאַ צייט, ליגן אַזוינע זאַכן אין זינען, איז זאָל זי... וואָרעם ווער וועמען גייען דען איצט אָן שאַפעס און גאַרדעראָבעס?...

*

ס'איז געווען אין דער פרי, נאָך יענער שווערער נאַכט ביי נחמהקען, ווען מ'האָט זי שוין איין מאָל טאַקע אָפּגערופן און וואָס דעמאָלט האָט אַפילו אַזאַ ווי די באָבע שיינצי אויך איר קול פאַראייניקט צו די קולות פון די איבעריקע שטוב־לייט — צו די אייגענע, באַקאַנטע און קרובים, וואָס האָבן דעמאָלט דאָרט גענעכטיקט.

די גאַנצע שטוב, אויסער קליינע קינדער, זיינען געווען נאָך אַ נאַכט ניט שלאָפן, מע האָט אויסגעזען געל, פאַרמאַרעט, פון וויסן און האָבן דאָס געפיל, אַז די פאַרגאַנגענע נאַכט איז ניט קיין אויסנאַם פונעם צער, נאָר

ערשט אַן אָנהויב, וואָס די רעכטע, געדיכטע פֿאַרזעצונג דאַרף ערשט — מעגלעך היינט ביי־טאָג, מעגלעך קומענדיקע נאַכט — נאָך קומען.

מ'האָט זיך איצט געריכט אויף די דאָקטוירים, וואָס מ'האָט נאָך דער שווערער נאַכט, גאַנץ פֿרי געשיקט נאָך זיי, און מ'האָט געוואוסט, אַז זייערע וויזיטן וועלן שוין קיין בעסערונגען ניט ברענגען, אויסער נאָר לעצטע הייל־מיטלען, וועלכע זיי וועלן נאָך פּרוּוון גיבן, ווי קאַמפֿאָר און פּיזעס.

אַ שטאַרק פּראַסטיקער דרויסן האָט אַריינגעקוקט דורך די פֿאַרכמור־רעטע פֿענצטער, אויף וועלכע ער האָט שוין פֿון סוף נאַכט גענומען מאָלן זיינע טונקל־אָנגעברוגזטע געמעלן, וואָס די שיין אין שטוב איז פֿון זיי אויף פֿיל געמינערט געוואָרן.

אין שטוב האָט געהערשט אַ געוויסער אומעט פֿונעם גאַנצן רומל, וואָס האָט ביי אַלעמען ווי צוגענומען דאָס לשון.

דעמאָלט איז פּלוצלים נאָך באַוואוסט געוואָרן די מעשה מיט מיכאַלקען. די עלטערע דינסט, וואָס האָט אים לאַנג גערופֿן אויף אַרבעט און זיך ניט געקאָנט דעררופֿן און וואָס האָט זיך, סוף־כּל־סוף, אַ לאָז געטאָן צו זיין שטי־בעלע, געעפֿנט די טיר און אים געטראָפֿן, ווי געטראָפֿן — איז גלייך אין שטוב אַריינגעקומען, און צו אַלעם פּיינעם, וואָס האָט שוין מער, דאַכט זיך, דאַרט ניט געפֿעלט, האָט זי נאָך אַ זאָג געטאָן:

— זאָל מען נאָר גיין אַ קוק טאָן צו מיכאַלקען... ער איז, דאַכט זיך, טויט, מיכאַלקע.

— טויט? וואו, וואָס, ווען איז דאָס געשען?

— זי ווייסט ניט, נאָר ס'דאַכט זיך איר אויף געוויס...

ס'זיינען באַלד דעמאָלט אייניקע אַוועק אַ קוק טאָן צו מיכאַלקען, און קומענדיק צוריק, האָבן זיי טאַקע אין שטוב די ריכטיקע תּשובֿה אַריינגע־בראַכט, וועלכע האָט דער דינסטס ווערטער באַשטעטיקט און האָט שוין אַלעמען גאָר צום איבעריקן געפּלעפֿט.

— דאַרף מען דאָך עפּעס זען טאָן, צו וויסן געבן, אים צונעמען — האָט עמעצער פֿון די שטוב־לייט אַ באַזאָרגטן זאָג געטאָן.

— ער האָט, דאַכט זיך, אַ טאָכטער ערגעץ — האָט אַ זאָג געטאָן אַ צווייטער.

ס'איז דעמאָלט עמעצער טאַקע אַוועק צו טאָן פֿאַר מיכאַלקען, דאָס וואָס מ'דאַרף: דאָס איז געווען איינער פֿון די קלייט־משרתים — אַן אליקום אָדער קאַטערוכע, וואָס אויך זיי האָבן די נאַכט, צוהילף די שטוב־מענטשן, גענעכטיקט ביים חולה.

דער איבעריקער עולם האָט — ווער יאָ, ווער ניט — די אינדערפֿרי־ענדיקע טיי אַן טעם געטרונקען.

די באָבע שיינצי, נאָך איר נעכטיקן קומען פֿון איר שווערער, ווייטער רייזע, אַזש פֿון קאַמענעץ, און נאָך דער שווערער נאַכט וואַכן ביי דער שנור, איז איצט, אין שלייער אָנגעטאָן און אין די וועג־קליידער, אין אַ זייטיקן אַלקער אָפּגעגאַנגען און האָט דאָרט, אַ מידע און אַ פֿאַרעמדלעכע, אויף אַ סאָפֿקע, איבערכאַפּנדיק, זיך צוגעשפּאַרט און אויף אַן ערנסט איינגעשלאָפֿן. זי האָט זיך אַרויסגערוקט אומבאַמערקט, און קיינער האָט איר ניט נאָכגע־קוקט, גלייך ס'איז פֿון איר ניט צו פֿאָדערן און גלייך ווי אַזאַ ווי זי איז פֿון ניט איר אומגליק נישט מחויב צו ליידן.

די דאָקטוירים, וואָס מ'האָט גאַנץ פֿרי גערופֿן, האָבן זיך איצט נישט קיין אויסגעשלאָפֿענע און פֿאַר דער צייט אויפֿגעשטאַנענע אין שטוב אַרייב־געשטעלט נישט גערן, און ווי נאָר כּדי יוצא זיין פֿאַר אַ שטוב, וועלכע זיי באַזוכן באַשטענדיק און וואָס די לעצטע צייט האָבן זיי, אָן שום הילף צו ברענגען, ביי איר היפשלעך פֿאַרדינט... זיי האָבן שוין נישט געהאַט מער וואָס צו טאָן, אויסער נאָר, ווי געזאָגט, פּיזעס צו פֿאַרשרייבן און האָבן בלויז מיט דעם טאַקע זיך באַנוגנט און מער ווי דאָס טאַקע ניט פֿאַרשריבן.

זיי האָבן זיך דאָס מאָל נישט גערן געלאָזט באַלייטן, און ביים טויער, ווען מ'איז זיי פֿאַרט נאָכגעגאַנגען און וועגן חולה זיך געפֿרעגט, האָבן זיי געענטפֿערט, ווי זיי ענטפֿערן תּמיד, ווען געענגט: „גאָט קען העלפֿן...‟ וואָס אין מויל ביי זיי, ביי דאָקטוירים, קלינגט דאָס קאַלט, פֿאַלש און אַ סימן אויף האָפֿענונגסלאָזיקייט און אַז מער איבערפֿרעגן איז איבעריק.

פֿון די מאַנצבילן אין שטוב איז שוין קיינער, נאַטירלעך, אין שטאָט און אין די געשעפֿטן נישט אַרויס. פֿאַרקערט, ווער נאָר אַ משרת, אַן אָנגעשטעל־טער, אַ נאָמן, אַ בוכפֿירער, אַן וועמען מ'האָט זיך היינט געקאָנט באַגיין אין יענע געשעפֿטן, איז איצט אַהיים גערופֿן געוואָרן, אָדער מ'איז אַליין גע־קומען צו ביייהילפֿיק זיין אין שטוב, אַז טאָמער וועט מען זיך נויטיקן אין עמעצן — אים ערגעץ־וואו שיקן, ווען מ'דאַרף.

די טיר האָט זיך אַלע מאָל געעפֿנט פֿון אַ ניי־אַריינקומענדיקן, וועל־כער האָט, נישט זאָגנדיק קיין „גוט־מאָרגן‟ און נישט פֿרעגנדיק ביי קיינעם „וואָס הערט זיך?‟ אַליין שוין, נאָר מיטן קוק, פֿאַרשטאַנען, און האָט זיך גלייך צוגערוקט צו אַ רעדל זייניקע — אָדער כּדי בלויז גאָר אַנדערע אויסצוהערן, אָדער אַליין אויך עפּעס אַריינצוגעבן אַ שטילן, פֿאַרזיכטיקן שעפּטשע אין רעדל.

דעמאָלט האָט משה מאַשבער, פֿון נישט האָבן און נישט וויסן וואָס מער פֿירצונעמען, זיך אָוועקגעשטעלט דאַווענען. ער האָט אין מיטן עס־צימער גענומען אָנטאָן טלית און תּפֿילין, עפּעס זיך געאײַלט היינט מער, ווי אַלע טאָג, גלייך ער האָט מורא געהאַט פֿאַר אַן איבערשלאָג, וואָס קאָן פּלוצלינג פֿון דער קראַנקערס צימער אַרויסקומען, ווען ער וועט שוין קיין צייט ניט

האָבן און ניט באַווייזן... געדאַווענט אָבער האָט ער, ווי מ׳דאַרף פֿאַרשטיין, אָן כּוונה און נישט צו באַנעמען דעם טייטש פֿון די ווערטער, ווייל אַלע מאָל האָט ער זיך צו דער טאָכטערס אַלקער געלאָזט, זען, וואָס זי מאַכט און וואו זי האַלט דאָרט. ער האָט אַיין מאָל אַפֿילו אויך איר שוועל אַריבער־געטראָטן, ווען זי, די טאָכטער, אַרומגערינגלט פֿון אייגענע און קרובים, וואָס האָבן איר די נשמה געהיט, האָט די אויגן צוגעהאַלטן, נישט קוקנדיק אויף קיינעם, און פּלוצלינג האָט זי זיי געעפֿנט, דעם בליק צו דער טיר געווענדט און דערזען דעם פֿאָטער אין טלית־און־תּפֿילין, זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, אים נישט דערקענט און געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פֿרעמדן, אָדער ערגער: ווי אויף אַן אויסוווייזעניש, אויפֿן מלאך־המוות אין אַ טלית.

— האַ, טאַטע... — האָט זי זיך אָבער באַלד געכאַפּט און אים אַ ווונק געטאָן צוגיין, האָט זיין האַנט אַנגענומען און זי ניט אַרויסגעלאָזט פֿון אירער, ווי בכלל זי איז געוואוינט געווען די לעצטע צייט צו טאָן — דעם פֿאָטערס האַנט פֿון אירער נישט אַרויסצולאָזן, בעטנדיק, ער זאָל שטיין לעבן איר, זיין מיט איר, ווייל האַלטנדיק זיין האַנט, האָט זי זיך געפֿילט זיכערער און בעסער.

אַז זי האָט אָבער ווידער די אויגן פֿאַרמאַכט און ווי זיך פֿאַרגעסנדיק איינגעשלאָפֿן, האָט משה מאַשבער דעם מאָמענט אויסגענוצט, זיין האַנט פֿון אירער אַרויסגענומען און איז צוריק פֿון אַלקער אַרויס.

דעמאָלט, שפּעטער, האָט דער מענטש — אַליקום צי קאַטערוכע — וואָס איז געשיקט געוואָרן צו באַזאָרגן מיכאַלקען — אָפּזוכן זיין טאָכטער און איר וועגן איר טאָטן צו וויסן טאָן — זיך אין שטוב אומגעקערט און געלאָזט וויסן, אַז ער האָט זי געבראַכט, די טאָכטער.

יענע, די טאָכטער, האָט טאַקע אין דעם מאָמענט שוין ביי מיכאַלקען אין שטובעלע זיך געפֿונען. זי איז אַריין, און ווען זי האָט אים דערזען זיצן אין זיין אויסגעקרימטער לאַגע, מיטן קאָפּ אין וואַנט אַנגעשפּאַרט, האָט זי אַ גרויס געוויין אַרויסגעלאָזט און אויף אַ קול גענומען אַזוי צו קלאָג־מוטערן, אַז ס׳האָט אַזש אויך אַהער, אין באַלעבאָס הויז, אין עס־צימער דערלאַנגט.

משה מאַשבער, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען ביים פֿענצטער אין טלית־און־תּפֿילין, האָט, דערהערנדיק מיכאַלקעס טאָכטערס אויסגעשריי, אַ ציטער געטאָן.

זי, די טאָכטער, איז אָבער באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט זיך דאָרט גענומען, ווייזט אויס, מיט אים פּאַרען, מיט איר פֿאָטער מיכאַלקען: אים רעכט אָוועקלייגן, אים אויסטאָן און צו קבורה איבערטאָן.

שפּעטער אַ ביסל האָבן נאָך אַ פּאָר מענטשן — אייגענע אָדער געדינ־גענע צוליב מיכאַלקען — מיט אַן אָרון און אַ פֿורל זיך באַוויזן. מ׳האָט אים

פאַמעלעך אַרויסגעטראָגן, אויפן פורל אַרויפגעלייגט און פון טויער אַרויס־געפירט, און קיינעם איז אין זינען נישט געווען, נאָך זייער אַרויספאָרן, צו פאַרמאַכן דעם טויער... און אָט, דורך אָט דעם זעלבן טויער, דעם נישט פאַרמאַכטן, האָט מען אין דער זעלבער צייט אויף מאָרגן, אויך נחמהקען, משה מאַשבערס טאָכטער אַרויסגעטראָגן.

*

אויף יענער לעצטער נאַכט האָט מען שוין, אַן שום ישוב, נחמהקעס קינדער פון שטוב אַוועקגעפירט. מ׳האָט פאַרנאַכט וויינענדיק, זיי די בור־נוסלעך אָנגעטאָן, זיי פאַרשפיליעט, מיט וואַרעמע שאַרפעלעך די העלדזער פאַרוויקלט און מ׳האָט זיי אויף נאַכטלעגער אַוועקגעשיקט אין אַן אָרט, וואָס מ׳האָט געפונען פאַר באַקוועם און פאַר די קינדער מער רואיקער און בעסער.

יענע נאַכט האָט שוין קיינער — גאָר קיינער, אַפילו ניט די באָבע שיינצי — מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. מ׳האָט די קראַנקע שוין נישט איין מאָל דעמאָלט אָפגעשריגן און יעדעס מאָל, ווען די קולות האָבן זי צוריק אויפדערוואַכט, האָט זי אויסגעזען, ווי עפּעס ווילד פאַרחידושט און ווי שוין פון ערגעץ אַן אַנדער וועלט אַ צוריקגעקערטע.

אַלע האָבן זיך שוין דעמאָלט ביי דער קראַנקער אין אַלקער געפונען, נישט אָפּגעטראָטן פון איר און ווי שוין קיין מורא ניט געהאַט, אַז די באַ־זאָרגטקייט פון אַלעמען זאָל אויף דער קראַנקערס געמיט שלעכט ווירקן, ווי ווען ס׳פירט זיך, ווען ס׳איז נאָך פאַראַן אַ וואָסער ניט איז האָפענונג, ווען מ׳זעט דעם חולה ניט אַזוי ענג אַרומשטעלן, כדי פאַר אים זיין אייגענע סכנה נישט אַרויסצווייזן.

ס׳האָבן דעמאָלט אויך אַלע קלייט־ און קאָנטאַר־אָנגעשטעלטע גענעכ־טיקט און וואַך געהאַלטן, כאָטש קיינער האָט זיך אין זייער הילף שוין נישט גענייטיקט, ווייל אַלערליי שליחותן און אַרבעטן זיינען שוין געווען איבעריק, אַזוי אַלע די גאַנצע נאַכט, ביז אין דער פרי, ווען פון דרויסן האָט שוין דער טאָג אַריינגעקוקט און ווען אין די שויבן האָט מען געזען, ווי אַ שטאַר־קער, גריסיריקער פראָסט פאַרנעמט זיך אויפן טאָג... דעמאָלט האָט זיך פלוצים דערהערט אַ קול פון דער קראַנקער, וועלכע האָט זיך גראָד די לעצטע מינוטן דערפילט בעסער און ביים פולן פאַרשטאַנד — אַ קול אַן אויסגעשריי:

— פינצטער!... אוי, ווי, פינצטער!... טאַטע, וואו ביסטו?

— מיין קינד — איז משה מאַשבער צו איר צו, זיך איבער איר איבער־געבויגן און איר דעם נויט־שוויס פון שטערן געווישט.

— ליכט! צינדט אָן ליכט!... האָט זי ווייטער אין לעצטן קראַמף געשריגן.

— מיין קינד — האָט זיך משה מאַשבער דאָ שוין פֿון אָפֿענעם געוויין ניט געקאָנט איינהאַלטן און איר אַ זאָג געטאָן דערבײַ פֿון גרויס צער און פֿאַרצווייפֿלונג: — מיין קינד, ס'איז קיינעם ניט פֿינצטער נאָר דיר... דיין וועלט גייט דיר אונטער...

און דאָ האָט זיך שוין אָנגעהויבן די גסיסה, מיט אַ כריפּ, מיט אַ האַרץ־פּאַכען, מיט אַ קרעכצן און מיט אַלע לעצטע חיותן פֿון דער ברוסט דורכן גאַרגל אַרויסגעבן.

דעמאָלט האָט עמעצער, ווי שוין לאַנג געהאַלטן אָנגעגרייט פֿאַר יענעם מאָמענט, משה מאַשבערן אַ סידור דערלאַנגט, אויפֿגעמישט אויף אַ געוויס אָרט, און משה מאַשבער האָט מיט אים זיך צו דער קראַנקער צוגעבויגן און אַ זאָג געטאָן אין אַנגסט:

— קינד מיינס, זאָג מיר נאָך... — און ער האָט איר געגומען די ווידוי פֿאַרלייענען, ווי מ'דאַרף — מודה אני לפֿניך ה' אלהי ואלהי אבותי שרפֿואתי בידך ומיתתי בידך,[1] וואָס דאָס דערזעענדיק, זיינען אַלע אויף אַ ווײַלע אַנט־שטומט געבליבן, נישט אויסגענומען קיינעם, סיי פֿון די שטוב־אייגענע, סיי פֿון די קרובים, ווי סיי אויך פֿון די אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן זיך אַלע איצט אין דער קראַנקערס צימער פֿאַרזאַמלט, און כאָטש אַלע, אַפֿילו די שטאַרקסטע, האָבן געהאַט נאַסע אויגן און טרוקענע גאַרגלען, דאָך האָט מען זיך געהאַלטן שטיל און פֿײַערלעך, און קיינער האָט דעמאָלט קיין הויך גע־וויין ניט אַרויסגעלאָזט.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, ביז דער קראַנקערס אָטעם האָט זיך גענו־מען באַרואיקן און אַלץ שטילער און שטילער ווערן — אַזוי שטיל, אַז ווער ס'וואָלט זיך געוואָלט נאַרן, וואָלט געקאָנט מיינען, אַז זי איז אָט־אָט, גאָר געגעזונדיק, אײַנגעשלאָפֿן, ווען אין דער אמתן איז דאָס שוין קיין שלאָף נישט געווען, נאָר דער סוף פֿון אַלע סופֿן — טויט און דער שטאַנד פֿון ערב־פֿאַרשטאַרטקייט.

די מער דערפֿאַרענע האָבן דאָס גלייך דערזען, און אַ קוק געבנדיק אויף דער טויטערס פּנים, האָבן זיי גלייך גענומען די אייגענע פֿון איר בעט אָפּפֿירן — גיטעלען, וואָס האָט זיך צו דער טאָכטער, ווי אַ חיה, מיט אַ גוואַלד־געשריי אַ ריס געטאָן: — מיין וועלט... — אויך יהודיתן, די שוועס־טער, וואָס אויך זי האָט זיך, כאַפּנדיק פֿאַרן קאָפּ, פֿון דער מוטער נישט אָפּגעשטאַנען אין געשריי... אויך משה מאַשבער אַליין, וואָס איז אַ ווײַלע פֿאַרגליווערט געבליבן, ביז עמעצער האָט אים מיט אַ שטילן זאָג אויפֿ־דערוואַכט, אים ווייטער אויפֿן סידור אָנגעוויזן, און יענער, משה, האָט אינעם

---

[1] כ'דאַנק דיר, גאָט, מיין גאָט און גאָט פֿון מיינע עלטערן, וואָס מיין היילונג איז אין דיין האַנט און מיין טויט איז אין דיין האַנט.

זעלבן סידור, פֿון וואַנען ער האָט נישט לאַנג פֿאַר דער טאַכטער דיווידוי אַרויסגעלייענט, איצט גענומען זאָגן און גאָטס דין באַרעכטיקט:

שוכני בתי חמר, למה תשאו עין...
ה׳ נתן, ה׳ לקח, יהי שם ה׳ מבורך.[1]

און אויך ער איז אָפּגעגאַנגען.

דעמאָלט איז אַרויסגעטראָטן, ווי יעדער מאָל אין אַזאַ צייט, אַ נאָענטער, אָבער אַ זייטיקער — אַזאַ, וואָס ווייסט, ווי מ׳פֿירט זיך מיט אַ מת, איז דערפֿאַרן און האָט דעם נויטיקן מוט דערצו.

דאָ, אין דעם פֿאַל, איז דאָס געווען אסתּר־רחל — יענע, וואָס מ׳האָט זי גערופֿן „די לעדערנע צדיקת״ — משה מאַשבערס אַ ווייטלעכע קרובה, וואָס האָט אַלע יאָרן געלעבט אין נויט און אין פֿרומקייטן, אַלע יאָרן פֿון איר מאַנס צווייענדיקער פּרנסה — פֿון איינבינדעריי אין דער וואָכן און אַ שמש זיין אין אַ קליין אָרעם באַלמעלאַכע־שולעכל אום שבת — האָט זי קיינמאָל גיט געהאַט קיין ברויט צו זאַט; אָבער זי האָט זיך קיין מאָל ניט געקלאָגט, קיין מאָל צו קיינע קרובים, אַפֿילו אויך צו משה מאַשבער, נישט אָנגעקומען נאָך גאָרנישט, אויסער נאָר נאָך באָרשטש אויף פּסח, און וואָס תּמיד, ווען מ׳האָט זי געפֿרעגט: „אסתּר־רחל, וואָס הערט זיך?״ — פֿלעגט זי יעדערס מאָל מיט אַ פֿרום וואָרט אָפּענטפֿערן: „אַ דאַנק... נישקשה... משה איינבינדער (איר מאַן) און דער רבונו־של־עולם פֿאַרלאָזן נישט, און יאַקאָש שלאָגט מען זיך דורך״, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעטרייסלט און זיך אַרויסגעמאַכט פֿון אַלע ענלעכע זי באַדויערנדיקע פֿראַגעס, כאָטש איר פּנים איז געווען אַ גענוגער עדות אויף דער מוראַדיקער נויט, וואָס האָט עס געמאַכט פֿאַרהאַרטעוועט, ווי לעדער און ווי שוין נישט פֿעאיק אויפֿצונעמען קיין מינדסטע פֿריילעכע מינע.

פֿאַרמעגלעכע קרובים האָבן זי אויסגענוצט אויף חתונות — אויף אָכטונג געבן ביים קאָכן, באַקן, אויף די סאַרווערס און סאַרוועריגס; אָדער ביי קימפּעטאָרינס און ביי אַ חולה צו וואַכן; אָדער, ווי איצט דאָ, ביי משה מאַשבער, ביי זיין קראַנקער טאָכטער שוין צו לעצט.

דעמאָלט, זאָגן מיר, איז אַרויסגעטראָטן אסתּר־רחל... נאָך דעם, ווי מ׳האָט די אייגענע — גיטעלען, יהודיתן און אויך די אייגענע מאַנצבילן — אַרויסגעפֿירט, איז זי צו דער טויטערס בעט צוגעגאַנגען, זיך איבער איר איבערגעבויגן און אַ זאָג געטאָן, ווי מ׳זאָגט צו אַ לעבעדיקער צום הערן און צום פֿאָלגן:

---

[1] איר, וואָס וואוינט אין ליימיקע שטיבער, מיט וואָס נעמט איר זיך איבער... גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט אַוועקגענומען, זאָל גאָטס נאָמען זיין געבענטשט.

— הייליקע נשמה פון נחמה בת משה, גיי אַהין, פון וואַנען דו ביסט געקומען און לאָז דיין חומר דיך באַדינען. — און זי האָט איר גענומען די איגן צומאַכן, די הענט און די פיס אויסציען, די קישן פון אונטערן צוקאָפּנס אַוועקנעמען און דאָס פּנים פאַרדעקן.

זי איז נאָך דעם, ווי זי האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן, אויך צום שפּיגל, וואָס איז אויף דער וואַנט געהאַנגען, צוגעגאַנגען, אים פאַרדעקט, דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צו די אָרום־שטייענדיקע און אַ זאָג געגעבן:

— זאָל מען הייסן אויסגיסן די וואַסער...

שפּעטער אַ ביסל האָט מען געטאָן מיטן מת, וואָס מ׳טוט געוויינטלעך: אים אָפּגעהויבן, אויף דער ערד אַוועקגעלייגט און ביים צוקאָפּנס ברענענ־דיקע ליכט אַוועקגעשטעלט.

דאָס אָבער האָבן שוין געטאָן אַנדערע — מאַנצבילן, נישט אסתּר־רחל, און צו יענער צייט איז מען צו משה מאַשבערן, צו גיטעלען, צו יהודיתן און אויך צו נחום לענטשער צוגעגאַנגען און זיי געריסן „קריעה”: ביי משה מאַשבער און ביי נחומען האָט מען די לאַצן פון די קאַפּאָטעס מיט אַ מעסער איינגעשניטן און דערנאָך מיט די הענט זיי טיף אַראָפּ אַ ריס געטאָן, זיי זאָלן זיך אַראָפּהענגען, און ביי גיטעלען און ביי יהודיתן האָט מען אַזוי אויך טיף די קאָפּטלעך איינגעשניטן.

מיר ווילן ניט דערציילן, וואָס איז דעמאָלט ווייטער פאָרגעקומען, ווי אַזוי די אייגענע, קרובים און נאָענטע האָבן זיך אָרום מת אַרומגעזעצט און אים באַוויינט; מירן אויך ניט דערציילן, ווי אַזוי גיטעלע האָט, ניט זעצנדיק זיך, די גאַנצע צייט אין אַנדערע צימערן — אַמאָל אין איינעם, אַמאָל אין אַ צווייטן — פון וואַנט צו וואַנט שטיל אַרומגעשפּאַנט און ווי געוואָרט, מ׳זאָל צו איר אַט־אַט פונעם מת׳ צימער מיט אַ ידיעה אַרויסקומען, אַז ס׳איז אוממעגלעכעס געשען, אַז די טאָכטער איז צוריק לעבעדיק געוואָרן...

זי איז אַזוי אַרומגעגאַנגען ביז בייטאָג, ווען חברה־קדישא האָבן זיך גענומען באַווייזן; ווען דורכן אָפּענעם טויער, דורך וואַנען מ׳האָט ערשט נעכטן מי־כאַלקען אַרויסגעפירט און וואָס מ׳האָט ניט אין זינען געהאַט אים צו פאַר־מאַכן, האָבן זיך איצט אַריינבאַוויזן אַ פּאָר אָרעם־אָנגעטוענע ווייבער מיט עפּעס מינים משונהדיקע שוין לאַנג ניט געשייערטע טעפּ און לאַנגע קאַנען צו דער טהרה; און נאָך יענע ווייבער האָבן זיך אויך די נושאי־מיטה באַוויזן; איינער אַ ייד מיט דריי דרענגלעך אונטערן אָרעם, דער צווייטער — מיט אַ שוואַרצן טוך, דערוויל נאָך אַ צונויפגעלייגטן, און דער דריטער מיט אַ קיל שטרוי — אויף דער מיטה אויסצושפּרייטן.

אַט דעמאָלט, ווען אין קיך און אין פאָרהויז האָבן שוין גענומען פאַר־זידן די געשטעלטע סאַמאָוואַרן און די טהרה־ווייבער האָבן מיט פלינקע הענט און דערפאַרן זיי גענומען טאַסקען אַהין, אין יענעם צימער, וואו דער

מת איז שוין געלעגן אויף צוזאַמענגעשטעלטע טישן און וואו מ׳האָט אים באַדאַרפֿט זיין „רעכט" טאָן; — אָט דעמאָלט האָט גיטעלע, ווי אַ טיגער־מוטער זיך אין יענעם צימער אַריינגעריסן, וואו נאָר שטאַרקע, גאָר־גאָר אויסגעהאַלטענע, זיינען אַריינגעלאָזט געוואָרן — ווי אָן אסתּר־רחל.

אסתּר־רחל האָט איר ווילדעניש דערזען און איז צו איר צו. גיטעלע האָט עפּעס אַ ריטשע געטאָן און באַלד גלייך אָנטשוויגן געוואָרן, און שטיל ווערנדיק, האָט זי האַלב־דול און משונה־נאָכגעבנדיק ביי אסתּר־רחלען אַ פֿרעג געטאָן:

— זאָג מיר, כ׳בעט דיך, אסתּר־רחל לעבן, נאָר איינס: צי זעען דאָס באמת טאָקע מיינע אויגן?...

— יאָ — האָט איר יענע גלייך, אָן קרימעניש, געענטפֿערט — זעסט, און ווי אַ יידישע טאָכטער לאָז איר טאָן איר רעכט... גיי, גיי, פֿון דאַנען, גיטעלע.

דאָס האָט אסתּר־רחל גערעדט אַזוי האַרט מיט גיטעלען, כּדי זי אומ־צוקערן צום זינען, וועלכן זי האָט שיר־שיר שוין נישט געהאַט אָנגעוואוירן און פֿאַרלוירן.

מ׳האָט באַלד דאָרט, נאָטירלעך, געטאָן, וואָס מ׳דאַרף, מ׳האָט מיט שטאַרק הייס וואַסער דעם מת אָרומגעוואַשן, תּכריכים אָנגעטאָן, אויפֿן קאָפּ, ווי סע פֿירט זיך, דעם פֿרומען טשיפּיק, און געזאָגט דערביי די געוויסע פּסוקים, וואָס געהערן צו דער לאַגע, ווי וזרקתּי עליכם מים טהורים[1] אאַז״וו.

אין דרויסן דערווייל האָט מען שוין דעמאָלט די מיטה אויסגעפּאַרטיקט. איינער אַ נושאי־מיטהניק האָט אויף אַ קיך־בענקל אָנגעשפּאַרט צוויי דרענג־לעך און זיי אין מיטן דורכגעפֿלאָכטן מיט אַ שטריקל אין אַלכסון.[2] ער האָט פֿונעם געבראַכטן קיל שטרוי אַ קליין ביסל, ווערדליק אַ זשמעניע, אַרויסגע־כאַפּט, און ווי מ׳מאַכט אַ גאַרטל צו אַ תּבואה־גאַרב, אַזוי האָט ער פֿלינק און מיט אַ געניטער האַנט דאָס אַ דריי געגעבן, דערפֿון אַ מין קאָפּנקישעלע אויסגעמאַכט און פֿון אַ צווייט ביסל — פֿאַר די פֿיס אָן אָנשפּאַר, און די איבערגעבליבענע שטרוי האָט ער אין דער לענג פֿון דער מיטה אויסגעשפּרייט. באַלד האָבן אַנדערע צוויי נושאי־מיטהניקעס דעם מת, אין אַ ווייסן ליילעך איינגעהילט, פֿון שטוב אַרויסגעטראָגן. איינער האָט געהאַלטן דעם ליילעך אין אַ זשמוט צונויפֿגעדרייט צופֿוסנס, און דער צווייטער — צוקאָפּנס, אוןביידע האָבן, זיך וואַקלענדיק, די שווערע מאַסע צו דער מיטה צוגעבראַכט.

דעמאָלט האָבן זיך אַלע היימישע, אייגענע, קרובים, און שכנים און ווער נאָר פֿון ווייבערשן געשלעכט ס׳איז צו משה מאַשבערס שטוב נאָענט געווען,

---

[1] איך וועל אויף אייך שפּריצן ריינע וואַסערן.
[2] אַלאַכסן — דיאַגאָנאַל.

צו דער מיטה זיך אַ לאָז געטאָן און זי אַרומגערינגלט; און פֿונעם ענגן רעדל, פֿונעם געדראַנג און פֿונעם ציטעריק־פֿאַרכטיקן פּלאָנטער, וואָס האָט זיך געבילדעט אַרום די נושאי־מיטהניקעס, וואָס האָבן זיך, איילנדיק, אַרום מת געפּאַרעט, אים איינגעמאָסטעט און צוגעדעקט — האָבן זיך פֿאַרשיידענע קולות און ווילדע געשרייען אַרויסדערהערט:

— גוטע מלאכים זאָלן דיר אַנטקעגנגיין...

— די טויערן פֿון הימל זאָלן פֿאַר דיר אָפֿן שטיין...

— אַ יונגער בוים אַזאַ, ווי צו קלאָגן!...

— זאָלסט זיך מיען און זכות טראָגן...

און גיטעלע איז אויף דער שוועל, דורך וואַנען מ׳האָט נאָר וואָס דעם מת אַרויסגעטראָגן, שטיין געבליבן. זי איז צו דער מיטה ניט אַראָפּ, האָט אַ האַלב־דולע אויפֿן געדרענג, וואָס אַרום דער מיטה, אַראָפּגעקוקט, און די גאַנצע צייט, ווען אַנדערע האָבן געשריגן, האָט זי געהאַלטן אין איין פֿרעגן ביי זיך אַליין דאָס, וואָס זי האָט בשעת מעשה אַ פֿרעג געטאָן ביי אסתּר־רחלען:

— צי זעען דאָס באמת טאָקע אירע אויגן...

באַלד האָט זיך געריִרט די לוויה: באַלד האָט זיך אויך דערהערט דער געוויסער קלאַנג פֿון דער צדקה־פּושקע אין דער האַנט פֿון איינעם אַ חברה־קדישא שמש. מ׳איז אַרויס דורכן טויער, דורך וועלכן מ׳האָט נעכטן אַרויס־געפֿירט מיכאַלקען און וואָס מ׳האָט ניט אין זינען געהאַט אים פֿאַרמאַכן, און מ׳האָט אים אויך איצט ניט פֿאַרמאַכט.

און שפּעטער אַ ביסל, ווען די לוויה איז שוין אַוועק, ווען די פֿיל באַ־לייטערס, וואָס זיינען געקומען משה מאַשבערס מת כּבוד אָפּגעבן, פֿון מאַרק־לייט, פֿונעם קלויז און אַנדערע, זיינען פֿון גאַס און פֿון אויג שוין פֿאַר־שוואונדן — האָט מען אַ ביסל ווייטער פֿון טויער, אַ קליין ביסל אין גאַס אַרויסגערוקט, איינעם נאָר אַ מענטשן, פֿון גאַנצן עולם אַ פֿאַרבליבענעם, געקאָנט זען...

דאָס איז געווען אַלטער, וואָס קיינער האָט זיך אויף אים די לעצטע טעג ניט אומגעקוקט — נישט ווען ער האָט זיך געוויזן אין שטוב און נישט ווען אויך נישט. מ׳האָט אים פֿון זינען אַרויסגעלאָזט, נישט באַמער־קנדיק, ווי ער האָט געוואַכט באַגלייך מיט אַלע אין יענער נאַכט, ווען מ׳האָט נחמהקען צום ערשטן מאָל אָפּגערופֿן, נישט אויך דעם צווייטן טאָג, ווען ער האָט, ווידער צוזאַמען מיט אַלע, ווי אַ שאָטן אַרומגעבלאָנדזשעט, און אויך נישט היינט, ווען מ׳האָט זיך אַרום מת געעסקט, בעת ער, אַלטער, איז אונטן, אין עס־שטוב, געשטאַנען מיטן פּנים צו אַ וואַנט און שטיל געוויינט פֿאַר זיך אַליין, נישט צושטייענדיק אין שותּפֿות צו קיינעם און פֿון קיינעם ניט באַקומען געטרייסט. ער האָט זיך, מחמת ער איז נישט גע־

וואוינט געווען צו מענטשן, נישט איינגעשטעלט מיט דער לוויה מיטצוגיין, און ער איז נאָר אַרויס פֿון טויער אויפֿן גאַס און האָט לאַנג געקוקט און זיין בליק געווענדט אין יענער ריכטונג, וואוהין די לוויה איז אַפּגעגאַנגען.

ער איז געשטאַנען פֿאַרחושט, ווי אַ חיה, וואָס האָט דעם וועג פֿאַרלוירן...

און באַלד האָט מען געקאָנט זען, ווי גלייך, אים צו טרייסטן, האָט זיך, פֿון וואַנען, פֿון וואו צו אים צוגעשטעלט דער הונט קייטל־זייגער, וואָס איז שוין פֿון נעכטן אָן געווען אָן אַ באַלעבאָס און וואָס אויך ער איז קיינעם פֿון די שטוב־לייט נישט אָנגעגאַנגען און פֿון אַלעמען פֿאַרגעסן, און ביידע זיי — אי אַלטער, אי קייטל־זייגער — האָבן זייערע בליקן געווענדט אין איין ריכטונג — אַהין, וואוהין מ׳איז מיטן מת אַוועק.

אַלטער וואָלט לאַנג אַזוי געשטאַנען — מעגלעך, ביז אין דער נאַכט אַריין און ביז ער וואָלט פֿון פֿראָסט פֿאַרסטאַרטשעט ווערן — נאָר באַלד האָט זיך פֿון הויף אַרויסגייענדיק, באַוויזן גנעסיע, דאָס אין דער שטיל פֿאַר אים פֿאַרקנסטע דינסט־מיידל, וועלכע האָט אים צופֿעליק דערזען, איז זי צו אים צוגעגאַנגען, אים פֿון גליווער אויפֿגעוועקט און אין שטוב אַריינגערופֿן.

די שטוב האָט דעמאָלט אויסגעזען, ווי אַלע מאָל, ווען מ׳טראָגט אַרויס אַ מת: די טירן פֿון צימער צו צימער אויפֿגעפּראַלט, און נעץ־סימנים פֿון טהרה און פֿון פֿיל פֿוסטריט, וואָס זיינען ערשט נאָר־וואָס דורך די אויפֿגע־עפֿנטע טירן אַריין און אַרויסגעגאַנגען.

און דאָרט, אויפֿן „פֿעלד״, וואוהין מ׳איז אָנגעקומען מיט דער לוויה שוין שפּעטלעך, ערשט פֿאַרנאַכט צו, מחמת צוגיין אַהין איז אַ גרויסער מהלך, האָט מען געטאָן, וואָס מ׳טוט געוויינטלעך: מע האָט זיך זיבן מאָל אין „אוהל״ אַרום בר־מינן געדרייט, דערנאָך געזאָגט דעם „צידוק הדין״, און דערנאָך, אַז מ׳האָט דעם מת צום קבר צוגעבראַכט, און דער קבר איז, מחמת דעם גרויסן פֿראָסט, וועלכער האָט פֿאַרשווערט דאָס גראָבן, נאָך נישט אין גאַנצן פֿאַרטיק געווען, האָט מען נאָך אַ ביסל געמוזט אויסוואַרטן, ביז מען האָט דעם מת שוין אין דער פֿינצטער, ביי אַ לאַמטערן, אין גרוב אַראָפּ־געלאָזט.

דאָס מאָל איז ביי דער קבורה, ווי אַלע מאָל ביי חשובע שטאָט־מענטשן, בייגעווען אַליין הירשל ליוווער, וועלכער, האָט, שטייענדיק ביים קבר־ראַנד, צוקאָפּנס, געהאַלטן דעם לאַמטערן, אַריינגעלויכטן מיט אים און אַהין אַריינ־געקאָמאַנדעוועט מיט פֿלייס, זעענדיק, אַז אַלץ זאָל דאָרט געטאָן ווערן, ווי ס׳געהער און ווי אַלע מנהגים פֿאָדערן.

— דעק איר אָפּ דאָס פּנים — האָט הירשל ליוווער, צולייכטנדיק מיטן לאַמטערן, אַריינגעשריגן צו דער שמשטע, וועלכע האָט זיך אין קבר מיטן מת געפּאָרעט.

— די שערבלעך... די גאָפּעלעך... — האָט ער װײטער אַרײַנגעשריגן, װען מע האָט באַדאַרפֿט פֿאַרדעקן דעם בר־מינן די אױגן און אין האַנט אים אַרײַנגעבן אַ צװײַגל, װי אַ גאָפּעלע, צוליב געװיסע סגולות.

באַלד האָט משה מאַשבער, מחמת זײַן טאָכטער האָט קײן דערװאַקסענעם „קדיש״ נישט געלאָזט, אַלײן גענומען זאָגן דעם קדיש. דערבײַ האָט ער עפּעס אַ משונהדיקן כליפּ געטאָן שױן בײַם ערשטן װאָרט „יתגדל״, און אַלע איבעריקע װערטער זײַנען אים פֿאַרכליניעטע צװישן דער װײנענדיקער באָרד און ליפּן געבליבן.

מ׳האָט די אבלים געטרײסט, װי געװײנלעך, אַלץ, װי ס׳דאַרף צו זײַן. נאָר אַז אַלץ איז אָפּגעטאָן געװאָרן און דער עולם באַלײטער האָט גענומען אָפּגײן פֿון קבר, איז משה מאַשבער נאָך מיט האַלב־פֿאַרגליװערטע קדיש־װערטער אין מױל איבער דער שױן פֿאַרשאָטענער גרוב געשטאַנען, װי אונטערגעריסן און װי גאָר די װעלט האָט זיך אים דאָ, בײַ אָט דעם בערגל ערד, אױסגעלאָזט; און אַז לוזי, װאָס איז, נאַטירלעך, געװען אײנער פֿון די באַלײטער, איז צו אים צוגעגאַנגען און אים זײַן צער געװאָלט לינדערן, האָט יענער, משה, אױף אים אַ פֿאַרחידושטן בליק געטאָן, װי אױף אַ פֿרעמדן און ניט װי אױף קײן ברודער, און אַ זאָג געגעבן דערבײַ האַלב טױט און װי פֿון אַן אַנדער װעלט אַראָפּ:

— האָ... לוזי... אַ האַלבע װעלט מײַנע איז שױן דאָ — האָט ער, אױפֿן קבר אָנװײַזנדיק, געזאָגט — און אױך די צװײטע װעט מסתּמא ניט פֿאַרזאַמען באַלד אַהין אַראָפּקומען.

— װאָס רעדט ער?

— יאָ — האָט יענער געענטפֿערט — ס׳האַלט איצט בײַ אים, בײַ משה מאַשבער אַלײן, הײסט עס.

*

און משה מאַשבער האָט זיך גלײַך גענומען גרײטן צו דער אײגענער באַגרעבעניש.

אָנגעהױבן האָט ער דערפֿון, װאָס באַלד נאָך „שבעה״, נאָך אין משך פֿון שלושים,[1] האָט ער אײן מאָל אָװעקגערופֿן גיטעלען אין אַ זײַט און איר פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— די װעלט אונדזערע, גיטעלע, איז שױן באַלד אױס, ס׳צײַט אַ טראַכט טאָן פֿון יענער.

[1] שלושים — דרײַסיק. די ערשטע דרײַסיק טעג נאָך עמעצנס שטאַרבן, רעכענען זיך פֿאַר טרױער־טעג.

— וואָס? — האָט גיטעלע, שוין אַזוי אויך אַ גענוג געשטראָפּטע, איצט, ווי עפּעס אַ נייעם אומגליק דערפֿילט און זיך געווענדט צו איר מאַן נאָך דערקלערונג — וואָס מיינט ער?

— ער מיינט, אַז פֿונדאַנען איז שוין נישט צו האָפֿן, און אַז מ׳דאַרף זיך זען פֿאַרגרייטן, מיט וואָס מ׳קאָן, אויף אַהין.

— יאָ, אָבער וואָס וויל ער?

— ער וויל, פֿאַר אַלעמען, חתונה מאַכן אַלטערן.

— אַלטערן?... איצט, און אין אַזאַ צייט?

— יאָ, דווקא איצט. די צייט שטייט נישט, אונדזער לאַגע הענגט אויף אַ האָר און אַלטערס הענגט אָפּ פֿון אונדזערער: אויב ניט מיר, איז ווער, אויב ניט איצט, איז ווען דען?

— אָבער וואָס איז דאָס איילעניש? — האָבן זיך גיטעלען פֿרישע טרערן אין די אויגן געוויזן.

— ס׳איז אַ מצווה־זאַך, און קיין חתונה לייגט מען ניט אָפּ! בפֿרט אַזאַ, ווי אַלטערס.

משונה, אָבער יאָ: ס׳טרעפֿט אַמאָל מיט איינעם, וואָס נאָך איינעם אָדער עטלעכע קלעפּ פֿון גורל, בלייבט ער אַזוי דערשלאָגן, אַז ס׳קלעקט אים ניט קיין כּוח אויפֿצושטעלן, וואָס אים איז חרוב געוואָרן, ער פֿאַרלאָזט אַלץ, און פֿון זיין אַלעם אייגענעם און דערוואָרבענעם מאַכט ער זיך נאָר אַ קליין פּע־קעלע אויף זיין לעצטן, אָרעמען און געבראָכענעם סוף־וועג, וואָס שטייט אים פֿאַר, ווען ער וועט אָפּגיין פֿון זיין געוועזענער גדולה.

וואונדערלעך, זאָגן מיר, ווי משה מאַשבער האָט איצט פֿון זיינע אַלע געשעפֿטן אָוועקגעקוקט, גלייך זיי וואָלטן שוין געווען אחר־יאוש, אין דער צייט, ווען אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט נאָך געפּרוווט עפּעס טאָן, געפּרוווט זיך אַ וואָרף געבן, כּאָטש ווי אַ פֿיש אויף דער טרוקן, ווי אַן עוף אויף דער העלפֿט געקוילעט — געפּרוווט עמעצן אין שותּפֿות אַריינ־נעמען אָדער צו באַקומען שטיצע אויף אַן אַנדער אופֿן.

נייך, משה מאַשבער האָט זיינע געשעפֿטן אין גאַנצן פֿון קאָפּ אַרויס־געלאָזט, און דער עיקר זאָרג, וואָס האָט אים באַהערשט נאָך זיין טאָכטערס טויט, איז געווען אַלטער... ער האָט אים איין מאָל, בשעת שבעה, דערזען אַריינקומען אין עס־צימער, זיך אַנטרעפֿנדיק אויף דער שוועל מיט דער אים־פֿאַרשפּראָכענער גנעסיע, און ער האָט באַמערקט, ווי אַזוי אַלטער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, און ווי אַזוי צוריק גנעסיע אויף אים, און נישט געקוקט אויפֿן אומגליק אין שטוב, האָבן ביידע דעמאָלט אויף אַ שטומען אופֿן אויך צו אים, צו משה מאַשבער, מיט זייערע בליקן זיך געווענדט און ווי אים דערמאָנט, וואָס זיי קערן זיך אָן און וואָס זיי איז פֿאַרשפּראָכן געוואָרן זיך אָנצוקערן...

משה מאַשבער האָט דאָס גלייך אויפֿגעכאַפּט, און אַ סברה, אַז איין משך נאָך פֿון שבעה, ווען לוזי איז אים געקומען מנחם־אָבל זיין, האָט ער מיט אים אַ געשפּרעך פֿאַרפֿירט — אין דער שטיל, פֿון אַלעמענס אויערן פֿאַרשטעלט, און דערביי האָט עמעצער פֿון זיי אַ שטילן מורמל געטאָן דעם געוויסן זאָץ: „מעבירין את המת מלפני הכלה", וואָס דאָס האָט באַדאַרפֿט באַטייטן, אַז אַ טויט פֿון אַ נאָענטן, ווען ס'מאַכט זיך, איז פֿאַר קיין אָפּגעשטעלטער חתונה ניט קיין אָפּהאַלט, און אַז לויט דעם דין און לויט דער לאַגע דאַרף מען דאָ זען טאָן וואָס גיכער און נישט געקוקט אויף גאָרנישט.

און משה מאַשבער האָט דאָס געטומען דורכפֿירן אַמשנעלסטן, גלייך עמע־צער וואָלט אים געשטאַנען איבערן קאַרק און אים דערצו אונטערגעיאָגט. ער האָט גענומען נאָכקוקן דער גנעסיען — און אַליין איר קערפּער, וואָס האָט געשפּאַרט פֿון אירע קליידער, האָט אים געזאָגט, אַז זי איז שוין צו לייטן, און אַז ווען ניט ער, משה מאַשבער, וואָלט זי ניט פֿאַרקנסט פֿאַר זיין ברודער אַלטערן, וואָלטן זיך געפֿונען מענטשן פֿון איר, פֿון גנעסיעס, גראָד, וועלכע וואָלטן זיך מיט איר ניט געברעקלט — אַ מין קאַטערוכע, אָדער אַן אַנדערער־ווער.

ער איז געווען גערעכט, משה מאַשבער, וואָס געהער אָט דער גנעסיען. זי האָט ניט איין מאָל, ווען זי פֿלעגט קומען אין מאַרק צווישן קצבים, העקער און ענלעכע, נישט איין צוווינקענדיקן בליק אַרויסגערופֿן ביי אַ יונגער פֿריילעכער קאָמפּאַניע, וועלכע האָבן, קוקנדיק אויף איר, איינער דעם אַנ־דערן אין די זייטן געשטורכעט, דערביי מיט די צונגען אונטערגעקנאַקט, וואָס דאָס האָט געהייסן אויף קצבים־לשון: אָט אַ מויד, שוין איין מאָל...

אַ סברה, אַז אַפֿילו אַזאַ, ווי מאַזשעווע, דער אונדז שוין באַוואוסטער קצב־יונג, מאיר בלאָס באַוואוסטער העקער, דער באַוואוסטער ווייבערשער שאָדן־ווינקל, האָט אויך נישט איין מאָל, אַ קוק טועודיק אויף איר, זיך געריבן די הענט פֿון גאַלאַנטאָנישער לוסט.

יאָ, אַ סברה, אַז זי איז טאַקע געשטאַנען אין זיין גאַלאַנטאָנישן צעטל: ער האָט פֿון איר געטראַכט און געהאַט אין זינען זי אַמאָל צו פֿאַרטשעפּען און מיט איר אין אַ מער נאָענטער באַקאַנטשאַפֿט אַריינצוטרעטן.

יאָ, אַ סברה, אַז די לעצטע צייט, ווען ער איז געוואָויר געוואָרן פֿון אַ קאַטערוכען אָדער פֿון אַן אַנדערן וועמען, אַז זי, אָט די גנעסיע, האָט אוועק־געקוקט פֿון איר גראַד און זיך גאָר געלאָזט פֿאַרקנסן פֿאַר עפּעס אַ גביריש־קרענקלעכן שלים־מזל, האָט עס אים שטאַרק פֿאַרדראָסן; ערשטנס, וואָס ער אַליין האָט דורכגעלאָזט אַזאַ געלעגנהייט, און צווייטנס, אויב זי וואָלט ניט אויסגעפֿאַלן פֿאַר אים, וואָלט זי אָנגעקומען, על־כל־פּנים, צו אַ זיין גלייכן, צי אַ באַלמעלאָכע אָדער אַ העקער; — איז אָט, געוואָויר ווערנדיק דערפֿון, האָט ער איין מאָל, דערזעענדיק זי אין מאַרק, איר נאָכגעטשאַטעוועט, ער

האט זי פון אויג ניט ארויסגעלאזט, און ווען זי איז ארויס פון מארק, זיך לאזנדיק אהיים, האט זי אים פלוצים, אין איינעם א געסל, לעבן איינעם א טויבן טויער, דערזען פאר זיך אויסוואקסן.

זי האט אים געוויס געקענט, ווייל ווער פון דינסט־מיידלעך און פאקא־יאוועס האבן אויף מאזשעוון אמאל אן אויג ניט געווארפן, און קוקנדיק אויף אים, די טרוקענע ליפן ניט באנעצט? נאר דערזעענדיק אים איצט אויג אויף אויג לעבן זיך, האט זי זיך שטארק דערשראקן, דערצו נאך האט זי מאזשעווע גלייך הינטערן טויער ארונטערגערופן, וואס אפזאגן זיך און ניט פאלגן זיין רוף איז ניט געווען שייך... זי האט זיך דערפילט, ווי א פייגעלע פון א שלאנגס א בליק געפאנגען... זי האט געפרוּווט די אויגן אראפלאזן און נישט געקאנט, די הענט צום פנים אויפהויבן — און מורא געהאט, און פון זיין שרעקנדיקער נאענטקייט איז איר געקומען די היץ העכער די קני, אין די שענקלען; און שטייענדיק א ווײַלע אזוי געקלעמט און אין ווארטע־ניש, ביז ער וועט איר דאס ערשטע ווארט זאגן, האט זי זיך אין גאנצן, ווי אין זיין רשות דערזען: אנטלויפן אוממעגלעך, שרייען — אוודאי ניט, און דער עיקר איז איר אי פארכטיק, אי אנגענעם געווען די היץ פון העכער אירע קני...

— דו דינסט? — האט זי מאזשעווע א פרעג געטאן.

— יא, — האט גנעסיע געענטפערט. און ס'איז איר מיט אמאל שרעק־לעך געווארן, זיך צו דערמאנען, וואו זי דינט און מיט וועמען זי איז איצט פארבונדן... און מיטאמאל, נאך יענער שטוב און יענער פארבינדונג, זיך גאר טרעפן אין א הינטערגעסל, הינטער א טויבן טויער מיט א מאנצביל, און נאך מיט אזא מאנצביל, ווי מיט מאזשעוון...

— וואס וויל ער? — האט זי א דערשראקענע א פרעג געטאן.

— גארנישט. ער וויל נאר וויסן: ער האט געהערט, אז זי האט חתונה פאר עפעס א גבירישן יאלד, וואס זי מיינט פון אים גליקלעך צו ווערן, וויל ער איר זאגן, זי זאל זיך באטראכטן, ווייל יענע קאנען דאך אפילו ניט די מלאכה...

— וואסער מלאכה? — האט גנעסיע ניט פארשטאנען, קוקנדיק אויף מאזשעוון אין פארלעגנהייט און געפרעגט נאר צוליב פרעגן.

— אט די... — האט ער געענטפערט — און דערביי האט ער זיך צו איר א שטארק נאענטן רוק געטאן און מיט זיין שטייף־בחורשן קערפער איר א שטומע אבער אן אפשוילעכע דערקלערונג געגעבן.

— לאז מיך אפ! — האט זיך גנעסיע א האלבן אומווילקן דריי געטאן, וועלנדיק זיך ארויסרייסן פון זיין צו שטארקער נאענטקייט, וואס האט זי געשטיקט און איר געמאכט דעם אטעם אויספעלן — לאז אפ, כ'וועל שרייען גוואלד.

— פֿאַר שרייען פּאַטשט מען ביי אונדז אין פּיסק און נאָך ערגעץ — האָט געזאָגט מאַזשעווע, און זעענדיק, אַז אונטערן טויער קאָן מען מער קיין מחזקות ניט מאַכן, מחמת ער האָט מורא געהאַט פֿאַר פֿאַרבייגייער, וואָס קאָנען זיך דאָרט טרעפֿן, האָט ער זי גענומען ווי פֿון אונטער זיינע פֿליגל צו באַפֿרייען.

— גיי און באַטראַכט זיך — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן — און זע, זאָלסט קיין חרטה ניט האָבן.

אַז גנעסיע איז דעמאָלט צוריקגעקומען אַהיים, האָט זי אויסגעזען בלאַס און דערשראָקן — ערשטנס, אַליין נאָר פֿון דער נאַרוואָסיקער באַגעגעניש מיט מאַזשעווען און פֿון זיין וואָרנונג, וועלכע זי האָט פֿון איבערראַשונג האַלב יאָ, האַלב ניט געדענקט; דער עיקר אָבער איז זי געווען דערשראָקן פֿון יענעמס שטאַרקער נאָענטקייט, וואָס זי האָט זי נאָך אַלץ געפֿילט העכער די קני, אין אירע שענקלען, און וואָס דערפֿאַר האָבן זיך איר איצט געזעצט די פּיס, גלייך ווי ביי אַ הון, ווען אַ האָן טוט זי אַרומרינגלען און איר דעם וועג פֿאַרלויפֿן...

זי האָט, קומענדיק פֿון מאַרק, טאַקע גלייך אין קיך אויף אַ בענקל זיך צוגעזעצט, און די עלטערע דינסט, וואָס האָט אַזוי גוט געקאָנט איר יעדער מינע, האָט גלייך פֿון איר פּנים אָראָפּגעלייענט, אַז עפּעס האָט מיט איר געטראָפֿן נישט געוויינטלעכס.

— וואָסי? וואָס געשען? וואָס ביסטו אַזוי בלאַס, מויד, און וואָס האָסטו זיך עס צוגעזעצט.

— גאָרנישט. — האָט יענע נישט געהאַלטן פֿאַר מעגלעך צו דערמאָנען וועגן מאַזשעווען און וועגן דער באַגעגעניש מיט אים אַפֿילו פֿאַר איר נאָענטס־טער, פֿאַר דער עלטערער דינסט, וואָס זי טיילט זיך מיט איר מיט אַלץ.

— אָבער פֿאַרט? זאָג, דערציייל, פֿאַררעד ניט די ציין... געוויס אַ באַ־געגעניש מיט עמעצן — מיט אַ בחור... האַ, זאָג.

דאָ האָט גנעסיע די אויגן אַראָפּגעלאָזט... זי האָט ניט געקאָנט לייקענען און ניט געוואָלט זיך מודה זיין, און די עלטערע דינסט האָט, אַליין פֿאַר־שטייענדיק און ניט וועלנדיק ציען קיין ווערטער מער ביי גנעסיען, זי גע־נומען טרייסטן, זי באַרואיקן און ווי זי פֿאַרזיכערן, אַז: נישקאָשע, זאָל זי נאָר צוואָוואַרטן אַ ביסל, די באַלעבאָטים איז, ווי זי ווייסט, איצט ניט אין זינען, נאָכן אומגליק, אָבער זייער וואָרט איז אַ וואָרט, פֿאַרקנסט איז זי, און אין גיכן וועט מען מסתּם פּראַווען חתונה.

— דו דאַרפֿסט... — האָט די עלטערע דינסט איבער גנעסיעס קאָפּ מוטערלעך־געטריי און מיט מיטליד אַראָפּגעלייענט — אַוודאי דאַרפֿסטו...

ס׳שפּאַרט פון דיר... די רייפן האַלטן שוין ניט די פאַס... די קלײדער — דאָס מויד־לייב, אָבער וואָרט צו, באַלד וועסטו שוין געהאָלפן ווערן.

*

אַט דאָס באַגעגעניש גנעסיעס מיט מאַזשעווען און די טרייסט־רייד פון דער עלטערער דינסט איז פאַרגעקומען פונקט דעמאָלט, ווען משה מאַשבער האָט באַמערקט אויף אַלטערן און אויף גנעסיען דאָס, וואָס אויבן איז געזאָגט, און האָט, פון זיין זייט, וועגן דעם געהאַט דעם געוויסן געשפּרעך מיט גיטעלען.

גיטעלע האָט פריער אין גרויס צער פונעם טויט פון איר טאָכטער, נישט געוואָלט הערן; אָבער נאָך דעם, ווי איר מאַן, ווען זי איז געוואוינט אין אַלץ צו פאָלגן, האָט איר אַ רייד געטאָן וועגן עולמות, וועגן הויכע דרכים און וועגן מיצוות, וועלכע מע טאָר ניט אָפּלייגן, האָט זי נאָכגעלאָזט, נאָכגע־געבן, און די זאַך, וואָס איז איר ערשט אַזוי פרעמד געווען און אוממעגלעך אויפן געדאַנק צו נעמען — גלייך נאָך שבעה, אין מיטן שלושים, גאָר ריידן וועגן חתונה — איז איצט, וועלנדיק ניט אָפּשטיין און גיין האַנט ביי האַנט מיט איר מאַן, ביי איר רעכט געוואָרן.

— מ׳דאַרף זען — האָט משה מאַשבער, נאָך זיין ערשטן געשפּרעך מיט גיטעלען וועגן דעם ענין, אַ זאָג געטאָן — מ׳דאַרף זען זי מקרב זיין, זי זאָל זיך אָנהייבן פילן ווי אַן אייגענע.

ס׳האָט טאַקע ניט לאַנג געדויערט, און נאָך דעם ווי גיטעלע האָט די זאַך נעענטער צום האַרצן צוגעלאָזט, האָט זי, צוזאַמען מיט משהן, אין איינעם אַ טאָג, גנעסיען אין אַלקער אַריינגערופן, און נאָך לאַנגן געווײנטלעכן הין־און־הער, און נאָך שווערלעכן אויסגעפונען די נויטיקע ווערטער, וואָס מע געברויכט צו אַזאַ, וועלכע שטייט אויף פיל טרעפּ נידעריקער, און וואָס, איבער געוויסע אומשטענדן, מוז מען אים אין דער משפחה אַרייננעמען און פאַררעכענען פאַר אַן אייגענעם — האָט זי צוזאַמען מיט משה מאַשבער זיך צו גנעסיען געווענדט און אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז, ווי דו ווייסט, ביז אַהער אין זינען ניט געלעגן, אָבער איצט גרייט זיך צו... זאָלסט אונדז גיין אין דרך־הישר... וועסט אונדז גערעכנט זיין פאַר אַן אייגן קינד. גיי, גנעסיע, אין גיכן רעכענען מיר פראַווען חתונה.

גנעסיע איז אַרויס פון אַט דעם געשפּרעך מיט גיטעלען און משה מאַש־בער אין יענעם אַלקער מיט אַ פול פנים רויטס און אַ פולן בוזים בושה. זי האָט זיך געהאַלטן פאַרן קאָפּטל, גלייך זי וואָלט מורא געהאַט, ס׳זאָל זיך איר עפּעס ניט אויסשיטן, און אַז זי איז אַריין אין קיך צו דער עלטערער דינסט, האָט זי צו איר אַ פאַל געטאָן און אַרויס מיט אַ געוויין:

— האַרצעניו!... קרוינעניו!

— וואָסי? וואָס איז געשען? ווער האָט דיך געטשעפּעט? ווער אָנגע־רירט?

דעמאָלט האָט איר גנעסיע דערציילט, וואָס משה מאַשבער און גיטעלע האָבן מיט איר נאָר וואָס אין אַלקער גערעדט, דערביי האָט זי שטאַרק גע־וויינט און געכליפּעט און ווי נאָך אַמאָל די מעשה שידוך איבערגעלעבט.

זי האָט געוויינט דעמאָלט, ווען זי האָט זיך באַדאַרפט צום ערשטן מאָל באַשליסן, און איצט — דאָס צווייטע מאָל, ווייל באַלד איז איר, ווי אין אַלקער אָפּגעשמועסט, פאַרגעשטאַנען די חתונה און זי האָט נאָך אַלץ ניט גע־וואוסט, ווער אַלטער איז, ווי אַזוי זי וועט זיך מיט אים פאַרבינדן און ווי אַזוי מיט אַזאַ איר וועלט אויסלעבן.

ס'איז איר שווער געווען צוערשט, ווען די עלטערע דינסט, ווי מיר געדענקען, האָט זי געגומען צוריידן צום שידוך. זי האָט זיך געלאָזט, ווייל דער אינטערעס אָנצוקומען פאַר אַ שנור אין אַזאַ שטוב, אַ שמאַלץ־גרוב, האָט איר די שיין פון די אויגן פאַרשטעלט. אָבער דאָס האַרץ האָט איר, ווי דעמאָלט, אַזוי אויך איצט, געשראָקן, וויסנדיק ווער אַלטער איז געווען פריער, און אויך אַפילו די לעצטע צייט, ווען ער איז שוין, קלאָמפּערשט געזונט.

— האַרצעניו! קרוינעניו! — האָט זי איצט פאַר דער עלטערער דינסט געכליפּעט — כ'האָב מורא... כ'ווייס ניט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין... וואוהין גיי איך און וואָס טו איך...

די זאַך איז שוין אָבער געווען פאַרפאַלן. ווי דער עלטערער דינסט האָט ניט געשקראָבעט דאָס מייזעלע פון חרטה, ווען זי האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז זי האָט אפשר טאָקע, מעגלעך, אַ נאַרישקייט געטאָן, גנעסיען צום שידוך צו־צוריידן, איז שוין אָבער דער שידוך געווען שידוך, און צוריקכאַפּן שוין שפּעט. זי האָט דערום, ווי אַן עלטערע און ווי אַזאַ, וואָס איז אַ ביסל שולדיק אינעם גאַנצן ענין, אַליין ניט זיכער, דאָך זיך געמאַכט האַרץ:

— מאַך זיך ניט נאַריש — האָט זי קלאָמפּערשט אויף גנעסיען געגומען אָנשרייען — וואָס פאַר אַ ווייגען אײַנמיצקעדערינען? זע, גלייך מע וויל זי קוילען! מע וויל דיך חתונה מאַכן! איז וואָס, ווילסטו ניט?

— ניין, יאָ — האָט יענע וויינענדיק געענטפערט — אָבער כ'האָב מורא.

— מורא? נו, איז לייען קריאת־שמע, צערייס דעם סטאַן... וואָס האָסטו מורא, אַז אַ פרינץ זאָל דיך ניט אויסכאַפּן, אָדער די יאַטקע־הינט זאָלן דיר דאָס ייִדענע קלייד ניט צערייסן?...

דאָס איז זי אויף גנעסיען אַזוי שטרענג אָנגעפאַלן — ערשטנס, כדי יענער, גנעסיען, די געדאַנקען צו פאַרשלאָגן, און צווייטנס, כדי אַ ביסל צו פאַרשרייען אויך איר אייגענעם געוויסן, וועלכער האָט זי געטאַטשעט און אויף איבערטראַכטערישע מחשבות געשטויסן.

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט זיך אָבער גנעסיע אויך איצט באַרואיקט, זי האָט נאָכן געשפּרעך מיט משה מאַשבער און מיט גיטעלען אין אַלקער זיך געלאָזט אַריינרופן אויך פון יהודיתן, פון משה מאַשבערס עלטערער טאָכטער, און פון איר, ווי שוין אַ שטיק אייגענע, אויפגענומען ווערן, און זיך לאָזן עצהן פון יענער, ווי אַזוי זי זאָל זיך נעמען גרייטן צום שניידער, וואָס וועט זיך די טעג באַווייזן איר נעמען אַ מאָס אויף חתונה־קליידער.

זי האָט זיך געלאָזט, גנעסיע, דערביי האָט זי זיך גאָר שטאַרק גערויטלט, צוהאַלטנדיק זיך פאַרן קאַפּטל, מחמת זי האָט זיך געפילט ניט איבעריק פריי מיט יהודיתן, און מחמת יענערס עצהס זיינען איר אַראָפּגעגעבן געוואָרן ווי פון אַ לייטער, נישט געקוקט דערויף, וואָס יהודית האָט זיך געפּרוּווט האַלטן מיט איר, ווי אַ גלייכע צו אַ גלייכן.

יאָ, יהודית האָט זיך געמיט און אַלערליי פּעולות פאַרגענומען, כדי טאַטע־מאַמע צו צוליב טאָן, ווי אויך צו טאָן, וואָס זי האָט אַליין געהאַלטן פאַר נייטיק. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז פון אַלטערס וועגן, פאַר אַזאַ פאַרשוין אין אַזאַ לאַגע, מוז מען זען פון דער אייגענער, הויכער מעלה אַראָפּנידערן, ביז אַפילו זיך שטעלן אויף איין ברעט מיט גנעסיען — זי מקרב זיין און איר געבן אַ מער ברייטערן אַריינגאַנג אין דער משפחה און אין איר יחוסדיקן שטאַנד. זי האָט זיך געמיט, יהודית, ווי אַלע אַנדערע אין שטוב: ווי אַפילו די איידעמס, וואָס אַז זיי האָבן זיך די לעצטע טעג דערוואוסט פונעם שידוך און פון דער פאַרשטייענדיקער חתונה, האָבן זיי גענומען קוקן אויף גנעסיען פיל מילדער און קרובישער, און נישט אַרויסווייזן דעם גרויסן אונטערשייד, וואָס האָט זיי געהאַלטן ביז אַהער אַזוי ווייט אָפּגעטיילט פון איר, ווי געוויינלעך, פון אַ דינסט.

יאָ, אַלע. מ׳האָט שוין פאַרשטענדלעך, דעמאָלט ניט געקוקט אויך אויף די קורצע מזומנים, און אויף וויפל נאָר די קאַסע האָט דערלויבט, האָט מען ניט געציילט, ניט געקאַרגט, זיך געלאָזט קאָסטן, און אין די נאָענטע טעג, נאָכן געשפּרעך פון משה מאַשבער מיט גיטעלען, און פון זיי ביידע מיט גנעס־יען, האָט מען געלאָזט רופן אי מענערשע, אי ווייבערשע שניידער. און נאָך דעם, ווי מ׳האָט זיי באַוויזן די איינגעהאַנדלטע סחורה אויף די קליידער, און נאָך דעם, ווי מ׳האָט מיט זיי אויסגענומען, אַז די באַשטעלונגען מוזן אויס־געפאַרטיקט ווערן וואָס שנעלער — איז מען צוגעטראָטן חתן־כלה די מאָס אַראָפּנעמען.

די מאָסן זיינען גענומען געוואָרן אין צוויי פאַרשיידענע אַלקערס — אין איין אַלקער דער כלה, גנעסיע, און אין צווייטן — אַלטערן.

צו גנעסיען איז גערופן געוואָרן יהושע חסיד, אַ שטאַרק־פרומער שניידער, מיט אַ זויבערער, פיין־געקעמטער באָרד, שטענדיק אינעם שבתדיקן היטל און קאַפּאָטע, וועלכער נעמט קיין מאָל אַליין קיין מאָס ניט — ניט נאָר

מחמת מורא זיך אַנצורירן אין ווייבער, נאָר אויך אַפילו אויף זיי אַ קוק טאָן, ווען זיי מוזן זיך פאַר אים ווייזן עטוואָס נאַקעטלעך אַנטבלויזט; און וואָס צוליב אַט דעם צוועק, צוליב נעמען אַ מאָס, פּלעגט ער קיין מאָל ניט קומען אַליין, נאָר מיטברענגען מיט זיך אַן עלטערן שניידער־יונג, אַ פאַכ־מאַן, און יענער פּלעגט מעסטן, און יהושע פּלעגט נאָר, ווען ניט ווען, כאַפּן אַ קוק הינטן אַרום אויף זיין יונגס מלאָכה, און בשעת מעשה פּלעגט ער פירן אַן אַנשטענדיקן שמועס מיט די באַלעבאַטים, די באַשטעלער, און אויך פאַר־שרייבן אין זיין שניידער־ביכעלע אויף צו געדענקען די לענג, ברייט און וו פון די מלבושים.

אויך דאָס מאָל איז יהושע נישט געקומען אַליין, נאָר מיט אַ יונג, און יענער, אַז ער איז צוגעטראָטן נעמען אַ מאָס דער גנעסיען און, וויסנדיק, וואָס דאָ אין שטוב קומט פאָר און וואָס דאָס איז פאַר אַ סאָרט כלה, האָט ער זיך דערלויבט אַ ביסל פרייער צו האַלטן, ווי מ׳האַלט זיך געוויינטלעך מיט אַ באַלעבאַטישער אָדער גבירישער טאָכטער, ווען אַן איבעריקער ריר איז פאַרבאָטן, ווייל יעדער שטיקל לייב איז ביי זיי ניט צום אָנרירן... ניין, דאָ האָט זיך דער יונג דערלויבט, אי ביים אויפהויבן די הענט, ווען ער האָט באַדאַרפט מעסטן פון אונטער די פּאַכוועס, אי ביים הויכן בוזים, ווען ער האָט איר געמאָסטן דעם פון פאָרנט, און אַזוי ווייטער אויף אַנדערע ערטער, ווי די קליבעס און דעם רוקן, ווען ער האָט זיך דערלויבט אַ ביסל מיט די הענט זיך לענגער פאַרהאַלטן און אַ מער נעענטערן גלעט טאָן — קלאָמפּערשט נייטיק צו דער מאָס, אָבער אין דער אמתן, אין זינען האָבנדיק, אַז ווען ער וועט קומען אַהיים, זאָל ער האָבן וואָס צו דערציילן און פאַר די איבעריקע שניידער־יונגען זיך באַרימען...

גנעסיע האָט די גאַנצע צייט ביי דער מאָס־נעמען, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער אַנוועזנהייט פון גיטעלען און אויך פון איר אייגענער — פון דער עלטערער דינסט — זיך געפילט שלעכט, געענגט און צעמישט. טרערן זיינען איר געשטאַנען אין די אויגן... אַלע מאָל, ווען יהושעס שניידער־יונג האָט זיך דערלויבט זי נאָענט אָנצורירן, האָט זי זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּטל, אויפ־ציטערנדיק, און מיינענדיק, אַז דאָס וויל איר טאָן מאַזשעווע עפּעס אומ־אַנשטענדיק... די אויגן זיינען איר געווען פאַרצויגן, נישט זעענדיק קיינעם, נישט גיטעלען, און אַפילו אויך נישט די עלטערע דינסט, וואָס איז איר געווען אַמנאָענטסטן, נאָר ווי דורך אַ דין שליירל האָט זי, שטייענדיק אַנט־בלויזט און שרעקנדיק זיך פאַר איר הוילקייט, געזען פאַר זיך אים, מאַזשעווען, וועלכער רופט זי הינטערן טויבן טויער אַרונטער...

גיטעלע האָט די גאַנצע צייט, בעת דער שניידער־יונג האָט זיך מיט גנעסיען געפּאָרעט, נישט געקוקט אויף איר, ווי אויף אַ צו געזונטער און פול־לייביקער, וואָס שפּאַרט פון איר דורך אַלע נאָטן, און וואָס אויף אַזאַ איז

אַפילו פֿאַר אַ פּרוּי נישט אָנשטענדיק צו קוקן... זי האָט אָװעקגעקוקט פֿון גנעסיען און האָט נאָר געהאַלטן אין איין אַרומשפּרעכן מיט יהושען דעם הויפּט־שניידער די פֿאַרשיידענע מאָדעס און פֿאָדערונגען, וועלכע זי האָט צו אים אַרויסגעשטעלט. יהושע האָט פֿאַרשפּראָכן און בשעת מעשה האָט ער, נישט קוקנדיק אויף קיינעם פֿון די ווייבער, פֿאַרשריבן דאָס, וואָס זיין באַל־מעלאָכע־יונג האָט, מעסטנדיק, אים דיקטירט אויף צו פֿאַרצייכענען אין זיין ביכעלע.

און אַזוי איז דעמאָלט אין כּלה־אַלקער פֿאַר גנעסיען די מעסט־מלאָכה אָפּגעטאָן געוואָרן, און אַזוי אויך אינעם צווייטן אַלקער, אין זעלבן טאָג, דורך אַן אַנדערן שניידער — פֿאַר אַלטערן.

אַהין איז גערופֿן געוואָרן גרשון דער ליטוואַק, אָדער גרשון שטאַגליץ, ווי מען האָט אים גערופֿן. אַ קליין נישטיק שניידערל, שוין אויף דער עלטער, האַלב תּם, האַלב נאַר, מיט רויטע קאַליע אייגעלעך, מיט אַ דין פּישטשענ־דיק קולעכל, וואָס האָט אַלע מאָל אַרויסגערעדט אַ סין אַנשטאָט אַ שין.

ביי קיין פֿאַרנעמע און רייכע האָט ער קיין מאָל קיין באַשטעלונגען נישט באַקומען, אָבער ער איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפֿאַלן, האַלטנדיק, אַז ער, גרשון, קאָן נישט ערגער פֿון אַלע אַנדערע, וואָס נייען יאָ פֿאַר רייכע, ווייל ער נייט, ווי אַלע בעסטע, נאָר סטאַגליץ. וואָס איז דאָס אַזוינס סטאַגליץ — האָט נישט געוואוסט קיינער, אויך נישט ער אַליין, נאָר געמיינט האָט דאָ גרשון, דאָס צוגעשלאָגענע שניידערל, געוויס: ערשטער סאָרט און לעצט־וואָרטיקע ־ער מאָדע.

ער האָט טאַקע געמאַכט „סטאַגליץ", נאָר אָפֿט פֿלעגט ביי אים דער קאַלנער צופֿיל אָפּשטיין, און אַמאָל אויך צופֿיל אַרויפֿקריכן; אַמאָל דער סטאַן פֿון דער קאַפּאָטע, צי פֿון אַ בורנעס, קורצער פֿון הינטער־טייל, און אַמאָל פֿאַרקערט — דער הינטער־טייל קירצער און דער סטאַן לענגער; אָבער ס'מאַכט נישט: אַהער, צו אַלטערן, איז אויך גרשון געוועזן נישקאָשע. מ'האָט באַדאַרפֿט מאַכן אי ביליקער, אי שנעלער, און נישט אָנהויבן זיך מיט די מער־באַוואוסטע שניידערס, וואָס זיינען אי יקרנים, אי זיי האַלטן קיין וואָרט נישט, האַלטן לענגער.

ביי אַלטערס מאָס־נעמען איז בייגעוועזן אַליין נאָר משה מאַשבער, וועל־כער האָט האַלב אויפֿמערקזאַם, האַלב צעשטרייט צוגעקוקט, ווי גרשון דרייט אַלטערן אין אַלע זייטן, בייגט זיך אַראָפּ, הויבט זיך אויף, און דאָס עלטער־לעכע ביסל בלוט קומט אים אין פּנים און אין די קאַליע אויגן; פֿאַרשרייבט אין שניידער־ביכעלע מיט אַ קאַטשערעוואַטער שניידער־כּתיבֿה, וואָס ער האָט, כּלומרשט, נייטיק און וואָס, קומענדיק אַהיים, וועט ער געוויס פֿאַרגעסן און זיך שוין באַגיין אָנעם פֿאַרשריבענעם...

קוקנדיק אויף גרשונס מלאָכה, האָט משה מאַשבער אי האַלב ערנסט

מיט אים גערעדט, אי האַלב אַפֿילו אונטערגעשמייכלט, אָבער דער עיקר האָט ער ביי אים, נאָך אַלע שניידערשע טועכצן, געפֿאָדערט, ער זאָל זען מאַכן וואָס בעסער און נאָך מער דער עיקר — וואָס גיכער, און דערויף האָט אים גרשון מיט זיין פֿאַרצאַפּעטן ליטווישן לשון און מיט דער סין אַנשטאָט דער שין אָפּגעענטפֿערט.

— יע, געוויס. מ׳פֿאַרספּאַרט אים זאָגן. מ׳פֿאַרסטייט אַליין: סטאַגליץ, און וואָס סנעלער.

און די אַרבעט איז אָוועק, ביידע שניידער האָבן זיך געמיט, און באַלד גלייך די נאָענטע טעג, האָט מען שוין געבראַכט די קליידער אויף דער ערשטער פּראָבע אי דעם חתן, אי דער כּלה, וואָס ביידע זיינען דערפֿון, יעדערער אין זיין אַלקער, ווי אין טשאַד געוועזן. מע האָט דאָס געזען מאַכן אויף גיך, און ביי דער ערשטער מאָס האָט מען די שניידער ווידער אונ־טערגעאיילט — סיי גיטעלע יהושע חסיד, סיי משה מאַשבער דעם ליטווישן גרשון — זיי זאָלן זען וואָס גיכער די אַרבעט אַרויספֿאַרענדיקן.

מ׳האָט נאָך געטאָן — און אויסער די שניידער האָט מען באַלד גענומען אויך אַנדערע זאַכן צו באַזאָרגן, ווי אַלטערן אַ טלית, למשל, צוליב וועלכן מ׳האָט גערופֿן איינעם אַ יידן, אשר טליתניק, וועלכער האָט אַנגעבראַכט אין שטוב אַ שאַרפֿן, האַרב־טערפּיקן ריח פֿון עסיק און פֿון אַ מין צוגעלעגערטן קעז, וואָס ס׳האָט אַראָפּגעשמעקט אי פֿון אים אַליין, אי פֿון זיין ווייס־פֿרישן, נאָר וואָס פֿון דער זאַלע אַרויסגענומענעם טליתים־פּאַק.

ווען די טעג פֿון דער חתונה האָבן זיך דערנעענט און ווען אַלץ איז שוין געווען פֿאַרטיק פֿון וועש, קליידער און אַנדערע זאַכן, האָט מען אויך צו דער כּלה, צו גנעסיען, וואָס זי האָט געקענט קנאַפּ עברי און האָט מיט גרויס שווערקייט געלייענט אין סידור — צוגעשטעלט אסתּר־רחלען, יענע פֿרומע קרובה, וועלכע מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, זי זאָל מיט איר איינ־שטודירן די געוויסע ווייבערשע דינים, וואָס יעדע יידישע טאָכטער דאַרף אומבאַדינגט וויסן, ווען זי גייט חתונה האָבן.

יענע, אסתּר־רחל האָט מיט איר צוערשט איינגעלערנט די ברכות פֿון ליכט־בענטשן און חלה־נעמען; דערנאָך האָט זי זיך מיט גנעסיען אין אַן אַלקער אָפּגעשלאָסן, האָט גענומען דעם ווייבערשן „קרבן־מנחה", אויפֿ־געמישט דאָס אָרט, וואו ס׳געפֿינט זיך דער „מעין טהור" — דער ריינער קוואַל, הייסט עס — און איר פֿון דאָרט אַרויסגעלייענט די רעגעלן און גע־באָטן, וואָס אַ פֿרוי דאַרף אָפּהיטן, ווען זי איז מיטן מאַן צוזאַמען, און ווען ניט, ווען זי איז אָפּגעשיידט פֿונעם מאַן... אַלץ אַרויסגערעדט אָפֿן און אָנ־גערופֿן ביים נאָמען אַזוינע זאַכן, אַז גנעסיע האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, צי זעט ניט קיינער, צי הערט ניט קיינער, און אויסהערנדיק וועגן

אַלעם יענעם, האָט זי זיך גערויטלט, זיך געדרייט און רואיק אויפֿן בענקל ניט געקאָנט איינזיצן.

מ׳האָט באַלד אין איינעם אָן אויפֿדערנאַכט, אייניקע טעג פֿאַר דער חתונה, אויך געשריבן תּנאָים, אין דער אַנוועזנהייט פֿון גאָר ווייניק מענטשן, אַמ־מערסט אייגענע, אָן איבעריקן רעש און געווײַנטלעכע צערעמאָניעס.

און אָט איז די חתונה.

די כּלה איז פֿריער מיט אַ טאָג איבערגעגעבן געוואָרן צו אסתּר־רחלען און דער עלטערער דינסט, וועלכע האָבן זי גענומען יידישלעך באַ־אַרבעטן — זי פֿירן אין באָד און אין מקווה, וואו זיי האָבן זי, ווי דער שטייגער, איבערגעגעבן צו די טוקערנס, און יענע האָבן איר גענומען שניידן די נעגל פֿון די הענט און פֿיס, זיי טובלען און שרייען: „כּשר! כּשר!״ פֿאַר אַ געוויס געצאָלטס, אויף וועלכן זיי האָבן אויסגעשטעלט; אָבער אַחוץ געצאָלטס, האָבן זיי, די טוקערנס, איר ווייס־געשפּיקעוועט לייב באַוואונדערט, און ביי איר אַריין און אַרויס פֿון טבילה, האָבן זיי זיך איינס דאָס אַנדערע ווייבעריש־געניט אונטערגעוואונקען, ס׳הייסט: אַזאַ יאָר, אַזאַ מזל און אַזאַ אוצר אויף אַלע מאַנען!...

גנעסיע האָט זיך געלאָזט טאָן, וואָס מ׳טוט אַ כּלה, נישט אויסגענומען גאַרנישט, נאָר אַז זי האָט זיך דערזען נאַקעט, אויסגעוואַשן און דורכגע־זויבערט, האָט זיך איר דער קאָפּ פֿאַרדרייט פֿון איר אייגענע לייביקער גדולה.

און דאָס זעלבע, וואָס פֿריער אַ טאָג האָבן געטאָן די ווייבער מיט דער כּלה — זי געפֿירט אין באָד און מקווה, האָט שפּעטער אַ טאָג, אינעם טאָג פֿון דער חופּה, געטאָן מיטן חתן, מיט אַלטערן, אַליין משה מאַשבער, וועלכער האָט, ווי אַן עלטערער ברודער, דאָס געהאַלטן פֿאַר זיין חוב.

דעם טאָג פֿון דער חופּה האָבן חתן־כּלה, ווי ס׳פֿירט זיך, געפֿאַסט. גנעסיע האָט זיך געלאָזט פֿון אסתּר־רחלען און פֿון דער עלטערער דינסט אָנטאָן, פֿאַרפּוצן און צוקלייבן, און אַלטער איז פֿון זיין ברודער משה אין אַ באַזונדער אַלקער געבראַכט געוואָרן, וואו נאָך דעם, ווי אַלטער האָט אָפּגעזאָגט דעם „על חטא״ און זיך אויסגעוויינט אויף זיין נישט געראָטן לעבן פֿון ביז אַהער, און נאָך דעם, ווי ער האָט, ווי ס׳פֿירט זיך, די פֿאַרשטאָרבענע פֿאָטער און מוטער דורך געוויסע תּפֿילות אויף זיין אייגענער חתונה איינגע־לאַדן — איז נאָך דעם אַלעם האָט משה מיט אים נאָך מער אָפּגעזונדערט באַדאַרפֿט בלייבן, כּדי אים איבערצוגעבן האַלב פֿאַרשטעלט אין קורצע ווער־טער דאָס, וואָס אסתּר־רחל האָט פֿאַר גנעסיען פֿון „קרבן־מנחה״ אַרויסגע־לייענט, דאָס מיינט מען, דברים שבין איש לאשתּו — ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך אויפֿפֿירן ביים צוזאַמענלעבן מיט דער פֿרוי און אויך ווען מ׳דאַרף זיך פֿון איר אָפּשיידן.

דערבײַ איז אַלטער שטאַרק בלאַס געווען, אי פֿון זײַן קרענק, אי פֿון תּענית און האָט גישט געהערט כּמעט וואָס מען זאָגט אים, ביז מ'האָט אים גענומען אָנטאָן די חתונה־קלײדער, און פֿון אויבן, אויף זיי, דעם ווײַסן קיטל, ווי אַ העמד מיט ברייטע אַרבל, וואָס פֿון דעם האָט ער נאָך בלאַסער אויס־געזען, שוין אַ האַלבער מת, כּמעט.

ער האָט דעמאָלט אַ פּאָל געטאָן פֿריער צו משהן זײַן ברודער, דערנאָך צו לוזין, וועלכער איז אויך בײַגעווען בײַם חתונה־פּוץ — אָן ווערטער, נאָר מיט זײַן שטיל־בלאַסן פּנים, און מער האָט ער נישט געהאַט נישט דעם ערשטן, משהן, צו זאָגן, ווי אויך נישט דעם צווייטן — לוזין, ווי נאָר די ווערטער: לוזי... משה... ברידער... און ווער ס'וואָלט דעמאָלט אָט די קורצע, שטו־מע סצענע בײַגעווען, וואָלט גלײַך געקאָנט מערקן, אַז קיין איבעריקן נחת איז פֿאַרן חתן אַליין פֿון דער חתונה ניט צו וואַרטן, ווי אויך ניט פֿאַר די, וואָס רינגלען אים איצט אַרום און ווילן אים זעען כאָטש אַ קליין ביסעלע אַ באַגליקטן...

דאָס זעלבע אָן ערך, איז פֿאָרגעקומען אויך אינעם צווייטן אַלקער, בעתן כּלה־פּוץ, ווען בײַ אסתּר־רחלען און בײַ דער עלטערער דינסט, וועלכע האָבן זיך געפּאַרעט בײַ דער כּלה, זיינען די גאַנצע צײַט געשטאַנען טרערן אין די אויגן, און די כּלה אַליין, גנעסיע, איז אַז זי האָט זיך דערזען אין גאַנצן אַ פּאַרטיקע, אָן אויסגעפּוצטע, האָט זי מיט אַמאָל אַ פּאָל געטאָן צו דער עלטערער דינסטס ברוסט מיט אַן אויסגעשריי: מאַמעניו, האַרצעניו! וואָס האָט באַטײַט פֿאַרלוירנקייט און נישט וויסן, וואָס דער מאָרגעדיקער טאָג וועט איר ברענגען.

די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן, ווי אַלע שטוביקע חתונות, ווען איבער געוויסע סיבות קאָן מען ניט, אָדער מע וויל ניט זיי אַרויספֿירן אין דער עפֿנטלעכקייט, אין אַ ספּעציעלן חתונה־זאַל, כּדי קיין איבעריקן רעש נישט מאַכן.

מ'האָט אײַנגעלאַדן נאָר אַ קנאַפּ ביסל מענטשן, אי דאָס אויך ניט פֿון קיין נאָענטע: ניט קיין מאַרק־מענטשן, אויך ניט פֿונעם קלויז, וואו משה מאַשבער האָט געדאַוונט, נאָר אַ קלײנעם מנין, אָדער עטוואָס מער, פֿרעמדע, און זע, מאָדנע — אַזוינע, וואָס האָבן צו משה מאַשבער און צו זײַן שטוב גאָר קיין מאָל קיין שײַכות ניט געהאַט, און דהיינו — גאָר פֿון די לוזי־לײַט אַ מנין.

גיטעלע און די שטובלײַט האָבן זיך געהאַלטן אי ווי מחותּנים, אי ווי אבלים, באַזונדערס גיטעלע און יהודית, וואָס אײדער זיי האָבן זיך באַדאַרפֿט אָנטאָן צו דער חתונה, האָבן זיי דאָך באַדאַרפֿט אויסטאָן די שוואַרצע פֿאַר־טעכער, און ווי נאָר די חתונה וועט זיך ענדיקן, וועלן זיי ווידער זיי דאַרפֿן אָנטאָן.

ס׳איז דאָך געווען ערשט נאָך „שלושים״. פאַרשטענדלעך, אַז קיין אי־בעריקע פרייד איז ניט געווען צו זען אויף קיינעם פון די שטוב־לייט, ווי אויך נישט אויף משה מאַשבער אַליין, וואָס ער האָט אַלץ, ווי עפּעס אין אַ חלום, געאײַלט, סײַ פריער מיטן חתונה מאַכן, סײַ איצט מיט דער חופה, ווען ער האָט דעם איינגעלאַדענעם בדחן זיך ניט געלאָזט צעגיין, נישט ביים באַזעצן דעם חתן, ווי אויך ביים כּלה־באַזעצן, און אויך די קלעזמער, דאָס קליינע אָרעמע ביסל, וואָס איז איינגעלאַדן געוואָרן, האָט ער קיין איבעריקס ניט געלאָזט שפּילן, נאָר סאַמע דאָס נויטיקסטע, און גלייך האָט ער אויפ־געפאָדערט דעם שמש, ער זאָל אַרויס מיט די שטאַנגען, ווי אויך דעם חזן, ער זאָל וואָס גיכער מסדר־קידושין זיין.

מ׳האָט אַזוי געטאָן, דערנאָך איז פאַרגעקומען די וועטשערע, ביי וועל־כער ס׳איז בייגעווען משולם דער שדכן, און וואָס אים, וועלכער האָט אויס־געפירט דעם שידוך, איז איצט ניט געווען אויסצומיידן.

ער האָט זיך דאָס מאָל געפּילט ביי משה מאַשבער אין שטוב גאָר־גאָר היימיש, מחמת די כּלה האָט ניט געהאַט קיין עלטערן, קיין אייגענע און קרובים, אויסער די איר נאָענטסטע דינסט, און דערום האָט זיך ער, משולם, געהאַלטן ווי אַזאַ, וואָס פאַרבייט טאַטע־מאַמע.

ער האָט לכּבוד אָט דער היימישקייט אַריינגעכאַפּט אַן איבעריק ביסל משקה, פון וועלכן זיין פּנימל, וואָס איז אַזוי אויך רויט געווען, איז נאָך מער רויט געוואָרן און זיין ווייס בערדעלע האָט זיך איצט נאָך מער ווייס אויסגעטיילט. זיין פוטערן מיצל האָט זיך אים שטאַרק צעשוויצט, און ווען ער האָט דאָס געוואָלט אַראָפּנעמען און בלייבן אין דער יאַרמעלקע, ווי ער טוט געוויינטלעך, האָט ער דאָס מאָל מער ווי געוויינטלעך געהאַרעוועט, זיי אָפּצוטיילן איינס פונעם אַנדערן; דערפאַר, אָבער ווען דאָס איז אים געראָטן, האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ — שיכּורלעך נאַריש און שדכניש־אומבאַהאָלפן — אַזוי, אַז ווען אַן אַנדערש מאָל, ווען ס׳איז אַ ביסל מער אויפגעלייגט אויפן האַרצן, וואָלט מען, זעענדיק אַזאַ איינעם אַזוי טאַנצן, געוויס זיך צעלאַכט, מ׳וואָלט אים אָפּגעפירט אין אַ זייט און זיך אים גע־הייסן זעצן...

איצט האָט מען אים געלאָזט, ס׳האָט אָבער אויסגעזען גענוג משונה משולמס טאַנצן, וועלכן ער האָט דורכגעפירט האַלב פאַרשלאָפן, מיט צוגע־מאַכטע אויגן און מיט עפּעס ציגן־באַקישע תּנועהס און הוועיות; ווי משונה ס׳האָט אויסגעזען דער גאַנצער אָרום, און ווי, פאַר אַלעמען, אַליין די חתן־כּלה, וועלכע מ׳האָט, גלייך נאָך דער חופה, באַזעצט איינס לעבן איינס, און וואָס זיי האָבן איצט געגעסן, וואָס מ׳האָט זיי דערלאַנגט נאָכן תּענית, האָבן זיי זיך קיין וואָרט ניט געזאָגט, זיך ווי אונטערגעוואָרגן און אין פאַרשיידענע זייטן געקוקט.

משונה האָט אויך אויסגעזען דאָס, וואָס גיטעלע האָט דאָס מאָל געלאָזט לעבן זיך באַזעצן די עלטערע דינסט, וועלכע איז געווען דער כּלה אָמ־נאָענטסטן: משונה אויך דאָס גאַנצע קנאַפּ־ביסל עולם, וואָס איז באַשטאַ־נען פֿון אַן אַנדערהאַלבן מנינים לוזי־לייט, וועלכע משה מאַשבער האָט דורך לוזין געלאָזט איינלאַדן, ווייל קיין נעענטערע, קיין מער היימישערע און אַזוינע, וואָס נעמען באַשטענדיק אָנטייל אין משה מאַשבערס שמחות, איז מען דאָס מאָל ניט גערן געווען, טאַקע ווייל היימישע, טאַקע ווייל באַשטענדיקע, כּדי קיין אייגענע אויגן זאָלן דאָ אויף דער משונהדיקער חתונה, ניט קוקן משונה.

משונה האָט אויך אויסגעזען דאָס, וואָס אַז די לוזי־לייט האָבן געוואָלט חתן־כּלה דערפֿרייען, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ — אין אַזאַ, וואָס די ווענט פֿון משה מאַשבערס שטוב האָבן קיין מאָל ניט געזען — אַזאַ ענגע געשלאָסנקייט, מיט קעפּ אַזוי הויך פֿאַריסן, אָדער אַזוי טיף צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט הימל און ערד מיט זייערע בליקן פֿאַראייניקן.

משונה אויך, וואָס נאָך דעם, ווי די לוזי־לייט האָבן אָפּגעטאַנצט, זיינען אַרויס אויך משה מאַשבער און לוזי צום טאַנץ. משה, נישט געקוקט, וואָס אַן אָבל, האָט דאָך געוואָלט אַלטערן משמח זיין, און לוזי האָט משהן ניט געוואָלט לאָזן אַליין און האָט באַשלאָסן מיט אים מיטצוגיין...

ס׳איז געווען אַ מאָדנע בילד צוצוקוקן, ווען זיי בײדע זיינען זיך איינס דעם אַנדערן אין אַ ראָד נאָכגעגאַנגען — פֿריער משה פֿאַראויס און לוזי הינטער אים, און דערנאָך לוזי פֿאַרויס, האָבנדיק הינטער זיך משהן, און די גאַנצע צייט האָבן זיי זיך כּמעט מיט די פּנימער באַגעגנט.

ס׳איז אויך מאָדנע געווען, ווי נאָך אָט די צוויי זיינען אַרויס גיטעלע מיט דער עלטערער דינסט, ווי צוויי גלייכע מחותּנתטעס, ווען גיטעלע האָט זיך געפֿירט מיט יענער, בעת־מעשה, מעשה איר גלייכן, טאַנצנדיק איר אָנטקעגן און נישט אַרויסגעוויזן קיין מינדסט פֿון איר מער־יחוס און העכערן גראַד, און וואָס דערפֿון האָט ביי יענער, ביי דער דינסט, זייער און זייער דאָס פּנים געפֿלאַמט, און זי האָט, בעתן טאַנצן, מיט דער יום־טובדיקער פֿאַ־טשיילע, וואָס זי האָט געטראָגן לכּבוד דער שמחה, זיך אַלע ווײַלע די אוי־בערשטע ליפּ געווישט...

ס׳האָבן דערנאָך געטאַנצט אויך אסתּר־רחל מיט יהודיתן... אסתּר־רחל מיט איר לעדערנעם פּנים פֿון לאַנגער דחקות און פֿון ניט האָבן קיין ברויט צו זאַט, וועלכע מ׳נוצט אויס, ווי געזאָגט, אין אַ פֿאַל, חלילה, ביי שלאָפֿקייט, ביי אַ מת פֿאַרן אָפּהייבן, אָדער ביי אַ חתונה — ווען געוויינט־לעך — נאָר אויף אַכטונג געבן אויף די סאַרווערס, און ווען נישט געוויינטלעך, ווי איצט דאָ, ביי אַלטערן מיט גנעסיען, אויף צו נעמען אַ מער טיכטיקערן אָנטייל, ווי צו לערנען מיט דער כּלה די ווייבערשע דינים, ווי דערנאָך זי

צופֿירן אין באָד און אין מקווה, און איצט, ביי דער חופּה־וועטשערע — צו טאַנצן מיט איינעם פֿון די בני־יחוס, ווי איצט מיט יהודיתן. זי האָט גע־טאַנצט שטיל, קיין איין אָדערל אין פּנים האָט זיך איר אין פֿאַרלעדערטן פּנים ניט געביטן, גלייך ווי קיין איין שטראַל שמחה האָט שוין צו איר אינע־ווייניק ניט געקאָנט אַריינדערלאַנגען. נאָר דערפֿאַר אָבער אויף אירן אַן אייגענעם אופֿן פֿריילעך, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין עכטער שטילקייט. וואָס איז אפֿשר העכער און פֿיל־באַדייטנדיקער פֿון אַלערליי אַנדערע ליאַ־רעמדיקע סאָרטן שמחות.

ס'איז דערנאָך אויך אַרויס איר מאַן, משה איינבינדער, וואָס קיין מאָל לאָדט מען אים נישט אין אויף קיין חתונה, און ווען יאָ — קומט ער אַליין נישט, נעמט ניט אָן די איינלאַדונג, מחמת ער גלויבט און איז זיכער: אַז קיינער נייטיקט זיך נישט אין אים, ער זאָל עמעצנס אַ שמחה באַשיינען. דאָס מאָל אָבער איז ער אי גערופֿן געוואָרן, אי ער איז אַליין געקומען, ווייל עפּעס האָט ער זיך דאָס מאָל געפֿילט נעענטער, באַרעכטיקטער, אַז אויף אַזאַ סאָרט שמחה זאָל אַפֿילו ער זיך קאָנען אַנזען און זיך פֿאַרשפּאַרן שעמען און זיך דאַרפֿן אָפּרוקן אין אַ ווינקל מיט זיין נידעריקער וואוקס, מיט זיין אָרעם־שמייכלענדיקן פּנים און מיט זיינע קויטיקלעכע הענט, וואָס לאָזן זיך ניט דערוואָשן פֿון איינבינדערשן פּאַפּ און קלעי.

ער האָט געטאַנצט מיט משולמען. יענער, משולם, אין דער יאַרמעלקע, אָנעם מיצל, וואָס ער האָט זיך דערלויבט אויסצוטאָן צוליב היימישקייט, צו־ליב שדכנישער גדולה און מחמת ער האָט שוין פֿיל, צופֿיל אויסגעטרונקען; און משה איינבינדער, איז אָנטקעגן, אינעם היטל, וואָס אָן אַנדערער וואָלט דאָס שוין געמעגט טראָגן אינדערוואָכן און ער האָט דאָס געהאַט אויף שבת, יום־טוב און אויך אויף חתונות, אויף וועלכע ער איז קיין מאָל ניט גערופֿן און ניט איינגעלאַדן געוואָרן.

משולם האָט געטאַנצט שדכניש־נאַריש און שיכּורלעך־צעפּלאָסן, און משה איינבינדער שטיל, באַשיידן און אַזוי אָרעמזעליק, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט מיט זיינע קבצנישע פֿיס דעם דיל צו באַטרעטן.

דערנאָך האָט לוזי, ווי דער עלטערער, געטאַנצט „פּויליש" מיט דער כּלה. גנעסיע האָט געהאַלטן די רויטע פֿאַטשיילע פֿאַר איין עק, און ער ביים צווייטן, און ער האָט זי געפֿירט און בעת־מעשה האָבן אַלע אָנטיילנעמער פֿון דער שמחה זיי אַרומגערינגלט, צוקוקנדיק, ווי לוזי וואָלט אָן אַנדערש מאָל גע־קאָנט ווייזן מייסטערשאַפֿט אין אַזאַ טאַנץ, איצט אָבער האָט ער, לויט אַ וואונק, אַפּנים, פֿון זיין ברודער משה, דאָס געמאַכט בקיצור.

בקיצור האָט מען אויך געמאַכט אַלע אַנדערע זאַכן, וועלכע זיינען אויף אַנדערע חתונות, ווי דער מינהג פֿאָדערט, איינגעפֿירט. דאָ האָט מען זיי פֿאַר־בויגן.

מען האָט דאָ, למשל, קיין דרשה־געשאַנק נישט אויסגערופֿן, ווייל ס׳איז נאָר געווען חתן־צד, און כּלהס־צד האָט דאָ קיינער, אויסער דער עלטערער דינסט, ניט פֿאָרגעשטעלט. אַזוי אויך אַנדערע זאַכן, ווי למשל: באַזונדערע וויוואַטן און טענץ לכּבוד פֿאַרשיידענע מחותּנים... דאָ איז דאָס ניט געווען שייך, און מע האָט, כּדי ניט צו באַליידיקן כּלהס־צד, אויך חתן־צד מיט יענע ליאַרעמדיקע זאַכן ניט באַערט. מ׳האָט געזען צו באַצאָלן די קלעזמער, די כּלי־קודש, ווי שמש, חזן, א״אַ. וועלכע האָבן די חתונה באַדינט, הינטן־אַרום, ווי ס׳ניט איז, אָן שום אויסרופֿעניש און אָן שום הויך־אויסשרייענדיקע כּיבודים.

און אַזוי האָט מען די חתונה פֿאַרענדיקט. דער עולם — די לוזי־לייט און אַנדערע — האָבן זיך שטיל געזעגנט און פֿריצייטיק זיך צעגאַנגען, און געבליבן זיינען נאָר אייגענע, וועלכע מע האָט אויך אונטערגעאײַלט, מע זאָל זיך יעדערער צעגיין אויף נאַכט, ווער וואוהין ס׳דאַרף.

בעת־מעשה האָט אסתּר־רחל און די עלטערע דינסט אין איינעם אָן אַלקער פֿאַרגרייט אַ בעט און דערביי עפּעס געשפּראָכן איבער די קישנס און געזאָגט פֿאַרשיידענע זאָגעכצן, וואָס געהערן צום באַלייגנס פֿון אַ יונג פּאָר־פֿאָלק, ווי דער מינהג איז.

און אָט איז אין שטוב שטיל געוואָרן, די שטוב איז איינגעשלאָפֿן... און דאָ וואָלט מען באַדאַרפֿט, ווי מע זאָגט, אַראָפּלאָזן דעם פֿאָרהאַנג און מער וועגן איבעריקן קיין וואָרט שוין ניט אַרויסברענגען.

אָבער, אַזוי ווי מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אויסגענומענעם פֿאַל, מיט אַזאַ ווי אַלטערן, זיינען מיר געצוואונגען אַנדייטן אויף אַ זאַך, וואָס געוויינטלעך וואָלט מען דאָס פֿאַרהוילן... און נעמלעך, אַז, ווי ס׳ווייזט אויס, איז אין אָפּגעזונדערטן אַלקער, צווישן יונגן פּאָר־פֿאָלק אין יענער נאַכט אין אָפּגעזונדערטקייט, פֿאָרגעקומען עטוואָס אומגעוויינטלעכס... מירן זיך באַנוגענען מיט צוגעבן בלויז פֿאָלגנדעס: אַז וואָס געהער אַלטערן, האָט מען זיך אויף אַלץ געקאָנט ריכטן...

און איצט נאָך אַ וואָרט: אינדערפֿרי, ווען אַלץ אין שטוב איז שטיל געווען און אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, האָט זיך גנעסיע אויפֿגע־הויבן, זיך אָנגעטאָן, אַ ביסל זיך אין אַלקער אַרומגעדרייט, צונויפֿגענומען אירע זאַכן און געמאַכט אַ פּעקעלע; און ווען די עלטערע דינסט, וואָס איז, ווי געוויינטלעך געשלאָפֿן אין קיך, וואָלט ניט געווען אַזוי מיד פֿון נעכטן, פֿון דער חתונה, אַזוי וואָלט זי געוויס דערהערט, ווי פֿון שטוב איז עמעצער דעמאָלט אין קיך אַריינגעגאַנגען, זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַ קליינע ווײַלע און באַלד שטיל די טיר געעפֿנט און אין דרויסן אַרויס.

דאָס איז געווען גנעסיע, וואָס וואוהין זי איז יענעם פֿרימאָרגן, אָן אָנ־געטוענע, פֿון משה מאַשבערס שטוב אָוועק, קאָנען מיר ניט זאָגן: צי צו באַ־

קאַנטע, צי צו אַ דינסט־מעקלערין, צי גלאַט ערגעץ־וואו צו בלאָנדזשען אַן אַ ציל — ווייסן מיר נישט. נאָר דערפֿאַר אָבער דעם איינדרוק פֿון איר פֿאַרלאָזן משה מאַשבערס שטוב אינעם ערשטן פֿרימאָרגן נאָך דער ערשטער נאַכט פֿון דער חתונה — ווייסן מיר יאָ, און וועגן דעם ווילן מיר דאָ אייניקע ווערטער צוגעבן.

אַז מ׳האָט אינדערפֿרי, שוין שפּעטלעך, אַרויסגעקוקט אויפֿן פֿאַרפֿאַלק, ווי זאָלן זיך, ווי געווײַנטלעך, ווײַזן פֿון אַלקער, און זיי זײַנען נישט אַרויס — האָט מען אויף אַ צנועותדיקן אופֿן אַ וואונק געטאָן אסתּר־רחלען, וועלכע מ׳האָט געלאָזט איבערנעכטיקן צוליב חתונה־ענינים, זי זאָל זיי אָנקלאַפּן און צו וויסן געבן, אַז ס׳איז צײַט אויפֿשטיין... און אַז אסתּר־רחל האָט אָנ־געקלאַפּט און מ׳האָט איר ניט געענטפֿערט, און זי האָט אַליין די טיר אַ פּרוּוו געטאָן און דערזען, אַז זי שטייט אָפֿן, איז זי אַרײַן און האָט אַלטערן געטראָפֿן שוין אָן אָנגעטוענעם, אָבער אַזוי אויסזעענדיק, אַז איין קוק אירער איז גענוג געווען, זי זאָל פֿאַרשטיין, אַז עפּעס איז דאָ געשען, וואָס ס׳געשעט זעלטן.

צי אַלטער איז געשלאָפֿן און ניט געזען, בשעת גנעסיע האָט זיך גע־קליבן אין וועג, צי ער האָט יאָ געזען, ווי זי קלייבט זיך און האָט זיך גע־מאַכט שלאָפֿן — אַזוי צו אַזוי, נאָר אַלטער איז שוין פֿון לאַנג, ווײַזט אויס, אין מיטן שטוב געשטאַנען, אַ בלאַסער און אַזוי פֿאַרטראַגן, ווי אַדער עס וואָלט געווען נאָך זײַנעם אַ קראַנקן־אָנפֿאַל, אַדער ערב אַזאַ...

אסתּר־רחל האָט אים אַ פֿרעג געטאָן אויף גנעסיען, אָבער מיט איר געניט־וויבעריש אויג האָט זי דערזען, אַז ס׳איז שוין נישטאָ אויף וועמען צו פֿרעגן, ווײַל ניט נאָר איר אָרט איז פֿאַרקילט, נאָר אַז אויך איר געדע־כעניש איז, דאַכט זיך, אויסגערונען.

אַלטער, האָט כּמעט איר פֿראַגע ניט געהערט... דעמאָלט איז זי גלײַך אַרויס און האָט משה מאַשבערן עפּעס אין אויער אײַנגערוימט, און באַלד איז אין שטוב אויף אַלעמענס פּנימער אָן אומרו געווען צו באַמערקן, ווען איי־נער ביים אַנדערן האָט פֿאַרוואונדערט זיך געגומען דערפֿרעגן: „וואָס הייסט? ווי געשיקט זיך און וואוהין האָט זי געקאָנט אַהינקומען?" מ׳האָט זיך באַלד אַ לאָז געטאָן צו דער עלטערער דינסט, צו פֿרעגן ביי איר אין מורא און אויף איר לעצט וואָרט צו וואַרטן: צי ווייסט זי עפּעס? און צי האָט איר אַזוינס אויפֿן זינען געקאָנט קומען? — און אויך זי, די עלטערע דינסט, האָט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

— נישטאָ!... איז פֿון אַלעמענס דערשראָקענע פּנימער געווען אָראָפּ־צולייענען און מ׳האָט אַפֿילו ניט געדענקט זי נעמען זוכן, ווײַל אַלע האָבן געפֿילט, אַז אויב אַזאַ זאַך איז געשען, איז שוין זוכן ניט שייך, ווײַל דער

בזיון פֿון אַרומלויפֿן און זיך נאָכפֿרעגן וועט זיין גרעסער און די בושה פֿאַר לייטן געטאָפּלט.

אַ סברה, פֿונדעסטוועגן, אַז מ׳האָט אַ ביסל יאָ געזוכט. אַ סברה, אַז שטילערהייט האָט מען די עלטערע דינסט און אסתר־רחל׳ען אַרויסגעשיקט איבער דער שטאָט, אַז טאָמער, אפֿשר, וועט מען זי דאָך אָפּזוכן, ערגעץ אָנ־טרעפֿן, געפֿינען און זי פֿאָרט צוריק אומקערן.

מ׳האָט זיך, ווידער אַ סברה, אויך אַפֿילו געווענדט צו געוויסע טרעפֿער און „נביאים״, צו וועלכע מ׳ווענדט זיך בעת אַ גנבה, ווען עפּעס ווערט פֿאַרפֿאַלן, און קיינער פֿון זיי האָט ניט געוואוסט פֿון גנעסיעס געביין צו זאָגן, און זיי האָבן נאָר פֿאַרשפּראָכן זען געוואויר ווערן, און דערווייל האָבן זיי זיך פֿאַר דער שפּעטערדיקער טירחה געהייסן באַצאָלן.

ס׳איז דערפֿון גאָרניט אַרויסגעקומען, גנעסיעס שפּורן זיינען פֿון יענער שטוב פֿאַרשוואונדן אויף שטענדיק, און איבערגעלאָזט האָט זי נאָך זיך נאָר אירע חתונה־קליידער, וואָס („נאָך אַ לייטישקייט פֿון איר זייט״, האָט מען אין שטוב געשמועסט) זי האָט זיי ניט פֿאַרנומען און האָט זיך באַנוגנט נאָר מיט אירע אייגענע, וואָס זי האָט זיך אויף איר שטעלע דערוואָרבן, אי דאָס אויך נישט מיט אין גאַנצן... זי האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אויך אַלטערן — אַ מאַן אָן אַ ווייב, אָבער דערפֿאַר שוין אין אַ טלית, וועלכן ער האָט באַדאַרפֿט אַנטאָן פֿון היינט אָן ביים דאַוונען... זי האָט איבערגעלאָזט אויך אַ פֿרישן בראָך פֿאַר משה מאַשבער. אַ שטיק פֿון זיין יורדישן גורל, וועלכער האָט אים ניט פֿאַרגונען אַפֿילו אַזאַ זאַך, ווי צו האָבן די הנאה פֿון אַ מצווה — אַ קראַנקן ברודער חתונה צו מאַכן.

יאָ, ווער ס׳וואָלט יענע טעג געזען משה מאַשבער און אויף אים אַ רעכטן קוק געטאָן, וואָלט ער באַמערקט, ווי די בלאָנדע האָר פֿון זיין קאָפּ און באָרד זיינען אים אַ סך סיווער און טונקעלער געוואָרן; און אויך — אַז ער האָט זיך ערגעץ ביי דער פּלייצע אָן עלטערלעכן בויג געטאָן און אַז פֿון אָט דעם בויג, דעם קוים־באַמערקבאַרן, איז זיין וואוקס אויף פֿיל געמינערט געוואָרן, ווי אַ שטוב אַמאָל ערב אַלט־ווערן און אַראָפּזינקען...

## III

# באַנקראָט

אייגנטלעך, איז שוין דער משה־מאַשבער־בוים געווען אין גאַנצן אונ־טערגעהאַקט — אַ האָר איז אָפּגעגאַנגען, אַ מינדסטער שטויס האָט זיך גע־פּאָדערט, ער זאָל זיך איבערקערן צום קראַכן... מ׳האָט אים אָבער נאָך געשאָנעוועט.

— ווער?

— אַפילו אַזוינע ווי אַ צאַלי דערבאַרעמדיקער און שלום־שמאַריאַן, וואָס האָבן זיך געקאָנט בויען פון זיין חורבן, און ווי פון יעדער אַנדער באַנקראָט, פאַר זיך היפּש נוצן ציען. יאָ, כאָטש דאָס איז זייער באַרוף און עבודה — הינטיש נאָכגיין נאָכן שטאַרקן, ווען יענער איז שטאַרק און ווען מ׳קאָן פון יענעמס רויב אַ ביינדל אַריינפּאַקן, און פאַרקערט, ווען ער ווערט שוואַך און ווערט אַליין צו רויב פון אַ מער שטאַרקערן — אויף אים אָנפאַלן און אַ גע־שמאַקן ריס און צופּ טאָן אומרחמנות; — כאָטש דאָס איז דער באַרוף פון די צאַליס און שמאַריאַנס, דאָך האָבן זיי זיך דערפון איצט אָפּגעהאַלטן.

פאַרוואָס?

— ווייל ערשטנס, האָבן זיי דאָ אַליין געשטעקט מיט גרויסע סומעס, און וויסנדיק די ריזיקע פון יעדער סוחרישן קראַך, האָבן זיי געהאָט אַ גרונט צו צווייפלען, צי וועלן זיי אַרויס בשלום מיט זייער אייגן געלט; און צווייטנס, ווייל ווער זיי זאָלן ניט זיין, איז אויף זיי דאָך עפּעס אָנגעפאַלן אַ מורא פאַר משה מאַשבערס שלעק, פון הימל אים געקומענע — ווי פריער דער טויט פון זיין טאָכטער, דערנאָך די געוויסע חתונה פון זיין ברודער פאַר אַ שפּל־המדרגה — פאַר אַן אייגענער דינסט, וועלכע האָט אים, אין דער נאַכט פון דער חופּה, ווי אַלעמען איז באַוואוסט געוואָרן, געוואָרפן, און וואָס האָט אויך, נאַטירלעך, משה מאַשבערן קיין איבעריקן נחת ניט פאַרשאַפט און אים געצוואונגען האַלטן דאָס פּנים טיף צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט; און ווייטער, טאַקע אַליין זיינע געשעפטן, מיט וועלכע ער איז שוין געקומען צום מויל פון אָפּגרונט — אָט דאָס אַלץ האָט אַפילו, זאָגן מיר, ביי אַזאַ, ווי אַ צאַלי און שלום שמאַריאַן געקאָנט אַ ביסל רחמנות דערוועקן.

און... לאָמיר דאָס דערלאָזן, לאָמיר דערלאָזן, אַז ווען צאַלי דערבאַ־רעמדיקער האָט, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע, באַלייט משה מאַשבערס טאָכטער

אויפֿן בית־עלמין און נאָך דעם, ווי מע האָט שוין פֿאַרשאָטן דעם קבר און אַלע זיינען צוגעגאַנגען צו אים, מיט טרייסט־ווערטער, ווי ס'פֿירט זיך, און אויך ער, צאַלי, האָט דעמאָלט דעם געוויסן זאָג געטאָן: „ער זאָל שוין באַהיט זיין פֿון צער, משה מאַשבער״... איז לאָמיר דערלאָזן, אַז אויך צאַלי איז דעמאָלט גערירט געווען, ווען ער האָט געזען, ווי יענער האָט דאָ אַ שטיק פֿון זיין לעבן אונטערן אַנגעהויכטן, ליימיקן בערגל געלאָזט...

לאָמיר דאָס דערלאָזן בנוגע אַ צאַלין, און אַ פּשיטא שוין בנוגע אַלע אַנדערע, פֿיל מער מענטשן, ווי יענער; ווייל פֿאַרט האָט מען זיך נאָך דעמאָלט געפֿירט אַ היפּש ביסל אורפֿאָטעריש און אַלטפֿרענקיש אַפֿילו אין מקח־וממכר[1] — נישט, ווי שפּעטער, ווען האַנדלשאַפֿט, האָט מען געזאָגט, איז ניט קיין ברודערשאַפֿט און ווען רחמנות אין געשעפֿט איז שוין ניט געווען שייך... ניין, דאָרט און דעמאָלט איז אין אַזוינע פֿאַלן, ווי דאָ, ביי משה מאַשבער, אַ מער בעסערע באַציאונג, מער פֿילבאַרקייט און מער רחמנות נאָך יאָ אַמאָל געווען צו דערלאָזן.

נו, איז האָט מען דערום אויסגעוואַרט, משה מאַשבערן — סיי די פֿאַרמעגלעכע, וואָס זיינען אומשטאַנד צו וואַרטן, און סיי אויך אַפֿילו די, וואָס ניט, און וואָס, ווי מיר האָבן שוין אין אַן אַנדער אָרט געזאָגט, האָבן די לעצטע ביסלעך אָפּגעשפּאָרטע געלטן צו אים געטראָגן, ווי צו אַ גרויסן בטוח, און אין וועלכע זיי האָבן זיך איצט, אין אַ געענגטער צייט, שטאַרק גענויטיקט.

*

יאָ, די צייט איז געווען אַ שווערע. דאָס יאָר אַן אומגערעטעניש. די קויף־ און פֿאַרקויף־פֿעאיקייט פֿון די פּויערים פֿון גאַנצן קאַנט אָרום אַ נישטיקע, און סוחרים, אַפֿילו גרויסע, זיינען אומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, בפֿרט קליינע, ביי וועלכע ס'האָבן די לעצטע גראָשנס אין די בייטעלעך געטאָגט.

ס'פֿאַרשטענדלעך, אַז ווער פֿון אָט די קליינע האָט ווען אַמאָל עפּעס אָפּגעלייגט אויפֿן שלעכטן טאָג, האָט עס איצט געמוזט אַרויסבאַקומען — אָדער פֿון דער אייגענער באַהעלטעניש, אָדער פֿונעם רייכן בטוח, וועמען ער האָט פֿאַרטרויט.

די צרה פֿאַר אַזוינע לייט איז דעמאָלט געקומען אין צווייען: אויסער וואָס מ'האָט נישט פֿאַרדינט, ווייל ס'איז ניט געווען ביי וועמען, איז נאָך דער יקרות געוואַקסן, און ביי די קלייטן פֿון מעל, אַ זונטאָג אָדער אַן ערב־שבת, ווען מ'האָט ניט געדאַרפֿט באַקן ברויט אויף אינדערוואָכן, אָדער חלה אויף שבת, האָט מען געקאָנט זען פֿיל פֿאַרזאָרגטע פּנימער פֿון ווייבער,

---

[1] האַנדל.

וועלכע זיינען געקומען מיט געמיינע מזומנים, אין אָרעמע קניפּלעך געבונדן, וואָס האָבן אויף זייערע מעל־באַדערפענישן נישט געקלעקט.

דאָס זעלבע איז געווען צו זען אין יאַטקע, ביי די קצבים, וואו אַזוינע סאָרטן ווייבער פלעגן מוזן אוועקקוקן פון פריש פלייש פון אַ היינטיקער שחיטה, מחמת זיי האָבן נישט געקאָנט קומען צו דעם, און דער עיקר פלעגן זיי האַלטן געווענדט די אויגן צו אַ נעבטיקן, אייערנעבטיקן נשאר, אַ פאַר־שוואַרצטן, אַ פאַרטריקנטן, צו אַ בלויען מילץ, אָדער צו אַ העסלעך־אויס־זעענדיקער פליאַקע. זיי האָבן זיך מער ניט געקענט פאַרגינען, און אויב אַ גאַנצע וואָך האָט מען זיי בכלל ניט געקאָנט געפינען ביי די קלעצער פון די קצבים, איז אָבער אַ דאָנערשטיק אָדער אַ פרייטיק, ווען מ'האָט כאָטש איין מאָל אין וואָך — שבת — געוואָלט פאַרזוכן דעם טעם פון פלייש, זיינען אויך דעמאָלט די גוטע חלקים נישט געווען צוטריטלעך פאַר זיי, נאָר דאָס פאַרלעגערטע און דאָס לעצט ביליק־קאָסטנדיקע.

אַזוי אויך ביי די שטעלן פון גרויפּן, וואו אַט די ווייבער פלעגן שטיין, קוקן, אָפּקומען מיט אַ זיפץ פון נישט האָבן די מעגלעכקייט זיך דערשלאָגן צו עפּעס רעכטס, אויסער צו אַ ביסל הירזש פול מיט קוקיל און צו רעטשענע גרויפּן צוזאַמען מיט סיטשקע.

ס'איז געווען ווינטער, און מ'האָט באַדאַרפט זען אַט יענע מינים ווייבער ביי אַ שטאַטישן סקלאַד פון האָלץ, וואָס קהל האָט געעפנט אויף צו באַזאָרגן אָרעמע לייט מיט הייצונג: וואָס פאַר אַ האָלץ, און וויפיל, אַזאַ אַ פרוי האָט אַמאָל אַליין, און אַמאָל מיט דער הילף פון אַ קליין קינד, פון דאָרט אַרויס־געטראָגן: אַ הוליאַק אָדער אַ פּאַשינע, אַמאָל צוויי, אָבער אַלנפאַלס נישט אויף איבערהייצן זיך...

מ'האָט אויך באַדאַרפט הערן די געשפּרעכן, למשל, פון שוסטער — ווען זיי פלעגן זיך אַ פרייטיק פאַרנאַכט צונויפקלייבן צו אַ שלום־אַהרון דעם ווייִנשענקער, ווי מ'איז געוואוינט אין די גוטע צייטן, ווען באַשטעלונגען זיינען לרוב און ווען מ'קומט נאָכן אָפּטראָגן די אַרבעט צו שלום־אַהרונען אויסטרינקען, — איצט אָבער, ווען באַשטעלונגען ווייניק און נאָר אייניקע גליקלעכע האָבן געהאַט צו צאָלן פאַר דער משקה, זיינען זיך פונדעסטוועגן אויך פיל נישט־גליקלעכע צונויפגעגאַנגען — אָדער מיטן מיין, אַז די גליק־לעכע זאָלן זיי מכבד זיין, אָדער אַז שלום־אַהרון זאָל געבן אויף באָרג, ווייל אויב ניט, וואָלט איצט, אין אַ צייט פון קורצע פאַרדינסטן, דער „ווימאַ־ראַזוק" — דאָס שוסטערשע געטראַנק — געשימלט פון אומגעברויך און פון נישט האָבן ווער צו דאָס צו פאַרהאַנדלען.

מ'האָט באַדאַרפט הערן די רייד און אויסגעשרייען פון די שוסטערס, איידער זיי האָבן זיך אָנגעטרינקען, בפרט שוין בעתן טרינק, ווען די אויגן האָבן געפלאַמט און די צונגען האָבן זיך אויפגעבונדן, ווי אַזוי מ'האָט אין

שיכּרות זיך די צרות אויסגערעדט, דערמאָנענדיק מיט מורא די ווייבער, וואָס אַז זיי וועלן אַהיים קומען מיט ליידיקן, וועלן יענע זיי באַפאַלן פון האַרצוויייטאָג, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס שבת צו מאַכן.

— אַ רוח אין אייער באָבעס געפּגרטן שקראַב אַריין! — האָט זיך דעמאָלט ביי שלום־אַהרונען אין ווײנשענק אַ קול איבער אַלע קולות אַמאָל אַרויסדערהערט. — שוסטערס זענט איר? פלעכט און למדנים! שיך און פּאַנטאָפל נייט איר? באָרוועס וואָלטן זיי געגאַנגען! די גאַנצע שטאָט באָר־וועס! וואָסי? ר׳ דודי איז קליין דאָס מויל עפענען־און זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר קבצנים, און יעקב־יוסי איילבירטן איז קראַנק אויפשנורעווען דעם בייטל!...

— גערעכט — האָבן זיך געפונען בעלנים פון צווישן די טרינקער, וואָס האָבן דעם שרייער אונטערגעהאַלטן, אָבער מ׳האָט געזען, אַז ווייטער גייט עס ניט און אַז ביי אָט דעם אָנמעכטיקן „גערעכט" וועלן זיי בלייבן, מחמת די נויט האָט זיי דערשלאָגן און זיי זעען ניט קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר צו טרינקען דעם „ווימאַראַזעק" פאַר מזומן אָדער אויף באָרג ביי שלום־אַהרונען...

אָט אַזוי די לאַגע דעמאָלט ביי שוסטערס, אַזוי אויך ביי אַנדערע באַל־מעלאָכעס, ווי אויך ביי נישט באַלמעלאָכעס, ביי קליינע קרעמערלעך, ביי שטעל־הענדלער, וועלכע לעבן איינס פונעם אַנדערן און אַלע צוזאַמען — פונעם דאָרף, און דאָס דאָרף — טויט און אין שטאָט וויזט זיך ניט קיין פוס פון קיין פויער...

פאַרשטענדלעך שוין, חזרן מיר איבער, אַז ביי וועמען פון אָט אַזוינע לייט און אָרעמע מענטשעלעך ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אַ קליין קניפּל אויף אַ שלעכטער צייט און זיי האָבן דאָס אָוועקגעלייגט ביי גרויסע בטוחים אויף קליינע פּראָצענט, האָבן דאָס איצט געמוזט צוריק אַרויספאָדערן.

פאַרשטענדלעך דערום אויך, אַז צו משה מאַשבער אין קאַנטאָר האָבן זיך די לעצטע צייט אַזוינע אָרעמע בעלי־חובות געגומען ווייזן וואָס אָפטער און פאַראומערטער: — אויב די זמנים פון זייערע וועקסלען זיינען זיי שוין אויסגעגאַנגען — איז מיט רעכט, און אויב ניט — איז מיט בקשות און האַלבע תחנונים, אַז טאָמער, הייסט עס, קאָן מען זיי פאַר דער צייט זייערע חובות סילוקן, אויב ניט אין גאַנצן, איז כאָטש אַ טייל.

דעמאָלט אָבער, ווען משה מאַשבערס טאָכטער איז געווען קראַנק, פלעגן זיי אין קאַנטאָר ניט טרעפן נישט משה מאַשבער אַליין, ווי אויך ניט זיין איידעם נחום לענטשער, צו וועמען זיי זאָלן זיך קאָנען ווענדן, און די אָנגעשטעלטע האָבן זיי אַלע מאָל אָפּגעשטופּט מיט אַ שטרוי, זיי גערעדט דאָרטן: „זיי זעען דאָך... ס׳איז איצט ניט אין זינען..." דערנאָך, ווען די טאָכטער איז געשטאָרבן און אַז מ׳איז געקומען צו דער טיר פון קאַנטאָר און מ׳האָט זי

געטראָפֿן געשלאָסן, האָט מען זיך אויסגעקערעוועט צום אָוועקגיין און מ'האָט זיך אַליין געזאָגט: נו, יאָ, אַן אומגליק... דערנאָך, אין משך פֿון „שלושים", ווען אויך דעמאָלט פֿלעגט זיך משה מאַשבער און זיין איידעם שיטערלעך און גאָר זעלטן ווען ווייזן אין קאַנטאָר, איז נאָך אויך געווען אַ תּירוץ, אַז מ'זאָל אין אַזאַ צייט ניט איבעריק צושטיין און זלידגיש נישט וועלן מאָנען.

אָבער שפּעטער אַ ביסל, נאָך דעם, ווי אויך יענער חודש איז אַריבער און ווען פֿאַר די אָרעמע בעלי־חובֿות איז שוין קיין תּירוץ נישט געווען, און די נויט איז זיי צום גאָרגל צוגעטראָטן — אָט דעמאָלט האָבן זיי זיך שוין גענומען אָנגיין גאַנצע שיירות, ווען זיי האָבן ניט געטראָפֿן משה מאַשבער אין קאַנטאָר, האָבן זיי אויף אים לאַנגע שעהן געוואַרט, און ווען יאָ, האָבן זיי אים באַלאַגערט און ניט געוואָלט אָפּטרעטן; יענע, וואָס זייערע טערמינען זיינען שוין געקומען, האָבן געפֿאָדערט, און די, וואָס נאָך ניט, האָבן געבעטן און געכניקעט... אָט דעמאָלט האָט איין מאָל נחום לענטשער, משה מאַשבערס איידעם, אָפּגערופֿן זיין שווער משה מאַשבער אין אַ ווינקל און אים פֿאָרגע־לייגט, אַז אַזוי ווי ס'איז לעצט און אין ברירה און קיין הילף פֿון ערגעץ אַנדערש איז ניט צו זען, איז אפֿשר וואָלט מען זיך געווענדט צו יעקבֿ־יוסי איילבירטן נאָך הילף...

ס'איז גרינג צו זאָגן „צו יעקבֿ־יוסין"...

*

אַ קליינע פּאָר שטריכן צו יעקבֿ־יוסיס פּאָרטרעט:

ווי זעט ער אויס?

שוין אַריבער די זעכציק, מיט פֿול־געפּאַקטע, גלייכע אַקסל, מיט אַ ווייסער זאַט־זויבערער, נישט לאַנגער באָרד, אַ גאַנצע וואָך אין אַ שוואַר־צער קאַפּאָטע פֿון גוטן ענגלישן שטאָף, און שבת — אין אַטלאַס, איז שטאַרק רייך, דער רייכסטער אין שטאָט, מיט דער גרעסטער ליי־קאַנטאָר, אויך מיט אַנדערע געשעפֿטן.

אויסערלעך זייער שטיל און באַשיידן, אָבער אויך מיט שטאַרק גבֿירישע קאַפּריזן.

מיט אַ פֿיינער השגה, צו האָבן די שענסטע ספֿרים מיט די רייכסטע איינגבונדן און מיט גאָלד־געפּרעסטע אותיות אויף די טאָוולען און רוקנס; אויך מיט גוסט צו שטייגער־ און קולט־זאַכן, ווי צו אַ גרויסער, גאָלדענער אתרוג־פּושקע מיט אינקרוסטירטע בילדער, ווי דער באָרג ציון און ירו־שלים, ספּעציעל ביי ייִדישע באַלמעלאַכעס באַשטעלט; ווי אויך אַ חנוכּה־לאָמפּ, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ האַלבע וואַנט מיט זיין שווער־וואָגיקן זילבער־

---

[1] שאַיאַרויס — כאַפּטעס.

נעם געשטעל און מיט די ברייט צעוואָרפֿענע רערן, אויך פֿון זילבער, אין דער פֿאָרם פֿון הירשענע האָרנס.

אויך מיט אַ פֿאַרגעניגטער נטיה צו נגינה... יעדערס מאָל, שבת אָדער יום־טוב, נאָך דעם, ווי ער האָט פֿריער אָפּגעדאַוונט אין זיין קליין שולעכל מיט אַ געציילטן מנין אין גבירישער־אָפּגעזונדערטער מנוחה, פֿלעגט ער זיך אַוועקלאָזן אין דער באַוואוסטער אַלטער שול, צום באַוואוסטן חזן, „ירוחם דעם גרויסן", וואו ער פֿלעגט זיך כּסדר אַוועקשטעלן אין מערב־זייט און זיך ניט לאָזן אַרויפֿבעטן אין מזרח, וואוהין דער שמש און די גבאים פֿלעגן אים אַרויפֿרופֿן; און דאָרט, אָנגעשפּאַרט אין אַ וואַנט אָדער אין אַ שטענדער, פֿלעגט ער מיט פֿאַרמאַכטע אויגן זיך גוט־גוט איינהערן אינעם געזאַנג אַמאָל אַליין פֿון חזן און אַמאָל אין דער באַגלייטונג פֿון זיין משוררים־כאָר; דערביי האָט ער אַלע מאָל געהאַט זיין אַטלעסענע זשיפּעצע נאָר אויף איין אַרבל אָנגעטאָן און דער אַנדערער האָט אים לוידיק אַראָפּגעהאָנגען — ווי ס'ווייזט אויס אויך איבער עפּעס אַ גבירישן קאַפּריז.

אויך אַ שטיק למדן — נישט נאָר פֿאַר קליינע רבנים נישט פֿאַרשעמט צו ווערן, נאָר אַפֿילו ניט פֿאַר אַזאַ, ווי ר' דודי — סיי מיט וויסן ווי אַזוי אַ געוויינטלעכע שאלה צו פּסקענען און סיי צו קענען אויף אויסנווייניק גאַנצע טיילן פֿון „חושן משפט" און „יורה דעה". ער איז אויך געווען אַ ידען אין אַנדערע זאַכן, אין וועלכע רבנים שטייען אָפּ, ווי אין „תכונה" און „מדידה",[1] וואָס ער האָט שוין געהאַט זיינע אָפּגעדונגענע קבצנים־קענער, מיט וועמען ער פֿלעגט זיך אַמאָל וועגן יענע ענינים אַמפּערן.

אויך אַ בעל־יחוס, ער האָט אַליין געשטאַמט נישט פֿון אַבי וועמען און דער עיקר האָט ער זיך געבונדן און געטאָן שידוכים מיט הויך־שטאַמענדיקע — מיט גרויס־באַוואוסטע, גוטע יידן פֿון הי, פֿון ראַכמיסטריווקע און קאַרלין, און פֿון אויסלאַנד — פֿון סאַדיגורע און שטיפֿינעשט.

מ'האָט אים, נאַטירלעך, מקנא געווען, און אַז מ'האָט אים געזען שטיין שבת־יום־טוב אין דער אַלטער שול אין מערב־זייט אין דער אַטלעסענער זשיפּעצע אויף איין אַרבל אָנגעטאָן, ווי ער לאָזט זיך ניט אַרויפֿבעטן אין מזרח, האָבן פֿיל אויגן געקוקט אויף זיינע געפּאַקטע אַקסל, ווי אויך אויף זיין וויסן למדנישן שטערן, וועלכער האָט זיך אים געמיינעט אין מתיקות פֿון פֿאַרשטיין און הנאה האָבן פֿון נגינה.

דער עיקר אָבער האָט מען אים מקנא געווען אויף זיין רייכקייט, וואָס מען האָט דאָס געשאַצט אין גרויסע אַלפֿים[2] און וואָס ער האָט דאָס געהאַט הן אין מזומן, הן אין זיינע אייגענע געשעפֿטן און הן אין פֿאַרשיידענע שותּפֿותן

---

[1] אַסטראָנאָמיע און געאָמעטריע.

[2] טויזנטער.

מיט פרעמדע. אויסער פריצישע מאיאָנטקעס. ביי אים פאַרזעצט, אויסער מויערן, פּלעצער, דירות פון היגע באַלעבאַטים, איבערגעשריבן אויף זיין נאָמען, האָט ער נאָך געהאַט זיין אייגענעם באַוואוסטן מויער אין שטאָט, אַ שטיק פּאַלאַץ, מיט עטלעכע שטאָקן, וועלכע ער האָט אויסגעבויט פאַר זיך און זיין משפחה — פאַר יעדערן פון זיינע היגע, אַדער אויסלענדישע, שניר און איידעמס אַ באַזונדער שטאָק, ווי זיי זיינען געוואוינט געווען ביי זייערע גוט־יידישע רייכע טאַטעס.

ער האָט זיך אַפילו פאַרגונען צו האָבן צוויי פּאַיעטאָנען: איינעם אַ קליינעם, מיט אַ הויכלעכן געזעס, אַ מין קאַבריאָלעט, צו זיין אייגענעם גע־ברויך; און אַ צווייטן, אַ פלאַך־צעפּענטן, מיט וויס־טייערן שטאָף געבעט דער פון פאָרנט און דער אַנטקעגן, וועלכן ער פלעגט נוצן זעלטן, אויסער נאָר ווען אַ יונגער אויסלענדישער שנור האָט זיך אַמאָל פאַרוואָלט אַ זומער פאַרנאַכט צו מאַכן אַ שפּאַציר; אויך ווען אַ גרויסער גוטער ייד איז אָנ־געפאָרן און זיינע אָנהענגער האָבן אים באַדאַרפט מקבל־פנים זיין מיט גרויס כבוד; און אַמאָל אויך האָט די שטאָט־אַדמיניסטראַציע און באַאַמטע אים געליען, ווען מ׳האָט באַדאַרפט באַגעגענען אַ גובערנאַטאָר, אָן אַרכירעי אַדער אַ מיטראָפּאָליט, ווען יענע זיינען געקומען צו באַזוכן די קריסטלעכע עדה פון שטאָט.

מיט איינעם וואָרט, מקנא זיין איז אים געווען אויף וואָס: תורה וגדולה במקום אחד — תורה און רייכקייטן אין איין האַנט — האָט מען געזאָגט — און די מערסטע טייל שטאָט האָט דערום געהאַלטן די אויגן צו אים און צו זיינע גליקן פאַרריסן און פיל מיילער זיינען געווען פול וואונטש: קרום זיין שאַדן, אויף זיי געזאָגט געוואָרן כאָטש אַ צענטל, כאָטש אַ הונדערט־חלק פון זיין גוטס.

יאָ, אַלץ אמת... אָבער אויסער זיין רייכקייט, אויסער זיין געלערנטקייט און יחוס האָט ער נאָך געהאַט נאָך איינע אַ מעלה, אָבער שוין גאָרניט קיין געהויבענע, וואָס וועגן איר פלעגן זיך די זעלבע, וואָס האָבן אים מקנא געווען, שטילערהייט, צווישן זיך, אַמאָל אַ סודיע טאָן און זי אויך אָנרופן ביים נאָמען די מעלה: אַ שטילער קוילער... — און זע, ווי אַזוי פאַרט זיך דאָס?... האָט מען זיך געסוידעט. יאָ, ער האָט געדינט פאַר אַ שטיק סטראַשידלע און ווי אַ שאַרף־ציינעריקער העכט פאַר אַ געוויסן סאָרט בלאָטע־פישעלעך, פאַר פלאָטעטשקעס — דאָס מיינט מען, פאַר די, וועמען ס׳איז באַשערט געווען אין זיין ציין־געביס אַריינצוטרעפן.

ס׳איז שוין געווען אַ שעה נאָך זיי! דווקא מיט גוטן, דווקא ניט קיין הויך וואָרט צו זאָגן, נאָר אויב עמעצער האָט זיך שטאַרק געבויטיקט און יעקב־יוסי האָט דאָס געוואוסט, ווייל ער האָט געהאַט זיינע מענטשן, וואָס האָבן אים שטענדיק אָפּגעטראָגן, וואָס ער האָט באַדאַרפט וויסן — האָט מען

גלייך געקאָנט זען, ווי אַזוי די גבירישע אַקסל האָבן אים גענומען פֿון דער קאַפּאָטע וואַקסן, דאָס פּנים, ווי אַ פּנים, נאָר אין די קאַרע אויגן און אונטערן הויכן, ווייסן שטערן האָבן אים גענומען אומשפּאַנען עפּעס שאַטנדלעך פֿון חשבונות, וואָס ער מאַכט דעמאָלט אין מוח: נו, יאָ — האָבן די אומשפּאַנענדיקע שאַטנדלעך דעמאָלט באַטייט — ס׳געשעפֿט לוינט...

יאָ, ס׳גרינג צו זאָגן, „צו יעקבֿ־יוסין״... אָבער ווער ס׳האָט געוואוסט זיין ראָלע אין שטאָט און אין גאַנצן קאַנט אַרום, דער האָט אויך געוואוסט זיין שווערע האַנט, וואָס אַז עמעצער כאַפּט זיך אין איר אַריין, איז אַרויסרייסן זיך פֿון איר שוין פֿיל שווערער ווי פֿון אייזערנע צוואַנגען.

ער האָט דווקא יאָ געליען, דווקא אַנטקעגן געקומען אין אַ נויט — ניין, דער עיקר טאַקע אין אַ נויט — ווען יענעם איז שוין דער שטריק אויפֿן האַלדז און אָט באַלד הויבט ער אָן כאָרכלען — אָט דעמאָלט האָט ער זיך מיט זיין הילף באַוויזן, און פֿאַרשטענדלעך שוין, ווי אַזוי דער האַלב־דערשטיקטער, איז דאַנקבאַר געווען, און וואָס פֿאַר אַ געזונטע שטיק פֿעל ער האָט געמוזט לאָזן פֿון זיך אָפּשינדן אויס „דאַנקבאַרקייט״.

אַזוי מיט פּריצים, ווען ער האָט געוואוסט, אַז זיי האַלטן ביי ווערן אויס... אַזוי אויך מיט מלוכהשע באַאַמטע, ווען זיי האָבן זיך פֿאַרשפּילט אין קאָרטן אָדער זיך פֿאַרלעבט ניט לויט זייערע מיטלען און האָבן צעטרענצלט מלוכיש געלט; און אַזוי אויך מיט שטאָט־סוחרים, ווען יענע זיינען אַריין אין קלעם, ניט אַרויסצוקריכן — אָט דעמאָלט פֿלעגט ער זיך אַרויסווייזן ווי אַן אויסלייזער, און דערפֿאַר פֿלעגט ער אַריינכאַפּן אַ שטיק שותּפֿות אין געשעפֿט, אָדער דאָס אין גאַנצן אויף זיין נאָמען איבערשרייבן און דערנאָך אָפּקומען דעם אייגנטימער מיט שיה־פּיהו און אים אין גאַנצן דערפֿון באַזייטיקן. אַזוי האָט ער געטאָן מיט געלט־קאַנטאָרן און האָט אויף אַזאַ אופֿן זיך באַפֿרייט פֿון זייער קאָנקורענץ, געבוי אַזוי, ווי ער פֿלעגט טאָן מיט פֿאַרשווינדלטע און ערבֿ־באַנקראָטירטע פּריצים, ווען זייערע מאַיאָנטקעס פֿלעגן צו אים איבערגיין פֿאַר האַלב די ווערט און אויף גאָר לוינבאַרע קאָנדיציעס: געבוי אַזוי ווי ער פֿלעגט טאָן מיט גרויס־אַדמיניסטראַציע און מלוכה־באַאַמטע — ניט אויף זיי אָפּצווירשהנען, ווי אַנדערע פֿאַרשולדיקטע, נאָר כּדי זיי צו האָבן אין די הענט און זיי אויסנוצן, ווען מ׳דאַרף: אָדער צוליב זיך אַליין, אָדער צוליב אַ שטאָט־עניין, ווען מ׳האָט באַדאַרפֿט זייערע אַ טובֿה.

ער האָט שוין נישט איינעם אַזאַ אַריינגעכאַפּט, נישט איין באַוואוסטער נאָמען איז געוואָרן אויס און איבער אים אַ יורד, מ׳האָט דאָס געוואוסט און זיך געהיט פֿון זיין „הילף״, און געוועגדט האָט מען זיך נאָר ווען שוין לעצט און בלית־ברירה; און יעדערס מאָל, ווען זיין קרבן האָט זיך דערפֿילט ענג פֿאַרקוועטשט פֿון אים אויף נישט אַרויסצוקומען און זיך קיין מאָל נישט

צו ראַטעווען, און ער האָט זיך גענומען בעטן און פֿאַרשטיקטע תּחנונים אַוועקלייגן, אַז יענער, יעקבֿ־יוסי, זאָל זיין לאַגע נישט אויסנוצן און אים צום איבעריקן נישט וועלן דערוואַרגן, טענהנדיק שטיל און געבראָכן:

— ס'טייטש, ר' יעקבֿ־יוסי? אַזאַ ווי איר... איר קוילעט דאָך אָן אַ מעסער... וואו איז ידישקייט? מענטשלעכקייט?

דעמאָלט פֿלעגט יעקבֿ־יוסי זיך אויפֿהויבן פֿון זיין אָרט און בענקל, אויף וועלכן ער איז פֿריער געזעסן און האָט געפֿירט די אונטערהאַנדלונגען מיט זיין קליענט, זיין קרבן, און אַ זאָג טאָן קאַלט, גלייך ער שטייט ניט אין געשעפֿט און גלייך ס'איז אים אַלץ איינס, צי וועט ער דאָס יאָ אָדער ניט מאַכן:

— ס'לוינט ניט? איז ניט... מ'באַשטייט ניט? דאַרף מען ניט!...
און וואָס איז שייך ידישקייט זאָל מען עס זוכן אין „יד־החזקה", און נאָך מענטשלעכקייט זאָל מען קומען צו אים אַהיים, ווייל דאָ, אין קאַנטאָר, וואו ס'האַנדלט זיך וועגן געשעפֿט, איז ער — יאָ, — אַ גזלן — אויב יענעם וועלן אַ טובֿה טאָן און אויב געבן קרעדיט אַ נישט־קרעדיט־פֿעאיקן און אים אַרויסשלעפּן פֿון דער בלאָטע הייסט קוילען מיט אָדער אָן אַ מעסער...

מ'איז געווען געצוואונגען און מ'האָט געמוזט איינגיין אויף זיינע באַדינגונגען, און ווי איז אַוודאי געווען אַזאַ איינעם, אַזאַ כּלומרשט געהאַלפֿענעם פֿון יעקבֿ־יוסין, וואָס אַריינקומען צו יענעם אין קאַנטאָר פֿלעגט ער נאָך מעשה אייגנטימער און אַ ביסל נאָך מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, און אַרויס פֿון איר פֿלעגט ער שוין האַלב מענטש, אַן אויסגעבייטלטער און מיט די אויגן צו די שפּיצן שיך אַראָפּגעלאָזט.

און אָט, צו אָט דעם יעקבֿ־יוסין האָט נחום לענטשער דעמאָלט געראָטן זיין שווער, משה מאַשבער, אַריבערצוגיין און נאָך הילף זיך ווענדן.

ס'גרינג צו זאָגן... משה מאַשבער איז שוין אַזוי אויך געווען פֿאַרשול־דיקט ביי יעקבֿ־יוסין, ווי יעדע קלענערע קאַנטאָר, וואָס אַפֿילו אין גוטע צייטן איז זי געווען אַנגעקומען צו דער מער גרעסערער און רייכערער: איצט אָבער, ווען ער וואָלט זיך באַוויזן נאָך אַ נייער הלוואה — איצט, ווען אַלעמען איז שוין באַוואוסט, אַז ער איז ניט אומשטאַנד צו דעקן אַפֿילו די קליינע געלטער פֿון די קליינע בעלי־חובֿות — איצט וואָלט זיין באַזוך זיך אַנדערש נישט געלאָזט אויסטייטשן, ווי נאָר: אַז ס'האָלט שוין דערביי, ביי וואָס אַלע אין אַזוינע לאַגעס האַלטן, ווען מע גיט אָפּ אַלץ און מע לאָזט זיך ריידן אַפֿילו פֿון אַזאַ זאַך, ווי צו ליקווידירן דאָס געשעפֿט אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופֿן, ד"ה אָדער אין גאַנצן דאָס אָפּטרעטן, אָדער אַרייננעמען אַ שותּף מיט גרויס געלט און אַליין אָפּגיין אין אַ זייט און ווערן אַ מין אַנגעשטעל־טער, מיט קליינע פּראָצענטן און מיט אַ קליינער דעה.

יאָ, און דאָך איז משה מאַשבער באַשטאַנען זיך לאָזן צו יעקבֿ־יוסין, דאָס האָט ער אָבער געטאָן נישט פֿון קיין שטאַרק־אָנגעשטרענגטן ווילן, ווי אַ מענטש, וואָס שטרעבט זיך ראַטעווען ביי אַלע אומשטענדן און קוקט נישט אויף קיינע גוטע אָדער־שלעכטע מיטלען, וואָס מע לייגט אים פֿאָר אָנ־צונעמען צוליב זיין ראַטונעק, ניין, נאָר פֿון שלאַבעריקייט און פֿון אַזאַ אָפּ־געלאָזנקייט, ווי אַ מענטש, וואָס ס'איז אים שוין אַלץ איינס — צי אַ רעטער צי אַ תּלין.

— האַ, צו יעקבֿ־יוסין, זאָגט ער? גוט, זאָל זיין צו יעקבֿ־יוסין...

*

מ'דאַרף דאָ צוגעבן: משה מאַשבער האָט שוין דעמאָלט בכלל אויסגעזען ווי איינער, וואָס ס'האָט אים עפּעס אין קאָפּ איבערגעבראָכן און וואָס אַלץ, וואָס ס'געשעט, גייט אים ניט אָן, רירט קוים זיינע קליידער אָן, ווייל ער איז נישט אויפֿנאַם־פֿעאיק.

מ'האָט דאָס געקענט זען פֿון זיין אויפֿפֿירונג אין שטוב, וואו ער האָט די לעצטע צייט מיט קיינעם, אַפֿילו ניט מיט זיין ווייב גיטעלע, קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. גלייך די ווערטער פֿון מויל זיינען אים אויסגערונען, און אַנשטאָט רייד האָט ער זיך גאָר געמאַכט אַ געוואוינשאַפֿט אומצושפּאַנען ביי די ווענט, זיך רוקן אַמאָל ביי איינער, אַמאָל ביי אַ צווייטער, גלייך ער וואָלט געהאַט עפּעס נאָענט־געהיימע געשעפֿטן מיט זיי...

מ'האָט אויך געקאָנט זען, ווי ער פֿלעגט די לעצטע צייט אָפֿט מאָל פֿאַרבלאָנדזשען אינעם זאַל, דאָרט וואו מ'נעמט אויף געסט, און וואו אַלע פֿיר זייטן פֿון פֿאַל זיינען אויסגעלייגט מיט סטעזשקעס און ביי איינער אַ וואַנט שטייט אַ שפּיגל, ווערליק אַ מענטש די גרויס, און ווי אַזוי אַז ער פֿלעגט דאָרט אומשפּאַצירן און איז פֿאַרבייגעגאַנגען אָט יענעם שפּיגל, פֿלעגט ער זיך מיט אַמאָל פֿאַרהאַלטן, זיך אין אים דערזען, זיך נישט דערקענען און זיך דערשרעקן... ער האָט געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַ פֿרעמדן און ווי אויף אַזאַ, וואָס מ'דערזעט פּלוצלים קומען פֿון עולם־התּוהו... ער פֿלעגט אַ ווײַלע שטיין און קוקן אויף זיין געשטאַלט, האַלב אומזיניק, האַלב אָפּהענ־טיק, ביז ער האָט פּאַמעלעך — פּאַמעלעך זיך אויפֿגעהערט צו באַמערקן און אַזוי, פֿאַרטראַכטערהייט, פֿון דאָרט ווידער אַוועקשפּאַנען און זיך מיט אַמאָל ווידער דערזען און ווידער זיך דערשרעקן.

מ'האָט אויך באַדאַרפֿט זען, ווי אַזוי ער האָט זיך די לעצטע צייט אויפֿ־געפֿירט מיט די אייניקלעך פֿון שטוב, דער עיקר אָבער מיטן עלטסטן, מאירלען, ווען ער פֿלעגט מיט אים זיך אָנשלאָגן.

ער האָט זייער געהאַלטן פֿון מאירלען, פֿילנדיק אין אים אַ געקרענקטן אַנטיילנעמער אין אַלעם דעם, וואָס אין שטוב איז פֿאַרגעקומען ביז אַהער און וואָס ס'שטייט אויך ווייטער פֿאָר.

ער האָט דאָס געזען אין בליק, וואָס יעדערס מאָל פֿלעגט מאירל אָפּ־וועגדן, ווען ער פֿלעגט זיך מיט אים באַגעגענען, און יעדערס מאָל נישט מיט ליידיקן, נאָר מיט טרערן פֿון צער, צוזעענדיק ווי דער לאָמפּ פֿון זיין זיידנס לאַנגאַניק גליק צאַנקט שוין און האַלט ביי אויסלעשן זיך.

משה מאַשבער האָט אים אָפּט דעמאָלט אָפּגעשטעלט, גלייך ער וואָלט אים געהאַט עפּעס צו זאָגן. יענער פֿלעגט שטיין בלייבן, קוקן און אויס־וואַרטן, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך עס תּמיד מיט — „ניין, גאָרניט... האַ, ס'איז דו, מאירל?" פֿלעגט משה מאַשבער אַ פֿאַרטראַגענעם פֿרעג טאָן, גלייך ער וואָלט מאירלען ניט דערקענט, און ווען יאָ, האָט ער אים מער ניט באַדאַרפֿט, ווי אויף נאָר אַ קליינעם גלעט טאָן און מיט אַ גאָרנישט־זאָגנדיקן וואָרט אים אָפּקומען.

אַזוי מיט מאירלען, אַזוי אויך מיט אַלטערן, וועלכער האָט די לעצטע צייט, נאָך דער חתונה, זיך צוריק אין זיין אָפּגעזונדערטן אויבער־שטיבל פֿאַרקליבן, זעלטן ווען זיך אין שטוב געוויזן, און וואָס צו אים פֿלעגט משה מאַשבער דעמאָלט אָפֿטע באַזוכן פּראָווען, אַרויפֿגיין, אָבער לאַנג זיך ניט זאַמען, און סיי ביים אַרויפֿגאַנג, סיי ביים אַראָפּגאַנג האָט ער אויסגעזען ווי פֿאַרטשאַדעט, נישט וויסנדיק נאָך וואָס און צוליב וואָס, אייגנטלעך, ער האָט באַדאַרפֿט צו יענעם.

אַזוי אין שטוב, און דאָס זעלבע אויך אין קאַנטאָר, וואו ער פֿלעגט זיך וויזן אַלע מאָל נישט, ווי געוויינטלעך אַ באַלעבאָס, נישט רעגלמעסיק, נאָר אין פֿאַרשיידענע שעהן. ער האָט זיך אַלע מאָל געווענדט צו אַן אַנדער אַנגעשטעלטן מיט אַ פֿראַגע, און איידער יענער האָט באַוויזן ענטפֿערן, האָט ער זיך אָפּגעקערעוועט און דעם געפֿרעגטן מיט האַלבע ווערטער אין מויל געלאָזט.

צעטראָגן... זייער צעטראָגן... אַזוי ווייט, אַז די לעצטע צייט איז ער אין קאַנטאָר קיין מאָל אויף קיין אָרט ניט איינגעזעסן, נאָר געהאַלטן אין איין אומגיין פֿון זיין אויפֿנאָם־צימער צו די אַנגעשטעלטע, און פֿון דאָרט, ווידער, צוריק, נישט דאַרפֿנדיק נישט דאָ, נישט דאָרט, גאָרנישט; אַזוי ווייט — אַז ער האָט קיין מאָל די טיר פֿונעם געוויינטלעכן קאַנטאָר־אַרויסגאַנג נישט געפֿונען, און יעדערס מאָל האָט ער גראָד אַנגעטראָפֿן צו דער הינטער־טיר, וואָס איז שטענדיק געשלאָסן און אַז מ'האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט און אַ זאָג געגעבן: „נישט דאָ... נישט דורך דאַנען, באַלעבאָס..." פֿלעגט ער זיך אַ כאַפּ טאָן: „אַך, ניין, טאַקע נישט דורך דאַנען". און דאָך האָט ער די קליאַמקע פֿון די הענט ניט אַרויסגעלאָזט, און ווען די טיר איז געווען אויפֿן קייטל פֿאַרשלאָסן, פֿלעגט ער אים אַראָפּנעמען, און דווקא דורך דאָרט, דורך וואַנען קיינער גייט קיין מאָל נישט, האָט ער זיך איצט זיין אַרויסגאַנג געמאַכט...

יאָ, צעטראָגן... זייער צעטראָגן... און אַט אַזאַ האָט ער זיך איצט, לויט זיין איידעמס עצה, צו יעקבֿ־יוסין אַוועקגעלאָזט, און פֿאַרשטענדלעך שוין, וואָס פֿאַר אַ דערפֿאָלג ס׳האָט אויף אים געוואַרט, אין אַזאַ אַ לאַגע גייענדיק צו יענעם.

מאָל דיר, ווען אַפֿילו אַ מער רואיקער און מער מיושבֿער, און ווען אַפֿילו אַ מענטש נישט מיט איין קאָפּ נאָר מיט צוויי וואָלט צו יעקבֿ־יוסין אָנגעקומען, וואָלט אויך יענער גלייך דערקענט צוליב וואָס מ׳האָט זיין שוועל איבערגעטראָטן און וואו דער שוך קוועטשט... בפֿרט דאָ, ביי משה מאַשבער, וואָס איין קליינער קוק האָט גענוגט, אַז יעקבֿ־יוסי זאָל גלייך דערזען, וואו ס׳האַלט און ווי ווייט משה מאַשבער איז שוין אויפֿן שלים־מזלדיקן וועג.

ווי נאָר משה מאַשבער איז אַריין אין קאָנטאַר צו יעקבֿ־יוסין און געבעטן, אַז אַזוי ווי ער האָט אַ נייטיקן ענין און וואָלט וועלן בלייבן אויג אויף אויג מיט אים, און דערום זאָל יעקבֿ־יוסי אַזוי גוט זיין די טיר אָפּשליסן און אַ ווײַלע קיינעם ניט אויפֿנעמען, מ׳זאָל ניט שטערן, און יעקבֿ־יוסי האָט דאָס געטאָן און האָט גלייך אַליין אָפּגעשלאָסן די טיר — אַזוי האָט משה מאַשבער, ווי נאָר ער האָט פֿאַרנומען אַן אָרט אויף אַ בענקל אַנטקעגן יעקבֿ־יוסין, עפּעס גענומען זוכן ביי זיך אין די קעשעניעס...

צי ער האָט באַדאַרפֿט זיין פֿאַטשיילע, איידער ער וועט אַרויסקומען מיט זיין ענין, צי ער האָט געזוכט עפּעס אַ פּאַפּיר, וואָס ער האָט זיך אָנגעגרייט, גייענדיק אַהער — אַ מין קאָפּיע פֿון אַ באַלאַנס, וועלכן ער האָט געזאָלט באַווייזן יעקבֿ־יוסין, אַז יענער זאָל זיך איבערצייגן, אַז אַלץ איז ביי אים, ברוך־השם, אין אָרדענונג און אַז זיין מעמד — נישט צו פֿאַרזינדיקן, און אַז נאָר די שווערע צייט האָט גורם געווען, ער זאָל איצט מוזן אָנקומען; — אַזוי צי אַזוי, נאָר ער האָט זיך גענומען דרייען אין אַלע זייטן, פֿריער געזוכט אין בוזים־קעשעניע, דערנאָך אין די הויזן־טאַשן, וואו ער האָלט קיין מאָל גאָרנישט, און ער האָט זיך אַפֿילו אויפֿגעהויבן פֿון זיין בענקל, אַ קוק צו טאָן, צי ער האָט דאָרט נישט ליגן דאָס געזוכטע...

ער איז באַלד מבֿולבל געוואָרן, צוזעענדיק, ווי יעקבֿ־יוסי קוקט שוין אויף אים גלייך צום אָנהויב אָן מיט ביליקן מיטלייד, ווי אויף איינעם, וואָס מיינט זיך האַלטן אין דער מעלה און וויל נישט אַרויסווייזן זיין פֿאַרלוירנקייט, אָבער ס׳גיט זיך אים ניט איין און פֿון נישט קאָנען זיך באַהערשן ווערט ער נאָך מער צעטומלט און פֿאַרלוירן.

משה מאַשבערס צעטומלונג האָט זיך טאַקע באַלד אַרויסגעוויזן, ווען ער האָט גענומען, שטאַמלענדיק, אויסלייגן פֿאַר יעקבֿ־יוסין, וואָס ער וויל. — ער איז געקומען בעטן — האָט ער געזאָגט, — אויב ס׳איז מעגלעך, אַ געוויסע סומע נאָר אויף אַ קליין שטיקל צייט, ביז לכשירחיבֿ, ביז די געשעפֿטן, הייסט עס, וועלן זיך פֿאַרבעסערן, און ער וועט זיין אומשטאַנד צוזאַמען מיטן

פֿריערדיקן חוב אויך דעם איצטיקן אומקערן... ער וועט געוויס זיין אומ־שטאַנד... ס׳איז גאָר קיין ספֿק נישט... יאָ, און נאָך וויל ער זאָגן, אַז פֿון קיין פּראָצענטן פֿאַר דער הלוואה רעדט ער איצט נישט — ער וויל ניט ריידן... ער וועט זיך ניט שטעלן, און דאָס הייסט — אַז ער איז גרייט צו געבן וויפֿל יעקב־יאָסי וועט אַליין פֿאַרלאַנגען, אויב ער גייט איין און אויב ס׳גייט אים נאָר אינדרינגען...

ער האָט אַוודאי אַ גאַרישקייט געטאָן, משה מאַשבער, ווען ער האָט געזאָגט, אַז פֿון פּראָצענטן רעדט ער ניט... ס׳ניט קיין גאַנג און גאָרניט מעשה סוחר, אַפֿילו ווען מ׳האַנדלט ניט מיט אַזאַ מבין אויף לאַגעס און אויף זאַכן, ווי אַ יעקב־יוסי; ווייל דאָס פֿאַרשטייט דאָך אַ ליאַדע ווער, אַז ווער ס׳איז באמת אין דער מעלה און ווען ס׳קוועטשט ניט איבעריקס, דער וועט געוויס ניט מסכים זיין צו געבן מער פֿון דער נאָרמע, וואָס איז איינגעשטעלט פֿאַר בטוחים... מ׳וואַרפֿט זיך ניט מיט פּראָצענטן, און ווער ס׳איז ניט קיין שווינדלער און האַלט נישט ערב־אַנזעצן, דער דינגט זיך און באַשטייט אויף זיינעם, ווייל אויב ניט ביי דעם, וועט ער, זיכער, קריגן געליען ביי אַן אַנדערן.

— ניין, נישט אין קיין פּראָצענטן גייט דאָ, נאָר אין קרן... — האָט יעקב־יוסי, אויסהערנדיק משה מאַשבערן, אין מיטן אַ וואָרט, אַ מין זייטיקע באַמערקונג אַריינגעשטעלט.

— אין קרן? אַוודאי אין קרן! וואָס־זשע? יעקב־יוסי איז, חלילה, מסופק אין אים, אין משה מאַשבערן, מיט וועמען ער האַנדלט שוין אַזוי לאַנג און ווייסט, אַז ער האָט זיך ביז אַהער, גאָט זיי דאַנק, מיט אַלעמען אויסגע־האַנדלט, ווי ס׳געהער.

— ניין — האָט אים יעקב־יוסי די רייד איבערגעשלאָגן און אים פֿאַר־זיכערט, אַז ער מיינט, חלילה, ניט קיין בייז און אַז ער איז גאָרניט חושד... ער מיינט נאָר, אַז פּראָצענטן שפּילן איצט ניט קיין ראָליע, און אַז אויך אַ מענטש מיט אַ גוטן נאָמען איז קיין באַוואָרעניש, ווייל אַפֿילו דער, וועמען מ׳האָט ביז אַהער געטראָגן פֿון אַלע זייטן, ווי אַ גוטן בטוח, און אים געבעטן נעמען, ווייל יענעמס וועקסלען זיינען קוראַנט ווי מזומנים, איז איצט זיינען ניטאָ די טרעגער: געלט איז אין גרויס חשיבות, מ׳לאָזט עס פֿון די הענט ניט אַרויס, מ׳גלויבט ניט, ווייל ס׳איז טאַקע שווער צו גלויבן.

— וואָס רעדט ר׳ יעקב־יוסי? — האָט משה מאַשבער אומרואיק פֿון בענקל זיך אַ הויב געטאָן און פֿאַרוואונדערט אַ פֿרעג געגעבן.

— חלילה, ער מיינט ניט אים, ער מיינט בכלל... און וואָס געהער אים, יעקב־יוסין, איז ער איצט אויך געענגט. ער מאַכט קיין געשעפֿטן ניט. און אויב ער וואָלט יאָ געמאַכט, איז נאָר אין אַן אויסנאָם, אי דאָס אויך מיט אַ באַדינג: זיך גוט באַוואָרענען.

— מיט וואָס, למשל? — האָט משה מאַשבער, כאָטש צעטומלט, דאָך דערזען, וואוהין יעקב־יוסי צילט.

— מיט וויסן וואוהין די הלוואה וועט אַהינקומען און אויף וואָס זי וועט אויסגענוצט ווערן.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז אויב די הלוואה ווערט געגעבן יענעם צו הילף און זיך ניט צום שאָדן, איז מהיכי־תיתי, און אויב ניט, איז דער, וואָס גיט אַלע מאָל, בפרט איצט — אַ חסר־דעה. ער פאַרשטייט דאָך, משה מאַשבער, אַז ס׳זיינען פאַראַן הלוואות, וואָס פאַרזינקען ווי אין אַ גרוב: די לאָך איז צו גרויס, אַז דאָס, וואָס מ׳גיט אַהין אַריין, זאָל זי פאַרפולן... ס׳איז ניט זיך און ניט יענעם.

— איז פון וואָס זשע פאַר אַ באַוואָרעניש רעדט ער?

— ער וואָלט, פאַר אַלעמען, זיך געוואָלט באַקאַנען מיטן געשעפט, זען, ווי ס׳האַלט: מיט וויפל דער אייגנטימער האָט דאָרט צו שטעקן און אויף וויפל איז ער הינטערשטעליק. און דעמאָלט, אויב ס׳וואָלט געלוינט, אויב דאָס געשעפט וואָלט זיך געלאָזט מאַכן, וואָלט ער, יעקב־יוסי, צו דעם צוגעשטאַנען ווי אַ שותּף.

— ניין, דאָס ניט! — האָט משה מאַשבער זיך אַ כאַפּ געגעבן און מיט אַמאָל אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן, אי זיך אַליין, אי אַז אויך יעקב־יוסי זאָל דאָס דערהערן.

— וואָס ניט?

— שותּפות... שותּף איז מען מיטן ווייב, שותּף מיט די קינדער, שותּף איז ער, לסוף, מיט גאָט, אָבער מער מיט קיינעם. ניין, ס׳ניטאָ פון וואָס צו רעדן...

— ניט, איז ניט — האָט יעקב־יוסי אַ זאָג געטאָן און ביידע האָבן זיך פון די בענקלעך אויפגעהויבן, ווייל די אונטערהאַנדלונגען זיינען איבערגע־ריסן געוואָרן שוין גלייך צום אָנהויב...

*

מחמת צאַלי דערבאַרעמדיקער איז געווען אַ גראָבער פליגל און אַ שלעכט־פאַרשעמטער פאַר זיין שלעכטן באַגיין זיך מיט אָרעמע לייט, וועלכע ער פלעגט לייען קליין־געלט פאַר גרויס־באַרייסערישע פּראָצענטן; און מחמת ער איז, חוץ דעם, אויך געווען אַ ווילדער עם־הארץ, וואָס חוץ געלט־זאַכן האָט ער כמעט ניט געוואוסט קיין קמץ־אלף — האָט ער דערום אין אַזאַ שטוב, ווי צו יעקב־יוסין, קיין מאָל קיין צוטריט ניט געהאַט. אין קאָנטאָר — יאָ, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן געלט־אָפּעראַציעס, קורסן, אַקציעס,

פּאַפּירן, פּראַמיל און ענלעכע, אָבער, וויסנדיק זיין מינדערווערט, האָט ער צו יעקבֿ־יוסין אין שטוב זיך קיין מאָל נישט געוויזן.

אויבּ־זשע ער האָט אין איינעם אַ פֿרימאָרגן, מיט איינינקע טעג שפּעטער נאָך משה מאַשבערס באַזוך ביי יעקבֿ־יוסין, זיך יאָ דערלויבט יעקבֿ־יוסיס שוועל איבערטרעטן, איז אַ סימן, אַז גאָר אַ וויכטיקער ענין האָט אים דערצו געשטויסן.

יעקבֿ־יוסי איז ווי אַלע מאָל אין דער פֿרי געווען אין בלוי־פּלאַנעלענעם כאַלאַט, מיט עטוואָס צענומענע פּאָלעס, שוואַך אונטערגעבונדן מיט אַ גאַרטל פֿון זעלבן שטאָף, ווי דער כאַלאַט.

ער איז געזעסן אין עס־שטוב, גרויס ווי אַ פֿעלד, וואָס בשעת ער האָט געבויט דעם מויער האָט ער זי אין זינען געהאַט צו פּלאַנירן — פֿריער אויף פּאַפּיר, דערנאָך, בעת דער בויאונג, אומצוגיין, מעסטן און באַווייזן די באַלמעלאָכעס די ברייט און די לענג, וועלכע ער באַגערט צו האָבן, און וואָס דאָס איז, אָגב, אויך געווען איינער פֿון זיינע גבירישע קאַפּריזן: אַלע צימערן, ווי אַלע, נאָר דאָס עס־צימער זאָל אים זיין איינס אין שטאָט — פֿאַר אים, פֿאַר געסט און אויף שמחות, און צוגעפּאַסט צו דער גרויס פֿון אָט דעם צימער האָט ער באַשטעלט ביים באַשטענדיקן סטאָליער אַ דעמבענעם טיש אויף אַ צען־צוועלף מענטשן די ברייט און אויף דרייסיק אין דער לענג — זיין געוויינטלעכע גרויס, און בעת אַ שמחה האָט ער זיך געלאָזט צערוקן און כמעט צוויי מאָל לענגער ווערן.

יעקבֿ־יוסי איז געזעסן ביי אָט דעם טיש, וואָס פֿון איין עק צו צווייטן האָט מען באַדאַרפֿט אַריבערשרייען. ווייל געוויינטלעך האָט דאָס קול ניט דערגרייכט. ער איז געזעסן ביי אַ זודיקן סאַמאָוואַר, ביי איינעם פֿון די דריי, וועלכע מ׳האָט אין פֿאַרשיידענע צייטן גענוצט: איינעם אַ הויך־מעשענעם, ווי אויף אַ וואַקזאַל, אויף אַ גאַנץ יאָר; אַ צווייטער, די זעלבע גרויס, אויך פֿון מעש — אויף פּסח, און אַ דריטער, עטוואָס קלענער, נאָר פֿון זילבער, ווען ס׳איז אַ געהויבענע שמחה, אויף ווייך קאָכן.

ער איז געווען אַליין, ווייל זיינע שטוב־אייגענע פֿלעגן שפּעט אויפֿשטיין און מערסטנטייל פֿלעגט מען זיי ברענגען די טיי אין די באַזונדערע וואוינונגען אין באַזונדערע טשייניקעס, אויף טאַצן. ס׳איז געווען מיט אים נאָר זיין משרת, וועלכער פֿלעגט אים באַדינען — אַמאָל דאָס טאַבעק־פּושקעלע דערלאַנגען, אַמאָל דאָס פּוס־בענקעלע אונטערטראָגן, אַמאָל אַנדערע זאַכן.

אַז צאַלי דערבאַרעמדיקער האָט באַדאַרפֿט אַריין צו יעקבֿ־יוסין, האָט ער זיך געפֿילט ניט איבעריק פֿריי. צוגעגאַנגען צו יעקבֿ־יוסיס טיר פֿון דער דרויסן־זייט, האָט ער זיך אַ ביסל פֿאַרהאַלטן און זיך אַרומגעקוקט, צי איז ער אין אָרדענונג, צי זיינע שיך דיינען ניט שמוציק. ער האָט אַפֿילו זיך

אויסגעהוסט און דעם גאָרגל ריין געמאַכט איידער ער האָט די שוועל אַרי־בערגעשפּאַנט.

ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן און געקווענקלט נישט נאָר איצט, שטייענדיק פֿאַר דער טיר, נאָר אויך פֿריער, ווען ער האָט לאַנג געטראַכט, צי זאָל ער מאַכן אָט דעם וויזיט, צי ניט, ער האָט זיך אָבער געמוזט באַשליסן.

— וואָס איז די מעשה?

אַ קלאַנג האָט זיך דערטראָגן צו צאַלין, אַז משה מאַשבער האָט שטילער־הייט, נאָך מיט אַ צייט פֿריער, איבערגעשריבן אַלע זיינע געשעפֿטן אויף קינדערס און קרובֿימס נעמען...

מ׳ווייסט נאָך ניט, צי ס׳איז אמת, נאָר פֿאַר אַזאַ ווי צאַלי איז אַליין אָט דער קלאַנג, געווען גענוג, ער זאָל אים אויפֿרודערן און פֿון די כּלים אַרויסברענגען.

אַ קלייניקייט: — ער, צאַלי, וואָס כאַפּט אַריין אַ שטיק פֿון יעדער אַנזעץ, אַפֿילו ווען ער האָט צו אים קיין שייכות ניט — זאָל דאָ אַזוי מיאוס אַריינפֿאַלן און אַזוי אָפּגעפֿריצעוועט ווערן, אַז ניט נאָר ער זאָל ניט באַווייזן אַרויסראַטעווען די געלט פֿון די בעלי־הלוואות. וועלכע ער האָט נאַראיעט משה מאַשבערן, נאָר אַפֿילו זיין אייגן געלט, מיט וועלכן ער איז געבליבן שטעקן, ווי מיט אַ פֿאַרקלעמטן פּוס, אים ניט אַרויסצוכאַפּן.

— פֿע! — האָט ער זיך געזאָגט און זיך געהאַלטן אין איין זידלען — דאָס איז אַן עסק פֿאַר אַלעמען, אָבער ניט פֿאַר אים, וואָס זינט ער איז ער — צאַלי, האָט זיך אַזוינס מיט אים ניט געטראָפֿן און ניט געקאָנט טרעפֿן.

פֿון גרויס ערגער האָט ער ניט געקענט איינשלאָפֿן, און וואַך בלייבנדיק גאַנצע נעכט, פֿלעגט ער אַלע מאָל עפּעס אַ ווילדן ברום אַרויסלאָזן, גלייך ס׳וואָלט אים עמעצער אַ ביס טאָן פּלוצלינג.

— האַ? וואָסי? — האָט דאָס ווייב פֿון אַנטקעגנאיבערדיקן בעט זיך אַלע מאָל אויפֿגעכאַפּט אַ דערציטערטע פֿון זיין אויסגעשריי — וואָסי? ס׳קלינגט? ס׳ברענט?

— ווער ברענט? וואָס ברענט? ס׳ברענט ניט!

— וואָס־זשע שרייסטו?

— איך ברען!

— וואו, וואָס?

— שלאָף, שלאָף, ס׳ניט דיין זאַך, ניט דיין עסק — פֿלעגט צאַלי אויף זיין אופֿן זיין ווייב באַרואיקן און זי ניט לאָזן זיך מישן אין זיינע געשעפֿטן, און אַליין פֿלעגט אויך ווייטער וואַך בלייבן, אַ זיצנדיקער אָדער אַ ליגנ־דיקער, און פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער ווידער אַרויס מיט אַ ברום, ווי פֿון אַ ביס.

אַזוי ביינאַכט, און ביטאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרמרה־שחורהטער און מיט אַ האַלב געשלאָסן מויל, און נישט געוואָלט זיך טיילן אַפֿילו מיט די זיינסגלייכן געלט־מעקלער, ווי מיט אַ שלום־שמאַריאַן, מורא האָבנדיק זיי טרויען און מיט זיי זיך אַן עצה האַלטן; ביז ער האָט נאָך לאַנגן טראַכטן זיך באַשלאָסן און איז אַוועק צו יעקב־יוסין נאָך אַן עצה.

ער האָט געלאָזט וויסן: ערשטנס, צי איז אויך צו יעקב־יוסין דער־גאַנגען דער קלאַנג; צווייטנס, אויב יאָ — איז צי לאָזט זיך עס אים גלויבן; דריטנס, אויב ווידער יאָ, איז וואָס האַלט ער פֿאַר גלייכער: צי מ׳זאָל לאָזן משה מאַשבערן זיך אַליין דערקלערן באַנקראָט, ווען ער, משה מאַשבער, וועט וועלן; צי נייך, צי זאָל מען אים פֿאַרלויפֿן דעם וועג און אים צווינגען זיך דערקלערן, ווען זיי, ווען די בעלי־חובות, וועט דאָס לוינען... נישקשה, מיטלען און מעגלעכקייטן זיינען פֿאַראַן אַ סך, מע זאָל אים דעם לעצטן שטויס טאָן, איידער ער וועט זיך אויסבעטן און זיך ריכטן אויפֿן שטויס.

— אַ גוט מאָרגן — האָט צאַלי אַ זאָג געטאָן, ווען ער איז אַריין צו יעקב־יוסין אין באַוואוסטן עס־צימער און אים געטראָפֿן ביי דער טיי, ביים אויבנאָן פֿון גרויסן טיש. אַ סברה, אַז ער האָט דעם גוט־מאָרגן איבערגע־חזרט צוויי מאָל: צוערשט, ווען ער האָט מיט גרויס אַפּשיי די שוועל אַריבערגעשפּאַנט און מ׳האָט אים נישט דערהערט, מחמת דער צימער צו גרויס, דער טיש — צו ווייט און דאָס אָרט, וואו יעקב־יוסי איז ביים צווייטן עק געזעסן, נישט צו דערגרייכן; און דאָס צווייטע מאָל, ווען ער איז נעענ־טער אונטערגעקומען און זיך שוין גאָר נאָענט פֿאַר יעקב־יוסין פֿאַרגע־שטעלט.

— גוט־מאָרגן, גוט־יאָר — האָט אים געענטפֿערט יעקב־יוסי, וואָס איז געווען פֿאַרנומען מיט דער טיי און האָט נאָך דערצו געהאַט עפּעס פֿאַר זיך ליגן אַ ספר, אין וועלכן ער האָט אַריינגעקוקט. — וואָס וועט ער זאָגן אַזוי פֿרי?

— שעפּסל! — האָט זיך יעקב־יוסי געווענדט צו זיין משרת — אַ שטאַרק־קורצזיכטיקער, צוגעשלאָגענער תּם, וואָס האָט געהאַלטן די רעכטע זייט קערפּער אויף לינקס איבערגעבויגן, ווי אַ קרומע קאַראָמיסלע — גיס אַן טיי, שעפּסל.

— נייך, אַ דאַנק... ער האָט שוין געטרונקען... — האָט זיך צאַלי אָפּגעזאָגט פֿון דרך־ארץ און פֿון נישט היימיש־זיין אין אַזאַ הויז, ווי יעקב־יוסיס — ער איז געקומען וועגן געשעפֿט... — האָט צאַלי געזאָגט און בעת מעשה האָט געכאַפּט עפּעס אַ קוק מיט פֿאַרדאַכט אויפֿן משרת — ער האָט געוואָלט איבעררעדן, אויב מעגלעך, אויג אויף אויג.— האָט ער ווייטער געזאָגט און ווי זיך אָנגעפֿרעגט ביי יעקב־יוסין צי געטרויעט ער זיין באַדינער, אָדער אפֿשר דאַרף מען זיך פֿאַר אים היטן.

— ניין — האָט יעקב־יוסי פֿאַרשטאַנען צאַליס מיין און דערביי האָט מיט גרויס ביטול אָוועקגעקוקט פֿון זיין באַדינער, ווי גלייך יענער וואָלט געווען אַ מין באַלכיי, אַ שטומער צונג, פֿאַר וועמען מע מעג אַלץ זאָגן, אַלץ רעדן, אָן שום מורא.

— ער האָט געוואָלט פֿרעגן — האָט צאַלי דאָס מאָל שוין אַ באַרואיקטער אַ זאָג געטאָן: — צי וואָלט יעקב־יוסי אפֿשר באַשטאַנען איבערטרעטן די וועקסלען פֿון איינעם זיינעם אַ פֿאַרשולדיקטן, וואָס האָלט שמאָל און וואָס, ווי מע שמועסט, וועט ער היינט־מאָרגן, מעגלעך, מאַכן פּליטה... פֿאַר־שטענדלעך — האָט ער באַלד, טאַקע תּוך־כּדי־דיבור צוגעגעבן — אַזוי ווי ס׳איז אַ ריזיקע, דאַרפֿן די וועקסלען אָפּגעגעבן ווערן פֿאַר אַ פֿיל קלענערן סכום, אויף וויפֿל זיי זיינען געחתמעט.

— און ווער איז עס דער פֿאַרשולדיקטער, און ווער איז דער בעלן אויף זיינע וועקסלען?

— דער פֿאַרשולדיקטער איז משה מאַשבער, און דער בעלן איז טאַקע ער — צאַלי.

— און צוליב וואָס טוט ער דאָס?

— וואָס הייסט „צוליב וואָס?” צוליב געשעפֿט!... ס׳טראָגן זיך זייער נישט קיין גוטע קלאַנגען וועגן משה מאַשבער...

— איז לכן? איז דאָך אַדרבא...

— איז וויל ער פֿונדעסטוועגן פּרואוון איינשטעלן.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז אויב די קלאַנגען וועלן זיך אַרויסשטעלן פֿאַלש, איז קויפֿנדיק די וועקסלען פֿאַר אַ קלענערן סכום, אויף וועלכן זיי זיינען אַרויס־געגעבן, וועט ער פֿאַרדינען דעם אונטערשייד... אויב־זשע, פֿאַרקערט, די קלאַנגען זיינען אמת — איז מילא — פּרואווט ער, ריזיקירט ער, ווי אין אַלע געשעפֿטן, ווען מע שפּילט, ווי אין אַ קאָרט.

— יאָ, — האָט יעקב־יוסי אַ זאָג געטאָן — אָבער פֿאַרוואָס מיינט צאַלי, אַז ער, יעקב־יוסי, איז אַ קלענערער איינשטעלער און אַליין נישט קיין ריזיקאַנט.

— אַוודאי איז ער... אַוודאי קאָן ער... ער האָט נאָר געמיינט, אַז אפֿשר וועט יעקב־יוסי ניט וועלן האָבן מיט דעם צו טאָן... אפֿשר איז דאָס פֿאַר אים קיין עסק... אפֿשר וויל ער גיין אויפֿן אייזערנעם בריק און זיך ניט בינדן מיט אַזאַ, וואָס מ׳זאָגט שוין אַפֿילו, אַ סברה, אַז ער האָט, אויס־באַהאַלטענערהייט, איבערגעשריבן די געשעפֿטן אויף פֿרעמדע נעמען, און זיך באַוואָרנט אַזוי, אַז קיינער פֿון זיינע בעלי־הלוואות זאָלן, בשעת ער וועט זיך „שטעלן”, קיין האָר פֿון זיי נישט קאָנען אָנרירן, קיין פֿאָדעם.

— אַזוי שמועסט מען? — האָט יעקבֿ־יוסי זיך אומרואיק פֿון בענקל אַ הויב־געגעבן און אַ פֿרעג געטאָן פֿאַרוואונדערט — אַזוי! — האָט ער ווייטער געזאָגט, און מ'האָט געזען, אַז אָט די ידיעה וועגן משה מאַשבער האָט אים פֿון דער פּרימאַרגנדיקער מנוחה אַרויסגעפֿירט און אים אַפֿילו געשטערט אויף זיין זיץ־אָרט בלייבן.

— שעפּסל! — האָט ער זיך מיט אַמאָל אַ ווענד געטאָן צו זיין תמעוואַטע משרת, וואָס איז געשטאַנען האַלב שלעפֿעריק, האַלב פֿאַרטראַגן, און דאָס וואָס יעקבֿ־יוסי און צאַלי האָבן צווישן זיך געשמועסט, איז אים נישט אָנ־געגאַנגען און האָט דערגרייכט צו זיין אויער, נאָר ווי פֿליגן וואָלטן ערגעץ־ווייטלעך געזשומעט — שעפּסל! — האָט אים יעקבֿ־יוסי אָנגעוויזן אויף דער האַלב־אויסגעטרונקענער און עטוואָס קיל־געוואָרענער טיי — דערגיס... מאַך הייס...

אַ סברה, אַז העלפֿט פֿון דעם, וואָס יעקבֿ־יוסי האָט איצט אויסגעהערט פֿון צאַלין, האָט ער געוואוסט און זיך געשטויסן נאָך דעמאָלט, ווען ער איז געבליבן נאָך משה מאַשבערס לעצטן באַזוך אַליין, און אַ קלער געטאָן, אַז יאָ: יענער האַלט שוין ביים עק... אָבער די צווייטע העלפֿט — וועגן דעם, אַז משה מאַשבער האָט הינטן־אַרום פֿאַרטראַכט אויסנאַרן און אַרומגיין זיינע בעלי־חובות אויף אַזאַ אומלייטישן און נישט־פֿיינעם אופֿן — דאָס איז געווען פֿאַר אים אַ נייס, און דאָס האָט אים איצט אויפֿגערודערט, אַרויסגעפֿירט פֿון רו־שטאַנד, אויפֿגעהויבן פֿון בענקל און אים געמאַכט אומשפּאַנען אין דער ברייט פֿון טיש, ביים גאַנצן אויבנאָן... דאָס האָט אים אויך געבראַכט זיך אַ ווענד טאָן צו זיין משרת שעפּסל מיט אַ באַפֿעל, אים די טיי הייס צו מאַכן, זי דערגיסן, ווען אינדערראַמתן האָט ער ניט זי אין זינען געהאַט, נאָר דאָס, וואָס האָט אים אויפֿגעבראַכט און אים געצוואונגען — מער פֿאַר זיך, ווי פֿאַר צאַלין, די פֿאָלגנדיקע ווערטער אַרויסברענגען...

— ניין — האָט ער געזאָגט — ער האָט אַ טעות, יענער, אויב ער מיינט, אויף אַזאַ אופֿן זיך אויסדרייען און נאָך בלייבן לייט... ניין, אויב מיט גוטן, אויב אַ פֿאַרשולדיקטער האַלט שלעכט און קומט זיך בעטן, מע זאָל אים דאָס פּנים ניט פֿאַרשוואַרצן און אים ניט ברעכן פֿון מעמד, איז אַ מצווה, איז מהיכי־תּיתי, איז טוט מען דאָס... אָבער אַזוי — אָפּשווינדלען, פֿאַרגיין פֿון אַ זייט, אויסנאַרן און באַנעמען — דערויף איז דאָ אַ דין, אַ דיין, דערויף איז, סוף־כּל־סוף, אויך דאָ אַ גוישער געריכט... מ'האָט שוין געזען אַזוינע און מ'טוט זיך מיט זיי אַן עצה... ניין.

— יאָ — האָט צאַלי זיך אַריינגעכאַפּט אין מיטן יעקבֿ־יוסיס רייד, — אָבער ווי אַזוי לאָזט זיך דאָס דערוויזן פֿאַרן געריכט? ווי אַזוי קאָן מען דערוויזן, אַז די וועקסלען, וואָס דער פֿאַרשולדיקטער גיט אַרויס צוליב שווינדל יענע, אויף וועמעס נעמען ער שרייבט איבער די געשעפֿטן, אַז,

כּלומרשט, איז ער זיי שולדיק נאָך פֿון פֿריער און נאָך אײדער ער האָט זיך ביי אַלע אַנדערע בעלי־חובֿות אַנגעליען — ווי אַזוי באַווייזט מען, אַז אַט די וועקסלען, אויסגעשטעלט אויף פֿריערדיקע שווינדלערישע זמנים, זיינען אויסגעטראַכט און אַז דער גאַנצער עסק מיטן איבערשרייבן איז שאַכער־מאַכער און מאַניפּאַרגע ?

— ווי אַזוי ? — האָט יעקבֿ־יוסי געענטפֿערט — מ׳ווייסט שוין. מ׳האָט דאָס שוין נישט איין מאָל דורכגעמאַכט, און אַזאַ איינער האָט שוין נישט איין מאָל שלעכט אָפּגעשניטן און מ׳האָט אים איבערגעפֿירט אויף אומזיסטע קעסט אין די הויכע קאַזיאָנע פֿענצטער...

— אַזוי ? — האָט צאַלי אַ זאָג געטאָן, ווען ער האָט דערזען, ווי יעקבֿ־יוסי איז פֿאַראינטערעסירט און וואָס פֿאַר אַ טיכטיקן אַנטייל ער איז גרייט צו נעמען, ווי אַ גרויסער בעל־יכולת, אויף אַרויסצושלאָגן די מעגלעכקייט פֿון משה מאַשבער, אויב יענער וועט זיך לאָזן אויפֿן געוויסן וועג — אַזוי ? איז, הייסט עס, קלערט יעקבֿ־יוסי, אַז ס׳לאָזט זיך יאָ דערווייזן... איז אויב אַזוי, וויל ער ביי אים נאָך עפּעס פֿרעגן: ווי מיינט ער, צי דאַרף מען אַזאַ־אָ דאָך אויסוואַרטן, ווייל אפֿשר וועט ער זיך באַדענקען און וועט זיך אָפּזאָגן פֿונעם געדאַנק, וואָס איז אים, מעגלעך יאָ, מעגלעך נאָך ניט — אויפֿגעקומען — מ׳ווייסט נאָך ניט... צי ניין, צי איז שוין גענוג אַליין דער קלאַנג, אַז זיינע בעלי־חובֿות זאָלן האָבן די רעכט אים צו פֿאַרפֿאָרן אַזוי, אַז אויב אַפֿילו ער וואַוינט אין גאָר ווייטער שכנות מיטן געדאַנק, זאָל ער פֿון אים אָוועקקוקן און נאָענט צו אים נישט וועלן צוגיין... ער מיינט, צאַלי, צי איז דאָס לויטן דין, צי סוחריש, און צי האָט מען רעכט, איידער יענער דערקלערט זיך אַליין באַנקראָט, אים צו צווינגען דערצו און נישט דערלאָזן צו וועלן טאָן דאָס, וואָס מענטשן אין אַזאַ לאַגע טוען אַמאָל אָפּ — יענעם צו שאַדן און זיך אַליין, ווי יעקבֿ־יוסי האָט דאָ נאָר וואָס געזאָגט — אויך ניט לטובֿה, האַ ? ווי מיינט ער ?

— אַוודאי לויטן דין ! אַוודאי סוחריש ! אַוודאי מעג מען און אַוודאי האָט מען אויך די רעכט דערויף, ווייל ס׳איז דאָך אין ערגעץ ניט געזאָגט, אַז אויב עמעצער וויל דיר טוען אַ רעה, זאָלסטו אים אַנטקעגן גיין און בעטן אויף זיך די רעה... פֿאַרקערט: הבא להרגך, השכם להרגו״ [1] — איז געזאָגט. און דאָ איז דאָך דער פֿאַל, ווען אויף יענעם איז שוין גאָר קיין רחמנות ניט, פֿאַרקערט, דער גרעסטער רחמנות וועט זיין, אויב מען וועט אויף אים ניט רחמנות האָבן... ס׳מאַכט ניט אויס — האָט יעקבֿ־יוסי געגומען זיינע לעצטע ווערטער צו דערקלערן — וואָס ס׳איז נאָר אַ קלאַנג: ווייל ערשטנס, אַז ס׳קלינגט, איז אַ חגאַ... און מעגלעך גאָר, אַז יענער האָט אַליין אַרויס־

[1] ווער ס׳וויל דיך הרגענען, פֿעדער זיך און הרגע אים.

געלאָזט דעם קלאַנג, כּדי צו האָבן אַ תּירוץ פֿאַר זײַן שטשערבאַטען און קאַליע־געוואָרענעם יושר און זיך קאָנען זאָגן, אַז ווי באַלד ס׳קלינגט שוין סײַ־ווי, און ווי באַלד מ׳האַלט אים שוין אַזוי אויך פּעאיק אויף פּעאיק אויף שווינדל, איז פֿאַר־וואָס זאָל ער טאַקע ניט שווינדלען אויף אַן אמת, ווײַל סײַ ווי איז ער שוין אונטערגעריסן און זײַן נאָמען איז פֿאַרפֿלעקט... אַזוי אַז ווען בעלי־חובֿות טוען באַצײַטנס, וואָס מ׳דאַרף, מ׳פֿאַרלויפֿט יענעם דעם וועג און מ׳דערלאָזט אים ניט אויספֿירן דאָס געגנאַרערײַ, ראַטעוועט מען דעמאָלט זיך אַליין, אי אויך, דער עיקר, יענעם, דעם בעל־דבֿר, וואָס פֿון אַזאַ זאַך קאָן ער, ווי געזאָגט, גאָר שלעכט אָפּשנײַדן — אַזוי אַז ס׳איז, פֿאַר אַלעמען, גאָר זײַן טובֿה...

— אַזוי! — האָט זיך צאַלי גלײַך אָנגעכאַפּט פֿאַר יעקבֿ־יוסיס למדני־שער המציאה, אַז ס׳איז אײגנטלעך, גאָר אַ מצווה און פֿאַר יענעם אַ טובֿה, אים אין גרוב אַרײַנשטויסן, און אים ניט דערלאָזן, ער זאָל דאָס אַליין טאָן. — טאַקע?

— יאָ, אי על־פּי דיני ישׂראל, אי על־פּי דיני עכּו״ם[1] — מעג מען, דאַרף מען, און ס׳איז אויך אַ יושר — האָט יעקבֿ־יוסי אַ זאָג געטאָן פֿעסט, און צופֿרידן, דערפֿון וואָס ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן אויסגעפֿונען אַ היתּר אויף אַזאַ זאַך, וואָס אויפֿן ערשטן קוק זעט זי אויס צו זײַן אַן עוולה, וואָס גרענעצט מיט גזלנות...

פֿון צופֿרידנקייט האָט ער אַפֿילו אויפֿגעהערט אומשפּאַנען ביי דער ברייט פֿון טיש, ביים אויבנאָן... און אַז ער איז צוריק געקומען צו זײַן אָרט און האָט אַ טאַפּ געגעבן די נישט־דערטרונקענע גלאָז טיי, וואָס שעפּסל, זײַן משרת, האָט אים דערגאָסן און ווידער הייס געמאַכט, האָט ער אַ זאָג געטאָן ווידער מער פֿאַר זיך, ווי פֿאַר צאַלין: אַוודאי מעג מען... לכּל הדעות.[2]

ביידע סײַ צאַלי סײַ יעקבֿ־יוסי, האָבן שוין פֿאַרגעסן אין די וועקסלען, וועלכע דער ערשטער האָט ניט בדעה געהאַט צו קויפֿן, און דער צווייטער — צו פֿאַרקויפֿן. ביידע צופֿרידענע: יעקבֿ־יוסי — דערפֿון, וואָס מ׳האָט אים אין שטוב אַרײַנגעבראַכט אַ ידיעה, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט וויסן, ראשית, כּדי בכלל צו זײַן אין קורס און ניט אָפּשטיין; און צווייטנס, כּדי צו קאָנען פֿירנעמען, וואָס מ׳דאַרף, אויב די ידיעה וועט זיך אַרויסווייזן אמת; און אויך צאַלי — פֿון דעם, וואָס געקומען אַהער איז ער אַן אײַנזאַמער באַליי־דיקטער און באַזאָרגט פֿון נישט וויסן, ווי אַזוי אַרויסצוטרעטן קעגן דעם, וואָס האָט אים זײַן לאַנג־יעריקע וואוכערישע דערפֿאַרונג צעשלאָגן און פֿון

---

[1] אי לויטן ייִדישן דין, אי לויטן ניט־ייִדישן.
[2] לויט אַלע דעות.

נישט וויסן אויך, צו זיין אַרויסטרעטונג וועט ברענגען נוצן — איצט אָבער, אַז ער האָט אַריינגעקראָגן אַזאַ דערלויבעניש און אַזאַ הכשר פֿון יעקבֿ־יוסין, האָט ער זיך דערפֿילט אַקסל ביי אַקסל מיט אַזאַ פֿאַראינטערעסירטן, וואָס, וואָס ער וועט שוין איצט ניט טאָן, וואַרט אויף אים פֿון זיין שותּפֿס צד אי מיטשטימונג, אי שטיצע, אי אויך געזיכערטער דערפֿאָלג.

יעקבֿ־יוסי האָט זיך נאָך דעם אומדרייען ביים טיש, אויף זיין שטול צוריק אַוועקגעזעצט, האָבנדיק בדעה פֿאַרצוזעצן דאָס, ביי וואָס ער האָט געהאַלטן, איידער צאַלי האָט זיך צו אים באַוויזן — ווייטער טיי טרינקען און אויך אַריינקוקן אין זיין ספֿר, און דאָס האָט באַדאַרפֿט דינען צאַלין פֿאַר אַ סימן, אַז זיין וויזיט ביי יעקבֿ־יוסין איז געענדיקט און אַז ס׳צייט אים אַוועקצוגיין. אויך צאַלי אַליין האָט זיך שוין געגרייט דערצו: זיך באַלד אויפֿהויבן, אָפּגעזעגענען און די שטוב פֿאַרלאָזן. האָט זיך אָבער אין דער מינוט געעפֿנט די טיר און אויף דער שוועל האָט זיך נאָך איינער, אַ שטילער, פֿרימאַרגנדיקער גאַסט באַוויזן. און דאָס איז געווען סרולי גאָל.

*

סרולי האָט שוין לאַנג קיין נגידישע הייזער ניט באַזוכט און זינט ער איז זיך צונויפֿגעגאַנגען מיט לוזין, האָט ער קיין איין שוועל זייערע ניט אַריבערגעטראָטן. אויך דאָס מאָל האָט ער דאָס געטאָן נישט גלאַט, נאָר ווייל אַ וויכטיקע סיבה האָט אים דערצו געטריבן.

ער איז געקומען מיט דעם היפּוך, וואָס צאַלי: יענער — כּדי משה מאַשבערן דעם לעצטן שטויס טאָן, ער — כּדי אָפּצוהאַלטן פֿונעם שטויס.

וויסנדיק יעקבֿ־יוסיס כּוח אין שטאָט בכלל; וויסנדיק אויך זיין שווערע האַנט, וואָס קאָן זיך אַוועקלייגן אין געלט־ענינים איבערצוּוואוועגן אויף רויט אָדער טויט; וויסנדיק אויך, אַז יעקבֿ־יוסי איז איינער פֿון די, ביי וועמען משה מאַשבער איז היפּש פֿאַרשולדיקט — האָט ער געוואָלט דערגיין, ווי וועט יעקבֿ־יוסי, ווי אַ פֿאַראינטערעסירטער צד, זיך דאָ האַלטן: צי ער וועט משה מאַשבערן שוין, תּיכּף, וועלן צעקוועטשן, צי פֿאַרקערט, זיך דערווייל אָפּהאַלטן און אויך אַנדערע ראָטן טאָן דאָס זעלבע.

אַז סרולי האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר צי יעקבֿ־יוסין אין עס־שטוב, איז ער אַ קליינע ווילע שטיין געבליבן אויף דער שוועל, ווי ער וואָלט געקווענקלט: אַריין, צי ניין. דערנאָך האָט ער באַשלאָסן און אַ האַרבן שפּאַן געטאָן, ווי יעדערס מאָל ער טוט, ווען ער קומט אין אַן אָרט, וואו ס׳איז אים ניט איבעריק גערן און וואו מיט אַזאַ סאָרט שפּאַנען באַווייזט ער, אַז יענעמס יאָ — אָדער ניט־גערן גייט אים ניט אָן און אַז ער רעכנט זיך מיט גאָרניט, אויסער מיט זיך אַליין און זיין אייגענעם ווילן.

ער איז צוגעקומען צום טיש אַן אַ גוט־מאָרגן, ווי זיין שטייגער, און נאָך איידער ער האָט זיך געלאָזט רעכט באַמערקן פון באַלעבאָס, פון יעקב־יוסין, ווי אויך פון זיין אורח, פון צאַלין, וועלכער האָט שוין געהאַט בדעה זיך אויפהויבן און אָפּגעזעגענען, אַזוי איז ער שוין נאָענט לעבן סאַמאָוואַר געווען, און ניט געוואָרט, מ׳זאָל אים פאַרלייגן, האָט זיך אַליין גענומען טיי אָנגיסן.

ער איז געקומען מיט אַ פול מויל שווייגן, און נישט קוקנדיק, כלומרשט, אויף קיינעם, האָט דאָך, הינטן אַרום, פון אונטער זיין אַראָפּגערוקטן דאַשעק, בײדע, אי יעקב־יוסין, אי אויך צאַלין, אײנעם אויג געהאַלטן, זיין חוש האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָ איז נאָר וואָס צווישן יענע בײדע אָפּגעמאַכט געוואָרן עפּעס אַ זאַך, וואָס בײדע זיינען פון איר אויפגעלייגט און אין גוטער לוינע.

— אָ, אַ גאַסט! — האָט יעקב־יוסי, דערזען סרולין, מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן מיט אַ שפּאַטישן טאָן, ווי צו אײנעם, פאַר וועמען מ׳האָט נישטיקן אינטערעס און גאָר ווייניק אָפּשיי.

— שוין לאַנג ניט געזען — האָט ער נאָך אַמאָל אַ זאָג געטאָן, נאָך דעם, ווי סרולי האָט זיינע ערשטע ווערטער נישט איינגעהערט, אָדער זיך געמאַכט נישט הערנדיק.

— וואָס עפּעס אַזוי ברוגז — האָט יעקב־יוסי צום דריטן מאָל אַ זאָג געגעבן, ווען ער האָט געזען, אַז סרולי וויל אויך זיין צווייטע ווענדונג פאַרביי אויער לאָזן.

— און אַז ברוגז איז וואָס? קאָנען, חלילה, נגידים די ווערטשערע ניט פאַרדייען?

— ניין, גלאַט — האָט יעקב־יוסי זיך צעלאַכט דערפון, וואָס ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן דעם מרוק סרולין אויפצורייצן. ער איז געווען אין גוטער שטימונג און געוואָלט פאַרזעצן:

— און דאָך, וואָס איז דער רוגז?

— ניט אויף קיינעם, נאָר אויף זיך אַליין — האָט סרולי אומווילּיק פון צווישן די ליפּן אַרויסגעמרוקעט.

— פאַר וואָס?

— ווייל אָט איז אים שיר ניט באַשערט געווען אויך צו זיין אַ נגיד, האָט מען פון ערגעץ דערזען.

— ווער?

— ער! — האָט סרולי אַ האַנט אויפגעהויבן און אַ וויז געטאָן צום הימל — גאָט! וואָס האַלט אין איין אַראָפּקוקן און זען: אויב ביי אַזאַ ווי ביי יעקב־יוסין, געלט, איז צו געזונט, איז ביי אים בלייב עס, און זאָל זיך דאָס פּרוכפּערן און מערן... און אויב ביי אַזאַ, ווי סרולי, איז — פו, איז

זאָל דאָס גיין, פֿון וואַנען ס'איז געקומען — פֿון נגידים צו נגידים.

— וואָס הייסט? — האָט יעקב־יוסי אַ פֿרעג געטאָן.

— אָט איז זיין עדות — האָט סרולי אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אָנגעוויזן אויף צאַלין.

— זאָל ער זאָגן: געלט האָט ער געהאַט?

— געהאַט — האָט צאַלי באַשטעטיקט.

— יאָ — האָט אויך יעקב־יוסי, שמייכלענדיק, צוגעגעבן — ער האָט אויך עפּעס געהערט וועגן געלט...

— און ער האָט דאָס אָוועקגעלייגט ביי אַ בטוח? האָט סרולי וויטער פֿאַרגעזעצט רעדן צו צאַלין און נישט געקוקט אויף יעקב־יוסין.

— יאָ — האָט צאַלי ווידער באַשטעטיקט.

— ביי משה מאַשבער?

— אמת — האָט צאַלי געזאָגט.

— נו, און אַז משה מאַשבער פּליט איצט דורכן קוימען און אַז אַלע די, וואָס האָבן אים פֿאַרטרויעט, פּליען צוזאַמען מיט אים, איז אויך אמת?

— אמת — האָט צאַלי אַ זאָג געטאָן, אָבער באַלד האָט ער זיך פֿאַרכאַפּט און אַ קוק געטאָן אויף יעקב־יוסין, צו זען, צי האָט ער גוט געטאָן, וואָס ער האָט פֿאַרטרויעט סרולין כאָטש אַ שפּיץ דערפֿון, וועגן וואָס ס'איז נאָר וואָס צווישן זיי געגאַנגען די רייד.

— אויב אַזוי — האָט יעקב־יוסי אַ זאָג געטאָן — האָט ער רעכט אויפֿן רוגז, ווייל ער איז רעכט אַריינגעפֿאַלן.

— אַריינגעפֿאַלן, זאָגט ער? — האָט סרולי געזאָגט.

— יאָ.

— און וואָס איז די עצה?

— ס'איז קיין עצה, טיידן — האָט יעקב־יוסי געפּרואווט טרייסטן סרולין מיט אַ שפּאַס.

— טיידן וואָס? — האָט סרולי אים איבערגעפֿרעגט.

— טיידן משה מאַשבער וואָלט געווען אַזוי גוט און וואָלט איבערגעשריבן אויף זיין נאָמען זיין אויל־ און נאַפֿט־געשעפֿט, זיין קאַנטאָר, אָדער זיין פּריוויצישן הויף, וועלכן ער האָט זיך אַמאָל, אין די גוטע צייטן, דערוואָרבן.

— נו, און אויב יענער וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט ער, סרולי, מיינט יעקב־יוסי, געווען באַוואָרנט.

— יאָ.

— איז אויב אַזוי, האָט ער עס געטאָן...

— אָט — האָט סרולי מיט אַמאָל אַריינגעטאָן די האַנט אין בוזים־קעשעניע און פֿון דאָרט אַרויסגענומען אַ הערבאָווע בויגן אַקטן־פּאַפּיר, צונויפֿגעלייגט אין פֿירן, ער האָט אים צענומען און האָט גלייך פֿאַר יעקב־

יוסין און פֿאַר צאַלין אַ ווייז געטאָן אַ טעקסט, געשריבן, געחתמעט און גע־שטעמפּלט לויט אַלע געזעצן, און וואָס אַז ביידע, אי יעקבֿ־יוסי אי צאַלי, האָבן דאָס דערזען, איז זיי גלייך קלאָר געוואָרן, אַז דאָס, אין וואָס זיי האָבן פֿריער, אָקאָרשט ערשט געצווייפֿלט, איז איצט שוין אַ געשעענער פֿאַקט.

צוליב וואָס סרולי האָט זיך איצט אַרויסבאַוויזן מיטן אָפּמאַך, וועלכן ער האָט ביז אַהער געהאַלטן אין פֿאַרהוילן — איז ניט קלאָר: צי נאָר כּדי צו צאָלן יעקבֿ־יוסין פֿאַר זיין גרינג־שעצנדיקער באַציאונג צו אים — מיטן זעלבן: מיט חוזק און צו להכעיס, און כּדי אים בלויז צו דערגרזענען; צי ניין, צי צוליב ערנסט, מיינענדיק, אַז ווי באַלד אַ יעקבֿ־יוסי און צאַלי וועלן זען און זיך איבערצייגן, אַז משה מאַשבער האָט זיי איבערגעשפּיצט, זיי פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און זיך אַזוי באַוואָרנט, אַז זיינע בעלי־חובֿות זאָלן ניט קאָנען קיין האַנט אַרויפֿלייגן אויף זיין פֿאַרמעגן, נאָך דעם ווי ער וועט זיך דערקלערן פֿאַר אומפּעאיק צו צאָלן — וועלן זיי דערום פֿאַרלירן דעם אינטערעס אים צו שטויסן צו דער אומפּעאיקייט, און פֿאַרקערט, וועלן אַלץ טאָן, כּדי אים אויפֿהאַלטן פֿון פֿאַלן, ווייל אַנדערש וועלן זיי אַליין געשעדיקט ווערן און אַרויס נקי פֿון דעם, וואָס זיי האָבן ביי אים צו שטעקן.

מיר ווייסן ניט, זאָגן מיר ווידער, צוליב וואָס סרולי איז אַרויס מיטן אָפּמאַך; נאָר אַז יעקבֿ־יוסי מיט צאַלין האָבן אים דערזען, אַזוי האָט זיך פֿון ערשטן אָפּגעטאָן דער שפּאַס און דער צווייטער איז געבליבן אָן ווערטער אין מויל, און צוערשט האָבן ביידע איינס מיטן אַנדערן זיך איבערגעקוקט, און דערנאָך האָבן שטיל גענומען קוקן אויף סרולין.

— וואָס קוקט מען אַזוי אויף אים? — האָט דאָ סרולי פֿון זיין זייט, מיט שפּאַס און שאָדן־פֿרייד אַ פֿרעג געטאָן — וואָסי? ער שטייט זיי פֿאַר קיין נגיד ניט אָן? אָדער אפֿשר גלויבט מען ניט, אַז דער אָפּמאַך איז אַן אמתער און די חתימה — אַ חתימה? איז נו, איז אַדרבא, קאָן ער זיי נאָך אַמאָל באַווייזן... צי אפֿשר האַלט מען, אַז ניט ער, נאָר אַן אַנדערער וואָלט באַדאַרפֿט אויסכאַפּן און זיך באַוואָרענען פֿאַר אים? צי אפֿשר האַלט מען דאָס בכלל נישט פֿאַר קיין גוטער מידה און אַז ווען מע לייגט דאָס פֿאַר צו־ערשט זיי, אַ יעקבֿ־יוסין אָדער אַ צאַלין, וואָלטן זיי זיך אָפּגעשאָקלט און וואָלטן זיך אָפּגעווישט די כּשרע הענט אין די כּשרע פֿאָלעס?... האַ?...

— יאָ... האָט יעקבֿ־יוסי אַנטשלאָסן זיך אַ רוק געטאָן מיטן שטול, אויף וועלכן ער האָט זיך געהאַט אַוועקגעזעצט נאָך זיין געשפּרעך מיט צאַלין, און אַ זאָג געגעבן טאַקע צום זעלבן צאַלין, נישט קוקנדיק דערביי אויף סרולין, גלייך יענער וואָלט איצט ביים טיש נישט געווען, אָט־אָט לעבן אים נאָענט.

— און זאָל ער געדענקען, צאַלי — האָט דאָ יעקבֿ־יוסי מיט אַמאָל אַ זאָג געגעבן און ווידער קיין בליק ניט געטאָן אין סרולים זייט, גלייך יענער

האָט ניט פֿאַרדינט, אַז זיינע רייד זאָלן צו זיינע אויערן דערגרייכן — זאָל ער געדענקען, אַז משה מאַשבער וועט שוין איצט מוזן אָפּקומען ניט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט נאָך עמעצן — מיט אָט אָ דעם — האָט יעקבֿ־יוסי דאָ מיט אַמאָל זיך אָ ווענד געטאָן אין סרוליס זייט און אויף אים מיט אַ פֿינגער אָנגעוויזן — ס'איז דאָך שקר און קלאָר אַפֿילו פֿאַר אַ קינד! ווי קומט צו אָט דעם גאָר געלט? — האָט יעקבֿ־יוסי ווייטער מיטן פֿינגער געטייטלט אויף סרולין און אים ביים נאָמען ניט אָנגערופֿן — וואו האָט זיך עס צו אים גענומען? פֿון וועמען גענירשנט? ווי אַ האָר פֿון דער מילך וועט דאָס גרינג זיין צו דערוויזן פֿאַר אַ יעדן איינעם, וואָס וועט זיך פֿאַר־אינטערעסירן מיט דעם ענין, אַז ס'איז פֿון אַנהויב ביז סוף אויסגעטראַכט: אַז דער האָט יענעם נישט געהאַט וואָס צו געבן, און יענער — ביי דעם ניט וואָס צו נעמען... אַז ס'איז הויל גענאַרעריי, וואָס צו דעם האָט, געוויס, אַ שייכות אויך דער געוויסער משה מאַשבערס ברודער, דער שבתי צביניק, מיט אַלע די, וואָס דרייען זיך אַרום אים, מיט אויך דעם — האָט ער ווידער אָנגעוויזן אויף סרולין — וואָס מ'דאַרף אים גאָר אַ טרייסל טאָן, בודק זיין, זען, צי האָט ער געלט, און אויב יאָ, איז פֿון וואַנען האָט זיך עס צו אים גענומען? געוויס ניט זיינס און ניט אויף קיין כשרן אופֿן געקראָגן...

— תרבות[1]! — איז דאָ סרולי יעקבֿ־יוסין אין מיטן די רייד אַריין — איר! — האָט ער אויסגעשטרעקט אַ פֿינגער פֿריער צו צאַלין, דערנאָך צו יעקבֿ־יוסין און אַ זאָג געגעבן דערביי: איר רעדט פֿון כשר און ניט־כשר? איר? — האָט ער ווייטער געפֿירט דעם פֿינגער צוריק פֿון יעקבֿ־יוסין צו צאַלין.

— אַרויס פֿון דאַנען! אַרויס! וואָס טוט ער דאָ? — האָט יעקבֿ־יוסי זיך אַ ווענד געטאָן, ווי מיט פֿאַרוואורף צו די וועגט פֿון שטוב, וועלכע זיינען געווען עדות פֿון סרוליס חוצפה און זיינען געבליבן קאַלט, האָבן נישט דערווידערט און געשוויגן.

— וואָס טוט ער דאָ? — האָט ער נאָך אַמאָל אַ זאָג געטאָן און זיך פּלוצלים דערמאָנט אין זיין משרת שעפּסל, צו וועלכן ער האָט אַ געשריי געטאָן: „וואָס שטייט ער, ווי אַ גולם? וואָס שווייגט ער? זאָל ער לויפֿן און אים אַריינברענגען, אַריינרופֿן — האָט ער ווייטער געשריגן און נישט גע־וואוסט די נעמען, וועמען ער האָט באַגערט צו זען אַריינגערופֿן.

— דעם קוטשער... דעם בודאָטשניק... — האָט ער זיך דערמאָנט, און ס'האָט געדאַכט, אַז באַלד וועט ער אויך ווייטער אויסרופֿן: דעם גאָראָד־ניטשע... דעם גובערנאַטאָר...

---

[1] דרך־ארץ, מיינט מען.

— אין קייטן! אין תּפיסה! — האָט ער אַ ווייז געטאָן מיטן פֿינגער אויף סרולין מיט אַזאַ כּעס, אַז ס׳האָט געדאַכט, אַז ווען ער קאָן, וואָלט ער אים אַליין נאָר מיט די פֿינגער צו אַש געמאַכט און אין אַ הויפֿן ביינער פֿאַר־וואַנדלט.

— שטילער! וואָס האָט ער זיך אַזוי צעליאַרעמט אויפֿן גאַרגל? וואָסי? מ׳האָט אים אויף דער הייליקער זאַגביאַטקע אַנגעטראָטן?

— אַרויס אין תּפיסה! רעשטעווען אַזאַ? — האָט יעקב־יוסי ניט אויפֿ־געהערט זיך צו כּעסן און צו ליאַרעמען.

— שטילער, ער גייט אַליין — האָט סרולי ווייטער אַ זאָג געטאָן, און דערביי האָט ער זיך שוין טאָקע געמיינט אויפֿהויבן פֿון זיין בענקל, אויף וועלכן ער איז געזעסן, זיך אויסדרייען און צו דער טיר זיך לאָזן, אָבער... ווי ער האָט דאָס געוואָלט טאָן, אַזוי האָט ער פּלוצלים דערזען איינעם אַ מענטש, וואָס אין גרויס טומל און בעת יעקב־יוסיס כּעס האָט קיינער ניט באַמערקט, ווי אַזוי יענער האָט די טיר פֿון עס־צימער געעפֿנט און ווי שטיל און אומבאַמערקט ער איז זי אַריבערגעטראָטן.

דאָס איז געווען אַ פֿרוי — משה מאַשבערס ווייב, גיטעלע, וואָס ווי נאָר סרולי האָט זי אויף דער שוועל דערזען, אַזוי האָט ער, נאָך האַבנדיק דאָס וואָרט „שטילער" אין מויל, דאָס איצט, ווי אומווילִיק, נאָך אַמאָל איבערגע־חזרט:

— שטילער... משה מאַשבערס ווייב, גיטעלע.

דעמאָלט האָבן זי אַלע דערזען.

יאָ, ס׳איז געווען זי, אָנגעטאָן אין יום־טוב: אין בעסטן פֿוטערנעם מאַנטל, מיט אַ ברייטן סויבלענעם קאָלנער, ווייט איבער די אַקסלען אַפּגעלייגט, און אויך די אַרבל און די ברעג פֿאַלעס מיטן זעלבן פֿוטער באַברעמט.

זי איז אַריין שטיל: מ׳האָט קוים געהערט, בשעת זי האָט די טיר גע־עפֿנט, און באַזונדערס שטיל, ווען זי האָט, קומענדיק אין צימער, אָנגעטראָפֿן אויף דער צעהיצטער סצענע פֿון די פֿרעמדע מאַנצבילן.

וואָס איז זי געקומען?

— צוליב געשעפֿט.

— זי?

— יאָ, משונה, אָבער אַ פֿאַקט: זי, אַ פֿרוי, וואָס האָט קיין מאָל אין מאַנס געשעפֿטן זיך ניט געמישט, און וואָס קיינער האָט זי אויף אַזאַ סאָרט שליחות ניט באַפֿולמעכטיקט און נישט געקאָנט באַפֿולמעכטיקן, איז איצט געקומען איבעררײדן מיט יעקב־יוסין וועגן אַן ענין, וואָס אַפֿילו מער טיכ־טיקע פֿרויען און אמתע אשת־חיילס נעמען זיך פֿאַר דעם זעלטן.

מ׳דאַרף אָבער זאָגן, אַז גיטעלע האָט פֿירגענומען אַט דעם גאַנג צו יעקב־יוסין נישט פֿון איבעריק מוט, ווי אַ מענטש בשעת אַ שריפֿה, ווען

כּוחות מערן זיך און ווען מ׳נעמט שלעפּן מער, וויפל מ׳קאָן... ניין, נאָר ווי איינער, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ שטאַנד, ווען ס׳איז אים שוין אַלץ איינס, צי וואַסער, צי פייער קאַפּעט אים אויפן קאָפּ... זי איז געווען אין דעם פּרט ענלעך צו איר מאַן, משה מאַשבער, וואָס אויסערלעך האָט ער נאָך אויסגעזען — ער, אָבער אינדערמתן האָט מען אים שוין געמעגט אַן אַנדער נאָמען געבן...

אויך זי האָלב געשטילט, געשלאָגן, און אָפּט פלעגט זיך איר ווייזן אַ טרער אין די אויגן, אַן אָפּגעקילטע, אַ פרעמדע, גלייך נישט איר געהעריקע, נאָר ווי פון זיך אַליין געקומען, אַ זעלבסשטענדיקע טרער.

גיטעלע, וואָס איז אויך געווען גענוג פרום, ווי אַלע פרויען פון איר שטאַם, איז נאָך דעם, ווי דער בראָך מיט דער טאָכטער האָט זי געטראָפן, נאָך מער פרום געוואָרן. ניין, נישט פרומער, נאָר גלייך זי וואָלט נישט געווען פון דעם עולם, ווערלכער האָט איר אויפגעהערט אָנגיין...

מ׳האָט זי לעצטנס שוין זעלטן אין עס־שטוב געזען, ס׳האָט זיך אויפגעהערט פילן איר האַנט אין באַלעבאַטישקייט, מיט וועלכן זי האָט זיך פאַרלאָזט אין גאַנצן אויף דער עלטערער דינסט — די איינציקע איצט פאַרבליבענע סיי ביים איינקויפן, סיי אין אַלע אַנדערע זאַכן, אין וועלכע אַ שטוב נויטיקט זיך.

מערסטנטייל איז זי געזעסן ביי זיך אין אַלקער, אָפּגעזונדערט, תּמיד ביים טייטש־חומש, אַפילו אין דער וואָכן... זי פלעגט דורכלייענען אַ פּאָר שורות, דערנאָך זיך פאַרטראַכטן, און נעמען נאָכדענקען און באַזיניקן, וואָס זי האָט געלייענט.

„...דען ווען די ישראל וועלן גיין אין גלות דורך נבוזראדן, וועלן זיי גיין אויפן וועג, וועט רחל אויפשטיין פון איר קבר און תּפילה טאָן צו גאָט, וועט גאָט הערן איר תּפילה...“ זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי יידן ווערן געטריבן, אַלט און יונג אין קייטן געשמידט, און ווי אַזוי, אַז זיי גייען פאַרביי דער מוטער רחלס קבר, פאַרהאַלטן זיי זיך און ווילן ניט אָפּגיין, ביז זי וועט אַרויסקומען און פאַר זיי גאָט בעטן.

זי פלעגט זיך פאַרשטעלן און זען די מוטער רחל, ווי זי גייט אַמאָל פאַרויס, פאַר די געטריבענע, אַמאָל הינטער זיי, און יעדערס מאָל מיט אויפגעהויבענע הענט, און סיי זי אַליין, סיי אירע הענט, וואַקסן אויס און הויבן זיך הויך־הויך, אַזש ביזן הימל אַרונטער, און אַ קול דערהערט זיך, ווי זי וויינט אויף אירע קינדער...

גיטעלען פלעגט זיך נאָך דעם לייענען בייטאָג, ביינאַכט חלומען פון געלייענטן, ווי למשל: אַז עס באַווייזט זיך איר געשטאָרבענע טאָכטער פון קבר און גיטעלע דערפרעגט זיך ביי איר, ווי ס׳גייט איר, און יענע קלאָגט זיך ניט, וויינט ניט, נאָר אַזוי ווי זי איז געטריי און מיט דער שטוב גע־

בונדן, קומט זי אַלע מאָל דערמאָנען גיטעלען און איר זאָגן: „מאַמע, זע, גיב אַכטונג אויפֿן טאַטן, מע יאָגט אים, דאַכט זיך, אויך...״ און גיטעלע כאַפּט זיך אַלע מאָל אויף אַ דערשראָקענע, און דערפֿילט, אַז איר מאַן, משה מאַשבער, וואָס אין אַנטקעגנאיבערדיקן בעט, שלאָפֿט נישט ביינאַכט. זי הערט אים אָפֿט ריידן צו זיך אַליין, אָדער עפּעס קרעכצן: „אוי, מאַמע...״

אַזוי שוין פֿיל נעכט, און די לעצטע צייט האָט ער איר, איין מאָל אַ ביינאַכט, אין דער פֿינצטער, פֿון בעט אַרויס, דערציילט וועגן דעם לעצטן באַזוך זיינעם ביי יעקבֿ־יוסין, וואָס ער האָט, לויט דער עצה פֿון זייער איידעם נחום לענטשער, די לעצטע טעג געפּראָוועט: — ווי אַזוי ער איז צו אים געקומען, ווי יענער האָט אים אויפֿגענומען, וואָס ער האָט פֿון אים געפֿאָדערט און מיט וואָס ס׳האָט זיך געענדיקט — מיט גאָרנישט.

און אָט דעמאָלט, דאָס דערהערנדיק, איז שוין יענע נאַכט אויך גיטעלע ניט געשלאָפֿן, זי האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז אין דרויסן האָט אָנגעהויבן טאָגן, דערנאָך — ביז אַלע אין שטוב וועלן אויפֿשטיין, אָפּעסן, אָפּטרינקען און יעדערער וועט אַוועק, וואוהין מ׳דאַרף; און דעמאָלט האָט גיטעלע, אַריינקומענדיק צו זיך אין אַלקער, זיך גענומען אָנטאָן — אין שענסטן און אין בעסטן, און קיינעם גאָרניט זאָגנדיק, האָט זיך אין שטאָט, צו יעקבֿ־יוסי איילבירטן, אַוועקגעלאָזט.

זי איז אַריין נישט אין דער צייט: זי האָט אָנגעטראָפֿן אויף דער נאָר וואָס פֿאָרגעקומענער סצענע, ווען יעקבֿ־יוסי איז געווען שטאַרק אויפֿגערודערט פֿון שרייען אויף סרולין און פֿון סרוליס חוצפּהדיקן ענטפֿער און ניט וועלן פֿאַרשווייגן.

ס׳וואָלט אַוודאי געווען נאַטירלעך, אַז ווען יעקבֿ־יוסי האָט איצט מיט אַמאָל דערזען דאָס ווייב פֿון דעם, וועגן וועלכן ס׳האָט זיך אָקאָרשט אַזוי הייס געהאַנדלט, וואָלט ער זי נישט באַדאַרפֿט לאָזן צוגיין, און שוין, גלייך צום אָנהויב, ניט וועלן קוקן אויף איר, זי באַגעגענען מיט אומכּבֿוד, און אַפֿילו זי וועלן אַרויסיאָגן, ווי ער האָט סרולין געיאָגט.

ס׳איז אָבער ניט אַזוי געווען. געשען איז — זע אַ וואונדער! — גאָר קאַפּויער: ווי יעקבֿ־יוסי האָט דערהערט סרוליס אויסגעשריי: „שטילער... משה מאַשבערס ווייב, גיטעלע...״ אַזוי איז נישט נאָר, וואָס ער האָט ניט געטאָן, ווי מיר האָבן פֿריער געזאָגט און ווי אין זיין דעמאָלטיקער לאַגע האָט זיך געלאָזט דענקען, נאָר פֿאַרקערט, ער איז שטיל געבליבן און גלייך ווי מ׳וואָלט אויסגערופֿן דעם נאָמען פֿון איינעם גאָר אַ בכּבֿודיקן, וועמען מ׳באַדאַרף אויפֿנעמען און באַגעגענען מיט גרויס אָפּשיי, אַזוי האָט ער איצט, דערזען גיטעלען, אָנשטאָט בייז, גאָר עפּעס אַן אומפֿאַרשטענדלעכן דרך־ארץ צו איר דערפֿילט.

אַזוי יעקבֿ־יוסי... וואָס־זשע געהער גיטעלען, איז אויך מיט איר געשען עטוואָס אומגעוויינלעכס, און נעמלעך: אַנשטאָט דעם, זי זאָל, אַריינקומענדיק צו יעקבֿ־יוסין, זיך פֿאַרלירן פֿון דער גרויסער געפֿאַלנקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך געלאָזט אַהער — אַנשטאָט דעם האָט זי זיך פֿאַרקערט, דערפֿילט דרייסט, גלייך זי וואָלט זיך אַ שטעל־אויף געטאָן פֿון אַ לייכטן פֿאַל און אויך לייכט זיך אָפּגעטרייסלט פֿון דעם שטויב, וואָס האָט זי קוים באַרירט...

זי האָט באַדאַרפֿט מאַכן פֿיל שפּאַן פֿון דער שוועל פֿון גרויסן עס־צימער, ביז צום אָרט ביים אויבנאָן פֿון טיש, וואו יעקבֿ־יוסי האָט זיך געפֿונען... און דאָך האָט זי זיך געפֿילט נישט שלעכט, נישט געענגט פֿון די פֿרעמדע מאַנצבילשע בליקן, וואָס האָבן זי באַגעגנט און איר נאָכגעקוקט, בעת זי איז געגאַנגען פֿון דאָרט אַהער... זי האָט זיי כּמעט נישט באַמערקט, און אַז זי איז צוגעקומען נעענטער צו יעקבֿ־יוסין, איז איידער יענער האָט איר געזאָלט אַרויסווייזן די ערשטע אַנשטענדיקע מינע און זי איינלאַדן זיך זעצן, אַזוי איז זי, גיטעלע, אים פֿאַרלאָפֿן זיין וואונטש און די איינלאַדונג ווי אָפּגעגנויגט, און איז באַלד אַרויס מיט איר וואָרט, וואָס איז איר לייכט, זייער לייכט אָנגעקומען.

זי האָט געזאָגט: זאָל ער זיך ניט חידושן, יעקבֿ־יוסי, וואָס זי, אַ פֿרוי, וואָס האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין שייכות צו מסחר, האָט זיך אונטער־גענומען צו פֿאַרטרעטן די אינטערעסן פֿון איר מאַן, וואָס ער האָט זי דערום ניט באַפֿולמעכטיקט, און פֿאַרקערט, ווען ער ווייסט, וואָס זי האָט פֿירגע־נומען אָן זיין וויסן, וואָלט ער דאָס ניט באַגיטיקט און ס'וואָלט אים אויך גרויס ערגער געשאַפֿן — זאָל ער זיך ניט חידושן.

— זאָל אים אויך ניט חידושן, וואָס ווען זי האָט שוין אַפֿילו יאָ באַ־שלאָסן צו מאַכן אָט דעם שריט, וואָלט זי דאָך, צו אַלעם ערשטן, אים, יעקבֿ־יוסין, באַדאַרפֿט בעטן, ער זאָל איר דערלויבן מיט אים איבעררעדן אויג אויף אויג און ניט אין דער אַנוועזנהייט פֿון פֿרעמדע, פֿאַר וועלכע אַזוינע זאַכן דאַרפֿן בלייבן אַ סוד — זאָל אים אויך דאָס ניט חידושן...

— ווייל, זי זאָגט אָפֿן: ס'איז אַ לעצטע שעה, און ערבֿ אַ יום־הדין ביי איר מאַן, ווען זיין גאַנצע וועלט און וואוילשטאַנד שטייט אים אויף דער וואָגשאָל — אַהין אָדער אַהער, לשבֿט או לחסד — געשלאָגן, אָדער באַ־גנעדיקט ווערן; און אין אַזאַ צייט, ווען ס'איז עת לעשׂות, ווי מ'זאָגט, זאָגט מען זיך אָפּ פֿון אַלערליי בושות, און דעמאָלט, זאָגט מען ווידער, ווערט אַפֿילו אַ קאָלאָדאַטש אַ מעסער און שטומע ווערן ריידנדיק, ווי אָט זי, גיטעלע, וואָס ביז אַהער האָט זי קיין מאָל פֿאַר אַזוינס קיין וואָרט ניט געהאַט...

— זי זאָגט ווידער אָפֿן: זי איז געקומען ראַטעווען איר מאַן פֿון דעם, וואָס ווען זי טוט דאָס ניט, שטייט אים פֿאַר אָפּברענען און אַרויס, חלילה,

אין הוילן העמד... ס'איז זיך ניטאָ מיט וואָס צו שעמען: ס'האָט שוין נישט מיט איינעם געטראָפן — אַמאָל, ווען יענער האָט דאָס פאַרדינט, אַמאָל אומפאַרדינט, און איר מאַן, משה מאַשבער, האַלט זי, געהער צו די לעצטע.

— מעגלעך, אַז אי יעקב־יוסי, אי אויך אַנדערע קאָנען מיינען, אַז דאָס, וואָס איר מאַן איז איצט געקומען צו אַזאַ ירידה, האָט אים געטראָפן דערפאַר, ווייל ער האָט ניט אָרנטלעך געהאַנדלט און ניט לויט זיינע מיטלען געלעבט... איז ניין, זאָל מען וויסן: זי איז משה מאַשבערס ווייב אויף דער וועלט און אויף יענער — דאָ פאַר מענטשן און דאָרטן פאַרן רבונו־של־עולם, ווען זיי וועלן דאַרפן, איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, חשבון אָפּגעבן — איז זאָל מען וויסן, זי איז אַן עדות און מיט דער פולער אָרנטלעכקייט פון אַ יידישער טאָכטער קאָן זי זאָגן: ניין! דאָ איז עס ניט דער פאַל; איר מאַן משה מאַשבער, האָט, חלילה, אין קאָרטן ניט געשפּילט, זיך ניט אויסגעבראָכט, געלעבט לויט זיינע פאַרדינסטן, נאָר ס'איז געשען אַ גזר, פאַר וועלכן ער איז ניט שולדיק און פאַר זיין פאַרשמירט פּנים וועט ער קיין בזיון נישט דאַרפן ליידן.

— זי האַלט, פאַרקערט, אַז איר מאַן האָט זיך פאַרדינט, מ'זאָל אים אונטערהאַלטן און נישט צושטיין מיט קיין מעסער צום האַלדז... זי מיינט, אַז דאָס וואָלטן באַדאַרפט טאָן אַלע יענע, מיט וועלכע ער האָט יאָרן לאַנג געהאַנדלט און ער זיי און זיי אים האָבן זיך געגעבן איינס דאָס אַנדערע צו פאַרדינען, און אין דער ערשטער ריי אַזאַ, ווי יעקב־יוסי, צו וועלכן זי איז איצט געקומען מיט איר בקשה.

— נישקשה — האָט זי פאַרגעזעצט — פון אים, פון יעקב־יוסין, וועט חלילה, גאָרניט אָפּפאַלן, און פאַרקערט: פון זיין שטיצע, וואָס איז איצט אַזוי נויטיק, ווי אין לעבן, וועט אי אים אַליין אַרויסקומען אַ טובה, ווען ער וועט אין בעסערע צייטן, באַקומען אויסגעצאָלט זיין חוב מיט גרויס דאַנק און מיט אַלע סוחרישע פּראָצענטן; אי אויך אַנדערע, קלענערע בעלי־חובות, מיט קלענערע געלטן, וועלן פאַרשפּאָרן ניזוק ווערן: אי — דער עיקר — אַ נאָמען, אַ מענטש, אַ סוחר וועט דאָ אויפגעריכט ווערן, וואָס ווי אַלע ווייסן און ווי גאָט אַליין איז אַן עדות, האָט ער זיך, חלילה, פון פרעמדס קיין מאָל ניט געבויט און פון קיין טריפות ניט געוואָלט רייך ווערן...

— זי זאָגט עס מיטן פולן געוויסן, ווי זי וואָלט דאָס פאַר גאָט אַליין געזאָגט, און זי וויל דערביי אויך דערמאָנען, פון וואַנען ער, איר מאַן, משה מאַשבער, שטאַמט, און אַז קיין שווינדל האָט ער פון זיינע אָבות ניט געירשנט, און אַז אויך אין זיין אייגענער נאַטור און טבע איז ניט פאַראַן אַזוינס, וואָס זאָל דערמאָנען אַפילו אַ מינדסט פון אַ שלעכטער כוונה און פון וועלן יענעם שעדיקן... גאָט באַוואָר זי, גיטעלע, און אַלע אירע ליבע...

גיטעלע האָט דאָס אַלץ אָפּגעזאָגט, שטייענדיק פֿאַר יעקבֿ־יוסין אין איר פֿוטערנעם מאַנטל מיטן ברייטן קאַלנער אַראָפּגעלייגט, און זיך געהאַלטן אַזוי, ווי גלייך זי איז פֿון אַלע מאָל געוואוינט צו אַזעלכע רייד, וואָס קומען איר אָן לייכט און וואָס אָן שום אָנשטרענגונג שטראָמען פֿון איר אַרויס בשפֿע...

וואונדערלעך, ווי אַזוי אויך יעקבֿ־יוסי האָט זי שטיל אויסגעהערט, גלייך ס'וואָלט זיך דאָ גערעדט ניט וועגן אָזאַ, וועלכער האָט אים היינט אַזוי שטאַרק אויפֿגעבראַכט, נישט אויפֿצושפּרינגען דערביי, און נישט וועלן אויך זי, גיטעלען, ווי פֿריער סרולין, פֿון שטוב אַרויסיאָגן, און נישט אויסשרייען צו זיין משרת שעפּטל, ווי פֿריער: „רוף מיר אַריין... רוף אַריין...” ווי ער האָט דאָס געטאָן בנוגע סרולין.

וואונדערלעך, אָבער אַ פֿאַקט... אַ פֿאַקט, אַז בשעת יעקבֿ־יוסי האָט אויסגעהערט גיטעלען און האָט פֿון איר די אויגן אָפּגעווענדט, אַזוי ווי דער פֿרומער שטייגער פֿאָדערט — נישט צו קוקן אויף קיין פֿרעמדע ווייבער, זיינען אָבער דאָך איר סויבלענער קאַלנער, אירע באָברעמטע אַרבל, ווי אויך אַפֿילו די בּרעג פֿאַלעס פֿון איר מאַנטל געווען אים אָנצוזען...

דאָס האָט אים ווייזט אויס, פֿיל ווייכער געמאַכט און ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי, ווי גלייך ס'וואָלט אים דורכגעגאַנגען עפּעס אַ תענוג־געדאַנק, פֿון וועלכן מ'ווערט שלאַבעריק און נאַכגיביק בנוגע פֿרויען אין געוויסע פֿאַלן... אָבער דאָ האָט ער זיך געכאַפּט... און ווען גיטעלע, האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן, קומענדיק צום סוף פֿון אירע רייד, און ווען זי האָט געגנומען פֿאַרזיכערן יעקבֿ־יוסין, אַז גאָט באַוואַר, אַז וואָס געהער איר מאַן, הייסט עס, איז בשום אופֿן ניט צו דערלאָזן, אַז זיין מיין איז געווען עמעצן אויסצוגנאַרן און פֿאַרשווינדלען; — אַז זי איז צוגעקומען צו אָט דעם אָרט, אַזוי האָט יעקבֿ־יוסי מיט אַמאָל זיך אין פֿריערדיקן דערמאָנט... ער האָט מיט אַמאָל דערזען צאַלין, מיט וועלכן ער האָט אָפּגעמאַכט פֿיר־צונעמען, וואָס מ'דאַרף, קעגן דעם אָנזעצער משה מאַשבער; דערנאָך סרולין, צו וועלכן ער האָט ניט באַוויזן אויסצולאָזן דעם כּעס; און דאָן ווידער, צום לעצט, זי, גיטעלען, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, ווייבעריש־ווייך, אָבער כיטרע־פֿאַרשטעלט איצט צו אים אַריין, אָפּגערעדט אויף פֿריער מיט איר מאַן, אַז זי, ווי אַ פֿרוי, זאָל אים דאָ פֿאַרבייטן, און ווי אַ פֿרוי קאָן, זיין, יעקבֿ־יוסיס, רחמנות דערוועקן; — דאָס דערזען, האָט זיך יעקבֿ־יוסי פֿון זיין שטול אַ כאַפּ געטאָן, און אויסכאַפּנדיק דאָס לעצטע וואָרט ביי גיטעלען, האָט ער זי, ווי איבערגעקרימט און אַ זאָג געטאָן דערביי מיט אומצוטרוי און געבייזער:

— וואָס? „גאָט באַוואַר”, זאָגט זי? איר מאַן, משה מאַשבער, הייסט עס, איז אַ לעמעלע, קייט שטרוי און קאָן זיך ניט שטויסן?... קיין שווינדל — זאָגט זי? זי גייט פֿאַר אים שווערן? און זי פֿאָדערט נאָך, פֿאַרקערט, אין

נאָמען פון זיין ערלעכקייט, מ׳זאָל אים שטיצן און אַרויסהעלפן פון זיין נויט? נו, און פאַרוואָס טראַכט ער ניט פון יענעמס נויט? פאַרוואָס האָט ער ניט געזאָרגט פאַר קיינעם און האָט, פאַר אַלעמען, זיך אַליין פאַרזאָרגט? ווער טוט עס?

— ווער? — האָט גיטעלע, צעטומלט פון יעקבֿ־יוסיס שאַרפע ווערטער, נישט פאַרשטאַנען און איבערגעפרעגט.

— ווער? ער! איר מאַן!

— וואָס רעדט ר׳ יעקבֿ־יוסי? ווער פאַרזאָרגט? וואָס פאַרזאָרגט? זי ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן!

— זי — טאָקע נישט, אָבער ער, איר מאַן — ווייסט שוין דווקא יאָ. פע! אַזוי טוט מען ניט!

— ווי אַזוי? — האָט גיטעלע ווייטער געשטאַמלט.

— אָט! — האָט יעקבֿ־יוסי אַ וווּנק געטאָן מיט אַ פינגער אויף סרוליק, וועלכער איז די גאַנצע צייט, בעת גיטעלע האָט אויסגעלייגט אירע טענות פאַר יעקבֿ־יוסין, געשטאַנען מיט אַ זייט, אויף זיין אָרט, פאַרגליווערט, און וואָס פון אונטער זיין אַראָפּגערוקטן דאַשעק האָט איצט אויסגעהערט אויך יעקבֿ־יוסיס טענות.

— אָט — האָט יעקבֿ־יוסי אָנגעוויזן און האָט גלייך זיין פינגער ווי מיט עקל צוריק געכאַפּט — אָט איז דער, וואָס דורך אים האָט איר מאַן געוואָלט אַלעמען אַרומגיין, ווען ער האָט איבערגעשריבן אויף זיין נאָמען די שטוב, אָדער אַנדער פאַרמעגן, צו וועלכן אַנדערע זאָלן ניט האָבן קיין צוטריט, ווען ער וועט זיין מאַט און האַלטן ביי פאַלן, פע, אַזוי טוט מען ניט! קיין סוחר... קיין ייד... בפרט אַזאַ, ווי זי זאָגט, אַז ער שטאַמט פון יחוס.

— און מירן נאָך זען — האָט ער זיך נאָך מער צעהיצט און צעפייערט — וואָס ער וועט דאָ פועלן! זאָל ער געדענקען: ס׳וועט אים לייכט ניט אָפּגיין!...

— גייט געזונט! — האָט יעקבֿ־יוסי שוין צום סוף געזאָגט און גיטעלען אויף אַן איידעלן אופן גענומען טרייבן פון שטוב און נישט געוואָלט מער אויסהערן קיין וואָרט פון איר מאַנס פאַרטיידיקונג. — גייט געזונט, און גיט אים איבער, אייער מאַן, אויב איר זייט אים געטריי און ווילט זיין טובה, אַז ער זאָל זיך דאָס ניט האַלטן פאַר גרינג, זאָל ער זיך מיט קיין וועלט ניט פאַרקריגן, ווייל ס׳וועט זיך ענדיקן שלעכט, גאָר שלעכט.

— הינט! בייטל־שניידער!... — האָט דעמאָלט סרולי, שטייענדיק מיט אַ זייט, הינטן אַרום, אַ זידלדיקן בורטשע געטאָן, אָבער אַזוי הויך, אַז

ס'איז נישט מעגלעך געווען, אַז עמעצער, וואָס געפֿינט זיך ביים טיש, זאָל ניט דערהערן.

ווירקלעך: באַלד האָט זיך דערהערט נאָך אַמאָל און אַ לעצטער אויס־געשריי פֿון יעקב־יוסין „שעפּסל!" און איצט איז קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס מאָל וועט זיך עס שוין ענדיקן גאָרניט בשלום, ווי די פֿריערדיקע מאָלן שרייען...

דעמאָלט האָט סרולי נישט געוואַרט און זיינע טריט צו דער טיר אָנ־געריכט. אויך צאַלי, וואָס האָט שוין לאַנג אָפּגעטאָן זיינס ביי יעקב־יוסין, האָט זיך ניט געזאַמט און האָט נאָכגעטאָן סרולין. און גלייך נאָך זיי, נאָך צאַלין און סרולין — אויך גיטעלע, וואָס האָט זיך אויסגעקערעוועט צו יעקב־יוסיס טיש, נישט זאָגנדיק קיין גוטן טאָג, און ווער ס'וואָלט זי דעמאָלט געזען צוריקגיין צו דער טיר, דער וואָלט אויך געזען, ווי די טרערן האָבן איר גענומען רינען, און ווי שטיל, באַנומען, דערנידעריקט און נישט דענ־קענדיק זיי אָפּצואווישן, האָט זי זיי געלאָזט פֿאַלן אינעם ברייט אַראָפּגע־לייגטן סויבלענעם קאָלנער אירן.

*

און ס'איז געשען, וואָס ס'האָט געמוזט... ס'איז געקומען אַ טאָג אויף משה מאַשבער, וואָס מ'דאַרף אים קיין מאָל קיינעם ניט ווינטשן.

ער האָט געפֿילט, אַז דער סוף דערנענטערט זיך. בעסער וואָלט ער שוין דעמאָלט אין קאָנטאָר גאָרניט געגאַנגען. אָבער ער האָט ניט גע־קאָנט: ווייל ערשטנס, וואָס וועט ער טאָן, בלייבנדיק אין דער היים, אַז פֿון אַלע ווינקעלעך קוקט שוין אַרויס דער אַנגסט פֿונעם באַלד אָנקומענדיקן קראַך; און צווייטנס, איז זיין אָנוועזנהייט אין קאָנטאָר דאָך נאָך נויטיק געווען, כּדי אָפּצוהאַלטן די בעלי־חובֿות, וואָס האָבן זיי באַלאַגערט, און זיי דאָך נאָך מאַכן גלויבן, אַז וועט ניט ווען — היינט, מאָרגן, שפּעטער — וועלן זיי באַקומען, וואָס ס'קומט זיי.

ער האָט זיך דערום געמוזט ווייזן. אָבער ווי צו דעם ווייזן! ווער ס'וואָלט אים דעמאָלט געזען גיין אין קאָנטאָר — אַן איינגעשרומפּענעם און דעם קאָפּ אין קאָלנער פֿון ווינטער־מאַנטל אַרייַנגעצויגן, וואָלט אים אָנגענומען פֿאַר אַ שאָטן און זיינס אַ געדעכעניש... בפֿרט, ווען ער פֿלעגט אַריינקומען אין קאָנטאָר, און ווען שוין אויף דער שוועל האָט ער זיך געמוזט אָפּשלאָגן פֿון די פֿיל מאַנער, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט און גענומען ציען פֿון אים אַ גוט וואָרט, אַ פֿאַרזיכערנדיקס, וואָס ער האָט עס אַלע מאָל אַרויסגעשטאַמלט האַלב ליגנעריש, האַלב דערשראָקן.

ס'איז שוין אַוודאי ניט געווען וועמען צו מקנא זיין... ער האָט שוין דאָרט קיין מאָל לאַנג ניט פֿאַרבראַכט, און ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעפּאַר־טיקט מיט די בעלי־חובֿות, וואָס אַ ביסל האָט ער זיי גענאַרט און אַ ביסל

האָבן זיי זיך געלאָזט נאָרן, אַזוי האָט ער זיך ווידער גענומען אַרויסרוקן. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ פון בושה און פון די נישט וואָרע רייד, וואָס זיינען אים שווער געקראָכן פון גאָרגל.

אָבער איין מאָל... משה מאַשבער איז דעמאָלט געקומען שוין עטוואָס שפּעטלעך. ער איז אַרייַן פון אַ שטאַרק־פּראָסטיקן דרויסן, וואָס האָט אים פאַרהויכקעט די אויגן, די ברעמען און די וויעס... ער האָט די ערשטע רגע נישט געזען, וואָס אָרום אים טוט זיך — נישט נאָר מחמת דער פאַר־טונקלטער ראיה, נאָר אויך מחמת דעם, וואָס גייענדיק אַהער, איז ער געווען אַזוי פאַרחושט און פאַרטראָגן, אַז דאָס, וואָס האָט אים איצט באַגעגנט אין קאַנ־טאָר, האָט אים אויסגעזען פרעמד און גלייך ס'האָט צו אים קיין שייכות נישט.

די קאַנטאָר איז געווען איבערפולט פון מאַנצבילן, ווייבער, מיידלעך, ווינ־טערדיק אַנגעפּעלצט און אַזוי אָנגעפּרענדעט, אַז יעדערער פון זיי האָט פאַר־נומען פיל מער אָרט, ווי ווען מ'איז געוויינטלעך אָנגעטאָן. ס'איז געווען טומלענדיק און ענגלעך פון די פאַרשיידענע רעדלען, וועלכע האָבן זיך גע־האַלטן באַזונדער, און אויך פון אַלע אין איינעם, וועלכע האָבן אויסגעבילדעט איין געדיכטעניש, וואָס האָט געמינערט די שיין אי דורך די אויסדעמפונגען פון פראָסט, וועלכע מ'האָט אַריינגעבראַכט, אי פון ציגאַרן־רויך...

משה מאַשבער האָט עפּעס אַ לייכטן ציטער געטאָן, דאָס דערזעענדיק. ער האָט אַ דערשראָקענער, זיך געוואָלט גלייך צוריקרוקן און פאַרקערעווען אויף אַרויס פון קאַנטאָר, אָבער איידער ער האָט דאָס באַוויזן, אַזוי האָט דער עולם אים באַמערקט, און שטיל און ווי אָפּגערעדט, האָט מען אים גענומען מאַכן אַן אָרט אי אויף דורכגיין, אי אים אַרומצורינגלען, אויף נישט אַרויס־לאָזן פון דאָרט.

מ'האָט זיך אַ ווײַלע געהאַלטן שטיל, אָבער באַלד האָט איינער פון עולם גענומען אַ וואָרט פאַר אַלע, גלייך מ'וואָלט אים באַפולמעכטיקט, און שטיל, צוריקגעהאַלטן האָט אַ זאָג געטאָן:

— ס'שוין צייט, ר' משה... וויפל איז דער שיר? מיר וואַרטן שוין חדשים... מער קאָנען מיר נישט, מער איז מען נישט בכוח... און זאָל ער אַ קוק טאָן, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, משה מאַשבער: נישט מיט קיין בעלי־הלוואות, וואָס לעבן און ווערן רייך דערפון, נאָר מיט אָרעמע־לייט, וואָס האָבן געטראָגן צו אים זייערע געלטן, ווי אין אַ פּייער־קאַסע; קבצנישע שטעל־העלדלער און זקנים, וואָס האָבן געשפּאָרט דעם גראָשן אויפן לעצטן טאָג; דינסט־מיידלעך — דאָס פאַרהאָרעוועטע נדן; אַלמנות, וואָס איז זייער לעצט...

— דאָס לעצט... — האָט דער גאַנצער עולם יענעם אונטערגעהאַלטן.

— איצט מוזן מיר באַקומען, וואָס ס'קומט אונדז.

— אונדזער געלט... — האָבן זיך שוין געפֿונען מער דרייסטע, וואָס האָבן אָנגערופֿן די זאַך ביים נאָמען, און זיינען מער מאָנערישער צוגעטראָטן צו משה מאָשבער.

דעמאָלט האָט זיך פֿון צווישן עולם אַרויסגערוקט אַ קליין נידעריק פֿאַרשווינדל, מיט אַ האַלב־ווינטערדיק בורנוסל, אַן קנעפּ און מיט אַ שטריק אונטערגעגאַרטלט. און דאָס איז געווען „קעצעלע״, וואָס האָט צו אַלעם אויסערלעכן פּוץ, נאָך געהאַט די באַקן מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע פֿאַרבונדן — צי פֿון ציין־ווייטאָג, צי פֿון קעלט.

— אַוודאי איז צייט, ר׳ משה — האָט קעצעלע מיט זיין הייזעריק, פּיש־טשענדיק קולעכל געטענהט און געמאָנט, כּלומרשט, פֿאַר אַלע — אַלע אונ־דזערע זמנים זיינען שוין פֿאַרביי... וואו איז יושר? גאָט אַליין הייסט דאָך שוין נישט מער.

— יאָ, אַלע זמנים פֿאַרביי — האָבן אַלע אַנדערע אויך קעצעלען אונ־טערגעהאַלטן.

פֿון פֿאַרלוירן זיין און פֿון ניט האָבן וואָס צו זאָגן זיינע באַלאַגערער האָט משה מאָשבער זיך גענומען רוקן צוריק צו דער שוועל פֿון ערשטן קאַנטאָר־צימער, דורך וועלכער ער האָט נאָר וואָס אַריבערגעשפּאַנט; און אין דער זעלבער צייט האָט ער דערזען זיין איידעם נחום לענטשער זיך ווייזן פֿונעם צווייטן, פֿון אויפֿנאַם־צימער — ווי ס׳ווייזט אויס, מיטן מיין אים קומען צו הילף און אים אָפּשלאָגן און באַפֿרייען פֿון די, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט.

— וואָס איז מען זיך דאָ אָנגעגאַנגען אַ פֿולע קאַנטאָר? וואָס מאַכט מען פֿאַר אַ טומל? — האָט נחום לענטשער אומגעריכט, הויך אויף אַ קול, זיך אַ ווענד געטאָן מיט אַ פֿראַגע צום עולם, כּלומרשט ער ווייסט ניט, צוליב וואָס און פֿאַר וואָס האָט מען איצט אַזוי ענג אַרומגענומען זיין שווער משה מאָשבער אין אַ ראָד, — און זיין פּלוצימדיקע ווענדונג האָט געמאַכט אַלע פֿנימער זיך אויף אַ ווײַלע אויסצודרייען צו אים און זיך אָפּקערעווען פֿון משה מאָשבער...

ווי משה מאָשבער איז נישט געווען דערשלאָגן און ווי שלעכט דער קאָפּ האָט אים די לעצטע צייט בכלל שוין נישט געדינט, דאָך האָט ער דערפֿילט, אַז איצט איז אַ שעת־הכּושר, ער זאָל אומבאַמערקט זיך אַרויס־מאַכן פֿון קאַנטאָר, און דעם גאַנצן כּעס, מיט וועלכן אַלע זיינע באַלאַגערער האָבן, מעגלעך, געמיינט אָנפֿאַלן אויף אים, אָפּווענדן אויף זיין איידעם נחום לענטשער.

ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן... ער האָט דאָס געמאַכט גיך, גראָד אין דער מינוט, ווען אַלע פֿנימער האָבן זיך פֿון אים אָפּגעקערעוועט. און אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז די מינוט וועט לאַנג ניט דויערן, און אַז ווי נאָר

מ׳וועט זיך אומקוקן און באמערקן, אַז ער איז ניטאָ, אַזוי וועט מען אים נעמען זוכן, מעגלעך — נאָכלויפן און אים ווען פאַרהאַלטן, האָט ער זיך דערום געלאָזט נישט דורכן געוויינטלעכן אַריינגאַנג, נאָר טאַקע דורך דער הינטער־טיר, וואָס דורך דאָרט, האָט ער געגלויבט, וועט זיין פאַרשווינדענער שפּור נישט אַזוי גרינג זיין צו געפינען.

אַרויסאיילנדיק דורך דער טיר, האָט משה מאַשבער פאַרשטאַנען, אַז מיט זיין איידעם, וואָס איז געבליבן אויג אויף אויג מיטן אויפגערייצטן עולם, קאָן זיך דאָרט ניט גוט ענדיקן: אַז קיין איבעריק כּבֿוד וועט מען אויף אים, נחומען, שוין די ערשטע מינוטן, מסתּם, נישט לייגן, און ווער ווייסט, וואָס שפּעטער וועט נאָך זיין... אָבער ערגער פון דעם, האָט ער ווידער פאַרשטאַנען, וועט זיין, אויב אָט דער עולם וועט פאַרלאָזן זיין איידעם, נישט זעענדיק אין אים דעם אמתן שולדיקן, און וועט זיך אַ לאָז טאָן נאָך אים, נאָך משה מאַשבערן טאַקע, אַהיים, וואו ער וועט אַריינפאַלן מיט גע־שרייען, מיט בזיונות, מיט קלאַפּן אין טיש, קלאַפּן שויבן, ווי מ׳טוט אין אַזוינע פאַלן.

ער האָט דאָך קיין אַנדער אויסוועג ניט געפונען, ער איז אַוועק אויף גיך, מיט אַן איינגעגראָבענעם קאָפּ אין קאָלנער, און אַזוי צעמישט און צע־טראָגן, אַז ווען אַ זייטיקער וואָלט אויף אים דעמאָלט אַ קוק געטאָן, וואָלט ער אים אויסגעזען, ווי אַ חיה, וואָס די יעגער זיינען אויף איר שפּור און וואָס די פּיאַטעס ברענען איר פון געיעג...

— וואָס פאַר אַ טומל, פרעגט ער — האָט עמעצער פון עולם משה מאַשבערס איידעם, נחום לענטשער, אָפּגעענטפערט — מיר וואָלטן געוואָלט זען, ווי וואָלט ער, נחום, זיך געהאַלטן, ווען מ׳באַגייט זיך מיט אים אַזוי, ווי משה מאַשבער, זיין שווער, באַגייט זיך שוין אַ צייט מיט אָט די אַלע דאָ פאַר־זאַמלטע; צי וואָלט ער לענגער געוואַרט און צי וואָלט ער מער גערולד אַרויסגעוויזן צו די, וועלכע זיינען אים שולדיק, ווען ער וואָלט געווען אין דער לאַגע, ווי אָט די — האָט דער איינער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן פאַר אַלע, אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויפן עולם און בעת מעשה האָט אי ער אַליין, אי אויך אַנדערע באַמערקט, אַז דער, צו וועמען זיי האָבן זיך פריער געווענדט מיט זייער טענה, איז ניטאָ, פאַרשוואונדן.

— וואָס רעדט מען דאָ מיט אים? — האָט אַן אַנדערער אויסגעשריגן — נישט אים האָבן מיר דאָך געלט געליען. ניט ער האָט אונדזערע וועקסלען געחתמעט! וואו איז יענער? וואו איז משה מאַשבער? זיין שווער, וואו איז?

— ניטאָ! — האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן.

— זיך אויסגעדרייט — אַ צווייטער.

— אַנטלאָפן — אַ דריטער.

און דאָ האָבן זיך שוין מיט אַמאָל דערהערט פֿאַרשיידענע קולות פֿון עולמס געדיכטעניש אַרויסקומען — ווער הויך און ווער העכער:

— וואו איז ער אַהינגעקומען?

— זיך אויסבאַהאַלטן?

— ס׳וועט אים ניט העלפֿן!

— מיר ווייסן, וואו ער וואוינט.

— מירן טרעפֿן אויך אַהיים.

— אַהיים!... יידן, ווייבער, וואָס שווייגט מען? לאָמיר לויפֿן, אים דעריאָגן, ער איז נאָר וואָס אַרויס, ער איז נאָך ניט ווייט. —

— אַנזעצן... מיינט ער?

— ראַבעווען?

— וועמען?

— אונדז?

— אַזוינע בלוטיקע געלטן! — האָט מען געטומלט און נישט האָבנדיק פֿאַר די אויגן דעם, צו וועמען מ׳וואָלט געקאָנט דאָס האַרץ אויסלאָזן, האָט מען זיך דערווייל איינס פֿאַרן אַנדערן די העלדזער געריסן און אָנגערופֿן משה מאַשבערן מיט אַזוינע נעמען און ווערטער, וואָס סיי נחום, משה מאַש־בערס איידעם, סיי אַלע אָנגעשטעלטע, סיי אויך זייטיקע מענטשן, וואָס האָבן דערהערט דעם ליאַרעם אין קאָנטאָר און זיינען אַריין פֿון גאַס און פֿון די נאָענטע געשעפֿטן, זיינען געשטאַנען אַפּהענטיק, פֿאַרלוירן און ווי פֿון אַ שטאַרקן האָגל געטראָפֿן.

— אַהיים! — האָט עמעצער אַ רוף אַרויסגעלאָזט און דער עולם האָט אים גלייך אויפֿגעכאַפּט. און ווי ענג די קאָנטאָר איז ניט געווען פֿון אָנגעלויף, אַזוי האָבן זיך דאָך אַלע מיט אַמאָל צו דער טיר אַ לאָז געטאָן, זיך שטופּנדיק און וועלנדיק זיך פֿעדערן איינס פֿאַרן אַנדערן, ווי אַלע מאָל אַ צעהיצטע מאַסע, וואָס לאָזט זיך מיט אימפּעט צו אַ זאַך, פֿון וועלכער מ׳האָט זי לאַנג אָפּגעהאַלטן און צו איר ניט צוגעלאָזט.

— ווײ איז מיר? — האָבן אייניקע עלטערע, אָפּגעשטאַנענע, וואָס מ׳האָט שיר ניט צעריבן אין ענגעניש, געשריגן.

— אונדזער געלט! — אַנדערע.

— פֿאַרהאַרעוועטס!

דער עולם איז אַרויס. מ׳האָט זיך געלאָזט לויפֿן, צוערשט אַלע מיט אַמאָל, אַלע אין איינעם, דערלעכווייז, בינטלעכווייז. ווער ס׳איז יונגער געווען איז אָבער באַלד פֿאַרלאָפֿן פֿאָרויס, און ווער עלטער און שוואַכער, איז אָפּ־געשטאַנען, און האָט, לויפֿנדיק, געסאַפּעט, ווי מורא האָבנדיק צו פֿאַר־שפּעטיקן און אַז די גיכער־לויפֿנדיקע זאָלן ביי זיי ניט אויסכאַפּן.

משה מאַשבער איז שוין טאַקע אין דער היים געווען, ער איז אַריין מיט אַ קליינער ווילע פריער, איידער דער עולם האָט אים אָנגעיאָגט... און ווען ער איז אַריינגעקומען אין עס־שטוב און דאָרט קיינעם ניט געטראָפן, ווייל גיטעלע איז, ווי איר שטייגער דעמאָלט, ביי זיך אין אַלקער, ביי איר ווייבערשן ספר געזעסן, האָט ער אַ לויף געטאָן מיטן געדאַנק איבער אַלע צימערן און זיך אַ ישוב געטאָן, וואוהין ער זאָל אַריין זיך אויסבאַהאַלטן. און מיטאַמאָל, ווען ער האָט גראָד דערזען מאַירלען אים אַנטקעגנקומען, האָט ער אַ זאָג געטאָן אין גרויס יאָגעניש און אָן שום ישוב:

— מאַירל... קום אַריין צו דיר... און פאַרשליס די טיר.

— וואָס איז, זיידע? האָט מאַירל אַ פרעג געטאָן, ווען ער האָט דערזען דעם זיידן אַ דערשראָקענעם און אַזוי אויסזעענדיק, ווי איינער, וואָס איז נאָר וואָס אַנטרינען פון גזלנים און ווען דער נאָך־נישט איבערגעגאַנגענער פחד ווירקט אויף אים אַזוי, אַז ער איז גרייט זיך ווענדן נאָך הילף אַפילו צו אַ קינד — ווי אַט דאָ, ווען משה מאַשבער האָט אָנגענומען מאַירלען פאַר אַ האַנט און מ'האָט געזען, אַז נישט מיטן מיין כדי ער זאָל מאַירלען פירן, נאָר פאַרקערט, ער זאָל פון מאַירלען געפירט ווערן, אַז יענער, הייסט עס, זאָל אים נעמען און וואָס גיכער אַריינברענגען אין זיין קינדער־צימער, וואו ער לערנט און פאַרברענגט געוויינטלעך.

— פאַרשליס — האָט משה מאַשבער איילנדיק אַ זאָג געטאָן, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן דערווייטערטע פון שטוב, אין קינדער־צימער, וואו מאַירל האָט ערשט דאָרט דערזען, ווי זיין זיידנס פנים איז רויט, טויט, מבולבל, און די אויגן, ווי נישט זיינע.

— האָ, מאַירל — האָט משה מאַשבער, בלייבנדיק אַליין מיט זיין איניקל, עפּעס אַ גיכן אומזיניקן זאָג געטאָן מער צו זיך אַליין, ווי צו יענעם, וועלכער האָט געזען, ווי ביי משה מאַשבער האָבן געציטערט די ליפּן בשעת ער האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט.

— האָ — האָט משה מאַשבער נאָך אַמאָל דאָס זעלבע איבערגעחזרט.

דעמאָלט האָט מאַירל דערהערט, ווי אין עס־שטוב איז מיט אַמאָל געוואָרן עפּעס אַ זשום פון אַ סך מענטשן, וואָס האָבן זיך צוערשט, זעט אויס, נישט איבעריק דרייסט אַריינגעשטעלט, און נאָך דעם ווען זיי זיינען שוין אַהין אַריין, האָבן זיי זיך דערפילט פריי נאָר אויף אַזוי פיל, אַז זייערע מיילער זאָלן דערווייל נאָר לאָזן הערן דערשטיקטע קלאָגערייען, ווייל אויף העכער שרייען האָט זיי נאָך קיין מוט ניט געקלעקט.

— וויי איז מיר — האָט זיך דערווייל פון דאָרט אַרויסגעהערט — אַזאַ גזר!

— ווער זאָל זיך עס געווען ריכטן?

— ווער האָט דאָס געקאָנט פאַרויסזען?

— אַ מענטש, וואָס גאָט און לייט האָבן אים מקנא געווען...

שפּעטער אָבער, אַז דאָס געזעמל אין עס־צימער איז מער געוואַקסן, האָבן די אָנגעקומענע, ווייזט אויס, אויך מער העזה געקראָגן, און צוגעוואוינט צו דער שטוב־לופט און געשטאַרקט איינס דורכן אַנדערן, זיינען זיי אַרויס מיט דעם, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער אַרום איז זיי געווען פרעמד און וואָס די רייכע ווענט פון דער רייכער שטוב האָבן זיי ניט דערלויבט זיך פריי צו צעבינדן.

— וואו איז ער? — האָט זיך דערהערט.

— וואוהין האָט ער זיך עס אויסבאַהאַלטן?

— וואָס מיינט מען, ס׳וועט אַזוי לייכט אָפּגיין?

— מ׳ט אים אויסגעפינען!

— פון אונטער דר׳ערד!

— ער וועט זיך ניט אויסדרייען!

— מירן ניט אַוועקגיין, ביז ער וועט ניט דאָ, אויפן אָרט, סילוקן ביז אַ קאָפּיקע.

— דאָ טאָגן, דאָ נעכטיקן.

— צעטראָגן אַלץ, וואָס די אויגן זעען.

— וואו איז ער? זאָל ער אַרויס! גיט אים אַהער! — האָט די אָנגע־לאָפענע מאַסע, נישט האָבנדיק קיינעם פון די בני־בית פאַר די אויגן, אויס־געשריגן אירע פאָדערונגען צו די ווענט, צו דער סטעליע, צו די טירן, פון אַנדערע צימערן, וועלכע האָבן געפירט אין עס־שטוב, און וואָס קיינער האָט זיך איצט אויף זיי ניט געוויזן.

— שטילער — האָט משה מאַשבער דעמאָלט אַ זאָג געטאָן צו דער־שראָקענעם מאירלען, וועלכער האָט זיך גענומען שטויסן, וואָס אין שטוב טוט זיך, און פאַרוואָס דער זיידע האָט זיך אַזוי איילנדיק דאָ מיט אים אין אַלקער פאַרשטעקט.

— שטילער! — האָט משה מאַשבער גענומען טרייסטן און ווישן מאיר־לען די טרערן, וועלכע האָבן זיך אים געוויזן אי פון מורא, אי פון רחמנות צו זיך אַליין, צו אַלע שטוביקע, בפרט צום זיידן.

— וויין ניט! — האָט משה מאַשבער געזאָגט צו זיין איניקל און דערביי האָט אויך ער אַליין געציטערט פון דעם, וואָס זיינע אויערן האָבן פון שטוב פאַרנומען:

— ס׳דאַך עק וועלט! — האָט מען דערווייל דאָרט ניט אויפגעהערט שרייען.

— ס׳דאַך ערגער ווי אין סדום!

— ס׳דאַך שוין גאָר קיין נאמנות ניטאָ!

— עלעהיי צו רוצחים אין די הענט.

— וואָס טוט מען, וואָס הויבט מען אָן צו טאָן?

— אוי!...

— וואַסער... גיט מיר וואַסער... ס'איז מיר ניט גוט... — האָט מען גענומען שרייען און בעטן הילף מיט קוויטשערייען פֿון ערב אָנמאַכט און חלשות.

דעמאָלט איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן אין שטוב. גיטעלע, וואָס איז צום אָנהויב אַנגעלויף געזעסן אין איר אַלקער איבער איר טייטש־חומש, ווי איר דעמאָלטיקער שטייגער, האָט, דערהערנדיק, וואָס אין עס־צימער טוט זיך, זיך פֿאַמעלעך פֿון אָרט אויפֿגעהויבן, איז רואיק אַהין צוגעגאַנגען, די שוועל אַריבערגעטראָטן, צו זען, צי זיינען ווירקלעך טאַקע די קולות, קולות, צי אפֿשר ווייזט זיך איר גאָר אויס...

זי האָט זיך ניט געאײַלט, ווייל פֿון גרויס גלייכגילט, וואָס האָט זי באַ־הערשט נאָך דעם, וואָס ס'האָט זי און איר מאַן משהן די לעצטע צייט גע־טראָפֿן, באַזונדערס נאָך איר אומגליקלעכן און גאַרנישט־פֿועלנדיקן באַזוך ביי יעקב־יוסיפֿן, האָט געדאַכט, אַז קיין זאַך קאָן זי שוין נישט איבערראַשן און פֿון איר שטאַנד נישט אַרויספֿירן.

זי איז אַריין, און ווי נאָר זי איז אויף דער שוועל אַרויף, אַזוי האָט זי גלייך פֿאַרשטאַנען, וועמ דער עולם איז און וואָס ס'האָט אים געבראַכט אַהער... זי איז געבליבן געפּלעפֿט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, זיך גענומען אין די הענט און געזען זיך שטאַרקן, וויסנ־דיק, אַז ס'איז פֿון הימל באַשערט און אַז קעגנשטעלן זיך איז ניט שייך, און אַז זי דאַרף דאָס אָננעמען פֿאַר ליב...

זי איז דערום גרייט געווען צו אַלץ. באַזונדערס נאָך, אַז זי האָט זיך דערזען אייגנע אַליין אין שטוב, אָן משהן, אָן אירע קינדער און אָן קיינעם, וועלכער זאָל איר קומען צו הילף, האָט זי באַשלאָסן זיך אונטערגעבן דער פֿאַרשטייענדיקער דערנידעריקונג, אָן תּרעומות, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַ איינעם, וועלכן גאָט האָט אויסדער־ווײלט צו פּרואוון מיט יסורים, ווי זי האָט אין אירע ווייבערשע ספֿרים אויסגעלייענט.

זי איז שטיין געבליבן, און די ערשטע רגע האָט זי, אַ נישט־באַמערק־טע פֿון קיינעם, זיך האַלב רואיק איינגעהערט אין די גוואַלדן פֿון עולם און נאָר צוגעזען די אומאָרדענונג, וואָס מ'האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב מיט די אָרעמע ריחות, און מיט די טראָגנטעוואַטע שיך און שטיוול, וועלכע האָבן אָנגעטראָגן אַ פֿולע שטוב נעץ און קויט פֿון גאַסן־שניי.

באַלד אָבער האָט מען זי דערזען, און דער עולם איז אויף אַ רגע, אויף איין רגע נאָר, שטיל געוואָרן, ווי געטראָפֿן פֿון דער רו, מיט וועלכער זי האָט, פֿון דער שוועל אַראָפּקוקנדיק, אַלעמען באַגעגנט, מ'איז אויף אַ ווײַלע ווי אָן לשון געבליבן — אַ ביסל פֿון דרך־ארץ פֿאַר איר ווירדיקער האַלטונג,

און אַ ביסל אויך דערפֿאַר, וואָס אין דער שווייגנדיקער מינוט האָבן זיך אַלע דערפֿילט באַפֿרידיקט דערפֿון, וואָס זיי האָבן איצט דערזען משה מאַשבערס אַ נאָענטן, צו וועמען זיי וועלן זיך קאָנען ווענדן — מיט גוטן אָדער מיט שלעכטן — ווי גלייך אַליין צו משה מאַשבער.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

באַלד האָט זיך פֿון אַנטשוויגן־געוואָרענעם עולם אַרויסגערוקט „קעצעלע", מיטן האַלב־ווינטערדיקן בורנוסל, און איז מיט אַ פֿויסטל צום טיש צוגע־לאָפֿן, זיך געשטעלט צום אויבנאָן און אויסגערופֿן:

— מיין געלט!

— געלט! — האָבן אים פֿון אַלע זייטן אונטערגעהאַלטן צעפּאַטלטע ווייבער, מיידלעך, וואָס די האָר זיינען זיי אַרויס דורך די שאַלן, שאַלעכלעך, און האָבן זיי געמאַכט אויסזען ווילד־פֿאַרפּאַליעט און צעפֿלאָכטן.

— יידן, ווייבער — האָט זיך גיטעלע דעמאַלט שטיל אַ ווענד געטאָן צום עולם, וואָס האָט זיך צו איר געריסן מיט פֿאָדערנדיקע אויסגעשרייען — — נעמט וואָס איר ווילט, נעמט וואָס אייערע אויגן זען... ס'ניט מיינס, ס'איז גאָטס און אייערס...

— אַוודאי וועלן מיר נעמען! — האָט מען פֿון אַלע זייטן אירע ווערטער אויפֿגעכאַפּט — אַוודאי!... יידן, נעמט!

און דער גאַנצער עולם האָט זיך צעלאָזט פֿון עס־צימער איבער אַלע צימערן — איינציקווייז, גרופּעסווייז, און צעווילדעוועט פֿון אייגענעם אימ־פּעט, האָט מען גענומען שלעפּן, ווער וואָס ס'האָט געקאָנט, וועמען וואָס ס'איז אונטער דער האַנט געקומען, ווי בעטגעוואַנט פֿון בעטן, קליידער — פֿון שאַפֿעס און גאַרדעראָבעס, ווי אויך אַנדערע חפֿצים — געפֿעס, גלאָז־וואַרג, און אויסשטייער, ווי טישטעכער, האַנטעכער אאַז"וו.

פֿון גרויס אימפּעט האָבן אייניקע אַפֿילו גענומען פּאַקן זאַכן אין ליילע־כער, ווי בעת אַ שׂרפֿה, גיך און איילנדיק, און דערביי האָט מען אי געכאַפּט, אי אין דער זעלבער צייט האָט מען זיך געשעמט און זיך פֿאַרענטפֿערט מיט די צרות, וואָס האָבן דערצו געצוואונגען:

— ווי איז מיר — האָט מען געפּאַקט און, פּאַקנדיק, זיך געקלאָגט אויף וואָס מ'איז איבערגעקומען: אויף דאַרפֿן אָנקומען צו נעמען פֿרעמדס...

דערביי האָבן זיך אויך פֿאַרשיידענע סצענעס אָפּגעשפּילט, ווען צוויי מיט אַמאָל האָבן זיך אָנגעשלאָגן אויף איין זאַך, וואָס איז זיי געפֿעלן, און יעדערער האָט זי געוואָלט וואָס גיכער אַריינכאַפּן פֿאַר זיך; ווען מ'האָט זיך שוין שיר־שיר ניט צעשלאָגן, האַלטנדיק איינער ביי איין עק זאַך, דער צווייטער ביי אַ צווייטן עק און געצויגן און געריסן איינער פֿון אַנדערנס הענט, און אַט־אַט, האָט געדאַכט, וועט מען זיך אין די פּנימער, אין די צורות אַריינפֿאַרן.

דערביי, ווען דער עולם איז געווען אזוי פֿארכאַפּט און באַשעפֿטיקט מיט דער שלעפּ־מלאָכה, איז גיטעלע פֿון גרופּע צו גרופּע אַרומגעגאַנגען, פֿון איינציקע צו איינציקע געקוקט, און שטילערהייט אַלעמען איינגעשטילט און רואיק ווי געעצהט:

— קריגט זיך ניט — האָט זי געזאָגט — ס'וועט קלעקן פֿאַר אַלע... נעמט געזונט און פֿאַרנוצט געזונט...

דאָס זיינען, פֿאַרשטענדלעך, ניט אירע ווערטער געווען, נאָר ווי אַן אַנדערער האָט פֿון איר אַרויסגערעדט — אַן איינער, וואָס וואָלט ווי געווען אי דער געשטראָפֿטער, אי דער, וואָס שטראָפֿט זיך, אי דער פֿאַראורטיילטער, אי דער, וואָס פֿירט איבער זיך אויס דעם אורטייל.

און נאָך דעם אומגיין פֿון גרופּע צו גרופּע און פֿון איינציקע צו איינציקע, האָט מען זי, גיטעלען, שפּעטער געקאָנט זען, ווי זי האָט זיך געטראָפֿן שטיין אין אַ צימער, פֿאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט, ווי צו ליכט־בענטשן, און שטילערהייט, מיט טרוקענע אויגן, אַן געוויין, צו טענהן:

— רבונו־של־עולם, פֿאַרוואָס?

ס'וואָלט געווען שווער צו זען, ווי גיטעלע איז, מיט די הענט די אויגן פֿאַרשטעלט, אין מיטן יענעם צימער געשטאַנען; אָבער נאָך שווערער וואָלט געווען צו קוקן אויף משה מאשבער דעמאָלט אינעם אָפּגעשלאָסענעם אַל־קער מיט זיין איינציקל מאירל זיך אויסבאַהאַלטן — ווי אַזוי דער עלטערער, משה מאשבער, האָט זיך אַנגעהאַלטן אין קינד, זיך געקלאַמערט און ווי געזוכט הילף ביי דעם...

דאָס נאָך צוערשט, בפֿרט שפּעטער, נאָך דעם, ווי די אָרעמע בעלי־חובות זיינען זיך אַנגעלאָפֿן און האָבן גענומען טאָן אין שטוב, ווי אויבן איז געזאָגט — פּאַקן פּעק און כאַפּן איינציקע זאַכן צעהיצט און ווי בעת אַ מהומה; און ווען נאָך דעם האָבן זיך אויך גענומען אַריינשטעלן די מער ערנסטע בעלי־חובות, מיט ווייניקער רעש מיט קלענערן אומגעדולד, אָבער דערפֿאַר מיט מער וואָג און אויך מיט גרעסערע טענות: און אויך זיי האָבן גענומען פֿריער צו גיטעלען זיך ווענדן, טענהנדיק מיט גוטן: ס'טייטש, אַזאַ, ווי איר מאַן, ווי משה מאשבער, זאָל ווען פֿרעמדס; און גיטעלע האָט די הענט געבראָכן, צוריק טענהנדיק: יידן, טוט, וואָס איר ווילט, נעמט, וואָס אייערע אויגן זען, ווי אַט די אַלע טוען... און יענע האָבן איר געענטפֿערט: וואָס רעדט זי, וואָס וועט דאָס זיי גיבן? און צי מיינט זי אויף אַן אמת, אַז מיט אַט דעם ביסל כּלים און שטוב־זאַכן וועט מען זיי אָפּקומען? ניין, זיי ווילן אַפֿילו ניט הערן... זי, גיטעלע, האָט ביי זיי ניט געליען, און פֿון איר פֿאָדערן זיי גאָרניט; זיי ווילן נאָר זען און איבעררעדן מיט איר משהן, וועלכער וועט געוויס ניט מעיז זיין און זיי ניט פֿאַרלייגן דאָס, וואָס זי, וואָס פֿאַרשטייט ניט אין אַזוינע זאַכן.

— אייער מאַן וואו איז? — האָבן זיי געטענהט — גיט אים אַהער — און אַלע די, וואָס האָבן שוין געהאַלטן די אָנגעפּאַקטע פּעק און חפצים אין די הענט, האָבן זיי אונטערגעהאַלטן און געהאָלפן פאָדערן:

— וואָס באַהאַלט מען אים, מיר ווילן אים זען, גיט אים אַהער...

און איבער אַלעמען האָט זיך דערהערט דאָס קול פון אַ צאַלי דערבאַ־רעמדיקער, וואָס האָט זיך אויך, צווישן אַנדערע, מיט זיין גרויסן גוף אַריינ־געשטעלט, האָט אַלעמען צעשטופּט, זיך אַוועקגעשטעלט לעבן גיטעלען און אין איר בלאַס־פאַרלוירן פּנים אַריינגעשריגן:

— וואָס מיינט זי, וואָס? פון צאַלין ווערט מען אַזוי לייכט פּטור? כ׳ל ניט אַוועק פון דאַנען, כ׳וועל פון שטוב ניט אַרויס, כ׳וועל דאָ טאָגן, נעכ־טיקן — ביי אייער משהן אין בעט, ביי אייך אין בעט... צאַלין האָט נאָך קיינער ניט אָנגעזעצט, אויך אייער מאַן וועט ניט. חורבנות וועט ער מאַכן...

און דאָ, אין מיטן אָט דעם אַלעם, האָט נאָך געפּלאַצט עפּעס אַ גלעזערנע כּלי פון אַ קרעדענץ, וואָס איינער, אָדער איינע, פון די אָרעמע בעלי־חובות האָט אַרויסגעכאַפּט פון אַ גלאָז־שאַפע און האָט זי אומפאָרזיכטיק, אָדער פון נישט וויסן, ווי אַזוי זיך צו באַגיין, אַראָפּגעוואָרפן און צעבראָכן, און דער עולם האָט געמיינט, אַז עמעצער האָט שוין אַ שויב אויסגעזעצט.

— גוט אַזוי — האָט מען אַלע מסכּים געווען מיט דעם ברעכער.

— רעכט אַזוי!

— ס׳קומט זיי!

— פאַרדינט.

— די פענצטער אויסשלאָגן, די שטוב צעטראָגן.

אָט דעמאָלט האָט גיטעלע עפּעס אַ שטילן ציטער געטאָן — אַזאַ, וואָס נאָך אים קומט שוין אַמאָל אַ קוויטש, וואָס לעכערט דעם מוח, אָדער אַזאַ שטילשווייגן, וואָס ענדיקט זיך מיט אומפאַלן און שוין נישט קאָנען אויפ־שטיין.

אין יענעם מאָמענט האָט אויך צו משה מאַשבער אין אַלקער דערגרייכט, מיט וואָס פאַר אַ נעמען ער ווערט אין שטוב אָנגערופן, ווי אַזוי מ׳זוכט אים, מ׳וויל אים זען און מיט אים זיך צערעכענען — אָט דעמאָלט איז ער שוין גרייט געווען, אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס, צו פאַרלאָזן מאַירלען, צוגיין צו דער טיר, עפענען דעם שלאָס, אַרויס און מיט אַמאָל זיך באַווייזן פאַרן גאַנצן עולם פון באַהעלטעניש.

אָבער... אין דער מינוט איז אין שטוב עפּעס ווידער מיט אַמאָל שטיל געוואָרן, אַזוי שטיל ווי גלייך איינער, אַן אומגעריכטער, וואָלט זיך דאָרט באַוויזן, וואָס אַז מ׳האָט אים דערזען האָט מען דערפילט, אַז אַלע טומ־לענדיקע מיילער דאַרפן איינצייטיק און אָן שום תּירוץ אַנטשוויגן ווערן.

ווירקלעך: ווי דער עולם — דער, וואָס מיט די פּעק, און דער, וואָס אַן זיי — האָט זיך אַרום גיטעלען פֿאַרזאַמלט, מאַנענדיק פֿון איר, זי זאָל איר מאַן משהן אַרויסגעבן — אַזוי האָט זיך אויף דער שוועל פֿון שטוב באַוויזן אַ געריכט־באַאַמטער, אַנגעטאָן לויט דער פֿאָרמע, און נאָך אים אַ בודאָטשניק, אים צו הילף, ווי דער שטייגער, און הינטער זיי סרולי גאָל, און הינטער סרולין אויך שמואליקל שלעגער צו לעצט.

— האַלט! — האָט אויסגערופֿן דער געריכט־באַאַמטער, וואָס איז אָנגעקומען אויף די געשרייען און געזען, וואָס פֿריער איז דאָ פֿאָרגעקומען — אַז דער עולם האָט גענומען איינציקע זאַכן און גאַנצע פּעק אויף אַרויסצוטראָגן פֿון שטוב.

— האַלט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און צוגייענדיק צום אויבנאָן פֿון טיש האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר, פֿון וועלכן ער האָט גענומען לייענען.

ער האָט געלייענט נישט לאַנג, און ווער נאָר ס׳האָט פֿאַרשטאַנען און געהאַט אַ מינדסטע אָנונג אין געריכט־ענינים, דער האָט גלייך באַנומען אין וואָס דאָ גייט: אַז דאָס, וואָס דער עולם האָט זיך דערלויבט צו נעמען אויף אייגענער אחריות פֿון משה מאַשבערס שטוב־זאַכן און אייגנס, איז פֿאַרבאָטן, ווייל ס׳געהער שוין נישט צו משה מאַשבער, נאָר צו דעם, אויף וועמעס נאָמען יענער האָט איבערגעשריבן די גאַנצע שטוב, דעם הויף און אַלץ, וואָס דאָרט געפֿינט זיך.

— וואָס? — האָבן די, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען, זיך פֿאַרחידושט, ווען זיי האָבן דערהערט דעם נאָמען פֿון דעם, צו וועמען משה מאַשבערס פֿאַרמעגן געהערט איצט — צו סרולי גאָל?

— יאָ — האָט דער געריכט־באַאַמטער געענטפֿערט. און דערביי צוגעגעבן, אַז פֿון איצט אָן, איז ווער ס׳וועט אָנרירן אַ האָר, אַ מינדסט, דער וועט זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן געזעץ, וואָס האָט דאָס אַלץ אַרונטערגענומען אונטער זיין רשות.

— וואָסער געזעץ? וואָס דברט ער? — האָט דער מערסטנטייל נישט־פֿאַרשטייערס געפֿרעגט ביי די, וואָס פֿאַרשטייען יאָ, צעמישט און פֿאַרלוירן פֿון דעם, וואָס זיי האָבן דערפֿילט די פֿרעמדע האַנט פֿון דער פֿרעמדער מאַכט, וועלכע האָט זיך אַריינגעמישט און דערלויבט זיי ניט קומען צו זייערס.

— ס׳אויף אַ פֿרעמדנס נאָמען, זאָגט ער... בעמען טאָר מען ניט.

— אויף וועמענס נאָמען?

— אויף דעמס — האָט מען זיי אַ וויַז געטאָן אויף סרולין, וואָס איז געשטאַנען לעבן געריכט־באַאַמטן, האַנט־ביי־האַנט, און דאָס פּנים איז אים געווען פֿאַרגליווערט פֿון אַלץ צוקוקן און גאָרנישט ניט זאָגן.

— וואָסער נאָמען?

— ווער נאָמען?

— ווער איז ער?

— וואָס האָט ער אַריינגעלייגט? וואָס קער ער זיך אָן? — האָבן גלייך גענומען פֿרעגן אייניקע, נישט פֿאַרשטייענדיקע, וואָס דאָ קומט פֿאָר.

— פּאַני... האָספּאָדאַר... האָבן פֿאַרשיידענע ווייבער, מענער פֿון עולם זיך געריסן צום באַאַמטן, אים געוואָלט עפּעס זאָגן און פֿאַר אים זיך אויס־רעדן, אָבער מער פֿון די ווערטער „פּאַני, האָספּאָדאַר" האָבן זיי ניט געקאָנט אַרויסברענגען, מחמת זיי האָבן דאָס פֿרעמדע לשון נישט באַהערשט.

— וואָס פֿאַר אַן אַנשיקעניש? — האָבן זיך גענומען קלאָגן אַלע די, וואָס האָבן זיך אָנגענומען אייניצקע זאַכן אָדער גאַנצע פּעק און האָבן זיי שוין געהאַלטן פֿאַר זייער אייגנס, און איצט, נאָכן באַפֿעל פֿון באַאַמטן, האָבן זיך געמוזט מיט זיי אָפּגעזעגענען און זיי צוריק אַוועקלייגן.

— פֿאַלש און שווינדל! — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען פֿון אַזוינע, וואָס האָבן זיך אויף קיין שטוב־זאַכן נישט געראַדעוועט, ווייל ס'איז זיי גע־קומען מער און קיין קלייניקייטן האָבן זיי ניט באַפֿרידיקט. און „קעצעלע", וואָס איז ווילד אַפּהענטיק און דערשלאָגן געבליבן, זעענדיק, וואָס ס'האָט דאָ געטראָפֿן, איז שטיל און אין גרויס פֿאַרצווייפֿלונג צוגעגאַנגען צו שמואלעקל שלעגער, וועלכן ער האָט די לעצטע טעג געזוכט און געמיינט, ער וועט אים פֿאַרטרעטן דאָ, ווי אַלע מאָל, ביי אַנדערע אַנזעצן, און ער האָט אים ניט געפֿונען, און געפֿילט, אַז יענער דרייט זיך עפּעס אויס, וויל נישט פֿאַר־דינען און דאָס מאָל אין זיין שליחות נישט גיין:

— ווי און ווינד איז מיר! — האָט איצט קעצעלע געטענהט מיט אַ ווייבעריש־וויינענדיקן ניגון פֿאַר שמואלעקל שלעגער — וואָס האָסטו זיך אויסבאַהאַלטן? האָסט ביי מיר ווייניק פֿאַרדינט? צי האָט דיר עמעצער מער געגעבן? גזלן! רוצח! איז פֿאַרוואָס האָסטו ניט געזאָגט? אין דיין טאַטנס טאַטן...

— וואָס טוט זיך אויף דער וועלט? — האָט זיך דערהערט אַ קלאָגעריי פֿון אַלטע, שוואַכע.

— זי וואָלט שוין געמעגט אונטערגיין!...

— צעגייט זיך! — האָט דער בודאַטשניק, אויפֿן באַאַמטנס אַ וואונק, אַ באַפֿעל געטאָן צום עולם, צו וועלכן ער איז צוגעטראָטן, אים אויף דער טיר אָנגעוויזן און גענומען אַרויסטרייבן.

— צעגייט זיך, זאָגט מען! — האָט ער שוין אַ העכערן געשריי געטאָן, ווען דער עולם האָט געזאַמט, זיך גערוקט פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן און נישט געוואָלט אָפּטרעטן און די שטוב פֿאַרלאָזן.

מ'האָט סוף־כל־סוף נאָכגעגעבן — פֿריער די, וואָס האָבן דאָס פֿרעמדע לשון נישט פֿאַרשטאַנען און האָבן בכלל געציטערט פֿאַר אַ „קנעפּל", דער־

נאָך אויך אַזוינע, ווי אַ צאַלי, וואָס האָט ווייניקער מורא געהאַט, אָבער וואָס אויך בנוגע אים איז דער באַפעל געווען אַ באַפעל, וועלכן מ׳מוז אויס־פאָלגן.

— מירן נאָך זען! — האָט ער בעת אַרויסגיין דעם קאָפּ צוריק צו דער שטוב אויסגעקערעוועט און פון דער שוועל אַראָפּגעדראָעט — די וועלט איז ניט הפקר, און נישט ער, צאַלי, איז איינער אַ פאַראינטערעסירטער, וואָס וועט אַלץ טאָן, אַז דער שווינדל זאָל אויפגעדעקט ווערן.

— גענוג, גענוג! — האָט אים דער בודאַטשניק אויף דער טיר אָנגעוויזן, און אויך ער, צאַלי, האָט געמוזט די שוועל אַריבערשפּאַנען מיט ליידיקע הענט, ווי אַלע איבעריקע, וואָס זיינען אַרויס בלויז מיט אויפגעהאַלטענע קללות און זידלערייען אין די מיילער.

געבליבן איז נאָר איינער, קעצעלע, וועלכער האָט באַוויזן זיך פאַרהאַלטן לענגער פון אַלע, מחמת זיין קליינעם וואוקס און נישטיקן אויסזען, עד האָט אַלץ צו שמואלעקל שלעגערס פּנים אַרויפגעקוקט און ווי דורך אַ לייטער זיך צו אים געדראַפּעט און שטילערהייט נאָך אַלץ אין אים אַריינגעטענהט:

— אין זיין טאַטנס טאַטן... פאַר וואָס האָט ער זיין אויפטראָג ניט געוואָלט אָננעמען, און וואו איז ער געווען די גאַנצע לעצטע צייט, ווען ער, קעצעלע, האָט אים געזוכט און אַזוי באַדאַרפט האָבן?...

*

און דאָ צום פאַרענדיקן מיט דער זאַך, נאָך אַ פּאָר קלייניקייטן: ערשטנס, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי סרולי האָט זיך געפילט ביי אָט דער סצענע, ווען ער איז געקומען פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אַזאַ, צו וועלכן ער האָט זיך באַצויגן כּלל ניט געהויבן, ווי מיר געדענקען; בפרט נאָך, ווען פון אָט דער פאַרטיידיקונג האָבן געמוזט ליידן אַזוינע, וואָס צו זיי איז אים זיין האַרץ געלעגן און זייער אָרעמען גורל האָט ער אַוודאי ניט געוואָלט פאַרטשעפּן און אָנרירן.

יאָ, אַ ווידערשפּרוך, אויף וועלכן ס׳וואָלט זיך געלוינט לענגער אָפּצו־שטעלן, אָבער מיר האָבן דערויף קיין צייט ניט... דאָס איינס, און דאָס צווייטע — אַ בילד, וואָס דאַרף אין קורצן דאָ געמאָלט זיין, און נעמלעך:

ווי נאָר דער עולם איז אַרויס און געלאָזט די שטוב אַליין, שוין אָן קיינעם, אָן קעצעלען אַפילו, און דערנאָך אויך אָן דעם באַאַמטן, אָן סרולין און אָן אַלע איבעריקע, און געבליבן איז אַליין נאָר גיטעלע אין עס־שטוב אי אַ געטראָפּענע, אי, כּלומרשט אַ געהאָלפענע פון דעם, וואָס דער עולם איז אַוועק און איז געווען געצוואונגען איבערלאָזן און נישט פאַרנעמען גאָרנישט. ווי זי איז אַזוי געבליבן, אַזוי האָבן שפּעטער עטוואָס, שטיל פון אַלקער, וואו משה מאַשבער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, ער מיט מאַירלען זיך באַוויזן. זיי

האָבן זיך פֿאַר אַ האַנט געהאַלטן — נישט אַזוי משה מאירלען פֿאַר דער האַנט, נאָר גיכער פֿאַרקערט: — מאירל — משהן, וועלכן ער האָט געפֿירט, ווי אַ בלינדן... און אַז זיי זיינען אַריין אין עס־שטוב, און דערזען גיטעלען אין מיטן, זיינען זיי אָן אַ וואָרט צו זאָגן, צו איר צו. משה מאַשבער איז דאָס ערשטע מאָל פֿאַר פֿרעמדע אויגן אַזוי נאָענט צוגעטראָטן צו גיטעלען, און גיטעלע האָט אים, ווי אַ קינד, אָדער ווי אַ קראַנקן צו זיך צוגעלאָזט... און אַזוי ווי מאירל האָט זיך געפֿונען צווישן זיי אין מיטן, אַזוי האָט ער אויסער דעם זיידנס האַנט, אָנגענומען אויך די באָבע פֿאַר אַ האַנט, און ביידע אין שטום־שווייגנדיקן צער פֿאַראייניקט...

## IV

# בייזוויליקער באַנקראָט

ווי נאָר מען האָט זיך דערוואוסט פֿון משה מאַשבערס אָנזעץ; ווי מע האָט זיך דערוואוסט, וואָס פֿאַר אַ סטצענעס ס'האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביי אים אין שטוב, ווען אָרעמע בעלי־חובות האָבן זיך געוואָרפֿן כאַפּן די חפֿצים, וואָס יעדערן איז געקומען אונטער דער האַנט, און ווי אַזוי אין לעצטן מאָמענט האָט מען זיי אָפּגעהאַלטן דערפֿון, ווען ס'האָט זיך באַוויזן אַ פֿאָרשטייער פֿון געריכט צוזאַמען מיט סרולי גאַל, אויף וועלכן יענער, דער געריכט־באַאַמטער האָט אָנגעוויזן, ווי אויפֿן באַלעבאָס פֿון אַל־דעם אייגנס, וואָס ס'האָט ביז אַהער געהערט צו משה מאַשבער; ווי מען האָט זיך דאָס דער־וואוסט, אַזוי איז אין הויז פֿון יעקב־יוסי איילבירטן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ באַראַטונג, צוערשט צווישן אים מיט זיין יאָר־אַדוואָקאַט, וועלכער פֿאַרטרעט אַלע מאָל זיינע ענינים, ווען ס'קומט צו אַ געריכט; דערנאָך אויך מיט אַנדערע בעלי־חובות און אויף די באַראַטונגען איז מען נאָך לאַנגע ריידערייען גע־קומען צו אַ באַשלוס, וואָס איין העלפֿט פֿון אים האָט מען טאַקע באַלד דורכ־געפֿירט: מען האָט אַ וואונק געטאָן, ווען מ'דאַרף, און באַלד איז סרולי גאַל פֿון פּאָליציי פֿאַרנומען געוואָרן און באַלד טאַקע איז ער געשטעלט גע־וואָרן פֿאַר אַן אויספֿאָרשער, וועלכער האָט זיך ביי אים געוואָלט דערוויסן: ערשטנס, ווער ער איז און פֿון וואַנען האָט ער אַהער אין היגן קאַנט געטראָפֿן; און צווייטנס, וואו קומט צו אים — אַזאַ, ווי ער — גאָר געלט.

סרולי האָט, שטייענדיק פֿאַרן אויספֿאָרשער אָנעם היטל, ווי מ'שטייט פֿאַר אַזאַ, געפּרוּווט צוערשט זיך אָפּשלאָגן מיט שפּאַס, ווי גלייך ער וואָלט געשטאַנען פֿאַר אַ היימישן, וועלכער וואָלט אים פֿאַרגעבן אַזאַ אַ פֿראַגע.

— „געלט? ווי ס'קומט צו אים געלט?... — פֿון אַ קלויסטער... פֿון קיעווער אָדער פּאָטשאַיעווער לאַווּרע, וואָס ער האָט באַגנבעט...” שפּעטער אָבער, אַז סרולי האָט דערזען, אַז פֿאַר שפּאַס איז דאָ קיין אָרט ניט, האָט ער גענומען ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס, וואָס מ'האָט אים פֿאַרגיבן, מיט טאָלק, געוויסנהאַפֿט און זאַכלעך, אַזוי, אַז דער אויספֿאָרשער האָט, קוקנדיק אויף אים מיט זיין געניט אויג, גלייך געזען, אַז יענע, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף אים, האָבן קיין שום סמך געהאַט פֿאַר זייער חשד, און שוין, נאָכן ערשטן פֿאַרהער, איז ער גוטה געווען אים צו באַפֿרייען.

ער האָט זיך דאָך ניט געאײַלט דאָס צו טאָן, מײנענדיק, אַז אפשר פאַרט האָט ער דאָ אָנגעטראָפן אויף אַ צו קלוגן, וואָס וויל אים אויסנאַרן און איבערשפּיצן, ווי ס׳מאַכט זיך... ער האָט דערום אים נאָך פאַרהאַלטן און אים געהייסן ברענגען פאַר זיך אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל. דערבײַ האָט ער זיך ניט באַנוגנט בלויז מיטן אויספרעגן, נאָר האָט גלײַך פון אָנהויב אָן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג דורכן געהיימען קרימינעלן אויספיר מיט אַלע יענע ערטער, אויף וועלכע סרולי האָט זיך פאַררופן, אַז ער שטאַמט פון דאָרט און וואו מ׳קאָן אויף אים עדות זאָגן, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט, איז ריכטיק. אַלע סרוליס אָנגאַבן האָבן זיך, נאָך דער אויספאָרשונג פון די אויבן־דערמאָנטע אויספיר־אָרגאַנען, טאַקע אַרויסגעוויזן, ווי סרולי האָט געזאָגט, אַ האָר ניט געמינערט. אַזוי, אַז בײַם אויספאָרשער איז שוין דעמאָלט קיין צווייפל ניט געבליבן אין סרוליס אומשולד, און לויטן געזעץ איז שוין קיין שום גרונט ניט געווען מ׳זאָל אים נאָך לענגער פאַרהאַלטן.

האָט מען אים טאַקע באַפרײַט, און אַזויערנאָך איז צוניִשט געוואָרן איין העלפט ציל, וועלכן ס׳האָבן געוואָלט דערגרייכן משה מאַשבערס בעלי־חובות — אַרויסצוקריגן אַ באַווײַז פאַר זײַנע שווינדל־שטיק — דערמיט וואָס מ׳וועט באַווײַזן, אַז איינער פון די מיט וועמען ער האָט הינטנאַרום אָפּגעשלאָסן אַ מאַניפּאַרגע־געשעפט, איז אין גרונט אַ שווינדלער. דאָס — צוניִשט. דערפאַר אָבער די צווייטע העלפט — די עצם שולד פון משה מאַשבער אַליין, אַז ער האָט בכלל ניט אָרנטלעך געהאַנדלט און אַז ער האָט אונטערגעשטעלט אויסגעטראַכטע בעלי־חובות, בײַ וועמען ער האָט כלומרשט געליִען פריִער איידער בײַ אַנדערע און אַז דערום האָט ער אויך רעכט געהאַט זיי צו באַפרידיקן — איז געבליבן אין קראַפט.

דאָס האָט זיך לײַכט געקאָנט דערווײַזן דערפאַר, ווײַל ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויסער דער שטוב, וואָס איז איבערגעשריבן געוואָרן אויף סרולי גאָלס נאָמען, האָט משה מאַשבער אויך מיט זײַנע געשעפטן געטאָן דאָס זעלבע: דאָס נאַפט־ און אויל־געשעפט האָט ער איבערגעשריבן אויפן נאָמען פון איינעם זײַנעם אַן איידעם, פון יעקעלע גראַדשטיין, און די קאַנטאָר — אויפן נאָמען פון זײַן צווייטן איידעם נחום לענטשער.

פע! אַזוינס איז דאָך ניט געהערט: מע זאָל קיינעם פון די נישט־אייגענע ניט לאָזן קיין מינדסטע מעגלעכקייט צו באַקומען כאָטש אַ מינדסט, כאָטש אַ קלײנעם טייל פון דעם, וואָס מ׳האָט אַרײַנגעלייגט און וואָס מ׳האָט אָנגעוואוירן.

דאָס האָט אַלעמען אין גרויס כעס אַרײַנגעבראַכט, און באַזונדערס אַזוינע, ווי אַ יעקב־יוסין, וואָס האָט נישט געטאָרט דערלאָזן אומבאַשטראָפט אַזאַ זאַך, וואָס קאָן דינען פאַר אַ בײַשפּיל, וועלכן אַנדערע וועלן נאָכטאָן... און

יענע, די סאַמע אַנגעזעענסטע, די סאַמע פֿאַראינטערעסירטסטע בעלי־חובות האָבן באַלד ווידער אַ וואונק געטאָן, וועמען מ׳דאַרף און באַלד טאַקע גע־פּועלט, אַז דער זעלבער אויספֿאַרשער, וואָס האָט אַקאָרשט ערשט געהאַט צו שטיין פֿאַר זיך אויפֿן פֿאַרהער סרולי גאָל, זאָל איצט נעמען אויפֿן פֿאַרהער משה מאַשבערן, און באַלד שוין נאָכן ערשטן אויספֿרעג זאָל ער האָבן באַקומען אַלע נויטיקע ראַיות און באַווייזן, וואָס זאָלן אים געבן די רעכט צו קאָנען פֿאַרנעמען מעשה מאַשבערן און אים פֿאַרזעצן אויף דער גאַנצער צייט, ווי לאַנג די אויספֿאַרשונג וועט זיך ציען און ביז די זאַך וועט אויסגעקלאָרט ווערן אין געריכט.

דאָ אָבער, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַלד אַרעסטירן משה מאַשבערן, האָט זיך נאָך געלאָזט אויסגעפֿינען אַ לעצט מיטל אויף אים אַרויס־צוציען פֿון דער צרה: מ׳האָט באַדאַרפֿט איינלייגן אַ געוויסע סומע ערבות־געלט, אָדער אויב ניט קיין געלט — איז אַז איינער, אַ זייער אַנגעזעענער שטאָט־מענטש זאָל געבן אַ חתימה פֿאַר אים, אַז ער וועט ביזן געריכט פֿון אָרט זיך ניט רירן און ניט וועלן אַנטלויפֿן.

אַזאַ איינער האָט זיך געפֿונען, און משה מאַשבער איז דערווייל נאָך געבליבן אויף דער פֿריי... און אָט די צווישן־צייט האָבן משה מאַשבערס אייגענע אויסגענוצט דערויף, מ׳זאָל אומשיקן איציקל זילבערג, משה מאַש־בערס פֿאַרטרויאונגס־מאַן, צו די שטאַרק אויפֿגעבראַכטע בעלי־חובות, ער זאָל זיי אויפֿקלערן און דערווייזן, אַז דאָס, וואָס משה מאַשבער איז, לויט זייער מיינונג, באַגאַנגען בייזוויליק און מיט שלעכטן מיין, איז אין דער אמתן ניט אַזוי, ווייל אין דער אמתן איז זיין מיין געווען בלויז דאָס געשעפֿט נישט צו צעברעכן, ווען אַלע מיט אַמאָל וועלן זיך אַנלויפֿן און נעמען ראַ־טעווען, ווי פֿון אַ שׂרפֿה, ווען אַלץ וועט ווערן צונישט און אַלע וועלן געשעדיקט ווערן, — אַמער — האָט משה מאַשבער געטראַכט — זאָל בעסער ציטווייליק דאָס געשעפֿט בלייבן אין אייגענע הענט, כּדי דערנאָך, ווען דאָס רעדל וועט זיך איבערדרייען און ער וועט קאָנען איינקאַסירן די חובות, וואָס קומען אים פֿון אַנדערע, וועט ער דעמאָלט זיין אומשטאַנד צו דעקן אַלץ דאָס, וואָס אַנדערע קומט פֿון אים.

אַזוי האָט דעמאָלט טאַקע געטאָן און געטענהט איציקל זילבורג, אומ־לויפֿנדיק פֿון איין בעל־חוב צום אַנדערן.

— ניין — האָבן אָבער די בעלי־חובות דעמאָלט צוריק געטענהט — ווער קאָן איצט גלויבן משה מאַשבערן, נאָך דעם ווי ער איז זיך באַגאַנגען ווי קיינער? ווייל וואָלט ער באמת טאַקע געמיינט אַזוי ווי ער זאָגט, וואָלט ער אַפֿריער באַדאַרפֿט זיך צונויפֿרײדן מיט די פֿאַראינטערעסירטע און אָפֿנ־האַרציק פֿאַר זיי אויסדערציילן, וואו ער האַלט, און דעמאָלט וואָלט מען אים

געוויס ניט אַזוי צוגעשפּאַרט און מעגלעך אויך דערלויבט אַ צייט טאַקע ניט צו צאָלן, כּדי ער זאָל זיך אַרויפֿאַרבעטן און צוריק קומען צו זיין מעמד.

— ניין — האָט איצט קיינער פֿון די בעלי־חובֿות מיט איציקלס פֿאָרשלאָג — אויסצואוואַרטן — נישט געוואָלט מסכּים זיין — איצט איז שוין שפּעט, איצט וועט משה מאַשבער אָדער צאָלן מזומן, אָדער זיך מוזן שטעלן פֿאַרן געריכט, וואָס זיין אורטייל איז קלאָר צו זען.

מ'האָט שוין גאָרניט געפּועלט, און אַזוי ווי די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז איינגיין אויף אַ פּשרה מיט די בעלי־חובֿות, ווען יענע וואָלטן אַפֿילו וועלן מושווה ווערן אויף קליינע פּראָצענטן, איז משה מאַשבער ניט געווען אומשטאַנד, האָט ער זיך דערום געזען געצווינגען צו וואַרטן אויף דעם וואָס ס'איז אים געווען אָנגעצייכנט...

און אָט האָט זיך דער פּראָצעס דערנענט. משה מאַשבער האָט, זינט ער האָט אָנגעזעצט, שוין זיין שטוב ניט פֿאַרלאָזן און אין דרויסן ניט אַרויס. ער איז געבליבן אין דער היים און האָט זיך אויפֿגעפֿירט, ווי מיר האָבן פֿריער געזאָגט: מאָדנע־שטיל זיך אַלע מאָל אומגעדרייט ביי די ווענט, ווי גלייך ער וואָלט געהאַט אַ גאָר קרובֿישע שייכות צו זיי...

ער האָט זיך זעלטן ווען אַמאָל מיט עמעצן צערעדט, און ווען יאָ, פֿלעגט ער זיך פֿאַרגעסן אין מיטן און זיך כאַפּן, אַז ער געדענקט ניט, וואו ער האַלט; ער פֿלעגט אויך פֿאַרגעסן עסן ביז מען האָט אים ניט דערמאָנט, און בעתן עסן פֿלעגט ער אָפֿט בלייבן מיטן ביסן אין מויל — נישט צו קייען, נישט אַראָפּצושלינגען.

אָפֿט פֿלעגט ער אויך כאַפּן עפּעס אַ ציטער, ווי פֿון קעלט, אָדער ווי עמעצער וואָלט אים אַ צי געטאָן ביי דער פּאָלע... אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט ער אויף גיך אַ קערעווע טאָן דעם קאָפּ אויף רעכטס אָדער לינקס, ווי מ'וואָלט אים אונטער דער פּלייצע געשטאָגן און אַ רוף געגעבן ביים נאָמען...

ער האָט מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. זעלטן־זעלטן נאָר פֿלעגט מען הערן, ווי ער רעדט צו זיך אַליין, משונה קורץ און איבערגעהאַקט, ווי מיט אַ זייטיקן, וואָס גייט אים נאָך און וויל ניט אָפּשטיין.

ס'איז אים שוין קיינער ניט אָנגעגאַנגען, ביז איין מאָל, שוין גאָר נאָענט פֿאַרן פּראָצעס, ווען אַלע אויסזיכטן אויף ווי ניט איז דורכקומען מיט די בעלי־חובֿות האָבן זיך אויסגעלאָזט; אַז די האָפֿענונג סיי פֿון אים אַליין, סיי פֿון זיינע שטוב־אייגענע, סיי אויך פֿון זיין פֿאַרטרויאונגס־מאַן איציקל זילבורג, וועלכער האָט געטאָן אין דעם ענין, ווי אין זיין אייגענעם — אַז אפֿשר וועלן די בעלי־חובֿות זיך, סוף־כּל־סוף, באַדענקען און אָפּרופֿן צוריק די אָנקלאַגע, וואָס מ'האָט אויף אים אָנגעגעבן — אַז אָט די האָפֿענונג איז געוואָרן אויס און משה מאַשבער האָט שוין דערפֿילט — אָט־אָט — די שאַרף פֿון דער שווערד אויף זיין קאָפּ; און פֿון ערגעץ קיין עצה, קיין הילף, און

ווען אַפילו גיטעלע, משה מאַשבערס ווייב, האָט קיין טרייסט־וואָרט ניט געהאַט פאַר איר מאַן, ניט פאַר קיינעם; ווי ס׳פאָדערט זיך פון אַ ווייב, פון אַ מוטער, ווייל זי האָט אַליין ניט געוואוסט, פון וואַנען זי צו נעמען, די טרייסט — אָט דעמאָלט האָט משה מאַשבער איין מאָל געלאָזט רופן זיין ברודער לוזין און אים געבעטן איבערגעבן, אַז אַזוי ווי ער איז ניט בקו הבריאה[1] און ער האָט אַ נויטיקן ענין צו אים, איז זאָל לוזי זיך מטריח זיין און אים, משהן, אין זיין הויז באַזוכן.

לוזי איז געקומען, און ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב, אַזוי האָט אים משה מאַשבער אָפּגערופן אין זאַל פאַר געסט, וואו קיינער האָט זיך ניט געפונען, און ווען ער האָט אים באַזעצט אויף אַ שטול און ער אַליין האָט פאַרנומען אַן אָרט אַנטקעגן אים, האָט ער אים אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— ער ווייסט אויף וואָס ער האָט אים גערופן? — ניין? ער וויל זיך מיט אים געזעגענען... ער ווייסט מן־הסתם, וואָט אים, משהן, שטייט פאַר גאָר אין גיכן — אַ פּראָצעס, און אַזאַ סאָרט אורטייל, געוויס, וואָס ווער ס׳וועט וועלן וועט זיך קאָנען פרייען און זיינע אייגענע וועלן האָבן אויף וואָס צו וויינען.

וואָס געהער אים, משהן, אַליין, האָט ער שוין ביי זיך געפּועלט און נעמט דאָס אָן פאַר פאַרדינט... זייער טאַטע, עליו־השלום, ווי לוזי האָט אים אַמאָל דערמאָנט, האָט זיי אָנגעזאָגט און געוואָרנט פאַר יאָגן זיך נאָך רייכקייט. איז אָט, האָט ער, משה, זיך דעריאָגט... כאָטש באמת געזאָגט, איז ער ניט געווען פון די, וואָס רייסן איין די וועלט, ניט אַזאַ אין להעשיר. הייסט עס, ווי אַנדערע, נאָר אַזוי איז שוין די טבע: ביי וואָס אַ מענטש טוט ניט, וויל ער זיך העכער אַרויפשלאָגן און מער דערווערבן. אַזוי אין מעשים־טובים, אַזוי אויך אין מסחר. און אַזוי ווי דער מין האַנדל בכלל איז אַ זומפּיקער, איז וואָס מער מ׳איז אין אים עוסק, אַלץ מער זינקט מען, מיינענדיק, אַז מ׳שטייגט... און אוודאי קרענקט אים, און אוודאי טוט אים וויי, וואָס ער זעט זיך געצוואונגען אומגיין מיט פאַרפלעקטע הענט און אַ פאַרשמירט פּנים פון ניט געדעקטע חובות, און נאָך פון וואָס פאַר אַ חובות!

ער האָט צוערשט געמיינט, אַז ער האָט די וועלט ביי גאָט כאָטש אויף אַזוי פיל, אַז מ׳זאָל על־כל־פּנים, זיין בזיון און וויטאָג אים פאַררעכענען פאַר אַ כפרת עוון. אָבער ער זעט, אַז ניין, ווייל מ׳האָלט, אַפּנים, אַז ס׳איז ווייניק.

משה מאַשבערס אייגענע וועלן זיך געוויס קלאָגן פאַר לוזין און טענהן, הלמאַי האָט ער, משה, זיך אַזוי אָפּגעלאָזט און זיך אויסגעטאָן פון אַלעם, טוט ניט, רעדט ניט מיט קיינעם, ווי אַנדערע אין זיין מצב, וועלכע זוכן

[1] ניט בעקאַוו האַבריע — ניט געזונט.

עצות, ווי זיך בעסער מאַכן, כּדי אַרויסצוקריכן פֿון קלעם. יאָ, ער — ניט, ווייל, לויט זיין מיינונג, גייט שוין דאָ ניט נאָר אין אויסבעסערן אַ לאַגע, וואָס לאָזט זיך סיי־ווי ניט; נאָר דער עיקר וויל ער זיי דעם עיקר ניט זאָגן: נישט בלויז זיין גוטער נאָמען גייט דאָ פֿאַרלוירן, נאָר ער אַליין פֿילט זיך שוין, ווי ניט קיין היגער: ער שטייט מיט אַ פֿוס ביי אַ גרענעץ, וואָס נאָך איין שפּאַן איז ער פֿון יענער זייט...

לוזי געדענקט מסתמא, וואָס אין ספֿר־חסידים ווערט געזאָגט: „בשעה שנגזר על אדם למות, באותו לילה ובאותו יום נחשך עליו מזלו ועיניו ופיו סתומות.[1] ער, משה, זעט שוין נישט און הערט נישט כּמעט די לעצטע צייט גאַרנישט, ווען ער איז וואַך און געפֿינט זיך צווישן מענטשן; נאָר פֿאַרקערט, ווען קיינער איז ניטאָ, ביינאַכט, אין חלום, דערוואַכן אים די חושים, ער דערהערט עפּעס שטילע טריט זיך דערנענטערן, אַמאָל פֿון איין מענטשן, אַמאָל פֿון מער. און אַז ער קוקט זיך איין, דערזעט ער דעם טאַטן, די מאַמע און פֿיל אַנדערע נפֿטר־געוואָרענע קרובים, וואָס קומען אים פֿאַר די אויגן און שטעלן זיך אויס אין אַ ריי... און זע, יעדערס מאָל דאַכט אים, אַז אין מיטן דער ריי איז עפּעס איינס אָן אָרט ליידיק, ווי ס'וואָלט גע־וואָרט, ער זאָל דאָס פֿאַרנעמען און זיך אַהין אַריינשטעלן.

יאָ, ער איז זיכער, אַז דאָס אָרט איז זיינס... ער זאָגט עס ניט קיינעם, ווייל צו וואָס, נאָר אים, לוזין — יאָ, און צוליב דעם האָט ער אים איצט גערופֿן.

ער ווייסט ניט, משה, ווען ס'וועט אים טרעפֿן, צי בשעת ער וועט זיצן תּפֿוס, צי שפּעטער; נאָר ווען ס'וועט ניט געשען, בעט ער, אַז אויף וויפֿל לוזי דענקט זיך פֿאַרזאַמען דאָ, אין N, און אויף וויפֿל ס'וועט אים נאָר מעגלעך זיין, זאָל ער זען אַכטונג געבן און ניט אָפּטאָן זיין אויג און השגחה פֿון זיין הויז־געזינד. ער ווייסט, לוזי, ווי ער איז פֿון אַלעם געליבט און וואָס פֿאַר אַ ווערט זיינס אַ וואָרט האָט פֿאַר יעדן, איז זאָל ער דאָס ניט פֿאַרמיידן, ווען ער, משה, וועט שוין נישט זיין און ווען זיינע אייגענע וועלן זיך אין דעם נויטיקן.

משה מאַשבער האָט, זיצנדיק דעמאָלט שטול קעגן שטול מיט זיין ברודער לוזין, דאָס אַלץ אויבנגעזאָגטע אַרויסגערעדט אַזוי שטיל און רואיק, גלייך די רייד וואָלטן געגאַנגען ניט וועגן אים, נאָר וועגן אַן אַנדערן, ווען ער וויל באַוואָרענען. כאָטש, זאָגן מיר, משה מאַשבער האָט, זיצנדיק דע־מאָלט אָפּגעזונדערט מיט זיין ברודער, געשמועסט וועגן זאַכן פֿון סוף פּסוק, דאָך איז זיין בליק געווען קלאָר, און כּלל נישט מטושטש און פֿאַרטראָגן,

[1] אין דער שעה ווען ס'קומט דער גזר, אַז דער מענטש זאָל שטאַרבן, אין דער זעלבער נאַכט, אין זעלבן טאָג ווערט אים פֿינצטער דאָס מזל און דאָס מויל און די אויגן שליסן זיך אים.

ווי די לעצטע צייט, ווען ער פֿלעגט זיך אומדרייען אַרום די ווענט און נישט אויסריידן קיין וואָרט מיט קיינעם.

לוזי, פֿאַרשטענדלעך, האָט אים איבערגעשלאָגן. ער האָט אים גענומען מוסרן און פֿאַרשע־ען די שלעכטע געדאַנקען, וואָס יענער האָט זיך אַריינ־גענומען — „ס׳טייטש, היתכן, ווי מעג מען דען פֿאַרויסלויפֿן דעם אומ־גליק? דיה לצרה בשעתה... און ווער האָט עס רעכט צו פרואוון פֿאַרויס־זען דאָס, וואָס ס׳איז פֿון מענטשנס אויגן פֿאַרהוילן — דעם סוף כּל האדם. און ווי טאָר מען גלייבן און זיך שרעקן פֿאַר פוסטע צייכנס און חלומות, אַז מאותות השמים לא תחתו, איז געזאָגט, און חלומות שוא ידברו״.[1]

דאָ אָבער, ווען לוזי האָט גענומען אָפּענטפֿערן און צוריק טענהן מיטן ברודער, האָט מען געקאָנט זען, ווי משה מאַשבערס בליק האָט זיך ווידער מיט עפּעס פֿאַרצויגן, גלייך ער הערט ניט, וואָס מ׳רעדט צו אים, גלייך ער איז מיט עפּעס אַנדערש באַשעפֿטיקט און לוזיס מוסר גייט אים פֿאַרביי אויער.

מיר ווייסן ניט, צי לוזי האָט דאָס באַמערקט, צי ניט. נאָר לסוף, אַז דער געשפּרעך האָט זיך געענדיקט און לוזי האָט זיך פֿון בענקל אויפֿגעהויבן אויף זיך געזעגענען, איז אַז ביידע ברידער האָבן זיך דערנעענט צו דער טיר פֿון זאַל, וואָס פֿירט אין אַ צווייטן צימער, אַזוי האָט פּלוצלים משה מאַשבער, זייענדיק נאָענט צום ברודער, זיך אַ נויג געטאָן מיטן קאָפּ צו לוזיס אַקסל אָן ווערטער, אַ סברה, אַז משה מאַשבער האָט האַלטנדיק דעמאָלט דעם קאָפּ אין לוזיס אַקסל אָנגעלענט, אויך אַ קורצן כליפּע געטאָן און אַ פֿרעג געטאָן ביי לוזין: לוזי, און וואָס וועט זיין מיט אַלטערן, ווען איך וועל ניט זיין?... אַ סברה, אַז אויך לוזי, גערירט פֿון ברודערס נויג, האָט מער צו יענעם טרייסט ניט געהאַט, ווי נאָר אַ שטילן מורמל צו געבן: ה׳ ירחם, און ווידער אַ סברה, אַז אויך אים איז עפּעס צוגעטראָטן צום האַלדז פֿון יענעם מין, וואָס שטיקט און לאָזט זיך ניט אַרויסזאָגן. ער האָט דעם קאָפּ אָפּגעדרייט.

און אַז ביידע ברידער זיינען אַריין אין עס־שטוב, וואו ס׳האָבן זיך געפֿונען משה מאַשבערס אייגענע, וועלכע האָבן געוואָלט פֿאַרהאַלטן לוזין, כּדי אויסהערן פֿון אים כאָטש אַ וואָסער ניט איז וואָרט צו זייער טרייסט, ווי פֿון אַזאַ, וואָס מ׳קאָן פֿון אים דאָס וואָרט באַקומען, האָט משה מאַשבער געמאַכט אַזאַ מינע, ווי גלייך לוזי וואָלט איצט געוועז פֿאַרנומען, און אַז ער האָט זיך געלאָזט פֿאַרבעטן אַהער בלויז צוליב אים, משהן, און אַז איצט, ווען ער האָט מיט אים פֿאַרענדיקט, וואָס געדאַרפֿט, מוז ער אַוועק און ס׳ניט כּדאַי אים מער צו פֿאַרהאַלטן.

---

[1] אַז פֿאַר די צייכנס פֿון הימל שרעקט איר זיך נישט און חלומות רעדן פֿאַלש.

לויט האָט זיך טאַקע ניט געזאַמט, ער האָט זיך ניט געוואָלט אַריינ־לאָזן אין אַ געשפּרעך וועגן אַן ענין, וואָס, ווי ער האָט געזען, וועט ער דעם ברודער ניט זיין ניחא, ווייל ער האַלט אים אַחר־יאוש. ער האָט זיך אָפּ־געזעגנט און איז אַוועק, און משה מאַשבער איז טאַקע גערעכט געווען, ווייל ס׳איז שוין טאַקע באמת געווען אַחר־יאוש.

*

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס, און שוין פון ערשטן טאָג איז געווען צו זען, וואוהין דער ריכטער צילט און איז גענויגט — אַז צו דער זייט פון די קעגנער פון משה מאַשבער און בשום אופן ניט צו זיינער. אַליין דער ענין האָט גערעדט פאַר זיך, און יעדערס מאָל, ווען משה מאַשבערס אַדוואָקאַט האָט גענומען אַ וואָרט צו זיין פאַרטיידיקונג, האָט מען געזען, ווי אי ער אַליין איז ניט איבעריק זיכער אינעם גערעכט פון זיין באַשיצטן, און אי דער עיקר דער גריכט און דער גאַנצער עולם, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן און איז בייגעווען ביים משפּט, נעמען אויף זיינע פאַרטיידיקונגען מיט אומצוטרוי און זיינען זיי ווי פון פאַרויס מבטל.

דער משפּט האָט זיך געצויגן עטלעכע טעג, און יעדערס מאָל, ווען משה מאַשבער האָט אינדערפרי באַדאַרפט דורכגיין צווישן עולם, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין הויף און אין גאַס פון דער גריכט־געביידע, האָט ער זיך געמוזט באַגעגענען מיט בליקן פון פאַרשיידענע מענטשן, וועלכע האָבן זיך צו אים באַצויגן פאַרשיידן. ער האָט דערום געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ־געלאָזט.

און אַז ס׳איז געקומען די צייט, ווען ער האָט באַדאַרפט אַרויסטרעטן צו זיין אייגענער פאַרענטפערונג, האָט ער קוים די ליפּן באַוועגט, שטאַמ־לענדיק און אָן שום האָפענונג, אַז ס׳וועט זיך לאָזן אַריבערציען די מיי־נונג פון גריכט אויף זיין זייט צום גוטן, צום בעסערן. ער האָט ניט נאָר אַליין זיך מייאש געווען, נאָר אויך פון זיין פאַרטרויאונגס־מאַן איציקל זיל־בורג, ווי אויך פון זיין ספּעציעלן אַדוואָקאַט, וואָס ער האָט געדונגען, אים צו פאַרטיידיקן ביים משפּט, האָט ער נישט באַקומען אין משך פון גריכט קיין איין מאָל פאַרזיכערט, אַז דער אורטייל וועט זיין אַן אַנדערער, ווי ער אַליין האָט זיך פאַרגעשטעלט.

צום סוף איז נאָך דער קעגנערישער אַדוואָקאַט אַרויסגעטראָטן מיט אַ שלוס־וואָרט, אין וועלכן ער האָט צווישן אַנדערן אַ זאַג געטאָן, שרעקנדיק דעם גריכט מיט משה מאַשבערס שלעכטןביישפּיל, אַז אויב — האָט ער געזאָגט — מ׳וועט אים פריישפּרעכן אָדער אָפילו פאַרגרינגערן די שטראָף, אַזוי וועלן אַנדערע אים וועלן נאָכטאָן, און דאָס וועט ברענגען דערצו, אַז ס׳וועלן אונטערגעריסן ווערן די יסודות פון האַנדל, וואָס דאָס איז דאָס זעלבע, ווי די יסודות פון אייגנטום־רעכט, אויף וועלכע די מלוכה האַלט זיך...

ס׳איז קלאָר געווען, אַז משה מאַשבער איז רעכט פאַרקוועטשט און אַז פון באַפרייען אים קאָן קיין רייד ניט זיין.

מ׳האָט אים טאַקע פאַראורטיילט. משה מאַשבער האָט עס פון לכתחילה אָן געוואוסט, ער האָט זיך געגרייט דערצו. און אין לעצטן טאָג, ווען דער געריכט האָט באַדאַרפט אַרויסטראָגן דעם אורטייל — איז איידער ער האָט זיך באַדאַרפט לאָזן אין געריכט, וואָס פון דאָרט, איז ער געווען זיכער, וועט ער זיך שוין אַהיים ניט אומקערן און וועט אָפּגעשיקט ווערן אַהין, וואו ס׳איז אים אָנגעצייכנט — אין תּפיסה, האָט ער ביי זיך אינדערהיים געפּראַוועט אַ געזעגעניש, וואָס אַזאַ דאַרף מען שוין ווינטשן נאָר שונאים...

ער האָט פאַרן אַוועקגיין זיך געהייסן דערלאַנגען דעם טלית־זאַק און האָט גענומען אַהין אַריינלייגן מער, ווי ס׳לאָזט זיך: אַ סידור, אַ חומש, אַ חוק לישראל און אויך אַ מעבור יבוק, וואָס ער האָט פון ערגעץ אַ ספרים־שאַפע שטילערהייט אַרויסגעקראָגן, און אים, אַ סברה, שוין פון פריער גע־האַלטן אָנגעגרייט. דער לעצטער ספר האָט שוין נישט געקאָנט אַריין און משה מאַשבער האָט מיט ציטערדיקע הענט אים דאָך געוואָלט אַריינרוקן און ס׳האָט זיך אים ניט איינגעגעבן, ווייל די הענט האָבן אים ניט געפאָלגט און ער איז שוין ניט געווען קיין באַלעבאָס אויף זיי. ער האָט אים געמוטשט אַפּלייגן און „נאָ״ — האָט ער שטיל, צו אַלעמענס פאַרוואונדערונג צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן — „אפשר איז נאָך טאַקע ניט די צייט, ווי לוזי זאָגט...״ דערביי, ווען ער האָט זיך געפּאָרעט ביים טלית־זאַק, זיינען אַלע אייגענע געשטאַנען אַרום אים און קיינער האָט ניט פאַרגעלייגט אים די הענט אי־בערנעמען. מ׳האָט אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס — אים געלאָזט, ער זאָל זיך דערמיט אַליין פאַרנעמען און אים ניט געהאָלפן, אויך ניט געשטערט, ווייל די מינוט פון די הכנות זיינען געווען אַזוינע, ווי ווען מ׳שטייט, בשעת איינער גראָבט פאַר זיך אַליין אַ גרוב.

דערביי איז די עלטערע דינסט, וועלכע איז איצט געווען די איינציקע דינסט אין שטוב, און וואָס ניט פרעגנדיק ביי קיינעם, האָט אויך זי איצט איר אַרבעט אין קיך פאַרלאָזט און איז אַריין אין שטוב צום געזעגענען — געשטאַנען און געוויינט און מיט אַן עק פון קאָפּ־טיכל האָט די טרערן פון די אויגן און די נאָז געווישט.

ביי גיטעלען איז קיין טרערן ניט געווען צו זען, אויך ביי יהודיתן, ביי משה מאַשבערס עלטערער טאָכטער — ניט, מחמת יהודית האָט געקוקט אויף דער מוטער, אויף גיטעלען, וואָס האָט די גאַנצע צייט, בשעת משה מאַשבער האָט זיך געפּאַקט, אָט־אָט געקאָנט אויסברעכן אָדער מיט אַן אויס־געשריי, אָדער אַנידערפאַלן צום קראַכן; אָבער ס׳איז מיט איר קיין איינס פון דיביידע ניט געשען. זי האָט זיך געהאַלטן פעסט און נישט געוואָלט מצער

זיין איר מאַן, משהן, וואָס האָט אַזוי אויך געגנוג און מ׳האָט אים ניט גע־טאָרט די מאָס דערפֿולן.

ביידע, סיי גיטעלע, סיי יהודית האָבן, ווי געזאָגט, נישט געווינט. אויך די איידעמס משה מאַשבער האָבן שווייגנדיק צוגעקוקט, וואָס ער טוט און האָבן פֿון פֿאַרלוירנקייט קיין וואָרט ניט געזאָגט.

ס׳זיינען בייגעווען ביים געזעגעניש אויך אַלע אָנגעשטעלטע פֿון קאַנטאָר, אויך פֿונעם אייל־ און נאַפֿט־געשעפֿט, וואָס משה מאַשבער האָט ספּעציעל גע־לאָזט רופֿן, — ווייזט אויס, צוליב מער אָפּקומעניש, כּדי יענע זאָלן צוקוקן, ווי אַזוי זייער בעל־הבית, זייער ברויט־געבער, וועט איצט אויסזען, איידער ער וועט די שטוב פֿאַרלאָזן... ווי אַלע, זיינען אויך זיי געשטאַנען און האָבן שווייגנדיק צוגעקוקט, וואָס פֿאַר זיי איז פֿאָרגעקומען, פֿאַרגליווערטע, ווי מ׳שטייט ביי יציאַת נשמה.

און אַז משה מאַשבער איז לסוף פֿאַרטיק געוואָרן מיטן טלית־זאַק, האָט ער זיך גענומען געזעגענען. ער איז צוערשט צוגעגאַנגען צו יעדער איינעם פֿון די אָנגעשטעלטע און משרתים, און מער ווי ער האָט זיי געהאָט מיט ווערטער וואָס צו זאָגן, האָט ער געזאָגט מיטן בליק, און ביי זיי ווי מחילה גע־בעטן, טאָמער האָט ער וועמען ווען באַליידיקט אָדער עפּעס שלעכטס געטאָן...

ער איז דערנאָך צוגעקומען צו יהודיתן זיין טאָכטער, און איר געזאָגט וואוסט דעם באַטייט פֿון דער געזעגעניש און צו וואָס דער זיידע פּאַקט זיך, און האָבן נאָר געוואוסט, אַז ס׳איז עפּעס קיינעם אויפֿן האַרצן ניט אויפֿגע־לייגט און אַז מ׳דאַרף זיך האַלטן וואָס שטילער און וואָס ווייניקער טומלען.

ער איז דערנאָך צוגעקומען צו אידעסן זיין טאָכטער און איר געזאָגט אַ שטיל וואָרט, אַ מין ברכה; צו גיטעלען מיט עפּעס אַן אומפֿאַרשטענדלעכן מורמל; און דאַן, צום לעצט, צו מאירלען, צום עלטסטן פֿון זיינע אייניקלעך, וואָס יענער האָט יאָ פֿאַרשטאַנען וואָס ס׳געשעט, און דערפֿאַר האָט ער דעם קאָפּ אָפּגעדרייט און פֿון זיידנס האַנט די זייניקע אַרויסגעצויגן.

ס׳איז דעמאָלט, גאָר צום לעצט, צוגעגאַנגען אויך אַלטער, וואָס האָט זיך אומבאַמערקט פֿון זיין אויבער־שטיבל אַראָפּגעלאָזט, און וואָס דאָ האָט שוין נישט משה מאַשבער אַליין, אויך אַלטער נישט אויסגעהאַלטן און ביידע האָבן עפּעס אַ קרענקלעך־איבערגעכאַפּטן וויין געטאָן...

משה מאַשבער האָט געזען פֿאַרענדיקן דאָס אַלץ וואָס גיכער, און צום לעצטן מאָל האָט ער נאָך גענומען זיך אומקוקן אויף די ווענט און אויף אַלע בייזייענדיקע, וואָס האָבן אים אַרומגעשטעלט, און דערנאָך האָט ער מיט אַמאָל אָפּגעריסן די אויגן פֿון צו קוקן און איז צו צו דער שוועל, דורך וועלכער ער האָט באַדאַרפֿט אַריבערטרעטן, און איידער נאָך ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער אויפֿגעהויבן די אויגן צו דער מזוזה, וואָס אויפֿן ביישטידל, האָט צו איר

אַ האַנט דערלאַנגט, און באַלד, זי צוריקנעמענדיק, זי אַ קוש געטאָן, די האַנט...

ווער פֿון די אייגענע און אַנגעשטעלטע ס'האָט אים דערנאָך צום געריכט געזאָלט באַלייטן, איז מיט אים מיטגעגאַנגען און באַלייט, און ווער ניט, דער איז אין שטוב געבליבן, ווי גיטעלע, וואָס אַלע האָבן זי אָפּגערעדט און זי אַליין האָט זיך אויך ניט איבעריק געריסן צו וועלן מיטגיין...

און אין זעלבן בייטאָג, ווען דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן און איז אַריין אין קראַפֿט, איז שוין משה מאַשבער איבערגעענטפֿערט געוואָרן צו דער מאַכט, צו וועלכער ער האָט פֿון איצט אָן געטאָן געהערן. מ'האָט אים גענומען אונטער אַ וואַך, וועלכע האָט אים גלייך גענומען אָפּפֿירן אַהין, וואוהין מען פֿירט אַלע מאָל פֿאַראורטיילטע — אין תּפֿיסה און אונטער שלאָס און ריגל, אויף וויפֿל צייט מ'באַשטימט זיי.

פֿאַר דער געריכטס־געבײַדע האָט זיך יענעם טאָג פֿאַרזאַמלט אַ גאַר גרוי־סער עולם, וואָס האָט, שטייענדיק אין רעדלעך, געדולדיק געוואַרט, ביז דער משפּט וועט זיך ענדיקן און ביז מ'וועט אַרויספֿירן משה מאַשבערן מיט בלויזע שווערדן...

מ'האָט זיך אויסדערוואַרט. ווער פֿון די גאַר אייגענע ס'האָט געחלשט, דאָס דערזעענדיק, האָט געחלשט, און ווער נישט אַזוי אייגן, האָט געוויינט, און אַפֿילו די קעגנער פֿון משה מאַשבער, די וואָס האָבן פֿיל בייגעטראָגן אים אַרונטערצוברענגען אונטער די שווערדן, האָבן זיך איצט מיטן נצחון ניט געקאָנט פֿרייען און זיינען מיט אָפּגעדרייטע קעפּ פֿון צווישן עולם אַרויס און געזען אין אַ זייט אָפּגיין מ'זאָל זיי ניט באַמערקן.

אַ גרויסער טייל עולם איז אַ שטיק צייט נאָכגעגאַנגען נאָך דער וואַך פֿון משה מאַשבער; דערביי האָבן זיך אייניקע געהאַלטן פֿון הינטן, ווי ביי אַ לוויה, און אַנדערע, מער נייגעריקע און מער ליידיקגייערישער עולם, האָט געוואָלט זען משה מאַשבער אין פּנים און איז געלאָפֿן פֿאַר אים. לסוף איז מען אָפּגעשטאַנען, און געבליבן איז אַליין נאָר דער געפֿירטער מיט די פֿירער: ער אינמיטן, און איינער פֿון דער וואַך, מיט אַ הוילער שווערד, פֿון פֿאַרנט, און אַ צווייטער — הינטער אים.

משה מאַשבער האָט, שפּאַנענדיק מיטן טלית־ און תּפֿילין־זאַק אונטערן אָרעם אין משך פֿון גאַנצן וועג די אויגן ניט אויפֿגעהויבן, ניט ווען ער איז געפֿירט געוואָרן אין שטאָט און נישט אויך דערנאָך, ווען מ'איז מיט אים אַרויס אויסער איר און זיך געלאָזט צו דער תּפֿיסה, וואָס האָט זיך געפֿונען ווייט אין פֿעלד, און ערשט שפּעטער, ווען מען איז צוגעקומען צום טויער פֿון דער תּפֿיסה און ווען מ'האָט פֿאַר אים געעפֿנט די פֿאַרטקע פֿון טור־מע־הויף און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך באַדענקט וואוהין ער גייט, האָט ער די אויגן אויפֿגעהויבן און אַ קוק געטאָן אויפֿן ביישטידל פֿון

דער פֿאַרטקע, ווי ער וואָלט אויך דאָ געזוכט און געוואָלט זען אַ מזוזה... אָבער דעמאָלט האָט אויף אים איינער פֿון דער וואָך אַן אונטערטרייבנדיקן הוקע געטאָן, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און האָט די שוועל אַריבערגע־טראָטן.

*

און דאָ לאָזן מיר אים איבער אַ ווײַלע, כּדי צו דערציילן, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען ביי אים אין שטוב, נאָך דעם ווי זיינע אייגענע, וואָס האָבן אים אין דער פֿרי אין געריכט באַלייט, זיינען איצט אַהיימגעקומען שוין אָן אים.

ווי נאָר גיטעלע, משה מאַשבערס וויַיב, האָט דערזען די צוריקגעקומענע פֿון געריכט — פֿריער די איידעמס מיט די אויסגעבלאַסטע פּנימער, ווי נאָך אַ תּענית, דערנאָך איר טאָכטער יהודית מיטן פֿאַרוויינטן פּנים, און זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז געשען דאָס אויף וואָס אַלע האָבן זיך געריכט, — אַזוי האָט זי מיטאַמאָל אַ שפּאַן געטאָן צו איר טאָכטער יהודית, ווי מיטן מיין צו אויסהערן פֿון איר דאָס לעצטע וואָרט, וואָס זי האָט זיך עס אַליין ניט גע־וואָלט זאָגן; אָבער באַלד האָט זי חרטה געקראָגן, און נישט צוגייענדיק אַהין, וואוהין זי האָט געצילט — צו דער טאָכטער, האָט זי פֿון אָרט, וואו זי האָט זיך געפֿונען, עפּעס מיטאַמאָל אַ שטילן זאָג געטאָן: יהודית, האַלט מיך צו... כ'פֿאַל...

אַז יהודית איז צו איר צוגעלאָפֿן אַ דערשראָקענע האָט גיטעלע אין אירע אָרעמס זיך אַ נויג געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער און באַלד גלייך איז זי שוין אַזוי שווער געוואָרן, אַז יהודית איז געווען געצוואונגען צו פֿרעמדער הילף אָנקומען, ווייל אַליין זי אונטערהאַלטן האָבן איר שוין קיין כּוחות נישט גע־קלעקט.

ס'זיינען באַלד אונטערגעלאָפֿן אויך די איידעמס, אויך אַנדערע, ווער ס'איז מיט זיי צוריק פֿון געריכט געקומען, און מיט אַלעמענס הילף האָט מען גיטעלען, ווי אַן אונטערגעזעגענע, אין איר אַלקער אַריינגעבראַכט און אין בעט אַוועקגעלייגט.

יאָ, פֿון לאַנגע ליידן, אַפּנים, וואָס זי האָט אַ צייט געטראָגן אין זיך און זיי ניט אַרויסגעגעבן, ניט אויסגעוויינט און ניט אויסגעשריגן, האָט זי איצט געכאַפּט יענעם געוויסן שלאַק, וואָס מאַכט מענטשן צום האַלב־גולם, מיט קיין אבר צו רירן, מיט קיין וויע ניט צו פינטלען, און ערגער — ווען ס'נעמט אים אָפּ דאָס לשון.

די דאָקטוירים, וואָס מ'איז באַלד געלאָפֿן נאָך זיי און זיי געבראַכט, ווי נאָר מ'האָט זי אין בעט אַריינגעלייגט, זיינען נאָך אייניקע מינוט קוקן און זי באַטראַכטן, געקומען צו איין מיינונג — צו דער, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט, און פֿון זייערע ווייטערדיקע ווערטער האָט מען פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט גוט, אַז ס'איז כּמעט קיין האָפֿענונג ניטאָ,

אויסער דער, וואָס אַזוי וועט זי שוין בלייבן ביז ס'איז איר באַשערט — די טעג, די וואָכן, חדשים אָדער יאָרן — ווייסט מען ניט.

זי איז געלעגן שטיל, ניט געקרעכצט און בכלל קיין קול ניט אַרויסגע־געבן און בלויז געקוקט אין איין פּינטל גולמיש־שטאַר און ווי אַ וועקסענער מענטש — צום אַנטקעגן זיך.

ס'נאָך גוט, זאָגן מיר דאָ, וואָס זי האָט זוכה געווען צו איר אייגן בעט, צו איר אייגענער שטוב, און צו אַן אייגענעם דאַך אויפֿן קאָפּ, וואָס מ'האָט זיי אויך זייער לייכט איצט געקאָנט צונעמען און צופּסקענען לטובת משה מאַשבערס בעלי־חובות. דאָס איז אָבער נישט געשען, ווייל די שטוב, וואָס איז געווען איבערגעשריבן אויף סרולי גאָלס נאָמען האָט דער געריכט געפֿונען פֿאַר אַ געזעצלעכער קניה און אַז סרולי גאָל, דער קונה, האָט די רעכט צו בלייבן ביי דעם, וואָס ער האָט אַרנטלעך דערוואָרבן.

גוט נאָך, זאָגן מיר ווידער, וואָס די שטוב כאָטש איז פֿאַרבליבן אין רשות פֿון משה מאַשבערס משפּחה און וואָס גיטעלע, די פֿריערדיקע באַלע־באָסטע פֿון שטוב, האָט געקאָנט אויסגעהאַלטן ווערן אויך איצט, ווי אַ באַ־לעבאָסטע; ווייל דאָס איינציקע, וואָס יהודית, גיטעלעס עלטערע טאָכטער, האָט איצט געקאָנט טאָן צו פֿאַרגרינגערן די לאַגע פֿון איר אומגליקלעכער, קראַנק־ליגנדיקער מוטער, איז געווען דאָס, וואָס זי האָט זיך מיט איר געפֿירט, ווי מיט דער אָנפֿירערין פֿון שטוב, נישט געקוקט דערויף, וואָס יענע, גיטעלע, האָט שוין לחלוטין דערצו ניט געטויגט. זי האָט שטילערהייט גע־נוג געווייינט, יהודית, יעדערס מאָל, ווען זי האָט באַדאַרפֿט קומען פֿאַר דער קראַנקער גיטעלע און זיך ווענדן צו איר, כלומרשט, נאָך אַן עצה און איר אַריינזאָגן אין שוויגנדיקן פּנים וועגן דעם, וואָס זי רעכנט יאָ אָדער ניט צו טאָן אין שטוב־ווירטשאַפֿט. און נאָך אַמאָל: נישט געקוקט דערויף, וואָס אַרויסקריגן פֿון גיטעלען אַ מינדסטע מינע אויף יאָ, אָדער ניט, אויף הסכמה אָדער ניט, איז שוין נישט געווען שייך, דאָך האָט יהודית דאָס געהאַלטן פֿאַר איר חוב, און דאָס האָט איר געשאַפֿן די פֿאַרשטעלונג, אַז די מוטער איז נאָך מוטער, און אַז די שטוב פֿירט זיך, ווי זי האָט זיך פֿריער געפֿירט.

אוודאי איז אויך דאָס געווען אַ זכות... אוודאי אויך אַ זכות, וואָס לוזי, משה מאַשבערס ברודער, האָט אויסגעפֿילט משה מאַשבערס בקשה, מיט וועלכער ער האָט זיך צו אים געווענדט פֿאַרן געריכט, בעת ער האָט זיך מיט אים אָפּגעזעגנט און פֿאַר אים זיך אויסגערעדט אין זאַל, ווי מיר געדענקען; און איצט, נאָך דעם, ווי משה מאַשבער איז אַוועק און נאָך דעם, וואָס באַלד האָט זיך געטראָפֿן דער אומגליק מיט גיטעלען, האָט ער, לוזי, זיין ברודערס בקשה פֿאַרגעדענקט און פֿלעגט אָפּט זיך ווייזן צו זיינע בני־בית מיט אַ טרייסט.

גוט אויך דאָס. אָבער אויסער אָט די אַלע „גוטסקייטן" איז משה מאַש־בערס אייגענע שוין פֿיל דעמאָלט אָפּגעגאַנגען צו גוט...

נו, יאָ: משה מאַשבער — אין תּפֿיסה, גיטעלע — האַלב טויט אין בעט, די געשעפֿטן — אָפּגעשלאָסן... בעלי־חובֿות האָבן שפּעטער אַ ביסל זיך אַפֿילו געפּרוּווט זיי צוריק אויפֿשטעלן בשותּפֿות און זיי איבערגעגעבן אין די הענט פֿון מער דערפֿאַרענע און מער פֿאַראינטערעסירטע, אַז יענע זאָלן מיט זיי אָנפֿירן. ס׳האָט זיך אָבער גאָרניט באַקומען. פֿאַרוואָס? — ווייל ווען משה מאַשבערס געשעפֿטן זיינען געבליבן אָן די פֿריערדיקע באַלע־באַטים, אָן אים מיט זיינע איידעמס, האָבן זייערע שטענדיקע קונים און קונדן, וועלכע האָבן זיך פֿיל אָנגעליען און זיינען געבליבן שטיין מיט אַ סך נישט אויסגעצאָלטע חובֿות — איצט גענומען אויסנוצן משה מאַשבערס אַנזעץ פֿאַר אַ שאַנס אויף אַליין אויך אָנזעצן און ניט וועלן צאָלן... שלעכטע קונדן האָבן פּשוט געזאָגט: „ער—ניט, מיר—ניט". און טוט זיי עפּעס... אַנדערע, מער לייטישערע, זיינען אָפּגעקומען מיט מער לייטישערע תּירוצים, אָבער צאָלן האָבן זיי אויך ניט געצאָלט. אַזוי, אַז אויב מע וואָלט זיך געווען וועלן נעמען איינקאַסירן די אַלע חובֿות, וועלכע משה מאַשבער האָט געהאַט אָפּ־צומאַנען ביי זיינע קונים און קונדן, וואָלט זיך געפֿאָדערט פֿיל צייט, פֿיל דולעניש, און נאָך לאַנגן הין־און־הער און צו טאָן האָבן מיט די פֿאַר־שולדיקטע, וואָלט מען סיי ווי געבליבן ביי גאָרנישט.

אַזוי ווידער, אַז מיט דעם, וואָס מ׳האָט געמאַכט משה מאַשבערן פֿאַר אויס, האָט מען ווייניק וואָס געפּועלט און גאָר ווייניק געוואונען. געפּועלט האָט מען נאָר, וואָס אייניקע בעלי־חובֿות מיט די זעלבע געשעפֿטן, וואָס ער, האָבן גענומען אַריבערציען זיינע קונים צו זיך, מיט דער האָפֿענונג, אַז דורכן פֿאַרדינען פֿון אָט די קונים וועלן זיי מיט דער צייט אָפּגעווינען דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגעוואוירן ביי משה מאַשבער; געפּועלט האָט מען אויך, וואָס די קלענערע בעלי־חובֿות זיינען געבליבן שטעקן מיט זייערע אָרעמע געלטן שוין אָן שום האָפֿענונג אויף ווען ניט איז צוריק אַרויס מיט זיי... און צום לעצט געפּועלט, אַז יענע בעלי־הלוואות, וואָס קיין געשעפֿטן האָבן זיי ניט און וואָס אָפּצוגעווינען אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופֿן ביי די קונדן פֿון משה מאַשבער, ווי אַנדערע, וואָס האָבן יאָ געשעפֿטן איז פֿאַר זיי אוממעגלעך געווען, זיינען געבליבן ביים זעלבן, וואָס די אָרעמע — בלויז מיט די וועקסלען אויף די הענט, און אפֿשר אויך נאָך מיט דער טרייסט, וואָס אַ דאַנק זיי איז משה מאַשבער אין תּפֿיסה פֿאַרזעצט געוואָרן... און נאַ, און דאָס לאָמיר זיי פֿאַרגינען.

*

און איצט ווידער צו משה מאַשבער.

אַז ער האָט אַריבערגעשפּאַנט די פּאַרטקע פֿון טורמע־הויף און איז געבראַכט געוואָרן אין קאַנצעלאַריע, וואו מ׳האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט פֿונעם טורמע־עלצטן, וועלכער האָט אים באַדאַרפֿט אַריינשרייבן אין בוך פֿון די אַרעסטירטע, וועלכע געפֿינען זיך אונטער זיין אויפֿזיכט — האָט מען דאָס אים געטאָן... מ׳האָט אים באַלד אויך אויסגעטאָן די ציווילע קליידער און אים איבערגעטאָן אין אַרעסטאַנטישע און לסוף, שוין אַן איבערגעטוענעם, האָט מען אים געבראַכט אין איינער אַ טורמע־געביידע פֿאַר קרימינעלע פֿאַרברעכער, און צוקומענדיק צו איינער אַ קאַמער־טיר, האָט מען זי פֿאַר אים אויפֿגעשלאָסן, אים אַריינגעלאָזט און צוריק פֿאַרשלאָסן.

ער איז אַריין, ווי אַלע אַרעסטאַנטן, וואָס קומען אַן אַהין — מיט גאָרנישט, אויסער נאָר מיט זיין טלית־ און תּפֿילין־זאַק, וואָס דער געזעץ האָט אים דערלויבט מיטצוהאָבן, ווי זאַכן פֿון קולט. ער איז שטיין געבליבן מיטן טלית־ און תּפֿילין־זאַק אויף דער שוועל מיט אַזאַ אויסזען, ווי ער וואָלט געקומען אויף דער שוועל פֿון אַן אומבאַקאַנטער שול, און פֿון גרויס פֿאַרטראַגנקייט האָט ער אויך דאָ אַ וווּנד געטאָן די אויגן צום בייסטידל, וואו ער וואָלט געזוכט אַ מזוזה אויף אַ קוש טאָן.

אַנשטאָט אָבער אַ מזוזה האָט ער פּלוצלים דערזען פֿאַר זיך איינעם אַ פּאַרשוין, פֿון אַ גרויס רעדל אַרעסטאַנטן אים אַנטקעגנגעקומען, וואָס אַז מ׳האָט אויף יענעם נאָר אַ קוק געטאָן, אַזוי האָט מען געקאָנט ניט נאָר אין מזוזהס פֿאַרגעסן, נאָר אַפֿילו ווי אַזוי מ׳הייסט...

דאָס איז געווען אַ קורצוואוקסיקער, פּירעקעכיק־געבויעטער קאַטאַרזשאַן, מיט אַ האַלב־געגאָלטן קאָפּ און שטאַרק־געלן פּנים, ווי ביי אַלע אַרעסטאַנטן, פֿון לאַנגן זיצן אַן לופֿט און אין ענגעניש; אויך מיט אַ געפֿאַלדעוועטער, אונטערגעשוירענער באָרד און מיט אַ העסלעך־געגאָלטער אויבערשטער ליפּ, געגאָלט אַזש ביז בלוי.

ס׳איז געווען אויף לאַנג אַ פֿאַרמשפּטער, וואָס גייענדיק מיטן עטאַפּ מיט אַ קאָמפּאַניע אַנדערע אַרעסטאַנטן אַהין, וואוהין מ׳האָט זיי באַשטימט, האָט מען זיי דאָ, אין N־ער טורמע, פֿאַרהאַלטן אויף אַ צייט, ביז מ׳וועט זיך איך זיי דערמאָנען און זיי ווייטער שיקן.

ער איז אונטערגעקומען צו משה מאַשבער מיט זיין קורצער וואוקס, מיט זיין גרוי־געוואַנטן אַרעסטאַנטן־היטעלע, אָנעם דאַשעק, מיטן קורצן רעקל, קאַזיאָנע געשטעמפּלטע אויף די פּלייצעס, און מיט הויזן פֿון זעלבן שטאָף, ווי דאָס רעקל, און צוגייענדיק נאָענט, גאָר נאָענט צו משה מאַשבערן, האָט ער אָן אַ וואָרט צו זאָגן, ביי אים דעם טלית־זאַק פֿון אונטערן אָרעם אָפּירגענומען.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן.

— געבעט־זאַכן — האָבן זיך ביי משה מאַשבער געפֿונען אַ פּאָר ניט־יידישע ווערטער אויף אָפּצוזעפּערן דעם קאַטאַרזשאַן, ער זאָל וויסן, וואָס ער האָלט אין די הענט און ווי ער דאַרף זיך מיט דעם באַגיין.

— און דאָס — וואָס? — האָט דער קאַטאַרזשאַן גענומען ציען פֿון טלית־זאַק די ספֿרים, וואָס משה מאַשבער האָט פֿאַרן אַוועקגיין פֿון דער היים אַהין אַריינגעלייגט.

— אויך דאָס, — האָט משה מאַשבער געענטפֿערט.

— און דו אַליין, ווער?

— אַ סוחר — האָט ער געשטאַמלט.

— און געלט האָסטו?

— ניין, און דערפֿאַר האָט ער אַהער אַנגעטראָפֿן, ווייל ער האָט ניט — האָט משה מאַשבער, דערזען דעם אַרעסטאַנטן־עולם, וואָס האָט אים אַרומגעשטעלט, אים באַטראַכט און אין מויל געקוקט, געפֿונען ווערטער אויך אַפֿילו פֿאַר אַ האַלב־לייכטן שפּאַס טאָן, מישטיינסגעזאָגט...

דעמאָלט האָט דער, וואָס איז צו אים צום ערשטן צוגעטראָטן און וואָס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן צו זיין דער סטאַראָסטע פֿון קאַמער, צוגענומען דעם טלית, וואָס משה מאַשבער האָט מיטגעבראַכט. ער האָט לעפּיש, נישט געשיקט און ווי נישט מיט יידישע הענט אים געפּרואווט אָנטאָן און אין אים זיך איינמאַסטען. ער האָט אויך געפּרואווט עפּעס טאָן מיט די תּפֿילין אומ־באַהאָלפֿן, און אין דער זעלבער צייט אָבער פֿאַרזיכטיק און מיט עפּעס אַ מין דרך־ארץ, ווי צו זאַכן, וועלכע זיינען אים, ווייזט אויס, געווען אַמאָל באַקענט, און וואָס איצט, איז ער פֿון זיי אָפּגעפֿרעמדט.

משה מאַשבער איז עטוואָס בלאַס געוואָרן, זעענדיק, וואָס יענער טוט, ער האָט מורא געקראָגן פֿאַר שענדונג פֿון די אַרומשטייענדיקע אַרעסטאַנטן, וואָס אַז זיי האָבן צוגעקוקט זייער חברס מלאָכה, האָבן זיי געלאַכט און דאָס געלעכטער האָט זיך פֿון זייערע אַרעסטאַנטישע שטערנס, פּנימער און מיילער ניט אָפּגעטאָן.

— לאַכט ניט! — האָט דעמאָלט מיט אַמאָל שטרענג אַ זאָג געטאָן דער עלטסטער, דער סטאַראָסטע, דער, וואָס מיט דער געפֿאַלדעוועטער באָרד און מיט דער העסלעך־געגאָלטער אויבער־ליפּ. — ס'איז זאַכן פֿון מיין גאָט און זיינעם — האָט ער אַ וויז געטאָן אויף משה מאַשבער, וועלכער איז געשטאַנען נידערגעשלאָגן פֿונעם אַרום, פֿון די אַרעסטאַנטישע געלעכטערס און פֿונעם עלצטנס שותּפֿות, אין וועמעס הענט זיין טלית־און־תּפֿילין האָבן אַריינגעטראָפֿן, און וואָס, ווי ער האָט געמיינט, אַז אויך צוליב געלעכטער.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניין, אַז ניט צוליב דעם. יענער איז געווען אַ ייד... מאָל דיר, אַ וואַסערער: מיט אַ צינערן אוירינגל אין אויער, מיט אַ נידעריק־ביקישן שטערן, און דערצו נאָך מיט קורצע קלעצל־הענט, וואָס

ער איז גרייט זיי אַלע מאָל לאָזן אין גאַנג, און מ'האָט געזען, אַז קיין סך מי וואָלט אים ניט געקאָסט, ער זאָל וועמען ניט איז, אויב ס'פאָדערט זיך, דערוואָרגן ווי אַ קעצל.

„דער נאָוואָראָסייער" — האָט מען אים גערופן. ער האָט געשטאַמט פונעם נישט־לאַנג באַזעצטן נאָוואָראָסישן קאַנט, וואו די שפּע איז גרויס, וואו מע עסט ווייצנס אַפילו אינדערוואָכן, און וואו יידן זיינען פאַרגרעבט און רעדן מיט דער שטאַרק־גראַגערנדיקער ר־ר־ריש...

זיין געשיכטע — גאַרנישט קיין געהויבענע. ער האָט זיך „באַשעפטיקט" מיט גנבענען פערד און פאַרקויפט אויף ווייטלעכע ירידים. אויב די גנבה איז אָפּגעגאַנגען לייכט, איז גוט, און אויב נישט, אויב מ'האָט זיך קעגנגע־שטעלט, האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט אויך פאַר רציחה, וואָס ס'האָט מיט אים שוין ניט איין מאָל זיך געמאַכט. דערביי, אַז ער האָט אַמאָל געמוזט אַנטלויפן, זיך אויסבאַהאַלטן אין סטעפּ און ליידן הונגער, פלעגט ער אָפּ־שלאָגן אַ „שטיקל" פון אַ סטעפּאָווע טשערעדע, דאָס אָוועקלייגן און עסן רוי... מ'האָט געשמועסט, אַז ער האָט אויך איצט, זיצנדיק אין טורמע, זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַריינצוכאַפּן אַמאָל אַ חלק רוי־פליש, ווען ער פלעגט געשיקט ווערן אויפן קיך ברענגען עסן פאַר דער קאַמער, אָדער אַזוי העלפן דעם קוכער.

מיט איינעם וואָרט, אַ געוויסע פירמע, וואָס האָט זיך אויסגעהאַדעוועט אַ פאַרוואָרלאָזטער יתום ערגעץ אין אַ ווייט־ליגנדיקן פויערשן ישוב אין נאָ־וואָראָסיע. ער האָט לאַנג געדינט פאַר אַ שיק־יינגל, אָדער פאַר אַ קאָן־טרייבער און דערפאַר געקראָגן זיין געמיינעם אויסהאַלט און מסתּם אויך נישט איבעריק גוט באַהאַנדלט געוואָרן, און דערפאַר, ווידער, ווען ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ גנבים־קאָמפּאַניע, האָט ער פאַראייניקט זיין דערפאַרונג פון קאָנען אַרומגיין אַרום פערד און אויך פון וויסן דעם סטעפּ צו דער דער־פאַרונג פון אַנדערע „וויסערס" מיט וועלכע ער איז אַוועק אויפן געוויסן גנבהשן דרך.

ער געדענקט שוין כּמעט נישט, ווען ס'איז געשען, ער האָט זיין יוגנט־געשיכטע פון קאָפּ אַרויסגעלאָזט, און דאָס איינציקע, וואָס איז אים פון איר נאָך פאַרבליבן און וואָס האָט אים געבונדן מיט זיין שטאַם, איז געווען דאָס, וואָס אַז ער האָט געהערט, ווי מ'שענדט, פלעגט ער זיך איינשטעלן און אָפּט פלעגט ער דעם געשענדעטן אונטער זיין שוץ בעמען.

יאָ, משה מאַשבערן איז נאָך אַ גליק געשען, וואָס ער האָט אויף אַזאַ איינעם זיך אָנגעשלאָגן, ווייל ווען ניט וואָלט מען זיך זיכער מיט אים באַ־גאַנגען, ווי אַלע מאָל מיט אַ ניי־אָנקומענדיקן אין קאַמער — ווען מ'נעמט אים אַריין אין חברה מיט אַרעסטאַנטישער שפּיל, וואָס באַשטייט פון קלעפּ,

טרוקענע און נאַסע, פֿון וועלכע דער נייער, בפֿרט אַזאַ, ווי משה מאַשבער, וואָלט זיכער מיט קיין גאַנצן אבר ניט אַרויס.

יאָ, אַוודאי אַ גליק, וואָס משה מאַשבערס טלית־ און תּפֿילין־זאַק האָט דערוועקט דרך־ארץ אויך צו אים אַליין ביים עלצטן, ביים סטאַראָסטע, ביי יענעם קאַטאָרזשאַן, וואָס איז געוואָרן זיין באַשיצער פֿון דער ערשטער מינוט, ווי נאָר ער, משה מאַשבער, האָט די קאַמער־שוועל אַריבערגעשפּאַנט.

אָבער ווי צו דעם גליק, ווען משה מאַשבער האָט זיך בעסער איינגע־קוקט און דערזען דעם פּאַרשוין, מיטן צינערנעם אוירינגל, מיטן טעמפּן שטערן און מיט די קורצע קלעצל־הענט, וואָס האָבן אים געמאַכט אויסזען מער מערדער, ווי אַנדערע אַרעסטאַנטן, און וואָס דערפֿאַר טאַקע איז ער, אַפּנים, אַרויסגערוקט געוואָרן אויף אָנפֿירערשאַפֿט: ער האָט באַדאַרפֿט היטן די דיסציפּלין און שטיין אויף דער וואַך פֿון אַרעסטאַנטישע אינטערעסן, פֿאַר וועלכע ער האָט געקאָנט שטרעקן זיין אייגן לעבן און נישט שאַנעווען דאָס לעבן אויך פֿון אַנדערע, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אונטערן אויפֿזיכט פֿון זיין מעסער, וואָס נישט געקוקט אויף אַלערליי פֿאַרבאָטן פֿון טורמע־רעזשים, האָט ער אים באַוויזן אויסבאַהאַלטן און באַשטענדיק האָבן מיט זיך...

ווי צום גליק, ווען משה מאַשבער האָט זיך שפּעטער נעענטער באַ־קענט מיט יענעם פּנים און מיט זיין אויבערשטער העסלעך־געגאָלטער, בלוי־ער ליפּ, אויף וועלכער ס'פֿלעגט זיך אַמאָל באַווייזן אַ גזלנישער שוויס־טראָפּן, ווען ער איז אַריין אין כּעס און האָט זיך באַדאַרפֿט מיט עמעצן צערכענען...

— רבונו־של־עולם — האָט משה מאַשבער, שטילערהייט, אַ זאָג געטאָן גלייך נאָך דעם, ווי ער איז אַרויס פֿונעם אַרעסטאַנטן־רעדל, וואָס האָט אים באַגעגנט אויף דער שוועל, — וואוהין האָסטו מיך עס געבראַכט? און וואו מיך איינגעשטעלט?

ער האָט מורא געהאַט מער צו זאָגן, כּדי ניט צו ציען אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אַרומיקע. ער האָט דאָס מויל פֿאַרמאַכט און ביי זיך באַשלאָסן, אַז איצט איז ניט די צייט, נאָר שפּעטער, אויפֿדערנאַכט, ווען אַלע וועלן אַנטשלאָפֿן ווערן און ער וועט בלייבן אַליין, וועט ער שוין, ווי ניט ווי, דערענדיקן, וואָס ער האָט איצט ניט דערזאָגט.

און אַזוי איז טאַקע געווען. ער האָט גלייך, נאָכן אַרויסקומען פֿון צווישן אַרעסטאַנטן־רעדל, באַקומען אָנגעוויזן אַן אָרט אויף אַ נאַרע, וואו זיך אָפּ־לייגן מיט זיין קליין ביסל געפּעק בייטאָג, און וואו ער וועט אויף ביינאַכט אַלע מאָל האָבן זיין געלעגער. ער האָט זיך, ווי ניט ווי, דאָרט באַזעצט, און נאַטירלעך האָט ער געזען זיך האַלטן אין אַ זייט, ווייט אָפּגעזונדערט און אין קיינע אַרעסטאַנטישע עסקים זיך ניט מישן. ער האָט אויך אָנהויב אָוונט באַקומען זיין פּאַרציע עסן, אויסגעטיילט לויט דער נאָרמע, פֿון וועלכן ער

האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט אַן אויסרייד, אַז ער איז איצט ניט דערביי און אַז ער טרעט דאָס אָפּ דעם, וואָס באַגערט, אָדער וואָס נויטיקט זיך אין דעם. דעמאָלט האָט ער גענומען אַרומקוקן זיין געלעגער אויף דער נאַרע, דער גלאַט־אָפּגעפּאָלירטער פון לאַנגן געברויך פון פיל לייבער, וואָס האָבן זי אויס־געריבן. ער האָט צו יענער צייט אויך געוואָרפן אַן אויג אויף דער פּאַראַשע, וואָס ביז אַהער האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן פון צו קוקן אי אויף איר, אי אויף די, וואָס האָבן, אָן שום בושה, ביי אַ קליינער באַדערפעניש, זיך געווענדט צו איר, שוין צוגעוואוינט...

ער האָט לסוף, דער־צוויגן די צייט, ווען דער אַרעסטאַנטן־עולם האָט זיך גענומען גרייטן צום שלאָפן, און ווען אַ קליין קאַניצל, אין אייגער אַ וואַנט איינגעמויערט, האָט שוואַך באַלויכטן די קאַמער, ווי אויך די אַרעסטאַנטן, וואָס זייער גרויע קליידונג האָט איצט אין גאַנצן דעם קאָליר אָנגעוואוירן און זייערע אַזוי אויך מאַט־געלע פּנימער האָט זיך איצט איינס פון אַנדערן מיט גאַרניט אויסגעטיילט אין טונקל.

און אַט האָט מען זיך באַלייגט. משה מאַשבער האָט איצט, דאָס ערשטע מאָל באַדאַרפט זיין טורמע־געלעגער באַנייען. ער האָט דאָס געטאָן. און אַט דעמאָלט, ווען אַלע אַרעסטאַנטן האָבן, נאָך לאַנגן און קורצן מאַסטען־זיך, גענומען איינשלאָפן, האָט ער, לסוף, געקראָגן די געגאַרטע שעה זיך צו באַדענקען און זיין לאַגע צו באַזיניקן...

ווער ס'וואָלט אויף אים דעמאָלט אַ קוק געטאָן, ווי ער איז ביים שוואַכן קאַניצל־שיין, צווישן אַלע איבעריקע אַרעסטאַנטן, געלעגן אויף דער נאַרע, וואָלט אויך געזען, ווי דאָס פּנים איז אים נאַס פון טרערן, וועלכע גייען אים נישט פון די אויגן, נאָר ווי פון ערגעץ אַ טיף־אינערלעכן קוואַל אַן אַ נאָמען...

משה מאַשבער האָט, ליגנדיק אויף דער גלאַט־אָפּגעפּאָלירטער און גלי־טשיקער נאַרע, אָן שום אונטערגעבעט, נישט באַמערקט ווי ער וויינט, ווי אויך נישט באַמערקט, ווען ער האָט אויפגעהערט וויינען און איז, דאַכט זיך, האַלב איינגעשלאָפן, און ווי אַזוי פּאָר זיינע אָפענע, אָדער אפשר שוין צו־געמאַכטע אויגן האָט זיך אים שפּעטער, דערנאָך — זע — זיין טאַטע באַוויזן.

...אין אַ קיטל. און אין גאַרטל האָט ער געהאַט אייניקע שופרות פאַר־שטעקט, ווי אַ בעל־תוקע אַמאָל, וואָס פאַרגרייט זיך, אַז טאַמער וועלן אים ניט גיין די תקיעות אויף איין שופר, זאָל ער האָבן אונטער דער האַנט אַנדערע...

— וואָס איז דאָס, טאַטע? ס'הייַנט ראש־השנה? — האָט משה מאַשבער פאַרוואונדערט אַ פרעג געטאָן.

— ניין, מיין זון משה, אַ חרם.
— אויף וועמען?
— טו אַ קוק — האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט.

און דאָ האָט משה מאַשבער מיט אַמאָל זיך דערזען עפּעס אין אַ גרויסער שול, וואו אַלע פֿאָלקס־פֿייערלעכקייטן קומען פֿאָר, סיי פֿריידיקע, און סיי ווען, חלילה, דער היפּוך... זיך אַליין זעט ער שטיין אין אַ זייט, ווי אַ געשטראָפֿטער, פֿאַר וועמען דער פֿאַרזאַמלטער עולם וואָלט אויסגעטיילט אַ באַזונדער אָרט, כּדי דאָס, וואָס דאַרף אים געשען, זאָל קיינעם ניט אָנרירן, ניט שאַטן.

זיין טאַטן מיט נאָך איניקע אַזוינע חשובע, ווי דער טאַטע, זעט ער שטיין אויפֿן באַלעמער, ווי ערבֿ כּל־נדרי, ביי פֿיל אָנגעצינדענע ליכט און לאָמפּן אין שול... אַ גרויסער עולם איז פֿאַרזאַמלט אין גרויס־ערפֿורכטיקן שוויגן, מיט וועלכן מ׳וואַרט אויף עפּעס אַ פֿאַרשטייענדיקער געשעעניש... די שול, קעפּ און פּנימער פֿון עולם זיינען באַלויכטן פֿון פֿיל ליכט, וואָס קומט אַראָפּ פֿון די הענגליכטער פֿון דער סטעליע, פֿון ליכט אויפֿן עמוד און ליכט אויפֿן באַלעמער. דער פּרוכת איז פֿאַרנומען, די טירלעך פֿון אָרון־קודש שטייען אָפֿן און די ספֿר־תּורות קוקן און וואַרטן אויך אויף דעם, וואָס אַלע.

און מיט אַמאָל דערהערט זיך אַ קול פֿון אַ שופֿר, וואָס מאַכט אַלעמען אויפֿציטערן, און באַזונדער ציטערט אויף און דערוואַכט ער, משה, וואָס שטייט אָן איינזאַמער, אין אַ זייט אָפּגעזונדערט, און ער דערזעט דעם שופֿר צוגעשטעלט צום מויל ניט פֿון קיין אַנדערן, נאָר פֿון זיין טאַטן, וואָס גיט צו וויסן דער עדה וועגן זיין זון, וועלכן מ׳האָט אָן אָרט אויסגעטיילט.

אַ קללה — דערהערט זיך דערנאָך אַ קול אויסרופֿן — די העכסטע פֿון די קללות, פֿון דער תּוכחה, פֿון יהושע בן נון און פֿון אַלע אַנדערע, אויפֿן קאָפּ פֿון דעם, וואָס געפֿינט זיך דאָ אָן אָפּגעזונדערטער און וואָס האָט באַטראָטן דעם וועג פֿון אָפּטריניקייט, פֿון שאַנד און פֿעלשונג.

— פֿאַרשאָלטן זאָל ער זיין! — האָט דאָס קול אויסגערופֿן — אין שטיין און אין גיין, אין שטוב און אין דרויסן, אין שטאָט און אין פֿעלד אאַז״וו, אאַז״וו.

— פֿאַרשאָלטן — זאָגט נאָך דער גאַנצער עולם שטיל און אָפּגעהיט יעדער וואָרט פֿון שעלטער.

און דאָ הויבט משה מאַשבער אויף די אויגן און ער דערזעט און דערקענט פֿיל פֿון די אָרעמע בעלי־חובֿות, ביי וועלכע ער האָט זיך אָנגעליען און וואָס פֿלעגן די לעצטע צייט, זיין קאַנטאָר באַלאַגערן און זיך צו אים ווענדן מיט תּחנונים, און וואָס דאָס לעצטע מאָל, ווען מ׳איז אים שטאַרק צוגעטראָטן, האָט ער זיך דורך אַ הינטער־טיר אויסגעדרייט, איז אַוועק אַהיים און דער עולם האָט אים נאָכגעיאָגט און האָט אין זיין עס־צימער פֿיל געליאַ־

רעמט און דערנאָך האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס צימער, פון אַ גויישער האַנט אַרויסגעטריבן.

— יאָ — האָט משה מאַשבער, שטייענדיק ביי דער זייט־אָפּגעזונדערט, גענומען אויף זיך די קללה, אונטער וועלכער ער איז איצט געשטאַנען, ווי אונטער אַ האָגל, געבויגן, פאַרשעמט און געשטראָפט אי פון גאַנצן עולם און אויך פון זיין טאַטן, וואָס שטייט אויפן באַלעמער צווישן אַזוינע ווי ער, און מוז מיט די אייגענע ליפּן די אַלגעמיינע שעלטונג אונטערהאַלטן און נאָכזאָגן — ווי צום בזיון. משה מאַשבער נעמט אויף זיך דאָס אַלץ, באַרעכטיקט און בעט דעם טויט אויף זיך...

און מיט אַמאָל פאַרשווינדט דאָס בילד: די שול, דער עמוד, דער באַלע־מער און דער גאַנצער עולם, וואָס האָט זיך דאָרט פאַרזאַמלט, און ס'בלייבן נאָר ער און זיין טאַטע, איינע אַליין, איינער לעבן אַנדערן, און דער טאַטע (פאַרט אַ טאַטע), קומט אים אַנטקעגן מיט דעם, מיט וואָס מ'קאָן נאָר אַנט־קעגנקומען אַן איינעם, וואָס איז גרייט אויף וואָס ער, משה, איז — אויף אַלץ. ער קומט צו אים צו, אַלץ אין זעלבן קיטל אָנגעטאָן, און ער באַווייזט אים די גרויס, די ברייט פון קיטל, אַז ער איז געניגנד, הייסט עס, אַז אויך ער, משה, זאָל זיך אין אים איינהילן און מיטגענומען ווערן אַהין, פון וואַנען דער טאַטע איז אַהערגעקומען — אַ שוכן עפּר פון יענער וועלט... משה מאַשבער איז שוין גרייט באַלד צוצופאַלן צום פאָטער און זיך לאָזן אַהין, וואו דער פאָטער באַגערט אים מיטצונעמען...

אָבער דאָ טוט ער זיך אַ כאַפּ אויף און דערזעט זיך ליגן ביינאַכט, ביי דער שוואַכער קאַניצל־שיין, אויף דער נאַרע, ביי דער זייט פון גרוי־געקליידטע אַרעסטאַנטן אין אַנטאָן, וואָס האָבן זייערע אַרעסטאַנטישע שינעלן איבער זייערע קעפּ אַריבערגעצויגן. און אַזוי ווי ער האָט ביי זיך אָקאָרשט גע־פּועלט צו מאַכן אַ שפּאַן פון איין וועלט אין דער צווייטער, אַרט אים שוין דערום ניט דער צוריק־קער אַהער, צו דער האַרבערווירקלעכקייט, וועלכע ער האָט איצט דערזען ביי דער שוואַכער קאַניצל־שיין.

ער איז נאָכן דערוואַכן לאַנג ליגן געבליבן מיט אָפענע אויגן. ס'איז נאָך געווען פרי, נישט שפּעטער, ווי האַלבע נאַכט, און משה מאַשבער האָט זיך אין האַלבן דרעמל דעמאָלט, איבערגעטראַגן אין שטאָט, וואו ס'האָט אים געדאַכט, אַז ער שטייט און הערט זיך איין, וואָס מ'רעדט צווישן באַזונדערע רעדלעך אין מאַרק, וואו אייניקע באַדויערן אים און אַנדערע, פאַרקערט, טענהן, אַז ער האָט פאַרדינט, אַז ס'איז רעכט אַזוי און אַ מיצווה אויף אים.

ער האָט דערנאָך געדאַנקלעך זיך דערקליבן צו זיך אַהיים, וואו ס'האָט אים ווידער געדאַכט, אַז ער בלאָנקעט צוערשט אום אין זיין פּוסטלעך־ביינאַכטיקן הויף, ווי אַן אומבאַקאַנטער, קומט אונטער די טירן און האָט

ניט דעם מוט זײַנע אײגענע שוועלן אַריבערטרעטן; דערנאָך, אַז ער באַשליסט זיך און קומט לסוף אין שטוב אַרײַן, דאַכט אים ווידער, אַז ער שפּאַנט אום, ווי בגנבה, מיט שטילע טריט פֿון צימער צו צימער... צוערשט קוקט ער זיך אײַן אין די אײניקלעך, ווי זײ שלאָפֿן; דערנאָך קומט ער אין זײַן טאָכטער יהודיתעס צימער און זעט, אַז זי שלאָפֿט ניט און אַז די קישן איז איר נאַס פֿון טרערן, וואָס הערן ניט אויף שטיל אַראָפּרינען און קאַפּען, און לסוף, אַז ער קומט אַרײַן צו זיך אין צימער, זעט ער, ווי זײַן בעט איז פֿאַרבעט און קײנער פֿאַרנעמט עס ניט, און אין אַנטקעגנאיבערדיקן ליגט גיטעלע, זײַן ווײַב, אָבער זע — עפּעס משונה, נישט זי שלאָפֿט, נישט זי וואַכט, נאָר קוקט מיט גלעזערנע אויגן אין אײן פּונקט פֿאַרגליווערט און דערוועקט עפּעס אַ פּחד מיט איר פֿאַרגליווערטקײט. ער דערשרעקט זיך און באַלד איז אים גרײט אַ געשרײ פֿון גאָרגל אַרויסקומען, ווי גלײַך ער וואָלט באמת זײַן אינדערהײם און וואָלטווירקלעך דערזען גיטעלען עפּעס פֿאַראומגליקט. ער האָט זי דערזען אַזוי נאָענט, אַזוי וואָר, אַז ווי ער האָט ניט געוואוסט, וואָס אין זײַן הײם איז הײַנט פֿאָרגעקומען נאָך דעם, ווי ער האָט זיך שוין פֿון געריכט ניט אומגעקערט, האָט ער דאָך דערפֿילט, אַז עפּעס ענלעכעס צו דעם, וואָס ער זעט איצט, האָט געוויס דאָרט געטראָפֿן און ס'האָט זיך אים ווידער געוואָלט פֿון גאָרגל אַ געשרײ אַרויסלאָזן, ווי ווען מ'רופֿט צו הילף אין אַן עת־צרה.

אָבער דאָ האָט ער זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן און זיך דערמאָנט, וואו ער געפֿינט זיך: אַז ניט אינדערהײם, אַז ווײַט פֿון שטאָט, אין טורמע, בײַנאַכט, צוזאַמען מיט אַרעסטאַנטן אויף דער גלאַט־אָפּגעפּאָלירטער גליטשיקער נאָרע — און אַז וואָס ווערט אים העלפֿן דאָס שרײַען...

ער האָט שוין אַזוי, די גאַנצע נאַכט ליגנדיק, מיט קײן אויג ניט צוגעמאַכט, און פֿאַרטאָג, ווען אַלע אַרעסטאַנטן זײַנען נאָך געשלאָפֿן און ווען דער שוואַכער אָנהײב טאָג האָט דורכן הויכן פֿאַרגראַטעטן פֿענצטער מיט די ערשטע סימנים בלאַסקײט אַרײַנגעקוקט, האָט מען געקאָנט זען, ווי משה מאַשבער איז, אָין טלית און תּפֿילין אָנגעטאָן, מיטן פּנים צום פֿענצטער געווענדט געשטאַנען. דער טלית איבערן קאָפּ האָט געמאַכט אָנזען זײַן שאַרף־קאַנטיקן „של־ראש", ווי עפּעס אַ מין משונהדיקע שישקע. ער איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט פֿון דאַווענען, ווי בעת אַ לאַנגער שמונה־עשרה — רואיק, שטיל און מיט קײן אבר ניט גערירט. און ווען אײנער אַן אַרעסטאַנט, וואָס האָט זיך גראָד דעמאָלט אין שלאָף דורכגעוואָרפֿן, האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און געוואָלט זען, ווי שפּעט ס'איז, און האָט דערזען משה מאַשבערן אין זײַן פֿרימאָרגנדיקן פֿרעמד־ייִדישלעכן פּוץ, אַזוי האָט ער זיך מיט אַמאָל ווילד דערשראָקן, נישט וויסנדיק, וואָס ער זעט פֿאַר זיך, צו אַ לעבע־

דיקן מענטשן, צי אפשר אַ געשפּענסט, וואָס האָט ניט באַוויזן אין שלאָף און אין חלום אים פאַרשווינדן.

*

און שוין. און דאָ לאָזן מיר איבער משה מאַשבערן אין טורמע אויף אַ צייט, ביז מיר וועלן אים שפּעטער צוריק אַהיימברענגען אָן אונטערגעריסענעם און שוין כמעט נישט ער.

— ווייל יאָ — פאַרלויפן מיר דאָ אויף פריער — כאָטש אַ דאַנק געוויסע השתדלותן פון זיינע אייגענע און אויך אַפילו פון זיינע בייזע בעלי־חובות, וועלכע האָבן, סוף־כל־סוף, זיך אַרומגעקוקט און זיך דערמאָנט וואָס זיי האָבן דאָ אָפּגעטאָן און וועמען זיי האָבן אין וואָסערע הענט איבערגעגעבן;

— כאָטש, זאָגן מיר, אַ דאַנק אָט די השתדלותן האָט מען זיך דערשלאָגן ביי וועמען מען דאַרף, מ׳זאָל אים, משהן, אויסטיילן צום בעסערן פון אַנדערע אַרעסטאַנטן און מ׳זאָל אים פאַרגרינגערן כאָטש דערמיט, למשל, וואָס מ׳זאָל אים נישט נעמען אויף שוואַרץ־אַרבעט אין שטאָט ווי אַלע אַנדערע, כדי מ׳זאָל אים ניט זען אין בזיון און אין די אַרעסטאַנטישע קליידער; כאָטש מ׳האָט אויך געפּועלט, מ׳זאָל אים צולאָזן שבת־יום־טוב די געהעריקע יידישע שפּייז, ווי דער דין און מינהג פאָדערט; כאָטש מ׳האָט אויך ווידער געפּועלט, אַז ווען מ׳האָט דערהערט, אַז ער איז קראַנק געוואָרן — צי פון צער, צי פון טורמע־רעזשים — מ׳זאָל אים גלייך איבערפירן אין טורמע־שפּיטאָל, וואו ער וועט זיך געפינען אויף בעסערע דערנערונג און אונטערן אויפזיכט פון אַ דאָקטער, וועלכער וועט באַקומען גוט באַצאָלט פאַר גוטער באַציאונג — כאָטש דאָס אַלץ האָט מען געפּועלט, דאָך אָבער האָט דאָס ניט געניגט, מ׳זאָל אים זיין בראָך צוריק גאַנץ מאַכן און אַז ער זאָל אַליין שוין ניט האָבן ביי זיך געפּועלט, אַז בעסער איז אים זיך איבערפּעקלען אַהין, וואו דער פאָטער האָט אים פאַרגעלייגט, איידער צו בלייבן דאָ, נאָך אַלעם דעם, וואָס אים האָט לעצטנס געטראָפן.

## V

# לוזיס וואָג אין וואַקלונג

צוליב דערציילערישע טעמים קערן מיר זיך אום אַ ווײַלע אויף צוריק.
אַז לוזי איז אַפּגערופֿן געוואָרן, ווי מיר געדענקען, פֿון ר׳ דודיס הויז אין יענעם געוויסן אויפֿדערנאַכט צו זײַן ברודער משה מאַשבער, וואו ער האָט זײַן מסוכן קראַנקע טאָכטער מבקר־חולה געווען — איז נאָך דעם, ווי ער איז אַהיים געקומען און ס׳האָט זיך אים אַביסל אויסגענומען דער צער, וואָס ער האָט געהאַט אי אַליין פֿון דער קראַנקער, אי פֿון זײַן ברודער משה, ווי אויך פֿון אַלע זײַנע בני־בית — האָט ער ווידער דעמאָלט גענומען אויפֿן זינען ר׳ דודין מיט אַלעם דעם, וואָס איז אין יענעם אָוונט בײַ יענעם אין שטוב אים געשען.

ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט ר׳ דודיק, מיט אַלע זײַנע ווײַס־זײַבערע הערעלעך אין באָרד, מיט זײַנע קלוגלעכע, אַ ביסל צוגעזשמורעטע, אויגן, וואָס דרינגען אַרײַן אינעם צווייטן, נעמען אים דורך און ווילן אים צו זיך און צו זײַן ווילן געהאַרכזאַם מאַכן, ער האָט דערפֿילט אין דעם, צו ווען יענער בליק האָט געקערט, אי אַ גוואַלדיקן בן־תורה, אי אָבער אין דער אַרומרינגלונג און געשטיצט פֿון אַזוינע לײַט, ווי אַ יונה דער שענקער, ווען לוזי האָט אין יענעם אויפֿדערנאַכט אין ר׳ דודיס נאָענטקייט גוט באַמערקט, זײַן ראַל און ווען באַנומען, און באַזונדערס — זײַנע הענט, וואָס זײַנען אים באַשטענדיק פֿאַרלייגט אויף אַרונטער...

ער האָט דערפֿילט אין ר׳ דודין אײנעם פֿון די, פֿון וועלכע ער האָט לאַנג זיך אָפּגעקערעוועט מיט פֿאַרדראָס, דערפֿאַר, ווײַל ער האָט דערזען, ווי זיי האָבן זיך באַרוט און זאַט באַזעצט אינעם אויבנאָן פֿון וואָגן, אין וועלכן דאָס גרויסע פֿאָלק איז אײנגעשפּאַנט; ווי זיי שמאַטשקען מיט די ליפּן פֿון אָנטרייבערישער הנאה, און אין גרויס־אָנפֿירערישער זעלבסטצופֿרידנקייט גיבן זיי זיך קיין מאָל ניט די מי צו כאַפּן אַ קוק אויף די, וואָס ציען, גייען און האַלטן אויס דעם שפּאַן, צי זײַנען זיי בכוח דאָס צו טאָן...

ער האָט געזען אין אים אײנעם פֿון די, וואָס פֿאַרגעסן וואָס פֿאַר אַ מאָס משא דאַרף געגעבן ווערן דער שלעפּ־קראַפֿט, לויט אירע כוחות, ווײַל אויב מער און אַריבער דער מאָס, האַלט מען ניט אויס, ברעכט מען זיך אין

און מ׳פֿאַלט אַנידער; איינער פֿון די, וואָס האַלטן פֿון יקוב הדין את ההר, דאָס מיינט, אַז דער גערעכט אין ווערט איז היילינק נאָך דעריפֿאַר, ווייל ער איז געזעץ און נישט דערפֿאַר, ווייל ער ברענגט נוצן, און דערפֿאַר משפּטן זיי ניט דעם מענטשן לויט די אומשטענדן, וואָס האָבן אים געבראַכט צו דעם אָדער צו אַן אַנדער טאַט.

ווי אַט, ווי מיכל בוקיער, וועמען אַזאַ, ווי ר׳ דודי וואָלט דאָך לויט אַלע געזעצן, באַדאַרפֿט, פֿאַר אַלעמען, מיטפֿילן, פֿאַרשטיין און ניט אַרויס גלייך מיט דער רוט און נישט דן זיין צום שלעכטן דעם, אין וועמענס לאַגע מ׳איז ניט געווען, און מ׳ווייסט ניט, ווי וואָלט מען זיך אַליין באַגאַנגען און אויפֿגעפֿירט אויף יענעמס אָרט, אין יענעמס אומשטענדן. אַזאַ ווי ר׳ דודי, וואָלט דאָס, געוויס, געמעגט געדענקען, אַז ישראל אף על פּי שחטא, ישראל הוא, ד״ה אַז אַפֿילו אַ זינד־מענטש בלייבט דאָך מענטש, און אַז איידער מ׳גייט באַשטראָפֿן, דאַרף מען אַפֿריער אויפֿקלערן די סיבות פֿון דער שולד, און ניט גלייך אָפּשטויסן, און אָפּזאָגן דאָס לעבן אויף דער און אויף יענער וועלט.

אַט אַזוי האָט געטראַכט לוזי סיי דעמאָלט, אין יענעם אויפֿדערנאַכט, וועגן וועלכן מיר דערציילן דאָ, סיי אויך יעדעס מאָל דערנאָך, ווען אַט דער געדאַנק וועגן דער מעשה מיכל איז אים אויפֿגעקומען, און יעדעס מאָל אין דער באַגלייטונג פֿון ר׳ דודיס קליין און גרוי געשטאַלט, וואָס האָט זיך אים פֿון די אויגן ניט אָפּגעטאָן, גלייך ס׳וואָלט געשטאַנען און געוואַרט, אַז ער, לוזי, וואָס האָט מיט אים דעם שטרייט וועגן מיכלען אָנגעהויבן, זאָל דעם זעלבן מיט אים ווייטער פֿאַרזעצן, ניט האַלטנדיק אים פֿאַר געענדיקט.

דערצו נאָך האָט שפּעטער אַ שטיקל צייט געטראָפֿן אַ זאַך, וואָס האָט לוזין נאָך מער אויפֿגערודערט און אויפֿגעבראַכט — און ווידער טאַקע מיטן זעלבן מיכל, וואָס איז פּלוצים פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן, און סרולי האָט אים איין מאָל, אין מיטן אַ בייטאָג, שוין אַ קראַנקן, צו לוזין אין שטוב אַריינ־געבראַכט.

וואָס הייסט ?

אַט: ס׳האָט זיך איין מאָל אין מיטן בייטאָג די טיר צו לוזין אין שטוב געעפֿנט און אויף דער שוועל האָבן זיך צוויי מענטשן באַוויזן: צוערשט סרולי, און הינטער אים, אַ צווייטער, וועלכן סרולי האָט פֿאַר אַ האַנט גע־פֿירט און ווי אַ בישט־גערן־גייענדיקן נאָך זיך נאָכגעצויגן.

דאָס איז געווען מיכל בוקיער, וואָס זיין רעכטער האַלבער קערפּער האָט זיך אים עפּעס אימפּעטיק פֿאַרויס געדרוקט, און דער צווייטער, דער לינקער, האָט ווי אַ פֿרעמד געדונגענער, זיך אים שווער נאָכגעשלעפּט. ער האָט, אַריינקומענדיק נאָך סרולין, זיך געטרייסלט און עפּעס געליימטלעך אונ־טערגעטענצלט, און דערביי האָט זיין האַלב פּנים, דאָס רעכטע, שטראַלנדיק־

פֿריילעך אויסגעזען און תּמעוואַטע־זיס געשמייכלט, און די צווייטע האַלב־טויט, הילצערן און פֿאַרגליווערט.

און אָט אַזאַ האָט אים סרולי, צו לוזיס טיש און צו פּאָר זיין נאָענטקייט צוגעפֿירט, ווי אים פֿאַרגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן דערביי:

— אָט וואָס מען האָט פֿון אים געמאַכט!

— ווער? וואָס? — האָט לוזי פֿון אומגעריכטקייט אַ פֿרעג געטאָן מיט וואונדער.

— די פֿיינע שטאָט, און די געוויסע באַלמעלאָכעס מיט זייער גרויס קענטעניש אין דעם פֿאַך.

— האַ? לוזי... שלום... — האָט מיכל, שמייכלענדיק מיט זיין איין העלפֿט פּנים, פּלוצלים זיין רעכטע, לעבעדיקע האַנט צו לוזין אויסגעשטרעקט און מער האָט ער ניט געהאַט און ניט געקאָנט, ווי נאָר דאָס איינע וואָרט „שלום" — אַרויסברענגען.

לוזי האָט, קוקנדיק אויף אים, זיך דערפֿילט ווי געענגט און זיך אויך געשראָקן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון בענקל, אויף וועלכן ער איז געזעסן, און שוין נאָר ווי פֿון יוצא וועגן מיכלען דעם צוריק־שלום אָפּגעגעבן; און זעענדיק, אַז ביי אים אַליין, וועגן אים אַליין, עפּעס געוואויר ווערן און זיך דערוויסן איז שוין אַרויסגעוואָרפֿן און ניט שייך, האָט ער דערום באַלד זיין בליק פֿון אים אָפּגעקערעוועט, און גלייך, ווי יענער וואָלט גאָרניט געווען דערביי און ווי ניט וועגן אים, מיכלען, וואָלטן די רייד געגאַנגען, האָט ער זיך צו סרולין געווענדט און ביי יענעם זיך גענומען דערפֿרעגן:

— וואָס הייסט? וואָס איז געשען?

אויך סרולי האָט קיין גענויע דערקלערונג ניט געקאָנט געבן און מער קלאָרער צו ענטפֿערן נישט געוואוסט, ווי נאָר דאָס, אַז מיכל איז, ווי לוזי זעט, שוין אויס מיכל: אַז ער איז אי קערפּערלעך געבראָכן, אי אַ גייס־טיקער קאַליקע, און אַז אַקאָרשט נאָר וואָס האָט ער אים באַגעגנט, געפֿירט פֿון זיין ווייגענדיק ווייב, ווען יענע איז מיט אים איבער די הייזער פֿון זיינע אַמאָליקע באַלעבאָטים אומגעגאַנגען, אים צו באַווייזן און אויף אים רחמנות צו דערוועקן...

— און נאָך ווייסט ער — האָט דאָ סרולי צוגעגעבן — אַז דאָס האָט ער צו פֿאַרדאַנקען דעם שטרייט מיט דער שטאָט, וואָס האָט אים, צו זיין איצ־טיקער לאַגע געבראַכט און וואָס, זיכער, וועט אים נאָך ווייטער מער ברענ־גען... ער מיינט, אַז ער וועט שוין לאַנג ניט ציען, מיכל.

ווירקלעך, סרולי האָט דאָ, וואָס געהער מיכלס קרענק, רעכט געהאַט, און אָט ווי אַזוי ס'איז פֿאַרגעקומען:

נאָך דעם, ווי ביי מיכלען, זיינען די קינדער אַוועקגעשטאָרבן; נאָך דעם, ווי מ'האָט אים דאָס חדר אַוועקגענומען, לאָזנדיק אים אָן גאָרנישט

און נאָר מיט אַן אונטערגעריסענעם נאָמען, ווי אַזאַ, וועמען מע קאָן שוין גאָרנישט ניט פאַרטרויען, אַפילו ניט קיין שטעלע פון אַן אָרעמען אונטער־שמש אין אַ מינדסט אָרעם שולכל, אויף וועלכער ער האָט זיך געבעטן און האָט באַקומען אָפּגעזאָגט — איז מיכלען מער ניט געבליבן, ווי צוערשט באַרגן, לייען, וואו נאָר ס'האָט זיך געלאָזט, אויף הונגעריקן אויסהאַלט פאַר ווייב און קינדער; און דערנאָך, אַז אַלע ערטער, אַוואו ווייטער צו נעמען האָבן זיך אים אויסגענומען, און די הרובע ניט געהייצט, דער אויוון אויך נישט, ווייל קאָכן, באַקן איז שוין ניט געווען וואָס און מיט וואָס — איז ווידער דאָס לעצטע איינציקע, וואָס איז אים געבליבן, געווען דאָס, וואָס ער האָט, וואו ניט וואו, ביי אַ קלייטניק אָדער ביי אַ שכן, געקראָגן אַ שפּאָר ביסל נאַפט אויף דעם דרייער לאָמפּ אָנצוצינדן, כדי, אַז ווען אַלע זיינע שטוב־אייגענע וועלן, נישט געגעסענע און נישט געטרונקענע, ווי ער אַליין, אויף די קאַלטע געלעגערס אויף נאַכט זיך אַוועקלייגן — זאָל ער, מיכל, ביים לאָמפּ בלייבן זיצן און פאַרזעצן מיט גרויס פלייס און איבערגעגעבנ־קייט דאָס, וואָס ער האָט פון לאַנג שוין אָנגעהויבן: זיין ספר צו שרייבן, יענעם, וואו ער האָט זיך הויך און שאַרף געהאַט צו קריגן מיטן רמב"ם, אים זיינע דעות אָפּפרעגן, און ווי ער האָט געהאַפט, אַז פון דער אַרויס־געקראָגענער, ביי־אויפגעדעקטער דעה וועט זיך אַ גרויסע שיין באַווייזן, וועלכע וועט פיל אויגן פון פאַרבלענדעניש באַפרייען.

איז אָט, ווי מיכל איז דעמאָלט, אין איינעם אַן אויפדערנאַכט ביי זיין לעמפּל געזעסן, שטאַרק פאַרטיפט אין אַ שווער־פאַרדרייטן רמב"ם־ענין און משכיל, מושכל און שכל,[1] וועלכער איז אַפילו פאַר אַ מענטשן מיט אַ לויטערן קאָפּ אויך שווער דורכצוקריכן, אי מחמת דער שאַרפקייט פונעם ענין און אי אויך מחמת דער שטאַרק געקירצטער און אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, אויף וועלכער יענער ענין ווערט דערלאַנגט און אויסגעלייגט: און בפרט נאָך פאַר אַזאַ, ווי אַ מיכל, וואָס איז געווען גוואַלדיק אויסגעמאַרעט פון פיל דאגות און דערצו נאָך פון גאָר ווייניק שפּייז, וועלכע ער האָט די לעצטע צייט געקראָגן — איז אָט, ווי ער איז פאַרטיפט געווען, אַזוי האָט אים פּלוצ־לים, דער געדאַנק, ביי וועלכן ער האָט געהאַלטן, מיט אַ טראַסק זיך צע־שפּאָלטן, גלייך עפּעס אַ גלעזערנע כלי וואָלט אים מיט אַמאָל אין מוח אויפ־געפּלאַצט... ס'איז אים מיט אַמאָל אי עפּעס גוואַלדיק ליכטיק, אי שטאַרק פינצטער געוואָרן. ער האָט אויך מיטאַמאָל איין האַלבן קערפּער אויפגעע־הערט פילן... ס'האָט אים פון יענער זייט מויל די סלינע אַ גיי געטאָן, און ווען דאָס ווייב, אָדער אַן אַנדערער ווער, וואָלט זיך דעמאָלט אויפגעכאַפּט

[1] משכיל — דער וואָס דענקט. מושכל — דאָס, וועגן וואָס מ'דענקט, שכל — אַליין דאָס דענקען.

און אויף אים אַ קוק געגעבן, אַזוי וואָלט מען געזען, ווי נאָך דעם, ווי די סלינע איז אים איבערגעגאַנגען, איז ער אויף זיין אָרט אַן אויסגעלאָשענער זיצן געבליבן: איין העלפֿט פּנים האָט אים אויפֿגעלעבט און גולמיש־זיסלעך געשמייכלט, און די צווייטע העלפֿט — טויט, אָפּגעשטאָרבן און ווי אַ קאַלט־פֿאַרשטאַרטע רעטעניש. און ווייטער, ווען ער, מיכל, וואָלט זיך דעמאָלט אַליין, אָדער מיט דער הילף פֿון עמעצן אַן אַנדערן, פֿון זיין אָרט אויפֿגעהויבן, אַזוי וואָלט מען אים דערזען שוין אַ פּאַרטיקן און מיט אַלע יענע קרענקלעכע סימנים באַשאַנקען, מיט וועלכע מיר האָבן אים נאָר וואָס, מיט סרולין צו לוזין אין שטוב אַריינגייענדיק, געטראָפֿן.

— ווי — האָט לוזי, ווי נאָר ער האָט אַרויסבאַקומען די ערשטע ידיעה פֿון סרולין וועגן מיכלען, אַ זאָג געטאָן, און האָט, זיך אויסדרייענדיק, מיט מיטלייד אַ קוק געטאָן אויף יענעם.

— ווי צו ווּעמען — האָט סרולי אַ פֿרעג געטאָן, קוקנדיק אויף לוזין אי צופֿרידן פֿון דעם געהערטן, אי אויך מיט עטוואָס שפּאָט, וועלכער האָט באַטייט, אַז דאָס, צו וואָס לוזי האָט זיך אַזוי שפּעט דערטראַכט, איז שוין לאַנג, לאַנג צייט געווען דערצו צו קומען.

— ווי צו די, וועלכע סרולי האָט אָקאָרשט דערמאָנט און ביים נאָמען אָנגערופֿן — האָט לוזי געענטפֿערט.

— מהיכי־תיתי — האָט סרולי קורץ און קאַלט אַ זאָג געטאָן, ווי ניט וועלנדיק זיך לענגער פֿאַרהאַלטן, און ער האָט באַלד גענומען מער גענוי דערציילן פֿון מיכלען: פֿון ווי לאַנג ס'איז אים די זאַך געשען, און ווי אַזוי ער האָט היינט צופֿעליק אין שטאָט אויף מיכלס ווייב צוזאַמען מיט מיכלען זיך אָנגעשלאָגן, ווי זי האָט אים פֿאַר אַ האַנט געפֿירט און, פֿירנדיק, געוויינט, און ווי אַזוי ער, סרולי, האָט איר די הענט איבערגענומען, בלייבנדיק אַליין מיט מיכלען, און ווי ער האָט מיט אים גענומען איבער באַקאַנטע און אומ־באַקאַנטע הייזער אומצוגיין און פֿאַר אים זאַמלען, קלויבן, וואָס ס'לאָזט זיך.

דערביי, דאָס דערציילנדיק, האָט סרולי אויף מיכלען, וועלכער איז דער־ביי געשטאַנען, קיין מינדסטע אַכט ניט געלייגט, גלייך יענער הערט ניט, אָדער איז ניט פֿעאיק צו באַנעמען דאָס געהערטע.

ווייל ווירקלעך: די גאַנצע צייט, זינט מיכל איז אַהער אין שטוב אַריין, זינט ער האָט לוזין דעם געוויסן „שלום" אָפּגעשטעקט, ביז איצט, ווען סרולי האָט וועגן אים דעם קראַנקן־באַריכט אָפּגעגעבן — איז ער געשטאַנען, ווי אַ פֿרעמדער, אַ זייטיקער, גלייך ניט אים מיינט מען, און די גאַנצע צייט האָט ער שטיל נאָר אונטערגעטענצלט און אויף זיין רעכטן האַלבן פּנים האָט אים פֿון רעכטן אויג נאָר דער גולמישער שמייכל אַראָפּגעטריפֿט.

לוזי האָט, פֿאַרשטענדלעך, נאָך דעם ווי ער האָט אַלץ אויסגעהערט פֿון סרולין, געטאָן וואָס מ׳טוט אין אַזוינע פֿאַלן: געגעבן און זיך אונטערגעגומען, אַז פֿון היינט און ווייטער זאָל ער יענעם פֿון אויג ניט אַרויסלאָזן.

שפּעטער אַביסל האָט סרולי מיכלען פֿאַר דער זעלבער האַנט, פֿאַר וועלכער ער האָט אים מיטגעצויגן, אַריינקומענדיק צו לוזין, איצט ווידער אַנגענומען און אים אַרויסגעפֿירט פֿון דאָרט.

אַגב: סרולי האָט שוין נאָך דעם איצטיקן מאָל ברענגען מיכלען צו לוזין אין שטוב, פֿיל אַנדערע מאָלן אויך אין אַנדערע הייזער אים געבראַכט.

מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, זעענדיק, ווי אַזוי סרולי שפּאַנט מיט אים פֿון הויז צו הויז, פֿון שוועל צו שוועל, האַלט אים אונטער, ריכט אים אויס זיינע קליידער, וועלכע מיכל האָט מחמת זיין קרענק אָפּט ניט פֿאַרשטאַנען צו האַלטן אין אָרדענונג — אַז אָדער ער איז אַ שטאַרק נאָענטער קרוב מיכלס, אַ ברודער, אָדער אַן אַנדער אייגענער, און אויב ניט קיין אייגענער, איז האָט ער זיך דאָס פֿאַר אַ פּרנסה געמאַכט — יענעם איבער די הייזער אַרומצופֿירן. אָבער ניין, סרולי האָט דאָס געטאָן ניט פֿון קרובהשאַפֿט, ווי אויך אַוודאי נישט צוליב פּרנסה, ווי נאָר, ווייזט אויס, צוליב דעם, ער זאָל אויסנוצן די מיכל־געלעגנהייט, כּדי ווען ניט ווען, צו קאָנען האָבן אַ געוויסן געשפּרעך מיט לוזין, אויף וועלכן ער האָט שוין לאַנג געוואַרט.

יאָ, און אין גיכן האָט זיך אים אַט די געלעגנהייט געמאַכט.

ער האָט שפּעטער אַ שטיקל צייט, ווען ער איז איין מאָל אַהיים געקומען פֿון שטאָט מיט מיכלען איבער די הייזער אומצוגיין — דערציילט, אַז, פֿאַרבייגייענדיק אין יענעם טאָג דורך ר׳ דודיס שטוב, האָט מיכל פּלוצים זיך פֿאַרהאַלטן און בשום אופֿן ניט געוואָלט אָפּטרעטן פֿון דאָרט — וואָס דאָס האָט באַטייט, אַז זיין באַגער איז, אַז ער, סרולי, זאָל אים, אָן שום תּירוץ, אַהין אַריינפֿירן. צו קיינע אַנדעו״ע הייזער פֿון זיינע פֿריערדיקע באַקאַנטע און באַלעבאַטים האָט ער קיין שום אינטערעס ניט אַרויסגעוויזן: יאָ־יאָ, ניט־ניט, און נאָר דאָ, צוקומענדיק צו ר׳ דודיס הויז, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, און אָן ווערטער, נאָר מיט אָן עקשנותדיקער מינע, זיין ווילן אויסגעדריקט: דווקא און אומבאַדינגט אַהין אַריינגעבראַכט ווערן.

סרולי האָט אים צוליב געטאָן. זיי זיינען אַריין און האָבן גראָד דעמאָלט געטראָפֿן ר׳ דודין ביי אַ רבנישן ענין — ביי אַ שאלה פּסקענען אָדער ביי עפּעס אַ שמועס, ווען ר׳ דודי איז, ווי זיין שטייגער, געזעסן אויבנאָן און איניקע מקורבים אַרום אים.

און אָט, ווי זיי האָבן די שוועל פֿון ר׳ דודיס צימער אַריבערגעטראָטן, אַזוי האָט מיכל זיך שטום אַ ריס געטאָן פֿון סרולים האַנט, וועלכע האָט אים די גאַנצע צייט געהאַלטן, און אַ גיי געבנדיק צו ר׳ דודיס אויבנאָן, האָט ער זיך אַזאַ שטעל געטאָן, ווי גלייך איינער, וואָס דאַרף אָט באַלד אַ שאַרף

וואָרט זאָגן אָדער אַ גאַנצע רעדע אָפּהאַלטן. פון מויל זיינען אים עפּעס טויבלעך־אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען אַרויסגעקומען, אין פּנים האָט זיך אים רויטס געוויזן, און אין גאַנצן ער — עפּעס אומגעוויינלעך אַנגעשטרענגט... אָבער מחמת מאַנגל אין געדאַנק, און נאָך מערער, מחמת מאַנגל אין מעגלעכקייטן אויסצודריקן דעם געדאַנק, האָט ער זיך פאַרהאַקט, אַ שטראָמל סלינע האָט אים — פון אומבאַהאָלפּענעם כעס, אַפּנים — פון זיין מויל אַ גיי געטאָן, און אַזוי ווי ער האָט פריער מיט גולמישן אימפּעט צו ר׳ דודיס טיש זיך אַ לאָז געטאָן, אַזוי האָט ער זיך דערנאָך, מיטן זעלבן אימפּעט, פון אים אַ דריי אָפּ געטאָן. ער האָט סרולין פאַר אַ האַנט אָנגענומען, און פונקט ווי פריער האָט סרולי אים פון שטוב אָפּגעצויגן, נישט וועלנדיק אַהין אַריין, אַזוי האָט ער איצט סרולין פון שטוב אַרויסגעצויגן, וועלנדיק וואָס גיכער אַרויס פון דאָרט.

— יאָ — האָט סרולי, דאָס דערציילנדיק, צוגעגעבן — מיכל האָט, ווייזט אויס, ר׳ דודיס שטוב פאַרגעדענקט, זיין אויבנאָן ביים טיש, וואו די מעשה מיטן טלית איז אים געשען, און דאָס האָט אים געשטויסן אויף אַ שטומען אופן זיין אויפגעבראַכטקייט אַרויסצוברענגען.

ר׳ דודי — האָט סרולי ווייטער צוגעגעבן — האָט, קוקנדיק אויף מיכלען, קיין וואָרט ניט געזאָגט. ער האָט, מעגלעך, יאָ עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר אַז ער האָט דערזען מיכלס צוגאַנג און אָפּגאַנג פון טיש און דעם גאַנצן קרענקלעכן באַנעם זיינעם, האָט אים ווי דאָס לשון אָפּגענומען. דערצו נאָך האָט זיך מיכל, ווי נאָר ער האָט זיך פון טיש אָפּגעדרייט, שטאַרק געאיילט און סרולין פאַרן האַנט אַוועקגעפירט, אַזוי אַז ר׳ דודי האָט אַפילו, ווען ער וואָלט געוואָלט, שוין ניט באַוויזן צו זאָגן, דערפאַר אָבער האָט ער, סרולי, אַ געצויגענער און מיטגעשלעפּטער פון מיכלען, יאָ באַוויזן, און שוין שטייענדיק לעבן דער טיר, האָט ער אַ זאָג געטאָן, אויף מיכלען אָנווייזנדיק:

— רימט זיך, ר׳ דודי, און נעמט זיך איבער מיט דער מלאָכה, וואָס איז אייך געראָטן.

— יאָ — האָט זיך ביי לוזין אַרויסגעריסן ווי אַ הסכּמה צו סרוליס לעצטע ווערטער.

— ניין — האָט דאָ סרולי אַ זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט אָפּגעשטויסן און נישט געוואָלט לוזיס אונטערהאַלטונג — ס׳ניט נאָר ר׳ דודיס שולד, נאָר אויך פון אַלע די, וואָס העלפן, אַזוי אָדער אַנדערש, אַז אַזאַ מלאָכה זאָל גאָר מעגלעך זיין.

— וואָס מיינט ער? — האָט לוזי אַ פרעג געטאָן.

— ער מיינט, אַז מיט אַ צוויזייטיק מעסער, אויב מ׳קוילעט מיט איין זייט, אָדער מיט דער צווייטער, איז אַלץ איינס, אַבי געקוילעט.

— ער פאַרשטייט ניט, וואָס ער רעדט.

ניט? איז אַט: אויב לוזי מיינט, אַז ער אַליין האָט קיין חלק און קיין האַנט ניט אין דעם, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער אַ טעות.

— וואָסער חלק און וואָסער האַנט? וואָס רעדט דער מענטש?

— יאָ, אויב לוזי מיינט, אַז דערמיט, וואָס ער שטייט ניט אין סאַמע מיט יריד פון גרויסן גאַטס־האַנדל, דערמיט, וואָס ער שטייט, כּלומרשט, אין אַ זייט און רופט ניט איבעריקס אויס אויף זיין סחורה, איז די סחורה מער טייער און דער האַנדל מער כּשר — האָט ער ווידער אַ טעות.

וואונדערלעך, ווי אַזוי סרולי איז דאָ דאָס ערשטע מאָל, זינט ער קען זיך מיט לוזין, מיט אַזוינע דיבורים און אין אַזאַ טאָן אַרויס. ער האָט זיך דאָך אַלע מאָל געהאַלטן אין אַ זייט, זיך נישט געמישט און צו אַלעם געהערטן און געזעענעם אין לוזיס אַרומרינגלונג כּמעט ווי קיין אינטערעס ניט אַרויסגעוויזן, גלייך ס׳איז ניט זיין זאַך און ס׳האָט צו אים קיין שייכות. און דאָ גאָר, מיטאַמאָל, האָט ער זיך גענומען יאָ מישן און אַרויסצוטרעטן אַפילו אַליין קעגן לוזין, צו וועמען ער האָט זיך באַצויגן מיט אַזאַ אַפּשיי...

לוזי האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, נישט פאַרשטייענדיק ניט זיין דרייסט, אי אויך ניט די סיבה, וועלכע האָט אים אויפגעריסן. און, פון דער צווייטער זייט, סרולי, ווי באַלד ער האָט שוין דאָס מויל געעפנט און זיך שוין דערלויבט מיטן ערשטן וואָרט אַרויס, אַזוי האָט ער שוין פאַרגעסן, פאַר וועמען ער שטייט און מיט וועמען ער דענקט דאָ אַ שטרייט צו פאַרפירן.

ער האָט צוערשט בלויז אַרויסגעזאָגט, וואָס געוואָלט, קורץ, פאַרשטעלט און אין דער פאָרם פון אַן אַלגעמיינער באַשולדיקונג, נאָר אַז לוזי האָט זיך גענומען דערפרעגן, וואוהין ער צילט און אים אויפגעפאָדערט, ער זאָל אָנרופן ביים נאָמען דאָס, וואָס ער מיינט מיטן געזאָגטן, האָט סרולי דעמאָלט זיך ווי אָנגעגורט און אין אָפענעם פעלד מיט אָפן געווער אַרויס.

ער האָט אויף לוזיס פראַגע: „וואָסער חלק, וואָסער האַנט?" גלייך אַ זאָג געטאָן: נו יאָ... וואָרעם וואָס איז דען דער חילוק צווישן לוזין און די, וואָס ער האַלט זיי פאַר קעגנער? וואָס איז פאַר אַן אונטערשייד צווישן לוזיס שיטה און אַרט גלויבן און די שיטות און גלויבנס־אַרטן פון אַנדערע, אויב דער עצם תּוך פון אַלערליי שיטות איז אַזאַ, וואָס פאָדערט ביי אַלע די, וועלכע האַלטן זיך אין דער זייעריקער, אַז אַלע אַנדערע זאָלן ביי זיי געגליכן זיין צו שטויב, אויף וועלכן מע מעג טרעטן?

— וואָס, ניין? — האָט סרולי, ניט וואַרטנדיק אויף קיינע דערווידערונגען, ווי זיך אַליין דערווידערט — אַוודאי קאָן מען, אים הערנדיק, לאַכן, און פרעגן: וואָס הייסט, וואָס איז עס פאַר אַ פאַרגלייך צווישן די, וואָס האָבן אויף זייער זייט דעם גרויסן רוב, וועלכער שטייט שטאָל און אייזן פאַר זיין דערוואַרבענער מאַכט און שטעלט זיך ניט אָפּ פון צו צווינגען די

אַנדערשדענקענדיקע מיט אַלערליי מיטלען צו זיי צושטיין, ביז אָנווענדן רדיפות, נגישות און אַלערליי רשעותן — און צווישן יענע, וואָס זײַנען קליין אין צאָל, נאָר שטאַרק אין איבערצייגונג, און וואָס מיינען אָבער קיינעם קיין מאָל ניט צו צווינגען און זיי ליב מאַכן דאָס, וואָס איז זיי ליב, מיט בייטשן און צו וועלן מיט כּוח אַרײַנטרײַבן זיי אַהין, וואוהין זיי איז געוואונטשן?

— אוי, ניין — ווערט דערויף ענטפערן ער, סרולי, — מע קאָן זיי, יענע, די דערווייל נאָך ניונקעלעך און כּלומרשטע לעמעלעך, וואָס קוקנדיק אויף זיי פֿון אַ זייט, קאָן זיך דאַכטן, אַז ווער־ווער, נאָר זיי וועלן קיין מאָל ניט פּעאיק זײַן אָנצופֿאַלן, איבערפֿאַלן און רודפֿן, מחמת דעם טעם פֿון רדיפֿה האָבן זיי דאָך אַליין אויף די אייגענע פּלייצעס געפֿילט, אָבער, ניין, דער חילוק צווישן די און יענע איז נאָר אין צאָל, אָבער ניט אין עצם, אין מער מאַכט אָדער ווייניקער, אָבער ניט אין אייגנשאַפֿט.

— ווייל אַ כּלל איז, אַז אויב מע זעט, אַז אַ וואָסער ניט איז גלויביקע שיטה ווייסט זיך ניט צום אויבנאָן, שטייט ביי אַ זייט און וויל כּלומרשט פֿון קהלס מאַכט ניט געניסן און פֿון איר הערשערישן קאָן גאָרניט ניט אַרײַנכאַפּן, וואָס דאָס הייסט, אַז זי איז ניט אַנגרייפֿעריש בפּועל — הייסט דאָס נאָך אָבער ניט, אַז פֿאַרבאָרגענערהייט, אַז שטיל פּאַרטאַיעט ערגעץ אין די פּיאַטעס, שטעקט ביי איר ניט די לוסט און פּעאיקייט צו יאָ — אַנגרייפֿערישקייט בכּוח, און אַז היינט־מאָרגן, ווען די ליאַדע מעגלעכקייט זאָל זיך איר מאַכן אַרײַנצוכאַפּן דאָס, וואָס אַנדערע האָבן פֿריער אַרײַנגעכאַפּט, זאָל זי ניט אַרויס מיטן זעלבן אימפּעט צו באַהערשן און צו באַצווינגען אַנדערע, פּונקט ווי אַנדערע האָבן פֿריער זי באַצוואונגען, באַהערשט און ביז דר׳ערד אַראָפּגעדריקט.

— אַזוי, למשל, אַז היינט איז ר׳ דודיס רבי מיט די ווייניקע די מאַכט־האָבער, און במילא די בעלי־עוולות, און מאָרגן, מעגלעך, אַנדערע, דאָס הייסט, די, וואָס היינט, ווי געזאָגט, זעען זיי אויס ווי לעמעלעך, אָבער וואָס ס׳איז ניט ערוב צו זיין, אַז מאָרגן זאָלן זיי אַליין קיין שאַרפֿע ציין נישט קריגן און רייס־נעגל צום פֿאַרצוקן.

— יאָ, ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן — האָט דאָ סרולי, קוקנדיק אויף לוזין האָרט און האָרב אַ זאָג געטאָן — אַז אַפֿילו אַזאַ, ווי ער, לוזי, מיט זיין דערווייל נאָך שוואַך ביסל מיטגייער וואָלט ניט אַרויס מיט דער העכסטער דראָפּ־מלאָכה, ווען זיי זאָלן אויסוואַקסן אין צאָל און אויף אַ פּאָר שטאָפּל מער מאַכט אַרויפֿשטייגן.

— ער? — האָט לוזי, צוריק אויף סרולין קוקנדיק, אָן ווערטער, בלויז מיט די אַקסל צוקנדיק, ווי אַ פֿרעג־געטאָן.

— יאָ, אויך ער!... ער חידושט זיך? — האָט סרולי פאַרגעזעצט.

— וואָס? וואָס איז דער מער מיט אים? און וואָס איז אין אים דאָס בטיחות אַזוי גרויס, האַלטנדיק זיך פאַר אַזאַ, ווי גלייך דאָס בייז קאָן צו אים נישט צושטיין, ווען אין דער אמתן נעכטיקט דאָס דאָך מיט אים אונטער איין באַלעק און שלאָפט, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן, אין איין בעט מיט אים צוזאַמען.

— וואָס? — האָט לוזי מיט ווידערווילן פון סרולים לעצטע ווערטער זיך גענומען אָפּשאָקלען און פון זיי, ווי זיין געהער באַזייטיקן.

— יאָ, — האָט סרולי זיך ניט אָפּגעשטעלט פון נאָך אַמאָל דאָס זעלבע איבערצוחזרן — אין איין בעט מיט אים צוזאַמען... אָבער — האָט ער באַלד זיך אַ כאַפּ געגעבן און צוריק אַ זאָג געטאָן — ניט דאָס איז ער אויסן, ווייל דאָס געהער דעם אויבנגעזאָגטן, איז דאָס דערווייל בלויז נאָר נביאות, וואָס ווער ס׳וויל מיט דעם מסכים זיין, קאָן ער, און ווער ניט — ניט און מעג דערווידערן. דערווייל זייגען די לוזי־לייט נאָך קליין אין צאָל און די בייטש איז ניט אין דער האַנט ביי זיי, און מעגלעך, אַז גאָט וועט זיי אויך אויסהיטן פון דער בייטש... אַזוי, אַז ריידן וועגן שפּעטער און וועגן דעם, וואָס קאָן אַמאָל נאָך טרעפן, וויל ער ניט, כאָטש ער אַליין איז פעסט באַגלויבט אין געזאָגטן... אָבער אויב לוזי מיינט, אַז שוין איצט אַפילו, איז זיין טייל שולד אין דעם ענין, וועגן וועלכן ס׳האַנדלט זיך דאָ און וועגן וועלכן ס׳קאָן זיך נאָך שפּעטער מער האַנדלען, וועגן מיכלען — אַ סך אַ קלענערע, ווי אַ ר׳ דודיס — האָט ער אַ טעות, און בכלל: ער האָט זיך קיין מאָל אין לוזיס זאַכן נישט געמישט, נאָר איצט, ווען ס׳איז צו רייד געקומען, זאָגט ער, אַז דאָס, וואָס לוזי באַגייט בנוגע אַלע די, וועלכע גייען אים נאָך, וואָס האַלטן זיך ביי זיינע פאַלעס אָנגעטשעפּעט, קוקן צו אים אַרויף און שלינגען מיט נחת די תורה־ווערטער פון זיין מויל, איז גענוי אַזוי צום פאַראורטיילן, ווי אַ איינעם, וואָס פאַרפירט בלינדע אין גרוב.

— ער מיינט דאָ די צווייטע זייט פון יענעם מעסער, וועגן וועלכן ער האָט פריער דערמאָנט, מיט וועלכן ער, לוזי, קוילעט.

— ווייל יאָ, צי זעט דען ניט אויס אַ מיכל, ווי אַ געקוילעטער פון אונטערן חלף אַנטלאָפן — און נישט נאָר פון ר׳ דודיס חלף, נאָר אויך פון לוזיס און אַפילו פון זיין אייגענעם, אונטער וועלכן ער האָט פרייווויליק זיין האַלדז געשטרעקט און זיך אַליין געשאָכטן?

— ווייל יאָ, ער וויל דאָ רעדן קלאָר: ווער איז דען אומשטאַנד אויסצושטיין יענע אויפגעהעצלטע פרומקייט, וואָס איז ווי אַ צרעת, וואָס אי זי בייסט זיך, אי זי מאַכט כלומרשט אָנגענעם דאָס בייסן, און וואָס באמת איז דאָס נישט מער, ווי אומפּליט, וואָס ווער ווען ס׳איז נאָך געטריי, דער דאַרף יענעם עצהן, פאַר אַלעמען, זיך זויבערן און זען פּטור ווערן אי פונעם בייסעכץ, אי פון דער מישטיינסגעזאָגטער הנאה דערפון.

— ער מישט זיך ניט און האָט קיין מאָל ניט געזאָגט, סרולי, אָבער צי זעט דען נישט לוזי, צו וואָס אָט די אַלע אָנגעפּירטע פֿון אים זיינען שוין דערבראַכט געוואָרן און וועלן שפּעטער נאָך מער דערבראַכט ווערן? צי איז דען ניט קלאָר, אַז צו אַנגסט און בראָך וועלן מוזן קומען אָט די אַלע זייניקע, וועלכע ברענגען זייערע אויסגעמאַטערטע און אויסגעדעוועטע קער־פּערס פֿאַר אַ קרבן, און וואָס אין הימל קומט פֿון זיי מער ניט אָן, ווי נאָר אַ שלעכט־שמעקנדיקער טשאַד און ריח...

און דאָ האָט סרולי זיך אַליין איבערגעריסן און גענומען מאָלן בילדער איינס ערגער פֿונעם אַנדערן, פֿונעם צרהדיקן אויסקומעניש פֿון די לוזי־לייט: ווי אַזוי ס׳זעען אויס די הייזער, אין וועלכע זיי וואוינען; ווי אַזוי — זייערע ווייבער און קינדער, וועלכע גייען אום פֿאַרכליאַנעט און ווי פֿליגן אין האַרבסט, ערב־מיתה, פֿאַרטשאַדעט — גאַנצע טעג, גאַנצע וואָכן, גאַנצע חדשים און יאָרן, נישט באַקומענדיק פֿון די מענער און פֿאָטערס אַפילו קיין שיבוש־ווערטיקע מטבעות, מיט וועלכע מ׳זאָל קאָנען ערגעץ אין אַ קראָם, אין אַ קלייט זיך ווייזן און כאָטש וואָס ניט איז פֿאַר זיי איינהאַנדלען.

— יאָ — האָט דאָ סרולי אַ זאָג געטאָן — צי ווייסט ער, לוזי, ווי מע פֿירירט דאָרט אָפּ אַ ווינטער, אין יענע מינים הייזער, וואו די ווענט זיינען אָנגעבויטעט און געדראָלן פֿון בעץ, שניי און ווילגאַטש, און וואו די פֿענצטער שטייען אָן שויבן, נאָר אָמאָל מיט ברעטלעך, אָמאָל מיט שמאַטעדיקע קי־שעלעך פֿאַרשטעקט; און ווי אַזוי אין אָט די הייזער זעען אויס די קינדער, ווען זיי דרייען זיך אַרום נאָך געזונטע, ובפֿרט ווען ניט, ווען קראַנק, און ווען ניט איין קינד, נאָר עטלעכע מיט אָמאָל לייגן זיך אַוועק, פֿאַלן איין און בלייבן ליגן אַלע אין איין בעט, אָן שום בעטגעוואַנט און צודעק, ווייל דאָס אַלץ איז שוין פֿון לאַנג, כמעט פֿון דער חתונה אָן, ביים פּראָצענטניק און וואָכערניק פֿאַרזעצט און ס׳איז קיין האָפֿענונג ניטאָ דאָס, ווען ניט איז, אויסצוקויפֿן און צוריק אויסלייזן.

— יאָ — האָט דאָ ווייטער סרולי אין גרויס היץ און אימפּעט צוגעגעבן — און דאָס אַלץ נאָר דערפֿאַר, ווייל די מענער פֿון יענע הייזער האָבן זייער לעצט ביסל כוח נישט זייער משפּחה געווידמעט, נאָר גאָר, כלומרשט, גאָט, וואָס אויב ער איז נאָר דאָ און קוקט אַראָפּ פֿון זיין הויכן געזעס אין הימל, דאַרף ער דאָך געוויס וויינען אָדער לאַכן פֿון אַזאַ ווידמונג, פֿון אַזוינע קרבנות און פֿון אַזאַ ליוב, וואָס קומט אַרויס (זאָל מען אים מוחל זיין), פֿון שלעכט־שמעקנדיקע מיילער, און בכלל פֿון אַזוינע, וואָס ס׳איז פֿון זיי ניט קיין חלב, ניט קיין שנויץ פֿאַר קיין גראָשנדיקן ליכטל אַרויסצו־קריגן.

— ווייל, וואָס פֿאַר אַ נוץ און גוטער תכלית קאָן דאָ זיין פֿון אַזוינע, וואָס פֿאַרברענגען גאַנצע טעג אין תפֿילות אין שול, און וואָס ווייניק איז

זיי דער טאָג דערצו, גיבן זיי נאָך אָפּ די נאַכט אויף צו פֿאַרברענגען ביי די מתים אויפֿן „פֿעלד", וואָס אַזוי ווי די מתים האָבן ניט פֿון זיי, אַזוי האָבן זיי ניט פֿון די מתים...

— און אויב מ'וועט אים זאָגן: גוט, אָבער ווער האָט דאָס די רעכט צו לערנען אַ צווייטן, וואָס ס'איז גוט אָדער שלעכט פֿאַר אים, ווען יעדערער איז אַ בעל־בחירה און אַ האַר אויף זיך, ווי אויף זיין גוף, אַזוי אויף זיין נשמה, אויסצואוויילן לויט זיין גוסט און געשמאַק, וואָס ער האַלט פֿאַר זיך אַליין פֿאַר זיסער און בעסער — ...קלאָרער גערעדט: ווער, ווייסט עס, קאָן זיך אונטערנעמען צו זיין אַ בעל־רחמנות אויף אַ צווייטן, אין אַזאַ פֿאַל, ווען דער צווייטער קאָן צוריק אָפּוואַרפֿן דעם רחמנות, זאָגנדיק אַז ניט אויף אים, אויפֿן צווייטן, איז רחמנות צו האָבן, נאָר פֿאַרקערט, אַליין גאָר אויף דעם בעל־רחמים — ווי אָט די לוזי־לייט, וואָס האַלטן געוויס, אַז זיי אַליין פֿילן אַלע טעמים אין דעם, וואָס אַנדערע טוען זיי דערפֿאַר באַדויערן.

— אויב מע וועט אים אַזוי זאָגן, וועט ער ענטפֿערן: אַוודאי איז יעדע־רער אַ בעל־בחירה און אַ האַר אויף זיך אויסצוקלויבן, וואָס אים געפֿעלט. אָבער ס'זיינען דאָך פֿאַראַן אויך קראַנקע „האַרן", ווי איינער אין אַ היציק שלאָפֿקייט אַמאָל, וועלכער וויל אין טומל פֿון בעט אַראָפּשפּרינגען און אין וואָס פֿאַר אַ וועטער ס'זאָל ניט זיין, אין הוילן וועש, אין דרויסן אַרויס. דער חוב אָבער פֿון די, וואָס וואַכן אַרום אַזוינעם, איז אים אָפּצוהאַלטן, ווייל ער אַליין איז ניט פֿעיִק צו באַנעמען די סכּנה, וואָס דראָעט אים.

— נו, און ווער איז, אין דעם פֿאַל, מער מחויב זיי, די קראַנקע, נישט צו דערלאָזן איינצושטעלן און פֿאַרלירן דאָס, וואָס זיי האָבן קיין רעכט נישט — אויב נישט, ער, לוזי, דער, וואָס יענע האַלטן זיך אין אים אַזוי שטאַרק, און וואָס ער ווערט פֿון זיי אַזוי געשעצט און ערלעך געהאַלטן, אַז ער איז בכּוח זיי צו ווענדן אין וואָס פֿאַר אַ ריכטונג זיין ווילן וואָלט נאָר ווען.

— איז פֿאַרוואָס זאָגט ער ניט, פֿאַרוואָס האַלט ער ניט אָפּ פֿון פֿאַר־דאַרבונג, וואָס איז קעגן גאָט און קעגן אַלע געגעבענע תּורהס, דאַכט זיך? האָט דאָ סרולי זיין לאַנגע רעדע פֿאַרענדיקט און, פֿאַרענדיקנדיק, האָט ער, נאַטירלעך, רעכט געהאַט צו וואַרטן אויף אַן ענטפֿער פֿון זיין צוהערער.

אָבער אומזיסט זיין וואַרטן: לוזי האָט געשוויגן... ווי ס'איז ניט אַנגע־נעם ניט צו ענטפֿערן אויף אַזוינע פֿראַגעס, וואָס ווער ס'זאָל ניט זיין דער, וואָס שטעלט זיי, און ווי ס'זאָל ניט זיין דיין באַציאונג צו יענעם, אָבער ווי באַלד זיי זיינען שוין פֿון יענעמס מויל אַרויסגעקומען און אין דער לופֿט זיך דערהערט, אַזוי ביסטו מחויב מיט וואָס ניט איז זיך אָפּשלאָגן — זאָל זיך מיט כּעס, מיט ביטול און גרינגשעצנדיק מיט־דער־האַנט־אַוועקמאַכן, אָבער אַ וואָסער ניט איז כאָטש וואָרט זאָגן דאַרפֿסטו!... און דאָך האָט לוזי ניט אַזוי געטאָן. פֿאַרוואָס? — צי דערפֿאַר, ווייל ער האָט געהאַלטן פֿאַר

פֿאַרבאָטן דאָס רעדן וועגן דעם בכלל; צי דערפֿאַר ווייל ער האָט סרוליץ געהאַלטן ניט פֿאַר זיין בעל־דין, ד״ה, פֿאַר אַזאַ, מיט וועמען מ׳זאָל קאָנען וועגן אַזוינע זאַכן האָבן אַ וויכוח.

דעם אמת זאָגנדיק, האָט סרולי, ווייזט אויס, אויך ניט איבעריקס אויף יענעמס ענטפֿער געוואַרט, און איצט, זעענדיק, ווי לוזי דענקט אים ניט צו דערוויידערן מיט גאָרניט, האָט ער זיך ניט באַליידיקט און ניט געפֿילט זיין כבוד געקריוודעט.

ער האָט פֿאַרקערט געטאָן: כדי אַרויסצוציען לוזין פֿון זיין אומאָנגע־נעמער לאַגע און פֿאַר זיין האַלב־שולדיקן שווייגן אַ תּירוץ אויסגעפֿינען, האָט ער זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט פּלוצים אין מיטן די רייד, זיך כּלומרשט דערמאָנט אין עפּעס אַ זאַך, וואָס ער דאַרף אָט באַלד דערליידיקן, און וואָס צוליב איר מוז ער זיך איבעררייסן, און נישט וואַרטנדיק אויף לוזיס ענטפֿער, פֿון צימער אַרויס. ער האָט טאַקע באַלד גלייך אין צווייטן צימער זיך אַרויס־געלאָזט און פֿון דאָרט אין דרויסן אַוועקגעאיילט, באַנוגנט און צופֿרידן דער־מיט, וואָס אויב לוזי האָט זיך מיט אים איצט אין קיינע לענגערע מחזקות ניט געוואָלט אַריינלאָזן, האָט אים אָבער דאָך זיך איינגעגעבן אַריינצודער־לאַנגען אין יענעמס אויער אַ קליין ביסל פֿון יענעם מין, מיט וועלכן ער, סרולי, האָט זיך לאַנג אַרומגעטראָגן און וואָס ער האָט געגלויבט, אַז סוף־כּל־סוף, וועט דאָס אויך בלייבן ניט אָן ווירקונג אויף דעם, וועמען ער האָט געוואָלט באַווירקן.

אויף וויפֿל דאָס איז ריכטיק געווען, וועלן מיר שפּעטער זען; אָבער וואָס געהער דעם, אויף וויפֿל לוזי איז בכלל נישט געווען אַזאַ, וואָס שטייט אויסער ווירקונג און וואָס לאָזט דורך די וועגט פֿון זיין בנין קיין ווינט נישט דורכבלאָזן — קאָנען מיר שוין זאָגן, אַז ניין — ניט אַזאַ, און אַז ווען אַן אַנדערער וואָלט געווען אויף סרוליס אָרט און וואָלט אַרויסגעפֿאָרן מיט אַזוינע רייד, ווי סרולי, וואָלט לוזי נישט נאָר יענעמס טענות ניט פֿאַרשוויגן, נאָר פֿאַרקערט: לוזי וואָלט אַרויס צו זיך אַליין מיט טענות, וועלכע וואָלטן באַוויזן, אַז ערגעץ איז ער אָנגערירט, אַז זיין כּלי איז אָנגעשפּאַלטן, און אַז גענוג וואַקלונגען האָט ער געהאָט אויסצושטיין ביז אַהער און אַז אויך אויף ווייטער איז ער ניט באַוואָרנט...

ווי אָט, און ווי ס׳וועט באַלד טאַקע דערציילט ווערן.

*

אין איינעם אַ שטאַרק־פֿראָסטיקן גאַנצפֿרי, ווען דער דרויסן איז פֿול געווען מיט שניי־געפֿליטער, וועלכער האָט דורכגעלאָזט קאַרגלעך שיין פֿון דער שפּעט־אויפֿשטייענדיקער ווינטער־זון נישט נאָר פֿאַר דער שטאָט מיט אירע ווילד־פֿאַרדרייטע גאַסן און געסלעך, וואו ס׳האָט אַ היפּשע טונקלקייט

געהערשט, נאָר אַפילו פאַר אויסער דער שטאָט, וואו אַלע וועגן און שליאַכן זיינען אַזוי געדיכט פאַרהילט געווען, אַז זיי האָבן ניט געלאָזט זען, וואָס אין זייערע נאָענטע שטרעקעס טוט זיך; אָט אין איינעם אַזאַ פרימאָרגן האָט מען דורך איינער אַ ראָגאָטקע, ניט ווייט פון שטאָט, געקאָנט מערקן איינעם אַ מענטשן, פון איינעם אַ שליאַך אָנקומענדיק, צו דער שטאָט זיך דערנענטערן און איר גרענעץ איבערשפּאַנען.

דער מענטש איז געווען הויך, קרעפטיק אין געביין; נאָך יונג, פאַר די דרייסיקער, און געקליידט, ווי אַלע אין יענער צייט — פרום־יידישלעך און לאַנג־פּאָליק, און פון אונטערן לאַנגן ווינטער־מאַנטל האָט זיך אים אַרויס־געזען אַ נאָך לענגערע קאַפּאָטע, וועלכע האָט זיך אין די פיס און אין גאַנג אים געפּלאָנטערט.

אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ קליין קלומעקל, וואָס אויפן ערשטן קוק האָט ער אויסגעזען מיט דעם, ווי איינער אַ היגער וואָלט זיך געלאָזט פון איין גאַס אין דער צווייטער, מיט טלית־און־תפילין אין שול גייענדיק; ווען אין דער אמתן איז דער מענטש פון גאָר ווייט געקומען — פון אַ דאָרף, אַ שטעטל, אָדער פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפענעם ישוב, וואָס פון דאָרט ביז דער שטאָט איז פיל־פיל צו גיין און גאָר היפּשע וויאָרסטן דורכצומאַכן.

דערויף האָבן עדות געזאָגט זיינע מלבושים — זיין מאַנטל, היטל, ווי אויך דאָס שוכוואַרג, וואָס איז פונקט אַזוי באַדעקט און פאַרהילט געווען פון פראָסט, ווי אַליין די לופט, די בוימער, די צווייגן פון די בוימער, וועלכע האָבן זיך, וואו ניט וואו, פון אַ נאָענטער אָדער עטוואָס ווייטלעכער שטרעקע שווער געלאָזט אָנזען. אויך זיין פּנים — אַזוי באַקלעפּט און פאַרהוכקעט, אַז קוים האָבן זיך זיינע שוואַרץ־ברענענדיקע בליקן, ווי אויך זיין שוואַרץ קורצלעך בערדל, געלאָזט מערקן.

ער האָט געשפּאַנט האַסטיקער און פיל שנעלער, ווי איינער, וואָס האָט שוין אַ לאַנגן וועג דורכגעמאַכט, און דאָס האָט געדינט פאַר אַ באַווייז, אַז אָדער דער מענטש פאַרמאָגט הייס בלוט, וואָס האָט זיך אים אין פראָסטיקן דרויסן און אין שניי־סקריפּענדיקן גאַנג צעשפּילט, אָדער אַז די געדאַנקען טראָגן אים פאַרויס פיל מער, ווי אַ געוויינטלעכן און דערלאָזן אים ניט צו מער געזעצמעסיקן און סאָלידן גאַנג.

ווירקלעך: איינעם מענטש האָט זיך געפילט עפּעס אַ צעטראָגנקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס נישט געקוקט אויף זיין פעסטן געבוי און קרעפטיקייט, האָט ער דאָך דעם קאָפּ עטוואָס ביים קאַרק געהאַלטן אַראָפּ־געבויגן, ווי אים פאַרויסגעשטרעקט און געוואָלט מיט אים פאַרויסאײַלן פאַרן קערפּער.

ער האָט די ראָגאָטקע איבערגעשפּאַנט, און דערפילנדיק די שטאָט מיט אירע טשאַדענדיקע פרימאָרגנדיקע ריחות פון די גאַנצפרי שוין איינגעהייצטע

אויוונס און הרובעס, האָט ער די אויגן אויפֿגעהויבן, זיך אַרומצוקוקן, וואו ער געפֿינט זיך און אין וואָס פֿאַר אַ זייט און ריכטונג ער האָט איצט זיינע טריט צו ווענדן.

נישט וויסנדיק צו טרעפֿן אַליין, האָט ער זיך גענומען דערפֿרעגן ביי מענטשן, וואָס האָבן זיך אים אויפֿן וועג באַגעגנט. און אַזוי, פֿון גאַס צו גאַס און פֿון געסל צו געסל גייענדיק, איז ער לסוף אָנגעקומען אַהין, וואוהין געדאַרפֿט — צו איינעם אַ „קללה"־איינוואוינער, צו וועלכן ער האָט, אַפּנים, אַ ריכטיקן אַדרעס געהאַט, און וואָס ווי נאָר ער האָט זיך אַהין אַריינגע־שטעלט, אַזוי האָט ער זיך גלייך געבעטן, מ׳זאָל אים אַפּפֿירן צו לוזין, וועגן וועלכן ער האָט געוואוסט, אַז ער געפֿינט זיך אין שטאָט, אין N, אָבער וואו און ביי וועמען ער וואוינט — האָט ער זיך שוין געמוזט ביי אַנדערע דערוויסן.

דאָס איז געווען אַברהמל לובלינער, ווי מ׳האָט אים גערופֿן, וועלכער האָט זיין וועג צופֿוס דורכגעמאַכט נישט פֿון מאַנגל אין געלט, אָדער ווייל ער האָט קיין פֿור ניט געקראָגן, נייַן, נאָר אַלעמאָל צופֿוס — צי איבער אַ מין נדר, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, צי איבער אַן אַנדער טעם, וואָס אין יענע צייטן, ביי אַזוינע לייט, איז אַזוינס ניט געווען קיין אויסנאַם און קיין איבעריקע זעלטנהייט.

ער האָט אַלע מאָל געשפּאַנט שנעל, האַסטיק, און קיין מאָל קיין מיד־קייט ניט געפֿילט, מחמת ערשטנס, ווי געזאָגט, האָבן אים די אימפּעטיקע גע־דאַנקען געטראָגן, און צווייטנס, איז ביי אַזאַ יוגנט און קרעפֿטיקייט האָט זיך קיין גאַנג, און אַפֿילו לאַנגער גאַנג, כּלל ניט אָנגעזען.

אַז ער איז אַריין צו לוזין, האָט ער צוערשט, ווי ס׳פֿירט זיך, נאָך אין מאַנטל „שלום" אָפּגעגעבן, און דערנאָך, אַז ער האָט זיך אויסגעטאָן און איז געבליבן אין זיין לאַנגער, ביז דער ערד אַראָפּ דערגרייכנדיקער קאַפּאָטע, האָט זיך ערשט דעמאָלט זיין אמתע לענג געלאָזט מערקן, אי אַנטקעגן לוזין, וועלכער איז אַליין אויך געווען העכער מיטל־וואוקס, אי קעגן זיין שטוב, וואָס ער האָט צו איר נידעריקלעכער סטעליע ביז כּמעט אַרויף אויבן דערלאַנגט.

כאָטש ער האָט אויך איצט, ווי אין וועג, דעם קאָפּ ביים קאַרק עטוואָס אַראָפּגעבויגן געהאַלטן, דאָך האָט זיך געדאַכט, וואָלטן אַלע די, וועלכע וואָלטן צו אים באַדאַרפֿט האָבן, געמוזט אַרויפֿקוקן, צו אים זיך ווענדנדיק.

ער איז געווען געקליידט שוואַרץ, די קאַפּאָטע און אַלץ איבעריקע פֿון גאַר גוטן שטאָף געניייט, און כאָטש דאָס פֿוסגייעריי, ווי אויך די ערטער, וואו ער האָט אַלע מאָל אין וועג סטאַנציע געהאַלטן, ווי אויך די מענטשן, מיט וועמען ער האָט פֿאַרקערט, האָבן מיט קיין איבעריקער זויבערקייט זיך ניט אויסגעטיילט, דאָך איז דאָס קליין ביסל, וואָס איז אין אַזוינע באַדינגונ־

גען נאָך מעגלעך איינצופֿאַרהיטן, פֿון אים ניט אוועקגענומען געוואָרן: ער האָט זיך געהאַלטן פֿיל זויבערער, ווי אַנדערע זיינסגלייכן.

דאָס איז אים געקומען פֿון זיין רייכן שטאַם: אַ רייכער זון און אַ רייכער איידעם פֿון גאָר רייכע לייט אין דער ווייטלעכער פּוילישער שטאָט לובלין, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און חתונה געהאַט, און וואָס ניט געקוקט דאָך דערויף, האָט ער, איבער געוויסע טעמים, צי באַווירקט פֿון עמעצן פֿון דער זייט, צי אַליין דערצו געקומען, פֿון זיינע אייגענע זיך אָפּגעקערעוועט — טאַטע־מאַמע, שווער און שוויגער און ווייב־און־קינדער פֿאַרלאָזט, צו די לוזי־לייט צוגעשטאַנען און ביי זיי גאָר־גאָר באַוואוסט געווען.

און ס'איז אויך געווען פֿאַרוואָס:

מ'האָט געשמועסט, אַז ער האָט שוין ניט איין מאָל באַזוכט ארץ־ישׂראל; געשמועסט, אַז דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז אַהין אָנגעקומען נאָך גאָר־גאָר אַ יונגערמאַן, איז ווי נאָר ער איז אַראָפּ פֿון דער שיף און אַרויף אויפֿן ברעג, אַזוי האָט ער זיך אויף דער ערד אַ וואָרף געטאָן, געגומען קושן דעם שטויב פֿון דאָרט און אַזוי צו וויינען, אַז די אייגענע זיינע, די מיטרייזנדיקע און צו דער זעלבער סעקטע, ווי ער, געהערנדיקע, וואָס אויך ביי זיי איז יענע ערד געגוג געווען טייער, זיינען געשטאַנען פֿאַר־גאַפֿטע, קוקנדיק אויף זיין געוויין, וואָס האָט דערגרייכט אַזוינע מאָסן, אַז ס'האָט כּמעט געגרענעצט מיט כּלות הנפֿש... מ'האָט געזען, אַז מ'מוז אים אָפּרייסן, אונטער די אָרעמס נעמען און אויף די פֿיס שטעלן, אים איינריידן, איבערריידן, אַז ניט וואָלט זיך דער מענטש טאַקע געעקט.

ער האָט אַפֿילו שוין דערנאָך, ווען מ'האָט אים איבערגערעדט, נאָך אַ שטיק וועג אויף די קני זיך גערוקט, נישט געוואָלט זיך אויפֿשטעלן און די הייליקע ערד מיט די פֿיס באַטרעטן.

מ'האָט אויך ווייטער דערציילט, אַז אָנגעקומען אַהין מיט גרויס געלט, פֿון דער היים און פֿון די רייכע עלטערן מיטגעבראַכט, און וועלנדיק אויס־זען און אויסשפּאַנען דאָס לאַנד טאַקע, ווי ס'שטייט לאָרכּה ולרחבה,[1] האָט ער זיך איינעם אַ דאָרטיקן, נישט־יידישן איינוואוינער אָפּגעדונגען, יענער זאָל אים אומפֿירן, אָנהייבנדיק פֿון ברעג לאַנד, וואו ער האָט זיך פֿון דער שיף אַרויסגעזעצט, ביז פֿון יענער זייט ירדן — אין דער ברייט פֿון לאַנד, און אויך פֿון איין עק ביזן צווייטן — אין דער לענג.

יענער האָט אים געפֿירט, און איין מאָל, צוקומענדיק צום ירדן, איז אים אַ גרויס געפֿאַר פֿאַרגעשטאַנען, ווען אַ שטאַרק פֿאַרהילטער, דאָרט געביר־טיקער רייטער־גזלן איז אים באַפֿאַלן, האָט אים צו זיין ברוסט אַ לאַנגע שפּיז צוגעשטעלט, און אַ האָר איז אָפּגעגאַנגען, ווען זיין געדונגענער פֿירער

[1] אין דער לענג און אין דער ברייט.

זאָל זיך פֿאַר אים ניט געוועזן איינשטעלן, ער זאָל זיך מיטן לעבן אָפּגע־זעגענען און טאַקע דאָרט אויפֿן אָרט שוין בלייבן.

מאָל דיר, ס'האָט היפּש געקאָסט זיין ראַטונעק: געקאָסט דאָס גאַנצע גוטס, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, ווי אויך אַפֿילו די קליידער, ביזן העמד פֿון לייב, וואָס דער גזלן האָט געפֿאָדערט, מ'זאָל דאָס אים אָוועקגעבן.

עלטערן האָבן דערנאָך דאָס אַנגעוואוירענע, פֿאַרשטענדלעך, ממלא געווען; מ'האָט אַנדער געלט צוגעשיקט, פֿון וועלכן ער האָט פֿיל נויטבאַדערפֿטיקע פֿאַרטיילט, און באַזונדערס האָט ער זיך ביז לעצט אויסגעבייטלט, ווען ער איז געקומען אויף די קברים פֿון געוויסע הייליקע, ווי אויפֿן קבר פֿון ר' שמעון בן יוחאי, אָ ר' מאיר בעל־נס א"אַ, וואו געוויסע שטאָם־שלעפּער און איי־ביקע קבצנים זיינען אים באַפֿאַלן ווי פֿליגן, און ער האָט מיט אַ פֿולער האַנט געגעבן, וואָס געהאָט — אַזוי, אַז ער האָט ווידער און ווידער צו די עלטערן געדאַרפֿט אָנקומען, אויסברענגענדיק גוואַלדיקע סומעס, כּמעט אַ מאַיאָנטעק.

ער האָט אויך — האָט מען ווייטער דערציילט — קומענדיק צום כּותל־מערבי און דערזעענדיק די חרובע וואַנט, מיט די אַלטע, מיט מאָך באַוואַק־סענע שטיינער, האָט מיט אים אויך דאָרט געזאַלט געשען דאָס זעלבע, ווי ווען ער איז אַראָפּ פֿון שיף אויפֿן ברעג, ווען ער איז שיר פֿון געוויין ניט אויסגעגאַנגען. דאָ, ביי דער וואַנט, איז ער צו איינעם אַ שטיין צוגעפֿאַלן — פֿריער מיטן שטערן, דערנאָך מיטן גאַנצן לייב, און זיך אַזוי לאַנג ניט געלאָזט אָפּרייסן, ווי איינער, וואָס פֿאַלט צו צו אַ באַליבטן מת, וועלכן ער מיינט מיטן אייגענעם לייב דערוואַרעמען און אים צוריק צום לעבן ברענגען.

ער איז נאָך לאַנג דאָרט פֿאַרבליבן, באַזוכנדיק אַלע געהייליקטע ערטער, וועלכע ווערן דערמאָנט אין די הייליגע ספֿרים, ווי אויך פֿאַרשיידענע לעבע־דיקע חברות, וועלכע האָבן, לויט זיין פֿרומער פֿאַרשטעלונג, זוכה געווען דאָ, אין לאַנד, אויף דער הייליקער וואַך צו שטיין און היטן דעם אַריינגאַנג צו די טויערן פֿון הימל.

מ'ווייסט ניט, וואָס פֿאַר אַ סיבה האָט אַזאַ יונגן און רייכן צו אַזאַ סאָרט אויפֿגעהיצלטער פֿרומקייט דערפֿירט — צי עפּעס אַ זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען און פֿאַר וועלכער ער האָט זיך גענומען אָפּקומען, צי איבער אַן אַנדער זאַך, נאָר געפֿילט האָט זיך, אַז ער איז אַלע מאָל גרייט זיין יונג־קרעפֿטיקן קאָפּ אין אַ וואַנט צו צעקלאַפּן און ניט זשאַלעווען גאַרניט, ביז אַ לעצטן טראָפּן מאַרך זאָל אים אויסרינען.

אַזוי — האָט מען ווייטער דערציילט — איז ער דאָרט לסוף צוגעשטאַנען צו עפּעס אַ געהיימער חברה — צו די „צען ברידער", ווי מ'האָט זיי גע־רופֿן, צווישן וועלכע ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַ בונד מיט אַ התחייבות, אַז

איינער דעם אַנדערן זאָל אונטערהאַלטן, און אַלע פֿאַר אַלע זאָלן אַזוי ווייט זיך איינשטעלן, אַז אויב עמעצער פֿון זיי וועט אויף יענער וועלט געדופֿן ווערן צום דין און ס׳וועט אים חלילה פֿאַרשטיין גיהנום, זאָלן אַלע איבעריקע מיט אים טיילן זיין שטראָף חלק כּחלק — גלייך אויף גלייך — זיין אַפּקומעניש. און אָט דער תּנאַי, ווי אויך אַנדערע תּנאָים, זייגען פֿון אַלע צען אונטערגעשריבן און געחתמעט געוואָרן, נישט, ווי געוויינטלעך מ׳שרייבט און מ׳חתמעט — מיט טינט, נאָר מיט בלוט פֿון הענט און פֿון פֿינגער אַרויסבאַקומען און דערום האָט מען זיי אויך גערופֿן די „בלוט־ברידער״...

און נאָך, און נאָך האָט מען זיך אַנדערציילט, ווי אָט למשל, אַז ער האָט אויך רוים באַזוכט.

— רוים?...

— יאָ, ער האָט, ווי אַלע בראַסלאַווער, אין איינעם אַ פּרט געהאַלטן מיט די „ראַדזינער״, וועלכע האָבן געפֿאָדערט פֿון זייערע אַנהענגער, זיי זאָלן איינמאַכן אַ פֿאָדעם פֿון תּכלת[1] אין די ציצות — אַ זאַך, וואָס קיינער האָט זיך עס אין יענער צייט ניט דערלויבט, מחמת, ווי מ׳האָט געגלויבט, איז דער חלזון — דאָס ווערעמל, מיט וועלכן מ׳האָט אַמאָל געפֿאַרבט די וואָל פֿאַר אָט דעם פֿאָדעם, איז זינט דער בית־מקדש איז חרוב געוואָרן, פֿאַרשוואונדן און ס׳איז אים מער ניט צו געפֿינען. די ראַדזינער אָבער האָבן געהאַלטן, אַז ער איז דאָ, זיי האָבן אים געקראָגן, און ס׳איז אַ גרויס מחלוקת אויסגעבראָכן צווישן זיי מיט אַנדערע.

און אָט, כּדי פֿעסטצושטעלן די עכטע ענלעכקייט פֿון אָט דעם תּכלת איצט מיט דעם תּכלת פֿון אַמאָל, פֿאַרצייטנס, האָבן די ראַדזינער אַוועקגעשיקט אייניקע לייט קיין רוים, וואו ס׳געפֿינט זיך דער פּרוכת,[1] וואָס די רוימער האָבן צווישן אַלע אַנדערע הייליקטימער פֿון בית־המקדש געפֿאַנגען פֿאַר־נומען, און וואָס, ווי מ׳האָט געהערט, ליגט ער ביז עד־היום נאָך אינעם פּויפּסטס שאַץ־קאַמערן אויסבאַהאַלטן.

צי מ׳האָט זיך דאָרט צו עפּעס דערשלאָגן, אין רוים — ווייסט מען ניט, מסתּמא ניט, נאָר געלט, און אַ מטמון מיט געלט, האָט אָפּגעקאָסט שוין די נסיעה אַליין, וואָס אַ גרויסן טייל פֿון איר האָט אויף זיך גענומען אָט דער אַברהמל; און דאָס, ווי אויך אַנדערע ענלעכע אַזוינע אויסבערענגערייען, האָבן זיינע עלטערן און שווער און שוויגער ביז צו אָרעמקייט, כּמעט צו נויט דערפֿירט.

אָבער ס׳מאַכט ניט: אָרעם איז אָרעם, אָבער זייער זון איז אויך אין אָרעמקייט זיי ליב. און אויך איצט אַפֿילו, ווען ער האָט די היים, ווייב און

[1] בלויע וואָל.

[1] דער פּרוכת פֿון בית־המקדש איז געמאַכט געווען פֿון הוילע תּכלת.

קינדער און געשעפֿטן פֿאַרלאָזט, און וואָגלט אום פֿון אָרט צו אָרט אָן אַנ־הענגער פֿון אָט די, צו וועלכע ער איז צוגעשטאַנען, צו זיין אַ שטיק אויפֿ־זעער אויף די פֿאַרשיידענע קליינע קיבוצים זייערע, וועלכע ער האָט באַזוכט פֿון צייט צו צייט; אויך אַפֿילו איצט, ווען די עלטערן שוין געמיין און כּמעט ביז לעצט אויסגעביטלט, קלעקט נאָך אויך ביי זיי גענוג ליבע, איבערגע־געבנקייט און געטריישאַפֿט, זיי זאָלן פֿון צייט צו צייט אין אים זיך דערמאָנען און מיט וואָס ס'נאָר מעגלעך און מיט וואָס ס'איז זיי פֿון אַמאָליקן גוטס פֿאַרבליבן — אים אונטערצוהאַלטן און פֿון געטרייען אויג ניט אַרויסלאָזן.

ער האָט נאָך איצט פֿון זיי רייכלעך געשטיצט באַקומען, וואָס דאָס איז צו זען געווען אי אויף זיינע גאַרנישט ביליקע, פֿיין־שטאָפֿיקע מלבושים, וואָס ער האָט געטראָגן, אי אויך בכלל אויף אים אַליין, וואָס האָט נאָך גענוג קרעפֿטיק אויסגעזען — אַ סימן ניט פֿון אויסגעצערטקייט און מאַנגל, פֿון וועלכע אַלע אַנדערע זיינע סעקטע־לייט האָבן געליטן.

*

אַז ער איז אַריין צו לוזין — פֿריער, ווי געזאָגט, אין מאַנטל, און דערנאָך אים אויסגעטאָן און אין דער שוואַרצער קאַפּאָטע געבליבן, האָט לוזי, ערשט דעמאָלט אים רעכט דערזעענדיק, זיך אַזוי שטאַרק מיט אים דערפֿרייט, גלייך ער וואָלט דערזען זיך אַליין פֿון יענער צייט, ווען ער איז געווען אין די זעלבע יאָרן, וואָס אַברהמל איצט: שטאַרק לעבעדיק, מיט רעשיקע טומלדיקע באַוועגונגען, פֿון וועלכע ס'האָט זיך אַרויסגעפֿילט ניט נאָר פֿיל קראַפֿט, נאָר אויך פֿאַרשווענדערישקייט פֿון קראַפֿט, וואָס קומט פֿון איבערפֿלוס און פֿון וותּרנישן וואוילמוט.

ווירקלעך: אַברהמל האָט, אין לוזיס שטוב אַריינקומענדיק, אַריינגע־בראַכט אי פֿראָסט־פֿרישקייט פֿון וויטן וועג, וועלכן ער האָט נאָר וואָס דורכגעמאַכט, אי אויך אייגענע, אים שטענדיק, ווייזט אויס, אייגנטימלעכע פֿרישקייט, מיט וועלכער ער האָט די גאַנצע שטוב פֿאַרפֿילט, ווי מיט גוטע, געשמאַקע ריחות.

ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר לוזין אי פֿריי, אי מיט דרך־ארץ, און דערביי האָט מען געקענט מערקן, אַז לוזי צאָלט אים מיטן זעלבן: אי ער האַלט זיך צו אים, ווי אַן עלטערער און מער דערפֿאַרענער, אי אויך, ווי אַ פֿאָטער צו אַן אייגן קינד, וואָס קיין איבעריקן כּבוד, ווי פֿון אַ פֿרעמדן, פֿאָדערט מען ניט פֿון דעם.

ס'האָט זיך באַלד צווישן זיי אַ שמועס פֿאַרבונדן, אַ לייכטער און אַן איבערגעכאַפּטער, בעת וועלכן דער הויפּט־רעדער איז געווען דער יינגערער, דער גאַסט, אַברהמל, וואָס האָט שטאַרק לעבעדיק און אויפֿגעלייגט דער־ציילט, סיי פֿון אַלץ, וואָס זיינע אויגן האָבן צוגעזען אויף זיינע צופֿוס־וואַנ־

דערונגען אין די קליינע קיבוצים פֿון זייערע אָנהענגער, וועלכע ער האָט באַזוכט, סיי אויך, סיי אויך, וואָס בכלל — אויך ניט צווישן אייגענע.

לוזי האָט אים אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט. דערביי איז ער אַלע מאָל, ווען ס'איז דערציילט געוואָרן פֿון עפּעס פֿריילעכס — פֿריילעך געווען, און דאָס פּנים, וואָס האָט אים שטענדיק די לעצטע צייט אויסגעקוקט ערנסט, האָט זיך פֿאַרגעסן און האָט זיך אויף אַ פֿיל מער צוגעלאָזטלעכן אופֿן געענדערט. דערביי, ווידער, האָט לוזי, צוהערנדיק זיך צו אַברהמלען, צו זיין מער העכערן וואוקס אַרויפֿגעקוקט, האַלטנדיק די בליקן צו זיין מויל געווענדט, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט פֿאַרלירן קיין מינדסט פֿון דער הנאה, וואָס יענער פֿאַרשאַפֿט אים הן אַליין מיטן אופֿן פֿון דערציילן, הן אויך טאַקע מיט דעם, פֿון וואָס ער דערציילט.

מ'האָט דערנאָך זיך געשטעלט דאַווענען, און דאָ האָט אַברהמל באַוויזן, וואָס ער איז און צו וועמען ער געהערט — אַז צו די לוזי־לייט, און וואָס ער פֿאַרמאָגט פֿון זייער פֿאַרמעגן.

ער האָט אַ דאַוון געטאָן מיט אַזאַ פֿלאַם, שוין אָנהייבנדיק פֿון די ערשטע ברכות, און זיך אַזאַ לאָז געטאָן, ווי גרויס און ווי הויך ער איז, איבער לוזיס שטוב הין און צוריק — אַז אַפֿילו לוזי, וואָס איז געוואוינט געווען צו אַזוינס און ענלעכס, האָט אויך געמוזט די גאַנצע צייט האַלטן די אויגן צו זיינע אימפּעטיקע הוועיות געווענדט, צוזעענדיק די ווילדע היציקייט, וואָס יענער ברענגט אַרויס, הין און הער אומלויפֿנדיק.

ער איז דערום אַליין אין זיין אייגענער תּפֿילה געשטערט געוואָרן, זייענדיק פֿאַרנומען מיט נאָכקוקן יענעם, און צוזען, ווי אַזוי די ווענט זיינען אים ענג, ווי אַזוי זיינע יונגע, הויך־אַרויפֿגעהויבענע אַקסל ווילט זיך זיי צעשפּאַרן, ער זאָל אַרויס און מער לופֿט האָבן פֿאַר דער גרויסער לוסטיקייט, וואָס באַהערשט אים, אַזוי ווי קליין־פֿייער, וואָס ווען ס'דערפֿילט לופֿט, ווערט צו גרויס־פֿייער.

מ'האָט אויך צוזאַמען דעמאָלט דעם באַטאַנגדיקן מאָלצייט געפּראַוועט, בעת וועלכן לוזי, דער באַלעבאָס, איז געזעסן אויבנאָן, און אַברהמל, זיין גאַסט, ביי זיין זייט נאָענט, און סרולי גאָל, וואָס האָט פֿאַרנומען זיין אָרט אַנטקעגן איבער לוזין, ביים צווייטן עק טיש, האָט די גאַנצע צייט פֿון מאָלצייט צוגעקוקט, ווי אַזוי לוזי קוקט אויף יענעם אי מיט ליבע אי, אויב מ'מעג אַזוי זאָגן, אויך מיט אַ קליין ביסעלע קנאה, וואָס בליקט אַרויס פֿון אים, שוין פֿון אָנהייב אָן, זינט יענער, דער גאַסט, דער אַברהמל, האָט זיין פֿוס צו אים אין שטוב אַריינגעשטעלט.

ווייל יאָ, ווייל מקנא זיין איז געווען אויף וואָס; ער האָט נאָכן הייסן דאַווענען איצט אַזוי אויך הייס און לוסטיק זיך גענומען צו דער סעודה, אַז דאָס מויל, האָט זיך געדאַכט, האָט זיין שלונג ניט געקענט נאָסטאַרטשען,

און נישט פֿון פֿרעסערישקייט און זשעדנעם האַלדז, נאַטירלעך, נאָר פֿון אימפּעטיקער נאַטור, וואָס אַ דאַנק איר איז אַלץ, וואָס ער טוט, בּרענט בּיי אים — אַזוי דאָס גיין, רעדן, אַזוי אויך זיין דאַווענען, עסן, וואָס דאָס האָט לוזין נאָך אַמאָל דערמאָנט אין זיין יוגנט, זעענדיק אין יענעם אַ שטיק אָפּבּילדונג פֿון זיך אַליין און פֿון זיין אַמאָליקער אייגענער יוגנטלעכער שפּע... איצט איז ער אַלט, אָפּגעקילט, און ער האָט פֿיל־פֿאַרגינעריש און אויך מיט ליבּע, אָבּער פֿאַרט, ווי סרולי האָט בּאַמערקט, אויך מיט אַ קליין בּיסעלע קנאה געקוקט און מיט יענעמס גוטס און גייציקייט זיך נישט געקאָנט אָנזעטן, ווי איינער, וואָס קוקט אויף אַ נאָענט־געליבּטן צווייטן, וועלכער דאַרף דאָך אים קומען ירשהנען.

מ׳האָט אָפּגעבּענטשט, אָפּגערוט, דערנאָך מנחה־מעריב געדאַוונט און ווייטער געשמועסט, און אַזוי האָט מען דעם ערשטן טאָג אין גייסטיקער חברותא פֿאַרבּראַכט...

און אין אייניקע טעג שפּעטער, אין איינעם אַן אָוונט, ווען בּיי לוזין איז קיינער ניט געווען, אויסער נאָר סרולי, וועלכער האָט זיך אויך איבּער עפּעס אין אַ ווינקל פֿאַרשטעקט, איז בּיי לוזין מיט אָט דעם אַבּרהמלען פֿאַרגעקומען אַזאַ נאָענט־געהיימער און אָפּגעזונדערטער שמועס, וועלכער קאָן פֿאַרגליכן ווערן נאָר מיט דעם, וועגן וועלכן מיר האָבּן שוין פֿריער, אין אַן אַנדער אָרט, דערציילט, ווען מיכל בּוקיער איז אין אַ געוויסן אָוונט, ווי מיר געדענקען, אין דער געוויסער „לעבּעדיקער" שול פֿאַר לוזין מיט ווידוי אַרויס און אַ שטיק פֿון זיין אינעווייניקסט פֿאַר אים אויפֿגעדעקט.

כאָטש ס׳איז ניט די צייט געווען דערויף — נישט חודש אלול, וואָס, ווי ס׳פֿירט זיך בּיי יענע, טוט דעמאָלט יעדער איינער פֿאַרן אַנדערן זיינע אויסבּאַהאַלטענע נויטן אין אַן אופֿן פֿון אַ ווידוי אַרויסבּרענגען, דאָך איז עפּעס ענלעכס דערויף דאָ פֿאַרט פֿאַרגעקומען; און דער זעלן־ריכטער, דער, וואָס דאַרף אויסהערן און משפּטן דעם צווייטן, איז דאָס מאָל נישט געווען לוזי, דער עלטערער, פֿאַר וועמען דער יינגערער, אַבּרהמל, האָט זיך געזאָלט פֿאַרטרויען, נאָר פֿאַרקערט, אַבּרהמל — דער ריכטער, און לוזי — דער, וועמען יענער האָט בּאַדאַרפֿט אויסהערן.

בּיידע, סיי אַבּרהמל, סיי אויך לוזי, האָבּן זיך אָפּריער ניט געריכט דערויף, אַליין נאָר סרולי האָט, זינט אַבּרהמל האָט זיך צו לוזין אין שטוב בּאַוויזן, דאָס אין אויג געהאַט און די מעגלעכקייט פֿון אַזאַ צוזאַמענטרעפֿן יאָ דערלאָזט... פֿאַרוואָס? — ווייל ער האָט געזען, אַז לוזי איז שוין לאַנג עפּעס ניט מיט אַלעמען און ניט גאַנץ מיט זיך... ער האָט דאָס אַרויסגעזען, צווישן אַנדערן, אויך דערפֿון, וואָס דעמאָלט, ווען ער האָט מיט אים דעם אויבּנדערמאָנטן געשפּרעך געהאַט, האָט לוזי מיט קיין וואָרט ניט אָפּגעענטפֿערט. — אַ סימן — האָט זיך סרולי געזאָגט — נישט פֿון פֿעסטקייט

און איבעריקער בטיחות, וועלכע דערלויבן אַמאָל איינעם אַ צווייטנס טענות מיט דער האַנט אָוועקמאַכן און זיי לייכטשעצנדיק פֿאַרבייגיין; ווי אויך זיכער, ניט מחמת דעם, וואָס לוזי האַלט אים, סרולין, פֿאַר אַזאַ מין מינדערווערטיקן, וועלכער פֿאַרדינט ניט מער, ווי מ׳זאָל אַלץ, וואָס ער זאָגט, בלויז מיט אַוועקגעדרייטן קאָפּ און מיט קאַלטער לעבער אויפֿנעמען. ניין, נאָר דערפֿון, וואָס לוזי איז ערגעץ איבערלעך אָנגעשפּאַלטן, און נישט וועלנדיק דאָס ווייזן פֿאַר קיינעם, האַלט ער עס אין שויס פֿאַרשטעקט — אָדער כּדי ער זאָל טאַקע אויף שטענדיק שוין דאָס אַזוי האַלטן, אָדער וואַרטנדיק, אַז אַ צופֿאַל זאָל זיך אים מאַכן, ווען ער וועט אָנטרעפֿן אַן אַנדערן, אַ מער פּאַסיקן, פֿאַר וועמען ער וועט יאָ קאָנען אַנטפּלעקן דאָס, וואָס פֿאַר אים, סרולין — ניט.

יאָ, און אָט איצט, די לעצטע טעג, זעענדיק, ווי אַזוי לוזי האָט אָט דעם אַברהמלען אויפֿגענומען און באַגעגנט, און מערקנדיק אויך דאָס קליין ביסל קנאה, וואָס בליקט אַרויס פֿון אים צו יענעם, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז אַברהמל איז דער, פֿאַר וועמען לוזי וועט איצט מיט זיין לאַנג־פֿאַרבאָרגענעם אַרויסקומען, אַזוי ווי יעדער פֿרומער, פֿון וועלכן ס׳פֿאָדערט זיך, ער זאָל דווקא פֿאַר אַזאַ, וועמען ער איז מקנא, דעם קאָפּ אָנבויגן, דווקא פֿאַר אַזאַ דאָס אייגענע חשיבות אַוועקלייגן, האַלטנדיק דאָס פֿאַר אַ נסיון, וואָס יעדער מענטש, אויב ער וויל בלייבן ביי דער הויכער, גייסטיקער מעלה, דאַרף געפֿינען כּוח אים דורכמאַכן, אָננעמען פֿאַר ליב און איםביישטיין.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. סרולי האָט אויף דער געגאַרטער שעה געוואַרט, און אָט איז זי געקומען.

ס׳אַ אויפֿדערנאַכט, קיינער איז נישטאָ... ס׳קיין חילוק ניט, צי ס׳האָט צופֿעליק קיינער יענעם אָוונט לוזיס שטוב ניט באַזוכט, צו סרולי האָט, ווי זיין שטייגער, אַזוי ווי אַלע מאָל, אויך איצט איינגעאָרדנט, אַז קיינער זאָל זיך ניט ווייזן און ניט שטערן, ווען ער האַלט פֿאַר נייטיק, אַז לוזי זאָל בלייבן אַליין. ס׳קיין חילוק ניט... דער עיקר איז נאָר, וואָס ביידע, לוזי און אַברהמל, האָבן זיך יענעם אָוונט ביי לוזין אין אַלקער, ביי אַ טישל און ביי אַ געמיטלעך־ברענענדיקער לאָמפּ, געטראָפֿן. די טיר, וואָס פֿירט אין פֿאָדערצימער, איז געווען אָפּגעשפּאַרט. און אָט זעען מיר דאָרט אַברהמלען אַ זיצנדיקן און לוזין פֿון זיין אָרט אויפֿגעשטאַנען, און איידער לוזי האָט נאָך באַוויזן עפּעס אָנצוהייבן, אַזוי איז פֿון אַברהמלס פּנים שוין אַ גרויסע פֿאַרוואַנדערונג געווען אַרויסצולייענען.

ס׳איז אויך פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס: שוין אַליין דאָס, וואָס לוזי האָט, אַריינקומענדיק אין אַלקער, אָפּגעשפּאַרט די טיר און זי אויפֿן קייטל פֿאַרשלאָסן, האָט שוין אויך פֿאַר אַברהמלען פֿאַר אַ געוואוגנדיקן באַוויז געדינט, אַז עפּעס וואַרט דאָ אויף אים אַ גרויסער ערנסט, אויג אויף אויג מיט לוזין בלייבנדיק; ובפֿרט נאָך, ווען לוזי האָט די ערשטע ווערטער פֿון זיין אָנהייב־

געשפּרעך אַרויסגעבראַכט אויף אַזאַ אופן, אַז גלייך איז שוין געווען אַרויס־צודערהערן אַ באַזונדערן מיין אים עפּעס באַזונדערס צו פאַרטרויען — האָט ער שוין אַוודאי און אַוודאי פאַרשטאַנען, אַז ניט אומזיסט איז ער אַהער אויף אָפּגעזונדערטקייט איינגעלאַדן געוואָרן. און דערום — כאָטש ער איז אַלע מאָל געווען אַ שטיק אומרו און איז שווער אויף זיין אָרט איינגעזעסן, איז ער דאָס מאָל אָבער, ווי פאַרשטאַרט געבליבן, ווי וואַרטנדיק אויף אַזוינס, וואָס ער דאַרף דאָס ניט נאָר מיטן געהער, נאָר מיט אַלע אברים פאַר־נעמען.

כדי דאָס בילד פון לוזין מיט אַברהמלען ביי לוזין אין אַלקער דעמאָלט מער בוילעטער צו מאַכן, חזרן מיר דאָ איבער: ס׳איז אַ שטילער, ווינטערדיקער אויפדערנאַכט אין אַ פאַרוואָרפענער טייל שטאָט, וואוהין קיין איבעריקער טומל דערגרייכט אפילו בייטאָג ניט, ובפרט אין אָוונט, ובפרט אין אַ ווינ־טערדיקן. דער דרויסן האָט געקלונגען מיט פראָסט, וועלכער האָט אַלעמען פאַריאָגט אין די מיט־שניי־באַדעקטע הייזלעך, פון וואַנען ס׳האָבן אַרויסגע־קוקט קליינע, גאָר קליינע לעמפּעלעך, קאַנעצלעך... די אויסגעהאַרעוועטע איינוואוינער פון יענעם טייל שטאָט האָבן דעמאָלט מער ניט אין זינען און זיינען אויך מער ניט בכוח אין זינען האָבן, ווי נאָר צו דערוואַרעמען זייערע פאַרן טאָג אָנגעפּרוירענע גלידער ביי שוואַך־געהייצטע הרובעס אָדער אויוונס, און יעדער אַנדערע, מער גייסטיקע באַדערפעניש איז זיי פרעמד און גייט ניט אָן קיינעם. און אָט דאָרט און דעמאָלט האָט זיך צווישן יענע שטיל־שווייגנדיקע, שוואַך־באַלויכטענע און מיט שניי באַדעקטע הייזלעך איינס אָן אויסנאַם געפונען, פון וואַנען ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ מער לויכטנדיקער לאָמפּ, און וואו אויך אַ גענוגע וואַרעמקייט האָט דאָס הייזל אינעווייניק אויף אַזוי פיל געמיטלעכער געמאַכט, אַז אין איינעם אַ צימערל דאָרט זאָלן צוויי מענטשן, אָפּגעזונדערט און אַרויסגענומען פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן פון אָרום, קאָנען אי זיך אַליין אי דעם אָרום באַזיניקן, זייענדיק פאַרנומען בלויז מיט גייסטיקע זאָרג...

לוזי האָט אָנגעהויבן עפּעס, ווי פון אַ זייט, דערמאָנענדיק דעם פּסוק: „האדם יראה לעינים וה׳ יראה ללבב”, דאָס הייסט, אַז אַ מענטש זעט בלויז וואָס אויבנאויף, און נאָר גאָט קוקט אין האַרצן אַריין...

— מ׳קוקט אַמאָל אויף איינעם — האָט לוזי ווייטער געזאָגט — וועגן וועלכן ס׳קאָן זיך דאַכטן, אַז ער איז אַזאַ, וואָס דאָס מזל שפּילט אים שטענ־דיק אויף דער פליימ און דער שלימזל מיידט אים אויס, גייט אים פאַר־ביי, און לאָזט קיין פלעק, קיין שאָטן אויף אים; ווען אינדעראמתן איז ניט אַזוי, ווען אינדעראמתן איז גענוג נאָר אַ ליאַדע ריר מיט אַ פינגער, מ׳זאָל דערפילן, אַז זיין גליק־כלי איז אָנגעשפּאָלטן.

ווי אַט ער אַליין — האָט לוזי ווייטער געזאָגט — וואָס אויסער׳לעד האָבן פיל געקאָנט אים מקנא זיין, טראַכטנדיק, אַז ער איז דער, וואָס זיינע חשבונות מיט גאָט זיינען געגליכן צו שטילע טייכל־וואַסערן, וואָס פליסן ניט שנעל, נאָר קלאָר און לויטער; ער — דער, וואָס האָט אַלע מאָל אַ באַשטימטע האַנט פון הימל פאַר אים אַרויסגעשטעקט, וואָס ווייזט אים אָן, וואוהין ער האָט זיך צו קערן און צו ווענדן צו זיין ליבן און באַשערטן... ווען אינדער־אמתן איז פאַרקערט: נישט נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין באַזאָרגעריש אויג פון אויבן, נאָר ווי אַ באַזונדער נישט־פאַרגינער וואָלט אים נאָכגעקוקט, וואָס ווען ער האָט געזעצן, אַז זיין בוים איז פיל מער באַלאָדן, ווי אַנדערע, האָט ער אים אַלע מאָל אַריבערגעשיקט גנבים און שעדיקער איבער זיין פאַרקן, מ׳זאָל אים צעטרייסלען און אַלע צייטיקע פרוכט אַראָפּשאָקלען.

און דאָ, איבערגייענדיק פון כלל צו פרט, האָט לוזי גענומען אויס־פירלעך דערציילן וועגן דעם, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין ווען אַמאָל פריער דערמאָנט, נאָר בקיצור: ווי אַזוי ער האָט זיך אין דער יוגנט באַפרייט פון דער אויסצערנדיקער נזירות, וועלכע האָט אים שיר ניט אומגעבראַכט, און ווי אַזוי זיין רבי, צו וועמען מע האָט אים דעמאָלט געבראַכט, האָט אים אַ רעטנדיקע האַנט דערלאַנגט און האָט אים אַרויפגעפירט אויפן וועג פון צו דינען גאָט מתוך שמחה, ד״ה, אין פריידן, און וואָס ווען ניט דאָס, וואָלט ער, פאַרשמאַכט אין אַ ווינקל, מיטן קאָפ צו דער וואַנט געוועַנדט, זיין לעצט ביסל אָטעם געוועזן אויסגעהויכט, נישט האָבנדיק געזען און פאַרזוכט פון אַלע יענע אוצרות, וואָס זיינען געשאַפן פאַרן מענטשן, און וואָס אויב מ׳קערעוועט זיך אָפּ פון זיי, איז דאָס אַ זינד ניט צום פאַרגעבן, ווי ער האָט העט־העט שפּעטער זיך איבערצייגט און פאַרשטאַנען. דערנאָך ווידער — האָט ער ווייטער דערציילט — ווי אַזוי ער איז אַריבער צום היפוך פון נזירות — צו גרויסער לעבנסלוסט, וועלכע האָט זיך אין אים צעשפּילט.

דעמאָלט — האָט ער געזאָגט — האָט ער חתונה געהאַט. ער איז געווען יונג, קרעפטיק און מיט הויכע אַקסל, וועלכע האָבן אים די קאַפּאָטע צע־שפּאַרט און אין די נעט געמאַכט פּלאַצן. און מיטאַמאָל — ער ווייסט ניט פאַרוואָס, צי דערפאַר, וואָס ער האָט קיין קינדער ניט געהאַט, צי איבער אַן אַנדער סיבה, איז ער צום ווייב אָפּגעקילט געוואָרן, און אַזוי ווי ער איז פון אַלעמען באַליבט געווען און ביים גאַנצן אַרום — שטאַרק אָנגענומען, אַזוי האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרדרייט, און ער האָט אַליין ניט באַמערקט, ווי די כוחות האָבן זיך אים גענומען זוכן אויסגאַנג ניט נאָר אין די ראַמען פון דערלויבטן, נאָר אויך אין דעם, וואָס ניט דערלויבט...

און דאָ האָט לוזי שטיל און מער מיט וואונקען, ווי מיט ווערטער, גע־נומען דערציילן פון דברים שבצנעה, ד״ה, פון זאַכן, וואָס צווישן מאַן און ווייב... ווי אַזוי, זייענדיק אין דער פולער קראַפט, האָט ער באַמערקט, ווי

די פּיאַטעס הייבן אים אָן ברענען און ווי אַ פֿייער הייבט זיי אָן לעקן, ווי נאָר ער קומט אין באַרירונג מיט וועמען ניט איז פֿון פּרוויאַישן מין... דאָס רוב, האָט ער געזאָגט, פּלעגט זיך דאָס אים מאַכן אויף שמחות, ווען מ'איז אויפֿגעלייגט און באַטרונקען, און ווען אַ מינדסטער ריר, אַ פֿאַרבייאייַלנדיקער בליק איז גענוג, מ'זאָל זיך צעפּלאַקערן, ווי אַ קול שטרוי, פֿון יענער תאווה, וועלכע איז פֿול מיט געפֿאַרן.

פֿיל פֿאַלן פֿון דעם מין, האָט לוזי געזאָגט, וועט ער דורכלאָזן, און נאָר וועגן איינעם — דערציילן.

ס'געווען איין מאָל אויף אַ חתונה, וועלכע איז געפּראַוועט געוואָרן אין אַ גרויס־נגידישער שטוב, וואו ס'האָבן געקלעקט גענוג חדרים אי אויף טאַנצן, אי אויף אויפֿנעמען ביי רייך־געגרייטע טישן די געסט, אי אויף אויסצוטאָן די בגדים, אי אויך, אַז מ'זאָל באַלייגן קינדער צום שלאָפֿן, ווען זיי ווערן מיד פֿון חתונה־טומל.

און אָט אויף יענער חתונה האָט זיך געטראָפֿן איינע, אַ זייער פֿריילעכע, ווי ס'גיט זיך אויס, אַזאַ, וואָס אַ גאַנצע שמחה אַמאָל, אַ גרויס־טומלדיקע חתונה באַמערקט זי, ווייל זי טיילן זיך אויס אי מיט זייער פּוץ און אָנטאָן, אי, דער עיקר, מיט זייער לעבעדיקייט, וועלכע וואַרפֿט זיך יעדערן אין די אויגן.

עפּעס האָט זי זיך לעבן אים אָפּט געדרייט, אָפּט צו אים אונטערגעקומען, אַמאָל אַ לייכטן ריר זיך געטאָן אין אים אומגערן, אַמאָל אים באַדינט און אונטערגעטראָגן ווי אַ גאַסט, און יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך ניט געריכט אויף איר, צי ביים עסן, צי ביים טאַנצן, איז זי לעבן אים אַרויסגעוואַקסן און אים געלאָזט פֿילן איר שטאַרק־באַענטקייט און חתונה־צעהיצטקייט.

זי האָט שיר אַפֿילו ניט געטאַנצט מיט אים — ניט מיט אים אַליין, נאַטירלעך, וואָס איז ניט שייך — נאָר לעבן אים, אַנטקעגן אים, גלייך ער וואָלט איר גאָר אַ נאָענטער אייגענער אָנגעקערט, ווען אין דער אמתן — נאָר אַ ווייטלעכער באַקאַנטער.

ס'האָט זיך ווידער געמאַכט, טאַקע דעם זעלבן אויפֿדערנאַכט פֿון דער חתונה, אַז ער, לוזי, האָט, ווי ס'ווייזט אויס, כדי זיך אָפּקילן פֿון געטראַנק, זיך פּלוצים געטראָפֿן אין איינעם אַ ווייטלעכן צימער, וואו ס'זיינען געשטאַנען בעטן, אויף וועלכע מידע קינדער זיינען איינגעשלאָפֿן. און ווידער פּלוצים איז אויך זי לעבן אים דאָרט אויסגעוואַקסן — אַ פֿאַרפֿאַליעטע, אַ פֿאַרפֿלאַמטע, מיט חתונה־געערוד און אַ שטאַרק־צעהיצטע, און ער ווייסט ניט ווי אַזוי זי האָט זיך צו אים צוגעשטעלט און עפּעס גאָר היימיש מיט היימישלעכע ווערטער זיך גענומען מיט אים איבערוואַרפֿן.

עפּעס האָט ער יאָ געוואוסט און ניט געוואוסט פֿון איר, נאָר מיט אַמאָל האָט זי אים גענומען דערציילן פֿון איר מאַן. און פֿון אירע רייד איז

געווען צו זען, אַז עפּעס איז ער איר ניט ניחא, און אין דער זעלבער צייט, האָט זי אים געגעבן אַנצוהערעניש, אַז ער, לוזי, איז איר זייער און זייער צום האַרצן...

און דאָ — ער ווייסט ניט, ווי אַזוי, נאָר זי האָט אים איר קאָפּ און קערפּער געלאָזט דערפילן, און ער האָט זי דערזען אַזאַ, וואָס ניט אומזיסט טאַקע האָט זי זיך פון דער גאַנצער שמחה און פונעם געסט־געזעמל אויסגעטיילט.

ער איז געווען יונג, און זי — אין זיינע יאָרן, זי האָט צו זיין ברוסט געקוקט און די אויגן ניט אויפגעהויבן, און ער האָט איר נאָענטקייט דערפילט... און מיט איין וואָרט, ניט קיין סך, ניט קיין ביסל, נאָר אַ האָר איז אָפּגעגאַנגען, אַז אין זייערביידנס שטאַנד, אין יענעם זייטיקן און פון מענטשן דערווייטערטן צימער, זאָל, חלילה, ניט געשען דאָס, ביי וואָס ס׳האָט אָט־אָט — טאַקע געהאַלטן — ביי דער העכסטער, ברענענדיקסטער עבירה.

צי אַ זייטיקער מענטש האָט, גראָד דעמאָלט דעם צימער פאַרבייגייענדיק, אַהין אַריינגעקוקט, צי אַ קינד האָט זיך אין שלאָף דורכגעוואָרפן און אַן אויג אָן עפן געטאָן, נאָר אַזוי ווי ער און זי האָבן אומבאַמערקט אַהין אַריינגעטראָפן, אַזוי זיינען זיי מיט אַמאָל, געשטערט פון עפּעס, אַרויס פון דאָרט, האַלב פאַרשעמט און איינס דעם אַנדערן אין די אויגן זיך ניט געקוקט...

אַז ער פלעגט דעמאָלט — האָט לוזי ווייטער דערציילט — קומען צו זיין רבין און זיך בעטן: מעגלעך, אַז דאָס קומט אים דערפון, ווייל ס׳איז אים אָפּגעזאָגט אין דער ברכה פון פריה ורביה[1]... ואנכי הולך ערירי — האָט ער זיך געקלאָגט — ער גייט אַרום ווי אַ פּוסטער בוים, הייסט עס, אָן בליט, אָן בלעטער און קיין פויגל נעסטן ניט ביי אים, און דערום, דענקט ער, ווערט ער באַפאַלן פון מחשבות זרות — אַז ער פלעגט זיך אַזוי קלאָגן, פלעגט אים יענער אַוודאי מיטפילן, באַדויערן, אים ווינטשעווען און אויך סגולות געבן, ווי למשל: מ׳זאָל שטעלן די בעטן אין זיין שלאָף־צימער פון צפון אויף דרום; מ׳זאָל אַלע פרייטאָג אויסרויכערן דאָס בעטגעוואַנט מיט פעדערן פון שוואַרצע האָנען; ווי אויך, ער זאָל טרינקען אַ געטראַנק פון אַ מין גראָז מיטן נאָמען „רוטאַ” אאַז”וו.

ס׳האָט אָבער ניט געפּועלט, דעמאָלט האָט זיך לוזי איין מאָל אַוועקגעלאָזט אויף ימים־נוראים צו זיין רבין, ביי וועמען ער פלעגט איבערזיצן איבער סוכות און אַמאָל אויך שפּעט אין ווינטער אַריין, ביז חנוכה, און אָט דעמאָלט, ווען ער איז ערב־ראש־השנה אַריין זיך פראַווען, ווי דער מינהג איז, און האָט זיך אויפן נייעם יאָר צעווינט אויף זיינע נויטן, האָט יענער אויף אים אַזאַ

[1] זיך פרוכפּערן און מערן.

קוק געטאָן, ווי גלייך ער גלויבט ניט אין דעם, וואָס ער וועט אים באַלד דאָ פֿאַרלייגן, אָבער דאָך וויל ער אויספּרוּוון, ווי אַ דאָקטער אַ לעצט מיטל אַמאָל ביי אַ חולה.

— בלייב אויף יום־כּיפּור — האָט יענער אַ זאָג געטאָן.

— וואָס הייסט? — האָט זיך לוזי געחידושט — ער בלייבט דאָך אַלע מאָל אויף פֿיל לענגער.

— ניין, איצט — האָט יענער אַ זאָג געטאָן פֿאַרטראַכט און פֿאַרטרויערט — צוליב מער וויכטיקערס, ווי כּסדר...

און אָט איז געקומען די נאַכט פֿון כּל־נדרי, ווען דער עולם איז פֿאַרפֿלאַמט פֿון די האַרציקע תּפֿילות, ווי תּמיד... און אָט איז מען אויף לסוף געקומען צום „אדון־עולם”, וואָס אַלע מאָל איז מען מיט אָט דער תּפֿילה מכבד די סאַמע עלטסטע און חשובסטע, מענטשן אָן אַ פֿלעק, וועלכע האָבן גאָר־גאָר אַ רייך לעבן דורכגעמאַכט... און דאָ גאָר, מיט אַמאָל, איז פֿון רבין אַ באַפֿעל געקומען: לוזי... לוזי זאָל מיט איר באַערט ווערן.

דער עולם האָט געשטוינט: אַזוי יונג, אַזוי אומדערפֿאַרן, און ווען אַלע בלוטן זיינען נאָך אין קאָך... אָבער פֿאַרפֿאַלן: באַפֿוילן — איז באַפֿוילן, און מן־הסתּם — האָט מען זיך געזאָגט — דאַרף מען אים איצט באַזונדערס מיט עפּעס אין זינען האָבן...

לוזי איז צום עמוד צוגעטראָטן און מיט אַ ציטערדיק קול די געהויבענע תּפֿילה פֿאַרן עולם אַרויסגעבראַכט: „האַר פֿון דער וועלט, דער דו האָסט געהערשט, נאָך איידער יעדער באַשעפֿעניש איז אויפֿגעקומען און אַנטשטאַנען”... ער האָט זיך געפֿילט ניט ווערט די ווערטער אַרויסצוזאָגן, אָבער דער רבי, מיטן טלית און קיטל און מיט דער שפּאַניש־געהאָפּטענער יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ, פֿריש געגאָלט לכּבוד יום־כּיפּור, וואָס איז ביי זיין זייט, לעבן עמוד געשטאַנען, האָט אים אונטערגעהאַלטן און, קוקנדיק אויף אים — אים מוט אונטערגעגעבן: נישקשה, זאָל ער...

שפּעטער, נאָך דעם, ווי מ'האָט אָפּגעדאַוונט, איז דער יינגערער עולם, ווי געוויינטלעך, אַוועק אַהיים, און אין קלויז זיינען געבליבן נאָר איינציקע, געציילטע, בראש מיטן רבין, וועלכער וואַכט און טוט דעמאָלט אַלע מאָל ניט אָפּ די ליפּן פֿון לערנען און תּהילים־זאָגן און בכלל פֿון דער פֿרום־פֿאַרכטיקער עבודה ערב דעם פֿאַרשטייענדיקן טאָג פֿון גרויסן דין.

אויף לוזי איז געבליבן. די קלויז איז, ווי דער מינהג פֿאָדערט, די גאַנצע נאַכט געווען באַלויכטן מיט דער זעלבער צאָל ליכט און לאָמפּן, ווי פֿריער, בעתן דאַווענען. קיין איין ליכט, קיין איין לאָמפּ ניט אויסגעלאָשן — נישט פֿון אויפֿן עמוד, ניט אויף דער בימה, נישט אויך די, וואָס אויף די פֿענצטער און אויף די לאַנגע טישן, וואָס אין מערב־זייט, אויף וועלכע די שטילקנאַקנדיקע וועקסענע ליכט שטייען אין זאַמד־קעסטעלעך אַריינגעשטעקט.

ס'איז שוין געווען שפּעט, פֿון פֿרומען אומהאָוועז דעם ערב יום־כּיפּור, פֿון פֿיל מאָל לויפֿן אין מיקווה, דאַווענען און פֿאַרפֿאַסטן, ווי אויך פֿון די הייסטע תּפֿילות פֿון כּל־נדרי און דערנאָך פֿון שפּעט־באַנאַכטיקן אויפֿזיין, לערנען אָדער תּהילים־זאָגן, זיינען שוין אַלע מיד־איינגעשלאָפֿן — ווער אויף אַ באַנק, ווער מיטן קאָפּ אין אַ שטענדער אָנגעשפּאַרט און ווער אויף דעם דיל, וואָס איז אַלע מאָל יענע נאַכט מיט היי און שטרוי אויסגעשפּרייט, אַפֿילו דער שטענדיק וואַכער שמש, וואָס אויף אים קומט קיין מאָל קיין שלאָף ניט... אַליין נאָר דער רבי, שוין אָנגעטאָן טלית, נאָר אינעם קיטל און אין דער יאַרמלקע, איז, ווי זיין שטייגער דעמאָלט, שטיל, איינער אַליין, צווישן די בענק אומגעגאַנגען... צוליב וואָס? כּדי ער זאָל אַמאָל איינעם, אַמאָל אַ צווייטן פֿון די אויף די בענק, אָדער אויף דער ערד ליגנדיקע, אין פּנים אַריינקוקן, און זען אַפּהיטן, ס'זאָל, חלילה מיט קיינעם אין יענער נאַכט זיך ניט מאַכן קיין נאַכט־טרעפֿעניש, ווי ס'טרעפֿט זיך!... ער פֿלעגט שוין דערקענען, און מיט אַ האַרטן פֿינגער־שפּיץ פֿלעגט ער דעמאָלט דעם וואָס מ'דאַרף נעמען וועקן און צעבערקען פֿון שלאָף.

דעמאָלט איז אויך לוזי איינגעשלאָפֿן. און פּלוצים, סאַמע אין מיטן, האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ האַנט, וואָס האָט אים גענומען איילִיק וועקן.

— ווער איז?

— ווי... — ער האָט פּלוצים דערזען פֿאַר זיך דעם רבין אַן איינ־געבויגענעם שטיין...

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין בזיון, שולד און ווייטיק, וואָס ער, וועמען מען האָט נאָר וואָס באַערט און אויסגעטיילט פֿון אַזוי פֿיל חשובערע פֿון אים, האָט באַלד, תּיכּף, טאַקע אין דער זעלבער נאַכט, באַוויזן, אַז ער איז ניט ווערט די באַערונג און אַז ער איז פֿון זיינע קאַכיקע בלוטן נאָך אַזוי ווייט באַהערשט, אַז ער האָט אַפֿילו ניט זוכה געווען, אַז אַזאַ זאַך זאָל זיך אים ניט מאַכן אין אַ מקום־קדוש, אין יום־כּיפּור, אי דאָס נאָך אין די אויגן פֿון אַזאַ עדות, ווי אַליין דער רבי.

ער האָט לאַנג דערנאָך יענעם אין די אויגן ניט געקאָנט קוקן. און, לסוף, ווען ער איז נאָך אַלע יום־טובֿים, שוין כּמעט אַ לעצטער, אין רבינס „הויף" פֿאַרבליבן און איז געקומען זיך געזעגענען, איז ער געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אָן דרייסט עפּעס צו זאָגן און ווידער עפּעס ווען פּועלן. אויך יענער האָט אויף אים געקוקט מיט באַדויערונג, ווי איינער רעדט: זעסט דאָך...

— יפֿשפּש במעשיו — האָט יענער צום סוף נאָר געהאַט אַ זאָג צו טאָן צו לוזין, וועלכער האָט, שטייענדיק פֿאַר אים, פֿיל געוויינט — זאָל ער זען אויסזוכן דאָס פֿעלערהאַפֿטע אין זיך...

— אַוודאי איז ער געדעכט געווען — האָט לוזי נאָך אַ קליינער הפסקה, ווידער פֿאַרגעזעצט פֿאַר אַברהמלען — עבירה גוררת עבירה — איין זינד, ווי באַוואוסט, שלעפּט די צווייטע, און אַז ער האָט זיך בודק געווען, האָט ער גלייך געפֿונען, אַז אויסער דער אויבנדערמאָנטער, וועלכע האָט אים געמאַכט פֿאַרשעמט און דערנידעריקט אין די אייגענע אויגן און אין די אויגן פֿון זיין רבין, ביז ניט די ווערט זיין צו עפּענען דאָס מויל און ווייטער בעטן אויף דעם, וואָס ער האָט אַזוי באַגערט — אַז אויסער יענעם, האָט ער אויסגע־פֿונען נאָך ערגערס — גאָר אַ מין גלוסטונג צו עבודה־זרה, רחמנא ליצלן. ער האָט געפֿונען, אַז זיין זיידע, דער שבתי־צביניק, באַזוכט אים צו אָפּט אין חלום, און אַז די באַזוכן רופֿן ביי אים ניט אַרויס קיין אָפּשטויס, ווי געהעריק.

ווי אַט:

אַמאָל פֿלעגט ער דערזען דעם זיידן עפּעס אויף אַ יריד אַ זיצנדיקן בעטלער... אַז ער פֿלעגט אים וועלן פֿאַרבייגיין, אַזוי פֿלעגט יענער אים פֿאַר דער פּאָלע אָנכאַפּן, אַ צי טאָן און, האַלב־שטאַמלענדיק, אויף אַ בעט־לעריש לשון אַרויסמורמלען: הנה, אַט זאָל ער זען, לוזי, אויף וואָס יענער איז איבערגעקומען — אויף אַ צעדראָשן קופּקעלע שטרוי צו זיצן און גע־צוואונגען זיין די האַנט צו פֿאַרבייגייער אויסשטרעקן און צו בעטלען אַ פֿרעמדער אויף אַ פֿרעמדן יריד. און אַז לוזי פֿלעגט זיך אין אים איינקוקן, אַזוי האָט ער דערזען: טאַקע אַ פֿרעמדער — טערקיש געקליידט, מיט גרינע פּלודערן, אין אַ גרינעם קאַזאַקין, מיט אַ הויך־רויטער יאַרמלקע, און אויך זיין לשון פֿרעמד, האַלב־יידיש, האַלב ניט, און דערביי האָבן דעם אַלטן אויך ווי פֿרעמדע טרערן געדונען, עפּעס ניט יידישע און וואָס ניט אַזוי וויינט אַן אייגענער אין אייגענעם פֿאָלק. און דאָס האָט לוזין נאָך מער אָפּגעפֿרעמדט פֿון אים און אים געמאַכט זיך אומקוקן אין אַלע זייטן, זען, צי באַמערקט אים ניט קיין זייטיקער אין דער נאָענטקייט פֿון אַט דעם, וואָס ער וואָלט ניט גערן געווען, מ׳זאָל אים זען...

— יהודי — האָט יענער אַלע מאָל מיט אַ ניט־יידישער אויסשפּראַך די אַלט־יידישע ווערטער אַרויסגעשטאַמלט — מזרעו של ישראל... בשמי ובשם אביך... — אַ ייד הייסט עס, וואָס שטאַמט פֿון ישראל... אין מיין נאָמען און אין דיין פֿאָטערס נאָמען... בעט איך, זאָלסט אויף מיין פֿאַר־וואָגלטער נשמה בעטן...

דערביי האָט ער ווידער האַלב־קאַלטע עובר־בטלדיקע טרערן פֿאַרגאָסן, וואָס, דעם אמת געזאָגט, פֿלעגן זיי ביי לוזין דאָס רחמנות דערוועקן.

אַזוי אַמאָל אויף אַ יריד — אַן אַלטן אָפּגעפֿאַרענעם בעטלער. און אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט ער אים זען נאָך יונג, אין סאַמע ברען פֿון זיין פֿאַר־

פירטקייט, ווען ער איז צו דער „קאַט" צוגעשטאַנען און זיך נאָך איר רייס־וואַגן געלאָזט לויפֿן.

ט'איז אַ גרויסע האַנדלס־ און האַפֿן־שטאָט, אַ מין סטאַמבול. לוזי זעט אַ גרויסן פּלאַץ פֿאַר אײנעם אַ פּאַלאַץ, אויף וועלכן ס'האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַ גרויסער המון; און וואו צווישן דער גרויסער ענגעניש דערזעט ער אויך אים, זיין זיידן. דער עולם — אין גרויסן יום־טוב אָנגעטאָן: סיי ווייבער, סיי מאַנצבילן — אין די טייערסטע מלבושים, שטייען און, וואַרטן, מיט די אויגן צום פּאַלאַץ געווענדט, פֿון וואַנען ס'דאַרף זיך באַווייזן, אַליין דער פֿאַרערטער זייערער, ווען זיי גאַרן צו באַגעגענען אין גרויס ערע און אין יובל.

און אָט באַווייזט ער זיך, אַרומגערינגלט פֿון זיינע גאָר נאָענטע, פֿון זיינע זיבן תּלמידים, „די זיבן רערן פֿון דער מנורה", ווי זיי האָבן זיך גע־רופֿן, מ'דערזעט אים, און מיט אַמאָל טוט דאָס גרויסע פֿאָלק, וואָס פֿאַרן פּאַלאַץ פֿאַרזאַמלט, אין איין פֿאַל און מיט קולי־קולות אויסשרייען: אדוננו, מאור עינינו — שייך אונדזערע, האַר אונדזערער! — משיח בן דוד — גאָט געשיקטער אויסלייזער!... מ'פֿאַלט צו דר'ערד, מ'קושט דעם שטויב, וואו מ'שטייט אַליין, און, וואָס ס'דאַכט זיך זיי, די פֿאַרערער, אַז ער, זייער פֿאַר־ערטער, האָט דאָ ווען אַמאָל געטראָטן, אָדער וועט ווען שפּעטער טרעטן.

און מיטאַמאָל פֿאַרשווינדט דער עולם, ווי אויך דער, וואָס האָט זיך פֿון פּאַלאַץ אַרויסקומען באַוויזן, און ער, לוזי, דערזעט זיין זיידן אײנעם אַליין, ווי ער ליגט נאָך אַלץ אויף זיין אָרט, אויף וועלכן ער איז פֿריער אַנידער־געפֿאַלן. ער קניט, קושט די ערד, קריכט און קושט דעם גאַנצן פּלאַץ, אויף וועלכן פֿיל אַנדערע האָבן געטראָטן, און קריכנדיק פֿון אָרט צו אָרט, קומט ער לסוף אַהין, וואו דער פֿון פּאַלאַץ געקומענער איז געשטאַנען, און ער ליגט דאָרט לאַנג, און קאָן זיך נישט אָפּרייסן פֿון יענעם הייליקן פֿאַר אים שטויב צו לעקן, ביז לסוף, ווען ער שטעלט זיך שוין אויף פֿון קניען, זעט ער אויס אַזוי, אַז שענער זעט אויס אַ מענטש פֿון זומפּ אַרויסגעקראָכן.

און זע, יעדעס מאָל, ווען לוזי פֿלעגט אים דערזען נאָך יענער שענד־לעכקייט, איז נישט הערנדיק נאָך קיין וואָרט פֿון זיידן, נאָר זעענדיק אים אַ באַשמוצטן, אַזוי פֿלעגט זיך אין דער האַנט ביי אים ווייזן אַ וואַש־כּלי, אַ מין קוואַרט, אויף וועלכער ער פֿלעגט אָן אַ וואָרט צו זאָגן, יענעם אויף איר מיט אַ וואונק אָנווייזן, און יענער פֿלעגט אונטערקומען און לוזי פֿלעגט אים אויפֿגיסן, ווי אַ לוי אַ כּהן צום דוכענען... וואָס דאָס האָט געהייסן: — אַז, פֿאַר אַלעמען, אײדער ער וועט נעמען מיט יענעם עפּעס ריידן, אים אויסוואַרפֿן, און אים באַשולדיקן, וויל ער אים זען אַ געזויבערטן, וואָס אין דעם אַליין שטעקט שוין אַ שטיק מחילה און אַ גוט־גענויגטקייט צו אָן אײנעם,

צו ווען מ׳טאָר זי ניט אַרויסווייזן און וואָס בכלל דאַרף יעדער פּאָדעם מיט אַזוינעם אומברחמנות איבערגעריסן ווערן — ווי, ווי...

אַז ער האָט שפּעטער אויך וועגן דעם דערציילט זיין רבין, האָט יענער שוין פאַר אים בלויז נאָך איינעם אַ טרויעריקן בליק פאַרמאָגט און ניט מער געהאַט צו זאָגן, ווי:

— וואָס הייסט עס? זאָל ער זיך אומקוקן, לוזי און זען, ווען ער האָט פאַר אַ שותּף הינטערן רוקן.

לוזי האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אומקוקנדיק. ער האָט פאַרשטאַנען, ווען יענער מיינט... ער האָט זיך צעוויינט:

— פאַרוואָס קומט עס אים? — האָט ער אין געוויין געטענהט — אין דער יוגנט אַן אובד־דרך — אַ מענטש אָן אַ וועג, הייסט עס, דערנאָך איז ער, אַ דאַנק דעם, פאַר ווען ער שטייט אַצינד, אַרויף אויפן ריכטיקן, און איצט האַלט ער אים ווידער ביים פאַרלירן. פאַרוואָס קומט עס אים?

— אפשר דערפאַר — האָט יענער אַ זאָג געטאָן — וואָס את אשר יאהב יוכיח — וואָס ווען מ׳ליבט מער, דעם שטראָפט מען מער.

— איז וואָס זאָל ער טאָן, אַז ער זאָל ניט אַזוי געליבט זיין — האָט זיך ביי לוזין אַ נישט פאַרזיכטיק וואָרט אַרויסגעכאַפּט — לא הן ולא שכרן — ער וויל ניט די יסורים און ניט דעם שכר פאַר זיי.

— אַזוי! — האָט יענער אַ זאָג געגעבן אין גרויס ירגזון — איז זאָל ער טאָן, וואָס איובס ווייב האָט געראָטן איר מאַן: ברך אלהים ומות — שעלט גאָט, וועסטו שטאַרבן און פאַרשפּאָרן ליידן.

לוזי איז אַרויס אַ צעבראָכענער, ווי איינער, אויף ווען מ׳וואָלט מיט דער האַנט אָוועקגעמאַכט און פאַר ווען ס׳געפינט זיך ניט קיין שום מיטל מ׳זאָל אים זיין אָרעם מזל דערלייכטערן.

צו יענער צייט — האָט לוזי נאָך אַ קליינעם איבעררייס ווידער גע־נומען דערציילן וועגן איינער אַ טרעפּעניש, וואָס האָט אים, ווייזט אויס, זייער געדריקט — צו יענער צייט האָט ער זיך באַקענט אין זיין שטעטעלע, וואו ער האָט געוואוינט, מיט איינעם אַ שמערל באַס, פון דער ליטע געקומען; אַ גרויסער בר־אורין — אַ למדן — וואָס חוץ דעם איז ער אויך געווען פול מיט וועלט־קענטעניש. ער האָט קיינעם אין שטעטעלע ניט געהאַט קיין מבין אויף זיך, אויסער דעם פריץ פון שטעטל, דער אייגנטימער אויך פון פיל דערפער אַרום, וואָס חוץ זיין רייכקייט האָט ער נאָך געהאַט לוסט און פאַרשטענדעניש פאַר לערן־זאַכן, צו וועלכע ער פלעגט זען צוציען אַמאָל אַ גלח, אַמאָל אַן אַנדער באַהאַוונטן אין יענע ענינים, מיט וועמען ער פלעגט זיך טיילן. ער איז זיך צונויפגעגאַנגען אויך מיט אָט דעם שמערלען, וואָס דערפון, אַגב, איז דעם שטעטעלע ניט איין טובה אַרויסגעקומען: ווען מ׳האָט

באַדאַרפֿט עפּעס פּועלן ביים פֿריץ, האָט מען דאָס אַלע מאָל דורכגעמאַכט דורך שמערלען, ווען מען דער פֿריץ, האָט גרויס ערלעך געהאַלטן, און נישט דורך קיין אַנדערן, וועמען יענער האָט אין פֿיל פֿאַלן געקענט אָפּזאָגן.

גוט און וואויל. דאָך איז אָט דער שמערל דעם שטעטעלע נישט געווען געפֿעלן. כאָטש ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַלע, הן אין שטוב, הן אין גאַס, הן אין גאָט־זאַכן, הן בין אָדם לחברו, ווען ער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרוי־סע וותּרנישע האַנט צו יעדן נויט־באַדערפֿטיקן; אָבער אַזוי ווי ער איז ניט געווען געהיט אין אייניקע מינהגים, וואָס זיינען, אַגב, ניט ביי אַלע יידן, אַלץ איינס אָנגענומען, האָט מען אים שוין געגומען אונטער פֿאַרדאַכט, און געוויסע לייט, ניט אַזוי גאָט־פֿאַרכטיק, ווי בלויז פֿאַרביסענע קנאים, האָבן אים אין מויל גענומען, צו קאָנען דערציילן אַזוינס, וואָס קיינער האָט באמת ניט געזען, נאָר וואָס יענע האָבן געוואָלט פֿאַרזיכערן צו האָבן געזען; ווי, למשל, אַז ער פֿאַרברענגט מיטן פֿריץ בגלוי ראש, אָן אַ היטל, הייסט עס, וויניק: ער נעמט אָנטייל אין די סעודות באַגלייך מיט אַלע גוייִשע געסט, פֿאַר וועלכע ס׳ווערן אויפֿגעגעבן מאכלים פֿון הוילע טרפֿות, און נאָך, און נאָך...

ס׳איז פֿאַרגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַלע יום־טובים, ווען דער עולם איז אויפֿגעלייגט און באַטרונקען, פֿלעגן אין שמערלס פֿענצטער אַריינטרעפֿן שטיי־נער, פֿון געוויסע לייטס הענט געשליידערט.

און נאָך אַמאָל: כאָטש ער האָט צו קיינעם פֿון די שטעטל־לייט נישט באַדאַרפֿט אָנקומען, מחמת זיינע געשעפֿטן, וועלכע ער האָט געשלאָסן מיטן פֿריץ, זיינען אים גוט געגאַנגען, און אַנדערע צו אים האָבן יאָ באַדאַרפֿט, און אָנקומענדיק צו אים, האָט קיינער קיין מאָל ניט באַקומען אָפּגעזאָגט אין שטיצע; און כאָטש זיין גוטסקייט האָבן אָפּט אויסגענוצט אַפֿילו פֿיל פֿון די, וועלכע האָבן אונטער אַ יום־טוב געהאַלטן אָנגעגרייט אַ שטיין פֿאַר זיין שטוב, און וואָס נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט דערפֿון געוואוסט — אַלנפֿאַלס, זיך געשטויסן — האָט ער זיך געמאַכט כלא־ידע, גלייך ער ווייסט ניט, כדי זיי ניט צו פֿאַרשעמען אין זייער נויט, וואָס דערפֿון האָט מען זיך געמעגט עפּעס לערנען... דאָך איז דאָס ניט אַזוי געווען. נעמען, אָנקומען צו אים אין אַן עת־צרה פֿאַר זיך אָדער פֿאַרן גאַנצן שטעטל — דאָס יאָ, אָבער וואָס געהער געוויסע חומרות, וועלכע יענע האָבן געהאַלטן פֿאַר גרויס וויכטיק, איז דאָ זיינען ניט שייך קיינע מחילות.

ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען אָט דער שמערל האָט באַדאַרפֿט אַ שידוך טאָן מיט זיין איינציקן זון, וועלכן ער האָט זייער ליב געהאַט, און דער זון — אים, האַלטנדיק זיך איינס, כמעט נפֿש אחת — איז דערגאַנגען דערצו, אַז ניט נאָר דאָס שטעטעלע אַליין האָט זיך ניט געוואָלט מיט אים משדך זיין, נאָר מ׳האָט נאָך צעלאָזט זיין שלעכטן שם אויף דער גאַנצער

סביבה אַרום, אַז נישט נאָענט און נישט ווייט זאָלן דערויף ניט איינגיין, און ער איז געווען געצוואונגען פֿאַרן זוכן אַ כּלה, אַ פֿרוי פֿאַר זיין זון, אַזש אין אויסלאַנד.

דעמאָלט האָט אָט דער שמערל איין מאָל זיך אַרייַנגעשטעלט צו אים, לוזין, זיך אויסריידן און אויסלייגן זיינע טענות צו דער שטאָט, דערוויזנדיק, אַז אַלץ, וואָס מע האָט קעגן אים אויסצושטעלן, איז פּוסט און אָפּגעפֿרעגט, און אַז מיט זיין קליין ביסל אָפּנייג פֿון דער כּלומרשט אַלגעמיינער אויפֿפֿירונג רירט ער ניט אָן קיין מינדסטן פּרט פֿון דער אמונה, און אַז דאָס, וואָס ער רירט יאָ אָן, איז ניט מער ווי שפּינוועבס, וואָס האָט זיך לויט זיין מיינונג, אָנגעקליבן אין אַ טונקל ווינקל; והאָ־ראיה: באַוואוסטע גדולים האָלטן אויך, ווי ער, ווייל אינדערואמתן האַנדלט זיך דאָ וועגן גאָר־גאָר קלייניקייטן, מער וועגן זאַכן, וועגן וועלכע ס׳לאָזט זיך זאָגן אי יאָ, אי ניין, און אַלנפֿאַלס קומט ניט דערפֿאַר עוקר מן השורש זיין, ווי למשל, דער מינהג פֿון כּפּרה־שלאָגן, וואָס אָט איז אַ ר׳ שלמה קלוגער אויך קעגן דעם...

דעם אמת זאָגנדיק, האָט לוזי זיך געשטעלט אויף יענעמס צד און דערמיט האָט ער אַרויסגערופֿן גרויס צאָרן ביי געוויסע לייט, וועלכע זיינען אויף אים אָנגעפֿאַלן, ווי אויף אַ שותּף פֿון יענעמס אַפּטריניקייט, שרייענדיק: — ס׳טייטש, ווי האָט ער, לוזי, אַזאַ ווי יענעם, גאָר אויף דער שוועל אַרויפֿגעלאָזט, אַז, גוואַלד־געשריגן, אַז אַפֿילו אַליין זיין אָטעם איז פֿאַרפּעסטעט.

זעענדיק דערנאָך, אַז אויך די שנור, וועלכע אָט דער שמערל האָט אַראָפּגעבראַכט, איז ניט אַזאַ, וועלכע זאָל זיך וועלן קעגנשטעלן קעגן איר שווערס און מאַנס ביז־אַהעריקער הנהגה און זי דענקט זיי ניט אויסבעסערן און אויף אַ מער בעסערן וועג אַרויספֿירן — זעענדיק דאָס, האָט זיך דער צאָרן פֿון יענע לייט נאָך מער צעפֿלאַקערט, זאָגנדיק, אַז ס׳שטייט פֿאַר אַ גרויס געפֿאַר, דאָס גאַנצע שטעטל זאָל, חלילה, ניט אַוועק מיטן פֿייער, וואָס יענער האָט אָנגעצונדן.

ס׳האָט געטראָפֿן אַן אומגליק, אַז באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך אָט דעם שמערלס זון אַוועקגעלייגט קראַנק און אַוועקגעשטאָרבן. חברה קדישא האָט געפֿאָדערט אַ גרויסע סומע פֿאַר קבורה, מיינענדיק דאָ ניט אַזוי דאָס געלט, ווי נאָר, אַז יענער וועט זען, אַז מ׳וויל אים אָנטאָן בזיון, וועט ער זיך מער עקשנען און דעמאָלט וועט ער אים טאַקע באַקומען, דעם בזיון. ס׳איז אויך אַוודאי ניט געגאַנגען אין געלט דעם פֿאָטער, וואָס דער זון איז געווען זיין איינציק אויג און אַנהאַלט אויף דער וועלט, נאָר אין דער אַכזריות, וואָס מ׳שטעלט זיך ניט אָפּ פֿון צו מבייש זיין זיין מת. מ׳האָט זיך געדונגען אַ טאָג און מער. ס׳איז געווען זומער. און לסוף איז ער איינגעגאַנגען, און דערפֿאַר, ווייזט אויס, פֿון גרויס אַנגסט, איז אים דאָס האַרץ פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן און אַז מ׳איז געקומען אויפֿן „פֿעלד״ און מ׳האָט דעם מת אַראָפּגע־

לאָזט אין קבר און זיך געווענדט צום פּאָטער, ער זאָל זאָגן „קדיש“, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט — צו גלויבן, אַז בלויז פֿון צער, צוזעענדיק ווי דאָס טייערסטע איז ביי אים צוגענומען געוואָרן, און דערפֿאַר איז ער געבליבן פֿאַרשטומט און דאָס מויל האָט זיך אים ניט געעפֿנט צו באַרעכטיקן דעם דין, ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל. ס׳האָט געמוזט זאָגן אַן אַנדערער, אַ שמש פֿון חברה קדישא.

יענעמס פֿאַרצווייפֿלונג איז דערנאָך דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נאָך דעם, ווי די שנור איז צוריק אַוועק צו אירע עלטערן און זיין שטוב איז געבליבן אָן קינעם, האָט ער גענומען אומגיין גאַנצע טעג פֿון איין חדר אין אַנדערן, דערנאָך האָט ער זיך באַגרענעצט נאָר מיט איינעם, אין וועלכן ער האָט אומגעשפּאַנט אין אַלכסון פֿון ווינקל צו ווינקל, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט און ניט וועלנדיק הערן פֿון קיין שום געשעפֿט און קיין משא־ומתן, מיט וועלכע ער האָט זיך פֿאַרנומען ביז אַהער... און דער סוף איז געווען גאָר אַ שלעכטער — אַזאַ, וואָס באַהיט גאָט: מ׳האָט אים איין מאָל געפֿונען אָן אויפֿגעהאָנגענעם ביי זיך אויפֿן בוידעם.

יענע געוויסע לייט האָבן זיך אויך אָפּילו דאָס מאָל דאָס האַרץ ניט געקילט, זאָגנדיק! נו, יאָ, אַ מאבד עצמו לדעת — ער האָט טאַקע ניט פֿאַרדינט, ווי אַ קרוק אויף אַ באַלעק... אַ שיינע, ריינע כפּרה... און ער, לוזי, איז, דאַכט זיך, געווען דער איינציקער, וואָס איז נאָך זיין לוויה נאָכגעגאַנגען.

אַז מען האָט אים דערנאָך פֿאַרמסרט פֿאַר זיין רבין און אַז ער האָט וועגן דעם אַליין אויך דערציילט, נישט וועלנדיק אויסבאַהאַלטן, איז יענער אַרויס קעגן אים מיט גרויס קפּידה און אַ זאָג געטאָן: נו, יאָ... דער רבונו־של־עולם און שמערל... ער האָט זיך שיין אויסגעקליבן...

דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער דאָס מאָל דעם רבינס קפּידה ניט געפֿילט און זי איז אים ניט אָנגעגאַנגען, ווייל זינט ער איז צוגעשטאַנען צו אים און אים געהאַט פֿאַר אַ מורה־דרך, האָט ער דאָס ערשטע מאָל מיט זיין דעה ניט איינגעשטימט.

פֿון דעמאָלט אָן האָט ער, אַלס עונש, אַ פּנים, אָט דעם שמערלען גע־קראָגן אַלס באַגלייטער, ווי איינעם, וואָס איז צו זיין זייט צוגעוואָקסן.

און אָט אַ פּאָר ביישפּילן. ס׳געווען איין מאָל אַ דאָנערשטיק ביינאַכט, ווען לוזי איז אויפֿגעוועןן אין קלויז צום לערנען, ווי ער פֿלעגט זיך אַלע מאָל נוהג זיין דאָנערשטיק אַנטקעגן פֿרייטיק. שוין שפּעט... אַלע לערנער איינ־געשלאָפֿן, און נאָר ער איינער איז געזעסן ביי זיין שטענדער מיט דער ליכט אין האַנט צו באַלויכטן דעם ספֿר, וואָס פֿאַר אים. אויך ער האָט שוין גע־האַלטן ביי איינשלאָפֿן, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט און ניט געוואָלט דעם

קאָפּ פאַרלירן, אַרום און אַרום פינצטער, און פּלוצים האָט ער דערזען, ווי צוויי מענטשן האָבן זיך אויף דער שוועל פון דער טיר פון קלויז באַוויזן — נישט צו מערקן, ווער זיי זיינען, נאָר יאָ צו מערקן, אַז ביידע האָבן זיך פון מערב צו מזרח געלאָזט, און אַז צוקומענדיק צום אָרון־קודש, האָט איינער צום פּרוכת זיך צוגעבויגן און אים אַ קוש געטאָן, און דער צווייטער — ניט.

דעמאָלט האָבן זיך ביידע געלאָזט צום אָרט, וואו לוזי איז ביי זיין שטענדער געזעסן, און דער, וואָס האָט נישט געקושט דעם פּרוכת, איז צו אים נאָענט צוגעטראָטן, און גלייך אַן אורח, וואָס איז פון דער פרעמד געקומען, האָט אים אַ האַנט אויף שלום אויסגעשטרעקט: — שלום, — האָט ער געזאָגט. — עליכם — האָט לוזי געענטפערט, נאָך כמעט ניט זעענדיק דאָס פּנים פונעם אורח.

און מיט אַמאָל: — זע, שמערל — האָט ער אַ זאָג געטאָן אי היימיש, אי מיט חידוש, — יאָ — האָט יענער געענטפערט, און האָט דערוויל דעם צווייטן, מיט וועמען ער איז געקומען הינטער די פּלייצעס נאָך פאַרשטעלט געהאַט און אים פאַר לוזין ניט געלאָזט אָנזען.

— וואָס מאַכט ער און פון וואַנען קומט ער? — האָט לוזי געפרעגט.

— וואָס הייסט, פון וואַנען? פון דאָרט! — האָט יענער געענטפערט, און לוזי האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס דאָס וואָרט באַטייט, אַז פון יענעם עולם, הייסט עס... און זע אַ וואונדער: ער האָט זיך ניט געשראָקן, גלייך ער וואָלט געהערט, אַז יענער קומט פון אַ צווייטער שטאָט, אָדער פון אַ גאַס אַ צווייטער פון דער זעלבער שטאָט.

— נו, און ווער איז דער צווייטער, וואָס מיט אים? — האָט לוזי אַ פרעג געטאָן נישט מיט ווערטער, נאָר ווי ווייזנדיק מיט אַ וואונק אויף יענעם, וואָס איז האַלב פאַרשטעלט אונטער שמערלס רוקן געשטאַנען.

— אָט — האָט שמערל זיך עטוואָס פון זיין אָרט אַ רוק געטאָן, כדי צו מאַכן מער אָנזעעוודיק דעם צווייטן.

— שלום — האָט אויך דער צווייטער אַ האַנט אויסגעשטרעקט.

— עליכם — האָט לוזי געענטפערט, און האַלטנדיק יענעמס האַנט אין זיינער, און דערזעענדיק אים נעענטער, האָט ער זיך שוין דאָס מאָל יאָ דערשראָקן. פאַרוואָס? — ווייל ער האָט דערזען זיך אַליין, זיין אייגן געשטאַלט, אָט ווי ער איז אָנגעטאָן, אין דער זעלבער קאַפּאָטע, אין זעלבן היטל, מיט אַלץ און מיט אַלעמען, אַקוראַט ווי ער — זיין דאָפּל...

— וואָס הייסט עס? — האָט ער ווידער מער מיטן וואונק, ווי מיט וואָרט ביים ערשטן, ביי שמערלען, אַ פרעג געטאָן, זיך ווענדנדיק נאָך דערקלערונג.

— דאָס, וואָס ער זעט — האָט יענער געזאָגט, שמייכלענדיק, גלייך ס'זאָל זיך האַנדלען וועגן גאָר געוויינלעכס, וואָס דאַרף קיין חידוש ניט אַרויס־

רופֿן. — וואָס חידושט ער זיך ? — האָט ער געזאָגט — ער, שמערל, מיט אים, לוזין, האָבן, דאַכט זיך, בשלום געלעבט, זיך נישט געקריגט און איינס צום צווייטן נישט געהאַט גאָרנישט — אויף דער וועלט. נו, איז צי האָט ער עפּעס קעגן דעם, אַז זייער חברותא זאָל זיך ציען און אָנהאַלטן אויך דאָרט ?

— ניין — האָט לוזי האַלב מיט ווילן, האַלב אומווילִיק געענטפֿערט.

— ניט ? איז אָט : איז ביז וואָס, ווען, ביז לוזי געפֿינט זיך דאָ, גייט ער, שמערל, דאָרט אום מיט זיין דאָפּל, מיט וועלכן ער פֿילט זיך, ווי מיט לוזין אַליין, אין אַלעם איינִיק, איינשטימיק און קאָנטעט, אויסער וואָס מע צעגייט זיך אַמאָל אין קלייניקייטן, ווי אָט, וואָס יענער קושט, לאָמיר זאָגן, יאָ דעם פּרוכת, און ער, שמערל, נישט — צו קיינעמס, דאַכט זיך, ניט שאָדן. האָ ? צי אפֿשר האָט פֿאָרט לוזי עפּעס קעגן ?

— ניין — האָט לוזי נאָך אַמאָל דעם זעלבן ענטפֿער איבערגעחזרט, און דערביי האָט ער, אי מיט פּחד, אי נייגעריק, געקוקט אויפֿן צווייטן, אויף זיין דאָפּל, וועלכן ער האָט פֿריער גאַנץ קלאָר פֿאַר די אויגן געהאַט, אָבער וואָס איצט האָט ער אים גענומען, ווי אַ לייכטער נעפּל צערינען און פֿאַרשווינדן.

— נו, און ווי גייט עס אים דאָרט ? — האָט לוזי, זיך אָפּקערעווענדיק פֿון צו קוקן אויפֿן צווייטן, ווידער צום ערשטן זיך געווענדט.

— ווי דאָ, — האָט יענער שמייכלענדיק געענטפֿערט.

— טאַקע ? — איז לוזי פֿון יענעמס לייכטזיניקייט באַהערשט געוואָרן און האָט גענומען אויך כמעט מיט שפּאַס זיך דערפֿרעגן וועגן זאַכן, וועגן וועלכע ס׳איז כּלל וכלל ניט צו שפּאַסן. — און וואָס איז מכּוח גיהנום, וואָס זיינע קעגנערס האָבן אים דאָ פֿאָרויסגעזאָגט פֿאַר זיינע שלעכטע געגנג און ניט־רעכטפֿאַרטיקע מעשים, פֿאַר וועלכע מ׳גיט דאָרט ניט קיין האָניק ?

— דער גיהנום — האָט יענער זיך צעוויצלט — פּוסטעוועט, איז אויס־געלאָשן, ער ברענט ניט, בראָט ניט און בריט ניט.

— ניט ? — האָט לוזי אַ פֿרעג געטאָן — און מיט אַמאָל האָט ער דער־פֿילט אַ שטאַרקן ברי אין דער האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן די ליכט צו באַלויכטן דעם ספֿר, וואָס אויף זיין שטענדער... און דאָ האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, וואָס איז, ווייזט אויס, ווי אַלע לערנער אים באַפֿאַלן, און ער האָט דערזען, ווי דאָס ליכט האָט זיך אָנגעבויגן, טריפֿט, קאַפּעט און אַז אָט־באַלד, אָט־באַלד וואָלט דאָס פֿייער דעם ספֿר, וואָס פֿאַר אים, דערלאַנגט און אָנגעצונדן.

...ער האָט זיך די אויגן אויסגעריבן, און, נאַטירלעך, יענע ביידע שוין ניט געהאַט פֿאַר זיך — נישט דעם ערשטן, נישט דעם צווייטן. און זע, ווידער אַ וואונדער : ניט נאָר ס׳איז אים אויפֿן האַרצן ניט שווער געווען נאָך יענעם

באַזוך אין אַזאַ אָרט, אין אַזאַ צייט, אין קלויז, ביינאַכט, ביים לערנען, וואָס דאַרף דינען גאָרניט פֿאַר קיין גוטן סימן, נאָר פֿאַרקערט, ער האָט זיך געפֿילט לייכט, אויפֿגעלייגט, ווי ס׳וואָלט זיך ניט געפֿונען קיין איין ווינקעלע אין האַרץ, וואָס זאָל זיין פֿאַרנומען פֿון מרה־שחורה און פֿון שווערן נאָכ־דענקען... אַדרבא: ער האָט זיך נאָך דעם גענומען צום לערנען מיט מער התמדה, ווי גלייך נאָך זייער און זייער אַ געגאַרטער באַגעגעניש.

און אָט איז אַ צווייטער פֿאַל, אַ לעצטער פֿון פֿיל, אויף וועלכע לוזי וויל זיך ניט אָפּשטעלן, ווייל ס׳וואָלט אים צו וייט פֿאַרפֿירט.

ס׳איז געווען, ווען זיין רבי, זיין מורה־דרך, האָט שוין געהאַלטן ביים סוף: קראַנק, געשוואָלן, און ווען דאָס געשווילעכץ האָט אים גענומען אונ־טערקומען פֿונעם בויך צום האַרצן, וואָס דערפֿון האָט אים דאָס פּנים אויס־געזען געל און אויפֿגעיוירט.

ס׳איז געווען יום־טובים־צייט, ווען ער, לוזי, ווי פֿיל יענעמס אָנהענגער און מקורבים זיינען זיך פֿון אַלע עקן צונויפֿגעפֿאָרן, ניט ווי אַלע מאָל גלאַט אויף יום־טוב, נאָר היינט מיט אַ באַזונדער מיין — צו געזעגענען זיך מיט אים, ווייל מ׳האָט געוואוסט, אַז זיין סוף איז נאָענט.

ס׳זיינען אַריבער די ימים־נוראים, אויך סוכּות. און אָט איז שמחת־תּורה, צו הקפֿות, ווען פּלוצים האָט זיך אין דער פֿול־געפּאַקטער קלויז דער־הערט אַן אויסגעשריי: „מאַכט אַ וואַרע!‟ און מ׳האָט דעם רבין אַריינגעבראַכט פֿון שטוב אין קלויז אויף זיין בעטל, אויף וועלכן ער האָט שוין נישט גע־קאָנט ניט זיצן, און פֿון דעם די פֿיס ניט אַראָפּשטעלן.

ס׳איז געווען נאָך אַ טאָג, ווען דער עולם האָט פֿיל געטרונקען, ווייל פֿון קראַנקן אַליין האָט זיך אַ באַפֿעל באַקומען: נישט קוקן אויף גאָרנישט... שמחת־תּורה... און זאָלן זיך יידן פֿרייען...

מ׳האָט אים אַריינגעטראָגן אַ שווער־אָטעמדיקן, מיט אַ האַרט־געשטעכל־טער באָרד, מיט האַלב־צוגעשלאָסענע אויגן... דעמאָלט האָט מען תּיכּף אַ דאַוון געטאָן מעריב און באַלד איז מען צוגעטראָטן צו פּראַווען די הקפֿות. נעמענדיק אין אַכט דעם מצב פֿונעם קראַנקן, ווען מ׳האָט ניט געטאָרט האַלטן לענגער צווישן עולם.

און אָט האָט מען געעפֿנט דעם אָרון־קודש, און דער שמש האָט גענומען אויסרופֿן, ווי געוויינטלעך, די נעמען פֿון יענע, וועמען מ׳איז מכבד מיט דער ערשטער הקפֿה.

— אַלוף התּורני, אַדמו״ר... — האָט דער שמש, נאַטירלעך, צום אַלעם ערשטן אויסגערופֿן דעם נאָמען פֿון רבין, און מ׳האָט דעם ערשטן אַרויסגע־נומען ספֿר דערלאַנגט אים, מיטן מיין, נישט ער זאָל אַנטייל נעמען, ווי אַלע אויסגערופֿענע, אינעם גיין און דרייען זיך אַרום דער בימה, וואָס דאָס

איז, אין זיין שטאַנד, זיך ניט געווען פֿאַרצושטעלן, נאָר געמיינט האָט מען: ער זאָל, אויפֿן בעטל זיצנדיק, דעם ספֿר אין די הענט נעמען, מ׳זאָל אים קומען צוזאווינטשעווען און ער זאָל ענטפֿערן מיטן זעלבן — מיט וואונטש.

ס׳איז אָבער ניט אַזוי געווען. ווי נאָר מ׳האָט אים דעם ספֿר דערלאַנגט, אַזוי האָט ער ניט נאָר זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן בעטל, נאָר ער האָט אויך די פֿיס אַראָפּגעשטעלט און האָט זיך אַנטקעגן געלאָזט מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום ספֿר... אייניקע, גאָר אַלטע, חשובֿע לייט, מקורבֿים, זיינען צו אים צו, טענהנדיק, אַז ס׳ניט רעכט, מ׳טאָר ניט, מורא האָבנדיק, אַז ס׳זאָל חלילה, זיך ניט טרעפֿן מיט אים אַליין און מיטן ספֿר, וואָס ער וועט האָבן צו האַלטן אין די שלאַבערדיקע הענט...

ער האָט אָבער ניט דערלאָזט קיין טענות: וואָס איז ער, און ווער איז ער, — האָט ער געזאָגט — אַז אין אַזאַ טאָג, ווען יידן פֿרייען זיך, זאָל ער זיינע קראַנקע — אָפּגעטראָגענע און געשוואָלענע פֿיס זשאַלעווען.

ס׳האָט ניט געהאָלפֿן דאָס בעטן זיך און ווערלן אָפּריידן. און אָט האָט זיך, באין ברירה, דער חזן געשטעלט פֿון זיין רעכטער זייט, דער גבאי פֿון דער לינקער, אַלע דריי מיט די ספֿרים אין די הענט, און דער חזן האָט אַ געשריי געטאָן: אָנא ה׳ הושיעה נא — העלף, גאָט, באַגליק גאָט... און מ׳האָט זיך גענומען לאָזן שפּאַנען מיט די ספֿרי־תּורות אַרום דער בימה, אַ ראָד און קיילעכיק, ווי געוויינטלעך.

דער עולם, וואָס האָט דעמאָלט איבערגעפֿולט די קלויז ביז אַריבער די ברעגעס, ביז די טירן, ביז די שוועל־פֿענצטער, אויף וועלכע מ׳איז געשטאַנען, איינס אין אַנדערן צונויפֿגעדריקט און איינער אין צווייטנס גאַרטל זיך אָנ־האַלטנדיק — האָט געגאַפֿט, קוקנדיק אויף דעם, וואָס גייט צווישן חזן און גבאי אין דער מיט אַריינגעשטעלט, אַזוי קראַנק, אַז מ׳האָט ניט געוואוסט, צי וועט ער אָט באַלד, באַלד אַפֿילו נאָך איינעם, נאָך אַ צווייטן טראָט קאָנען מאַכן.

ער אָבער איז מיטגעגאַנגען. מערער: ווי דער עולם האָט, קוקנדיק אויף אים, די אויגן ניט אָפּגעריסן פֿון זיינע פֿיס־טריט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, אַזוי האָט מען פּלוצים באַמערקט, ווי ער האָט אויך גענומען טאַנצן... די אַלטע, ליבע געוואוינטשאַפֿט צו פֿרייען זיך אין יענעם טאָג, שמחת־תּורה, בעת די הקפֿות, האָט זיך אין אים איצט דערוועקט, און דאָס האָט אים געמאַכט פֿאַרגעסן, וואו ער האַלט, און אים כּוח געגעבן, ניט נאָר ער זאָל זיך אַליין לייכט באַוועגן, נאָר אויך מאַכן באַוועגן אַנדערע. זעענדיק וואָס ער טוט און וועלנדיק אים נאָכטאָן, שישו ושמחו בשמחת תּורה — האָט מען פֿון זיינע ליפּן אַראָפּגעלייענט, און ווי גרויס דער עולם איז נישט געווען, ווי ענג דער בית־מדרש איבערגעפֿולט פֿון עק צו עק, פֿון וואַנט צו וואַנט, פֿון טיר ביז פֿענצטער, אויף וועלכע מ׳איז געשטאַנען, איינס אין אַנדערן

אָנגעהאָנגען, אַז ס'האָט געדאַכט, אַז אַפילו די סטעליע איז ביז איר מיט מענטשן באַזעצט — אַזוי האָבן אַלע, ווי נאָר יעדערער האָט געקאָנט, און וואו נאָר מ'האָט אַ פּיצל פּלאַץ געפונען דעם קערפּער צו באַוועגן, גענומען מיט־טאַנצן.

ער אַליין האָט, דאָס צוזעענדיק, געשמייכלט און געגעבן דעם עולם מוט, און מיט אַ לעצט־קראַנקן, אָבער אויך אויפגעלעבטן בליק, דעם עולם אויף דער שׂמחה געבענטשט, און דערביי פאַרזיכערט, אַז נישקשה, אַז פאַר אים זאָל מען ניט זאָרגן און קיין מורא ניט האָבן, ס'זאָל מיט אים און מיטן ספר, חלילה, אַ מכשול געשען.

ס'איז געווען אַ פּאַרכטיק בילד צוצוזען ווי אַ גאַנץ שוויגנדיקע, און אין דער זעלבער צייט יובלדיקע עדה, וועלכע האָט דעם בית־מדרש פאַרפולט, האָט אי זיך געפרייט, אי געטרויערט, און פוןביידע צוזאַמען האָבן פיל געוויינט און טרערן פאַרגאָסן.

מאָל דיר, יענער האָט פאַר דעם טאַנץ טאַקע באַלד, אויפן אָרט, רעכט באַצאָלט. אַז ער איז נאָך דער הקפה, לסוף, צו זיין בעטל צוגעקומען, האָט מען שוין ביי אים דעם ספר פון די הענט קוים אַרויסגעכאַפּט און אים אַליין אויפן בעטל אָוועקגעלייגט — אַן אויסגעשעפּטן, מער טויט, ווי לעבעדיק, און באַלד האָט זיך ווידער אַ געשריי דערהערט: „מאַכט אַ וואַרע!" און מ'האָט אים ווידער כמעט אָן אָטעם צוריק פון קלויז צו זיך אין שטוב אָוועקגע־טראָגן.

און אָט דעמאָלט, ווען אויך ער, לוזי, האָט אָנטייל גענומען, ווען אויך ער האָט געטאַנצט, און טאַנצנדיק, געוויינט צווישן גרויסן עולם־ענגעניש, אַן אַ פריי שטיקל אָרט צו האָבן, נאָכן טאָג, ווען ער פיל געטרונקען, לויטן באַ־פעל פון יענעם — האָט ער פלוצים צווישן עולם דערזען צוויי פאַרשוינען, ווי דעמאָלט, ווען ער איז אין קלויז וואַך געווען, וועלכע האָבן זיך אים אויסגעטיילט און אין די אויגן געוואָרפן, זיי צום באַמערקן מער, ווי אַנדערע.

— זע, שמערל — האָט ער אַ זאָג געטאָן, גלייך דערקענענדיק יענעם, וועמען ער האָט באַלד טאַקע לעבן זיך און זיין נאָענטקייט געקראָגן — ווי קומט ער אַהער?

— וואָס הייסט, ווי? יידן פרייען זיך, איז ער דאָך אויך אַ ייד, האָט ער דאָך אויך רעכט...

— נו, און דאָס האָט ער געזען, ווי יענער האָט היינט דאָס לעצטע מאָל די פיס אויף דער ערד אָראָפּגעשטעלט, כדי צוזאַמען מיט אַלע מיטצוגיין, מיט־צוטאַנצן, און אַז מער וועט זיך עס ניט איבערחזרן, ווייל ער גייט אָפּ און ער ווערט צוגענומען ביי די, וועלכע האָבן זיך אין אים אַנגעהאַלטן ווי ביי אַ גרויס־דערפאַרענעם פירער? דאָס האָט ער געזען?

— יאָ, געזען.
— און נו ?
— גאָרניט.
— וואָס הייסט ?
— דאָס הייסט, אַז ער־שמערל, איז ניט אַזאַ, וואָס נויטיקט זיך אין עמעצנס אָנהאַלט... ער שטייט אויף די אייגענע פֿיס... נישט ווי אַלע דאָ פֿאַרזאַמלטע, וואָס בכלל זיינען די קעפּ זיי שוואַך און די מחשבות לויז, ווי ביי קינדער, ובפֿרט היינט, ווען נאָך שיכּור, ווי אָט דער, למשל — האָט שמערל שמייכלענדיק, אַ וויז געטאָן אויפֿן צווייטן, מיט וועמען ער איז מיט־געקומען, און וואָס באַלד האָט לוזי, אַ קוק געבנדיק, דערקענט, ווי אַמאָל אין קלויז, ווידער זיך אַליין, זיין אייגן געשטאַלט, זיין דאָפּל, און ווידער איז יענער, ווי ער איצט, אין יום־טוב אָנגעטאָן — אין דער זיידענער קאַפּאָטע, אין סאַמעטענעם היטל און אין גאַרטל.

ער האָט, קוקנדיק, אויך דערזען, ווי יענער, דער צווייטער, אויף וועמען שמערל האָט אים אָנגעוויזן, וויינט, ווי דער קאָפּ האַלט זיך אים שוואַך, די אויגן פֿון געטראַנק איבערפֿולט און קאַלאַמוטנע, און ס׳איז געווען צו מערקן, אַז ווען ס׳וואָלט זיין ניט אַזוי ענג, ווען דער עולם זאָל יענעם ניט אַזוי פֿעסט האָבן אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן און אים לאָזן פּלאַץ אויף פֿאַלן, אַזוי וואָלט ער זיך אָט דאָ, טאַקע באַלד, אַוועקגעוואַלגערט אין אָנמאַכט.

— זאָל ער זען — האָט שמערל, שמייכלענדיק, ווייטער אָנגעוויזן אויף יענעם און געזאָגט: זיינע טרערן — פֿון שוואַכקייט, און זיין פֿאַרערונג און האַלטן זיך אין אַ צווייטן — פֿון זעלבן, ווייל ווען ניכטער און מיט אַ פֿעסטער דעה, וואָלט אויך יענער געזען, אַז וויינען איז ניטאָ אויף וואָס און אַז די בעסטע אַחיזה איז אין זיך אַליין. — האָט שמערל די לעצטע ווערטער עפּעס באַ־זונדערס אונטערגעשטראָכן און אין זיי אַ באַזונדערן מיין אַריינגעלייגט.

ווירקלעך: באַלד האָבן יענעמס שוואַכקייט און גרייטקייט אַנידערצו־פֿאַלן באַמערקט אויך אַנדערע. מ׳האָט אים גענומען אונטער די הענט פֿון ענגשאַפֿט אַרויסגעפֿירט, געבראַכט אין פּאָליש, דערנאָך אויפֿן גאַס, אויף פֿריי־שער לופֿט, דערנאָך אים אַפּגעפֿירט אַהיים, וואו ער האָט געהאַלטן סטאַנציע און אים אויף זיין בעטל אַוועקגעלייגט, ער זאָל זיך אויסשלאָפֿן און אויס־ניכטערן ביז מאָרגן, ווי ס׳איז טאַקע געווען, און וואו... לוזי האָט זיך מאָרגן אינדערפֿרי טאַקע דאָרט געטראָפֿן, אויפֿן בעטל...

— ער האָט זיך מער ניט פֿאַרהאַלטן, — האָט דאָ לוזי אַ זאָג געטאָן מיט אַ שוואַך קול, שוין אַ ביסל מיד פֿון דערציילן — ווייל אַליין דאָס ביז אַהער געזאָגטע איז גענוג, אַז אַבֿרהמל זאָל זען, אַז ער האָט אויף זיך ניט קיין רכילות גערעדט און זיך ניט חושד געווען אין דעם, וואָס איז אין אים ניט פֿאַראַן, נאָר

אַז אין דער אמתן האָט ער אונטער זיין בויך עפּעס מינים ווערעם, וואָס טאַטשעז אים — נישט צו באַמערקן פאַר קיין זייטיקן, נאָר פאַר אים אַליין און פאַר אַ מבין אויף ווערעם.

און דאָ האָט לוזי גענומען רעדן וועגן די פאַרשיידענערליי מוראס פאַר גאָט, וועגן וועלכע ס'רעדט זיך אין די ספרי־יראים:

— פאַראַן — האָט ער געזאָגט — יראה מעונש — דאָס הייסט, די מורא פאַר שטראָף — פאַר אַ שלעכט אויסקומעניש אויף דער וועלט און פאַר כף־הקלע און פאַר פייער פון גיהנום אויף יענער וועלט; און פאַראַן יראה עילאה כגון דהוא רב ושליט, דאָס הייסט, די העכסטע מורא פאַר דעם וועלט־געוועלטיקער, וועלכן ס'איז מיט קיין שכל ניט צו פאַרשטיין און מיט קיין השגה ניט צו דערלאַנגען... די ערשטע איז פאַר קינדער און פאַרן המון־עם, און די צווייטע דאַרף מער ווערט זיין זיך צו פאַרדינען. און ער, לוזי, האָט זיך ניט איין מאָל געפילט באַגליקט, וואָס ער האָט זיך צו איר דערדינט, אָבער ער איז פיל מאָל שוין אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון איר הויך...

און כאָטש ער ווייסט, אַז דאָס פאַלן אַליין איז אויך אַ מדרגה, ווייל ווער ס'ווייסט ניט פון קאָפּ־שווינדל פון פאַלן, דער פילט אויך ניט דעם טעם פון אַרויפשטייגן און קאָנען באַקוקן די וועלט מיט אירע וויט־צעעפנטע ערד־ און הימל־ראַנדן, פון וועלכע ס'טוט זיך אויף דער קאָפּ פאַרדרייען, אָבער דעמאָלט שוין פון גאָר אַן אויסגענומענער הנאה. כאָטש ער ווייסט דאָס אַלץ, דאָך איז אים שווער דער אַרויף־אַראָפּ, דאָס פענדלען פון עק צו עק, פונעם רבונו של עולם צו אַ שמערלען, ווי זיין רבי האָט זיך אויסגעדריקט; ס'איז אים שווער אַלע מאָל צו שטיין ביים אָפּגרונט, וואָס דאָרט איז, ווי באַוואוסט, שולט די צווייענדיקע געפאַר — אי פון אַראָפּפאַלן, אי פון וועלן זיך אַראָפּוואַרפן, ווי ס'מאַכט זיך, ס'זאָל זיך ניט מאַכן...

ווי אַט — האָט זיך דאָ לוזי ווידער אַרויפגעשלאָגן צו זיין פריערדיקן אופן דערציילן, מיטן מיין צו באַרעכטיקן דאָס נאָר וואָס געזאָגטע, — ס'איז געווען, ווען ער האָט זיין רבין אָנגעוואוירן, און איז אַ צייט דערנאָך אַרומגעפאָרן פון „הויף" צו „הויף" און געזוכט צו וועמען ער זאָל צושטיין און איז לסוף געקומען צו דעם, ביי וועמען ער האַלט זיך איצט; דעמאָלט איז ער אַראָפּגעפאָרן אַהער קיין N צו באַזוכן זיין ברודער משה מאַשבער, וואָס וואוינט דאָ הי. ער האָט זיך געפילט באַנייט און אויפגעלייגט, און דעמאָלט האָט ער זיך באַקענט און איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט אַט דעם סרולי גאָל, וועלכן אַברהמל האָט געוויס, זייענדיק אַן אורח ביי אים, באַמערקט — נישט קיין גבאי, נישט קיין הויז־דינער און אויך נישט קיין אָרעמאַן אויף לוזיס אויסהאַלט; פאַרקערט — אַ סוד דאַרף ער דאָ אַברהמלען פאַרטרויען — אַ רייכער, אָבער וואָס דאָס רייכקייט איז אויף אים ניט אָנצוזען, ס'שרייט ניט אַראָפּ פון אים, ווייל ער וויל זיך מיט דעם ניט אויסשטעלן. אַ מאָדנער: אַ ביסל איז זיין אָפּשטאַם ניט קלאָר,

אַ ביסל אויך אַ הפקר, אָבער אים, לוזין, איז ער ניחא, ווייל ער זעט אין אים מעלות, וואָס אַנדערע זעען ניט און ווילן ניט אָנערקענען. יענער האָט זיך צו אים צוגעבונדן, און לוזי, פֿון זיין זייט, צו אים, און אַזוי ווייט, אַז ער דענקט שוין כמעט ניט אָן אים אויסצוקומען, ווי אָן גאָר אָן אייגענעם. ער פֿילט, ווי ער פֿאַרבייט אים איצט יענעם שמערלען, וואָס זיין אויפֿגאַבע איז פֿאַרלויפֿן דעם וועג פֿאַר זיין מחשבה, וואָס ער אַלייך האָט זי נאָך ניט באַוויזן צום באַ־וואוסטזיין צו ברענגען.

און אָט, ווען עס איז געקומען היי־יאָר ימים־נוראים, און לוזי האָט זיך אָוועקגעלאָזט קיין אומאַן אויפֿן רבינס „ציון”, איז אויך יענער, סרולי, מיט אים מיטגעפֿאָרן — גאָרניט, ווי מ׳האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַזאַ, וואָס האָלט כּלל ניט פֿון צו פֿאָרן צו וועמען ס׳ניט איז.

ערב ראש־השנה, אַז לוזי איז צוגעקומען צו מערהל, האָט ער געטראָפֿן אַ גרויסן עולם פֿאַרזאַמלט, וואָס איז געווען צופֿיל, אַז אַלע זאָלן מיט אַמאָל אַהין אַריין, און מ׳האָט געמוזט אָנקומען רייענווייז, אַ טייל נאָך אַ טייל.

אַז ער איז לסוף אַריין און האָט געוואָלט נעמען זאָגן וואָס מ׳דאַרף, ווי אַלע וואָס קומען אַהין, און אויך צו פֿרעגן ביים רבין וועגן אייניקע זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט זיך געהאָט צו עצהן — מיט דער זיכערקייט, ווידער ווי אַלע, אַז וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער ס׳טוט דעמאָלט, דאָ אויפֿן אָרט, אויפֿן קבר שטייענ־דיק, נישט איינפֿאַלן, איז דאָס דער געוואונטשענער ענטפֿער פֿון רבין, ווי פֿון זיין לעבעדיקן מויל אַרויסגעקומען... ווי נאָר ער האָט דאָס געוואָלט, אַזוי האָט איינער, וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט לעבן אים, זיך שטאַרק צעוויינט — אויף אַ הויך קול, און מיט קולי־קולות, און מ׳האָט געזען, אַז ווען ער, דער וויינער, וואָלט זיך געפֿונען לעבן אַ וואַנט, וואָלט ער זיך מיטן קאָפּ געגומען שלאָגן ווי איינער וואָס וויל אויספּועלן אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך, ווי מ׳זאָל לעבעדיק מאַכן אַ מת.

לוזין האָט ער געשטערט. אייניקע האָבן שוין געהאָט פֿאַרענדיקט און זיך געלאָזט צו דער טיר. אַנדערע ווידער, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין דרויסן, דערזעענדיק די אַרויסגייענדיקע, האָבן גענומען אַריינשטראָמען אינעווייניק, כּדי די באַפֿרייטע ערטער צו פֿאַרנעמען. און ער, לוזי, איז נאָך אַליק, אָן אַ וואָרט אין מויל, געשטאַנען, אָן אַ קלאָרן געדאַנק, ווייל יענער האָט אים נאָך אַלץ ניט אויפֿגעהערט שטערן.

ס׳איז שוין געווען צו לאַנג. מ׳האָט באַדאַרפֿט געבן אָרט פֿאַר נאָך נייע, אין דרויסן שטייענדיקע, וועלכע האָבן די קעפּ דורך דער טיר געשטעקט, וואַרטנדיק אויף זייער ריי. לוזי האָט זיך גענומען אונטעראײלן... און מיט אַמאָל זיינען אים — ווי, ווי — ער ווייסט ניט פֿון וואַנען, פֿון וואָס — צוויי פֿראַגעס אויפֿגעשוואומען, איינע מוטוויליקער פֿון דער צווייטער:

— ערשטנס — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן — צי איז רעכט צו זיין אַ דורש אל המתים — דאָס הייסט, צו פֿרעגן ביי אַ טויטן ווי ביי אַ לעבעדיקן; און צווייטנס — אויב יאָ רעכט, פֿרעגט ער: צי וועט ער לאַנג בלייבן ביים גלויבן אין אים, טאַקע אינעם רבין, ר׳ נחמן, צו וועמען ער איז געקומען נאָך לאַנגער וואַנדערנדיקער מי...

ער האָט זיך דערשראָקן און זיך גלייך גענומען אומקוקן אין מערהל ווי מיט מורא, טאָמער האָט עמעצער אָט די מוטווילקייט פֿון זיין קאָפּ אויס־געלייענט, אָדער ערגער — אַפֿילו זי אַראָפּגעהערט פֿון זיינע ליפּן. און מיט אַמאָל האָט ער דערזען אָט דעם סרולין, וואָס האָט זיך, ווייזט אויס, צוזאַמען מיט אים אין ענגעניש אַריינגערוקט, ווי ער שטייט און קוקט אויף אים, און ער קען שווערן, אַז מיט אַ שמייכל, ווי איינער, וואָס שפּירט נאָך אַ צווייטן און שטויסט זיך אָן, וואָס ביי יענעם אין קאָפּ און אונטערן שיידל טוט זיך.

אַז זיי זיינען אַרויס פֿונעם מערהל — לוזי פֿאַרפֿריער, און יענער נאָך אים — האָט סרולי, אונטערקומענדיק צו אים, אַ זאָג געטאָן: מילא, וואָס געהער אים, סרולין, האָט ער אַפֿריער געוואוסט, אַז ער לייגט הוצאות אומזיסט... נאָר אויף וויפֿל זיין ראיה האָט אים ניט גענאַרט, האָט ער באַמערקט, אַז אויך לוזי האָט זיך דאָרט געפֿילט אַ האַלב אייגענער צווישן גאַנץ פֿרעמדע. אַנדערש וואָלט אים דער ווייַנער נישט געשטערט, און אַנדערש וואָלט ער ניט אויסגע־זען אַזוי מבולבל און פֿאַרלוירן, סיי דאָרט, ביים קבר שטייענדיק, און נישט אויך דאָ, שוין אין דרויסן זייענדיק.

באמת: לוזי האָט אויך איצט, אין דרויסן אַרויסקומענדיק, די אויגן פֿאַר בושה אַראָפּגעהאַלטן, נישט קענענדיק זען, ווי יענער שמייכלט זיך אין באָרד אַריין מיט דער הנאה פֿון אַן איינעם, וואָס האָט דעם צווייטנס אַ שוואַך אָרט אָנגעטראָפֿן און רעדט וועגן דעם, וואָס יענעם איז ניט ניחא.

און אָט — האָט לוזי, דערציילנדיק וועגן לעצטן, פֿאַרגעזעצט — פֿון דעם אַלעם געזאָגטן קאָן אַברהמל זען, אַז לוזין איז זיין וועלט גאַרנישט לייכט אָנגעקומען... אַז ער איז פֿיל געראַנגלעניש אויסגעשטאַנען און שטייט אויך איצט אויס... און אָפּט ווינט ער דערויף במסתּרים — פֿאַרשטעלטערהייט — אַזוי, אַז ס׳ווילט זיך אים דערנאָך זיך אויסטאָן ביזן העמד און זיך לאָזן איבער דער וועלט, מ׳זאָל זיין נאַקעט און הויל זען און נאָכקוקן...

— גוט וואָס ער איז געקומען, אַברהמל — האָט לוזי צום סוף אַ זאָג געטאָן, אַן אויסגעשעפּטער, אַן איבערגעמידטער פֿון לאַנג ריידן און דער־ציילן נאָר אַ קליינעם טייל פֿון דעם, וואָס ער האָט פֿאַר לאַנגע מיפּולע יאָרן דורכגעמאַכט — גוט וואָס ער איז געקומען... לוזי דאַרף מ׳זאָל אים די הענט איבערנעמען און אים באַפֿרייען פֿון צו זיין אַ ראש און אָנפֿירער פֿון אַנדערע, ווייל, ווי אַברהמל זעט, איז ער אַליין אָנגערירט און פֿילט זיך כלל ניט

פֿאַר יענעם באַרופֿענעם, וועמען ס׳גענינגט שלימות אי פֿאַר זיך, אי אויך פֿאַר אַנדערע אויסצוטיילן. ער איז באַשטאַנען זיך שטעלן בראש פֿון די זייעריקע, נאָר נאָך לאַנגע בקשות פֿון מיכל בוקיער, דעם פֿריערדיקן אָנפֿירער, וועגן וועלכן אַברהמל האָט, זייענדיק דאָ, שוין געהערט, געוויס, וואָס ס׳איז מיט אים געוואָרן... לוזי אַליין איז צו אַלט, און „אַלט איז ניט גוט", זאָגט דער רבי, ר׳ נחמן, און אַ מענטש דאַרף זיך זען אַלע מאָל איבערבויען און באַנייען... ער האָט דערום באַשלאָסן אָפּגיין פֿון באַזאָרגן אַנדערע, ווען ער אַליין איז ניט באַזאָרגט, און ער מיינט טאַן איינס פֿון די צוויי: אָדער זיך אומקערן צוריק אין זיין שטעטעלע, וואָס אויף דער גרענעץ פֿאַררוקט, כּדי דאָרט זיינע יאָרן אויסלעבן, אָדער אַז די גאַנצע וועלט זאָל אים זיין גרענעץ, ד"ה, ער זאָל צוזאַמען מיט גאָטס וואָגלענדיקן געגנאָד זיך אין גלות אַוועקלאָזן...

דערמיט האָט לוזי פֿאַרענדיקט.

ס׳איז צייט איצט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער אויך וועגן דעם, ווי אַזוי אַברהמל האָט אים אויסגעהערט.

ער האָט אויפֿגענומען לוזיס רייד, ווי אַלע מאָל, ווען אַ זייעריקער איז זיך מתוודה און ווען ער דערציילט ווי דער שטייגער, ניט נאָר דאָס, וואָס ער איז באמת באַגאַנגען, נאָר אויך וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו באַגיין. אַברהמ־לען איז געווען באַקאַנט די אָנגענומענע מידה פֿון די זייעריקע — צו מאַכן צו שטויב און אַראָפּלייגן טיף דעם אייגענעם ווערט און אַריינרעכענען אין זייער שולד־צעטל דאָס, וואָס מ׳באַגייט אומגערן, ווי גלייך זיי וואָלטן דאָס באַ־גאַנגען וויליק און גערן, מאַכנדיק, אַזויערנאָך, די אייגענע דערנידעריקונג פֿאַר אַ פֿוס־בענקעלע, כּדי דורך איר העכער אַרויפֿשטייגן... דאָס איז שטייגער — האָט אַברהמל געטראַכט — און דאָס האָט ביי אים קיין איבעריקן חידוש ניט אַרויסגערופֿן.

אָבער אַז לוזי האָט לסוף גענומען מאַכן אויספֿירן פֿון זיינע רייד, אַז ער מוז זיין אָרט אַלס אָנפֿירער פֿאַרלאָזן, ווייל ער פֿילט זיך נישט באַרופֿן און ער איז געצוואונגען אָפּגיין אין אַ ווינקל מיט זיין מוטלאָזיקייט, כּדי זי אויס־צוּאווינען אָדער אויסצואוואָגלען; אַז אַברהמל האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך מיטאַמאָל פֿון לאַנגן זיצן אויפֿגעהויבן, און אַ גיי געבנדיק צו לוזין האָט אַ זאָג געטאָן:

— ניין... לוזי האָט נישט די רעכט... אַוודאי איז נישט ער — האָט ער געזאָגט — דער, וואָס קאָן נעמען אויף זיך לוזין פֿון עפּעס אָפּצורייזן; אָבער אויף וויפֿל לוזי האָט אים אויסדערוויילט אויף צו פֿאַרטרויען, און אויף וויפֿל אַברהמל איז דער ערשטער, וואָס האָט אים אויסגעהערט, אויף אַזוי פֿיל נעמט ער זיך אויך דעם מוט זיך קעגנשטעלן און זאָגן אָפֿן און דרייסט: ניין, ער טאָר דאָס ניט...

— זאָל ער אים מוחל זײַן, לוזי: ער, אַבֿרהמל, איז אפשר צו קלײַן, יונג און נישט דערפֿאָרן... אָבער אַשרי הדור, שהגדולים נשמעים לקטנים — אַמאָל, הייסט עס, דאַרף אַ גרויסער זיך צוהערן צו אַ קלענערן פֿון זיך, אויב דאָס איז לטובֿת אַליין דעם גרויסן און לטובֿת הכּלל. ווײַל יאָ, ווײַל ערשטנס, זעט דאָ אַבֿרהמל דעם פֿאַל, ווען אַ גוטע מידה קאָן איבערגיין אין איר היפּוך, ווען מ׳מיסברויכט מיט איר, ווען מ׳טרײַבט מיט איר איבער און מ׳דערפֿירט זי צו איר העכסטן שפּיץ, וועלכער מוז זיך איבערברעכן... ענֿיוות גייט אַמאָל איבער אין גדלות, אאַז״וו. ווי אָט דער פֿאַל דאָ מיט לוזין, ווען ער איז גרייט זיך אַזוי צו נישט מאַכן, ביז ניט צו זען, אַז ער הייבט אָן ריידן רכילות, חלילה, אויף דעם, וואָס מ׳טאָר ניט — אויף גאָטס ווערק, און ביז ניט צו זען, אַז ער נעמט אָן דעם שאָטן פֿון אַ זאַך פֿאַר אַליין דער זאַך, ד״ה, די מורא פֿאַר דעם, וואָס האָט, חלילה, געקענט געשען, ווי גלײַך ס׳וואָלט ווירקלעך געשען.

דאָס איז איינס, וואָס נוגע לוזין. הײַנט די תּקלת הרבים, דעם שאָדן פֿאַרן כּלל, וואָס קאָן דערפֿון אַרויס, ווען לוזי וועט אים פֿאַרלאָזן; און זײַן אָרט, ווי ער ווייסט, וועט מיט אַזאַ, ווי ער, ניט פֿאַרביטן ווערן, און די עדה זייעריקע וועט בלײַבן ווי אַ טשערעדע אָן אַ פּאַסטעך און ווי בלינדע אָן דער השגחה פֿון אַ זעענדיקן.

און אָט, דאָס זאָגנדיק, האָט זיך אַבֿרהמל אַזוי צעוואַרעמט, אַז טרערן, האָט מען געזען, האָבן זיך אים גענומען ווײַזן פֿון דער דרייסט, וואָס ער זיך גענומען אַרויסטרעטן און וועלן אָפּשלאָגן אַזאַ, ווי לוזין, פֿון אַ געדאַנק, וועלכן יענער האָט זיך גענומען דורכפֿירן, נישט, פֿון קלות־דעת, ווי מ׳דאַרף זיך פֿאָרשטעלן, נאָר נאָך ערנסטן לאַנגן טראַכטן און איבערקלערן.

ער, אַבֿרהמל, האָט דאָך לוזין אַזוי פֿאַרערט נאָך פֿריער, אײדער ער האָט אים דערקענט, בפֿרט איצט, נאָך דער דערקענונג, זײַענדיק אָן אורח בײַ אים, אַז יעדער וואָרט און אַפֿילו יענעמס בליק איז אים געווען אַזוי טײַער, כאָטש נעם זיי און באַהאַלט זיי אין אַ טאָרבעלע לעבן העמד און צו דער ברוסט נאָענט.

מ׳האָט דערום ווידער געזען, אַז ווען דאָס זאָל געווען זײַן שטייגער און דערלויבט, אַזוי וואָלט אַבֿרהמל — אָט ווי ער שטייט איצט פֿאַר לוזין, רעדט אים אָפּ און יענער לאָזט זיך ניט — אַזוי וואָלט ער פֿאַר אים אויף דער ערד אַ פֿאַל געטאָן, מיטן קאָפּ און שטערן צו זײַנע פֿיס זיך פֿאַרנויגט, און אים גע־בעטן, פֿאַר אים געחלשט, ער זאָל ניט אויספֿירן זײַן פֿאַרטראַכט.

דאָס אַלץ אָבער האָט ניט געפּועלט, ווי טײַער אַבֿרהמל איז ניט געווען לוזין, ווי גערן ער האָט אים פֿאַר אַ גאַסט אויפֿגענומען, ווײַל ער האָט אים דערמאָנט זײַן אייגענע יוגנט, וועלכע איז אים פֿאַר די אויגן געשטאַנען, ביז צו זען אין אַבֿרהמלען זײַנע אָן אייגענע שטיק אָפּשפּיגלונג און ביז אים אויס־

טיילן אַזוי, אַז ער זאָל פֿאַר אים היינט אין אָוונט, אָט דאָ, אין אָפּגעזונדערטן צימער, זיך אַנטפּלעקן ביז גאָר — ווי דאָס איזווירקלעך ניט געווען, דאָס האָט ניט געניגט, אַז אַברהמל זאָל לוזין קאָנען אַריבערציען אויף זיין זייט און אים מאַכן זיך אומקערן צו דעם, צו וואָס אים, אַברהמלען, איז געוואונטשן.

— ניין — האָט לוזי אַ זאָג געטאָן, אַוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט ניט באַגערט אויסהערן די אַלע ראיות, וועלכע אַברהמל האָט געהאַט צו ברענגען אויף צו באַווייזן זיין אומרעכט און זיין ווילן טאָן, לויט יענעמס מיינונג, ווי ניט געהעריק — ניין, ער בלייבט ביי זיינעם...

דעמאָלט, ווען אַ זייטיקער וואָלט דערביי געשטאַנען, וואָלט ער געזען פֿאַרקומען איינע אַ סצענע צווישן אַברהמלען און לוזין, וואָס מ׳זעט זיי זעלטן. דהיינו: דעמאָלט האָט אַברהמל מיט אַמאָל געגומען צעשפּיליען די זשילעט ביי דער ברוסט, דערנאָך דאָס העמד לעבן לייב און באַלד האָט ער פֿון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ קליין טאָרבעלע מיט עפּעס... דאָס איז געווען אַ טאָרבעלע ארץ־ישראל־ערד, וואָס ער האָט מיטגענומען פֿון דאָרט בעת איינער זיינע אַ רייזע אַהין, און וואָס טראַגנדיק דאָס מיט זיך באַשטענדיק, האָט ער דערצו נאָך אַ צוואה געהאַט בייגעלייגט, אין וועלכער ס׳געווען געשריבן, אַז אויב דער טויט וועט אים טרעפֿן פּלוצים אין מיטן אַ וועג, איז אין וואָס פֿאַר אַ קהילה ער וועט ניט געבראַכט ווערן, זאָל מען אים אין קבר מיטגעבן אָט דאָס אייגן־דערוואָרבענע טאָרבעלע, און נישט ווי אַנדערע, וועלכע ווערן, ווי באַוואוסט, באַזאָרגט פֿון חברה־קדישא מיט ארץ־ישראל ערד.

אַז לוזי האָט אויף אים געקוקט, זעענדיק, וואָס ער טוט און וואָס ער ציט אַרויס פֿון אונטערן העמד, און נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט, אַזוי האָט אַברהמל מיט אַמאָל אַ נאָענטן גיי געטאָן צו אים און אַזוי געזאָגט:

— דאָס איז דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט זיך אויף דער וועלט דערוואָרבן און וואָס וועט אים מיטגעגעבן ווערן אויך אויף יענער וועלט... און ער באַשווערט לוזין מיט אַלעם הייליקן, און אויך מיט דעם, וואָס מ׳געברויכט דאָס נאָר צום סוף פֿון אַלע סופֿן — אַז אויב ס׳נאָר מעגלעך, ער זאָל איבערטראַכטן און צוריק נעמען זיין באַשלוס, זאָל ער דאָס טאָן אין נאָמען פֿון הייליקן אָרט, פֿון הייליקן לאַנד, וואָס פֿון דאָרט איז אָט די ערד גענומען.

— אַי, נו, — האָט לוזי זיך אָפּגעקערעוועט פֿון צו קוקן אויף דעם, וואָס אַברהמל האָט אים אונטערגעטראָגן, און מ׳האָט געזען, אַז ער איז ניט געגרן און ער האָט אַפֿילו גרויס תּרעומות אויף יענעם, וואָס ער האָט געבראַכט און געשטעלט אין קאָן אַ זאַך, וואָס איז ניט רעכט צו באַגיין זיך מיט דעם, ווי מיט אַ מיטל אויף אויפֿווירקן...

— ניין, — האָט לוזי זיך אָפּגעזאָגט.

אָט דעמאָלט, ווען עמעצער אַ זייטיקער וואָלט זיך געטראָפֿן אויך אין צווייטן צימער, אין דערבייאיקן פֿון דעם, אין וועלכן לוזי מיט אַברהמלן האָבן

זיך געפֿונען, וואָלט ער ווידער דערזען, ווי סרולי גאָל איז מיט אַן אויער צו לוזיס טיר צוגעבויגן געשטאַנען — און נישט נאָר פֿון ערשט, פֿון איצט, נאָר, ווי ס׳ווייזט אויס, די גאַנצע צייט בעת לוזי מיט אַברהמלען האָבן אין משך פֿון גאַנצן אָוונט אין אָפּגעזונדערטקייט פֿאַרבראַכט — צוגעצויגן אַזוי, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט פֿאַרלירן קיין איין וואָרט, קיין האַלבע זילבע פֿון לוזיס געשפּרעך מיט אַברהמלען. ער וואָלט געזען, ווי, אונטערהערנדיק האָט זיך ביי סרולין דאָס פּנים געביטן פֿון גוט אויף בעסער און פֿון בעסער אויף נאָך מער, וואָס מער לוזי האָט זיך צום סוף פֿון זיין געשפּרעך דערנעענט. און אַז סרולי האָט שוין גאָר צום סוף דערהערט וועגן לוזיס באַשלוס, און ווי אַזוי אַברהמל פּרוּווט זיך אים אָפּריידן און ווי אַזוי יענער לאָזט זיך ניט און גייט ניט איין אויף קיינע געבעטן — אָט דעמאָלט, ווען אַ זייטיקער וואָלט זיך געפֿונען אין צווייטן צימער, אַזוי וואָלט ער געזען, ווי אויף סרוליס פּנים האָט זיך אַ שטאַרק צופֿרידענער געלעכטער באַוויזן, וואָס צוערשט האָט ער נאָר שטיל פֿון אים אַראָפּגעקוועלט, אָבער וואָס ווייטער, איז געווען צו מערקן, איז ער גרייט אים אויף אַ קול לאָזן הערן, און אַפֿילו גאָר הויך מיט אים אויספּלאַצן... ניט אויסגעשלאָסן אויך, וואָלט יענער זייטיקער דעמאָלט געזען, אַז סרולי וועט זיך איצט נישט נאָר מיטן געלעכטער אַליין באַנוגענען, נאָר ער וועט, מעגלעך, שטילערהייט, פֿון יענער זייט טיר שטייענדיק, אַז קיינער זאָל ניט זען, גאָר זיך נעמען טאַנצן; און נאָך מער מעגלעך, ער זאָל אַפֿילו באַלד, אָט באַלד, צו לוזין אין טיר אַנקלאַפּן, מ׳זאָל אים אַריינלאָזן, און ווען ער וואָלט אַהין אַריין, אַזוי וואָלט ער אַן אויפֿגעריסענער פֿון גדולה, נישט זאָגנדיק פֿאַר וואָס, פֿאַר ווען און איבער וואָס פֿאַר אַ סיבה — פֿאַר לוזין און אַברהמלען אין אַ טאַנץ זיך געלאָזט.

יאָ, אַוודאי איז סרולי אויפֿגעלייגט און פֿול גדולה געווען... אַוודאי האָט אים היינט דאָס גרויסע גליק געטראָפֿן, דערהערנדיק פֿון לוזיס מויל דאָס, אויף וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט און אַרויסגעקוקט און וואָס זינט ער האָט זיך באַקאַנט און זיך צונויפֿגעגאַנגען מיט אים, האָט ער אים דערצו געשטויסן... באַזונדערס האָט ער דאָס געטאָן די לעצטע צייט, זינט די מעשה מיכל איז פֿאָרגעקומען, ווען לוזי איז שטאַרק אויפֿגערודערט געוואָרן פֿון דעם, וואָס שטאָט איז קעגן מיכלען באַגאַנגען, ביז אים ברענגען עד ככר לחם — צו הונגער און שלאַפֿקייט, אָט דעמאָלט האָט סרולי גענומען אונטערגעגעבן פֿייער, לייגן שפּענער צום פֿייער, אָנווייזן און דערמאָנען לוזין אַז די מחלוקת מיט שטאָט זאָל ער זיך ניט האַלטן פֿאַר גרינג, ווייל ער האָט צו טאָן מיט אַזוינע, וואָס אויף ראַנגלען זיך מיט זיי, האָט ער קיין אברים ניט. און אָט דעמאָלט, האָט סרולי דערזען, אַז אויסער לוזיס אייגנטלעכע נטיה בכלל צו בלייבן אַליין, אָפּגעזונדערט און אין אַ זייט, קומט איצט נאָך צו דאָס, וואָס ער האָט זיך פּלוצים דערזען פֿאַרפּלאָנטערט אין אַן עסק,

וועלכער קען זיך ענדיקן גאָרניט בשלום ניט פֿאַר אים אַליין, און ניט פֿאַר דער עדה, ווען ער שטעלט פֿאַר, און וואָס בעסער וואָלט זיין, ער זאָל דאָס אָרט אַלס פֿירער אָפּטרעטן און אַן אַנדערער זאָל אים פֿאַרבייטן. דאָס דערזען. האָט סרולי מיט אַלע מעגלעכקייטן אונטן־אָרום צוגעהאָלפֿן, אַז לוזיס וואָרצלען דאָ הי זאָלן וואָס ווייטער אַלץ שיטערער ווערן, און צוליב דעם האָט ער, לעצטנס, ווי מיר האָבן דערציילט, געבראַכט דעם קראַנקן מיכל בוקיער צו אים אין שטוב, ער זאָל זען, וואָס זיינע קעגנער קאָנען און אויף וואָס זיי זיינען פֿעאיק און דערפֿון אָפּלערנען, אַז אויך אַנדערע קאָנען טיילן דעם זעלבן גורל, ווען מ׳האָט צו טאָן מיט לייט, וועלכע שטעלן זיך ניט אָפּ פֿאַר גאָרנישט, און ווען זיי האַלטן, אַז מ׳דאַרף פֿון וועג אָפּראַמען.

אַזוי ווי אַברהמל מיט זיין טאַרבעלע ארץ־ישראל־ערד — אַזוי האָט סרולי זיך אומגעטראָגן מיט אַן אויסבאַהאַלטענער האָפֿענונג, אַז, סוף־כל־סוף, וועט זיך אים איינגעבן אָפּציען לוזין אַהין, וואוהין ס׳איז אים געוואונטשן. און נעמלעך: ער זאָל די שטאָט פֿאַרלאָזן, זיך באַפֿרייען פֿון אָנפֿירערשאַפֿט ביי די זייניקע, און אַוועק — אויב אין אַ ישוב פֿאַררוקט, איז אין אַ ישוב, אָבער נאָך בעסער און נאָך געוואונטשענער — די גאַנצע וועלט זאָל זיין היים זיין, ער זאָל פֿון אָרט צו אָרט צוזאַמען מיט אים, סרולין, זיך לאָזן און נאָר פֿון צייט צו צייט זאָלן זיי זיך פֿאַרהאַלטן אין אַ וואָסער ניט איז מקום, צו פֿאַר־ברענגען אַמאָל אַ טאָג אויף צו טאָגן, אָדער אַ נאַכט אויף איבערצונעכטיקן.

אָט די האָפֿענונג האָט אים לאַנג גענערט. און איצט, אַז ער האָט דער־הערט, אַז אויך לוזי האַלט דערביי, איז ווי ער איז אַזוי אונטער דער טיר געשטאַנען און לוזיס ווערטער אויפֿגעכאַפּט, אַזוי האָט ער זיך צעשמייכלט. ער האָט אויסגעזען, ווי גלייך די קישקעס אינעווייניק פֿרייען זיך אים אַזוי פֿיל, אַז באַלד וועט ער זיך ניט באַנוגענען מיטן שמייכל, און אָדער, ווי געזאָגט, ער וועט זיך פֿאַר דער טיר צעטאַנצן פֿאַר זיך אַליין, אַז קיינער זאָל ניט זען, אָדער — מער צו גלויבן, אַז ער זאָל צו לוזין אין צימער אָנקלאַפּן, אַריין, און פֿאַר יענעם און פֿאַר אַברהמלען דאָס דורכמאַכן...

יאָ, אַזוי וואָלט טאַקע געווען. נאָר דעמאָלט, ווען ס׳האָט שוין אָט־אָט דערביי געהאַלטן, אַזוי האָט זיך פּלוצים געעפֿנט די טיר פֿון לוזיס פֿאַר־הייזל אין קיך אַריין, און פֿון דאָרט האָט זיך אין פֿאָדער־צימער, וואו סרולי איז אַן אָנגעבויגענער ביי דער טיר געשטאַנען, אַריינגעשטעלט אַ פֿרוי, אין אַ שאַל אָנגעטאָן און פֿון שטאַרק פֿראָסטיקן און קאַלטן דרויסן געקומען, און אָט די פֿרוי האָט אי סרולין, פֿון דער זייט טיר שטייענדיקן, אי לוזין מיט אַברהמלען, וועלכע האָבן זיך אין צווייטן צימער אויפֿגעהאַלטן, פֿון זייער שטיל פֿאַרברענגען אויפֿגעריסן...

דאָס איז געווען מיכל בוקיערס פֿרוי — אַ הויכע, דאַרע יידענע, וואָס די שאַל, וועלכע זי האָט געטראָגן, האָט זי געמאַכט אויסזען נאָך לענגער און

דאַרער. זי איז אַריין פֿון דרויסן אַ שטילע, און נאָר ערגעץ אינעווייניק אין איר האָט זיך געפּילט אַ מין ברום, ווי ביי איינעם, וועלכער האַלט אַ צייט געוויסע ווערטער אין בויך אויפֿגעהאַלטן און ער גיט זיי ניט אַרויס, ביז ער וועט ניט קומען אויפֿן ריכטיקן אָרט, פֿאַר די ריכטיקע מענטשן, פֿאַר וועלכע ער האַלט פֿאַר נייטיק זיי אַרויסברענגען. אויך זי, מיכלס יידענע, אַזוי. זי איז לאַנג, אַזש פֿון איר ווייטלעכער היים, צוזאַמען מיט אַ גרויסער קלאָג געגאַנגען, אָבער אינדרויסן איז זי ניט אַרויס מיט איר, נישט האָבנדיק פֿאַר וועמען זי אויסשרייען. און דאָ, ווי נאָר זי איז צו לוזין אין שטוב אַריין, אין דער ליכט אַריינגעטראָפֿן, און דערזעענדיק אויך אַ מענטשן פֿאַר זיך — דאָ געמיינט, סרולין — אַזוי האָט זי מער זיך האַלטן שוין ניט געקאָנט, ס'האָט זיך אויפֿגעריסן און זי האָט אַ פֿאַרצווייפֿלטן געשריי געטאָן:

— יידן, לויפֿט צו מיין מיכלען, וואָס איז פֿאַרביי... ער האַלט ביי לעצט, ביי יציאת נשמה.

ווירקלעך, ס'האָט דערביי טאַקע געהאַלטן. אין יענעם זעלבן אויפֿדערנאַכט האָט מיכלען דער צווייטער, און שוין לעצטער שלאַק געטראָפֿן... ער האָט זיך מיטן גאַנצן פּנים שטראַלנדיק צעשמייכלט און פֿון גאַנצן מויל, ניט נאָר פֿון איין זייט, האָט אים די סלונע אַ גאָס געטאָן. ער איז מיט אַמאָל אויך בלוי געוואָרן, ווי אַ מילץ. ער האָט זיך גלייך גענומען וואַקלען אויפֿן אָרט, וואו ער איז געזעסן אָדער געשטאַנען, און ווען דאָס ווייב האָט דאָס דערזען, און איז צו אים צו און אים גענומען אָפּפֿירן צו זיין געלעגער, אַזוי האָט זי דאָס שוין קוים־קוים באַוויזן, ווייל מיכל איז שוין ניט געווען ער — נישט נאָר אויף איין זייט געשלאָגן, נאָר אין גאַנצן, ווי אַ קלאָץ, צום שווערן אָוועקשלעפּן. און אַז דאָס ווייב האָט אים, ווי ניט איז, דאָך אָוועקגעלייגט און זיך גענומען דערפֿרעגן און אים שרייען אין פּנים: „מיכל, וואָס איז מיט דיר? מיכל, וואָס שוויגסטו? זאָג אַ וואָרט, מיכל!" — האָט יענער דעמאָלט, נישט געקוקט אויף זיין אָנשטרענגונג און אויף זיין בעסטן ווילן, איר ניט געקאָנט אָנטקעגנקומען מיט גאָרניט, מיט קיין וואָרט און מינע. ער האָט די ערשטע מינוט בלויז נאָר אונטערגעשמייכלט, און באַלד האָט זיך אויך דער שמייכל אויסגעלאָשן. ער איז געבליבן פֿאַרקלעמט, און דאָס איינציקע געבליבענע חיות אין אים האָט זיך גענומען אַרויסרייסן פֿון זיין ברוסט מיט אַ כאַרכלעריי, וואָס האָט זי אַלע מאָל געמאַכט זיך הייבן און אַראָפּלאָזן...

— מיכל!... — האָט זיין יידענע אויסגעשריען, ווען זי האָט דערזען, אַז ס'האַלט ביים סוף און אַז אויב קיין דאָקטער וועט שוין דאָ ניט העלפֿן, איז, על־כל־פּנים, וואָלטן דאָ באַדאַרפֿט זיין זייטיקע מענטשן, נישט זי אַליין און נישט איר עלטערע טאָכטער אסתּר, וואָס איז אויך נישט מער נאָך ווי אַ קינד, ובפֿרט האָבן דאָ אַוודאי נישט געקאָנט העלפֿן די קלענערע קינדער, וואָס זיינען אַוודאי אומבאַהאָלפֿן.

זי האָט דערום תיכּף געכאַפּט די שאַל און געוואָלט לויפן צו שכנים. דערנאָך אָבער האָט זי זיך דערמאָנט, אַז נאָך דעם, ווי די געוויסע מעשה מיט איר מאַן האָט געטראָפן, האָבן זיך שכנים פון אים אָפּגעקערט... זי האָט זיך דערום דערמאָנט אין לוזין, וואָס מיכל האָט אים פריער אָנגעקערט אַן אייגענער — דעמאָלט, ווען יענער, לוזי, איז פאַריקן זומער אַהער קיין N גע־קומען און ביי מיכלען אין שטוב אַן אורח געווען און אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג פאַרבראַכט. זי האָט זיך אויך דערמאָנט אין סרולין, וועלכער האָט באַזוכט איר שטוב נאָכן טויט פון אירע קינדער, און ווי אַזוי ער האָט דעמאָלט גע־האָלפן די שטוב מיט האָלץ צו באַזאָרגן, מיט געלט אויף הצאות און מיט געלט אויף די קינדער צו „צוימען", און זי האָט געוואוסט אויך, אַז אַט דער סרולי האָט צו לוזין זייער אַ נאָענטן שייכות, און אַז קומענדיק צום צווייטן, וועט זי אויך, מעגלעך, דעם ערשטן ביי אים טרעפן; וויסנדיק דאָס אַלץ, האָט זי זיך אָוועקגעלאָזט. זי האָט נאָר פאַרן אַרויסגיין פון שטוב דער עלטערער טאָכטער אסתּר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל בלייבן ביים טאַטנס בעט, ווייל מ׳טאָר אים ניט לאָזן אַליין, ער איז גוסס און — ווי איר, ווי איך, מיינע קינדער, וואָס איר בלייבט אָן אַ טאַטן, אָן אַ באַזאָרגער, און ווי אויפן וואַסער... — האָט זי אויסגעשריען.

די קליינע קינדער האָבן, פון מורא צו בלייבן אָן דער מוטער, צו דער עלטערער שוועסטער זיך צוגעשטעלט, האַלטנדיק זיך פאַר איר גרעסערן וואוקס און פאַר אירע קליידער, ווי פאַר אַ מאַמען. אָבער אַליין די עלטערע האָט זיך אויך ווילד געשראָקן, און מורא האָבנדיק צוגיין נעענטער צום טאַטן, איז זי אַנטקעגן אים, ביים צווייטן עק בעט, געשטאַנען, טרייסלענדיק דאָס בעט און קוקנדיק בשעת מעשה אויף מיכלען, וואָס דער אָטעם איז אים וואָס אַמאָל אַלץ קירצער און ווייניקער געוואָרן.

— שטאַרב ניט, טאַטע... אויף וועמען לאָזטו אונדז איבער?... — האָט אויך זי, פון איר זייט, געשריען.

אין דער זעלבער צייט האָט די מוטער, מיכלס ווייב, אין קאַלטן דרויסן מיט דער שאַל אויפן קאָפּ, אָוועקגעאיילט. זי האָט אויפגעהאַלטן איר געוויין פאַרן דרויסן, און נאָר פון צייט צו צייט האָט זי פאַר זיך אַליין אַ שטילן היכץ און געדעמפּט שטיקל יאָמער אַרויסגעלאָזט. און איצט, אַז זי איז אין שטוב אַריין און האָט דערזען פאַר זיך סרולין, כאָטש מיט אַן אויסגע־קערעוועטן רוקן, איז זי אויף אַ קול אַרויס און אויסגעשריען: „יידן!".

סרולי האָט, אַ דערשראָקענער, און פון גרויס אומגעריכטקייט, זיך באַלד אויסגעדרייט. אויך פון צווייטן צימער, וואו לוזי מיט אַברהמלען האָבן זיך געפונען, האָט זיך באַלד די טיר געעפנט און אויף דער שוועל האָט זיך פריער לוזי, דערנאָך אַברהמל, געוויזן, און אַלע מיט אַמאָל האָבן זיך גלייך גענומען דערפרעגן, וואָס איז געשען. און באַלד נאָר ווי מיכלס ווייב האָט

איבערגעגעבן, וואָס זי האָט געהאַט איבערצוגעבן, אַזוי האָבן זיך אַלע גלייך אָנגעטאָן — סרולי דער ערשטער, נאָך אים לוזי, און אויך אַברהמל איז נישט אָפּגעשטאַנען און אויך ער איז מיטגעגאַנגען.

אַז מ'איז צו מיכלען אַריין, האָט מען אים שוין געטראָפֿן באַלד אויס, ביי די לעצטע מינוטן. פֿרעגן ביי אים איז שוין נישט געווען שייך, און מ'איז שטיין געבליבן און געוואַרט אויף דעם, וואָס האָט באַלד זיך געזאָלט אויס־לאָזן — אויף מיכלס אָטעם, וואָס איז אים שוין נישט ווי פֿון, דער ברוסט, נאָר פֿון נאָענטן גאָרגל אַרויסגעקומען.

און אָט האָט ער אויפֿגעהערט... סרולי איז צו מיכלען צוגעגאַנגען און געטאָן, וואָס מ'דאַרף: אים צוגעלייגט אַ פֿעדער צו דער נאָז און געזען, ווי דער פֿעדער רירט זיך ניט. דערנאָך האָט ער אים די אויגן צוגעמאַכט, אים אויסגעצויגן און דאָס פּנים פֿאַרדעקט. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, ביז סרולי האָט באַוויזן אין שטוב נאָך עפּעס אָפּצוטאָן, און דהיינו: אַרויספֿירן דאָס ווייב און די קינדער, וועלכע האָבן זיך אויף די העלדזער געריסן און זייערע קולות האָבן געשפּאָלטן די נידעריקע סטעליע, קוקנדיק אויף זייער מאַן און טאַטן, וואָס איז געלעגן פֿאַרשטאַרט און מיט אַן איבערגעדעקט פּנים.

דעמאָלט האָט סרולי צו אַברהמלען, ווי צו אַ ייִנגערן און געזונטערן, אַ וואונק געטאָן, און נישט צו לוזין, וואָס ס'איז ניט געווען פֿאַר זיינע כּוחות, אַז יענער, אַברהמל, זאָל צו מיכלס צופֿוסנס צוגיין, און ער, סרולי, אַליין, וועט זיך שטעלן צום צוקאָפּנס, און ביידע וועלן אים אָפּהייבן... אַברהמל האָט מיכלען אונטערגעהאַלטן און דערביי איז שוין מיכלס משפּחה נישט געשטאַנען, ווייל סרולי האָט זיי פֿריער אין צווייטן צימער אַרויסגעפֿירט, און געמאַכט האָט ער דאָס צוזאַמען מיט אַברהמלען נאָר אין דער אָנוועזנהייט פֿון לוזין, וועלכער האָט, שטייענדיק דערביי, נישט געקאָנט קוקן, ווי אַזוי מיכל איז שוין פֿאַרהילצערט און ווי ער האָט שוין געוואויגן מער ווי אַ לע־בעדיקער, און ווי אַזוי ער האָט זיך שוין שווערלעך געלאָזט אַראָפּטראָגן און אויפֿן פּאָל אַוועקלייגן.

סרולי האָט באַלד דערנאָך אויך אין מיכלס בעט און אין זיין באַלע־באַטישקייט אַ מין ליילעך געזוכט אויף אים איבערדעקן, און אין בעט האָט ער דאָס ניט געפֿונען. אויך דאָס ווייב האָט פֿון איר גאָרן סקאָרב אַזאַ זאַך נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען, ווייל די שטוב, וואָס איז אַלע מאָל נישט איבעריק רייך געווען, איז די לעצטע צייט, נאָך דעם ווי מיט מיכלען איז געשען, וואָס געשען, נאָך פֿיל מער און ביז לעצט פֿאַראָרעמט געוואָרן. אַזוי אַז אַלץ, וואָס איז נאָך מעגלעך געווען אַרויסצוטראָגן, פֿאַרקויפֿן און פֿאַרזעצן, איז אַרויס־געטראָגן געוואָרן, ביז די שטוב איז אַפֿילו אָן אַ לעצטן שמאַטעדיקן חפֿץ געבליבן.

מ׳האָט זיך שוין געמוזט באַגיין אָן אַ ליילעך, און אַנשטאָט דעם האָט מען אים מיט אַן אָרעם שטיקל קאָלדרע פֿאַרדעקט, וואָס האָט אויף דער גאַנצער לענג ניט געקלעקט, און אָדער דער קאָפּ אָדער די פֿיס האָבן געמוזט בלייבן הויל, און סרולי האָט טאַקע מיכלס פֿיס נישט אין גאַנצן פֿאַרדעקט געלאָזט.

ער האָט דערנאָך אויך געפֿאָדערט ביי דער פֿרוי אירע שבתדיקע בענטש־לייכטער, וועלכע זיינען באַשטאַנען פֿון פֿאַרדאַרטע, פֿאַרקוואַרטע ליימלעך. זי האָט זיי אים געגעבן, אָבער קיין ליכט אין זיי אָנצוצינדן איז נישט געווען און מ׳האָט זיך דערום געמוזט באַנוגענען מיטן איינציקן דרייער לעמפּל, ביי וועלכן די שטוב האָט די לעצטע צייט, ביי אַן אַריינגעדרייטן קנויט, אין האַלב־טונקל, פֿאַרבראַכט, און ביי וועלכן מיכל אַליין האָט פֿריער, איידער ער איז קראַנק געוואָרן, דאָ דערביי זיין געוויסן אויבן דערמאָנטן ספֿר געשריבן.

מ׳האָט דאָס לעמפּל אים צוקאָפּנס אַוועקגעשטעלט, וואָס דערפֿון איז אין צימער, וואו ער איז געלעגן, שוין גאָר טונקל געוואָרן, ווייל דאָס ביסל שיין האָט מער ניט געקלעקט, ווי נאָר דעם מת אונטן עטוואָס צו באַלייכטן.

און אַזוי איז דאָס טאַקע אויף דער גאַנצער נאַכט דערנאָך געבליבן. סרולי האָט דאָס ווייב און די קינדער אין אַלקער, וואו דער מת איז געלעגן, ניט אַריינגעלאָזט, און געבליבן זיינען אויף די ערשטע ווייַלעס נאָר ער מיט אַברהמלען און מיט לוזין, דערנאָך האָט ער ווייטער צו אַברהמלען אַ וואונק געטאָן, אַז יענער מיט לוזין זאָלן אַוועק און אַהיים זיך אומקערן, ווייל דאָ האָבן זיי ניט וואָס צו טאָן, און אַז ער, סרולי, אַליין, נעמט זיך אונטער די נאַכט זיצן און האַלטן וואַך, ווי ס׳פֿירט זיך.

און אַזוי איז טאַקע געווען: אַברהמל מיט לוזין זיינען לסוף פֿון אַלקער אַרויס און אין צווייטן צימער אַריין, פֿון דאָרט אין קיכל, פֿון קיכל אין פֿאָרהייזל, און פֿון דאָרט אין דרויסן אַרויס און זיך אַהיים אַוועקגעלאָזט. אויפֿן וועג האָט לוזי געשוויגן, און אין אָט דעם שווייגן האָט אַברהמל גע־פֿילט אַ מין פֿאַרזעצונג פֿונעם געשפּרעך וואָס ער האָט יענעם אָוונט געהאַט מיט לוזין. און דער עיקר — אויך אַ שטומע מין דערקלערונג צו לוזיס באַשלוס, וועלכער האָט אים אַזוי איבערראַשט.

צוקוקנדיק איצט מיכלס טויט, זיין אָרעמען אַרום, דאָס ווייב און די יתומים, וואָס זיינען איצט נאָך אין שטיבל געבליבן, און וואָס דערנאָך, שפּע־טער, וועלן זיי אויף דער קאַלטער וועלטס באַראָט מוזן בלייבן, אָן אויפֿ־זיכט, אָן שטיצע, און נאָר אויף דעם גנאָד פֿון אומגיין איבער פֿרעמדע טירן פֿון פֿרעמדע הייזער; צוזעענדיק דאָס אַלץ און וויסנדיק, אַז אָט די מעשה־מיכל איז פֿון אָנהייב אָן ביז דעם איצטיקן סוף געווען אפֿשר די לעצטע סיבה, וועלכע האָט לוזין ניט נאָר אויף דער שטאָט אָנגעשטויסן, נאָר אויך איבּ געמאַכט מיט זיך זעלבסט צו קומען אין אַ צוזאַמענשטויס, — איז

ער, אַברהמל, וועלכער איז אַזוי גאַנץ געווען מיט זיך ביז ניט צו געפֿינען אין זיך קיין שום שפּאַלט און שפּעלטעלע, דורך וואַנען אַ מינדסט אומגלויביק ווינטל זאָל אים אַדורכבלאָזן — איז אַפֿילו ער, צוזעענדיק דאָס אַלץ, איצט אַנטשטומט געוואָרן.

ער איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, צוזאַמען מיט לוזין, דעם גאַנצן וועג פֿון מיכלס ביז לוזיס שטוב דורכגעגאַנגען, און אויך, קומענדיק אַהיים, האָט ער שוין מיט לוזין מער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. און אַפֿילו ווען ער איז געקומען אויף זיין געלעגער און האָט גענומען אויפֿן געדאַנק דאָס אַלץ, וואָס ער האָט היינט געהערט און פֿון וואָס ער איז אַן עדות געווען, האָט ער — זע אַ וואונדער! — לוזין שוין ניט אַזוי באַשולדיקט און זיין באַשלוס פֿאַר ניט אַזוי אָפּגעפֿרעגט געפֿונען.

און אין דער זעלבער צייט סרולי, וואָס איז געבליבן ביי מיכלען אַליין אין יענעם צימער, וואו דאָס קליין ביסל שיין האָט ניט נאָר ביז דער סטעליע ניט דערלאַנגט, נאָר האָט אַפֿילו דעם מת שוואַך באַלויכטן; — סרולי, וואָס פֿרום איז ער ניט געווען, און וואָס טוען ביי אַ מת, וואָס אַלע טוען, ווען זיי וואַכן, ווען מ׳לערנט אָדער מ׳זאָגט תּהילים — האָט ער ניט געטאָן; ער, סרולי, איז אַ שטיקל צייט אַ פֿאַרגליווערטער אַזוי אויף זיין בענקל געזעסן, און דערנאָך, ווען ס׳איז אים לאַנגווייליק געוואָרן דאָס זיצן, האָט ער, אויף וויפֿל דאָס קליינע צימערל האָט דאָס דערלויבט, זיך גענומען אומדרייען אי־בער דעם, און אַזוי, זיך דרייענדיק, די צייט פֿון דער לאַנגער, גרויסער ווינ־טער־נאַכט געזען פֿאַרקירצן. און ווען אויך דאָס איז אים שווער געוואָרן, האָט ער זיך ווידער אויפֿן בענקל אַוועקגעזעצט, און נישט באַמערקט פֿאַר זיך אַליין האָט ער פֿון מידן און סומנעם שווייגן לעבן מת די אויגן צוגעמאַכט און גענומען איינדרימלען.

ער האָט געזען אַ חלום:

לוזי איז באַלעבאָס פֿון עפּעס אַ גרויסן גאָרטן, אַ פֿאַרמאַכטן, אַ פֿאַר־שלאָסענעם און מיט אַ פּאַרקן אַרומגענומען פֿון אַלע זייטן, און מיכל דאָרט אַ שומר. דערביי באַמערקט מען אָבער, אַז דער פּאַרקן איז ניט קיין געוויינט־לעכער, נאָר ווי ביי אַ תּפֿיסה — אַזוי הויך, אַז אַ מענטש איז שווער איבער אים אַריבערקריכן און אויך קיין שום שפּאַלט איז אין אים ניטאָ, מ׳זאָל דורך אים אַריינקוקן און עפּעס וואָס דאָרט אינעווייניק דערזען... סרולי דערזעט דעמאָלט לוזין שוין ניט קיין באַלעבאָס פֿון אַ געשלאָסענעם אייגנס, נאָר ווי אַליין אַ פֿאַרשלאָסענער... ער האָט דערפֿון גרויס ערגער, נאָר ער קאָן אַהין ניט דערלאַנגען, און דעם אינעווייניק־זיצנדיקן מיט גאָרנישט נישט העלפֿן... און מיטאַמאָל דערזעט ער, ווי דער פּאַרקן הייבט זיך אָן ברעכן, בויגט זיך, קראַכט, סקריפּעט, און די סטויפּעס, וועלכע זיינען טיף אין דר׳ערד אַריינגעטאָן, קריכן פֿון די טיפֿע גריבער אַרויס און שלעפּן מיט זיך מיט

דאָס גאַנצע פּאַרקן־געביי, וואָס איז צו זיי צוגעפּעסטיקט... דערביי דער־זעט ער, ווי נאָך דעם ווי דער פּאַרקן האָט זיך איינגעוואַלגערט, האָט זיך אין גאָרטן באַוויזן מיכל און אויף זיין פּנים אַ זייער צופרידענער שמייכל, ווי גלייך ער אַליין זאָל טאַקע זיין דער, וואָס האָט געהאָלפן דעם פּלויט איבערקערן, און אויב ניט ער, איז אים, אַלנפאַלס, די זאַך זייער צום האַרצן... און מיט אַמאָל דערזעט ער ווידער, ווי פון מיכלס פּנים האָט זיך די צופרידנ־קייט אָפּגעטאָן און איר אָרט האָט פאַרנומען עפּעס אַ צער, ווי פון איינעם, וואָס האָט נאָך אַ שווערער, מיזפּולער אַרבעט זיך אונטערגעריסן און פון ברעכן שווערע זאַכן דערפילט ער זיך אַליין געבראָכן... סרולי איילט צו אים צו מיט גרויס מיטלייד, און אויך מיט דאַנק, דאַכט זיך, פאַר זיין באַפרייערישער מלאָכה, וואָס, ווי ס׳ווייזט אויס, איז זי טאַקע געוועזן זיינע... ס׳איז שוין אָבער שפּעט... ווייל אויף מיכלס פּנים ווייזט זיך באַלד אַ קרימעניש, וואָס כאָטש זי ווערט ניט באַגלייט מיט קיינע קרעכצן און אויסגעשרייען, אָבער דאָך איז צו זען, אַז זי קומט פון אַ שווער־איינגעהאַלטענעם ווייטאָג, פון וועלכן דער מענטש וועט באַלד איינגיין און בלייבן אויסן.

און אַזוי איז דאָס טאַקע, מיכל איז אויס... און אָט ליגט ער שוין אויף דער ערד אַ שוויגנדיקער... און דאָ דערזעט סרולי זיך מיט לוזין שטיין איבער אים אין ערפאַרכטלעכן שווייגן, ווי בעת מ׳גיט איינעם דעם לעצטן כּבוד אָפּ. אָבער ס׳געדויערט ניט לאַנג און באַלד גיבן זיי זיך די הענט און שפּאַנען אַריבער איבער דעם אַנידערגעפאַלענעם, זיי קוקן זיך נאָך אום אויף אים אַ ווײַלע, און באַלד דערזעען זיי זיך שוין אָפּגעגאַנגען, ווייט אין אַ פעלד, וואו זיי זיינען איינע אַליין, אויף אַן איינזאַם־באַליבטן וועג, פאַר וועלכן די הימל־ און ערד־ראַנדן זיינען פאַר זיי קיילעכיק אָנטפּלעקט און צעעפנט...

— האַ! — האָט זיך סרולי מיט אַמאָל פון שלאָף צעבערקעט, און דערזען, וואָס אין מיכלס צימער איז דעמאָלט מעגלעך געוועזן צו זען: יאָ, מיכל אויף דער ערד אַן אויסגעצויגענער; דאָס קליינע דרייער לעמפּל ביי אים צוקאָפּנס ברענט שוואַך, ווי האַלב אויסגעלאָשן, די שיין שוין כּמעט ניט אָנצוזען, מחמת פון דרויסן קוקט שוין דער אָנהויב בלאַסער טאָג אַריין...

II

אויף מאָרגן אין דער פרי, נאָך דער אויבנדערמאָנטער נאַכט, האָט סרולי, פיל אַרבעט געהאַט: צוערשט לויפן צו חברה־קדישא צו וויסן געבן וועגן געשטאָרבענעם און אָפּרעדן וועגן אַ קרקע און תּכריכים, וועלכע סרולי האָט, אַגב געזאָגט, ניט געפאָדערט פאַר מיכלען, ווי פאַר אַן אָרעמאַן, אומזיסט. ניין, ער האָט פאַר אַלץ געצאָלט און אַפילו זיך ניט איבעריק געדונגען,

ווי גלייך ס'וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פֿאַרמעגלעכן, נאָך וועמען ס'בלייבט נישקשה פֿון אַ ירושה.

ער האָט — הער ווייטער! — נאָך דעם ווי ער האָט אַלץ באַזאָרגט ביי חברה־קדישא, זיך גלייך אָוועקגעלאָזט אין דער ניט־יידישער גאַס, וואו יאָסעלע מגפֿה האָט געוואוינט, און נישט אַנפֿרעגנדיק זיך ביי די דאָרטיקע איינוואוינער, וואו זיין שטוב געפֿינט זיך, האָט ער אַליין געטראָפֿן, גלייך ער וואָלט געווען אַן אָפֿטער איינגייער אַהין.

— פֿון וואַנען האָט ער געוואוסט!

— אַ קשיאַ אויף סרולין?... מעגלעך, אַז ער האָט ווען אַמאָל פֿריער זיך דערפֿרעגט אויף יאָסעלעס וואוינונג, מיטן מיין אַהינצוקומען צו אים — ווער ווייסט צוליב וואָס פֿאַר אַ ציל: צי בלויז צוליב נייגער, צי אפֿשר צוליב אַ געוויסן ערנסט, וואָס אויף אַזאַ, ווי סרולין, איז זיך אויך צו ריכטן... אַזוי צי אַזוי, נאָר איידער יאָסעלע האָט יענעם פֿרימאָרגן זיך אַרויסגעלאָזט אין שטאָט צו גיין אין געשעפֿט, וואו ער האָט געדינט אַלס גרויס־וויכטיקער אָנגעשטעלטער, איז סרולי צו אים אַריין, און ווי נאָר ער האָט די שוועל אַריבערגעטראָטן, אַזוי האָט ער יאָסעלען וועגן מיכלען צו וויסן געגעבן.

— ער ווייסט מסתם, ווען ער מיינט — האָט סרולי אַ זאָג געטאָן.

— אַזוי! וואָס רעדט ער? געשטאָרבן! ווי איז דאָס געשען?

— ווי מיט אַלע מענטשן... און אין דער און דער שעה וועט זיין די לוויה, אויף וועלכער ער ווערט געבעטן קומען.

אָפּגעזאָגט, וואָס געדאַרפֿט, ביי יאָסעלען, האָט ער אָוועקגעאיילט צו איי־ניקע פֿון די לוזי־לייט און געבעטן אין לוזיס נאָמען איבערגעבן אַלע איבע־ריקע, צו וועלכע ער קאָן זיך איצט ניט דערקלייבן, מחמת ער האָט קיין צייט ניט, אַז מ'זאָל זען קומען דעם מת דעם לעצטן כּבוד אָפּגעבן.

ער האָט שפּעטער אויך פֿיל צו טאָן געהאַט אַלייןביים געשטאָרבענעם, ווען מען האָט באַדאַרפֿט לויפֿן פֿון שכן צו שכן, פֿון הויף צו הויף, אָנט־לייען סאַמאָוואַרן אויף טהרה, וועלכע מיכלס שטוב האָט ניט פֿאַרמאָגט, ווי אויך צו באַזאָרגן מיכלס ווייבס ליימלעך מיט ליכט אויף אָוועקצושטעלן ביים מת צוקאָפּנס, ווי אויך אויף איבערצודעקן דעם מת מיט אַ ליילעך, וועלכער האָט אויך, ווי שוין פֿריער געזאָגט, אין מיכלס שטוב אויסגעפּעלט.

ער האָט דאָס אַלץ געמוזט שאַפֿן אַליין, ווייל אויסער מיכלס אָרעמע בני־בית האָבן זיך קיין פֿריינט און נאָענטע אין שטוב ניט געוויזן, ניט פֿון די פֿריערדיקע, פֿון וועלכע ער האָט זיך אָפּגעוואָרפֿן און זיך אַרויסגענומען פֿון זייער כּלל, און אויך ניט פֿון די יאָסעלע־לייט, צו וועלכע ער איז ערשט ניט לאַנג צוגעשטאַנען און האָט נאָך ניט באַוויזן אַזוי ווייט היימיש זיין מיט זיי.

אַזוי, אַז סרולי איז איצט געווען דער איינציקער באַזאָרגער... און דאָך האָט זיך אים איינגעגעבן, אַ דאַנק זיין אימפּעטיקער מי, אַלץ איינצואָרדענען, ווי ס׳געהער: ס׳האָבן געברענט ליכט ביים מת ביז דער טהרה, און בעת דער טהרה האָבן סאַמאָווארן געזאָטן, און פאַר מיכלס שטוב, אין הויף האָט זיך אַ היפּשער עולם באַגלייטער אָנגעקליבן — אַ שטאַרק איבערראַשנדיקער פאַר מיכלס שכנים, וועלכע האָבן געמיינט, אַז נאָך דער גערויסער מעשה, וואָס ס׳האָט מיט אים געטראָפן, וועט זיך איצט קיינער צו דער לוויה ניט ווייזן.

ניין, ס׳האָט זיך יאָ געוויזן, און אַפילו גאָר אַ גרויסער עולם, אויף וועלכן מ׳האָט זיך אַוודאי ניט געקאָנט ריכטן.

ס׳האָבן זיך באַוויזן צווייערליי באַגלייטערס: סיי פון מיכלס נאָענטע פון פריער, ווי אַברהמל דער פיראַרשיניקער שניידער, מנחם דער פאַרבער, שלום דער טרעגער, און נאָך און נאָך פון די לוזי־לייט, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, אין אַ באַזונדער בינטל פאַרזאַמלט, אין אָרעם־אָפּגעטראָ־גענע בורנוסלעך, מיט איינגעבויגענע רוקנס און מיט שטאַרק־אָפּגעצערטע און פאַרבלויעטע פנימער פון קעלט; און פון דער אַנדערער זייט, די יאָסעלע־לייט, וועלכע האָבן אויסגעזען פיל בעסער דערנערט און אין מער בעסערער קליידונג, ווי די פריער דערמאָנטע.

שכנים האָבן זיך גרויס געחידושט, קוקנדיק אויף די צוויי פאַרשיידענע מינים באַגלייטער, וועלכע האָבן, וואַרטנדיק אויף דער לוויה, צוערשט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט און זיך ניט געחברט מיטאַנאַנד, גלייך יעדער האָט אַן אַנדער חלק אינעם מת און קער זיך מיט אים אַן עטוואָס אַנדערש, ווי די אַנדערע; און דאָך נישט געקוקט דערויף, האָבן זיי זיך דערנאָך פאַראיי־ניקט און אַלצאיינס אָנטייל גענומען סיי אין באַלייטן, סיי אינעם טראָגן דעם מת, דעמאָלט ווען מ׳האָט זיך איינס דאָס אַנדערע באַדאַרפט פאַרבייטן, זיך די הענט איבערגענעמען און זיך שטעלן אויפן אָרט פון אַ פריערדיקן, וועלכער איז מיד געוואָרן פון טראָגן.

יאָ, ס׳איז געווען אַ נישט־געוויינטלעך בילד צוצוקוקן, ווי אַזוי בעתן טראָגן דעם מת האָבן זיך אָפט ביי איינער אַ מיטה־שטאַנג געפּאָרט אַ לוזי־פאַרשוין מיט אַ יאָסעלע־פאַרשוין — אַזוי נאָענט, נאָענט, אַז ווען אין אַן אַנדער אָרט, נישט דאָ, איז זיך אַזוינס גאָרניט געווען אויסצומאָלן.

און אַזוי איז מען מיטן מת צום הייליקן אָרט אַוועק, דעם גאַנצן וועג האָט מען אויסער דעם ערשטן חידוש פון די צוויי פאַרשיידענע מינים באַ־גלייטער — אויך אַ צווייטן געקאָנט זען. ווי אַזוי סרולי האָט, גייענדיק נאָך דער לוויה, געפירט אַ פרעמד קינד פון אַ יאָר פינף־זעקס פאַר אַ הענטל, ווי ער וואָלט געפירט זיינס אַן אייגנס. דאָס איז געווען מיכל בוקיערס איינציק פאַרבליבן יינגעלע, וואָס חוץ דעם, וואָס ס׳האָט אויסגעזען אָרעם־אָפּגעריסן,

האָט עס נאָך עטוואָס אונטערגעהינקען, ווי ס׳וואָלט געהאַט אַ פאַרשטאָכן פּיסל אָדער אַ טשוועקל שטעקן אין שיך.

סרולי האָט פּאַטערלעך־געטריי, די גאַנצע צייט דאָס פּאָר אַ הענטל האַלטנדיק, מיטגעפירט, און אַלע מאָל האָט ער דערויף אַ מיטליידנדיקן קוק געטאָן, ווען ער האָט באַמערקט, אַז דאָס קינד שרעקט זיך פאַר די פּרעמדע מענטשן, וועלכע טראָגן זיין טויטן טאַטן, און ס׳וויל אָפּשטיין און בלייבן הינטער זיי.

און אַזוי איז מען מיטן מת צום בית־עולם געקומען. ווען מ׳האָט דעם בר־מינן אין „אוהל" אַוועקגעלייגט, האָט מען מיט אים געטאָן, ווי מיט אַלע: זיבן מאָל אַרומגעדרייט... אָבער באַלד דערנאָך, ווען מ׳האָט ווייטער געוואָלט טאָן, ווי מיט אַלע: אים אויפהויבן און דורכן צווייטן טויער פון „אוהל" זיך אַרויסלאָזן אויפן „פעלד", כדי אָנצוקומען צו דער קרקע, וועלכע מ׳האָט באַשטעלט און זי האָט שוין געזאָלט זיין פאַרטיק — אַט דעמאָלט האָט סרולי דער ערשטער, דערנאָך אויך אַנדערע, ווער נאָר ס׳האָט געהאַט אַן אויג און אַ שטיקל ידיעה אין שטאָט־ענינים, דערזען אַ דריטן חידוש, וואָס איז ביי אַזאַ לוויה, ווי מיכלס, זיך גאָרניט געווען פאַרצושטעלן.

— דהיינו?

מ׳האָט פלוצלים דערזען הירשל ליוּוער, דעם „פעלד"־משגיח, ביי דער לוויה — אַ זאַך, וואָס טרעפט זעלטן, אויסער נאָר, ווי שוין געזאָגט, ביי גאָר רייכע אָדער אָנגעזעענע — חשובים... און צוזאַמען מיט הירשלען אויך יונה שענקער, וועלכער האָט אומעטום אין שטאָט אַ יד און אַ דעה און וואָס יעדערס מאָל ווען קהל דאַרף אים, רוקט מען אים אַרויס אויף צו טאָן דאָס, וואָס אַנדערע מיאוסן זיך, אָדער וואָס פּאַר מער אָנשטענדיקע פּאַסט ניט.

— וואָס טוען זיי דאָ? — האָט סרולי, ווי נאָר ער האָט דערזען די אויבנדערמאָנטע צוויי זיך אַ פרעג געטאָן, פאַרשטייענדיק, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, און אַז אויב אַזוינע האָבן זיך פלוצלים מטריח געווען אַהער צו קומען, איז צוליב עפּעס אַן אויסבאַהאַלטענעם מיין, וואָס זיי האָבן מיט־געבראַכט.

און טאַקע באַלד האָט ער זיך אַרויסגעוויזן, דער מיין... ווייל דעמאָלט, ווען מ׳האָט אויפגעהויבן דעם מת און מ׳איז מיט אים אַרויס אין „פעלד", וואו די נושאי מיטה האָבן זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן אַהין, וואו מ׳לאָזט זיך מיט אַלע, ד״ה אויף דער אויסגעטראָטענער סטעזשקע, וועלכע פירט צום אָרט, וואו דאָס רוב קברים ווערן געגראָבן — אַט דעמאָלט האָט זיך פלוצים דערהערט אַ באַפעל פון הירשל משגיח:

— ניין, ניט אַהין... אַהער, צום פאַרקן — האָט ער אַ וויז געטאָן אין אַ זייט פון דער סטעזשקע, וואו אויפן שוין לאַנג איינגעלעגערטן שניי האָבן זיך געלאָזט מערקן בלויז איניקע סימנים פון פריש־געציילטע טריט — וויזט

אויס, ערשט היינט דאָרט אָפּגעשטעמפּלט, דאָס האָט געהייסן — אַהין, וואו קיינעם לייגט מען ניט, אויסער נאָר אַמאָל אַ נישט־כּשר־געבוירן קינד, אַ פאַר־וואָרלאָזטן אָן אַ נאָמען, אַ שלעכט־פאַרשעמטע פרוי, אָדער גאָר אַ באַוואוסטן גנב אין שטאָט.

— וואָס? האָט סרולי, דערזען, וואוהין הירשל דער משגיח ווייזט אָן, מיטאַמאָל מיכלס יינגעלע פון האַנט אַרויסגעלאָזט, און צוקומענדיק צו פאַר אים, אַ פרעג געטאָן: — וואָס עפּעס אַהין?

— אַזוי הייסט קהל — האָט יונה שענקער זיך אַרויסגערוקט מיט פאַרלייגטע הענט אויף אַרונטער, ווי תמיד, און אַ זאָג געטאָן קאַלט און רואיק און בעת מעשה איז ער אויך צוגעגאַנגען צו פאַר די נושאי מיטה, זיי צו פאַרשטעלן דעם וועג, און זיי לאָזן פריי נאָר יענע ריכטונג, אַ וואוהין הירשל האָט זיי אָנגעוויזן.

— ניטע! — האָט זיך איצט סרולי אַ שטעל געטאָן פאַר די נושאי־מיטה — אַהין וועט איר זיי ניט טראָגן — האָט ער אַ ווייז געגעבן אויף יונהן מיט הירשלען, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען און איין האַנט.

— מ'הייסט! — האָט ווידער יונה קאַלט אַ באַפעל געטאָן צו די נושאים, וואָס אַלס אָנגעשטעלטע און מחמת זייער אָפּהענגיקער לאַגע האָבן זיי באַ־דאַרפט פאָלגן ניט קיינעם, נאָר בלויז אַ הירשלען און אויך אַ יונהן, וועלכער האָט געהאַט צו זאָגן און צו שאַפן אויך אין חברה־קדישא, און וואָס, ווי זיי האָבן געוואוסט, איז אויב ער שטעלט זיך, מוז ער אויספירן.

— מ'הייסט ניט! — האָט ווידער סרולי זיך שאַרף אָוועקגעשטעלט און ניט דערלאָזט פאָלגן יענע.

דעמאָלט איז פון צווישן עולם באַגלייטער, וועלכער האָט פריער יונהס און הירשלס מיין ניט פאַרשטאַנען און וואָס דערנאָך האָט באַנומען, אַז מ'מיינט דעם מת בזיון אָנטאָן — יאָסעלע מגפה אַרויסגעטראָטן.

ער איז געווען אָנגעטאָן מער פאַרמעגלעך, ווי אַלע, מחמת, ווי געזאָגט, האָבן דאָס אים דערלויבט די מיטלען פון אַ גרויס־וויכטיקן אָנגעשטעלטן אין אַ זייער אָנגעזעענער, נישט היגער פירמע פאַר גוט באַצאָלט. אַזוי, אַז שוין אַליין זיין פיינע אויסערלעכקייט האָט אים געגעבן מער מוט אַרויס־צוטרעטן קעגן אַ הירשלען און יונהן; בפרט נאָך, אַז חוץ דעם איז ער אַליין אויך, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, גאַרנישט געווען קיין ניונקעלע... איז ער אַרויס, און באַלד ווי ער איז צוגעקומען צו איינעם פון די חבריש־צונויפ־געדעדטע, צו יונה שענקער, האָט ער אים אַזאַ מעסט אָפּ געטאָן פון אויבן ביז אַרונטער, ווי גלייך יענעמס גאַנצער וועזן האָט ביי אים קיין ווערט און גלייך זיין גאַרע סיפּאַקישע תּקיפות איז כּלל ניט אַזאַ, פאַר וועלכער ער, יאָסעלע, זאָל זיך דאַרפן שרעקן. נאָר פאַרקערט...

דאָס האָט אַזוי געווירקט, אַז שוין אַליין פון יאָסעלעס ערשטן צוטריט, האָט יונה שענקער זיך געזען געצוואונגען עטוואָס אַפּלאָזן פון זיין ביזאַהעריקער בטיחות, ובפרט, ווען יאָסעלע איז באַלד נאָך מער נעענטער צו אים צוגעטראָטן און אים אַ זאָג געטאָן:

— האַ, דאָס זייט איר, דאַכט זיך, ר׳ יונה שענקער, אויב איך האָב קיין טעות ניט? יאָ? איז אָט, הערט מיך אויס: פאָלגט מיך, כ׳ראָט אייך צו גוטן, און הייבט זיך בעסער ניט אָן — ניט מיט מיר און ניט מיט אַלע די, וואָס זיינען אַהער געקומען מיט דער לוויה, גייט אייך געזונט און לאָזט דעם מת באַגראָבן, ווי ס׳געהער און ווי ס׳קומט אים. אַניט, וואָרן איך אייך, ווערט איר שלעכט אָפּשניידן... מ׳קאָן דאָך אייך, — האָט זיך דאָ יאָסעלע אַ בויג געטאָן צו יונהן און די פאָלגנדיקע וואָרנענדיקע ווערטער שטיל אין אויער, ווי אַ האַלבן סוד אים איינגערוימט — מיט טריפה בראָנפן, אָן אַקציז, האַנדלט איר? גנבישע פעקל־סחורה באַהאַלט איר? און... — האָט יאָסעלע נאָך מער צוגעגעבן — און קיין גויש רעדן קאָנט איר ניט? און מורא האָבן פאַר נאַטשאַלסטווע האָט איר? איז אויב אַזוי, איז מאָרגן, אויב איר ווילט, ווערט ווער ס׳דאַרף זיך דערוויסן פון אַלע אייערע מעשים־טובים, מיט וועלכע איר באַשעפטיקט זיך אויף דער וועלט, און וואָס איבער הונדערט מיט צוואָנציק יאָר וועלן זיי אייך געוויס אַנטקעגן גיין אויף יענער... איר האָט געהערט ר׳ יונה?...

די לעצטע יאָסעלעס ווערטער האָבן, וואונדערלעך, אַזוי איבעררעשנדיק דערלאַנגט יונה שענקער, אַז ער איז געבליבן אָן לשון — ניט נאָר אָנעם סיפּאַקישן, וואָס שטראָמט אים אַלע מאָל בשפע און אָן אָפּשטעל, ווען ער האָט פאַר זיך אַ קעגנער, קעגן וועמען ער טרעט אַרויס מיט אויפגעריסענער שטירדעס, נאָר אַפילו דאָס געוויינטלעך מענטשלעכע לשון האָט אים אויסגערונען. ער איז געבליבן אַנטשטומט, ער האָט זיך גלייך גענומען רוקן אויף צוריק, ווי אַ הונט, מיט אַן אונטערגעבויגענעם עק, ווען ער ווערט געשלאָגן און לויפט אָפּ אין אַ זייט, און דערביי האָט ער אויסגעזען אַזוי שפל און צעריבן, אַז אַפילו זיינע העבט, וואָס ער האָט זיי אַלע מאָל מיט אַזאַ הרחבה אויף הינטן פאַרלייגט, האָבן זיך אים איצט אַראָפּגעלאָזט, ווי פרעמדע און פאַרגעסענע.

ער איז אָפּ... די קאָמאַנדע איבער די נושאי־מיטה, וואָס האָבן זיך ביז אַהער פון אָרט ניט גערירט, האָבן איצט שוין איבערגענומען יאָסעלע און סרולי, וועלכע האָבן געהייסן אַוועקלייגן דעם מת אין דרויסן, פאַרן אוהל, מחמת דער מינהג דערלויבט ניט גיין מיט אַ מת אויף צוריק... און באַלד האָבן זיי אויך, מעשה־באַלעבאָס, אויפגעפאָדערט הירשל משגיח, ער זאָל הייסן גראָבן אַ נייעם קבר דאָרט, וואו מ׳האָט אָפּגערעדט, און אויף אַזאַ אָרט, וואו דער כבוד פון מת וועט ניט ליידן.

און אַזוי איז טאַקע געווען, הירשל האָט, אָן טענות, זיך נישט קעגנגעשטעלט און געפּאָלגט, זעענדיק ווי אַזוי ביי יונה שענקער איז מיט אַמאָל דער מוט אָפּגעפּאַלן, נאָך דעם ווי יאָסעלע האָט אים דעם געוויסן סוד אין אויער איינגערוימט, ווי אַזוי ער איז געבליבן ווי געליימט, אַזש ער האָט די פאַרלייגטע הענט אויף אַרונטער פאַרגעסן און זיי שלאַבערדיק אַראָפּגעלאָזט — האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויב זיין שותף איז אַזוי געשלאָגן, איז אַ סימן, אַז די אונטערנעמונג האָט געפּלאַצט און אויב יונה, הייסט עס, האָט ניט געפּרואווט מיט קיין הויך וואָרט אָפּצוענטפערן אָט דעם יאָסעלען, איז ווידער אַ סימן, אַז ער האָט שלעכט אָנגעטראָפן און אַז דער צווייטער צד האָט געוויס די רעכטע בייטש אויף אים.

ער האָט דערום נאָכגעגעבן און געטאָן, וואָס מ'האָט פון אים פאַרלאַנגט.

ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז מ'האָט דעם נייעם קבר אויסגעגראָבן, מחמת ערשטנס, פאַרנעמט אַ קבר גראָבן אַלע מאָל פיל צייט, בפרט ווינטער, ווען ס'איז קאַלט און די ערד איז האַרט-קלינגענדיק און פאַרפרוירן. מ'האָט געמוזט לאַנג וואַרטן, און יונה שענקער האָט, נאָך זיין ניט-געלונגענער אַרויסטרעטונג, שטילערהייט זיך אַרויסגערוקט, און אַריין אין הירשל משגיחס שטיבל און דורך דאָרט אין שטאָט אַוועק און פאַרשוואונדן.

דער וואַרטנדיקער עולם האָט באַהאַלטנדיק זיך פאַר קעלט, זיך דערווייל אין אוהל געקליבן און גערעדלט, און אויך איצט ווי פאַר דער לוויה, באַזונדער, ניט צוזאַמענגעמישט די לוזי-לייט מיט די יאָסעלע-פאַרשוינען... נאָר שפּעטער אַ ביסל ווען יאָסעלע האָט אַ קוק געטאָן אין איינעם אַ ווינקל און האָט דערזען לוזין בראש פון אַ בינטל זייניקע, האָט אים עפּעס אַ צי געטאָן צו אים... ער האָט דערזען לוזין אין זיין סטיל-רבנישן ווינטערמאַנטל, נישט פאַרשפּיליעט, נאָר אַ פאָלע אויף אַ פאָלע פאַרלייגט און מיט אַ האַנט צוגעהאַלטן, אויך זיין שוואַרץ-גלאַנציקן פוטערנעם הוט, וואָס מאַכט זיין פּנים בלאַסלעך-אויסגעאיידלט — ווי ער שטייט צווישן אַן עולם, וואָס נויגט צו אים די אויערן, כאַפּט אויף דאָס געזאָגטע פון אים און טוט זיין יעדער וואָרט שלינגען — דאָס דערזען, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אַהין.

אַז ער איז צו, האָבן אים די לוזי-לייט אַן אָרט אָפּגעטראָטן און דער מערסט זייעריקע האָט אַפילו גענומען אָפּגיין פון רעדל, פילנדיק, אַז יאָסעלע איז מיט זיין אַהערקומען אויסן געווען ניט קיינעם, אויסער לוזין, וועלכער האָט אויף אים, ווייזט אויס, געמאַכט דעם געהעריק-פאַרדינטן איינדרוק, מיט וועלכן זיי, די לוזי-אַנגעהעריקע, האָבן זיך איינערלעך באַרימט... זיי זיינען אַוועק פון רעדל פון דרך-ארץ פאַרן פרעמדן יאָסעלע, דעם מער בעסער אָנגעטוענעם, ווי פאַר אַ מענטשן נישט פון זייער סביבה, אייניקע — אויך אַ ביסל פאַר מורא פון צו שטיין נאָענט לעבן אַ שלעכט-פאַרשעמטן, און

אַנדערע, שוין גאָר פֿאַרפֿרומטע — אַ ביסל אויך מיט ווידערווילן ווי צו איינעם, מיט וועמען ס'איז ניט כּדאַי אין איינע פֿיר איילן זיך געפֿונען...

לוזי איז כּמעט געבליבן אַליין, און יאָסעלע האָט גלייך געפֿונען ווערטער אויף צו פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך — ערשטנס, מכּוח טאַקע אָט דעם מיכלען, צוליב וועמען מ'איז אַהערגעקומען, פֿרעגנדיק: אפֿשר ווייסט לוזי די סיבה פֿון מיכלס אַזוי אומגעריכטן סוף, אַז באמת איז ער דאָך, דאַכט זיך, אָט ערשט געווען, אַ מענטש מיט מענטשן גלייך... און אַז ער האָט זיך מער צערעדט, האָט ער זיך דערלויבט צו פֿאַרגיבן, צווייטנס, אַ צווייטע פֿראַגע, אַ שוין מער היימישערע, און נעמלעך: זאָל ער אים מוחל זיין, לוזי, נאָר יאָסעלע וואָלט זייער גערן געוואָלט וויסן, ווי איז דאָס מעגלעך, וואָס נאָך דעם, ווי מיכל האָט אַזוי שאַרף געריסן מיט די לוזי־לייט, האָבן יענע פֿון אים זיך ניט אָפּגעוואָרפֿן, ווי ער זעט, און ווי ס'פֿירט זיך ביי אַנדערע, פֿרום־געזאָגנענע... דערביי האָט יאָסעלע אונטן אַרום און פֿאַרשטעלט אַ קלוגלעך־אויספֿרואוונדיקן בליק געטאָן אויף לוזין, מיטן מיין צו דערגיין, צי איז ניט ער, לוזי, טאַקע דער שולדיקער פֿון אָט דעם אומגעווייינטלעכן טאַט, וואָס אַנדערע, פֿרום־דענקענדיקע, וואָלטן אים זיכער פֿאַראורטיילט.

לוזי האָט אויף דער ערשטער פֿראַגע געענטפֿערט, וואָס ער האָט מער געוואוסט וועגן מיכלען, ווי יאָסעלע: — אַז שולדיק אין זיין אומגעריכטן סוף איז, לויט זיין דעה די שטאָט, וועלכע האָט אים אָפּגעשטויסן, ביי אים די פּרנסה אַוועקגענומען און אים גייסטיק און קערפּערלעך אונטערגעריסן. וואָסזשע געהער דער צווייטער פֿראַגע, האָט לוזי זי כּמעט געלאָזט אָן ענטפֿער, זי מיט דער האַנט אַוועקגעמאַכט און געלאָזט דענקען יאָסעלען, ווי ער וויל... אויף וויפֿל דאָס אָרט, וואו דער געשפּרעך איז פֿאַרגעקומען, האָט דאָס דערלויבט, האָט לוזי דערביי אַפֿילו אַ קליין ביסל אונטערגעשמייכלט, וואָס דערפֿון האָט יאָסעלע געדרונגען, אַז דער חשד, וואָס איז אים איינגעפֿאַלן בנוגע לוזין, איז ניט קיין אומזיסטער...

ער האָט דאָס אַרויסגעפֿילט אויך פֿון דעם, ווי אַזוי לוזי האָט מיכלס נאָמען דערמאָנט, אָן שום תּרעומות, נאָר פֿאַרקערט, ווי ווען מ'דערמאָנט אַ איינעם, מיט וועמען מ'איז יאָרן־לאַנג געשטאַנען אויף איין ברעט און מ'שטייט אויך איצט אויף דער זעלבער, נאָר וואָס אַ קליינע באַדויערונגס־ווערטיקע מיספֿאַרשטייעניש האָט מיט אים געטראָפֿן, וואָס אַנדערע ווילן פֿון איר מאַכן אַ וועזן, אָבער בשום אופֿן נישט דער, וואָס רעדט וועגן איר און שאַצט זי אָפּ, נאָר ווי אַלס אַזעלכע.

לוזי האָט מיט זיין באַשיידענער באַנעמונג פֿיל חן געפֿונען אין די אויגן ביי יאָסעלען — אַזוי, אַז אויסהערנדיק אים, האָט ער אים די גאַנצע צייט אין מויל געקוקט, ווי אויך אויף זיין אויסזען און הלבשה, און זיך ניט דערלויבט קיין וואָרט דורכלאָזן און מיט גאָרניט אים איבעררייסן.

דער געשפּרעך האָט געדויערט היפּש לאַנג און אָפּגעזונדערט פון עולם פון בײדע צדדים, װעלכער האָט געװאַרט אין אוהל, פאַר דער קעלט געשיצט, ביז די גרעבער זײנען פאַרטיק געװאָרן מיט דעם קבר ערשט צו פאַרנאַכט־צו; אָבער װי נאָר די גרעבער האָבן װעגן דעם געמאָלדן, אַזױ האָט מען גלײך דעם מת אױפגעהױבן, אים געטראָגן און צום קבר צוגעבראַכט.

דערבײ האָט סרולי װידער געפירט מיכלס ײנגעלע פאַר דער האַנט. פון לאַנגן װאַרטן איז דאָס קינד געװען איבערגעפרױרן, אױך געדריקט פון עם פרעמדן עולם, צװישן װעלכן ס׳האָט זיך געפונען אַ צײט, װי אױך פונעם טאַטן, װאָס מ׳זעט פון נעכטן אָן אָן איבערגעדעקטן און מענטשן טוען מיט אים עפּעס אומגעװײנטלעך טרױעריקס און ער לאָזט זיך, און דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, װאָס אַז ס׳איז צוגעקומען צום קבר און דאָס קינד האָט דערזען די עפענונג און די אַנגעגראָבענע ערד אױף בײדע זײטן אָנגעשיט, האָט זיך עס צעװײנט און האָט אַ קערװע געטאָן דעם קאָפּ צו סרולין שױן װי צו אַן אײגענעם, װעלכער האָט זיך טאַקע באַלד אַרױסגעװיזן פאַר אַזעלכן און ער האָט דאָס אױף די הענט גענומען.

דער עולם איז שטיל געבליבן. די גרעבער האָבן זיך אַ קלײנע װײלע נאָך אײנװײניק אין קבר געפּאָרעט און דאָרט אױסגעפּאַרטיקט, װאָס באַ־דאַרפט, און דערנאָך, װען מ׳האָט אַנגענומען פאַר בײדע עקן דעם לײלעך, אין װעלכן דער מת איז געװען אײנגעװיקלט, און אים אין גרוב אַראָפּגע־לאָזט, אַזױ האָט זיך פלוצלים פון צװישן עולם אַרױסדערהערט אַ שטאַרק כליפּנדיקער היכץ און אַ געװײן אױך פון אַ דערװאַקסענעם... דאָס איז געקומען נישט פון קײן אַנדערן, נאָר פון אַברהמל לובלינער, װעלכער איז, נאַטירלעך, אױך צוזאַמען מיט די לוזי־לײט אױף דער לװיה מיטגעװען, און דאָס האָט ער זיך צעװײנט — אָדער װי בכלל ס׳מאַכט זיך אַמאָל אַפילו מיט אַ געזונטן מאַנצביל, װען ער װערט פלוצלים אױפגעשיטערט, צוזעענדיק דעם סוף פון אַ מענטשן, אָדער דערפון, װײל ער איז געװען טיף־גערירט און אױפגערודערט נאָך פון נעכטן, בעת זײן געשפּרעך מיט לוזין, װען ער האָט דערזען, אַז ס׳גײט אױף אים אַ בראָך, װעלכן ער האָט ניט באַװיזן אױסצואַװײנען, מחמת דער טרעפעניש מיט מיכלען, װאָס האָט געשטערט.

דעמאָלט האָט זיך מיכלס ײנגעלע נאָך אַמאָל אױף אַ קול צעװײנט — אַזױ, אַז װען מ׳האָט מיט דעם באַדאַרפט קדיש זאָגן, און װען אײנער פון די לוזי־לײט האָט זיך אַ װענד געטאָן צו דעם און אַ זאָג געגעבן: זאָג, „יתגדל“, האָט סרולי מיט גרױס בײזער אױף יענעם אָנגעשריגן: װאָס װילסטו פון דעם? זעסט ניט, ס׳קאָן ניט... זאָג אַלײן...

מ׳האָט זיך באַלד גענומען פאַרשיטן דעם קבר, דערבײ האָט לוזי די ערשטע לאָפּעטע ערד אַרײנגעשאָטן, דערנאָך אַלע זײניקע, און אױך יאָסעלע מיט די צו אים געהעריקע זײנען ניט אָפּגעשטאַנען פון צו טאָן דאָס זעלבע.

מ׳האָט דערנאָך, שוין שפּעט פאַרנאַכטלעך, זיך אומגעקערט אין אוהל, און פון דאָרט אין שטאָט זיך גענומען לאָזן. סרולי האָט, אויך צוריק גייענדיק, מיכלס יינגעלע פאַר אַ הענטל געפירט, און ווען ער האָט געזען, אַז דער גאַנג איז דעם שווער, האָט ער עס אויך איצט אויף די הענט גענומען. לוזי מיט אַברהמלען זיינען אַוועק אַהיים, און אויך אַלע איבעריקע — ווער, וואוהין ס׳האָט געדאַרפט. און שוין, און אַט אַזוי איז מיכל בוקיער פון לעבעדיקן צעטל אויסגעשטראָכן געוואָרן און אויס.

*

אין יענער נאַכט, נאָך מיכל בוקיערס קבורה, האָט מען פון יאָסעלע מגפהס שטוב, וואָס האָט זיך געפונען אינעם ניט־יידישן קוואַרטאַל, אין אַ טיף־פאַררוקטן הויף, געקאָנט זען אַ שיין פון אַ לאָמפּ העט שפּעט־שפּעט דורך אַ לאָדן־שפּאַלט אַדורכלויכטן. דאָס איז זיך יאָסעלע שפּעט פאַרזעסן בעתן שרייבן אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער צייטונג, אין וועלכער ער האָט אַנטייל גענומען אַלס באַשטענדיקער מיטאַרבעטער — אין דער דעמאָלט זייער באַוואוסטער העברעאישער „הקול״, וואָס איז דערשינען אין אויסלאַנד, אין דער שטאָט קעניגסבערג, דאַכט זיך.

ער האָט געשריבן אינעם געוויסן נוסח פון אַלע דעמאָלטיקע אויפקלערער — מיט הויך־מליצהדיקע פסוקים פון תנ״ך, פון וועלכן יענע לייט האָבן געצויגן גרייט וואָפן, ווי פון אַן אַרסענאַל: פּאַטעטישע שטראָף־רייד און אויס־געשרייען אויף די עוולות, וועלכע זיינען באַגאַנגען געוואָרן פון שלעכטע פאַרשטייער פון דור און קהל, מיט וועלכע זיי, די אויפקלערער, האָבן זיך געריסן, ווי אַ ישעיה הנביא און אַנדערע נביאים בשעתם — מיט די שלעכטע מלכים און פאַלשע נביאים, וועלכע האָבן פיל רשעות פאַרשאַפט און דעם פאָלק אין ביין געשעדיקט.

— אוי ווי געשריגן צו די פאַרעקשנטע לאָמפּן־לעשער און פינצטער־לינגען, וואָס זיינען אַליין פאַרבלאָנדזשעט און פאַרבלאָנדזשען אַנדערע... ווי געשריגן: גאָטס טשערעדע איז אויף די בערג פאַרשפּרייט, און קיינער זאַמלט זי ניט... פאַסטעכער האָבן זייער באַרוף פאַרשלאָפן און הונגעריקע מדבר־וועלף לאָקערן און קוקן אַרויס אויף פאַרציקונג אאַז״ו, אאַז״ו — האָט יאָסעלע זיך אויפן האַלדז געריסן מיט בייזן מוסר, זיך דערמאָנענדיק, אויף וואָס ער האָט אָקאָרשט היינט זיך אָנגעשלאָגן בשעת מיכל בוקיערס לוויה: ווען ער האָט געזען, פון איין זייט, פון וואָס פאַר אַן אָרעמער שטוב דער מת איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן, און ווי אַזוי זיין ווייב און קינדער האָבן אויס־געזען, און פון דער צווייטער זייט, ווי די געדונגענע קנעכט פון קהל, ווי אַ הירשל משגיח און אַ יונה שענקער, האָבן, לויט אַ וואונק פון אויבן, געוואָלט מיכלען שענדלעך באַגראָבן אונטער אַ פּלויט — אַ מין קבורת־חמור — דער־

פֿאַר, וואָס יענער האָט געקראָגן מוט אַריבערצוקוקן איבער דער צוים, וואָס איז, כּלומרשט, פֿון אור־דער־עלטער פֿון גאָט אויפֿגעשטעלט, אויף ניט צו דערלאָזן דאָס פֿאָלק קומען צו דעם, וואָס איז פֿאַר דעם גוט און געוואונטשן.

— ווי, ווי — האָט זיך יאָסעלע דערמאָנט דאָס בילד, ווי אַזוי מיכלס יינגעלע מיטן פֿאַרשטאָכענעם פּיסל האָט צוערשט, הינקענדיק, נאָך דער לוויה נאָכגעשפּאַנט, און ווי דערנאָך האָט דאָס סרולי פֿאַר אַ הענטל געפֿירט, און ווי אַזוי ס'האָט זיך שפּעטער פֿאַרן קבֿר צעוויינט און זיך געזעגנט, ווי אָן ווערטער, מיטן פֿאַרשטאָרבענעם טאַטן, וואָס האָט דאָס געלאָזט אויסזיכטס־לאָז און אויף הפֿקר — דאָס, מיט דער מוטער, מיט די איבעריקע קינדער — פֿאַר וואָס, פֿאַר ווען?...

אוי ווי צו די, וואָס האַלטן דאָס פֿאָלק אין אָרעמקייט, און אין אומ־וויסן, דערלאָזן ניט די נויט־לינדערונג און ברענגען אין פֿאַרצווייפֿלונג ניט נאָר די, וואָס נויטיקן זיך אין הילף, נאָר אויך די, וואָס ווילן זי ברענגען און דערלאַנגען; די, וואָס גאָטס גייסט פֿענדלט אין זיי און זייער רחמנות האָט צו זייער האַרץ דערגרייכט, ווען זיי זעען, אַז זייער האַרעוואַניע איז אומ־זיסט, זייער גוטער ווילן אַרויסגעוואָרפֿן, ווייל זייער קול, וואָס וועקט צו דערוואַכונג, קומט צו קיינעמס אויער ניט אָן, ווי אַ קול, וואָס רופֿט אין דער מדבר.

זיצנדיק אין זיין פֿאַררוקט שטיבעלע, וואָס אינעם ניט־יידישן קוואַרטאַל, ביי דער שפּעט־נאַכטיקער שיין פֿון לאָמפּ, האָט יאָסעלע זיך דערזען, ווי אַלע זיין גלייכן פֿאַרשריגענע פֿון דור, איבערן לאַנד צעוואָרפֿענע, פֿאַר איינ־זאַמטע, פֿאַרשטויסענע, וועלכע האָבן געגאַרט צו קריגן געמיינזאַם לשון מיט די, וועמעס טובֿה זיי האָבן, ווי שווערע שטיינער, אויף די אַקסל געטראָגן; אָבער וואָס געוויסע סיבות האָבן גורם געווען, אַז זיי זאָלן אויפֿגענומען ווערן, ניט ווי ס'קומט זיי, ווי אויסלייזער — מיט יובֿל, נאָר פֿאַרקערט, ווי פֿרעמדלינגען, ווי שלעכט־באַגערער און שונאים — מיט שנאה און שטיינער.

ווי אַלע מאָל אין אַזוינע פֿאַלן, האָט אויך איצט יאָסעלע, צום אָנהייב שרייבן, זיך געפֿילט אָן איבעריקער, אָן אָנגעוואָרפֿענער, וועמען קיינער דאַרף ניט... אָבער וואָס מער ער האָט זיך דערוואָרעמט, אַלץ מער האָט ער זיך דערזען אַ באַזונדערן שלאַכטמאַן אויף אַ שלאַכט־פֿעלד — עפּעס, ער איינער, מיט אַ קליין בינטל מיטהעלפֿער קעגן פֿיל — אָבער דערפֿאַר מיט יענער בטיחות, וועלכע ס'פֿאַרמאָגן אַלע ערשטלינגען, פֿון פֿאָלק אויסדערווייִלטע און פֿון נייעם דור געשיקטע אויף אַרויסצוטרעטן קעגן אַלטן און אָפּגעלעבטן, וואָס איז זיך שווין צו לאַנג פֿאַרזעסן, און וואָס מוז, סוף־כּל־סוף, דאָס אָרט באַפֿרייען פֿאַר דעם, וועמעס מאָרגן ס'איז פֿאַרויסבאַשטימט אויסגעשפּילט און געוואונען...

יאָסעלע האָט צו זיין טרייסט זיך דערמאָנט אינעם קליינעם בינטל טרייע און אַנטשלאָסענע, וועלכע זיינען שוין אין גאַנצן אויף זיין זייט אַריבערגע־צויגן, ווי אויך יענע, וואָס דערווייל האַלטן זיך נאָך ווייט, אָבער וואָס פֿון צייט צו צייט פּרואוון זיי שוין אויך אין זיין רשות אַריינקוקן, אַמאָל אויך אומדרייסט אַ פֿוס איבער זיין פּלויט אַריבערשטעלן, און וואָס סוף־כּל־סוף, קאָן מען זיכער זיין, וועלן זיי מיט בײדע פֿיס אַריבער און אַלע סודות און דאָס גאַנצע כּלי־זיין פֿון צווייטן צד צו אים, אַהער, צו יאָסעלען, מיטברענגען.

ווי אָט, למשל, אָט דער היינט־פֿאַרשטאָרבענער מיכל, וועמען ס׳איז אַוודאי שווער אַנגעקומען דאָס איינרייסן מיט די זייניקע, ווייל שפּעט און אויף דער עלטער, ווען ס׳איז ניט לייכט זיך ציען מיטן וואָרצל פֿונעם באָדן, וואו מ׳איז פֿאַרפֿלאַנצט, אָבער דערפֿאַר קאָן דאָס דינען פֿאַר אַ נאָך בעסערן באַווייז, אַז דאָרט, ביים צווייטן צד, איז שוין ניט אַלץ אין אָרדענונג, אויב אַפֿילו אַזאַ איז בעדיי מיט די לעצטע כּוחות אַרויס, כּדי דאָ, ביי אים, ביי יאָסעלען, אַ נייע גייסטיקע אויסקומעניש צו געפֿינען...

יאָסעלע האָט דערום שוין אַ געשטאַרקטער, פֿאַרענדיקט זיין קאָרעספּאָנ־דענץ מיט דער האָפּערדיקער פֿאַרויסזאָגונג, ווי אַלע זיין־גלויביקע דעמאָלט, אַז ווי לאַנג די נאַכט זאָל ניט דויערן, אָבער איר ממשלה איז אויס, ווייל פֿון צווישן אירע שפּאַלטן לאָזן זיך שוין מערקן ווייט־ווייטע סימנים פֿון קומען־מוזענדיקן טאָג, וואָס ברעכט זיך און זוכט אַן אָרט אויף אַרויסשיינען.

— האָח! — האָט יאָסעלע לסוף זיין שרייבן פֿאַרענדיקט, אַ באַגליקטער פֿון זיין ציטעריק־געטרייער שליחות, וואָס ניט געקוקט אויף אַלערהאַנד שטער־רונגען, האַלט זי דאָך אין אויפֿשטייגן, ווי אַ ליכט־זייל, וועלכע האָט צו־ערשט אויסגעזען נאָר ווי אַ קליין־קליין לאָמטערנדל, פֿון עלנטע טרעגער געטראָגן, וואָס אָבער איצט, נאָך דעם ווי פֿיל איינצלנע האָבן איר שיין פֿאַרהיט, זי פֿאַר ווינטן פֿאַרשטעלט, מיט די לייבער געשיצט און אַלע טייער־קייטן פֿאַר איר אָפּגעגעבן, איז זי אויסגעוואַקסן צו אַ וועג־ווייזער פֿאַר אַלע די, וואָס האָבן פֿאַרדינט אויפֿן גליקלעכן און לאַנג־געגאַרטן אַרויפֿקומען.

יאָסעלע האָט זיך די הענט געריבן פֿון הנאה. באַזונדערס, ווען ער האָט זיך דערמאָנט און פֿאַר די אויגן איז אים אויפֿגעקומען דאָס געשטאַלט פֿון לוזיך, מיט וועמען ער האָט נעכטן ביי טאָג, אין אוהל, וואַרטנדיק אויף מיכלס קבורה, פֿאַרבראַכט. ער האָט זיך אים פֿאַרגעשטעלט אין זיין שוואַרץ־פֿוטער־נעם הוט און אינעם סטיל־רבנישן ווינטער־מאַנטל, אַ פֿאַלע אויף אַ פֿאַלע פֿאַרלייגט און מיט אַ האַנט צוגעהאַלטן, ווי ער שטייט פֿאַר אים אי אַן אָפּ־געפֿרעמדטער, אי אַזאַ, מיט וועמען ס׳דאַכט זיך, אַז ס׳לאָזט זיך צופֿרידן און אין געוויסע פּונקטן צונויפֿגיין... ער האָט זיך נאָך לאַנג אין שטוב אומגעדרייט ביזן שלאָף, און אַפֿילו ווען ער איז אויף זיין געלעגער אויפֿגע־

גאַנגען, האָט זיך דאָס לוזי־געשטאַלט פֿון פֿאַר זיינע אויגן ניט אָפּגעטאָן. און אים געמאַכט שמייכלען פֿון הנאה.

*

יאָ, זאָגן מיר, גייענדיק צום ווייטערדיקן, יאָסעלע האָט לוזין גוט פֿאַר־געדענקט. ער האָט אים פֿון קאָפּ ניט אַרויסגעלאָזט אַ טאָג און צוויי און מער, ביז ער האָט שפּעטער זיך געגומען דערפֿרעגן, וואו ער וואוינט, און אַז ער האָט זיך דערוואוסט, האָט ער — הער אַ מעשה — ניט באַלייט פֿון קיינעם, די שוועל פֿון יענעמס שטוב אַריבערגעשפּאַנט.

משונה!... ווייל וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט האָט געקאָנט האָבן אַזאַ, ווי יאָסעלע, צו אַזאַ, ווי לוזי, באַזונדערס, ווען מ׳נעמט אין אַכט די צייט און אומשטענדן, אין וועלכע יאָסעלע האָט געווירקט און זיין טעטיקייט אַנטוויקלט, און ווען ס׳איז, ווי באַוואוסט, אויסגעשלאָסן געווען אַ וואָסערע ניט איז נעגנ־טערע באַציאונג צווישן אַזעלכע קעגנזעצלעכע צדדים.

יאָ, משונה, און דאָך לאָזט זיך עס דערקלערן...

— מיט וואָס? — מיט דעם, וואָס יאָסעלע האָט זיך ניט באַנוגט מיט זיין מיסיע צו פּרעדיקן אויפֿקלערונג בלויז צווישן טאַטעס קינדער און צווישן דער לערן־יוגנט, וועלכע האָט אויך צו אים ווען אַמאָל אויסגעשטרעקט אַ האַנט, ער זאָל איר העלפֿן אַרויס פֿון די ענג־געשלאָסענע פֿיר איילן פֿון דער הלכה, ווי מען זאָגט, נאָר ער האָט זיך געריסן אויך צו די מאַסן.

ער האָט אָבער נאָך לאַנגער טרויעריקער דערפֿאַרונג זיך איבערצייגט, אַז מיט דער ליבע צו דער הימל־טאָכטער, צו דער השכלה, ווי מ׳האָט זי דעמאָלט גערופֿן, קאָנען זיך אָפּגעבן בלויז געציילטע, וועלכע האָבן צייט צו איר אַרויפֿקוקן און זי זוכן אין די וואָלקנס, אָבער ניט יענער גרויסער מאַסן־רוב, וועלכער איז ווילד פֿאַרהאַרעוועט, און וואָס צו אים דאַרף מען קומען מיט מער ממשות, מיט עסן פֿאַרן טאַנצן, כדי ערשט דערנאָך אים פֿעאיק מאַכן אויפֿצונעמען יענע פֿיינקייטן, צו וועלכע ער איז איצט ניט מסוגל, מחמת קיין צייט, געדולד, פֿאַרשטאַנד און קיין השגה קלעקט נישט.

ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער מיטן קליין בינטל אַנהענגער זיינען נישט מער, ווי אַ קליין פּיצל אינדזל אין מיטן אַ גרויסן ים נויט און אומ־וויסן, און אַז ס׳איז געמיין און ענגהאַרציק זיך איבערצונעמען מיט דער אייגענער דערגרייכטער גדולה און זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס מע האָט פֿאַר זיך אַליין און פֿאַרן אייגענעם נפֿש אַריינגעכאַפּט, בלויז פֿאַרן אייגענעם...

ער האָט דערום געזוכט אַ ברייטע טיר צו דער מאַסע, דורך וועלכער ער זאָל קאָנען אַריינקומען מיט דעם, מיט וואָס ער איז באַלאָדן. טראַכטנדיק, אַז אויב ס׳וועט זיך אים איינגעבן, די מאַסע זאָל צוערשט באַגיטיקן און אָנ־נעמען דאָס וואָס איז איר צוגענגלעך און שווין, אויפֿן אָרט, פֿאַרשטענדלעך, וועט

זי דערנאָך קריגן וואָכע אויערן אויך דערפֿאַר, פֿאַר וואָס זיי בלייבן דערוויילנאָך פֿאַרשטאָפּט.

ער האָט דערום געפּרוּווט קומען צו דער מאַסע ניט מיט ליידיקן און מיט סתּם גוטע באַגערן, וועלכע לאָזן זיך שווער הערן, נאָר מיט פּראַקטישע, גוט־דורכגעקלערטע פּלענער און עצות, ווי אַזוי, צום אַלעם ערשט, די אומ־מיטלבאַרע נויטן לינדערן.

ווי אָט, פּלאַן איינס: גרינדן ליי־ און שפּאָר־קאַסעס, מיטן נאָמען סומך נופֿלים, פֿאַר קעגנזייטיקער הילף, ד״ה — האָט ער דערקלערט — אַז יעדער איינער זאָל אַריינטראָגן, וואָס ער האָט אין גוטע צייטן אָפּגעשפּאָרט איבעריקס, כּדי, אַז פֿון דעם צונויפֿגעזאַמלטן סכום זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן קורצע אָדער לאַנג־טערמיניקע הלוואות פֿאַר אַזוינע, וואָס נויטיקן זיך אין זיי, ביז זיי וועלן זיך איבערדרייען און וועלן אומשטאַנד זיין אומצוקערן דאָס געליענע מיט אָדער אָן פּראָצענטן.

צווייטער פּלאַן: גרינדן מינים פּראָדוציר־ און אָפּזאַץ־אַרטעלן, ווי מיר וואָלטן איצט געזאָגט — אַזוינע, וועלכע נעמען אָפּ ביי אַ געוויסן פֿאַך באַל־מעלאָכעס זייער אויסגעפֿאַרטיקטע אַרבייט, וועלכע ווערט אַלע מאָל ביי זיי באַשטעלט פֿון הורט־קרעמער אונטערנעמער, וואָס רייסן אָפּ אַ היפּשע שטיק פֿאַרדינסט פֿאַרן פֿאַרמיטלען צווישן פּראָדוצירער און געברויכער; — אָמער — האָט יאָסעלע געטענהט צו די מענטשן פֿונעם פֿאַך — זייט בעסער אַליין די אונטערנעמער און אָרדנט איין און מאַכט אַזוי, אַז דאָס גאַנצע פֿאַר־דינסט זאָל אַריינפֿאַלן צו אייך און נישט צו די קרעמער, וואָס זייען ניט, שניידן ניט, נאָר לעבן פֿון גרייטן, ד״ה פֿון פֿרעמדער האָרעוואַניע... און נאָך, און נאָך פּלענער.

מיט איינעם וואָרט, יאָסעלע האָט ניט איין מאָל געפּרוּווט אַ גרויסן עולם פֿאַרשיידנפֿאַכיקע בעל־מלאָכות צונויפֿזאַמלען און זיי אויפֿקלערן און געבן צו פֿאַרשטיין מיט כּלערליי ראַיות און באַווייזן, ווי גערעכט ער איז און ווי אָפּגעשטאַנען זיי זיינען, ווען זיי באַנעמען ניט, ווי לויבבאַר ס׳זיינען פֿאַר זיי זיינע פֿאַרשלאָגן, וועלכע זיינען געצילט רק־רק צו זייער טובה און ניט מער צו קיינעמס.

דער עולם האָט אים צוערשט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט, און מיט הסכּמה מיט די קעפּ געשאָקלט: אַוודאי... אַזאַ יאָר אויפֿן עולם, וואָס פֿאַר אַ גוטער געדאַנק ס׳איז, און וואָס פֿאַר אַ גאָלדענע נוצן מען קאָן פֿון אים אַרויסציִען... שפּעטער אָבער, ווען יאָסעלע האָט שוין געזאָלט איבערגיין פֿון ווערטער צו מעשים און זיך נעמען, אָט־אָט, צו פֿאַרווירקלעכן זיינע פֿאַרשלאָגן, האָט דער עולם זיך גענומען אָפּשאָקלען פֿון עסק, קאַלט ווערן און זיך אַרויסדרייען. פֿאַרוואָס? — ווייל יעדן איינעם האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז מ׳וויל אים אויסנאַרן, אַרומגיין, און אַ חשד האָט זיך דערוועקט

פֿון איינעם צום אַנדערן, און פֿון אַלע צו יאָסעלען, און אַ בלבול הלשונות איז אַנטשטאַנען, ווען איינער האָט דעם אַנדערן ניט געהערט און יעדער איינער האָט געמיינט, אַז דער צווייטער וויל דאָ מער נוץ פֿאַר זיך אַריינכאַפּן, און מ׳האָט זיך צעקריגט און מ׳איז זיך צעגאַנגען מיט דעם, מיט וואָס מ׳איז זיך צונויפֿגעקומען — מיט גאָרנישט...

— איר זעט דען ניט, פֿלעגט זיך דעמאָלט געפֿונען איינער, יאָסעלעס, כּלומרשט, אַ גוטער פֿריינט, אַ גוט־באַגערער, וואָס האָט זיין טירחה געשאַנעוועט און פֿלעגט אים אָפּרופֿן אין אַ זייט און אַ זאָג טאָן צוטרויליך, ווי אַ געטרייער בעל־יועץ — איר זעט דען ניט, אַז מיט אונדזערע ברידער איז ניט צו מאַכן? אַז ס׳איז סמאָלעווע קעפּ, כאָטש נעם טעסע פֿון זיי פֿלעקער...

יאָ, יאָסעלע איז שוין נישט איין מאָל דורכגעפֿאַלן מיט זיינע אויבן־דערמאָנטע פּרואוון. ער האָט געמיינט, אַז די שולד איז אין אים, ווייל ער איז ניט געניט פֿעאיק דעם עולם מינדלעך, מיט ווערטער, צו דערקלערן, וואָס מען דאַרף, און ער האָט באַשלאָסן זיך ווענדן מיט אַ ספּעציעל דערצו אָנגעשריבענער בראָשור, אויף אַ פּשוט פֿאַרשטענדלעך לשון, אויף וועלכער ער האָט לאַנג געהאָרעוועט.

ער האָט זי אָנגעשריבן, די בראָשור, און איז אַוועק מיט איר צום היגן דרוקער, צו ר׳ שעפּטל קאַץ — צו דעם, וואָס האָט אַלע מאָל געטראָגן אַ זיידענע יאַרמלקע אין דרוקעריי, אי מחמת דרך־ארץ צו זיך אַליין, אי צו דער עבֿודת־הקודש פֿון זיין געשעפֿט, וואָס באַדינט דעם גאָר אײדעלן עולם מיט אַזוינע גרויס־וויכטיקייטן, ווי מיט ש״ס, מיט משניות, מיט עין־יעקבֿס און מיט חומשים מיט למד־בית פּירושים, פֿיין געדרוקט אויפֿן בעסטן רעגאַל־פּאַפּיר, מיט שוואַרץ־שמעקנדיקע אותיות, מיט יום־טובֿדיקע שער־בלעטער, מיט בילדער פֿון משה מיט אַהרונען אויף ביידע זייטן, איינער מיט אַרויס־קוקנדיקע שטראַלן פֿון זיין שטערן, ווי הערנער, און דער צווייטער אין חושן־ואיפֿוד, ווי אַ קאַטויליש־גלחיש העמד, מיט אַ פֿייער פּושקע אויף קייטעלעך דעם ווייַרויך צו רויכערן.

אָט דער שעפּטל קאַץ האָט אויסער דער יאַרמלקע נאָך געטראָגן ברילן אויף דער שפּיץ נאָז, מיט וועלכע ער פֿלעגט אָפּט קומען זיך איינקוקן אין דער אַרבעט פֿון אַ זעצער אָדער אַ בעל־מגיה, מאַכן באַמערקונגען מעשה־באַלעבאָס, אונטערטרייבן, געבן עצות און וואָרענען: זע, דער עמוד זאָל ניט אַרויס קרום... זע, זיי דאָ מגיה, ווי ס׳געהער... און דורך אָט די ברילן פֿלעגט ער אויך באַגעגענען זיינע קונים, באַשטעלער, ווער ס׳האָט צו אים געדאַרפֿט, קוקנדיק דורך זיי, ווי אַ האָן, אין דער קרום, אַמאָל מיט גוטן, אַמאָל מיט בייזן, ס׳געווענדט, ווי ס׳האָט אים געלוינט, און ווי יענער האָט דאָס פֿאַרדינט...

און אַט, אַז יאָסעלע איז צו אים אַריין און האָט גענומען פֿאַרלייגן זיין קליין ביכעלע צום דרוק, האָט שעפּטל קאַץ, וואָס האָט, ווייזט אויס, געוואוסט פֿון אים און פֿון זיין פֿאַרשמטער עבודה אין שטאָט — נאָך איידער ער האָט דאָס חיבורל אין האַנט גענומען, אויף אים אַ קרומלעכן קוק געגעבן און אים באַטראַכט אַזוי, ווי איינעם, מיט וועמען ס׳איז ניט כדאַי צו טאָן האָבן און אין קיינע געשעפֿטן זיך אַריינלאָזן. אַז ער האָט עס, צוליב אַנ־שטענדיקייט וועגן, דאָך אין האַנט גענומען, האָט ער עס אַ ווײַלע זייער גרינג־שעצנדיק פֿון זייט אויף זייט געדרייט, ווי ניט וועלנדיק זיך די הענט דערמיט פֿאַרשמירן, און באַלד טאַקע האָט ער עס אומגעקערט און אַ זאָג געגעבן:

— ניין, ס׳איז ניט פֿאַר אים.

— פֿאַרוואָס, ר׳ שעפּטל? ס׳דאַרף אייער זאַך, ס׳דאַרף אַ דרוק ביי אייך?

— יאָ, נאָר ניט פֿאַר אַזוינע מינים חיבורים.

— וואָס פֿאַר אַזוינע?

— פֿאַר ביכלעך־שמיכלעך און פֿאַר קיי־שפּיי שמאַכטאַלייען, וואָס ער ווייסט ניט וואָס אין זיי איז געשריבן.

— קאָן ער דאָך איבערלייענען און זען, אַז ס׳איז, חלילה, ניט קיין פּסול.

— ניין, ער וויל ניט דאָס פֿאַרדינסט, און וויל מיט דעם ניט צו טאָן האָבן. בקיצור, ער האַלט ניט דערפֿון — האָט יאָסעלע באַקומען אי אָפּגע־זאָגט אי נאָך אַ קרומלעך־אָפּשטויסנדיקן בליק אַלס צוגאָב.

יאָסעלע איז אויך דאָ דורכגעפֿאַלן... ער האָט דערנאָך גערעכנט לאָזן צעקלעפּן אויפֿרופֿן, קול־קוראס, אין די שולן און אין אַנדערע עפֿנטלעכע ערטער, וואו ס׳לאָזט זיך. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אַזוי ווי דער דרוקער שעפּטל קאַץ האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון צו דרוקן זיין חיבורל פֿון מורא, ס׳זאָל אים צום געשעפֿט ניט שאַטן און ער זאָל ניט אָנווערן דעם איידעלן קרעדיט ביי די, צו וועלכע ער דאַרף אָנקומען, ווי צו אָפּנעמער און געברויכער פֿון זיין דרוק־מלאָכה; אַזוי אויך האָט ער געוואוסט, אַז די האַנט פֿון די בעלי־דעה אין שטאָט איז גענוג לאַנג, זי זאָל דערלאַנגען אויך צו די גבאים אין די שולן, אויף וועלכע זיי האָבן צו זאָגן, זיי אַ וואונק טאָן און באַפֿעלן, אַז אַזוינע קול־קוראס, פֿון אַ יאָסעלעס האַנט געשריבן, זאָלן גלייך אַראָפּ־געריסן ווערן, ווי נאָר זיי וועלן זיך באַווייזן און ווי נאָר אַן ערשטער בליק וועט אויף זיי פֿאַלן.

יאָסעלע האָט צולעצט נאָך געפּרוווט זיך ווענדן צו די מער מעסיקע און קלענערע קנאים פֿונעם גאַטספֿאַרכטיקן שיכט, גלויבנדיק, אַז אפֿשר וועלן פֿאַרט יענע, על־כל־פּנים, אים וועלן אויסהערן, ווען ער וועט זיי דערוויזן, אַז ער מיינט דאָ, חלילה, ניט אָנרירן קיין מינדסט, וואָס איז שייך אמונה־זאַכן, נאָר אַז זיין מיין איז בלויז די טובה פֿון פֿיל נויט־באַדערפֿטיקע, וועלכע

פֿאַלן צו לאַסט אויף קהל, וואָס קאָן זיי ניט בייהילפֿיק זיין אַפֿילו ביי זיין בעסטן ווילן.

ס'האָט זיך אָבער אויך דערפֿון גאַרנישט באַקומען. אייניקע האָבן אים פֿון לכתּחילה אָן קוים אויף דער שוועל אַרויפֿגעלאָזט, ווי אַזאַ, וואָס ס'איז בעסער זיך האַלטן פֿון אים פֿון ווייטן... און אַנדערע, וואָס האָבן אים יאָ אויפֿגענומען און צוערשט אַפֿילו אים דעם גערעכט אָפּגעגעבן, זאָגנדיק: יאָ, ס'איז ניט קרום... ס'לאָזט זיך רעדן... — האָבן אויך שפּעטער חרטה געהאַט, נאָך דעם ווי זיי האָבן איבערגערעדט און זיך אויסגעעצהט מיט די מער פֿאַרביסענע, וועלכע האָבן זיי אָנגעשראָקן און אָפּגערעדט פֿון צו שטיצן און אונטערהאַלטן יאָסעלעס — ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשריגענעם משא־ומתּן...

און אָט, אַז יאָסעלע האָט זיך גאָר צולעצט אָנגעשלאָגן אויף לוזין, און ס'האָט אים געדאַכט, אַז ער האָט דאָ אָנגעטראָפֿן אויף אַזאַ, ביי וועמען ער וועט קריגן מיטגעפֿיל פֿאַר דעם, מיט וואָס ער טראָגט זיך אַרום אַזוי לאַנג, האָט ער זיך צו אים אַ לאָז געטאָן, ווי צו אַ לעצטן רעטונגס־אַנקער, אײדער ער וועט ענדגילטיק ליידן שיף־ברוך מיט זיינע גוטע מיינען און גוזעלשאַפֿטלעכער שליחות.

*

לוזי איז געווען אַליין, ווען יאָסעלע איז צו אים אין שטוב אַריין. ער האָט צוערשט אַ קוק געטאָן אויף יאָסעלען אַ ביסל צעמישט פֿון חידוש, מיינענדיק, אַז יענער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט און אַהערגעטראָפֿן על־פּי טעות. ווען ער האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז ניין, אַז צו אים, האָט ער אויף אַ זייער איידעלן אופֿן אים פֿון שוועל אַראָפּגעבעטן און באַלד דערנאָך אים אויך פֿאַרגעלייגט פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ אויף אַ בענקל ביים טיש.

יאָסעלע האָט גערן אָנגענומען די איינלאַדונג, און באַלד נאָך די ערשטע באַגריסונגס־ווערטער, האָט ער גענומען דערקלערן דעם ציל פֿון זיין אַהער־קומען.

ער האָט געזאָגט: הויל אין ענין פֿון טובֿת־הכּלל, פֿאַר וועלכן ער וואָלט זייער געוואָלט האָבן לוזיס הסכּמה און מיטהילף.

— דהיינו?

— ער טראָגט זיך שוין לאַנג אַרום מיטן געדאַנק צו שאַפֿן אַ מער פֿעסטע אַחיזה פֿאַר פֿיל פֿון די, וואָס לייגן זיך אויפֿן קאַרק פֿון קהל נישט דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן קיין מלאָכה ניט, אָדער וואָס פֿוילן זיך, ווי די באַוואוסטע שטאָט־שלעפּער, וועלכע האָבן זיך געמאַכט דאָס שלעפּעריי פֿאַר אַ פּרנסה. ניין, נאָר פֿאַר אַזוינע, וואָס איבער אַ צופֿאַל — אַמאָל איבער שלאַפֿקייט, ווען מ'ברענגט זיך אויס, אָדער אַמאָל ווען מ'האָט איבער געוויסע אומאָפּ־הענגיקע סיבות, די אַרבעט פֿאַרלוירן — ווערט מען אַרויסגעשלאָגן פֿון זאַטל,

מ׳פֿאַלט אַראָפּ און מ׳קאָן דערנאָך לאַנג־לאַנג צום אָרנטלעך־האַרעפֿאַשנעם וואוילשטאַנד ניט קומען.

— איז וואָס איז די עצה? — האָט לוזי אַ פֿרעג געטאָן.

— די און די — האָט יאָסעלע געענטפֿערט און האָט פֿאַמעלעך גענומען אויסלייגן זיין גאַנץ פּעקל פּלענער, וואָס ער האָט געהאַט אַ פֿולן בוזים מיטגעבראַכט — דאָס הייסט, אַז ווען ער איז געקומען צו אָט דעם אָרט אין געשפּרעך, האָט ער אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ מין נאָטיץ־ביכעלע, פֿון וועלכן ער האָט אַרויסגעלייענט אַלדי פֿון פֿאַרויס פֿאַרצייכנטע ציפֿערן און באַווייזן, וועלכע האָבן געדאַרפֿט קלאָר מאַכן פֿאַר יעדער קלאָר־דענקנדיקן, אַז ער, יאָסעלע, רעדט ניט אין דער וועלט אַריין און בויט ניט קיין שלעסער אין דער לופֿט, נאָר אַז אַלץ, וואָס ער לייגט פֿאָר איז ראַיעל און שטימט מיט דער ווירקלעכקייט און מיטן שכל הישר.

דערביי, קומענדיק צו אָט דעם אָרט, האָט יאָסעלע זיך דערלויבט אַפֿילו אַ וויצל צו טאָן און אַ זאָג געבן, אַז דאָס, וואָס ס׳שטייט געשריבן: „לא יחדל אביון מקרב הארץ״ מיינט ניט אַ געבאָט, אַ חיוב און אַז ס׳איז טאַקע געוואונטשן, אַז קיין אָרעמעלייט זאָלן קיין מאָל אויף דער וועלט ניט אויס־פֿעלן. נאָר אַן אומגליק, אויף וועלכן די תּורה ווייזט אָן, און זי די תּורה, וואָלט בעסער באַשטאַנען, אַז אָט דער פּסוק זאָל ניט זיין, אַבי אויך יענע, די אביונים, זאָלן פֿאַרשווינדן.

— יאָ, — האָט לוזי, שמייכלענדיק, מסכּים געווען.

— איז אָט, איז ער געקומען פֿאַרלייגן לוזין, ווי אַ מענטש, וואָס האָט ווירקונג אויף מענטשן, וועמען מ׳פֿאָלגט, מ׳הערט און מ׳האַלט זיין וואָרט אין חשיבֿות, ער זאָל זיך אַריינמישן און זיך איינשטעלן פֿאַר דער זאַך. אים, יאָסעלען, וואָס האָט שוין נישט איין מאָל געפּרוווט טאָן און זיך גרויס מיען פֿאַר דעם, הערט מען ניט — צי פֿאַר מורא, צי פֿון אומצוטרוי — נאָר מ׳קערט זיך אַלע מאָל פֿון אים אָפּ און מ׳לאָזט אים מיט ליידיקן...

— ניין, — האָט לוזי אָפּגעזויגט יאָסעלעס ביטע מסכּים צו זיין אויף זיין פֿאָרשלאָג — דאָס קאָן ער ניט. דער געדאַנק געפֿעלט אים, פֿון קעגנערשאַפֿט קאָן קיין רייד ניט זיין, ער זעט דאָ חלילה, קיין שלעכטס, נאָר וואָס געהער הילף, וואָס יאָסעלע פֿאָדערט, מוז ער זיך אָפּזאָגן. ער איז ניט מסוגל דערויף, ניט באַרופֿן, און ווען ער זאָל אַפֿילו וועלן, ווייסט ער ניט, ווי מ׳נעמט זיך דערפֿאַר. — ניין — האָט לוזי נאָך אַמאָל איבערגעחזרט זיין ערשט אָפּ־נויגנדיק וואָרט, וואָס האָט באַטייט, אַז ער קאָן ניט אָננעמען וואָס מ׳לייגט אים פֿאָר.

יאָסעלע האָט אים ניט געפּרוווט איבעררעדן. קוקנדיק אויף לוזין, ווי ער זיצט פֿאַר אים מיט זיין פֿיינער באַנעמונג, באַזעלט פֿון מחשבֿות, וועלכע, ווי ס׳ווייזט אויס, באַזוכן אים שטענדיק, האָט ער אים געשאַנעוועט, ווי אַ

מין יום־טובדיקן חפץ, וועלכן מ׳געברויכט ניט אָפּט, און ער האָט ניט גע־פּרוווט צו אים צושטיין און אים וועלן אָנבינדן דאָס, וואָס ווי יענער זאָגט, איז אים ניט אייגנטימלעך און ניט לויט זיין טבע, ד״ה, אים וועלן אַריינציען אין עסקים, פֿון וועלכע ער שטייט ווייט.

יאָסעלע איז ניט געווען צודרינגלעך, און גלייך ווי ער האָט באַקומען אָפּגעזאָגט פֿון לוזין, האָט ער ניט געפּרוווט אים איינריידן, אַז אפֿשר פֿאַרט וועט ער איינשטימען נעמען אַ וואָסער ניט איז אָנטייל אין דעם, וואָס יאָסעלע האָלט פֿאַר אַזוי נוצלעך און וואָס אויך לוזי איז ניט קעגן... ניין, זיין באַזוך צו לוזין האָט יאָסעלע, נאָך יענעם אָפּזאָג, שוין געהאַלטן פֿאַר פֿאַר־ענדיקט. און אויב ער האָט זיך באַלד ניט אויפֿגעהויבן פֿון אָרט אויף זיך אָפּגעזעגענען און לוזיס שטוב פֿאַרלאָזן, האָט ער דאָס ניט געטאָן, ווייל ער האָט נאָך געהאָפּט פּועלן מיט זיין וויזיט, נאָר גלאַט, כּדי עטוואָס לענגער צו פֿאַרברענגען מיט לוזין, און וועמעס נאָענטקייט ער האָט זיך געפֿילט — יאָ, יאָ — ווי לעבן אַ ליבן טאַטן, וואָס אויסער ליבע, רופֿט יענער נאָך צו זיך אַרויס הויך איידעלע אַכטונג.

יאָ, ער האָט געוואָלט מיט פֿאַרשיידענע מיטלען פֿאַרלענגערן זיין וויזיט... ער האָט שוין גענומען איבערגיין צו אַן אַנדער שמועס, וואָס האָט קיין שייכות ניט צו דעם, מיט וועלכן ער איז אַהערגעקומען. נאָר דעמאָלט האָט אויף דער שוועל פֿון צימער, וואו ער מיט לוזין האָבן איינס לעבן אַנדערן ביים טיש זיצנדיק, פֿאַרבראַכט, זיך באַוויזן סרולי גאָל.

אַז יענער איז אַריין און האָט דערזען לוזין מיט יאָסעלען איינס לעבן צווייטן אַזוי געמיטלעך פֿאַרברענגען, אַז זיי באַמערקן אַפֿילו ניט זיין אַנקומען, האָט ער זיך אַזוי צעשמייכלט, פּונקט ווי דעמאָלט, ווען ער איז געשטאַנען, ווי מיר געדענקען, אונטער לוזיס טיר אין יענעם אָוונט, ווען לוזי האָט מיט אַברהמל לובלינער אין אָפּגעזונדערטן אַלקער זיך געפֿונען, און ווען לוזי איז געקומען אין זיין געשפּרעך מיט יענעם צו יענעם אָרט, ווען ער האָט דער־קלערט, אַז ער דענקט זיין שטייגער לעבן בייטן, אויס אָנפֿירער ווערן און, מעגלעך, אויך אַוועק און די שטאָט פֿאַרלאָזן.

יאָ, אויך איצט איז סרולין עפּעס גאָר־גאָר פֿריילעכס אונטערן האַרצן אונטערגעקומען, ווען ער האָט דערזען דאָס, וואָס ס׳האָט זיך אים, ווייזט אויס, אַזוי געגרן געוואָלט זען... ער האָט זיך געהאַלטן שטיל אַ מינוט און צוויי, און אַפֿילו לענגער, ווי מ׳דערלויבט זיך, ווען מ׳קומט אַריין אין אַ שטוב און מ׳באַמערקט דיך ניט און ווען מ׳מוז, סוף־כּל־סוף, וועגן זיך צו וויסן געבן פֿון אַנשטענדיקייט וועגן, אויב נאָר מען מיינט ניט עפּעס אונ־טערצוהערן.

ער האָט זיך ניט אויסגעגעבן מיט גאָרניט. און מיט אַמאָל, ווען ער האָט דערפילט, אַז מער לענגער וועט ער שוין נישט קאָנען בלייבן אַ ניט־געזעענער, ווייל אָט־אָט וועט איינער אָדער אַ צווייטער פון די ביים טיש זיצנדיקע זיך אַ דריי טאָן, די אויגן אויפהויבן און אים סיי ווי באַמערקן — אָט דעמאָלט האָט ער מיט אַמאָל פון דער שוועל אַראָפגעשפּאַנט, און אונטערקומענדיק נאָענט צו פאַר לוזין מיט יאַסעלען, האָט ער פלוצלים און ווי אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן אין דער הויך, ווי גלייך נישט צוויי וואָלטן ביים טיש געזעסן, נאָר ווי פאַר אַ גאַנצער שטוב מיט מענטשן:

— מזל־טוב!

— האַ, וואָס? — האָבן זיך ביידע ביים טיש זיצנדיקע, אַ דריי אויס געטאָן, און איינער, יאַסעלע, האָט בלויז אַ קוק געטאָן מיט חידוש, און דער צווייטער, לוזי, האָט דעם חידוש מיט ווערטער אויסגעדריקט:

— וואָס איז געשען? וואָס פאַר אַ מזל־טוב אין מיטן דרינען?

— ניין, גאָרניט — האָט זיך סרולי באַלד צוריקגעכאַפּט און ווי מיט חרטה זיך גענומען אָפּשאָקלען פון זיין טעות אָדער פון דער אומגעלומפּערטער, כּלומרשטער, נאַרישקייט, מיט וועלכער ער איז אָקאָרשט אַרויס אויף אַ קול — אויפן הימל אַ יריד... די קאַץ האָט זיך געקעצלט, האָט ער די נאָר וואָס אַרויסגעבראַכטע נאַרישקייט געוואָלט אָוועקמאַכן און זיך אויסדרייען.

— משוגע?

— ניין... אייסעך... ס'האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט...

— נאַ, — האָט זיך לוזי אַ קרום געטאָן מיט ביטול, קוקנדיק אויף סרולין, ווי אויף אַזאַ, וועמען מ'דאַרף פאַרענטפערן פאַר אַ פרעמדן, מען זאָל זיך אויף אים ניט באַליידיקן, ווי אויף אַ קונדאַס אָדער אויף אַ מאַרשאַלעק, וואָס זייערע רייד האָבן קיין מאָס און קיין ממשות.

יאַסעלע האָט די סצענע ניט פאַרשטאַנען. ער האָט ניט באַנומען די שייכות בכלל, וואָס צווישן אָט די ביידע, צווישן לוזין מיט סרולין, וועגן וועלכן ער האָט געהאַט אַ געוויסע פאַרשטעלונג, ובפרט, אַז יענער, אַז סרולי זאָל זיך גאָר דערלויבן אַזוי היימיש זיין מיט לוזין, ביז צו שפּאַסן און פלוידערן אומזיניקייט, ווי פאַר גאָר אַן אייגענעם. ווי אַ ניט־היימישער אָבער האָט ער זיך, נאַטירלעך, ניט אַריינגעמישט... נאָר ווי ס'זאָל ניט זיין, איז דער געשפּרעך צווישן אים און לוזין, מיט סרולים אָנקומען, שוין געשטערט געוואָרן און ער האָט אים מער נישט געדענקט באַנייען און צוריק פאַרבינדן.

ער האָט צוליב אָנשטענדיקייט וועגן, נאָך אַ ווײַלע אויסגעוואַרט, נישט וועלנדיק ווייזן, אַז סרולי האָט אים געשטערט. אָבער ווי נאָר ס'איז מעגלעך געוואָרן, אַזוי גלייך האָט ער זיך פון אָרט אויפגעהויבן און געזאָגט, אַז ס'איז

אים צייט אַוועקגיין, און פֿאַרן געזעגענען האָט ער געבעטן ביי לוזין, אַז יענער זאָל אים דערלויבן ווען ניט איז נאָך אַמאָל אַריינקומען, כּלומרשט צוליב דעם, ווייל אפֿשר פֿאַרט וועט ער באַווייליקן אויסגעפֿינען אינטערעס פֿאַר דער זאַך, צו וועלכער יאָסעלע האָט אים געמיינט צוציען.

יאָסעלע איז אַוועק. דעמאָלט איז סרולי נאָך נעענטער צוגעטראָטן צו פֿאַר לוזין. דאָס פּנים, וואָס האָט אים אָקאָרשט־ערשט געשיינט פֿון דולער גדולה, האָט זיך אים איצט פֿאַרצויגן מיט ערנסט, און קוקנדיק אַ ווײַלע אָן ווערטער אויף לוזין, האָט ער באַלד דערנאָך אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— צי ווייסט ער, ווער ס׳איז דער, וואָס האָט אים אָקאָרשט באַזוכט? צי ווייסט ער, ווי אַזוי ער איז פֿאַרשמט אין שטאָט?

— ער ווייסט, — האָט לוזי געענטפֿערט.

— נו, און צי ווייסט ער אויך, אַז דאָס וואָס בעת יענעמס באַזוך זיינען קיין עדות ניט געווען קאָן אויסגעטייטשט ווערן פֿון געוויסע נאָכקוקערס און אונטערהערערס, אַז לוזי איז מיט יענעם, כּלומרשט, איין דעה — שוין אַליין דערפֿאַר, ווייל ער האָט זיך מיט אים געטראָפֿן אונטער איין באַליק? צי ווייסט ער, אַז אָט די נאָכקוקערס און אונטערהערערס וועלן אים איצט אַריינלייגן אַזוינע ווערטער אין מויל, וואָס פֿאַר זיינע קעגנער וועלן זיי זיין גאָר געוואונטשן און ער, לוזי, וועט זיך קיין מאָל פֿון זיי ניט אָפּוואַשן, באשר — וועלן יענע טענהן — די געוויסע מוסרים האָבן אַליין געזען, געהערט, ווייל זיי זיינען אונטער זיינע טירן און פֿענצטער געשטאַנען.

— נו, איז וואָס? פֿון הולכי־רכיל און שלעכטע באַריידער איז קיינער ניט באַוואָרנט, הייבט צו וואָס טראַכטן דערפֿון? זאָל מען זאָגן, וואָס מ׳וויל...
— האָט לוזי אַ זאָג געטאָן און דערביי זיך אויסגעקערעוועט און געלאָזט סרולין מיט האַלבע ווערטער אין מויל, בישט וועלנדיק מער הערן, וואָס יענער האָט אים, ווייזט אויס, געהאַט מוסיף צו זיין צום אָקאָרשט געזאָגטן.

דאָס האָט סרולין ווידער אַ הנאה געטאָן, אָט ווי פֿריער, ווען ער איז אַרויף אויף דער שוועל און געטראָפֿן לוזין מיט יאָסעלען ביים טיש אינעם געמיטלעכן געשפּרעך באַשעפֿטיקט. ער האָט געזען, אַז לוזין גייט שוין ווירקלעך ניט אָן, וואָס שטאָט וועט זאָגן, מחמת אַלע זיינע קניפּן מיט איר זיינען לויז און אויפֿגעבונדן, אַ דאַנק פֿאַרשיידענע סיבות און אַ דאַנק אויך — האָט ער געגלויבט — זיינע, סרוליס, באַמיאונגען, אים אָפּצורייסן פֿון איר...

דעמאָלט איז סרולי ווייטער צו אים צוגעטראָטן, און כּדי נאָך מער צו פֿאַרשטאַרקן זיין הנאה, און כּדי נאָך מער זיך איבערצייגן אין דעם, אין וואָס ער איז סיי ווי געווען איבערצייגט, האָט ער לוזין פֿון זיינע ווייט־פֿאַר־

גייענדיקע מחשבות, ווי פֿון שלאָף, גענומען וועקן, כּדי אים אַריינזאָגן און נאָך אַמאָל וואָרענען:

— און דאָך האַלט ער פֿאַר נויטיק אים צו דערמאָנען, ער זאָל זיך דאָס ניט האַלטן פֿאַר גרינג, ווייל צו זיין שווערער באַשולדיקונג־קאָנטע אין שטאָט, קאָן אים איצט עפּעס נאָך שווערערס צוקומען...

— נו, גוט, נו, מילא — האָט לוזי, געשטערט אין דער מחשבה, זיך גענומען אָפּשאָקלען מיט ביטול און מיט דער האַנט אָוועקמאַכן פֿון דער צווייטער סרוליס וואָרנונג — נו, גוט, האָט מען שוין געהערט, מען ווייסט שוין, און לאָז געמאַך — האָט דאָס געהייסן.

# VI

# בריוו

צו יענער צייט האָט איין מאָל לוזי באַקומען צוגעשיקט אַ בריוו פֿון זיין ברודער משה פֿון תּפֿיסה אַרויס, אין וועלכן יענער האָט צווישן אַנדערן געשריבן פֿאָלגענדעס:

— אויב לוזי וויל וויסן, וואו ער, משה געפֿינט זיך, זאָל ער זיך דער־מאָנען „במחשכים הושיבני״... ווען פֿרעמדע אויגן זאָלן אויף אים ניט קוקן, וואָלט ער געטאָן, ווי אַלע, וועלכע האַלטן ביים לעצטן ראַנד פֿון פֿאַרצווייפֿ־לונג: זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט... ס'דערגייט אַמאָל אַזוי ווייט, אַז ער הערט כמעט אויף גלויבן אין דער גערעכטיקייט און אינעם גוטן מיין מיטן גאַנצן סדר־העולם... ס'מאַכט זיך אויך אַמאָל, אַז ער פֿאַרלירט אַפֿילו דעם פּשוטן מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד, וועלכער בינדט און קייטלט צונויף דעם מענטשנס מחשבות מיט די מעשׂים, די סיבות מיט די פֿאָלגן, ווי אַ רינג אין אַ רינג, און וואָס ביי אים איז ער אויפֿגעריסן און די רינגען צעשאָטן... ער וויל ניט מאַריך זיין, ווייל דאָס וואָלט אים, חלילה, ווייט פֿאַרפֿירט און אָפּגע־שטויסן פֿונעם שעפֿער פֿון אַלעמענס מזלות.

זאָל זיך לוזי אויסמאָלן, אַז ער האַלט שוין ביי דער מדרגה, ווען ער דערוועקט רחמנות צו זיך אַפֿילו ביי זיינע ערגסטע שונאים, וועלכע האָבן אים מיט אייגענע הענט געשטויסן אין גרוב... דאָס מיינט ער, זיינע פֿאַר־ביסענע בעלי־חובות, וואָס ער פֿילט זייער זאָרג ווען אים פֿון יענער זייט תּפֿיסה־וואַנט. ער זעט דאָס פֿון די הנחות און לגאָטעס, וואָס מען האָט אויס־געפֿועלט פֿאַר אים, וואו מען דאַרף: ווי, למשל, דאָס, וואָס ער איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון אַרבעט, אויף וועלכער ס'ווערן געשיקט אַלע אַרעסטאַנטן אין שטאָט, און אויך צווינגט מען אים ניט צו טאָן אין טורמע אַליין, וואָס אַנדערע טוען און וואָס איז ניט פֿאַר זיינע כּוחות, ווי צו טראָגן האָלץ, וואַסער, פֿאַמויעס א״אַ... מע לאָזט אים אויך צו כּשר עסן און היימישע שפּייז, וואָס ווען ניט, וואָלט ער באַדאַרפֿט זיין אַ שטענדיקער יושב בתּענית, ווייל אי ס'טרייף אי ס'איז אין מויל ניט צו נעמען דאָס עסן פֿונעם אַלגעמיינעם קעסל, וואָס ווערט דאָ אַלעמען דערלאַנגט.

— אַוודאי — האָט משה מאַשבער ווייטער געשריבן — איז אַ דאַנק

השם־יתברך, וואָס ער האָט ווייך געמאַכט די הערצער פֿון די, וואָס מיען זיך פֿאַר אים; אַ דאַנק אויך, אַגב, פֿאַר נאָך איינעם אַ חסד, וואָס מען האָט געטאָן מיט אים פֿון הימל, וואָס מען האָט אים צוגעשיקט איינעם אַ יידישן אַרעסטאַנט מיט אַ יידישן אָדער, וואָס איז דער ראש ביי די אַרעסטאַנטן און האָט צו שאַפֿן אויף זיי, און וואָס פֿון דער ערשטער מינוט, זינט ער, משה, האָט די תּפֿיסה־שוועל אַריבערגעשפּאַנט, האָט אים יענער גענומען אונטער זיין אויפֿזיכט און גיט אַכטונג, ס׳זאָל אים קיין שלעכטס געשען פֿון אַלע אים אונטערטעניקע. ס׳אַ נס, ווייל אַנדערש, ווער ווייסט, צי ער וואָלט דאָס איבערגעטראָגן. איצט אָבער האָט זיין אויבנדערמאָנטער באַשיצער איינגעאָרדנט אַזוי, אַז אַלע איבעריקע אין תּפֿיסה־זיצנדיקע זאָלן זיך צו אים גוט באַציען און אים ערלעך האַלטן אויף אַזוי פֿיל, אַז זיי זאָלן ניט קוקן בייז און אים ניט מקנא זיין אַפֿילו דערויף, וואָס מען האָט אים אויסגעטיילט צום בעסערן פֿון זיי אַלע.

אַ דאַנק דעם השם־יתברך אויך דערפֿאַר, וואָס ער האָט די מעגלעכקייט אָפּצוהיטן יידישקייט, אויף וויפֿל סע לאָזט זיך אין די תּפֿיסה־באַדינגונגען.

און דאָ האָט משה מאַשבער גענומען מאָלן אַ בילד, ווי אַזוי ער פֿאַרברענגט די וואָכן־טעג און ווי ער פּראַוועט שבת; ווי אַלע פֿרייטיק־צונאַכטס לייגט ער אַוועק די חלות, וואָס מע שיקט אים צו פֿון שטאָט, אויף דער נאַרע, וואו מען שלאָפֿט, צינדט אָן ליכט און מאַכט קידוש; און ווי אַזוי אַלע אַרעסטאַנטן רינגלען אים דעמאָלט אַרום אין אַ פֿייערלעך־שווייגנדיקער ראָד און קוקן צו, ווי ער טוט, וואָס אַ ייד דאַרף; און ווי אַזוי פֿרייטיק פֿאַרנאַכט דערמאָנען אים שוין די אַרעסטאַנטן אַליין: מאָליס, משה, באָגו, סיעוואָדניאַ סובאָטאַ[1]... און דאָס אַלץ אַ דאַנק יענעם אויבנדערמאָנטן אַרעסטאַנט, וואָס אויך ער שטייט אַלע מאָל, ווען ער, משה, פּראַוועט שבת, מיט גרויס יראת־הכּבוד אין אַ זייט, דאָס מויל איז אים אָפֿן פֿון פֿאַרוואונדערונג און פֿון דערמאָנען זיך אין יידישער אויפֿפֿירונג און אין מנהגים, וועלכע ער האָט, ווייזט אויס, אַמאָל צוגעזען ביי פֿרעמדע אָדער ביי אייגענע טאַטע־מאַמע.

— יאָ, אַ דאַנק דעם השם־יתברך; דערפֿאַר אָבער, אַז דער הייליקער טאָג גייט אַוועק און ס׳קומט שבת־צו־נאַכטס, באַפֿאַלט אים אַזאַ מרה־שחורה, אַז ס׳ווערט אים ענג דאָס העמד אויפֿן לייב, און די איינציקע עצה אויף זיך צו ראַטעווען איז די, וואָס ער נעמט זיך אַלע מאָל שרייבן בריוו צו זיינע בני־בית, ווי אָט איצט ווען ער שרייבט אים, לוזין, די בריוו.

— אַגב, ער שיקט זי אים מיטן געוויסן צושריפֿט בח׳דר׳ג, וואָס דאָס מיינט, אַ פֿאַרבאָט פֿאַר אַלע אַנדערע, צו וועמען די בריוו וועט אַריינטרעפֿן, זי צו לייענען, אויסער דעם, צו וועמען זי איז אַדרעסירט, צו לוזין, ווייל ער וויל

[1] בעט גאָט, משה, סע היינט שבת.

ניט, אַז די בני־בית זאָלן וויסן און אַפילו אַ מינדסטע אָנונג האָבן פון דעם, וואָס וועט דאָ ווייטער געשריבן ווערן.

יאָ, ער, משה, האָלט ביי נגמר הדין,[1] אַזוי ווי ער האָט פאַרויסגעזען און געזאָגט לוזין, בשעת ער האָט זיך מיט אים געזעגנט, איידער ער איז פון דער היים אַוועק.

און דאָ האָט משה מאַשבער געגומען רעדן האַלב פאַרשטעלט וועגן עפּעס אַ שלאַפקייט, וואָס איז אים לעצטנס, אין טורמע זיצנדיק, צוגעפאַלן — עפּעס אַ מין הוסט, וואָס לאָזט אים ניט רוען בייטאָג, ביינאַכט און ניט קיין מאָל — אַזוי ווייט, אַז ער מוז גאַנצע נעכט איבערזיצן אָליין אָן שלאָף, און נאָך מורא האָבן, ער זאָל אַנדערע דעם שלאָף ניט שטערן.

— אָפּנים, אַז לויט דער השתדלות פון חשובע לייט פון שטאָט, האָט מען אים שוין נישט איין מאָל איבערגעפירט אין טורמע־שפּיטאָל, וואו אייגער אַ דאָקטער האָט, ווייזט אויס, פאַר גוט באַצאָלט, זיך מיט אים פאַראינטערעסירט, אים גוט און לאַנג באַטראַכט און אים פאַרשריבן בעסערע דערנערונג און רעצעפּטן, אַזוי ווי ס'טוט אַ היימישער דאָקטער מיט אַ היימישן חולה; אָבער וואָס קומט אַרויס, אויב יעדער מאָל באַמערקט ער, אַז דער דאָקטער קוקט אויף אים מיט אויסבאַהאַלטענער באַדויערונג, ווי אויף איינעם, וואָס ניט קיין בעסערע באַציאונג, נישט קיין בעסערע שפּייז און רפואות וועלן אים שוין נישט איבעריק נוצן...

— און ווירקלעך, ווען ער, משה, האָט איין מאָל אין שפּיטאָל, פאַרביי־גייענדיק, אַ קוק געטאָן אויף זיך אין אַ פענצטער־שויב, אין וועלכן ער האָט זיך דערזען אָפּגעשפּיגלט, אַזוי האָט ער זיך דערשראָקן, זיך נישט דערקענענדיק... אַזוי אָפּגעמאָגערט געל האָט ער אויסגעזען, אַזוי האָט די מראה פון זיין פּנים אים אויסגעקוקט פרעמד, גלייך ס'איז ניט זיינע, נאָר עפּעס אַן אומבאַקאַנטנס.

— יאָ, און זאָל לוזי, למען השם ולמען השם, נישט מזכיר זיין מיט קיין דיבור הקל פאַר זיינע אייגענע וועגן דעם, אַז איינע פון זיינע גרעסטע מוראס די לעצטע צייט איז, אַז טאָמער איז אים, חלילה, שוין באַשערט דאָ, אין תּפיסה, ניט אין דער היים און ניט אויף זיין בעט, גאָט זיין פּיקדון אָפּגעבן, דאָס הייסט, די נשמה...

— אַוודאי איז גאָט אַ בעל־רחמים — האָט משה ווייטער געשריבן — אָבער אויף וויפל ס'איז אין אַ מענטשנס האַנט, איז זאָל לוזי זען, אויב דאָס וועט געשען, אויסרעדן דאָס האַרץ פון זיינע אייגענע און באַזונדערס פון זיין ווייב גיטעלע, וואָס, ווי ער, משה, פילט, האָט מיט איר, נאָך זיין אַוועקקומען, געטראָפן אַ סיבה, וואָס האָט זי געוויס, אַוועקגעלייגט, און איינ־

[1] אַ פּרק אין דער גמרא „סנהדרין".

געבראָכן... אַ סימן — ער האָט פֿון איר קיין תּמונת־אות[1] ניט, זינט ער איז דאָ... און כאָטש די קינדער פֿאַרזיכערן אים, אַז ער שרעקט זיך אומ־זיסט, ווייל די סיבה פֿון איר ניט־שרייבן איז מכלומרשט, וואָס די האַנט לייגט זיך איר ניט... אָבער ער, משה, פֿילט, אַז ס׳איז ניט אַזוי, אַז מען וויל אים בלויז באַרואיקן און דעם אמת ניט אויסזאָגן.

און דאָ האָט משה זיין בריוו פֿאַרענדיקט מיט טרערן, ווי ס׳איז געווען צו זען פֿון די טונקעלע פֿלעקן אויפֿן פּאַפּיר, ווי אויך פֿון די געבראָכענע אותיות פֿון זיין חתימה, ווען ס׳האָט אים, ווייזט אויס, אין די אויגן גע־שווינדלט און ער האָט די פּען שלעכט באַהערשט.

און יאָ — גיבן מיר דאָ צו אויך פֿון אונדזער זייט — משה מאַשבער האָט איצט אַוודאי רעכט געהאַט צו לאָזן אַ טרער — אי אויף זיך אַליין, אי אויף זיין ווייב גיטעלע, אי אויך אויף זיין גאַנצער שטוב, וואָס האָט אַזוי ווילד אַראָפּגעגנידערט, אַז ווען ער וואָלט אויף איר איצט אַ קוק גע־טאָן, אַזוי וואָלט ער זי ניט דערקענט, פּונקט ווי זיך אַליין, ווען ער האָט זיך דערזען אין שפּיטאָל, פֿאַרבייגייענדיק, אין אַ פֿענצטער־שויב אָפּגע־שפּיגלט...

אַזוי וויט אַראָפּגענידערט, אַז זי האָט איבערראַשט אַפֿילו אַזאַ, ווי מלכּה־ריווע — די אונדז פֿון פֿריער באַוואוסטע משה מאַשבערס פֿאַראַרעמטע קרובה, די מאַמע פֿון איר זון זיסיע, וואָס האָט געדינט פֿאַר אַ משרת ביי משה מאַשבער און וואָס אויף זיין שטעלע איז ער פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן, און נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעקרענקט היפּשע חדשים, איז ער אַוועקגעשטאָרבן, ווי אַלע מלכּה־ריוועס זין, פֿון זייער משפּחה־קרענק, פֿון שווינדזוכט.

מלכּה־ריווע פֿלעגט איצט קומען נאָך איר זונס שכירות, נאָכן רובל מיטן פֿערטעלע די וואָך, וואָס פֿלעגט איר אויך איצט אויסגעצאָלט ווערן — נישט ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז ס׳קומט איר און מ׳איז מחויב צו צאָלן, נאָר לויט די באַגריפֿן פֿון יענער צייט, ווי אַ מין נדבה, מחמת זיסיעס ווייב, זיסיעס קינדער מיט זיסיעס מוטער, מלכּה־ריווע, זיינען נאָך זיין טויט, גע־בליבן ווי אויפֿן וואַסער, כאָטש הויב שוין אָן באַצייטנס גיין אין די הייזער.

מלכּה־ריווע פֿלעגט איצט קומען ניט אין שלייער און מיט אירע לאַנגע, זיך־באַמבלענדיקע מעשענע אוירינגלעך, ווי אַלע מאָל פֿריער, ווייל ערשטנס האָט זי געטראָגן טרויער; און צווייטנס, ווייל וואָס געהער אירע אוירינגען, איז ווי ביליק זיי האָבן זיך ניט געלאָזט פֿאַרהאַנדלען, איז אָבער אין די גאָר שלעכטע צייטן פֿון איר זונס קרענק, האָט מען אויך זיי געמוזט לאָזן אין גאַנג און פּרוּוון אָפּלייזן פֿאַר זיי, וויפֿל ס׳לאָזט זיך.

---

[1] אַ מינדסט וואָרט.

זי איז געקומען, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן, גאָרניט פון קיין געהויי־בענע פּלאַנען... און דאָך, אַז זי פלעגט איצט אַריין צו משה מאַשבער אין שטוב — איצט, נאָך זיין טאָכטערס טויט, נאָך זיין אָנזעץ און נאָך דעם, ווי ער איז אַוועק אין תּפיסה אָפּזיצן און נאָך דעם, ווי אויך גיטעלע, זיין ווייב, האָט זיך אַוועקגעלייגט קראַנק, — איצט, אַז זי פלעגט אַריין און זיך אָנשלאָגן אויף די האַלב־אָפּגעפּרעמדטע ווענט, אויף די פאַרמרה־שחורהטע דערוואַקסע־נע אין שטוב, ווי אויך אויף די קינדער, וועלכע האָבן פיל פון קינדערש־שפּילענדיקן טאָג נאָכגעלאָזט — פלעגט זי אַזוי געפלעפּט זיין פון געזעענעם, אַז זי פלעגט אַפילו אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אין אירע אייגענע צרות, וועלכע זיינען באמת געווען אָן אַן ערך גרעסער פון די, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן ביי די מאַשבערס, אויב נאָר צרות לאָזן זיך אויפן אַרשין מעסטן...

מלכּה־ריווע פלעגט זיך ניט פאַרהאַלטן אין עס־שטוב, דורך וועלכער זי האָט געמוזט אַדורכגיין, און פאַר אַלעמען פלעגט זי אַוועק געוואויר ווערן צו גיטעלען, וועלכע איז אַלעמאָל געלעגן אין איין מאָס, גלייך אויסגעצויגן און געקוקט אין איין פּינטל; און צוקומענדיק צו איר בעט נאָענט, פלעגט זי זיך איבער איר איבערבויגן און איר אַריינשרייען אין פּנים, ווי אַ טויב־שטומער:

— אַ גוט־העלף, גיטעלע... דערקענסט מיך? ס'דאָך איך, מלכּה־ריווע.

קוקנדיק אויף גיטעלען, פלעגט אַמאָל מלכּה־ריוון, וועלן דורכגיין אַ געדאַנק פון קליינלעכער קנאה אויף די רעשטלעך גבירישער הרחבה, וועלכע זיינען איר געבליבן — די שטוב, דאָס בעט, דער אַלקער און דער אייגענער דאָך אויפן קאָפּ — און זיך וועלן זאָגן: נו יאָ, צום אומגליק דאַרף מען אויך האָבן גליק... אָבער באַלד פלעגט זי חרטה האָבן, און זעענדיק, אַז גיטעלע הערט גאָרניט, וואָס מע רעדט צו איר, פלעגט זי זיך אַליין אַ זאָג טאָן דאָס, וואָס איז איר אויפגעקומען באַלד נאָך דער חרטה: מאָל דיר, מקנא זיין איז ניטאָ אויף וואָס... ס'אוודאי ווי צו איר אויך, און אַ נאַר דאַרף מען זיין מ'זאָל זיך מיט איר וועלן בייטן.

זי פלעגט ביי איר פאַרברענגען, ווי ווייט ווייניק ס'האָט זיך געלאָזט, און באַלד דערנאָך פלעגט זי זיך אָפּגעזעגענען, און אַריינקומענדיק צוריק אין עס־שטוב, וועלכע זי איז פריער פאַרבייגעגאַנגען, און באַקומענדיק ביי וועמען זי האָט באַדאַרפט דאָס ביסל מזומנים, צוליב וועלכן זי האָט איר אַרעמאַנישן וויזיט אַהער געפּראַוועט, פלעגט זי אויך וואָס גיכער אַרויס פון דאָרט, כּדי זיך צו באַפרייען פון דער אומהיימלעכקייט, וועלכע פלעגט איר בלייבן אויך לאַנג דערנאָך, שוין אין דרויסן שפּאַנענדיק, ווי עפּעס אַ מין שטויב, וואָס איז איר אין משה מאַשבערס שטוב אויף די אַקסל געפאַלן און זי האָט אים ניט באַוויזן אָפּצוטרייסלען.

*

פֿאַרשטענדלעך, אַז אויך לוזי האָט זיך געגנוג ערגער אַנגענומען, ווען ער פֿלעגט דעמאָלט, אי לויט זיין אייגענעם ווילן, אי לויט דעם ברודערס בקשה, יענעמס הויז באַזוכן. שוין ווי נאָר ער פֿלעגט זיך צום הויז דערנענטערן, נאָך איידער ער איז אַהין אַריין, פֿלעגט ער די ירידה דערפֿילן. פֿאַרשיידענע בילדער האָבן זיך אים פֿאַרגעשטעלט, וואָס האָבן אים דערמאָנט די פֿאַרגעניגטע מנוחה, פֿון וועלכער אָט דאָס הויז האָט אָקאָרשט־ערשט אין אַזאַ גרויסער מאָס געגאָסן, צוערשט, אַליין דאָס שטיל־הרחבהדיקע אָרט, וואו ס'געפֿינט זיך: ווייט פֿון שטאָט, פֿון וואַנען מע קומט צו דעם צוגיין דורך אַ לאַנגן, הילצערנעם בריק איבערן טייך, וואָס איז ביי ביידע ברעגעס באַוואַקסן מיט אַטשערעט, פֿון וועלכן ס'ווייעט מיט גרינער רו אום זומער, און אויך אום ווינטער — מיט זומערדיק־שורשענדיקער דערמאָנונג. הייגט דער הויף, דער סאָד, וואו ער פֿלעגט, זייענדיק אַמאָל אַן אורח דאָ, אומשפּאַצירן אַמאָל מיטן ברודער אין אַ בייטאָג, אין אַ פֿאַרנאַכט; אַמאָל אַליין, און אַמאָל זיך דערלויבן אויך פֿאַרברענגען מיט אייניקע פֿון די ברודערס בני־בית קרוביש־געמיטלעך אויף אַ באַנק, אָדער אין איינעם אַ סאָד־ביידל.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער פֿלעגט זיך פֿילן אין שטוב ביים ברודער, אין די הויך־סטעליעקע, שטאַרק־לופֿטיקע צימערן, מיט די אייל־געפֿאַרבטע ווענט און געוועקסלטע דילן, און באַזונדערס אין זיין אורח־צימער, וואָס איז אים אַלעמאָל פֿון בעסטן אויסגעטיילט געוואָרן; ווי אַזוי דורך דעם פֿענצטער פֿון אָט דעם צימער פֿלעגט ער זומער אַמאָל אַרויסקוקן אַ שבת בייטאָג, און זען ווי אַ פֿאַרגעניגט־שפּאַצירנדיקער עולם פֿון שטאָט קומט אַהער, צום ברודער אין הויף, וואָס איז פֿאַר יעדן דעמאָלט אָפֿן, צו טרינקען וואַסער פֿון דער קרעניצע; און ווי אַזוי אָט דער עולם באַטראַכט דערנאָך מביניש־פֿאַרגינעריש דעם ברודערס גוטס, מיט אַלע געביידעס, וואָס צו דעם געהערן, מיט דעם בלומען־גאָרטן פֿאַרן פֿאַראַד־אַריינגאַנג, וואָס איז פֿון אַ געניטער גערטנער־האַנט געציכטעט, און דאַן אויך דעם סאָד, וואָס הינטער דער שטוב, וועלכער איז אויך רעכט־פֿיין אָפּגעהיט און מיט אָרדענונג באַזאָרגט — מיט זאַמד־סטעזשקעס, מיט בענק אונטער בוימער, און מיט געשטאַכעטלטע ביידלעך אויף צו פֿאַרברענגען פֿאַר קליין און גרויס...

לוזי פֿלעגט זיך דעמאָלט נעמען פֿאַרשטעלן דעם ברודער, וואָס נישט געקוקט אויפֿן אַלעם גוטן, האָט ער דאָך, דאַכט זיך, ניט געקערט צו די, וואָס נעמען זיך איבער מיטן דערוואַרבענעם אויף אַזוי פֿיל, אַז זיי פֿאַרגעסן, ווער זיי זיינען, פֿון וואַנען זיי שטאַמען און אַז אויף דער וועלט זיינען פֿאַראַן אויך אַנדערע תּכליתים צו פֿאַרזאָרגן, אויסער שמאַל־אייגענע, נייך, ער, דאַכט זיך, ניט אַזאַ.

אמת, ער האָט זיך אויך דערמאָנט די סיבה, וועלכע האָט גורם געווען צו דער קריג צווישן אים מיטן ברודער, ווען ס'האָט אים געדאַכט צו דערפילן אין יענעם עטוואָס מער נגידישע בטיחות און אויך אַ ביסל איבעריק פּעטס פון זעלבסטפאַרזיכערטקייט — אָבער צוריק גערעדט ווייסט לוזי און איז איבערציינגט, אַז דאָס האָט אויך געקאָנט זיין אַ מקרה־זאַך, אַ צופעליקייט, ווען אַ מענטש טוט זיך אַמאָל אַ ווייז אַרויס מיט אַ שלעכטער מידה, וועלכע איז אים כלל און כלל ניט אייגנטימלעך, ווייל בעצם איז ער כלל ניט אַזאַ, וואָס פון זעלבסטצופרידנקייט זאָל ער ניט קאָנען אונטערשיידן פון גוט ביז שלעכט אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל ניט האָבן פאַרדינט מען זאָל אויף אים מלמד־זכות זיין אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט אויף אַ ווײַלע געגרייזט און האָט, לאָמיר זאָגן, יאָ פאַרזען דעם אונטערשייד.

ער האָט דאָס אַרויסגעזען פונעם ברודערס אויפפירונג אי פאַרן אַנזעץ, אי בעתן אַנזעץ, ווען ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס אין אים איז געווען, כדי ניט אַנצורירן און ניט שעדיקן יענעמס, אויסנוצנדיק ווי נאָר אַ מיטל, כדי ניט צו דערלאָזן דערצו; און אַוודאי און אַוודאי זעט ער דאָס איצט, נאָכן אַנזעץ, ווען דער ברודער איז פון זיין געצוואונגענער פאַרשולדיקטקייט אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ס'איז דאָ אַ גרונט מורא צו האָבן, ס'זאָל אים, חלילה, טאָקע עפּעס גאָר שלעכטס געשען, ווי ס'איז אַרויסצוזען פון זיין בריוו, וואָס לוזי האָט באַקומען פון תפיסה צוגעשיקט און אין וועלכן ס'הערט זיך אַ קול, ווי פון ממעמקים...

לוזי האָט דערום דעם אַלעם ערגער פון זיין ברודערס הויז־געזינד איצט אין אַ זייט אָפּגערוקט, און דער עיקר האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב, צו טרייסטן דעם ברודער אַליין, אים שטאַרקן, אונטערהאַלטן, כדי ער זאָל ניט אַריינפאַלן אין דער אויסצערנדיקער מרה־שחורה, וואָס קאָן אים אונ־טעררייסן הן דעם גוף און הן אין נפש.

— שלום וברכה לאָחי משה, ישלח לו ה' עזרתו קדש — האָט לוזי געש־ריבן — אַוודאי האָט אים שווער געטראָפן די שטראָפנדיקע גאָטס־האַנט, וואָס האָט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט; אָבער אל יפול ברוחו — זאָל ער דעם מוט ניט פאַרלירן ואל יתיאש מן הרחמים — למען השם, זיך ניט מייאש זיין.

ועיקר הדבר: זאָל ער געדענקען, אַז אַזוי ווי דער חבל בנעימים — דער גוטער חלק, וואָס פאַלט אויס אויפן מענטשנס גורל, איז הבל—פוסט, און פאַרבייגייענדיק, אַזוי אויך, ווען, חלילה, דער היפּוך — דאָס שלעכטס, וואָס טרעפט, איז נישט מער ווי קורצווייליק און פאַרגענגלעך, ווי אַלץ, אַלץ, וואָס פאַרשווינדט, ווי רויך, און געדויערט קורץ אין אונדזער וועלט דער נישט־לאַנג־דויערנדיקער.

ולכן — זאָל דערום דער ברודער משה זיך ניט לאָזן אַנריידן פֿונעם געוויסן מסית, וועלכער האָט דעם ציל אָראָפּצושטויסן מענטשן פֿון גלויבן, צו חולשת־הדעת און צו נעמען מתרעם זיין אויף דעם, וואָס מען טאָר ניט, הלמאַי זיינען זיינע מעשים נישט באַגרייפֿלעך — און זיינע דרכים פֿאַרהוילן, ווען באמת פֿירן זיי אַלע מאָל, כּידוע, צום גוטן און גליקלעכן, כאָטש פֿאַר דעם מענטשנס אויג דאַכטן זיי זיך אויס צו זיין דער היפּוך — פֿאַרפּלאָנטערט און פֿאַרפֿירעריש.

ואל תתמה — זאָל זיך דער ברודער משה נישט וואונדערן, אויב לוזי וועט אים דאָ אַפֿילו זאָגן, אַז ער דאַרף זיך האַלטן באַפֿרידיקט דערפֿאַר, וואָס ער קאָן זיך זען פֿאַררעכנט צווישן די, וואָס מען מאָנט ביי זיי אָפּ וואָס ס'קומט פֿון זיי, דאָ, אויף דער וועלט, כּדי זיי זאָלן פֿאַרשפּאָרן צאָלן אויף יענער וועלט.

ער האָלט דעם ברודער פֿאַר גענוג בר־אורין — גענוג געשמידט, הייסט עס — ער זאָל פֿאַרשטיין, אַז אַוודאי איז בעסער, וואָס ער איז געשטראָפֿט על לא דבר — פֿאַר נישט, ווי ווען ער זאָל, חלילה, געשטראָפֿט ווערן פֿאַר פֿאַרדינט און ווען ס'וואָלט אים מיט רעכט טאָקע געקומען זיין אָפּקומען.

זאָל ער זיך האַלטן אין אַ געוויסער בחינה געגליכן צו יענע ווען ס'איז געגעבן די רעכט אַרויסצופֿאָרן מיט טענות קעגן זייער בעל־דין, קעגן כּביכול, פֿאַר וואָס ער האָט זיי אויסדערוויילט צו ליידן אומזיסט און זיי פּרוּוון מיט דעם, וואָס על־פּי אמת, וואָלט ער דאָס באַדאַרפֿט אַנווענדן קעגן אַנדערע, קעגן רשע וטוב לו, והבן...

לסוף וויל ער דערמאָנען דעם ברודער, אויב יענער האָט נאָר אויערן אים צו הערן, אין דעם, וואָס דער ברודער, אַ זון צו זייער ביידנס זעליקן פֿאָטער, געדענקט געוויס אַליין: ווי אַזוי יענער, זייער פֿאָטער, פֿלעגט אָפֿט זאָגן, אַמאָל מיט קנאה, אַמאָל מיט זעלבסטבאַדויערונג, אַז לפנים — פֿאַרצייטנס, הייסט עס — איז ווען אַ מענטש האָט ניט געהאָט קיין יסורים אין דער היים, פֿלעגט ער זיי גיין זוכן אין דער פֿרעמד, גיין גלות אָפּריכטן...

אונדזער טאַטע, עליו השלום — האָט דאָ לוזי צוגעגעבן האַלב־פֿאַר־שטעלט — האָט געהאַלטן דערביי, ולא הספיקה לו השעה — האָט ניט באַ־וויזן, ווייל ער איז פֿרי פֿון דער וועלט געגאַנגען. אויך ער, לוזי, האַלט דערביי, אָבער ער ווייסט ניט, צי אויך ער וועט באַוויזן... זאָל זיך דער ברודער משה האַלטן פֿאַר זוכה, וואָס מען האָט אים אָפּגעשיקט דאָס ליבע געשאַנק אַהיים...

ובזה אקצר — האָט לוזי פֿאַרענדיקט — ובאתי על החתום, אני, אחיך לוזי, המפיל תחנתו לפני אדון העולמים ואל הישועות, שימהר לישועתך ויחלצך מן המצר ויביאך לביתך בקרוב בשלום, שלם בנפשך ושלם בגופך, אָמן.

דערמיט, הייסט עס, פֿאַרענדיקט ער און לייגט אַוועק זיין חתימה — ער, זיין ברודער לוזי, וואָס לאָזט פֿאַלן דאָס געבעט פֿאַרן האַר פֿון די וועלטן און פֿאַר גאָט פֿון אַל־דער הילף, ער זאָל איילן אים אויסלייזן פֿון זיין ענגע־ניש און אים ברענגען אַהיים אין גיכן, אין פֿרידן, גאַנץ אין גייסט און גאַנץ מיטן גוף, אָמן.

און איצט קערן מיר זיך ווידער אום צו דעם, וואָס לוזי האָט געזען, זיין ברודערס הויז באַזוכנדיק.

אַז ער פֿלעגט אַריין און צוערשט, נאַטירלעך, זיך לאָזן צו גיטעלען אין אַלקער, זי מבקר חולה זיין, פֿלעגט ער אַלע מאָל דאָרט אָנטרעפֿן אסתּר־רחלען, „די לעדערנע צדיקת", וועלכע מיר קאָנען שוין פֿון פֿריער, ווען מיר האָבן זי געזען באַשעפֿטיקט ביי משה מאַשבער אין הויז בעת זיין טאָכטערס טויט, דערנאָך אויף אַלטערס חתונה, און וואָס איצט האָט זי באַדינט גיטעלען, ווי אַ געטרייע וועכטערין.

זי איז געווען אַזוי אָרעם, אסתּר־רחל, אַז די באַזאָרגונג פֿון איר אייגענער שטוב־באַלעבאַטישקייט האָט ביי איר כּמעט קיין צייט ניט צוגענומען, און זי האָט דערום געקאָנט גאַנצע טעג און נעכט פֿאַרברענגען ביי דער קראַנקער גיטעלען — נישט פֿאַר געצאָלטס, געוויינטלעך, נאָר בלויז צוליב דער מיצווה פֿון ביקור־חולים, וואָס זי האָט זייער טייער געהאַלטן.

זי האָט איר געדינט אַפֿילו מער, ווי איר אייגענע טאָכטער יהודית, וויסנדיק אירע אַלע שטומע מינעס און באַגערן, ווען יענע האָט געוואָלט מ׳זאָל איר עפּעס אונטערטראָגן און דערלאַנגען, און — אויך איר שטאַנד בכלל, ווי אַ גוטער דאָקטער, ווי אַ קראַנקן־שוועסטער.

אַז לוזי פֿלעגט אַריין און צוערשט אַ קוק טאָן אויף גיטעלען און דערנאָך אַ פֿרעג־טאָן ביי אסתּר־רחלען: ווי גייט עס און ווי פֿילט זי זיך — פֿלעגט ער אַלע מאָל, אין די אויגן פֿון חולה, באַקומען געענטפֿערט פֿון יענער, אַז גוט, אַז ס׳גייט צום בעסערן, ווייל טאָמער הערט זי, טאָמער פֿאַרשטייט גי־טעלע; אָבער ווי נאָר ער פֿלעגט זיך אָפּגעזעגענען און אַרויס, אַזוי פֿלעגט אסתּר־רחל אים נאָכגיין, אים באַגלייטן, און קומענדיק אין אַ צווייטן צימער, וואו זי האָט זיך געפֿילט מער אויפֿגעבונדן און פֿריי פֿון חולה, אַזוי פֿלעגט זי אַרויס מיט דעם, וואָס זי האָט פֿריער אויסבאַהאַלטן — מיטן אמת, אַז ס׳איז קיין שום בעסערונג ניט צו מערקן — נאָר פֿאַרקערט: מען זאָל ניט זינדיקן, וואָס אַמאָל ערגער און ערגער.

ווען לוזי פֿלעגט דערנאָך אַריין צו דעם ברודערס קינדער און זיך נעמען דערפֿרעגן, וואָס הערט זיך בכלל, און וואָס איז מיט די געשעפֿטן — צי דענקט מען זיי צוריק אויפֿשטעלן, צי ניט, פֿלעגט ער אַלע מאָל באַקומען

גאָרניט קיין פרײלעכע ידיעות הן מכּוח די אויסזיכטן אויף באַלד, הן אויף שפּעטער.

ווי לוזי איז ניט געווען ווייט פון מסחר איבערהויפּט, ובפרט פון אַזאַ פאַרדרייטן עניָן, ווי אַן אַנזעץ, איז אים דאָך קלאָר געווען פון דעם ברודערס קינדערס רייד, אַז די לאַגע איז און בלייבט שלעכט, סיי ווען די געשעפטן זאָלן בלייבן, ווי איצט — געשלאָסן, און סיי ווען מען זאָל זיי צוריק אויפשטעלן בשותּפות מיט די בעלי־חובות, וועלכע וועלן מוזן ווערן די הויפּט־באַלעבאַטים און זען אַרײַנכאַפּן וואָס מער פאַר זיך און זיך ניט קימערן פאַר דער טובה פון צווייטן צד, פאַר זיין ברודערס קינדער.

ס'האָט, אַגב, דערביי טאַקע געהאַלטן — ביי צוריק אויפמאַכן די געשעפטן אויף מער־ווייניק לױנבאַרע באַדינגונגען פאַר משה מאַשבערס בעלי־חובות, אָבער כּמעט אָן שום נוצן פאַר אים אַליין; מחמת ווי מיר האָבן שוין אין אַן אַנדער אָרט געזאָגט, האָבן משה מאַשבערס אַמאָליקע קונדן און קונים גלייך נאָך זיין אַנזעץ זיך גענומען אָפּקערעווען פון זיין געשעפט און שטילערהייט זיך געזען איבערפּעקלען מיט זייערע באַשטעלונגען צו אַנדערע, כּדי זיך אויסצודרייען פון צו צאָלן דאָס, וואָס זיי זיינען געבליבן שולדיק משה מאַשבערן אין משך פון יאָרן־לאַנגן האַנדל און שטיין ביי אים מיט קרעדיט.

ס'אַוודאי ניט שיין, ווען מענטשן ווילן זיך מאַכן אַ היתּר נישט צו צאָלן דעם, וועמען זיי זיינען שולדיק, מיטן אויסרייד, אַלעמאַי צאָלט ניט יענער... ס'אַוודאי, זאָגן מיר, נישט אָרענטלעך נישט צו וועלן וויסן די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט יענעם צום קראַך, כּדי אויסצונוצן דעם מאָמענט אויף אַרײַנכאַפּן אַ שווינדלערישן שאַנס; אָבער פאַרפאַלן, אַזוי איז דאָס, און אַזוי האָט מען זיך געפירט, און — „הגונב מן הגנב" איז פּטור — האָט מען זיך געזאָגט און מען איז געבליבן מיט אַ ריינעם געוויסן.

און אָט וועגן דעם אַלעם האָבן משה מאַשבערס קינדער איצט לוזין אויסדערציילט מיט פיל פּרטים, אין וועלכע ער האָט זיך כּלל ניט פונאַנדערגעקליבן, אָבער דעם סך־הכּל און שפּיץ־בקיצור האָט אַפילו ער, דער אומדערפאַרענער אין געשעפטס־עניָנים, אַרויסגעזען: אַז יאָ, אַז זיין ברודערס שטוב זינקט און אַלס פּועל־יוצא דערפון ווערט אויך דער משפּחה־בונד צעריסן, און די קינדער, וועלכע האָבן זיך פריער, ווען די געשעפטן זיינען געגאַנגען גוט, זיך געהאַלטן איינס, הויבן זיך אָן אָפּקערעווען איינער פון צווייטן און אַוועקקוקן אין פאַרשיידענע ווינקלען...

ווי אָט, דער ערשטער נחום לענטשער, משה מאַשבערס יונגערער איידעם, דער מאַן פון זיין פרי־פאַרשטאָרבענער יונגערער טאָכטער, וועלכער האָט, נאָכן אַנזעץ, און נאָך דעם, ווי דער שווער איז אַוועק אָפּקומען זיין שטראָף, ווידער אויסגעשריבן זיין מוטער, די אונדז שוין באַוואוסטע מאַמע שיינצי,

וועלכע איז געקומען בעת איר שנור, נחומס ווייב, האָט שוין געהאַלטן ביי לעצט, און מיר האָבן געזען, ווי זי האָט זיך דעמאָלט אויפֿגעפֿירט... איצט — ניט בעסער...

זי האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן אין איין טענהן מיט נחומען איר זון, אַז אומזיסט ליידט ער פֿאַר זיין שווער, און אַז ס'איז אים צייט שוין אויך אויפֿהערן טרויערן אויפֿן ווייב, און זיך לאָזן רעדן אַ שידוך — געוויינטלעך, מיט געלט, וואָס וועט אים, ערשטנס, באַפֿרייען פֿונעם עול פֿון די קינדער, און צווייטנס, וועט ער זיך ווידער קאָנען נעמען פֿאַר געשעפֿט, צו וועלכן ער איז אַזוי פֿעאיק, און וואָס ניט טוענדיק, ווערן זיי ביי אים איינגעשלאָפֿן, די פֿעאיקייטן.

— ער האָט, ברוך־השם, אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, איז יונג, און די גוטע יאָר זאָל האָבן די מאַמע שיינצי, וויפֿל בעלנים ס'וועלן זיך געפֿונען אויף אים — הן בתולות, הן יונגע אלמנות און גרושות, פֿון גרויס יחוס און מיט היפּשע נדנס.

נחום — האָבן שטוב־מענטשן געזען — האָט זיך גענומען האַלטן אָפּ־געזונדערט, און נאָך דעם ווי ער פֿלעגט זיך אָפּפּאַרטיקן מיט באַזאָרגן די קינדער, אויף וויפֿל זיינע מאַנצבילשע קענטענישן האָבן אים געקלעקט, פֿלעגט ער זיך אומדרייען פֿון וואַנט צו וואַנט אין אַלכסון פֿון זיין צימער, רויכערן ציגאַרן, נישט דעררויכערן און אַלע מאָל צוקומען צום שפּיי־קעסטל, וואָס אין ווינקל, אָנשפּייען אויפֿן נישאַר און פֿאַרלעשן — געוויס פֿון אויפֿ־רעגונג און פֿון די פּיינע עצות, וואָס די מאַמע שיינצי האָט אין אים אַריינגעזאָגט.

אויך לוזי האָט נחומס אָפּגעפֿרעמדקייט באַמערקט, באַזונדערס נאָך דעם, ווען, ווי געזאָגט, ס'האָט זיך באַוויזן די מאַמע שיינצי, וואָס האָט, אַגב, גאָרנישט מעשה־מחותנתטע, אַפֿילו זייער זעלטן די שוועל פֿון גיטעלעס צימער אַריבערגעשפּאַנט, כּדי אַריינצוקומען, ווי ס'פֿירט זיך, צו געוואויר ווערן — איצט האָט לוזי אַוודאי אַרויסגעזען, ווי נחום איז באַווירקט, ווי ער גייט אַרום מיט דער מאַמעס געדאַנקען אין קאָפּ, גרייט, ווייזט אויס, זיך לאָזן אויף יענערס אייגנליבע און קאַלטהערציקע עצות און פֿאָרשלאָגן.

ער האָט אויך געזען, ווי ביי יהודיתן, ביי דעם ברודערס עלטערער טאָכ־טער, זיינען אַלע מאָל רויט די אויגן פֿון געוויין. זי האָט רעכט געהאַט. ווייל אוי־סער אַלעם, וואָס האָט לעצטנס איר טאַטנס שטוב געטראָפֿן, האָט זי נאָך געהאַט צו ליידן פֿון איר מאַן יאַנקעלע גראַדשטיין, וואָס האָט זיך אַפֿילו אין די גוטע יאָרן ניט אויסגעצייכנט מיט איבעריקער באַהאַוונטקייט און געשיקטקייט אין געשעפֿט און האָט זיך אַלע מאָל געניטיקט, אַז דאָס געניטע אויג פֿון משה מאַשבער זאָל צו אים, מעשה־לערער, אַ קוק טאָן, כּדי אויסצובעסערן און

פֿאַריכטן די פֿעלערן, וואָס ער, יאַנקעלע גראַדשטיין, דער שווערער תּלמיד, דער נישט־טויגער, פֿלעגט באַגיין.

ער איז געווען זייער אַ שטילער, כּמעט אַ תּם און אַן איבערגעטריבן פֿרומער, וועלכן ס'האָט געצויגן, ווי יעקבֿ־אָבֿינו, מער אין די געצעלטן פֿון שם ועבֿר, ווי אין די טומלדיקע געמאַרקן פֿון הו־האַ און האַנדל־וואַנדל, און ווי נאָר ס'האָט אים אַמאָל געגליקט צו באַקומען די מעגלעכקייט זיך אויס־צודרייען פֿון צו קומען אין נאָענטער באַרירונג מיט געשעפֿט־ און האַנדלס־לייט, אַזוי האָט ער דאָס געטאָן מיט פֿאַרגעניגן; נישט ליב־האָבנדיק דעם מאַרק, וואו ער האָט זיך געפֿילט האַלב־גר, האָט ער געפֿונען זיין מער בעסערע וועלט אין ספֿרים און אין דער געזעלשאַפֿט פֿון ענלעכע, ווי ער, יונגע איידעמס, יונגעלייט, וואָס זייער פֿאַרמעגלעכע און מער־באַזאַרגטע לאַגע האָט זיי דער־לויבט זיך אָפּגעבן מיט פֿאַרשיידענע וואוילטעטיקייטן, צוליב וועלכע ער, יאַנקעלע גראַדשטיין, איז גרייט געווען אָראָפּציען די שיך פֿון די פֿיס, אַפֿילו דאָס העמד פֿונעם לייב.

מיט איינעם וואָרט, „אַ שטילער לעמל", ווי ס'פֿלעגן אים רופֿן משרתים און געריבענע סוחרימלעך, וואָס האָבן אַזאַ הנהגה, ווי יאַנקעלע גראַדשטיינס, ניט באַנומען; אַ פֿאַרשוין, וואָס, ווי אַלע האָבן געוואוסט, איז ווען ניט דער שווער מאַשבער זאָל אַלע מאָל געווען אונטערשיטן האָבער אין זיין קאַרעטע, ד"ה, ניט צולייגן און פֿאַרפֿולן דאָס וואָס יענער האָט איבער זיינע משונהדיקע, לעמלשע געגנג צעטרענצלט, אַזוי וואָלט ער שוין לאַנג אַרויס נקי, טאַקע אַן אַ העמד פֿון זיין מישטיינסגעזאָגטער געשעפֿטס־פֿירונג, פֿון זיין אומ־דערפֿאַרענקייט און נישט וויסן קיין צורת מטבע.

יאָ, אַ סבֿרה, אַז ער האָט טאַקע ניט געוואוסט. ס'רובֿ פֿלעגט אין די רעכענונגס־ביכער אויספֿעלן גרויסע סומעס, וואָס קיינער, איז מען געווען זיכער, האָט זיי ניט פֿאַרנומען, קיינער ניט געגנבֿעט, נאָר דאָס האָט ער, יאַנקעלע גראַדשטיין, זיי אָפּגעשטעקט איינעם אַ נויט־באַדערפֿטיקן בעלן, אָדער בתּור הלוואה — אויף אַ צייט, אָדער בתּור נדבֿה — אויף קיין מאָל זיי צוריק שוין ניט זען.

אָבער דאָס אַלץ האָט ניט אויסגעמאַכט פֿריער, אין די גוטע צייטן, ווען דאָס געשעפֿט איז פֿעסט געשטאַנען, די גוטע פֿאַרדינסטן האָבן געקלעקט, און ווען דער שווער, משה מאַשבער, האָט יעדערס מאָל, אין אַזאַ פֿאַל, געזען פֿאַרשווייגן און פֿאַררייבן יאַנקעלעס שלימ־מזלדיקע וותּרנות, וואָס האָט גע־גרענעצט מיט פֿאַרשווענדערישקייט... איצט אָבער, ווען אַלץ האָט זיך אַ דריי געטאָן קאַפּויער; דער שווער — נישטאָ, דאָס געשעפֿט — אויס, די שטוב — חרובֿ, און די קאַסע אַזוי אויסגעליידיקט, אַז מען האָט געמוזט זאָרגן, וואו נעמט מען אויף דער טאָג־טעגלעכער, לויפֿיקער הוצאה; איצט, ווען אָט דער יאַנקעלע גראַדשטיין, משה מאַשבערס עלטערער טאָכטערס מאַן,

האָט ניט נאָר ניט געהאַלפֿן זאָרגן, ווי אַזוי אַרויס פֿון דער אַלגעמיינער שפּלער לאַגע, נאָר ס'האָט אים אַפֿילו אויסגעפֿעלט געוויינטלעכע פֿאַרשטענ־דעניש פֿון אַ מינדסטן בר־דעת צו זען, על־כּל־פּנים, צו היטן, שפּאָרן אין אַזאַ צייט, ווי ווייט מעגלעך, און ער האָט נאָך פֿאַרקערט געטאָן: זיך געהאַלטן ביי דער פֿריערדיקער מעלה פֿון אָפּצוגעבן, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, מיט דער פֿולער האַנט, און ווי נאָר ער האָט אַריינבאַקומען אַ גראָשן, אַזוי האָט ער באַלד געפֿונען דעם געהעריקן בעלן אויף אים, און אויב אַזאַ איינער האָט זיך אים אונטער דער האַנט ניט געמאַכט, אַזוי פֿלעגט ער אַוועק אין שול, אום אַריינצוואַרפֿן אין דער בלינדער פּושקע, אין מתּן בסתר... איצט, אַז יהודית, וואָס איז געבליבן די איינציקע באַזאָרגערין פֿון דער שטוב, האָט זיך אָנגעשלאָגן מיט איר מאַנס אויבנדערמאָנטע „מעלות" און געזען, אַז ער איז ניט נאָר אַזאַ, וואָס העלפֿט דעם וואָגן פֿון זומפּ צו שלעפּן, נאָר פֿאַרקערט, קאָן אים מאַכן נאָך מער פֿאַרזינקען — האָט זי אַוודאי גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן, ווי נאָר ברעכן די הענט, ווען קיינער זעט ניט, און וויינען אין פֿאַרשיידענע ווינקלען, ווען מען זעט יאָ, אָדער ניט.

זי האָט ניט געהאַט אַפֿילו פֿאַר וועמען זיך אויסצורעדן. פֿאַרוואָס? ווייל פֿיל פֿון די אַמאָליקע פֿריינד און באַקאַנטע פֿון משה מאַשבערס הויז האָבן דאָס איצט געזען אויסמיידן; און די איינציקע, פֿאַר וועמען זי וואָלט יאָ געקאָנט אַ וואָרט זאָגן, איז געווען אסתּר־רחל, די אָרעמע, געטרייע קרובֿה, וואָס אָן שום לויך, אָן געצאָלטס, האָט זיך אונטערגענומען אַרומגיין אַרום גיטעלען אי טאָג, אי נאַכט, אַפֿילו מער, ווי זי, יהודית אַליין — פֿאַר איר, פֿאַר אסתּר־רחלען, האָט זי אָבער קיין מוט ניט געהאַט אַרויסצוקומען מיט איר קלאָג, מחמת ביי יענער, וואָס אָרעמקייט האָט איר אָנגעקערט אַ שוועס־טער און דלות — אַ בן־בית, איז אַזאַ ירידה און געפֿאַלנקייט ווי ביי משה מאַשבערן ניט געווען אַזאַ תּפֿילה, זי זאָל איר מיטפֿילן: זי האָט געזען ערגערס.

איז געבליבן דער איינציקער לוזי.

— אוי, פֿעטער — פֿלעגט זי אַמאָל טאָקע שיר ניט צופֿאַלן צו לוזיס ברוסט, ווען ער פֿלעגט מיט איר בלייבן אַליין, נאָך דעם, ווי ער האָט אַלץ צוגעזען, מיט אַלץ זיך אָנגעהערט, וואָס איז אין זיין ברודערס שטוב אַנגעסט־לעך פֿאָרגעקומען. — אוי, פֿעטער — פֿלעגט זי אַ זאָג טאָן שוין צום אָנהויב געשפּרעך און באַלד נעמען אַ טיכעלע צו די אויגן, און שטייענדיק פֿאַר לוזין, צוקן מיט די אַקסל און אין טיכעלע אַריינוויינען.

לוזי פֿלעגט צום סוף פֿון זיין באַזוך זיך נעמען דערפֿרעגן אויך אויף אַלטערן, וואָס די לעצטע געשעענישן האָבן אים, געוויס, מער דערלאַנגט, ווי אַלע, און האָבן אים געמאַכט אין זיין בחורשן אויבער־צימערל זיך אָפּזונדערן און זעלטן ווען זיך פֿון דאָרט אַרויסווייזן. ער פֿלעגט אויך אים באַזוכן.

און זע אַ וואונדער: ער פּלעגט אים טרעפֿן, ניט ווי מען האָט זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַ לײדיק־זיצנדיקן, אָדער ליגנדיקן, פֿאַרטראַכט, נאָר פֿאַרקערט, תּמיד באַשעפֿטיקט ביי עפּעס אַ פּאַפּיר, טינט און פֿעדער, און תּמיד עפּעס אַרײַנשרייבן אין פּאַפּיר.

— האַ, — פּלעגט אַלטער זיך אַ כאַפּ טאָן, ווען ער האָט דערפֿילט, אַז עמעצער קומט צו אים אָן, ובפֿרט, ווען ער האָט דערזען פֿאַר זיך לוזין... ער פּלעגט זיך פֿאַררויטלען פֿון בושה, וואָס יענער האָט אים געטראָפֿן ביי דער שרייב־מלאָכה, און ער האָט אַלע מאָל זיך אויפֿשטעלנדיק, געזוכט זי פֿאַרשטעלן און פֿון לוזיס אויגן פֿאַרשאַרן.

— וואָס מאַכט ער, און ווי גייט אים? — פֿלעגט לוזי אַ פֿרעג טאָן, שטייענדיק, און זיך ניט נעמען קיין צייט צוזעצן און מער לענגער פֿאַר־ברענגען מיט אַלטערן.

— אַ גוטן טאָג... ער וועט אָן אַנדערש מאָל נאָך אַמאָל קומען — פּלעגט ער זאָגן שפּעטער ביים אַוועקגיין.

פֿון גרויס איבערראַשונג פֿון לוזיס באַזוך פּלעגט אַלטער אַפֿילו פֿאַר־געסן אים צו באַלייטן אַ פּאָר טריט, ווי ס'פֿירט זיך; אָדער, מעגלעך, ער האָט ניט פֿאַרגעסן, נאָר ווידער טאַקע פֿון דער זעלבער איבערראַשונג איז ער אָן ווילן, ווי צו זיין אָרט צוגעשמידט געבליבן, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן.

אַז ער פּלעגט זיך אַביסל באַפֿרייען און אָפּאָטעמען פֿונעם גליק, וואָס האָט אים געטראָפֿן פֿונעם קורצוויילקן ברודער־באַזוך, פּלעגט ער בלייבן פֿאַר־גליווערט און אויף לאַנג פֿאַרטראַכט אויפֿן אָרט, וואו לוזי האָט אים איבער־געלאָזט... און אָן אַנדערש מאָל פּלעגט ער צוגיין צום פֿענצטער, דורך וועלכן ער פּלעגט אַרויסקוקן אין ווינטערדיקן סאָד פֿונעם ווינטערדיקן דרויסן, און אַזוי שטייענדיק, פּלעגט זיך זיין אויפֿגערודערט געמיט באַרואיקן, ביז ער פּלעגט זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ טאָן, זיך אין עפּעס דערמאָנען, זיך אָפּרייסן פֿון אין פֿענצטער קוקן, ווידער צום טיש קומען, און ווידער זיך נעמען פֿאַר זיין באַשעפֿטיקונג — צום שרייבן.

יאָ, ווען שטוב־מענטשן פּלעגן זיך דעמאָלט אַמאָל צערעדן וועגן אַלטערן און מיט אייניקע ווערטער זיך דורכוואָרפֿן וועגן אים, פּלעגט מען הערן, ווי זיי זאָגן איינס דאָס צווייטע: ס'איז אים שוין ווידער אָנגעקומען דאָס שרייבערשע חולאַת.

און אָט איז די „פּרוכט" פֿון זיין פֿעדער — אַ געמיש פֿון האַלב־קלאָרע געפֿילן פֿון אַ גייסטיק־קראַנקן און קרענקלעכן טראַנס, אָן סדר, און וואָס כּדי זיי זאָלן ווי ניט איז קאָנען געבראַכט ווערן פֿאַרן לייענער, זיינען מיר געווען געצוואונגען זיי קאָרעגירן, זיך אַריינמישן, וואו מען דאַרף, ד"ה געבן

זייער עיקר אין אַ געהעריקער פֿאָרעם און דאָס נישט־געהעריקע אַרויס־וואַרפֿן, דערוויטערן.

אָבער, זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז אַלטערס בריוו־שרײַבן איז איצט ניט געווען אַדרעסירט צו די אוראַלטע נעמען פֿון תנ״ך, ווי אַ כּדרלעומר מלך עילם און אַ נבוכדנצר מלך בבל א״אַנד, צו וועמען ער פֿלעגט זיך ווענדן אַמאָל, ווי מיר האָבן צום אָנהייב בוך דערציילט. ניין, איצט צו מער היימישע, צו משפּחה־מענטשן, און דער עיקר צו זײַנע ברידער משה און לוזי, וואָס זײַנען די לעצטע צייט אים שטענדיק, ווייזט אויס, געשטאַנען, ווי צוויי ליכט פֿאַר די אויגן, פֿון וועלכע ער האָט די ראיה ניט געקאָנט אָפּטאָן.

אָט איז איין בריוו:

לאחי משה, מושיע ומגיני...

ער ווייסט ניט — האָט אַלטער געשריבן — וואָס דאָס איז אַזוינס תּפֿיסה, וועגן וועלכער מ׳סודעט זיך אין שטוב... נאָר אויב דאָס מיינט, פֿון מענטשן אַרויסגענומען, אַליין און אָפּגעשלאָסן, איז עמך אנכי — איז ער, אַלטער, דאָך פֿון זיין יוגנט אָן אָפּגעזונדערט און פֿאַרשפּאַרט אין די טיפֿע וועגט פֿון זיין מזל, וואָס געפֿינט זיך פֿון יענער זייט און מאַכט זיך ניט הערן זײַנע ווילדע אויסגעשרייען, וואָס ער גיט פֿון זיך אַרויס לאַנג און צעצויגן, ווי אַ חיה, און אין אַזאַ גרויליקער צאָל און מאָס, אַז ער בלייבט נאָך זיי מיד, אויסגעשעפּט און אויסן כּמבכּירה — ווי אַן ערשטלינג נאָך די וויִען.

וויי! ער ווייסט ניט, פֿאַר וואָס ס׳קומט דעם ברודער דאָס אָפּקומען, פּונקט ווי ער ווייסט ניט, פֿאַר וואָס קומט אים — זיינס. ווייל אויב מען זאָל משפּטן לויט מעשים, איז נאָך דעם, ווי דער ברודער האָט געטאָן מיט אים, מיט אַלטערן, מער, ווי מיט אַ ברודער, וואָלט זיין שכר באַדאַרפֿט זיין גרויס ביזן הימל, ביז די שטערן און אַזוי הויך עד אין לשער...

הוי, אָח — אוי, ברודער, הייסט עס — האָט אַלטער ווייטער געשריבן — ער איז שטענדיק גרייט צו דערמאָנען דעם, וואָס נויטיקט זיך ניט אין דערמאָנונג, אַז אויב ער, דער פֿאַרמשפּטער אָן אַ פֿאַרוואָס, טראָגט ניט קיין תּרעומות דערויף, וואָס ער איז אַזוי אומפֿולקאָמען אויף דער וועלט אַראָפּ־געשיקט געוואָרן, איז דאָס נאָר דערפֿאַר, ווייל מען האָט אים באַשערט אַרייַנ־צוטרעפֿן צו אים, משהן, וואָס האָט אַלץ געטאָן, ער זאָל ניט האָבן קיין פּתחון־פּה זיך צו קלאָגן שוין אַליין מחמת דעם, וואָס מע האָט אים ניט איבער־געגעבן אין פֿרעמדע הענט אויף קאַלטהערציקער אויפֿזיכט, נאָר צו אים, וואָס אונטער זיין היימישן דאַך און אין זיין בוידעם־שטיבל, זאָל ער, אַלטער, קאָנען זיין האַלב־חרובן גורל אויסלעבן, נישט ווי אַנדערע אין זיין פֿאַל, וואָס ווערן אַרויסגעיאָגט אויפֿן גאַס, אויף הפֿקר...

הוי אָח, הוי אַחי הטוב והנאמן — ס׳וועט דיר זיכער געצאָלט זיין.

און אַ ראַיה איז מיר דער סאַד, אין וועלכן כ׳קוק אַפּט אַרויס און זע אים אין ווייסן בלענדיקן שניי, ווי אין געלייטערט זילבער — די צווייגן, די בוימער, דעם גאַנצן אַרום, וואָס סיי בייטאָג, סיי אינדערפרי, סיי פאַרנאַכט איז ער ביי די ראַנדן אַרומגערינגלט מיט אַ בלוילעכן נעפּל, וואָס טיילט אים אויס אין שטילער חשיבות פון אַנדערע שכנותדיקע סעדער.

און שאַ: און אַלע מאָל, ווען איך קוק אַהין לאַנג, דאַכט מיר, אַז איך דערזע דיך, ברודער משה דו מיין, אויפגיין — אַ גלייכשטייענדיקן, אַ ווייסן, אַ שטילן, אַ ליַכטן, אַזש די ערד פילט ניט, ווען דו טיילסט זיך פון איר אָפּ, און ניט די לופט, ווען דו קומסט אַריין אין איר... און זע, און דעמאָלט ווער אויך איך לופטיק, לייכט, און כ׳באַמערק ניט, ווי איך קום אַרויס דורכן פענצטער, פאַר וועלכן איך שטיי אין מיין אויבער־שטיבל, און באַלד בין איך שוין לעבן דיר: דו — אויבן, איך — אונטער דיר, דו איבער מיין קאָפּ, איך — ביי דיין צופיסנס, דו טראָגסט גאַרניט אין די הענט, און איך טראָג דיר נאָך אַ פּעקעלע, ווי אַ דינער דעם באַלעבאָס... מיר הויבן זיך אויף, און מיר שטייגן אַלץ העכער, אַזוי הויך, אַז פון אונטן איז אונדז שוין ניט אָנצוזען, ביז מיר קומען צו אַן אָרט אין הימל, וואָס עפנט זיך פאַר אונדז . . . — און שאַ, ברודער — מיר קומען אַריַין אין אַ גרויסן לײדיק־שווייגנדיקן חלל פון אַן אומגעהויערער ראָד, וואו אין דער מיט זיצט, דאַכט מיר, אַליין דער ה׳ צבאות אין שווייגן, און ביי די ראַנדן פון ראָד, אַרום און קיילעכיק — רייען, רייען קעפּ, איינע העכער פון דער אַנדערער, קוקן אויף דער שווייגנדיקער מיט, וואו ביים צופיסנס פון כביכול שטייט אַ וואָג, צו וועלכער איך מיט דיר גענענען, און אויף וועלכער מ׳הייסט מיך אַרויפלייגן, וואָס כ׳האָב געבראַכט און וואָס כ׳האָב אין לופטיקן אויפשטייגן דיר נאָכגעטראָגן... און ווי איך לייג אַרויף דאָס מיטגעבראַכטע, אַזוי דערהערט זיך פון טויזנטער־טויזנטער מיילער דאָס שטילע וואָרט, דאָס באַרעכטנדיקע:

— איבערגעוואויגן... איבערגעוואויגן... על צד הרחמים והחנינה — אויף דער גוטער, אויף דער דערבאַרעמדיקער זייט, הייסט עס.

— ריין, ריין, ער פאַרשפּאַרט שוין אויף דער ערד אַראָפּגיין.

— נתבקש בישיבה של מעלה — ער ווערט פאַרבעטן שוין דאָ צו בלייבן...

און אַלע רייען קעפּ, וואָס רינגלען אַרום דעם חלל, ווענדן זיך דעמאָלט איינס צום אַנדערן און גיבן זיך איבער פון מויל צו מויל די געגאַרטע ידיעה, אַז נאָך איינער, ווי זיי, צו דער ראָד אַ געהעריקער, איז זיי איצט צוגעקומען...

און דאַ, ברודער משה דו מיין, כאַפּ איך זיך אויף פון בייצוזיין ביי דיין אַריַיגעגנומען ווערן אין ראָד, און דערזע זיך צוריק אין מיין צימער,

וואו איך האָב זיך געפֿונען, אײדער כ'בין אומבאַמערקט פֿון פֿענצטער אַרויס; און זע: סײ אין דער פֿרי, סײ בײטאָג, און סײ פֿאַרנאַכט, ווען ס'מאַכט זיך, טרעף איך פֿאַר זיך אַן אַנגעצונדענעם לאָמפּ, אַ נר נשמה, וואָס ווער ס'האָט אים אָנגעצונדן, ווייס איך ניט — צי איך, צי אַן אַנדערער ווער; און אַלע מאָל טרעף איך זיך דעמאָלט אויך ביי אַן אָפֿענעם משניות, וואו איך זוך אויף דרײ משנות מיט די אָנהויב־אותיות מ, ש, ה, די אותיות פֿון דיין נאָמען „משה", און איך לערן הייס, וואַרעם און מיט גרויס התמדה פֿאַר דיין עלית־נשמה...

— ווי! וואָס רייד איך?! — טוט זיך דאָ אַלטער אַ כאַפּ און רייסט זיך איבער — וואָס האָט ער געזאָגט? לא יעלה ולא יבוא! זאָל די שעה ניט זיין! משה איז דאָך דאָ, און וועט ווייטער זיין, צו לאַנגע, לעבעדיקע יאָר, און דאָס, וואָס אַלטער האָט ביז אַהער געזאָגט, איז נישט מער ווי פֿון זיין קראַנקן קאָפּ אַ קרענקלעך אויסווייזעניש...

ווייל, יאָ, ווייל וואָס געהער אים, אַלטערן, איז ער, דאַכט זיך, ווידער קראַנק.

אַמאָל פֿליען אום די געדאַנקען אין קאָפּ, ווי כמאַרעס פֿון אַ שטאַרקן ווינט געיאָגט, און אַן אַנדערש מאָל איז ער אַזוי רואיק, אויסגעהוילט, ווי אַ שטייענדיקע מיל, אַן אַרבעט, הויל־ליידיק, גלייך שבת. אַמאָל וויל ער דאָס העמד אויף זיך צערייסן פֿון פֿאַרשאַלטנקייט, און אַן אַנדערש מאָל פֿילט ער זיך אַזוי שטיל, ווי אַ ווערעמל אונטער אַ שטיין, וואָס מער טאַקע ווי דאָס קליינע ערטעלע אונטערן שטיין, האָט דאָס ניט פֿאַרדינט צו האָבן.

ווי אָט איצט, למשל, ווען ס'וויל זיך אים אַוועקלייגן אויף דער ערד אין אַ ווינקל־שטוב, וואו אַ קליין חיהלע אין אַ פֿוטער־פֿעלעכל, וואָס פֿילט זיך מער ניט די ווערט, ווי נאָר צו ליגן שטיל, איינגעשרומפּן און ניט אָנגעזען, און בלויז מיט אַ קליין ביסעלע באַוואוסטזיין, אַז אויסער אָט דעם טונקעלן ווינקל, וואָס איז דעם אויסגעטיילט, איז נאָך פֿאַראַן אַ וועלט מיט גרויסע רחבותן פֿאַר גרויס־באַגליקטע אין זיי אומצושוועבן.

ווי אָט איצט, ווידער, ווען איך זע זיך מיט מיין מינדסט־מינדסטער השגה אין געשטאַלט פֿון אַ קליין, אָרעם, פּיצל פֿייגעלע, אומשוועבן הויך־הויך אַרום דעם גלגל־חמה, אַרום דער ראָד פֿון דער זון, און זוכן אַ טויער, אַן אַריינגאַנג אויף אַנצוקומען אין דער סאַמע מיט, אין סאַמע בלענד, כדי דאָרט אָפּצושרפֿן מיט האַק־פּאַק פֿליגעלעך און פֿעדערלעך, ביז אַ לעצטס, פֿון גרויס־געפֿליגלטער אַנטציקונג...

און דאָ רייסן מיר שוין איבער אַלטערס שרייבן, ווייל מיר זעען, אַז ער פֿאַרקריכט, פֿאַררעדט זיך, און אַז באַלד וועט אים שוין זיין ניט צום לייענען און ניט צום אויספֿאַרריכטן. גענוג...

און אַט איז אַ צווייטער בריוו:

לאָחי לוזי, עוזי ומעוזי.

ער — הויבט דאָ אַלטער אָן אין אַ הויכן טאָן, גלייך ער וואָלט געשטאַנען צופּיסנס פון אַ באַרג און וואָלט אַרויפגעשריגן צו איינעם, וואָס געפינט זיך העט אויבן — ער, וואָס ווען ער ווייזט זיך אים אויפן זינען, פּילט ער שטאָלץ פון יחוס־אָבות... זאָל ער וויסן זיין, אַז אַלע מאָל, ווען אַלטער קוקט אַרויס דורך זיין פאַרטונקלטן קיום, ווי דורך אַ פענצטער אין בין־השמשות, זעט ער נאָר אים, וואָס איז פאַר פיל אַ טרייסט, בפרט פאַר אַלטערן, וואָס איז מער ניט באַשאַנקען, ווי נאָר צו טרוימען פון דעם, וואָס איז קיין מאָל ניט צו דערגרייכן... זאָל ער וויסן זיין, אַז ווען ער, אַלטער, וואָלט געווען באַגלייך מיט אַלע, און ניט אַזוי פאַראורטיילט און באַנומען, אַזוי וואָלט ער פון אים ניט אָפּגעטראָטן, ווי אַ קינד פון אַ מוטער, וואָס היט אירע טריט און האַלט זיך תּמיד אין איר נאָענטקייט... איצט אָבער, ווען ער איז פון אַלע וועלטלעכע הנאות באַרויבט, איז מילא אַלע, ווי אַלע, אָבער דאָס ערגסטע, אויף וואָס, אים דאַכט זיך, ער האָט זיך מער צו קלאָגן, איז דאָס, וואָס האָבנדיק דעם ברודער, האָט ער נאָר זיין אַזוי צו זאָגן, שם־התּואר, זיין טיטל־בלאַט, אָבער ניט אים אַליין, ניט זיין תּוך, ניט זיין עצם.

אַז לוזי קומט צו אים אַמאָל אַריין, בלייבט ער פאַרשעמט, ווי אַ קינד, ווען ס׳טרעפט דעם אַ צו־גרויס גליק און ווען דאָס הערצל איז דעם צו קליין, ס׳זאָל אַט־אַט און שיר־שיר ניט אויפפּלאַצן פון גדולה.

ס׳דערגייט אַזוי ווייט זיין אויפרעגונג, אַז ניט נאָר ער ווינטשט זיך דעמאָלט, ווי ס׳וואָלט זיך באַדאַרפט דאַכטן, אַז לוזי זאָל ביי אים לענגער בלייבן און מיט אים מער פאַרברענגען, נאָר פאַרקערט, זיין וואונטש: יענער זאָל וואָס גיכער אַוועקגיין, כּדי ער זאָל בלייבן אַליין און נעמען באַרעכענען דאָס עשירות, וואָס ער וואָלט פאַרמאָגט, אין פאַל, ווען ער וואָלט אים יאָ געהאַט, און וואָס ער ווערט אָן, ווען אין הימל איז מען קעגן זיין ווילן.

אַז לוזי גייט אַוועק, גייט אַלטער צו, אַ פול־באַלאָדענער פון גליק פון יענעמס באַזוך, צום פענצטער, דורך וועלכן ער קוקט אַרויס אין סאָד, וואָס איז הויל־ווייס, הויל־שניי, הויל־ווינטערדיק... און אַלע מאָל דאַכט זיך אים צו זען יענעמס דערמאָנונג אין געשטאַלט פון עפּעס אַ שייטער, ערגעץ־וואו צווישן בוימער באַהאַלטן און אין אַן עקסטן סאָד־ראַנד פאַררוקט, — אַזאַ, וואָס רויכערט ניט, מאַכט די ערד ניט שוואַרץ, אויך דאָס פייער איז ניט רויט, נאָר פלעמלט ווייס־ווייס, ווי פעכלדיק זייד אויפן ווינט... און אַנט־קעגן אים, אין הימל אויבן, עפנט זיך אַלע מאָל אַ קליין פענצטערל, דורך וואַנען מע קוקט אויף אים אַראָפּ און מע נעמט אויף און מע באַוויליקט זיין שטיל־ווייס־פעכלדיקן בלענד מיט ברכה.

אַז אַלטער קוקט לאַנג און לענגער אויפֿן שייטער, דאַכט אים, אַז אויך ער הויבט זיך אויף אין הייסן פֿלאַם, ווי אַ פּאַפּיר אין אַ שריפֿה...

ער פֿליט לייכט, לופֿטיק, געדרייט און געבראָכן, ווי אַ שוועלבעלע... און אַט אַזוי פֿליענדיק, לייענט ער, וואָס אויף אים איז געשריבן, און נעמלעך, אַז ער, אַלטער, דער געמיינערטער ברודער פֿון דעם, אין וועמעס זכות ער הויבט זיך איצט אויף אַלץ העכער און העכער שטייגנדיק, טראָגט זיך מיט אַ בקשה צו וועמען מע דאַרף, אין הימל אויבן, אַז דעמאָלט ווען מע וועט זיין ברודערס פֿייערל אויפֿנעמען, זאָל מען דורכלאָזן אויך אים, אַלטערן, אַלס גנעדיקן צוגאָב...

און דאָ רייסן מיר זיך ווידער איבער, ווייל מיר זעען, ווי אַלטער פֿאַר־קריכט ווידער אין אַזוינע ווילדענישן, וואו מיר זיינען אים ניט מחויב נאָכ־צופֿאָלגן.

## VII

# פינצטער

ס'דאַרף דאָ ווידער איבערגעחזרט ווערן, וואָס ס'איז שוין נישט איין מאָל פריער געזאָגט: ס'איז געווען אַ יאָר פון אָן אומגערעטעניש. דער פויער פון די אַרומליגנדיקע ישובים האָט ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן, און במילא נישט — פאַר וואָס צו קויפן. ס'האָבן געליטן צוערשט די קליינע שטעטלעך, וועלכע ליפערן דעם דאָרף זיין געברויך, פון נישט האָבן וועמען אָפצוזעצן די סחורה, וואָס זיי פלעגן באַציען פונעם גרעסערן צענטער. און דעמאָלט האָט שוין גענומען ליידן אויך דער צענטער אַליין — אַזאַ שטאָט, ווי N, וועלכע האָט באַדינט דעם קליינשטעטלדיקן אַרום.

יענעם ווינטער האָבן אַפילו די מער פאַרמעגלעכע סוחרים, אומדרייענ־דיק זיך ביי די קלייטן, צו וועלכע ס'האָבן זיך קיין קונים ניט געוויזן, שטי־לערהייט אונטערגעזיפצט... אוודאי האָבן שוין אָפן געקרעכצט די קלע־נערע, געמיינערע, זעענדיק, אַז די פאַליצעס ווערן זיי ליידיק נישט פון פדיון, ווי אין אַ צייט פון שפע, ווען זיי ווערן באַלד צוריק ווידער פאַרפולט; נאָר דערפון ליידיק, ווייל יעדער ביסל לייזונג פלעגט אַוועק אויף דער אייגענער שטוב־הוצאה, און אויף אַריינצובאַקומען נייע סחורה איז קיין האָפענונג ניט געווען, ווייל די געמיינערע האָבן אויפגעהערט זיין בטוחים ביי פאַרמעגלעכע.

אַזוי — קרעמער. אָפגערעדט שוין פון די, וואָס „דרייען" זיך אַרום די קראָמען, ווי טרעגער, לייגער, מעקלער א"אַנד. און גאָר אַ פשיטא שוין באַלמעלאָכעס, וועלכע לעבן פון באַקומענער אַרבעט ביי די אויבערשטע שיכטן, ווען די געשעפטן גייען גוט, און ווען מ'קאָן זיך פאַרגינען, אויסער עסן, טראַכטן אויך פון שיכוגג, קליידונג און אַנדערע באַדאַרפן.

דאָס קבצנות איז געוואַקסן אין גרויסע מאָסן. ווער ס'האָט געהאַט אָפ־געשפאָרט אַ גראָשן אויף דער ניט־גוטער צייט, האָט איצט געמוזט אַרויס מיט אים, אים אויסגעבן; אָבער ווער פון בעלי־מלאכות און ענלעכע צו זיי האָט אַפילו אין דער גוטער צייט געהאַט מעגלעכקייטן עפּעס וואָס אָפּצו־שפאָרן?

אין באַלמעלאָכישע הייזער האָט דערום גענומען אויספעלן בעטגעוואַנט פון אונטער אייגענע און קינדערשע געלעגערס; אויך יום־טובדיקע בגדים,

וועלכע זיינען געבליבן אויסגעפּאַרהיט פון נאָך דער חתונה, און וועלכע מ׳האָט זעלטן געהאַפּט זיי צו פאַרבייטן אויף נייע. ס׳האָבן אָנגעהויבן אויספּעלן מעשענע און קופּערנע כּלים, ווי סאַמאָווארן, פאַנען, פענדלעך, קוואַרטן, און אויך בענטש־לייכטער, וועלכע האָבן אַריבערגעוואַנדערט, פאַרשטעלט אויס־באַהאַלטן און מיט בושת־פּנים, צו די באַרייסערישע וואַכערניקעס פאַר קליינ־ווערטיקע מטבעות, פון וועלכע מ׳האָט זיך ניט געקאָנט בויען.

דער גרעסטער טייל פון אָט דעם פאַראַרעמטן עולם האָט שוין געמוזט אָנקומען צו צדקה־חברות, ביי וועלכע די קאַסעס זיינען אַלע מאָל, אַ דאַנק די געוויסע בעלי־טובהשע הענט, וואָס פאָרען זיך אַרום זיי, געווען אויסגע־טריקנט; ובפרט איצט, ווען אַזוי פיל נויטבאַדערפטיקע האָבן זיך צו זיי גע־שטרעקט צו באַקומען כאָטש אַ שפּאָר ביסל גראָשנס־מזומנים.

אָפט האָט מען שוין דעמאָלט, שבת, פאַר קריאת־התורה, אין פאַרשיידענע שולן, קלויזן געהערט די אַליאַרמירנדיקע קול־קוראס, וואָס פאַרשיידענע צדקה־־חברות האָבן צעשיקט מיט שמשים, זיי פירלייענען פאַרן עולם מיטן געוויסן ווייַנערישן נוסח: אַזוי און אַזוי... יידן בני־רחמנים, העלפט פאַר־גרינגערן די נויט פון אייערע נויטליידנדיקע ברידער, וואָס זייערע קינדער גייען אויס פון הונגער, קעלט און שלאַפקייט... ובזכות זה — האָבן זיך די קול־קוראס פאַרענדיקט — וועט קומען דער גואל־צדק, אָמן סלה... מ׳האָט געהערט און מ׳איז קאַלט געבליבן.

און דער ווינטער האָט געטאָן זיינס. מחמת צו קויפן האָלץ איז ניט געווען פאַר וואָס, האָבן בעל־מלאכישע און אַנדערע געמיינע הייזער געפרוירן, אַחוץ וואָס ניט דערעסן, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אונטערגענג און שלאַפ־קייט האָבן זיך געמערט, און ווער ס׳האָט זיך אָוועקגעלייגט, האָט שוין ווייניק שאַנסן געהאַט אויף צוריק אויף די פיס זיך שטעלן און זיך פאַרריכטן.

דאָקטוירים האָבן געהאַט דאָס אמת־גוטע שטיקל צייט: זיי האָבן באַוויזן אַריינצוכאַפּן היפּש פאַרדינסט אי פון די וויזיטן ביי די אָרעמע חולאים, צוליב וועלכע מ׳האָט אַלץ געטאָן, אַבי צו ראַטעווען דעם נפש, מיינענדיק, אַז דער עיקר איז דער דאָקטער, וואָס אַליין מיט זיין קומען ווערט שוין אַ שטיק קרענק אָוועקגענומען און פאַרשוואונדן. ביי באַוואוסטע שטאָט־דאָקטוירים האָבן די אויגן און די באַקן געגלאַנצט פון פעטס, אַ דאַנק די גאָר הויכע פאַרדינסטן, וואָס זיינען צו זיי אַריינגעפאַלן אי אַליין, ווי געזאָגט, פון די וויזיטן, אי פון נאָך עפּעס: פון די פּראָצענטן, וואָס זיי פלעגן באַקומען ביי די אַפּטייקערס, ביי וועלכע די רעצעפּטן, מיט זייערע נעמען געחתמעט, זיינען באַשטעלט געוואָרן. אויך אַפּטייקערס האָבן זיך ניט געגנאַרט, און שטייענדיק אונטער די אַפּטייק־טישן, און רייבנדיק און שטויסנדיק די רפואות אין די ווייס־פאַרצעלייענע שטייסעלעך, שטיל, ווי מ׳דאַרף, איז אויך זיי אַ רואיק שטיק געזונט צוגעקומען.

דאָקטוירים און אַפּטייקערס האָבן ניט געהאָלפֿן, ווייל אַחוץ רפֿואות, האָט זיך געפֿאָדערט נאָך עפּעס, אין וואָס די אָרעמע האָבן געפֿילט גרויס מאַנגל, ווי הייצונג, דערנערונג, רעכט־גוטע באַדינונג א״אַנד, וואָס האָט אין יענע הייזער אויסגעפֿעלט. אַזוי, אַז ווער ס׳האָט זיך קראַנק אַוועקגעלייגט אין דער היים, איז פֿון היימישן בעט, וואָס מיט די הויל, דאַרע ברעטלעך, שווער אויפֿגעשטאַנען, און ווער ס׳האָט אויך דאָס ניט געהאַט און וואָס האָט געמוזט אַנקומען אין ביקור־חולים, האָט זיך אַוודאי, אַוועקגייענדיק, מיט דער אייגענער שוועל און מזוזה געמעגט אָפּגעזעגענען... ווייל דאָס מערסט איז פֿון דער קוראַציע פֿון ביקור־חולים שוין אַוועק מיט האַק־פּאַק קבצנישן ביסל ביינער אויפֿן בית־עולם, וואו מ׳האָט געלייגט אַ קבצן לעבן אַ קבצן, אַן אָרעמאַן לעבן אַן אָרעמאַן, און וואו די קברים זייערע זיינען דערנאָך אַלע מאָל באַצייכנט געוואָרן מיט מאָגערע צוימען פֿון שמאָלע ברעטלעך, וועלכע האָבן מער ווי אַ קליין שטיקל צייט ניט אויסגעהאַלטן און האָבן מיטן אָרעמאַנס זכר אויף אַ זייט צו דער ערד זיך אַנגעבויגן...

ס׳האָבן ניט געהאָלפֿן די שבתדיקע קול־קוראס, מיט וועלכע מ׳האָט זיך געווענדט צו די מער פֿאַרמעגלעכע, מיטן מיין, זייער רחמנות צו דערוועקן און זיי העלפֿן די בייטלען אויפֿצעשנורעווען... יענע האָבן, אויסהערנדיק, די קעפּ אויסגעדרייט, ווי ניט זיי מיינט מען — און אַז מ׳איז צו זיי צוגע־שטאַנען, וועלנדיק ווירקן אויף זיי מיט רייד, האָבן זיי זיך מיט הענט און פֿיס אָפּגעשלאָגן, שרייענדיק אויף קולות און מיט צוריק־טענות: וואָס וויל מען פֿון זיי, פֿון די איינציקע און געציילטע, וואָס גיבן אַזוי אויך איבער די כּוחות און לאָזן זיך אַלע מאָל מער קאָסטן, ווי זיי זיינען ביכולת? וואָס האָט מען זיך אַנגעזעצט אויף זיי? צי קאָנען דען זיי אַ גאַנצע שטאָט מיט קבצנים אויסהאַלטן, בפֿרט, ווען די צייט איז אַזוי שלעכט?

אַזוי, אַז ביי די הין־און־הער־געשרייען איז מען געבליבן. מ׳איז געבליבן ביי די ניט־אויפֿגעשנורעוועטע נגידישע בייטלען, און די איינציקע פּעולה, וואָס אָט די געשרייען און אַליאַרמען האָבן יאָ געהאַט, איז געווען דאָס, וואָס אויף מאָרגן, נאָך די שבתים און נאָך די נישט־גערן־אויסגעהערטע קול־קוראס, האָבן זיך גבאים און גבאיטעס, צו צווייט, צו דריי, איבער די הייזער מיט רויטע פֿאַטשיילעס געלאָזט, כּדי צו זאַמלען און קלייבן, וואָס ס׳לאָזט זיך; און קומענ־דיק אין אַ נגידיש הויז, און באַקומענדיק עטוואָס מער ווי ביי אַן אַנדערן, האָבן די פּנימער פֿון אָט די גבאים און גבאיטעס געשוויצט פֿון התפּעלות און פֿון גרויס דערפֿאָלג, וואָס האָט זיי געטראָפֿן — „גאָט זאָל זיי ממלא זיין״, — האָבן זאַמלער און זאַמלערקעס געווינטשעוועט די נגידים פֿאַר זייער גוט האַרץ און ברייט־האַנטיקער גאָב.

אַזוי, ווידער, אַז די פּעולה איז געווען אַ גראָשנדיקע: פֿון אַזוינע מינים „גאָבן״ איז, נאַטירלעך, דער ים נויט אַ טראָפּן ניט אויסגעשעפּט געוואָרן,

און די אָרעמקייט האָט זיך געשטאַרקט, אָרעמקייט האָט געבראַכט שלאַפּקייט, און שלאַפּקייט ביי אַן אָרעמאַן, אין אַזאַ צייט און אין אַזוינע באַדינגונגען, האָט באַטייט: שוין אויף דריי פּערטל די טיר אויף יענער וועלט געעפּנט...

ס׳האָבן, ווי אין אַלע אַזוינע צייטן, זיך באַוויזן פיל פאַלש־היילער, כּדי ביים אָרעמאַן דאָס לעצטע ביסל מינץ אַרויסציען, ווי ראָבן אויף אַ נבלה. ס׳האָט זיך באַוויזן, פאַר אַלעמען, אַ געוויסער סאָרט פאַרוויאַנעטע „אייניקלעך" פון אַ פאַרדאַרטן גוט־יידישן שטאַם, וועלכע האָבן זיך מיט גאָרניט קונה־שם געווען און האָבן קיין מאָל צו דער הויכער פּאָמפּע נישט דערגרייכט, זייענדיק פאַררוקט, ניט אַנצוזען, דאָ אין שטאָט, וואו זיי האָבן געוואוינט.

זיי, אָט די „אייניקלעך", האָבן אַלע מאָל געלעבט בלויז אין זכות פון אַן אַלט־אָפּגעקראָכן סויבלען־שטריימל און צעפּליקטער זשופּיצע, פון אַ באַוואוסטן זיידן ירושה באַקומען, און אין זכות אויך פון אייניקע אָפּגעשטאַנענע באַל־מעלאָכעס, באַשיידענע אַנהענגער, וועלכע האָבן פון היימישקייט וועגן געהאַט צו זיי איינגאַנג, כּדי צו הערן אַ יידיש וואָרט פון זייער מויל, און דערפאַר האָט מען זיי אַלע מאָל אויף שבת, יום־טוב, און אויך אויף דער וואָך, מהנה געווען מיט וואָס מ׳איז געווען ביכולת — אַמאָל עסן, טרינקען זיי אַריינגעשיקט, און אַמאָל אויך ווען אַ מטבע אַריינגערוקט.

אָט ביי די „אייניקלעך" איז איצט דאָס עסק אַוועק גוט, און פיל בעסער ווי אַלע מאָל, דערפאַר, ווייל זיי זיינען אין מיטן געדיכטן פאָלק געזעסן, היימיש, נאָענט, און מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, מ׳זאָל צו זיי קאָנען אַריינקומען, ווען מ׳דאַרף, און דעם קליינעם גראַשן זיי אַריינטראָגנדיק, זאָל מען דאָס ערשטע טרייסט־וואָרט פון זיי אַרויסדערהערן, אַז: נישקשה, דער אייבערשטער וועט העלפן, ובזכות פון זייערע זיידעס, זכותם יגן עלינו, וועלן די, וואָס מ׳בעט פאַר זיי, גאָר אין גיכן געהאָלפן ווערן...

זיי, אָט די „אייניקלעך", וואָס דער צוטריט צו זיי איז געווען אַ לייכטער, אַן גבאים, אַן קוויטלעך און אָן יענעם געצוואונגענעם מוז פון דאַרפן שטיין און וואַרטן אונטער די טירן, ווי ביי די גרויס־באַוואוסטע גוטע יידן, האָבן נאָך דערצו געהאַט פּשוטע ווייבער, וועלכע האָבן די מענער געהאָלפן אין די פּרנסות דערמיט, וואָס זיי האָבן געפירט גוט־שכנישע באַקאַנטשאַפט מיט די ווייבער־בעטערינס, און אויסהערנדיק פון יענע ווייבער די קלאָגערייען אַ פריער אַליין, פלעגן זיי זיי דערנאָך אַריינפירן צו זייערע מאַנען, און זיי העלפן דאָס ריכטיקע וואָרט געפינען אויף אויסצולייגן זייערע בויט־געבעטן.

אויסער אָט די ווינקל־גוטע־יידן, האָבן צו יענער צייט אויפגעשפּראָצט, ווי שוואָמען, אויך פאַרשיידענע שפּרעכערינס, יידישע, ניט־יידישע, פון אַלדי רוחות אַהער פאַרטראָגן און אַראָפּגעבראַכט, ווי גרייז־גרויע, הונדערט־יעריקע עובר־בטלדיקע אוקראַאינישע „סטאַרצעס", אַן ציין און מיט שטענדיק־שעפּטשענדיקע מיילער; ווי אויך שטיל־שוויגנדיקע טאַטערן, וועלכע האָבן געהיילט

מיט אויסקייקלען מיט אַן איי, מיט רויכערן, מיט קרייטעכצער, מיט קוקן אויף צעלאָזענעם וואַקס, מיט אָפּבלאָזן און געבן טרינקען וואַסער פֿון אַ גלאָז, אין וועלכער ס׳האָבן זיך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געווייקט עפּעס מינים קמיעות אויף טאַטעריש געשריבן.

ס׳איז אויך געוואָרן אַ גרויסער נאָכפֿרעג אויף קאַרטן־לייגערינס, וועלכע האָבן אויסגעשלאָגן נישקאָשע פֿון פּרנסה פֿון אַן אַלט טעשל קאָרטן, מיט אַ פּאָר ליכט אין לייכטער, וואָס זיינען שטענדיק געשטאַנען אויף אַ טיש אין אַן ענג צימערל מיט פֿאַרמאַכטע לאָדנס — גרייט, אַז ווי נאָר אַ קונד וועט זיך באַווייזן, זאָלן די ליכט גלייך אָנגעצינדן ווערן און מ׳זאָל דערזען אויפֿן טישל עפּעס, דאַכט זיך, אַ קרבן־מנחה, ווי אויך אַ קליין אָפּגעריבן ספֿרל, מיטן נאָמען „חכמת־היד״, וואו אויפֿן שער־בלעטל איז אויסגעמאָלט אַ האַנט, מיט אַלע קאַרבן און קנייטשן, וואָס אויף אַ האַנט געפֿינט זיך, און וואָס יעדער קאַרב און שטריכעלע האָט צו באַטייטן אַן אַנדער טרעפֿעניש, ווי „לאַנג לעבן״, „גוט אָדער שלעכט מזל״, „אַ וויטע רייזע״, „שלאָפֿקייט״, „טויט״ אאַז״וו. — אַלץ, וואָס יעדן איינעם פֿון די, וואָס לאָזן זיך טרעפֿן, איז באַשערט.

טאָמער איז אייך ווייניק, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן און באַוויזן אויך אַנדערע לייכטע פּרנסה־זוכער, ווי בעל־מופֿתים, מזוזה־איבערזעער, פֿאַרזשמורזשעטע מקובלים, וואָס טראָגן פּעלצן און וואַלענע זאָקן אַפֿילו אום זומער, און שלעפּן זייערע רפֿואות און באַשוואוירענע סגולות פֿון די קויטיקע בוזימער אַרויס... און אַחוץ אַט די אַלע האָבן ערשט גענומען אָנפֿאָרן פֿון דער פֿרעמד שוין טאַקע די אמתע גוטע יידן — יענע, וואָס מ׳האָט פֿיל זיך אָנגעהערט פֿון זיי; יענע, וואָס אי מיט יחוס־אָבות, אי מיט יחוס־עצמו... יענע, וואָס אַלע מאָל פֿאָרן זייערע פֿיל אָנהענגער אַהין, וואו זיי וואוינען, און מ׳פֿירט זיי אָפּ אַהיים, וואָס ס׳קומט זיי... איצט אָבער, ווען דאָס גרויסע פֿאָלק האָט זיך גרויס גענויטיקט, האָבן זיי זיך צום פֿאָלק געלאָזט, מיט דער רעכענונג, אַז אויב די מטבע, וואָס מ׳באַקומט פֿון אַ יעדערן פֿונעם געמיינעם עולם, איז אַ קליינע, איז אָבער דער עולם אַליין אַ גרויסער, און פּרוטה לפּרוטה מצטרפֿת — פֿון קליין־געלט ווערט אַ סומע אַ גרויסע.

טאָמער איז אייך נאָך ווייניק, האָבן זיך גענומען ווייזן פֿון דער ווייטער, פֿאַרבלאָזענער פֿרעמד אָנגעפֿאָרענע משולחים, משונהדיקע לייט פֿון משונהדיקע לענדער, ווי פֿון ירושלים און צפֿת; פֿון טערקיי און תּימן; פֿון פּערסיע און פֿון אַלע אַנדערע אויסרייסענישן, ווי אַפֿילו פֿון אַלזשיר און מאַראָקע... אייניקע מיט ווייס־פֿאַרקנישעוועטע שאַלן אויף די קעפּ, אַנשטאָט היטלען, און אַנדערע — מיט הויכע שמויסענע יאַלעמס; און אַלע מיט לאַנגע קאַפּאָטעס ביז דער ערד און מיט געקרייזלטע פּיאות, לאַנגע, ביז די גאַרטלען, און אַנ־דערע אויך מיט געגאָלטע קעפּ און וואַנצעס; און אַלע, ווידער מיט אַ קאָלי־

קערישן לשון־קודש אין מויל, אַ מין תרגום, וואָס האָט זיי געמאַכט אי אָפּ־געפֿרעמדט, אי זיי האָבן אַרויסגערופֿן צו זיך אַביסל מורא און דרך־ארץ.

זיי זיינען געקומען ניט אַליין, נאָר מערסט מיט ווייבער, וואָס מ׳ווייסט ניט, צי האָבן יענע זיי טאַקע ווייבער אַנגעקערט, צי בלויז שותּפֿות אין שנאָרעריי; און אָט די ווייבער, אין טערקישע שאַלן און אין פֿיל קליידלעך און קאָפּטלעך אָנגעפֿרענדעט, פֿליישיקע און ברוין־אויסגעפּאַשעטע, מיט גוידערס און פֿולע בוזעמס, האָבן אַלע מאָל געהאַלטן אין איין וואַשן די הענט און מיטהעלפֿן זייערע שותּפֿים און מיטשנאָרער צו דערציילן וואונדער־מעשׂות פֿון די ערטער פֿון וועלכע זיי קומען מיט אַן אמת־ אָדער ניט.

אָט די ווייבער האָבן דווקא גערעדט אויפֿן היימישן יידישן לשון, גע־מישט מיט תּחינה־ווערטער. אונ דערציילט האָבן זיי אַלע מאָל איינע, אין איין נוסח געבויטע מעשׂה, און מערסט פֿון ירושלים דער שטאָט. ווי אָט למשל: די לעצטע צייט האָט מען דאָרט אַנטדעקט אַ הייל, און אַז מ׳איז אַהין אַריין, איז מען לאַנג געגאַנגען און געגאַנגען, ביז מ׳האָט דערזען, ווי פֿון דער ווייט לויכט זיך עפּעס. און אַז מ׳איז צוגעקומען צום אָרט, ווי ס׳לויכט זיך, האָט מען געטראָפֿן זיצן אַ ווייס־גרייזן זקן ביי אַ טיש און אַ ספֿר. מ׳האָט גלייך געזען, ווער דאָס איז: „אליהו הנביא״. אַ סימן — ביי זיין זייט איז געלעגן אַ שופֿר, אין וועלכן ער וועט בלאָזן, אַז משיח וועט קומען, כּדי דער גאַנצע וועלט צו וויסן געבן וועגן דער גאולה און די יידן פֿאַרזאַמלען קיין ארץ־ישׂראל. אַז מ׳האָט זיך געוווּנדערט צו אים, און אים אַ פֿרעג געטאָן: מתי ייתי מר, ווען הייסט עס, וועט זיין דער קץ? האָט דער זקן אַ קורצן זאָג געטאָן: כּד עייל שבתא, ד״ה, ווען ס׳וועט קומען שבת אויף דער וועלט, דער זיבעטער טויזנטער צו דער וועלט־רעכענונג, וואָס מיר רעכענען. און נו, — האָבן די דערציילערינס פֿאַרגעזעצט — און איצט האַלט מען שוין באַלד דערביי: איצט איז ערב שבת, דער זעקסטער יאָרטויזנט, און אַז מיר וועלן זוכה זיין — האָבן ווידער די גאָטספֿאָרכטיקע דערציילערינס גאָטפֿאָרכטיק צוגעגעבן, — וועט מען אונדז מוסיף זיין מחול אל הקודש, מ׳וועט פֿאַרנעמען דעם שבת פֿאַרפֿריער און אין זכות פֿון דער צדקה, וואָס מיר גיבן מיט דער פֿולער האַנט און אַ פֿאַרגעניגנדיקן האַרץ, וועלן מיר האָבן דאָס גליק צו דערהערן דאָס קול פֿון שופֿר פֿון יענעם זקן, וואָס וואַרט פֿון טאָג אויף טאָג אויפֿן אויס־לייזער, וואָס דאַרף קומען גאָר גיך במהרה בימינו, אָמן סלה.

אָט אַזוי האָבן דערציילט יענע ווייבער אין די הייזער, וואו זיי זיינען איינ־געשטאַנען, און מויל צו מויל האָט דאָס איבער דער גאַנצער שטאָט צעטראָגן, און דערנאָך, איז זיי, אָט די ווייבער אין די טערקישע שאַלן און די מאַנען אינעם פֿאַרשיידן־מאָדנעם פּוץ, שוין אַוודאי גרינג געווען צו גיין איבער די הייזער, וואָס וואו מ׳האָט זיי ניט באַגעגענט, האָט מען זיי שוין זייערס אַנט־

קעגנגעטראָגן, וויסנדיק, ווער זיי זיינען, ווען זיי שטעלן פֿאַר — אַז דאָס זיינען משולחים און גאָר־גאָר נאָענטע, כמעט אַנזאָגער פֿון אַליין משיחן.

פֿון אַט די ווייבער און מאַנספֿאַרשוינען האָט זיך אַלע מאָל אַראָפּגעפּילט אַ פֿרעמדלענדישער שווייס, ביי אַלע זיי — עפּעס אַ שאַרף־קאָרער בליק פֿון אַראַבישע שלענגל־אויגן, און אַמאָל אויך אַ געל־בורשטינענער — אַ נשאר פֿון קדחות, אָדער פֿון געל־מידברשע זאַמדן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך, ווייזט אויס, אין די וויטע מרחקים אַנגעזען; אַמאָל אויך האָט זיך פֿון זיי געפֿילט אַ געזאַלצנקייט פֿון ימען, דורך וועלכע זיי האָבן דורכגערייזט. און דאָס אַלץ צוזאַמען האָבן זיי געגעבן די בכורה און די אויבער־האַנט איבער די הי־לענדישע משולחים, וועלכע האָבן זיך אויך אויף דער שטאָט אַנגעיאָגט, מיינענ־דיק איצט, אין אַ שעת־הכושר, אַ מער גרינגערן גראָשן אַריינקריגן.

אַט די פֿאַרשוינען, די פּעטערס און מומעס פֿון פרס ומדי, ווי די פֿריי־דענקערשע שפּאַס־טרייבער און לצים האָבן זיי גערופֿן, האָבן צוליב עסק און געטלעכער שליחות אויך געטלעכע זאַכן מיטגעבראַכט, ווי וועקסענע ליכט, בוימל אין לאַנג־העלדזערדיקע, מזרח־פֿאַרמיקע, קריגן און קאַנען; ווי אויך קלאָטשע־פּאָדעם, מיט וועלכע מ׳מעסט קברים, כדי צו באַפֿרידיקן דעם באַדאַרף פֿון די פֿיל אָבערגלויביקע, ביי וועלכע אַט די סחורה האָט געהאַט אַנגאַנג. אַט די סחורה, פֿון די וויטע, הייליקע ערטער, אַזש אַהער, אין וויטן גלות, מיטגעבראַכט, האָט גערינט פֿאַר אַ ממשותדיקן באַווייז, אַז די משולחים שטאַמען און קומען טאַקע פֿון הייליקס...

פֿאַרשטענדלעך, אַז כדי צו האַלטן די געמיטער פֿון דער נידער־געשלאָ־גענער מאַסע אין מורא און אין געבראָכנקייט, האָבן געוויסע פֿאַראינטערע־סירטע לייט געזען פֿאַרשטאַרקן און צעבלאָזן אויך הי־שטאָטישע שרעק־מעשות און זאַבאַבאָנעס, וועלכע האָבן איצט פֿיל געניגטע אויערן און פֿאַכעדיקע הערצער געפֿונען, זיי צו פֿאַרנעמען און באַווירקט ווערן פֿון זיי.

ווי אַט: מעשות פֿון לצים, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין האַלבע חורבות אין פֿאַררוקטע געסלעך ערגעץ, און וואָס ווער ס׳גייט דאָרט ביינאַכט פֿאַרביי, הערט ער, ווי זיי קנאַקן מיט די צונגען, זעט ער, ווי די אויגן ברענען ביי זיי, ווי לאַמטערנס, און אַז אַנדערש מאָל ווערט מען אויך געשעדיקט פֿון זיי, ווען זיי נעמען וואַרפֿן פֿון די בוידעמער שערבלעך, גאַנצע טעפּ, ליים־שטיקער — אויף אַלעמען, ווער דער דורכגייער זאָל ניט זיין — אַ קינד, אַ גרויסער, אַ רבֿ, אָדער אַ בעדער. מעשות וועגן אַן אָקאָרשט געבוירן קינד, וואָס נעמט ניט די ברוסט אַרומגעוואַשן, זאָגט „מודה אני״ און ברענגט אַרויס ווערטער פֿון נבֿואה; ווענן אַ קעלבל מיט צווי קעפּ; ווען אַן אַנדער חיה מיט פֿיר פֿיס אויפֿן רוקן; און אין איינוועגס האָט מען שוין גענומען דערציילן ווען דעם הי־שטאָטישן מקובל יאָקטן מיט זיין פֿלימעניק, וועלכע פּראַוועז כישוף צו־זאַמען.

דאָס האָט מען געמיינט יענעם קליין־נידעריקן און שוואַרץ־בערדיקן יאַקטן, וואָס טראָגט זיין פּעלץ סיי זומער, סיי ווינטער, האַלט זיך שטענדיק מיט דער לינקער האַנט ביים לינקן אויג, וואָס רינט אים, און וואָס, ווי מ׳ווייסט, איז דאָס אים געקומען דערפֿון, ווייל ער קוקט אַהין, וואוהין מ׳טאָר ניט... ער, וואָס האַלט זיך אַלע מאָל אויף אין דער אָפּענער שול, וואו פֿיל היימ־לאָזע און קיין אייגענעם דאַך־האָבנדיקע; ער, מיט זיין זיבעצן־יעריקן פלימע־ניק, אויך קליין און ניט דערוואַקסן, ווי זיין פֿעטער, אויך אין אַ שטענדיק אים־דינענדיקן בורנוסל, און וואָס איז דערצו נאָך אַ שטיק קריפּל, מחמת דער קאָפּ איז אים אין אַ זייט, צום אַקסל, אָפּגעדרייט; זיי, אָט דער יאַקטן מיט אָט דעם פלימעניק, זיינען שוין נישט איין מאָל רעכט געפּאַטשט געוואָרן פֿון הי־שטאָטישע קנאים פֿאַר זייער אויפֿפֿירונג און פֿאַר היילן קראַנקע מיט קמיעות, וועלכע זיי שרייבן און פֿאַרקויפֿן פֿאַר צוגענגלעכע פּרייזן, האָבנדיק זיי אַלע מאָל אין די בוזימס פֿאַרשטעקט און אויסבאַהאַלטן; און אַלע מאָל האָבן די שלעגער דערנאָך געשוואוירן מיט כלערליי שבועות, אַז ווי זיי זיינען יידן און ווי מ׳זעט זיי לעבעדיקע, אַזוי איז אמת, אַז בשעת זיי האָבן זיי געשלאָגן, יאַקטענען מיטן פלימעניק, האָבן זיי געפֿילט אַ ווייטיק אין דער האַנט, ווי גלייך זיי וואָלטן געשלאָגן שטיינער און אייזן. אַ סימן — אַז זיי האָבן צו טאָן געהאַט ניט מיט קיין געוויינטלעכע ברואים, נאָר מיט אַזעלכע, וואָס מ׳טאָר זיי אויף קיין יידישער שוועל ניט לאָזן, ווייל זיי קערן זיך אָן גאָר־נאָענטע מחותנים מיט „יענע לייט“, מיט וועמען זיי האָבן געשלאָסן שותּפֿות, און דערפֿאַר זעען זיי אויך אויס, ווי „יענע“ — קליינוואוקסיקע, דאַר און פֿאַרזשמורזשעט, און דערפֿאַר אויך זעט מען זיי קיין מאָל ניט וואַשן, אויך ניט עסן, גלייך זיי וואָלטן זיין מלאָכים, אָדער אָן מאַגנס...

איז אָט וועגן דעם יאַקטענען האָט מען איצט דערציילט, אַז לעצטנס האָט מען באַמערקט, ווי ביינאַכט שלאָפֿט ער ניט, ער מיטן פלימעניק, און אַז עמעצער פֿון די, וואָס נעכטיקן מיט אים אין דער אָפּענער שול צוזאַמען, כאַפּט זיך אַמאָל אויף ביינאַכט, אַזוי זעט ער, ווי ביידע, דער פֿעטער מיטן פלימעניק, פּאָרען זיך אונטער איינער אַ שאַפּע מיט ספֿרים, פֿון וואַנען זיי ציען אַרויס עפּעס אַלטע, פֿאַרשטויבטע שמות, מיט וועלכע זיי האָבן לאַנג צו טאָן, קוקנדיק אין זיי שטאַרק אַנגעשטרענגט און מיט פּחד; אָבער באַלד כאַפּן זיי זיך אויף גרויס־דערפֿרייטע, ווי אַ גרויס גליק וואָלט זיי געטראָפֿן און גלייך זיי וואָלטן זיך פֿון אָט די שמות אַ זייער וויכטיקע זאַך דערוואוסט, פֿון וואָס זיי שטראַלן אויף און בלייבן שטיין באַגליקטע, קוקנדיק איינס אויפֿן צווייטן לאַנג און אָן ווערטער, ביז זיי פֿאַלן צו איינס צום צווייטן און נעמען זיך קושן, ווי אַ זכר מיט אַ נקבֿה — באַהיט גאָט פֿון צו זען אַזעלכעס...

אָט די אויבנדערמאָנטע מעשׂות און ענלעכע צו זיי, האָבן אויסגענוצט אַלע די, וועלכע האָבן זיך געיאָגט אַרויסצובאַקומען דאָס לעצט ביסל אָרעם

פֿאָלקס־פֿאַרמעג, דאָס האָבן אויסגענוצט אַפֿילו פּשוטע גנבים, וואָס האָבן ליב צו טאָן זייער מלאָכה אין דער פֿינצטער.

אַזוי, למשל, האָט מען דעמאָלט צעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אין שטאָט ווייזט זיך אַלע ביינאַכט אַ מויד, וואָס וואַרגט אַלעמען, וועמען זי באַגעגנט — גרויס, קליין, יונג, אַלט, שוואַכע און ביז דעם גרעסטן גיבור אַפֿילו. קינדער האָבן אויפֿגעהערט צו גיין אין חדר ביינאַכט. קרעמער האָבן גענומען שליסן די קראָמען כּמעט נאָך ביי דער טאָג־שיין, מ׳זאָל קאָנען קומען אַהיים באַצייטנס. גאַסן האָבן געפּוסטעוועט, באַבעס האָבן מורא געהאַט צו גיין צו געווינערינס ביינאַכט. שכינות פֿון איין געהיי האָבן זיך ניט איינגעשטעלט אַפֿילו איינס צום אַנדערן אַריינגיין, בפֿרט אין אַ צווייטער שטוב, און אָפּגערעדט שוין — איבער דער גאַס אַריבער.

שטאָט האָט אָנגענומען מיטלען, זיך ווענדנדיק צו די בודאָטשניקעס, צו די כּלומרשט אָרדענונג־היטער אין שטאָט, זיי זאָלן פֿאַר אַ גוט באַצאָלט זען כאַפּן די מויד, זי רעשטעווען און זיי אָפּפֿירן, וואו מ׳דאַרף. יענע האָבן צוגע־זאָגט, און אַליין פֿאַרן צוזאָג און אויפֿן חשבון פֿון דעם, וואָס זיי וועלן פּעוונע, סוף־כּל־סוף, די מויד פּאַקן און זי אין די הענט אַריינבאַקומען, האָבן זיי ניט איין כּוסה אַריינגעכאַפּט און אין די גאָרגלען איבערגעקערט. אָבער ווייטער פֿון טרונק און פֿון צוזאָג „אויף פּעוונע" איז דאָס ניט געגאַנגען.

מ׳האָט אַלע מאָל אין אָוונט, ביינאַכט געקאָנט הערן פֿון אַ ווייטלעכער גאַס האַרץ־רייסנדיקע געשרייען — ווייזט אויס, פֿון אַ טויבן, וואָס האָט די מעשה מיט דער מויד ניט איינגעהערט, אָדער פֿון איינעם, וואָס האָט יאָ געהערט, נאָר די נויט האָט אים געצוואונגען אין גאַס זיך ווייזן — אַזוינע געשרייען, אַז דאָס בלוט האָט געקילט אין די אָדערן.

שטאָט האָט געהערט, געציטערט און די אָרדענונג־היטער — אויך, און פֿון מורא, און ניט וועלן איינשטעלן זייער אייגן לעבן, האָבן זיי, נישט גע־קוקט אויפֿן געוועור, מיט וועלכן זיי זיינען באַוואָפֿנט, אַליין אין זייערע בודקעס זיך פֿאַררוקט, נישט מאַכנדיק זיך הערן.

שטאָט האָט אויך אייגענע, מפֿשיטים און קצבים, געדונגען, זיי זאָלן זיך איינשטעלן און מיט העק און מעסערס קעגן דער מויד אַרויסטרעטן. יענע האָבן זיך אונטערגענומען, אָבער דער דערפֿאָלג פֿון די קצבים איז געווען דער זעלבער, וואָס פֿון די בודאָטשניקעס. ניין, ערגער: יענע האָבן זיך טאָקע איינגעשטעלט, האָבן זיך טאָקע מיט איר באַגעגנט... און, נו, איז איינער, האָט מען דערציילט, טאָקע פֿון דער מוידס האַנט־אויפֿן אָרט אַ טויטער ליגן געבליבן, און די איבעריקע האָבן זיך קוים מיטן לעבן, מיט די נפֿשות, געראַטעוועט, נישט געקוקט אויף דער געוויסער גבורה פֿון קצבים און מפֿשיטים, וואָס קאָנען אַ נישט־געבונדענעם אָקס פֿאַר די הערנער אויף דר׳ערד אַוועקלייגן.

מיט איינעם וואָרט, שלים, און די מעשה האָט לאַנג געדויערט, כּמעט אַ גאַנצן ווינטער, און אויסגעלאָזט האָט זי זיך, ווי זי האָט באַדאַרפֿט: אַז ס'איז גאָר קיין מויד ניט געווען, נאָר אַ פֿאַרשטעלטער גנב, וואָס גנבים האָבן אים אַרויסגעלאָזט, ער זאָל האַלטן די שטאָט אין מורא, און כּדי די איבעריקע קאָמפּאַניע זאָל אין יענער צייט טאָן, וואָס גנבים דאַרפֿן: אַ קאַמער אויפֿרייסן, אויפֿברעכן אַ פֿענצטער פֿון אַ שטוב, אַריין, און קיינער, ווען מ'זאָל אַפֿילו הערן, זאָל זיך ניט וואַגן קעגנשטעלן — נישט אַליין און אויך נישט אַנדערע צו הילף רופֿן.

די גנבים, ווי מ'האָט דערנאָך דערציילט, האָבן געהאַט דאָס רעכט־גוטע שטיקל צייט. אָרעמע הייזער זיינען נאָך מער פֿאַראָרעמט געוואָרן, און גנבים האָבן יענעם ווינטער די אמתע סעודות געפּראַוועט — מיט געגנדז און מיט גריוון, מיט גאַנצע האָבדיריקעס און פֿאַרשיידענע משקאות, וואָס זיי האָבן גרייטע פֿון די בוידעמער און קעלערס, פֿראַנק און פֿריי, און כּמעט אָן ריזיקע, אַרויסבאַקומען.

אַגבֿ, אַ סברה אויך, אַז אויסער די סעודות, האָט גנבים נאָך געקלעקט יענעם ווינטער, צום סוף פֿון יענעם גוטן „סעזאָן", זיי זאָלן לאָזן שרײַבן אַ ספֿר־תּורה, וואָס, ווידער אַ סברה, אַז אַזוי ווי שטאָט האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פֿאַר אַ געלט זי איז געשריבן, האָט מען היפּש געטאַנצט און געפֿרייט זיך, ווען מ'האָט געמאַכט דעם סיום און די תּורה איז מיט פּאַראַד און כּלי־זמר אין שול געפֿירט און אַריינגעבראַכט געוואָרן.

אַזוי האָבן אויסגענוצט די לאַגע פּשוטע גנבים, און אַזוי אויך — סיפּאַקעס, ווי אַ יונה שענקער מיט זיינע מיטהעלפֿער, וועלכע האָבן אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף די בראַסלעווער, און אויף דעם, וואָס שטייט ביי זיי בראָש, אויף לוזי מאַשבער, אַז כּלומרשט האָבן יענע עפּעס אַ ביינדל פֿון אַ מת (אויף די בראַסלעווער לאָזט זיך דאָס גלויבן: זיי האָבן דאָך אַלע מאָל צו טאָן מיט מתים, טאָגן און נעכטיקן ביי זיי), און זיי טוען אָפּ מיט דעם מעשים־תּעתּועים, וואָס מ'הערט צווישן יידן ניט: זיי נעמען דאָס אַרונטער אונטער דער פּאַכווע און פֿרעגן ביי דעם עתודות; זיי לייגן עס אונטער דער דיך און רופֿן אַרויס געשטאָרבענע, און נאָך, און נאָך, וואו אין די גאָר אַמאָליקע געצנדינערישע צייטן פֿון די אבֿות וידעונים, ווי אין חומש שטייט געשריבן...

— וויי־וויי — האָט מען דאָס אויסהערנדיק, זיך געכאַפּט פֿאַר די קעפּ פֿון ווייטיק, און ייִנגערע האָבן געשפּיגן, און עלטערע האָבן זיך מיט פּחד אין די אויגן אָפּגעקערעוועט און מיט די ליפּן עפּעס ניט־גוטס געשעפּטשעט פֿון ניט האָבן קיין ווערטער אין מויל אויף אויסצודריקן די אויפֿגעבראַכטקייט פֿון אָט דער נבֿלה.

— וויי־וויי — האָבן געשריגן אַנדערע, שוין מער פֿעאיקערע אויף אַרויסצוטרעטן מיט טאַט קעגן עוולות, ווי מיט הענט, מיט פּעטש, מיט געשרייען,

מיט קללות און חרמות — ווײ־ווײ, פֿאַר וואָס ס׳גײען קינדער פֿון דער וועלט פֿאַר דער צײַט, אויך עלטערע — פֿון שלעק, שלאַפֿקײט און אַנשיקעניש.

יאָ, מ׳האָט זײ דעמאָלט שטאַרק אין מויל געהאַלטן, די בראַסלעווער, און אַ האָר איז אָפּגעגאַנגען, אַז אָט־אָט זאָל מען זיך צו זײ אַ ריס טאָן, זײ באַפֿאַלן, זײערע הײזער חרוב מאַכן, און זײ, מיט זײערע װײַבער און קינדער, פֿאַרשטײנען, אָדער פֿון שטאָט אַרויסטרײַבן.

ס׳האָט דערבײַ טאַקע געהאַלטן. און דער עיקר כּעס האָט מען געזאָלט אויסלאָזן צו זײער ראש, צו לוזי מאַשבער, וואָס ווי מ׳האָט זיך דערצײלט, איז ער — דער, וואָס האָלט בײַ זיך דאָס געוויסע בײַנדל אין אַ שופֿלאָד פֿאַר־שלאָסן... און נו, איז דאָך אַוודאי ער — דער, פֿאַר וועמען די קללות פֿון דער תּוכחה זײַנען ווײניק; דער, וואָס אויב אַ שטאָט דערלויבט אַזאַ אײנעם אַפֿילו אײן נאַכט בײַ זיך איבערנעכטיקן, איז זי ניט ווערט דעם נאָמען, און האָט געוויס פֿאַרדינט, וואָס ס׳קומט אויף איר.

יאָ, ס׳האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז אין אײנעם אַ טאָג זאָל אַן עדה יידן פֿון אַ שול, צי פֿון אַ מיט־גאַס, זיך צונויפֿנעמען און זיך אַ לאָז טאָן צו דער וואוינונג פֿון אַ לוזי מאַשבער, אַהין אַרײַן, אים צעמזיקן, און דערנאָך אין אַ מיסט־וועגעלע, אין דער באַגלײטונג פֿון אַ גאַנצער שטאָט גאַסן־יונגען, מיט פֿײַפֿערײַ און הולערײַ, אים אַרויסמשלחן פֿון שטאָט.

יאָ, ס׳איז שוין נישט ווײַט אָפּגעגאַנגען דערפֿון. ווײַל דער שטאָט איז גע־ווען שטאַרק אָנגעזאָלעט אי פֿון די געשלאָגענע פּרנסות, אי פֿון די אונטערגענג, וואָס האָבן ווילד געבושעוועט און אין פֿיל הײזער פֿיל לײדיקע בעטן און צו דער וואַנט אויסגעדרײטע שפּיגל געלאָזט. מ׳האָט דאָך געמוזט אויסגעפֿינען די סיבות אויף צו פֿאַרענטפֿערן דעם דערבאַרעמדיקן גאָט אין הימל, וואָס ער שיקט אַן אַזוינס אויף אומשולדיקע.

און אָט האָט מען געפֿונען: יאָקטן דעם מקובל, וואָס פּראַוועט כּישוף מיט שמות אין דער אָפֿענער שול, און וואָס דערפֿאַר האָט ער אויך איצט, ווי שוין נישט אײן מאָל פֿריער, באַקומען אויסגעפּאַטשט, און אויך איצט האָבן די, וועלכע האָבן אים געשלאָגן, פֿאַרזיכערט, אַז די הענט האָבן זײ ווי געטאָן, ווי גלײַך זײ וואָלטן געשלאָגן נישט קײן מענטש, נאָר אַ שטײן... איז דאָס ווײניק, האָט מען ווידער געפֿונען: די בראַסלעווער מיטן מתים־בײַנדל, וואָס אַלײן פֿאַרן שענדנדיקן אויסגראָבן אַן אבר פֿון אַ מת איז מען חייב מיתה, ובפֿרט נאָך צו וועלן אַרויסבאַקומען דורך דעם פֿון יענער וועלט דאָס, וואָס ס׳דאַרף בלײַבן בסוד און פֿאַרהוילן... דאָס איז דאָך אַוודאי אַן אומדער־הערטקײט, אויף וועלכער מ׳דאַרף קריעה רײַסן און די שולדיקע אין דער זאַך אויפֿן האַרבסטן אופֿן באַשטראָפֿן.

יאָ, איז האָט דאָס טאַקע, אָט־אָט, געזאָלט געשען, אָבער אַזוי ווי מאַנצ־בילן זײַנען שטאַרק פֿאַרנומען, זײ זאָלן זיך קאָנען צונויפֿרײדן מיט אײן דעה

אויף דורכצופירן אזא סארט אנפאל, האט זיך דערום די זאך אפגעלייגט און צו שטאנד ניט געקומען דורך די מאנצבילן. און אויסגעפירט האבן דאס (אמת, דערוויל נאך אין א קליינער מאס) בלויז ווייבער, וועלכע זיינען גרינג אויף דער דעה, און זיי, אז זיי קומען אריין אין דער פאטיקע, ווערן צעפלאמט און דארפן צו עמעצן דאס ביטער הארץ אויסלאזן, שטעלן זיי זיך פאר גארניט ניט אפ און טוען דאס מיט אזא אימפעט, עלעהאי, א הרעבליע, וואס רייסט אויף בעת א געוויסער.

*

און אנגעהויבן האט זיך עס פון פעסיע, שלום דעם טרעגערס ווייב, וואס אויך ער איז, ווי מיר האבן שוין אין אן אנדער ארט דערציילט, צו די בראסלעווער צוגעשטאנען אלס אנהענגער און מקורב... אליין א ייד א גבר, וואס האט געקאנט אויפעסן דריי ראסל-פליישן מיט דריי רויזן-בולקעס מיט-אמאל; א ייד, וואס בעת ער איז נאך געווען ער, שלום טרעגער, און איידער ער האט זיך אנגעקערט מיט די בראסלעווער, האט ער זיך געקאנט אמאל פארוועטן מיט די זיינגלייכן מארק-טרעגער, אויפצועסן פאר איין מאל אלץ, וואס ביי זכריה שענקער אויפן טיש געפינט זיך, פון געגנדזענע פופיקעס און לעבערס, פון גריוון און פארשיידנערליי קנישעס, ביז דער טיש וועט בלייבן ליידיק און גלאט אפגערוימט — „אנו, זאל מען נאר פרואוון איינשטעלן און באצאלן פאר דעם, וואס ער וועט באווייזן"... מ'האט אזוי געטאן: מ'האט איינגעשטעלט, און שלום האט ווארט געהאלטן און אריינגעפאקט, אט אזוי שטייענדיק און מיט די איבעריקע טרעגערס ריידנדיק, אלץ, וואס איז אויף זכריהס פאלימיסקעס געלעגן, ביז א שפענט און ביז דער טיש האט אויסגע-זען, ווי נאך ביעור-חמץ...

אט אזא איז ער געווען, שלום, א גבר, א גוואלדיקער עסער, וואס אז מ'האט אים אמאל געפרעגט: וואס וואלט ער זיך געוואונטשן אויף יענער וועלט? — האט ער געענטפערט: ער'וואלט געוואלט, אז דער גרינער בארג, וואס פון יענער זייט שטאט, זאל זיין א באבקע, און דער טייך, וואס רינט ביי זיין צופוסנס — א זראזע, און ער זאל קנייפן און טונקען, טונקען און קנייפן.

ער, שלום, האט אלע מאל דעמאלט געטאן, וואס פון א טרעגער פאדערט זיך: געארבעט, געהארעוועט, און משאות געשלעפט; און אויך — וואס גאט האט געבאטן: געלעבט מיט זיין ווייב, ווי דער דין איז — בשלום, און אנ-געלעבט מיט איר, קיין עין-הרע, קיין בייז אויג, א היפשע כאפטע קינדער, יינגלעך, ווי די בערעלעך, און מיידלעך, ווי די זשליקטעס, ברייטער ווי לענגער, און אלע מיטן זעלבן אפעטיט, וואס ער, שלום...

פעסיע איז געווען גליקלעך און צופרידן אי פון איר מאנס גרויסן גוף און זיין גרויסער טרעגערישער פלאכטע, וואס האט אים ארפגעהאנגען פון פארנט און פון אונטן און וואס אינדערמיט האט ער זי געהאט מיט א שטריק

איבערגעבונדן; און אי פֿון זיינע גוטע פֿאַרדינסטן, וואָס ער האָט אַלע מאָל, אָרנטלעך, ערלעך, ביז אַ גראָשן אַהיימגעבראַכט און פעסיען אין דער האַנט אָפּגעגעבן. זי, פֿון איר זייט, האָט געטאָן, וואָס פֿון איר, פֿון אַ טרעגערס אַ ווייב, פֿאָדערט זיך: פֿון איר מאַנס געזונט איז אויך איר צוגעקומען, וואַקסנ־דיק אין די אַקסל, אין די פֿאַלעס און קליבעס, און זי האָט גענוג קראַפֿט גע־האַט אויף אַלע מאָל צו „טראָגן" און צו „האָבן", דערנאָך אַרומצוגיין אַרום די קינדער און זיי באַזאָרגן מיט עסן, וואַשן, צוואָגן און מיט אַ מלבֿושל, ווי מ'דאַרף און ווי געהעריק...

דאָס אַלץ — פֿריער. אָבער די לעצטע צייט, זינט שלום האָט זיך אַרויס־געשלאָגן פֿון טרעגערישן באַרוף און זיך אַריינגעלאָזט אין פֿרומקייט, פֿון דעמאָלט אָן איז דער שלום־בית צעשטערט געוואָרן. פעסיע האָט צוערשט זיינע געגנג ניט פֿאַרשטאַנען, און זיי באַנומען ווי אַ קרענק, אָבער אַ פֿאַרביי־גייענדיקע, ווי ס'מאַכט זיך... אָבער וואָס ווייטער, אַז זי האָט געזען, אַז ער פֿאַרקריכט אַלץ מער אין פֿרומקייט, און אַז אַ דאַנק דעם ווערט אים וואָס אַמאָל די פּרנסה ווייניקער, און איר, פעסיען, הייבט אָן וואָס ווייטער אַלץ מער אויף דער שטוב־הוצאה אויספֿעלן... דעמאָלט האָט פעסיע אָנגעהויבן אונ־טערבורטשען, און שטילערהייט, ווען זי איז געבליבן מיטן מאַן אַליין, האָט זי אים געפּרואווט איבעררײדן, אים פֿירהאַלטן, מוסרן, אַז ער פֿאַרגייט קרום, אַז טרעגערס לאָכן שוין פֿון אים, און אַז איר און אירע קינדער הייבן אָן זיינע משוגענע חפֿציות שאַטן אין בייך. ווי אָט, למשל, זי האָט שוין היינט ניט געהאַט מיט וואָס אין מאַרק צו גיין, קינדער זיינען געבליבן הונגעריק־לעך... די יינגלעך הויבט מען אָן אַפּשיקן פֿון די חדרים, מחמת מ'האָט שוין לאַנג קיין שכר־לימוד ניט געצאָלט אאַז"וו, אאַז"וו.

שלום האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט און געשוויגן. ער איז דאָך געווען פֿראַסט, ניט איבערגעשפּיצט, און די נייע תּורה, וואָס ער האָט אָנגענומען, האָט אים נאָר געקלעקט, ער זאָל אַליין זיך פֿילן באַרעכטיקט, זיך אָפּצוזאָגן פֿון אייגענעם גוף, פֿון עסן, טרינקען, און אַפֿילו אַ ביסל פֿון ווייב און קינדער אָוועקקוקן; אָבער אַזוי פֿיל האָט זי אים נישט גענוגט, ער זאָל נאָך געפֿינען לשון אויף אַנדערע צו איבערצייגן אין זיין גערעכט און אַפֿילו ניט — ער זאָל זיין אייגן ווייב איבעררײדן און זי אויף זיין זייט אַריבערציען. ער האָט דערום געשוויגן. אויך זיין ווייב פעסיע האָט צוערשט, נאָך די ערשטע מאָלן אים פֿירהאַלטן, אים אָפּגעלאָזט, זען, ווי ער ווערט זיך ווייטער פֿירן, גלויבנ־דיק, אַז ער ווערט זיך, סוף־כּל־סוף, באַדענקען, און ווען ער ווערט זען, אַז די שטוב זינקט, ווערט ער חרטה קריגן און אַליין צום שכל קומען.

אַז ס'איז אָבער ניט אַזוי געשען, אַז זי האָט געזען, אַז ער פֿאַרקריכט נאָך מער, און אַז אַחוץ וואָס די פֿאַרדינסטן ווערן געמינערט, די הכנסה איינגעשרומפּן, ביז ס'קלעקט ניט אויפֿן מינדסטן, האָט ער זיך גאָר גענומען

אויך פון איר אליין, ווי פון א ווייב, אפשיידן, זיך דערוויטערן און זיך ניט אויפפירן, ווי דער וועלט־שטייגער... זי האט, נאטירלעך, די ערשטע צייט אויך דאס ניט פארשטאנען, ווידער מיינענדיק, אז ס'איז א קרענק. אבער אז זי האט שפעטער דערזען, אז ס'איז א טעות, און אז דאס פרומע אנשיקעניש פאדערט דאס פון אים — האט זי איין מאל, אין א פרייטיק־צו־נאכטס, אים אזוי א זאג געטאן:

— הער, שלום, ביסט א מלאך, צי א גלח, וואס דו דארפסט ניט?...

— ניין, ניט ער דארף ניט — האט ער געענטפערט — נאר ער טאר ניט דארפן.

— וואס הייסט עס? וואס איז דאס פאר א דיבורים? וואס פאר א שטיק, שלום? — האט זי ניט אויסגעהאלטן און א זאג געטאן, און באלד צוגעגעבן:

— געדענק, שלום, כ'וועל דאס ניט פארשווייגן, כ'וועל ניט דערלאזן, מ'זאל דיך מאכן אויס מענטש, אויס טרעגער, אויס מאן פון א ווייב און אויס טאטע פון דיינע קינדער... כ'וועל ניט לאזן! כ'וועל לויפן, שרייען און די פנימער אויסרייסן ביי די, וואס שטויסן דיך דערצו. דו הערסט, שלום?

שלום האט געהערט און ווידער געשוויגן. ס'איז אים געווען א בזיון, אויב זי וועט אויספילן, וואס זי זאגט. פעסיע האט דאס איין מאל שוין טאקע געהאט געטאן, ווי מיר געדענקען, ווען זי איז געקומען זיך קלאגן פאר מיכל בוקיער, ווען יענער איז נאך געווען ראש און אנפירער ביי די, מיט וועמען איר שלום האט זיך איצט פארבונדן... אבער דעמאלט האט זי דאס נאך געמאכט האלב־שטיל, געלאסן, איינע אליין, און מיט דרך־ארץ, ווי מ'קומט פרעגן א שאלה צו א רב. שפעטער אבער, אז איר מאן שלום האט אויך ווייטער ניט געוואלט נאכלאזן פון זיין נײ־איינגעשטעלטן שטייגער און אלס פועל־יוצא פון דעם האט ער אלץ מער און מער אראפגעזונקען פון שטאנד; און ווען טרעגער האבן שוין פון אים אפן חוזק געמאכט, און פון זיין ווייניק עסן און פיל בענטשן האט ער זיך פונעם געזונט ארויסגעשלאגן און אויף אזוי פיל אפגעשוואכט געווארן, אז ער איז שוין נישט פעאיק געווען צו טראגן יענע גרויסע קאסטנס, זעק, פעק, פעסער און משאות, אויף וואס ער איז פריער געווען אזא כוואט און וואס ער פלעגט דאס מאכן שפילנדיק און אן שום אנשטרענגונג... אז פעסיע האט זיך וואס אמאל מער איבערצייגט, אז דער שלימזל הויערט ביי איר שוועל און אז דער קבצן האט זיך באזעצט פאר א שטענדיקן אורח ביי איר טיש; און דערצו נאך, אז דער שלעכטער ווינטער איז געקומען, און ווען אפילו פאר גאר געזונטע און אפילו פאר אזוינע, וואס האבן זיך יא געיאגט נאך פרנסה, איז די צייט געווען ניט צום אויסהאלטן, ווייל ס'איז ניט געווען צו וואס א האנט צוצוליגן און קיין געברויך אויף טרעגער; ובפרט פאר שלומען, וואס האט זיך שוין אי פון די כוחות ארויסגעשלאגן און אי ער האט זיך אויך ניט געיאגט נאך פארדינסט, און

אַלע מאָל האָט ביי אים, אַן אַנדערער דאָס קליין ביסל, וואָס מ'האָט שוין יאָ געקאָנט פֿאַרדינען, פֿון אונטער די הענט אַרויסגעכאַפּט, און ער האָט זיך ניט געשטעלט און מיט גוטן מוט און ניונקוואָטע זיין רעכט און חזקה אָפּגע־טראָטן... אַז פּעסיע האָט געזען, אַז שלום איז בלאָס און פֿון לייב אָפּגע־פֿאַלן, און אַז אויך ביי איר ווערט וואָס וויטער דאָס קליידל גראָמער; אַז זי האָט געזען, אַז פֿון שטוב הויבן אָן די נויטיקסטע זאַכן פֿאַרשווינדן, ווי די שבת־לייכטער, ווי אַ קישן נאָך אַ קישן אין איר און אין די קינדערס בעטן, וועלכע האָבן איינס נאָכן אַנדערן איבערגעוואַנדערט צו די וואָכערניקעס, און אַז פֿון אַלעם פֿאַרזעצטן און פֿאַרמשכּנטן האָט זי נישט מער באַקומען, ווי אַמאָל נאָר אויף אַ טאָג, אַמאָל אויף עטוואָס מער איבערצוקומען; און מער צו פֿאַרזעצן איז שוין נישט געווען וואָס, און וואו צו באָרגן, לייען — אויך ניט, ווייל דאָס קליינטל, וואו מ'האָט איר ביז אַהער, ווי אַ ווייב פֿון אַ גע־זונטן פֿאַרדינער, דעם באָרג אַנטקעגן געטראָגן, האָט מען איצט אויפֿגעהערט צו לייען און זי גאָרנישט גערן באַגעגנט, מחמת מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז איר מאַן איז אויס בעל־פּרנסה... אַז פּעסיע האָט דאָס אַלץ דערזען, און האָט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל מיט שלומען געפּרוווט ריידן, מיט גוטן, מיט בייזן, און אים אויף זיין אומגליק אָנגעוויזן, און אים גענומען פֿרעגן, וואָס דענקט ער ווייטער טאָן און וואָס מיינט ער וועט דאָ זיין דער תּכלית, און שלום האָט ווייטער געשוויגן, און הערנדיק זי, זיינען זיינע אויגן ווי מיט אַ הייטל געווען פֿאַרצויגן, ווי ביי איינעם אין אַ טשאַד; און ווען נאָך די אַלע פֿירהאַלטענישן איז די שטוב טאַקע אַלץ מער און מער פֿאַראָרעמט געוואָרן, און ווען ס'זיינען אונטערגעקומען די שלאַפֿקייטן און זיי האָבן אויך שלומס שטוב נישט אויסגעמיטן און אייניקע קינדער האָבן זיך איר אָוועקגעלייגט, ווייל די שטוב איז שלעכט געהייצט און די דערנערונג אַ נישטיקע... דעמאָלט האָט אין פּעסיען דער כּעס זיך צעזאָטן, ווי ביי אַ לייבעכע, ווען זי זעט אירע קינדער אין געפֿאַר — פֿריער האָט ביי איר, ווי אין די קישקעס גע־נומען ברומען, דערנאָך האָט זי זיך אַ ריס געטאָן, ווי גרייט אַלץ, וואָס שטייט איר אין וועג, איבערקערן, דורס זיין און פֿאַרניכטן.

פּעסיע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די שולדיקע אין איר מאַנס אומגליק.

*

ס'איז געווען אין איינעם אַ טאָג, ווען לוזי איז אין דער היים ביי זיין טיש געזעסן, און אַבֿרהמל לובלינער, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געזאַמט אין N האָט זיך אין שטוב אומגעדרייט, הערנדיק אַמאָל אַ וואָרט, אַמאָל אַ מאמר פֿון לוזין, וועלכע ער האָט, מעשה־תּלמיד, אויסבאַהאַלטן אין בוזים ווי אַ תּורה.

סרולי גאָל איז אין שטוב ניט געווען. ער פֿלעגט די לעצטע צייט אָפֿט אויף לאַנגע שעהען פֿאַרפֿאַלן ווערן, און אַרויסגייענדיק פֿון שטוב, פֿלעגט ער

צוערשט דעם דרויסן באשמעקן, ווי א חיה, וועלכע שפירט סכנה פון אלע ווינקלען; דערנאך פלעגט ער איבער די גאסן זיך ארומדרייען, צו פאר־שיידענע רעדלעך זיך צושטעלן, אן אויער צולייגן, און אן אנדערש מאל פלעגט ער אין א שול, א קלויז זיך אריינכאפן, הערן וואס מ׳רעדט און ווי ווילן זיך עפעס דערוויסן... אז ער פלעגט זיך דערנאך אהיים אומקערן און זען, אז אלץ איז כשורה, און אז אין זיין אפוועזנהייט האט ניט געטראפן דאס, אויף וואס ער האט זיך, ווייזט אויס, געריכט אן אומרואיקער, פלעגט ער זיך פילן אויפגעלייגט און ארויס מיט פעק נייעס, וועלכע ער האט פון שטאט געבראכט, זיי פאר לוזין אויסצולייגן און דערציילן.

אזוי האט ער איין מאל אן אויפגעלייגטער דערציילט, אז דער לץ, מיט וועלכן ס׳קלינגט די שטאט, אז ער האט זיך פארקליבן אויף א בוידעם פון איינער א חורבה־שטוב אויף א געוויסער גאס, האט היינט ביינאכט איינעם א דורכגייער מיט א שעפל אומריינקייט אפגעגאסן און אנדערן מיט א הארט־צעדרייטן שקראב געטראפן, און דערביי האט סרולי געלאכט און געזאגט, אז אזוינע קעפ האבן מער טאקע ניט פארדינט, ווי נאר פון אזוינס און פון דעם געטראפן ווערן.

אן אנדערש מאל האט ער אויך אנדערע ידיעות געבראכט, אז שטאט טומלט זיך און זוכט שולדיקע, און אז אט האט מען געפונען: יאקטענען, וועלכן מ׳האט היינט שטארק געפאטשט, און דערביי האט סרולי נאכגעמאכט, ווי אזוי יאקטן האט, בעת ער האט געכאפט די קלעפ, דעם קאפ אין טיזליק פארשטעקט, און ווי אזוי ער האט פון באהעלטעניש ארויסגעשריגן: גוואלד, יידן, חנק — דאס הייסט, מ׳ווארגט אים, און ווי אזוי זיין פלימעניק האט, בעת מ׳האט זיין פעטער געשלאגן, אים געוואלט ראטעווען מיט א קבלה־שפרוך, און ער האט געשריגן: „אני לדודי ודודי לי" — און ווי אזוי אויך ער האט דערפאר אריינגעכאפט.

אן אנדערש מאל האט סרולי דערציילט, אז שטאט זוכט מיטלען, ווי אזוי ארויס פון דער צרה, און ווי מ׳האט זיך שוין גענומען צו געוויסע סגולות, ווי חתונה מאכן א שטומען שמאטע־קלייבער פאר א בלינדער, אלט־פארזע־סענער מויד, און ווי אזוי שטאט האט זיך געפרייט, ווי אזוי מ׳האט די בלינדע כלה צו דער חופה געפירט, און ווי אזוי דער שטומער חתן האט געזאגט דעם „הרי את", און דערביי האט ער אזוינע קונציקע־נאכמאכערישע שטיק באַ־וויזן, אז ער האט אפילו לאכנדיק געמאכט לוזין.

אן אנדערש מאל האט ער דערציילט עטוואס לענגער און מער באריכות וועגן אברהם דעם גר און זיין ווייב אנאסטאסיע, וואס בשעת מ׳האט זי מגייר געווען האט מען איר א נאמען געגעבן שרה, ווי געווינלעך, און זי האט דעם נאמען ניט פארדינט, ווייל עד־היום האט זי געמעגט טראגן איר אלטן, דעם ערשטן — אנאסטאסיע.

דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן איינעם אַ גר, וואָס אַלע אין שטאָט, קינד און קייט, האָבן אים געקאַנט: אַ נידעריקער, קלאָציק־קרעפּטיקער קאַצאַפּ, ווי מ׳פֿלעגט דעמאָלט זאָגן, וועלכער האָט בימי ניקאָלאַי דעם ערשטן געדינט אין מיליטער און זיך דערדינט צו אַ טשין פֿאָלקאָווניק, און וואָס דערנאָך האָט ער איבער עפּעס אַ סיבה זיין אמונה פֿאַרלאָזט און איז אַריבער צו דער יִדישער.

די „גוישע" גבורה איז אים נאָך פֿאַרבליבן: גראַד און קרעפּטיק אין רוקן, און די ברייטע, כּמעט אַרשיניקע ברוסט האָט אויך איצט אויסגעזען אַזוי, גלייך די צלמים און אָרדנס, מיט וועלכע ער איז, זייענדיק אין מיליטער, באַלוינט געוואָרן, העגנגען אויף איר. דערפֿאַר אָבער האָט זיך אין זיינע פֿריילעך־קיצלדיקע אויגן, אויף זיין וויסן שטערן און אויף זיין ראָז־געזונטן, אַלט־יונגען פּנים אַ גאָלדענער, גוטער שמייכל באַוויזן, ווי פֿון עפּעס אַ ניי־דערוואָרבענעם פֿאַרשטאַנד, ווי אויך פֿון אַ מין מילדער אונטערטעניקייט, בעת אַ מענטש גיט אָפּ דאָס בעסטע און קריגט דערפֿאַר נאָך בעסערס, און דערפֿאַר, פֿאַר אָט דעם שמייכל, האָבן אים אַלע, און באַזונדערס קינדער, שטאַרק ליב געקראָגן. נישט געקוקט אויף זיין נאָך שלעכטן יידיש ריידן, נישט געקוקט אויף זיין נישט־יידישן גאַנג, אויף זיין האַלב־בערישן וואַקלען זיך הין־און־הער, נישט געקוקט אויף זיין וויסער, ברייט־צעשפּרייטער באָרד, וואָס האָט געקאַנט אויסזען יידישלעך און האָט דאָך נישט אַזוי אויסגעזען — נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז ער שוין געוועזן אַ שטיק אייגענער אין שטאָט: כאָטש אַ גר דאָך שוין אויף אַזוי פֿיל אַלט־געזעסענער, אַז שטאָט האָט זיך שוין נישט געדענקט אָן אים, ווי אָן אַ נויטיקן כּלי־קודש.

ער האָט זיך געהאַט זיינע באַזונדערע מיצוות, ווי אַלע פֿרייטיק אַרומגיין מיט אַ זאַק איבער די הייזער און צונויפֿקלייבן בולקעס פֿאַרן הכנסת־אורחים. מ׳האָט געקאַנט הערן זיין קול שוין פֿאַר עטלעכע גאַסן, ווי ער גייט און זינגט זיין אייגן פֿאַרפֿאַסטע ליד מיט אַ הויכער, שוין עלטערלעך־געבראָכענער שטים:

„יידישע קינדערלעך, דער ליבער שבת־קודש קומט צו גיין"... אאַז"וו. און וואָס, זי דערהערנדיק, האָבן זיך קינדער אַרום אים געגומען קלייבן, ווי אַרום ציגיינער מיט דער מאַלפּע, קלעפּן אַרום אים, אים נאָכגיין, באַכזינגען, און ער האָט זיי ניט אָפּגעשטויסן, פֿאַרקערט — איבער די קעפּלעך געגלעט און איז זיי זייער גערן געווען, ווייל ער אַליין האָט קיין קינדער ניט געהאַט.

אַזוי, אַז אים האָט מען שטאַרק ליב געהאַט. דערפֿאַר אָבער פֿונעם וויב זיינעם, פֿון אַנאַסטאַסיען, וואָס ביים יידישן זי האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן שרה — האָט מען ניט איבעריק שטאַרק געהאַלטן, ווייל איר, אַ סברה, איז די גאַנצע זאַך פֿון פֿאַרלאָזן איר פֿאָלק און איבערגיין צו אַ פֿרעמדן, ניט געווען צום האַרצן. באַזונדערס ווען מ׳האָט זי, בעתן יידישן, אַריינגעפֿירט אין דער נישט־איבעריק שמעקנדיקער מיקווה, פֿון וועלכער זי האָט זיך דער־

נאָך לאַנג געשפּיגן; און ווידער אַ סברה, אַז ווען ניט די ליבע צו איר מאַן, צום גרויסן אָדער קלענערן מיליטער־טשין, וואָס נאָך בימי ניקאָלאַי דעם ערשטן, וואָלט זי, פֿון איר זייט, אַוודאי און אַוודאי אויף אַזאַ זאַך ניט איינגעגאַנגען.

און אַזוי האָט זי זיך טאַקע געהאַלטן אַפילו שוין יאָרן־יאָרן נאָך דעם, ווי זי האָט די נייע אמונה אָנגענומען און לאַנג צווישן יידן אָפּגעוואוינט. זי האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פֿרעמד, אָפּגעזונדערט, און אויסער ליכט־בענטשן, חלה־נעמען און אַנדערע יידיש־ווייבערשע מיצוות, וועלכע זי האָט אָפּגעהיט גלייך ווי אַלע, איז זי אין אַלעם אַנדערן געבליבן — זי, אַזוי, אַז מ'האָט זי טאַקע כמעט פֿאַר קיין אייגענער ניט גערעכנט. שכנות האָבן זי געוויכט, אויסגעמיטן און זעלטן צו איר געקומען עפּעס לייען, אָדער זיך עצהן און איבעררעדן וועגן היימיש־שכנישע זאַכן, ווי ס'פֿירט זיך.

זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט, און אויך דאָס האָט זי פֿאַרפֿרעמדט און אויסגעטיילט... דערפֿאַר אָבער האָט איר מאַן, וואָס האָט יאָ באַליבט זיין נייע אמונה, און וואָס האָט שטאַרק געגאַרט לאָזן אַ קדיש נאָך זיך, און זעענדיק, אַז קיין אייגענעם איז אים שוין נישט באַשערט צו האָבן, האָט דעם ווייב שרה־אַנאַסטאַסיע איינגערעדט, אַריינצונעמען אַ „וויכאָוואַניק", אַ פֿרעמד קינד אויף דערציִען.

זיי האָבן לייכט געקראָגן אַזאַ — אַ קיילעכיקן יתום, אַ ייִנגעלע משהלע, מיט אַן אויסגעשפּראָכן יידיש פּנימל. מ'האָט אים אין חדר געפֿירט, דערצויגן ווי אַלע משהלעך, מיטן איינעם אויסנאַם נאָר, וואָס זי, אַברהם דעם גרס ווייב, שרה־אַנאַסטאַסיע, האָט אים געהאַלטן פֿיל זויבערער, ווי זיין גלייכן חדר־ייִנגלעך.

און אַט — האָט איצט סרולי דערציילט — האָט מען ביי דעם משהלען איצט געפּראַוועט בר־מיצווה — אויך עפּעס אַ מין סגולה, וואָס שטאָט האָט אין איר אַזוי ווייט אַנטייל גענומען, אַז אַפילו דער רב פֿון יענער טייל שטאָט איז בייגעווען, אויך דער שוחט, ווי אַלע אַנדערע, פֿרום־אָנגעזעענע באַלעבאָטים פֿון דער שול פֿון יענער גאַס, וואו אַברהם דער גר האָט געוואוינט און געדאַוונט.

דאָס משהלע האָט געזאָגט אַ דרשה, פֿון וועלכער אַברהם דער גר האָט, נאַטירלעך, קיין וואָרט ניט פֿאַרשטאַנען; שרה, זיין ווייב — אַוודאי און אַוודאי ניט. אַ סעודה איז געווען אַ גרויסע, מיט פֿאַרשיידן־פֿאַרגרייטע מאכלים און משקאות לרוב. אַלע האָבן אַפּולע געטרונקען. אַברהם דער גר אַליין האָט די גאַנצע צייט, צווישן פֿרומע יידן זיצנדיק און צוזאַמען מיט אַלע טרינקענדיק, צוערשט זיך געפֿילט אַ ביסל געענגט, און דערנאָך, אַז די משקה האָט אים מער צעוואַרעמט, האָט ער זיך גענומען שיכּורלעך שווערן, ווי ער איז אַ ייד, און ער זאָל אַזוי דערלעבן משיחן, טאַקע דעם אמתן, דעם יידישן... און

שרה־אַנאַסטאַסיע, זיין ווייב, האָט, באַדינענדיק אַנדערע, אויך אַליין, ווייזט אויס, פון געטראַנק אַריינגעכאַפּט, איז אַלע מאָל, שוין זייענדיק אַ ביסל פאַרקנאַקט, פון אַלטער געוואוינשאַפט אין אַ ווינקל אַפּגעגאַנגען און זיך שטילערהייט גענומען צלמען...

דאָס האָבן אויף איר די פרעמדע יידן — דער רב, דער שוחט און אַלע איבעריקע, מיט זייער באַנעם און הלבשה, אַ מורא אַנגעוואָרפן, און זי איז, אַ באַטרונקענע, אַוועק צום אַלטן גאָט אין ווינקל, צו בעטן שוץ פאַר די נייע מיטגלוביקע אירע.

סרולי האָט אויך דאָ פיל לאַכנדיקע פּרטים געהאַט צו דערציילן, גלייך ער וואָלט בייגעווען און אין יענער בר־מיצווה אַליין אַנטייל גענומען.

אָבער דאָס אַלץ איז בלויז שפּאַס ביי סרולין, ווען ער פלעגט קומען אַן אויפגעלייגטער. מערסטנטייל אָבער האָט ער די לעצטע צייט, פון גאָס קו־מענדיק, וואָס אַמאָל מער ערנסטער אויסגעזען, אַנגעברוגזט און באַזאָרגט. — פאַרוואָס? — ווייל אַחוץ די קלאַנגען און ידיעות, וועלכע ער האָט אין שפּאַס פאַרוואַנדלט, איז צו אים נאָך איינער אַ קלאַנג דערגאַנגען, צו וועלכן ער האָט זיך זייער און זייער צוגעהערט אַ באַטריבטער — אַ קלאַנג וועגן דעם, אַז שטאָט האַלט אויך די לוזי־לייט פאַר שולדיק אין דעם, וואָס עס האָט זי געטראָפן, און אַז מ׳דענקט זיך אויך מיט זיי אָפּצורעכענען גאַרבישט אויף קאַטאָוועס.

מ׳האָט דערום די לעצטע צייט געקאָנט זען, ווי יעדערס מאָל, ווען סרולי פלעגט פון שטאָט קומען און אין שטוב זיך אַריינשטעלן, אַזוי פלעגט ער פון אַ זייט און שווייגנדיק אויף לוזין נעמען קוקן, ווי גלייך ער וואָלט אים לאַנג פאַר די אויגן ניט געהאַט, אָדער ווי גלייך ער וואָלט באַמערקט, אַז עמעצער שטייט אים הינטערן רוקן מיט אַ שלעכטן מיין אים צו שעדיקן.

אַז לוזי האָט אים איינמאָל אַ פרעג געטאָן: „וואָס קוקט ער אַזוי?״ האָט סרולי געענטפערט צוריק פרעגנדיק: „ווער? ער? ניין, גאָרניט, ער האָט זיך פאַרקוקט״, — ווען אין דער אמתן איז זיין בליק געווען פול אומרו. גלייך ווי ער וואָלט געזען די סכנה פאַרגעשטאַלטיקט, און אָט־אָט, ווען ער וויל, וואָלט ער זי אַנגערופן ביים נאָמען.

ער האָט דאָס דערווייל ניט געטאָן, זי ניט אַנגערופן, נאָר יעדער מאָל ווען ער פלעגט די שטוב פאַרלאָזן, פלעגט ער זיך אומרואיק אין דרויסן אַרומקוקן, זען, צי קומט ניט קיינער, צי דערנעענט זיך ניט אַן אומגעגער־טער. ער האָט אויך יעדער מאָל, אַוועקגייענדיק, געזען באַוואָרענען און איינאָרדענען אַזוי, אַז לוזי זאָל ניט בלייבן אַליין, נאָר צוזאַמען מיט עמעצן אַן אייגענעם, וואָס זאָל אים היטן און ביי אים וואַך האַלטן. די לעצטע צייט האָט ער דערויף באַפולמעכטיקט אַברהמל לובלינער... אַז אַברהמל האָט ביי אים איין מאָל אַ פרעג געטאָן: צו וואָס דאָס היטן און פאַר וועמען? האָט אים

סרולי קורץ און לאַנג־ניט־קלערנדיק געענטפערט: „מ׳דאַרף... אַז ער, סרולי, זאָגט, איז מן הסתם ווייסט ער... מ׳דאַרף נאָר, — האָט ער צוגעגעבן, — אַז לוזי זאָל דערפון ניט וויסן...״ אַברהמל האָט, קוקנדיק בשעת מעשה אויף סרולין, מיט יענעמס ערנסט זיך אָנגענומען, אים נאָכגעפאָלגט, און כאָטש ער אַליין האָט ניט געוואוסט אין וואָס דאָ גייט, האָט ער דאָך זיך אונ־טערגעגעבן און די שומר־אויפגאַבע אויף זיך גענומען.

*

אַזוי אויך דאָס מאָל, אין יענעם אויבן־דערמאָנטן טאָג, ווען סרולי איז אין דער היים ניט געווען, און אברהמל איז איינער אַליין מיט לוזין פאַר־בליבן, — גראָד האָט לוזי דעמאָלט געהאַלטן אין אַ געשפּרעך מיט אַברהמלען וועגן יסורים וואָס קומען אויפן מענטשן פאַרשיידן.

— פאַראַן, — האָט לוזי געזאָגט, — יסורים פון אהבת אלהים און חמדת הנפש, ווען דער מענטש רייסט זיך פון זיין אָרעם־חומרדיקן לבוש, כדי זיך צו באַהעפטן מיט העכסטן קיום, אַזוי ווי ס׳רייסט זיך אַ געפאַנגענער פויגל פון שטייג, אין וועלכן ער איז פאַרשפּאַרט... ס׳טרעפט דאָך, זאָגט מען, ווען אַזאַ אַ פויגל צעקלאַפּט זיך דעם קאָפּ אין די ווענט־מחיצות פון שטאַרק גאַרן און ציען זיך צו זיין דרויסנדיקער טבע, פון וועלכער ער איז געצוואונגען אַוועקגענומען געוואָרן, וועלנדיק קומען צום געזאַנג פון פויגלשן ברכי נפשי, און אַוועקקוקנדיק מיט ביטול פונעם עסן און דעם קליין ביסל קערנער, מיט וועלכע מ׳וויל אים קויפן, אים האַלטנדיק געצוימט און ביי אים אַרויסבאַ־קומען זיין געצוואונגען געזאַנג...

— אַזוי אויך דער מענטש, וואָס שטרעבט צו דעם העכסטן בילד, פון וועלכן ער איז אַן אָפּבילד, כדי איינגעשלונגען צו ווערן ווי אַ קליינער טייל אינעם גרויסן גאַנצן, פון וועלכן ער איז שלא בידיעתו — אָן זיין ווילן און וויסן — געמיינערט געשאַפן געוואָרן, אַ מעט מאלהים; און ווען ער וויל פאַר־פולן דעם חסרון דערמיט, וואָס ער איז מוחל אויף זיין גאַר־גאָרן באַשאַף, מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידים, וועלכע ער האָט זיי, פילט זיי און פאַרמאָגט זיי, ממש און אויף זיכער אָנצוטאַפּן, אַבי צו זוכה זיין אומצו־שוועבן כאָטש, ווי אַ קליין־קליין ביסעלע אָטעם, ווי אַזאַ, וואָס קומט פון די נאָזלעכער פון אַ נאַר־וואָס געבוירן קינד, איבער גאָטס גייסטיק־שעפערישע וואַסערן, וואָס פון זיי קומען די מעשה בראשית...

פאַראַן אויך אַנדערע, ווען פאַרקערט, ווען דער מענטש וויל זיך באַין אופן ניט שיידן מיט די ענגע גרענעצן פון זיין באַגרענעצטן גוף און חומר, וואָס איז אים אַזוי ליב, אַזוי איינגעבאַקן, אַז ער וואָלט גערן מיט אים אייביק בלייבן, אייביק־אייביק דינען זיין בושהדיקע כלי פון פלייש און בלוט, נישט וועלנדיק זיך באַפרייען אַפילו ניט אום יובל, ווי יענער קנעכט, וועלכן מ׳דאַרף

בויערן דעם אויער, ווי באַוואוסט... דאָס איז שפלות פון אַ גראַד, ווען דער מענטש פאַלט אויף אַזוי פיל, אַז ווען אַפילו אַליין דער מישטײַנס געזאָגטער האָר קוקט אויף אים מיט בזיון, ווי אויף אַ פאַרקויפטן, זאָגנדיק: „זע, וואָס דו האָסט אײַנגעהאַנדלט פאַר דײַן פאַרקויפטקייט" — קושט דאָך דער קנעכט דעם בזיונדיקן בליק פון האָר, צוריק זאָגנדיק: אהבתי... כ'האָב ליב דעם האָר... כ'וויל ניט אויף דער פריי... די דינסט איז מײַן עצם, קנעכטשאַפט — מײַן יום־טוב — און ער ציטערט, ציטערט פון מורא צו בלײַבן אָן פרעמדע קעסט, אָן אַ שטעקן און אָן דעם, צו וועמען ער זאָל קאָנען אַרויפקוקן און זײַנע שיך לעקן, ווי אַ הונט.

ס'איז אויך יסורים פון ליבע, אָבער ליבע צו עבודה־זרה.

— פאַראַן — האָט לוזי ווײַטער געזאָגט — יסורים פון אָן איוב, ווען דער מענטש ווערט געפּרוּאווט, נישט ווויסנדיק, פאַרוואָס, און נישט זײַענדיק אום־שטאַנד זיך דערקלײַבן צו די סיבות פון זײַן געפּרוּאווטקייט, וועלכע קומט געוויס פון אַ העכערן פאַרשטאַנד, וואָס פון איבער זײַן קאָפּ, און וואָס ס'איז צו האָפן, אַז ווען ניט איז, אַז סוף־כל־סוף, וועט דער זין אַנטפּלעקט ווערן אויך פאַר דעם, אויף וועמען די פּרוּאוו איז אָנגעשיקט...

— פאַראַן אויך אָבער גאָר אומזיניקע יסורים, גאָר פּוסטע, און דאָ, האַל־טנדיק אין אויסרעכענען די פאַרשיידענע מינים, וועגן וועלכע ס'איז געגאַנגען די רייד, האָט לוזי געזאָלט דערקלערן אויך דעם מהות פון לעצטן מין.

אַברהמל איז בעת לוזי האָט דאָס אַלץ גערעדט, געשטאַנען און אים אין מויל געקוקט, און אָן אַנדערש מאָל, ווען ער איז איבערגעפּולט געוואָרן פון גרויס וויכטיקייט פון געהערטן, האָט ער זיך אַ האַסטיקן ריס געטאָן פון אָרט, וואו ער איז געשטאַנען, און האָט אַ קורץ־צעטומלטן גיי געטאָן איבער דער שטוב, כדי עטוואָס אויסלאָדן זײַן איבערפּולטקייט.

ס'איז געווען פאַרן דאַוונען, נאָך דער פרימאָרגנדיקער טיי, ווען אַזוינע, ווי אָט די צוויי, זײַנען אַלע מאָל אויפגעלייגט און פאַרבאַרייט צו אַזוינע גע־שפּרעכן, פילנדיק אי די אויסגערוטקייט פון בײַנאַכט און אי דאָס רייך־וואַשן־זיך צום קומענדיקן טאָג, וועלכע מאַכט זיי געגנויגט צו געדאַנקלעכער געמיטלעכקייט.

זיי האָבן זיך אָט־אָט באַדאַרפט שוין שטעלן דאַוונען, אָבער דער גע־שפּרעך האָט זיי פאַרשלעפּט — לוזין, כדי אויסצולייגן אין מיושבדיק־קלוג־שאַפטלעכע פאָרמען, וואָס ער האָט אין זײַן לעבנס־לאַנגן וועג אָנגעזאַמלט, און אַברהמלען, וואָס איז פיל ייִנגער געווען פון אים — אויסצוהערן, אַ פאַר־גאַפטער, אַ פאַרערנדיקער דאָס, וואָס ס'קומט אַרויס פון אַ לערערס מויל פון גײַסטיק־זיטלעכער שפּײַז, אויף צו דערוווערבן, פאַרגעדענקען און אין בײַטל פון די טײַערסטע דערפאַרונגען אויסבאַהאַלטן.

ס׳איז געווען שטיל אין שטוב, שטיל אַרום דער שטוב און אין דער גאַנצער ווייט־אָפּגעלעגענער שטאָט, וואו לוזיס וואוינונג האָט זיך געפונען, ווי אַלע מאָל אין אַ ווינטער־פרימאָרגן, ווען פרויען פון יענער אָרעמער טייל שטאָט זיינען פאַרנומען אונטער פאַרמאַכטע טירן מיט דער אָרעמער באַלע־באַטישקייט, און מאַנצבילן — מיט זייערע מלאָכות אונטער די זעלבע טירן.

און פּלוצלינג, ווי לוזי מיט אַברהמלען האָבן אַזוי פאַרבראַכט אין דער שטילער שטוב וואָס אינעם שטיל־גאַסיקן אַרום, אַזוי האָט צו זיי מיט אַמאָל דערגרייכט עפּעס אַ ווייטלעך געזעמל, ווי ווען ס׳ברעכט אויס אַ קריג, אַ געשלעג, אָדער אַן אַנדער געשעעניש, וואָס טרעפט ניט אָפט.

לוזי האָט פון זיין זיץ־אָרט ביים טיש בלויז מיטן געהער צום דרויסן זיך אַ קער געטאָן, און אַברהמל איז האַרט צום פענצטער צוגעגאַנגען, אַ קוק צו טאָן, וואָס ס׳געשעט, און באַלד האָבן זיך ביידע איבערצייגט, אַז דאָס געזעמל קומט פון ניט ווייט און אַז דאָס איינגעלויף שטייט נישט אויף איין אָרט, נאָר דערנענטערט זיך וואָס מער און מער, צו דער שטוב צו לוזיס.

ס׳איז געווען אַן איינגעלויף פון מאַנצבילן און ווייבער, געמישט מיט עפּעס ליידיקגייערשע בעל־מלאָכה־יונגען און גלאַט גאַלאַנטאַנען, וואָס אין יענער טייל שטאָט איז געווען אַ גרויס גערעטעניש אויף זיי...

— וואָס איז דאָרט? — האָט לוזי, אַ ביסל אַ דערשראָקענער פון דעם, וואָס מ׳האָט אים אין מיטן געשפרעך איבערגעריסן, צו אַברהמלען זיך געווענדט.

אויך אַברהמל האָט צוערשט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. אָבער אַז ער האָט דערזען דאָס איינגעלויף אַלץ נעענטער און נעענטער אונטער־קומען, און דערפילנדיק בחוש, אַז די סיבה איז דאָ נישט אַ זאַך, וואָס איז שוין געשען, נאָר וואָס דאַרף ערשט געשען, און ווידער דערפילנדיק, אַז דער ציל פון די אַלע אַהערקומענדיקע איז נישט קיין אַנדערער, נאָר טאַקע לוזיס שטוב, מחמת, ווי ער האָט באַמערקט, זיינען אַלעמענס אויגן צו איר, און בלויז צו איר, געווענדט געווען; אַז ער האָט דאָס דערזען און זיך אויך דער־מאָנט, וואָס סרולי האָט אים אַלע מאָל אָנגעזאָגט פאַרן אַוועקגיין פון שטוב, און נעמלעך, ער זאָל לוזין אַליין ניט לאָזן און אים זען היטן, אומפאַרשטלעך, פאַרוואָס און פון וועמען; — אַז ער האָט זיך דאָס דערמאָנט, אַזוי האָט ער באַלד עפּעס אַן אומרואיקלעכן קוק געטאָן אויף לוזין, און פון אָט דעם אַברהמלס קוק האָט לוזי פאַרשטאַנען, אַז ס׳שטייט פאַר — אים, אָדער דער שטוב — עפּעס גאָר־גאָר אומאַנגענעמעס.

דאָס איינגעלויף האָט זיך דערווייל געשטאַרקט. די קולות, וואָס האָבן זיך געהערט פון די אָנקומענדיקע, זיינען אויסגעוואַקסן פון אונטער די ווענט פון לוזיס שטוב צו אַ דראָענדיקן רעש. און מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן. די טיר צו לוזין אין שטוב האָט זיך געעפנט, און אויף דער שוועל האָבן זיך

באַוויזן צוויי מענטשן, וועלכע מ׳האָט זיי אונטערגעשטופּט צו גיין בראָש פֿון אַלע, און וואָס נישט געקוקט, וואָס די טיר איז געווען צו ענג פֿאַר ביידן, האָבן זיי דאָך צוזאַמען דורך איר זיך דורכגערוקט.

דאָס איז געווען, צוערשט, יונה דער שענקער, וועמען ס׳איז גלייך געווען צו דערקענען אין דער צונטער־רויטער צורה, מיט זיין קורצלעך־ווייסער באָרד און מיט זיין ברייט־סיפּאַקישן גענדזל־גאַנג; און די צווייטע — אַ פֿרוי, וועלכע האָט זיך אונטערשיידט פֿון אַנדערע מיט אירע שטאַרק־צעוואַקסענע אַקסל, וועלכע האָבן געקאָנט קלעקן פֿאַר אַנדערהאַלבן אַנדערע פֿרויען, און וועלכע האָבן געדינט פֿאַר אַ באַווייז, אַז זי קער זיך אָן אַ ווייב צו אַ מאַן, וואָס האָט זי היפּש באַפֿרוכפּערט און איר געגעבן די מעגלעכקייט אַזוי ברייט זיך צו צעוואַקסן.

דאָס איז געווען פּעסיע, שלום דעם טרעגערס ווייב. זיי זיינען אַריין די ערשטע, און נאָך זיי האָבן זיך גענומען רוקן און אַריינשיטן איינס נאָך איינס, אַ מאַנצביל נאָך אַ פֿרוי, אַ פֿרוי נאָך אַ מאַנצביל, געמישט מיט באַלמעלאָכישע יונגען און גלאַט גאַלאַנטאַנען, מיט וואַטאָווע לייביקעס אויף די אַקסל און נישט אויף די אַרבל אָנגעטאָן; און אַלע זיי, ווען זיי זיינען אַריין אין שטוב און דערזען פֿאַר זיך לוזין, וועלכער האָט זיך האַלב מיט פֿאַרוואונדערונג, האַלב דערשראָקן פֿון זיין זיך־אָרט אויפֿגעשטעלט, זיי באַגעגענענדיק זיינען זיי אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבן, און געפֿינענדיק זיך פֿאַר אַ פֿרעמדן, האָבן זיי ווי דעם דרויסנדיקן אימפּעט פֿאַרלוירן.

— אָט דאָס איז ער? — האָט אָבער באַלד פּעסיע — אַן אונטערגערייצטע, אַן אונטערגעהעצלטע, ווייזט אויס, פֿון יונהן, וועלכער האָט זיך מיט איר צוזאַמען געהאַלטן אויך איצט, ווי בעתן אָנקומען — אויסגעשריגן:

— וואָס פֿרעגסטו, וואָס? — האָט יונה געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע — אַוודאי... ווער דען?

— איז, הייסט עס, זייט איר דאָס דער, וואָס שלאָגט אַרויס מענטשן פֿון פּרנסות און שיידט אָפּ מאַנען פֿון ווייבער...

מיר רייסן זיך דאָ איבער אויף אַ ווײַלע, כּדי צו דערקלערן פֿאָלגנדיקס: אַז אַוודאי איז שווער צו וויסן, ווי אַזוי און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן האָבן אָט דיביידע צוויי, אַ יונה מיט אַ פּעסיען, אָט דאָס שותּפֿות געשלאָסן; ווי אַזוי האָט אַ יונה צו אָט דער פּעסיען דעם וועג גאָר געטראָפֿן אויף געפֿינען מיטגעפֿיל און מיטשטימונג אויף אַזאַ זאַך, ווי אויף לוזין אָנצופֿאַלן. מעגלעך, אַ צופֿאַל האָט זיי צונויפֿגעפֿירט; מעגלעך, אַז ניין, ניט קיין צופֿאַל, נאָר אַז יונה און זיינע מיטהעלפֿער, וועלכע ער האָט געוויס געהאָט אין אַלע שטאָט־טיילן ובפֿרט אין אָט דער טייל שטאָט, האָבן לאַנג געשנאָרעט און געבישטערט, און סוף־כּל־סוף זיך דערשלאָגן צו די, וועלכע מ׳קאָן דערווערבן צו אַזאַ אַ אַרויסטריט, ווי איצט מיט פּעסיען. ווי ס׳זאָל ניט זיין,

נאָר ביידע זיי, יונה מיט פּעסיען, האָבן אַ געמיינזאַם לשון געקראָגן אויף זיך צו פאַרשטענדיקן און מיט איין דעה פּירצונעמען דאָס, ביי וואָס מיר טרעפן זיי אַצינד...

און אָט איז פּעסיע מיטן ערשטן לשון, מיט די ערשטע ווערטער אַרויס, וואָס די ערשטע מינוט האָט לוזי ניט באַנומען, וואָס זי וויל, וואָס זי מיינט מיט זיי — זי, צוזאַמען מיט אַלע די דאָ איין שטוב זיך אַריינשיטנדיקע, וועלכע זיינען געקומען אַהער, זעט אויס, אים אין עפּעס צו באַשולדיקן... עפּעס האָט ער יאָ געהערט, נאָר ניט באַנומען. און קוקנדיק אויפן געדיכטן עולם, וואָס האָט זיך פיל איין שטוב אָנגעשטופּט, און זעענדיק אַלעמענס פּנימער, וואָס אייניקע האָבן געקוקט אָנגעברוגזט, אַנדערע מיט נייגער, און גאָר אַנדערע מיט אַמתער אויפגעבראַכטקייט, האָט ער דערפילט, אַז ווי נאָר ער וועט אַ מויל עפענען אויף אָפּצוענטפערן אָט דער פּעסיען, אַזוי וועלן אַלע מיילער פון אָט די פאַרזאַמלטע גרייט זיין אַרויס קעגן אים נישט נאָר מיט דעם, מיט וואָס ס'איז אַרויס זי, די ערשטע, נאָר מיט פיל מער ערגערע זידלערייען און באַשולדיקונגען, ווי ס'טרעפט מיט אַ ווילד־אויפגערעגטער און אומזיניק־צערייצטער מאַסע.

ער האָט דערום געקוקט, געוואַרט און פאַרלוירן געשוויגן... אויך אַברהמל, וואָס איז ביי זיין זייט געשטאַנען און וואָס אויך ער איז קיין מאָל אַזאַ זאַך ניט בייגעווען, ווי צו באַפאַלן ווערן פון אַ מאַסע און ניט וויסן מיט וואָס זיך אָפּשלאָגן און ווי אַזוי איר כּעס צו שטילן — אויך ער איז אָן לשון, געשטאַנען, און נישט געזען מיט וואָס זיאַ לוזין צו העלפן; צי גיין רופן מענטשן פון גאַס, צי נישט גיין, ווייל מ'טאָר אים אַליין נישט לאָזן, נישט וויסנדיק, וואָס קאָן דאָ ווייטער געשען, ווען ער וועט בלייבן אויג אויף אויג מיט אַזאַ אויפגעבראַכטן המון, וואָס ווער ווייסט, אויף וואָס ער איז פעאיק און אויף וואָס קאַפּאַבעל?

ער האָט אויסגעוואַרט, ביז איינער פון המון, אָדער אַלע צוזאַמען, וועלן מער קלאָרער זייער מיטגעבראַכטע תּרעומות און טענות אויסלייגן, אָדער אויסשרייען, כּדי צו וויסן, וואָס מע מיינט און וואָס מ'איז געקומען מאַנען פון לוזין.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן עולם און באַמערקט, אַז מענטשן האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט פאַרשיידענע: מערסט נייגעריקע און גלאַט בעלנים אויף סקאַנדאַלן און אויף פרעמדע חתונות צו טאַנצן; אַנדערע, ווי אַ יונה — מיט אַנדערע מיינען, אָבער צווישן אַלע איבעריקע האָט זיך אויך געפונען אַ קליינער טייל, ווי אַזאַ, ווי פּעסיע, טאַקע באמת ערגעץ ביטער־געטראָפענע, וואָס, ווי ס'ווייזט אויס, האָט זיי אָן אמתע נויט געבראַכט אַהער, ווייל זייער אויפריכטיקע פאַרביטערטקייט האָט מען לייכט געקאָנט זען אויף זייערע פּנימער אויסגעדריקט.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — האָט לוזי מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן, ווענדנדיק זיך צו פּעסיען און מיינענדיק דעם גאַנצן עולם, וואָס האָט זיך פול צו אים אין צימער צוזאַמענגעקליבן, און אַ גרויסער טייל, וואָס דאָס צימער האָט אין זיך ניט געקאָנט אַריינגעמען, איז געבליבן אויף אין קיך, אין פאָרהייזל, און אַפילו אין דרויסן פאַר דער שטוב שטיין.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — האָט ער זיך געווענדט אַ דערשראָ־קענער צום עולם, וואָס האָט זיך אָנגעשטופּט אַ פרעמדער, אַ נישט־געראָ־פענער, אַן אומבאַקאַנטער, אַן אָנגעקומענער פון ווייבערשער קיך, פון מאַנצ־בילשע וואַרשטאַטן, מיט מיטגעבראַכטע ריחות פון פּאַפּ, קליי, שוסטערוואַרג, סטאָליערוואַרג און אַנדערע מלאָכות.

— וואָס מ'האָט געוואָלט? וואַסער אויף קאַשע און שנירלעך צו די פּערל — האָט זיך אַרויסדערהערט אַ לאַכנדיק קול — אַ פּנים פון אַ גאַלאַנטאַן, וואָס אַ געוויסער טייל עולם איז גלייך גרייט געווען אים אונטערצוהאַלטן מיט געלעכטער.

— וואָס מיר ווילן? — האָט פּעסיע, וואָס איז אַרויס מיט די ערשטע טענות, און וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט יונהן פאַראויסגערוקט אויף פאָראויס, אַ פרעג געטאָן.

זי איז געשטאַנען פאַר לוזין אי ווי פאַר אַזאַ, פאַר וועמען מ'איז געוואוינט זיך האַלטן מיט דרך־ארץ, האָבנדיק פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס אַליין זיין אויסזען האָט ניט דערלויבט, מ'זאָל זיך מיט אים באַגיין מיט אומכּבוד; אי ווי פאַר אַזאַ, אויף וועלכן מ'האָט איר אָנגעוויזן, ווי אויפן הויפּט־שולדיקן אין אירע לייד דערמיט, וואָס ער האָט זיך צו היימיש אין איר ווייבערש לעבן אַריינגעמישט, צונעמענדיק ביי איר ברויט־געבער און בעל־פּרנסה, און דערנאָך אויך אים אַליין אַזוי אָפּגעריסן און דערווייטערט פון איר, אַז זי האָט פאַרלוירן די אַלגעמיינע שפּראַך, אויף וועלכער זיי פלעגן זיך יאָרן־לאַנג אַזוי ליב, וואויל און אַזוי בשלומדיק פאַרשטענדיקן.

— וואָס מיר ווילן? — האָט זי געזאָגט — איר זאָלט ביי אונדז ניט צונעמען וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן.

— וואָס מיינט זי?

— אונדזער ברויט אין דער וואָכן און חלה אויף שבת; ביי אונדזערע קינדער זייערע טאַטעס, וואָס אַן זיי זיינען זיי לעבעדיקע יתומים... גוואַלד — געשריגן! — האָט פּעסיע אַ צעהיצטע זיך אַ ווענד געטאָן צום עולם נאָך מיטגעפיל — וואָס האָט מען צו די אונדזערע? וואָס וויל מען פון אַזוינע, ווי איר שלום, וואָס איז ניט געבוירן און ניט דערצויגן אויף רבלען און רבינען זיך, אויף צו פאַסטן, צאַנקען און איינגיין, נישט וויסנדיק פאַר וואָס, פאַר ווען און פאַר וועמענס זינד — ער מיט זיין הויזגעזינד? וואָס וויל מען פון אים? זאָל מען אים לאָזן גאָט דינען, ווי אַלע זיינסגלייכן, מיט וואָס ער

קאָן — מיט פֿאַרדינען אָרנטלעך און ערלעך דאָס ברויט פֿאַר די, וועלכע נויטיקן זיך אין דעם... וואַהין ציט מען אים? וואוהין שלעפּט מען אים אין אַלדי שלעק?

— ווער שלעפּט?

— איר — האָט פּעסיע געזאָגט — און די אייעריקע וואָס האָבן אים פֿאַרדרייט זיין פּראָסטן קאָפּ און אים פֿאַרפֿירט אין פֿרומען הינער־פּלעט; איר, וואָס מיט פּרנסה זייט איר, ווייזט אויס, פֿאַרזאָרגט און קאָנט זיך דערום פֿאַרגינען צו דאַוונען און לערנען, וויפֿל איר ווילט; אָבער נישט מיר, נישט אַזוינע ווי מיין שלום, וואָס אויב ער גיט ניט דער קישקע, האָט ער ניט קיין כּוח צו האָרעווען; אויב ער האָרעוועט ניט, פֿאַרדינט ער ניט; אויב ער פֿאַרדינט ניט, גיט דער קלייטניק ניט אויף באָרג, וויל דער מלמד די קינדער ניט לערנען און קינדער גייען אַרום פּוסט־און־פּאַס, אָן אַ תּכלית... צי דען אַזוי הייסט גאָט? צי דען אַזוי טוען יידן?

— ווער יידן? וואָס יידן? — האָט יונה שענקער אין מיטן פּעסיען די רייד איבערגעריסן און פֿון זיין זייט, מעשה־מגיד, צום עולם זיך אויסגעקערעוועט, און הויך אויף אַ קול, מיט הענט און מיט היץ גענומען טענהן — פֿון וואָס פֿאַר אַ יידן רעדט איר? הערט וואָס שטאָט רעדט! וואָס מ׳דערציילט זיך אָן פֿון זיי! — האָט ער, אויף לוזיק, אויף אַברהמלען אָנווייזנדיק, אויסגעשריגן — עבודה־זרהניקעס און כּישוף־מאַכער — אָט ווער זיי זיינען?

— כּישוף־מאַכער? — האָט זיך דערהערט אַ דערשראָקן קול פֿון צווישן ווייבער אַרויסקומען.

— יאָ — האָט יונה ווייטער פֿאַרגעזעצט מיטן פֿאַריקן אימפּעט — אָט דער — האָט ער אויף לוזין ווידער אַ וויז געטאָן — וואָס שטייט פֿאַר אייך און דאַכט זיך אויך אויס צו זיין גאָט אין צימעס, איז אין דער אמתן אַ צבֿועק און דער הויפּט־שולדיקער אין אַלעמענס צרות, וואָס ווערט נאָך דערצו אויסגעהאַלטן פֿון זיין ברודער משה מאַשבער, דעם אָנזעצער, וואָס האָט באַרויבט אַ וועלט מיט אַלטע לייט, אַלמנות און יתומים, וועלכע האָבן אים געטראָגן דעם לעצטן גראָשן און איינגעלייגט ביי אים אָן אַ כּתב, אָן אַ קוויטל, גלויבנדיק אין זיין אָרנטלעכקייט, און ער האָט אַלעמען צום צעטל געשטעלט, באַנומען און געלאָזט ווי אויפֿן וואַסער... יאָ, ווייל ווען ניט, איז פֿון וואַנען נעמט ער? אַז קיין רב — ניט, קיין רבי — ניט, איז פֿון וואָס לעבט אַזאַ, אויב נישט פֿון דעם ברודערס רויב, אָדער טאָקע פֿון דעם, וואָס שטאָט זאָגט, אַז ער האָט אַ ביינדל פֿון אַ מת, מיט וועלכן ער טוט מעשים אשר לא יעשו... אָן עק דאַרף דאָס האָבן: אויסראָטן דאַרף מען אַזוינע מיט אַלע זייערע פּאַסלאַנעס, וואָס זיי טוען פֿאַרשטעלט און אין דער פֿינצטער — האָט דער רויט־באַטרונקענער און צערייצטער יונה אויסגעשריגן — שטאָט מיאוסט זיך דאָס צו טאָן, שטאָט וויל זיך די הענט ניט פֿאַרשמירן... אָבער אָט

זיינען מיר אַלע דאָ, און אָט שטייט ער פֿאַר אונדז, ווי איר זעט, אַ דער־שראָקענער און שולדיקער, איז זאָלן מיר ביי אים פֿאָדערן, ער זאָל זיך מודה זיין אין זיין בייז, אַניט וועלן מיר אים די בײנער צעטראָגן און זיין טריפֿהנע נעסט פֿאַרוויסטן... באַלד, תּיכּף זאָל ער דאָס טאָן און אַרויס מיט לשון... וואַרטן טאָר מען ניט, ווייל ווער ווייסט, אויב מירן אים איצט אָפּלאָזן, צי וועט ער ניט פֿאַרשווינדן, זיך אויסבאַהאַלטן און פֿון באַהעל־טעניש אַרויס נאָך מער נוקם זיין זיך אין שטאָט.

— גערעכט! — איז דער גאַנצער עולם, אויסהערנדיק יונהן, פֿינצטער־ערנסט געוואָרן, און סיי די, ווי פּעסיע, וואָס זיינען אַהערגעקומען מיט זייערע אמתע ליידן, און סיי די, וואָס האָבן זיך צוגעשטעלט בלויז אַלס צושויער פֿון אַ פֿאַרשטייענדיקער פֿאַרשטעלונג, האָבן זיך גענומען רוקן אויף צוריק פֿון מורא אי פֿאַר סתּם עפּעס אַ געהיימער קראַפֿט אין וועמעס נאָענטקייט זיי געפֿינען זיך, אי פֿאַר מורא אַליין פֿאַר לוזין, וועלכער איז איר באַהערשער און וואָס אָט־אָט קאָן ער זי פֿריי לאָזן...

יונה האָט דאָס באַמערקט, און מ'ווייסט ניט פֿון וואַנען דאָס לשון האָט זיך צו אים גענומען, נאָר זייענדיק שוין אין רעש פֿון דער צוערשט־געהאַלטענער רעדע מיט דערפֿאָלג, האָט ער געפֿונען קראַפֿט אויך אויף פֿאַר־זעצן און אויף אַ צווייטער רעדע צו האַלטן:

— מ'טאָר דאָס אין דער לאַנגער באַנק ניט לאָזן. מ'דאַרף טאָן, וואָס מ'דאַרף, שוין, באַלד טאַקע, ווייל, ווי איר זעט, און ווי איר האָט אַקאַרשט גע־הערט פֿון אָט דער דאָ שטייענדיקערס מויל — האָט ער, אויף פּעסיען אָנווייזנדיק, געזאָגט — איז אָט דער, און אָט די אַלע, וואָס האַלטן זיך מיט אים צוזאַמען, שוין אַליין דערגאַנגען דערצו און אויך אַנדערע דערצו דערפֿירט, אַז זיי דאַרפֿן שוין — טפֿו, טפֿו — אַפֿילו קיין ווייבער ניט, ווי דער דרך־העולם, נאָר זיי טוען, וואָס זיי דאַרפֿן, מאַן מיט מאַן, און זכר מיט זכר — טפֿו, טפֿו, פֿאַרן מויל ניט צו ברענגען.

— אַזוי? — האָט זיך דער עולם, אַ נאָך מער דערשראָקענער, אויף צוריק אַ רוק געטאָן, ער זאָל לעבן לוזין און לעבן אַברהמלען ניט שטיין, זעענדיק, ווי יענע שוויגן און ווערן בלאַסער פֿון מאָל צו מאָל — אַ סימן, אַז דאָס וואָס מ'זאָגט אויף זיי, און וואָס איז אַקאַרשט פֿון יונהס מויל צו זייער באַשולדיקונג אַרויסגעקומען, איז אמת.

— חמור־אייזלען!... — האָט זיך פּלוצלים אַ קול דערהערט, וואָס נאָך דעם, האָט זיך געפֿילט, וועלן זיך דערהערן אויך אַנדערע קולות מיט נאָך מער ערגערע באַליידיקונגען בנוגע די, וואָס דער ערשטער האָט באַליידיקט.

— אַנזעצער און אויגן־פֿאַרבלענדער — האָט זיך פֿון שטאַרק־אויפֿגע־רעגטן, אויפֿגעבראַכטן המון ווייטער דערהערט.

— ציגן־צאַפּעס און שאָפֿן־בעק...

— הויזן מיט הויזן... — האָט זיך דערהערט פֿון אייניקע גאַסן־יונגען און גאַלאַנטאַנען, וואָס די לעצטע יונהס באַשולדיקונג האָט זיי זייער פֿריילעך געמאַכט און זיי געגעבן שטאָף אויף זיך צו שושקען און איינס דאָס אַנדערע אין די זייטן זיך צו שטויסן מיט געוויסע ווינקען און מיינען.

— בע!... מע!... — און אָט דער העסלעכער שפּאַס האָט לוזין און אַברהמלען, ווייזט אויס, מער דערלאַנגט, ווי די פֿריערדיקע, ערנסטע און דראַ־ענדיקע אויסגעשרייען, ווייל זיי האָבן געזען, פֿאַר וועמעס משפּט זיי זיינען געשטעלט, און אַז מיט קיינע ווערטער און פֿאַרענטפֿערונגען וועלן זיי זיך ניט ריין־וואַשן, מחמת דער עולם איז אַ געמישטער, אי אַן ערנסטער, אי אַ בייזוויליקער, אי אַזאַ, וואָס איז אויף אַלץ גרייט, און וואָס פֿאַר אַן אורטייל ס'זאָל דאָ ניט אַרויסגעטראָגן ווערן, וועלן זיך געפֿינען בעלנים אויף אים אויסצופֿירן...

ס'האָט געהאַלטן ניט גוט: ס'האָבן זיך געטראָגן אויסגעשרייען פֿון אַלע ווינקלען און זייטן:

— שבתי־צביניקעס!... אַנזעצער!... אַלמנות־ און יתומימס־געלט... זכרים מיט זכרים!... ברויט מיט ברויט...

— וואָס שווייגט מען? ווי דערלאָזט מען צו אַזוינס?! — האָבן געשריגן אַנדערע, זיך איינס דאָס אַנדערע אונטערהעצנדיק, און אַנווייזנדיק אויף לוזין מיט אַברהמלען, וואָס איז ביי יענעמס זייט געשטאַנען אַ פֿאַרשטיינער־טער, ווי אַליין לוזי, און האָט געזען, ווי דער עולם אי ער רייסט זיך שוין צו זיי, אי ער האַלט זיך דערווייל נאָך אָפּ, נישט וועלנדיק זיין פֿון די ערשטע אויף אַנצופֿאַלן און נאָך נישט האָבנדיק די דרייסט אַ האַנט אויף זיי אויפֿ־צוהויבן.

— פֿאַרשלעפּטע קרענק, וואָס קיינער ווייסט ניט, פֿון וואַנען זיי האָבן זיך אויסגעריסן אויף אַלעמענס קעפּ און חורבנות, און וואָס איבער זיי שטאַרבן מענטשן פֿאַר דער צייט, איבער זיי האָבן קינדער אומפּלייט אין די קעפּ, איבער זיי איז מען אַלע איינגעשטעלט.

— ציגן־צאַפּעס און שאָפֿן־בעק... מע... בע... פּי־פּו־פּאָ!... — האָט זיך דערהערט אַ גרוילִיקער סווישטש פֿון איינעם אַ גאַר געהויבענעם גאַלאַנטאַן, וואָס מיט אַ רעקל אויף די אַקסל און ניט אויף די אַרבל.

ס'האָט שוין געהאַלטן שלעכט. ס'האָט געהאַלטן דערביי, אַז אָט־אָט זאָל שוין שיר ניט געשען, וואָס ס'געשעט אין אַזוינע פֿאַלן, ווען איינער אַ צע־היצטער ערשטער טוט זיך אַ רוק אַרויס פֿון דער מאַסע, און קומט צו צו דעם, וועמען מ'האָט אין אויג צום שלעכטן און מ'מיינט אויף אַ שלעגערשן אופֿן מיט אים זיך אָפּרעכענען — האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז אויך דאָ זאָל פֿאַרקומען דאָס זעלבע, ווייל אָט־אָט האָט זיך שוין טאַקע איינער, ווי ס'ווייזט אויס, פֿון אַ יונהן אונטערגעשיקט און פֿון לכתחילה אַן דערויף

באַשטימט און אָנגעשטעלט — צו לוזין זיך געגומען רוקן, וואָס ווען נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל, וואָלט ער צו, און אָדער ער וואָלט אים פֿאַרן העמד־קאָלנער אָנגענומען און אים געגומען טרייסלען, אָדער ערגער — פֿאַר דער באָרד, אָדער ער וואָלט אָט־אָט גאָר מיט אַ פֿאַרטיקן פּאַטש אין סאַמע פּנים אים אַריינגעפֿאָרן.

אַ האָר איז אָפּגעגאַנגען... נאָר אין דעם מאָמענט האָט זיך פּלוצלים פֿון דער שוועל פֿון לוזיס צימער אַ ניי קול דערהערט — אַ קול פֿון איינעם, וואָס האָט זיך נאָר וואָס, זעט אויס, אַן אומגעריכטער געטראָפֿן אַהער, און וואָס דערזעענדיק וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָט עס אים אַזוי איבערראַשט, און פֿון מויל ביי אים אַזאַ ריטשענדיקן געשריי אַרויסגערופֿן, אַז ווי די אָנגעשטופּטע מאַסע האָט אַליין ניט פֿיל געריטשעט און ווי דער טומל און דאָס ענגעניש אין צימער איז ניט גרויס געווען, האָט מען דאָך דאָס קול פֿון דעם ניי־אָנקומענדיקן און פֿון דער שוועל אַראָפּשרייענדיקן דערהערט אַריבער און העכער פֿון אַלע:

— וואָס טוט זיך דאָ?! — האָט סרולי, ווי אַ באַלעבאָס, ווען ער קומט אין זיין אייגן הויז און טרעפֿט אַן אומגעריכטן איינגעלויף און ליאַרעם, אויסגעשריגן, און באַפֿעלעריש אַ פֿרעג געטאָן — ווער זענט איר? ווער האָט אייך געבראַכט אַהער?

— אַרויס! אַלע ביז איינעם! אייער געביין זאָל זיך דאָ ניט געפֿינען!...

— האָט ער נאָך אַ העכערן געשריי געטאָן און האָט זיך אין דער געדיכטעניש פֿון דער מאַסע אַריינגעריסן, און, פֿאַר אַלעמען, געצילט נעענטער אונטערקומען צו לוזין מיט אַברהמלען, וואָס, ווי ער האָט געזען, איז דאָס געפֿאַר צו זיי נאָענט.

— ווער איז דער? — האָט זיך אויף סרוליס אויסגעשרייען פֿון דער מאַסע אַן אַנטקעגן־געשריי אָפּגערופֿן, און ווידער, ווייזט אויס, פֿון אַ יונהס אַן אָנגעשטעלטן, אָדער, מעגלעך, אַליין אפשר פֿון יונהן, וועלכער איז געשטאַנען נאָענט לעבן לוזין, און ווען סרולי זאָל זיך ניט געווען באַווייזן, האָט ער געזאָלט אויך מיטן ווייטער־פֿאָרקומענדיקן אָנפֿירן.

סרולי האָט נישט געענטפֿערט. ער איז אַן ווערטער צו פֿאַר לוזין צוגעקומען און מיט אַ באַפֿעלערישער מינע, ווי אַן עלטערער צו אַ ייִנגערן וואָס נויטיקט זיך אין שוץ, אים האַרב אָנגעוויזן אויף זיין אַלקער, וועלכער איז געשטאַנען פֿאַרמאַכט און ער האָט די טיר אויפֿגעעפֿנט, מיטן מיין, אַז לוזי זאָל אַהין אַריין. דעמאָלט האָט ער אויך אַברהמלען באַפֿוילן, ער זאָל זיך שטעלן אויף דער שוועל פֿון אַלקער, אין זיין גאַנצער לענג און הויכער וואוקס, און די הענט אין דער ברייט צעגעמען, אויף ניט צו דערלאָזן, אַז עמעצער זאָל דורכגיין און אַהין זיך אַריינרייסן.

און אַז ער האָט דאָס אָפּגעטאָן, אַז לוזי האָט, אַ בלאָסער, אַ מטושטשער פֿון אַלדעם פֿאַרגעקומענעם, אים געפֿאָלגט, און איז, אונטער פֿאַרשיידענע זיד־לערייען און דראָענדיקע אויסגעשרייען, אין אַלקער שוין אַ שטיק באַשיצטער אַריין; און ווי אויך אַברהמל, אַ געשטאַרקטער פֿון סרולי׳ס באַפֿעלערישקייט, האָט אים געפֿאָלגט און זיך אויף דער שוועל אַוועקגעשטעלט און די הענט אין דער ברייט צענומען, אויסזעענדיק, ווי אַ געקרייציקטער, און מיט זיין הויכן וואוקס פֿון דער שוועל ביז דער נידעריקלעכער לוזיס סטעליע דערלאַנגענדיק — אַז סרולי האָט דאָס אָפּגעטאָן, האָט ער זיך ערשט דעמאָלט גענומען אַרומקוקן, וועלנדיק דערזען און אויסגעפֿינען דעם הויפּט־שולדיקן אין דעם אַנגעלויף און ליאַרעם, דעם, וואָס האָט אָט די אַלע געבראַכט אַהער און אויפֿן אַנפֿאַל פֿאַרזאַמלט.

ער האָט אים פֿאַרשפּאָרט לאַנג זוכן, און באַלד טאַקע האָט ער אים אַרויס דערקענט פֿון די פּיל קעפּ, וואָס די שטוב איז געווען פֿול מיט זיי — יונהן, וועלכער האָט זיך אַלע מאָל אויסגעטיילט מיט זיין סיפּאַקישער גבורה און מיט די ברייט־צעשטעלטע אַקסל, וועלכע מוזן פֿאַרנעמען היפּש אָרט אַפֿילו אין אַן ענגעניש. ער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, סרולי, און — אָדער ער האָט נאָך אַליין באַוויזן אויסצוהערן יונהס העק־רעדע, געווענדט צום עולם, בעת ער האָט זיך אויף דער שוועל געוויזן און איז צוערשט נישט באַמערקט געוואָרן פֿון קיינעם, אָדער ער האָט ניט געהערט, נאָר ער האָט אויסווייניק פֿאַרשטאַנען און זיך געשטויסן, זיכער זייענדיק, אַז יונה איז דער הויפּט־אָנפֿירער, און דער, וואָס ער האָט אי די אומשולדיקע אָנגערעדט צום אָנפֿאַל, אי די, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים דעם סיפּאַקישן מיין געהאַט, באַשטעלט, און אַפֿילו אויף אַ געוויסער שעה, אויף אַ געוויס אָרט זיך טרעפֿן, אָפּגערעדט.

ס׳איז אים קלאָר געווען, סרולין, און דעמאָלט האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— האַ, יונה, וואָס נעמט זיך אַלע מאָל אָן פֿאַר שטאָט און פֿון די אַלע אָנגעמעכצן ווערט אים וואָס אַמאָל די צורה און דער קאַרק רויטער... אָט איז ער, דער בעל־טובה, וואָס זאָרגט פֿאַר אייך, וואָס וואו ס׳מאַכט זיך אַ גנבה, האָט ער אין איר אַ חלק; וואו אַ טריף געשעפֿטל אין שטאָט ווערט דאָס געמאַכט ניט אָן זיין וויסן; וואָס פֿאַרדינט פֿון אייערע התונות, ווען איר זייט יונג, — פֿון אייער אָרעמקייט, ווען איר ווערט עלטער, — פֿון אייערע קרענק, ווען איר דאַרפֿט אין ביקור־חולים; און אויך ווען איר שטאַרבט און קומט אויפֿן בית־עולם, וואו ער איז חברה־קדישא־מאַן, רייסט ער פֿון טויט און פֿון לעבעדיק.

— אויך גערעכט! — האָט פּלוצים פֿונעם שטאַרק־צונויפֿגעדריקטן המון אַרויס אַ שטים זיך דערהערט, און דאָס האָט געדינט פֿאַר אַ סימן, אַז סרולין

איז געלונגען דעם כּעס און אויפגעבראַכטקייט, וואָס די מאַסע האָט ערשט געהאַט געטראָגן אויף איינעם, אויף לוזין, אַ ביסל אַריבערצופירן אויף אַ צווייטן און אים אָפּווענדן פון ערשטן.

און זאָל דאָ קיינעם ניט וואונדערן, וואָס, אַריינקומענדיק אין שטוב און זעענדיק דעם קאָך, וואָס קומט פאַר, ווי גלייך ער וואָלט אַריין אין אַ לייבן־גרוב, האָט סרולי זיך ניט דערשראָקן, און פולמוטיק זיך אַזאַ פעסטן שטעל געטאָן, נישט נאָר כּדי צו פאַרהיטן, פאַרשטעלן און אויסבאַהאַלטן לוזין, נאָר נאָך מער, כּדי אַפילו אָנצופאַלן אַליין אויפן אָנפאַלער, ווי אַט ערשט אויף יונהן... זאָל דאָס ניט וואונדערן, ווייל ווי דען אַנדערש האָט געזאָלט טאָן סרולי, ווען ער איז פון דער אומגעריכטקייט פון דער פאַרקומעניש אין שטוב אַזוי איבערראַשט געוווען, אַז ער האָט געפילט, אַז נאָר אַ לעצט מיטל און אפשר אַפילו פאַר אים אַליין אַן אומגעריכטס, איז אומשטאַנד דאָס צעוויל־דעוועטקייט פון המון צו האַמעווען, און דאָס האָט, אַגב, געזאָלט זיין דאָס זעלבע מיטל, ווי ווען מ׳טוט אַ גאָס אַ קאַלט שעפל וואַסער אויף אַ שטאַרק־צעהיצטן.

ס׳האָט טאַקע אַ ביסל געווירקט... אָבער באַלד האָט זיך דער עולם געכאַפּט, אַז ער איז אָפּגענאַרט, און אַז דאָס, צוליב וואָס ער האָט זיך אַן אָנגעדרודלטער און פון פאַרשיידענע זייטן אָנגעהעצט, פאַרזאַמלט אַהער, איז אים אויסגערונען. די, ווי אַ פּעסיע, וואָס זיינען געקומען מיט טענות פון אויפריכטיקער פאַרביטערונג, האָבן פאַרלוירן פון אויג דעם, צו וועמען זיי האָבן געזאָלט אויסלאָזן דאָס ביטערניש — לוזין; און אַנדערע, וואָס זיינען, מיטגעשלעפּט פון עולם צוליב שפּיל און נייגער, גלאַט געקומען קוקן, איז די האָפענונג אויף דער פאַרשטייענדיקער פאַרשטעלונג פאַרשוואונדן, און דאָס מיינט ווידער לוזין.

מ׳איז געבליבן אַ ביסל אָפּגעשמיסן, אַט ווי קינדער, ווען מ׳כאַפּט ביי זיי אומבאַמערקט אַוועק אַ חפץ, מיט וועלכן זיי שפּילן זיך, און זיי בלייבן מיט ליידיקן און ווייסן ניט, וואוהין די זאַך איז פאַרשוואונדן און וואָס מיט די הענט דעמאָלט צו טאָן...

מ׳האָט זיך באַלד אַרויפגעוואָרפן אויף סרולין, ווי נאָר מ׳האָט זיך אַ ביסל באַדענקט און דערזען, אַז ער איז דער, וואָס האָט ביי זיי דאָס באַגערטע אַוועקגענומען.

— ווער איז ער, אַט דער? — האָבן געשריגן אייניקע, וועלכע האָבן סרולין ניט געקאַנט, און אַנדערע, וואָס יאָ געקאַנט, האָבן געשריגן אַנדערש:

— וואָס האָט ער דאָ צו טאָן, דער שלעפּער, דער הויז־גייער, וואָס לעבט פון פרעמדע טישן? וואָס פאַר אַ רוח האָט אים געבראַכט אַהער? ווער דאַרף אים?

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט זיך דעמאָלט אויך יונה, אַ באַדענקטער און צו זיך געקומענער נאָך דעם קאַלטן שעפּל, וואָס ער האָט פון סרולין אַריינגעכאַפּט, אויסגעשריגן: — ווער איז ער, אָט דער, וואָס אַן אַ דאַך, אָן אַ טאַטן, און וואָס דער רוח ווייסט פון וואַנען ער האָט זיך אויסגעריסן — פון קייטן צי פון אונטער גראַטעס, פאַר מאַכן פאַלש געלט, אָדער פאַר אַנדערע פסלנות — קוקט אים נאָר אָן, אָט דעם, וואָס קיינער זעט אים קיין מאָל ניט דאַווענען, ניט לערנען, ניט טאָן קיין מלאָכה, און די לעצטע צייט — אַפילו ניט אין די הייזער צו גיין. איז פרעגט זיך: פון וואַנען לעבט אַזאַ, אויב ניט פון די טונקעלע מאַכערייען, וואָס ווערן דאָ צווישן אַלע אָפּגעטאָן.

— קוקט אים נאָר אָן — האָט יונה צוערשט אויף סרולין אַנגעוויזן — און אָט יענעם — האָט ער דערנאָך אויך אַ וויז געטאָן אויף אַברהמלען, וואָס איז מיט צעשפּרייטע הענט, ווי אַ געקרייציקטער, ביי דער שוועל פון לוזיס אַלקער געשטאַנען — קוקט זיי נאָר אָן, ווי זיי האָבן זיך צונויפגערעדט צו באַשיצן און פאַרשטעלן יענעם, וועלכן מיר האָבן אָקאָרשט פאַר זיך געהאַט און איצט האָבן זיי אים אויסבאַהאַלטן פאַרן גערעכטן פּסק, וואָס האָט געוואַרט אויף אים.

— דו! — האָט באַלד נאָך יונהס דרשה, יונהן צו הילף און כּדי ער זאָל פאַרשפּאָרן מער צו דרשענען, איינער אַ פאַרשוין מיט אַ האַרטן קולעק פאַר סרוליס פּנים זיך באַוויזן, וואָס אַ קליינע האָר איז אָפּגעגאַנגען, אַז אָט דער קולעק זאָל זיך גאָר ניט איידל און גאָר־גאָר ניט ווייך טאָקע מיט זיין עצם פּנים באַגעגענען, און וואָס פון איר, פון אָט דער באַגעגעניש, וואָלט סרולי, געוויס, מיט בלוט זיך באַוואַשן, אָדער ער וואָלט זיך נאָך מיט אַ פּאָר פאָדערשטע ציין זיך געמוזט געזעגענען אַלס צוגאָב...

יאָ, דאָס מאָל האָט שוין געהאַלטן שלעכט מיט סרולין. ווייל, נישט האָבנ־דיק פאַר זיך לוזין און זייענדיק אומבאַפרידיקט פון דעם, וואָס מ׳האָט ניט געהאַט צו וועמען דעם אָנגעזאַמלטן כּעס אויסצולאָזן, וואָלט מען אים זיכער אויסגעלאָזט צו דעם, וועלכער האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון יענעם — פון אויסבאַהאַלטענעם און פאַרשטעלטן.

יאָ, ס׳האָט געהאַלטן שלעכט, ווייל יונה האָט דאָך, דאַרף מען קלערן, צווישן אָט דעם געדיכטן עולם, געוויס, זיינע אַ קליינע, אָבער אַ פעסטע מיטהעלפער־קאָמפּאַניע געהאַט באַשטעלט, וואָס אָדער ער האָט פריער, פאַרן אַהערקומען, זיי געגעבן אויסטרינקען, אָדער ער האָט זיי צוגעזאָגט אויף דער־נאָך, נאָך דער שלאָג־מלאָכה, אַ טרונק, אַזוי, אַז זיי זיינען געווען אומגעדולדיק, וועלנדיק, וואָס גיכער אויספילן זיין באַשטעלונג.

יאָ, ס׳האָט שוין געהאַלטן ביי אַ נאָענטן, אַנגעזעענעם, האַרטן קולעק לעבן סרוליס פּנים... אָבער אין דער מינוט האָט זיך סרולי אַ ריס געטאָן, צוליפנדיק צום דאָפּל־פענצטער, וואָס איז געווען פאַרקלעפּט אויף ווינטער,

און ווי געוויינטלעך, מיט וואַטע און אַלעם־אַנדערן באַוואָרנט אויף ניט אַרייַנ־לאָזן קיין קעלט אין שטוב. ער האָט פֿריער דאָס אינעווייניקסטע פֿענצטער אַ ריס אויף געטאָן, דערנאָך אויך דאָס אויסווייניקסטע... און קיין רגע האָט ניט געדויערט, ווי סרולי איז מיט איין פֿוס שוין אין דרויסן געשטאַנען — נישט צוליב דעם, ער זאָל באַלד אויך דעם צווייטן אַריבערכאַפּן, אויף אַוועק און אַנטלויפֿן, נאָר כּדי ער זאָל באַלד, נאָך דעם ווי ער וועט נאָר האָבן דעם קאָפּ אין דרויסן אַרויסגעשטעקט, מיט אַ גרויס קול אַהין אַרויסשרייַען:

— בודאַטשניק!... אַהער!...

כאָטש סרולי האָט געוואוסט, אַז ס׳איז אומזיסט זיין שרייַען, ווייל אין יענער טייל שטאָט איז אַפֿילו קיין שאָטן פֿון קיין בודאַטשניק קיין מאָל ניט געווען צו מערקן, אויסער גאָר־גאָר אין אויסגענומענע פֿאַלן, ווען יענע פֿלעגן, צוליב זייערן אַ טונקעלן כאַבאַר־עניק, אַליין אַהין פֿאַרבלאָנדזשען, אָדער ווען מ׳פֿלעגט זיי פֿון אַ העכערער, חשובער שטאָט־טייל ספּעציעל קומען רופֿן צוליב עפּעס; כאָטש ער האָט דאָס געוואוסט, דאָך האָט ער אַ געשריי געטאָן, רופֿנדיק, ווייל ערשטנס, האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט; און צווייטנס, האָט ער מיטן חוש דערפֿילט, אַז דאָס איז דאָס איינציקע וואָרט, מיט וועלכן מ׳קאָן ווירקן אויף דעם עולם אָפּקילנדיק...

און אַזוי איז טאַקע געווען: דער עולם האָט זיך גלייך דערשראָקן... נישט זעענדיק נאָך קיין סימן פֿון קיין בודאַטשניק, און אויך נישט גלויבנ־דיק אַפֿילו אין דער מעגלעכקייט, אַז אויף סרולים רוף זאָל זיך באַלד טאַקע אַזאַ איינער צו הילף באַווייזן; אָבער אַליין דאָס וואָרט און די מורא פֿאַר אַ צופֿאַל, אַז טאָמער פֿאַרט האָט סרולין געגליקט און ס׳איז גראָד יאָ איינער נישט ווייט פֿון דער שטוב פֿאַרבייגעגאַנגען, און סרולי האָט אים דערזען אין רעכטן אויגנבליק — איז שוין גענוג געווען, אַז דער עולם, בכל־אופֿן דער האַלב־אומשולדיקער און נישט פֿון יונהן אונטערגעשטעלט, זאָל יאָ נעמען גלויבן אין דער מעגלעכקייט, אַז באַלד, אָט־אָ, וועט דורכן פֿענצטער אָדער דורך דער טיר אַ קנעפּלמאַן, אַ מאַכט־האָבער, אַן אָרדענונג־היטער, זיך באַווייזן.

נו, און אויף צו טאָן־האָבן מיט אַזוינע האָבן זיך קיין בעלנים ניט גע־פֿונען, און קיינעם האָט זיך, ווי אַלע מאָל, דאָס נישט איבעריק געגלוסט... אַזוי, אַז דער ענג־געשטופּטער עולם האָט געגומען איילעק און וואָס גיכער זיך אַרויסשטופּן פֿון שטוב, אַזוי ווי פֿריער, ווען מ׳האָט זיך אַרייַנגעשטופּט, וועלנדיק דאָרט אָרט פֿאַרנעמען.

ס׳זיינען נאָכן גרויסן עולם בלויז איינציקע איינשטעלער געבליבן; אָבער בלייבנדיק אַליין, כאָטש אַפֿילו אויך מיט יונהן דעם באַשטעלער בראש, האָבן זיי שוין דעם אימפּעט אַנגעוואוירן און פֿאַר אַ האַלב אויסגעליידיקטער שטוב איז זיי אויך דער שלעגערישער דראַנג אָפּגעפֿאַלן.

זיי, אַט די פאַרשוינען, וואָס מיט די לייביקעס אויף די אַקסל און נישט אויף די אַרבל אַנגעטאָן, האָבן זיך אויך גענומען רוקן צו די ווענט און וואָס אַמאָל צו דער טיר נעענטער, ביז די גאַלאַנטאַנישע היץ האָט זיך זיי אויסגע־לאָשן, און אויך זיי זיינען אַרויס. אמת, עפּעס האָבן זיי נאָך גערדראָעט און צווישן די ציין געמורמלט, אַז נישקשה, אַז ווען מ׳וועט זיי (געמיינט: די לוזי־לייט) אַמאָל אין אַן אונטערגעסל טרעפן, וועט מען זיך מיט זיי אָפּרעכענען און זיי אָפּשלאָגן די כריפּעס... נו, איז גוט, איז זאָל זיין אַן אַנדערש מאָל, אַבי ניט איצט...

איצט זיינען זיי אַוועק און פון זייער שלעגערישער פאַרבאַרייטקייט און פון יונהס באַשטעלטער אונטערנעמונג איז גאָרניט ניט געוואָרן: מ׳האָט זיי איבערגעשלאָגן.

אויך אין דרויסן אַרויסקומענדיק, ווען דער עולם האָט דערזען, אַז ער איז ווייטער אָפּגענאַרט, ווייל קיין נאָענטע סכנה זיך צו באַגעגענען מיט קיין אָרדענונג־היטער איז אים ניט פאָרגעשטאַנען, האָט ער דאָך שוין מער קיין חשק ניט געהאַט אָנצוהויבן אויפסניי, און האָט זיך באַניגנט בלויז מיט דראָ־ענדיקע אויסגעשרייען, געוועגדט צום האַרבן סרולין, וואָס איז נאָך אַלץ מיטן איינעם פוס אין דרויסן געשטאַנען — אַ סימן, אַז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אַזאַ, וואָס אויב ער האָט געקאָנט אין מיטן ווינטער אַ פענצטער אויפ־רייסן און אַרויסשרייען צו הילף, אַזוי איז ניט אויסגעשלאָסן און אויף אַזאַ איז זיך צו ריכטן, ער זאָל זיין קאַפּאַבל אויך לויפן נאָך איר און פון אַן אַנדער אָרט זי ברענגען.

סוף־כל־סוף איז דער עולם זיך צעגאַנגען, צוזאָגנדיק, אמת, אַז ער וועט ווען ניט איז נאָך אַהער קומען, און אַז די דאָ־אין־שטוב וואוינענדיקע מעגן זיין זיכער, אַז ס׳וועט זיי ניט געשענקט ווערן און אַז לסוף וועט מען זיך מיט זיי צערעכענען.

אַט דעמאָלט, אַז סרולי האָט דאָס דערזען, האָט ער דורכן פענצטער, דורך וועלכן ער האָט צוערשט דעם פוס אַרויסגעשטעלט, אים איצט ווידער אַריינגענומען און איז אין שטוב אַריין. ער האָט צוערשט פאַרמאַכט דאָס אויסנווייניקסטע, דערנאָך דאָס אינעווייניקסטע, דעמאָלט האָט ער, צוקוקן־מענדיק צו אַברהמלען, וואָס איז ווי אַ פאַרשטיינערטער נאָך אַלץ אויף דער שוועל פון לוזיס אַלקער געשטאַנען און מ׳מעג שווערן, אַז אויך נאָך איצט מיט צענומענע הענט, ווי אַ געקרייציקטער — און ער האָט אים באַזייטיקט און פון זיין היטער־אַמט באַפרייט. דעמאָלט, ווידער, איז ער צו לוזין אין אַלקער אַריין, און טרעפנדיק אויך יענעם, ווי מ׳דאַרף קלערן, אין גאָרנישט קיין געהויבענעם שטאַנד, האָט ער, אַן הקדמות און אַן פאַרבאַרייטונגען, מחמת אויך ער איז דאָך נאָר וואָס פון אַ שווערן ערנסט, אַן אויפגערעגטער, אַרויס־געקומען, צו לוזין אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— ווי לוזי זעט, איז ער, סרולי, ווייזט אויס, געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז שטאָט שווייגט ניט, און אַז זי האָט בייזס פֿאַרטראַכט... איז אָט, איז זאָל ער וויסן זיין, לוזי, אַז דאָס, וואָס איז נאָר וואָס פֿאַרגעקומען, איז בלויז אַ פֿאָרשפּיל צו אַ שפּיל, בלויז אַ פּרוואו, אַן אָנהויב, פֿון וועלכער מ'האָט זיך פֿאַרלויפֿיק נאָך גליקלעך געקאָנט אויסדרייען. אָבער די בייז־באַגערער האָבן געוויס אויך איצט דאָס געוועך ניט אָוועקגעלייגט, און נאָך דער ערשטער, ניט־געלונגענער פּרוואו, קאָן קומען אַ צווייטע, אַ יאָ־געלונגענע, און ענדיקן קאָן זיך דאָס מיט גאָר גרויסע בזיונות, ווי אַרויסגעפֿירט ווערן מיט גרויס־שענדלעכן פֿאַראַד פֿון שטאָט אויף אַ געוויסן אופֿן — אויף אַ מיסט־וועגעלע, ווי מ'טוט מיט גרויס פֿאַרהאַסטע, ווען מ'מאַכט זייער לעבן הפֿקר. איז נו, איז ווי מיינט ער, לוזי, צי איז ניט גערעכט געווען סרולי, ווען ער האָט פֿון לאַנג געזאָגט, געוואָרנט און געפֿאָדערט, אַז לוזי דאַרף זען וואָס גיכער זיך אַליין פֿאַרנעמען און פֿאַרלאָזן די שטאָט?

— יאָ — האָט לוזי, קוקנדיק אויף סרולין אָפּגעענטפֿערט. — מסכּים — האָט ער אַ ביסל אַ מטושטשער פֿונעם נאָר וואָס פֿאַרגעקומענעם, פֿאַרלוירן און מיט אָפּגעבלאַסטע ליפּן, אויף סרוליס פֿאָרשלאָג באַשטייענדיק, סרולין נאָכגעזאָגט מיט הסכּמה.

## VIII

# סרולי גאָל גרייט זיך אין וועג

אין די נאָענטע אויפֿדערנאַכטן, נאָך דעם איבערגעשעענעם, האָט מען גע־קאָנט זען, ווי סרולי האָט זיך גענומען עפּעס אַפּט פּאַרען מיט זיין טאָרבע, וועלכע ער פֿלעגט אַלע מאָל מיטהאָבן אין זיינע וואַנדערייען. ווען ער פֿלעגט זומער־צייט די שטאָט פֿאַרלאָזן, ער האָט זי אַרויסבאַקומען פֿון ערגעץ אַ פֿאַרשטעקט ווינקל, וואו זי איז אַ צייט געלעגן אומגענוצט. ער האָט זי באַ־קוקט, באַטראַכט און מיט די אויגן געמאָסטן; און געפֿינענדיק זי, אַפּנים, צו קליין פֿאַר דעם אַלעם, וואָס ער האָט געדענקט, שפּעטער, ביי אַ געוויסער גע־לעגנהייט אין איר אַריינלייגן, האָט ער זי, לסוף, צעטרענט, אַ ניי שטיק לייוונט אין איר אַריינגעגעבן און אַזויערנאָך זי פֿאַרגרעסערט. ער האָט אויך צוגענייט אַ צווייטן אויער, כּדי ער זאָל זי, אַ פֿול־אָנגעלאָדענע, פּעסט אויף די פּליי־צעס האָבן ליגן, נישט ווי אַלע מאָל ביז אַהער, ווען ער פֿלעגט זי, אַ לייכטע, אויף איין אויער נאָר, אויף אַ זייט רוקן פֿאַרוואַרפֿן. ער האָט אַפֿילו אין איינעם אַ לעצטן אויפֿדערנאַכט, נאָך דעם ווי ער האָט זי שוין געהאַט אויס־געפּאַרטיקט, לויט זיין נייעם פֿאַרטראַכט, געפּרואווט אַריינלייגן אין איר אַלץ דאָס, וואָס ער האָט, ערשטנס, געדאַרפֿט צו זיין אייגענעם געברויך, דערנאָך אויך איניקע לוזיס זאַכן, ווי טלית און תּפֿילין, עטוואָס וועש און אַ שבתדיקן בגד. און אַזוי, אַ פֿול־אָנגעפּאַקטע, האָט ער זי דורך ביידע אויערן אויף די פּלייצעס גענומען, צו זען, ווי לייכט, אָדער שווער, באַקוועם, אָדער ניט, זי וועט אים, אַ פֿאַרגרעסערטע איצט אין וועג דינען; און נאָך דעם, ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אַלץ איז ווי ס'באַדאַרף צו זיין און אין בעסטער אָרדענונג, האָט מען געקאָנט מערקן, ווי אַ שטילער נחת־רוח האָט אים דאָס פּנים מיט באַפֿרידיקונג באַשיינט און אויך ווי זיין בוזים וואָלט אים פֿול זיין מיט באַפֿרידיקונג.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער טאָרבע, האָט ער אָנגעהויבן פֿאַרפֿאַלן ווערן אין די פּרימאָרגנס. באַזונדערס פֿון די זונטיק־טעג און מיטוואָכס, ווען ס'קומען פֿאַר האַלבע ירידים אין שטאָט, בעת וועלכע מ'האָט אים געקאָנט זען זיך אומדרייען אויף די מאַרק־פּלעצער און עפּעס האַלטן אין איין זיך איינקוקן אין פֿרעמדע מענטשנס פּנימער, ווי גלייך ער וואָלט זוכן צו דערקענען איינעם, וואָס

גייט אום אין עולם־התוהו... אממערסט האָבן אים אינטערעסירט פאַרשווינען אָפּגעריסענע, האַלב־לײדיקגייער, אָן באַשעפטיקונגען און אַפילו אויך קליינע בר־דעתן...

און אָט, אין איינעם אַ פרימאָרגן, האָט ער אַזאַ איינעם געפונען: אַ צוואַנ־ציקיעריקן קריסטלעכן בחור, מיט אַ לאַנגן שאַלאַכוואַן ביז דער ערד, אײ־בערגעגורט ביי די לענדן, און מיט אַן אָפּגעקראַכן גרינלעכן סאַמעטענעם קלאַבוק. — אַ סימן, אַז דער פאַרשוין האָט געדינט אין אַ מאָנאַסטיר ווי אַ מאָנאַכן־ברודער, ערשט אויף דער לערע, און וואָס איבער געוויסע סיבות איז ער אַליין פון דאָרט אַוועק. אָדער מען האָט אים דעם וועג געוויזן און אים אַרויסמשלחט איבער זיין שלימזל.

דערזען אָט דעם פאַרשוין, האָט זיך סרולי צו אים אַ לאָז געטאָן, און באַלד נאָך דער ערשטער באַקענטשאַפט, איז יענער אים, ווייזט אויס, גע־פעלן, און באַלד האָט ער אים אַ פאָרשלאָג געמאַכט און זיך געהייסן נאָכגיין. יענער האָט געפאָלגט, און באַלד האָט מען געקאָנט זען, ווי פון צווישן גערדיכטן עולם אַרויס, האָבן זיך ביידע, סרולי מיטן בחור, ווי צו איין זאַך אָפּגערעדט, אַרויסגערוקט — סרולי פאָרויס, אָן שום זאַכן, און דער קריסט־לעכער בחור־פאַרשוין, מיט אַ קליין פעקעלע אין דער האַנט — אַפּנים, אַ לעצט ביסל פאַרמעגן, מיט וועלכן ער איז פון מאָנאַסטיר אויף דער גאָרער לײדיק־גײיערישער וועלט אַרויסגעשיקט געוואָרן.

דאָס האָט סרולי אָט דעם בחור פאַר אַ הויף־היטער באַשטימט, און גייענדיק מיט אים פון מאַרק אין שטאָט און פון איין גאַס אין דער צווייטער, דורך וועלכע דער וועג איז זיי געלעגן, האָט סרולי אים, לסוף, אין הויף פון משה מאַשבער געבראַכט.

ער האָט אים ניט אַריינגעפירט צו די באַלעבאַטים פון הויף אויף זיך אָפּרעדן און באַדינגען, ווי ס׳פירט זיך; נאָר לאָזנדיק אים שטיין אין דרויסן ביי מיכאַלקעס שטובעלע איז ער אַליין צו משה מאַשבערס קינדער אַריין, און טרעפנדיק משה מאַשבערס עלטערע טאָכטער יהודיתן, האָט ער איר גלייך, אָן הקדמות, אַ זאָג געטאָן:

— ער האָט געבראַכט אַ סטרוזש אין הויף, וואָס וועט צונוץ קומען אויך אויף אַנדערע אַרבעטן.

יהודית האָט אים אויסגעהערט און נישט יאָ, נישט ניין געזאָגט. זי האָט שווייגנדיק זיין אונטערנעמונג באַוויליקט, ווי זי וואָלט באַוויליקט אַלץ, וואָס ס׳וואָלט איצט געקומען פון סרולין פאָרגעשלאָגן, ווי פון אַזאַ, וואָס ווי זי האָט געוואוסט, האָט ער דאָך געקאָנט זיין דער הויפּט בעל־דעה דאָ אין שטוב, און וואָס נאָר פון זיין גוטן ווילן האָט ער זיך פון איר אָפּגעזאָגט, פון דער דעה.

אַגב, אײדער נאָך ער האָט איצט דעם קריסטלעכן בחור געבראַכט, פֿלעגט יהודית אים די לעצטע צייט זען אַמאָל אין אַ פֿרימאָרגן, אַמאָל אין אַ ביטאָג, אַרײַנקומען און זיך אַרומדרייען אין הויף, נישט טוענדיק, דאָרט גאָרנישט און נישט קומען דערנאָך אין שטוב עפּעס פֿאַרצולייגן אָדער גלאַט אַ וואָרט זאָגן. קיינער האָט אים נישט געפֿרעגט, וואָס ער דאַרף, און באַגערט מיט זיין אַהערקומען. אויך ער, סרולי, אַליין האָט נאָכן לאַנגן אומדרייען זיך דעמאָלט אין הויף, נישט געפֿונען פֿאַר נויטיק עמעצן צו דערקלערן דעם ציל, צוליב וועלכן ער האָט זיך אַהין געטראָפֿן. נאָר איצט האָט ער פֿאַר פֿיל מאָל דעם הויף באַזוכן אויף אַזאַ אופֿן, זיך יאָ אין שטוב אַרײַנגעשטעלט און געמאָלדן, וואָס געמאָלדן: אַז ער האָט געבראַכט אַ סטרוזש אין הויף.

מ'האָט אָנגענומען זיין מעלדונג נישט ווי קיין באַפֿעל, אויך נישט ווי קיין גוטע עצה, מיט וועלכער מ'איז מסכּים מיט דאַנק; נאָר האַלב קיל און גלייכגילטיק, ווייל קיינעם און באַזונדערס משה מאַשבערס טאָכטער יהודיתן, איז שוין די גאַנצע באַלעבאַטישקייט אַזוי ווייט נישט אָנגעגאַנגען, אַז זינט מיכאַלקע, דער פֿריערדיקער הויף־היטער, האָט זיך געפֿעלט, איז איר אַפֿילו אויפֿן זינען ניט געקומען אים מיט קיין אַנדערן צו פֿאַרבייטן... מ'איז זיך שוין באַגאַנגען אָן אים, אַזוי ווי מ'איז זיך באַגאַנגען אויך מיט דער איינער דינסט, וואָס אַפֿילו פֿאַר איר, פֿאַר דער איינער, האָט שוין קיין גענוג אַרבעט ניט געקלעקט.

אַזוי, אַז ווען מ'האָט איצט יאָ געבראַכט אַ נאָך איינעם צו הילף, האָט זיך קיינער מיט אים ניט געפֿרייט... און דאָך איז ער געבליבן, דאָך האָט אים סרולי באַשטעלט, באַשטימט און אַהער געבראַכט. צו וואָס? — מעגלעך, אַז דער באַלעבאַטישער אָדער האָט זיך אין אים צערעדט, זעענדיק, ווי דער הויף איז פֿאַרלאָזט, נישט געקערט, נישט געררומט, און וויסנדיק, אַז זומער־צייט וועט אויך דער סאָד בלייבן אָן אַ אַכטונג־גיבנדיקן אויג. מעגלעך — דאָס, מעגלעך אָבער אויך, אַז ניט דאָס, נאָר בלויז אַ קאַפּריז ביי סרולין, וואָס דער האַלב־תּמעוואַטער קריסטלעכער בחור איז אים געפֿעלן, און וואָס זעענדיק, ווי ער דרייט זיך אום אינעם גרינלעך־סאַמעטענעם קלאַבוק און מיטן קליינעם אַרעם פּעקעלע אונטערן אָרעם אין מאַרק, אָן באַשעפֿטיקונג, האָט ער געפֿונען פֿאַר פּאַסיק צו פֿאַרן אָט דעם אָפּגעפֿאַרענעם און צוגע־שלאָגענעם פֿאַרשוין מיט דער צוגעשלאָגענער און יורדיש־אָפּגעפֿאַרענער שטוב פֿון משה מאַשבער.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, נאָר סרולי האָט אים פֿאַר אַ היטער באַשטימט, אים געלאָזט; און נאָך דעם ווי ער האָט אים באַוויזן מיכאַלקעס שטיבעלע, וואו ער וועט זיך אויפֿהאַלטן און נעכטיקן, איז פֿאַרן אַוועקגיין און אים לאָזן אַליין, האָט ער אים אין קורצע ווערטער אויך דערקלערט זיינע פֿליכטן, וואָס ער וועט האָבן אויסצופֿילן אין הויף, אין שטוב אאַז״וו.

און גוט, זאָגן מיר, האָט סרולי געטאָן, און ריכטיק, ווייל אַט דער האַלב־תּמעוואַטער בחור־פאַרשוין האָט זיך טאַקע רעכט גוט געפּאַסט צו משה מאַשבערס שטוב און הויף דעמאָלט מיט זיין שטענדיקן שוויגן און גולמישן ווען־אַמאָל־צו־זיך־אַליין־שמייכלען גוט און איבער גוט, ווי יעדער טאָט, וואָס טראָגט קיין תּרעומות ניט אויף דער וועלט, וואָס פון אַלע אירע רייכקייטן איז אים בלויז אַ קליינער חלק, אַ מינדסט טיילעכל אַראָפּגעפאַלן.

ווייל, יאָ, קיין סך האָט ער ניט באַדאַרפט: קיין איבעריקע בגדים ניט, ניט האַבנדיק פאַר וועמען זיך אויסצופּיינען און פון ניט זוכן קיינעמס חבר־שאַפט, אויסער נאָר פון אַ קאַץ אַמאָל, אַמאָל פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן הונט, און אויסער אויך שפּעטער, זומער — די חברשאַפט מיט פייגעלעך אין סאָד, וועלכע ער האָט גוט געקאַנט און געוואוסט יעדערנס נאָמען און זייער יעדענס מינדסטן פּישטש סיי אין דער פרי ביים אויפוואַכן און סיי פאַרנאַכט, פאַרן אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט אויך ווייניק באַדאַרפט פון עסן, זיך באַנוגנדיק בלויז מיט אַ שיסעלע הייס וואַסער, אין וועלכן ער פלעגט אַריינבראָקן זיין פאַרציע ברויט, בולקע, וועלכע ער האָט אַלע אין דער פרי און פאַרנאַכט באַקומען אויפן קיך אים אויסגעטיילט.

יאָ, זאָגן מיר, ער האָט זיך זייער גוט אַריינגעפּאַסט אין דער יורדישער שטוב פון משה מאַשבער בכלל, ובפרט האָט ער זיך זייער גוט געפּאַסט מיט איניקע שטוב־מענטשן, ווי מיט אַלטערן, מיט וועלכן ער האָט זיך פון ערשטן קוק, פון דער ערשטער באַגעגעניש באַפריינדעט און, קיין מינדסט וואָרט נישט אויסריידנדיק, האָט מיט אים דאָך שטיל־שוויגנדיק און חבריש זיך צונויפגעזונגען.

ס'איז געווען אַ בילד פאַר אַן עכטן קינסטלער צו מאָלן, ווי אַזוי וואַסילי (דער נאָמען פונעם צוגעשלאָגענעם מאָנאָכן־בחור) האָט, שטייענדיק אין סאָד, וואוהין ער פלעגט אַמאָל אין אַ פרימאָרגן פאַרבלאָנדזשען, אַן שום באַדאַרף — די אויגן אויפהויבן און פּלוצלים דערזען אַלטערן ביים פענצטער פון זיין אויבערשטיבל שטיין, און ווי אַזוי אי דער, אי יענער האָב זיך מיט האַלב־פאַרחידושטע, האַלב־היימישע, האַלב־אָפּגעפרעמדטע אויגן באַגעגנט און זיך פאַרשטענדיקט אויפן וואונק; און ווי אַזוי, ווידער, נישט געקוקט אויף זייער פאַרשיידענער אָפּשטאַמונג — אַלטער אַ ייד און וואַסילי — נישט — האָבן זיי דאָך זיך דערפילט פאַרברודערט, געפינענדיק, אַפנים, אַ געוויסע געמיינזאַמקייט אין זייערע ביידנס געמינערטע גורלות, ווי אויך אַ שטיל־שמייכלענדיקע באַרעכטיקונג פאַר זייער שוואַכזיניקער שפּראַך אָן ווערטער, בשעת איינער שטייט אונטן און קוקט אַרויף צום צווייטן אויבן, און דער פון אויבן קוקט אַראָפּ צו דעם, וואָס אונטן — אַ בילד צו מאָלן...

זיי פלעגן זיך אַמאָל אויך נעענטער באַגעגענען, און אַ קורצער, האַלב־אומפאַרשטענדלעכער געשפּרעך פלעגט צווישן זיי פאָרקומען, אי דאָס אויך

מער מיט וואונקען, ווי מיט ווערטער, בעת אַז דער וואַסילי פֿלעגט אַ קוק טאָן שטיל־באַהאַרצט אויף אַלטערן מיט זיינע בלווילעך־רוסישע בלימל־אויגן, און אַלטער האָט וואַסילין מיט דעם זעלבן געצאָלט — מיט אַ פֿריינטשאַפֿטלעכן בליק פֿון זיינע יידיש־שוואַרצע...

ס׳איז דערנאָך, זומער־צייט, געשלאָסן געוואָרן אויף צווישן מאירלען, משה מאשבערס אייניקל, מיט וואַסילין אַ זעלבער סאָרט חברשאַפֿט, וועלכע האָט זיך אויסגעדרוקט אין דעם, וואָס מאירל פֿלעגט אַמאָל גאַנצע שעהן שטילשווייגנדיק פֿאַרברענגען מיט וואַסילין, נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט מיט אים, אי מחמת דאָס פֿרעמדע לשון האָט דאָס אים ניט דערלויבט, אי אויך דערפֿאַר, ווייל מיט וואַסילין איז נישט געווען וועגן וואָס צו ריידן; נאָר גלאַט אַזוי, אַמאָל אונטער אַ שאָטן פֿון אַ בוים זיצן, אָדער ליגן, און זיך איינהערן, ווי אַז דער וואַסילי זינגט אַליין פֿאַר זיך אַ קלויסטער־ניגון, אָדער רעדט זיך דורך מיט אַ באַקאַנט פֿייגעלע אויף פֿויגל־לשון, נישט צו דערקענען קיין מינדסטן אונטערשייד צווישן דעם, וואָס מאַכט דעם נאָך, און צווישן פֿויגעלע אַליין, וואָס דאָס געזאַנג קומט דעם אַן עכט־געבוירט פֿון אייגענעם גערגעלע.

אַזוי, זאָגן מיר ווידער, אַז סרולי האָט ניט שלעכט געטאָן, וואָס ער האָט אַהער געבראַכט אַט דעם וואַסילין... שפּעטער אָבער האָט ער נאָך עפּעס געטאָן, וואָס בנוגע יענעם ווייסן מיר שוין נישט צו זאָגן „גוט” אָדער „שלעכט”.

ער האָט שפּעטער מיט עטלעכע טעג, נאָך דעם ווי ער האָט דעם הויף־היטער צו משה מאשבערן אין הויף געבראַכט, זיך ווידער אין יענער שטוב באַוויזן, און ווידער טרעפֿנדיק יהודיתן, משה מאשבערס טאָכטער, אין עס־צימער אַליין, האָט ער זיך צו איר וועגן אַ נייעם ענין איצט געווענדט.

דאָס מאָל האָט ער זיך פֿאַרגונען עטוואָס היימישלעכער זיך אויפֿפֿירן און נישט ווי קיין מרוק פֿון אונטערן דאַשעק צו ריידן. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ בענקל קעגן יהודיתן, און שטיל, בנעימות, ווי מ׳רעדט צו אַ קראַנקן, וועמען מ׳וויל ניט קיין ווייַ פֿאַרשאַפֿן, האָט ער זי אַ פֿרעג געטאָן:

— צי ווייסט זי, אַז איר טאַטע, משה מאשבער, איז אים געלט שולדיק?

— זיי ווייסט — האָט יענע פֿאַרוואונדערט אים אַנקוקנדיק געענטפֿערט.

— נו, און צי ווייסט זי — האָט ער ווייטער געפֿרעגט, — אַז די שטוב איז אויף זיין נאָמען איבערגעשריבן, און אַז ער וואָלט זיך געקאָנט פֿירן מעשה־באַלעבאָס און פֿירט זיך ניט?...

— אַוודאי ווייסט זי — האָט יהודית ווידער געענטפֿערט שוין עטוואָס שטאַמלענדיק און פֿאַרלוירן, מורא האָבנדיק, אַז צו אַלע לעצטע צרות זאָל דאָ, אַט באַלד, נאָך עפּעס איינע אַ נייע אויפֿשווימען, אַן אומגעריכטע.

זי האָט סרולין אין די אויגן געקוקט און הינטערוויילעכץ דערלערנט זיין יעדע מינע, ווי וועלנדיק טרעפן, מיט וואָס פאַר אַ מיין, אַ גוטן אָדער אַ שלעכטן, זיינען איר אָקאָרשט אָט די פראַגעס געשטעלט געוואָרן.

— אוודאי ווייסט זי — האָט זי ווידער געזאָגט — אַז ער באַגייט זיך ווי אַנדערע אויף זיין אָרט וואָלטן זיך ניט באַגאַנגען... פאַרקערט, אַדרבא...

— איז אָט — האָט סרולי ביי איר ווי די ווערטער פון מויל אויסגעכאַפּט און זי ניט געלאָזט פאַרענדיקן — איז זאָל זי זיך פאָרשטעלן, משה מאַשבערס טאָכטער, אַז ער, סרולי, איז, לאָמיר זאָגן, אַ באַווייבטער, און ער וואָלט וועלן — נישט די גאַנצע שטוב פאַרנעמען, ניין — נאָר אין איינעם אַ צימער זיין משפחה באַזעצן. וואָס וואָלט זי געזאָגט דערויף און צי וואָלט זי געהאַט עפּעס קעגן?...

— ניין, חלילה, ער האָט רעכט, ער קען פאַרנעמען, וואָס ער וויל און קיינער קאָן אים ניט פאַרבאָטן... אָבער — האָט יהודית צוגעגעבן אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט — אויף וויפל זי ווייסט, האָט ער, דאַכט זיך גאָרניט קיין משפחה.

— ניין, טאַקע, קיין אייגענע משפחה ניט, נאָר אַ גאָר־נאָענטע, וועמען ער מוז באַזאָרגן.

— איז אַדרבא — האָט יהודית געזאָגט אַ דערלייכטערטע, זעענדיק, אַז ס׳האַנדלט זיך ניט וועגן דער גאַנצער שטוב, נאָר וועגן אַ טייל, וועגן בלויז אַ צימער — אַדרבא, געזונטערהייט... זאָל ער מיט איר באַלד גיין אַ קוק טאָן, זיך אויסקלייבן, וואָס ער וויל, און אַפילו היינט, מאָרגן אַהין אַריינברענגען וועמען ער האָט בדעה...

יהודיתן זיינען געשטאַנען טרערן אין די אויגן, דאָס זאָגנדיק, און זי האָט זיך נאָר געמיט פאַר סרולין זיי אויסבאַהאַלטן, אַז ער זאָל זיי ניט באַמערקן. סרולי האָט אָבער יאָ באַמערקט, און דערפאַר האָט ער פאַרזיכטיק, זייער פאַרזיכטיק, דעם אויסוואַל פונעם צימער דורכגעפירט, נישט געקליבן לאַנג און זיך אָפּגעשטעלט אויפן קלענסטן, אויף אַ זייטיקן און אויף אַזאַ, וואָס וועט זיך וואָס ווינציקער אָנקערן מיט דער שטוב, כדי די נייע איינוואוינער זאָלן די אַלטע ניט שטערן...

און אָט האָט מען אָפּגעמאַכט וועגן אויסדערוויילטן, און סרולי איז אַוועק און מער האָט ער קיין וואָרט ניט געזאָגט.

מ׳האָט אים געקאָנט זען, נאָך דעם ווי ער האָט דעם באַזוך ביי משה מאַשבערס טאָכטער אָפּגעפּראַוועט, ווי ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין יענער אָרעמער טייל שטאָט, וואו מיכל בוקיערס וואוינונג האָט זיך געפונען און ווי ער האָט אַהין אין הויף אַריינגעטראָטן, דערנאָך, פאַר מיכל בוקיערס נידעריקער טיר פון פאָדערהייזל דעם קאָפּ אָנגעבויגן און איז אין שטוב אַריין.

ער האָט זיך דאָרט לענגלעך פאַרזאַמט, ווייל ווי ס׳ווייזט אויס, האָט ער געהאַט עטוואָס וויכטיקס אָפּצורעדן און מיט דער דאָרטיקער איינוואוינעריך, מיט מיכל בוקיערס אַלמנה, אַ שווערלעכן ענין צו דערליידיקן. דאָס מיינט מען: מיט איר אייגטענהן, איר איינריידן און איר צו פאַרשטיין גיבן, זי זאָל מסכּים זיין מיט דעם, וואָס האָט זיך איר אי ניט געגלויבט, אי אויפן זינען ניט געלייגט.

— וואָס הייסט? — האָט זי, אַ פּריטשמעליעטע, געטענהט, אויסהערנדיק סרוליס פאָרשלאַג — צו וואָס גאָר צו יענע? צו וואָס אין אַזאַ רייך הויז? צי איז ניט בעסער בלייבן דאָ, וואו זי איז, וואו זי איז געוואוינט, זי זאָל נאָר האָבן דירה־געלט צו באַצאָלן.

— האָט זי דאָך אָבער ניט... — האָט סרולי אַ זאָג געטאָן בייזלעך — און אָט דאָס איז דאָך די מעשה וואָס דאָרט לאָזט מען זי אומזיסט.

נאַטירלעך, אַז אויסהערנדיק סרוליס לעצטע ווערטער, האָט מיכל בוקיערס ווייב אַוודאי געמוזט מסכּים זיין, באין ברירה.

און אויף מאָרגן, אין דער זעלבער צייט, האָט מען ווידער געקאָנט זען, ווי סרולי איז אַהין אין הויף מיט אַ פורל אַריינגעפאָרן. באַלד האָט מען פון מיכל בוקיערס שטוב געגומען טראָגן דאָס אָרעמע מעבל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אַלט־צעריפּעטער שאַפע, פון הילצערנע ירושה־בעטן, פון מאָיל צעפּרעסענע; פון אַ באַנק־בעטל, וואָס דאָס ווענטל איז מיט היי געפּאַקט, און אַנדערע ענלעכע שטוב־חפצים און קיך־מכשירים, אויף וועלכע ס׳האָבן דערנאָך געגומען רייטן, אין דער הויך אַרויפגעזעצטע, מיכל בוקיערס קלענערע קינדער — אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע. מיכל בוקיערס אַלמנה, מיט דער שוין דערוואַקסענער טאָכטער, האָבן צופוס גייענדיק, דאָס פורל פון הינטן באַלייט, און פון פאָרנט, פאַרן פערדל, האָט דער פורמאַן מיט סרולין געשפּאַנט, פאָרנדיק מיט דעם אָרעם אָנגעלייגטן סקאָרב אין יענער גאַס, צו יענעם הויף און צו יענער שטוב, וואוהין אַזאַ פורל מיט אַזאַ אָנגעוואַלגערטער און סטאַרטשענדיקער אָרעמקייט איז קיינמאָל ביז דעמאָלט ניט צו זען געווען אַהין צוצופאָרן...

ס׳איז ווייזט אויס, שוין אַפּריער געווען אָפּגערעדט, אַז צו דער צייט זאָל אָט דער מענטשן און מעבל־צוג צום הויף צוקומען, ווייל ווי נאָר ער איז אַהין צו, אַזוי איז יהודית, משה מאַשבערס עלטערע טאָכטער, פון שטוב און פאַרן טויער אַרויסגעקומען, אָט, ווי מ׳קומט אַרויס צו באַגעגענען געסט, וועלכע מ׳דאַרף, אָדער מ׳וויל מיט אַ גוט־געגויגטער מינע אויפנעמען.

דאָס מאָל, ווי מ׳דאַרף פאַרשטיין, האָט דאָס יהודית ניט איבעריק גערן געטאָן. זי האָט דאָס אַוודאי געוואָלט מאַכן וואָס בעסער און מיט אַ מער אויפגעלייגט פּנים; אָבער דערזעענדיק די פאַרשוינען, מיכל בוקיערס יידענע מיט די קינדער, צו וועמען אָט דאָס באַלעבאַטישקייט האָט געטאָן געהערן,

אַזוי האָט זי זיך ניט איינגעהאַלטן און מעשה גבירישע טאָכטער, האָט זיך צו סרולין אַ ווענד געטאָן און אַ זאָג געגעבן:

— צו וואָס דאָס אַלץ. די שטוב האָט געגנוג אייגן מעבל אויף די נייע איינוואוינער צו באַזאָרגן. ווער דאַרף דאָס? — האָט זי, אויף דער פֿור אַנ־ווייזנדיק, געזאָגט... ווייל יאָ, עד־כאן, האָט דאָס געהייסן, ביז אַהער האָט זי סרולין נאָכגעגעבן, און איצט זאָלן אַנדערע איר ווילן טאָן.

ס'איז איר אַוודאי שווער געווען, יהודיתן, און מילאַ, וואָס געהער אַליין די נייע איינוואוינער, האָט זי, די גבירישע טאָכטער, ווי ניט ווי, נאָך מסכּים געווען זיי אויפֿצונעמען און געצוואונגענערהייט צו זיי זיך צוגעוואוינען, אָבער אָט דאָס אָפּגעפּאָרענע, קבצנישע מעבל, וואָס האָט פֿון דער אַנגעוואַלגערטער פֿור אַראָפּגעקוקט, איז איר געווען דערווידער, זי זאָל ביי זיך קאָנען פּועלן דאָס האָבן אין נאָענטער שכנות.

סרולי האָט זיך ניט איבעריק געשטעלט, פֿאַרשטייענדיק, אַז, סוף־כּל־סוף, וועט מיכל בוקיערס יידענע ניט אַרויסקומען קיין רעה דערפֿון — פֿאַר־קערט... ער האָט זיך דערום גלייך געווענדט צו יענער און איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז נישקשה, ס'וועט ניט אויסמאַכן, אויב איר באַלעבאַטישקייט וועט אויף דער ווילע ערגעץ אין אַ קאָמער אָפּגעלייגט ווערן, נישט צו איר און נישט צום מעבלס שאָדן.

מיכלס יידענע איז די ערשטע מינוט שווער געווען איינגיין זיך צעשיידן מיט איר אייגנס, וואָס ווי ס'זאָל ניט זיין, איז זי צו דעם אַזוי לאַנג צוגע־וואוינט... אָבער אַז סרולי האָט איר נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל דערקלערט און איר צו פֿאַרשטיין געגעבן, אַז מ'מיינט איר טובה, און אַז פֿון איר גע־בראַכטן גוטס וועט קיין האָר ניט געמינערט ווערן, און אויך — אַז אין וואָס זי וועט זיך נויטיקן, וועט זי קאָנען באַקומען פֿון גרייטן — איז זי באַ־שטאַנען. כאָטש ווידער און צוריק גערעדט, האָט עס זי אויך נאָכן באַשטיין, צום איריקן געצויגן, און אירע אויגן האָבן געקוקט פֿול מיט מיטלייד, ווי אַזוי מ'האָט גענומען טראָגן אירע זאַכן אין אַ וויטלעך־פֿאַררוקטער קאָמער, וואָס, לויט איר, האָט דאָס ניט פֿאַרדינט אַזוי פֿאַרשעמט און פֿאַררוקט צו זיין אין אומכּבוד.

דאָך איז זי איינגעגאַנגען און איז ענדלעך אָן זאַכן אין שטוב אַריין. סרולי איז מיט איר מיטגעגאַנגען. ער האָט, קומענדיק אין שטוב און זי צונויפֿפֿירנדיק מיט יהודיתן, זיי נעענטער באַקאַנט געמאַכט, און צוערשט האָט ער אויף אַן איידעלן אופֿן געגעבן אַנצוזאָגן יהודיתן, זי זאָל זיך ניט אי־בעריק גרויסן איבער יענער, און פֿאַרקערט, דער צווייטער, מיכלס ווייב — זי זאָל ביי זיך ניט אַראָפּפֿאַלן און זיך ניט האַלטן פֿאַר אַנגעוואָרפֿן... כאָטש צוריקגערעדט, האָט ער דער לעצטער אויך אָנצוהערן געגעבן, אַז ווען זי, מיכלס ווייב, וועט זען, אַז די שטוב נויטיקט זיך אין איר הילף, זאָל זי

צוהעלפֿן און זאָל קוקן אויף זיך ווי אויף אַ משרתטע, וואָס דינט נישט פֿאַר געהאַלט, נאָר פֿאַר דירה אומזיסט.

און אַזוי איז דאָס געבליבן: מיכל בוקיערס יידענע מיט אירע קינדער ביי משה מאַשבער פֿאַר אַ שכנה איינגעשטעלט — אַ זאַך, וואָס ס'האָט גע־קאָנט איינפֿאַלן נאָר אַזאַ ווי סרולין — מעגלעך, ווידער בלויז צוליב קאַפּריז, און מעגלעך, אַז סרולי האָט דאָ אַ ווייטן מיין געהאַט, ווי מיר וועלן אין אַ ווייטערדיקן טייל בוך דערמאָנען.

אַזוי צי אַזוי, נאָר סרולי האָט, גרייטנדיק זיך אין וועג, אויך אָט די צווייטע זאַך אָפּגעטאָן.

און אויך אַ דריטע זאַך האָט ער געטאָן, און אָט וואָס:

ער האָט איינמאָל אָפּגעצירקלט אַ צייט, ווען לוזי איז אַוועק צו באַ־זוכן זיין ברודער משה מאַשבערס הויז־געזינט. און ווען אַברהמל לובלינער, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ אויפֿגעהאַלטן אין N ביי לוזין, איז אַליין אין שטוב געבליבן, און דעמאָלט איז ער מיטאַמאָל צוגעטראָטן פֿאַר אַברהמלען, און אַרויסנעמענדיק אַ פֿלאַש משקה פֿון קעשעניע, האָט אַ זאָג געטאָן:

— זאָל זיך אַברהמל ניט אָפּזאָגן פֿון צו זיין אַ שותּף צו אַ „לחיים".

— וואָס עפּעס פּלוצלים? ניט קיין יום־טוב, ניט קיין ראש־חודש? — האָט אַברהמל מיט אַ צוריקגעצויגענעם אָקסל סרוליס פֿאָרשלאָג געוואָלט אָפּ־ווענדן; ערשטנס, ווייל ס'איז באמת ניט קיין צייט דערויף, און צווייטנס, ווייל וואָס איז ער אים פֿאַר אַ מיטטרינקער, ווען יענער, סרולי, האָט זינט ער, אַברהמל, האָט אָהער צו לוזין אין שטוב זיך באַוויזן, זיך פֿון אים אַזוי ווייט געהאַלטן, ווי גלייך ער באַמערקט ניט זיין זיין דאָ אַפֿילו, איז צו וואָס האָט ער אים פּלוצלים יאָ באַמערקט און צו אים אין שותּפֿות זיך אָנגעשלאָגן.

— ער האָט היינט יאָרצייט — האָט סרולי געזאָגט.

— יאָרצייט? — האָט אַברהמל זיך פֿאַרחידושט — איז פֿאַרוואָס האָט ער דאָס ניט געמאַכט אין דער פֿרי ביים דאַוונען און מיט אַ מנין?

— ער האַלט ניט פֿון קיין מנינים. ער האָט ליב ביחידות.

— וואָס הייסט? — האָט אַברהמל אים אָנגעקוקט און בשעת מעשה האָט ער דערזען, ווי סרולי מאַכט שוין אָרט ביים טיש, באַקומט אַרויס פֿון ערגעץ אַ פּאָר קעלישעקס, און אָט נעמט ער שוין די משקה אָנגיסן, ווי גלייך ער וואָלט שוין געהאַט די הסכּמה און מיטשטימונג פֿון אַברהמלען.

— לחיים! — האָט סרולי באַלד טאַקע זיין אָנגעפֿולטן קעלישעק אויפֿ־געהויבן, אים אַ שטרעק געבנדיק צו אַברהמלען, וואָס איז געווען געצוואונגען, כּדי ניט פֿאַרשעמען סרולין און אים אַליין לאָזן מיט זיין וואונטש, אויך זיינעם אויפֿצוהויבן און פֿאַר יוצא וועגן אים צום מויל און צו די ליפּן ברענגען: לחיים:

— לחיים — האָט סרולי ווידער אַ זאָג געטאָן, און אַברהמל האָט ווידער דערזען, אַז סרולי איז עפּעס שטאַרק אויפגעראָמט און פייערלעך געשטימט, ווי גלייך ער וואָלט אונטן אַרום, נאָך פון פריער שוין נישט איין כּוסה גע־האָט אַריינגעכאַפּט.

ווירקלעך: סרולי האָט עפּעס מיט אַמאָל גענומען ריידן און פיל ריידן, גאָרניט ווי אַברהמל איז געווען געוואוינט אים צו זען, די גאַנצע צייט זייענדיק ביי לוזין — אַן אָפּגעזונדערטן, אַ זייטיקן, אַ שווייגנדיקן, וואָס קיינער גייט אים ניט אָן, ער מישט זיך ניט און וויל זיך ניט אָנרירן אין קיינעם פון לוזיס אַרומרינגלונג, ווי אויך ניט, צום ביישפּיל, צו אַברהמלען, מיט וועמען ער האָט זינט ער איז דאָ, קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, קוקנדיק אויף אים, ווי אויף אַן איבעריקן.

ניין, איצט האָט סרולי זיך יאָ צערעדט, צו אַברהמלס איבערראַשונג, און איבערגייענדיק פון ענין צו ענין, האָט ער מיט אַמאָל, ווי אומגערן און כּלל ניט צום ענין, אַ דערמאָן געטאָן לוזיס נאָמען, פון וועלכן ער האָט זיך שוין שפּעטער נישט געקאָנט באַפרייען און אַ פול מויל פון אים געהאַט.

— לחיים — האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן — אויך פאַר אים, פאַר לוזין, וואָס ער, סרולי, האָט זיך צו אים שטאַרק צוגעבונדן, און וואָס האָט פאַרדינט מ׳זאָל פאַר אים אויסטרינקען... וואָס, ניט?... האָט סרולי, שוין האַלב שיכּורלעך, אַ בייזלעך־מאַנענדיקן בליק געטאָן אויף אַברהמלען, ווי גלייך יענער וואָלט זיך קעגנגעשטעלט און געהאַט בדעה צו דערווידערן.

— ניין, אַדרבא, פאַרקערט... — האָט אַברהמל ווי אַן אמתער פאַר־ערער לוזיס, וואָס האָט אָבער, ווי דער צניעותדיקער שטייגער פאָדערט, די פאַרערונג קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזן, זיך איצט געזען געצוואונגען אַרויס־קומען מיט איר פאַר סרולין אָפן — אַוודאי — האָט ער געזאָגט.

— איז אויב אַזוי — האָט סרולי ביי אים די ווערטער אויסגעכאַפּט און אים ניט געלאָזט פאַרענדיקן — אויב אַברהמל האַלט טאַקע דערביי — ביי קאָנען שעצן דעם, וועגן וועלכן מ׳רעדט, ווי יענער האָט פאַרדינט, ווען ער אפשר אויך אומשטאַנד זיין צו פאַרשטיין, ווי נישטיק־נאַריש ס׳האָט אַמאָל באַדאַרפט אויסזען אַן אליהו־הנביאס תּלמיד, אלישע, ווען ער האָט זיך צע־רעוועט ווי אַ קליין קינד, ווען דער טאַטע טאַטע פאַרלאָזט עס בשעת ער האָט דערזען אליהון אין הימל אויפגיין און ער האָט זיך צעשריגן אין פאַרצווייפלונג: „אבי, אבי, רכב ישראל‟ פון קליינער השגה, ווייל דער קאָפּ איז אים געווען צו קליין צו באַנעמען אַ זאַך, וואָס איז העכער פון זיין קאָפּ.

— אַנטקעגן וואָס זאָגט ער עס, און וואָס מיינט ער דערמיט? — האָט אַברהמל אַ קוק געטאָן אויף זיין מיטשפּרעכער ווי אויף אַ האַלבן חסר־דעה, ביי וועמען די ווערטער קלעפּן זיך ניט.

— ער זאָגט עס אַנטקעגן דעם, וואָס אויך אים, אַברהמלען, האָט ער, סרולי, איין מאָל געזען, אין דער בחינה פֿון אַן אלישען.

— ווען? וואָס? — האָט אַברהמל ווייטער ניט פֿאַרשטאַנען.

— ער געדענקט ניט?... איז זאָל ער זיך דערמאָנען אין יענעם אויפֿ־דערנאָכט, צוריק מיט אַ צייט, ווען לוזי האָט זיך מיט אים אָפּגעזונדערט און און פֿאַר אים זיין ווידוי אָפּגעהאַלטן, און ווען ער האָט אים לסוף דערקלערט, וואָס דערקלערט — אַז ער איז מער ניט קיין היגער און אַז ער דענקט צו בייטן זיין ביזאהעריקן גאָטדינערישן שטייגער אויף אַן אַנדערן, אַן אומ־פֿאַרשטענדלעכן פֿאַר אַברהמלען — ווי אַזוי ער, אַברהמל, האָט זיך דעמאָלט צעיאָכמערט, ווי אַ קינד, פֿון נישט קאָנען זען לוזין — אוי, וויי — נעבעך אויפֿגיין, ד"ה זיך לאָזן אויף אַן אייגענעם וועג און נישט אויפֿן אַלגעמיין־אויסגעטראָטענעם.

יאָ, אַברהמל האָט זיך דערמאָנט... און דאָ, אויסהערנדיק די לעצטע ווערטער פֿון סרולין, האָט ער זיך נאָך מער פֿאַרחידושט דערפֿון, וואָס ער האָט פּלוצים דערזען אין סרולין אַ ווירקלעכן שותּף צו אַ זאַך, וואָס איז זייביידע אַלץ איינס טייער און וואָס נאָר דער צוגאַנג צו איר איז אַ פֿאַרשיידענער, אָבער ניט דער עצם...

— אַדרבא, זאָל אַברהמל זאָגן, אַז ער גרייזט — איז סרולי, ווידער מאָנענדיק, צוגעשטאַנען צו אַברהמלען.

— ניין, אמת — האָט אַברהמל, ווילליק צו אומווילליק, זיך געזען גע־צוואונגען מסכּים זיין, און בעת מעשה האָט אַ קוק געטאָן אויף סרולין, אויף אָט דעם מאָדנעם פּאַרשוין וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿעאיק צו קאָנען נישט ווייניקער באַגייסטערט זיין פֿון אַזאַ ווי לוזי, ווי ער, אַברהמל, אַליין — ווי קומט עס צו אים, צו אַזאַ — האָט אַברהמל זיך געטראַכט — זיך פּלוצים צו אַנטפּלעקן מיט אַן אייגנשאַפֿט, אויף וועלכער מ'האָט זיך באַין אופֿן ניט געקאָנט ריכטן.

סרולי האָט דאָס באַמערקט און ס'האָט אים הנאָה געטאָן, וואָס ער האָט געפֿונען חן ביי אַברהמלען... דעמאָלט איז ער פּלוצלים אַרויס מיט אַ לויב צו לוזין, ווי אַ שלמה־המלך צו זיין שולמית, און אַברהמל, וואָס פֿריער אַ מינוט, איידער ער האָט זיך געלאָזט איינבעטן זיך זעצן צו איין טיש מיט סרולין, וואָלט ניט געגלויבט צו הערן, אַז אָט דער מרוק, אָט דער זייטיקער פּאַרשוין, וועלכער האָט אַלץ, דאַכט זיך, וואָס געהער לוזיס שטוב און אַפֿילו לוזין אַליין, פֿאַרביי אויג און אויער געלאָזט — זאָל פֿון לעצטן קאָנען נעמען ריידן מיט אַזאַ היץ און פֿאַרכאַפּטקייט, ווי גלייך באַלד וועט ער, ריידנדיק, זיך אין אַ טאַנץ לאָזן פֿון אויפֿגעהעצלטער און פֿון אים אַרויסשפּאַרנדיקער גדולה.

סרולי איז טאַקע מיטאַמאָל אויפֿגעשפּרונגען פֿון ביים טיש זיצן און ס׳איז ניט באַוואוּסט, צי די משקה האָט זיך אין אים צערעדט, צי די ביז־אַהעריקע אויסבאַהאַלטענע אַכטונג צו לוזין, צי ביידע אין איינעם; נאָר מיט אַמאָל האָט ער אַ שאָס געגעבן מיט אַזאַ ליבע צו יענעם, ווי גלייך אַ טאַטע צו אַ קינד, אָדער פֿאַרקערט — אַ קינד צו אַ גרויס־געערטן טאַטן, ווען די ליבזעליקע שפּע שטראָמט זיי אַריבער איבער די ברעגעס.

— ער מעג שווערן — האָט סרולי, צווישן אַנדערן, אַ זאָג געטאָן אין האַלב שיכּרות און שטאַרק צוטרויליך, ווי ער וואָלט איינגערוימט אַ סוד אַברהמלען — אַז ער זעט לוזין אָפּט אומגיין פֿאַר אַ ריי אַנגעצונדענע יאָרצייט־ליכט, אין אָנדענק פֿון דורות... ער היט, גיט אַכטונג און שערט די קנויטן... אָבער יענע האַלטן שוין ביים אויסגיין, וועלן לאַנג ניט ציען, מחמת דער וואַקס גייט זיי אויס און ווערט וואָס אַמאָל מינדער און באַלד וועלן זיך אויס־לעשן... און נאָר איינע אַ האָפֿענונג איז דאָ, אַז די ריי זאָל אין גאַנצן ניט פֿינצטער בלייבן, וואָס לוזי האָט איינע אַ ליכט, אויפֿן פֿאַל פֿון פֿינצטער, אין זיין שויס אויסבאַהאַלטן, וואָס דערווייל ווייזט ער זיך ניט מיט איר און שפּאָרט זי אויף שפּעטער...

— מ׳זאָגט — האָט סרולי ווייטער פֿאַרגעזעצט, ווי אַ סוד איינרוימענדיק אַברהמלען — אַז לוזי איז געווען אין דער יוגנט אַ גוטער טענצער אויף חסידישע שמחות אין רבייאישע „הויפֿן". דעמאָלט אָבער האָט ער, ווי אים, סרולין, דאַכט, געטאַנצט אַרום פֿרעמדע פֿייערן. און איצט, ווען ער איז אַלט, קלוג, געזעצט און דערפֿאָרן, זעט סרולי אים טאַנצן אַרום אייגענעם — אַרום זיין אויסבאַהאַלטענער ליכט, וואָס איז אין אַ זילבערנעם לייכטער אויף דער ערד אַוועקגעשטעלט... ער הויבט כּמעט די פּאָלעס ניט אויף טאַנצנדיק... אָבער קיין ווינט, קיין ווינטעלע טוט ניט אָפּבויגן דאָס פֿייער פֿון דער ליכט, אַרום וועלכער ער דרייט זיך, ווי אין אַ כּישוף־ראָד, וואָך, געהיט און צי־טעריק...

— ער מעג שווערן — האָט סרולי מיט אַמאָל זיך אַליין איבערגעריסן, שמייכלענדיק פֿאַרשעמט פֿאַר זיין שיכּורלעכער באַלבעריי, וואָס ער אַליין אָנערקענט — ער מעג שווערן, אַז ער פּלוידערט.

— ניין, אַדרבא — האָט אים אַברהמל געמוטיקט און חשק אונטערגעגעבן, אַז פֿאַרקערט, זאָל ער פֿאָרזעצן, הייסט עס, ווייל ער, אַברהמל איז אים גרייט נאָך און נאָך צו הערן.

סרולי האָט אים צוליב געטאָן, און אין זעלבן גייסט, ווי ער האָט אָנ־געהויבן, האָט ער גענומען אויך ווייטער אויספּאַנטאַזירן אַזוינע ליבּ־ביילדער פֿאַר לוזין, פֿון וועלכע אַברהמל איז ווייטער פֿאַרכאַפּט געוואָרן, אַז ווען אַ דריטער וואָלט בעת־מעשה דאָרט בייגעווען, וואָלט זיך אים געלאָזט גלויבן, אַז באַלד, אָט באַלד וועלן שוין ביידע, אי סרולי, אי אַברהמל פֿון די ערטער

פֿון־ביים־טיש־זיצן זיך אַ הויב טאָן, אוןביידע וועלן זיך בשותּפֿות פֿאַר די הענט נעמען, און אין איין קול, מיט אַלץ איינע לויבערייען און שבחים אַרויס וועגן יענעם, וועגן וועלכן סרולי האָט אָנגעהויבן און אַברהמל איז אין משך פֿון געשפּרעך מיטגעצויגן געוואָרן און אין זעלבן טאָן צו אים אַריבער.

ס'איז אַ קלייניקייט שוין, דאַכט זיך, אָפּגעגאַנגען, אַז אַזוי טאַקע זאָל געשען — אי אַ ביסל פֿון געטראַנק, פֿון וועלכן סרולי האָט ווייליק און אַברהמל האָט אומווייליק אַריינגעכאַפּט, אי אויך, און דער עיקר דערפֿון, וואָס סיי דער, סיי יענער זיינען דאָך אין דער אמתן טאַקע ניט ווייט געווען פֿון גרויס פֿאַרערן און איבערגרויס האַלטן דעם, אונטער וועמעס באַלעק זיי האָבן זיך איצט געפֿונען, און וואָס כאָטש ער, דער פֿאַרערטער אַליין, איז אין דער היים ניט געווען און זיין נאָענטקייט האָט זיך צו זיי אַפֿילו דורך דער וואַנט פֿון צימער, פֿון זיין אַלקער, ניט אַרויסגעפֿילט, דאָך האָט אַליין זיין אַלע־מאָל־דאָ־אומשוועבנדיקער אָטעם זיי געניגט, זיי זאָלן אומשטאַנד זיין אַרויס פֿון די וואָכעדיקע כּלים און איבערגיין צו שבת, ווען די רייד גייט וועגן אים, יענעם, וואָס איז בכּוח זיי פֿאַרשיכּורן אַפֿילו אין ניכטערן שטאַנד, ובפֿרט איצט, ווען זיי האָבן אויסגעטרונקען.

מיטאָמאָל אָבער האָט זיך סרולי אָנגעכמורעט, אָן אַ שום סיבה און פֿאַרוואָס... ער איז אָנטשוויגן געוואָרן. און אַז אַברהמל האָט זיך צו אים אַ ווענד געטאָן, פֿרעגנדיק, „וואָס איז געשען? וואָס עפּעס בייז פּלוצלים?"

— האָט יענער געענטפֿערט נאָך בייזער:

— ווייל דאָס בייזקייט איז אים אָנגעקומען.

— אויף וועמען?

— טאַקע אויף אים, אויף אַברהמלען.

— פֿאַרוואָס פֿאַר אַ שולד?

— ניט פֿאַר אַזאַ, וואָס ער איז שוין באַגאַנגען, נאָר וואָס ער האָט ערשט געזאָלט באַגיין.

— מיט וואָס?

— מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אָפּריידן לוזין פֿון זיין באַשלוס, וואָס יענער האָט אָנגענומען, און וואָס לויט זיין, סרולים, טיפֿסטער איבער־צייגונג, וואָלט דאָס אים געקאָנט שאַטן אין ביין און אין אַלע הינזיכטן.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַל תּעירו ואַל תּעוררו — אַז זאָל אַברהמל זיך ניט דערוועגן צו דערוועקן קיין ווילן ביי לוזין צו ענדערן זיין באַשלוס; ווייל ערשטנס, וועט דאָס אים ניט העלפֿן, מחמת לוזי, ווי ער דאַרף פֿאַרשטיין, איז דאָך ניט פֿון די קלי־דעת, וואָס באַטראַכטן ניט פֿריער, איידער זיי נעמען עפּעס פֿיר; און צווייטנס, זאָל ער זיך דערמאָנען ביי וואָס פֿאַר אַן אָנפֿאַל ער איז, ערשט נישט־לאַנג, דאָ בייגעווען און זאָל ער ניט מיינען, אַז ס'איז

דער לעצטער, זאָל ער ניט מיינען, אַז אויב פֿון ערשטן האָט נאָך ווי ניט ווי זיך איינגעגעבן זיך אָפּצושלאָגן, וועט זיך דאָס אין גיכן אויך ביים צווייטן און דריטן... ניין. ער ווייסט ניט, וואָס דאָ טוט זיך! ער ווייסט ניט, וואָס די פֿאַראינטערעסירטע זיינען גרייט פֿאַר אַ בזיונות אָנצוטאָן לוזין. אַזוי, אַז ער זאָל זיך דאָס ניט האַלטן פֿאַר גרינג...

— ניין, ער האַלט ניט. ער פֿאַרשטייט אַליין — האָט אַברהמל נאָכגעגעבן, מסכּים זייענדיק מיט סרולין, אי אַ ביסל פֿון איבערצייגונג, אי דערפֿון, וואָס די משקה האָט אים ווייך געמאַכט און נאָכגיביק — ער זאָגט ניט, איז ניט מזכּיר און ער האָט דאָס אַפֿילו ניט אין זינען. אַ סימן, אַז האַלט ער שוין באַלד ביים אָפּגיין און די שטאָט פֿאַרלאָזן און מיט לוזין זיך אָפּגעזעגענען. און נאָך יענעם אויפֿדערנאָכט, ווען וועלכן סרולי האָט דאָ דערמאָנט, איז צווישן אים און לוזין קיין רייד וועגן יענעם ענין שוין מער נישט פֿאָרגעקומען.

— איז אויב אַזוי, איז גוט — האָט סרולי אַ זאָג געטאָן, און מ'האָט געזען, ווי די גאַנצע ביזאַהעריקע שיכּרות פֿונעם שותּפֿותדיקן טרונק מיט אַברהמלען האָט זיך פֿון אים אָפּגעטאָן, און גלייך די גאַנצע אונטערנעמונג מיטן איינלאַדן יענעם צום טיש, איז געווען ניט מער ווי אַן אָנשטעל, אַן אויסרייד, כּדי צו האָבן די געלעגנהייט אַרויסצובריינגען פֿאַר אַברהמלען, וואָס ס'האָט אים געדריקט און פֿון וואָס ער האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען.

באַלד האָט זיך סרולי אויך אָפּגעקערעוועט פֿון אַברהמלען, גלייך ער האָט די גאַנצע מעשה מיטן טרונק פֿאַרגעסן, און גלייך פֿריער אַ מינוט האָט ער מיט אַברהמלען, אַזוי ווי די גאַנצע צייט, בעת יענער האָט זיך געזאַמט ביי לוזין, מיט אים זיך ניט אָנגעקערט און אין קיין שום נאָענטער געמיט־לעכקייט זיך ניט צונויפֿגעקומען... מער, הייסט עס, האָט ער אים ניט באַדאַרפֿט...

און דאָס איז די דריטע זאַך, וואָס סרולי האָט באַדאַרפֿט באַוואָרענען, גרייטנדיק זיך אין וועג.

און נאָך איינע האָט ער געהאַט צו באַזאָרגן, און נעמלעך:

ער האָט איין מאָל ווידער אָפּגעציפּערט אַ צייט, ווען, פֿאַרקערט, אַברהמל איז אין דער היים ניט געווען און לוזי איז אַליין געבליבן. דעמאָלט האָט ער זיך צו לוזין אין אַלקער אַריינגעשטעלט, שטיל און ווי אויף די שפּיץ פֿינגער, און אַזוי אַריינקומענדיק, האָט ער זיך באַלד צו דער טיר אויסגעקערעוועט און זי אויפֿן קייטעלע אָפּגעשלאָסן.

אַז לוזי האָט זיך צו אים אַ ווענד געטאָן, אַ פֿאַרוואונדערטער: צו וואָס דאָס אָפּשליסן און וואָס פֿאַר אַ סודות, הייסט עס, האָט ער אים צו פֿאַר־טרויען? — האָט סרולי, ווי אַ שטאַרקער נכבע און צוזאַמענגעדריקטער, אים אָפּגעענטפֿערט:

— ניין, קיין סודות האָט ער ניט, נאָר ער האָט געוואָלט אויסקלאָרן איינע אַ זאַך, וואָס אינטערעסירט אים. ער מיינט צו פרעגן: צי מיינט לוזי פאַר־לאָזנדיק N, גלייך אין אַן אַנדער מושב זיך באַזעצן, צי אַפריער גאָר גיין, אויסזען און דערנאָך ערשט באַשטימען?

— ווי סרולי האָט צום לעצט געזאָגט — האָט לוזי געענטפערט.

— איז אויב אַזוי, וויל ער נאָך עפּעס פרעגן: צי האָט לוזי קעגן, אַז סרולי זאָל אים באַגלייטן, ד"ה מיטגיין און אים באַהילפיק זיין אין וועג, אין וועלכן ער איז גרויס דערפאַרן, האָבנדיק שוין פיל מאָל דורכגעמאַכט פאַרשיידענע וואַנדערייען אי אַרום N, אי אין אירע ווייט־ליגנדיקע סביבות?

— אדרבא — האָט לוזי אַ זאָג געטאָן און האָט בעת מעשה, אַ צופרי־דענער, אַ קוק געטאָן אויף סרולין, וואָס איז אים, ווייזט אויס, זיין באַגער פאַרלאָפן. פאַרקערט, ער האָט אַפילו געטראַכט אים אַליין פאַרלייגן, צי ער באַשטייט און באַגערט אים זיין אַ שותף אין וועג.

— אַזוי? — האָט זיך אויף סרוליס פּנים דעמאָלט אַ גאַנצע דערלייכ־טערונג באַוויזן, פּונקט ווי פריער, ווען ער האָט באַקומען פון לוזין דעם ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע — בלויז אַ האַלבע. די דערלייכטערונג האָט אים אַפילו אַנגעטריבן פאַרב אין פּנים — פון דעם, וואָס פריער, בשעת ער איז אַריין צו לוזין, האָט זיך אים, ווייזט אויס, דאָס האַרץ אין בוזים גע־שראָקן, טאָמער זאָגט אים לוזי אָפּ אין זיינע אויסבאַהאַלטענע וואונטשן. איצט אָבער, אַז זיינע אויערן האָבן דערהערט, וואָס זיי האָבן, זעט אויס, אַזוי געגאַרט צו הערן, האָט זיך אים דאָס האַרץ פון גדולה דערברייטערט און ער האָט, שטייענדיק פאַר לוזין, זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון זי אַרויס־צוגעבן אַפילו, מעגלעך, קעגן זיין ווילן.

דעמאָלט האָט ער, ווי אַ קינד, וואָס פּאַקט אַ מתנה, אויף וועלכער ס'האָט זיך ניט געקאָנט ריכטן, דאָס מויל געעפנט, און אַליין ניִשט הערנדיק וואָס ער זאָגט, האָט זיך פון אים געגומען שיטן אי פאַרזיכערונגען און געטריי־שאַפט צו לוזין, און אי אויך, אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס, פאַרשיידענע שפּאַס און אַלערליי לצנות, וואָס ער האָט געהאַט אַ פול מויל פון זיי — מעגלעך פון פאַרגעניגטער איבעררעשונג.

— לוזי — האָט ער געזאָגט — מעג זיכער זיין, אַז ער וועט אים צו־נוצקומען און אים קאָנען דינען סיי אין וועג, סיי אויך פריער, איידער נאָך מ'לאָזט זיך. ווי אָט — האָט ער ווייטער געזאָגט איינס נאָך איינס, אָן אָפּשטעל. — אָט האָט ער שוין אַפילו פאַרגרייט אַ טאָרבע, איינע פאַר צווייען, אין וועלכער ס'וועט אַריין פון הערן און קלערן, פון אַ נאָדלפאָדעם אויף די

תחתונים צו פֿאַרריכטן, ביז אַפֿילו אַ שופֿר פֿאַר משיחן, אויב מ׳וועט אים אין וועג באַגעגענען אויף זיין אייזל רייטן.

דערביי, דאָס זאָגנדיק, האָט סרולי אי ניכטער און אי אויך אַפֿילו טרויעריש אונטערגעשמייכלט, ווי גלייך ער וואָלט זיך, אָט־אָט, שוין טאַקע געזען מיט לוזין האַנט ביי האַנט, אין וואַנדערנדיקער קרובֿהשאַפֿט, ערגעץ אין אַ וויַיט פֿעלד שפּאַנען, אין דער פֿרי, אָדער פֿאַרנאַכט, ווען די זון גייט אויף, אָדער ווען די זון זעצט זיך.

קוקנדיק אויף סרולין און זעענדיק זיין הנאה פֿון דעם, וואָס זיינע אויסבאַהאַלטענע וואונטשן זיינען אים דערפֿילט געוואָרן, האָט לוזי, דאַכט זיך, אויך אַ שמייכל געטאָן, פֿאַרגינענדיק אים די הנאה. דערביי האָט געדאַכט, אַז ווען פֿון לוזיס פּנים האָט צו סרולין אָט דער שמייכל דערלאַנגט, אַזוי איז סרולי גרייט געווען — איינס־צוויי — צו פֿאַר לוזין אַוועקפֿאַלן און מיטן מויל און ליפּן די זוימען פֿון זיין קלייד קושן, ווען דאָס וואָלט געווען דערלויבטער שטייגער.

לוזי האָט דאָס באַמערקט און ער האָט, נאַטירלעך, אַפֿילו סרוליס געדאַנק דערצו ניט דערלאָזט, איבעררייסנדיק זיין יום־טובֿ מיט אַ וואָכעדיקער פֿראַגע, וועלכע האָט געזאָלט זיין היץ אָפּקילן: צי האָט ער, ווי געזאָגט, שוין טאַקע אַלץ פֿאַרגרייט?

דעמאָלט האָט סרולי, אַ נאָך מער שיינענדיקער דערפֿון, וואָס לוזי האָט אים ניט געלאָזט אויסדריקן זיין דאַנקבאַרקייט אויף אַ דערנידעריקטן אופֿן, אַ קליינע ווײַלע צוריק געקוקט אויף לוזין און בלויז מיט אַ שטומלעכן פֿילזאָגנדיקן בליק זי אויסגעדרוקט. דערנאָך האָט ער פֿון פֿול־איבערגייענדיקע פֿרייד־ברעגעס גענומען זיך וויצלען און אין שפּאַס זיך אויסלאָדן, שיטנדיק פֿאַר פֿייער און פֿאַר וואַסער, און אַרויסגייענדיק פֿון זיין אייגענעם איינגעשטעלטן גדר בנוגע לוזין, וועלכער האָט געפֿאָדערט, אַז פֿאַר יענעם זאָל ער זיך ניט דערלויבן, ווייל ווי געזאָגט, האָבן זיך אים אַלע איינגעוויידן צעזינגען און ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי זיי צו האַמעווען.

— יאָ — האָט ער געזאָגט — אַלץ פֿאַרגרייט, ביז אַפֿילו אַ חלף פֿאַר אַ שוחט און אַ מעסער פֿאַר אַ מוהל, טאָמער מאַכט זיך אַמאָל אין אַ ישובֿ אַן עוף צו קוילן, אָדער אַן אַרענדאַרישן נער צו באַשניידן.

— ער האָט אויך גענומען — האָט ער פֿאַרגעזעצט — דורכצוקוקן דעם חושן־משפּט, כּדי צו קאָנען פּסקענען און אויסגלייכן צווישן זיינע צוויי אַלטע באַקאַנטע אַרענדאַרעס, איינער פֿון דונישי, דער צווייטער פֿון סיריקי, וועלכע קריגן זיך שוין לאַנג איבער איינער אַ שיקסע, וואָס איינער ביים אַנדערן וויל אויסדינגען און צו זיך אַריבערנאַרן, נישט אַזוי איבער איר גוטער דינסט־

אַרבעט, ווי איבער דעם רויטן בייטשל קרעלן אויף איר ווייסן האַלדז, וואָס מ'ווייסט ניט פֿאַר וועמעס געלט זי האָט דאָס איינגעהאַנדלט און צו וועמעס הנאָה...

— ער האָט אויך — האָט סרולי ווייטער פֿאַרגעזעצט — מיטגענומען אַ פּאַק מיט סגולות פֿאַר אַרענדאַרישע ווייבער, וואָס האָבן קיין קינדער ניט, סיי ניט פֿון זייערע מאַנען און סיי ניט פֿון די גויאישע פּורמאַנעס, מיט וועלכע זיי פֿאָרן אויף די ירידים און ס'קומט זיי אויס אַמאָל, אונטערוועגס, אין וואַלד אָדער אין פֿעלד איבערנעכטיקן.

און נאָך און נאָך האָט סרולי ניט אויפֿגעהערט שיטן און אַרויסקומען מיט האַלבע גראָבקייטן און ניבול־פּה, וואָס אַן אַנדערש מאָל, ווי געזאָגט, וואָלט ער זיך ניט דערלויבט פֿאַר לוזין, נאָר דאָס מאָל יאָ, ווייל ס'האָט פֿון אים אַרויסגערעדט אַן זיין ווילן.

לוזי האָט איינעם אַזאַ סרולים שפּאַס אויסגעהערט, אויך אַ צווייטן, און דערביי האָט ער וועגן ניט ווען, אַפֿילו אויך גוטמוטיק אונטערגעשמייכלט; אָבער אַז סרולי האָט אַלץ ניט אויפֿגעהערט און איז מיטן דריטן, פֿערטן, אַרויס, אַזוי האָט שוין לוזי פֿון אים דעם קאָפּ אָפּגעדרייט מיט ווידערווילן, וואָס דאָס האָט געזאָלט דינען סרולין פֿאַר אַ סימן, אַז דער געשפּרעך איז געענדיקט, און אַז סרולי קאָן דאָס קייטעלע צוריק אָפּשליסן און דעם אַלקער פֿאַרלאָזן.

סרולי האָט זיך ניט באַליידיקט. אַזוי ווי ער איז פֿריער אַריין אַ שטילער און אויף די שפּיץ פֿינגער, אַזוי איז ער אויך איצט אַרויס אַזעלכער, אָבער מיט אַ זייער־זייער אויפֿגעלייגטער מינע דערפֿון, וואָס דאָס מזל האָט אים היינט געשפּילט און אַזוי הויכאַרטיק צופֿרידנגעשטעלט.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. קיינער פֿון די זייטיקע האָט זיך דעמאָלט אין שטוב ניט געוויזן, און דאָס האָט סרולין דערלויבט זיין פֿון לאַנג געגאַרטע און איצט דערפֿולטע האָפֿענונג אין דער פֿולסטער מאָס אויסלעבן.

ער האָט, אַרויסגייענדיק פֿון לוזיס אַלקער, פֿון גרויס גדולה, ניט גע־וואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך, וואוהין גיין, וואָס פֿירנעמען, און ער האָט אַ צייט, שטילערהייט, בלויז די הענט פֿון נחת געריבן, אַ האַלב־פֿאַרחושטער. ער האָט דערנאָך פֿאַרבלאָנדזשעט אין קיך, וואו ער האָט אַלעמאָל געגרייט זיין געלעגער אויף אַ האַרטן באַנק־בעטל, וויסנדיק, אַז דאָ איז זיין אָרט פֿאַרן שלאָף, אָבער נישט וויסנדיק, וואָס ער האָט דאָרט איצט צו טאָן: צי אויסטאָן זיך, צי ניט... ער האָט זיך באַלד געכאַפּט און די קאַפּאָטע אַראָפּ־געצויגן, נאָר באַלד האָט ער זיך ווידער פֿאַרגעסן און איז געבליבן מיט איין אויסגעטאָענעם אַרבל און איין אַנגעטוענעם.

סוף־כּל־סוף האָט ער געטאָן, ווי מ׳טוט, קומענדיק צום געלעגער: ער האָט זיך אָוועקגעלייגט, און באַלד נאָר, ווי ער האָט דעם קאָפּ אין קישן אָנ־געשפּאַרט, אַזוי האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן: נו, געזונט דיר, סרולי, פֿאַר היינט, און זאָלן זיך דיר גוטע חלומות חלומען.

אַ סברה, אַז אויך אָט דער וואונטש איז אים דעמאָלט דערפֿולט געוואָרן.

ער האָט דערזען אַ גרויס פֿעלד, אַן אַ בוימל אויף דער ערד און אָן אַ פֿויגל אין דער לופֿט. נאָר אויפֿן ווייטן, העל־אָנצוזעעענדיקן האָריזאָנט האָבן זיך צוויי מענטשן באַוויזן, וואָס ניט צו וויסן נאָך, צי קומען זיי אָן פֿון דאָרט, צי פֿאַרגייען זיי ערגעץ, איז דאָך געווען צו פֿילן, אַז איינער פֿון זיי איז אַ פֿירער, און דער צווייטער אַ געפֿירטער, אַ מין באַדינער פֿון ערשטן.

— דאָס מיינט מען אונדז — מיך מיט לוזין — האָט זיך סרולי געזאָגט.

ער האָט אויסגעוואַרט אַ ווײַלע. און מיטאַמאָל האָט זיך דער ערד־ און הימל־ראַנד אַזאַ האָסטיקן רוק־צו געטאָן פֿאַר אים, אַז די ביידע, פֿירער קוים־צו־מערקנדיקע, זיינען לעבן אים אַזוי נאָענט אויסגעוואַקסן, אַז כאָטש שטרעק אויס די האַנט און גיב זיי אָפּ שלום.

— מיר?...

— יאָ — האָט איינער פֿון יענע, דער, וואָס האָט דעם צווייטן, ווייזט אויס, באַדינט — זיך אָפּגערופֿן.

— און וואוהין האָט מען זיך עס געלאָזט?

— אויף דער גאָרער ווייטער וועלט מיט אָט דער טאָרבע — האָט יענער מיט אַ קרומען בליק אויף זיין רוקן אָנגעוויזן.

— און וואָס האָט מען אין איר?

— ראָזשענקעס מיט מאַנדלען, אויף נאַשן און אויף האַנדלען — האָט יענער אין סרולים גייסט פֿון נעכטן אָונט זיך געוויצלט און געוואָלט ווייטער פֿאָרזעצן אין זעלבן גייסט.

אָבער דאָ האָט דער צווייטער, דער אַזוי געראָפֿענער פֿירער, אַ שטרענגן קוק געטאָן אויפֿן געפֿירטן און זיין באַדינער, אַזוי, אַז דער ווייטער־געוואָלטער שפּאַס איז אים אין מויל שטעקן געבליבן. דעמאָלט האָט דער באַדינער, שוין צוליב ערנסטן באַוויז, די טאָרבע פֿון רוקן אַראָפּגענומען, זי צעשנירע־וועט, און סרולי האָט דערזען: נשמהלעך, מיט הוילע פּנימלעך, אָן גופֿים, זיינען ווי קרעלן אויף אַ שניר אויפֿגעצילעט; זיי זעען אויס צעקרימט און ליידנדיק; אָבער אויסער דעם אויסדרוק פֿון ליידן, טוט נאָך פֿון זיי אַראָפּשיינען עפּעס אַ מין דערוואַרטונג אויף אַ גאולה — און נישט נאָר פֿאַר

זיי אַליין, נאָר פֿאַר אַלע, אַלע, דאַכט זיך, אויף דער וועלט ליידנדיקע און אַרויסקוקנדיקע אויף אויסלייזונג.

— איז אויב אַזוי — האָט סרולי אַ זאָג געטאָן — איז אויך זיין אָרט אין טאָרבע. ער האָט זיך שוין געוואָלט לאָזן אויפֿצילען פֿון יענעם... נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט... ער האָט זיך אַ האַסטיקן זעץ אויף געטאָן אויפֿן געלעגער, אויף וועלכן ער האָט פּלוצלים אָנגעטאַפּט זיין אייגענע טאָרבע — יענע, וועלכע ער האָט, לעצטנס, ריכטנדיק זיך אין וועג, אויסגע־פֿאַרריכט, און וואָס ער האָט איצט ניט געדענקט, ווי קומט זי אַהער, אויף זיין געלעגער ליגן: צי ער האָט זיך מיט איר פֿאַרן שלאָף באַוואוסטזיניק געפּאָרעט, צי אומבאַוואוסט, אין שטאַנד פֿון זיין פֿאַרחושט זיין...

# IX

# סוף ווינטער

ס׳שוין געווען פורים־צייט. דער יידישער לוח האָט שוין געוויזן די פרשות „משפטים־תרומה״, ווען חדר־ייִנגלעך הערן שוין אויף גיין ביינאַכט און אין די אָוונטן זעט מען זיי שוין נישט אַרויסקומען פון די פאַררוקטע אונטער־געסלעך, גאַנצע כאַפּטעס, מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנדלעך פון בלעך אָדער פון פאַפּיר, און מען הערט זיי שוין מער ניט זינגען, אַהיימגייענדיק, אויפן קול: „אונע מיאַער, קאָטשאַ מייע, שלעפ דעם רבין ביי דער פיאה״ אאַז״וו. — אַ סימן, אַז דער ווינטער האַלט ביי אויס און איז פון זיין קראַפט אַרויס־געשלאָגן.

ס׳האָט שוין אַמאָל אַ שבת אינדערפרי, און אַמאָל אויך אַ ליאַדע וואָכנ־דיקן טאָג, גענומען העל און זוניק־לינד קאַפּען פון די דעכער, רינוועס... פויגעלעך האָבן שוין אָפט העכער און אויפגעלייגטער געצוויטשערט — ווידער אַ סימן, אַז די קעלט האָט געכאַפּט אַ בראָך אין רוקן, און אַז שפּייז פאַר די צוויטשערדיקע איז איצט שוין פיל מער געזיכערט, ווי ביז אַהער, ווינטער.

אָפט האָבן זיך שוין אין די בייטאָגן גענומען ווייזן אויסגעלייטערטע בלויע הימל־שטיקער פון צווישן די וואָלקנס אַרויס, און ביינאַכט האָט זיך דאָס גאַנצע הימל־געוועלב אָנגעזען לויטער און מיט הויכע, קילכלעך־בליש־טשענדיקע שטערן באַזעצט — ווידער אַ סימן, אַז באַלד וועלן זיך בייטאָג, און באַזונדערס ביינאַכט, פאַר אַ גאַר וואַכן אויער דערהערן ווייטלעך־פאַר־ווילדעוועטע אויסגעשרייען פון שורות פויגלען, וואָס ציען זיך צוריקקערנדיק פון דרום, אין די פאַראַיאָריקע היימען, וואָס אויף צפון...

מיט איינעם וואָרט, סימנים אויף סימנים, אַז דער ווינטער צאַנקט.

און אָט דעמאָלט איז איין מאָל אַ פרימאָרגן משה מאַשבער פון זיין תּפיסה־קאַמער אַריינגערופן געוואָרן אין טורמע־קאַנצעלאַריע, וואו דער טורמע־אויפזעער האָט, קוקנדיק אויף אים איצט מער צוגעלאָזט און מיטליידנדיק ווי אַלע מאָל פריער, אים דערקלערט, אַז ער איז פריי און אַז ער קאָן אַהיימגיין — אָדער צופוס, אָדער, אויב ער וויל זיך לאָזן קאָסטן, קאָן אים אַהער געבראַכט ווערן אַ פורל, כּדי ער זאָל פאַרשפּאָרן דורכמאַכן דעם ווייטן מהלך, וואָס פון דאַנען ביז זיין היים.

דאָס איז געשען אַ דאַנק דער השתדלות פֿון גרויס־באַוואוסטע שטאָט־לייט, וועלכע האָבן זיך געווענדט מיט אַ בקשה אין די געהעריקע אַנשטאַלטן, און אויפֿן סמך פֿון פֿיל־לינדערנדיקע אומשטאַנדן, ווי קרענק א״אַ. וועלכע האָבן, לויטן געזעץ, געקאָנט פֿאַרלייכטערן דעם גורל פֿונעם באַשולדיקטן, האָבן זיי געבעטן, מ׳זאָל משה מאַשבערן באַפֿרייען פֿאַר דעם טערמין, וואָס איז אים באַשטימט לויטן אורטייל.

די בקשה האָט געפּועלט, און אַוודאי איז דאָס געווען אַ גרויסע טובה פֿאַר משה מאַשבער, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז די ישועה איז שוין געקומען אַ ביסל צו שפּעט, ווי ס׳וועט באַלד ווייטער דערציילט ווערן.

אַז משה מאַשבער איז צוריק אַריין פֿון קאַנצעלאַריע אין קאַמער און האָט געמאָלדן, אַז ער איז באַפֿרייט און האָט גענומען צונויפֿלייגן זיינע זאַכן, זיך קלייבנדיק אַהיים, אַזוי האָבן אַלע מיט אים מיטזיצנדיקע אַרעסטאַנטן, די, וואָס מיט די האַלב־געגאָלטע קעפּ און מיט די געשטעמפּלטע רעקלעך און קיילעכיקע, גרויע היטעלעך, אָן דאַשקעס, אים גענומען קוקן אין די הענט... משה מאַשבער האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס מ׳מיינט, און גלייך האָט ער אַלץ, וואָס ער האָט פֿון דער היים מיטגעבראַכט, אויסער קולט־זאַכן, אויסער טלית־און־תּפֿילין און ענלעכע, ווי וועש, בגדים, קישן־קאָלדרע — אין איינעמס אַ האַנט, צו אַלעמענס פֿאַרנוץ, אָפּגעגעבן, און זאָל מען דאָס, הייסט עס, פֿאַרקויפֿן, דאָס אויף געלט אויסבייטן און „באַנעצן״ זיין באַפֿרייאונג.

מ׳האָט דאָס ביי אים צוגענומען מיט דאַנק, און אַזוי ווי די גאַנצע צייט פֿון זיין זיין אין טורמע איז אַ דאַנק דער אַריינמישונג און שוץ פֿון סטאַראָסטע, פֿון דעם נאַוואַראַסייער, די באַציאונג צו אים געווען אַ גוטע, איז דערום איצט אויך די געזעגעניש געווען אַ פֿאַרגינערישע און אַפֿילו אַ שטאַרק־מיטפֿילנדיקע בכלל, ובפֿרט, ווען מ׳האָט דערזען אין די הענט פֿון סטאַראָסטע משה מאַשבערס זאַכן און מ׳האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, וויפֿל מ׳וועט פֿאַר זיי אָפּנעמען און וואָס פֿאַר אַ גוטן טרונק מ׳וועט פֿאַרן אָפּגעלייזטן געלט אַריינ־באַקומען...

מ׳האָט אים צוגעווינטשעוועט: „ס׳באַגאַם, משה״... און בעת מעשה האָט מען היימישלעך און מעשה גאַר־נאָענט־פֿאַראינטערעסירטע אויף זיין אָפּ־געפֿאַלן פּנים געקוקט, און אייניקע האָבן אַפֿילו מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט, זאָגנ־דיק דערביי: אַז אויב אַפֿילו שטאַרבן, איז דאָס בעסער אין דער היים, אויפֿן אייגענעם בעט און צווישן אייגענע...

זיי האָבן רעכט געהאַט, אים אַזוי צואווינטשעווענדיק, געדענקענדיק, אַז אין דער צווישנצייט פֿון זיין אַנקומען אין טורמע, ביז איצט, ביז דער באַפֿרייאונג, האָט מען אים אייניקע מאָל אין שפּיטאָל אַריבערגעפֿירט, און אַז נאָך היפּשע וואָכן דאָרט פֿאַרברענגען, האָט ער זיך אומגעקערט נישט קיין געבעסערטער און פֿאַרריכטער, נאָר פֿאַרקערט, אַלע מאָל ערגער, אָפּגעפֿאַלענער — אַזוי,

אַז די באַקן האָבן אים געגומען פֿון באָרד אַרויסשטאַרטשען מיט אַ סאָרט מראה, ווי ביי אַ מת.

אַלע האָבן אים צוגעווינטשעוועט, און נאָר דער סטאַראָסטע, דער נאָ־וואָראָסייער, דער, וואָס מיטן צינערנעם אוירינגל אין אויער, מיט דער ניט־געשווירענער באָרד און מיט דער אויבערשטער געגאָלטער ליפּ אַזש ביז בלוי, איז דערביי שטיל געשטאַנען און ווי עפּעס אויסגעוואַרט... און אַז משה מאַשבער איז פֿון קאַמער אַרויס, באַלייט פֿון אַלעמען נאָר ביז דער שוועל, אַזוי איז דער סטאַראָסטע אים אין קאָרידאָר נאָכגעגאַנגען. ער האָט אים געהאָלפֿן טראָגן דאָס קליינע פּעקעלע, וואָס איז אים געבליבן נאָכן צעגעבן זיינע זאַכן. ער איז מיט אים צו צו דער אַרויסגאַנג־טיר, וואו ער האָט זיך מיט אים באַדאַנקט שיידן, ווען משה מאַשבער האָט שוין געזאָלט אין טורמע־הויף אַרויס, און ער, דער סטאַראָסטע — צוריק אין קאַמער זיך אומקערן. דעמאָלט אָבער האָט זיך דער סטאַראָסטע פֿאַרהאַלטן. ער האָט פּלוצלים עפּעס אַ מאָדנע קוק געטאָן אויף משהן, און דערזעענדיק אים אַן איינגעבראָכענעם און קוים־אויף־די־פֿיס זיך האַלטנדיק; און דערפֿילנדיק, אַז יענער איז שוין מיט אַ שפּאַן נעענטער צו גאָט, צו דעם, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך; און ווידער, ווייזט אויס, זיך דערמאָנענדיק אין אַן אַלט בילד, וואָס איז אים פֿאַר די אויגן אויפֿגעשוואומען, און געמלעך, ווי אַזוי אַ טאַטע, אָדער אַ זיידע, פֿלעגט אַמאָל, ערב עפּעס אַ געוויסן יידישן יום־טוב, אין גרויסע פֿייערלעכ־קייט, זיינע קינדער בענטשן; — איז אַט, דאָס דערזען, און דאָס אַלץ זיך דערמאָנט ערב צעשיידן זיך מיט משה מאַשבערן, ווען ער האָט, אַ פּנים, פֿאַררעכנט פֿאַר אַ גרויסן חשוב ביי גאָט, צוזעענדיק זיין שטאַרק־פֿרומע אויפֿפֿירונג, וועלכע ער האָט די גאַנצע צייט פֿון יענעמס פֿאַרברענגען אין טורמע נאָכגעקוקט און אין האַרצן פֿאַרהערלעכט — האָט ער, אַזוי שטיי־ענדיק פֿאַר אים, צו אים זיך אַ ווענד געטאָן און אַ זאָג געגעבן: בלאַגאָסלאָווי, מוישע... דערביי האָט ער יענעמס פּעקעלע אויף דער ערד אַוועקגעלייגט, אַליין זיך אונטערגערוקט און דעם קאָפּ ווי צו אַ בענטשונג אַנגעבויגן.

ס'איז געווען אַ משונה בילד צו זען, ווי די ערשטע רגעס האָט זיך משה מאַשבער אַ ביסל פֿאַרלוירן, נישט זייענדיק קיין מאָל אין דער לאַגע פֿון אַ בענטשער, ובפֿרט פֿון אַזאַ פֿאַרשוין, ווי אַט דער סטאַראָסטע; אָבער פֿון דער אַנדערער זייט, אַז ער האָט דערזען, ווי אַזוי יענער האָט אַזוי גלויביק דעם אַנגעבויגענעם קאָפּ פֿאַרויסגערוקט, און וויסנדיק, ווידער, אַז אַזאַ פֿאַרשוין טאָר מען ניט אָפּזאָגן, ניט דעררגזענען, מחמת, ס'איז אַ סכּנה, האָט ער, באין ברירה, די הענט איבער זיין קאָפּ אויסגעשטרעקט, אים די טובה געטאָן, און שטילערהייט געגומען שעפּטשען די באַוואוסטע ברכה: יברכך ה' וישמרך... יענער, ווי אַ פֿאַרווילדעוועטער און לאַנג פֿון זיין שטאַם אָפּגעריסענער, האָט די ברכה מיט אַ ניט־יידישלעכן יראת־הכּבֿוד און דאַנקבאַרקייט אַנגענומען, און נאָך

דעם, ווי משה מאַשבער האָט די הענט פֿון איבער זיין קאָפּ אַוועקגענומען, אַזוי האָט יענער, ווידער גאַרניט יידישלעך און ווידער פֿון גרויס דאַנקבאַרקייט פֿאַר־פֿולט, משה מאַשבערס אַ האַנט צו קושן אַ כאַפּ געטאָן, און ווען משה האָט זי גע־וואָלט אַוועקנעמען, אַ זאָג געבנדיק, האַלב מיט בושה, האַלב מיט ווידערווילן: „ניין, מ׳דאַרף ניט, מ׳טוט ניט אַזוי״, האָט יענער פֿון גרויס פֿאַרלוירנקייט און פֿון נאָך מער דאַנקבאַרקייט, אַנשטאָט דער פֿריערדיקער איינער האַנט, איצט צו משה מאַשבערסביידע זיך אַ צי געטאָן צום קושן...

אַז משה מאַשבער איז דערנאָכדעם צוגעפֿאָרן צו זיין שטוב אויפֿן פֿורל, וואָס ער האָט זיך געלאָזט ברענגען פֿון איינעם אַ טורמע־וועכטער, כּדי צו פֿאַרשפּאָרן דעם גרויסן מהלך פֿון טורמע אַהיים צופֿוס דורכמאַכן, האָט אים די ערשטע דערזען די עלטערע דינסט, וועלכע איז, נאָך גנעסיעס דער פּאָקאָיאָ־וועס פֿאַרשוואונדן, די איינציקע אין שטוב געבליבן. זי איז גראָד עפּעס אין הויף אַרויס — אָדער אויף אויסשיטן אַ ביסל אַש אין מיסטקאַסטן, אָדער אויף אַן אַנדער באַדאַרף, און אַז זי האָט דערזען דעם באַלעבאָס, משה מאַשבער, צופֿאָרן, און מחמת קיין כּוחות האָבן אים ניט געקלעקט אַליין פֿון פֿורל אַראָפּ־קריכן, האָט ער זיך אויף זיין זיץ־אָרט פֿאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט געוואַרט, אַז אַנדערע זאָלן אים צוהילף קומען — איז זי די ערשטע רגע שטאַרק מבולבל געוואָרן. זי האָט פֿאַר אַלעמען, געכאַפּט און מיט ביידע הענט צום קאָפּ זיך אַ צי געטאָן — די עקן פֿון קאָפּ־טיכל בעסער איינצוציען, ווי אַלעמאָל, ווען זי האָט באַדאַרפֿט קומען פֿאַר די באַלעבאָטים נישט אין דער דינסט־צייט, נאָר אין מער פֿייערלעכע מאָמענטן. זי האָט זיך אָבער באַלד אַ כאַפּ געטאָן, אַז ס׳איז ניט גענוג און אַז ניט זי, די דינסט, הייסט עס, איז די פּאַסיקע און די באַרופֿענע, זי זאָל די ערשטע דעם נאָר־וואָס־אָנגעקומענעם באַלעבאָס באַגעגענען. זי האָט זיך דערמאָנט אין יהודיתן, וואָס ווי אַ טאָכטער, איז זי אַוודאי מער פּאַסיק... זי איז דערום באַלד, קיין איין מינוט ניט טראַכטנדיק, אַוועק זי רופֿן. און אַז זי איז אַריין אין שטוב און האָט געטראָפֿן יענע אַ נישט־ווויסנדיקע און זיך נישט ריכטנדיק אויף גאָרנישט, האָט זי פּלוצלים אויסגעשריען אין גרויס צע־טומלטקייט:

— זע, דאָ זיצט מען רואיק און מ׳ווייסט אַפֿילו ניט, אַז דער באַלעבאָס איז געקומען, און אַז ער שטייט שוין פֿאַרן טויער מיט זיין פֿורל.

— ווער?... וואָס?... — האָט זיך יהודית אַ שטאַרק דערשראָקענע אַ כאַפּ־אויף געטאָן; ווייל כאָטש יהודית האָט, לאָמיר זאָגן געוואוסט פֿון דער פֿאַרשטייענדיקער באַפֿרייאונג פֿון איר פֿאָטער, דאָך איז די צייט און גענוי דער טאָג פֿון דער באַפֿרייאונג נישט באַשטימט געווען, און דערהערנדיק איצט, אַז ס׳איז שוין געשען, און אַז דער פֿאָטער געפֿינט זיך שוין אַפֿילו, אָט־אָט, אין דרויסן און פֿאַרן טויער צוגעפֿאָרן, אַזוי האָבן זיך איר פֿון

איבערראַשונג די קני אונטערגעהאַקט, און אַ צעטומלטע פֿון דער דינסטס אויסגעשריי, האָט אויך זי מער נישט געקאָנט, ווי אַ צעטומלטן געשריי טאָן:
— וואָס האָט זי געזאָגט, די דינסט? ווען? וואו?...

זי איז גלייך אַרויס און האָט נאָך באַוויזן איר פֿאָטער אויף זיין זיץ־אָרט, וואָס אויפֿן פּורל, טרעפֿן. דעמאָלט איז זי צו אים צו... משה מאַשבער האָט, זי דערזעענדיק, זיך איר אַנטקעגן געלאָזט און פֿון זיין אָרט זיך אַ הויב געטאָן; אָבער אַראָפּקומען פֿון פּורל האָט ער טאָקע ניט געקאָנט, אי מחמת קיין כּוח האָט אים געקלעקט, אי אויך דערפֿאַר, ווייל אַליין די באַגעגעניש מיט דער טאָכטער פֿאַרן טויער פֿון זיין שטוב, וועלכע ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געזען, האָט אים אַ גענוגע פֿינצטערניש אין די אויגן אַנגעטריבן...

יהודית האָט אים אונטערגעהאָלפֿן... און אַז ער איז אַראָפּ, און אַז זי האָט, אים אונטערהאַלטנדיק, היגטערוויילעכטס אַ קוק געטאָן אויף אים און אים דערזען אַזאַ, וואָס איז איר שוין כּמעט שווער געווען צו דערקענען, גלייך ווי מ'וואָלט אים איר מיט אַן אַנדערן פֿאַרביטן; — אַז זי האָט דאָס דערזען, האָט זי שטיל צו זיינעם אַן אַקסל אַ פֿאַל געטאָן, מיט איין נאָר וויינענדיקן און היכצנדיקן וואָרט אין מויל: טאַטע... טאַטע... מער האָט זי ניט געקאָנט... טרערן האָבן זי געוואָרגן, און נישט וועלנדיק אים מער מצער זיין און אים אַרויסווייזן, אַז די ענדערונג, וואָס זי באַמערקט אויף אים, איז באמת אַזוי גוואַלדיק, איבערראַשנדיק, האָט זי געזען וואָס גיכער די טרערן אין זיך אויפֿהאַלטן און אין די אַקסל זיי באַגראָבן.

אויך משה מאַשבער, ווען זי איז צו אים אַ פֿאַל געטאָן, האָט מיט אַ צערטלעך־פֿאָטערלעכער האַנט זי גענומען גלעטן און זי באַרואיקן, כּדי זי ניט מאַכן מערקן דעם מצב, אין וועלכן ער געפֿינט זיך. דאָך האָט ער זיך לענגער שטאַרקן נישט געקאָנט און מער צו איבערצייגן די טאָכטער, אַז ער איז ניט אַזוי אַראָפּגעפֿאַלן און שוואַך, איז ער ניט אומשטאַנד געווען... ער האָט דאָס קליינע קלומעקל, וואָס ער האָט פֿון טורמע מיטגעבראַכט — אייגנט־לעך, בלויז טלית־און־תּפֿילין, און אפֿשר אויך נאָך אייניקע ספֿרים — אַליין שוין נישט געקאָנט טראָגן און יהודית האָט דאָס געמוזט ביי אים פֿון דער האַנט אָוועקנעמען. ווייניק: מיט איין האַנט האָט זי דאָס פּעקל געטראָגן און מיט דער צווייטער האָט זי אים, איר פֿאָטער, משה מאַשבערן אַליין, אַנגעג־נומען, אים געפֿירט, און די גאַנצע צייט, גייענדיק פֿון טויער אין הויף און פֿון הויף אין שטוב, האָט זי אים ניט אָפּגעלאָזט, ווי אַ זקן, אָדער ווי אַ שוואַכלינג, וועמען די שפּאַן קומען אָן שווער...

יאָ, אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַזוי האַלב־מענטש, האָט זיך משה מאַשבער, פֿון טורמע אָנקומענדיק באַוויזן...

ער האָט זיך קוים צו דער שוועל דערשלעפּט, און אַז ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער אויף קיין זאַך זיך נישט אומגעקוקט, נישט אויף די ווענט,

נישט אויף דער סטעליע, נישט אויפֿן דיל, ווי ס׳קומט אַלע מאָל פֿאַר, ווען מ׳קערט זיך אום אין אַן אָרט, פֿון וועלכן מ׳איז לאַנג געווען אָפּגעריסן. ער האָט מיט די אויגן אויך קיינעם פֿון די בני־בית נישט געזוכט — ווידער, ווי ס׳פֿירט זיך, גלייך קיינער גייט אים נישט אָן... נאָר צום אַלעם ערשטן, האָט יהודית דערזען, האָט ער זיך צו זיין שלאָף־צימער אַ צי־געטאָן, וועלנדיק, ווייזט אויס, זיך דערוויסן, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין זיין אָפּוועזנהייט מיט גיטעלען, פֿון וועלכער ער האָט די גאַנצע צייט קיין תמונות־אות ניט געהאַט, און וואָס דערפֿון האָט ער געדרונגען, אַז עפּעס איז מיט איר נישט גוטס געשען, און געמלעך: אָדער זי איז שטערבלעך פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן באַלד נאָך זיין אַוועקגיין און פֿאַרלאָזן די שטוב, אָדער ערגער: מעגלעך, אַז זי איז שוין גאָר אין גאַנצן ניטאָ...

יהודית האָט אים געוואָלט אָפּהאַלטן אַ ווײַלע, כּדי אים צו דערציילן אייניקע פּרטים פֿון דער מוטערס שלאָפֿקייט און אים צוגרייטן, ער זאָל פֿון דער פּלוצימדיקער באַגעגעניש נישט אַזוי געפּלעפֿט זיין. נאָר משה מאַשבער האָט זיך ניט געלאָזט: „כ׳ווייס, כ׳ווייס" — האָט ער געזאָגט, גייענדיק פֿון צימער צו צימער, געפֿירט און אונטערגעהאַלטן פֿון יהודיתן, אַ האַלב־צע־טומלטער און צעטראָגענער, און ווי נישט האָבנדיק קיין אויער פֿאַר יהודיתס רייד.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס — האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט, און נישט געקוקט אויף זיין אָפּגעשוואַכטקייט, האָט ער זיך מיט שטומער עקשנות אַפֿילו אונטערגעאײַלט אין גאַנג.

אַז ער איז אַריין אין אַלקער, איז ער גלייך צו גיטעלעס בעט צוגע־קומען... און דאָ האָט מען געקאָנט זען אַ זאַך, וואָס אַפֿילו פֿאַר אַ געניטן און גרויס־דערפֿאַרענעם דאָקטער וואָלט עס געקאָנט זיין זייער וויכטיק און באַלערנד. וואָס געהער משה מאַשבערן אַליין, האָט ער, צוקומענדיק צו גיטעלעס בעט און זי דערזען ליגן אַ גלייכע, אַן אויסגעצויגענע, מיט ניט־פֿילנדיקע אויגן און אָן שום באַוועגונג — האָט ער, משה, זאָגן מיר, וואָס איז די לעצטע צייט גרייט און געוואוינט געווען צו די פֿיל שלעק, וועלכע האָבן זיך אויף אים, ווי שטייענדיק אונטער אַ האָגל, האַרט און קנאַקנדיק איבערן קאָפּ געשאָטן, אויך אָט דעם שלאָק אָנגענומען, ווי אַ באַשערטע אומפֿאַרמיידלעכ־קייט, קעגן וועלכער ס׳לאָזט זיך ניט און ס׳העלפֿט זיך ניט צו ווערן... ער האָט זיך בלויז פֿאַר דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט פֿון בעט אָנגעכאַפּט, ער זאָל זיך ניט אַ וואַקל טאָן פֿון דעם, וואָס זיינע אויגן האָבן דאָ נאָר וואָס דערזען. ער האָט געקוקט שווייגנדיק, ווייל דאָס מויל האָט זיך אים געשלאָסן...

דאָס, וואָס געהער אים, משה מאַשבערן. וואָס געהער אָבער גיטעלען, איז ווי נאָר זי האָט אים דערזען, אַזוי לאַנג אַ ניט־געזעענעם, אַ צוריקגעקערטן פֿון דאָרט, וואָס, ווי ס׳ווייזט אויס, אין איר אָפּגעשוואַכטן מוח שוין געבליבן

גאָר ווייניק האָפֿענונג, אים אַ צוריקגעקערטן צו באַגעגענען — וואָס געהער איר, גיטעלען, איז ווען אַ געניטער דאָקטער זאָל בעת־מעשה דאָרט געווען בײַזײַן, אַזוי וואָלט ער באַמערקט, אַז אַ רגע איז אָפּגעגאַנגען, ס׳זאָל געשען איינס פֿון די צוויי: אָדער זי זאָל מיט אַמאָל אויפֿציטערן פֿון איבעראַשונג און אַ ווילדן אויסגעשריי טאָן: „משה!״ וואָס דאָס וואָלט באַטייט אַן איבער־ברוך און אַן אויפֿלייזונג פֿון איר קרענק, ווען דאָס לשון וואָלט זיך איר אומגעקערט און, צוזאַמען דערמיט, אויך די באַוועגלעכקייט פֿון קערפּער, ווי ס׳טרעפֿט זיך אַמאָל; אָדער פֿאַרקערט, פֿון אומגעריכטן אויפֿצאַפּלען וואָלט זי אַזוי שטאַרק אונטערגעריסן אירע וואָרצלען, וועלכע האָבן זיך אַזוי אויך קוים־קוים שוין געהאַלטן, אַז זי וואָלט באַלד דערנאָך געבליבן אויסן און שוין מיטן גאָרן לעבן אָפּגעזעגנט...

גיכער וואָלט מען זיך באַדאַרפֿט ריכטן אויפֿן ערשטן ווי אויפֿן צווייטן, ווײַל אָקאָרשט איז אַזוינס שוין טאַקע געשען: גיטעלע האָט, דערזעענדיק משהן, מיט אַמאָל פֿון גאָרגל עפּעס אַ פֿאַרשטיקטן ריטש אַרויסגעלאָזט, וואָס אָט־אָט, האָט זיך געדאַכט, באַקומט ער דעם באַטייט פֿון אַ קלאָר אויסגע־שפּראָכן וואָרט, צו וועלכן זי רײַסט זיך מיט אַלע אירע כּוחות... זי האָט אויך, נישט געקוקט אויף דער געפּענטעטקייט פֿון איר קערפּער, זיך אַזאַ סאָרט ריס געטאָן, וואָס אָט־אָט, האָט זיך ווידער געדאַכט, וועט זי זיך אַ שטעל אויף טאָן, פֿון בעט אַראָפּ, צו איר משהן צו, און ווי איר טאָכטער יהודית — מיט שטום־קלאָגנדיקער ליבע צו זײַן אַקסל צופֿאַלן... כאָטש פֿאַר אַ פֿרום ווייב, זאָגן מיר דאָ אַגב, וואָלט אפֿשר ניט געפּאַסט אַרויסווייזן אַזאַ צערטל־דיקייט צו איר צוריקגעקערטן מאַן; דאָך אָבער בײַ אַזאַ אויסנאַם און בײַ אַזאַ סאָרט באַגעגעניש, אַ דאַנק וועלכער זי, גיטעלע, איז אויך על־פּי־נס געזונט געוואָרן, וואָלט זי זיך באַוואוסטזיניק, אָדער אומבאַוואוסטזיניק דער־לויבט אַפֿילו דאָס, וואָס פֿרומע זיטן דערלויבן ניט און וואָס אַפֿילו די האַרבסטע דינים פֿאַרבאָטן...

יאָ, ס׳וואָלט, אָט־אָט געקאָנט געשען. ס׳איז אָבער ניט געשען. גיטעלעס ריטש איז איר ווייטער פֿון גאָרגל ניט געקומען; דער קערפּער־צוק איז גע־בליבן ניט מער, ווי אַן אומבאַהאָלפֿענער, קורץ־דויערנדיקער בליק, אַ צו גאָרניט ברענגענדיקער... זי איז ווידער אויף איר בעט ליגן געבליבן, ווי פֿריער; ווידער גלייך אויסגעצויגן, שטום־קוקנדיק און אָן לשון אין מויל; מיטן איינעם נאָר אויסנאַם, וואָס איצט איז איר בליק געווענדט געווען בלויז צו משהן, וואָס איז בײַ דער צווייטער וואַנט בעט, בײַ איר צופֿיסנס, געשטאַנען — מיט אַזאַ סאָרט אויסדרוק, וואָס דער באַטייט זײַנער האָט געזאָלט זײַן: זע משה, ווי משה, איך ליג אין בעט אַ קראַנקע און דו שטייסט לעבן מיר, כּלומרשט אַ געזונטער... אָבער ווי איך זע און ווי איך מעג שווערן, איז אויך דײַן אָרט איצט אין אַ קראַנקן־בעט, דאַכט זיך...

יהודית, וואָס איז ביי אַט דער סצענע בייגעווען, און וואָס האָט נישט געוואָלט פֿאַרציען לענגער די באַגעגעניש פֿון איר קראַנקן פֿאָטער מיט דער געליימט־ליגנדיקער מוטער, האָט זיך צוערשט אַ ווענד געטאָן צו דער מוטער מיט אַ פּאָר ווערטער, גלייך יענע הערט זי, גלייך זי פֿאַרשטייט זי, זאָגנדיק: „מאַמע, דער טאַטע איז מיד, ער דאַרף זיך אָפּרוען...״ און דערביי האָט זי זיך אויך צום פֿאָטער געווענדט, אָנבעמענדיק אים פֿאַר אַ האַנט, פֿאַר וועלכער זי האָט אים פֿריער אַהער אַריינגעפֿירט, און אויך צו אים אַ זאָג גיבנדיק: קום, טאַטע, ביסט מיד, וועסט נאָך שפּעטער נאָך אַמאָל באַווייזן אַריינגיין...

משה מאַשבער האָט געפֿאָלגט. ער האָט זיך אָפּגעקערט פֿון צו קוקן אויף גיטעלען, אי מחמת ער האָט געזען, אַז דאָס ווייטער־פֿאַרברענגען ביי איר וועט גאָרנישט נישט גיבן, גאָרנישט נישט פֿאַרגרינגערן; און אי אויך דערפֿאַר, ווייל אויך ער אַליין האָט זיך געבויטיקט, ווי גיטעלע האָט באַמערקט, אין אַ גוטן געלעגער, צו וועלכע זיין קראַנק־אויסגעמאַטערטער קערפּער האָט, נאָך לאַנגן ליגן אויף די טורמע־נאַרעס, זיך באמת אַזוי פֿאַרבענקט...

ער איז צוזאַמען מיט יהודיתן, און ווידער פֿון איר עטוואָס אונטערגעהאַלטן, פֿון גיטעלעס צימער אַרויס און אין זאַל אַריינגעבראַכט געוואָרן — אַהין, וואו נאָך איידער ער האָט דעם אָקאָרשט־דערמאָנטן וויזיט ביי גיטעלען אין שלאָף־צימער געפּראַוועט, האָט יהודית דער אַלטער דינסט אַ באַפֿויל געגעבן, זי זאָל דאָרט אַ געלעגער אויף אַן אַריינגעטראָגן בעט אויסבעטן און אַלץ וואָס מ׳דאַרף צוגרייטן.

יענע האָט פֿאַר דער צייט, וואָס משה מאַשבער האָט אין אַלקער פֿאַרבראַכט, שוין באַוויזן... און איצט, ווען משה מאַשבער מיט יהודיתן זיינען אַהין אַריין, איז שוין ביי איינער אַ וואַנט דאָס בעט מיט שטאַרק ווייסן בעטצייג פֿאַרגרייט געווען — אַזוי, אַז ווען משה מאַשבער האָט דאָס דערזען, האָט די ערשטע רגע אַ שטיק דערלייכטערונג אויף זיין פּנים זיך געוויזן דערפֿון, וואָס ער האָט דערפֿילט די היים. דער זאַל, וואָס האָט אַלע מאָל מיט די טעפּיכער און וואַזאַנעס מיטן הויכן שפּיגל און מיט די פֿיל פֿענצטער, מיט מער לופֿט און הרחבה ווי אַלע צימערן, זיך אויסגעטיילט. ער האָט אַפֿילו, קוקנדיק אויפֿן בעט, די ערשטע מינוטן, אַ גרויס־צופֿרידענער, עטוואָס לענגער דערויף דעם בליק פֿאַרהאַלטן, דערמאָנענדיק זיך, פֿון וואַנען ער קומט — אַז פֿון טורמע, און ווי אַזוי זיין געלעגער צווישן די מיט אים מיטזיצנדיקע אַרעסטאַנטן האָט אויסגעזען.

דאָס — אין די ערשטע מינוטן. באַלד אָבער, ווי ער האָט זיך, אויף יהודיתעס פֿאָרשלאָג, געבומען אויסטאָן און די שיך און קליידער פֿון זיך אַראָפּציען און האָט באַדאַרפֿט אויף אַט דעם טאָקע זויבערן בעט אויפֿגיין, אַזוי האָט זיך אויף אים פּלוצלים אַ מרה־שחורה אָנגערוקט — אַזאַ, וואָס האָט

אים געמאַכט די גאַנצע צייט, בשעת ער האָט פֿון זיך די קליידער געצויגן, קיין איין האַלב וואָרט ניט אויסריידן. און נאָך מערער: אָט די מרה־שחורה און דאָס שטילשווייגן, וואָס האָט זי באַלייט, האָט אים געמאַכט אַפֿילו אין די אייגענע קליידער זיך פּלאָנטערן, נישט געדענקענדיק, ווי יעדער געזונטער מענטש, וואָס פֿריער מ'דאַרף אויסטאָן: צי די קאַפּאָטע, צי די זשילעט, צי די שיך, צי די זאָקן.

ער האָט מיטאַמאָל, מעג מען שווערן, ווי מורא געקראָגן פֿאַרן בעט, און אַ גרויסן נישט־גערן האָט ער אַרויסגעוויזן סיי ווען יהודית האָט אים פֿון זיין פֿאַרטראָגנקייט געוועקט בעתן אויסטאָן זיך, ובפֿרט דערנאָך, ווען ער האָט שוין אַן אויסגעטאָענער, באַדאַרפֿט דערויף אַרויפֿגיין...

סוף־כּל־סוף אָבער איז ער אַרויף. און אָט אַזוי איז שוין משה מאַשבער, אַ באַפֿרייטער, צוריק אין דער היים, אין זיין בעסטן, פֿרייסטן זאַל־צימער, אויפֿן זויבערן בעט געלעגן; און מינוטנווייז האָט זיך געקאָנט דאַכטן, ווי שוין פֿריער געזאָגט, אַז אַ שטילע הנאָה באַלויכט אים דאָס פּנים, מאַכנדיק אים מיינען, אַז דאָ וועט אים דאָס שלאַפֿקייט אָפּלאָזן, דער ברוסט און דער מאַנגל אין אָטעם וועט זיך פֿעלן, און צווישן די גראַמע ווענט, אונטער דער הויכער סטעליע, און פֿון היפּש שיין און זוניקייט, וואָס קוקט בייטאָג אַריין דורך די ברייט־פּאָליקע זאַל־פֿענצטער, וועט אים די געזונט־מאַכנדיקע ישועה קומען...

דאָס אָבער בלויז מינוטנווייז. מערסטנטייל אָבער האָט משה מאַשבער, זינט ער איז אויפֿן בעט אַרויף, אויסגעזען אַזוי פֿאַרטראָגן, אַז ער האָט אַפֿילו ניט באַמערקט, וואו ער געפֿינט זיך, נישט באַמערקט אויך די ציטעריקע אויפֿמערקזאַמקייט און געטריישאַפֿט, מיט וועלכע יהודית גייט אַרום אים אַרום, נישט אַרויסווייזנדיק קיין מינדסטן סימן, אַז ער נויטיקט זיך גאָר אין באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט...

ער האָט נישט באַמערקט, משה מאַשבער... זיין פֿאַרטראָגנקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין אָונט פֿון זעלבן טאָג, ווען ער האָט זיך אַהיים אומגעקערט, ווען מ'האָט אים דאָס בעט אין זאַל אויסגעבעט און ער האָט זיך אין דעם אַריינגעלייגט — אינעם זעלבן טאָג אויפֿדערנאַכט, ווען אַלע קינדער, די איידעמס, מיט די אייניקלעך, וועלכע זיינען גראָד ביי זיין צוריקקער אין דער היים ניט געווען, האָבן אים אַרומגערינגלט, ווער — געשטאַנען, ווער — געזעסן, און האָבן גענומען צו אים זיך ווענדן און זיך דערפֿרעגן וועגן זיין געזונט, ווי אויך אים איבערגעבן פֿאַרשיידענע נייס, וועלכע וואָלטן אים געקאָנט פֿאַראינטערעסירן, זייענדיק אַזאַ צייט פֿון דער היים און פֿון די אייגענע אָפּגעריסן — האָט ער — משה מאַשבער, כּמעט קיינעמס ווערטער דעמאָלט נישט געהערט. ער האָט אויף די פֿראַגעס, וואָס מ'האָט אים פֿאַרגיבן וועגן זיין געזונט, נישט געענטפֿערט, ובפֿרט, האָט מען געזען, גייען אים

נישט אָן די נייס, וועלכע מ׳טראָגט אים אונטער, מיטן מיין, אים צו צע־שטרייען און אים מאַכן פאַרגעסן די שווערע איבערלעבונגען, וואָס ער קומט אָקאָרשט פריש אַרויס פון זיי.

ער האָט נישט געהערט, נישט באַנומען. ער האָט אַפילו זעלטן כמעט אויף יאָ אָדער ניין מיטן קאָפּ געשאָקלט. און מיט אַמאָל, צווישן אַלעם היימישן גערודער, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום אים פון די שטייענדיקע און זיצנ־דיקע קינדער־באַזוכער זיינע, האָט ער זיך פלוצלים אַ ווענד געטאָן ניט צו איינעם פון זיי, נאָר ווי צו אַלע צוזאַמען, מיט עפּעס אַ זייטיקער און משונה־דיקער פראַגע, ניט צום אָרט און ניט צו דער צייט. ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— קינדער, עפּעס געדענק איך ניט און קאָן זיך ניט דערמאָנען: בע־כאַמקען האָט מען שוין געצאָמט...

— וואָס רעדסטו, טאַטע? אַוודאי... האָט יהודית אויף זיין כמעט אומ־זיניקער פראַגע אויף גיך אָפּגעענטפערט, כדי וואָס גיכער אים אָפּצואָווענדן פון דער שווערער געדעכעניש פון וועגן איר געשטאָרבענער שוועסטער, וואָס איז אים פלוצלים אויפגעשוואומען און וואָס האָט, ווייזט אויס, געדרוקט אויף אים.

— יאָ, זאָגסטו? — האָט משה מאַשבער דעמאָלט אַ זאָג געטאָן עפּעס מעשה תּם און האָט זיך ווידער פאַרהאַקט אין זיינע אָפּגעזונדערטע רעיונות, וועלכע האָבן אים באַהערשט און דעם גאַנצן אויפדערנאַכט דערנאָך ניט געלאָזט מער פאַראינטערעסירן אינעם אַרומיקן געשפּרעך אַנטיילצונעמען.

ער האָט פלוצלים דעמאָלט נאָך איינעם אַ האַלב־אומהעפלעכן זאָג געטאָן: „קינדער, כ׳בין מיד, גייט שלאָפן״... וואָס גלייך נאָך דעם זיינען אַלע טאַקע, אין מיטן געשפּרעך און ווי אין מיטן האַלבן וואָרט, זיך צעגאַנגען און פון זאַל זיך אַרויסגערוקט, און ער, משה, איז אַליין געבליבן — נישט ווייניקער פאַרטראַגן, איצט אַליין זייענדיק, ווי פריער, ווען די קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט און לעבן זיין בעט זיך געפונען.

ער איז אַזוי ווייט פאַרחושט געווען אויך שפּעטער, נאָכן ערשטן טאָג פון זיין צוריקקער, אַז ער האָט כמעט ניט באַמערקט, אַז פון אַלע אייניקלעך אין שטוב שטעלט זיך צו אים אָפּט אַריין, אַן אומבאַמערקטער, דאָס עלטסטע אייניקל, מאירל, וואָס אַמאָל רוקט ער זיך צו נעענטער צו זיין בעט, און אַמאָל — אָפטער — בלייבט ער שטיין ביי דער שוועל פון דער זאַל־טיר, ווי מורא האָבנדיק, אַז ער, משה, זאָל אים ניט באַמערקן און אים אַ פרעג טאָן, אַן אומצופרידענער, וואָס באַגערט ער מיט זיין אַהערקומען...

יאָ, זאָגן מיר, אויך מאירל, פון זיין זייט, האָט זיך איצט אַזוי שטאַרק אָפּגעפרעמדט געפילט פון זיין זיידן, פון משה מאַשבערן, אַז ס׳האָט זיך אים אַפילו געגלויבט, אַז יענער דערקענט אים ניט. און ווען יאָ — האָט ער אים

ניט אין זינען אויסצוטיילן צום מער בעסערן און נעענטערן פון צווישן אַלע אייניקלעך, ווי ער פלעגט דאָס אַלע מאָל יאָ טאָן, יאָ אין זינען האָבנדיק.

מאירל האָט זיך געפילט אַזוי אָפּגעפרעמדט און האָט אַזאַ אויסבאַהאַל־טענע מורא געקראָגן פאַרן זיידן, אַז ער האָט אַפילו זעלטן געוואָגט אַ רעכטן, ניט־פאַרשטעלטן קוק טאָן אויף יענעם קרענקלעך־אָפּגעפּאַרענעם מאַן, וואָס רופט זיך „זיידע", און וואָס זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון דאָרט, וואוהין ער איז אויף אייניקע חדשים געהאַט אַוועק און וואָס אין שטוב האָט מען די גאַנצע צייט כּמעט דעם נאָמען פון יענעם אָרט נישט דערמאָנט — האָט ער זיך איצט אין בעט אַריינגעלייגט, און אין אַזאַ מאָס, וואָס ס'איז זיכער שווער צו האָפן, מ'זאָל אים ווידער זען אַ געזונטן, אָן אויפגעשטאַנע־נעם און פון בעט אַראָפּגעגאַנגענעם נאָך דעם, ווי די קרענק וועט אים אַריבער, ווי ס'מאַכט זיך ביי אַנדערע... ניין, כאָטש ער איז נאָך אַ קינד, מאירל, און כאָטש מיט ווערטער וואָלט ער דאָס ניט געקאָנט אויסדריקן, אָבער גע־פילט האָט ער, קוקנדיק אונטן אַרום און מיט גרויס מיטלייד אויף יענעם, וואָס דער צוקאָפּנס איז אים צו הויך געמאַכט, כּדי ער זאָל קאָנען מער זיצן, ווי ליגן, מחמת דער הוסט וואָרגט אים — אַז וואָס־וואָס, נאָר אַז צום בעסערן גייט אים ניט, ווייל וואָס אַמאָל זעט ער אויס, ווי אַלץ מער אין זיך פאַר־שלאָסן, גלייך ער וואָלט געהאַט עפּעס אַ סוד אין שויס פאַרשטעקט, וואָס פאַר אַנדערע, פאַר ניט באַרופענע, ד"ה פאַר געזונט־אַרומגייענדיקע און פאַר די, וואָס באַדינען אים, איז אים ניט רעכט אויסצוזאָגן...

און נאָך אַמאָל: משה מאַשבער איז שוין אַזוי ווייט אַרויסגענומען געוואָרן פונעם אַרום, אַז אויף מאָרגן, נאָך דעם ווי ער איז אַהיימגעקומען און נאָכן ערשטן אויפדערנאַכט, ווען אַלע אייגענע האָבן אים באַזוכט, אויסער אַלטערן, וואָס מחמת זיין קרענקלעכער אָפּגעשיידטקייט און שטענדיקן פאַרברענגען אין זיין אויבער־שטיבל, האָט מען אין אים אַזוי פאַרגעסן, אַז מ'האָט אים אַפילו די בשורה וועגן זיין ברודערס צוריקקערן ניט אָנגעזאָגט — אויף מאָרגן, ווען אַלטער האָט זיך צופעליק אַליין דערוואוסט, אָדער ווען די דינסט־יידענע האָט עס אים מיטגעטיילט, און ער איז צו משהן אַריין און אים געטראָפן שוין אין בעט און אין דער גאַנצער קרענקלעכער אויסשטאַטונג, מיטן הויכן צוקאָפּנס און מיט די רעצעפּטן און רפואות לעבן אים אויף אַ טישל אויסגעשטעלט — האָט משה מער קיין ווערטער ניט געהאַט אויף צו באַגעגענען אַלטערן, ווי נאָר דאָס איינע:

— האַ, אַלטער?... וואָס מאַכסטו?...

אַלטער, וואָס האָט, ווי מ'דאַרף פאַרשטיין, קומענדיק אויף דער שוועל פון זאָל דערזען דעם ברודער, זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן צו אים, ווי צו זיין איינציקער שוץ, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג פאַר די אויגן נישט געהאַט, כּדי זיין לאַנג־אָנגעזאַמלטן, נישט־אַרויסגעזאָגטן צער פאַר אים אויסלאָדן, אויב ניט

אין ווערטער, איז כאָטש אין שטומען צופֿאַלן צו יענעמס אָרעמס... אָבער אַז משה האָט אים באַגעגנט מיט דעם פֿאַרטראָגענעם, האַלב־קאַלטלעכן „וואָס מאַכסטו?” אַזוי איז אויך ער, אַלטער, עטוואָס אָפּהענטיק געבליבן און ס'האָט אים מער קיין וואָרעמער אימפּעט ניט געקלעקט דעם ברודער אַנטקעגנצוקומען, ווי נאָר מיט אַ שטילן, אומדרייסטן אויסגעשריי: משה... דערביי האָט מען געקאָנט באַמערקן, ווי אַפֿילו ער, אַלטער — אַליין אַזאַ קראַנק־געבראָכענער, האָט דאָ דעם ברודערס לאַגע אָפּגעשאַצט, נישט האָבנדיק קיין תּרעומות אויף יענעמס קאַלטלעכן אויפֿנאַם; מחמת ווי נאָר ער האָט אויף משהס פּנים אַ קוק געטאָן, אַזוי האָט ער דערזען, אַז יענער איז איצט אַזוי קראַנק, אַז ער קאָן קיין אַנדערע ניט אין זינען האָבן און איז אַפֿילו ניט אומשטאַנד קיין אייגענעם ברודער קיין מער מיטפֿילנדיקע אַכט ניט שענקען. ביי אַלטערן האָבן זיך דערביי נאָר אַ פּאָר שטילע טרערן אין די אויגן געוויזן... —

מירן דאָ ווייטער ניט דערציילן, ווי אַזוי משה מאַשבער האָט זיך די נאָענטע טעג אין זיין שטוב, אויף זיין בעט און אין זיין אייגענעם גרויסן זאַל ליגנדיק, געפֿילט. מירן נאָר צוגעבן, אַז אויפֿן צווייטן טאָג פֿון זיין צו־ריקקומען, אַז מ'האָט איינגעלאַדן דעם שטוב־דאָקטער יאַנאָווסקין, וועלכער פֿלעגט אַמאָל אַהין גערופֿן ווערן אין מער ערנסטע פֿאַלן, איז אַז יענער האָט אים לאַנג און אויפֿמערקזאַם באַטראַכט, אים אויסגעהערט און פֿון אַלע זייטן אויסגעקלאַפּט, אַזוי איז ער זייער, זייער ערנסט געוואָרן און אויף לאַנג אַנטשוויגן געבליבן, וואָס דערפֿון האָבן אייגענע, און דער עיקר יהודית, משה מאַשבערס עלטערע טאָכטער, וועלכע איז די גאַנצע צייט פֿון דאָקטערס וויזיט ביי זיין זייט געשטאַנען און דעם דאָקטערס יעדע מינע נאָכגעקוקט — פֿאַר־שטאַנען, אַז יענער, יאַנאָווסקי, וויל דאָ אויף זיך אַליין ניט שטעלן, וויל זיין לעצט־שלעכטע מיינונג וועגן חולה ניט אַרויסזאָגן און ער וואָלט זייער גערן מיט נאָך איינעם אַ דאָקטער זיך אויסעצהן... דאָס האָט געהייסן, אַז ער לייגט פֿאָר מאַכן אַ קאָנסיליום און צוזעצן צו אים דעם צווייטן באַוואוסטן שטאָט־דאָקטער, פּאַשקאָווסקין — אויך אַ פּאָליאַק, אויך אַזוי אַלט, ווי ער, און אויך מיט ווייסע באַקנבאָרדן, וואָס זעען אויס ווי פּוכיקע וואָל־שטיקער צו די באַקן צוגעקלעפּט.

מ'האָט אַזוי געטאָן. מ'האָט טאַקע דעם זעלבן טאָג שוין בײדע ביי משה מאַשבערס בעט זיצן געטראָפֿן און געזען, ווי פֿריער האָט יאַנאָווסקי איבער־געגעבן דעם צווייטן, פּאַשקאָווסקין, דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אַרויסגע־טראָגן פֿון זיין ערשטן, זעלבסטשטענדיקן וויזיט; און ווי אַזוי דערנאָך האָבן שוין ביידע מיט אַמאָל אים ווידער גענומען באַטראַכטן, און ווי אַזוי ווידער דערנאָך, ווען זיי האָבן צווישן זיך לאַנג און פֿאַרשטעלט אויפֿן אומפֿאַר־שטענדלעכן דאָקטער־לשון זיך דורכגעשמועסט, האָבן זיי ערשט לסוף משה מאַשבערן אין פּנים געגומען קוקן, וואָס דערפֿון איז אים, משהן, שטאַרק אומ־

היימלעך געוואָרן, אַרויסלייענענדיק אַ שטיק שווערן אורטייל אין זייער באַאַבאַכטנדיקן בליק.

אים אַליין אָבער האָבן זיי, נאַטירלעך, פֿון קיין שווערס גאָרניט ניט געזאָגט, נאָר אַז זיי זיינען אַרויס פֿון זאַל, און יהודית, משהס טאָכטער, האָט זיי פֿון צימער צו צימער, דערנאָך אין הויף, דערנאָך אויך פֿאַרן טויער באַלייט, האָבן זיי ערשט דאָרט, אויפֿן טויער טאָקע, קורץ, אין האַלב־קאַלטע, האַלב־מיטפֿילנדיקע ווערטער, ווי דאָקטוירים טיילן אַלע מאָל מיט זייערע אור־טיילן אין אַזוינע פֿאַלן, איר צו וויסן געגעבן, אַז איר פֿאָטער האָלט ניט גוט און גאָר ווייט פֿון געהויבן, און אַז זי דאַרף זיין געפּאַסט אויף אַלץ און אויף פֿיל ערגער, ווי איצט...

— צו וואָס האָט מען זיי באַדאַרפֿט? — האָט משה מאַשבער פּלוצלים פֿון זיין פֿאַרטראַגנקייט צו יהודיתן אַ זאָג געטאָן, נאָך דעם ווי זי האָט זיך אומגעקערט פֿון צו באַלייטן די דאָקטוירים און ער האָט, קוקנדיק אויף איר, זיך געשטויסן, וואָס זי האָט זיך אויפֿן טויער דערוואוסט און וואָס זי האָט איצט, אין שווייגנדיקער אַנגסט, געוואָלט פֿאַר אים פֿאַרשטעלן.

— וואָס הייסט, „צו וואָס?" זיי זאָלן עפּעס גיבן, פֿאַרשרייבן!...

— נאַ — האָט משה מאַשבער אויף יהודיתעס ווערטער אַן אַוועק־מאַכנדיקן קנייטש זיך געטאָן, פֿול מיט ביטול צו די, וואָס היילן, כּלומרשט, מיט „גיבן" און „פֿאַרשרייבן", און נאָך מיט מער ביטול צו זיך אַליין און צו זיינע גאָר קנאַפּע, כּמעט נישטיקע אויסזיכטן, ער זאָל נאָך, ווען ניט ווען, געהיילט ווערן פֿון אַזוינע מינים פֿאַרשרייבעכצן.

— נאַ — האָט ער אַ זאָג געטאָן און מ'האָט געזען, ווי ער איז ווייטער אַוועק אין פֿאַרטראַגנקייט, פֿון וואַנען ס'וועט אים שוין שווער זיין צו מער טרייסטפֿולערע רעיונות אַרויסקומען.

ער האָט דעמאָלט בלויז נאָך עפּעס איינס אַ פֿרעג געטאָן, אי דאָס אויך מער צו זיך אַליין, ווי צו אַנדערע, געווענדט — ווייזט אויס ווידער פֿון פֿאַר־טראַגנקייט:

— זע — האָט ער אַ זאָג געטאָן — און לוזי איז נאָך אַלץ ניטאָ?

— ניין, נאָך ניט — האָט אים יהודית געענטפֿערט — אָבער באַלד וועט ער שוין מסתּם זיין. מ'האָט שוין לאַנג געשיקט נאָך אים...

*

משה מאַשבערס לעצטע ווערטער וועגן לוזין וועט אונדז קלאָר ווערן דעמאָלט, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז דעם ערשטן טאָג נאָך זיין אַהיימקומען, איז נישט געווען קיין שעת־הכּושר לוזין אַהערצורופֿן, ווייל מ'האָט זיך אַ ביסל צו שפּעט דערמאָנט, און לוזיס וואוינונג אין יענער פֿאַררוקטער טייל שטאָט, וואו זי האָט זיך געפֿונען, איז געווען צו ווייט... דערפֿאַר אָבער דעם צווייטן

טאָג האָט מען, אויף משה מאַשבערס פאָדערונג, אַ ספּעציעלן מענטשן באַ־שטעלט, ער זאָל איבערגעבן, ערשטנס, אַליין די ידיעה וועגן זיין צוריק־קומען, און, צווייטנס, אויך וועגן דעם, אַז לוזי ווערט געבעטן טאַקע היינט, אויב מעגלעך — באַלד, אומבאַדינגט צוזאַמען מיטן שליח צו אים זיך ווייזן.

לוזי אָבער האָט זיך ניט געוויזן, ניט באַלד, ווי אויך ניט אין אַ שעה, אין צוויי אַרום, און אַפילו אויך ניט שפּעטער, ווען די דאָקטוירים האָבן שוין צווי מאָל — פריער יאַנאָווסקי אַליין, דערנאָך צוזאַמען מיט פּאַשקאָווסקין — אים באַזוכט, וואָס דעמאָלט איז שוין משה ביי זיך אַראָפּגעפאַלן און האָט שוין אַפילו גענומען טראַכטן וועגן לוזין מיט אַ היפש ביסל תרעומות...

זאָל דאָ אָבער איינס אַ וואָרט געזאָגט ווערן אויך צו לוזיס פאַרטיידי־קונג. ער האָט זיך אַזוי לאַנג ניט געוויזן, ניט פון קאַלטן אינטערעס צום ברודער, נאָר אָט איבער וואָס: ער האָט היינט באַדאַרפט אַרויסבאַלייטן אַברהמל לובלינער, וואָס זיין צייט צו פאַרברענגען אין N האָט זיך אים גע־ענדיקט און וואָס האָט זיך ווידער געדאַרפט לאָזן צופוס שפּאַנען פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל און פון ישוב אין ישוב, וואו נאָר אַ פאַרוואָרפענער בראַסלאַווער קיבוץ געפינט זיך, כדי צו טאָן זיין שליחות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, און דהיינו: צו שטאַרקן די שלאַבעריקע הענט פון די וועלכע דאַרפן אויסשטיין רדיפות פון פאַרשיידענע קעגנערישע חסי־דישע כיתות און שיטות, אָדער גלאַט פון אָפּגעשוואַכטע און דערוויטערטע פונעם פעסט־האַלטנדיקן וואַרצל...

די צייט האָט זיך אַברהמלען געענדיקט, אָבער ניט דער באַגער נאָך און נאָך צו פאַרברענגען מיט לוזין, ביי וועמען ער האָט זיך פולע פאַלעס גוטס אָנגענומען, זייענדיק ביי אים לאַנג אַן אורח, אים טייער האַלטנדיק, ווי אַ פאַן, אונטער וועלכער ס׳זאַמלען זיך די צו־איין־דעה־געהעריקע, און אים ליב האָבנדיק, ווי אַ טאַטן, וואָס טוט אַן כבוד אי זיך, אי זיין שטוב...

ס׳דאַך ניט קיין קלייניקייט, ווען מ׳נעמט אין אַכט די ראָל, וואָס ס׳האָט געשפּילט אַזאַ איינער, ווי אַ לוזי, אַ צוגעקומענער, אָדער אַן אָפּגעפאַלענער פון אַזוינע אָרעמע און געדרודפטע קיבוצים דעמאָלט — צום אָפּשוואַכן אָדער צו שטאַרקן דעם קיבוץ.

אַברהמל, דאַרף מען זיך דערום פאָרשטעלן, האָט די איצטיקע צעשיי־דונג מיט זיין פאַרערטן שטאַרק שווער איבערגעלעבט — אַזוי שווער, אַז די לעצטע טעג פאַר זיין אָפּגיין פון לוזין, האָט ער זיך מיט אים כמעט מיט די אויגן ניט באַגעגנט, כדי יענער זאָל זיין חולשת־הדעת ניט זען, און אויך — אַז ס׳זאָל זיך מיט אים, מיט אַברהמלען, הייסט עס, עפּעס, חלילה, אַ מין מכשול נישט טרעפן, ד״ה אָדער ער זאָל זיך אַמאָל, ווי אַ קינד, ניט צעוויינען, אָדער ערגער, ס׳זאָל זיך אים עפּעס אינעווייניק ניט אָפּרייסן פון בענקנדיקן טרויער... יאָ, ס׳האָט געקאָנט געמאָלט זיין, ווייל נעמענדיק אין

אַכט די ליבע פֿון לעצטן צום ערשטן, פֿון אַבּרהמלען צו לוזין, האָט מען ניט געקאָנט ערוב זיין, אַז אַזוינס זאָל זיין אויסער מעגלעכקייט און אויס־געשלאָסן...

אַ סימן האָט אים געדינט אַליין דאָס, וואָס ער האָט זיך איצט דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט זיך געפּילט דעם לעצטן פֿרייטאָג, ערב דעם לעצטן שבת, וואָס נאָך אים האָט ער באַדאַרפֿט אַפּגיין פֿון N; ווען לוזי האָט דעמאָלט, ווי זיין שטייגער, גענומען זאָגן דעם שיר־השירים, נאָכן מרחץ, שוין אין ווייסער וועש און אין דער קאַפּאָטע מיטן גאַרטל אָנגעטאָן; און ווען ער האָט זיך גענומען אומדרייען אין צימער פֿון וואַנט צו וואַנט, האַלטנדיק דעם סידור אין האַנט, וואָס כאָטש ער האָט יעדער וואָרט דאָרט געוואוסט אויף אויסנ־ווייניק, האָט ער אָבער דאָך די אויגן פֿון אים ניט אָוועקגענומען, גלייך ווי ניט נאָר שלמה־המלכס געזאַנג אַליין האָט געקאָנט די ליבע, ערב־שבתדיקע הימלען עפֿענען, נאָר אויך די אותיות, אין וועלכע יענער געזאַנג איז אויס־געדריקט...

לוזי האָט דעמאָלט אַזוי אויפֿדערוואַרעמט אַבּרהמלען, אַז אויך ער האָט גענומען, אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין, מיטזאָגן: פֿריער שטיל, דערנאָך הויך און אַזוי באַגייסטערט, אַז ווען ער איז געקומען צום פּסוק „פּתחתי אני לדודי" האָט ער געפּילט, ממש־ממש, ווי דאָס חיות גייט אים אויס, גלוסטנדיק צו דעם, וואָס זיין לייב האָט ליב — צו גאָט דעם האַר, וואָס איינע זיינע אַ שטיק פֿאַרוואַנדלונג, אין געשטאַלט פֿון אַט דעם ציכטיק־אויסגעוואַשענעם בן־אָדם — לוזין — האָט ער איצט פֿאַר די אויגן זיך געזען אומדרייען, מיטן סידור אין האַנט, אין ווייסער וועש, מיטן ווייסן קאַלנער אויף איבער דער קאַפּאָטע אַריבערגעלייגט — דעם, צו וועמען ס'האָט זיך אים באמת־באמת געוואָלט אויסשרייען פֿון גרויס־ליבנדיקער אַנטציקונג: מי יתנך כאח לי, ד"ה ווער וואָלט געגעבן, ער זאָל זיך אָנקערן מיט אים אַ ברודער, ביי איין מאַמען פֿון איין ברוסט געזויגן...

אַזאַ די ליבע פֿון אַבּרהמלען צו לוזין, און די זעלבע, פֿאַרקערט — פֿון לוזין צו אַבּרהמלען, וועלכער האָט אים דערמאָנט זיין יוגנט, ווען ער איז נאָך געווען בכל חומו, ד"ה אין דער גאַנצער יוגנטלעכער היץ, פֿול ווילן און גאַרונג צו גאָט־ברוך־הוא'ס עבודה...

איצט האָבן זיך אָט די ביידע באַדאַרפֿט שיידן... ס'איז געווען גראָד דעמאָלט, ווען משה מאַשבער האָט צו לוזין דעם שליח צוגעשיקט, ער זאָל אים קומען געוואויר ווערן, און לוזי האָט געמוזט אָפּלייגן דעם גאַנג.

ביידע, אַבּרהמל און לוזי, האָבן גאַנץ פֿרי אָפּגעדאַוונט. אַבּרהמל האָט גע־נומען פּאַקן זיין קלומעקל, וואָס ער האָט אַלע מאָל מיט זיך אין וועג מיט־געהאַט, און לוזי איז איבער אים אַמאָל געשטאַנען און צוגעקוקט, וואָס ער טוט, און אַמאָל אין אַ זייט אָפּגעגאַנגען, נישט קאָנענדיק קוקן, און אַמאָל איז

ער ווידער צו צו אַברהמלען, און ווי אַ פֿאָטער, וואָס באַלייט אַ קינד, האָט פֿון אים געפֿאָדערט, ער זאָל אַריינלייגן נאָך און נאָך, וואָס איז נויטיק פֿון עסן און אַנדערע זאַכן, וואָס אַברהמלען איז דאָס ניט געווען אין זינען און ער האָט כּמעט ניט געהערט, וואָס יענער רעדט צו אים.

און אָט איז אַברהמל שוין גרייט געשטאַנען: דעמאָלט האָט ער גענומען דעם מאַנטל אויף זיך, מיינענדיק זיך שיידן מיט לוזין אין שטוב, ווען לוזי וועט אים ביז צו דער שוועל באַלייטן, איידער ער וועט דאַרפֿן די מזוזה אַ קוש טאָן.

ס'איז אָבער ניט אַזוי געווען. אויך לוזי האָט דעם מאַנטל אָנגעטאָן... ביידע זיינען אַרויס, און אויך אין דרויסן האָט אים לוזי ניט אָפּגעזעגנט, נאָר צוזאַמען מיט אים זיך געלאָזט אין יענער ריכטונג, וואָס האָט באַדאַרפֿט אַרויספֿירן אַברהמלען אויסער דער שטאָט.

זיי זיינען געגאַנגען שווייגנדיק און יעדערער מיט זיינעם פֿאַרנומען — אַברהמל דערמיט, וואָס ער האָט אַלע מאָל, אומבאַמערקטערהייט, זיך אַ קער געטאָן צו לוזין, זיך אין אים איינצוקוקן, כּדי זיין געשטאַלט צו פֿאַרגע־דענקען און דאָס זעלבע, פֿאַרקערט, האָט געטאָן לוזי, ווי יעדער איינער, ווען ער שיידט זיך מיט אַ ליבן תּלמיד, אין וועלכן ער זעט זיין גייסטיקן יורש...

און אָט האָבן זיי זיך אַזוי, פֿון גאַס אין גאַס גייענדיק, צו איינער אַ שטאָט־ראָגאַטקע זיך דערנעענטערט, וואָס ווייטער, ווייזט אויס, האָט שוין לוזי נישט בדעה געהאַט צו גיין... דעמאָלט האָט אַברהמל אים אַ האַנט אויס־געשטרעקט, און דערביי האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט, כּדי לוזי זאָל זיין פֿאַרלוירענעם בליק ניט זען און אויך ניט הערן, וואָס זיינע ליפּן שעפּטשען, כּמעט אָן זיין ווילן — דאָס זעלבע כּמעט, וואָס טאָקע אלישע, ווען זיין רבי אליהו איז אים אַוועקגענומען געוואָרן...

דעמאָלט האָט אויך לוזי דערלאַנגט אַ האַנט אַברהמלען, און האַלטנדיק זי עטוואָס לענגער, ווי ס'פֿירט זיך, האָט ער בעת־מעשה שטיל געשעפּטשעט: לך לשלום, און אַזוי האָבן זיי זיך אָפּגעזעגנט און איינס צום אַנדערן מיט די רוקנס זיך אויסגעקערעוועט... און שוין.

און דאָ קערן מיר זיך ווידער אום צום פֿריערדיקן, כּדי צו זאָגן, אַז מ'דאַרף זיך פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי, אַז לוזי איז צוריק אַהיימגעקומען אַ מידער סיי פֿון לאַנגן גיין מיט אַברהמלען צו דער ווייטער שטאָט־ראָגאַטקע, סיי פֿון זיין צוריקגיין פֿון דאָרט; ווי אַזוי, אַז ער איז אַהיימגעקומען און האָט גע־טראָפֿן וואַרטן אויף אים דעם ברודערס שליח, מיט וועלכן ער האָט זיך באַלד ווייטער געלאָזט אין יענער ווייטער טייל־שטאָט, וואו דעם ברודערס הויז האָט זיך געפֿונען, און אָנקומענדיק אין הויז, האָט ער דערזען דעם ברודער אין זאַל ביי זיך אויפֿן אויסגעבעטן בעט ליגן — דאַרף מען זיך

פֿאַרשטעלן, זאָגן מיר, וואָס פֿאַר אַ מין באַגעגעניש דאָ איז פֿאָרגעקומען נאָך דער נאָר־וואָס דערמאָנטער געזעגעניש.

יאָ, קיין גרויס נחת האָט אויף לוזין אין זיין ברודערס שטוב דעמאָלט ניט געוואַרט... ווייל ווי נאָר ער האָט זיך צום ברודער אַריינגעוויזן, אין דער באַגלייטונג פֿון איניקע שטוב־מענטשן, וועלכע האָבן אים מיט גרויס צו־פֿרידנקייט און ווי אַ לאַנג געגאַרטן אין זאַל אַריינגעפֿירט, אַזוי האָט משה מאַשבער צו אַלע שטוב־אייגענע באַלד אַ מין צו פֿאַרשטיין־געבנדיקן וואונק געטאָן, אַז מ׳זאָל מוחל זיין דעם זאַל פֿאַרלאָזן, ווייל קיינעם איז ער איצט ניט גערן, אויסער לוזין, וועמען ער האָט ספּעציעל אַהער גערופֿן און וויל מיט אים בלייבן אַליין.

מ׳האָט געפֿאָלגט און מ׳איז אַרויס. און ווי נאָר ער האָט זיך געטראָפֿן אויג אויף אויג מיט לוזין, און אײדער ער האָט נאָך באַוויזן אָפּצוענטפֿערן אויף יענעמס צוערשט־פֿאַרגיבענע פֿראַגעס מכוח זיין געזונט און גוטן פֿילן זיך, ווי ס׳פֿירט זיך, אַזוי האָט לוזי באַמערקט, אַז ביים ברודער האָבן גע־נומען אויספֿעלן אַפֿילו די גאָר געוויינטלעכע ווערטער, מיט וועלכע מ׳ענט־פֿערט אָפּ אין אַזוינע פֿאַלן — צי פֿון מאַנגל, צי פֿון ווידערווילן, ווייל ער האָלט זיי פֿאַר פּוסט און איבעריק...

אין דער זעלבער צייט, האָט לוזי ווידער באַמערקט, האָט זיך אויף זיין פּנים אָנגערוקט אַזאַ סאָרט ערנסט, פֿון וועלכן ס׳האָט זיך געלאָזט פֿאַר־שטיין, אַז אין קיין געוויינטלעכן געשפּרעך, ווי מיט אַלע אַנדערע, וואָס קו־מען אים מבקר־חולה־זיין, וויל ער זיך איצט מיט לוזין ניט אַריינלאָזן: ד״ה, אַז אויסהערן די געוויסע באַרואיקונגס־רייד, מיט וועלכע מ׳קומט צו פֿאַר־גרינגערן דאָס געמיט פֿון אַ חולה און אים פֿאַרזיכערן, אַז די געפֿאַר איז קיין געפֿאַר און אַז די קרענק איז אַ פֿאַרבייגייענדיקע — איז ער ניט קיין בעלן.

— ניין — האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין, און תּוך־כּדי־דיבור צוגעגעבן, שוין זיך ווענדנדיק צו לוזין — מ׳רופֿט אים שוין...

— וואוהין? — האָט זיך לוזי, כּלומרשט, געמאַכט ניט פֿאַרשטיין.

— אַהין — האָט אים משה מיט די אויגן אַרויף צו דער סטעליע אַ וויז געטאָן, און כּדי ניט צו בלייבן אויך ווייטער, כּלומרשט, נישט פֿאַר־שטאַנען פֿון לוזין, איז ער באַלד אַרויס מיט אָפֿענע דיבורים און מיט אַ טאָן פֿון אני הולך בדרך כּל הארץ, ד״ה, אַז ער קלויבט זיך אַהין, וואוהין אַלע מענטשן מוזן גיין... פֿאַר קיינעם פֿון די בני־בית זאָגט ער עס ניט, ווייל ער וויל זיי ניט מצער זיין, אָבער ער אַליין ווייסט און אויך לוזי, רעכנט ער, מעג עס וויסן...

ער האָט שוין די ריכטיקע סימנים דערויף: ער שרעקט זיך אָפּט, אַפֿילו בייטאָג, פֿאַר אָן איינעם, וואָס ער פֿילט אים אַלעמאָל הינטער זיין צוקאָפּנס:

אַ הויכער, אַן אומבאַקאַנטער, אין שוואַרצן אַנגעטאָן, וואָס פֿון זיין אינעווייניק, דאַכט זיך, לויכט עפּעס אַרויס ווי פֿון די שפּאַלטן פֿון אַ חרובן בנין; ער הערט אים אויך אָפּט ביינאַכט אומגיין באַרוועס ביי די ווענט פֿון זאַל. יענער קוקט אויף אים די גאַנצע צייט, ווען ער, משה, האַלט אַ ביסל די אויגן צו. אָבער אַז ער צעעפֿנט זיי, מאַכט זיך יענער ניט זעענדיק, און לאָזט זיך ווייטער אַוועק באַרוועס...

— ס׳איז דאָך באַוואוסט — האָט דאָ משה צוגעגעבן מיט אַ פֿאַרהוילן לשון, מיינענדיק אָבער, אַז לוזי פֿאַרשטייט, ווער ס׳איז דער, וואָס שרעקט אים, וואָס שטייט אים צוקאָפּנס, וואָס לויכט זיך דורך, און וואָס גייט אום ביינאַכט באַרוועס.

יאָ, לוזי האָט געהאַט דאָס ריכטיקע ביסל סימנים פֿון ברודער אויסצוהערן. אָבער דער ערגסטער און געפֿערלעכסטער סימן איז געווען אַליין דער ברודער, וואָס אַז לוזי איז צו אים אַריין, האָט ער אים דערזען אַ ליגנדיקן, און בעת יענער האָט אים באַמערקט, האָט ער פֿון כבוד וועגן זיך אויפֿגעזעצט און אַ זיצנדיקער אים באַגעגנט; דערנאָך אָבער, אין משך פֿון געשפּרעך, איז ער וואָס אַמאָל אַלץ שלאַבעריקער געוואָרן און האָט אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין צו דער קישן זיך גענויגט, ביז ער האָט זיך לסוף אין גאַנצן אויף איר אַוועקגעלייגט — אַ מאַטער, אַן אויסגעשעפּטער, ריידנדיק שוין האַלב שטיל און כמעט אומפֿאַרשטענדלעך פֿון אָנמעכטיקייט, אַזוי אַז כּדי צו הערן די ווערטער, וואָס זיינען פֿון זיין מויל געקומען, האָט לוזי געמוזט זיין בענקל וואָס נעענטער צום ברודערס בעט צורוקן.

דאָס איז איינס. דאָס צווייטע — די ביז גאָר קראַנקע מראה, וואָס האָט מיט געלע אינדזעלעך פֿון אונטער דער הויט פֿון זיין פּנים און פֿון צווישן זיין באָרד אַרויסגעקוקט...

לוזי איז דעמאָלט היפּש צייט אָפּגעזעסן ביים ברודער, און אויף וויפֿל מעגלעך, האָט ער געזען אים די שווערע רעיונות צעשלאָגן און אים פֿאַרזיכערן, אַז ס׳איז כּלל ניט ווי ער מיינט, און אַז אָט קומט באַלד דער זומער, ווען אַלע חולאים דערפֿילן זיך דערלייכטערט, ובפֿרט ער, וואָס זיין הוסט וועט אים געוויס איבערגיין פֿון דער פֿרישער לופֿט פֿון זיין הויף, פֿון זיין סאָד און פֿונעם דרויסן, וואָס בעסערט זיך צום סוף ווינטער... ס׳גייט דאָך שוין צו פּורים, צו פּסח...

משה מאַשבער האָט אַוודאי פֿאַר זיין ברודערס טרייסט געהאַט אַ מער גלויביקן אויער, ווי פֿאַר דער פֿון אַלע אַנדערע, און ווי אַפֿילו פֿאַר דער פֿון זיין עלטערער טאָכטער יהודית, וואָס האָט פֿון דער ערשטער מינוט פֿון זיין צוריקקערן און אַוועקלייגן זיך אין בעט געגומען ריידן צו אים אין אַזאַ טאָן, אין וועלכן ס׳האָט זיך ניט געפֿילט קיין מינדסטער צווייפֿל אין זיין ווידער געזונט־ווערן, מאַכנדיק, כּלומרשט, דעם אָנשטעל, אַז זיין קרענק באַאומ־

רואיקט זי אויף קיין האָר ניט, ווי אַלע נאָר צייטווייליקע און פֿאַרביי־גייענ־דיקע, אין וועלכע ס'איז חלילה, קיין שום סכּנה.

משה מאַשבער האָט באַזונדערס נאָך דערפֿאַר מער אויסגעשטעלט אויפֿן ברודערס רייד, ווי אויף די רייד פֿון אַנדערע, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז פֿון זיין מויל קאָן קיין פֿאַלש וואָרט נישט אַרויסקומען אַפֿילו ניט אין אַ פֿאַל, ווען ער האָט צו באַרואיקן און טרייסטן אַן אייגענעם ברודער...

ער האָט זיך דערום טאַקע אַ ביסעלע געשטאַרקט און זיך עטוואָס בע־סער געפֿילט אין משך פֿון לוזיס באַזוך, בשעת יענער איז נאָענט ביי זיין בעט געזעסן. אָבער ווי נאָר לוזי האָט זיך פֿון בענקל אויפֿגעהויבן אויף זיך אָפּגעזעגענען און אַוועקגיין, אַזוי האָט זיך ווידער די פֿריערדיקע מרה־שחורה אויף אים אָנגערוקט, און איידער ער האָט זיך געשיידט מיט לוזין, האָט ער אים אַ בעט געטאָן, ער זאָל איצט וואָס אָפֿטער, אויב מעגלעך, צו אים מיט באַזוכן קומען. ווייל, ווי לוזי ווייסט — האָט דאָ משה מאַשבער אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטיל־געבראָכענער שטים — איז אין אַ צייט, ווען מ'שטייט אויף דער שוועל פֿון יאָ און ניין, פֿון היינט — דאָ, מאָרגן — דאָרט, הייסט עס, איז די נאָענטקייט פֿון אַזאַ, ווי ער, לוזי, אַוודאי אומבאַדינגט נויטיק...

לוזי האָט צוגעזאָגט, זעענדיק, אַז ער איז באמת טאַקע דער, אויף וועמען ס'איז מוטל דעם ברודער צו דערמוטיקן, מחמת ער — ווידער דער, וועלכער קאָן אים די אַמערסטע דערלייכטערונג ברענגען.

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק. משה מאַשבער האָט דערנאָך די גאַנצע צייט, אויסער געציילטע מינוטן, די פֿאַרמרה־שחורהטע פֿאַרטראַגנ־קייט פֿאַר אַ שטענדיקן גאַסט געהאַט, פֿליוס און צוגעגעבן נאָך איינעם אַ גאַסט, וואָס ביים נאָמען האָט ער אים ניט געקאָנט אָנרופֿן, נאָר יעדערס מאָל, ווען ער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, זיינען אים די בלוטן אַנטפֿאַלן און די אויגן האָבן זיך אים מיט שרעק דערפֿולט. דאָס מיינט מען, דעם הויכן, אומבאַקאַנטן, וואָס אין שוואַרצן אָנגעטאָן, און וואָס אַמאָל האָט ער אים געזען שטיין ביי זיין צוקאָפּנס, און אַמאָל — פֿאַר זיך, ביים צופֿיסנס.

בכלל האָט ער זיך איצט אָפֿט געשראָקן, משה מאַשבער: פֿאַר אַלץ, פֿאַר אַ מינדסטן שאָרך, וועלכער האָט אים געדאַכט צו קומען פֿון אַזוינע זייטן, וואָס זיינען גאָרניט בנמצא. אַזוי האָט זיך די ערשטע טעג פֿון זיין צוריק־קערן געמאַכט, אַז וואַסילי, וועלכן סרולי גאָל האָט באַשטעלט דעם הויף און די שטוב צו באַדינען, איז איין מאָל פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַר דער אָפֿענער טיר פֿון זאַל, וואו משה מאַשבער איז געלעגן, טראָגנדיק אַ ברעט האָלץ אויף צו איינהייצן אין איינעם אַ צימער, וואו מ'האָט אים געהייסן, און משה מאַש־בער האָט אים פֿלוצים דערזען — אַן אומבאַקאַנטן, אַ משונה־געקליידטן, מיטן קלאָבוק און מיטן לאַנגן, גלחשן שאַלאַכוואָן און גאַרטל — האָט ער, משה

מאַשבער, אים דערזעענדיק, זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט פּלוצים, כּמעט ניט מיט זיין קול, אַ געשריי געטאָן: „ווער איז דאָס אָט דער? וואָס איז פאַר אַ גלח דאָ אין שטוב?"... און אַ לאַנגע צייט האָט נאָך אָט דעם דער־שרעק באַדאַרפֿט נעמען, ביז יהודיתן זיין טאָכטער האָט זיך איינגעגעבן אים צו באַרואיקן, אים אויפֿקלערן, פֿאַרזיכערן און איבערצייגן, אַז ס'איז גאָרניט, אַז ס'איז ניט דאָס וואָס ער מיינט — ניט קיין גלח, נאָר אַ סטרוזש אַנשטאָט מיכאַלקען, וואָס מ'האָט נאָך יענעמס טויט באַשטעלט... משה מאַשבער האָט לאַנג דער טאָכטערס ווערטער ניט געטרויט, גלויבנדיק, אַז ער האָט דאָ ווידער פֿאַר זיך אַן אויסוויייזעניש, וועלכע ער זעט זיי איצט אָפֿט אין ממשות פֿאַרוואַנדלט.

אַזוי אויך האָט ער זיך אַ צווייט מאָל דערשראָקן פֿאַר מיכל בוקיערס יידענע, וואָס אויך זי האָט סרולי גאָל, ווי מיר געדענקען, אין שטוב אַריינ־געבראַכט, און וואָס אויך זי פֿלעגט, ווען ניט ווען, ווי אַ משרתטע, און ווען די נויט איז געווען, אַ געוויסע שטוב־אַרבעט אויספֿילן. ער האָט זי דערזען אין איר עטוואָס־מער ווי געוויינטלעכער לענג, אַ הויכע, אַ שוואַרצלעכע, אַ דאַרע, און דער עיקר — אַן אומבאַקאַנטע, וואָס האַלט זיך, ווי אַ האַלב־היימישע אין שטוב, און ער האָט זיך ווידער דערשראָקן, ווי פֿאַר אַ געשפּענסט.

ס'האָבן נישט געהאָלפֿן זיין טאָכטערס רייד, וואָס האָט אַלע מאָל, אין אַזוינע פֿאַלן, זיך באַמיט אים צו צעשטרייען, פֿאַררייִדן און צונישט מאַכן זיין פּחד דערמיט, וואָס זי פֿלעגט אים אויף אַן אַנדער, מער־לעבעדיקן געשפּרעך ווענדן איבערפֿירן... ס'האָבן נישט געהאָלפֿן צו זיין בעסער פֿילן זיך די פֿיל דעמאָלטיקע באַזוכן פֿון סוחרים, מאַרק־לייט, ווי אויך באַלעבאַטים פֿון זיין קלויז, וואָס אייניקע זיינען געקומען מיט אויפֿריכטיקן מיטלייד, ווי מ'קומט צו יעדן קראַנקן, און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך געפֿילט עטוואָס שולדיק אין זיין לייד, זיינען געקומען מיט חרטה, מיט וועלן פֿאַרגלעטן און ביי אים מחילה־בעטן... ער האָט אויפֿגענומען סיי די, סיי יענע, ווי אַ האַלב־זייטיקער, אויסהערנדיק, וואָס מ'רעדט צו אים, מיט איין אויער, ווייל דער צווייטער איז אים געווען פֿאַרנומען מיט איינהערן זיך, דער עיקר, אין זיין אינער־לעכער שטים, וועלכע לאָזט זיך אים ניט פֿאַרגעסן און האַלט אים אין איין איינרוימען, אַז אַלץ דאָס, וואָס ער הערט איצט אויס צו זיין טרייסט, דאַרף אים שוין נישט אָנגיין, ווייל ער שטייט שוין מיט איין פֿוס באַלד ביי דער געוויסער שוועל אַריבערצושפּאַנען...

ס'איז אים שוין טאַקע גאָרנישט אָנגעגאַנגען, משה מאַשבערן — אַפֿילו ניט דאָס, וואָס אַ שלום שמאַריאָן און אַ צאַלי דערבאַרעמדיקער האָבן זיך צו אים איין מאָל אַריינגעשטעלט מיט אַן אָפּענער, שלום־ברענגענדיקער שליחות פֿון אַליין יעקב־יוסי איילבירטן, פֿונעם גרעסטן גביר און באַוואוסטן בעל־הלוואה אין שטאָט, וואָס אַליין אַריינצוקומען צום חולה האָט ער זיך ניט

דערלויבט, אי מחמת ס׳איז ניט פֿאַר זיין גרויס־גבירישן כּבֿוד, אי מחמת ער האָט זיך געפֿילט צו שטאַרק שולדיק פֿאַר משה מאַשבערן, און ער האָט ניט געוואוסט, ווי יענער, דער געליטענער פֿון זיין שולד, וועט אים איצט אויפֿנעמען — צי מיט מחילה, צי מיט פֿאַרדראָס, און ער וועט זיך צו אים מיט דער פֿאַרקערטער זייט, מיטן רוקן אויסדרייען... ער האָט דערום באַ־פֿולמעכטיקט די אויבנדערמאָנטע צוויי, שלום שמאַריאַן און צאַלי דערבאַרעמ־דיקער, און האָט זיי כּמעט די ווערטער אין מויל אַריינגעלייגט, זיי זאָלן גיין און זאָגן, אַז מילא, וואָס געווען, איז געווען, וואָס געשען, איז פֿאַרפֿאַלן, נאָר אויף ווייטער, אַז משה מאַשבער וועט, אם־ירצה־השם, געזונט ווערן און וועט זיך ווידער קאָנען נעמען פֿאַר אַן עסק, זאָגט ער צו און איז זיך מתחייב, יעקבֿ־יוסי, אַז ער וועט טאָן אַלץ, וואָס לאָזט זיך, אַז משה מאַשבער זאָל צוריק צו זיין פֿריערדיקן נאָמען און מעמד קאָנען קומען.

משה מאַשבער האָט אַפֿילו אָט די גוטע געבראַכטע ידיעה האַלב קאַלט און ווי מיט איין אויער אויפֿגענומען, נישט אַרויסווייזנדיק קיין מינדסטע צופֿרידענע מינע, ווי בעת מ׳הערט אַ זאַך, וואָס דאַרף אַפֿילו אין די שווערסטע צושטאַנדן דאָס געמיט אויפֿמונטערן... ער איז ניט גערירט געווען פֿון אָט דעם גוטן צוזאָג, מיט וועלכן מ׳האָט אים געוואָלט דערפֿרייען, פּונקט ווי ער האָט אַפֿילו אַרויסגעלאָזט פֿון זכּרון דאָס אַלדי שלעכטס, וואָס אייניקע, און דער עיקר טאַקע אָט דער יעקבֿ־יוסי, האָבן אים אָנגעטאָן, ביז צו ברענגען אים צו דער תּפֿיסה און אַלס פּועל־יוצא דערפֿון — צו נאָך ערגערס: צו זיין איצטיקער שלאַפֿקייט.

און אָט אַזוי האָבן זיך אים טעג און נעכט געצויגן אָן ענדערונג. בלויז די רפֿואות, וועלכע זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויפֿן טישעלע פֿאַר זיין בעט, האָבן זיך געביטן: פֿון פֿליסיקע אויף האַרטע, פֿון לעפֿל־רעצעפּטן אויף גרינלעכע פּילן, מיט אַ געלן פּראָשעק איבערגעשאָטן, און אַמאָל אויך פֿאַר־קערט; אָבער סיי די, סיי יענע האָבן אים אַזוי ניט גענוצט און גאָרניט ניט געגעבן, פּונקט אַזוי ווי אַליין די וויזיטן פֿון די צוויי באַוואוסטע דאָק־טוירים — יאַנאָווסקי און פּאַשקאָווסקי, וועלכע פֿלעגן אים אָפּט באַזוכן און פֿאַר הויכע האָנאָראַרן אים שטילשווייגנדיק און לאַנג באַטראַכטן אָן שום דערפֿאָלג...

אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג. און אָט האָט זיך דערנעענט דער יום־טובֿ פּורים — דער ערשטער אָנזאָג אויף פֿרילינג. יענער יום־טובֿ, ווען שטאָט ווערט איבערגעפֿולט פֿון קינדערשע פֿרייד און אויך פֿון פֿרייד פֿון דערוואַק־סענע, וועלכע שטאַמט פֿון ליב־איינגעפֿונדעוועטן שטייגער, וואָס איז באַליבט אויפֿגעקומען אַ דאַנק אַן אַלטער לעגענדע, וואָס מ׳לייענט אַרויס פֿון אַן אַלט־פֿאַרגעלטער, פֿאַרמעטענער מגילה, וואָס דערציילט אין פֿייערלעכער אויפֿ־געלייגטקייט און אין פֿריידן וועגן דער מפּלה פֿון איינעם אַן אַמאַליקן פֿאַלקס־

שונא, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף זיין גאַרן קיום, און וואָס, דערציילנדיק, פֿאָדערט אויף די לעגענדע, מ׳זאָל פֿון דור צו דור, פֿון תּמיד און פֿון אייביק פֿייערן און יום־טובן דאָס געשעעניש מיט עסן, טרינקען, מיט פֿריילעך זיין און מיט איינס דאָס אַנדערע מתּנות זיך שענקען און שיקן.

יאָ, פֿיל הערצער ווערן דעמאָלט פֿיל אויפֿגעלייגטער און אַ גרויסע שטיק זאָרג קומט אַראָפּ פֿון די פּנימער אַפֿילו פֿון שווער־ליידנדיקע געמיטער... משה מאַשבערס געמיט אָבער איז אויך מיטן אָנקומען פֿון אָט דעם יום־טוב נישט געלינדערט געוואָרן. נישט געקוקט דערויף, וואָס אין די פֿענצ־טער, פֿון זאַל, וואו זיין בעט איז געשטאַנען, האָט שוין אָפּט אַ שטאַרק העלע זון אַריינגעקוקט; נישט געקוקט דערויף, וואָס פֿון דער וואַרעמער, אויפֿשטראָלונג פֿון דער זון האָבן פֿון צייט צו צייט שוין, יענע טעג, לויטערע טראָפּנס, און מער ווי טראָפּנס, גענומען קאַפּען און גיסן פֿון דאַך און רינווע און פֿון רינווע אויף דער ערד; נישט געקוקט דערויף, וואָס דער נייער סטרוזש ביי משה מאַשבער האָט, דערזעענדיק יענע זון און די לויטערע טראָפּנס, שוין אָפּט מיטן פּנים צום סאָד און צו די נאַך נאַקעטע, האַלב־פֿאַרשנייטע בוימער זיך אָנגעקגעשטעלט, און בלייבנדיק האַלב־פֿאַרגליווערט, האַלב־פֿאַרגאַפֿט, האָט ער זיך איינגעהערט צו עפּעס אַ שוואַך־אויפֿוואַכנדיקן פֿישטש פֿון עפּעס אַ פֿייגעלע, וואָס האָט אים געדאַכט פֿאַרן גאַנצן ווינטער איצט דאָס ערשטע מאָל דאָס ערשטע פּיפּסעלע צו לאָזן הערן... נישט געקוקט דערויף, איז משה מאַשבער אַלץ טיפֿער אין זיין שווערמוטיקייט פֿאַרזינקען, נישט זעענדיק און נישט שאַנעווענדיק אַפֿילו די מי פֿון זיין טאָכטער יהודית, וועלכע האָט אַלץ געטאָן, כּדי דעם יום־טוב אין שטוב אַריינצוברענגען, ווי ס׳פֿירט זיך, כּדי צו שאַפֿן נחת־רוח פֿאַרן חולה, און כּדי ער זאָל ניט מערקן די סכּנה, וואָס וואַרט אויף אים.

ניין, משה מאַשבער האָט זיך נישט געקאָנט, אָדער נישט געוואָלט אָנ־שטרענגען אַפֿילו צוליב דער אים־אַזוי־ליב־האָבנדיקער טאָכטער. ער האָט, פֿאַרקערט, אָוועקגעקוקט פֿון אַלעם, און נאָר איינער אָן אינטערעס אין אים געבליבן — גיטעלע, וואָס פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער בעטן, מ׳זאָל אים צו איר אַריינפֿירן — אַליין אַ קראַנקן, צום ווייב, וואָס קראַנק... מ׳פֿלעגט אים העלפֿן פֿון בעט אַראָפּגיין און, אַ שווער־שפּאַנענדיקן, פֿון צימער צו צימער זיך לאָזן אין גיטעלעס אַלקער, וואו ער פֿלעגט זיך ניט לאַנג פֿאַר־האַלטן, אַ ווײַלע נאָר ביים צופֿיסנס פֿון איר בעט זיך אָוועקשטעלן, אויף איר בלויז אַ קורצווייליקן קוק טאָן, און באַלד בעטן, מ׳זאָל אים צוריק אין זאַל און צו זיין געלעגער אָפּפֿירן.

אַזוי פֿריער. די לעצטע טעג אָבער האָט ער זיך שוין נישט אַזוי גע־איילט מיטן צוריקגיין פֿון דאָרט, נאָר פֿאַרקערט, ער פֿלעגט וואָס אַמאָל לענגער ביי גיטעלען פֿאַרברענגען — צי מחמת קיין כּוחות האָבן אים ניט

געקלעקט אויף אַהין און באַלד צוריקצוקערן, ד"ה איינס נאָך איינס אַ צוויי־ענדיקן וועג דורכמאַכן; צי איבער אַן אַנדער טעם — איז ניט באַוואוסט, נאָר אַ פֿאַקט איז, אַז אַריינקומענדיק די לעצטע טעג צו גיטעלען, פֿלעגט ער זיך פֿעסט אין דעם אַנטקעגנאיבערדיקן ווינקל פֿון בעט אַנקלאַמערן, און אַזוי לאַנג דאָרט בלייבן, ביז די קראַפֿט אין די הענט האָט אים געסטייעט, און ערשט דעמאָלט פֿלעגט ער אַ האַנט אויסשטרעקן צו דעם, וואָס האָט אים אַריינגעפֿירט, מ'זאָל אים ווידער אַרויספֿירן פֿון דאָרטן.

אַגב, ער האָט אַלע מאָל, אַריינקומענדיק צו גיטעלען, קיין וואָרט צו איר ניט אויסגערעדט, ווייסנדיק, אַז ס'איז אומזיסט און אַרויסגעוואָרפֿן, און אַז אַרויסקריגן פֿון איר אַ ליאַדע, אים־באַגעגנדיקן מרוק, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זיך פֿאַר איר דאָס ערשטע מאָל געוויזן, איז איצט אוממעגלעך און אויסגעשלאָסן. דערפֿאַר אָבער הייַנט, פּורים, ווען יהודיתן זיין טאָכטער איז דאָך געלינגען צו שאַפֿן, וואָס איר האָט זיך געוואָלט, צוליבן פֿאָטער און צוליב זיין וואויל־פֿילן זיך, און אויך ער איז היינט מיט מער יום־טוב אַריין צו גיטעלען — האָט ער זיך דאָס מאָל יאָ דערלויבט איר אַ וואָרט זאָגן, זאָל זיין, אַז ס'וועט צו איר אויער ניט דערגרייכן, און זאָל אויך זיין, אַז פֿון צוריק פֿון איר אַן ענטפֿער קריגן איז אָפּגערעדט און ניט שייך...

ער האָט געבעטן, מ'זאָל אים נעענטער צו איר צופֿירן, און אַזוי, נאָענט זייענדיק, האָט ער זיך צו איר צוגעבויגן און איר אין פּנים אַריינגעזאָגט: זאָלסט דערלעבן איבער אַ יאָר מיט אַלע דיינע ליבע... דערביי האָט ער זיך באַלד פֿאַרכאַפּט, און נאָך איידער כמעט דאָס וואָרט איז אים פֿון די ליפּן אַראָפּ, אַזוי האָט ער דערפֿילט, אַז בנוגע איינעם פֿון אירע „ליבע", ד"ה בנוגע אים, משה מאַשבערן אַליין, איז דאָס נאָר־וואָס געזאָגטע געוויס פֿאַלש, געוויס אַ ברכה לבטלה, ווי מ'זאָגט... ער האָט זיך באַלד אַ האַסטיקן הויב־אויף געטאָן פֿונעם איבערגעבויגענעם שטיין איבער גיטעלען, ווי גלייך ער וואָלט זיך אַליין ביי עפּעס אַ ליגן געכאַפּט, און ווי נאָר ער האָט דעם רוקן אויסגעגלייכט, אַזוי האָט ער באַלד דערלאַנגט אַ האַנט צו דעם, וואָס האָט אים אַהער אַריינגעפֿירט, מ'זאָל אים אונטערהאַלטן און וואָס גיכער, וואָס גיכער צוריק אַרויספֿירן פֿון צו זיין צוזאַמען מיט גיטעלען.

ער מעג שווערן משה מאַשבער, אַז אויסער אַ פּאָר אייגענע קאַלטע, קרענקלעכע טרערן, וואָס האָבן זיך אים אין די אויגן אָנגעיאָגט, בעת ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין אויבנדערמאָנטן וואונטש, זייַנען אים אויך פֿון גיטעלעס אויגן אַ פּאָר אַזעלכע קאַלטע אַנטקעגנגעקומען... ער מעג ווידער שווערן, משה מאַשבער, אַז קוקנדיק אויף דער אויסגעצויגן־ליגנדיקער גיטעלע, האָט ער געזען, אַז נישט געקוקט אויף איר לעצט־שפּלער לאַגע האָט זי דאָך באַ־מערקט, אַז אויך זיין לאַגע איז ניט בעסער, ניט געהויבענער, און אַז ווער־ווייסט ס'וועט לענגער איבערלעבן נאָך דעם היינטיקן יום־טוב, וועגן וועלכן

ער, משה, ווייסט יאָ, און זי גיטעלע — מעגלעך ניט, איז נישט צו וויסן, און אַז, אַלנפֿאַלס, האָט ער, משה, גוט געטאָן, וואָס ער איז איצט געקומען צו־ווינטשעווען, ד"ה, זיך געזעגענען, ווייל שפּעטער, מעגלעך, וועט זיין שפּעט...

משה מאַשבער איז פֿון אַלקער אַרויס און אַ לעצט־געבראָכענער, צוריק צו זיין געלעגער, וואָס אין זאַל, געבראַכט געוואָרן. ער איז אַ צייט געלעגן פֿאַרחושט, דענקענדיק וועגן זיין אָקאָרשט־דורכגעמאַכטן וויזיט צו זיין ווייב אין אַלקער. און דערנאָך, ווען ער האָט אַ ביסל אָפּגעאָטעמט פֿון שווערן גאַנג אַהין און צוריק, אַזוי האָבן אים, ניט־ווילנדיק און נעפּלדיק, גענומען אויפֿשווימען שטייגער־בילדער פֿון היינטיקן יום־טוב, פֿון וועלכן אים איז באַשערט צו זיין אַרויסגענומען, נישט קאָנענדיק נעמען קיין אָנטייל אין אים, אויסער נאָר, ווי אָט דאָ אין בעט ליגנדיק, וועגן אים נעפּלדיק צו טראַכטן.

ער האָט געזען, ווי אין שטאָט לויפֿן איצט אום אָרעמע יונגען, מוידן מיט שלח־מנותן, וואָס זיי טראָגן פֿאַרדעקט — צו אָרעמע אויף שעלעכלעך, און צו רייכע — אויף טאַצן; ווי אַזוי אָט די שלח־מנות־ברענגער זיינען פֿאַרשמייעט און ווי די אויגן פֿלאַמען ביי זיי פֿון די גוטע חשבונות, וואָס זיי מאַכן ביי זיך אין קאָפּ, אויסרעכענענדיק די פֿאַרדינסטן פֿונעם איצטיקן מאָל טראָגן, פֿונעם פֿריערדיקן, פֿונעם שפּעטערדיקן, אויף וועלכן זיי האָבן לאַנג געוואַרט און אויסגעשטעלט.

משה מאַשבער האָט זיך געדאַנקלעך אויך איבערגעטראָגן אויף אַ קלייִנער ווילע אין מאַרק צו די אָפֿענע שטעלעכלעך פֿון די לעקעך־בעקער, וואו אַ גאַנץ יאָר האַנדלט מען מיט צוקערוואַרג, און וואו איצט זיינען אָט די שטעלעכלעך באַלאַגערט פֿון פֿיל קונים, וואָס קויפֿן איין פּורים־גרייט — קישעלעך, מלכות־ברויטלעך, קאָמיש־ברויטן, געפּרעגלטן מאָן, ווי אויך פֿאַרשיידענע זיסע קינדערשע צאַצקעס, אויסגעמאַכט פֿון שניי־ווייסן געצוקערטן קראָכמאַל אין דער פֿאָרעם פֿון פֿידעלעך, קאַטשקעלעך, פֿייגעלעך אאַז"וו, וועלכע דינען די קינדער צוערשט אויף שפּילן זיך, דערנאָך אויך אויף נאַשן.

אין שטאָט און איבער די גאַסן — האָט משה מאַשבער ווידער געזען — ווייזן זיך דעמאָלט אויסערגעוויינלעכע אָרעמעלייט און הייזער־גייער, איינציקווייז און גאַנצע בינטלעך, אין אַ גרויסער צאָל — אויך יום־טובדיק אָנגעטאָענע גבאים און גבאיטעס, וועלכע האָבן באַוויליקט גיין איבער די הייזער לטובת פֿאַרבאָרגענע יורדים, וואָס יענע אַליין שטייט נישט אָן זיך אַראָפּלייגן און שוואַרצן דאָס פּנים פֿאַר לייטן.

משה מאַשבער האָט, ליגנדיק איצט אין בעט, זיך געדאַכט צו הערן אַפֿילו, ווי די טירן פֿון זיין אייגענער קיך, וואָס געפֿינט זיך ווייט פֿון דעם זאַל, וואו ער אַליין געפֿינט זיך — עפֿנט זיך איצט אַלע ווילע אויף — אַמאָל פֿון געוויינלעכע אָרעמעלייט, וועלכע מ'פּטרט אָפּ, אויף דער שוועל שטייענדיק, מיט אַ געוויינלעכן גראָשן, און אַן אַנדערש מאָל פֿון אַ מער בכּבֿודיקן

גבאי, אָדער גבאיטע, יום־טובדיק אָנגעטאָענע לכבוד דער איידעלער שליחות, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען, און כּדי זיי זאָלן מער אויסנעמען ביי די, צו וועמען זיי ווענדן זיך לטובת יענע, פאַר וועלכע זיי קומען בעטן. זיי, אַט די גבאים און גבאיטעס, ווערן פון דער שוועל אַראָפּגעבעטן און אַריינגעפירט אין שטוב, ווי זייער כּבוד פאָדערט, און דאָרט דינגען זיי זיך און ווילן אויסמאַנקירן אַ מער פיינערע נדבה, אי דערפאַר, וואָס זיי טוען פיינער ריידן, אי דערפאַר, וואָס זיי זײַנען אָנגעטאָן פיין, און אי דער עיקר דערפאַר, ווייל זיי רוימען אָפּט איין, אָדער גיבן אָנצוהערן אויפן וואונק, וואָס פאַר אַ מין געפאַלענער ס׳איז, מ׳זאָל ניט זינדיקן, דער, פאַר וועמען זיי, אַט די גבאים, האָבן זיך אונטערגענומען „עפּעס מאַכן"...

משה מאַשבערן האָט זיך ווידער, ליגנדיק דאָ אין זאַל אויף זיין געלעגער, געדאַכט צו הערן, ווי אַלע ווײַלע באַווייזט זיך אַן אַנדער שלח־מנות־ברענגער, פון אַן אַנדער קרוב, אָדער באַקאַנטן צוגעשיקט; ווי אַזוי יהודית, זיין טאָכטער, נעמט ביי זיי אָפּ דאָס געבראַכטע, באַלוינט זיי „פאָרן וועג" און הייסט איבערגעבן הערצלעכע גרוסן אין איר נאָמען צו די, וואָס האָבן זי און איר פאָטערס שטוב מיט אַט דעם כּיבוד באַערט.

יאָ, יהודיתעס הענט, דאַרף מען דאָ זאָגן, זײַנען טאַקע באמת פול אַרבעט געווען, אי ווי ביי אַלע פרויען יענעם טאָג דעמאָלט, אי דער עיקר נאָך דערפאַר, ווייל זי האָט זיך באַזונדערס געמיט צו מאַכן דעם יום־טוב מיט אַלע טאַבעלטירן און לויט אַלע מנהגים, כּדי צו שאַפן די פאַרשטעלונג ביים פאָטער אַז אַלץ איז ווי פריער, און ווי ביי אַלעמען, ביי לייטן...

ס׳איז איר אַוודאי שווער געווען, יהודיתן, האַבנדיק אַזוינע פאַר קראַנקע אין שטוב, אי דעם טאַטן, אי די מאַמען; און דאָך האָט זי זיך אָנגעשטרענגט, נישט אַרויסצואווייזן איר שווערקייט, נאָר פאַרקערט, ווי געזאָגט, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דער עיקר איז ביי איר היינט, וואָס ביי אַלעמען איז דער עיקר, ד״ה, דער יום־טוב, מחמת דעם פאָטערס געזונט באַאומרואיקט זי, כּלומרשט, גאָרנישט און מחמת אַלץ גייט, גאָט צו דאַנקען, צום גוטן און צום בעסערן...

יהודית האָט אַפילו, ווי אַלע מאָל, היינט פאַרגרייט און איינגעאָרדנט אַלץ צו דער פּורימדיקער סעודה, ביי וועלכער מ׳פאַרברענגט, געווײנלעך, ביז שפּעט אין אָוונט, און אַמאָל ביז אַריבער האַלבער נאַכט. דאָס מאָל, צוליבן פאָטערס שלעכטן געזונט־צושטאַנד, האָט זי באַשלאָסן פּראָווען די סעודה ניט אין עס־שטוב, וואו ס׳וועט אים שווער זיין אַריבערצוגיין און זיך דאָרט האַלטן אַ זיצנדיקער, נאָר אין זאַל, וואו זיין געלעגער האָט זיך געפונען, און ווי דער טיש זאָל אַזוי אַוועקגעשטעלט ווערן, אַז דעם פאָטערס בעט זאָל אויסקומען צום אויבן אָן.

זי האָט נאָך געטאָן, און כּדי צו משמח זיין דעם פֿאָטער, און כּדי אים אַ מער היימיש־געהויבן געמיט צו שאַפֿן, האָט זי איינגעלאַדן אויך דעם פֿעטער לוזי צו דער סעודה: ער זאָל אָנטיילנעמען, אויב מעגלעך, שוין פֿון אָנהייב, און אויב ניט, אויב ער פֿראַוועט ביי זיך אַליין אַ סעודה, איז זאָל ער, על־כּל־פּנים, שפּעטער, ווען ער וויל, אין אָוונט, זיך אַהער צושטעלן.

ס'איז טאַקע אַזוי געווען: דער גרויסער עס־טיש איז אין זאַל צו פֿאַר איר פֿאָטערס בעט געבראַכט געוואָרן... משה מאַשבער האָט זיך גרויס כּוח אָנגעטאָן צו האַלטן, ווי ס'געהער. ער האָט געזען אַרויפֿציען אויף זיך אַ מינע פֿון איינעם, וואָס איז, מכּלומרשט, באַגלייך מיט אַלעמען, אי אַ ביסל צוליב זעלבסטגענאַרעריי, און אויך כּדי די קינדער דעם יום־טוב ניט צו פֿאַרשטערן; אָבער אַלע ביים טיש־זיצנדיקע, אָנהייבנדיק פֿון יהודיתן, וועלכע האָט זיך נאָענט ביי זיין האַנט געפֿינען, און ענדיקנדיק מיט אַ מינדסט קינד, אַ קלענסט אייניקל אַפֿילו, האָבן אַלע אַרויסגעזען, אַז זייער פֿאָטערס און זיידנס פּנים וואָלט איצט באמת נישט באַדאַרפֿט געווענדט זיין צו די בני־בית, וועלכע ער האָט פֿאַר זיין טיש איצט אויסגעזעצט, נאָר גאָר צו דער סטעליע אַרויף, ווי ער איז אַלע מאָל, די גאַנצע לעצטע צייט, דאָס גע־וואוינט געווענדט צו האָבן, ווען ער ליגט אַ שווייגנדיקער און אין זיך פֿאַר־טאָענער.

יאָ, ס'איז אים טאַקע שווער געווען באַגלייך מיט אַלע זיך צו האַלטן, און אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין, האָט ער זיך פּאַמעלעך־פּאַמעלעך טאַקע אַ בויג געטאָן אויף אַ זייט, וואו ער האָט געפֿונען פֿון יהודיתן אַ קישן אָנגעגרייט, אויף אין איר זיך אָנצושפּאַרן... מ'האָט געזען, אַז ס'באַשלאָגט אים אַנגסט פֿון צו וועלן זיין גלייך מיט אַלע... יהודית האָט עס, נאַטירלעך, באַמערקט די ערשטע, און כּדי אים באַפֿרייען פֿון דער געצוואונגענער אָנשטרענגונג און איבעריקער מאַטערניש, האָט זי אים אַ זאָג געטאָן, ווי אים אויפֿבינדנדיק:

— טאַטע, לייג זיך צו, אויב ס'איז דיר שווער...

ער האָט טאַקע באַלד, אָן שום דערווידערונגען, געפֿאָלגט. נישט גע־קוקט דערויף, וואָס ער האָט אוודאי נישט געוואָלט זיך אַרויסווייזן פֿאַר אַזוי שוואַך, האָט ער זיך דאָך ניט געקאָנט איינהאַלטן פֿון צו פֿאַרקרימען דאָס פּנים פֿונעם ווייטיק, מיט וועלכן ער האָט באַצאָלט פֿאַרן קליינעם ביסל וואוילטאָג, וואָס ער האָט זיך לכתּחילה, בשעת מ'האָט זיך צום טיש געזעצט, געוואָלט אָנטאָן, כּדי זיך צו פֿאַרגעסן, ווי ווייט מעגלעך. ער איז שוין אַזוי די גרעסטע טייל צייט פֿון דער סעודה אָפּגעלעגן, אַ שווייגנדיקער און אויס־געשעפּטער, נישט טועם זייענדיק גאָרנישט פֿון עסן, טרינקען, וואָס איז געווען פֿאַרגרייט און פֿאַר אַלעמען אויפֿדערלאַנגט.

אַזוי ביז שפּעט אין אָוונט, ווען לוזי האָט זיך אַריינבאַוויזן אין שטוב און אין זאַל מיט דעם בינטל זייניקע, מיט וועלכע ער האָט פֿריער ביי זיך

די סעודה געפּראַוועט, און נישט פֿאַרענדיקט, האָט ער זיך דערנאָך מיט זיי אַהער, צום ברודער, אַריינגעשטעלט.

דעמאָלט האָט משה מאַשבער ווידער זיך געשטאַרקט... ער האָט, לכּבוד דעם ברודער, זיך געפּרוּווט אויפֿן גלעגער אויפֿזעצן. נאָך מער: אַפֿילו געפּרוּווט די פֿיס אויף דער ערד אַראָפּלאָזן... ס׳איז אים אָבער אויך דאָס צווייטע מאָל נישט געלונגען, ווייל ווי נאָר ער האָט זיך פֿון דער ליגנדיקער לאַגע גערירט, אַזוי האָט ער זיך אַזוי פֿאַרהוסט, אַז סיי די אייגענע, סיי די פֿרעמדע זיינען געבליבן, ווי פֿאַרשטיינט און אָן לשון אין מויל. ער איז זיך אַזוי פֿאַרגאַנגען, נישט קאָנענדיק אַריינקריגן קיין אָטעם אין ברוסט, אַז יהודית, זיין טאָכטער, ווי אויך אַלע איבעריקע, וועלכע האָבן זיך אין דער שטוב דעמאָלט געפֿונען, האָבן זיך ווילד דערשראָקן, האָבן אים אַרומגערינגלט, און זעענדיק, ווי ער וואָרגט זיך, כאָרכלט און ווי אין ברוסט און אין גאָרגל שפּילן אים קלעזמער מיט קאַליע כּלים, האָט מען זיך שוין געוואָלט װענדן נאָך גיכער הילף, שיקן נאָכן דאָקטער יאַנאָווסקי, און אויך אַפֿילו אים אָפּשרייען...

ס׳איז אים שפּעטער עטוואָס איבערגעגאַנגען, לייכטער געוואָרן. די אייגענע זיינען שוין דערנאָך דעם גאַנצן אויפֿדערנאַכט ווי אויף דער ציטעריקער וואָך געשטאַנען, מורא האָבנדיק, אַז דער אָנפֿאַל זאָל זיך אים ניט איבערחזרן. די פֿרעמדע אָבער, דאָס מיינט מען די לוזי־לייט, וועלכע יענער האָט אַהער מיטגעבראַכט, קומענדיק צום ברודער, האָבן פֿון גרויס־אויפֿגעהיצטער פֿרומקייט, וואָס איז זיי אייגנטימלעך, און וואָס מאַכט זיי אַלע מאָל טויב און בלינד צום אַלעם אַרום, אויב ס׳גייט אין אויספֿירן אַ געוויסע געטלעכע דינסט, ווי בשעת דאַוונען, למשל, ווען זיי דאַרפֿן אָפּגעבן און אַרויסברענגען דאָס געהעריקע — זיי, אָט די שטאַרק־אויפֿגעהיצלטע פֿרומע פֿאַרשוינען האָבן איצט כּמעט אין חולהס מצב זיך פֿאַרגעסן — נישט פֿון שלעכטיקייט, נאַטירלעך, נאָר פֿאַרקערט, מעגלעך, פֿון וועלן אים משמח זיין און אים אַריינגעמען אין קאָן פֿון די, וואָס קאָנען זיך, לכּבוד אַזאַ יום־טוב, אַפֿילו אין דער אייגענער קרענק פֿאַרגעסן; — זיי, אָט די פֿאַרשוינען, ווי נאָר זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש, וואו מ׳האָט זיי אָרט געמאַכט, האָבן זיי גלייך גענומען זינגען דאָס, וואָס מ׳זינגט ביי דער פּורימדיקער סעודה — דעם געוויסן פּיזמון: שושנת יעקב צהלה ושמחה אאז״וו. זיי האָבן ווידער דערנאָך, אויפֿן חולה נישט קוקנדיק, נישט פֿאַרפֿעלט אַפֿילו קיין טאַנץ, וואָס אָן אים איז קיין שמחה קיין שמחה ניט... זיי האָבן געזונגען און געטאַנצט מיט אַזאַ כּוונה און פֿאַרדבקהטער אויפֿריכטיקייט, אַז מיר זיינען זיכער, אַז ווען משה מאַשבער, דער אמתער חולה־מסוכּן דעמאָלט, זאָל געווען זיין אין מינדסטן שטאַנד כאָטש אַ מינדסטן קוק טאָן און אַ הער טאָן אָט די פֿאַרשוינען, אַזוי וואָלט ער כאָטש אויף אַ רגע, על־כּל־פּנים, מיט אַ מינדסט שטיקעלע באַגער צו זייער עבודה זיך פֿאַראייניקט און ס׳וואָלט אים, על־כּל־

פנים, אַ קליין שטיקעלע פאַרגעניגטער שמייכל אין פנים און אין די אויגן זיך געוויזן. ווייל יאָ, ס'איז דאָך צו זען געווען, אַז יענע האָבן געטאַנצט און געפרייט זיך נישט פון איבערפולטקייט פון עסן, טרינקען, ווי דאָס מערסט אַנדערע, נאָר דער עיקר טאַקע פון גרויסן נס, וואָס האָט געטראָפן זיי און זייערע עלטערן, ביז אין די ווייטע דורות אַרויף, און וואָס אַ דאַנק אָט דעם נס האָבן די פריערדיקע דורות פריער געהאַט די זכיה, און זיי, אין זייער דור, האָבן זי איצט — צו קאָנען דאַנקען, לויבן און דינען דעם, וואָס לעבט אייביק...

יאָ, ווען משה מאַשבער זאָל געווען זיין כאָטש ווי ניט איז אומשטאַנד... ער איז אָבער ניט געווען. ער האָט די גאַנצע צייט פאַר די לוזי־לייט ווי קיין אויג און קיין אויער ניט געהאַט, האַלטנדיק די בליקן געווענדט בלויז צו לוזין און ווי אויסוואַרטנדיק אויף אַ שעת־הכושר, ער זאָל אים קאָנען זאָגן דאָס, וואָס בעת דער סעודה האַלט ער ניט פאַר פאַסיק און קאָן דאָס ניט. ער האָט ווי עפּעס אויסבאַהאַלטן ביי זיך אויף דערנאָך, אויף נאָך דער סעודה, בעת ער וועט זיך מיטן ברודער געזעגענען...

און אַזוי איז טאַקע געווען: ווי נאָר די סעודה האָט זיך געענדיקט, ווי נאָר מ'האָט אָפּגעבענטשט און די לוזי־לייט האָבן זיך צוערשט מיט משהן אַליין, דערנאָך מיט דער בני־בית, געזעגנט, ווינטשנדיק, וואָס מ'דאַרף אין אַזאַ פאַל: אַ גוט יאָר און מיט אַלע תג'ן; און ווי נאָר אויך לוזי איז פאַר דעם ברודערס בעט געקומען און צו זיין צוקאָפּנס זיך צוגעשטעלט, וועלנדיק אויך טאָן דאָס זעלבע — אַ גוט וואָרט זאָגן פאַרן אַוועקגיין, אַזוי האָט אים דער ברודער משה אַ שטילן וואונק געגעבן, ער זאָל זיך צו אים מער צו־בויגן, מחמת ער הערט, כלומרשט, נישט, אָדער ער קאָן אינדערהויך ניט ריידן, און אַז לוזי האָט דאָס געטאָן — זיך צוגעבויגן, אַזוי האָט אים משה אַ שטילן זאָג געטאָן, אַז קיינער זאָל ניט הערן:

חסל סידור, לוזי... ער, משה, הייסט עס, וועט שוין לאַנג ניט ציען, און ער בעט ווידער, אַז לוזי זאָל זיך איצט וואָס אָפּטער צו אים ווייזן, ווייל באַלד וועט ער שוין, דאַכט זיך, נישט האָבן צו וועמען...

*

פערצן טאָג אין אָדר איז אַלע מאָל פורים און פערצן טאָג אין ניסן — פסח, און אין דער צווישנצייט איז שטאָט שטאַרק באַשעפטיקט מיט אַריינברענגען דעם אַלעמען פרייד־ברענגענדיקן יום־טוב, וואָס קומט כסדר גע־אַרעמט מיטן פרילינג, ווען די ביינאַכטן פינקלען שוין אויסגעוואַשענע און דורכן ווינטער ווי באַנייטע שטערן אין הויך־טונקעלן הימל; ווען בייטאָג זעט מען שוין אָפּט דאָס בלויע הימל־געוועלב ווי אויסגעשייערט, אָן וואָלקנס; ווען פיל וואַנדער־פויגל האָבן שוין פון די ווייט־דרומדיקע מרחקים דעם

וועג אויף צוריק אַהער אין לאַנד דורכגעמאַכט, און די היגע, נישט־אויס־וואַנדערנדיקע פֿויגל, באַגריסן זיך מיט די געסט, פּיל־פּישטשענדיק און איי־ליק־אומשטייענדיק; ווען ערב־פּסחדיקע הינער קוואָקען מיט אַ צוזאָג אויף פֿריש־קומענדיקע דורות און לייגן זיך ברייט־פֿאַליק, באַשעפּטיקט און מיט הרחבה, און אינדיקעס האַלדערן און טראָגן שטאָלץ זייער בלוי־געקרעלטע וואַליעס, אומגייענדיק ווי אויף שטאָלצן.

ווי דער שטייגער איז, ווערן באַלד די ערשטע טעג נאָך פּורים אויפֿ־געריכט געוויסע חורבה־הייזלעך ערגעץ אין פֿאַררוקטע געסלעך, וואָס אַ גאַנץ יאָר פּוסטעווען זיי אָן איינוואוינער, אָן שכנים, און וואָס נאָר אויף דעם חודש ווערן זיי אָפּגעדונגען פֿון בעקער־אונטערנעמער אויף פֿאַדריאַדן, ד״ה, אויף מצה־בעקערייען.

אין די ווייניקע צימערלעך פֿון יענע הייזלעך ווערן ווייס אָפּגעהיבליע־וועטע טישן אָוועקגעשטעלט פֿאַר ווייבער, מיידלעך, וואָס פֿאַרדינגען זיך אויף וועלגער־אַרבעט אויפֿן גאַנצן חודש. אַ גרויסער אויוון ווערט אין דער קיך פֿון יענע חורבה־הייזער איינגעאָרדנט, לעבן אויוון — אַ טיש, מיט בלעך געדעקט, אויף די מצות צו ריגלען, און אַלע מאָל ווערט דאָרט אויסגעטיילט אַ קליין פֿינצטער צימערל אויף צו קנעטן די „מערעס״ — דאָס טייג, וואָס ווערט דערנאָך אין קליינע שטיקלעך געשניטן און צו די וועלגערס, וואָס ביי די לאַנגע טישן, דערלאַנגט.

ס׳איז פֿריילעך, ראַשיק אין אָט די בעקערייען. ס׳הערן זיך קולות פֿון גראָבערנדיקע און באַלאַגורנדיקע ווייבער, מיידלעך, וואָס בשעתן קנעטן און קאַטשען דאָס טייג האַלטן זיי אין איין איבעררײדן זיך און הויכע געשפּרעכן פֿירן מיט די, וואָס שטייען ביי זייערע זייטן, מיט די, וואָס שטייען קעגנאיבער און אויך מיט אַנדערע פֿון אַנדערע טישן...

ס׳הערן זיך קולות פֿונעם שיבער, וואָס פֿאָדערט מ׳זאָל וואָס גיכער אויפֿגעבן און דערלאַנגען, ווייל דער אויוון ברענט אים אומזיסט; קולות פֿונעם ריגלער, וואָס פֿאָדערט דאָס זעלבע; קולות פֿון באַלעבאַטים־באַשטעלער, ווען זיי זעען, אַז ווייבער, מיידלעך פֿוילן זיך אונטער און טוען זייער אַרבעט ניט געהויג שנעל און נישט ווי די דינים פֿון כשר פֿאָדערן: ווען יענע פֿאַר־לאַנגזאַמערן דאָס קנעטן, אָדער ווען אײנע אַ וועלגערין האָט די נעגל נישט ביז דער הויט געשוירן, אָדער ווען, חס־וחלילה, זי כאַפּט פֿאַרשטעלטערהייט אַ חמצדיקן קיי און טרייסלט זיך דערנאָך ניט אָפּ, וואַשט נישט די הענט, ווי מ׳דאַרף.

ס׳הערן זיך קולות פֿון מוטערס, וואָס שרייען אָן אויף קינדער, פֿאַר וואָס יענע רייסן ביי די פּאָלעס און ווילן אַ פֿריש שטיקל מצה נאָר וואָס פֿון אויוון אַרויס; קולות פֿון בעקער־אונטערנעמער, וואָס גייען אום, גיבן אַכטונג, אַז די געדונגענע זאָלן וואָס גיכער אָן אַרבעט טאָן, וועלנדיק צופֿרידנשטעלן

די באַשטעלער, זיי זאָלן באַדינט ווערן ווי געהעריק, כּדי זיי זאָלן געדענקען אויף איבעראַיאָר און צו קיין אַנדערע בעקערייען נישט ווילן איבערגיין.

אויף די גאַסן זעט מען שוין דעמאָלט, ווי טרעגערס טראָגן פֿון לאָזע געפּלאַכטענע, הויכע קוישן, אָנגעפּולט מיט מצה ביזן ראַנד און פֿאַרדעקט מיט ווייסע לײַלעכער פֿאַר באַלעבאַטים, וואָס קאָנען זיך פֿאַרגינען פֿאַר־נעמען דעם פּסח באַצײַטנס און נישט וואַרטן אויף די לעצטע טעג מיטן מצה־באַקן, ווי ס׳טוען אָרעמערע און געמיינערע, מחמת מאַנגל אין מיטלען.

מ׳זעט אויך, ווי אין די פֿאַרנאַכטן דעמאָלט קומען צום קאַלט־צעפּנטן, און נאָך מיט אײַז־שטראָמענדיקן טייך גאַנצע משפּחות מאַנצבילן מיט פּסח־דיקע כּלים, מיט קריגן און עמערס, אַנצושעפּן וואַסער אויף „מים שלנו״, אײדער די זון פֿאַרגייט, און ווי אַזוי אַט דאָס וואַסער־שעפּן ווערט געמאַכט שטיל, פֿייערלעך, און ווי מ׳סאָפּעט דערנאָך, טראָגנדיק פֿאַרזיכטיק און שוויי־גנדיק אַט די קריגן און עמערס.

ווי דער שטייגער איז, ווערט שוין אין באַלעבאַטיש־פֿאַרמעגלעכע הײַ־זער באַלד נאָך פּורים דער פּסחדיקער באַרשט געשטעלט. מ׳גיט אים אָפּ דאָס בכּבֿודיקסטע אָרט אין אַ ווינקל אין זאַל, אָדער אין אַן אַנדער פֿאַרנעם צימער, און יענער ווינקל ווערט פֿון די באַלעבאַטים פֿון יענע הײַזער שטאַרק באַוואַכט און ווי אין האַלב־געהיימניש געהאַלטן: די דײַזשקעס אײַנגעהילט מיט ווײַס־געזויבערטע לײַוונט־שטיקער, און די קינדער פֿון הויז ווערט שטרענג פֿאַרזאָגט, זיך ניט צו דערנענטערן צוגיין און אַפֿילו ניט אַן איבעריקן קוק טאָן אַהין... און נאָר פֿון צײַט צו צײַט קומען די באַלעבאַטים אַליין פֿאַרזיכטיק צו, דעקן אָפּ די לײַוונט־שטיקער, שומען אָפּ, וואָס האָט אָנגעע־יוירן פֿון אויבן און דעקן ווידער אײַן, ביז אַ צווייטן מאָל, ווען זיי וועלן ווידער געפֿינען פֿאַר נויטיק אַהינצוקומען.

אין די מער־פֿאַרמעגלעכע הײַזער הויבט מען אויך אָן די פֿאַרבאַרייטונ־גען צום יום־טובֿ פֿאַר פֿריער; מ׳הויבט אָן באַצײַטנס רוימען אַ צימער נאָך אַ צימער; מ׳קויפֿט אײַן געפֿעס, טיש־געשיר און מ׳באַשטעלט ביי פֿאַרשיידענע באַלמעלאָכעס, ביי שוסטערס, שנײַדערס, וואָס מ׳האָט נויטיק, כּדי צו האָבן די זיכערקייט, אַז דאָס באַשטעלטע וועט אויסגעפֿאַרטיקט זײַן צו דער צײַט.

ס׳רודערט זיך שוין אויך אַפֿילו אין ווייניקער־פֿאַרמעגלעכע הײַזער: ווער ס׳זאָרגט און זוכט מיטלען אויף אַליין אַרײַנצוברענגען דעם יום־טובֿ, און ווער ס׳איז אַזוי אָרעם, אַז ער האָט זיך שוין מייאש געווען פֿון זיך אַליין, דער ווייסט, אַז ס׳וואַרט אויף אים „קיצבה״, ד״ה, אַז פֿאַרשיידענע צדקה־חברות וועלן אים באַזאָרגן.

נו, און אין די מאַרקן איז שוין דעמאָלט גאָר פֿריילעך: אויף פֿיל אָפֿענע שטעלעכלעך ווײַזט זיך אין אַ גרויסער מאָס אַ גרויסער אויסוואַל רעשטלעך, ראַמשן, וועלכע זײַנען פֿאַרבליבן ביי די הורטאָווניקעס פֿון פֿאַר־

אַיאָרן און וואָס זיי טרעטן זיי איצט אָפּ די קליינע לאַחדים־הענדלער פאַר ביליקע פּרייזן און יענע גיבן זיי אויס, ווי כּלומרשט פאַרן לעצטן וואָרט מאָדע, נאָר וואָס פון דער פאַבריק אַרויס...

ס׳ווייזט זיך ביליקער צעלניק־קנעפּ, זאָקן, שניפּסן, שקאַרפּעטן, טאַשמע, האָפּט, וועש אאַז״וו, ווי אויך רעשטלעך פון מער־ווערטיקע סחורות, ווי קאַרט, ציץ, טוך, טערנע אאַז״וו.

הענדלער שרייען אויס אויף זייער סחורה מיט אויפגעריסענע קולות. זיי וועגן, מעסטן, ציילן דעם אַריינבאַקומענעם פּדיון און גיבן אויסגאָב אין גרויס איילעניש, גלייך די הענט ברענען ביי זיי און גלייך מ׳וואָלט זיי איבער די קאַרקן געשטאַנען און זיי אונטערגעטריבן, זיי זאָלן וואָס־גיכער, וואָס־גיכער די באַדערפטיקע קונים באַדינען; ווען אין דער אמתן איז אָט דאָס איילעניש בלויז אָן אָנשטעל, כּדי צו מאַכן חשק ביי די, וואָס שטייען ביי דער שטעל דערוויַיל בלויז צוליב ישובן זיך און בלויז צוקוקן, זען ווי אַנדערע קויפן...

ס׳איז לעבעדיק אויף די הויפּט־מערק, וואו ס׳ווייזן זיך מער באַמיטלטע, ווענען אַליין די באַלעבאַטים פון די קראָמען, און אויך די משרתים, קוקן אין די אויגן, וויסנדיק, אַז יענע זיינען „ביי געלט״ און מיט ערנסטע מיינען געקומען, און זיי ווילן זיי ניט אַרויסלאָזן, גייען איין אויף ביליקערע פּרייזן, ווי זיי האָבן צוערשט געבאָטן, אַבי זיך זען מיט מזומנים, וועלכע זיינען אַזוי נויטיק אַלע מאָל, ובפרט איצט, ערב דעם זומערדיקן נייעם סעזאָן, ווען מען דאַרף זיך צעצאָלן מיט די גרעסערע צענטערס פאַר די סחורות פון פאַראַיאָרן, כּדי צו קאָנען אַריינבאַקומען נייע סחורה אויף נייעם קרעדיט און אויף לענגערע זמנים.

ס׳קומט פאַר אַ געדראַנג, אַן אַריין־אַרויס, אַ דינגעניש, אַ מעסטעניש אין יענע קראָמען, וואוהין הי־שטאָטישע און אויך פון דער פרעמד־אָנגעקומענע קויפער ווייזן זיך. ס׳האַנדלען און טומלען אַלע: שניט־קרעמער, צעלניקער, לעדער־ און שיך־געשעפטן א״אַ.

אויך דער דרויסן שפּילט דעמאָלט צו. ס׳איז אָוועק די צייט, ווען ער האָט נאָך קאַפּריזעוועט: האַלב־ווינטערדיק, האַלב ניט, נישט געשטעלט, נישט גלייכמעסיק, און ווען דער וועטער האָט זיך אָפּט געביטן פון קאַלט אויף וואַרעם, פון אָט אַ ביסל לויטערקייט און באַלד ווידער אַן אָנגעלויף פון כמאַרעס, וואָס ברענגען אַמאָל רעגן, אַמאָל שניי, און אַמאָל גאָר אַ געמיש פון זונען־שפּראָץ מיט אייז־גרייפּעלעך — אַ מין האַלבער האָגל. ניין, איצט — אַנדערש. „לינד און מילדע ווינטלעך״ — ווי ס׳שרייבט דער לוח אַלע ערב יענעם יום־טוב, צו אַלעמענס וואויל און פאַרגעניגן, אויך ער טרעפט, און אויב ניט, מאַכט אויך ניט אויס...

ווי דער שטייגער איז, ווידער, האַלטן שוין דעמאָלט חדר־יינגלעך ביי די לייכט־געוואָרענע סדרות פון „תּרומה־תּצוה״, נאָך די קאָפּ־ברעכערישע

„משפּטים", וואו ס'האַנדלט זיך וועגן מישכּן, וואָס משה רבנו האָט געלאָזט בויען אין דער מדבר, נאָך דעם ווי די יידן זיינען אַרויס פֿון מצרים, מיטן אָרון, מיטן מזבח, מיט דער מנורה, מיט אירע רערן, קנעפּ און רייזעלעך צו איר באַפּוצונג.

חדר־יינגלעך זיינען דעמאָלט פֿאַרגעניגנט באַשעפֿטיקט מיט מאָלן און אויספֿלאַנירן דאָס געביי פֿון מישכּן, מיט זיינע יריעות, שוועלן און דאַך, וואָס איז געווען געמאַכט פֿון וואָל און האָר פֿון ציגן; מיט אויספֿאַרטיקן פֿון אַ געווינלעך שטיקל שטאָף דעם חושן־ואפֿוד, מיט די צוועלף שטיינער אַנטקעגן די צוועלף שבטים, מיט זיינע אַקסל־בענדער און גאַרטל, וואָס דער כּהן־גדול האָט געהאַט צו טראָגן אויף דער ברוסט, אויפֿן רוקן און אויף די לענדן, און וואָס לערנענדיק וועגן דעם אין יענע סדרות, האָט דער רבי אַלע מאָל באַערט אַן אַנדער תּלמיד אָנצוטאָן אָט דעם היימיש־אויסגעמאַכטן חושן־ואפֿוד, כּדי די איבעריקע תּלמידים זאָלן זיך איינקוקן און אַ רעכט־גוטע פֿאָרשטעלונג האָבן, ווי אַזוי ער איז אין דער מדבר דורך משה רבנו ביי די געוויסע דעמאָלטיקע מייסטערס באַשטעלט געוואָרן.

אַזוי — חדר־יינגלעך. אויך מלמדים און באַהעלפֿער דעמאָלט באַשעפֿטיקט — אי בכלל, ווי אַלע יידן, מיטן פּסח אַריינברענגען, אי בפֿרט מיט דעם פֿאַרשטייענדיקן בין־הזמנים, ווען באַהעלפֿערס בייטן די ערטער ביי די מלמדים, און מלמדים אַליין הויבן שוין אָן אַרויסקוקן אויף נייע קנעלונגען אויפֿן ניי־אָנקומענדיקן האַלבן יאָר.

און אַוודאי און אַוודאי זיינען דעמאָלט באַשעפֿטיקט באַלמעלאָכעס, ווי שוסטער, שניידער, בלעכער א״אַ, וועלכע האָבן פֿיל צו טאָן און צו שאַפֿן יענעם חודש פֿאַרן גאַנצן ווינטער ווייניק אַרבעט האָבן, אָדער כּמעט ליידיק אומגיין, ווערלנדיק איצט וואָס מער אָפּפֿאַרדינען פֿאַר דער שפּעדיקער סעזאָן־צייט, ווען ס'איז אַ גרויס אָנגעלויף פֿון קונדן, וואָס שטייען ממש איבערן קאַרק, פֿאָדערן און מאָנען, מ'זאָל זיי זייער באַדאַרף באַפֿרידיקן, און אומ־באַדינגט, למען־השם, און אָן שום תּירוץ, צו דער צייט און פּינקטלעך אויס־פֿאַרטיקן זייער באַשטעלונג.

מיט איין וואָרט, שטאָט איז פֿאַרכאַפּט ווי פֿון אַ פֿיבער, וואָס שטאַרקט זיך פֿון טאָג צו טאָג, פֿון וואָך צו וואָך, וואָס מער דער יום־טוב דערנעענט זיך... מענער זיינען פֿאַרנומען מיט דעם וואָס מענער דאַרפֿן, און ביי ווייבער דרייען זיך די קעפּ פֿון פֿיל צו טאָן האָבן מיט ברענגען אין אָרדענונג די הייזער, נאָכן גרויסן, לאַנגן ווינטער, ווען מ'האָט גערוימט נאָר אויף שבת, אי דאָס אויך ניט אַזוי גרינטלעך...

ס'איז דערום פֿאַרשטענדלעך, אַז ביים עולם בלייבט דעמאָלט שוין גאָר ווייניק צייט צו פֿאַרנעמען זיך, אויסער מיט נויטיקן, נאָך מיט ריידן און באַריידן און האַלטן עמעצן אין מויל צוליב לשון־הרע, ווי מ'טוט עס אַ

גאַנץ גייענדיק יאָר, ווינטער — אין די לאַנגע נעכט, און זומער — אין די טעג, די לאַנגע. ניין, איצט — ניט. דער עולם איז אַזוי פֿאַרנומען און אײַ־בערן קאָפּ פֿאַרטאָן, אַז ס׳בלייבט אַפֿילו קיין צייט ניט צו באַהאַנדלען און אַרומריידן גאָר וויכטיקע געשעענישן, וואָס טרעפֿן זיך ווען אַמאָל דעמאָלט אין שטאָט, און וואָס אַן אַנדערש מאָל וואָלט מען דאָס לאַנג געקייעט, גאַנצע טעג, און אַפֿילו וואָכן און חדשים לאַנגע, ווי, למשל, אַ גבירישע חתונה, אָדער ווען ס׳שטאַרבט עמעצער, אַ גרויס־באַוואוסטער... איצט איז אַפֿילו פֿאַר קיין גרויס־וויכטיקייטן קיין צייט ניטאָ. מ׳נעמט דאָס אויפֿן צונג בלויז איבערכאַפּנדיק, בלויז אויף אַ קליינער ווײַלע, ווײַל, באַלד כאַפּט מען זיך: זע: וואָס האָט מען זיך פֿאַררעדט? מ׳האָט דאָך דאָס און דאָס נאָך ניט אָפּגעטאָן...

און דאָך האָט משה מאַשבערס טויט, און באַזונדערס דאָס, וואָס ס׳איז פֿאַרגעקומען נאָך זיין טויט, די שטאָט אויפֿגערודערט אויף אַזוי פֿיל, אַז ס׳האָט אַלעמען אַרויסגעשלאָגן פֿון דער ערב־יומטובדיקער שטייגערישער פֿאַרטועניקייט, און אויף אַ צייט געצוואונגען דאָס פֿון מויל ניט אַרויסלאָזן.

משה מאַשבערן האָט באַלד נאָך פּורים און נאָך דער אויבנדערמאָנטער סעודה, גענומען גיין וואָס אַ טאָג ערגער. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז ניט נאָר ער האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון זיינע קורצע באַזוכן צו זיין קראַנק ווייב גיטעלע אין אַלקער, ווי ער האָט, קוים די פּיס שלעפּנדיק, געטאָן ביז אַהער, נאָר ס׳האָט אים שוין קיין כּוח ניט געקלעקט אַפֿילו צוליב אַ מינדסטער אייגענער באַדערפֿעניש אַ פּוס אויף דער ערד אַראָפּשטעלן, און ווען יאָ, איז בלויז מיט דער הילף פֿון אַנדערע, וועלכע האָבן אים געמוזט אונטער־האַלטן מיט אַ האַנט, אָדער אים אַן אַקסל אונטערשטעלן.

דאָקטוירים האָבן זיך מייאש געווען ניט נאָר פֿון אים אויסצוהיילן אין גאַנצן, נאָר אַפֿילו צו לינדערן זיינעליידן מיט פֿאַרשלעפֿערונגס־מיטלען, וועלכע מ׳גיט געוויינלעך אַ חולה, אויף צו פֿאַרטונקלען זיין באַוואוסטזיין, ער זאָל ניט וויסן, וואו ער האַלט...

משה מאַשבער איז שוין נישט געשלאָפֿן נישט ביי טאָג, נישט ביינאַכט, און אַלע יענע, וועלכע האָבן געוואַכט ביי אים, פֿלעגן באַמערקן, ווי ער לאָזט אַראָפּ די אויגן־לעפּלעך, ווי אַ הון — לייכט, שלאַבעריק און האַלב־וואַכזאַם, און ווי בעת מעשה גייען אים איבער איבערן פּנים און שטערן עפּעס מיני מחשבות, ווי טונקעלע שאָטנס פֿון אונטער אַ כמאַרע, וואָס רוקט זיך אָן און איילט זיך ניט איבערצוגיין.

יאָ, מ׳האָט שוין דעמאָלט אי ביי טאָג, אי ביינאַכט ביי אים געוואַכט — דער עיקר און מערסטנטייל זיין טאָכטער יהודית, וועלכע האָט אַלץ געזען טאָן, כּדי צו שאַפֿן כאָטש די לעצטע דערלייכטערונג פֿאַר איר פֿאָטער דערמיט, וואָס ער וועט זי, זיין געטרייסטע, שטענדיק לעבן זיך, אונטער דער האַנט

האָבן. אָבער אויך זי, יהודית, האָט גאָרניט געהאָלפֿן, ווייל קעגן אַלע אירע געטריישאַפֿטן האָט זיך אַוועקגעשטעלט די אַלץ־שטייגנדיקע קרענק, וועלכע האָט זיי איבערגעשטאַרקט, און דאָס איינציקע, וואָס יהודיתן איז געבליבן, איז געווען — פֿון צייט צו צייט דעם צוקאָפּנס פֿון איר פֿאָטער פֿאַרריכטן, מייד נענדיק כאָטש אַזויערנאָך עטוואָס דערפֿרישונג און אַ קליין ביסל טעם פֿון געגעזונג אים אונטערטראָגן. ס'איז איר ווידער געבליבן — אים אַלע מאָל דערמאָנען אין די רעצעפּטן, וואָס די דאָקטוירים האָבן בעת זייערע לעצטע באַזוכן פֿאַרשריבן, און וואָס ער, משה מאַשבער, איר פֿאָטער, פֿלעגט זיך אַלע מאָל האַרטנעקיק פֿון זיי אָפּזאָגן, און אויב ער האָט, ווען ניט ווען, יאָ אַמאָל באַוויליקט פֿאָלגן און זיי איינצונעמען, איז צו זען געווען, אַז ער טוט דאָס ניט צוליב זיך, נאָר בלויז איר, דער טאָכטער, צוליב...

צוזעענדיק דאָס אַלץ, איז יהודיתן צום לעצטן נאָך געבליבן — פֿון צייט צו צייט איר אָרט ביים פֿאָטער צו פֿאַרלאָזן און שטיל אין אַ צווייטן צימער, אָדער אין דעם זעלבן זאַל, וואו משה מאַשבער איז געלעגן, נאָר ערגעץ אין אַ פֿאַררוקט ווינקל — אַוועק, זיך אויסוויינען, און פֿאַרבאָרגענער־הייט די אויגן אויסווישן, אַז קיינער, און דער עיקר דער פֿאָטער, זאָל די שפּורן פֿון איר געוויין ניט דערקענען...

מ'דאַרף דאָ צוגעבן: משה מאַשבער האָט שוין דעמאָלט גאָר ווייניק גערעדט, אַזוי ווייניק, גלייך דער צונג וואָלט אים אָפּגענומען, נישט האָבנדיק קיין ווערטער נישט נאָר פֿאַר אַנדערע, נאָר אַפֿילו פֿאַר זיך אַליין ניט, ווען ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט עפּעס זאָגן... ס'וועט דערום פֿאַרשטענדלעך זיין, ווי יהודית זיין טאָכטער, האָט זיך איין מאָל ביינאַכט, ווען זי איז געזעסן אויף דער וואַך ביים פֿאָטער, ווילד פֿאַרחידושט, ווען ער האָט פּלוצלינג מיט אַ וואונק איר אַ וויזז געטאָן, זי זאָל זיך צו אים צובויגן: ער האָט איר, הייסט עס, עפּעס־וואָס איבערצוגעבן. יהודית האָט אָבער ווייניק נחת געהאַט פֿון איר טאַטנס רייד דעמאָלט... זי האָט זיך אַוודאי גלייך אויף זיין וואונק אָפּגערופֿן, זיך צו אים צוגעבויגן און זיך איינגעהערט, אָבער ווי נאָר זי האָט דאָס ערשטע שוואַך־אַרויסגעבראַכטע וואָרט פֿון אים פֿאַרנומען, אַזוי האָט זי גלייך פֿאַרשטאַנען, אין וואָס דאָ גייט, און צוליב וואָס ער האָט איר אויער צו זיין מויל איינגעלאַדן — אַז צוליב אַ צוואה־וואָרט. און אַזוי האָט טאַקע משה מאַשבער דעמאָלט אַ זאָג געטאָן:

— זע, טאָכטער, אַז די שטוב זאָל בלייבן שטוב ביי אַלע אומשטאַנדן... זאָל מען זיך ניט צעגיין... און וואָס גאָט וועט געבן, זאָל זיין אינאיינעם... די מאַמע — האָט דאָ משה מאַשבער צוגעגעבן, און די ווייטער־קומענדיקע ווערטער האָבן יהודיתן נאָך מער געפּלעפּט, ווי די ערשטע — די מאַמע — האָט ער געזאָגט — וועט שוין מסתּם אויך לאַנג ניט ציען... ריכט זיך, טאָכטער, אויף צוויי יאָרצייטן מיט אַמאָל — נאָך מיר און נאָך איר... —

האָט ער אין דער ריכטונג פֿון גיטעלעס אַלקער מיט אַ שלאָבעריקן מאַך מיטן אויג אָנגעוויזן.

— טאַטע! — האָט יהודית, דאָס דערהערנדיק, אויסגעשריגן אַ פֿאַר־צאַפּלטע — וואָס רעדסטו? וואָס קומט דיר אויפֿן זינען?...

משה מאַשבער האָט שוין אָבער גאָרניט ניט געזאָגט און מער פֿאַר נויטיק ניט געפֿונען יהודיתעס אויער לענגער צו זיך צוגעבויגן האַלטן. ער האָט איר אַ וואונק געטאָן, אַז דאָס לשון איז אים שווער, און אַז דער געשפּרעך, אויף וועלכן ער האָט זי איינגעלאַדן, איז געענדיקט.

יאָ, און מער האָט זי פֿון אים ביז זיין סוף שוין טאַקע כּמעט קיין וואָרט ניט געהערט... און נאָר איינער, לוזי, וועלכער האָט געוואַכט ביים ברודער די גאָר לעצטע טעג, פֿאַרבייטנדיק יהודיתן, וועלכע איז פֿון גאַנצע וואָכן אומ־גיין אי אַרום פֿאָטער, אי אַרום דער מוטער, שוין שיער ניט פֿון די פֿיס געפֿאַלן — נאָר ער, לוזי, איז געווען דער, פֿאַר וועמען משה האָט זיך, ווען ניט ווען, אַמאָל צעעפֿנט, און אויף וויפֿל דער כּוח־הדיבור האָט אים געקלעקט, פֿלעגט ער פֿון צייט צו צייט מיט איניקע ווערטער פֿאַר אים, פֿאַר דעם איינציקן, יאָ אַרויסקומען...

אַזוי האָט ער איינמאָל ביינאַכט, ווען לוזי איז מיט אים אַליין געבליבן, אַ וואונק געטאָן, אַז יענער זאָל צו אים נעענטער אונטערקומען און ביי זיין צוקאָפּנס זיך שטעלן. און ווען לוזי האָט דאָס געטאָן, צוקומענדיק, אַזוי האָט אים משה מיט שווער־אַרויסגעבראַכטן אָטעם אין דער שטיל פֿאַרטרויט, אַז ער זעט איצט, דאַכט זיך, וואָס קיינער ניט... אָט זעט ער זיצן אַנט־קעגן זיך דעם טאַטן אין דער יאַרמלקע, ווי ווען ער פֿלעגט אויפֿשטיין אַלע מאָל אין דער פֿרי צום לערנען, און די מאַמע, אין טשיפּיק, דערלאַנגט אים דעם ליפּאָווע־צוויט... ער שרעקט זיך ניט, משה. ער זעט זיי אַזוי לעבעדיק, אַז ס'בלייבט אים קיין מינדסטער ספק ניט, אַז ער זעט זיי טאַקע אין דער אמת, ווען אין דער אמתן ווייסט ער, אַז ס'איז ניט אַזוי... נאָר אָט באַווייזט זיך פּלוצלים עפּעס אַ האָן איבערן טאַטנס קאָפּ, וואָס האַלט זיך, דאַכט זיך, ווי אין דער לופֿטן, אָבער זען זעט ער אויס, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ דראָנג, אָדער אויף אַ פּאַרקן, וואָס דאָס איז שוין משהן אַ גרויס חידוש און ס'שרעקט אים זייער און זייער... און אָט צענעמט דער האָן די פֿליגל, ווי זיך גרייטנדיק אַ קריי טאָן, און דעמאָלט פֿאַרשווינדט מיט אַמאָל דער קאָפּ פֿון טאַטן, און אָנשטאָט זיין קאָפּ, באַווייזט זיך גאָר דער האָן אויף זיינע אַקסל... וואָס זאָל דאָס באַטייטן? — האָט משה מאַשבער, אַ שווער־אָטעמ־דיקער און שטאַרק־דערשראָקענער, אַ פֿרעג געטאָן ביי לוזין באַשייד.

— ס'גאָרנישט, משה־סערדצע, ס'איז נאָר דער כּוח־הדמיון שפּילט איצט ביי דיר, ווייל דו שלאָפֿסט שלעכט, שלאָפֿסט ווייניק — האָט לוזי, אים צו באַרואיקן, געטרייסט, ווען אין דער אמתן איז פֿונעם ברודערס דערשראָקענעם

איינקוקן זיך אין יענעם אַרט, וואו ער האָט נאָר וואָס דאָס איינזעעניש געזען, מיטן האָן און מיטאַמאָל איז אויך אים אומהיימלעך געוואָרן.

— אַזוי מיינט ער?... — האָט דער קראַנקער משה האַלב אין אומ־גלויבן אַ זאָג געטאָן צום ברודער, און מ׳האָט געזען, אַז נאָר דערפֿאַר, וואָס לוזי, און ניט קיין אַנדערער, האָט אָט די ווערטער געזאָגט, מאַכט ער זיי אין גאַנצן מיט דער האַנט ניט אַוועק — כּלומרשט ער גלויבט יאָ עטוואָס אין דעם, וואָס יענער זאָגט.

לוזי פֿלעגט נאָך אַזעלכע ביינאַכטיקע אומהיימלעכע געשפּרעכן מיטן ברודער עטוואָס לענגער ביי אים בלייבן און אים ווייטער באַרואיקן. דערנאָך פֿלעגט ער אים לאָזן, ער זאָל, מעגלעך, איינשלאָפֿן און אַליין פֿלעגט ער אַמאָל אַוועק צום טיש, וואָס איז אין אַ זייט זאָל געשטאַנען, וואו ער האָט געהאַט ליגן אַ ספֿר, אין וועלכן ער פֿלעגט, אין די לאַנגע וואַך־שעהען, אריינקוקן; און אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט ער נעמען אומשפּאַנען שטיל־שטיל ביי די ווענט פֿון זאָל — אַ הויכער אין דער האַלבער שיין פֿונעם האַלב־פֿאַרדרייטן לאָמפּ, כּדי דעם ברודער ניט צו שטערן, פֿאַרטיפֿט אין מחשבות פֿון בייצוזיין ביי אַ מענטשן, וואָס זיינע טעג, און מעגלעך זיינע שעהען, זיינען געציילטע.

אַזוי לאַנג פֿלעגט לוזי ביים ספֿר פֿאַרברענגען, אָדער שטיל איבערן זאָל אומשפּאַנען, ביז דער ברודער פֿלעגט, אויפֿוואַכנדיק פֿון שלומער, אים דערזען און טאָקע פֿאַר אים אַליין זיך דערשרעקן, אָדער ער פֿלעגט אים ווידער צורופֿן, האָבנדיק אים נאָך עפּעס וועגן אַ ניי אויסווייזעניש צו פֿאַרטרויען.

— די לעצטע נעכט האָט משה מאַשבער געזען אַ פֿולע שטוב פֿליגן — אויף די ווענט, אויף דער סטעליע, אין דער לופֿט און אַפֿילו אויפֿן דיל, אַ ווילדע מאַסע אומשוועבן און זשומען.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער, אַ ווילד־פֿאַרחידושטער, אַ פֿרעג געטאָן — ס׳דאַך, דאַכט זיך, ניט די צייט... דאָך ניט זומער... הייַנט פֿון וואַנען קומען זיי אַהער אין אַזאַ גרויסער צאָל?

לוזי האָט, פֿאַרשטייט זיך, אַלע מאָל געזען צונישט מאַכן זיינע פּחדים און אים פֿאַררײדן... אָבער, לסוף, אין איינער אַ נאַכט, אין שוין גאָר דער לעצטער, ווען אַלע האָבן געזען, אַז ס׳איז דער סוף און קיינער איז שוין שלאָפֿן נישט געגאַנגען, פֿילנדיק, אַז אַלע דאַרפֿן הייַנט וואַך זיין; אין יענער נאַכט, ווען אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט, ווער ס׳האָט אים דעם רעצעפּט דערלאַנגט, און ווער עפּעס אַנדערש אונטערגעטראָגן, כּדי דאָס לעצט חיות אין אים דערהאַלטן — אָט דעמאָלט האָט משה מאַשבער מיט אַמאָל אַלעמען מיט אַ וואונק, ווי אין אַ זייט, אָפּגעשאַרט און געהייסן אָפּגיין, און דעם איינציקן, וואָס ער האָט געלאָזט לעבן זיך, איז געווען לוזי, וועמען ער האָט איצט ווידער געבעטן זיך צו אים צובויגן, און אַז יענער האָט דאָס געטאָן,

האָט ער ביי אים פּלוצלים אַ פרעג געטאָן, אַ קאַלט־באַרואיקטער, נאָר ווי איינער, וואָס קלייבט זיך אין וועג און וויל ניט פאַרשפּעטיקן: „וויפל איז דער זייגער, לוזי" און באַלד גלייך האָט ער אים פאַרגיבן אַ צווייטע פראַגע:

— איאָ, מיט „בגדים" און מיט אַן „אָרט" האָט ער זיך, דאַכט זיך, שוין פאַרזאָרגט נאָך פאַראיאָרן?

אָפּגעזאָגט, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער פון לוזין, ווייל אין דער פראַגע האָט זיך געפילט אויך איר באַשטעטיקונג: אַז יאָ, הייסט עס... דעמאָלט איז ער מיט זיך אַליין, ווי אויף נאָך איינער אַ לעצטער מחשבה געבליבן. און דערנאָך האָט ער, ווי שוין פאַרטיק געוואָרן מיט דער לעצטער, איין וואָרט אַ זאָג געטאָן לוזין: ווידוי...

לוזי האָט געטאָן, וואָס געדאַרפט: פירגעלייענט, און דער ברודער משה, אויף וויפל ער איז געווען אומשטאַנד, האָט רואיק נאָכגעזאָגט, אַן ווייַ און אַן רחמנות אויף זיך.

ס'איז געווען שטיל אין זאַל — אַזוי שטיל, אַז ווען די פליגן, וואָס האָבן זיך געדאַכט משה מאַשבערן די לעצטע צייט, וואָלטן טאָקע ווירקלעך געווען פליגן, אַזוי וואָלטן זיי זיך איצט אין מיטן פלי אָפּגעשטעלט, פאַרהאַלטן און אַנטשוויגן געבליבן, צוזעענדיק, וואָס דאָ קומט פאָר...

פון אייניקע ווינקלען אין זאַל האָט זיך דעמאָלט אַ שטיל־פאַרשטיקט כליפּעריי דערהערט — פאַר אַלעמען, פון יהודיתן, משה מאַשבערס טאָכטער, וועלכע האָט זיך הינטערן טיר־פאָרהאַנג פאַררוקט, און דאָרט, אַ פאַרשטעלטע, אַ פאַרדעקטע און פון קיינעם ניט געזעענע, איז זי געשטאַנען און די אָקסל האָבן איר פון אויפגעהאַלטענעם געוויין געצוקט און געציטערט.

ס'האָבן איר געהאָלפן מיטוויינען אויך אסתר־רחל און אַנדערע קרובים, וועלכע מ'האָט די לעצטע טעג איינגעלאַדן בייצוזיין ביים חולה, כדי ביי די איבערגעמידטע שטוב־מענטשן די הענט איבערנעמען.

ס'איז שטיל געווען אין יענע רגעס, וועלכע האָבן אַלעמען, ווי פאַרשטומט געמאַכט, און נאָר איינער, לוזי, האָט זיך געהאַלטן, ווי זיין ווירדיקער ברודער־חוב האָט פון אים געפאָדערט — אַרויסצובאַגלייטן דעם ברודער, ווי ס'געהער, שטייענדיק ביי זיין בעט צופיסנס און צוקוקנדיק די יציאת־נשמה...

משה מאַשבער האָט שוין כמעט אין גאַנצן אַ באַרואיקטער, אין בעט ליגנדיק און ווייניק אָטעם האָבנדיק, געגוססט, ביז ער איז איינגעשטילט געוואָרן, און אַלע האָבן זיך איבערצייגט, אַז מער איז שוין ניטאָ וואָס צו טאָן מיט אים, אויסער דאָס, וואָס מ'טוט מיט אַ מענטש, ווען ער איז שוין אַזוי איינגעשטילט...

יהודית, משה מאַשבערס טאָכטער, איז דעמאָלט מיטאַמאָל, אַן אויפגעריסענע, אויף איר העכסטן קול אַרויס... איר מאַן יאַנקעלע בראָדשטיין, ווי אויך איר שוואָגער, נחום לענטשער, ווי אויך אַלע קרובים און די שול־

שמשים, וועלכע זיינען אויך גערופן געוואָרן צו וואַכן יענע נאַכט ביים חולה, האָבן זי אַרומגערינגלט און זי ניט דערלאָזט צוצוקומען נאָענט אַהין, וואוהין זי האָט זיך מיט איבערגעוואַלד געריסן און מיט פיל מער כוח, ווי אַזאַ אײנע פאַרמאָגט, ווען נישט בעת אַזאַ פאַל...

זי האָט מען אָפּגעהאַלטן, און מיט משה מאַשבערן האָט מען דערווייל געטאָן, וואָס ס׳פאָדערט זיך און ווי אין די דיני־אַבילות איז פאַרגעשריבן: מ׳האָט אים אָפּגעהויבן, אויף דער ערד אַראָפּגעלייגט, און שוין...

באַלד זיינען די שטוביקע שבת־לייכטער פון זיין ווייב גיטעלע, ווי אויך פון זיין טאָכטער יהודית, מיט אָנגעצונדענע ליכט ביי זיין צוקאָפּנס אין אַ ריי אויסגעשטעלט געשטאַנען און האָבן באַלויכטן זיין קערפּער, וואָס איז מיט אַ ליילעך געווען איבערגעדעקט...

און שוין — געענדיקט מיט משה מאַשבער.

און אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען די ידיעה וועגן זיין טויט האָט זיך צעטראָגן, צוערשט דאָרט, וואו משה מאַשבערס געשעפטן האָבן זיך געפונען, דערנאָך ווייטער, איבערן גאַנצן מאַרק, איבער די קראָמען און קלייטן, אַזוי האָבן זיך אַלע דערפילט שטאַרק געטראָפן: באַזונדערס נאָטירלעך, די סוחרים, הן די, וואָס האָבן מיט אים אַליין נאָענט־געשעפטלעכע באַציאונגען געהאַט, און אויך די, וואָס ניט אַליין, נאָר וואָס האָבן אים געוואוסט, געקאָנט, אים געשעצט און זיין אָרט אין דער מאַרק־געזעלשאַפט בכבוד געהאַלטן; און אַלע האָבן איצט, דערהערנדיק וועגן זיין טויט, זיך אַ שטאַרקן כאַפּ געטאָן פון איבעראַשונג:

— אַזוי?!... ברוך דיין אמת!... — האָבן אַלע אַ זאָג געטאָן, און אַלע כמעט האָבן אויך צוגעגעבן: אַ שאָד, אַ שאָד.

— אַ גרויסער שאָד! — האָבן געזאָגט אַנדערע, וואָס די ידיעה האָט ביי זיי מער מיטלייד אַרויסגערופן.

— פאַר דער צייט פון דער וועלט געגאַנגען — האָבן געזאָגט נאָך אַנדערע שוין מיט תרעומות, אין זינען האָבנדיק יענע, וועלכע האָבן צו משה מאַשבערס טויט אַ שטיקל האַנט צוגעלייגט, העלפנדיק דעם מלאך המוות.

— אַ קלייניקייט: אַ יידן — אין גוישע הענט, אַזאַ מענטשן — אין טורמע פאַרזעצן...

— טאַקע נישט געהערט!...

— גזלנים! — האָט די ידיעה אויפגעריסן די מיילער ביי געוויסע בייזע לייט, וועלכע האָבן, מעגלעך, אַליין געהאַט צו ליידן פון די, פון וועלכע משה מאַשבער האָט געליטן, און וואָס איצט האָבן זיי געפונען דעם שעת הכושר זייער כוח אָפּצומאָנען ביי יענע.

— ס׳דאַך ניט געהערט: אַ טאַטע פֿון קינדער, אַ מענטש מיט אַ נאָמען און ניט אַבי־ווער — זאָל מען ברעכן פֿון מעמד און ברענגען צו דעם, צו וואָס מ׳האָט אים געבראַכט... אויף קיין גוט אָרט זאָלן זיי ניט שטיין!...

— ווער? — האָבן אַרייַנגעפֿרעגט אינעם רעדל שמועסנדיקע אייניקע, וואָס זייַנען צום אָנהויב געשפּרעך נישט בייַגעווען, און וואָס האָבן איצט, צופֿעליק, אָדער פֿאַרבייַגייענדיק, דעם קאָפּ אַהין אַרייַנגעשטעקט.

— „ווער?“ — האָט שוין יענער, וואָס האָט דאָס ערשטע בייזע וואָרט אַרויסגעזאָגט, זיך איצט ניט אָפּגעשטעלט פֿון ווייטער צו זאָגן, כאָטש ער אַליין האָט, אפֿשר, צום אָנהויב געהאַט אַ גרונד ניט צו דערמאָנען דעם נאָמען פֿון דעם, וואָס ער האָט געמיינט, און אַנדערע, וואָס האָבן אים געהערט, ווידער, האָבן געהאַט אַ גרונד ניט איבעריק זיך וועלן דערפֿרעגן, מחמת, ניט פֿרעגנ־דיק, האָבן זיי אַליין גוט געוואוסט.

—„ווער?“ — האָט פֿאַרגעזעצט דער בייזער — די, וואָס האָבן ניט קיין גאָט אין האַרצן — די יעקב־יוסיס, וואָס זייַנען קאַפּאַבל אַלץ פֿון וועג אָפּראַמען, אויב עמעצער טוט נאָר אַ וואַקס אַרויס מיט אַ קליין קאַפּעלע מזל, וואָס דאַכט זיי, אַז ס׳קאָן זיי שאַטן צום זייעריקן — צו זייער קישקע און קעשענע... ס׳רעכט ביי זיי, זיי זאָלן אַזאַ איינעם אין טורמע פֿאַריאָגן, ס׳רעכט, זיי זאָלן אים אין גרוב אַרייַנשטויסן, ווי אָט דאָ, דעם, משה מאַשבערן...

אַלע האָבן גערעדט — ווער בייז, ווער מיטל, און ווער, וואָס איז גלאַט געניגט אַ טרויעריקן שמועס טאָן, ווען ס׳גייט די רייד וועגן טויט פֿון אַן אַנדערן, דערמאָנענדיק זיך אין אייגענעם...

נו, און נאָך דעם אַלעם גערייד אין יענעם פֿרימאָרגן צווישן די פֿאַר־שיידענע רעדלעך אין מאַרק, האָט זיך, האַלבן טאָג צו, אַ לאָז געטאָן אַ גאַנץ היפּשער עולם אין יענער טייל שטאָט, וואו משה מאַשבערס הויז האָט זיך געפֿונען, אים צו באַלייטן און דעם לעצטן כבוד אָפּגעבן.

די לוויה איז פֿאַרגעקומען, ווי געוויינלעך: צוערשט אַ שטילער גע־דראַנג ביי משה מאַשבער אין שטוב, ווען אַלע זייַנען אַרייַן אַ קוק טאָן אויפֿן מת, וואָס איז געלעגן אין זאַל, וואָס מיט די פֿיל פֿענצטער אין הויף אַרויסגעווענדט, און זייענדיק דאָרט, האָבן אייניקע, וואָס האָבן קיין מאָל משה מאַשבערס הויז ניט באַזוכט, און וואָס זייַנען געשטאַנען אויף פֿיל מדרגות נידעריקער פֿון אים אין פֿאַרמעג, האָבן איצט, אין איין וועגס, שוין געכאַפּט אַ קוק אויפֿן מעבל, וואָס איז פֿון משה מאַשבערס גוטע, וואויל־שטייענדיקע צייטן פֿאַרהיט געבליבן: די ווייכע קאַנאַפּעס און שטולן, מיט ווייסן טשעכאָל איבערגעצויגן; דעם לאַנגן שפּיגל, אין אַ געגילדעטער ראָם, וועדליק אַ מענטשן־וואוקס די הויך, וואָס איז איצט מיט אַ ליילעך געווען פֿאַרהאָנגען, די וואַזאַנעס, וואָס זייַנען איצט אין איין זאַל־ווינקל צונויפֿגעשטעלט געוואָרן

— אַ סאַד אַ גאַנצער אַאַז"וו. און זיי, אַט די נידעריקער־שטייענדיקע אויף פּיל מדרגות פֿון משה מאַשבער, האָבן אַחוץ באַדויערן דעם מת, וואָס איז איצט געלעגן, ווי יעדער מת, אויף דער ערד, מיט ליכט און לייכטער ביים צוקאָפּנס — אויך געפֿילט, ווי אַ קליין ביסל קנאה צו אים, ווען ער, משה מאַשבער, פֿלעגט אַמאָל דאָ, אין אַט דעם הרחבהדיקן און לופֿטיקן זאַל, אַליין פֿאַרברענגען, אָדער צוזאַמען מיט געסט, אַ פֿיל־גליקלעכער, דאַרף מען זיך פֿאָרשטעלן, ווי זיי — אין זייערע היימען...

זיי, די זעלבע, האָבן דערנאָך געמען אַריינקוקן אויך אין אַנדערע צימערן, וועלכע זיינען דעמאָלט געשטאַנען צעעפֿנט, מחמת קיינעם איז אין זינען ניט געווען זיי צו פֿאַרמאַכן, ווי אַלע מאָל ס׳פּאַסירט בעת אַ שטוביקער שמחה, אָדער בעת אַ שטאַרקן טרויער אין שטוב...

דער עולם האָט צוערשט, ווי געזאָגט, אין שטוב זיך אָנגעשטופּט. מ׳האָט זיך געהאַלטן שטיל און מיט שווייגנדיקן כבוד אין רעדלעך. מ׳איז אַריין און אַרויס האַלב־שווייגנדיק, און ערשט אין הויף, וואַרטנדיק אויף דער טהרה, האָט מען גענומען העכער ריידן און זיך טיילן וועגן געשטאָרבענעם, אים נאָכזאָגנדיק די אַל־מעגלעכע שבחים, וואָס יעדער איינער האָט פֿאַר־געדענקט פֿאַר פֿיל יאָרן אים קאָנען פֿון וווייט, אָדער פֿון האָבן מיט אים מער נאָענטע באַציאונגען.

און נאָכן שטוב־געדראַנג, און נאָך דער טהרה, און נאָך דעם, ווי מ׳האָט גענומען דעם מת אַרויסטראָגן, איז פֿאָרגעקומען אַ געדראַנג אויך אויף דער שוועל, וואָס פֿירט פֿון פֿאַרהויז אין דרויסן אַרויס... צוערשט האָט פֿאַרהאַלטן דעם מת יהודית, משה מאַשבערס טאָכטער, וועלכע האָט זיך ביי איינעם אַ ביישטידל אָוועקגעשטעלט, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט, און נישט געהערט, ווי מ׳רופֿט און מ׳שרייט צו איר: „לאָזט דורך, לאָזט דורך, משה מאַשבערס טאָכטער"... זי האָט ניט געהערט, און ווען אַפֿילו יאָ, האָט זי זיך גע־מאַכט ניט הערן, מייגענדיק, אַז אויב ניט מיט כּוח, אויב ניט מיט גוואַלד, וועט זי אפֿשר אַזויערנאָך, כאָטש אויף אַ ווייל, איר געליבטן טאַטן אין זיין שטוב פֿאַרהאַלטן...

דערנאָך, אַז מ׳האָט דעם מת דורכגעטראָגן צו דער מיטה, וואָס איז שוין געשטאַנען אין הויף אויף אַ בענקל אָנגעשפּאַרט, אַן אויסגעפּאַרטיקטע, האָט פֿאַרהאַלטן אים אַרויפֿלייגן אויף דער מיטה — אַלטער, וועלכער האָט דעמאָלט מוראדיק בלאָס אויסגעזען...

ער איז די גאַנצע צייט, זינט דעם ברודער משהס סוף האָט זיך גענומען דערנעענטערן, נאָענט צו אים ניט צוגעגאַנגען. ער פֿלעגט נאָר פֿון צייט צו צייט צו דער שוועל פֿון זאַל צוקומען, אַ קוק טאָן, און זיך ניט רירנדיק פֿון אָרט — גלייך זיך אָפּקערעווען און פֿון דער טיר אָוועקגיין. איצט אָבער, ווען שוין נאָכן סוף, ווען ער האָט זיך באַדאַרפֿט געזעגענען מיטן ברודער, און ווען

ער האָט געוואוסט, אַז מחמת זיין קרענק וועט אים נישט דערלויבט זיין מיט אַלע באַגלייך אויפֿן „פֿעלד" מיטגיין, האָט ער פֿריער, בעת משה איז אין זאַל אויפֿן פֿאַל געלעגן, געוואָלט צו אים אַ פֿאַל טאָן, מיט זיין פּנים צום מת׳ פּנים, וועלנדיק, אָדער אים אַ קוש טאָן, אָדער עפּעס אַ קרענקלעכן זאָג טאָן, אָדער זיך אויסוויינען... מ׳האָט אים אָבער ניט דערלאָזט. מ׳האָט דער־זען, וואָס ער וויל טאָן, פּונקט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך איבערן מת אי־בערגעבויגן: אָט־אָט וואָלט ער שוין מיט זיין פּנים צו יענעמס צוגעפֿאַלן... דעמאָלט האָט אַלטער אַרויסגעלאָזט איינעם פֿון זיינע געשרייען — אַן אָפּ־געהאַקטן, אָבער פֿון אַזאַ קראַפֿט, וואָס באַלד האָט זיך געדאַכט, וועט ער פֿון זיין ווילדסטן געשרייען־ווירבל באַהערשט ווערן און אַרויס מיט זיינע גע־וויסע לעמפּערט־קולות, איינס נאָך איינס און אָן אָפּשטעל, וואָס דאָס וואָלט געווען אַ צושפּיל צו דער שפּיל און אַ רעשטל צו די צרות... ער האָט זיך אָבער — וואונדערלעך און מ׳ווייסט ניט מיט וואָס פֿאַר אַ כּוח — באַלד אַליין פֿאַרכאַפּט און זיך ניט דערלאָזט דערצו, פֿילנדיק אַפּנים, אַז דער כּבוד פֿונעם מת פֿאָדערט, ער זאָל זיך מיט זיין קרענק ניט אַרויסווייזן... ער האָט זיך גובר געווען... ס׳האָט אים פֿיל געקאָסט. און דערפֿאַר, ווען מ׳האָט משהן שוין אין הויף צו דער מיטה אַרויסגעטראָגן, אַזוי האָט מען פּלוצלים דערזען, ווי אַלטער, וועלכער האָט זיך געטראָפֿן לעבן ברודער לוזין, ווען יענער האָט באַגערט גאַר־גאַר נאָענט לעבן ברודערס מיטה זיך האַלטן און צוקוקן אַלץ, וואָס ס׳וועט אים געטאָן ווערן ביים אָוועקלייגן, ביים איינ־דעקן און אויסשטאָטן — אָט דעמאָלט האָט אַלטער פּלוצלים צו לוזיס ברוסט אַ פֿאַל געטאָן, און ווי אַ קינד, וואָס מאָנט עפּעס ביי עלטערן אָן ווערטער, האָט ער פֿון שטומער פֿאַרצווייפֿלונג בלויז דעם קאָפּ אײַן אים אַנגעשפּאַרט.

אָט דאָס בילד האָט אויף אַלעמען אַזאַ איינדרוק געמאַכט, אַז מ׳האָט אויף אַ קליינער ווײַלע אַפֿילו אין מת פֿאַרגעסן, און אַפֿילו אַליין די נושאי־מיטה, וועלכע האָבן זיך אויף זייער וועלט געגוג אַנגעזען מיט טרויער־זאַכן פֿון דעם מין, אַפֿילו די נושאי־מיטה האָבן, אַנקומענדיק מיטן מת פֿון שטוב, זיך פֿאַרהאַלטן, און אַ ווײַלע אַזוי מיט אים פֿאַר דער מיטה שטיין בלייבנדיק, אים אויף איר ניט אָוועקגעלייגט.

— לאָזט דורך, לאָזט דורך!... — האָט לסוף, איינער פֿון זיי אַ געשריי געטאָן, אַזוי, אַז אַלטער, וואָס האָט פֿריער דעם געוויסן פֿאַל געטאָן צו לוזין, האָט זיך איצט, אָן איבערגעשראָקענער, פֿון אים אָפּגעריסן און אין אַ זייט אָוועק, אַ טויט־בלאַסער און ווילד־פֿאַרחידושטער.

מ׳האָט זיך ביי דער מיטה געפּאָרעט, וויפֿל ס׳פֿאָדערט זיך, דערביי איז מאירל, דאָס עלטסטע אייניקל פֿון משה מאַשבער — אַזוי ווי אַלטער צו לוזיס ברוסט, אַזוי איז ער צו די פּאָלעס פֿון זיין מאַמעס מאַנטל צוגעפֿאַלן,

באַגראַבנדיק דעם קאָפּ אין אים און נישט געלאָזט זען, וואָס ער טוט — צי ער וויינט, צי ער כליפּעט, צי ער ציטערט מיטן גאַנצן יונגן קערפּערל זיינעם...

מ׳האָט זיך מיט דער מיטה פון הויף אַרויסגעלאָזט, און ווידער האָט מען זיך ביים טויער אויף אַ קליינער ווילע געמוזט פאַרהאַלטן. — דעמאָלט, ווען יהודית, וואָס האָט דאָס פאַרען זיך מיט איר טאַטן ביי דער מיטה ניט געקאָנט צוזען, איז אַוועק פאָרויס, און אַזוי ווי פריער ביי דעם ביישטידל פון דער הויז־טיר, אַזוי האָט זי זיך אויך איצט ביי איינער אַ זייט טויער אַוועקגעשטעלט, און ווידער, ווייזט אויס, מיטן זעלבן מיין, אַז אויב ניט מיט כוח, מיט קיין גוואַלדן, וועט זיך איר דאָך אפשר איינגעבן דערוועקן מיטגעפּיל אויף אַזוי פיל, אַז ס׳זאָל איר דערלויבט זיין כאָטש איצט, כאָטש צו אַלעם לעצט, איר פאָטער אַזוי גיך, אַזוי אויסכאַפּנדיק פון זיין טויער ניט אַרויסלאָזן...

מ׳האָט זי אָפּגערוקט, זי אַוועקגענומען און מ׳איז אַרויס. און ווייטער איז שוין אַלץ געגאַנגען, ווי ס׳גייט. מ׳האָט דעם מת אויפן בית־עלמין גע־בראַכט, אים באַהאַלטן, און מחמת משה מאַשבער האָט קיין קדיש ניט געלאָזט, האָט דער ברודער לוזי ביים פאַרשיטן דעם קבר דעם ערשטן קדיש געזאָגט.

און שוין. שטאָט וואָלט, ווי דער שטייגער, גלייך משה מאַשבערן פאַר־געסן, ווי גאָט האָט געבאָטן און ווי מ׳פאַרגעסט אַלע מתים. אָבער... אין אַ פּאָר טעג אַרום און אין דער זעלבער וואָך, וואָס משה מאַשבער האָט זיך געפּעלט, האָט זיך געפּעלט אויך גיטעלע זיין ווייב, אים נאָכגייענדיק...

מ׳ווייסט ניט, צי גיטעלע, אַליין אַזאַ קראַנקע, איז דאָך אָבער געווען אומשטאַנד צו זען און פאַרשטיין, אַז איר משה גייט אוועק, נאָכשפּירנדיק אים בעת זיינע באַזוכן ביי איר, ווען זי האָט געמערקט, אַז ער ווערט וואָס אַמאָל מער געל, איינגעפאַלן, די באַקן אויסגעגריבלט און אַז אין גאַנצן האַלט ער זיך, ווי אַ חורבה — אַט־אַט צום איינוואַלגערן זיך; מ׳ווייסט ניט, צי שוין בעת איר מאַנס באַזוכן האָט זי באַמערקט, אַז ער האַלט שלעכט, און באַ־זונדערס נאָך, צי האָט זי זיך געגומען שטויסן, ווען די באַזוכן צו איר האָבן אויפגעהערט, און ווען יהודית, איר טאָכטער, וואָס פּלעגט זיך אַלע מאָל פריער אַריינכאַפּן צו איר געוואויר ווערן, האָט וואָס אַמאָל אַלץ מער צעטראָגענער אויסגעזען און האָט אַלץ ווייניקער צייט געהאַט ביי איר צו פאַרברענגען, וואָס דאָס האָט איר געדינט פאַר אַ סימן, אַז יהודית איז איצט פאַרנומען מיט באַזאָרגן דעם מער־ערנסטן חולה — איר מאַן משהן... צי ניין, צי אפשר איז גיטעלע אַליין ניט פּעאיק געווען דאָס אַלץ צו באַנעמען, נאָר דעם לעצטן טאָג, ווען איר משה איז שוין אַ טויטער אויף דער ערד אין זאַל געלעגן, און ווען ווילד־פרעמדע מענטשן זיינען זיך אין אַן אומגעווייגלעכער צאָל אין שטוב אַנגעגאַנגען, האָט זי פּלוצלים דורך דער אָפן געלאָזענער טיר פון איר

אַלקער די פרעמדע פּנימער דערזען, און האָט זיך ערשט דעמאָלט געמומען שטויסן, וואָס אין שטוב קומט פאָר... און נאָך אַ ראיה האָט געהאָט גיטעלע, וואָס יענעם טאָג איז צו איר יהודית גאָר אין גאַנצן ניט אַריין, נאָר איין מאָל, ווען זי האָט זיך יאָ צו איר אַ קורצן ווייז געטאָן, איז ווי יהודית האָט זיך ניט געשטאַרקט, ווי זי האָט ניט אַפּריער גוט־גוט די אויגן אויסגעווישט און דאָס פּנים געמאַכט טרוקן, האָט דאָך גיטעלע זיך געקאָנט שטויסן, אַז עפּעס איז אין שטוב געשען גאָר־גאָר אומגעווײנלעכעס, וואָס דאָס האָט יהודיתן געמאַכט וויינען און פאַר איר, פאַר גיטעלען, ווען פאַרשטעלן דאָס געוויין...

און ווידער אַ ראיה האָט דעמאָלט גיטעלע געהאַט פון איינעם אַ טהרה־יידן, מיט אַ שוואַרץ־פאַרשמאַלצעוואַטער קאַפּאָטע, וואָס האָט מיט אַ קופּער־נער וואַש־כּלי אין האַנט, על־פּי־טעות, די שוועל פון איר אַלקער אַריבער־געשפּאַנט, מיינענדיק, אַז דאָרט איז דער מת, און גיטעלע האָט דערזעענדיק אָט דעם ייד, אַוודאי און אַוודאי געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מ׳מיינט מיט אָט דער כּלי...

אַ סברה, אַז ביידע זאַכן האָבן געהאָלפן אויפצוואַכן גיטעלעס פאַרדאַכט: אי זי האָט זיך אַ קליין ביסעלע אויך פון פריער שוין גערעכט, און אי באַ־זונדערס האָט טאַקע דער לעצטער טאָג דערצו פיל בייגעטראָגן...

יאָ, אַ סברה, אַז ווען עמעצער אָן אייגענער וואָלט ביי איר בעט יענעם טאָג דעמאָלט געשטאַנען, ווען זי האָט דערזען דעם טהרה־יידן די שוועל צו איר אַריבערשפּאַנען, אַזוי וואָלט ער באַמערקט, ווי זי האָט זיך מיט אַמאָל עפּעס אין פּנים אַ בייט געטאָן, אַז עפּעס האָט זיך איר דאָס בלוט אין דעם געוויזן — אַ זאַך, וואָס לויט דער טבע פון אָט דער קרענק איז דאָס כּלל ניט שייך, און דאָס קאָן געשען נישט אַנדערש, סיידן דער קראַנקער ווערט פון עפּעס אָן אומגעווײנלעכער סיבה אויפגעריסן, וואָס דאָס, ווידער, דינט אַמאָל צום בעסערן, און אַמאָל צום ערגערן — רויט אָדער טויט, ווי ס׳מאַכט זיך...

דאָ אָבער איז געשען צום ערגערן... זי האָט באַלד גענומען אונטער־ציטערן, ווי אין קדחת. קיינער פון די שטוביקע איז דעמאָלט ניט בייגעווען, מ׳זאָל דאָס באַמערקן. קיינער איז דעמאָלט, בעת מ׳האָט משה מאַשבערן מטהר געווען און ביז מ׳האָט אים פון שטוב ניט אַרויסגעטראָגן, וואָס דאָס אַלץ האָט, נאַטירלעך, היפּש צייט פאַרנומען — צו איר ניט אַריין, מורא האָבנדיק, מ׳זאָל פאַר איר דאָס געשעענע נישט אויסגיבן און זי זאָל אויף די פּנימער פון די אַריינקומענדיקע עפּעס ניט דערקענען.

קיינער איז צו איר ניט אַריין. דערפאַר אָבער דערנאָך, ווען איר מאַן, משה מאַשבער, איז שוין נישט געווען, און אַזאַ, ווי אסתּר־רחל, איר באַ־שטענדיקע, פון איר נישט־אַפּגייענדיקע וועכטערן האָט נאָך דעם, ווי זי האָט משה מאַשבערן מיט געוויין און מיט געהעריקער קלאָג אַרויסבאַלייט און

איז צוריק אין שטוב אַריין, מונטערנדיק אָפּריער יהודיתן פֿון איר חלשות, אין וועלכן זי איז אַלע מאָל אַריינגעפֿאַלן, און דערנאָך זיך דערמאָנט אין גיטעלען, וואָס איז אַ צייט שוין אַליין, אָן קיינעמס אויפֿזיכט פֿאַרבליבן און זי האָט זיך צו איר אין אַלקער אַריינגעשטעלט — אַזוי האָט זי גלייך די ענ־דערונג אויף איר באַמערקט. זי האָט געזען, אַז ס׳וואָרפֿט מיט איר... געזען, אַז גיטעלען איז חוץ איר שלאַפֿקייט פֿון ביז אַהער, אויך עפּעס אַ נייס איצט צוגעפֿאַלן. זי האָט זיך געאיילט איר עפּעס טאָן, העלפֿן, אויף וויפֿל איר פֿאַרשטאַנד האָט איר אונטערגעזאָגט. זי האָט זי גענומען איינדעקן מיט וואַ־רעמס, און צו איר געוויינלעכער קאַלדרע — אויך שאַלן, טיכער צוגעגעבן. גיטעלע אָבער האָט פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון איר שלאַפֿקייט איצט מיט אַן אויסדריקלעכער מינע און כּמעט אָפּילו מיט אַן אויסדריקלעך וואָרט, פֿון איר גאַרגל אַרויסגעקומען, אַ זאָג געגעבן: ניין... און זאָל אסתּר־רחל דאָס אַלץ אַנגעלייגטע פֿון איר אַוועקגענומען. ס׳איז איר איבעריק. ס׳איז איר ניט קאַלט, נאָר פֿאַרקערט — הייס, ביז דערשטיקט ווערן.

ס׳איז איר טאַקע באַלד דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים אַריין, וואָס דערפֿאַר האָט זיך אסתּר־רחל זייער דערשראָקן און זי האָט צו דער האַלב נאָך אין חלשות־ליגנדיקער יהודית אַן אייל־געטאָן. זי האָט יענע אין דער געוויסער מאָס, אין איר אַלקער, אויף איר בעט געטראָפֿן, אַ נאָך גענוג דערשלאָגענע פֿון איר טאַטן, וואָס מ׳האָט אָקאָרשט פֿון טויער אַרויסגעטראָגן, און ווי אסתּר־רחל האָט זי ניט געשאָנעוועט און נישט געוואָלט איר נאָך מער צער פֿאַרשאַפֿן, האָט זי דאָך געמוזט אַ זאָג געבן:

— יהודית־קרוין, זאָלסט שוין באַהיט זיין פֿון צער... אָבער באַדענק זיך: ביסט אַ מאַמע פֿון קינדער... האָב רחמנות אויף זיי, אויף זיך און אויך אויף דער מאַמען, וואָס איז איר עפּעס איצט שטאַרק נישט גוט. זי האָט זיך, אַפּנים, עפּעס דערוואוסט...

יהודית איז אַריין... און באַלד האָט מען נאָך יאַנאָווסקי דעם דאָקטער אַן אייליקן שליח אַוועקגעשיקט, מ׳זאָל אים וואָס גיכער, וואָס גיכער אַהער־ברענגען. יאַנאָווסקי האָט זיך באַוויזן, און ווי נאָר ער האָט אַ קוק געטאָן אויף גיטעלען, אַזוי האָט ער פֿון איר דעם קאָפּ אָפּגעקערעוועט, זעענדיק, אַז ער האָט ניט וואָס צו טאָן... ער האָט דאָך, ווי אַלע דאָקטוירים, צולעצט עפּעס נאָך געעצהט און אָפּילו אויך פֿאַרשריבן, אָבער ווערטער האָט ער שוין געשפּאָרט. ער האָט ווי אַ היימישער, כּמעט אַן אייגענער דאָ אין שטוב, פֿילנדיק זיך איצטער זייער נאָענט און געערגערט דערפֿון, וואָס מ׳האָט אָקאָרשט־ערשט פֿון אָט דער שטוב זיינעם אַ שטענדיקן פּאַציענט אַ טויטן אַרויסגעטראָגן — דאָס מאָל אָפּילו געזען וואָס גיכער די שטוב פֿאַרלאָזן און אָפּילו זיך צוגעאיילט מער וויפֿל זיין עלטער און שווערלייביקייט האָט אים דערלויבט.

ער איז אַרויס. און אַז אסתּר־רחל איז אים נאָכגעגאַנגען און אויף אַ שטאַמלענדיקן לשון ביי אים אַ פֿרעג געטאָן: וואָס מיינט ער וועגן חולה און ווי האַלט עס מיט איר? — האָט ער איר כּמעט נישט געענטפֿערט. ער האָט בלויז אַ שטומען מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וואָס די טייטש פֿון דעם מאַך האָט געדאַרפֿט זיין, אַז מער טייטשן איז איבעריק...

יאַנאָווסקי האָט רעכט געהאַט, ווייל אין אַ פּאָר טעג אַרום איז טאָקע גיטעלע ניט געבליבן... זי האָט זיך ניט איבעריק געמאַטערט. זי האָט שטיל געגוססט, ווי אַ צאַנקענדיקער לאָמטערן. דאָס פּנים האָט זיך איר אַלע מאָל געביטן פֿון רויט אויף בלאַס. זי האָט די גאַנצע צייט, מיט קיין אויג ניט פּינטלענדיק, אין איין פּונקט געקוקט. אַמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט פֿאַר זיך עפּעס גאָר דערפֿרייענדיקס, און אַ צופֿרידענער שמייכל ווייזט זיך איר אין פּנים און ביי די מויל־ווינקלען; און אַמאָל — אַזוינס, וואָס שרעקט זי און זי ווערט דערפֿון אויסערסט ערנסט.

ס'האָט אַזוי געדויערט אַ מעת־לעת און אַנדערטהאַלבן. צום סוף האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס, וואָס זי האָט געהאַט פֿאַר די אויגן די גאַנצע צייט, געפֿינט זיך שוין אין יענעם ווייטלעכן פּונקט, וואוהין זי האָט ביז אַהער איר בליק געהאַלטן געווענדט, נאָר אַז גאָר נאָענט לעבן איר, ווי אָט, אויף איר שטערן, אָדער ביי דער נאָז, און מחמת גרויס־נאָענטקייט פֿון דער זאַך האָט זי דאָס געוואָלט אַמאָל מיט די הענט, אַמאָל מיטן מויל דערלאַנגען.

— „משה" — האָט געדאַכט זי צו הערן אַלע מאָל שטיל מורמלען און אַרויסמרוקען... זי האָט זיך אין די גאָר לעצטע מינוטן, ווי צום געזעגענען, מיט אַ האַנט אַ צי געטאָן: איינע אַ האַנט, הייסט עס, האָט זיך איר פֿון געלֿיימטקייט באַפֿרייט און זיך גענומען רירן... באַלד אָבער האָט זי איר צוריק אויף דער ברוסט אַ פֿאַל געטאָן און אַ פֿאַרשטיינטע געבליבן — דעמאָלט האָט מען דערזען, אַז גיטעלע איז אויס, און דעמאָלט האָט מען אויך געזען, אַז זי איז מיט אָפֿענע אויגן, ווי אַ האַלב־וואַכנדיקע אַנטשלאָפֿן געוואָרן...

*

...באַהיט גאָט! — האָבן אַ ווילד־דערשראָקענעם זאָג געטאָן די פֿרויען, וואָס האָבן דערהערט וועגן גיטעלעס טויט. זיי זיינען געבליבן געפּלעפּט, ווי ווען מ'דערזעט אַ זאַך, וואָס דער מענטשלעכער מוח זאָגט זיך אָפּ דאָס צו באַנעמען...

— צוויי אין איין וואָך! וויסט איז דאָס לעבן!...

— אויף וויסטע פֿעלדער, אויף פּוסטע וועלדער — האָבן אַנדערע שוין גענומען באַשפּרעכן און באַשפּייען דעם אַרום פֿון מורא און האָבן זיך אָפּגעקערעוועט פֿון צו וועלן הערן מער פּרטים, וואָס די ידיעה־ברענגער האָבן געזאָלט צוגעבן צו דער עצם־ידיעה...

אויך צווישן מאַנצבילן איז וועגן דעם טויט אַ רייד געגאַנגען:

— ס׳ניט פּראָסט — האָבן געזאָגט אייניקע.

— ס׳מין השמים... אַ שטראָף פֿון זיין ליבן נאָמען — האָבן געזאָגט אַנדערע.

— יאָ — האָבן נאָך אַנדערע קלאָרער זיך געוואָלט דערוויסן — אָבער פֿאַר וואָס? משה מאַשבער, ווי מ׳ווייסט, איז דאַכט זיך, ניט געווען פֿון די, וואָס זאָל האָבן אַזוינס פֿאַרדינט; אויך זיין ווייב — ניט; אויך ניט די קינדער... איז פֿאַר וואָס פֿרעגט זיך, קומט עס זיי?

— גיי, פֿרעג אַ קשיא אויפֿן רבונו־של־עולם... אַז ער טוט, ווייסט ער, וואָס ער טוט. נסתרים דרכי ה׳ — ס׳זיינען נאָר פֿאַר מענטשן זיינע וועגן פֿאַרהוילן.

— ס׳גאַרניט פֿאַרהוילן, ס׳קלאָר — האָבן דאָ געהאַט אַריינצושטעלן אַ וואָרט געוויסע פֿאַראינטערעסירטע לייט, מיינענדיק אַנצואווייזן דעם עולם אַ געוויסן אַדרעס פֿון איינעם אַ שולדיקן, וואָס איז זיי געווען געוואונטשן: — ס׳גאַרניט פֿאַרהוילן... אַמאָל, כּידוע, באַקומט מען געשטראָפֿט נישט פֿאַר אייגענער שולד, נאָר פֿאַר דער שולד פֿון אַ נאָענטן, פֿון אייגענע, פֿון על־טערן... פּוקד עוון אָבות על בנים, איז געזאָגט. און אויב מ׳זאָל דאָ אַ גוטן זוך טאָן, וועט מען גלייך געפֿינען: אַ זיידן אַ שבתי צביניק... הייגט אַ ברודער — אויך אַזאַ. דאָס מיינט מען, אָט דעם לוזין, וואָס, ווי מ׳זאָגט, איז זינט ער האָט זיך אָהער באַוויזן, האָט אי משה מאַשבערן מיט זיין שטוב אָנגעהויבן גיין שלים־שלימזל, אי די שטאָט האָט פֿון אים פֿיל צו ליידן... מ׳פֿאַרשפּאַרט דאָ ווייט זוכן. ס׳ליגט ביי דער האַנט... איי פֿאַר וואָס מ׳צאָלט נישט דעם בעל־דבר אַליין, איז — וואָרט: אין שכחה לפֿני כסא כבודך... מ׳פֿאַרגעסט ניט... מ׳וועט זיך נאָך צו אים אַליין דערקלייבן, און ווער ס׳וויל זען אויף זיינע שונאים, וועט נאָך אויך אויף אים זען — האָבן פֿאַרזיכערט די פֿאַר־אינטערעסירטע דעם עולם, וואָס האָט זיי אויסגעהערט.

— נישקשה — האָבן זיי געזאָגט — ס׳ליגט ווי אין אַ גוטער באַנק אָוועקגעלייגט דער גמול לרשעים — דאָס געצאָלטס פֿאַר די, וואָס ס׳קומט זיי. און אין דעם פֿאַל האָבן זיי געמיינט לוזין, אויף וועלכן די שטראָפֿנדיקע האַנט וואָרט, זי זאָל זיך אָט באַלד, אָט באַלד אויף אים אַראָפּלאָזן...

יאָ, נישקשה...

# X

# אָנהייב זומער

## אָדער

# צוויי גייערס מיט איין טאָרבע

דער מלאך־המוות האָט זיך אָריינגעכאַפּט צווישן די פּאַרשוינען, וואָס ווירקן אין אונדזער בוך, און גאָרניט אויף קאַטאָוועס: אינעם זעלבן חודש ניסן, חול־המועד פּסח, איז אָוועקגעקומען אויף דער מרא דאתרא, דער באַוואוסטער רב אין שטאָט, ר׳ דודי.

דער טאָג פון דער קבורה האָט זיך אויסגעגעבן אַ הויך־זוניקער און שיינער. וואו מ׳האָט ניט אַ וואָרף געטאָן אַן אויג אויפן הימל האָט ער אויסגעזען אַזוי זויבער־בלוי, אַז ניט אין דער מיט, ניט אין זיינע ווייטסטע עקן איז קיין מינדסט וואָלקן־שפּרענקעלע ניט געווען צו מערקן; איינער פון יענע טעג, ווען ס׳וויל זיך עפענען טיר און טויער און אַרויסלאָזן וואו נאָר אַ פאַרבליבענעם רעשט פון ווינטער, און שטיין און נאָכקוקן, ווי ער ווערט ערגעץ, ווי אַ דין רויכעלע, אין אַ ווייטן הימל־עק פאַרשוואונדן...

אמת, עלטערע לייט האָבן נאָך געטראָגן ווינטערדיקע, אויבערשטע בגדים, אָבער אויך זיי האָבן זיי שוין נישט געהאַט אויף די קנעפּ פאַרשפּיליעט. היינט ווער שמועסט קינדער, וואָס ביי זיי זיינען היינט ווי פליגל הינטער די רוקנס אויסגעוואַקסן — זיי האָבן שוין אָוודאי פון קיין אויבערשטע נישט געוואָלט וויסן, און זיי זיינען יענעם טאָג אַרויס אין גאַס מיט אַזאַ לייכטלעבעדיקער אומגעצוימטקייט, אַז ס׳האָט געדאַכט, אַז אָט וועלן זיי, ווי אַ טשאַטע שוועלבעלעך זיך צעפליען — קווער, קרום, אין דער הויך און אין דער נידער, אין ריש־רעשיקן פויגלשן שגעון.

מיט איין וואָרט, אַ טאָג, וואָס פּאַסט כלל ניט פאַר קיין טרויער.

*

פון גאַנץ פרי אָן האָבן זיך גענומען ציען פון אַלע שטאָט־טיילן שורות מענטשן פון אַלע פאַרוואָרפנסטע הייזער אַרויסגעשיט. סוחרים האָבן די קלייטן

ניט געעפֿנט, און ווען יאָ, איז אויך נאָר פֿון יוצא־וועגן און פֿון רגילות אַלע פֿרימאָרגן די שליסל אין די שלעסער־לעכער איבערצודרייען, ווייל באַלד האָבן זיי זיי צוריק פֿאַרמאַכט, און צוזאַמען מיט זייערע משרתים האָבן זיך אַוועק־געלאָזט צו דער גאַס פֿון ר׳ דודיס הויז, וואו די לוויה האָט באַדאַרפֿט פֿאַרקומען.

אַזוי סוחרים, אַזוי אויך באַלמעלאָכעס, מיט זייערע געזעלן, וואָס זיינען היינט באַלד פֿרי געווען, ווי אַלע חול־המועד... מ׳איז געגאַנגען פֿון אור־מעטום גרופּעסווייז, ביסלעכווייז און אין־דער־הויך־ריידנדיקע... אָבער ווי נאָר מ׳האָט זיך דערנענטערט צום פּלאַץ פֿון ר׳ דודיס הויז, וואו מ׳האָט שוין געטראָפֿן אַן עולם, פֿון פֿריער דאָרט פֿאַרזאַמלטן; און ווי נאָר מ׳האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן צווישטאָקיקן הייזל און אויף דער פּאַראַד־טיר פֿון צווייטן שטאָק, וואָס פֿירט אַרויס אויפֿן גאַניקל, אויף וועלכן ר׳ דודי פֿלעגט אַלע גאַנץ פֿרי דער ערשטער פֿון אַלע שטאָט־איינוואוינער זיך ווייזן, אויפֿשטייענדיק פֿאַר פֿריער פֿאַר אַלע; און ווי נאָר מ׳האָט אויך אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿענצטער פֿון יענעם צימער, וואו ר׳ דודי איז איצט שוין אַן אָפּגעהויבענער, אויף דער ערד געלעגן, און דורך וועלכן מ׳האָט ניט געזען, נאָר מ׳האָט דאָך אַרויסגע־פֿילט די פֿיל־אָנגעצונדענע ליכט און לאָמפּן, מיט וועלכע מ׳האָט ר׳ דודיס צוקאָפּנס, צופֿוסנס און זייטנע ביידע זייטן אַרומגעשטעלט; ווי מ׳האָט דאָס דערזען, אַזוי איז איבער די רוקנס פֿונעם אָקאָרשט־אָנגעקומענעם, הויך־ריידנדיקן עולם אַן ערפֿורכטיקער ציטער דורכגעגאַנגען... מ׳איז אַנטשוויגן געוואָרן אין מיטן האַלבן וואָרט, און בלויז אַ שטילער, יראת־הכבודיקער מורמל האָט זיך פֿונעם פֿאַרזאַמלטן עולם אַרויסדערהערט, ווי אַ שטילער זשום פֿון אַ געהיים־באַשעפֿטיקטן בינשטאָק...

באַלד האָבן זיך אויך גענומען ווייזן די אָנגעזעענע כּלי־קודש פֿון שטאָט — רבנים, דיינים, שוחטים, פֿאַר וועמען דער פּשוטער עולם האָט זיך צערוקט און געמאַכט אָרט, זיי זאָלן וואָס נעענטער אונטערקומען. דער געדראַנג אויפֿן פּלאַץ, וואָס פֿאַר ר׳ דודיס הויז, האָט זיך וואָס אַמאָל מער געשטאַרקט אויך אַ דאַנק דעם אַלע מאָל נייעם אָנקומען פֿון די פֿיל שטאָטישע מלמדים מיט זייערע עלטערע כּיתות תּלמידים, וועלכע האָבן זיך אַריינגעגאָסן ווי זייטיקע טייך־שטראָמען אין אַ גרויס־פֿרילינגדיקן פֿאַרפֿלייץ — אַזוי, אַז אויפֿן פּלאַץ איז שוין כּמעט ניט געווען קיין שפּילקע צו דר׳ערד צו וואַרפֿן. אָפּגערעדט שוין פֿון ר׳ דודיס הויז אַליין, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי באַלאַגערט, אַז אַפֿילו פֿאַר די נושאי־מיטה, וועלכע האָבן זיך שפּעטער גענומען ווייזן, איז קיין אָרט ניט געבליבן אַהין זיך דורכצוקלייבן.

טאָמער איז געווען ווייניק מאַנצבילן, האָבן אין ר׳ דודיס גאַס, און אין די נאָענט־ליגנדיקע צו זיינער, אויך ווייבער, מיידלעך, געפּרואווט די קעפּ דורך טיר און טויער אַרויסשטעקן און געוואָלט זען, וואָס ס׳טוט זיך... אָבער

באַלד האָבן זיך מענעריש־וואָרנענדיקע קולות דערהערט: „אַריינ׳ט, אַריינ׳ט, ווייבער...״ און יענע האָבן, ווי איבערגעשראָקענע עופות, אַהינטער די טויערן זיך פֿאַררוקט און זיך שוין מער ניט דערלויבט, ווי בלויז דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ פּלויט, דורך אַ שפּאַרונע פֿון אַ פֿאַרקן אַרויסקוקן.

קליינוואַרג האָט צוערשט געמיינט דורכן געדיכטן עולם זיך דורכשטופּן, נאָר אַז זיי האָבן דערזען זייערע נישטיקע אויסזיכטן דאָס צו דערגרייכן, מחמת די עלטערע האָבן זיי געטריבן און נישט דערלאָזט דערצו, האָבן זיי זיך באַלד אַרויסגערוקט און זיך גענומען אַרויפֿדראַפּען אויף פּלויטן, אויף סלופּעס פֿון גאַס־לאַמטערנעס, אָדער גאָר דורך די בוידעמער אויף די דעכער — אַזוי, אַז אויף דער גאַנצער לענג פֿון אַלע נאָענטע גאַסן, דורך וועלכע די לוויה האָט באַדאַרפֿט אַדורכגיין, האָט מען געקענט זען אַזאַ מאַסע קליינוואַרג באַקלעפּן יענע הויך־אַנגעזעענע ערטער, אַז ס׳האָט זיך ניט געגלויבט, אַז שטאָט פֿאַרמאָגט גאָר אַזוי פֿיל...

אין הויז פֿון ר׳ דודין איז שוין פֿאַרגעקומען די טהרה. רבנים, דיינים, שוחטים און אַנדערע צו יענעם מין אָנגעהעריקע, האָבן אין די יום־טובדיקע קאַפּאָטעס און אין גאַרטלען זיך געפּאַרעט און געטאָן מיטן מת, וואָס אַלע מאָל ביי אַנדערע טוען עס, געוויינטלעך, די „חברה קדישא״. מ׳האָט צורשט געלערנט משניות, געזאָגט תהילים, דערנאָך האָט מען זיך גענומען מטהר זיין דעם מת, אים אין די תכריכים אויסריכטן, און דערנאָך האָט מען אויך הקפות געפּראַוועט, ווי ס׳פּירט זיך ביי אַזאַ, ווי ר׳ דודי.

קיינער, אויסער די גאָר־אָנגעזעענע שטאָט־לייט, האָט שוין דעמאָלט נישט נאָר ניט געהאַט די זכיה בייצוזיין ביי דער טהרה, נאָר אַפֿילו בלויז אין הויז אַריין — ניט, מחמת די ענגשאַפֿט פֿאַר ר׳ דודיס הויז־טיר אונטן, און אויף די טרעפּ, וואָס פֿירט אין צווייטן שטאָק אויבן, האָט שוין דערגרייכט אַזוי וויט, אַז אויסער, ווי געזאָגט, פֿאַר גאָר געהויבענע, איז שוין דער צוטריט אַהין געווען אוממעגלעך.

דעמאָלט האָבן די נושאי־מיטה אין גאַס, פֿאַרן הויז פֿון ר׳ דודין הויכע לאַטעס און דרענגלעך אַרויפֿגעהויבן, כּדי דער עולם זאָל וויסן, וואו די מיטה געפֿינט זיך, מ׳זאָל זיך אַהין ניט שטופּן און לאָזן פּלאַץ פֿאַר די, וועלכע וועלן דעם מת אַראָפּברענגען.

און אָט האָט מען זיך מיטן מת באַוויזן. דער גרויס־פֿאַרזאַמלטער עולם האָט אַ שטילן כליפּ געטאָן... אייניקע האָבן בלויז אין דער שטיל די טרערן געווישט, און אַנדערע האָבן אַפֿילו אויף אַ קול געשלוכצט... באַלד האָט מען דעם מת אויף דער מיטה אויסגעשטאַט, און באַלד האָט מען שוין מיט די אויפֿגעהויבענע לאַטעס און דרענגלעך פֿון די ערטער זיך געזאָלט רירן — אַ סימן אַז די לוויה הויבט זיך אָן.

אָבער דאָ איז פֿאָרגעקומען אַן אָפּהאַלט... ס'האָט זיך פּלוצלינג פֿון ר' דודיס הויז־טיר באַוויזן אַ מענטש מיט אַ העמד אין איין האַנט און מיט אַ שער — אין דער צווייטער, און דאָס איז געווען דאָס העמד, וואָס ר' דודי האָט געהאַט אויף זיך בעת יציאת־נשמה... באַלד האָט דער מענטש אויף אַן אַרויסגעטראָגענעם באַנק פֿאַרן גאַנצן עולם זיך באַוויזן, און מיט אַ קול, ווי מ'רופֿט אויף צו דער תורה, אָדער צו אַתּה הראית, האָט ער גענומען אויסרופֿן: אַלוף התּורני דער און דער, און הנגיד יענער און יענער... ווערט באַערט צו באַקומען דאָס ערשטע שטיקל... און דער אויסשרייער האָט געשוירן, און פֿיל הענט האָבן זיך צו אים געצויגן צו באַקומען אַ פּאַס, אַ פּאַסיקל, אָדער כאָטש אַ מינדסט פּיצל פֿון דעם, פֿאַר וואָס מ'האָט געצאָלט גרויס געלט, וואָס האָט געזאָלט גיין אויף אויסבויען אַ שול, אַ קלויז אויף ר' דודיס נאָמען... ווער ס'איז מער רייך און חשוב געווען, האָט באַקומען אַ גרעסער שטיקל, ווער ווייניקער — אַ קלענערס, אָבער אַלע האָבן געוואָלט זיך באַטייליקן אי אין דער מצווה, אי אויך, אַחוץ דעם, אַריינכאַפּן אַ טייל פֿון דעם, וואָס דער עולם האָט עס געהאַלטן פֿאַר אַ סגולה... אַ קלייניקייט: דאָס העמד, וואָס ר' דודי האָט געהאַט אויף זיך בשעת יציאת נשמה... טויזנטער הענט האָבן זיך געשטרעקט דערצו, ווער ס'איז נאָענט געשטאַנען, האָט אַליין באַוויזן כאַפּן, ווער ניט נאָענט, האָט אַ נעענטערן געבעטן, אַז יענער זאָל פֿאַר אים דערלאַנגען; ווער ס'האָט געלט געהאַט, האָט אויפֿן אָרט געסילוקט, און ווער ניט, האָט געבעטן, מ'זאָל אים אויפֿן וואָרט געטרויען; און דער רעש, און דאָס אימפּעטיקע האַנט־שטרעקן צום פֿאַרטיילער איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווער ס'האָט בײַ זיך ניט געהאַט קיין מזומן, האָט שוין די אויבערשטע בגדים — דעם ראָק, די קאַפּאָטע — געפּרואווט אַראָפּוואַרפֿן און צאָלן מיט אַ משכּון, מיט מלבושים, פֿאַר מזומן.

נאָר אָט האָט זיך דאָס העמד אויסגעלאָזט... די אויפֿגעהויבענע דרענג־לעד און לאָטעס האָבן זיך איבערן עולמס קעפּ אַ וויג געטאָן — אַ סימן, אַז מ'האָט זיך גערירט מיטן בר־מינן... און דאָ האָט זיך פֿון צווישן שטיל־שורשעדיקן געדראַנג פֿון עולם אַ קול פֿון איינעם אַ שכן דערהערט: „שר... וגדול... נפֿל... היום... בישראל" — דאָס הייסט, אַ גרויס־וויכטיקער מאַן איז היינט געפֿאַלן אין ישראל, וואָס, דאָס דערהערנדיק, איז איבער די רוקנס פֿון אַלע באַגלייטער אַ ציטער דורכגעגאַנגען, און אַפֿילו קליינוואַרג, וואָס האָט אויף די פּאַרקנס, אויף די לאַמטערנעס און אויף די דעכער אַרויפֿגעקלעטערט, כּדי פֿון דאָרט די לוויה צו זען, האָבן ניט מערקנדיק דעם יום־טובדיק־פֿאַרגעניגטן טאָג היינט פֿאַר קינדער, אין גרויס־נײַגעריקער שרעק דעם שמש' ווערטער געהערט, און אויך צוגעקוקט, ווי אַזוי דער שוואַרץ־געקליידטער מאַנצבילשער עולם שטופּט זיך, ווי אַן ענג־צוזאַמענגעדריקטע סטאַדע שאָף, באַזונדערס לעבן יענעם אָרט, וואו דער מת ווערט געטראָגן, און ווי אַזוי

פיל ציטערדיקע הענט בייטן זיך אַלע מאָל שוויַיגנדיק, איבערנעמענדיק מיט כבוד דאָס אָרט ביי דער מיטה־שטאַנג, פון וועלכער ס׳איז נאָר וואָס אָן אַנדע־רער, אַ פריער־טראָגנדיקער אָפּגעגאַנגען... אויך ווייבער, מיידלעך האָבן מיט גרויס פאַרכט פון די פאַרטקעס, פון די טויערן און דורך די שפּאַרונעס פון די פאַרקנס אַרויסגעקוקט, שרעקנדיק זיך אי אַליין פאַרן מת, אי פאַר די איצט נאָך מער וואָרענענדיקע קולות פון די מאַנצבילן: „אַריינ׳ט, אַריינ׳ט, ווייבער...״

מ׳האָט לאַנג דערנאָך, פּאַמעלעך, פאַרזיכטיק דעם מת געטראָגן, און אַלע מאָל האָט מען פאַרבייגייענדיק, זיך פאַרהאַלטן ביי אָן אַנדער שול, כדי צו מאַכן אַ מלא, וואו ס׳לאָזט זיך, ביז מ׳איז לסוף אָנגעקומען צום אוהל פון „פעלד״, וואו מ׳האָט זיך אויך לאַנג פאַרהאַלטן, ווייל גאַנץ שטאָט מיט אַלע אירע באַגלייטער האָבן זיך דאָרט אַרום מת אַרומגעדרייט.

דערנאָך איז מען צום אויפגעגראָבענעם קבר געקומען, וואו דאָס מאָל האָט מיטן בר־מינן זיך געעסקט, נישט, ווידער, ווי ביי אַנדערע, די געוויינט־לעכע חברה קדישא, נאָר אַליין די גבאים, וועלכע זיינען היינט אי צוליב יום־טוב, אי צוליב דעם מת אין די אַטלעסענע קאַפּאָטעס אָנגעטאָן, צוגע־טראָטן צו טאָן מיט אים ווי זיין כבוד פאָדערט.

מ׳האָט אים אין קבר אַראָפּגעלאָזט, אַראָפּגענומען, אויסגעריכט, און לסוף ביי אים גענומען מחילה בעטן:

—„מורינו הרב... שטאָט מיט אַלע אירע תושבים, וועלכע דו האָסט באַדינט אין רבנות אַזוי פיל יאָר, ווי קליין אַזוי גרויס, טוט ביי דיר מחילה בעטן...״

און די ווענדונג פון די מחילה־בעטער האָט געקלונגען אַזוי היימיש און אַזוי ניט אָפּטיילנדיק פון טויט ביז לעבעדיק, ווי גלייך מ׳וואָלט זיך גע־זעגנט מיט אָן איינעם, וואָס האָט דורכצומאַכן בלויז אַ קורצוויַיליקע רייזע, נאָך וועלכער מ׳ועט זיך ווידער דאָך באַגעגענען.

מ׳האָט פאַרן פאַרשיטן דעם קבר אויך אַריינגעשריגן: „און דיין זון לייזער וועט זיין ממלא מקומך... און שטאָט איז זיך מתחייב אים ערלעך האַלטן, ווי ס׳קומט אים, און ווי דעם נפטר ר׳ דודין, וועט דאָס געוויס זיין לרצון!...״

דער זון האָט קדיש געזאָגט. דער, וואָס האָט זיך אינעווייניק אין קבר געפונען און האָט דעם בר־מינן צולעצט באַדינט, איז פון אַנדערע, נאָענט־שטייענדיקע פאַר די הענט אַרויסגעצויגן געוואָרן. און באַלד האָט מען שוין גענומען שיטן לאָפּעטעס ערד — פריער די מער חשובים, וועלכע האָבן זיך ביז אַהער מיטן מת מטפל געווען, דערנאָך אויך אַנדערע, וואָס ס׳האָט נאָר געקאָנט זיך צושטופן אויף באַקומען עטוואָס צוצוגעבן צו ר׳ דודיס קבר;

ביז לסוף האט די לאפעטע אריינבאקומען א געווײנלעכער באגרעבער, וועל־כער האט די ערד צוגעפלעטשט און דאס אנגעשאטענע בערגל פארגלייכט.

און שוין דעמאלט האט מען זיך געװאלט צעגיין... מ׳האט זיך נאך אבער פארהאלטן... די לוויה האט זיך אנגעהויבן פארן שײנעם האלבן טאג, און געענדיקט האט זי זיך שוין שפעטלעך, ווען דער טאג האט זיך צעשפילט נאך שענער, מיט א גאלדענער, הול־המועדיקער זון אויף ווייט־צעעפנטע פעלד־רחבותן, וואס שמעקט מיט נאר וואס איבערגעקומענעם ווינטער און מיט באלד שוין אויפקומענדיקן וואוקס פון געוויר; די בוימער — כאטש נאך שווארצלעך־נאקעט, אבער שוין מיט א צוזאגנדיקן אויסזען פון ערב גרינען... איז אט, אט דער שיינער וועטער האט אומבאמערקט באווירקט אפילו די מער־פרומע, זיי זאלן זיך מיטן ארט ניט קאנען שיידן, און שטיין בלייבנדיק אין רעדלעך אויפן „פעלד”, זאלן זיי נאך א קורצווייליקן שמועס טאן וועגן דעם, וועלכן מ׳האט אקארשט ערשט אונטערן פריש־פארשאטענעם בערגל געלאזט.

— חד בדורו — האט אין איינעם א רבנים־רעדל איינער א רב מיט האלב־צוגעמאכטע אויגן נאכגעזאגט א שבח ר׳ דודין, און דערביי האט ער זיך אין זיין רבנישן מאנטל א פרומלעכן היל געטאן אי פון דער פרישער לופט, צו וועלכער ער איז ניט געוואוינט, אי פון דערמאנען זיך די אלע מעלות טובות פונעם נפטר, צו וועלכן ער האט איצט טאקע ניט געזען קיין גלייכן אין זיין דור.

— אבידה שאינה חוזרת — האט צוגעגעבן א צווייטער מיט אן אפגע־דרייטן קאפ פון נישט קאנען קוקן אין די אויגן די מיטשטייענדיקע אינעם זעלבן רעדל.

— א וועלט אויסצופארן! — האט אין זעלבן טאן א זאג געטאן א דריטער

— און א פערטער, א פינפטער איז גרייט געווען ווייטער פארצוזעצן אויס־רעכענען די שבחים פון דעם, וואס אויסער אים האבן זיי ניט געזען, ווער ס׳זאל איצט זיין אזוי באשאנקען.

אזוי האבן געשמועסט די רואיקע, מיושבע. אנדערע אבער, מער היציקערע, וואס האבן זיך צו יענעם רעדל צוגעשטעלט, ד״ה, אזוינע, וואס האבן געוואלט אריינכאפן א פרום פארדינסטל פון ר׳ דודיס פטירה, אויסנוצנדיק זי צוליב קריגערישע, כלומרשט גאטספארכטיקע צילן, האבן זיך צעפלאקערט פון גרויס קנאות און זיינען ארויס מיט ווערטער, וואס האבן ביי זיי אין מויל גע־קלונגען אן ערך אזוי:

— אויב צעדער־בוימער קראכן און ריטל־בוימלעך בלייבן, איז דארף מען דאך דערפון עפעס אפלערנען...

אז וואס? — האט מען ביי זיי א פרעג געטאן.

אַז עפּעס איז ביי אונדז ניט אַלץ כּשורה, און אַז עפּעס קוקט מען זיך ביי אונדז ווייניק וואָס אַרום — האָבן אָפּגעענטפערט די, וואָס דאָס קנאות איז זיי צום גאָרגל צוגעטראָטן; און כּדי קלאָר צו מאַכן, פאַר וואָס זייער אויפגעבראַכטקייט איז אַזוי גרויס, האָבן זיי געגומען דערמאָנען צוערשט אַ יאָסעלע מגפה, דעם באַוואוסטן פּורץ גדר, וואָס איז געפערלעך ווי די פּעסט; דערנאָך די מעשה מיכל בוקיער, וואָס — ימח שמו — האָבן זיי געזאָגט — דער, וואָס איז היינטיקן ווינטער איין מאָל אַ שבת געקומען צו ר׳ דודין, האָט פאַר אים דעם טלית אָוועקגעלייגט, און געזאָגט, אַז מ׳זאָל אים פאַר־רעכענען פאַר אַ יצא מכּלל ישׂראל; היינט ווידער, אַ לוזי מאַשבער, וואָס אויך פון אים קומט די פאַרשפּרייטונג פון צרעת... און דאָס אַלץ צוזאַמען — האָבן די צעהיצטע פאַרגעזעצט — האָט אַוודאי אַ ר׳ דודין קיין נחת ניט פאַרשאַפט און האָט מיטגעהאָלפן צו זיין קיצור ימים.

— קיצור־ימים בעסער אויף זיי! — האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ שטים פון איינעם, אויף וועמען מען האָט זיך ניט געריכט, ווייל פון גרויס אָפּשיי צו די פון פריער דאָרט שטייענדיקע, איז אויב אַזאַ איינער האָט זיך אַפילו יאָ אָהין צוגעשטעלט, האָט ער זיך געמוזט האַלטן פון הינטן, ביי אַ זייט...

— בעסער אויף זיי דער קיצור־ימים! — האָט זיך יענער נאָך אַמאָל אָפּן און גראָב אויסגעשאָלטן.

— ווער „זיי״? — האָבן די בּכּבודיקע רעדל־פאַרשווינען די קעפּ אויס־געדרייט צו דעם פון דער אומגעריכטער שטים און האָבן באַוואונדערט זיין שעלטונג.

— אָט! האָט יענער געענטפערט, אָנווייזנדיק אויף איין זייט אין „פעלד״, וואו מ׳האָט געקאָנט זען שטיין יאָסעלע מגפה מיט זיין קאָמפּאַניע, און אויף דער צווייטער זייט — לוזי מאַשבער מיט די זייניקע.

דער שעלטער און אָנווייזער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין יונה שענ־קער, וועלכער האָט געהאַט לעבן זיך אויך זיין באַשטענדיקן מיטמענטשן זכריהן, און וואָס ביידע זיי, אי ווי אַלע שטאָט־איינוואוינער דעמאָלט, אי דער־צו נאָך ווי אַזוינע, וואָס ווערן געווויס אַזאַ געלעגנהייט, ווי אַ ר׳ דודיס פּטירה, ניט דורכלאָזן, האָבן אויך, נאַטירלעך, אויפן „פעלד״ און ביי דער לוויה ניט אויסגעפעלט. און ניט נאָר סתּם ניט געפעלט, נאָר זיי האָבן אַפילו טרערן פאַרגאָסן... צוערשט יונה, וואָס אַז ער איז געשטאַנען לעבן ר׳ דודיס קבר און האָט צוגעזען, וואָס מ׳טוט מיט אַזאַ, וואָס גאַנצע שטאָט האַלט אים פאַר איר קרוין, האָט ער זיך דאָס ערשטע מאָל, מעגלעך, אין זיין לעבן באַדענקט און זיך אַ מוסר אָראָפּגענומען, וואָס ס׳ווערט פון אַ מענטשן, אַפילו פון אַזאַ, ווי אַ ר׳ דודי, היינט וואָס וועט שוין פון אים, פון אַ יונהן, ווערן... ער האָט געוויינט און געגאָסן ווי אַ צעלעכצטע פאַס — מעגלעך טאָקע, ווי

געזאָגט, פֿון מוסר, און מעגלעך אויך פֿון עפּעס אַנדערש — פֿון די פֿיל אַרבע־כּוסות, וואָס ער האָט אי פֿון ערב פּסח, אי פֿון פּסח, אי ביי זיך, אי ביי אַנדערע געהאַט אויסצוטרינקען... אויך זכריה האָט אים מיטגעהאָלפֿן ווייגען. זכריה — זיין צווייטע העלפֿט אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען ביי קהל, ביי קלפּי און אַנדערע, וואָס געפֿינט זיך אַלע מאָל מיט אים צוזאַמען ביי יעדער גביה און ביי יעדער סיפּאַקישן משא־ומתּן — האָט ניט אַזוי גע־גאָסן, ווי יונה, נאָר האָט אַלע מאָל מיט אַן איבערגעקערטער דלאָניע אַ שטי־לע, טרוקענע טרער פֿון אַן אַנדער ווינקל אויג אָפּגעווישט.

זיי, אַט די ביידע, האָבן זיך צוערשט געטראָפֿן אונטער דעם פֿאַרנעמען רבנים־רעדל מיט אַ שטיל־געצוימטן דרך־ארץ, ווי זייטיקע. אָבער אַז זיי האָבן דערהערט, ווי אייניקע, שטאַרק־צעפּלאָמטע, וואָס גאָטס קריוודע האָט זיי אין קאָפּ אַ שלאָג געטאָן, האָבן גענומען זוכן די סיבּות פֿון ר׳ דודיס טויט ניט אינעם דרך הטבע, נאָר אין דער שולד און פֿאַראורזאַכט פֿון געוויסע מענטשן, וועלכע זיי האָבן דערמאָנט, ניט וויסנדיק, אַז די זעלבע געפֿינען זיך אין זייער נאָענטקייט, אַט דאָ, אויפֿן „פֿעלד" טאַקע: אַט דעמאָלט האָבן יונה און זכריה, וועלכע האָבן יאָ דערפֿון געוואוסט און האָבן יענע אין אויג געהאַלטן, ווי פֿאַראינטערעסירטע, זיך אויף פֿאַרנט אַרויסגערוקט און האָבן זיך אַפֿילו דערלויבט אָפֿן און גראָב אויסשעלטן אויפֿן חשבון פֿון די, אויף וועלכע זיי האָבן איצט מיט אַ פֿינגער אָנגעוויזן:

— אַט זיינען זיי דאָס — יאָסעלע מיט דער קאָמפּאַניע, פֿון איין זייט, און לוזי מיט די זייניקע — פֿון דער צווייטער.

ווייל יאָ, ווייל אויב די לעצטע צווי, יאָסעלע און לוזי, האָבן אין דער לוויה אָנטיילגענומען. יאָסעלע דערפֿאַר, ווייל אַזוי ווי ס׳איז חול־המועד, ווען מ׳אַרבעט במילא ניט, און אַזוי ווי דער וועטער איז אַ גוטער און גאַנץ שטאָט גייט באַלייטן אירן אַ מת, איז פֿאַר וואָס ניט מיטגיין, האָבנדיק, אַגבֿ, נאָך דערביי אַן אויסבאַהאַלטענעם, אַפּיקורסישן נקמה־מיין, צו ווערן זען, ווי מיט איינעם אַ שטאַרק פֿאַרביסענעם קעגנער זיינעם איז געוואָרן ווייניקער... אַזוי יאָסעלע, מחמת דעם טעם, און לוזי — מחמת אַנדערע: ווייל — אמת, מחלוקת איז מחלוקת, און אַ צד שכּנגד איז כּנגד, אָבער דאָ, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן ר׳ דודין, וועגן מרא דאתרא, וועגן גרעסטן רבֿ פֿון שטאָט, ווען אַלע זיינען מחויבֿ ערלעך האַלטן מחמת כּבֿוד התּורה, איז ווי נעמט מען זיך אַרויס, ווי שטייט מען אָפּ אים ניט צו באַערן... אַזוי, אַז אַלע זיינען גע־קומען און אַלע האָבן נאָך דער קבֿורה, מחמת ווי געזאָגט, דעם גוטן וועטער, אויפֿן בית־עולם זיך פֿאַרהאַלטן, כּדי צווישן אייגענע אַ ביסל לענגער צו פֿאַרברענגען.

— אַט זיינען זיי, יאָסעלע... וואָס זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך געפֿונען אויף אַ חתונה... און אויך, אויף יענע, אויף די לוזי־לייט איז ניט צו

מערקן, זיי זאָלן טרויערן מיט דער שטאָט... פֿאַרקערט: מ׳זעט, ווי ס׳וואָלט זיי הנאה געטאָן, וואָס ס׳איז אָוועקגענומען געוואָרן דער, וואָס האָט זיי אין אויג געהאַט און וואָס סוף־כּל־סוף וואָלט ער זיך צו זיי מיט זיין שטראָפֿנ־דיקער האַנט דערקליבן...

אָט אַזוי האָט יונה שענקער די נישט־וויט־שטייענדיקע יאָסעלען מיט לוזין פֿאַרן רבנים־רעדל פֿאַרגעשטעלט און פֿאַרמסרט. דערביי האָט זיך אים דאָס פּנים פֿון כּעס צעפּלאַמט, און מ׳האָט געזען, אַז ווען מע גיט אים רשות, וואָלט ער זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט ווערטער, נאָר ער וואָלט תּוך־כּדי־דיבור, אויך גרייט געווען איבערגיין צו מעשים — נישט געקוקט אויפֿן הייליקן אָרט, נישט געקוקט אויך אויף דעם, וואָס דער, וועמעס קריוודע ער האָט זיך איצט געוואָלט אָננעמען, איז אָקאָרשט ערשט דאָך אונטערן פֿרייען בערגל ערד געבליבן, און אַז דאָס, וואָס ער מיינט פֿירנעמען אין יענעמס כּבוד, וואָלט אים לחלוטין קיין כּבוד ניט פֿאַרשאַפֿט.

— אָט שטייען זיי — האָט זיך אויך ביים אויפֿגעבראַכטן זכריהן אַ ריס געטאָן אַ וואָרט צו הילף זיין פֿירשפּרעכער יונהן — דעם, וועמען ער קוקט אַלע מאָל אין מויל, ווי אַ גרויסן בר־סמכא, און וועמען ער איז אַלע מאָל גרייט אונטערצוהאַלטן און זיין יעדער באַגער צו טאָן, און מ׳האָט געזען, ווי ביי זכריהן בויגן זיך שוין דער קאָפּ ווי ביי אַ בופֿלאָקס, גרייט צו דורס זיין וועמען מ׳וועט נאָר הייסן.

— אי, נו!... חלילה! — האָבן די חשובע רעדל־לייט יונהס און זכריהס מיין פֿאַרשטאַנען און האָבן זיך אָפּגעשאָקלט פֿון צו מסכּים זיין מיט דעם, וואָס פֿון זייערע ווערטער איז געווען צו הערן און פֿון זייערע פּנימער אַראָפּ־צולייענען — די גרייטקייט אַריינצוטרעטן אין אַ באַלדיקן קריג מיט יענע, אויף וועלכע זיי האָבן אָקאָרשט אָנגעוויזן.

— חלילה! — האָבן זיך די בכּבודיקע רעדל־לייט אָפּגעשאָקלט פֿון צו וועלן זיין שותּפֿים צו יענער אונטערנעמונג, וואָס אויב אַפֿילו די אונטער־נעמער וואָלטן אין תּוך זיין גערעכט, איז אָבער דאָך ניט דאָ דאָס אָרט און ניט איצט די צייט פֿאַר אַזוינס, וואָס וואָלט געקאָנט ברענגען, אַז גאָט ווייסט וואָס, צו חילול־השם, צו חילול־המקום אאַז״וו.

און אָט אַזוי איז מען זיך צעגאַנגען, נאָכן קורצווייליקן פֿאַרברענגען אויפֿן „פֿעלד” — ווער מיט וועמען; און קומענדיק אין שטאָט, וואו ס׳איז נאָך גרויסער טאָג געווען, האָט מען געקאָנט זען, ווי דער שטאָט איז עפּעס געמינערט געוואָרן מיטן אָוועקנעמען פֿון ר׳ דודיקן, און ווי אַפֿילו ביי די קינדער, וועלכע מ׳האָט אויף צוריקוועגס באַגעגנט, איז, נישט געקוקט אויף זייער קורצן, קינדערשן זכּרון, דאָך נאָך אין די פּנימער געבליבן עפּעס רעשטלעך פֿון יענער נייגעריקער מורא פֿון דער לוויה, ווען זיי האָבן געזען, ווי דער עולם שטופּט זיך, ווי אַן ענגע סטאַדע שאָף, באַזונדערס דאָרט, וואו

די הויך אַרויפֿגעהויבענע לאַטעס און דרענגלעך האָבן אָנגעוויזן מ׳זאָל זיך ניט שטופּן.

און שוין — און אַזוי איז אויך ר׳ דודי ניט געוואָרן... און אַזוי ווי חול־המועד איז חול־המועד, און נאָך חול־המועד גייט ווידער יום־טוב, ווען ס׳איז ניט קיין צייט אויף הספדים צו מאַכן, האָט מען דערום דעם חוב, וואָס מ׳איז שולדיק געווען ר׳ דודין, אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, אויף נאָך יום־טוב...

גרויסע טרויער־אַסיפֿות זיינען דעמאָלט אויפֿגערופֿן געוואָרן, צוערשט דורך קול־קוראס, וואָס זיינען צעקלעפּט געוואָרן אויף טיר און טויער פֿון אַלע שטאָטישע שולן און בתי־מדרשים, ווי אויך דורך ספּעציעל אַרויסגע־שיקטע שמשים, וואָס האָבן זיך געלאָזט פֿון גאַס צו גאַס צו מעלדן אויף אַ קול, אַז דעם און דעם טאָג וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אַ הספד אויף ר׳ דודין און אַז ווער ס׳האָט צו קלאָגן אויף דער קלאָג, זאָל קומען הערן דעם און דעם רב, יענעם און יענעם מגיד.

אויף די באַלעמערס, אָדער פֿאַרן אָרון־קודש פֿון יענע שולן און בתי־מדרשים, האָבן זיך געוויזן, אין טליתים אָנגעטאָן, סיי הי־שטאָטישע מגידים, סיי פֿון דער פֿרעמד־אָנגעפֿאָרענע, סיי אויך ניט קיין מגידים, נאָר סתם פֿרומע לייט, וועמען ר׳ דודיס טויט האָט אָנגערירט. די לעצטע האָבן גלייך אָנגעהויבן פֿון געבראָכענעם געוויין, וואָס האָט דעם גאַנצן עולם, מענער — אין דער מענערשער שול, און ווייבער — אין דער ווייבערשער, דער־שיטערט. און די פֿאַכמענערישע מגידים האָבן צוערשט לויטן סקאַרבאָווען נוסח זיך גענומען שטעלן אויף אַן אומפֿאַרשטענדלעכן פּסוק, וואָס לאָזט זיך שווער דערקלערן, סיידן מיט אַ משל, און אויב ס׳איז ווייניק איינער, האָבן זיי גלייך אונטער דער האַנט אַ צווייטן, כּדי, סוף־כּל־סוף, צוקומען צום געמיינטן עיקר, צו וועלכן זיי האָבן געצילט אין משך פֿון דער לאַנגער דרשה, אויסשרייענדיק:

— אוי, וויי, מורי ורבותי: הצדיק נאסף ואין איש שם על לב — דער צדיק שטאַרבט און קיינער טוט קיין טראַכט ניט, אַז מפני הרעה נאסף הצדיק — אַז ניט איבער דעם, ווייל ס׳איז זיין צייט געקומען איבערגיין פֿון עולם השפל אין עלמא דקשוט, נאָר איבער דער שולד פֿון די זינדיקע פֿונעם דור; און דערום — האָבן זיי, לסוף, צום עיקר־עיקר דערלאַנגט — איז אויב מ׳זעט, אַז אַזאַ עמוד התורה, אַזאַ ליכטיקער זייל, ווי אַ ר׳ דודי ז״ל, איינער פֿון די אשלי רברבא — איינער פֿון יענע, אויף וועמען די וועלט מיט אירע זכיות האַלט זיך — אויב מ׳זעט, אַז אַזאַ זייל פֿאַלט און קראַכט, דאַרף מען בכל מאמצי כּוח זען מפשפש במעשים זיין, ד״ה נאָכזוכן, נאָכקוקן און אויסגעפֿונען די סיבה, פֿון וואַנען, פֿון וועמען און פֿון וואָס פֿאַר אַ זייט ס׳קומט די פֿאַר־דאַרבונג... יעדער איינער דאַרף דאָס דורכמאַכן, פֿאַר אַלעמען, מיט זיך אַליין: אויסגעפֿינען דעם חטא און נעמען אויף זיך דעם עונש... און אויב ער

האָט זיך אַליין גוט־גוט בודק געווען און ניט געפֿונען, איז זאָל ער זוכן צווישן אייגענע, נאָענטע, אין זיין שכנות, אין זיין שטאָט, און וואו נאָר ער טרעפֿט אָן אַזוינס, דאַרף ער זיך נישט אָפּשטעלן אַפֿילו פֿון פֿאַרגיסן בלוט, ווי די בני־לווי, וואָס משה רבינו האָט זיי באַפֿוילן אַרויסציען די שווערד קעגן די קינדער פֿון ישראל, כּדי איבער די זינד פֿון די איינצלנע זאָל גאָט ברוך הוא, חלילה, אויף דער גאַנצער עדה ניט צערענען...

— ווי! — האָבן ווייכהאַרציקע וויבער, ווען די מגידימס רייד האָבן טיף דערלאַנגט, וואַרט אין וואָרט זיי פֿרום נאָכגעזאָגט מיט הסכּמה, און אויך מאַנצבילן פֿון זעלבן מין זיינען ניט אָפּגעשטאַנען פֿון איינשטימען און פֿיל פֿון צווישן די טרערן פֿון תשובה און חרטה, צו וועלכע די מגידים, די אויפֿ־זעער אויף פֿרומע פֿאָלקס־זיטן, האָבן זיי אויפֿגערופֿן.

— אַוודאי ווי! — האָבן זיך שוין דאָ גענומען אַריינמישן אויך ניט קיין ווייכהאַרציקע, נאָר געוויסע, פֿאַראינטערעסירטע לייט, וועלכע האָבן איצט געפֿונען אַ שעת־הכּושר אויסצונוצן די דרשות פֿון די מגידים, כּדי אָנצו־רייצן דעם אויפֿגערודערטן עולם צוהערער אויף די, ווען זיי האָבן שוין לאַנג אין אויג געהאַלטן אויף מיט זיי זיך ווען ניט ווען אָפּצורעכענען.

אָט די בייזוויליקע קריגס־לייט האָבן איצט געפֿונען די גינסטיקע גע־לעגנהייט זיך אַריינצולאָזן מיט גרויס אויפֿגעהעצטן אימפּעט צווישן די מחנות צוהערער, כּדי אָנצורופֿן ביי די נעמען די כּלומרשט שולדיקע אין ר׳ דודיס טויט און אין נאָך טויטן, און כּדי צו דערוועקן די הערצער, אָנצונעמען געהעריקע מיטלען קעגן זיי.

זיי האָבן אויך געפֿונען רעכטפֿאַרטיקע אויערן און גרייט־געניגטן ווילן פֿאַר זייער העצע קעגן יענע, וועלכע מיר ווילן איצט ניט אָנרופֿן, מחמת מיר האָבן דאָס שוין נישט איין מאָל געטאָן, און וואָס אויך ניט אָנרופֿנדיק, ווייסט מען, וועמען זיי האָבן געמיינט.

און יאָ, זאָגן מיר דאָ צוליב קיצור, און דאָס, וואָס ס׳האָט זיך אָט די בייזוויליקע פֿאַראינטערעסירטע לייט פֿריער, בעת זייערע פֿאַרשיידענע פּרוּוון, ניט איינגעגעבן, איז זיי איצט, ביי אָט דער לעצטער געלעגנהייט, יאָ גע־לונגען, ווי מ׳וועט זיך פֿונעם באַלד ווייטער־קומענדיקן איבערצייגן.

*

אין איינעם אָן אָוונט נאָך דעם אויבן־דערציילטן האָט זיך אונדזער אַלט־באַקאַנטער שמואלעקל שלעגער צו לוזין אין שטוב אַריינגעשטעלט. דאָס איינע בעלמעוואָטע אויג זיינס האָט געקוקט האַרט און מיט גזלן, און דאָס צווייטע, דאָס זעענדיקע, האָט אויסגעזען גוטמוטיק און ווי מיט אַ שיכּורלעך פֿעטס געשמירט. ער איז געקומען, ווייזט אויס, פֿון שענק.

אַז ער איז אַריין אין פֿאָדער־צימער און האָט געטראָפֿן סרולי גאָל ביי דער גאַרניט מענערשער אַרבעט — ביים פֿאַרריכטן די טאָרבע, וועלכע ער האָט די לעצטע צייט שוין נישט איין מאָל אין די הענט געהאַלטן צו אויס־פֿאַרריכטן — איז ער אים פֿאַרבייגעגאַנגען, ווי נישט אים מיינט ער מיט זיין אַהערקומען, און האָט זיך גלייך צו דער שוועל פֿון לוזיס אַלקער געלאָזט. ער האָט צוערשט אַריינגעטאָן דעם קאָפּ און דאָס זעענדיקע אויג אַהין, דער־נאָך האָט ער די שוועל אַריבערגעשפּאַנט.

לוזי האָט אים באַגעגנט אַ שווייגנדיקער, ווי אַלע מאָל, ווען שמואלעקל פֿלעגט זיך ווייזן, און לוזי, נישט פֿרעגנדיק ביי אים, וואָס ער דאַרף, האָט אים דערלויבט אַפּזיצן און פֿאַרברענגען, וויפֿל יענער האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק...

שמואלעקל איז אַלע מאָל גרויס דאַנקבאַר געווען פֿאַר אַט דעם הכנסת־אורחים, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו אָטעמען מיט לייטישער לופֿט, אין וועלכער ער, שמואלעקל, האָט זיך פֿון צייט צו צייט גענויטיקט, ווענדיק זיך אויסטאָן און זיטלעך זיך לייטערן פֿון זיינע שלעגערשע עסקים, וועלכע האָבן אים, געוויס, אָפּט דערעסן, וויסנדיק, אַז פֿון אַזאַ „מלאכה", ווי די זייניקע, האָט מען ניט קיין איבעריק כּבוד אויף דער וועלט און אויך אויף יענער ווערט מען פֿאַר איר ניט איבעריק באַלוינט און געשאַנעוועט.

אויך דאָס מאָל, ווען לוזי האָט אים דערזען אויף דער שוועל אַרויפֿ־טרעטן און מיטן איינעם זעענדיקן אויג צו אים אין אַלקער אַריינקוקן, האָט ער אים אָן ווערטער אויף אינעווייניק איינגעלאַדן: זאָל ער, הייסט עס, אַריין, אויב ער וויל און האָט עפּעס צו זאָגן, און אויב ניט, מאַכט אויך ניט אויס... נישקשה.

שמואלעקל האָט געפֿאָלגט. לוזי האָט אויך נאָך דעם ווי שמואלעקל איז אַריין און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, אויף וועלכן ס׳איז אים אָנגעוויזן געוואָרן — פֿאַרגעזעצט צו טאָן, וואָס ער האָט געטאָן ביז שמואלעקלס אָנקומען — דהיינו, פֿון וואַנט צו וואַנט זיך אַרומדרייען אַ פֿאַרטראַכטער, ווי זיין שטייגער, און מיט די הענט אין דיביידע הינטערשטע קעשענעס פֿון דער קאַפּאָטע פֿאַרשטעקט.

שמואלעקל האָט די גאַנצע צייט לוזין אין גאַנג נאָכגעקוקט און מיטן קאָפּ און מיטן זעענדיקן אויג זיך אים נאָכגעדרייט טאָ הין, טאָ הער... ער האָט דאָס אַזוי לאַנג געטאָן, ביז ער איז לסוף, מיד געוואָרן פֿון קוקן, ווי אויך פֿונעם געטראַנק, וואָס ער האָט פֿון שענק מיטגעבראַכט, און ער האָט שוין שיר־שיר די אויגן ניט געזאָלט שליסן, דעם קאָפּ אויף דער ברוסט אַראָפּלאָזן און, כראָפּנדיק, אָדער שטילערהייט איינשלאָפֿן, ווי ס׳פֿלעגט אָפּט מיט אים טרעפֿן, זיצנדיק אַזוי ביי לוזין אָן שום באַשעפֿטיקונג.

דאָס מאָל אָבער האָט ער זיך געשטאַרקט. ער האָט זיך פּלוצלים אויפֿ־געריסן פֿון שלאָף, וועלכער האָט אים שוין אָט־אָט געזאָלט באַהערשן, און ווענדנדיק זיך צו לוזין, וואָס האָט געהאַלטן אין מיטן גאַנג, אַ זאָג געטאָן אי ווי אַ שיכּורער, אומגעריכט, אי ווי ער וואָלט פֿון פֿריער ניכטער באַ־טראַכט אַזוי צו זאָגן:

— האַ... ער וואָלט געעצהט לוזין, ווען יענער וואָלט ביי אים געפֿרעגט, ער זאָל וואָס גיכער די שטאָט פֿאַרלאָזן און זיך אַרויסמאַכן פֿון דאָ צו בלייבן... ס׳וואַרטן אויף אים גרויסע בזיונות — האָט ער פֿאַרגעזעצט — נייַן, ערגער — האָט ער זיך פֿאַרכאַפּט, וועלנדיק אַרויסקומען מיט אַ וואָרט, וואָס ער וואָלט דאָס פֿאַרן מויל ניט געוואָלט ברענגען, אויף וויפֿל דאָס האָט אַ שייכות צו לוזין — מ׳שטעלט שוין דאָ אָן מענטשן... מ׳דינגט שוין שלעגערס פֿאַר אים... ער שטעלט זיך פֿאָר וואָס דאָס הייסט? — האָט זיך ביי שמואלעקלען דער צונג צעבונדן, וועלנדיק געבן לוזין צו פֿאַרשטיין, ווי ס׳וועט אויסזען, ווען אַזוינע געדונגענע וועלן אויף אים אָנפֿאַלן... אָט, ווי ער, שמואלעקל, מיט אַזוינע מינים הענט, צום ביישפּיל...

און דאָ האָט שמואלעקל אַ וויַיז געטאָן איינע זיינע אַ שטאַרק־פֿאַר־האַרטעוועטע האַנט, מיט וועלכער ער טוט זיין שלאָג־מלאָכה, און אין איין וועגס האָט ער, קוקנדיק אויף איר, זי שוין אָפּגעשאַצט מעשׂה מייסטער — איר גרויס, גרעב און מאַכטהאָביקייט, בעת ער דערלאַנגט מיט איר, ווי ס׳געהער צו זיין.

— אַ סברה — האָט דאָ שמואלעקל, האַלטנדיק שוין אין מיטן ריידן, אָפּנהאַרציק אויך צוגעגעבן — אַז מ׳האָט זיך געווענדט מיט אַזאַ מין פֿאַר־שלאָג טאָקע צו אים צו שמואלעקלען... מ׳האָט אים איינגערעדט, מיט אים איינגעטענהט, און אויך צוגעזאָגט אַ זייער גוטע באַלוינונג, וואָס וועט באַשטיין פֿון אַן אַדערויף איידער ער וועט זיך נעמען פֿאַר דער זאַך, און אַוודאי וועט ער רעכט באַצאָלט באַקומען דערנאָך, ווען ער וועט שוין האָבן אויסגעפֿילט, וואָס מ׳פֿאָדערט פֿון אים...

— מאָל דיר... אין זייער טאַטנס טאַטן... האָט זיך ביי שמואלעקלען אַרויסגעכאַפּט אַן אומאָנשטענדיק וואָרט אין לוזיס אָנוועזנהייט, אַזאַ, וואָס ער דערלויבט זיך קיין מאָל ניט פֿאַר אים — מאָל דיר, זיי האָבן ניט גע־טראָפֿן דאָס אָרט... ניט דערלעבט און ניט דערהאַרן וועלן דאָס די, וועלכע האָבן דאָס אים פֿאַרגעלייגט... בעסער זאָלן אים די הענט אָפּדאַרן... יאָ, — האָט ער פֿאַרגעזעצט — מיט אים, שמואלעקלען, זיינען זייערע רייד געווען איבעריק און אַרויסגעוואָרפֿן. ער איז אָבער ניט ערב, אַז זיי וועלן ניט געפֿינען קיין אַנדערע בעלנים, וועלכע וועלן יאָ איינגיין דערויף, זיי וועלן געוויס געפֿינען... און דעמאָלט וועט ער, שמואלעקל, ביי זיין בעסטן ווילן, און ווי לוזי זאָל אים ניט זיין טייער, גאָרניט קאָנען העלפֿן... יענע

וועלן זיין מער און שטארקער פון אים... און דערום ווארנט ער, אַז ווי גאָט איז לוזין ליב און דאָס לעבן ניט הפקר, זאָל ער זען אויסמיידן די געפאַר, וואָס דראָט אים.

— ס׳געוויס אַ געפאַר! — האָט ער ווייטער געזאָגט, און דאָס זאָגנדיק, האָט זיין זעענדיק אויג אויסגעזען אַזוי ניכטער און קלאָרזיניק, ווי ביי יעדן איינעם, ווען ער האָט פאַר זיך אַ צווייטן, וועמען ער וויל פון עפּעס אַ בייז פאַרהיטן.

לוזי האָט אויסגעהערט און די גאַנצע צייט שטיל און עטוואָס אומ־גלויביק געקוקט אויף שמואלעקלען, וועלנדיק דערגיין, צי רעדט פון יענעם בלויז דאָס געטראַנק, וואָס ער האָט פון ערגעץ מיטגעבראַכט, צי וואָרהאַפּ־טיקער ערנסט. ער האָט זיך איבערצייגט אינגעם לעצטן, און דעמאָלט, האָט געדאַכט, האָט לוזי געוואָלט אָפּענטפערן, אָפּדאַנקען, אָדער זיך דערפרעגן אייניקע פרטים וועגן דעם נאָר־וואָס געהערטן.

אָבער פלוצלים, ווי נאָר לוזי האָט אָט־אָט שוין געהאַלטן דערביי, און ווי שמואלעקל, וואָס איז אַנטקעגן אים אויף אַ בענקל געזעסן, איז אָנגע־גרייט געווען אים אויסצוהערן, אַזוי האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן סרולי, פון צווייטן צימער אַריינקומענדיק, און אויף זיין פנים איז געווען צו מערקן אַזאַ מינע, ווי גלייך דאָס נאָר־וואָס געזאָגטע פון שמואלעקלען איז געווען געוועגדט ניט נאָר צו לוזיס געהער, נאָר אויך צו אים, וואָס האָט, ווייזט אויס, פון יענער זייט וואַנט, אַלץ אַזוי קלאָר פאַרנומען, ווי גלייך ער וואָלט בייזיין פון דער זייט וואַנט.

דעמאָלט האָט שוין לוזי פאַרשפּאַרט זיין וואָרט אָרויסברענגען, ווייל אַנשטאָט אים האָט דאָס וואָרט גענומען סרולי, און געוועגדט האָט ער זיך ניט צו שמואלעקלען, כדי ביי אים זיך עטוואָס מער צו דערפרעגן, נאָר דווקא גאָר צו לוזין אַנשטאָט יענעם.

— ער וויל וויסן — האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי לוזין, נישט קוקנדיק אויף שמואלעקלען — צי האָט ער גוט געהערט, וואָס מ׳האָט דאָ איבערגע־געבן, און צי דענקט ער, ווי ביז אַהער, נאָך אַלץ צו וואַרטן, אַז דער חלף, וואָס הענגט איבער זיין קאָפּ — אָט־אָט אַראָפּצופאַלן, וועט נאָך אַלץ אַזוי בלייבן הענגען בנס... ער וויל וויסן צי מיינט לוזי נאָך לענגער אויספרואוון די השגחה, וואָס פאַרבאָט דאָס צו טאָן און הייסט פירנעמען אין פאַל פון סכנה, וואָס דער געזונטער מענטשלעכער פאַרשטאַנד פאָדערט, און אין דעם פאַל: פאַלגן, וואָס מ׳האָט דאָ אָקאָרשט געעצהט, ניט זאַמען, ניט אָפּלייגן און וואָס גיכער אויספירן, וואָס איז שוין לאַנג פון אים אַליין באַשלאָסן.

— יאָ — האָט לוזי אַ פאַרטראַכטלעכן זאָג געטאָן, מיט אַ טאָן, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפילט אַ ביסל חרטה פאַר זיין ביז אַהעריקער נאָכ־

לעסיקער און קאַלטלעכער באַציאונג צו די וואָרנונגען, וואָס ער האָט שוין פריער פון סרולין געקראָגן בנוגע דעם עניק.

— איז גוט — האָט סרולי אַ בורטשע געטאָן, אַ צופרידענער פונעם דערפאָלג פון שמואלעקלס שליחות, וואָס ער האָט עס, מעגלעך, פירגע־נומען אַליין, פון אייגענעם געוויסן, אָדער, מעגלעך, אַז ס'איז אויך סרוליס אויסבאַהאַלטענע האַנט געווען דערביי, וואָס האָט אים אונטערגעשטויסן דערצו אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן.

אויף שמואלעקלען אַליין אָבער האָט סרולי אויך איצט, ווי בעת זיין אַריינקומען אין אַלקער ניט געקוקט, גלייך יענער וואָלט דאָ ניט געווען דערביי, גלייך דאָס בענקל, אויף וועלכן ער איז געזעסן, וואָלט דאָ ניט גע־שטאַנען, און גלייך, ווידער, די ווערטער, וואָס שמואלעקל האָט ערשט פאַר לוזין אַרויסגעבראַכט, וואָלטן ניט פון אים, נאָר ווי פון די ווענט געקומען...

ער האָט געוואוסט, סרולי, אַז שמואלעקל איז איצט פאַרטראַסקעט, און אַז נאָך דעם, ווי ער האָט האַלב ניכטער לוזין אָפּגעליימערט וואָס געדאַרפט וועט אים שוין מער קיין שטאָף ניט קלעקן אויף צו בלייבן וואַך, און ער וועט באַלד דעם קאָפּ פאַרלירן און שיכּורלעך איינשלאָפן, ווי זיין שטייגער.

און אַזוי איז טאַקע געשען: שמואלעקלען איז מער אין קאָפּ קיין גע־דאַנק ניט געבליבן און אין שויס — קיין געפילן, ער זאָל מיט אָפענע אויגן נאָך קאָנען פאַרזעצן קוקן אויף דעם, וואָס ס'קומט פאַר צווישן סרולין און לוזין, און ער האָט טאַקע באַלד דעם קאָפּ פאַרלוירן, איינשלאָפנדיק, און פון צייט צו צייט בלויז האָט ער זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן מיט אַ שיכּורלעכן אויסגעשריי, אָדער מיט אַ שטאַמלענדיק זידל־וואָרט, אַז „ניט דערלעבן און ניט דערהאָרן וועלן יענע, וואָס האָבן אים געמיינט אַנרייצן און אויף זייער צד אַריבערציען...”

סרולי, ווידער, זעענדיק, ווי שמואלעקל שלאָפט, און אַז קיינער שטערט נישט, און אַז לוזי האָלט שוין טאַקע ביי נעמען אויספירן דאָס, וואָס, איידער שמואלעקל האָט אים באַזוכט, האָט ער עס אין דער לאַנגער באַנק געהאַט אָפּגעלייגט, האָט איצט אויסגענוצט דעם מאָמענט פון לוזיס באַדענקלעכ־קייט און חרטה און האָט אַ פרעג געטאָן האַלב שטיל און ניט דערזאָגנדיק:

— איז ווען?...

— ווען ער, סרולי, וועט וועלן... אַן אים, לוזין, איז קיין מניעה ניט — האָט לוזי אַ נאָכגיבנדיקן זאָג געטאָן, און דערמיט האָט ער איבערגעגעבן די ברירה אויף אויסצופירן זיינע און סרוליס אונטערנעמונג אין די הענט פון סרולין שוין אָן שום דערווידערונג און אָפּלייגן אויף שפּעטער.

און גוט, זאָגן מיר, וואָס ער האָט אַזוי געטאָן, ווייל ס'איז שוין די ריכטיקע צייט געווען דערויף...

און זאָלן דאָ, אַגב, נאָך אַ פּאָר ווערטער צוגעגעבן ווערן ניט אַזוי צוליב דער עצם דערציילונג, ווי צוליבן לירישן רומל, אַזוי צו זאָגן.

יענער אויבנדערמאָנטער אויפדערנאַכט, ווען שמואלעקל שלעגער האָט זיך צו לוזין באַוויזן, איז שוין געווען אַן אמת־פרילינגדיקער — איינער פון יענע, וואָס אָדער שוין נאָך דעם ערשטן זומערדיקן דונער, ווען די ערד עפנט זיך, אָדער ערב אים, ווען היינט־מאָרגן וועט מען אים פון צעשפּילטע, יונג־צעפּאַלאַכטע, בליציק־איילקע, פרישע רעגן־כמאַרעס אַראָפּדערהערן.

אין שטאָט זיינען שוין אין אַלע הייזער די טאָפּלטע פענצטער געווען אַרויסגענומען און אויך די איינצלנע — אויפגעקלעפּט און צעעפנט. אויך לוזיס פענצטער אויפגעקלעפּט... שמואלעקל איז אַזוי לאַנג געזעסן מיטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אין שלאָף פאַרזונקען, ביז ער האָט זיך מיט אַמאָל אַ שטאַרק דערשראָקענעם כאַפּ־אויף געטאָן, זיך צעבערקעט און דערזען, אַז ס'איז שוין צייט אים אַהיים צו גיין. דעמאָלט איז ער, כמעט אָן אַ גוטע נאַכט צו זאָגן, אַזוי שטיל אַרויס פון לוזיס אַלקער, אַזוי ווי ער איז פריער אַהין אַריין...

דעמאָלט איז לוזי אַליין געבליבן. דעמאָלט אויך איז ער צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער, און פאַר דער גאַנצער שוין־איינשלאָפנדיקער שטאָט גענומען אַרויפקוקן אין הויכן הימל, וואָס איז אין אַלע עקן און ברעגעס באַזעצט געווען מיט זילבערנע שטערן־שפּרענקעלעך און מיט אייניקע אויך גאָלדיק־פינקלענדיקע; און אַזוי־אַ, שטייענדיק אין דער שעה פון התבודדות אין אַנגעזיכט פונעם שטיל־ליגנדיקן הימל־געוועלב, האָט לוזי אויסגעזען אַזוי, ווי גלייך ער וואָלט לחלוטין־לחלוטין פון קאָפּ אַרויסגעלאָזט די אָקאָרשט־אויסגעהערטע וואָרענונג פון שמואליקלען, וועלכע האָט געזאָגט, אַז שטאָט דענקט זיך צו באַגיין שלעכט, אויסערגעוויינלעך שלעכט מיט אים.

קוקנדיק אויף אים, ווי ער שטייט איצט אונטער זיין אייגענעם, שטיבל־דיקן דאָך פאַרן פענצטער, און מיטן בליק צו דער וואָרעם־לינדער, פרילינג־דיקער, ווייטער נאַכט אַרויפגעווענדט, אַזוי וואָלט מען אויך געזען, אַז די סיבה פון זיין אָקאָרשט אָנגענומענעם באַשלוס די שטאָט צו פאַרלאָזן איז ניט אַזוי, באמת, דאָס מחלוקת מיט שטאָט און די מורא פאַר שלעכט אָפּשניידן פון דעם מחלוקת; נאָר אַז די סיבה איז דאָ אַן אַנדערע, גאָר אַן אַנדערע — אַ מין איינגעבוירענע גאַרונג צו ווייט־ליגנדיקע הימל־ראַנדן, ווי ביי אַלע ווען אַמאָל געוועזענע וואַנדערער, וועמען ס'האָט געצויגן פון זייער היימישן רשות אין די ווייטסטע מרחקים, נישט קאָנענדיק בלייבן אין די פאַרקמצנטע פיר איילן שטייגער־ און יאָר־יעריקער געוואוינטשאַפט...

יאָ, מ'מעג נאָך שווערן, אַז האָבנדיק איצט פאַר זיין גייסטיק אויג אָט די אויבנדערמאָנטע וואַנדערער, האָט לוזי צווישן זיי אויך אַפילו זיין אייגע־נעם פאַרשריגענעם זיידן געזען — דעם, וואָס ווי מ'האָט אין זיין טאַטנס הויז

דערציילט, איז ער איין מאָל, אין אַ זומערדיקן פֿאַרנאַכט, פֿאַר זיין לעצטן, אָפּטריניקן שפּאַן, פֿאַרפֿאַלגט געוואָרן, ניט געבליבן... ער איז אַרויס פֿון שטוב נישט אין שיך, נאָר אין פּאַנטאָפֿל... און אַז מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז ער איז ניטאָ, איז מען דאָס גאַנצע שטעטל אויסגעלאָפֿן, געקומען אויך צום טייך, מיינענדיק, אַז טאָמער האָט מיט אים עפּעס ביים באָדן זיך גע־טראָפֿן, ביז מ׳האָט זיך מיישב געווען און זיך איבערצייגט, אַז ס׳איז אומ־זיסט דאָס זוכן, ווי ס׳האָט זיך דערנאָך טאַקע אַרויסגעשטעלט... געוויסע, באַגלויבטע מענטשן האָבן דערנאָך אים געזען — צוערשט אין פּאָדאָליען, דערנאָך אין מאָלדאַוויען און וואָלאַכיען, און צום סוף אויך אין סטאַמבול, שוין האַלב־יידיש, האַלב־טערקיש געקליידט, ווי אַלע צו דער „כּת״ גע־העריקע...

ווי לוזי האָט ניט געטראַכט אין דער גוטער ריכטונג וועגן זיין אָפּטריניקן זיידן, האָט ער דאָס דאָך, דאַכט אונדז, איצט יאָ געטאָן, אַליין נאָר דערפֿאַר, ווייל יענער האָט געקערט צו די, וואָס זיינען מסוגל רייסן מיט אַ היים, מיט ווייב און קינד, מיט שטאָט און ישוב און זיך אַוועקלאָזן אין פּאַנטאָפֿל אויף דער וועלט.

שטייענדיק איצט ביים פֿענצטער פֿאַרן פֿרילינגדיקן הימל, און האָבנדיק אַלע יענע אויבנדערמאָנטע וואָנדערער אין זינען, האָט ער צווישן זיי אויך געזען זיין זיידן, וואָס האָט אויך, זיכער, איידער ער האָט זיין באַשלוס אָנ־גענומען, אין איינער אַ נאַכט אַ דעמאָלטיקער, פֿאַרן פֿענצטער זיך אַוועק־געשטעלט, און מיט גרויס גאַרונג געקוקט צו יענע ווייט־אויסגעשטערנטע הימל־ראַנדן, ווי לוזי איצט, ערב דעם, איידער ער גייט טאָן דאָס זעלבע און אַליין ווערן גלייך ווי יענע...

יאָ, לוזי איז שוין גרייט געשטאַנען מיט זיין באַשלוס אין שויס, ביי זיך אין אַלקער, פֿאַרן אָפֿענעם פֿענצטער, אין זומערדיקן דרויסן אַרויסקוקנ־דיק, און סרולי איז דעמאָלט אין צווייטן צימער געזעסן, און וויסנדיק, אַז לוזי מאַכט איצט זיין שטילן חשבון־הנפֿש אין אָנגעזיכט פֿון די שטערן, האָט ער אים געלאָזט אַליין און געוואַרט ביז ער וועט ענדיקן. און דערפֿאַר, אַז לוזי האָט געענדיקט, און נאָך לאַנג שטיין און אַרויסקוקן אין דרויסן, צוערשט זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צום אַלקער, און דערנאָך די שוועל פֿון צווייטן צימער אַריבערגעשפּאַנט, וואו ער האָט געטראָפֿן סרולין ביי זיין שטאַרק־באַליבטער מלאָכה פֿון דער לעצטער צייט — ביים אויספֿאַרריכטן די טאָרבע, האָט לוזי מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן, און מיט אַ פֿאַרגעניגטן שמייכל, אַזאַ קוק געטאָן אויף סרולין און אויף זיין טאָרבע, ווי גלייך ער וואָלט זיי דערפֿילט פֿאַר שותּפֿים און פֿאַר גאָר־גאָר נאָענטע שייכות־האָבנ־דיקע צו דער נאָר וואָס געזעענער שטערן־שיין...

*

און שוין דעמאָלט האָט לוזי געגומען פֿאַרענדיקן זיינע לעצטע ענינים אין דער שטאָט. ער האָט זיך גענומען געזעגענען.

מיט וועמען?

פֿאַר אַלעמען — מיט די זייניקע, וואָס פֿאַר יעדן איינעם האָט ער אויסגעפֿונען צייט זיך מיט אים אָפּצוזונדערן און פֿאַרברענגען, אַזוי פֿיל וויפֿל ס׳פֿאָדערט זיך, אַז דער, וואָס זיצט, אָדער שטייט פֿאַר אים, זאָל צו־ערשט נעמען זיך קלאָגן אויף די שווערקייטן, וואָס באַגעגענען זיך אים אויפֿן וועג פֿון השלמה, ד״ה, ווען ער גייט זיך דערנעענטערן צום בורא־עולם, ווי יעדן יידן, און באַזונדערס אַ בראַצלאַווער, איז געבאָטן... צווייטנס, און אויסער דעם, האָט יעדערער נאָך געהאַט אויך אויף אַנדערע זאַכן זיך צו קלאָגן, ווי אויף מאַנגל אין פּרנסה און כּדומה, וואָס העלפֿן אויך ניט מיט צו האָבן פֿרייען זין און די נויטיקע הרחבה אויף צו קאָנען קומען צו דעם, צו וואָס מ׳וויל דערגרייכן אין מידות און אין עבודה... מ׳האָט אַזוי לאַנג פֿאַרבראַכט אָפּגעזונדערט, ביז ביי יעדן איינעם, וואָס האָט געעפֿנט אַלע פֿאַרבאַרגענע זאַרג שלעסער פֿאַר לוזין, האָבן זיך געוויזן טרערן אין די אויגן, און ביז ביי לוזין אַליין, וואָס האָט יענע אויסגעהערט — אויך דאָס זעלבע.

אַז לוזי האָט פֿאַרענדיקט מיט די „אנשי־שלומו״, האָט ער גענומען גיין אָפּט, כּמעט טאָג נאָך טאָג, צו זיין ברודער משהס קינדער זיך געזעגענען. ער האָט דאָס געטאָן — ערשטנס, ווייל ער האָט פֿאַרגעדענקט די צוואה פֿונעם ברודער, וועלכער האָט אים געבעטן, ער זאָל ניט אָפּטאָן די השגחה פֿון זיין הויז־געזינד, און באַזונדערס האָט ער עס געטאָן איצט ווען ער האָט געוואוסט, אַז מיט זיין פֿאַרלאָזן די שטאָט וועט ער שוין מער נישט ביַיד האָבן אויסצופֿילן די צוואה...

ער האָט זיך צוערשט געווענדט צו יהודיתן, צו זיין ברודערס עלטערער טאָכטער, וואָס זי, אַלס אַנפֿירערין און הויפּט־באַזאָרגערין פֿון דער שטוב, האָט די לעצטע צייט אַממערסטן געהאַט צו ליידן אי פֿון די איינגעשרומפּענע מיטלען אויף אויסהאַלטן די שטוב, אי פֿון שלאַפֿקייטן און טויטן פֿון די על־טערן, וועלנדיק זי טרייסטן, מוטיקן און איר די הענט שטאַרקן, אויף וויפֿל ער איז ביכולת.

— אוי, פֿעטער! — האָט יהודית דערהערנדיק, אַז לוזי, איר אייגנסטער, נאָענטסטער, ווערט איר צוגענומען, אַ פֿאַרצאַפּלטן זאָג געטאָן: — אוי, פֿעטער, אויף וועמען לאָזט איר אונדז איבער?

לוזי האָט איר דאָס האַרץ אויסגערעדט און זי אויפֿגעפֿאָדערט, זי זאָל דעם בטחון ניט פֿאַרלירן, אַזוי ווי יעדערער איז מחויב, ווען אַפֿילו די שאַרפֿע שווערד ליגט שוין אויפֿן האַלדז, זיך ניט צו מייאש זיין פֿון רחמים; בפֿרט

דאָ, אין איר פֿאַל, ווען דער הימל איז אַוודאי ניט ביי דער ערד, און מ׳טאָר אַוודאי ניט פֿאַרצווייפֿלען.

— זי, יהודית, ווי אַ יידיש קינד בכלל, ובפֿרט ווי משה מאַשבערס טאָכ־טער, טאָר אַוודאי דעם בטחון ניט פֿאַרלירן, ווייל אין איר הענגט איצט אָפּ, צי די שטוב זאָל בלייבן, וואָס זי איז געווען ביז אַהער, אָדער זי זאָל ווערן אויס, זיך פֿונאַנדערפֿאַלן.

לוזי האָט זיך דעמאָלט געפּרואווט אויך ווענדן צו יהודיתעס מאַן, צו יאַנקעלע גראַדשטיין, צום געוויסן פֿרומאַק און סוחרישן שלימזל, מיט שטראָף־רייד און טענות, אַז „סטייטש, ממה־נפֿשך, אָדער — אָדער: אָדער מ׳איז, וואָס מ׳איז — סוחר, אָדער ער דאַרף זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן פֿון מסחר...״

— ווייל יאָ — האָט לוזי פֿאַרגעזעצט — ווייל אויב יאַנקעלע האָט זיך פֿריער געקאָנט דערלויבן שטיין אין אַ זייט און זיך האַלטן קאַלט צו פּרנסה־זאַכן, איז דאָס געווען דעמאָלט, ווען ס׳איז געווען, ווער ס׳זאָל אים פֿאַר־בייטן און זיין אָרט פֿאַרנעמען, און ווען יעדעס מאָל, ווען יאַנקעלע האָט עפּעס פֿאַרזען, פֿלעגט זיך ווייזן זיין שווער, משה מאַשבער, צום אויסבעסערן און פֿאַרריכטן, וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט. איצט אָבער, ווען יענער איז ניטאָ, איז אויב יאַנקעלע וועט זיך ווייטער פֿירן, ווי ער האָט זיך ביז אַהער גע־פֿירט, שטייט דאָך אים, חלילה, פֿאַר צו ברענגען זיך מיט זיין ווייב און קינדער עד כּכּר לחם, ד״ה צו גרונט גיין...

דערביי האָט לוזי צוגעגעבן, אַז אויף וויפֿל ער אַליין איז גאָר ווייט פֿון סוחרעריי, האָט ער דאָך פֿאַרשטאַנען פֿון די אונטערגעשיקטע שליחים פֿון די בעלי־חובות פֿון זיין ברודער פֿאַרן ברודערס טויט, אַז ס׳האָלט דערביי, אַז זיי, די בעלי־חובות, זיינען גרייט אויף אַלערליי הנחות אי בנוגע דעם חוב, וואָס ס׳קומט זיי, אי בנוגע אויך די זמנים, ווען די געמיינערטע סומע זאָל זיי געסילוקט ווערן, אויב נאָר זיי וועלן זען, אַז ס׳איז דאָ אַ גוטער ווילן ביים ברודער און ברודערס קינדער דאָס געשעפֿט צוריק ווידער אויפֿשטעלן; מחמת פֿון דעם, וואָס די בעלי־חובות האָבן געבראַכט דאָס געשעפֿט צום אונ־טערגאַנג, האָבן זיי איינגעזען, אַז ס׳האָבן געליטן אי די אייגנטימער פֿון געשעפֿט, וועלכע זיינען ווילד געפֿאַלן, אי זיי אַליין, וועלכע האָבן קיין מינדסטע האָפֿענונג כאָטש מיט אַ וואָסער ניט איז טייל חוב אַרויסקריכן.

— אַזוי, אַז איצט — האָט לוזי געזאָגט — איז סאַמע די רעכטע צייט, מ׳זאָל זיך ווידער נעמען בויען.

אַזוי האָט לוזי איינגעטענהט מיט יאַנקעלע גראַדשטיין, מיטן עלטערן איידעם פֿון משה מאַשבער, און אַזוי אויך מיטן יינגערן, מיט נחום לענטשער, וועמען ער האָט דערוויזן, אַז זיין געדאַנק זיך אַרויסצוטיילן פֿון געשעפֿט, מיט וועלכן ער האָט זיך אַ צייט פֿריער אַרומגעטראָגן, און געוויס איצט —

אויך, איז, באַזונדערס איצט, אָפּגעפּרעגט און כּלל קיין געדאַנק נישט, ווייל אויב פֿאַר נחומען וואָלט עס נאָך געהאַט אַ זינען פֿריער, ווען ער האָט געהאַט אויסזיכטן אַרויסצוקומען מיט אַ געוויסער צאָל מזומן, וואָס איז אים געקומען אויף זיין חלק, און ער וואָלט זיך געקאָנט ערגעץ אַנדערש די הענט צעפּירן, איז אָבער איצט, ווען אויסער ניט־געדעקטע חובות איז גאָרנישט ניט געבליבן, און אויסער דעם שלעכטן שם פֿון אַ שלעכטן צאָלער, אָן אָנזעצער, וועט ער מיט זיך גאָרניט מיטנעמען, איז ווי לוינט עס און וואָס פֿאַר אַ נוצן וועט אים ברענגען דאָס אָפּטיילן זיך? אָמער — האָט לוזי ווייטער געטענהט — איז אַנשטאָט דעם, וואָס נחום זאָל אַרויס מיט ליידיקן, און דערום מוזן זיין געצוואונגען אויסנוצן זיינע קענטעניש לטובת אַן אַנדערן, צו וועמען ער וועט דאַרפֿן אָנקומען ניט ווי קיין שותּף, מחמת ער האָט ניט וואָס אַריינצולייגן אין שותּפֿות, נאָר ווי אַ מין אָנגעשטעלטער און ווייטער פֿון זיין פֿאַך — זאָל ער בעסער בלייבן ביי דעם, ביי וואָס ער איז איצט, ד״ה אין אייגן געשעפֿט, וואָס איז איינגעפֿונדעוועט, און וואָס די קונדן, וועלכע זיינען זיך צייטווייליק צעקראָכן, וועלן זיך, סוף־כּל־סוף, צוריק צונויפֿקומען, ווען זיי וועלן זען, אַז דאָס געשעפֿט איז ווידער אויף די ריכטיקע פֿיס געשטעלט, און דעמאָלט איז מהיכי־תּיתי, זאָל ער טאָן, ווי ער וועט וועלן — זיך יאָ אָפּטיילן, אָדער ניט, ווי ס'וועט אים לוינען.

אַגב — האָט דאָ לוזי, אין די רייד צו נחומען, צוגעגעבן — דאַרף ער דאָך אויך געדענקען, אַז אָוועקגיין פֿון געשעפֿט וואָלט געהייסן אָוועקגיין אויך פֿון שטוב, מיט וועלכער ער וואָלט זיך שוין נישט אָנגעקערט, און דאָס, לויט ווי לוזי פֿאַרשטייט, לוינט אים געוויס ניט — איצט, ווען ער איז אַ שרוי[1] בלא אשה, אַן אַלמן מיט קליינע קינדער, וועלכע ער מוז אַליין באַזאָרגן, דאָ אָבער, וואו ס'איז דאָ יהודית, וועלכע באַציט זיך צו נחומס קינדער, וואָס נויטיקן זיך אין אויפֿזיכט, ווי צו אירע אייגענע און ווי אַ מאַמע, איז ער פֿריי פֿון זייער עול...

קומענדיק צו באַזוכן זיין ברודערס הויזגעזינד, פֿלעגט לוזי דעמאָלט פֿון צייט צו צייט אויך צו אַלטערן זיך אַריינשטעלן. און איין מאָל, ווען ער האָט אים אַ זאָג געטאָן: וויי‌סט, אַלטער, אַז אין גיכן פֿאָר איך פֿון דאַנען, און אַז אַזוי גיך וועלן מיר זיך שוין נישט זען — האָט אַלטער, ווי ער איז אַזוי געשטאַנען אָפּגעטראָטן פֿון לוזין, ווי מ'שטייט אַלע מאָל פֿאַר אַ צווייטן בעת אַ געשפּרעך, אַזוי האָט ער מיט אַמאָל צו אים אַ פֿאַל געטאָן, פּונקט ווי דעמאָלט, ווי מיר געדענקען, ווען זיין ברודער משהס מיטה איז אין הויף שוין אַ גרייט־אויסגעפּאַרטיקטע געשטאַנען, אייניקע מינוטן פֿאַרן אָוועקנעמען זי... ער האָט, צופֿאַלנדיק צו לוזין, די ערשטע מינוטן געשוויגן און בלויז

---

[1] „שאָרוי״ — לעבן אָן אַ פֿרוי.

געהאַלטן דעם קאָפּ צו יענעמס שויס צוגעבויגן, נאָר שפּעטער האָט ער אים אַ הויב געטאָן, און ווי אַ מענטש, וואָס די געדאַנקען זיינען ביי אים אין פולער אָרדענונג, האָט ער פאַר אַ לאַנגער קרענקלעכער צייט, אַ פּיל־באַזיניקטן זאָג געטאָן: „ואָנה אָני, לוזי״ — וואוהין, הייסט עס, וועל איך אַהינקומען, נאָך דעם ווי משה איז שוין נישטאָ, און נאָך דעם ווי אויך דו וועסט נישט זיין? לוזי האָט פון פאַרלוירנקייט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן אַלטערן. ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס אים אַנטקעגנצוקומען, אויסער נאָר מיט לאָזן אַלטערס קאָפּ ווידער נאָענט־נאָענט צו זיין ברוסט זיך ־טוליען און אין איר זיך איינגראָבן...

— גאָט וועט דיך ניט פאַרלאָזן — האָט לוזי מער דעמאָלט ניט געהאַט אַרויסצוברענגען צו אַלטערס טרייסט, ווייל טרערן האָבן זיך אים אין האַלדז געשטעלט.

לוזי האָט פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט ניט נאָר מיט זיין ברודערס הויז־געזינד זיך געזעגנט, נאָר אַפילו, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן, מיט זיין הויז, מיט זיין הויף... וואונדערלעך, מ׳ווייסט ניט צוליב וואָס, נאָר לוזי פלעגט דע־מאָלט אָפּט זיך ווענדן אומדרייען אַליין און זיך ניט לאָזן באַלייטן פון קיינעם... ער האָט אַ לעצט מאָל אויך אַריינגעשפּאַנט אין סאָד, וואו ער האָט זיך דערמאָנט אין דער זעלטענער רו, פון וועלכער ער פלעגט געניסן, ווען ער פלעגט דאָ אַרומשפּאַצירן אַליין אָדער מיט עמעצן, קומנדיק צו גאַסט צום ברודער. און באַזונדערס האָט זיך אים פאַרגעדענקט דער פאַל פון פאַראַיאָרן זומער, ווען ער האָט דאָ איין מאָל אין אַ סוף טאָג אומגעשפּאַצירט מיטן ברו־דער, פירנדיק אַ וויכּוח מכּוח געוויסע ענינים, ווי מיר געדענקען, און ווען ביים ברודער האָבן פון צעהיצטקייט די אויערן געפלאַמט, און ער, לוזי, אַ פאַרגעניגטער פון דער געדעמפטער, פאַרנאַכטיקער סאָד־לופט, וואָס פאַר שקיעה, האָט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל דעם ברודערס קלעם צוגעזען, בעת יענער איז געבליבן היגטערשטעליק און געשלאָגן אין זיינע טענות.

איצט איז אין סאָד געווען פרילינג. אויף די ריטלדיגע בעז־בוימלעך, וואָס לעבן פאַרקן, האָבן שוין געצומען פיקן קלעפּיק־בלוילעכע קנאָספּעלעך — אַן אָנזאָג פון באַלדיקער בליאונג. דאָס זעלבע אויך אויף די אַרומגעצ־שניטענע פון אַ געניטער האַנט פּרוכט־בוימער — דערוויל נאָך קוים־מערק־באַרע וואוקס־סימנים, אָבער אויך שוין אַן אָדערויף אויף באַלד־קומענדיקן צוויט אין ווייסן און אין ראָזעווען.

די סאָד־סטעזשקעס זיינען שוין פון פאַראַיאָריקן אָפּפאַל געווען אָפּגע־רייניקט און אַרומגעקערט, און נאָר אין אייניקע ערטער איז פאַרדאַרט בלעטערוואַרג אין אַנגעהויפטע בערגלעך צונויפגעשאַרט געלעגן, וואַרטנדיק, אַז אָדער מ׳זאָל דאָס אויפן מיסט אַרויסוואַרפן אָדער פאַרברענגען.

דער סאַד נאָך נאַקעט־דורכזיכטיק, און דורך די בוימער, אָן זומערדיקער קליידונג, האָט מען געקאָנט זען אי וואָס אין הויף טוט זיך, אי וואָס אין אים אַליין, אין די ווייטסטע פאַרשטעלטסטע עקן און ווינקלען זיינע.

מ׳האָט דעמאָלט געקאָנט זען, ווי אין אַ ווייטלעכן עק טוט וואַסילי, דער ביי־אָנגעשטעלטער הויף־היטער ביי משה מאַשבערן, זיין מלאָכה, וואָס באַשטייט אַמאָל פון אָרויסגראָבן אַ בוימל, אַמאָל פון פאַרקערן אַ סטעזשקעס, אָדער אַן אַנדערש מאָל האָט מען אים געקאָנט זען שטיין ליידיק, אָן שום מלאָכה, קוקנדיק פאַרגאַפט אויף אַ פאַרבייפליענדיק פייגעלע, וואָס רופט ביי אים אַרויס תמעוואַטע אָנטציקונג און אינטערעס.

אויך ווען לוזי איז דאָס לעצטע מאָל אין סאַד אַריין, האָט ער דערזען אַט דעם וואַסילין אין אַ ווייט־פאַררוקטן עק, אָבער נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט אַ קינד, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין משה מאַשבערס עלטסט אייניקל, מאירל.

לוזי האָט, שטיל אומגייענדיק דעמאָלט אין ערב־זומערדיקן סאַד, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, צו יענעם ווינקל, וואו וואַסילי האָט זיך געפונען, זיך גיין געלאָזט, און ווען מאירל, וואָס איז געשטאַנען אַ נישט־באַשעפטיקטער לעבן וואַסילין, האָט אים באַמערקט, אַן אונטערקומענדיקן, אַזוי האָט ער זיך אַ ביסל פאַרשעמט, און אָפגייענדיק פון וואַסילין, מיט אַראָפגעלאָזטע אויגן, ווי גלייך מ׳וואָלט אים געטראָפן ביי עפּעס פאַרבאָטנס, זיך צו לוזין צוגעשטעלט.

לוזי האָט דעמאָלט, ווידער אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, מאירלען פאַר אַ האַנט אָנגענומען און אים אָפּגעפירט פון דאָרט, וואו ער האָט אים אָקאָרשט געטראָפן. ער האָט, גייענדיק מיט מאירלען אויף צוריק, אים גאָרנישט נישט געזאָגט, נאָר די גאַנצע צייט געהאַלטן מאירלס האַנט אין זיינער — אָפּנים, פון עפּעס אַ באַזונדער קרובהשאַפט, וואָס ער האָט אַלע מאָל געפילט צו אַט דעם מאירלען, אין וועלכן ער האָט געזען אַ מין איבערנעמער און יורש פון אַלע זיינע גוטע משפחה־אייגנשאַפטן.

און פלוצלינג האָט ער זיך אַ בויג געטאָן צו מאירלען אין גאַנג, און אומגעריכט, נישט אין קיין שום פאַרבינדונג מיטן פריערדיקן, ביי אים אַ פרעג געטאָן:

— האָ, צי וועט מאירל געדענקען דעם פעטער לוזי, ווען ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער?...

דעמאָלט האָט מאירל, אַ נאָך מער פאַרשעמטער, און אַ ביסל אויך איבערראַשט פון דער פראַגע פון דעם אַזוי געאַכטן פעטער לוזי, זיין בליק אַראָפּגעלאָזט, און זיך אָנגעמענדיק מיט מוט, דאָך מיט אַ געלעגערט לשון פון בושה, אָפּגעענטפערט: אוודאי וועט ער געדענקען...

און אַוודאי, זאָגן מיר דאָ אויך פון אונדזער זייט, האָט מאירל פאַר־געדענקט דעם פעטער לוזי, און באַזונדערס טאַקע פון יענעם לעצטן טאָג, ווען דער סאַד האָט מיט ערב־זומערדיקער דורכזיכטיקייט געקילט, און ווען דער פעטער לוזי, דער הויך־שטאַלטנער, מיט דער ווייס־קורצלעכער באָרד, האָט פרעמדלעך אַהין אַריינגעשפּאַנט, נישט צו דער צייט און נישט צום אָרט, אַליין און אָן שום באַלייטער — נישט ווי מאירל איז אים געוואוינט געווען דאָרט צו זען תּמיד, באַזונדערס מיט זיין זיידן ביי דער זייט...

אַוודאי האָט ער פאַרגעדענקט דעם פעטער לוזי, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעזען, ווי אַ צופעליק־פאַרבלאָנדזשעטער, אָדער טאַקע ווי איינער, וואָס באַהאַלט זיך אויס פון עמעצנס בליקן און קומט זיך געזעגענען מיט דעם, וואָס האָט אים אַמאָל פאַרשאַפט פאַרגעניגן און וואָס ער דענקט דאָס שוין מער נישט זען; ווי אָט, למשל, מאירלען, וועמען ער האָט פאַר אַ האַנט אָנגענומען, און דערנאָך, גייענדיק מיט אים צוזאַמען, אים פאַרגעבן די אומ־געריכטע פראַגע, וואָס האָט געקאָנט קומען בלויז פון איינעם מיט פאַר־טויבטע חושים, ווען ער טראַכט וועגן איינס און זאָגט עפּעס אַנדערש, און וואָס מאַכט דעם צווייטן, צו וועמען ער ווענדט זיך מיט אַזאַ־אַ פראַגע — זאָל זיין, אַז אַפילו צו אַ קינד — אַ משוגענעם קוק טאָן אויפן פרעגער, ווי גלייך פאַרקערט, דער פרעגער וואָלט געווען אַ קינד.

יאָ, זאָגן מיר דאָ נאָך אַמאָל, מאירל האָט אים געוויס פאַרגעדענקט... און נאָך ווילן מיר צוגעבן, אַז אָט דער מאירל, וועמען מיר האָבן ביז אַהער ווינציק צייט און אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן, מחמת דער קליינער ראָל, וואָס ער, אַלס קינד, האָט געהאַט צו שפּילן אין אונדזער דערציילונג, וועט אין די ווייטערדיקע טיילן אַ פיל־גרעסערע שפּילן; ווייל, פאַרלויפנדיק אַפריער, ווילן מיר דאָ באַצייטנס אויך זאָגן, אַז אַ גרויסע שטיק שפּעטער־קומענדיקע באַ־שרייבונג פון משה מאַשבערס הויז וועט טאַקע אָט דעם מאירלען אין די הענט איבערגעגעבן ווערן, ווי דעם קינפטיקן כראָניקער און באַגלויבטן עדות פון דעם, וואָס האָט ווייטער אין יענער שטוב געטראָפן... און נאָך ווילן מיר באַמערקן, אַז פון אָט דער כראָניק האָבן מיר באַשלאָסן שוין דאָ, טאַקע באַלד, צו ברענגען אַ געוויסן אויסצוג, וועלכער האָט אַ שייכות צו דעם, וואָס מיר דאַרפן אַמנאָענטסטן באַריכטן, און דהיינו, וועגן לוזיס און סרולי גאָלס אָפּגיין פון דער שטאָט, מחמת מיר געדענקען, אַז דער נוסח פון מאירלס כראָניק פּאַסט זיך פיל בעסער צו דעם פאַרשטייענדיקן ענין, ווי דער, וועלכן מיר באַזיצן און וועלכן מיר האָבן ביז אַהער אויסגענוצט. יאָ, אַזוי האָבן מיר באַשלאָסן. אָבער איידער מיר טוען דאָס, מוזן מיר זיך נאָך אויף אַ קליי־נער ווילע פאַרהאַלטן, כדי צו ענטפערן אויף איינער אַ פראַגע, וואָס פאַר־אינטערעסירטע לייענער וועלן אונדז געוויס פאַרגעבן, קומענדיק צו אָט דעם אָרט אין דער דערציילונג, און נעמלעך:

— וואָס וואָלט געווען, ווען לוזי פֿאָלגט ניט סרולי גאָלס עצה און די וואָרנונג פֿון אַ שמואלעקל שלעגער זיך וואָס גיכער אַרויסצומאַכן פֿון שטאָט, ד"ה, וואָס וואָלט געווען, ווען ער בלייבט נאָך עטוואָס לענגער דאָרט?

דערויף ענטפֿערן מיר מיט דעם, וואָס פֿאָלגט:

אינעם זעלבן בייטאָג פֿון יענעם גאַנץ פֿרי, ווען לוזי מיט סרולין האָבן פֿאַרלאָזט די שטאָט, ווי ס'וועט ווייטער דערציילט ווערן, אינעם זעלבן ביי־טאָג האָט מען אין צענטער שטאָט, אין איינער אַ הויפּט־גאַס, וואו ס'ווימלט אַלע מאָל מיט באַשעפֿטיקטע, אַהין־און־אַהער איילנדיקע סוחרים, הענדלער, טענדלער, קונים און סתם מענטשן, געקאָנט זען אַ בילד, וואָס מ'זעט עס גאָר זעלטן.

מ'האָט דערזען, ווי צוויי לאַפּאַצאַנעס מיט קורץ־צעטריפּעטע הויזן, מיט באָרוועסע פֿיס, אין האַלבע שטיוול, אָן כאָליעוועס, זיינען געשטאַנען געשפּאַנט צו אַ דישעל פֿון אַ לענגלעכן מיסט־וועגעלע מיט ווענטלעך, וועלכע נעמען זיך אַראָפּ און שטעלן זיך צו בעת מ'גייט אַרויף און מ'וואַרפֿט אַראָפּ דאָס מיסט. איינער אַ מין תּענית־בחור, אַ דאַר־קוואָרער בראָנדיע, מיטן נאָמען שאַרפֿנאָגל, וואָס האָט זיין פֿריִע יוגנט פֿאַרבראַכט אין די שולן און קלויזן צווישן לערנער, ווען עמען ער פֿלעגט באַדינען און פֿאָלגן אַ גאַנג צום איינ־קויפֿן, זומער — קוואַס און ווינטער — פֿאַרפֿרוירענע עפּל, נאָך וועלכע קלויזניקעס זיינען אַזוי להוט, און וואָס דערפֿאַר פֿלעגט ער אַמאָל אַריינ־כאַפּן אַ קליינעם ביסן פֿונעם געקויפֿטן, און אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך באַנוגנט בלויז מיט דער הנאה פֿון קוקן, ווי אַנדערע האָבן הנאה... איצט איז ער אַ טרעגערל אין מאַרק, וואָס טויג נאָר אויף אָפּטראָגן לייכטע משא־פּעקלעך צו היגע באַלעבאַטים אַהיים, און צו פֿרעמד־אָנגעפֿאָרענע — אויף די אַכסניות, פֿאַר אַ קליין געצאָלט, מחמת אויף קיין גרעסערע משאות איז ער ניט קיין בעל־כּוח. ער איז בלוטלאָז און אויף זיין בלאַס־געשלאָסן פּנים איז ניט צו דערקענען, צי איז ער קלוג, צי נאַריש, צי איז ער פּעאיק פֿריי־לעך זיין, צי איז זיין גרונט־געמיט טרויעריק. מערסטנטייל האָט ער געשוויגן, נאָר דערפֿאַר, אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט ער געשאָטן מיט גראַמען, אָן אַ שיעור, אָן אָפּשטעל און האָט קיין מאָל קיין מאַנגל ניט געפֿילט אין קליינ־גענדיקן וואָרט, ווי אַן אמתער מאַרשעליק.

דאָס איז איינער. דער צווייטער — פֿון זעלבן מין: אַ ניט־דערפֿאָרענער ישיבה־בחור, וואָס מחמת זיין טעמפּקייט האָט ער זיך אין לערנען ניט אַרויפֿגעשלאָגן, נאָר דערפֿאַר אָבער האָט ער זיך דערוואָרבן אַזאַ אַפּעטיט, וואָס פֿון באַפֿרידיקן אים איז ער אויסגעוואַקסן אַ געדראָלענער לעפּאַק, מיט געפּאַקטע הענט, פֿיס, פּלייצעס און פּנים און אויך מיט אַ געדיכט־ברוינער באָרד, ווי ביי אַ גרויס דערוואַקסענעם... כּדי צו באַפֿרידיקן זיין אַפּעטיט, האָט ער זיך צוערשט געשטעלט פֿאַר אַ באַהעלפֿערל ביי אַ דרדקי־מלמד, צום

באַדינען דאָס קליינוואַרג, וועלכע ער האָט אין אַ קויטיק־בלאָטיקן האַרבסט־טאָג געקאָנט טראָגן פֿון דער היים אין חדר און פֿון חדר אַהיים צו פֿינף — זעקס מיט אַמאָל — צו צוויי — דריי אויפֿן רוקן און צו איינס אויף ביידע הענט. דערפֿאַר האָט ער אויך נישקשה באַנומען דאָס קליינוואַרג, ווען ער פֿלעגט זיי ברענגען דעם מיטאָג פֿון די היימען און ווען פֿון יעדער טעפּעלע פֿלעגט ער זיך אָראָפּנעמען אַמאָל העלפֿט און אַמאָל מער, ס'געווענדט אין דעם, אויף וויפֿל דאָס מאכל איז אים געווען געפֿעלן. און נאָך איינע אַ מעלה האָט ער געקראָגן: אַ ציאונג צו די דינסט־מיידלעך פֿון די באַלעבאַטים, צו וועלכע ער האָט געהאַט איינגאַנג, און אייניקע פֿון אָט די דינסט־מיידלעך האָבן שוין פֿון אים געליטן, און באַלעבאַטים האָבן דערנאָך געהאַט אַן אַרבעט זיי חתונה צו מאַכן, און אים, דעם אומגעלומפּערטן לעפּאַק, אַדורכצוטרייבן... דעמאָלט איז אויך ער אַרויס אין מאַרק אָבער שוין דווקא יאָ אַ בעל־כּוח, און דערצו נאָך געקרוינט מיט אַ נאָמען, „שער־בער מיידל־מאַכער", מ'ווייסט ניט פֿאַר וואָס, אָדער אפֿשר — אויך יאָ.

בקיצור: אָט דאָס אויבנדערמאָנטע פּאָרל האָט מען איצט געזען געשפּאַנט אין שלייעס, ווי פֿערד, צום מיסט־וועגעלע מיט די ווענטלעך, און דער ערשטער, שאַרפֿנאָגל האָט חוצן שפּאַן נאָך געטראָגן אַ הויכן דראַנג, מיט אַ בעזעם אויף זיין שפּיץ — אַזאַ, וואָס מ'טראָגט אַלע דאָנערשטיק אין שטאָט, רופֿנדיק דעם עולם אין באָד אַריין, ווען זי הייצט זיך. אויפֿן ווע־געלע האָט מען אויך געקאָנט זען עפּעס אַ בענקל, אויף וועלכן עמעצער האָט זיך אָדער אַליין, מיט גוטן ווילן, באַדאַרפֿט אַרויפֿזעצן, אָדער אפֿשר נײן, ניט מיט גוטן ווילן...

און מיט אַמאָל האָט שאַרפֿנאָגל אין מיטן דאָס שווייגן איבערגעריסן, האָט דאָס מויל געעפֿנט, און פֿאַרן עולם, וואָס האָט זיך שוין אַרום אים צונויפֿגעקליבן, גענומען אויסרופֿן, איינלאַדנדיק אין גראַמען: יידן, ווייבער, יינגלעך, מיידלעך, ווער אין הויזן, ווער אין קליידלעך אַאַז"ו און ער האָט, גראַמענדיק, פֿאַרשפּראָכן דעם וואָס מער און מער צונויפֿנעמענדיקן עולם, אַז אויב מ'וועט אים נאָכפֿאָלגן, אים און זיין חבֿר, אַזוי זיינען זיי גרייט צו באַווייזן חידושים ונפֿלאָות, ראַבע קעץ גוזמאות, און ווי אַזוי אַ פּרינצעסין טוען מיט איבערגעקערטע לעפֿל עסן, און נאָך און נאָך, וואָס ער קאָן דערווייל ניט אויסזאָגן, און בעט מ'זאָל אים גלויבן אויפֿן וואָרט...

און אַזוי אויסרופֿנדיק, האָט שאַרפֿנאָגל געגעבן אַ צייכן צו זיין שותּף און מיטהעלפֿער ביים דישל: „שלעפּ, שער־בער" — און יענער האָט אַ געזונטן צי געטאָן, און דאָס מיסט־וועגעלע האָט גענומען טראָסקען איבער דער שלעכט־ברוקירטער גאַס, און עולם ליידיקגייער האָט אויף שאַרפֿנאָגלס רוף גענומען נאָכלויפֿן, קוקנדיק אויפֿן דראַנג מיטן בעזעם, ווי אויך אויפֿן בענקל,

וואָס איז דערוויל ניט באַזעצט, נאָר, ווי מ׳האָט פֿאַרשטאַנען, וואַרט עס אויף עמעצנס אַ געזעס מיט כּבֿוד.

ס׳זיינען געלאָפֿן חבֿרה טרעגערלעך, משרתימלעך, און וואָס ווייטער דער פּאַראַד־צוג האָט צו זיך צוגעצויגן נאָך און נאָך יונגוואַרג, אַזוי זיינען שוין שפּעטער, אין די ווייטערדיקע גאַסן קומענדיק, אויך מער עלטערע און באַשעפֿטיקטע צוגעשטאַנען, ווי באַלמעלאָכעס — שוסטערס אין פֿאַרטעכער, שניידערס אין קאַמזוילן, און אויך נישט באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן זיך געגומען ווייזן אויף טיר און טויער. און דער אונטערהעצנדיקער יצר־הרע האָט זיי געשטויסן ניט אָפּצושטיין און צו די שוין פֿון פֿריער לויפֿנדיקע זיך פֿאַראייניקן.

דער עולם אין מיטן גאַס איז שוין אַזוי גרויס אויסגעוואַקסן אַרום די צוויי געשפּאַנטע צום וועגעלע — אַרום שאַרפֿנאַגלען און שער־בער מיידל־מאַכער, אַז איינער, דער לעצטער, האָט זיך געמוזט גרויס אָנשטרענגען אַליין דאָס וועגעלע צו שלעפּן, מחמת דער צווייטער, שאַרפֿנאַגל, האָט פֿון ווייניק כּוח אים ווייניק וואָס געהאָלפֿן, סיידן מיטן מויל; — דער עולם אין מיטן גאַס, זאָגן מיר, איז שוין אַזוי גרויס אויסגעוואַקסן, אַז באַלד איז שוין דאָרט קיין אָרט ניט געבליבן פֿאַר די ניי־צוגעקומענע, וועלכע האָבן, דערהערנדיק דעם טומל, פֿון די הייזער זיך אַרויסגעשיט און האָבן זיך געוואָלט צונויפֿגיסן מיטן פּאַראַד, און האָבן שוין קוים אָרט געקראָגן אויף די טראָטואַרן, וואו ס׳איז שוין אויך געווען שווער זיך דורכצושטופּן.

מ׳איז געלאָפֿן, וואַקסנדיק אין צאָל, פֿון צענטער שטאָט אַלץ ווייטער אין די ווייטער־ליגנדיקע גאַסן, און ווער פֿון די ניי־צוגעקומענע ס׳האָט געמיינט זיך דערוויסן דעם ציל פֿונעם איינגעלויף ביי די פֿריער צוגעשטאַנענע, און האָבן זיך געגומען דערפֿרעגן: „וואוהין און צוליב וואָס!״ האָבן זיי באַלד געקראָגן אַן ענטפֿער מיט אַן אָוועקמאַכנדיקן, קרומען אַקסל, וועלכער האָט באַטייט, אַז ס׳איז קיין צייט ניטאָ, און אַז אויב מ׳האָט אינטערעס, זאָל מען, ניט פֿרעגנדיק, מיטלויפֿן, און אויפֿן ריכטיקן אָרט וועט מען שוין, באַגלייך מיט אַלע, זיך דערוויסן, מ׳וועט שוין זען פֿאַרטיקערהייט, האָט עס געהייסן...

ס׳איז קלאָר געווען, אַז דער דראַנג מיטן בעזעם, וואָס זעט זיך אַרויס איבער אַלעמענס קעפּ און דאָס מיסט־וועגעלע, וואָס זעט זיך נישט אַרויס, מחמת ס׳איז פֿון אַלע זייטן, ווי זיסקייט — פֿון פֿליגן, באַזעצט, רופֿן און פֿירן דעם עולם נישט סתּם, נישט אומזיסט, נאָר אַז דאָ מיינט מען עמעצן צו „באָערן״ מיט אַרויספֿירן פֿון שטאָט אויף אַ געוויסן אופֿן, מיט פּאַראַד און אין דער ליבער אָנוועזנהייט פֿון אַ האַלב־שטאָט ליידיקגייערישע יוגנט און אויך באַשעפֿטיקטע עלטערע, ווי מ׳טוט אַמאָל מיט אַזאַ, וואָס פֿאַרדינט עס, מיט אַ ליוליוקעריי און סווישטשעריי, ווי אַ מסור און ענלעכע.

און ווירקלעך: געוויסע אַנפֿירערישע הענט האָבן זיך שוין אַלע מאָל אַרויסגעהויבן איבער די קעפּ פֿון דער געדיכטער מאַסע, כּדי צו ווייזן די ריכטונג, וואוהין דער צוג זאָל ציען. די פֿינמער פֿון אָט די אַנפֿירער האָבן פֿון באַשעפּטיקטער היץ געפֿלאַמט, און זייענדיק אַליין צווישן עולם פֿאַר־רוקט, האָבן זיי מיט אויסגעשרייען און מיט אַרויפֿגעהויבענע הענט דיריגירט און געפֿירט, וואו געדאַרפֿט.

און אָט האָט מען זיך דערנעענט צו דער גאַס, וואו לוזי מאַשבערס שטיבל איז געשטאַנען און האָט אומשולדיק און נישט ווילסנדיק פֿון גאָרנישט, געוואָרט אויפֿן גורל, וואָס איז דעם באַשטימט — ניין, נישט דעם שטיבל אַליין, פֿאַרשטענדלעך, נאָר דעם, וואָס וואוינט אין דעם און צו וועמען דער גאַנצער אימפּעטיקער געדראַנג פֿון דעם אויפֿגעהעצטן המון האָט זיך איצט אַ לאָז געטאָן, באַקומענדיק די ריכטיקע אָנווייזונג פֿון די אַנפֿירער.

— אַרויס מיט אים! — האָט זיך באַלד דערהערט אַ באַפֿעלערישע שטים פֿון איינעם אַ פֿירער, ווען מ׳האָט זיך מיטן מיסט־וועגעלע און מיטן דראַנג און בעזעם צו יענער שטוב צוגעשטעלט.

— אַרויס מיטן וואָלף אין דער פֿוקסישער פֿעל, מיטן שבתי־צביניק, מיט דעם אַזוינעם און אַזוינעם — האָבן זיך באַלד דערהערט נאָך און נאָך אויס־געשרייען — און אַ היפּשער בוקעט געביילטע פֿויסטן האָט זיך אַ הויב געטאָן, גרייט צו לאָזן זיך צו דעם אַרויסגעפֿאָדערטן, ווען יענער וועט בלית ברירה און פֿון מורא, דורך אַ טיר אָדער דורך אַ פֿענצטער זיך באַווייזן, זיי זאָלן אים באַגעגענען, ווי מ׳דאַרף...

— וואו איז ער, דער יענער — ער, מיט די זייניקע, וואָס האַלטן מיט אים אין האַנט, אין טריפֿהנע קאָמפּאַניע?

אייניקע איינוואוינער פֿון יענער גאַס, וועלכע האָבן גוט געקאַנט לוזיס אויפֿפֿירונג און זיין צוגעלאַזטקייט ניט נאָר צו די זייניקע, נאָר אויך צו אַלעמען, ווער ס׳האָט אַמאָל באַגערט זיין שוועל אַריבערטרעטן, אָדער גלאַט, אָדער כּדי אַ יידיש וואָרט אויסצוהערן — אַז זיי האָבן דערזען דעם המון, פֿון געוויסע לייט אַהערגעבראַכט, גאָרניט מיט קיין גוטע מיינען, און האָבן זיך געוואָלט איינשטעלן, צווישן עולם זיך אַריינרוקן און צו לוזיס פֿאַרטיי־דיקונג אַ גוט וואָרט זאָגן — זיי, אָט די איינוואוינער, האָבן באַלד, ווי נאָר זיי האָבן דעם ערשטן פּרוּוו דערצו געמאַכט, גלייך פֿון די שוין פֿאַרגרייטע געביילטע פֿויסטן באַקומען אין די פֿינמער פֿאַרפֿאָרן מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז זיי האָבן זיך גלייך מיט בלוט באַוואָשן; און אַנדערע, וועלכע האָבן אויך געוואָלט דאָס זעלבע, נאָר דערזענענדיק, וואָס מיט די ערשטע איז געשען, האָבן זיי זיך אַרויסגערוקט באַצייטנס, שוין גאָרנישט זאָגנדיק, אָבי כאָטש מיט די ביינער גאַנץ.

נו, און אַז דער עולם האָט דערזען, אַז דער אויפגעפאָדערטער האָט ניט בדעה מיט גוטן ווילן אַרויסצוקומען צום משפט, וואָס וואַרט אויף אים, און באַהאַלט זיך אויס, אַ פּנים, מיט דער האַפענונג, אַז אפשר וועט דער המון זיך איבערשרייען, וועט מיטן שרייען זיך באַנוגענען און דערנאָך זיך צעגיין — זעענדיק דאָס, האָט דער עולם אין לוזיס שטוב זיך אַ ריס געטאָן, צוערשט אין פאָרהייזל, וואָס האָט ניט געקאָנט אַריינגעמען וויפל ס'האָבן זיך אַהין אַנגעשטופּט, דערנאָך אין לוזיס ערשטן צימער, וואָס האָט אויך ניט געקלעקט פאַרן גרויסן געדראַנג; און נישט טרעפנדיק נישט דאָ, נישט דאָרט דעם, צו וועמען מ'האָט געוואָלט דעם געבראַכטן כעס אַרויסלאָזן, האָט מען, מעשה פּראָים, גענומען אים אויסלאָזן צו שטומע, אומשולדיקע שטוב־כּלים, וועלכע האָבן זיי זיך אונטער דער האַנט געטראָפן: ברעכן, לאָמען, שמיצן, טישן, בענקלעך, געשיר און דאָס גלייכן, און דאָס אַלץ דורך די פענצטער אין דרויסן אַרויסשמייסן, כּדי אונטערצוגעבן פעך און דערוואַרעמען די געבליטן ביי יענע, וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן ביי אַ זייט און נישט אַזוי אויפגעהיצט צו וועלן טאָן, וואָס די, וואָס יאָ צעהיצט.

און יאָ, טאַקע: אַריינגעקומען אין דער פּאַסיע, האָבן אַפילו די זייטיקע און מער קילע שוין געכאַפּט, וואָס האָט זיך זיי געטראָפן און גענומען זיך באַגיין מיט דעם, ווי יענע, וואָס האָבן זיי דעם ערשטן ביישפּיל באַוויזן. ס'האָט זיך דערהערט אַ געקלאַנג פון אויפגעריסענע פענצטער, פון אויס־געזעצטע שויבן, אַ בראַך פון געפעס, און אַ טראַך פון מעבל, דורך אַ טיר אָדער דורך אַ פענצטער אין דרויסן אַרויסגעשמיסן, און דער אין־דרויסן־שטייענדיקער המון האָט דאָס אַרויסגעשמיסענע דורך טיר און פענצטער אויפגענומען מיט דער זעלבער אויפגעפּראַלטער, שאָדנפריידיקער הנאה, ווי די הנאה פון די, וועלכע האָבן דאָס זיי פון אינעווייניק מיט אַ שעדיקעריש־ער האַנט אַרויסדערלאַנגט.

עטוואָס שפּעטער אָבער, אַז די רעדל־פירער האָבן זיך דערמאָנט, אַז ניט דאָך צוליב כּלים־ברעכעריי זיינען זיי אַליין געקומען און דעם עולם אַהער געבראַכט, און אַז פון די, צו וועמען זיי האָבן דער עיקר געצילט, איז קיין סימן נישט אין פאָדער־הייזל און נישט אין ערשטן צימער געווען צו גע־פינען, און זיי האָבן זיך דערום אַ לאָז געטאָן צום צווייטן צימער, צו לוזיס אַלקער, וואָס ווי מ'האָט איצט באַמערקט, איז ער מיט פאַרמאַכטע טירן געשטאַנען — האָפנדיק, אַז אָט באַלד וועלן זיי, לסוף, דערזען יענע, וועלכע האָבן זיך דאָרט אין אַ ווינקל, אונטער אַ טיש, אונטער אַ בעט פאַרשטעקט און אויסבאַהאַלטן, פאַר מורא און ציטערניש פאַר דער שטראָף, וואָס וואַרט אויף זיי און אויף וועלכער זיי ריכטן זיך, דאָרט באַהאַלטן ליגנדיק.

יאָ, מ'האָט זיך מיט אימפּעט אַ ריס געטאָן צום צווייטן צימער, אָבער... ווי דערשטוינט און אַנטוישט איז מען געוואָרן — סיי די גאָר־גרויסע פאַר־

אינטערעסירטע אָנפּירער, סיי די געפּירטע, וואָס האָבן זיי נאָכגעפאָלגט — ווי דערשטוינט און אַנטוישט איז מען געוואָרן, ווען אַנשטאָט לוזי מאַשבער מיט איינעם, אָדער מיט עטלעכע פון די זייניקע זיך דאָרט אויסבאַהאַלטנדיקע, האָט מען פלוצלים דאָרט דערזען צוויי פראַנק און פריי זיצנדיקע פאַרשוינען, פּושקע מיט די צען צענערס און מיטוואָכן, מיט וועלכע מיר האָבן אין אַן אַנדער אָרט, בעת אַן אַנדער געלעגנהייט זיך שוין געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען.

זיי זיינען געזעסן איינס קעגן איינס אויף צוויי בענקלעך — די צוויי האַלב־דולע „קללה"־פאַרשוינען: פּושקע, אָנגעפּרענדעט אין אַ באַרג שמאַ־טעס, אין וועלכן ער פּלעגט זיך רוקן, ווי אַ טשערעפּאַכע, און מיט די פּיל ציינערנע פינגערלעך אויף די קויטיקע, קיין מאָל ניט געוואַשענע פינגער — פון איין זייט טיש; און אַנטקעגן אים — מיטוואָך, וואָס מיטן איינעם גרויסן עפּל־אויג, ווי פון גלאָז, וואָס איז שווער געווען דערויף צו קוקן, און מיטן צווייטן, דעם נאַטירלעכן, וואָס שמייכלט שטענדיק און מאַכט אים אָראָפּ־רינען אין מויל אַריין אַ גוטמוטיק טייכעלע געלעכטער, ווי אַ פליסנדיק באַרג־שטראָמעלע, וואָס ריזלט אין אַ טאָל.

זיי זיינען געזעסן פאַר אַ טאָפּ צימעס, אָדער איינגעמאַכטס, וואָס עמעצער האָט פאַר זיי אָוועקגעשטעלט, און וואָס אַן לעפּל, אָבער אויך אומגעשטערט, האָבן זיי, ווייזט אויס, שוין פון לאַנג אָט די לעק־מלאָכה געטאָן מיט מנוחה און וואויל־געשמאַק.

ווי קומען זיי אַהער, און ווער האָט זיי דאָ איינגעאָרדנט ביים טיש און ביים טאָפּ?

נישט אַנדערש און נישט קיינער, ווי סרולי גאָל, וואָס ווי ערנסט ער האָט נישט געזאָלט זיין יענעם טאָג, גאַנץ פרי, ווען ער מיט לוזין האָבן די שטוב פאַרלאָזט, ווי ס׳וועט באַלד ווייטער זיין געזאָגט, האָט דאָך אין אים שטי־לערהייט ניט אויפגעהערט שפּילן דער לץ, וואָס אַלע מאָל לוסט עמעצן „אָפּטאָן" און צום נאַר שטעלן; און ווויסנדיק פון זיכערע קוועלן, אַז דעם טאָג גרייט מען זיך אָנפאַלן און קומען אַהער מיטן פאַראַד, מיטן וועגעלע און מיט אַלעם איבעריקן, וועגן וועלכן מיר דערציילן דאָ, האָט ער געהאַט אין זינען איינצואָרדענען אַזוי, אַז ווען די שטאַרק־פאַראינטערעסירטע וועלן זיך אַריינרייסן אין לוזיס שטוב, מיטן מיין מיט אים זיך אָפּצורעכענען, ווי זיי האָבן פאַרטראַכט, אַזוי זאָלן זיי אַנשטאָט אים, אָנטרעפן אָט דאָס פּאָרל — פּושקען מיט מיטוואָכן, צו זייער בזיון און לאַנגער נאָז.

דאָס האָט ער געטאָן, ווי ער טוט אַלע מאָל, ווען ער פאַרלאָזט די שטאָט אַפילו אויף קליינע חדשים, און וואָס ווען ער גייט פון איר אָפּ אויף אַ גע־וויסער שטרעקע, קערעוועט ער זיך אויס און שטעלט איר אַ פייג, ובפרט

האט ער דאס געטאן איצט, ווען ער האט זי פארלאזט אויף לאנג, און ווער ווייסט אויף וויפל...

ער האט די סצענע מיט פושקען און מיט מיטוואכן אזוי פיין ארומגעשטעלט, אז ווען דער עולם איז אין לוזיס אלקער אריין און מ'האט דערזען דאס פארל אין גרויס געמיטלעכקייט עסן פונעם טאפ זיסקייט בשותפות, האט מען צוערשט געגלויבט, אז מ'האט דא פאר זיך פארשטעלטע, איבערגעטאנענע אין געשטאלט פון ערשטן און פון צווייטן. שפעטער אבער, אז מ'האט זיך בעסער איינגעקוקט און דערזען, ווי יענע, וועלכע זיינען שוין א ביסל שיכורלעך־איבערגעזעטיקט פונעם זיסן מאכל, פון וועלכן זיי האבן זייער לעבן־לאנג ניט געגעסן, קאנען זיך דערפון ניט אפרייסן אויך איצט, נישט נאר ווי ווען זיי זיינען געזעסן אליין און אומגעשטערט, נאר אויך אפילו, ווען דער פרעמדער עולם האט איצט די טיר פון אלקער אויפגעפראלט, זיי ארומגעשטעלט, געשטאנען און געקוקט זיי אין מויל אריין — אז מ'האט דאס דערזען, זיינען די אנפירער און די אממערסטן פאראינטערעסירטע אפהענטיק און אפגעשמיסן געבליבן, און די ווייניקער־פאראינטערעסירטע, די זייטיקע, וואס זיינען בלויז מיטגעצויגן געווארן, האבן זיך זייער שטארק צעלאכט, צוקוקנדיק, ווי אזוי פושקע שטרעקט אויס די הענט און נעמט פונעם קלעפיקן מאכל פאמעלעך, פויל, מיט די קויטיקע פינגער, און ווי אויך אים קוקנדיק, טוט אויך מיטוואך דאס זעלבע, מיט א שמייכלדיקן און זיסלעכן געניס.

דעמאלט האט דער עולם, וואס אין צווייטן צימער, דערהערנדיק, ווי אין ערשטן לאכט מען, אנשטאט צו שרייען אויף דעם און אויף די, וועמען מ'האט געמיינט דארט אנצוטרעפן — צו דער שוועל זיך צוגעשטופט און די קעפ אין צווישן צימער אריבערגעבויגן, און אליין אויך דערזעענדיק וואס די ערשטע, זיך צעלאכט.

די ידיעה וועגן פארל האט זיך באלד אריבערגעטראגן אויך אין פארהייזל, אויך צו די, וואס האבן קיין ארט אין שטוב ניט געפונען און זיינען געבליבן אין דרויסן, ביז זי האט, לסוף, דערגרייכט אויך צו די צוויי געשפאנטע אינעם וועגעלע, צו שארפנאגלען מיט זיין חבר, וועלכע זיינען גרייט געשטאנען, ווארטנדיק אויף די, אויף וועמען מ'האט זיך געריכט זען ארויסגעפירט בלאס־געבונדן, אדער ביז בלוט צעשלאגן, כדי זיי ארויפזעצן אויפן פיינעם בענקל בכבוד, און באגלייט פונעם יובלדיקן, שעלטנדיקן און זידלענדיקן עולם, זיי ארויספירן נאך מיט גרעסערן פאראד, ווי ווען דאס וועגעלע איז אהער געפירט געווארן א ליידיקס.

דעמאלט האט שארפנאגל, אויך אן אפהענטיקער, גענומען אויסשרייען מיט אפהענטיקן גראם: יידן... ווער מיט מערידן, ווער אן מערידן... —

אַהיים, אַהיים... אויף די הליניגשטשעס מיט ליים... ווער־וואוהין סע וויל, ווייל געענדיקט, איז די שפּיל...

ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם גראַם מיט באַדויערונג, זעענדיק דעם אַנווער, וואָס ער און זיין שותּף, שער־בער מיידל־מאַכער, האָבן דאָ געכאַפּט דערפון, וואָס זיי וועלן איצט שוין נישט קאָנען אַריינבאַקומען פון זייערע באַשטעלער דאָס געצאָלט, וואָס איז זיי פאַרשפּראָכן געוואָרן, ווען זיי וועלן אויספירן זייער אַרבעט, ווי ס׳געהער, און וואָס דערווייל האָבן זיי דערפון, ווייזט אויס, נאָר אַ קליינעם אַדערויף געקראָגן...

זיי האָבן גענומען ציען דאָס וועגעלע אויף צוריק, אַליין אָפּגעקילטע, דורכן עולם, וואָס שוין קיל... אויך דער עולם האָט זיך שוין באַלד גע־זאָלט צעגיין, נאָר דאָ האָט זיך פּלוצלים דערהערט אַ יאָמערדיק קול פון עפּעס אַ יידענע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין די באַלעבאָסטע פונעם שטיבעלע, אין וועלכן לוזי האָט געוואוינט:

— גזלנים, קוילער, וואָס איז אייך מיין שטוב שולדיק?...

די יידענע האָט געשריגן, שטייענדיק איבער די צעבראָכענע כלים, וועל־כע זיינען געלעגן פאַר איר, אָן רחמנות פון שטוב אויף דער גאַס אַרויסגע־שמיסענע... זי איז צום אָנהייב־אָנפאַל, ווייזט אויס, אין דער היים ניט געווען, און איצט, אָנגעקומען פון ערגעץ און דערזען דעם חורבן, וואָס מ׳האָט פון איר אָרעם ביסל גוטס געמאַכט, האָט זי די הענט געבראָכן, ווי איבער אַ מת, אין פאַרצווייפלונג און מיט טענות:

— גוואַלד, יידן! פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ חורבן?

— גערעכט! — האָבן אייניקע פונעם שטיין־געבליבענעם עולם דער יידענע מיטגעהאָלפן, צוקוקנדיק די עוולה, צו וועלכער זיי אַליין האָבן אָקאָרשט — ערשט געהאַט אַ שייכות, אויב ניט ווי אוממיטלבאַרע אָנטיילנעמער, איז, על־כּל־פּנים, ווי צושויער פון דעם, וואָס אַנדערע זיינען באַגאַנגען און זיי האָבן נישט געוועהרט, נישט דערווידערט.

אַנדערע אָבער פון די מער פאַראינטערעסירטע, וועלכע האָבן זיך נאָך צווישן עולם אויפגעהאַלטן, און וואָס האָבן ניט באַוויזן אויסלאָזן דעם כעס צו די עיקר־שולדיקע, צו וועלכע זיי האָבן געצילט, האָבן כאָטש אויסגעלאָזט צו דער יידענע, איר ניט מיטפילנדיק, און טענהנדיק אויף צוריק:

— אַ מיצווה אויף איר! האָט זי ניט געזאָלט אַריינלאָזן צו זיך קיין שלענג... האָט זי ניט געזאָלט פאַרדינגען אַזעלכע, וואָס אוי לרשע ואוי לשכנו, האָט זי ניט געזאָלט...

מ׳האָט די יידענע געלאָזט ביים געוויין — סיי די מיטפילנדיקע, סיי די, וואָס ניט, און נאָך דעם, ווי מ׳האָט אַ קליין ביסעלע איר קלאָג אויסגעהערט, האָט מען זיך מיט די רוקנס אויסגעקערעוועט און זיך גענומען צעגיין.

די פֿאַראינטערעסירטע האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און מיט בושת־פּנים פֿון צווישן עולם זיך אַרויסגערוקט, אָפּגעשמיסענע פֿון דער נישט־געלונגענער אונטערנעמונג, צו וועלכער זיי האָבן מיט אַזאַ פֿלייס געשטרעבט און וואָס איצט האָבן זיי, צו זייער פֿאַרדראָס און ערגער, געמוזט צוזען, ווי דאָס אַזוי שטאַרק געגאַרטע פֿון זיי האָט זיך זיי פֿון אונטער די הענט אַרויס־געגליטשט און פֿון פֿאַר זייער נאָז פֿאַרשוואונדן.

די נישט פֿאַראינטערעסירטע אָבער, וועלכע האָבן בלויז געמיינט ביי־צוזיין ביי דער ניט־אָפּט־צוזעענדיקער פֿאַרשטעלונג ווי אַזוי מ׳וועט אַ פֿאַר־שולדיקטן אויפֿן וועגעלע אַרויפֿזעצן און ווי דער גרויסער עולם וועט דאָס וועגעלע נישט מיט מיסט, נאָר מיט יענעם, וואָס איז געגליכן צו מיסט, באַלייטן — זיי, אָט די נישט־פֿאַראינטערעסירטע, האָבן איצט, ווען די פֿאַר־שטעלונג איז ניט צושטאַנד געקומען, בדיעבד, נישט איבעריק באַדויערט זייער היזק, און זיינען פֿאַרקערט, מעגלעך, מיט אַ פֿיל גרינגערן געמיט זיך צע־גאַנגען, ווי ווען ס׳טרעפֿט זיי ניט דער היזק... זיי האָבן דאָס אָקאָרשט געהערט דאָס געוויין פֿון דער אומשולדיקער יידענע, וועמען מ׳איז באַגאַנגען אַן עוולה, און זיי זיינען דערום צופֿרידן געווען, וואָס ס׳איז ניט געשען, מעגלעך, די צווייטע עוולה אויך צו אַ צווייטן, וואָס ווער ווייסט, ווער ער איז און צי האָט ער פֿאַרדינט, וואָס מ׳האָט מיט אים דאָ געמיינט דורכמאַכן... אַזוי, אַז אָט די נישט־פֿאַראינטערעסירטע זיינען איצט, אַפֿילו צופֿרידן געווען, פֿון דעם, וואָס זיי האָבן פֿאַרשפּאַרט אַנטיילנעמען אין אַ טאַט, אויף וועלכן זיי וואָלטן שפּעטער, מעגלעך, באַדאַרפֿט חרטה האָבן...

יאָ, און פֿאַרשפּאַרט האָבן זיי די חרטה אַ דאַנק דעם, וואָס יענעם פֿרי־מאָרגן פֿון יענעם בייטאָג, ווען אָט די עוולה האָט געזאָלט געשען, האָבן לוזי מאַשבער מיט סרולי גאָל, וועלכע וואָלטן זיכער פֿון איר געווען געליטן, פֿאַר־לאָזט זייער שטיבל, וואָס איז אָקאָרשט פֿונעם אָנגעלאָפֿענעם המון באַלאַגערט געוואָרן, און שטיל, ווען די שטאָט איז נאָך געשלאָפֿן, די טיר נאָך זיך פֿאַרמאַכט.

און דאָ גיבן מיר דאָס אויבן צוגעזאָגטע וואָרט דעם קינפֿטיקן כראָניקער מאירלען, וואָס קומענדיק צו אָט דער שטעל אין זיין באַשרייבונג, הויבט ער אָן פֿייערלעך־געלאַסן און מיט אַ ביבליש־עפּישן טאָן, ווי פֿון ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה״, און זאָגט אַזוי:

...און אַרויסגעגאַנגען זיינען לוזי און סרולי אור ליום... קאַיאָר פֿון דעם און דעם טאָג אין חודש אייר... ווען אויף די גאַסן איז נאָך קיין מענטשן ניט צו זען געווען.

לוזי האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה, איידער ער האָט די שוועל אַריבער־געשפּאַנט, און סרולי האָט דעם קאָפּ אויף אין שטוב אַ קוק צו טאָן אויסגע־קערעוועט, איידער ער האָט געטאָן דאָס זעלבע.

רונד אַרום, אין דריי זייטן, „האָט דער הימל נאָך געטונקלט, און נאָר אין איינער, אין דער מזרח־זייט, האָבן זיך שוין גענומען ווייזן ערשט־בלאַסע געבורט־סימנים פון דער זון, וואָס וועט שפּעטער שפּיגלדיק־רויט און שטראַ־ ליק־הייס דורך דאָרט אַרויסקומען.

די שטאָט איז נאָך אונטער פאַרמאַכטע טיר און לאַדן געשלאָסן. דער גאַסן־שטויב — איינגעלעגערט, און די לופט איבערן קאָפּ — בלוי, מילד און פאַרטאָגיק.

קיינעם האָט מען נאָך דעמאָלט ניט באַגעגנט, מ׳זאָל האָבן וועמען דעם „גוט־מאָרגן" אָפּצוגעבן, אָדער פון וועמען אים צו הערן.

אַז לוזי מיט סרולין זיינען אַדורכגעגאַנגען יענע גאַס, וואָס האָט זיי געבראַכט צום דורכפאָר פון דער אייזנבאַן, וואו די שטאָט לאָזט זיך אויס, און וואו פון איין זייט, רעכטס, האָבן זיי געהאַט פאַר זיך דעם בית־עולם מיט די הויך־אַנצוזעענדיקע לינדן־בוימער און מיט די נידעריקלעכע ניס־ קוסטעס, און פון דער צווייטער זייט, לינקס — אָפענע פלאַך־פעלדער און פליינען, וואָס ציען דאָס אויג אין די מרחקים — איז אויך דאָרט ניט צו זען געווען קיינעם, אויסער זיי צוויי: — לוזין אין אַ זומערדיקן וועג־מאַנטל, ווי פון אַ רייזנדיקן סוחר, און סרולין — אין אַ קאַפּאָטע, ניט אויף די קנעפּ פאַרשפּיליעט — וואָס האָט געטראָגן אויפן רוקן אַ שווערלעכע טאָרבע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען אויסער זיינע אייגענע זאַכן אויך זאַכן פון דעם, וועמענס אויס, וואָס איז געגאַנגען ליידיק.

אַז זיי האָבן אַ שטיק וועג פון שטאָט זיך דערווייטערט, האָט זיך פאַר ביידע באַגלייך צעעפנט אַנאַלצאיינער פרימאָרגן, מיט אַ נאָר וואָס אויפ־ גייענדיקער זון פון אונטערן וויט־ליגנדיקן הימל־ראַנד — אַ ווילד פאַר־ זעעניש, אַ רויט־רונדער געץ, וואָס איז ווי פון ערגעץ אַן אונטערערדישן, גע־ היימניספולן קאַנט אַרויסגעקומען.

יונג־דערוואַכטע פייגל האָבן לכבוד דעם אויפגאַנג פון דער זון זיך ווילד און האַסטיק צעצוויטשערט, מיט געצנדינערישן דאַנק צו איר מונטערנדיקער און שטראַלנדיקער וואַרעמקייט, און כדי זיי מיט ממשות צו באַערן, האָבן זיי גענומען אומשנאַרען, פליען און זוכן דערנערונג צו זייער פייערלעכער סעודה פון אַנהייב־טאָג.

שפּעטער, אַז די זון האָט זיך העכער איבערן משופּעדיקן הימל־געוועלב אַרויפגערוקט, האָבן אונדזערע ביידע גייער שוין דעם ערשטן שווייס דער־ פילט — סרולי פון דער שווערלעכער מאַסע, וואָס האָט אים דעם גאַנג פאַר־ שווערט, און לוזי — אַליין פונעם גאַנג, צו וועלכן ער איז ניט געווען געוואוינט.

נאָך שפּעטער, און נענטער צו האַלבן טאָג, האָבן אונדזערע ביידע צוויי אָנגעטראָפן אויף אַ פעלד־ריטשקע — אַ לעצטער איבערבלייב פון צעלאָזטן

שניי, וואָס זאַמלט זיך פֿרילינג־צייט אין טיף־טאַליקע ערטער און טריקנט ניט אויס ביז שפּעט אום זומער.

דאָרט האָבן זיי זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַפּרו. סרולי האָט די טאָרבע פֿון איבער די אַקסל אַריבערגענומען און זי אויף דער ערד אַוועקגעלייגט, און ביידע, סיי ער, סיי לוזי, האָבן אין דער קלאָרער ריטשקע־וואַסער די הענט געוואַשן, טלית־און־תּפֿילין אַנגעטאָן צום דאַוונען, און נאָכן דאַוונען האָבן זיי ווידער זיך געוואַשן, און סרולי האָט אַרויסגענומען פֿון דער טאָרבע פֿון עסנ־וואַרג, וואָס ער האָט פֿאַרגרייט אין וועג.

אַז זיי האָבן אָפּגערוט, האָבן זיי זיך ווידער אַוועקגעלאָזט, לויט סרוליס אַ פֿון פֿריער באַשטימטן מאַרשרוט, מיטן אָפֿענעם פֿעלד־וועג, ביז זיי זיינען שוין שפּעט נאָך האַלבן טאָג צוגעקומען צו אַ דעמבענעם וועלדל, וואוהין זיי האָבן פֿאַרקערעוועט, און וואו ס׳האָט נאָך געשמעקט מיט קיל־קרעפּטיקער קאָרע און מיט בלעטערוואַרג פֿון פֿאַראַיאָרן, אָבער אויך שוין מיט אַ יונג־וואַרעמענדיקער זון, אין וועלכער ס׳פֿילט זיך דער אָט־אָט אַהערקומענדיקער זומער.

אַ וואונדערלעכע דעמבענע מנוחה האָט דאָרט געהערשט, און נאָך דעם, ווי זיי האָבן געמאַכט אייניקע שפּאַן אינעם שורשענדיקן בלעטער־אָפּפֿאַל נאָך אַן אַ וועג, אַזוי זיינען זיי באַלד אַרויף אויף אַן אויסגעפּאַרענעם דורך פֿויער־שע און באַלעגאַלישע פֿורן, וועלכע לאָזן נאָך זיך סיי ווינטער, סיי זומער טיף־פֿאַרקאַרבטע סימנים.

אַז זיי זיינען אויף אין יענעם וועלדל אַ שטיק וועג אָפּגעגאַנגען, האָט זיך זיי דערפֿילט אַ דאָרף, אַ כוטער, אָדער אַן איינזאַם־שטייענדיקע קרעטשמע ערגעץ ניט ווייט. זיי האָבן דאָס דערפֿילט פֿון אַ טויבלעך־קלינגענדיק מענטש־לעך קול, וואָס לאָזט זיך שוואַך הערן פֿון צווישן בוימער; פֿון אַ היימיש־לעכן רעווע פֿון אַ קו, אָדער פֿון אַ כמורעדיקן קרעכץ פֿון אַ דראָנג איבער אַ קרעניצע, דורך וועלכן מ׳לאָזט אַראָפּ אַן עמער צום וואַסערשעפּן אַ ליידיקן, און דורך וועלכן מ׳ציט אים אַרויף צוריק אַ פֿולן...

און טאַקע: באַלד האָט זיך אין סאַמע מיטן וואַלד, אויף אַ שטיק אָפּגעצ־רוימטן פּלאַץ, אַ קרעטשמע באַוויזן — אַ נידעריק־בלינדלעכע שטוב, מיט אַ צעטריפּעטן שטרויענעם דאַך און אַ שלעכט־אַרומגעגרויזעטן הויף, וואו ס׳האָט זיך געלאָזט זען אַ שטאַל פֿאַר פֿאַרבייפֿאָרנדיקע פּויערשע פֿורן און באַלעגאַלישע בוידן, ווען זיי דאַרפֿן אַמאָל אַ טאָג אָדער אַ נאַכט דאָרט פֿאַרברענגען און איבערזיין.

די קרעטשמע האָט געקערט צו איינעם אַ יידן, יחיאל טריערער מיטן נאָמען, אַ נידעריק־געפּאַקטלעכער פּאַרשוין, מיט עטוואָס קאַליע אויגן, אָבער דאָך מיט זייער אַ גוטער ראיה אויף צו דערזען, ווי זיינס אַ קעלבל וויל פֿאַר־בלאָנדזשען אין וואַלד אָדער פֿאַרגיין אין שאָדן; אַ ייד, וואָס טראָגט אַפֿילו

אום זומער וואַטעווע הויזן, אַריינגעלאָזט אין די שטיוול, און וואָס אָבער זיינע מאכלים און זיין מעד האָבן געהאַט אַזאַ גוטן שם אויף דער סביבה, אַז ווער ס'איז די קרעטשמע ניט פאַרבייגעפאָרן, האָט זיך געמוזט אין איר פאַר־האַלטן...

אין קרעטשמע האָט געשמעקט מיט זויערטייג, מיט פאַרדומפּענער קרע־ניצע־וואַסער און מיט שטוביקע עופות, וואָס לייגן זיך און זיצן אויס יונג־וואַרג אונטערן „פּידפּיל".

און אָט, אין דער קרעטשמע, האָבן זיך לוזי און סרולי יענעם סוף־טאָג, שוין פאַרנאַכט־צו, אַריינגעשטעלט, שוין מיט עטוואָס פאַרבלאָסטע און מיד־פאַרשטויבטע פּנימער פון וועג. און ווען דער קרעטשמער, יחיאל טריערייער, האָט זיי דערזען אַזוינע, האָט ער זיי אַנגענומען נישט פאַר דעם געוויינלעכן מין אורחים, פון וועלכע מ'קאָן עפּעס „האָבן", נאָר פאַר אָרעמע לאַנדגייער, וועלכע שטעלן זיך אָפּ אַריין, פאַרבייגייענדיק, אַמאָל אויף נעכטיקן און אַמאָל אויף אַ טאָג אָפּצורוען.

יחיאל איז גראָד דעמאָלט געווען פאַרנומען אין אַ זייטיק קעמערל ביים איבערלייגן און דורכקוקן פויערשע משכנות, ווי סוויטעס, פּעלצן, וכדומה, וועלכע זיינען געלעגן אָנגעוואַלגערט בערגווייז אין דער פינצטער, און ער האָט דערום די ערשטע מינוט זיך ניט אומגעקוקט אויף די אַריינקומענדיקע, מיינענדיק, אַז דאָס זיינען אַזעלכע, צוליב וועלכע ס'איז זיך ניט כדי צו איילן און די אַרבעט לאָזן...

שפּעטער אָבער, ווען ער האָט אַ מער בעסערן קוק געטאָן אויף די, וואָס האָבן זיין שוועל אַריבערגעשפּאַנט, און האָט דערזען דעם הויכלעכן לוזין אין וועג־מאַנטל, דערנאָך דעם צווייטן, סרולין, מיט דער טאָרבע אויף צוויי אויערן איבערן רוקן פאַרוואָרפן און וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין אַ מין גבאי אָדער באַדינער ביים ערשטן, האָט ער שוין מער אפשיי געקראָגן... ער האָט ניט געוואַרט, מ'זאָל זיך צו אים ווענדן מיט דער געוויינלעכער, אָרע־מאַנישער בקשה, ער זאָל דערלויבן די נאַכט איבערזיין, נאָר פאַרקערט: איידער ער איז דאָס מאָל צוגעטראָטן אָפּצוגעבן לוזין „שלום", ווי דער שטייגער, האָט ער אָפּריער די הענט אין די וואַטעווע הויזן אַ וויש געטאָן פון דרך־ארץ, דערנאָך האָט ער אויך סרולין דעם „שלום־עליכם" אָפּגעשטעקט. ער האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז ניט נאָר ער וועט דאָ דאַרפן האַרעווען און געבן נאַכטלעגער אומזיסט, ווי אַלע מאָל ס'מאַכט זיך מיט אַזעלכע, נאָר אַז אויב ער וועט וועלן, וועט ער אַפילו דאָ קאָנען האָבן רווחים, ווי ביי פאַר־מעגעלעכע.

באַלד האָט סרולי אויף אַ נאָענט־שטייענדיקער באַנק די טאָרבע אַוועק־געלייגט, און ווי נאָר יחיאל דער שענקער האָט נאָכן אָפּגעבן דעם שלום געזאָלט אַ פרעג טאָן: „פון וואַנען גייען, פון וואַנען קומען יידן?" — אַזוי

איז אים סרולי, פון זיין זייט, מיט אן אנדער פראגע פארלאפן: וואס איז ביי אים דא פון עסן, טרינקען פארצולייגן, און צי האט ער פאר בײדע זיי, פאר אים און פאר לוזין, א באזונדער חדר אויף איבערזיין, וויפל זיי וועלן זיך דא פארזאמען.

— ער האט — האט געזאגט יחיאל.

ס׳איז געווען פארנאכט. דורך די קרעטשמעדיקע קליין־פויערשע פענצ־טערלעך האבן שוין לעצט־שוואכע אפשיינען פון דער פארגייענדיקער זון, העט־פאררוקט אונטערן וואלד, אריינדערלאנגט... אן אלט געבראכענע באַ־בעניו, א פויערשע דינסט, איז אנגעקומען פון דרויסן מיט א פאר זיך־הוידענדיקע עמער וואסער אויף א קרום־אויסגעבויגענער קאראמיסלע.

ביידע, סיי לוזי, סיי סרולי, האבן די הענט געוואשן פארן שטעלן זיך דאווענען מנחה־מעריב, מ׳האט אין שענק א קאגיצל אנגעצונדן, ווייל די שיין פון דרויסן האט שוין ניט געקלעקט אפילו קיין מינדסט שטוב־ווינקעלע צו באלויכטן.

דעמאלט האט מען פאר די אנגעקומענע אורחים דעם טיש געגרייט מיט א גראב־לייוונטענעם טישטעך, מיט א גלעזערן זעלצערל, מיט ציינערנע גאפל־לעפל, און מ׳האט דערלאנגט די מאכלים, וואס סרולי האט באשטעלט — שווארץ קארן־ברויט פון אייגן געבעק און מילכיקס פון דער דארפישער ווירטשאפט.

דער באלעבאס האט פריער פונדערווייטנס געקוקט אויף לוזין, ווי ער האט זיך געהאלטן ביים דאווענען, דערנאך ביים עסן, און זיין דרך־ארץ איז געוואקסן... באזונדערס נאך האט זיך זיין אפשיי געשטארקט, ווען ער איז פארן שלאף ארויס אין דרויסן און האט דערזען לוזין פון יענער זייט שלעכט־ארומגעגרויזעטן הויף, א שטארק־פארדמיונטן, מיטן קאפ צום הימל גע־ווענדט... ער האט ניט פארשטאנען, וואס דער מאדנער אורח מיינט צו זוכן און צו געפינען אין א געוויינלעך־דארפישן הימל אויף דער נאכט.

זיין אפשיי האט זיך ניט אויסגענומען אויך אויף מארגן, ווען לוזי האט גאנץ פרי, נאכן דאווענען צוזאמען מיט סרולין זיך וויטער גענומען קלייבן אין וועג. פארקערט: ערשט דעמאלט האט לוזי ביי אים אויסגענומען אזוי פיל, אז איידער ער מיט סרולין האבן באדארפט אוועקגיין און סרולי האט זיך געוואלט צעצאלן פארן עסן און פארן נאכטלעגער, האט יענער, יחיאל, זיך אפגעזאגט פון געצאלטס, פונקט ווי ער וואלט ניט גענומען ביי א באוואוסטן גוטן־ייד, וואס וואלט, פארבייפארנדיק, זיך אפגעשטעלט און געהאלטן ביי אים סטאנציע.

מערער: ער האט פארן געזעגענען זיך געווענדט זיך צו לוזין נאך א ברכה, טאקע ווי צו א גוטן־יידן, אזוי ווי ס׳טוען אלע פארגרעבטע ישוב־ניקעס, בעטנדיק, מ׳זאל זיך מיען, אז די קו זאל זיך בשלום קעלבן, דאס

פערד — ניט פֿאַלן, און אַז די שענקערישע שפּע זאָל זייער שטוב ניט אויסמיידן.

לוזי האָט אים צוגעווינטשעוועט — צוערשט מיט אַ פֿריקרער מינע, דערנאָך אָבער אויך מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל פֿון אַ תּלמיד־חכם, ווען ער האָט פֿאַר זיך אַ מיט מאָך באַוואַקסענעם ישובניק, וואָס גלויבט אין דעם, וואָס מ׳טאָר ניט, פֿון אומויסן.

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט, און דורכן זעלבן וואַלד, דורך וועלכן ער מיט סרולין זיינען אין אים נעכטן אַריין פֿון איין זייט, האָבן זיי זיך איצט געלאָזט אַוועקגיין דורך זיין צווייטער...

אַז זיי זיינען אַ היפּשע פּאָר שעה אין יענעם וואַלד אָפּגעגאַנגען, האָבן זיי דערגרייכט צו זיין ראַנד, וואו זיי האָבן דערזען פֿאַר זיך אַ קליין פֿאַרשלאָפֿן שטעטעלע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון איין גאַס, מיט צוויי שורות הייזער, איינס קעגן איינס, און אַ שטילקייט האָט דאָרט געהערשט, אַ נישט קלענערע פֿון דער, וואָס אין וואַלד, פֿון וועלכן זיי זיינען ערשט אַרויס.

דאָרט האָט לוזין זיך פֿאַרוואָלט לענגער צו פֿאַרבלייבן. מ׳האָט אָפּגעדונגען אַ סטאַנציע, און לוזי האָט אייניקע טאָג אינעם איינציק שטעטלשן בית־מדרש פֿאַרבראַכט — אין דער פֿרי ביים דאַווענען, און נאָכן דאַווענען, ווי זיין שטייגער, טלית אָנגעטאָן — ביים לערנען.

פֿון דאָרט האָט ער, אין אייניקע טעג שפּעטער, זיך געלאָזט איבער יענעם קאַנט, וואָס פֿירט פֿאַרביי די באַוואוסטע שטעטלעך נאָך פֿון דער צייט פֿון כמעלניטשינע, ווי זוויל, קאָרעץ, אַנאַפּאָל, זאַסלאַוו אאַז״וו.

די גאַנצע צייט האָבן לוזין באַגלייט עפּעס אומקלאָרע קלאַנגען, וועלכע האָבן געשטאַמט פֿון דער שטאָט N, און וואָס אייניקע האָבן זיי געטייטשט אים לטובֿה, און אַנדערע — נישט אַזוי... אייניקע, גאָר שטאַרק פֿרומע פֿון יענע שטעטלעך, דורך וואַנען לוזי האָט געהאַט דורכצוגיין, האָבן זיך געהאַלטן פֿון אים פֿון וויטן, זייענדיק אַפֿילו גערן, ער זאָל וואָס גיכער זייער מקום פֿאַרלאָזן, מחמת טאָמער וואָס, טאָמער ווען, טאָמער איז ער טאַקע דאָס, וואָס מ׳זאָגט אויף אים און וואָס איבער דעם האָט ער געמוזט עוקר זיין... אַנדערע אָבער, און דאָס מערסטע, האָבן, קוקנדיק אויף לוזין, ניט געגלויבט די „זאָגטערס“, און פֿאַרזיכערטע אין לוזיס גערעכטקייט, האָבן זיי אַליין געזאָגט, אַז ס׳איז נישט מער, ווי אַז לוזין זיינען עפּעס מינים ספֿקות באַפֿאַלן, וואָס ער דענקט זיי אויסלעבן, ווי אַ גלות־גייער, אין גייערייַ, און וואָס אַלנפֿאַלס האָט עס קיין שום שייכות ניט צו די פֿאַלשע קלאַנגען, וואָס באַלייטן אים.

אַזוי, צי אַזוי, נאָר יענעם זומער האָט זיך אין יענעם גאַנצן קאַנט געפֿילט, אַז עפּעס איינער אַ מין פֿאַרבאָרגענער גייט דאָרט אום, און ווען לוזי פֿלעגט אַריינטרעפֿן אַפֿילו אין אַזוינע ערטער, וואו דער שלעכטער שם, וואָס האָט זיך אים נאָכגעטראָגן, האָט געפֿונען גוט־געניגטע אויערן אים צו הערן,

איז אָבער ווען מ׳פֿלעגט אים דערזען — אים מיט סרולין, וועלכער האָט אים די טאָרבע נאָכגעטראָגן, ווי אַ באַדינער — איז דער דרך־ארץ צו אים אַזוי גרויס געווען, אַז קיינער, אויך פֿון די סאַמע פֿרומסטע, האָט די העזה ניט געהאַט ניט נאָר אים עפּעס אין פּנים אויסצוזאָגן, נאָר אַפֿילו אַ וואָסער ניט איז באַליידיקנדיק וואָרט אונטער די אויגן וועגן אים אַ זאָג טאָן.

אַזאַ חשיבות האָט לוזי דעמאָלט אין זיין אומגייעריי זיך דערוואָרבן ניט נאָר ביי מענטשן פֿון זיין אייגענעם שטאַם, ביי יידן, נאָר אַפֿילו ביי ניט־יידן, וואָס ווען מ׳פֿלעגט זיך מיט אים באַגעגענען, פֿלעגט מען אים דעם וועג אָפּטרעטן, דערנאָך זיך נאָך אויסקערעווען און מיט אַ באַערנדיקן בליק אים באַלייטן.

אַזוי פֿלעגט טרעפֿן, ווען לוזי מיט סרולין פֿלעגן דעמאָלט אין אַ שטאַרק־הייסן זומער־טאָג, אין דער צייט פֿון שניט, למשל, אַ דאָרף פֿאַרבייגיין, ווען אַלע פּויערים געפֿינען זיך אין פֿעלד, און אין די פֿאַרלאָזטע הייזער בלייבן בלויז געציילטע, אַלט־געבראָכענע זקנים, זקנות, און זיי פֿלעגן צו אַ הויף צוקומען און זיך בעטן אַ טרונק — אַזוי פֿלעגט מען זיי באַלד מיט כּבוד אַנטקעגן טראָגן זייער פֿאַרלאַנג, און נאָכן אָפּטרינקען פֿלעגט מען זיי נאָך בעטן צוואוואַרטן, און אַליין פֿלעגט מען זיך אַוועקלאָזן אין אַ סאָד, אַ סעדל פֿון הינטער דער שטוב, און באַלד פֿלעגט מען זיי פֿון דאָרט אַרויסברענגען אַמאָל עפּל, באַרן, נאָר וואָס פֿון בוים, און אַן אַנדערש מאָל זיס־פֿאַרהויכקעטע בלויע פֿלוימלעך אין אַ שיסל, מיט אַן אויסגעמאָלטן האָן אויפֿן דנאָ.

— צו געזונט! — פֿלעגט מען זיי צואווינטשעווען פּויעריש־פֿאַרגינעריש, און דערביי כאַפּן אַ קוק אויף דעם פֿאַרשטויבטן און מידלעך־אויסזעענדיקן לוזין, וועלכער האָט אַרויסגערופֿן ביי די פֿרום־גלויביקע פּויערים דאָס זעלבע ערע־געפֿיל, ווי צו זייערע אייגענע גאָט־בעטנדיקע וואַנדערער, וועלכע גייען אַלעמאָל אום פֿון קלויסטער צו קלויסטער, און פֿון איין הייליק־באַוואוסטן מאָנאַסטיר אין אַנדערן... אַזוי פֿלעגט זיך אויך מאַכן, ווען לוזי מיט סרולין פֿלעגן יענעם זומער אַמאָל פֿאַרנאַכט אָנקומען אין אַ שטעטעלע, וואו זיי האָבן דערהערט, מ׳פּראַוועט אַ חתונה, און ווי דער מנהג איז דעמאָלט געווען, פֿלעגן זיי זיך ווי ביי־דערשינענע אורחים, דאַרפֿן אַריינשטעלן אין חתונה־הויז אָפּצוגעבן מזל־טוב חתן־כּלה און מחותּנים — איז ווען דאָס זאָל ניט געווען זיין, צי פֿאַר דער חופּה, צי נאָך דער חופּה, איז ווי נאָר זיי האָבן זיך אין מיטן גערדיכטן חתונה־טומל באַוויזן, אַזוי פֿלעגט מען זיי גלייך באַמערקן, זיי אַנטקעגן גיין און צום טיש מיט כּיבוד פֿאַרבעטן, און אַלע, סיי די שטאַרק צעפֿלאַמטע מחותּנים, סיי אויך די געסט, וואָס ניט אַזוי פֿאַרטאַראַמט, פֿלעגן אויף אַ ווײַלע אַנטשטילט בלייבן, און קוקנדיק אויף לוזין פֿון אַ זייט, פֿלעגט מען זיך בסוד אַ פֿרעג טאָן איינס ביים צווייטן: ווער איז ער עס, דער ייד? אַ הייזער־גייער?

— חלילה! — פֿלעגט מען באַלד צוריק אָן ענטפֿער באַקומען פֿון אַ מער־ווייסער, וואָס האָט געהערט און האָט געהאַט אַן אָנונג וועגן געפֿרעגטן — ס׳איז דאָך ער, לוזי מאַשבער, וואָס גייט דאָ אום אין קאַנט...

— טאַקע?

אַזוי פֿאַרנאַכט אַמאָל אין אַ שטעטל, און אַזוי אויך, פֿאַרקערט אַמאָל פֿאַרטאָג, ווען זיי פֿלעגן אין אַ פֿריער שעה זיך דאַרפֿן אַרויסלאָזן פֿון דאָרט, און דערהערנדיק שפּילן חתונה, האָבן זיי זיך ווידער צו יענער שטוב גע־לאָזט, כּדי אָפּגעבן דעם ערשטן „גוט מאָרגן” חתן־כּלה און מחותּנים, ווי ס׳פֿירט זיך — איז אויך דעמאָלט, ווען מ׳האָט דערזען לוזין אויף דער שוועל אין וועג־מאַנטל, און סרולין מיט דער טאָרבע, ווי זיין באַדינער, הינטער אים, אַזוי האָט מען זיי מיט גרויס כּבֿוד דעם וועג צו חתן־כּלה פֿריי געמאַכט, און נאָך דעם, ווי אַלע געסט, און אַפֿילו די קלעזמער, האָבן אין מיטן שפּיל און טאַנץ זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי האָט מען זיי געבעטן זיך זעצן צום טיש און עפּעס טועם זיין. אַז זיי פֿלעגן זיך אָפּזאָגן, מחמת זיי מוזן אַוועקגיין, פֿלעגט אַלע מאָל אַ מחותּנתטע, על־כּל־פּנים, בעטן ביי סרולין, ער זאָל די טאָרבע עפֿענען, און זי פֿלעגט אַהין אַריינלייגן פֿון אַלץ, וואָס אויף אַ חתונה איז פֿאַרגרייט פֿון זיסקייט, ווי טאָרט, לעקעך, פֿלאָדן און אויך פֿון אַנדערע מינים, ווי פֿיינקוכן און געבראָטנס, וואָס האָט דערנאָך געקלעקט אויף אַ טאָג און אויף מער פֿאַר אונדזערע אין וועג זיך לאָזנדיקע.

— ווער איז ער עס, אָט דער ייד? — פֿלעגט מען זיך איינס ביים אַנדערן אַ פֿרעג טאָן.

— מ׳ווייסט ניט?... ס׳איז דאָך ער, לוזי מאַשבער, וואָס גייט דאָ אום אין דער אומגעגנט... — און אַזוי זאָגנדיק, האָט מען די אויגן ניט אַוועק־גענומען פֿונעם הויך־שטאַלטנעם לוזין מיט דער ווייס־קורצלעכער באָרד, וואָס מיט זיין אַריינשטעלן זיך אין שטוב איז איר ווי עפּעס אַ שטיק חשיבֿות צוגעקומען, און וואָס אויך נאָך זיין אַוועקגיין, האָט זיך געפֿילט, ווען אַ געווייסער טייל פֿון איר פֿאַרבלייבן.

— — — — — — — — — — — — — —

און שוין, און דאָ נעמען מיר צוריק צו דאָס וואָרט ביי מאַירלען, און וועגן ווייטער־קומענדיקן נעמען מיר זיך אונטער שוין מיט אייגענע מיטלען, און לויטן נוסח, וואָס איז אונדז אייגנטימלעך, צו באַריכטן.

און נאָך אַמאָל שוין, און דערמיט האַלטן מיר פֿאַר פֿאַרענדיקט אונדזער ערשטן בוך.